STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07826

DER SHTUMER BETLER

A. Tanenboym

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער

שטומער בעטלער

א היסטארישער ראמאן

בעארבייטעט פון

א. טאנענבוים

צווייטער באנד

היברו פאבלישינג קאמפאני
50־52 עלדרידזש סטריט, ניו יארק
1924.

דער

שטומער בעטלער

איבערזעצט פון א. טאנענבוים.

פינפטער טהייל.

1טער קאפיטעל.

דיא געהיימע אונטעררעדונג.

דער שטומער בעטלער האט געהאלטען ווארט. פונקט אום צעהן אוהר איז ער געקומען צום גייסטליכען, ביידע האבען זיך איינגעהילט אין לייכטע מאנטלען און זיינען געגאנגען דורך פעלדער און גערטנער, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום גרויסען גארטען פון שלאס באטהיאני.

זיי זיינען אריבערגעגאנגען איבער דעם זעלבען טויער איבער וועלכען ארטהור איז אמאל אריבערגעקראכען. דאן זיינען זיי אריינגעקומען אין הויף. דארט זיינען זיי געבליעבען שטעהן אין א ווינקעלע און האבען זיך צוגעהערט.

עס איז פערגאנגען א גערוימע צייט. אלעס איז געווען שטיל און רוהיג. דאס שלאס איז געווען, וויא אויסגעשטארבען. עס האט זיך אין איהם ניט געריהרט קיין פויגעל.

ענדליך אום האלב נאך עלף אוהר האבען זיי געהערט טריט פון מענשען פאר'ן טויער. זיי האבען זיך צוגעשפארט צו דער וואנד און האבען גע־הערט וויא איינער געהט ארום פאר'ן טויער.

— דאס איז דער פאלשער גראף טארנאסי, האט דער שטומער בעט־לער געזאגט צום גייסטליכען.

עס איז ווידער פערגאנגען א גערוימע צייט. ענדליך האבען זיי גע־הערט, וויא נאך איינער איז צוגעקומען.

— ביסט דוא עס, יאזעף? האט געפרעגט א בעקאנטע שטימע.

— דאס איז דער באראן נאגי, האט דער שטומער בעטלער געזאגט צו דעם גייסטליכען.

— איך בין עס, האט יאזעף געענטפערט, איך ווארט שוין אויף אייך אזוי לאנג.

— דאס מאכט ניט אויס. איך האב מיט דיר צו רעדען פון זעהר וויכ־טיגע זאכען.

— איהר האט עס מיר שוין היינט געזאגט א פאר מאל, האט יאזעף בע־מערקט, איך בין געווארען נייגעריג צו וויסען, וואס איהר ווילט מיר זאגען.

— צו ערשט האבען מיר דאך עפּעס געשעפטען צווישען זיך. דאן האב איך נאך מיט דיר צו רעדען פון אונזער מענשען.

— פון וועלכען?

— פון דעם, וועלכער האט אמאל געוואהנט אין דיעזען שלאָס.

— וואס איז דען מיט איהם? ער איז דאך שון לאנג טויט! האט יאָזעף גע־מרעגט ערשטוינט.

— ער איז ניט טויט. ער לעבט נאך.

— דאס קען ניט זיין! וואס רעדט איהר באראן?

— עס איז אזוי, יאזעף.

— דאס פאלשע געלד האט ניט געהאלפען.

— עס האט געהאלפען. מען האט איהם פערארטהיילט צום טויט. ער איז אבער אנטלאפען.

— אנטלאפען? דאס איז אונמעגליך!

— אלעס איז מעגליך אויף דער וועלט.

— אלזא, וואס זאל א י ך טאהן?

— דוא מוזט איהם אויסגעפינען.

— איך? פאר וואס איך?

— ווייל דוא האסט איהם געמאכט פאר א פערברעכער.

— וויא זאל איך איהם זוכען און וואו זאל איך איהם זוכען?

— דאס וועל איך דיר שוין זאגען, אבער ניט דא אין דרויסען. קום אריין מיט מיר אין שלאס, וועלען מיר רעדען. דא איז ניט דער ארט צו רעדען פון אזעלכע זאכען.

מיט דיעזע ווערטער האט ער געעפענט א טהירעל אין טויער און איז אריינגע־גאנגען אין הויף. יאזעף איז איהם נאכגעגאנגען. נאכי האט או פנעשלאָסען דיא גרויסע טהיר פון שלאָס און האט אריינגעפיהרט זיין בייהעלפער אין שרייב צימער פון באראן באטהיאני. דארט האט ער אנגעצונדען א ליכט, האט זיך געזעצט אויף איין שטוהל און האט געוויעזען זיין בייהעלפער, ער זאל זיך זעצען אויף אנאנדער שטוהל נעגען איהם.

מען דערצעהלט פון'ם פרייסישען קעניג פריעדריך דעם צווייטען, אדער פריעדריך דעם גרויסען, וויא דיא דייטשען רופען איהם, אז אמאל האט ער איינגעלאדען צו זיך אויף א מיטאג דענו בעריהמטען עסטרייכישען גענעראל לוידאן און דעם גרויסען עסט־רייכישען דיפּלאָמאט, פירסט קוניץ.

ווען עס איז געקומען צום זעצען זיך צום טיש, האט קעניג פריעדריך געזאגט צו זיינע געסט.

— איהר, גענעראל, זעצט אייך לעבען מיר. איך האב זעהר ניט ליעב אייך צו זעהן געגען מיר; איהר אבער, פירסט קוניץ, זעצט אייך געגען מיר. ווען איך רעד מיט אייך, מוז איך זעהן אייער געזיכט.

ווען צוויי דיפּלאמאטען, צוויי דורכגעטריעבענע מענשען, רעדען איינער מיט'ן אנדערן, זוכט יעדער צו קוקען דעם אנדערן גלייך אין דיא אויגען.

נאַגי איז געווען אַ גרויסער דיפּלאָמאַט. ער האָט געזעצט זיין בּייהעלפער אין אַזאַ פּאָזיציאָן, ער זאָל איהם שטענדיג קענען קוקען גלייך אין די אויגען.

קוים איז נאַגי מיט יאָזעף׳ן אַריינגעגאַנגען אין שלאָס און האָבען פערמאַכט די טהיר הינטער זיך, האָט דער שטומער בּעטלער געזאָגט צום גייסטליכען:

— יעצט קומט מיט מיר, יעצט וועלען מיר האָבען די בּעסטע געלעגענהייט צו הערען אַלעס, וואָס דיזע שורקען וועלען רעדען.

ער האָט איהם געפיהרט דורכ׳ן קעללער, אויף דעמזעלבּען וועג, וואָס אַרטהור איז מיט איניגע טעג צוריק אַריינגעקומען אין שלאָס. זיי זיינען געגאַנגען שטילערהייט און פאָרזיכטיג, בּיז זיי זיינען אַריינגעקומען אין שלאָס און האָבּען זיך געשטעלט אין שלאָף צימער, וועלכעס איז געווען אָפּגעטהיילט פון׳ם שרייבּ צימער נור דורך אַ גאַנץ דינע וואַנד. דאָ האָבען זיי געקענט הערען אַלעס, וואָס נאַגי האָט גערעדט מיט זיין פריינד און בּייהעלפער.

עס איז פערגאַנגען אַ גערוימע צייט, איידער נאַגי האָט אָנגעהויבּען צו רעדען.

— צוערשט לאָמיר רעדען פון אונזערע געשעפטען, דאַן וועלען מיר רעדען פון בּאַראָן פאָן בּאַטהיאַני, האָט ענדליך נאַגי געזאָגט. — איך האָבּ דיר איבּערגעגעבּען אין בּודאַפּעסט אַ פּעקעל... און דו האָסט זיי אויסגעבּראַכט. דאָס איז שעהן פון דיר. לײדער האָבּ איך אין דער לעצטער צייט אויסגעגעבּען זעהר פיעל געלד. איך דאַרף יעצט ווידער געלד. איך האָבּ בּיי מיר ווידער אַ פּעקעל פון דרייסיג טויזענד גולדען. דו מוזט זעהן זיי אויסגעבּען.

— איהר ווייסט דאָך, אַז איך בּין אַ מייסטער אויסצוגעבּען די בּאַנקנאָטען, וועלכע איהר פאַבּריצירט, האָט יאָזעף געענטפערט. ווען איך קען זיי זיי ניט אויסגעבּען אין עסטרייך, פאָהר איך אַריבּער אין דער טירקיי און צוטהייל זיי צווישען מיינע אַגענטען. אייערע בּאַנקנאָטען לויפען אַרום די טירקיי, די וואַלאַכיי, די מאַלדאַווי, פראַנקרייך און איטאַליען. ווען זיי קומען צוריק קיין עסטרייך, זיינען זיי שוין אַזוי אַלט און אַזוי אויסגעשמיערט, אַז עס איז אונמעגליך זיי צו דערקענען.

— איך קען דיר זעהר גוט, יאָזעף, האָט נאַגי אויסגערופען. דו בּיסט אַ גרויסער מייסטער. יעצט האָבּ איך פערטיג בּיז פופציג טויזענד גולדען. איך דאַרף נעטהיג האָבּען געלד. דו מוזט זעהן, זיי אויסבּריינגען און מיר שאַפען געלד.

ער האָט אַרויסגענומען פון בּוזים קעשינע אַ פּעקעל בּאַנקנאָטען און האָט איהם דערלאַנגט זיין בּייהעלפער.

— זיינען זיי דאָס מאָל בּעסער געמאַכט וויא פריהער? האָט יאָזעף געפרעגט. איך מוז אייך זאָגען, הערר בּאַראָן, אַז פאָריגעס מאָל זיינען זיי געווען ניט גאַנץ גוט. איהר מוזט זיין פאָרזיכטיגער. בּעזאָנדערס מוזט איהר זעהן צו האָבּען בּעסערע פאַרבּען. דאָס איז נאָטהווענדיג. איינִיגע פון אייערע בּאַנקנאָטען, וועלכע איהר האָט מיר געגעבּען אין בּודאַפּעסט זיינען געווען זעהר שלעכט געמאַכט.

— דו אַליין קויפסט דאָך פאַר מיר די פאַרבּען, האָט נאַגי געענטפערט מיט אַ פאָרוואורף.

— איך בּין דאָך אָבּער קיין פאַבּריקאַנט, האָט יאָזעף געענטפערט אין דעם

זעלבען טאָן. ווען איהר זעהט, אז דיא פארב איז שלעכט, מוזט איהר מיר עס זאגען, אדער שרייבען.

מיט דיעזע ווערטער האט ער צוגענומען דאס פעקעלע און האט עס אריינגעשטעקט אין זיינע ברייטע קעשענעס און האט געזאגט לאנגזאם:

— אלזא, העלפט אויף העלפט?

— ניין, א דריטעל, וויא מיר האבען געהאנדעלט ביז אהער, האט נאגי געענטפערט. א דריטעל איז גענוג. דוא פערגעסט, אז איך נעהם אויף מיר אלע אויסגאבען און אלע דייגע רייזע קאָסטען. פון דיא לעצטע דרייסיג טויזענד גולדען, זיינען מיר געבליעבען ניט מעהר, וויא צוועלף טויזענד.

— איהר פערגעסט אבער, וויפיעל אויסגאבען איך האב געמאכט, ווען איך האב אריינגעקריעגען דעם באראָן.

— נון, גוט! דאס מאל וועסט דוא געוויס מאכען נאך מעהר אויסגאבען, ווייל איך האב פאר דיר נאך אנאנדערע ארבייט.

— ווען מען ארבייט, מוז מען האבען געלד, האט יאָזעף געזאגט גאנץ רוהיג.

— איך דענק אין א קורצע צייט צו זיין אין בודאפעסט. וואו וועל איך דיך דארט טרעפען? איך האב דיר שוין געזאגט, אז איך דארף יעצט געלד.

— איך קען אייך געבען אן אנווייזונג אויף מיין מיין אגענט אין אנדריאנאפאל.

— וויא הייסט ער?

— מעהמעד עסעטטי עפפענדי.

— איז ער זיכער?

— גוט, וויא גאָלד.

נאגי האט זיך נאטירט דעם נאמען פון דעם טערק, וועלכער פלעגט אויסגעבען דיא פאלשע עסטעררייכישע באנקנאָטען אין דער טירקיי.

— אלזא, אונזערע געשעפטען זיינען אפגעמאכט, האט ער געזאגט. דוא וועסט שוין זעהן מאכען דערפון געלד און איך וועל אנווייזען אויף דעם טערק אין אנדריאנאפאל. בעסער וואלט געווען, ווען דוא זאלסט קענען מיר שאפען באארעס געלד.

— אין פינף ביז זעקס וואכען קען איך אייך שאפען באארעס געלד.

— יעצט לאמיר רעדען פון באראָן פאן באטהיאני, האט נאגי ווייטער געזאָגט דוא האסט געשפיעלט אין בודאפעסט דיין ראלע זעהר גוט און האסט געבראכט דעם בארא̇ן אויפ'ן עשאפאָט, יעצט מוזט דוא זעהן איהם נאכצושפירען און איהם צו פאנגען.

— וויא אזוי אבער? איך ווייס דאך גאר ניט, וואוהין ער איז אנטלאָפען?

— ער איז געוויס אנטלאפען אין דער טירקיי. דיא טערקישע גרענעץ איז דיא נעהענסטע צו אונז. אין דער טירקיי איז זעהר לייכט זיך צו געבען אנאנדער נאמען. דיא טירקישע פאָליציי איז דיא ערגסטע אויף דער וועלט. דוא וועסט מוזען אליין פאהרען אין דער טירקיי און איהם זוכען. ער וועט זיך געוויס אויפהאלטען אין א גרויסער שטאדט, וואו עס קומען פיעלע פרעמדע מענשען. אין א קליין שטעדטעל קען

מען יעדען און מען האלט יעדען פרעמדען אויפ'ן אויג; אין א גרויסער שטאדט אבער קען מען זיך לייכט בעהאלטען.

אין דער טירקיי זיינען דא ווענינ גרויסע שטעדט. ווען דוא וועסט נור ווע'לען זיך געבען א ביסעל מיה, וועסט דוא איהם שוין אויסגעפינען.

— איך וועל געוויס מיר געבען אלע מעגליכע מיה, איך זאל איהם געפינען. האט יאזעף בעמערקט. עס דארף אבער קאסטען פיעל צייט און פיעל געלד.

— מיר קענען דאך אבער דערבייא מאכען געשעפטען, האט נאני געענטפערט. מיר קענען האפען צוויא האזען מיט אמאל: דוא קענסט דערווייל אויסגעפינען נייע פלעצער, וואו אויסצוגעבען אונזער סחורה און דערבייא זוכען דעם באראן. פון געלד קען צווישען אונז קיין רעדע ניט זיין, דוא וועסט האבען מיט דיר גענוג געלד.

— איהר האט רעכט, הערר באראן! איהר זייט ווירקליך א גרויסער מאן. איך מוז אייך זאגען אין דיא אויגען, אז איהר זייט א מייסטער.

— לויב מיך ניט אזוי, יאזעף, האט נאני אויסגערופען, אהן דיר קען איך גאר ניט טאהן. עס איז וואהר, אז איך האב געמאכט דעם פלאן, וויא אזוי צו פאנגען דעם בארא'ן פאן באטהיאני. דוא אבער דארפסט אויספיהרען דיעזען פלא'. אזוי וויא דוא האסט אויסגעפיהרט מיין פלאן אין בודאפעסט. — לאמיר אבער דערפון ניט רעדען. עס איז יעצט ניט דיא פראגע, ווער פון אונז איז קליגער און געשיקטער. מיר מוזען אפרעדען אלעס און זעהן אויסצופיהרען, וואס מיר ווילען.

— דער בארא'ן פאן באטהיאני מוז שטארבען. קיים וועט ער לעבען, וועט ער גראבען און זוכען, ווער עס האט איהם אונטערגעווארפען דאס פאלשע געלד. ווען ער וועט עס אויסגעפינען, זיינען מיר ביידע פערלארען.

— איך ווייס עס זעהר גוט און איך זאג אייך נאך א מאל, אז איך וועל ניט שפארען קיין מיה אום איהם צו געפינען. איך האב פיעל פריינד און בעקאנטע אין דער טירקיי, וועלכע וועלען מיר העלפען איהם זוכען.

— דוא מוזט איהם קריעגען לעבעדיג אדער טויט, דאס איז ביי מיר גאנץ גלייך.

פלוצלונג האט זיך זיי אויסגעוויעזען, אז מען קראצט עפעס אן דער וואנד. ביידע זיינען אויפגעשפרונגען, וויא דיא אפגעבריהטע.

— וואס זאל דאס זיין? האט יאזעף אויסגערופען, האט איהר גאר ניט געהערט?

— איך האב געהערט עפעס א קראץ אין דער וואנד, האט נאני געענטפערט, איך ווייס אבער, אז אין שלאס איז קיינער ניטא און קיינער קען ניט זיין. איך האלט איהם פערשלאסען, און קיין פוינעל קען ניט אריינקומען.

— איך האב אבער דאך עפעס געהערט.

נאני איז געווארען אונרוהיג עס האט זיך איהם אויסגעוויעזען, אז ער הערט ווירקליך עפעס קראצען און שארען ביי דער וואנד. ער האט זיך דערמאהנט, אז זיין פרוי, דיא גרעפין, האט אויך פערבראכט א נאכט אין דיעזע צימער און דא האט זיא געזעהן ארטהור פאן באטהיאני. אלזא, געפינט זיך דאך אין שלאס א געהיימער גאנג. ער האט זיך אויפגעהויבען און האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען.

— מיר האבען זיך ערשט ניט לאנג איבערצייגט, אז עס זיינען ניטא קיין גייסטער,

האָט ער געזאָגט וויא צו זיך אַליין, ווען עס איז דאָ עפּעס, מוז עס זיין אַ לעבּעדיגער מענש. איך ווייס אָבּער, אַז אין דיזע מױערען קען זיך יעצט קיין לעבּעדיגער מענש ניט געפינען. אַלעס איז פערמאַכט און פערשלאָסען. וויא קען קומען אַהער אַ מענש?

ער האָט גענומען דאָס ליכט און האָט זיך ארומגעקוקט אין אַללע זייטען. — ער האָט קיינעם ניט געזעהן.

— פּיעליוכט געפינען זיך מייז אין שלאָס, האָט יאָזעף בּעמערקט.

דו האָסט רעכט, יאָזעף, אַנדערש קען עס ניט זיין, אַלענספּאַל האָבען מיר שוין אַלעס אָפּגערעדט.

— איך ווייס שוין, וואָס איך האָבּ יעצט צו טאָהן.

— ווען דענקסט דו צו פאָהרען?

— איך דענק צו פאָהרען מאָרגען גאַנץ פריה.

— ניין, יאָזעף, דו מוזט באַלד פאָהרען יעדע מינוט איז טהייער, יעדע סעקונדע איז וויכטיג. דו מוזט אַוועקפאָהרען נאָך היינט ביי נאַכט.

— וויא אַזוי ביסט דו געקומען אַהער?

— בּיז ראָזענוי בּין איך געפאָהרען. פון ראָזענוי בּין איך געגאַנגען צו פוס. איך האָבּ קיין געלד ניט געהאַט.

— איך וועל דיר שיקען אין מיין קאַרעטע בּיז ראָזענוי. דאָרט וועסט דו נעהמען פּאָסט פערד בּיז צו דער טירקישער גרענעץ.

— דאַן וועל איך פאָהרען נאָך היינט ביי נאַכט.

— וואו שטעהסט דו איין, יאָזעף?

— אין גאַסט הויז אין דאָרף טשעמני.

— האָט דיך דאָ קיינער ניט דערקענט?

— איך האָבּ דאָ געזעהן אַ פּאָר מענשען, וועלכע, וויא עס ווייזט מיר אויס, זיינען מיר בּעקאַנט.

— וואָס מאַכט עס אויס? וואָס ווערט דערפון, ווען זיי האָבען דיך דערקענט? וואָס קענען זיי דיר טאָהן? וואָס קענען זיי אונז שאַדען?

— איך בּין זיכער, אַז מען קען אונז גאָר ניט טאָהן. מיר האָבען גע־פיהרט אונזערע געשעפטען אַזוי קלוג און אַזוי פאָרזיכטיג, אַז מיר האָבען פאַר קיין זאַך אין דער וועלט קיין מורא ניט.

— דאַן קענען מיר געהן, האָט נאַגי געזאָגט. מיר האָבען דאָ מעהר ניט וואָס צו טאָהן.

זיי האָבען פערלאָשען דאָס ליכט און זיינען ארויסגעגאַנגען פון שלאָס. אין אַ האַלבּע שטונדע אַרום איז דעם בּאַראָנ׳ס קאַרעטע אַוועקגעפאָהרען אויפ׳ן טראַקט פון ראָזענוי. אין דער קאַרעטע איז געזעסען יאָזעף.

— דו האָסט אַ גרױסען טעות, בּאַראָן נאַגי! האָט געבּרומט יאָזעף אונטער דער נאָז. דו שיקסט מיר זוכען דעם מענשען, וועלכען דו האָסט געבּראַכט אויפ׳ן עשאַפאָט און דו פערשטעהסט גאָר ניט, אַז קוים ווערט מען איהם צוריק בּרענגען,

ביסט דוא א פערלאָר'נער. דיין שטונדע איז ענדליך געקומען. דוא קענסט זיך מעהר ניט האלטען. — איך וועל טאהן, וואס דוא הייסט מיר, ווייל איך מוז עס נאך טאהן. לאנג אבער וועט עס שוין ניט דויערן. עס וועט קומען דער שרעקליכער טאג, ווען אלעס וועט ארויפשווימען, וויא בוימעל אויפ'ן וואסער!

דיא קארעטע האט זיך אוועקגעקייקעלט אין דער שווארצער, פינסטערער נאכט. אלעס איז געוועז שווארץ ארום. שווארץ איז געוועז דיא נאכט; שווארץ זיינען געוועזען דיא פערד, שווארץ איז געוועזען דער קוטשער, שווארץ איז געוועזען דער וועג און שווארץ זיינען געוועזען דיא געדאנקען פון'ם ניעדעריגען מענשען מיט דיא שווארצע האָר.

קוים זיינען נאגי און זיין בייהעלפער ארויסגעגאנגען פון שלאס, האבען דער שטומער בעטלער מיט'ן גייסטליכען פון טשעמני זיך אויפגעהויבען פון זייער ארט און זיינען זיך שטילערהייט ארויסגעגאנגען אויף דעם וועג, וואס זיי זיינען אריינגעקומען.

זיי זיינען געגאנגען שטיל און לאנגזאם דורך דיא פעלדער פון'ם דאָרף. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום גרויסען טראקט, זיינען זיי געבליעבען שטעהן.

— נון, וואס זאגט איהר יעצט, הערר גייסטליכער?

— איך האב צוואר געהערט זעהר פיעל, האט דער גייסטליכער געענטפערט, איך וויים אבער ניט, וואס איך קען מאכען דערפון? אויפטרעטען עפענטליך און פערקלאגען איהם, אז ער מאכט געלד, קען איך ניט. מען וועט פון מיר פארדערן בעווייזע. וואס פאר בעווייזע קען איך דען האבען? זאגען, אז איך האב געהערט פון איהם דאס און דאס, וועט מען מיר ניט גלויבען. איך בין דאך נור אן ארימער גייסטליכער און ער איז א שטאָלצער באראן.

— איהר האט דאך אבער אליין געהערט, אז ער בעשעפטיגט זיך מיט מאכען פאלשעס געלד? האט דער שטומער בעטלער בעמערקט.

— איך האב שוין לאנג א פערדאכט (א חשד) אויף איהם. מיר דאכט, אז ער איז נאך בעטהייליגט אין אנאנדער פערברעכען.

— וואלט איהר וועניגסטענס ניט געקענט ארעסטירען דיעזען פאלשען גראף טארגאסי? האט דער שטומער בעטלער געפרעגט. איהר האט דאך גענוג געהערט פון איהם. איהר ווייסט דאך שוין געוויס, וואס פאר א פויגעל דאס איז.

— אך, מיין פריינד! עס איז ניט אזוי לייכט בייצוקומען א שלעכטען מענשען. ער וויים שטענדיג, וויא זיך צו בעפעסטיגען; ער וויים, וויא אזוי זיך ארומצורינגלען מיט שטיינערנע מויערן, אז מען זאל צו איהם ניט קענען צוקומען. איינגעהמען אזא פעסטונג מיט געוואלט, אין שטורם, וויא מען זאגט אויף דער מיליטערישער שפראכע, איז אונמעגליך. מען מוז עס בעלאגערן. מען מוז זיך געדולדען. מען מוז ווארטען און ווארטען, ביי דער פיינד ווערט אויסגעהונגערט און גיט זיך אונטער.

דיעזעס ביישפיעל איז גאנץ ריכטיג. דער שלעכטער מענש, דער שווינדלער, דער בעטריעגער, איז זעהר פארזיכטיג. ער לאזט ניט אראָפּ קיין אויג פון זיין פיינד און וויים שטענדיג, וויא אזוי זיך צו שיצען געגען איהם. ער זאגט ליגען און ווען ער זעהט, אז מען גלויבט איהם ניט, געפינט ער שוין שפּיצבובען, וועלכע זאלען איהם אונטערשטיצען, וועלכע זאלען שווערן און בעצייגען אלעס, וואס ער זאגט.

ווען איך זאל יעצט פאהרען קיין ראזענוי און זאל בעטען, מען זאל איהם ארעסטירען, וועט ער געוויס געפינען מיטעל זיך אויסצודרעהען. באראן נאגי וועט באלד קומען איהם צו הילף און איך וועל בלייבען אן אומזיסטער נארר.

דיעזער וועג טויג ניט. נעגען א פאלשען מוז מען זיין פאלש! נעגען א שווינדלער מוז מען געברויכען שלויהייט (חיטראָסט) און נעגען א מויער פון ניעדערטרעכטיגקייט און רויב, מוז מען ארויסשטעלען קאנאנען פון פערשטעלען זיך און געדולד.

2טער קאפיטעל.

ביי דער גרענעץ.

לוסטיג האבען זיך געקייקעלט דיא רעדער פון דער קארעטע, אין וועלכער ארטהור איז געזעסען מיט זיין געליעבטער עלווירא. דיא נאכט איז געוועזען דונקעל, אבער שעהן און ווארם.ביידע געליעבטע האבען ניט גערעדט קייןווארט.

ווען דיא קארעטע איז ארויסגעפאהרען פון דארף טשעמני, האט ארטהור געזעהן צוויא מענשען שטעהן אונטער א בוים. זיי האבען אויפגעהויבען דיא הענד און האבען איהם בעגריעסט. עלווירא האט ארויסגענומען איהר טאשען טוך און האט זיי געענטפערט. דאס איז געוועזען איהר אבשיעד פון טשעמני, פון דעם ארט, וואו זיא איז געבארען געווארען און אויפגעוואקסען.

דאן איז דיא קארעטע פערשוואונדען אין דיא דונקעלע נאכט. דער קוטשער האט גוט געקענט דעם וועג צו דער טערקישער גרענעץ. ער איז ניט געפאהרען מיט'ן גרויסען טראקט, זאנדערן אויף זייטען וועגלעך.

עלווירא איז געוועזען אורוהיג. ביים קלענסטען גערויש פלעגט זיא א ציטער טאהן און פלעגט זיך ווארפען צום פענסטער פון דער קארעטע. קוים פלעגט אנהויבען צו רוישען דער ווינד אין דיא ביימער, פלעגט זיא זיך דערשרעקען.

— וואס איז דיר, ליעבע עלווירא? וואס שרעקסט דוא זיך אזוי? איך בין לעבען דיר. פעראייניגט זיינען מיר שטארק. לאמיר האפען, טהייערע עלווירא, אויף דאס בעסטע. — אך, עלווירא! איך ציטער נור פאר איין זאך: דוא זאלסט ניט פערליערן דעם מוטה. דאס איז דאס גרעסטע אונגליק, וואס קען פאסירען א מענשען.

— רעד ניט אזוי, ארטהור! האט עלווירא אויסגערופען, איך האב ניט פערלארען דעם מוטה. איך בין נאך שטארק גענוג אום איבערצוטראגען אלעס, וואס עס וועט מיט אונז פאסירען. מיר איבערלעבען אבער יעצט אזעלכע שטונדען, וועלכע קענען ברעכען דעם מוטה פון'ם שטארקסטען מענשען מיר שוועבען יעצט אין א גרויסער געפאהר און איך וועל אויפאטהעמען פרייער ערשט דאן, ווען מיר וועלען זיך געפינען פון יענער זייט גרענעץ.

ארטהור האט זעהר גוט געוואוסט, אז אין זיין היים האט מען איהם דערקענט; ער האט אבער ניט געקענט וויסען, אז דער ארוואקאט נאוואק האט אנגעמאכט א ליארם אין בודאפעסט און דער וויצע קעניג פון אונגארן האט ארויסגעשיקט צירקולארען צו אלע בעאמטע און צו אלע גוטס בעזיצער, אז מען זאל איהם זוכען.

אלענפאלס האט ער געוואוסט, אז ער דארף זיין זעהר פארזיכטיג. ער האט

דאהער אנגעזאגט דעם קוטשער, ער זאל פאהרען נור ביי נאכט. אין דער פריה זאל ער בלייבען שטעהן ערגעץ אין א דארף, אדער אין פעלד קרעטשע און זאל דארט איבערוואַרטען, ביז עס וועט דונקעל ווערן.

אויף אזא ארט האבען דיא פערד זיך געקענט גוט אויסרוהען און האבען גע־קענט לויפען ביי נאכט שנעלער.

אזוי זיינען פערגאנגען דרייא טעג. קיינער האט זיי ניט געשטערט, קיינער האט זיי ניט בעאונרוהיגט און קיינער האט זיי ניט אויפגעהאלטען.

— גאט זיי דאנק! האט עלווירא אויסגערופען דעם דריטען טאג פאר נאכט, ווען זיי האבען זיך אויפגעזעצט אין דער קארעטע. — איך האף, אז מיר וועלען גליקליך אנקומען, וואוהין מיר ווילען.

— מארגען וועלען מיר צוקומען צו דער גרענעץ, האט ארטהור בעמערקט. דאס איז דער שווערסטער פונקט. איך בין אבער נאך קיין מאל ניט אריבער קיין גרענעץ. איך האב געהערט, אז דיא בעאמטע פון דער גרענעץ זיינען זעהר שטרענג.

— ווען עס געפינען זיך נור אפיציערן און עדעל לייט ביי דער גרענעץ, וועלען מיר זיך אויסדרעהן, האט איהם עלווירא בערוהיגט. איך האף, אז זיי וועלען באלד דערקענען, אז זיי האבען פאר זיך אן עדעל מאן, אן אריסטאקראט, און וועלען אונז ניט מאכען קיינע שוויעריגקייטען. איך האב אויך געהערט, אז מען מאכט שוויעריג־קייטען, אבער נור קויפלייטע אדער בויערן, וועלכע ווילען אריבערגעהן דעם גרענעץ, וויל זיי זיינען מייסטענס שמוגגלער.

— יא, ליעבע עלווירא, דאס איז דאס איינציגע שלעכטע, וואס איך בין קיין מאל ניט געווען ביי קיין גרענעץ און וויים ניט, וויא אזוי עס געהט דארט צו. לאמיר אבער האפען, אז עס וועט אונז געלינגען אריבערצוגעהן דיא גרענעץ.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה זיינען זיי אנגעקומען אין דאוף מלאווי לעבען דער טירקישער גרענעץ.

ארטהור איז געווארען ערנסט, ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון דער קארעטע. עס איז ענדליך געקומען דיא וויכטיגסטע מינוט פון זיין לעבען. יעצט מוז עס זיך ענטשיידען, אויב ער איז גערעטעט פון זיינע פיינד.

— זעה, עלווירא, האט ער אויסגערופען, דארט זעהט מען דיא בערג און דיא בוימער פון אנאנדער לאנד. דארט זיינען מיר פריי, דארט זיינען מיר מענשען גלייך מיט אלעמען. מיר דארפען נור אריבער געהן דאס קליינע טייכעל און מיר זיינען שוין פריי. — מוטה, אלוא, ליעבע עלווירא! פאס מוטה! זיי בעהערצט! מיר וועלען אריבערגעהן דיא גרענעץ און וועלען לעבען גליקליך.

— וועלען דיא בעאמטע פון דער טירקיי אונז ניט ארויסגעבען, ווען דיא עסטערייכישע רעגיערונג זאל עס פארדערן?

— זיי וועלען אונז ארויסגעבען, האט ארטהור געענטפערט, א טירקישען בע־אמטען איז אבער זעהר לייכט אונטערצוקויפען. אויסער דעם איז אין דער טירקיי נאך ניט איינגעפיהרט דאס פאספארט סיסטעם. ווען מען געהט נור אנגעטאהן, וויא א טערק, קען מען זיך זעהר לייכט אויסגעבען פאר א טירקישען אונטערטאהן. מיר

װעלען מוזען זיך אנטאהן טירקישע קלײדער, װען מיר װעלען נור אריבערקומען דעם גרענעץ.

— איך דענק, אז עס װאלט גלײך געװען, מיר זאלען זיך דא אנטאהן װיא טערקין און זאלען זאגען, אז מיר קומען פון דער טירקײ.

— דא געהט עס ניט, עלװירא. דיא אײנװאהנער פון דער גרענעץ קענען זעהר גוט אלע טירקישע קױפלײטע, װעלכע קומען אריבער פון אונגארן.

ער האט בעצאהלט דעם קוטשער, װיא פיעל קארל האט מיט איהם אפגערעדט און האט איהם נאך געשענקט עטליכע גולדען אלס טרינק געלד. דאן איז ער מיט עלװירא'ן ארײנגעגאנגען אין קרעטשמע עפעס עסען און זיך אויסרוהען. ער װאלט שוין געגאנגען צו דער גרענעץ װאכע; מען האט איהם אבער געזאגט, אז עס איז נאך צו פריה. דיא גרענעץ עפענט זיך ערשט אום צעהן אוהר.

אין קרעטשמע האט געװאהנט א אידעל, א שמוגלער. װען ער האט דערזעהן דיא צװײ רײזענדע, האט ער באלד פערשטאנען, אז זײ דארפען אריבער דיא גרענעץ. ער האט פראבירט רעדען מיט ארטהור'ן און איהם אויספרעגען, װאוהין ער פאהרט און װאס ער דארף. דער שטאלצער באראן אבער האט איהם געענטפערט אזוי קאלט אז דאס אידעל האט מורא געהאט מעהר מיט איהם צו רעדען.

ארטהור האט געהײסען דעם אידען איהם מאכען טהעע און געבען עפעס א פריה־שטיק. ער האט ריכטיג בערעכענט, אז ביז זײ װעלען אפעסען דעם פריהשטיק, װעט שוין דיא גרענעץ זײן אפען.

דער פריהשטיק איז באלד פערטיג געװארען און ארטהור האט זיך געזעצט עסען מיט עלװירא'ן. בײדע זײנען אבער געװען אזוי בעשעפטיגט מיט זײערע געדאנקען, אז זײ האבען ניט געקענט עסען.

— װיא װײט איז פון דאנען צו דער גרענעץ? האט ארטהור געפרעגט דעם אידען פון דער קרעטשמע.

— א האלבע מײל, האט דער איד געענטפערט. עס איז א גלײכער װעג, מען קען זיך ניט פעראירדען (פערבלאנזעט װער,).

ארטהור האט זיך איבערלעגט, אז עס איז גלײכער, זײ זאלען זיך לאנגזאם צו־געהן צו דער גרענעץ. ביז זײ װעלען צוקומען, װעט שוין דיא גרענעץ זײן אפען.

ער מיט עלװירא'ן זײנען ארויסגעגאנגען פון דער קרעטשמע און זײנען לאנגזאם געגאנגען אויפ'ן גרויסען טראקט צו דער גרענעץ.

װער עס איז דאס ערשטע מאל אריבער דיא גרענעץ פון'ם לאנד, װאו ער איז געבארען געװארען, בעזאנדערס װען ער האט געמוזט אריבערגעהן דיעזע גרענעץ, דער װעט פערשטעהן, װאס ארטהור מיט עלװירא'ן האבען געפיהלט, װען זײ זײנען געגאנגען אויפ'ן לעצטען שטיקעל לאנד, װעלכעס געהערט נאך צו זײער פאטערלאנד.

עלװירא האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זײטען. זיא האט אבשיעד גענומען פון יעדען בױמעלע, פון יעדען בערגעלע פון איהר פאטערלאנד. זיא האט זעהר גוט געװאוסט, אז זיא איז יעצט גאנץ װײט פון דעם ארט, װאו זיא איז געבארען געװארען; דענאך האט זיא געפיהלט, אז יעצט איז זיא נאך אין דערהײם. שפעטער װעט זיא

זיין אין אַ פרעמד לאנד. וואו עס הערשט אַנאנדערע שפּראכע און אַנדערע זיטען (מנהגים); וואו עס לעבען אַנדערע מענשען, מיט אַנדערע געדאנקען און מיט אַנדערע געפיהלע.

אלע לענדער זיינען גלייך און אַלע מענשען זיינען גלייך. דאך האט יעדער מענש אַנאנדער געזיכט און זעלטען, זעהר זעלטען טרעפען זיך צוויי מענשען, וועלכע זאלען זיין ענליך איינער צום אַנדערן. דאס זעלבע איז מיט לענדער. דיא ערד איז איינס, אלע לענדער זיינען גלייך און דאך איז איין לאנד פערשיעדען פון'ם אנדערן.

ווען מען איז געבארען אין א לאנד, ווען מען איז אויפגעוואקסען און ערצויגען געווארען אין א לאנד, ווערט אונז דאס לאנד ליעב אויס געוואהנהייט. אלעס איז אונז ליעב אין דיעזעם לאנד, אלעס איז אונז אנגענעהם, אלעס איז גוט און אלעס געפעלט אונז. מיר אורטהיילען ניט, פאר וואס עס איז גוט. מיר זיינען איבערציינט, אז עס איז גוט, ווייל מיר זיינען דערמיט געוואהנט.

דער מענש איז א קנעכט פון דער געוואהנהייט. ווען ער ווערט געוואהנט צו רויכען טאבאק אדער צו טרינקען שנאפּס, מוז ער עס האבען. עס העלפט ניט, וואס מען ערקלערט איהם, אז טאבאק אדער שנאפּס שאדען דער געזונדהייט. דער מענש איז געוואהנט דערצו און קען זיך ניט אפּרייסען.

דער סאַמאָיעד און דער עסקימאָסע קען ניט לעבען אין פּאריז אדער ניו יאָרק. ער געפינט, אז אין זיין קאלטער היים, וואו ער שלאפט צוזאמען מיט זיינע הינט אין א שטיבעלע פון שנעע, איז פיעל בעסער און פיעל אנגענעהמער צו לעבען, ווי אין דיא פּאלאצען פון פּאריז.

עמיגראנטען אין ווייטע לענדער האלטען זעלטען אויס מעהר, וויא צעהן—פופ־צעהן יאהר. דיא עלטערע עמיגראנטען שטארבען געוועהנליך אויס אין דיא ערשטע צעהן — פופצעהן יאהר און ערשט דיא קינדער, וועלכע זיינען געבארען געווארען אין דעם נייעם לאנד, אדער וועלכע זיינען געקומען גאנץ יונג אין נייעם לאנד, געוועהנען זיך צום נייעם לאנד און האלטען עס אויס.

עס איז בעוויעזען, אז אין אמעריקא וואלטען יעצט געדארפט זיין פיעל מעהר איינוואהנער, וויא פיעל עס זיינען יעצט דא. ווען אלע עמיגראנטען, וועלכע קומען קיין אמעריקא, זאלען לעבען אזוי לאנג, וויא פיעל זיי וואלטען געקענט לעבען אין דערהיים, וואלט אין אמעריקא געדארפט זיין צווייא מאל אזוי פיעל איינוואהנער, וויא פיעל עס זיינען יעצט דאָ. דיא עמיגראנטען לעבען אבער ניט לאנג אין אמעריקא. זיי האבען דאָ ווענינער קינדער, וויא אין זייער היים. ערשט דער דריטער און פיערטער דור ווערט אין גאנצען צוגעוואהנט — אקלימאטיזירט צום לאנד.

דאס איז געוואהנהייט. מיר ווערן אזוי געוואהנט צום לאנד, אין וועלכען מיר זיינען געבארען געווארען, אז עס ווערט אונז ווירקליך שווער זיך צו שיידען פון איהם. מען דערצעהלט, אז ארעסטאנטען, וועלכע זיינען אוועקגעזעסען פיעלע יאהרען אין א געפענגניס, ווערן דאן אזוי צוגעוואהנט צו זייער געפענגניס, אז זיי ווילען שוין גאר ניט ארויסגעהן פון איהר.

עלווירא האט זיך ארומגעקוקט מיט טרויער און שמערצען, ווען זיא האט דערזעהן,

אז דאס לאנד, וואו זיא איז געבארען געווארען און אויפגעוואקסען געווארען, פערשווינ-דעט אלץ מעהר און מעהר.

— לעבע וואהל, מיין ליעבעס פאטערלאנד! האט זיא ענדליך אויסגערופען מיט טרערין אין דיא אויגען, איך וועל דיך שוין קיין מאל ניט וויעדערזעהן. אך! וויא וועל איך לעבען אין יענעם מיר נאך גאנץ אונבעקאנטעם לאנד? וואס ערווארטעט מיך דארט?

— שווייג, עלווירא! דוא מאכסט מיך טרויעריג, האט ארטהור געבעטען, וואס וועט ווערן פון דיינע קלאגען און פון דיינע רעדען?

עלווירא האט געווינט שטילערהייט.

זיי זיינען ווייטער געגאנגען און זיינען באלד צוגעקומען צו א גרויס הויז. לעבען הויז איז געווען א שלאג־בוים (ראגאטקא) מיט דיא פארבען פון עסטרייך, געל און שווארץ. ארום הויז זיינען געשטאנען סאלדאטען. דאס איז געווען דיא גרענעץ צווישען עסטרייך און דיא טירקיי. מען האט געמוזט דורכגעהן און דורכפאהרען דורך דאס צאללאמט.

ארטהור מיט עלוויראן זיינען אריינגעגאנגען אין צאללאמט. דארט איז געזעסען אן אלטער אפיציער, דער איינגעהמער, דער קאמאנדאנט פון דעם צאללאמט. ארטהור מיט עלוויראן זיינען נאך קיין מאל ניט געווען ביי קיין גרענעץ און האבען ניט געוואוסט, וויא אזוי מען געהט אריבער א גרענעץ.

— וואוהין פאהרט איהר, מיין הערר? האט דער אפיציער געפרעגט ארטהורן גאנץ העפליך.

— איך פאהר קיין קאנסטאנטינאפאל.

— און דיעזע דאמע?

— פאהרט מיט מיר.

— צו וואס פאהרט איהר קיין קאנסטאנטינאפאל?

— איך האב דארט געשעפטען.

— אזוי? זייט איהר א קויפמאן?

— איך בין קיין קויפמאן, האט ארטהור געענטפערט און איז רויט געווארען.

— צו וואס אלזא פאהרט איהר קיין קאנסטאנטינאפאל?

— אין פריוואט אנגעלעגענהייטען.

— איהר האט ביי זיך געוויס א פאספארט?

— ניין, מיין הערר.

— דאן, קען איך אייך ניט דורכלאזען, האט דער אפיציער געענטפערט רוהיג.

עלווירא איז געווארען בלייך, וויא קאלך. ארטהור אבער האט זיך געמאכט הערץ און האט געזאגט צום אפיציער:

— מיין הערר, איך בין א אונגארישער באראן, איך בין שוין אויסגעפאהרען גאנץ אונגארן און קיינער האט מיך ניט געפרעגט אויף א פאספארט. איך האב פערגעסען צו נעהמען א פאספארט ביי זיך אין דערהיים, ווייל איך האב עס ניט גע-האלטען פאר נעטהיג.

— דאס קען זיין. איך קען עס אייך גלויבען, האט דער אפיציער געענטפערט גלייכגילטיג, איך קען אייך אבער דאך ניט דורכלאזען. איהר מוזט בלייבען דא, ביז איך וועל שרייבען צו אייך אהיים און וועל בעקומען אייער פאספארט.

— דאס איז שרעקליך! האט ארטהור אויסגערופען, פאר וואס זאל מען עס אויפהאלטען רייזענדע און ... מאכען שוויעריגקייטען וועגען א פאספארט?

— עס טהוט מיר זעהר לייד, וואס איך קען אייך ניט ענטפערן אויף אייערע פראגען. איך האב א בעפעהל, איך זאל ניט אריבערלאזען דיא גרענעץ קיינעם, ווער עס האט קיין פאספארט ניט. איך מוז טאהן, וואס מען הייסט מיר.

— אלזא, קענט איהר אונז ניט דורכלאזען?

— אויף קיין פאל! איהר מוזט בלייבען דא, ביז איהר וועט מיר ברענגען א פאספארט, אדער ביז וואנען איך וועל שרייבען צו אייך אהיים און מען וועט מיר צושיקען אייער פאספארט.

— איהר וועט שרייבען צו מיר אהיים? האט ארטהור אויסגערופען מיט שרעק.

— געוויס, מיין הערר. ווען איינער וויל אריבערגעהן דיא גרענעץ אהן א פאספארט, קען ער געוויס ניט בלייבען אין דערהיים. מיר מוזען זיך דאהער איבערצייגען, וואס מיט איהם איז.

דיעזע נאכריכט האט ארטהור׳ן גאר דערשלאגען. ער האט דערזעהן, אז ער איז דא זעהר שלעכט איינגעפאלען. ער האט פראבירט נאך א מאל זיך בערופען אויף זיין טיטול אלס אונגארישער מאגנאט.

— בעדענקען זיא, מיין הערר, אז איך בין אונגארישער מאגנאט, האט ער אויסגערופען, מיך דארף מען בעהאנדלען גאנץ אנדערש, וויא מען בעהאנדעלט א האנדווערקער אדער א קויפמאן.

— איך ווייס עס זעהר גוט, מיין הערר. וויא הייסט איהר דען?

ארטהור האט זיך פערטראכט. איהם איז געווען זעהר אונאייגענעהם צו זאגען, וויא ער הייסט. עס איז איהם שלעכט געווען צו זאגען א ליגען, וויייל מען קען עס דאך באלד אויסגעפינען. ער האט זיך דאהער בעשלאסען בעסער צו זאגען דיא וואהרהייט.

— איך הייס ארטהור, בעראן פאן באטהיאני, האט ער געזאגט לאנגזאם.

ער האט געוואוסט, אז דער נאמען באטהיאני איז זעהר גוט בעקאנט אין אונגארן. פיעלע ווייסען, אז דיא פאמיליע באטהיאני איז איינע פון דיא עלטסטע און בעריהמטסטע אין אונגארן און ער האט גערעכענט, אז דער אפיציער וועט זיך דערשרעקען פאר דיעזען נאמען.

עלווירא איז געווארען בלייך און דערשראקען, ווען זיא האט געהערט, אז ארטהור האט געזאגט, וויא ער הייסט. זיא האט גערעכענט, אז קוים וועט מען ארויסזאגען דאסווארט ארטהור פאן באטהיאני, וועט מען זיי באלד הייסען שמידען אין קייטען.

דער אפיציער פון דער גרענעץ האט ווירקליך געווארפען אויף ארטהור׳ן א שטרענג... פאר שנעלען בליק און האט געזאגט מיט א זאנדערבארען שמייכעל:

— איך האב געלעזען אין דיא צייטונגען, אז א בעראן פאן באטהיאני האט מען פעראורטהיילט צום טויט, דערפאר וואס ער האט געמאכט פאלש געלד.

ארטהור און עלווירא זיינען געשטאנען, וויא אויף גליהענדע קוילען. ווען דיא ערד זאל זיך געווען עפענען אונטער זייערע פיס, וואלטען זיי בעסער אריין אין דער ערד, אלס צו הערן דיא טרויעריגע געשיכטע פון זיין לעבען. ארטהור האט זעהר גוט געזעהן, אז דער אפיציער לאזט פון איהם קיין אויג ניט אראפ. ער מוז אלזא ווייזען, אז ניט איהם מיינט מען עס. ער האט געפאסט מוטה און האט געזאגט:

— עס קען זיין, אז מען האט א באראן פאן באטהיאני פעראורטהיילט צום טויט, איך קען אייך אבער פערזיכערן, מיין הערר, אז א באטהיאני איז קיין מאל קיין פערברעכער ניט געווען.

— אז איהר זייט ניט דער פעראורטהיילטער, קען איך מיר לייכט דענקען, האט דער אפיציער געזאגט וויא צו זיך אליין. יענעם האט מען דאך אויפגעהאנגען. אלענ-פאלס, אזוי וויא איהר הייסט א נאמען, וועלכער איז שוין פארגעקומען אין א געריכט, וויל איך אייך שטעלען נאך א פאר פראגען.

ארטהור האט זיך אביסעל פערוהיגט און האט געענטפערט קאלטבלוטיג:

— פרעגט מיך מיין הערר, איך וועל אייך געוויס אנטוואָרטען.

— ווער איז דיעזע דאמע?

— מיין פרוי, עלווירא פאן באטהיאני.

— וויא איז איהר מעדכען נאמען? וויא האט זיא געהייסען, איידער איהר האט זיא געהייראטהעט?

— עלווירא פאן מעראס, האט ארטהור געענטפערט שנעלערהייט.

— פאן מעראס? האט דער אפיציער איבערגעפרעגט, דער ערצבישאף פון אונ-גארן הייסט דאך גראף מעראס?

— זיא איז זיין ניכטע (פלעמיאניצא).

— אזוי? האב איך דיא עהרע צו זעהן פאר מיר דיא ניכטע פון גראף מעראס?

— יא, מיין הערר.

— פון וואנען קומט איהר?

— מיר קומען פון בודאפעסט.

— קומט איהר דירעקט פון בודאפעסט?

— יא, מיין הערר.

— האט איהר זיך אויפ'ן וועג אין ערגעץ ניט אפגעשטעלט?

— ניין, מיין הערר.

— דאן מוז איך שרייבען קיין בודאפעסט, מען זאל אייך ארויסשיקען א פאס-פארט. ווען דער פאספארט וועט אנקומען, וועט איהר קענען אריבערגעהן דיא גרענעץ.

ארטהור'ן איז פינסטער געווארען אין דיא אויגען. ווען דער אפיציער וועט ווירק-ליך שרייבען קיין בודאפעסט, איז ער פערלארען.

— קען איך אליין ניט שרייבען קיין בודאפעסט נאך א פאספארט? האט ער געפרעגט.

— אה, יא! דאס קענט איהר, האט דער אפיציער געענטפערט, איך קען אייך ניט אריבערלאזען דיא גרענעץ, איך האב אבער קיין רעכט אייך צו ארעסטירען.

— האב איך דאס רעכט צוריק צו פאהרען? האט ארטהור געפרעגט.

— געוויס, מיין הערר, איהר מעגט טאהן, וואס איהר ווילט, נור ניט אריבער־געהן די גרענעץ.

— דאן אדיע, מיין הערר!

דער אפיציער האט זיך גאנץ העפליך פערנייגט און ארטהור מיט עלוויראן זיינען ארויס־געגאנגען פון צאלל אמט.

ערשט אין דרויסען, ווען זיי זיינען ווידער געווען אויפ'ן פרייען פעלד, האבען זיי אויפגעאטהעמט פרייער. זיי זיינען אוועקגעלאפען עטליכע הונדערט שריט פון צאלל אמט און האבען זיך אניעדערגעזעצט אויף א בערגעל.

— אך, ארטהור! ארימער ארטהור! האט עלווירא געזיפצט, דאס שיקזאל פערפאלגט דיך אויף טריט און שריט.

— יא, עלווירא! איך זעה יעצט איין, אז עס איז אומזיסט צו קעמפפען געגען דאס אונמגליכע און איך בעדויער זעהר, וואס איך האב דיך מיטגענומען מיט מיר. איך אלס מאן מוז אלעס איבערטראגען, דוא אבער אלס פרוי וועסט ניט קענען איבער־טראגען אזוי פיעל ליידען. צו וואס האב איך דיך מיטגענומען? ווען דאס שיקזאל פערפאלגט א מענשען, דארף ער בלייבען אליין און ניט מיטשלעפען מיט זיך פריינדע און אנפערוואנדטע. ליידען מוז מען אליין, פריידען מוז מען טהיילען מיט אנדערע. צו וואס האב איך דיך מיטגענומען?

— רעד ניט אזוי, ארטהור! האט עלווירא אויסגערופען, ערשט אין דער נויטה, דארף מען האבען א פריינד; אין ליידען מוז מען האבען איינעם, ווער זאל זיי מיט אונז מיטפיהלען. ווען דער שטארקער מאן פערצווייפעלט, בייגט איין דעם קאפ פאר'ן שיקזאל און זאגט: שלאג, וויא פיעל דוא ווילסט! דאן מוז די פרוי איהם טרייסטען, איהם ערמוטהיגען און איהם מאכען הערץ, ער זאל קעמפפען און זאל זיך ניט אונטער־געבען אזוי לייכט. שטאלץ מוז זיין דער מאן! ער מוז ליידען און קעמפפען ביז צו לעצט! די פרוי דארף שטעהן לעבען איהם און איהם העלפען און שטיצען. ניט פערצווייפלען, ארטהור! — לאמיר בעסער רעדען, וואס מיר האבען צו טאהן.

אריבערגעהן די גרענעץ אויפ'ן גלייכען וועג איז אונמעגליך, האט ארטהור גע־זאגט, צוריקפאהרען קיין אונגארן קענען מיר ניט.

און בלייבען דא זיצען אויפ'ן בערגעל צווישען אונגארן און דער טירקיי קענען מיר אויך ניט, האט עלווירא בעמערקט.

— גאנץ ריכטיג. ווען מען קען ניט געהן אויפ'ן גלייכען וועג, מוז מען געהן אויף א קרומען. ווען די וועכטער פון די גרענעץ ווילען אונז ניט אריבערלאזען, מוזען מיר עס מאכען, וויא די שמוגלער: מיר מוזען אריבערגעהן די גרענעץ אהן זייער ערלויבניס. מיר מוזען זוכען א שמוגלער, וועלכער זאל אונז אריבערפיהרען די גרענעץ. איך האב געהערט, אז אזעלכע זאכען קומען אפט פאר.

— דאן לאמיר זיך איילען, ארטהור! לאמיר ניט פערליערן קיין צייט! לאמיר צו־קגעהן אין דארף מלאווע און לאמיר זוכען א שמוגלער, וועלכער זאל אונז אריבער־פיהרען די גרענעץ.

— מיר דאכט, אז דער ווירטה פון דער קרעטשמע, וואו מיר זיינען אפגעשטי־
גען, וועט אונז קענען פערזארגען מיט א מענשען, וועלכער זאל אונז אריבערפיהרען דיא
גרענעץ.

זיי האבען זיך אויפגעהויבען און זיינען האסטיג געגאנגען צוריק צו דער קרעטשמע.

— וויא איך זעה, זוכט מיר דיא פאליציי נאך ניט, האט ארטהור בעמערקט.
ווען דיא פאליציי פון בודאפעסט זאל מיך זוכען, וואלט דער אפיציער פון דער גרענעץ
שוין געהאט א צושריפט, אז ער זאל מיך ארעסטירען. ער וואלט מיך ניט אפגעלאזען
אזוי לייכט.

זיי זיינען באלד אנגעקומען אין קרעטשמע און האבען געהייסען זיך געבען א
בעזונדער צימער. דער ווירטה האט זיי אפגעגעבען א צימער.

ארטהור האט געלאזען עלוויראן אין צימער און ער איז צוגעגאנגען צום ווירטה.

— מיין הערר, איך האב מיט אייך עפעס צו רעדען, האט ער איהם געזאגט.

דאס דורכגעטריעבענע אידעל האט זיך פערנייגט ביז דער ערד און האט גע־
פרעגט:

— מיט וואס קען איך אייך דיענען, הערר מאגנאט?

— איך דארף פאהרען אין דער טערקיי און האב פערגעסען אין דער היים מיין
פאספארט, האט ארטהור געענטפערט. דער אפיציער פון דער גרענעץ לאזט מיך
ניט אריבער. איך וואלט איינעם גאנץ גוט בעצאהלט, ווען ער זאל זיך אונטערנעה־
מען מיך אריבערצושטעלען דיא גרענעץ.

— ווען איהר דארפט אריבער דיא גרענעץ, דיא זשאנדארמען זאלען עס ניט
וויסען, קען איך עס אייך בעזארגען. איך האב מענשען, וועלכע בעזארגען דיעזעס
געשעפט זעהר גוט.

— וועלען מיר אבער זיכער זיין מיט אייערע מענשען?

— געוויס, מיין הערר, דער שולץ (סטאראסטא) פון׳ם דארף איז אויך מיט אונז.
מען לעגט איין דאס געלד ביי איהם. ער נעהמט א שטיקעל פאפיער און צושערט עס
קרום און אויסגעשניטען אויף צוויא העלפט. איין העלפט בלייבט ליגען ביי איהם
און דיא אנדערע העלפט נעהמט מיט דער פאסאזשיר, וועלכער געהט אריבער דיא
גרענעץ. ווען ער קומט אריבער פון יענער זייט גליקליך, גיט ער אפ דאס שטיקעל
פאפיער דעם מענשען, וועלכער האט איהם אריבערגעשטעלט. דאן קען ער בעקומען
זיין געלד.

— דאס איז זעהר שעהן, האט ארטהור בעמערקט, זייט איהר אבער זיכער, אז
דיא זשאנדארמען וועלען אונז ניט חאפען?

— גאנץ זיכער בין איך ניט, האט דער ווירטה פון דער קרעטשמע געענטפערט,
ביז אהער האבען מיר געהאט א גוטען קאמענדאנט, וועלכער פלעגט אליין מיט אונז
מאכען געשעפטע. יעצט איז אריבערגעקומען א נייער, וועלכער איז זעהר שטרענג.
ער טרייבט און יאגט זיינע זשאנדארמען, זיי זאלען גוט בעוואכען דיא גרענעץ. דענאך
געפינען מיר מיטעל, וויא אזוי איהם אפצונארען. מיר וויסען זעהר גוט, ווען דיא
וואכען בייטען זיך, מיר קענען געהיימע וועגען צווישען דיא געדיכטע ביימעלעך, וועלכע

וואקסען פוןביידע זייטען טייך און מיר געפינען שוין דיא צייט, ווען מיר קענען אריבער־געהן דיא גרענעץ.

— אלזא, דענקט איהר, אז עס וועט אונז לייכט געלינגען אריבערצוגעהן דיא גרענעץ?

היינט ביי נאכט אום צעהן אוהר וועט איהר ארויסגעהן פון מיין שטוב. צוויא מענשען וועלען אייך בעגלייטען. זיי וועלען אייך אריבערטראָגען איבערן טייך אויף דיא פלייצעס. איך האף, אז עס וועט זיי געלינגען אייך זיכער אריבערצופיהרען.

ארטהור האט זיך בעדונגען מיט איהם און האט איהם צוגעזאגט צו געבען צוויי מאל אזוי פיעל, וויא פיעל ער האט פערלאנגט. דאן איז ער געגאַנגען צום שולץ און האט ביי איהם איינגעלעגט דאס געלד.

ווען אלעס איז געווען אפגערעדט און אפגעטאהן, האט ארטהור ארויסגערופען עלוויראַ'ן אין גאָרטען הינטער דער קרעטשמע און האט איהר דערצעהלט אלעס, וואס ער האט אפגעטאהן.

— איך בין בערייט צו געהן מיט דיר אין דער גרעסטער געפאהר, האט עלווירא געזאגט. איך האף, אז מיר וועלען גליקליך איבערקומען דיעזע געפאהר.

פלוצלונג האבען זיי דערהערט א ליארם אין דרויסען און דער ווירטה איז אריינגעלאָפען אהן אן אטהעם און האט געשריען:

— אנטלויפט! ווען דאס לעבען איז אייך ליעב!

מיר מוזען דערצעהלען, וואס עס איז פארגעקומען אין צאלל אמט נאך דעם, וויא ארטהור מיט עלוויראַ'ן זיינען ארויסגעגאנגען פון דאָרטען.

אום צוועלף אוהר האט דער קאמענדאנט ערהאלטען א גרויסען אמטליכען בריעף מיט א גרויסען גרינעם זיעגעל, אין וועלכען עס איז געווען איינגעברענט א שטיקעל פון א געגזענע פעדער, א צייכען, אז דער בריעף איז זעהר וויכטיג און מען זאל איהם שנעל אפגעבען.

אין יענער צייט זיינען נאך נים געווען קיין טעלעגראפען און אלעס פלעגט מען בעזאָרגען דורך א קוריער אדער דורך אן עסטאפעטע. ווען דיא רעגיערונג פלעגט שיקען בעפעהלע צו איהרע בעאמטע און האט געוואלט מאכען איפמערקזאם אויף א בעפעהל, אז ער איז זעהר וויכטיג, פלעגט מען נעהמען א געגזענע פעדער און אפשנייד פון איהר עטליכע האָר, וועלכע מען פלעגט אריינקלעפען אין זיעגעללאק פון'ם זיעגעל.

קוים האט מען אויף דער פּאָסט דערזעהן אזא זיעגעל, האט מען געוואוסט, אז דאס איז זעהר א נעטהיגער בריעף און מען פלעגט איהם באלד עקספּעדירען.

אזא בריעף האט יעצט ערהאלטען דער אָפיציער פון דער גרענעץ וואכע. ער האט איהם באלד געעפענט און האט איבערגעלעזען פאָלגענדעס:

„בודאפעסט, אויגוסט דעם 10טען 1790.“

„פארינגען יולי איז אנטלאפען פון בודאפעסט א געפעהרליכער פערברעכער מיט דעם נאמען ארטהור באראן פאן באטהיני, וועלכער איז געווען פעראורטהיילט צ'ים טויט פאר מאכען פאלשעס געלד. ווער עס וועט איהם טרעפען דער זאל

איהם באלד ארעסטירען און צושטעלען קיין בודאפעסט. דיא קאמענדאנטען פון דיא גרענעצען וועדן אויפמערקזאם געמאכט אויף דיזען פערברעכער.“

„דאס זיינען זיינע קענצייכען (פרימעטעס).

דאן איז געוועזן אויסגערעכענט, וויא אלט ארטהור איז, וויא הויך ער איז; וואס פאר א האר ער האט, וואס פאר אויגען און וואס פאר א נאז.

דער אפיציער איז איפגעשפרונגען, וויא אן אפגעברידעטער, ווען ער האט איבער־געלעזען דיזען בעפעהל. ער האט דאך ערשט ניט לאנג גערעדט מיט דעמזעלבען אנטלאָפענעם באראן. ער האט גערופען דעם אונטער־אפיציער, וועלכער איז געשטאנען אויף דער וואך, און האט איהם געוואלט הייסען עפעס, ווען א קוריער איז אנגעלאָפען מיט א צווייטען בעפעהל. דער קאמענדאנט האט איהם שנעל אויפגעריסען און האט געלעזען.

„ראזענוי, דען 15טען אויגוסט, 1790.“

„דער פערברעכער ארטהור, באראן פאן באטהיאני, וועלכער איז אנטלאָפען פון געפענגניס אין בודאפעסט, האט זיך אויפגעהאלטען עטליכע טעג אין א דארף לעבען ראזענוי. פלוצלונג איז ער פערשוואונדען געווארען. מיט איהם איז פער־שוואונדען געווארען א יונגעס מיידכען מיט'ן נאמען עקווירא פאן טאקקי. עס זיינען דא נאכריכטען, אז ביידע אנטלאָפענע זיינען געפאהרען צו דער טירקישער גרע־נעץ. מיר בעטען דאהער דיא בעאמטען פון דער גרענעץ, אז זיי זאלען זיך צוקוקען צו יעדען מאן און צו יעדער פרוי, וועלכע זיינען עהנליך צו ארטהור באראן פאן באטהיאני און עקווירא פאן טאקקי. וואו מען וועט זיי טרעפען, זאל מען זיי באלד ארעסטירען.“

אונטען זיינען געשטאנען דיא קענצייכען (פרימעטעס) פון עלווירא פאן טאקקי.

— אזוי? ביידע? האט דער אפיציער אויסגערופען און האט זיך געקאכט פאר צארן און פערדרוס. — פראנץ שטיינבאך! שנעל!

אן אונטער־אפיציער איז אריינגעקומען און איז געבליעבען שטעהן ביי דער טהיר.

— נעהם צעהן מענשען און געה מיט זיי אין דארף מלאווע. זוך אוים יעדעס הויז, קעהר איבער יעדען שטאל און יעדע קאמער. ברענג מיר דיזע צוויי, א מאן מיט א פרוי, אט זיינען זייערע קאנצייכען. — שנעל, פראנץ! דוא מוזט זיי ברענגען! זיי זיינען ערשט היינט דא געוועזן.

מען קען זיך ליכט דענקען, אז דער ערשטער גאנג פון דעם אונטער־אפיציער מיט זיינע סאלדאטען איז געוועזן אין קרעטשמע, ווייל דיא קרעטשמע איז דאך דאס איינציגע גאסט־הויז אין דארף.

ווען דער איד פון דער קרעטשמע האט געזעהן דיא סאלדאטען אנקומען, האט ער באלד פערשטאנען, אז זיי געהן נאך זיינע פאסאזשירען. ער האט געהייסען זיין פרוי אויפהאלטען דיא סאלדאטען אין שענק און אליין איז ער געלאָפען מעלדען אר־טהור'ן און איהם הייסען אנטלויפען, ווייל מען זוכט איהם.

— אנטלויפט, ווען דאס לעבען איז אייך ליעב! האט ער אויסגערופען, ווען ער האט דערזעהן ארטהור'ן מיט עלווירא'ן שטעהן אונטער א בוים.

ארטהור און עלווירא זיינען געווארען בלייך, וויא קאלך און האבען איינינע מינוט ניט געוואוסט וואס צו טאהן.

— וואס איז געשעהן? האט ענדליך ארטהור געפרעגט.

— עס זיינען געקומען זשאנדארמען פון דער גרענעץ און זוכען אייך. מיין פרוי האט זיי געזאגט, אז איהר זייט ניטא ביי אונז. עס וועט אונז אבער ניט העלפען, זיי וועלען מאכען א הויז אונטערזוכונג און וועלען איבערקעהרען און איבעראקערן דאס גאנצע הויז. — אנטלויפט! בעהאלט אייך ערגעץ!

— וויא פיעל סאלדאטען זיינען געקומען? האט ארטהור געפרעגט.

— צעהן — צוועלף מאן. אנטלויפט!

— האט איהר ניט אן ארט, וואו דיעזע דאמע צו בעהאלטען?

דער ווירטה האט געטראכט איינינע אויגענבליקע און האט געזאגט:

— אנטלויפט איהר נור, דיא דאמע וועל איך שוין בעהאלטען.

— איך געה ניט אין ערגעץ, האט עלווירא געזאגט ענטשלאסען, וואוהין דוא וועסט געהן, ארטהור, וועל איך געהן.

— געה, עלווירא, מיט אונזער ווירטה, זאנסט זיינען מיר ביידע פערלארען האט ארטהור געבעטען.

— איך קען ניט! איך וויל ניט! האט עלווירא אויסגערופען.

דער ליארם אין קרעטשמע איז געווארען העכער און שטארקער. מען האט גע הערט דייטליך, וויא דיא סאלדאטען האבען געזאגט: זיי מוזען דא זיין!

דער ווירטה האט געחאפט עלוויראן אונטערן ארים און האט זיא אוועקגע שלעפט. ארטהור איז אריבערגעשפרונגען דעם פארקען און האט זיך בעהאלטען אין א פעלד מיט מאאיס (טערקישער ווייץ), וועלכע האט זיך געפונען הינטער דער קרעטשמע. אין מאנאט אויגוסט איז דער מאאיס גאנץ הויך און עס איז זעהר לייכט זיך צו בעהאלטען אין איהם. ארטהור איז שוין געווען זיכער.

אונטערדעסען האט דער ווירטה גענומען עלוויראן, האט זיא אריינגעפיהרט אין שטאל, וואו ער האט געהאלטען זיין היי און האט זיא דארט אניעדערגעזעצט אויפ'ן היי און האט אנגעהויבען זיא צו פערשטעלען מיט היי. אין איינינע מינוטען איז אויף עלוויראן געלעגען א בארג היי.

ווען דער ווירטה האט געזעהן, אז מען קען זיא שוין אזוי גיך ניט געפינען, איז ער ארויסגעגאנגען און האט פערשלאסען דעם שטאל. ער איז אויך אריבערגעקראכען דעם פארקען און איז ארומגעגאנגען דיא קרעטשמע, ביז ער איז געקומען צו דער טהיר.

— עה, יאנקא! האט געשריען דער אונטער־אפיציער, ווען ער האט איהם דער־זעהן, זיינען געווען היינט ביי דיר א הערר און א דאמע?

— זיי זיינען געווען היינט אין דער פריה, האבען געגעסען פריהשטיק און זיינען אוועקגעגאנגען אין צאללאמט. זיי זיינען געפאהרען אין דער טירקיי. פון דאמאלס האב איך זיי מעהר ניט געזעהן.

— עס איז א ליגען! האט דער זשאנדארם געשריען, זיי זיינען ביי דיר! גיב זיי ארויס!

— זיי זיינען ניטא ביי מיר אין הויז, האט זיך געשווארען דער איד.

זיין שווערן זיך האט איהם אבער גאר ניט געהאלפען. דער בייזער אונטער־אפיציער האט געהייסען דרייא סאלדאטען שטעהן אויף דער וואך פארן הויז און ער מיט די איבעריגע זיינען אריינגעקומען אין הויז, האבען געזוכט און געאַקערט די ערד אין אלע צימער און אין אלע ווינקעלעך. — זיי האָ׳ען קיינעם ניט געפונען.

ווען זיי זיינען געווען פערטיג מיט׳ן הויז, זיינען זיי ארויפגעקראכען אויפ׳ן בוידים, האבען דארט געזוכט און אויך גאר ניט געפינען. זיי זיינען דאן געגאנגען אין די קעלערס און האבען אנגעהויבען דארט צו זוכען און איבערצוקעהרען אלעס, וואס זיי האבען דארט געפונען. זייער ארבייט איז ווידער געווען אומזיסט.

ענדליך זיינען זיי געגאנגען אין די שטאלען. דער ווירטה האט געעפענט דעם טויער און האט זיי געוויזען א הויפען היי.

— קריעכט ארויף אויפ׳ן היי! זעהט, פיעלייכט האט זיך ווער בעהאלטען אין היי! האט דער אונטער־אפיציער קאמאנדירט.

מען קען זיך לייכט פארשטעלען, וואס עלווירא האט געפיהלט, ווען איינער פון די זשאנדארמען איז ארויפגעקראָכען אויפ׳ן הויפען היי און האט דערביי איהר אנגע־טרעטען אויפ׳ן פוס. זיא האט פערביסען די ליפען ביז אין בלוט און האט זיך איינ־געהאלטען מיט אלע קרעפטע, זיא זאל ניט שרייען.

ענדליך איז דער סאלדאט אראפגעקראכען פון׳ם הויפען היי און האט געמעלדעט, אז ער האט דאָרט אויך גאר ניט געפונען.

— זיי מוזען אבער דאך דאָ ערגעץ זיין, האט דער אונטער־אפיציער געזאגט אין דער הויך.

— מיר זיינען ניט אויפ׳ן ריכטיגען וועג, האט בעמערקט איינער פון די סאל־דאטען. אזעלכע פערברעכער וועלען ניט בלייבען שטעהן אין א גאסט־הויז, וואו יעדער קען זיי זעהן און מען קען זיי לייכט אויסגעפינען. זיי האבען זיך געוויס בעהאלטען ערגעץ ביי א בויער פון דאָרף.

— עס קען זיין, האט זיך איבערלעגט דער אונטער־אפיציער.

ער האט געהייסען זיינע סאלדאטען אוועקגעהן.

עלווירא איז אונטערדעסען געלעגען אין היי און האט מורא געהאט זיך צו ריהרען. זיא האט ניט געוואוסט, אויב די סאלדאטען זיינען שוין אוועקגעגאנגען, אדער זיי ווארטען נאך אין דרויסען. זיא האט זיך אויפגעהויבען, האט צוגעלעגט דעם אויער צו דער וואנד. — אלעס איז שטיל.

באלד האט זיא געהערט, וויא מען שליעסט אויף דעם שטאל. זיא איז אויפגע־שפרונגען און איז צוגעלאפען צו דער טהיר. פאר איהר איז געשטאנען דער ווירטה.

— וואו איז ארטהור? האט זיא געפרעגט.

— איך ווייס ניט, האט דער ווירטה געענטפערט.

— האבען זיי איהם געפאנגען?

— ניין, זיי האבען איהם ניט געפונען.

— זיינען זיי שוין אוועקגעגאנגען?

— זיי זיינען שוין אוועקגעגאנגען.

עלווירא האט אויפגעאטהעמט פרייער. אלזא, זיי האבען איהם ניט געפונען, דאן איז נאך דא האפנונג, אז מיר וועלען זיך אויסדרעהען.

— וואו זאל ער זיין? האט זיא געפרעגט. איך האב געזעהן, וויא ער איז אנטלאפען, וואו איז ער אבער?

— איך האב געזעהן, וויא ער איז אריבערגעשפרונגען דעם פארקען, האט דער ווירטה געזאגט. לאמיר געהן איהם זוכען, איהר מוזט אבער אייך איבערטאהן, ווילט איהר אנטאהן דיא קליידער פון א בויערין?

— איך וויל טאהן אלעס אום צו געפינען מיין ארטהור און איהם צו רעטען.

— אלזא, קומט מיט מיר אין קיך.

ביידע זיינען אריינגעגאנגען אין קיך. אין א פיערטעל שטונדע ארום איז ארויסגעקומען פון קיך דער ווירטה און הינטער איהם איז געגאנגען א יונגע אונגארישע בויערין.

זיי זיינען אוועקגעגאנגען אויפ'ן פעלד זוכען ארטהור'ן. קוים זיינען זיי אריינגעגאנגען אין פעלד, וואו דער מאאיס איז געוואקסען, איז ארטהור זיי אנטגעגען געקומען. עלווירא איז איהם ארויפגעשפרונגען אויפ'ן האלז.

— יעצט איז שוין אלעס גוט! האט זיא אויסגערופען. יעצט האט זיך אין מיר וויעדער דערוועקט דיא האפנונג, אז מיר וועלען דאך אנקומען גליקליך, וואוהין מיר פערלאנגען.

ארטהור איז געשטאנען טרויעריג און פינסטער.

— וואס איז דיר, ארטהור? האט עלווירא געפרעגט, פאר וואס ביסט דוא אזוי פינסטער? מיר האבען זיך נור וואס גערעטעט פון א גרויס געפאהר, דארפען מיר דאך פרעהליך זיין.

— אך, עלווירא! קען איך דען פרעהליך זיין, ווען איך דארף מיך בעהאלטען, וויא דער ניעדעריגסטער פערברעכער? וויא פיעל בלוט האט עס מיך געקאסט, ווען איך האב געציטערט יעדע מינוט: אט, אט חאפט מען דיך?

— צו מיר האט מען גאר ניט, מיך האט מען ניט געזוכט, האט עלווירא בעמערקט.

— ניין, פריילין. אייך זוכט מען אויך, האט זיך דער ווירטה אריינגעמישט.

— פון וואנען ווייסט איהר עס?

— דיא זשאנדארמען האבען עס מיר געזאגט.

— אזוי? האט ארטהור אויסגערופען, דיך זוכט מען אויך?

— געוויס זוכט מען זיא אויך, האט דער ווירטה בעמערקט, מען האט מיר נעגעבען איהרע קענצייכען (פרימעטעס).

— דאן מוזען מיר זעהן צו אנטלויפען, וויא אם שנעלסטען. — קענט איהר אונז ניט אריבערשטעלען דיא גרענעץ ביי טאג?

— ניין. דאס איז אונמעגליך.

— קענט איהר מיר ניט זאגען, אויף וועלכען וועג איך זאל געהן אום צו קומען אויף דיא טירקישע זייט?

— דאס ווען אייך ניט העלפען, מיין הערר, האט דער ווירטה געענטפערט. דיא וועכטער פון דער גרענעץ זיינען יעצט אויפמערקזאם. זיי בעוואכען דיא גרענעץ זעהר שטרענג. זיי וועלען אייך געוויס חאפען און ברענגען אין קייטען.

— אלזא, מוזען מיר ווארטען ביז ביי נאכט, האט ארטהור געזאגט טרויעריג.

— עס קען אנדערש ניט זיין, האט דער ווירטה געענטפערט. איהר מוזט זיך פארשטעלען פאר א בויער, וויא דיעזע דאמע איז פארשטעלט פאר א בויערין. איהר מעגט דערווייל געהן אין אייערע צימערן זיך אויסרוהען. ביי נאכט וועלען מיר פראָבירען אריבערגעהן דיא גרענעץ. — איך מוז אייך אבער בעמערקען, אז יעצט ווערט אייך קאסטען טהייערער, ווייל דיא געפאהר איז יעצט גרעסער.

— שטעלט מיך אריבער דיא גרענעץ און איך וועל אייך געבען, וויא פיעל איהר וועט פערלאנגען, האט ארטהור אויסגערופען. איך פערזיכער אייך אבער, אז איך בין קיין פערברעכער. מען פערפאלגט מיך אומזיסט.

— דאס געהט מיך זעהר ווייניג אן. איך וויל ניט וויל ניט וויסען, ווער איהר זייט און פאר וואס איהר אנטלויפט פון אונגארן. איך מאך מיט אייך א געשעפט. וואס מיין געפאהר איז גרעסער אלץ גרעסער מוז זיין דיא פרייז פון מיין ארבייט.

— איך וועל אייך געבען, וויא פיעל איהר פערלאנגט, נור שטעלט מיך אריבער דיא גרענעץ.

3טער קאפיטעל.

איבער דער גרענעץ.

דער טאג איז פערגאנגען רוהיג. דיא זשאנדארמען האבען א גאנצען טאג נעראכט אין דארף און זיינען מעהר ניט געקומען אין קרעטשמע. ארטהור און עלווירא זיינען געזעסען, וויא אויף הייסע קוילען. זיי האבען מורא געהאט ארויסצוגעהן פון זייער צימער. זיי האבען געדאנקט גאט, ווען דיא זון איז אונטערגעגאנגען, עס איז געווארען פינסטער און זיי האבען געקענט ארויסגעהן אביסעל אין גארטען.

פונקט אום צעהן אוהר זיינען צוויא בויערן און א בויער פרוי געגאנגען אויף א שמאלען וועג צווישען דיא פעלדער.

— לאמיר געהן שנעלער, האט איינער פון זיי געזאגט, ביז מיר וועלען צוקומען צום וואלד. דארט זיינען מיר זיכערער. דיא ביימער וועלען אונז פערשטעלען.

— איך האב מורא, אז מען זאל אונז ניט דערזעהן, דיא נאכט איז צו העלל, האט דער אנדערער בעמערקט.

— דאס מאכט ניט אויס. איך האב שוין אריבערגעשטעלט מענשען אין גאנץ העללע נעכט און זאגאר אין מיטען העלען טאג. זייט זיכער, אז מיר וועלען גליקליך אנקומען.

דיא דרייא רייזענדע זיינען געגאנגען האסטיג און זיינען גליקליך צוגעקומען צום וואלד. דא האבען זיי זיך בעהאלטען צווישען דיא געדיכטע ביימער און זיינען ווייטער געגאנגען.

אין וואלד זיינען זיי געווים געווען זיכערער, וויא אויפ'ן פעלד. דאס געהן אבער אין וואלד איז ניט אזוי לייכט. עלווירא האט זעהר שטארק געליטען. זיא האט זיך אנגעשלאגען אן בוימער און קלעצער און איז ניט איין מאל געפאלען. ארטהור האט פראבירט זיא נעהמען אונטערן ארים און זיא פיהרען אין וואלד. באלד זיינען זיי אבערביידע אומגעפאלען.

— לאמיר זיך אביסעל אפרוהען, האט דער פיהרער געזאגט.

וויא זיי האבען זיך נעאיילט צו זיין שוין פון יענער זייט, האבען זיי דאך געפיהלט, אז זיי זיינען זעהר מיעד און זיי דארפען שוינען זייערע קרעפטע. זיי האבען זיך ערשט איבערצייגט, אז עס איז נים אזוי לייכט אריבערצוגעהן א גרענעץ בגניבה.

ווען זיי האבען זיך אביסעל אפגערוהט, האט דער פיהרער זיי געהייסען ווייטער געהן. זיי זיינען ווידער געגאנגען דורכ'ן ווילדען וואלד איבער שטיינער און דערנער, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום טייך.

— דאס איז דיא גרענעץ צווישען עסטרייך־אונגארן און דיא טירקיי, האט דער פיהרער געזאגט. יעצט פאסט מוטה! — קענט איהר שווימען? האט ער געפרעגט ארטהור'ן.

— איך קען שווימען.

— דאס איז גוט, האט דער שמוגלער בעמערקט. איך וועל נעהמען דיא דאמע אויף דיא פלייצעס און איהר וועט זיך אנהאלטען אן מיין נארטעל.

ארטהור און עלווירא האבען א ציטער געטאהן. זיי האבען א קוק געטאהן אויף דיא שווארצע וואסערן פונ'ם רוישענדען טייך און האבען זיך דערשראקען.

דאס וואסער פון א טייך האט אין זיך עטוואס שרעקליכעס, עטוואס שוידערהאפטעס, עטוואס געהיימניספאלעס ביי נאכט, ווען אלעס איז פינסטער, אלעס איז שטיל ארום, נור דיא וואסערן רוישען, און קאכען, און ברומען, און בייזערן זיך, און דרעהן זיך, און קרייזלען זיך אהן אן ענדע.

— פון יענער זייט איז לעבען און פרייהייט, האט ארטהור געזיפצט, מען קען אבער ניט קומען צו דיזער פרייהייט, ביז מען געהט אריבער דיזע שווארצע און געהיימניספאלע וואסערן. אך, וויא טרויעריג איז דאס שיקזאל פונ'ם מענשען! פאר יעדעם פערגניגען, פאר יעדען טראפען פרייד מוז ער בעצאהלען מיט א גרויסען בעכער ליידען.

— טהוט אייך אוים דיא שטיוועל, האט דער פיהרער געזאגט שטילערהייט, אין וואסער איז שווער צו געהן מיט דיא שטיוועל אויף דיא פים.

ארטהור האט אויסגעטאהן דיא שטיוועל, וויא דער פיהרער האט איהם געהייסען. דער פיהרער האט אויך אראפגעווארפען פון זיך דיא שטיוועל און איז אריינגעשפרונגען אין וואסער און האט געוואלט נעהמען עלוויראן אויף דיא פלייצעס. פלוצלונג איז ער צוריק געשפרונגען.

— מען יאגט אונז נאך! האט ער געזאגט גאנץ שטיל. הערט איהר ניט שווערע טריט פון סאלדאטען?

ארטהור און עלווירא האבען זיך צוגעהערט. — עס קומען אן מענשען.

— מיר זיינען פערלאָרען! האט עלווירא אויסגערופען.

— שנעל, נעהט מיט מיר! מיר טארען ניט פערליערן קיין סעקונדע! האט דער פיהרער געזאגט און האט זיי אנגעהויבען זיי צו שלעפען צוריק אין וואלד.

קוים זיינען זיי אוועקגעלאפען עטליכע שריט, זיינען אנגעלאפען דיא זשאנדארמען.

— וואַרפט אייך צו דער ערד, האט דער פיהרער געזאגט.

ער האט א וואַרף געטאהן עלווירא'ן צו דער ערד, אז זיא האט געמיינט, זיא וועט שוין מעהר ניט אויפשטעהן. ער און ארטהור האבען זיך אויסגעצויגען צווישען דיא בוימער און זיינען געבליעבען ליעגען שטיל.

דיא זשאנדארמען זיינען געגאנגען גלייך אויפ'ן שמאָלען וועגעלע אין וואלד, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום טייך. זיי האבען קיינעם ניט געפונען.

— יאַנעק האט דאך אונז געזאגט, אז ער האט געזעהן דרייא מענשען געהן צו דער גרענעץ. וואו האבען זיי געקענט אהין קומען? האט געזאגט איינער פון דיא זשאנדארמען.

— לאמיר אלענפאלס אויסשיעסען, פיעלייכט בעהאלטען זיי זיך אין וואלד. ווען מיר וועלען איינעם נור טרעפען, וועלען מיר זיי שוין אלע קריעגען.

— פייער! שיעסט!

צעהן ביקסען האבען אויסגעשאָסען, אבער קיינע קוגעל האט געטראפען. דיא סאלדאטען האבען געשאסען גלאט אין וואלד, אהן א ציעל און האבען געטראפען אין דיא ביימער.

— יעצט קייקעלט אייך אוועק עטליכע שריט, האט דער פיהרער געזאגט שטילערהייט צו ארטהור און עלווירא. זיי קענען שיעסען נאך א מאָל.

אויפ'ן ווייכען גראָז צווישען דיא בוימער איז ניט שווער געוועז זיך צו קייקלען ווייטער. דיא סאלדאטען האבען זיך צוגעהערט איינינע מינוט.

— קיינער קרעכצט ניט, אלזא, איז דאָ קיינער ניטאָ, האט דער אונטער־אפיציער ענדליך געזאגט, לאמיר ווייטער געהן. פיעלייכט וועלען זיי אריבערגעהן דיא גרענעץ אין אנאנדער ארט.

מיט דיעזע ווערטער זיינען זיי אוועקגעגאנגען לינקס.

— יעצט קענען מיר געהן רעכטס. האט דער פיהרער געזאגט צו ארטהור'ן.

זיי זיינען ווייטער געגאנגען אין וואלד עטליכע הונדערט שריט רעכטס און האבען זיך וויעדער אויסגעדרעהט צום וואסער.

עס איז ניטא קיין ערגערע זאך אין דער וועלט אלס געהן אין א וואלד אין הוילע זאָקען פאר א מענשען, וועלכער איז דערצו ניט געוואהנט. ארטהורס פיס זיינען געוועזן צוריסען, צושטאָכען און פערוואונדעט, ווען זיי זיינען צוגעקומען צום טייך.

יעצט האט זיך שוין דער פיהרער ניט אפגערוהט. ער איז האסטיג אריינגעשפרונגען אין וואסער און האט געחאפט עלווירא'ן אויף דיא פלייצעס. ארטהור איז איהם נאכגעגאנגען. דער פיהרער האט גוט געקענט דעם וועג און האט געוואוסט, אז דאס וואסער איז דארט ניט טיעף. פלוצלונג האבען זיי דערהערט שטימען:

— אָט זיינען זיי! אָט געהן זיי! האט געשריען א גראבע שטימע.

— פייער! שיעסט אויף זיי! האט קאמאנדירט דער אונטער־אפיציער.

— זיך אונטערטונקען! האט געשריען דער פיהרער און האט זיך אריינגעווארפען אין וואסער.

דערביי האט ער עלוויראן אויך מיטגעשלעפט. ארטהור האט אונגערן געמוזט אויף זיך אריינווארפען אין וואסער.

— שיעסט אויף זיי! האט קאמאנדירט דער אונטער־אפיציער, איך האב געהערט ווי דיא פרוי האט געשריען.

עטליכע ביקסען האבען אויסגעשאָסען. זיי האבען אבער ניט געטראפען. דיא דרייא אנטלאָפענע זיינען אוועקגעשוואומען פון דעם ארט. דער פיהרער האט גוט גע־קענט דעם וועג. ער האט געוואוסט, אז פון יענער זייט גרענעץ געפינט זיך אן ארט, וואו הויכע, אלטע בוימער הענגען אריבער דעם טייך. אהין איז ער געשוואומען מיט זיינע פאסאזשירען.

ער האט זיי גליקליך צוגעבראכט צו דעם ארט און האט זיי ארויסגעפיהרט אויף דער טירקישער זייט. ערשט יעצט האבען זיי זיך אומגעקוקט, אז עלווירא ליעגט אין אהנמאכט.

ארטהור איז צוגעשפרונגען צו זיין געליעבטער, ווי א ווילדער טיגער, ביי וועל־כען מען וויל אוועקנעהמען זיינע קינדער. ער האט זיא געקושט, האט געהויבט אויף איהר קאלטען, נאסען שטערן, האט זיא געטרייסעלט און איהר גערופען.

אונטערדעסען האבען דיא סאלדאטען פון יענער זייט נאך אלץ געשאָסען. ווען זיי וואלטען געוואוסט, וואו דיא אנטלאפענע געפינען זיך, וואלטען זיי געוויס אריבער־געגאנגען דיא גרענעץ און וואלטען זיי געחאפט.

זיי האבען עס אבער ניט געוואוסט.

— זיי זיינען דערטרונקען געווארען, האט ענדליך זיך אפגערופען איינער פון זיי. מיר האבען ניט געזעהן, זיי זאלען זיך אויפהויבען פון וואסער.

דער אונטער־אפיציער איז אויך געווען איבערצייגט, אז זיי זיינען דערטרונקען געווארען און האט געהייסען אויסשיעסען נאך עטליכע מאל, גלאט אזוי אום איבערצו־שרעקען דיא געגנד. דאן זיינען זיי זיך אוועקגעגאנגען.

ארטהור האט אזוי לאנג געשאקעלט און געטרייסעלט עלוויראן, ביז זיא האט געעפענט דיא אויגען.

— וואו בין איך? האט זיך געפרעגט.

— לעבען מיר, עלווירא, האט ארטהור אויסגערופען פול פרייד.

— וואו זיינען מיר?

— אין דער טירקיי.

עלווירא האט זיך אויפגעהויבען און האט זיך ארומגעקוקט. זיא האט אויפגע־אטהעמט פרייער.

— ענדליך האבע זיך אונזערע ליידען געענדיגט! האט זיא אויסגערופען. מיר זיינען שוין פון יענער זייט.

— יעצט אבער לאמיר געהן, האט דער פיהרער געזאגט, דיא טערקישע וואכען

בײַ דעם גרענעץ זײַנען צוואר ניט אַזוי שטרענג, וויא דיא עסטרײַכישע, עס איז אָבער אונאַנגענעהם אַרײַנצופאַלען אין זייערע הענד.

וויא מיעד און שוואך עלווירא איז געוועז, האט זיא דאך געמוזט זיך אויפהייבען און געהן מיט׳ן פיהרער.

לאַנגזאם, מיט נאסע קליידער, פון וועלכע דאס וואסער האט זיך געגאסען, האבען זיך יעצט געשלעפּט די דרײַ אַנטלאָפענע אין געדיכטען וואלד. אויף דער טערקישער זייט איז דער וואלד געוועזן געדיכטער און נאך ווילדער.

זיי האבען שוין געאַטהעמט פרײַער. זיי האבען שוין געוואוסט, אַז זיי זענען זיכער. זיי זיינען געוועזן אַזוי מיעד און אַזוי צובראכען, אַז זיי האבען געמוזט זיך אויסרוהען אדער וועניגסטענס נעהמען עפּעס ווארעמעס אין מ׳יל.

ליידער איז נאָך געוועזן ווייט צום ערשטען טירקישען דאָרף און דער פיהרער האט זיך געאיילט, מען האט געמוזט זיך דערווארעמען געהענדיג. זיי זיינען יעצט גע־גאנגען האַסטיג א פּאר שטונדען און זיינען ארויסגעקומען אויף א וועג. דאָ זיינען זיי געבליעבען שטעהן.

— רוהט אייך אויס אביסעל און געהט ווייטער מיט דיעזען וועג, האט זיי דער פיהרער געזאגט. איהר וועט אנקומען אין טירקישען דאָרף יענ־קיאָי. איהר וועט ארײַנ־געהן אין קאראוואַן־סאראי (גאסט־הויז אויף טירקיש) און פאר געלד וועט מען אייך געבען אלעס, וואס איהר וועט פערלאנגען.

— און איהר? האט ארטהור געפרעגט.

— איך מוז צוריק געהן. איך מוז גאנץ פריה זיין אין דער היים.

— פיהרט אונז וועניגסטענס צו צום דאָרף.

— איך קען עס ניט. עס איז שוין ניט ווייט צו טאג. איך מוז גאנץ פריה זיין אין דערהיים און זיך ווייזען פאר דיא זשאנדארמען.

ארטהור האט פּראבירט איהם בעטען, ער זאל זיי צופיהרען נאָך א שטיקעל וועג; דער פיהרער האט עס אבער אויף קיין פאל ניט געוואלט. ארטהור האט געמוזט איהם בעצאהלען, וויא פיעל עס איז איהם געקומען און זיי האבען זיך צושיידט.

אין אייניגע מינוטען ארום איז דער שמוגלער פערשוואונדען אין וואלד. ארטהור און עלווירא זיינען געבליעבען אליין.

— אָך! האט עלווירא געזיפצט, מיר זיינען געראַטעוועט, מיר זיינען פרײַ! וואס קענען מיר אבער טאהן מיט דיעזע פרייהייט? מיר זיינען אין א פרעמדער לאנד, אין א ווילד לאנד, וואו דיא מענשען זיינען אנדערש, דאס לעבען איז אנדערש און דיא זיטען (מנהגים) זיינען אנדערש. ווער ווייס, אויב מיר וועלען דא געפינען אן ארט, וואו מיר זאלען קענען אניעדערלעגען אונזער קאָפּ?

— זיי ניט טרויעריג, עלווירא! האט ארטהור געבעטען, דיא וועלט איז גרויס, עס איז דאָ גענוג פּלאַץ פאר אלעמען. מיר זיינען יונג, מיר זיינען שטארק, מיר וועלען געפינען פון וואס צו לעבען. — וויא אַזוי? — איך ווייס עס ניט. — וואו? — איך ווייס עס ניט. לאמיר שווײַגען, וואוהין דער טײַך פון אונזער לעבען וועט אונז פיהרען.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אויפגעשטאנען, האט זיא גענומען אונטערן ארים און איז מיט איהר אוועקגעגאנגען אויפ'ן וועג קיין יעני־קיא.

4טער קאפיטעל.

אננא ווערט פעראורטהיילט.

אננא זיצט נאך אלץ אין געפענגניס. עס זיינען פערגאנגען איינינע וואכען, זייט מען האט זיא ארעסטירט. נעכטען האט זיך אנגעהויבען איהר פראצעס. עס זיינען געקומען דרייא מענשען, וועלכע זיא האט אין איהר לעבען ניט געזעהן, און האבען גע־שווארען, אז זיי האבען אליין געזעהן, וויא זיא איז ארויסגעגאנגען פון קירכהאף (בער־ערדיגונגס פלאץ) מיט א פעקעל אונטערן ארים.

דיא ארימע אננא האט געוויינט און געשווארען, אז זיא איז נאך קיין מאל ניט געוועזן אויפ'ן בעערדיגונגס פלאץ אין בודאפעסט. עס האט איהר אבער ניט געהאלפען, דיא דרייא מענשען האבען איהר געזאגט אין דיא אויגען, אין וועלכען טאג און אין וועלכער שטונדע זיי האבען זיא געזעהן.

איהר פאטער האט געשטעלט פאר איהר אן אדוואקאט, וועלכער האט זיך גע־געבען אלע מעגליכע מיהע זיא צו פערטהיידיגען. ער האט בעוויעזען, אז דיעזע בעשול־דיגונג איז אונמעגליך, ווייל אננא וואהנט ערשט ניט לאנג אין בודאפעסט. זיא קען נאך ניט אלע גאסען און וויים נאך געוויס ניט, אז דיא פאמיליע פון דיא גראפען מעראס האט א בעזונדערן פאמיליען בעערדיגונגס פלאץ.

ער האט זיך געגעבען דיא גרעסטע מיה צו בעווייזען, אז דיא גאנצע בעשולדיגונג האט קיין זינן און קיין ווערטה. ער האט אזוי לאנג גערעדט און אזוי קלאָר און דייטליך בעוויעזען, אז אננא איז אונשולדיג, אז דיא ריכטער האבען אנגעהויבען צו צווייפלען אין דער גאנצער אנקלאגע. זיי האבען אפגעלעגט דעם פראצעס אויף מארגען, ריכטער גער געזאגט, זיי האבען אפגעלעגט דעם אורטהייל אויף מארגען.

דער פראצעס האט זיך אייגענטליך שוין געענדיגט. נאוואק האט געטאהן אלעס מעגליכע, אז דער פראצעס זאל זיך ענדיגען וויא אם שנעלסטען. ער איז געוועזן זיכער, אז מען וועט פעראורטהיילען דאס ארימע מעדכען צום טויט.

מען קען זיך דענקען זיין אונצופריעדענהייט און זיין פערדרוס, ווען ער האט געזעהן, אז מען האט גאר אפגעלעגט דעם פראצעס אויף אנאנדער טאג. דאס האט ער גאר ניט ערוואַרטעט. ער איז באלד געלאפען צו אלע ריכטער און האט זיי מיט זיכערע בעווייזע איבערצייגט, אז אננא איז ווירקליך א פערברעכערין.

אננא'ס פראצעס האט געמאכט א רעש אין בודאפעסט. אין אלע גאסען, אין אלע קאפפעע־הייזער און אין אלע רעסטאָראנען האט מען נור גערעדט פון דיעזען פראָצעס.

וואלט אננא געוועזן דיא טאכטער פון א בירגער אדער זאגאר פון א האנדווערקער־וואלט דאס פובליקום געהאט מיטלייד מיט איהר און עס וואלטען זיך פיעלייכט געפונען מענשען, וועלכע וואלטען ערקלערט דיא ריכטער, אז עס קען דאך זיין, אז זיא איז אונשולדיג. אננא איז אבער געוועזן דיא טאכטער פון א הענקער.

ווער וועט עס האבען מיטלייד מיט דער טאכטער פון א הענקער? א הענקער איז דער ערגסטער מענש אויף דער וועלט. זיינע קינדער זיינען געווים פעהיג אויף דיא שרעקליכסטע פערברעכען. אננא האט געווים בעגאנגען נאך מעהר פערברעכען, וויא פיעל מען בעשולדיגט זיא.

דיא וועלט וויל ניט קענען דעם מענשען. זיא קען נור זיינע בעשעפטיגונג, זיין אייגענטהום, זיינע קליידער, זיין וואהנונג און זיינע עלטערן. איינער איז א פרינץ נור דערפאר, וואס ער איז געבארען געווארען אין א בעט פון א קעניג.

מיר דארפען ניט פערגעסען, אז אין יענער צייט האט מען ניט געוואוסט פון א געריכט פון געשווארענע. דאס געריכט איז בעשטאנען פון דריי ריכטער, א פראקוראר און א שרייבער. ווען דער אנגעקלאגטער איז געווען רייך, האט ער זיך געדונגען אן אדוואקאט. איז ער געווען ארים, האט מען איהם פעראורטהיילט אהן אן אדוואקאט. ווען ער האט געקענט, האט ער זיך אליין פערטהיידיגט.

דיא אונגליקליכע אננא האט זיך גאר ניט פערטהיידיגט. זיא האט ערקלערט, אז זיא האט ווירקליך בעפרייט דעם באראן פאן באטהיאני; אלזא, זיא האט זיך מודה געווען. אז זיא האט בעגאנגען דאס ערשטע פערברעכען. דאס צווייטע פערברעכען האט זיא אפגעלייקענט. פאר דאס ערשטע פערברעכען האט מען איהר געקענט ענטשולדיגען, ווייל זיא איז נאך זעהר יונג. מען וואלט זיא געקענט בעשטראפען, אבער ניט פער־אורטהיילען צום טויט.

דאס צווייטע פערברעכען איז געווען דאס שרעקליכסטע, וואס זיא האט געקענט בעגעהן. דאס צווייטע פערברעכען בעוויזט, אז זיא איז ווירקליך א פערדארבענע פערברעכעריו, וועלכע איז פעהיג אלעס צו טאהן.

ווען אזא יונגעס מעדכען איז אים שטאנד ארויסצוגנבענען דיא לייכע פון א קינד פון א בעערדיגונגס פלאץ, דאן איז זיא פעהיג אויף אלע מעגליכע פערברעכען.

דעם אנדערן טאג האט מען געבראכט אננא אין געריכט און דיא ריכטער האבען ארויסגעזאגט זייער אורטהייל: זיא איז שולדיג און איז פעראורטהיילט צום טויט דורך אפהאקען דעם קאפ אויפ'ן עשאפאט.

אננא האט אויסגעהערט איהר אורטהייל רוהיג און ערגעבען. זיא האט עס ער־ווארטעט. זיא האט געוואוסט, אז פאר איהר איז קיין רעטונג ניטא. זיא איז נאך געווען גליקליך, וואס מען לאזט איהר פאטער צורוה.

קוים האט מען ארויסגעזאגט איהר אורטהייל, האט מען זיא אוועקגעפיהרט אין אנאנדערע אבטהיילונג פון געפענגניס, וואו מען האלט געוועהנליך דיא פער־אורטהיילטע.

עס איז נאכט. אננא זיצט אויף דיא הארטע ברעטער פון איהר געלעגער או טראכט. זיא וויינט ניט. זיא ברעכט ניט דיא הענד. זיא קלאגט ניט, יאמערט ניט, שרייט ניט און רייסט זיך ניט. וויא א בילד פון טרויער און פערצווייפלונג זיצט זיא פערטיעפט אין איהרע טרויעריגע געדאנקען.

זיא דענקט ניט אן זיך. איהר לעבען איז פערשפיעלט. זיא מוז שטארבען. זיא

איז ענטשלאסען. זיא דענקט נור פון דיא מענשען, וועלכע דינען איהר ליעב און טהייער. זיא דענקט אן איהר פאטער.

— וויא וועט ער עס איבערטראגען? מורמלען איהרע ליפען. וועט ער עס אויס־האלטען? וועט ער איבערלעבען מיין טויט?

פון איהר מוטער דענקט זיא וועניגער. זיא ווייס, אז איהר מוטער איז אן איינ־פאכע, שטילע, רוהיגע, ניט איבערגעשפיצטע פרוי. אזעלכע כאראקטערע שרייען, יאָמערן, רייסען זיך אויף דיא גלייכע ווענד, וויינען, קלאגען, שלאגען זיך קאפ אן דער וואנד און דערמיט קאכט זיך אין זיי איבער זייער שמערץ. עס שוימט, עס לויפט איבער און דער שמערץ ווערט לייכטער.

איהר פאטער איז אבער א גאנץ אנדערער כאראקטער. — ער שווייגט, ער וועט ניט וויינען, ניט קלאָגען, ניט יאמערן און ניט שרייען. דאס איז א פערמאכטער קעסעל, אונטער וועלכען עס ברענט א העליש פייער. ער זידעט און קאכט אזוי לאנג ביז ער פלאצט.

— וויא וועט ער עס איבערטראגען? מורמלען איהרע בלייכע ליפען. וועט ניט זיין הערץ צוריסען ווערן אויף שטיקער? וועט ער איבערלעבען מיין טויט?

זיא לאזט אראפ איהר קאפ אויף איהר געפרעסטע ברוסט, וויא א בלום לאזט אראפ איהר קעפעלע, ווען מען צוברעכט דעם שטענגעל, אויף וועלכען זיא האלט זיך. דיא זון ברענט איהרע שעהנע בלעטער און פון אונטען קען ניט צוקומען קיין פרישער זאנפט זיא צו דערקוויקען.

— וואס מאכט יעצט ארטהור? מורמלען איהרע ליפען ווייטער. איז עס איהם געלונגען צו אנטלויפען? האב איך איהם וועניגסטענס געראטעוועט מיט מיין טויט? האט מען איהם ניט געחאפט?

זיא הויבט אויף דעם קאפ און קוקט זיך ארום אין אלע זייטען.

— אך! ווער קען מיר זאגען, וואס ארטהור מאכט? וואו איז ער ערגעץ? גע־דענקט ער מיך? — וואו איז געארג פאן טאקקי? ער האט אמאל געזאגט, אז ער ליעבט מיך, פאר וואס קומט ער ניט יעצט מיך זעהן, מיר ברענגען נאכריכטען פון ארטהור'ן? — ער ליעבט מיך ניט, ער פערדאמט מיך אויך אלס א שרעקליכע פער־ברעכערין. — וואו איז ער, דיעזער געארג? — אומזיסט! קוים ווארפט דיא וועלט אויף איינעם מיט שטיינער, קומען זיינע בעסטע פריינד און ווארפען אויף איהם שמוץ.

פערטיעפט אין דיעזע טרויעריגע געדאנקען איז זיא געזעסען שטונדען לאנג אויף דיא הארטע ברעטער פון איהר געלעגער. אין איהר קעמעריל איז שטיל, אין געפענגניס איז שטיל, אין דרויסען איז שטיל. נור אין דעם יונגען הערצען פון דער אונגליקליכער אננא קאָכט עס און רוישט, וויא אין א קעסעל.

פלוצלונג האט זיא דערהערט שווערע טריט. דיא טהיר פון איהר קעמעריל האט זיך געעפענט און דיא הויכע, ברייטע געשטאלט פון איהר פאטער איז אריינגעקומען אין איהר קעמעריל.

אננא איז אויפגעשפרונגען פון איהר באַנק, האט געעפענט איהרע הענד און איז ארויפגעפאלען איהר פאטער אויפ'ן האלז.

איינינע מינוטען זיינען פאטער און טאכטער געשטאנען ארומגענומען און האבען ניט געקענט זיך אפרייסען איינער פון אנדערן. קיינער האט ניט געקענט ארויסרעדען א ווארט. זייערע טרערן זיינען צוגעקומען צו זייערע העלזער און האבען זיי געשטיקט און געווארגען.

זיי האבען אויסגעזעהען, וויא פערפראָרען, וויא פערגליווערט. ענדליך איז דאס איין ביסעל צושמאלצען געווארען און צוויא גרויסע, הייסע טראפען טרערען האבען זיך אראפגעקייקעלט פון דיא הארטע, פערברענטע, צוקנייטשטע באקען פון'ם הענקער. זיינע הענד זיינען אראפגעפאלען, וויא צוויי שטיקער האלץ. — ער האט זיא אפגעלאזען. ערשט יעצט האט אננא געקענט בעטראכטען איהר פאטער.

ערשט יעצט האט זיא געקענט זעהן, וויא ער האט זיך פערענדערט. ערשט יעצט האט זיא געפיהלט, וואס עס טהוט זיך ביי איהם אין הארצען. זיינע באקען זיינען געווען געל און צוקנייטשט. ארום זיינע אויגען זיינען געשטאנען גרויסע שווארצע רעדער. דיא ברעמען זיינען געווען פערשוואלען פון ניט שלאפען. זיין גאנצע געשטאלט איז געווען איינגעבויגען, איינגעהויקערט און איינגעקאָרטשעט.

— פאטער, ביסט דוא געקומען מיך פארצובערייטען צום טויט? האט ענדליך אננא געפרעגט.

— ניין, טאכטער. דאס וועט ניט זיין. דערצו וועט זיך געפינען אנאנדערער, האט מיכאאיל געענטפערט.

— פאר וואס ניט, פאטער? עס וועט מיר זיין בעסער צו שטארבען פון דיין האנד. דוא ביסט א הענקער, דוא טהוסט, וואס מען הייסט דיר. וואס איז דיר דער אונטערשיעד, אויב איך בין דיא פעראורטהיילטע אדער א פרעמדע? מיר אבער וועט עס זיין אנגענעהם, וואס קיין פרעמדע, גראבע האנד וועט מיך ניט אנריהרען.

— וואס רעדסט דוא, קינד? וויא קענסט דוא עס פערלאנגען פון מיר? קען א מענש טויטען זיין איינען קינד? — פערלאנג עס ניט פון מיר, קינד! עס איז אונמעגליך. מיין האנד וועט ציטערן און דוא וועסט ליידען. לאז עס טאהן א פרעמדער.

— ניין, פאטער! איך וואלט געוועזען צופריעדען צו שטארבען פון דיין האנד.

— האט מען שוין בעשטימט דעם טאג?

— נאך ניט, האט אננא געענטפערט. וואס איז אבער דער אונטערשיעד, פרייהער אדער שפעטער?

— דאס בין איך געקומען דיך פרעגען. איך מוז עס וויסען.

— דוא קענסט עס געוואהר ווערן ביי דיא ריכטער.

— איך וויל צו זיי ניט געהן. וויען מענשען, וועלכע דענקען, אז זיי שטעהן העכער פון אלע אנדערע, קענען פעראורטהיילען צום טויט אן אונשולדיגע, זיינען זיי ניט ווערטה אז מען זאל מיט זיי רעדען.

— איך בעשולדיג זיי ניט, פאטער. זיי זיינען אויך ניט מעהר, וויא מענשען, האט אננא געזאגט טרויעריג. קען דען דער ריכטער אריינקריכען צו יעגעם אין הארצען און ערפארשען, אויב יענער איז שולדיג אדער אונשולדיג?

— דו ביסט גוט און עדעל, ליעבע טאכטער! דו דארפסט ניט שטארבען! האט דער הענקער אויסגערופען.

ביי דיעזע ווערטער האט ער ארויסגענומען פון זיין בוזים קעשענע א צונויפגע-לעגטעס שטיקעל פארמעט און האט איהר דערלאנגט.

— וואס איז דאס, פאטער? האט אננא געפרעגט.

— טאכטער, שווער מיר, אז דו זאלסט עס ניט עפענען ביז איינינע שטונדען פאר דיין טויט. מען וועט שיקען צו דיר א גייסטליכען. דו זאלסט עס עפענען פאר איהם אין דיא אויגען, זאלסט עס איבערלעזען און איבערגעבען דעם גייסטליכען. ווילסט דו מיר שווערן דארויף?

— צו וואס, פאטער? וואס וועט דען ווערן דערפון?

— עס איז מעגליך, אז דיעזעס שטיקעל פארמעט זאל דיך רעטען.

אננא האט אנגעקוקט איהר פאטער מיט שרעק און שטוינען. זיא האט געמיינט, אז ער איז אראפ פון זינען.

— וואס רעדסט דוא, פאטער?

— איך וויים, וואס איך רעד.

אננא האט ניט געוואוסט וואס צו טאהן: זאל זיא נעהמען דאס שטיקעל פאר-מעט אדער ניט. איהר האט זיך אויסגעוויעזען, אז איהר פאטער רעדט פון ווענ.

— נעהם עס צוריק, פאטער? האט זיא ענדליך געבעטען. עס איז פערפאלען. קיין זאך אין דער וועלט קען מיך שוין ניט רעטען. איך וויים, אז עס זיינען דא מענ-שען, וועלכע פערלאנגען מיין טויט.

זיא האט איהם צוריקגעגעבען דאס שטיקעל פארמעט.

— דו האסט פיעלייכט רעכט, טאכטער, האט ער געזאגט און האט עס צוגע-נומען. איך מוז זוכען אנדערע מיטעל.

— וואס איז דיר, פאטער? דו רעדסט היינט זאכען, וועלכע איך קען ניט פערשטעהן.

— יא, טאכטער, איך וועל דיר צוליעב טאהן. מיט מיין אייגענער האנד וועל איך.... אבער ניין. דאס דארף ניט זיין!

ער האט זיך אומגעקעהרט צו דער טהיר און האט געזאגט אין דער הויך:

— גוטע נאכט, אננא! נאך ניט אלעס איז פערלארען.

— פאטער, איך וויל דיך עפעס פרעגען, איידער דו געהסט אוועק פון מיר.

— פרעג, מיין קינד.

— האסט דו גאר ניט געהערט, וואס עס מאכט דער באראן פאן באטהיאני?

מיכאאיל האט זיך פערטראכט. עס איז געווען דייטליך, אז ער לעגט זיך איבער וואס איהר צו זאגען.

— איך האב פון איהם גאר ניט געהערט.

— אך, פאטער! איך בין זעהר אונרוהיג, זיי זאלען איהם ניט חאפען און ניט צוריקברענגען אהער.

— איך קען דיר גאר ניט זאגען, טאכטער. עס האבען אין דער לעצטער צייט

פאסירט פיעלע זאכען, וועלכע וועלען אמאל אויפגעקלערט ווערן. — זיי געזונד, ליעבע אננא! — גוטע נאכט!

— גוטע נאכט, פאטער! איך בעט דיך, בערוהיג דיך. פערגעס מיך. דוא האסט גאר קיין מאל ניט געהאט קיין קינד.

מיכאאיל האט איהר ניט געענטפערט. ער האט זיא צוגעפרעסט צו זיין הארצען און איז ארויסגעלאָפען פון איהר קעמעריל.

ווען ער איז ארויסגעקומען אויף דער גאס, האט ער געזאגט צו זיך אליין:

— איך מוז געווינען צייט. פיעלייכט וועט עס מיר געלינגען אויסצוגעפינען דיא גאנצע באנדע. צו ערשט מוז מען זעהן, אז מען זאל אפלעגען דעם טאג פון איהר טויט אויף עטליכע וואָכען. דאס קען טאהן גראף מעראס. איך מוז געהן צו איהם. וועט ער מיך אבער ארייגלאזען? וועט ער מיך אויפנעהמען? — איך מוז פראָבירען.

6טער קאפיטעל.

ביי גראף מעראס.

דאס שרייב צימער אין פאלאץ פון גראף מעראס איז העלל בעלייכטעט. מען וואלט געקענט דענקען, אז דער אלטער גראף ארבייטעט. ער ארבייטעט אבער ניט. ער נעהמט ארום פערטראכט אין זיין צימער.

אויפ'ן שרייב טיש ליעגען אנגעלעגט בריעף, צייטונגען, דאקומענטען און פאפיערן. ער קוקט אבער אויף זיי ניט. ער איז פערטיעפט אין זיינע געדאנקען. פון צייט צו צייט ווארפט ער א בליק אויף א פאפיער, וועלכעס ליעגט אָפען אויף זיין טיש. דאס איז א בעריכט פון'ם געריכט, אז מען האט פעראורטהיילט צום טויט דעם הענקערס טאכטער דערפאר, וואס זיא האט ארויסגעגנבעט דיא לייבע פון זיין קינד.

אין דער צייט וואס ער איז ניט געווען אין דער היים, האט מען געפונען דיא ביינער פון זיין קינד און מען האט זיי צוריקגעלעגט אויף זייער אָרט.

— איך פערשטעה עס ניט און בעגרייף עס ניט, ברומט דער אלטער מאן, דיעזעלבע אננא, וועלכע האט ריזיקירט איהר לעבען אום צו רעטען דעם באראָן פאן באטהיאני, זאל זיין א שרעקליכע פערברעכערין צו רויבען דיא ביינער פון א פרעמד קינד? צו וועלכען צוועק זאל זיא עס טאהן? וואס קען זיא האבען דערפון? וואס האט זיא צו מיר? — און דאך איז עס וואהר. עס האבען מענשען געזעהן, וויא זיא איז ארויסגעגאנגען פון פריעד האף מיט א בינטעל אונטערן ארים. מענשען האבען געשוואָרען דאריף. אלזא, איז עס וואהר. איך קען עס אבער דאך ניט גלויבען. זיא ווייזט ניט אויס צו זיין א פערברעכערין. — איך ווייס ניט, וואס מיט מיר איז. איך פערשטעה ניט, פאר וואס איך האב אזוי פיעל מיטלייד מיט דיעזען מעדכען? וואס נעהמט זיא מיך אָן?

ער האט זיך געזעצט לעבען זיין שרייב טיש און האט נאך א מאל דורכגעבלעטערט דיא אקטען פון דיעזען זאנדערבארען פראצעס.

— צו וואס טהו איך עס? האט ער געפרעגט זיך אליין. צו וואס האב איך געהייסען, אז מען זאל מיר ברענגען אלע אקטען? וואס נעהמט מיך אן דעם הענקערס

טאכטער? — זיא האט נערעטעט ארטהור פאן באטהיאני. דאס איז דאס איינציגע גוטע, וואס איך וויס פון איהר. וואס בעוויזט עס אָבער? דאס בעוויזט נאך גאר נישט. עס איז מעגליך, אז זיא האט איהם נערעטעט, ווייל זיא האט זיך פערליעבט אין איהם. — עס איז מעגליך.... אך! פאר וואס זאלען מיר דענקען פון יענעם נור דאס שלעכטע? פאר וואס זאלען מיר ניט דענקען פון יענעם, אז ער האט עפּ געטאהן מיט א גוטער אבזיכט? זיינען דען אלע מענשען שלעכט? עס נעפינען זיך צווישען זיי שלעכטע, זאגאר זעהר פיעל שלעכטע. עס זיינען דאך אבער דא גוטע מענשען אויך.— עס איז זעהר טרויעריג, וואס צוליעב דיא שלעכטע קענען מיר ניט גלויבען אן דיא גוטע. —

אזוי וויא ער האט אזוי גערעדט צו זיך אליין, איז אריינגעקומען א דיענער און האט געמעלדעט:

— א מאן איז געקומען און בעט, מען זאל איהם אריינלאזען צו אייך. ער דארף מיט אייך רעדען פון זעהר א וויכטיגע אנגעלעגענהייט.

— אזוי שפעט? האט דער אלטער גראף געפרעגט, לאז ער קומען מארגען.

דער דיענער איז ארויסגעגאנגען אפזאגען דעם מאן. אין איינע מינוט ארום איז ער צוריק געקומען און האט געמעלדעט:

— דער מאן בעט זעהר, אז מען זאל איהם צולאזען צו אייך. ער זאגט, אז ער האט צו אייך זעהר א וויכטיגע אנגעלעגענהייט. עס געהט אום א מענשענלעבען. ער ערקלערט, אז מען קען עס ניט אפלעגען אויף מארגען.

— נעה און פרעג איהם, וויא ער הייסט און ווער ער איז.

דער דיענער איז ארויסגעגאנגען און איז באלד צוריק געקומען.

— ער זאגט, אז ער הייסט מיכאאיל און איז דער הענקער פון בודאפעסט.

גראף מעראס האט זיך פערטראכט. ער האט זיך איבערלעגט, אויב ער זאל אויפנעהמען דעם הענקער אדער ניט.

ענדליך האט ער זיך געווענדעט צום דיענער און האט איהם געזאגט:

— פיהר איהם אריין.

דער הענקער איז באלד אריינגעקומען אין צימער.

— וואס ווינשט איהר פון מיר אזוי שפעט ביי נאכט? האט גראף מעראס גע-פרעגט, האט איהר דען ניט געקענט קומען היינט ביי טאג? קענט איהר דען ניט קומען מארגען?

— איך קום אייך בעטען וועגען מיין טאכטער, האט מיכאאיל געשטאמעלט.

— וואס קען איך דען טאהן אין דיעזער אנגעלעגענהייט?

— איך וויל וויסען, אויף וועלכען טאג האט מען בעשטימט זיא צו טויטען.

— דאס דארף איך אייך ניט זאגען. דאס געהער זיך אן מיט'ן געריכט.

— הערר גראף, פערגעסט ניט, אז איך בין איהר פאטער. איהר זייט א נייסט-ליכער, איהר ווייסט ניט, וואס עס הייסט זיין א פאטער. איהר ווייסט ניט, וואס א פאטער ליידעט, ווען זיין קינד פיהלט שמערצען. איהר ווייסט ניט, און וואס פאר א

לאנג איך געפין מיך יעצט. איך בין האלב וואהנזיניג. איך קען ניט איבערטראגען דעם געדאנק, אז מיין קינד מוז שטארבען און נאך אונשולדיג שטארבען.

דער אלטער גראף האט איהם געקוקט גליך אין דיא אויגען. ער האט איהם אויסשטודירט. ער האט געוואלט אויספארשען זיינע געהיימע געדאנקען.

— וויא קענט איהר זאגען, אז זיא איז אונשולדיג, ווען דרייא מענשען האבען געשוואוירען, אז זיי האבען אליין געזעהן, וויא זיא איז ארויסגענאנגען פון מיין פאמיליע גראב מיט א פעקעל אונטערן ארים.

— דאס בעווייזט נאך ניט, אז זיא איז שולדיג.

— אזוי זאגט איהר, ווייל איהר זייט איהר פאטער; דאס געריכט אבער האט אנדערש געפונען.

— אך, גראף! איהר ווייסט נאך גאר ניט, וועלכע טאכטער איז מיינע; איהר ווייסט נאך גאר ניט, פאר וועמעס טאכטער איך בין געקומען בעטען. נור דער מענש, וועלכער האט אליין צוגעפרעסט צו זיין הארצען זיין קינד, דער קען פערשטעהן, וואס עס פיהלט א פאטער, ווען מען וויל ביי איהם צונעהמען זיין קינד.

דער גראף האט איהם אנגעקוקט מיט שטוינען און פערוואונדערונג. איהם איז פארגעקומען, אז דער הענקער איז ווירקליך וואהנזיניג געווארען, אדער זיין שמערץ האט איהם אזוי דערשלאגען, אז ער וויים ניט, וואס ער רעדט. ער האט אנפאנגס געוואלט אנקלינגען צו זיינע דיענער און זיי הייסען איהם ארויסווארפען. באלד אבער האט ער זיך איבערלעגט, ער האט אנגעהויבען צו פיהלען מיטלייד מיט דיעזען מענשען. ער איז צוואר א הענקער, אבער דאך א מענש, דאך א פאטער.

— איהר ערלויבט אייך צו פיעל, הענקער פון בודאפעסט! האט ער געזאגט. איך פערצייהע אייך, ווייל איך רעספעקטירע אייער שמערץ. — אך! איך האב אויך אמאל געהאט א....

ער האט זיך פערהאפט און איז געבליעבען שטיל. דאן האט ער ווייטער געזאגט:

— אין אזא לאגע, וויא אייערע, קען שוין א מענש זאגען אן איבעריגעס ווארט. דאס פערשטעה איך. איך וועל אייך זאגען דיא וואהרהייט. מיר אליין קומט עס פאר זאנדערבאר, אז א מעדכען, וועלכע האט איינגעשטעלט איהר לעבען אום צו רעטען דעם בארון פאן באטהיאני, וועלכער איז געווען אונשולדיג פעראורטהיילט צום טויט, זאל זיין אזוי ניעדערטרעכטיג און זאל ארויסגנבענען דיא לייבע פון א פרעמדר קינד? איך קען עס מיר אויף קיין פאל ניט ערקלערן. וואס קען איך אבער העלפען? — עס איז בעוויעזען דורך זיכערע צייגען, אז זיא האט עס געטאהן. וואס קען איך העלפען? האב איך דען געקענט עפעס העלפען דעם בארון פאן באטהיאני, ווען מען האט איהם פעראורטהיילט צום טויט? איך בין דאמאלס געווען פאלקאמען איבערציינט, אז דער בארון איז אונשולדיג און האב דאך ניט געקענט מיך אריינמישען.

— אך, גראף! ווען איהר זאלט וויסען....

— וואס זאל איך וויסען?

— גאר נישט, האט מיכאאיל געשטאמעלט, עס איז מעגליך, אז.... ווען איהר זאלט אמאל געוואהר ווערן, אז דער הענקער מיכאאיל...

ער איז ווייטער שטיל געבליעבען.

גראף מעראס האט געקוקט אויף איהם מיט שטוינען און בעוואונדערונג. ער האט זיך ענדליך ענטשלאסען צו זיין אביסעל שטרענגער געגען איהם.

— וואס איז מיט אייך, מענש? האט ער אויסגערופען. איהר ווילט עפעס זאגען און האלט זיך איין. זאגט ארויס, וואס איהר האט צו זאגען!

— אך, גראף! איך וואלט זעהר געוואלט ארויסזאגען אלעס, איך קען אבער ניט: איך האב געשווארען, איך זאל ניט זאגען. עס וועט אבער אמאל קומען א צייט, ווען איהר וועט אלעס וויסען. — יעצט מוז איך נאך שווייגען. זאגט מיר ליעבער, קענט איהר ניט עפעס טאהן פון איהרעטוועגען?

— איך האב אייך שוין איינמאל געזאגט, אז איך מיש מיך ניט אין געריכטס זאכען. אייער טאכטער איז פעראורטהיילט צום טויט פאר צוויי שווערע פערברעכען. איך קען דא גאר ניט העלפען.

מיכאאיל איז געבליעבען שטעהן פערטראכט און ניעדערגעשלאגען. ער האט זיך איבערלעגט אייניגע מינוטען און האט געזאגט:

— וועט איהר מיר ערלויבען נאך א ביטע?

— ווען עס וועט נור מעגליך זיין, פאר וואס ניט?

— עס איז זעהר מעגליך.

— דאן זאגט, וואס נאך פערלאנגט איהר פון מיר?

— איהר זאלט זיין דערביי, ווען מען וועט איהר אפהאקען דעם קאפ.

גראף מעראס איז אויפגעשפרונגען.

— וואס וואגט איהר, מענש?

— וואס הארט עס אייך, גראף? האט מיכאאיל געענטפערט רוהיג. עס איז דאך נור א געפעליגקייט. וואס קענט איהר דען דערביי פערלירען?

גראף מעראס האט אנגעהויבען זיך בעסער צו צוקוקען צום הענקער. דער מענש איז איהם געפעלען. ער האט געזעהן, אז א הענקער קען אויך פיהלען, וויא א מענש און רעדען, וויא א מענש.

— נון, גוט! איך וועל אייך צוליעב טאהן און וועל זיין דערביי.

— ווילט איהר מיר געבען אייער עהרענווארט דארויף?

גראף מעראס האט זיך ווידער א ווארף געטאהן.

— ווען גראף מעראס זאגט, איז עס אזוי גוט, וויא ער וואלט געגעבען זיין עהרענווארט. גראף מעראס זאגט קיין ליגען.

— ענטשולדיגט מיר, גראף, וואס איך בעלעסטיג אייך אזוי, האט מיכאאיל געזאגט מיט א ווייבע, בעטענדע שטימע. איך טהו עס ניט אויס קאפריז. איך וויס, אז עס איז זעהר וויכטיג און קען פיהרען צו פיעלע זאכען.

— איך מוז אייך זאגען, אז איהר רעדט צו מיר אין רעטענישען. וואס מעהר איהר רעדט, אלץ מעהר פערשטעה איך אייך ניט.

— איך בעט אייך נאך א מאל, טהוט עס אום גאטעס ווילען! טהוט עס אויס בארמהערציגקייט! איהר וועט עס ניט בערייען.

דער אלטער מאן איז געווארען גערירט פון דעם מאן פון דיעזער ביטענדער שטימע.

— נה, נוט! איך גיב אייך מיין עהרענווארט, אז איך וועל זיין דערביי, ווען מען וועט זיא טויטען, זייט איהר צופריעדען?

— יא, הערר גראף.

דער הענקער האט זיך טיעף פערניינט און האט געוואלט ארויסגעהן.

— ווארט א ווייל, האט דער גראף געזאגט, וועט איהר אליין אויספיהרען אייער אמט איבער אייער קינד?

— יא, הערר גראף.

גראף מערטאס האט א ציטער געטאהן.

— און דאך זאגט איהר, אז איהר ליעבט זיא אזוי שטארק, אז איהר קענט ווערן וואהנזיניג?

— עס איז אזוי, הערר גראף. איך ליעב זיא, וויא קיין קייזער האט ניט ליעב זיין קינד. — אלזא, הערר גראף, מוז איך אוועקגעהן פון אייך און ניט וויסען, וועלכען טאג מען האט בעשטימט צו טויטען מיין קינד. — וואס קען איך מאכען? ווען איהר ווילט עס מיר ניט זאגען, קען איך אייך ניט צווינגען. איך וויל אייך אבער בעטען, ווען עס איז נור מעגליך, זאלט איהר זעהן אפצולעגען דיעזען שרעקליכען טאג אויף וויא לאנג איהר וועט נור קענען. איך וויים, וואס איך זאג. איך וויים, וואס איך בעט אייך. עס קענען נאך פארקומען זאכען, פאר וועלכע אייערע ריכטער וועלען זיך שעה־מען אויפצוהויבען זייערע אויגען צו קוקען אן עהרליכען מענשען אין געזיכט. עס קענען נאך פארקומען זאכען, וועלכע וועלען אייך מאכען פיעל פרייד. — טהוט עס, הערר גראף! בעמיהט אייך אפצולעגען דעם טאג פון איהר טויט אויף וויא לאנג איהר וועט נור קענען.

ער איז געשטאנען נאך א פאר אויגענבליק, דאן האט ער האסטיג געזאגט:

— גוטע נאכט, הערר גראף! און איז ארויסגעלאפען פון צימער.

גראף מערטאס האט איהם נאכגעקוקט. דיעזער מאן איז ווירקליך א רעטעניש, זיין רעדען, זיין בעטען, זיין גאנצעס בענעהמען איז אונבעגרייפליך, אונפערשטענדליך און אונערקלערליך.

ער האט זיך אנגעשפארט אויף זיין שרייב טיש און האט זיך פערטראכט.

— וואס קומט דא פאר? וואס איז מיט מיר? דער הענקער בעט, איך זאל זיין דערביי, ווען מען וועט אפהאקען זיין טאכטער דעם קאפ. דאן בעט ער, איך זאל זעהן אפלעגען דעם טאג פון איהר טויט, וויא ווייט איך וועל קענען. וואס איז דאס פאר א מענש? וואס וויל ער פון מיר? צו וואס זאל איך איהם הערן? דארף איך דען אויסהערן, וואס יעדער וואהנזיניגער זאגט? זיין טאכטער איז א פערברעכערין, זאל זיא שטארבען! —

— עס איז אבער דאך שאדע. איך האב דאך מיטלייד מיט דער ארימער אננא. זיא ווייזט אוים צו זיין אונשולדיג. ארימעס קינד! וואס וועט עס מיך הארען, ווען איך וועל בעטען דיא ריכטער, אז זיי זאלען אפלעגען דעם טאג פון איהר הינריכטונג?

לאז זיא לעבען נאך עטליכע טעג. — עפּעס האט ער געזאגט דער העקער. עפּעס וויס ער. עפּעס בעהאלט ער זיך. — דא מוז עפּעס זיין.

ער האט געחאפּט א בייגעלע פּאפּיער און האט עפּעס אָנגעשריעבען. דאן האט ער אנגעקלונגען. זיין לייב־דיענער איז אריינגעקומען.

— מארגען אין דער פריה זאלסט דוא אוועקטראָגען דיעזען בריעף צום אבער ריכטער, האט ער איהם געזאגט שארף.

דער דיענער האט געוואלט ארויסגעהן. דער גראף האט איהם צוריקגערופען

— זאלסט ווארטען, ביז דער אבער ריכטער וועט איבערלעזען דיעזען בריעף און זאלסט ביי איהם בעטען אן אנטווארט.

דער דיענער האט זיך פערנייגט און איז ארויסגעגאנגען. גראף מעראס האט זיך אויפגעהויבען און איז וויעדער ארומגעגאנגען אין זיין צימער.

— גיב מיר ליכט, גרויסער גאט! גיב מיר ליכט אין דיעזער פינסטערניס! האט ער אויסגערופען עטליכע מאל. איך וויס ניט, וואס אין דער לעצטער צייט קומט פאר ארום מיר. — גיב מיר ליכט, וואהרהייט און אויפקלערונג!

ביז שפּעט, שפּעט אין דער נאכט איז ער אזוי ארומגעגאנגען און האט געבע־טען ליכט און וואהרהייט.

6טער קאפּיטעל.

מוטער און זוהן.

טרויעריג איז געזעסען געאָרג פאן טאקקי אין זיין צימער. דריא וואכען זיינען שוין פערגאנגען, זייט עלווירא איז פערשוואונדען געווארען און ער האט נאך ניט געהאט ניט פון ארטהורן, ניט פון איהר קיין שום נאכריכט.

דער אלטער קארל, ארטהור'ס געוועזענער דיענער, איז שוין געוועזען ביי איהם צוויא מאל און האט געווייגט און געקלאגט, וואס ער האט פון ארטהורן קיין שום נאכריכט. דער אלטער מאן איז געוועזען אויסער זיך פאר שמערץ.

געאָרג האט ניט געוואוסט וואס צו דענקען פון ארטהורן: האט איהם פּאסירט אן אונגליק, איז איהם אזוי שלעכט אין פרעמדען לאנד, אז ער קען ניט שרייבען, אדער איז ער אזוי בייז אויף אלעמען, אז ער וויל ניט שרייבען?

— וואו איז עלווירא? פאר וואס שווייגט זיא? האט ער זיך אליין געפרעגט. וויא אזוי האט זיא געקענט פערגעסען אן איהר ברודער, אן איהר מוטער?

ער איז ניט בייז געוועזען אויף זיין שוועסטער, פאר וואס זיא איז אנטלאָפען מיט ארטהור'ן. ער האט געוואוסט, וויא שטארק זיא ליעבט איהם, ער האט אבער אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן, פאר וואס זיא שווייגט. ווען זיא איז אין א נויט, וואלט זיא זיך דאך געדארפט ווענדען צו איהם. זיא האט דאך א פערמעגען. זיא איז דאך רייך. ווען איהר מוטער וואלט ניט געוואלט איהר העלפען, וואלט ער עס געטאהן. ער וועט ניט לאזען זיין שוועסטער פאלען.

וואס מעהר ער האט געטראכט, אלס טרויעריגער און פערצווייפעלטער איז ער געווארען. ער איז ארומגעגאנגען אין זיין צימער, וויא א וואהנזיניגער און האט ניט געוואוסט וואס צו דענקען און וואס צו טאהן.

פלוצלונג האט זיך דיא טהיר געעפענט און זיין מוטער איז אריינגעקומען. געאָרג איז געבליעבען שטעהן איבערראשט. זייט עלווירא איז פערשוואונדען געוואָרען, האט געאָרג זעהר וועניג גערעדט מיט זיין מוטער. ער האט זיך מיט איהר ניט גע־קריעגט, זאנדערן האט זיך געהאלטען פון איהר פון דער ווייטענס. זיי זיינען געוועזן אונצופריעדען איינער מיט'ן אנדערן און פלעגען זוכען איבצומיידען איינער דעם אנדערן. געארג איז דאהער געוועזן זעהר איבערראשט, ווען ער האט דערזעהן זיין מוטער אין זיין צימער.

דיא גרעפין טאָקקי איז געוועזן אנגעטאן אין טרויער, איהר געזיכט איז געוועזן בלייך, וויא קאלך און איהרע אויגען זיינען געוועזן רויט און פערשוואלען פון וויינען. זיא האט זיך שטארק פערענדערט אין דער לעצטער צייט. זיא איז געוואָרען פיעל עלטער. איהרע האָר זיינען געווארען ווייס און איהר גאנג איז געוואָרען לאנגזאם.

— וואס איז, מוטער? האט געאָרג געפרעגט, וואס ווילסט דוא מיר עפּעס זאָגען?

דיא גרעפין האט געקוקט אויף איהר זוהן און האט ניט געענטפערט.

— וואס איז דיר, מוטער? פאר וואס געהסט דוא אנגעטאהן אין טרויער?

— איך בעטרויער מיין אונגליקליכע טאכטער, האט דיא גרעפין געענטפערט ערנסט. עלווירא האט אונז געמאכט צו שאנדע פאר דער גאנצער וועלט. איך ליעג פערשלאסען אין מיינע צימער און שעהם מיך צו ווייזען אויף דער גאס. איך וויל פון איהר מעהר ניט וויסען! זיא איז ניט מיין קינד! איך וויל זיא ניט קענען. זיא איז פאר מיר געשטארבען און איך בעטרויער זיא.

געארג האט געקוקט אויף זיין מוטער מיט שטוינען.

— איך ווייס ווירקליך ניט, וואס איך זאל דענקען פון דיר, מוטער, האט ער געזאגט, איך פערשטעה דיך ניט. זעהסט דוא דען ניט, אז עלווירא און ארטהור ליעבען זיך אזוי שטאַרק און אזוי הייליג, אז זיי קענען ניט לעבען איינער אהן דעם אנדערן? דוא האסט עס דאך פריהער געוואוסט. פאר וואס האסט דוא געוואלט זיא צווינגען, זיא זאל הייראטהען אנאנדערן? דוא האסט זיא געצוואונגען, זיא האט גע־מוזט אנטלויפען. איך זעה גאר ניט איין, וואס זיא האט דא געטאהן אזוי שלעכט, וואס זיא איז אנטלאָפען.

— שווייג, געאָרג! רעד ניט מעהר דערפון! האט זיך דיא גרעפין געבייזערט. וואס הייסט זיא האט קיין שלעכטעס ניט געטאהן? זיא האט דאך אונז געמאכט צו שאנדען. זיא איז דאך אנטלאפען מיט א פערברעכער, מיט א מענשען, וועלכער איז געוועזן פעראורטהיילט צום טויט דערפאר, וואס ער האט געמאכט פאלשעס געלד.

— ארטהור איז קיין פערברעכער, מוטער! האט געאָרג אויסגערופען. ארטהור האט קיין פאלשעס געלד ניט געמאכט.

— אזוי זאגסט דוא, דאס געריכט אבער האט אויסגעפונען, אז ער איז יא א פערברעכער און האט איהם פעראורטהיילט צום טויט פאר זיינע פערברעכען.

— מוטער, דוא ווייסט אזוי גוט וויא איך, אז ארטהור איז אונשולדיג. איך האָף, אז אין א קורצע צייט וועט זיך ענטדעקען דיא גאנצע אינטריגע פון זיינע פיינד־

און עס וועט זיך ארויסווייזען, אז ארטהור איז אונשולדיג. מען וועט איהם צוריקגע־בען אלע זיינע רעכטע און דער באראָן פאָן באטהיאני וועט נאָך זיין דעפוטאט אין לאנאסראטה. וויא ער איז געוועזען ביז אהער. ארטהור איז אן עדעלער מענש. א באראן פאָן באטהיאני שטעהט ניט ניעדעריגער פון א גראף טאקקי און זאגאר ניט ניעדעריגער פון א גראף פאן ראדעצקי.

דיא גרעפין האט אויף איהם געווארפען א בייזען בליק.

— וואס רעדסט דוא, נעאָרג? ווייסט דוא דען ניט, וואס עס האט פאסירט מיט ארטהורס פאטער? ווייסט דוא דען ניט, אז ער האט געמוזט אנטלויפען פון אונגארן און איז געשטארבען ערגעץ אין א פרעמדעס לאנד אליין, עלענד, פערלאסען און איינזאם?

— מוטערז רעד ניט פון טויטע. רעספעקטיר וועניגסטענס זייער אונגליק. דעם אלטען באראן פאן באטהיאני האט אויך געטראפען אן אונגליק, וויא עס האט גע־טראפען זיין זוהן. — איבעריגענס, מוטער, ביסט דוא דאך ניט געקומען אהער אום מיט מיר צו רעדען וועגען דער פאמיליע באטהיאני. דוא ביסט דאך געוויס געקומען וועגען עטוואס אנדערש. — זאג מיר, וואס פערלאנגסט דוא פון מיר?

— איך ווייס, אז דוא ביסט ארטהור'ס פריינד, האט דיא גרעפין געענטפערט, איך האב דאך א בעווייז, אז ער האט דיר געשריעבען א בריעף און האט דיר געמעל־דעט, אז ער פאהרט אוועק מיט עלוויראן. ווען ער האט דיר געשריעבען, ווען ער איז אוועקגעפאהרען, האט ער דיר געוויס שוין געשריעבען, וואו ער געפינט זיך יעצט. דאס וויל איך פון דיר וויסען.

— איך האב פון איהם ביז אהער קיין בריעף נאך ניט ערהאלטען און ווען איך וועל ערהאלטען א בריעף, וועל איך דיר ניט זאגען, וואו ער האלט זיך אויף.

— פאר וואס זאלסט דוא עס מיר ניט זאגען?

— ווייל איך קען ניט.

— וואס הייסט דוא קענסט ניט? האט דיא גרעפין געפרעגט בייז.

— איך קען עס ניט, מוטער!

— אזוי רעדסט דוא עס מיט דיין מוטער?

— איך קען מיט איהר אנדערש ניט רעדען.

— ווילסט דוא מיר אויף קיין פאל ניט ענטפערן אויף מיינע פראגען?

— איך קען דיר ניט אנטווארטען, מוטער.

— איז דאס דיין לעצטעס ווארט?

— איך קען קיין אנדערעס ווארט דיר זאגען.

— ווייסט דוא, וואס איך קען טאהן?

— איך ווייס ניט, מוטער.

— היט דיך, נעארג! דוא וועסט מיך צווינגען צו טאהן א זאך, וועלכעס איך וועל פיעלייכט אליין בערייען.

— וואס רעדסט דוא, מוטער? וואס קענסט דוא טאהן אזעלכעס?

— איך וועל אנצייגען אויף דיר אין געריכט. איך וועל זאגען, אז דוא ווייסט,

װאו דער פערברעכער געפינט זיך און װעל פארדערן, אז מען זאל מאכען ביי דיר א הויז אונטערזוכונג, מען זאל אויפברעכען דיין שרייב טיש און דיינע קאסטענס און מע זאל צונעהמען ביי דיר אלע דיינע פאפיערן. דאן װעט מען שוין װיסען, װאו עלװירא האלט זיך אויף.

— װען אנאנדער װאלט עס מיר געזאגט, װאלט איך מיך זעהר בעליידיגט, דיר אבער מוז איך עס פערצייהען, װייל דוא ביסט מיין מוטער. פערגעס אבער ניט, מוטער, אז איך בין אן אונגארישער מאגנאט. קיינער האט קיין רעכט צו קומען אין מיין הויז, װען איך ערלויב עס ניט. װען דיא סאלדאטען אדער דיא טינטפרעסער, דיא ריכטער, װעלען עס װאגען, װעלען זיי בעקומען צובראכענע קעפּ. — זיי זיכער, מוטער, אז מיינע געהיימניסע װעט קיינער ניט װיסען.

מעהר האט ער מיט איהר ניט געװאלט רעדען. דיא גרעפין איז נאך געזעסען איינינע מינוט אין געארגס צימער, דאן איז זיא אװעקגעגאנגען צו זיך, האט זיך גע־װארפען אויפ'ן דיװאן און האט אנגעהויבען צו װיינען.

— אויך דיעזער פּלאן איז ניט געלונגען! האט זיא אויסגערופען, אך! װאס טהוט מען? װאס פאר א ראטה קען איך מיר געבען? װען דער באראן זאל קומען! איך האב איהם עטליכע מאהל ניט געװאלט איפנעהמען, װייל איך בין געװען ניט אויפגעלעגט, װייל איך בין געװען זעהר טרויעריג. יעצט װאלט איך איהם אויפגענר מען. יעצט דארף איך איהם האבען.

קוים האט זיא ארויסגערעדט דיעזע װערטער, איז אריינגעקומען איהר קאמער־מערכען און האט איהר געמעלדעט, אז באראן נאגי איז געקומען און װיל מיט איהר רעדען.

— פיהר איהם אריין אין זאל, האט דיא גרעפין געהייסען און איז אויפגע־שפּרונגען פון איהר דיװאן.

עס איז א מערקװירדיגע זאך אין לעבען פון מענשען. עס מאכט זיך זעהר אפט, אז װען מיר רעדען פון א מענשען, קומט ער געראדע אן. עס האבען עס שוין בע־מערקט פיעלע געלערנטע און סענען עס ניט גוט ערקלערן. עס איז אבער א פאקט, אז װען א מענש געהט צו אונז, דאמאלס רעדען מיר געראדע פון איהם.

אין איינינע מינוטען ארום איז דיא גרעפין געשטאנען לעבען באראן נאגי אין זאל.

— איך האב אייך אזוי לאנג ניט געזעהן, הערר באראן, האט דיא גרעפין אויסגערופען, װיא קומט עס?

— איך בין ניט שולדיג, גנעדיגע פרוי. איך בין דא געװען עטליכע מאל און האב אייך ניט געקענט זעהן. מען האט מיר אלץ געזאגט, אז איהר זייט עפּעס ניט געזונד.

— עס איז װאהר, הערר באראן, איך האב מיך ביז אהער געפיהלט אזוי שלעכט, אז איך האב קיינעם ניט געקענט אויפנעהמען. איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, הערר באראן.

— איך ענטשולדיג אייך, גרעפין, האט נאגי געענטפערט ערנסט, איך פיהל

אייער שמערץ. איך ווייס, וואס איהר האט איבערגעליטען אין דער לעצטער צייט. יעצט אבער האב איך פון אייערטוועגען א פרעהליכע נאכריכט.

— א פרעהליכע נאכריכט? — זאגט, הערר באראָן!

— איך האף, אז אין פיערצעהן טאג ארום, וועט ארטהור פאן באטהיאני צוריק זיין אין בודאפעסט. איך האב שון בעזארגט, אז עלווירא זאל צוריקקומען אהיים.

— וואס רעדט איהר, באראָן? פון וואנען ווייסט איהר עס?

— איך קען אייך ניט זאגען, פון וואנען איך ווייס עס. איהר מעגט מיר אָבער גלויבען, אז איך זאג אייך דיא וואהרהייט.

— איך האב ערשט פריהער גערעדט דאריבער מיט מיט מיין זוהן, געאָרג. איך האב געמיינט, אז ער ווייס, וואו ארטהור געפינט זיך. ער ווייס אבער ניט, אדער ער וויל מיר ניט זאגען.

— אייער זוהן ווייס, וואו ארטהור פאן באטהיאני געפינט זיך? האט דער באראן איבערגעפרעגט.

— איך דענק אזוי.

— אלזא, וואס האט אייך אייער זוהן געענטפערט?

— ער וויל מיר ניט זאגען אלעס, וואס ער ווייס. דאס איז עס, ווארום איך האב אייך געוואלט זעהן. איך ווייס, אז איהר זייט א קלוגער; פיעלייכט וועט אייך געלינגען ארויסצוקריגען ביי איהם, וואו ארטהור געפינט זיך.

— ווען איהר אלס מוטער האט עס ניט געקענט ארויסקריגען פון איהם, וועל איך אלס פרעמדער עס געוויס ניט קענען, האט דער באראן געענטפערט, איך דענק אבער, אז עס איז גאר ניט נעטהיג. איך האב שוין אלעס געאָרדענט. איך האב ארויסגעשיקט מענשען, וועלכע וועלען נאכפאהרען ארטהור מיט עלוויראַ'ן און וועלען זיי געוויס ברענגען אהער.

— איך וואלט אייך זעהר דאנקבאר געוועזען, ווען עס זאל אייך געלינגען זיי צו ברענגען.

— זייט זיכער, גרעפין, זיי זיינען שוין אין אונזערע הענד.

— האט איהר זיך צוגעקוקט אין דער לעצטער צייט צום שטומען בעטלער? האט דיא גרעפין פלוצלונג געפרעגט.

נאני האט א שמייכעל געטאהן.

— איך האב עס נאך ניט געטאהן, האט ער דערביי געזאגט, וואס קען מען מאכען מיט אזא אונגליקליכען מענשען? וואס קען מען פון איהם וויסען?

— זאגט עס ניט, הערר באראָן. דענקט ניט אזוי לייכט פון שטומען בעטלער. איך בין איבערצייגט, אז ער שטעהט אין פערבינדונג מיט באראן פאן באטהיאני. וואס דיעזע צוויא מענשען געהערען זיך אָן? וויא זיי קומען איינער צום אנדערן? וואס פאר א פערהעלטעניס זיי האבען איינער צום אנדערן? — דאס ווייס איך ניט. עס איז פאר מיר א רעטעניש, וועלכעס איך קען אויך קיין פאל מיר ניט ערקלערן. איך ווייס אבער פאר געוויס, אז דער שטומער בעטלער שטעהט פאר ארטהורן וויא א

מויער. ער האט געבראכט עלוויראַ'ן א בריעף, אז ארטהור לעבט נאך. און ער האט דאמאלס איבערגעגעבען עלוויראַ'ן דעם בעגנאַדיגונגס בריעף פון'ם קייזער. געדענקט איהר, הערר בארָאן, ווען רויבער זיינען איבערגעפאלען עלוויראַ'ן אין וואלד און האבען זיא בערויבט?

נאגי איז געווארען בלייך, וויא קאַלך, און האט א ציטער געטאהן מיט'ן גאנצע קערפער.

— וואס זאגט איהר, גרעפין?

— דיא וואהרהייט, הערר בארָאן. — וואס מאכט עס אייך אבער אויס? עס קען דאך זיין, אז דער שטומער בעטלער האט געפונען דעם בריעף. איך קען ניט גלויבען, אז דער אלטער, שוואכער מאן איז א רויבער. איך האב אייך דערצעהלט דיא געשיכטע פון'ם בריעף נור אום אייך צו ווייזען, אז דער שטומער בעטלער אינטערעסירט זיך זעהר שטארק אין ארטהור'ן. איך האב דאמאלס זעהר גוט געזעהן, וויא ער איז געקומען גאנץ פריה צולויפען און האט איבערגעגעבען עלוויראַ'ן דעם בריעף. דאמאלס האב איך מיך ניט אומגעקוקט אויף דיעזען אומשטאנד. יעצט אבער דערמאָן איך מיך אלעס און איך דערצעהל עס אייך, אז איהר זאלט ניט האלטען אזוי גערינג דעם שטומען בעטלער.

נאגי איז געשטאנען, וויא אויף גליהענדע קוילען. ער האט יעצט אנגעהויבען צו פערשטעהן, ווער עס איז דאמאלס אויף איהם אנגעפאלען אין וואלד און ווער עס האט איהם דאמאלס פערוואונדעט. ער האט אבער ניט געוואלט ווייזען פאר דער גרעפין, וואס ער דענקט.

— איך קען עס מיר גאר ניט פארשטעלען, אז דיעזער אלטער און שוואכער שטומער בעטלער זאל זיין אזוי דורכגעטריעבען, אז ער זאל גאר פיהרען אן אינטריגע צווישען צוויא פערליעבטע, האט ער געזאגט. איך דענק, אז דער שטומער בעטלער פלעגט אפט בעקומען געלד פון ארטהור'ן. עלוויראַ איז אויך א גוטע און פלעגט איהם אפט שענקען געלד און קליידער. דערפאר פלעגט דער שטומער בעטלער זיין אזוי גע-טריי צו ביידען.

— ניין, הערר בארָאן, ניין! האט דיא גרעפין אויסגערופען, דאס מאל האט איהר ניט געטראפען. ווען דער שטומער בעטלער האט געבראכט עלוויראַ'ן א בריעף פון ארטהור'ן, האב איך איהם געוואלט געבען א צוואנציגער, ער האט איהם ניט גע-נומען. ווען דער שטומער בעטלער זאל אלעס טאהן נור צוליעב געלד, פאר וואס האט ער ביי מיר ניט גענומען דעם צוואנציגער?

בארָאן נאגי האט זיך פערטראכט.

— ווייסט איהר, גרעפין, אז איהר האט מיך באלד איבערצייגט, אז דער שטו-מער בעטלער שפיעלט דאָ עפעס א ראָללע? איך הייב אן צו דענקען, אז איהר האט פאלקאמען רעכט. וויא אזוי קען מען אבער עפעס ארויסקריגען פון א מענשען, וועלכער איז טויב און שטום? דאס איז א שווערע אויפגאבע. איך מוז עס מיר איבערלעגען.

ער האט נאך אוועקגערעדט מיט דער גרעפין אייניגע צייט איבער פערשיעדענע

זאַכען און האָט איהר נאָך אַמאָהל פערזיכערט, אַז ארטהור און עלווירא וועלען אין אַ קורצער צייט זיין צוריק אין דערהיים.

— איך וויל אַייך אָבער בעטען, איהר זאָלט עס ניט דערצעהלען אייער זוהן, געאָרג, ווייל וויא מיר ווייזט אוים, איז ער אַרטהורס בעסטער פריינד. ער קען איהם נאָך שרייבען, אַז מען פערפאָלגט איהם און ארטהור וועט ווייטער אַנטלויפען.

— דאָס איז זיכער! געאָרג ווייס פון אַלעס. איך אַליין היט מיר פאַר איהם. זייט זיכער, ער וועט ניט וויסען, פון וואָס מיר האָבען ביידע היינט גערעדט.

אַלזאָ, זייט געזונד, ליעבע גרעפין, איך האָף, אַז אין אַ קורצער צייט וועל איך אַייך ברענגען נאָך אַ בעסערע נאַכריכט.

זי האָט איהם געגעבען די האַנד און ער איז זיך אַוועקגעגאַנגען.

ער איז יעצט געלאָפען דורכ'ן וואַלד, וויא אַ וואַהנזיניגער. אין זיין הערצען האָט עס געקאָכט, גערוישט און געזאָטען, וויא אין אַ קעסעל. זיין האַרץ האָט געקלאַפּט וויא מיט האַמערס, זיינע באַקען האָבען געברענט, וויא פייער זיינע ליפּען האָבען געציטערט און האָבען געמורמעלט שרעקליכע ווערטער און זיינע הענד האָבען זיך צוזאַמענגעלעגט אין שרעקליכע פויסטען.

ער האָט זיך דערמאָנט, וויא ער איז דאַן געגאַנגען אין וואַלד, פול פרייד, וויאָס יאָזעף האָט איהם איבערגעגעבען דעם בעגנאַדיגונגס בריעף פון'ם קייזער און אַרטהור וועט מוזען בלייבען אַ הענקער. פלוצלונג איז מען אויף איהם אָנגעפאַלען און מען האָט איהם פערוואונדעט אין פלייצע.

— אַלזאָ, דער שטומער בעטלער איז עס דאַמאָלס אויף מיר אָנגעפאַלען! האָט ער אויסגערופען, — ער האָט עס מיך פערוואונדערט! — דאַן אָבער איז ער דאָך גאָר ניט שטום! איך האָב דאָך אַליין געהערט, וויא ער האָט דאַמאָלס גערעדט.

נאַגי איז געוועזען אויסער זיך, אויף אַזאַ שלאַג האָט ער זיך ניט געריכט.

— עס איז צום וואַהנזיניג ווערען, האָט ער אויסגערופען, וויא אַזוי קען מען אויסגעפינען, ווער דיעזער שטומער בעטלער איז? וואָס ער טהוט דאָ? וואָס געהערט ער זיך אָן מיט ארטהור פאָן באַטהיאַני? די גרעפין פאָן טאָקקי איז קליגער פון מיר. זי האָט פערשטאַנען דעם שטומען בעטלער בעסער פון מיר. זי האָט איהם דערקענט, איך אָבער האָב שטענדיג גערעכענט, אַז דאָס איז אַן אינגליקליכער, וועלכער וויים פון גאָרנישט און פערשטעהט גאָרנישט.

ער איז ענדליך געקומען אַהיים און איז אַריינגעקומען אין גרויסען זאַל און האָט דאָרט געטראָפען זיין פרוי זיצען פערטרויערט און פערטראַכט. זייט עלווירא איז פערשוואונדען, איז די גרעפין געוואָרען טרויעריג און פלעגט אין ערגעץ ניט געהן און ניט פאָהרען.

ווען נאַגי איז אַריינגעקומען אין זאַל האָט זי באַלד דערקענט, אַז איהם האָט פּאַסירט עפּעס אונאַנגענעהמעס. זי האָט געזעהן, אַז ער איז בלייך און אויפגערעגט.

— וואָס איז דיר, נאַגי? האָט די גרעפין געפרעגט, וואָס איז געשעהן?

— גאָר ניט און זעהר פיעל.

— רעד דייטליכער, אַזוי פערשטעה איך ניט.

— איך וויל דיך עפעס פרענען.

— פרעג! זאג! נור שווייג ניט.

— געדענקסט דוא, אז דוא האסט אמאל געשריעבען א בריעף צום וויצע קעניג פון אונגארן און מען האט ביי דיר דיעזען בריעף צוגענומען?

— איך געדענק עס זעהר גוט. איך האב אנגעשריעבען א בריעף און האב איהם געלאזט ליעגען אויף מיין שרייב טיש. פלוצלונג איז ער פערשוואונדען געווארען.

— איז קיינער ניט געווען דאמאלס אין צימער?

— קיינער איז דאמאלס ניט געווען.

— איז דאמאלס ניט אריינגעקומען דער שטומער בעטלער אדער דער אלטער יאקקי, וויא זיי רופען איהם?

— יא, ער איז דאמאלס געראדע אריינגעקומען אין צימער.

— האט ער עפעס ניט געזאגט?

— ניין. ער איז דאך שטום.

— דאס איז עס, אייזשעניע, וואס בעאונרוהיגט מיך. מיר דאכט, אז דער אלטער יאקקי איז גאר ניט שטום.

— וואס רעדסט דוא, נאני? דאס קען ניט זיין!

— ליידער, קען עס יא זיין.

— פון וואנען ווייסט דוא עס?

נאני האט איהר דערצעהלט אלעס, וואס ער האט היינט גערעדט מיט דער גרעפין. דערביי האט ער איהר ניט פערשוויגען, אז מען איז אמאל אויף איהם אנגעפאלען ביי נאכט און מען האט איהם פערוואונדעט.

דיא גרעפין איז צוריקגעפאלען אויף איהר דיוואן אין דער גרעסטער פערצווייפלונג. זיא האט אנגעהויבען מורא צו האבען פאר'ן שטומען בעטלער. זיא האט געוואוסט, אז נאני שפאסט ניט; זיא האט געוואוסט, אז ווען נאני האט שוין מורא פאר וועמען, איז געוויס דא פאר וועמען מורא צו האבען.

איינגע מינוטען איז זיא געלעגען מיט פערמאכטע אויגען און האט געטראכט. ענדליך האט זיא געזאגט לאנגזאם:

— עס קען זיין, אז דוא האסט רעכט.

— איך האב געוויס רעכט.

— דער שטומער בעטלער איז טאקי א שפיאָן. ער האט זיך פערשטעלט פאר א שטומען אום נאכצוקוקען אלעס, וואס מיר טהוען.

— צו וואס טהוט ער עס אבער? ווער צאהלט איהם דערפאר?

— דאס שיקזאל, נאני, האט דיא גרעפין געזיפצט, דאס שיקזאל וויל אונז פערדערבען. איך האב עס שוין לאנג געזאגט. דוא האסט מיך אויסגעלאכט. יעצט זעהסט דוא אליין, אז איך האב רעכט געהאט.

— אלזאָ, וואס ווילסט דוא? האט נאני געפרעגט בייז. ווען דוא ווילסט טאהן, וואס דיעזעס שיקזאל הייסט דיר, מעגסט דוא עס טאהן, איך וויל דיך ניט בעגלייטען אויף אזא וועג.

— דאס איז שטענדיג געווען דאס אונגליק, האט דיא גרעפין געזיפצט, — ווען איך פלעג אנהויבען מיט דיר צו רעדען און דיך צו בעטען, זאלסט מעהר ניט געהן אויף דעם וועג, וועלכען דוא האסט דיר גענומען, פלעגנסט דוא מיך אויסלאכען.

דוא פלעגנסט זאגען, אז דוא מוזט אויספיהרען, וואס דוא ווילסט. יעצט זעהסט דוא שוין אליין, אז ניט אלע דיינע פלאנען געלינגען. עס איז דיר קיין איינציגער פלאן ניט געלונגען. דוא האסט געוואלט מאכען ארטהור פאן באטהיאני פאר א הענקער, — דער קייזער האט איהם בעגנאדינט. דוא האסט געוואלט איהם ברענגען אויפ'ן עשא־פאט, — דעם הענקערס טאכטער האט איהם בעפרייט. דוא האסט געוואלט, אז עלווירא זאל הייראטהען מאקס'ן, — זיא איז אנטלאפען מיט איהר געליעבטען. דוא האסט געקויפט דאס שלאס באטהיאני, — ארטהורס קינדער וועלען עס ביי דיר אפ־נעהמען. — וואס איז דיר אלזא געלונגען פון אלע דיינע פלענער?

אך! איך זעה, וויא שווארצע וואלקענס ציעהן זיך צונויף ארום אונזערע קעפ; איך הער שוין, וויא פון דערווייטען קנאקט דער דונער. דער שטורם וועט באלד אויסברעכען איבער אונז. לאמיר אנטלויפען, זא לאנג עס איז נאך צייט. באלד וועט עס שוין זיין צו שפעט. איך זעה שוין, אז שטומע הייבען אן צו רעדען. באלד וועלען בלינדע אנהויבען צו זעהן. דיא שטיינער פון דיא ווענט וועלען שרייען, דיא קלעצער פון'ם וואלד וועלען דערצעהלען. דאן זיינען מיר פערלארען. דאן וועט קומען דאס שרעקליכע ענדע.

נאני האט גאנץ רוהיג אויסגעהערט אלעס, וואס זיא האט געזאגט. דאן האט ער זיא בעטראכט איינינע מינוט שטילערהייט. זיין געזיכט איז געווארען ערנסט און פינסטער. זיינע אויגען האבען אנגעהויבען צו ברענען און זיינע ליפען האבען געצי־טערט.

— נארישע, קורצזיכטיגע פרוי! האט ער ענדליך געזאגט מיט זיין שארפער, אייז קאלטער שטימע. דוא זעהסט גאר ניט, הערסט גאר ניט, פערשטעהסט גאר ניט און וואגסט נאך צו זאגען, אז דאס ענדע איז נאהענט. ווטמען זאגסט דוא עס? — דעם מענשען, וועלכער האט דיך גליקליך געמאכט? דעם מענשען, וועלכער האט דיך ארויסגענומען פון א טיעפען אפגרונד און האט דיך אניעדערגעשטעלט אזוי הויך, אז פירסטען און גראפען קריכען פאר דיינע פיס. דוא מיינסט, אז אלעס האט זיך געענ־דיגט, ווייל דוא זעהסט ניט ווייטער פון דיין שפיץ נאז. דוא ציטערסט פאר יעדען האוך, ווייל דוא פערשטעהסט איהם ניט. דוא קענסט ניט דיא וועלט און ווייסט ניט, וואס זיא פערלאנגט און ווטמען זיא פערגעטערט. מען מוז זיין שטאלץ געגען דער וועלט. הייב אויף דיא האנד אין דער הויך און גיב יענעם א זעץ איידער ער ריהרט דיך אן. נור דורך שרעקען קען מען בעהערשען דיא וועלט. ווייסט דוא, וואס דער רוימישער קייזער נערא האט געזאגט?

דיא גרעפין האט איהם אנגעקוקט. זיא האט גאר ניט געוואוסט, אויב אין רוים איז אמאל געווען א קייזער און וויא ער האט געהייסען.

— דער קלוגער נערא האט געזאגט, ער ווינשט, אז אלע מענשען זאלען האבען נור איין קאפ, אום ער זאל איהם קענען אפהאקען מיט איין מאל. שרעק, געוואלד,

מעסער, פיסטאָלעט, אייזען און בליי בעהערשען דיא וועלט. ארטהור פאן באמהיאני וועט ניט לעבען. איך זאג עס דיר און איך וועל האלטען ווארט. עלווירא מוז היי־ראטהען מאקס'ן, ווען דיא גאנצע וועלט זאל זיך איבערקעהרען. איך וויל אזוי און עס וועט זיין אזוי. מיט מיר שפאסט מען ניט.

ער האט עס געזאגט אזוי שטרענג און אזוי זיכער, אז דיא גרעפין האט זיך דערשראקען פאר איהם, זיא האט איינגעזעהן, אז ער איז אים שטאנד אויסצופיהרען, וואס ער זאגט. זיא האט געזעהן פאר זיך דעם שטארקען, פעסטען מאן, צו וועלכען פרויען האבען געוועהנליך אזוי פיעל צוטרויען.

דיא פרוי איז געוואינט צו קוקען אויף א מאן, אלס אויף א העלד. ער מוז זיין שטארק און פעסט וויא אייזען. דאן האט זיא פאר איהם רעספעקט. דאן ציטערט זיא פאר איהם און גלויבט איהם. א פרוי קען ניט שעצען א שוואכען מאן, וועלכער ציטערט און פלאָ־ערט פאר יעדע קלייניגקייט. דאן איז דיא פרוי שטארק און פער־אכטעט דעם מאן, וועלכער איז שוואך.

ווען נאני וואלט יעצט נאכגעגעבען און וואלט געזאגט, אז זיי געפינען זיך ווירק־ליך אין געפאהר, וואלט זיא איהם פערוויינט דעם קאפ. יעצט אבער, ווען ער האט געוויעזען, אז ער האלט זיך פעסט און איז בערייט צו פערניכטען זיינע פיינד, האט זיא אנגעהויבען איהם צו רעספעקטירען.

— ענטשולדיג מיר, נאני, וואס איך האב אזוי גערעדט צו דיר, האט זיא גע־זאגט מיט א שוואכער שטימע. איך האב מיך אזוי דערשראקען, ווען דוא האסט מיר דערצעהלט. אז דער שטומער בעטלער קען גאר רעדען, אז איך האב ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיר. יעצט אבער בין איך רוהיג. יעצט ווייס איך, אז דוא ביסט דער מאן, וועלכער וועט אַיעמען צוטרעטען מיט דיא פיס. — זאג מיר נור, וואס דענקסט דוא צו טאהן מי־ין שטו־־ בעטלער?

— יעצט, איישעניע, וועל איך דיר שוין מעהר ניט זאגען פריהער, וואס איך וויל טאהן. דוא וועסט זעהן אלעס און וויסען אלעס, ווען עס וועט זיין אפגעטאהן.

— איך האב מורא פאר'ן שטומען בעטלער, האט דיא גרעפין געזאגט. ער איז געוועזען אן אָפטער איינגעהער צו אונז אין שלאס. ווען ער רעדט און הערט, האט ער געווים אויסגעשפיאָנירט אלע אונזערע געהיימניסע.

— זיי רוהיג, איישעניע, דער שטומער בעטלער וועט אונז מעהר ניט שאדען. איך וועל איהם שוין בעזארגען.

— וואס ווילסט דוא טאהן מיט איהם?

— פרעג ניט, עס וועט שוין רעכט זיין, האט נאני געזאגט, האט זיך אויסגע־דרעהט און איז צוגעגאנגען צו דער טהיר.

דארט איז ער געבליעבען שטעהן א פאר מינוט און האט אויסגערופען:

— גוטע נאכט, איישעניע! שלאָף רוהיג! אלעס וועט ווידער גוט ווערן. מיט דיינע ווערטער איז ער פערשוואונדען געווארען.

דיא גרעפין האט געקוקט איינינע אויגענבליקע אויף דער טהיר, דורך וועלכע

ער איז פערשוואונדען געווארען, דאן האט זיא זיך צוריקגעווארפען אויף איהר דיוואן, האט פערדעקט איהר געזיכט מיט דיא הענד און האט אנגעהויבען צו וויינען.

— עס איז ניט וואהר, האט זיא געוויינט. עטוואס שרעקליכעס וועט געשעהן. איך האב מורא, אז מען ווייס אונזערע געהיימניסע. וויא קלוג און וויא דורכגעטריעבען דוא ביסט, נאני, האט זיך געפונען א קלינערער פון דיר, וועלכער האט דיך אפגענארט. דער שטומער בעטלער איז קלינער פון דיר. ער קען דיך און האט דיך אויסגעפארשט. איך ווייס ניט, וואס עס איז מיט מיר. איך האב מורא פארן שטומען בעטלער. מיר ווייזט זיך אויס, אז ער ווייס אלעס. — אך! איך פיהל, אז דיא בייזע צייט קומט אן. זיא געהט מיט ריעזען שריט. איך וויל מיך אבער ניט אונטערגעבען אזוי לייכט. איך וועל מיך שטעלען געגען איהר. איך וועל קעמפפען און פאלען, וויא א העלדין.

זיא איז אויפגעשפרונגען פון'ם דיוואן, אויף וועלכען זיא איז געזעסען, האט גענומען א ליכט און איז געגאנגען אין איהר שלאף צימער. דארט האט זיא אוועקגעשארט א טעפיך (קאָוויאָר) וועלכער האט געהאנגען פאר איהר בעט, און האט אויפגעשלאסען דיא טהיר פון א קליין קעמעריל.

זיא איז אריינגעגאנגען אין דיעזען קליינעם קעמעריל און האט זיך אומגעקוקט. אויף דער ערד איז געלעגען א בינטעל זאכען. מען האט געקענט זאגען, אז דאס איז א בינטעל אלטע קליידער.

— דוא ביסט מיין איינציגער טרייסט! האט זיא געזאגט.

זיא האט זיך איינגעבויגען, האט אויפגעהויבען דאס בינטעל, האט עס געעפענט און האט עס בעטראכט. אין בינטעל זיינען געווען קליידער. דיא גרעפין האט עפעס אנגעהויבען צו זוכען צווישען דיא קליידער. פלוצלונג איז זיא געווארען בלייך, וויא קאלך. — זיא האט ניט געפונען, וואס זיא האט געזוכט.

— גרויסער גאָט! האט זיא אויסגערופען, וואס איז דאס? עס פעהלט מיר דאס וויכטיגסטע! וואו האט דאס געקענט אהינקומען

— זיא האט אנגעהויבען צו זוכען אין אלע קעשענעס פון דיא אלטע קליידער און האט ענדליך געפונען א פעקעלע פאפירען.

— גאט זיי דאנק! האט זיא אויסגערופען. עס איז דא. איך בין געראטעוועט. יעצט בין איך רוהיג. יעצט האב איך עס.

זיא האט צוגעפרעסט צום הארצען דאס פעקעלע פאפירען, גלייך, וויא עס וואלט געווען א געליעבטעס קינד. דאן האט זיא עס ווידער אריינגעלעגט אין א קעשענע, האט עס גוט פערוויקעלט, האט ווידער צונויפגעלעגט דאס בינטעל, האט עס פערבונדען און צוריקגעלעגט אויפ'ן אָרט.

דאן איז זיא ארויסגעגאנגען פון קעמעריל, האט עס פערמאכט און האט בעהאלטען דאס קליינע שליסעלע ביי זיך אין בוזים.

— יעצט איז אלעס ווידער גוט, האט זיא געזאגט און האט זיך געלעגט שלאָפען.

אין דער צייט, וואס דיא גרעפין האט זיך בעשעפטיגט מיט איהר געהיימניס, האט זיך נאני בעשעפטיגט מיט זיין געהיימניס.

ער איז געקומען צו זיך אין צימער, האט פערשלאסען דיא טהיר, פערמאכט דיא לאַדען און זיך געזעצט צו זיין שרייב טיש. ער האט ארויסגענומען א גרויסען בויגען פאפיער און האט אויף איהם אניעדערגעלעגט א גרויסען זיעגעל מיט רער אונ־גארישער קרוין.

— דאס איז גענוג, האט ער געזאגט צו זיך אליין, אויף דיעזען בויגען פאפיער קען מען אנשרייבען, וואס מען וויל. קיינער וועט ניט צווייפלען, אז דאס איז א בעפעהל פון'ם מיניסטער. דיא טערקען וועלען געוויס ניט דערקענען, אז דאס איז א פאלשער האַטבעפעהל. זיי וועלען זיך איבערשרעקען פאר א בעפעהל פון'ם אונגארישען וויצע קעניג. — עס איז גוט, ווען מען קען האבען ביי זיך דיא זיעגעל פון אלע גרויסע פון לאנד. מיט אזא זיעגעל קען מען פיעל מאכען.

יעצט, באראָן פאָן באטהיאני, וועסט דוא זיך שוין ניט ארויסדרעהען פון מיינע הענד. איך וויים, אז דוא ביסט אנטלאפען קיין טירקיי; עס איז דיר זאגאר געלונגען אריבערצוגעהן דיא טירקישע גרענעץ. דאס וועט דיר אבער ווענינ העלפען. ווען א טירקישער פאשא וועט דערזעהן דיעזעס פאפיער, וועט ער דיך בינדען, וויא א שעפּס און וועט דיך צושטעלען קיין אונגארן. פרעה זיך, ארטהור פאן באטהיאני! פרעה זיך, עלווירא! איהר וועט זיך ניט אויסבעהאלטען פון'ם קלונען נאגי!

ער האט זיך געזעצט שרייבען און האט בעשריעבען דעם גאנצען בויגען פאפיער. ווען ער האט געענדיגט, האט ער איהם איבערגעלעזען א פאר מאל און וויא עס האט אויסגעוויעזען, איז ער צופריעדען געווען מיט זיין שרייבען, ווייל ער האט צונויפגעלעגט דאס פאפיער, האט עס אריינגעלעגט אין א קאנווערט און האט עס פערזיעגעלט.

— דיא אדרעסע וויים איך דאך. יאזעף האט מיר געזאגט, אז ער האנדעלט מיט מאַהאמעד עססעטטי עפענדי אין אנדריאנאפאל. ווען דער ליעבענס־ווירדינער טערק וועט דערזעהן דעם בריעף, וועט ער לויפען אין פייער און אין וואסער. — אלזא, מארגען שיק איך עס אוועק מיט דער פאסט. יאזעף וועט שוין טאהן, וואס מען דארף.

יעצט בלייבט מיר נאך איבעריג דער שטומער בעטלער. מיט איהם דארף איך ניט מאכען קיין צערעמאָניען. ער מוז שטארבען און דיא גאנצע געשיכטע האט אן ענדע. ווער וועט זיך עס אומקוקען, ווען מען וועט געפינען טויט דעם שטומען בעטלער? מען וועט איהם ערגעץ פערשאררען אין דער ערד, וויא א הונד און דיא גאנצע געשיכטע האט אן ענדע.

מארגען מוז איך אויסזוכען זיין וואהנונג. מען האט מיר געזאגט, אז ער האלט זיך אויף ערגעץ אין א שטיבעלע אין עק דאָרף. דאס וועט ניט שווער זיין אויסצוגע־פינען. איך וועל מיך שוין אנפרעגען, וואו ער וואהנט.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאכט, ווען נאגי האט געענדיגט זיין שרייבען. ער האט זיך, דאכט זיך, אין גאנצען בערוהיגט, און דענאך איז ער נאך ארומגעגאנגען א לאנגע צייט אין זיין צימער און האט זיך געלעגט שלאפען ערשט, ווען אין אָסטען (מ.רח) האט זיך געוויעזען דער ערשטער שטראהל פון'ם נייען טאג.

7 טער קאפיטעל.

נאגי און דער שטומער בעטלער.

עס איז שפעט אין דער נאכט. דער שטומער בעטלער איז געזעסען אין זיין ארימעס שטיבעלע און האט עפעס געשריעבען.

— עס איז שוין צייט אויסצוטרעטען עפענטליך! האט ער אויסגערופען. די נייסטליכער וויל עס ניט, ער האט מורא פאר זיין שטעלע, ער קען ניט ארויסטרעטען עפענטליך. ער איז ניט זיכער. ער וויים נאך ניט, אויב מען וועט איהם גלויבען. איך בין אבער זיכער. איך קען שוין דיא באנדע. איך וויים שוין, אז זיי האבען איהם געבראכט אויפ'ן עשאפאט. איך וויים שוין אלעס. איך האב בעסער געהערט פון'ם נייסטליכען. איך פערשטעה עס בעסער פון איהם. איך האב מעהר געלעבט אין דער וועלט פון איהם. איך בין דאך....

ער האט ניט געענדיגט, וואס ער האט געוואלט זאגען. ער האט מורא געהאט עס ארויסצוזאגען פאר דיא פיער וועגד פון זיין שטיבעלע.

— אך, גאט! דו ערלויבסט עס? דו לאזט דיא שלעכטע מענשען טאהן, וואס זיי ווילען? ביסט דו שלעכטער און ווילדער פון דיא מענשען, וועלבע דו האסט בעשאפען? דו זעהסט, וואס דיא שלעכטע טהוען און שיקסט ניט דיינע בליצען זיי צו פערניכטען? — נה, גוט! ווען דו ווילסט אונז ניט העלפען, מוזען מיר אליין זיך העלפען. ווען דו שווייגסט, וועל איך עס ניט שווייגען. איך האב מיטעל, מיט וואס צו העלפען דעם אונגליקליכען און איך וועל איהם העלפען.

וואו איז אבער אלעקסאנדער? פאר וואס איז ער נאך ניט געקומען אזוי שפעט? ער דארף שוין זיין אין דערהיים.

אזוי וויא ער האט אזוי גערעדט, האט ער געהערט קלאפען אין דער טהיר. ער איז געלאפען עפענען, און אלטער מאן איז אריינגעקומען אין צימער.

— וואו האסט דו זיך אזוי שפעט פערזאמט? איך ווארט שוין אויף דיר מעהר אלס דריי שטונדען? האט דער שטומער בעטלער געפרעגט.

— איך האב אומיסטען מיך פערשפעטיגט, האט דער אנדערער געענטפערט. איך וויים, אז נור יעצט, אזוי שפעט אין דער נאכט, זיינען מיר זיכער און קענען רעדען, וואס מיר דארפען.

— דו האסט רעכט, אלעקסאנדער, מיר מוזען זיין זעהר פארזיכטיג.

— איך וויים עס, אלטער פריינד.

— אלענפאלס ביסט דו געקומען צו דער רעכטער צייט.

— האסט דו שוין אנגעשריעבען דעם בריעף? האט אלעקסאנדער געפרעגט.

— איך האב איהם שוין אנגעשריעבען.

— אלזא, זאל איך באלד פאהרען קיין בודאפעסט?

— נעוויס! דו דארפסט פאהרען גלייך צו גראף מעראס. ער איז דער איינציגער וועלכער קען זעהר פיעל טאן אין דיעזער בעציהונג. יעצט, אלעקסאנדער, קענסט דו דאך טאהן פאר מיר, וויא פאר זיך. פערגעס ניט, אז יעדע מינוטע איז טהייער

דיא מוזט פאהרען, וויא אם שנעלסטען. בלייב און ערגעץ ניט שטעהן. איך האב וועדער מורא, מען זאל זיי ערגעץ ניט אויפהאלטען ביי דער גרענעץ אדער דער טוינעניכטס, נאגי, זאל זיי ערגעץ ניט אויפהאלטען אין דער טירקיי.

— דוא דארפסט מיר ניט ערקלערן, אלטער פריינד. איך וויס אליין, וויא וויכטיג דיעזער בריעף איז. איך אליין וויל זעהר אויפדעקען דיא גאנצע געשיכטע און וויזען דיא וועלט, וויא ניעדערטרעכטיג דיעזע מענשען זיינען. — גיב מיר דעם בריעף. אלעס איז פערטיג, איך פאהר באלד אוועק.

דער שטומער בעטלער האט צונויפגעלעגט דעם בריעף און האט איהם געוואלט פערזיעגלען.

אין דער צייט, וואס ער האט גערעדט מיט זיין פריינד אלעקסאנדער, איז נאגי געשטאנען אונטערן פענסטער און האט זיך צוגעהערט.

— עס איז ריכטיג, האט ער געמורמעלט. דער שטומער בעטלער רעדט זעהר גוט. ער האט זיך געמאכט פאר א שטומען, אום ער זאל קענען בעסער שפיאָנירען, ביי איהם איז דא איינער. ווער זאל עס זיין? איז עס ניט א צווייטער שפיאָן? איך מוז עס וויסען! וויא עס וויזט אויס, געפינט זיך דא א גאנצע בענדע שארלאטאנעס, וועלכע שפיאָנירען, פערשטעלען זיך און שפיעלען קאמעדיע. איך מוז וויסען, ווער זיי זיינען. וואס האב איך פאר זיי מורא?

ער איז צוגעגאנגען צו דער טהיר און האט אנגעהויבען שטארק צו קלאפען.

דער שטומער בעטלער האט נור וואס געוואלט פערזיעגלען זיין בריעף, ווען ער האט געהערט קלאפען אין דער טהיר. ער און אלעקסאנדער האבען זיך דערשראקען און האבען אנגעקוקט איינער דעם אנדערן מיט שרעק און שטוינען.

— געה, אלעקסאנדער, אין מיין שלאף צימער. מען דארף דיך ניט טרעפען ביי מיר, האט דער שטומער בעטלער געזאגט. דאס פענסטער אין מיין שלאף צימער איז אָפען, דוא קענסט ארויסגעהן דורכ'ן פענסטער. איך מוז זעהן, ווער עס איז געקומען צו מיר אזוי שפעט. דאס איז עפעס א נייעס. צו מיר קומען קיינע געסט, בעזאָנדערס אזוי שפעט ביי נאכט.

אלעקסאנדער איז אריינגעגאנגען אין אנדערן צימער, וואו עס איז געשטאנען דאס בעט פון'ם שטומען בעטלער. אין איינינע מינוט ארום איז ער פערשוואונדען.

אין דרויסען האט מען אנגעהויבען צו קלאפען שטארקער און א פעסטע שטימע האט אויסגערופען:

— עפענט!

דער שטומער בעטלער איז געווען פאַרזיכטיג. ער האט אריינגעווארפען דעם בריעף אין א קאסטען, האט איהם פערשלאסען, דאן האט ער געעפענט דאס פענסטער

— עפענט! האט ווידער אויסגערופען א גראָבע, פעסטע שטימע.

דער שטומער בעטלער האט געעפענט דיא טהיר. נאגי איז אריינגעקומען אין צימער.

— אזוי? דוא ביסט נאר אליין? האט ער געפרעגט דעם שטומען בעטלער.

דער שטומער בעטלער האט געמאכט צייכענס, אז ער פערשטעהט ניט, וואס מען רעדט צו איהם.

— הער נור, אלטער! ביי דיר איז געוועז א מענש! האט נאני אויסגערופען.

דער שטומער בעטלער האט איהם געקוקט גלייך אין דיא אויגען; ער האט ניט געהערט, וואס מען רעדט צו איהם.

— הער אויף צו שפיעלען דיא ראָללע פון א שטומען! האט נאני אויסגערופען מיט א הויכער שטרענגער שטימע. איך וויים, אז דוא ביסט א געפעהרליכער בעטריגער. דוא ביסט ניט שטום. איך האב אליין געהערט, וויא דוא רעדסט. דוא האסט נור וואס גערעדט מיט איינעם. ווער איז דער מאן, מיט וועמען דוא האסט גערעדט און וואו איז ער? — ענטפער!

דער אלטער יאקקי האט ווייטער געשפיעלט זיין ראללע אלס טויבער און שטומער. ער האט גערעכענט, אז ער וועט זיך דאך אויסדרעהן, ווען ער וועט שפיעלען זיין ראללע.

— דוא ענטפערסט ניט? האט נאני געשריען פול מיט צארן, דוא ווילסט ווייטער שפיעלען דיין ראללע אלס שטומער? — נון, וועל איך אליין אויסגעפינען, ווער דיין גאסט איז געוועז.

ער האט געעפענט דיא טהיר פון דעם קליינעם קעמעריל, וואו דער שטומער בעטלער פלעגט שלאפען. — עס איז לעדיג. ער האט זיך אומגעקוקט, — דאס פענסטער איבערן בעט שטעהט אפען.

— וואס הייסט דאס? האט ער אויסגערופען. דיין גאסט איז אנטלאפען דורך דאס פענסטער. אזוי? דוא פאלשער בעטריגער! דוא שפיאן! — צום לעצטען מאל האסט דוא אויפגענומען יענעם גאסט ביי זיך! דוא וועסט שוין קיינעם מעהר ניט בעטריגען.

דער בעטלער האט א קוק געטאהן אויף באראן נאני און איז געווארען בלייך, וויא קאלך. נאני'ס אויגען האבען געברענט מיט א העליש פייער. זיין געזיכט איז געוועז אנגעצונדען און פון זיינע ליפען האט געשפריצט א ווייסער שוים.

— זאג מיר, ווער ביסט דוא? האט נאני געשריען.

דער בעטלער האט געשוויעגען.

— זאג, ווער דוא ביסט! האט נאני ווייטער געשריען. איך וויים, אז דוא האסט אמאל אויף מיר געשאָסען, דאן האסט דוא מיך בערויבט.

דאס געזיכט פון'ם שטומען בעטלער איז געווארען רויט, וויא פייער. זיינע אויגען האבען אנגעהויבען צו פונקלען. ער האט געוואלט עפעס זאגען, ער האט זיך אבער צוריק געהאלטען. ער האט געוואוסט, אז ער טאָר נאך ניט ארויסטרעטען עפענטליך געגען נאני. ער האט דאהער בעשלאסען זיך צו פערטהיידיגען, וויא וויים ער וועט קענען.

— דוא שווייגסט? דוא ענטפערסט מיר ניט? — נון, דאן מוזט דוא שטארבען! האט נאני אויסגערופען און האט ארויסגעהאפט פון קעשענע א פיסטאלעט.

דער שטומער בעטלער האט זיך אומגעקוקט, גלייך וויא ער וואלט גערוכט עפּעס מיט וואס זיך צו פערטהיידיגען.

נאני האט עס פערשטאנען און האט אנגעהויבען צו ציעלען מיט זיין פּיסטאָלעט אויף'ן בעטלער. שנעל, וויא א קאץ, האט זיך דער בעטלער אויסגעדרעהט, האט זיך אנגעבויגען, איז ארונטער געקראָכען אתטערן טיש און האט אנגעחאפּט נאני ביי דער האנד. — דער פּיסטאלעט האט אויסגעשאָסען. דיא קוגעל האט געטראפען אין דער וואנד.

— דוא אלטער רויבער און מערדער! האט נאני אויסגערופען, דוא ביסט נאך גענוג קרעפטיג און גענוג געשיקט פאר דיינע יאהרען. ווען דיא קוגעל האט דיך ניט געטראפען, וועט דיך טרעפען מיין מעסער.

ער האט ארויסגעחאפּט א מעסער און האט איהם געוואלט אריינשטעכען דעם אלטען אין הארצען. דער אלטער מאן אבער האט זיך געוועהרט. נאני איז אויף איהם ארויפגעפאלען, זיי האבען אנגעהויבען זיך צו ראנגלען.

דער קאמפף האט געדויערט ניט לאנג. דער שטומער בעטלער איז געווען צו אלט און צו שוואך צו ראנגלען זיך מיט דעם שטארקען און קרעפטיגען נאני. אין איינינע מינוט איז דער שטומער בעטלער געלעגען אין א טייך בלוט.

נאני האט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד.

— דוא האסט שוין גענוג, האט ער געזאגט, דוא וועסט שוין מעהר ניט שפּיאָ-נירען. — יעצט בין איך לויז געווארען פון א שרעקליכען פיינד.

ער האט זיך אומגעקוקט און שטוב. דער שטומער בעטלער איז געלעגען טויט. עס איז ניט געווען צו בעמערקען אין איהם קיין צייכען פון לעבען. קיין גליעד האט זיך ניט גערירט אין איהם. מען האט ניט געהערט פון איהם קיין האוך.

— ער איז טויט, האט נאני געזאגט צו זיך אליין. איך בין פון איהם לויז געווארען.

מיט דיעזע ווערטער איז ער ארויסגעגאנגען פון צימער.

קוים איז ער אוועקגעגאנגען א פּאָר שריט, איז צו איהם צוגעקומען א הויכע געשטאלט און האט געזאגט:

— אה, הערר באראן, איהר האט דארט ערמארדעט איינעם!

נאני האט א ציטער געטאהן און האט זיך אומגעקוקט. פאר איהם איז געשטאנען זיין אלטער, גוטער פריינד, דער באנדיט שעק.

— טויגעניכטס, וואס ווילסט דוא פון מיר? האט ער אויסגערופען.

— געלד, הערר באראן! האט דער באנדיט געענטפערט.

נאני איז געבליעבען שטעהן, וויא א צומישטער. ער האט ניט געקענט פער-שטעהן, וויא אזוי שעק איז געקומען אהער. ער וואלט איהם פיעלייכט צוגעווארפען עפּעס געלד אום פון איהם לויז צו ווערן. ער האט אבער ניט געהאט ביי זיך קיין געלד.

— וואס ווילסט דוא פון מיר, טויגעניכטס? האט ער אויסגערופען, איך האב דיר בעצאהלט. וואס עס קומט דיר, פאר וואס קומט דיר יעצט געלד?

— ליעבער הערר באראן, עס איז וואהר, אז איהר האט מיר שטענדיג בעצאהלט

פאר מיין ארבייט. איך זעה אבער, אז איהר ווערט מיינער א קאנקורענט. איהר נעהמט אייך צו זאבען, וועלבע איך דארף טאהן. איהר הויבט נאר אן אליין צו מאַר־ דען. דאס פאסט ניט פאר א באראן פאן נאני. פאר וואס זאלט איהר צונעהמען ביי מיר מיין ארבייט? פאר וואס האט איהר מיר ניט געהייסען, איך זאל טויטען דעם שטומען בעטלער? אזא ארבייט געהערט מיר, ניט אייך. איהר דארפט מיר דערפאר בעצאהלען.

— רויבער! מערדער! האט זיך געריעסען נאני, איך האב קיינעם ניט ערמאָר־ דעט! וואס רעדסט דוא?

איך רעד דיא וואהרהייט, גנעדיגער העדר באראָן, האט דער באנדיט געענט־ פערט מיט א געלעכטער, איך האב אלעס געהערט און אלעס געזעהן. איך האב צו אייך ניט. איהר מענט פון מיינעטוועגען טייטען אלע בעטלער, וועלבע טויגען אייך ניט, איהר דארפט אבער ניט אוועקנעהמען דיא ארבייט פון אן אָרימען מענשען, וויא איך בין.

דער באנדיט האט געזאגט דיזע ווערטער מיט אזא שפאָט און מיט אזא ביטערן געלעכטער, אז נאני האט געקריצט מיט דיא צעהנער פאר רציחה. ער האט געזעהן, אז דאס לייקענען וועט איהם גאר ניט העלפען. דער באנדיט האט אלעס געזעהן. אלזאָ, מוז מען זיך אנדערש אויסדרעהן.

— וואס רעדסט דוא, אונגליקליכער? האט ער אויסגערופען, איך האב מיך צוקריענט מיט'ן אלטען בעטלער, ער האט מיך געוואלט דערשטעכען און איך האב איהם געטייטעט.

— דאס פערשטעה איך זעהר גוט, עדעלער באראָן פאן נאני! האט געענט־ פערט דער באנדיט ערנסט, דאס האט אבער ניט צו מיינע פאָרדערונג. ווען איהר האט זיך געקריענט מיט יענעם אלטען מאן, וועלכער האט געגעבטינט אין שלאָס באטהיאני, האט איהר מיך גערופען און געהייסען טאהן דיא ארבייט און יעצט האט איהר עס אליין געטאהן! — פעה! שעמט אייך, עדעלער באראן! — אלענפאלס בע־ צאהלט מיר. איך בין געוועזן קראנק פון טהורם פון טשעמני. איך האב דיא גאנצע צייט ניט געקענט ארבייטען. איך האב יעצט ניט פון וואנען צו לעבען.

— איך פערשטעה דיך, מערדער! דוא ווילסט ציעהען פון מיר געלד! דוא מיינסט, אז איך האב מורא פאר דיר? דוא האסט א טעות. דוא ביסט א מערדער, א באנדיט און איך בין א באראָן. ווער וועט דיר גלויבען, ווען דוא וועסט זאָגאר עפעס זאגען? קיינער וועט דיר ניט גלויבען. דוא וועסט שטארבען אויפ'ן עשאפאָט און איך וועל בלייבען באראָן פאן נאני. מיר קענען זיך גאר ניט. איך האב דיך קיין מאל ניט געזעהן, ווער וועט עס גלויבען א מערדער?

דער באנדיט האט זיך צולאכט מיט א הויכען, ביטערן, פרעכען געלעכטער.

— אך, העדר באראן! האט ער אויסגערופען, איהר קענט מיך דאך גאר ניט! איהר מיינט, אז איך בין אזא נארר, אז איך וועל געהן און וועל דערצעהלען, אז באראָן נאני פאן האלקאוואאי האט ערמארדעט דעם בישאף ווראַאווסקי. איהר האט א טעות שוין איז גאר ניט אזא נארר. ער וויים שוין, וואס ער האט צו טאהן. ער וועט

קומען צו א גייסטליכען. וועט ווײנען און קלאגען, אז ער איז א גרויסער זינדער און וועט בעטען דעם גייסטליכען, ער זאל איהם פערצייהען זיינע זינד. דאַן וועט ער איהם דערצעהלען אלעס; וויא ער האט געשטאָכען א באראָן פאן באטהיאני אין זייט; וויא ער האט געטייטעט דעם בישאָף פאן ווארואוסקי מיט זיין קוטשער און וויא ער האט אליין געזעהן, וויא א געוויסער באראן פאן נאני האט ערמאָרדעט א שטומען בעטלער. איהר פערשטעהט דאָך, הערר באראָן, אז מיר וועט דער גייסטליכער הייסען גנהן אויף דיא קניע צום היילינען בילד פון גאטס מוטער און לאָרעטטע און אייך, הערר באראן....

נאני איז געווארען אונרוהיג. שעק האט איהם פארגעשטעלט זעהר א טרויעריגעס בילד.

— נון, הערר באראן, וואס זאגט איהר?

— נעה דיר דיין וועג און לאז מיך צורוה! האט נאני געזאגט שטאלץ.

— יא מיין הערר, איך וועל געוויס געהן, אבער ניט אהיים, זאנדערן צום גייסטליכען פון טשעמני. איך בין פרום געווארען. איך בערייע מיינע זינד (איך בין געווארען א בעל תשובה).

נאני האט געוואלט וויזען, אז עס הארט איהם ניט, וואס שעק וועט טאהן.

— נעה, וואוהין דוא ווילסט! וואס הארט עס מיך?

— זעהר שעהן, הערר באראן! איך נעה, וואוהין איך וויל. איך פרעג אייך נור נאָך א מאל; ווילט איהר מיר נעבען הונדערט דוקאטען דערפאר, וואס איך האב ניט געטויטעט דעם שטומען בעטלער? ווען איך האב ערמאָרדעט דעם בישאָף פאן ווארואוסקי, האט איהר מיר געגעבען צווייא הונדערט דוקאטען. דאמאלס איז געוועזען א בישאָף, א בעטלער איז מעהר ניט ווערטה, וויא הונדערט דוקאטען. עס מוז דאָך זיין עפּעס אן אונטערשיעד צווישען א בישאָף און א בעטלער. — וויא איהר זעהט אליין, הערר באראן, בין איך אן עהרליכער מאן. איך פערלאנג נור, וויא פיעל עס קומט מיר. איך וויל אייך ניט בערייסען. גיט מיר דיא הונדערט דוקאטען, אדער איך נעה צום גייסטליכען פון טשעמני און ווער א גוטער און פרומער מאן.

נאני האט זיך פערטראכט. ער האט מורא געהאט פארן באנדיט. ער האט זיך אבער איבערלעגט, אז קוים וועט ער איהם דאס מאל נאכגעבען, וועט ער קומען אלע מאל צו איהם מיט אזעלכע פארדערונגען. ער האט זיך בעשלאסען לויז צו ווערן פון'ם באנדיט שעק, וויא ער איז לויז געווארען פון'ם שטומען בעטלער.

— אלזא, הערר באראן, ענטפערט מיר, וואס זאל איך טאהן?

— איך האב דאך דיר געזאגט, גנה צום טייפעל!

— נון, הערר באראן, צום טייפעל וועל איך געהן ניט אליין.

— אזוי? ווער דען וועט מיט מיר געהן?

— איהר, עדעלער באראן.

נאני איז אויפגעשפרונגען, וויא אַן אפגעבריהטער.

— רויבער! מערדער! וואס וואגסט דוא מיר צו זאגען?

דיא וואהרהייט, הערר באראן! איך שפאס ניט.

נאַני האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען. ער האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס מעסער, מיט וועלכען ער האָט נור וואָס דערש אַבען דעם שטומען בעטלער, און האָט זיך אַ וואָרף געטאָהן אויף דעם באַנדיט. שעק איז צוואַר געוועזען פיעל שטאַרקער פון'ם שטומען בעטלער און וואָלט געוויס זיך געקענט שטעלען געגען איהם און וואָלט איהם געוועזען ביינעקומען. נאַני האָט עס זעהר גוט געוואוסט. ער האָט זיך אויף איהם אַרויפגעוואָרפען מיט אַזאַ מאַכט און מיט אַזאַ רציחה, אַז שעק האָט קיין צייט געהאַט זיך אויסצודרעהען.

אין אַ סעקונדע האָט געשטעקט דאָס מעסער אין שעקס האַרצען. שעק איז אומגעפאַלען, וויא אַ בוים, וועלכען מען האָט דורכגעזעגט און איז געבליעבען ליעגען אויף דער ערד.

נאַני האָט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט. ער האָט איהם געלאָזען ליעגען און איז זיך אַוועקגעגאַנגען, ריכטיגער געזאָגט, ער איז אַוועקגעלאָפען פון דיעזען שרעקליכען אָרט, גלייך וויא אַלע טייפעל פון דער העלע וואָלטען איהם נאָכגעיאָגט.

דיא קיהלע נאַכט לופט האָט געווירקט אויף איהם און האָט אַ ביסעל אָפּגעקיהלט זיין בלוט, וועלכעס האָט געקאָכט וויא אין אַ קעסעל. ער האָט זיך אַ ביסעל בערוהיגט, איז געבליעבען שטעהן אין דער מיט וועג און האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטען.

דיא נאַכט איז געוועזען פינסטער. אַלעס אַרום איז געוועזען שטיל און רוהיג. נאַני האָט אַ ציטער געטאָהן.

— איך האָב יעצט געטייט צווייא מענשען, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין. איך האָב עס געמוזט טאָהן, איך האָב געמוזט זיך היטען, איך האָב געמוזט זיך שיצען איך האָב געמוזט זיי פערניכטען. וואָס ווערט אָבער דערפון? — איך בין נאָך זעהר ווייט פון מיין ציעל. דיעזער באַראָן פאַן באַטהיאַני לאַכט פון אַלע מיינע פּלאַנען. ער הערט מיך ניט. עס געלינגט מיר ניט עפּעס צו טאָהן געגען איהם. איך האָב געהאָפט, אַז דורך מיינע פערוואַנדשאַפט מיט'ן גראַף מעראַס וועל איך זיין געשיצט געגען אַלעס אין דער וועלט. עס איז ניט געלונגען.

ער האָט אָנגעהויבען צו געהן האַסטיג, גלייך וויא ער האָט געוואָלט אַנטלויפען פון זיינע שרעקליכע געדאַנקען. — אומזיסט! זיי זיינען איהם נאָכגעגאַנגען און האָבען איהם ניט געלאָזען רוהען. — מערדער! האָט גערוישט דער ווינט. מערדער! האָבען איהם נאָכגעשריען דיא ביימער. מערדער! האָבען גערופען דיא שוואַרצע שאָטענס פון דער נאַכט. — מערדער! האָבען איהם צוגערופען זיינע אייגענע געדאַנקען.

ער איז געלאָפען שנעלער און שנעלער, ביז ער איז אָנגעקומען אין שלאָס ראַדעצט. דאָרט איז ער גלייך אַריינגעלאָפען אין זיין צימער און איז אַניעדערגעפאַלען אויף אַ שטוהל. ביי זיך אין דערהיים האָט ער זיך אין גאַנצען בערוהיגט.

— איך האָב געמוזט זיי טייטען! האָט ער אויסגערופען. דער שטומער בעטלער איז אַ שפּיאָן, וועלכער האָט מיך געוואָלט פערניכטען. איך האָב ניט געקענט איהם פערשוינען. ער אָדער איך. איינער פון אונז האָט געמוזט שטאַרבען. שעק

האט געוואוסט צו פיעל. ער וואלט געקענט מיך ברענגען אויפ'ן עשאפאט. איך האב נור מיך פערטהיידיגט. מיין לעבען איז ביי מיר טהייער....

רעכט אויף זיי! לאזען זיי זיך ניט שטעלען מיר אין וועג! לאזען זיי ניט וועלען וויסען, וואס זיי דארפען ניט וויסען. איך מוז פערניכטען מיינע פיינד. דעם שטארקען געהערט דיא וועלט!

ער איז געוועזען זעהר מיעד און האט זיך באלד געלעגט שלאפען. דער שלאף אבער איז ניט געקומען איהם דערקוויקען. ער האט זיך געקייקלט אויף זיין געלעגער און האט אויף קיין פאל ניט געקענט צומאכען דיא אויגען. שווארצע, פיוסטערע, שרעקליכע בילדער האבען זיך איהם פארגעשטעלט און האבען פערטריעבען דעם שלאף פון זיינע אויגען.

פלוצלונג האט ער זיך דערמאנט, אז ווען ער איז געוועזען ביים שטומען בעטלער אין שטיבעלע, האט ער דארט געזעהן שטעהן א קאסטען.

— ער האט דארט געוויס זיינע פאפיערן, האט ער געזאגט צו זיך אליין. ווען איך עפען דעם קאסטען, קען איך דאך וויסען, ווער ער איז און וואס ער געהערט זיך אן מיט ארטהור פאן באטהיאני. — פיעלייכט געפינען זיך אין קאסטען זאכען, וועלכע קענען מיר ניצען? פיעלייכט איז דער שטומער בעטלער א שפיאָן פון דער פאליציי? קיין געוועהנליכער בעטלער איז ער ניט. עפעס איז ער שוין. אין זיין קאסטען געפינען זיך געוויס דאקומענטען און פאפיערן, פון וועלכע איך וועל געוואהר ווערן אלע זיינע געהיימניסע. איך מוז האבען דעם קאסטען!

ער איז אויפגעשטאנען, האט זיך אנגעטאהן און האט זיך געזעצט לעבען זיין שרייב טיש.

— וויא אזוי בעקימט מען דעם קאסטען? האט ער געפרעגט זיך אליין. — געהן מארגען אין דער פריה און נעהמען דעם קאסטען איז אונמעגליך. ערשטענס, פאסט ניט פאר א באראן נאגי, ער זאל גאר געהן צו א בעטלער. צווייטענס, מענשען קענען דאך דערזעהן און פרעגען: וואס פאר א רעכט האט דער באראן נאגי צו צונעהמען א קאסטען פון א פרעמדער שטוב? דריטענס, גאנץ פריה קענען אנקומען מענשען און געפינען דעם אלטען טויט, דאן וועט קומען דיא פאליציי און וועט אלעס פערזיעגלען.

ער האט געטראכט איינינע מינוט און האט אויסגערופען:

— דאס בעסטע איז, איך זאל שוין געהן און זאל צונעהמען דעם קאסטען. נאך בעסער, איך זאל איהם אויפברעכען און זאל ארויסנעהמען, וואס דארט געפינט זיך. ווען דיא פאליציי וועט מארגען קומען, וועט זיא געפינען, אז מען האט בערויבט דעם שטומען בעטלער.

ער האט געטראכט און זיך איבערלעגט און האט געפונען, אז דאס איז דאך דער איינציגער ריכטיגער וועג צו וויסען, וואס עס טהוט זיך אין קאסטען פון'ם שטומען בעטלער.

נאגי האט פיינד געהאט אפצולעגען א זאך. קוים האט ער געפאסט א בעשלוס, האט ער געוואלט איהם באלד אויספיהרען.

ער האט גענומען א האמער, א האק און א צוואנג און איז ארויסגעגאנגען שטי־
לערהייט פון שלאָס.

עס איז נאך געווען ווייט צו טאג און ער איז געגאנגען גאנץ רוהיג צום שטיבעלע
וואו דער שטומער בעטלער האט געוואהנט.

ווען ער איז צוגעקומען צום ארט, וואו ער האט דערשטאָכען דעם באנדיט שעק,
איז ער געבליעבען שטעהן און האט זיך אומגעקוקט. ער האט געוואלט זעהן, אויב זיין
טויטער קערפער ליעגט נאך אויף דעם אָרט, וואו ער האט איהם דערשטאָכען. ער
האט זיך אנגעבויגען, האט זיך אומגעקוקט. — דער טויטער קערפער איז ניטא. ער
האט בעסער געזוכט, האט אנגעהויבען צו טאפּען דאס גראָז ארום. ער האט געפונען
א שפּור פון בלוט, דער טויטער קערפער איז דאך ניטא.

נאגי איז געוואָרען איבעראשט און האט ניט געוואוסט, וויא אזוי זיך צו ער־
קלערן דיעזען זאנדערבארען פאקט, וואס דער טויטער באנדיט איז פערשוואונדען גע־
ווארען, ער האט אבער קיין צייט געהאט פיעל צו קלערן, ער האט געוואלט זעהן, וואס
עס טהוט זיך אין קאסטען פון'ם שטומען בעטלער.

ער איז געלאָפען צום שטיבעלע. דיא פענסטער זיינען געשטאנען אָפען; דיא
טהיר איז געווען אָפען, וויא ער האט זיא געלאָזען. ער איז אריינגעגאנגען אין שטוב,
אויפ'ן טיש האט נאך געברענט א קליין לעמפּעלע. ער האט זיך אומגעקוקט. — דער
טויטער קערפּער פון'ם שטומען בעטלער איז אויך פערשוואונדען געווארען.

נאגי איז געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט.

— צום טייפעל! האט ער אויסגערופען, וואס זאל דאס הייסען? וואו זיינען זיי
אהינגעקומען? מיר דאכט, אז איך האב איהם ניט געטראפען. ווען איך בין אוועקגע־
גאנגען, איז ער געווען טויט. וואו האט ער געקענט אהינקומען? — דאס איז דאך א
רעטעניש.

ער האט זיך אומגעקוקט און האט אנגעהויבען צו זוכען דעם קאסטען. — דער
קאסטען איז אויך פערשוואונדען.

ער האט זיך אזוי דערשראקען, אז ער האט געמוזט זיך אנשפּארען אן דער
וואנד. ער איז געשטאנען אייניגע מינוטען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג. ענדליך
איז ער געקומען צו זיך.

— וואס איז דא מיט מיר? זאל עס וואהר זיין, אז דאס שיקזאל רייצט זיך
מיט מיר? וואו זיינען אהינגעקומען דיא טויטע? וואו איז דער קאסטען? — אייזענגיע
האט רעכט. עס געהט מיט מיר בארג אראפּ. דאס שיקזאל פערפאלגט מיך. מיינע
פּלענע געלינגען ניט. — טרויעריג! טרויעריג!

לאנגזאם, דעם קאפּ אראפּגעלאזען, בייז, אונצופריעדען מיט זיך אליין און מיט
דער גאנצער וועלט איז נאגי ארויסגעגאנגען פון דער וואהנונג פון'ם שטומען בעטלער.
ער איז ניט געגאנגען אהיים, זאנדערן האט זיך געצויגען צו דער הילצערנער קירכע
פון'ם דאָרף. ער האט געוואלט זעהן, אויב מען האט ניט געבראכט דיא צוויא טויטע
אין דער קירכע.

— עס איז מעגליך, אז עס זיינען געראדע אנגעלאָפען מענשען, וועלכע האבען

נעפונען דיא טויטע קערפער און האבען זיי אוועקגעטראגען אין דער קירכע? האט זיך נאני געטראכט.

אין דער קירכע איז אלעס געווען שטיל און רוהיג.

— אלזא, זיינען זיי דא אויך ניטא! האט נאני אויסגערופען. וואו דען זאלען זיי זיין? וואו האבען זיי געקענט אהינקומען?

ער איז ארומגעגאנגען דיא קירכע פון אלע זייטען. — קיינער ניטא. אלעס איז שטיל. ער איז אוועקגעגאנגען צום הויז פון'ם גייסטליכען. — אויך דארט איז אלעס געווען שטיל און רוהיג. אלעס איז געשלאפען. אלעס האט זיך אויסגערוהט און געזא־מעלט קרעפטען אויף מארגען.

נאני איז ארומגעגאנגען טרויעריג און פערצווייפעלט. אין אסטען (מזרח) האט זיך געוויזען דער ערשטער שטראהל פון'ם יונגען טאג. דער הימעל האט אנגעהויבען רויט צו ווערן. נאני האט זיך אומגעקוקט. איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז פון הימעל גיעסט זיך אראפ א מעער פון בלוט. ער האט זיך אבער געשטארקט און האט אויס־גערופען:

— וואס הארען זיי מיך? וואס קימערן זיי מיך? — זיי וועלען מיר גאר נישט טאהן. איך האב נאך א מיטעל, וועלכעס וועט מיך שטענדיג רעטען.

8טער קאפיטעל.

אין דער טירקיי.

ארטהור און עלווירא זיצען אויף א שטיין אין וואלד. זיי זיינען געראטעט. זיי זיינען אין א פרעמדעס לאנד. וואס טהוט מען אבער יעצט?

— וואס וועלען מיר דא אויסזיצען? האט ענדליך ארטהור געזאגט, לאמיר געהן. אונזער פיהרער האט דאך אונז געזאגט, אז ניט ווייט פון דאנען געפינט זיך א דארף.

זיי זיינען געגאנגען לאנגזאם אויפ'ן זאמדיגען וועג. ביידע זיינען געווען נאס און האבען געציטערט פאר קעלט. זיי וואלטען געלאפען און זיך דערווארמט, דאס איז אבער אונמעגליך געווען: מיט נאסע קליידער אין טיעפען זאמד איז ניט אזוי לייכט צו געהן.

עס האט אנגעהויבען צו טאגען, ווען זיי האבען דערזעהן פון ווייטען דיא ווייסע שטיבעלעך פון א בולגארישעס דארף.

— גאט זיי דאנק! האט ארטהור אויסגערופען. ענדליך קומען מיר דאך צו וואהנונגען פון מענשען. ענדליך וועלען מיר קענען זיך אויסרוהען אונטער א דאך! זיי פרעהליך, עלווירא! אונזערע ליידען האבען זיך געענדיגט. דיא וואלקען האבען זיך פערצויגען און דיא זון שיינט ווידער. באלד וועסט דוא זיך אויסרוהען, ליעבע עלווירא, און אלע דיינע ליידען וועלען פערגעסען זיין.

— איך בין ניט מיעד, ארטהור, האט עלווירא געענטפערט. מיט דיר איז מיר אלעס ליעב. איך האב דיר אמאל געזאגט, אז מיט דיר קען איך געהן אין עק וועלט.

ארטהור האט זיא צוגעפרעסט צו זיין ברוסט.

— איך דאנק דיר, עלווירא! האט ער געזאגט. איך פיהל, וויא דוא ביסט מיעד.

איך פיהל, אז דוא שלעפסט זיך קוים; איך ווייס, אז דוא קענסט זיך ניט האלטען אויף דיא פיס.

— רעד ניט אזוי, ארטהור! זאג עס ניט! מיט דיר איז מיר אלעס ליעב. פון דיינעטוועגען האב איך דיא קראפט פון א לייב.

— דוא מאכסט מיך גליקליך, עלווירא! האט ארטהור אויסגערופען. דיינע ווערטער גיעסען ערקוויקענדען באלזאם אין מיינע וואונדען. דוא מאכסט, אז איך זאל וויעדער אנהויבען צו גלויבען אין מענשען. דוא ווייזט מיר, אז אין דער פערדארבענער וועלט, וואו אלעס איז שווינדעל, אלעס איז בעטרוג, אלעס איז פאלש: ווערטער, געזיכטער, מינען, פריינדשאפט, ליעבע, עהרליכקייט, פרומקייט,—אלעס, אלעס איז נור דער שיין, דער לאקיר, דער אייבערשטע גלאנץ—געפינען זיך דאך גוטע, עדעלע, עהרליבע, גרויסע, האכהערציגע כאראקטערע, וועלכע שטעהן הויך, הויך איבער דעם מעער פון שמוץ און ניעדערטרעכטיגקייט. — אך, עלווירא! דוא ווייסט ניט, וויא גליקליך דוא מאכסט מיך מיט דיינע זיסע רעד!

— ליעבער ארטהור, דוא האסט זיך געמאכט א שלעכטע מיינונג פון דער וועלט, האט עלווירא געענטפערט. דיר האט פאסירט אן אונגליק, דוא ביסט זיך צוזאמענגעקומען מיט שלעכטע מענשען, וועלכע האבען געוואלט דיך בעריבען און דיך טויטען. דוא מיינסט אלזא, אז דיא גאנצע וועלט איז א באנדע רויבער און בעטריעגער. ניין, ארטהור! נור ווייניג מענשען זיינען ניעדעריג און פערעכטליך. צווישען הונדערט מענשען זיינען צעהן טויגעניכטסע, רויבער און מערדער; אכציג זיינען עזלען, וועלכע ווייסען גאר ניט, וואס עס טהוט זיך מיט זיי און צעהן זיינען גוט און עדעל. גאר דיא גוטע זיינען גלייך אין צאהל מיט גאר דיא שלעכטע. דיא מאסע, דיא אכציג פראצענט, זיינען וויא דיא וועללען (כוואליעס) פון מעער. זיי לויפען, שוימען, רוישען, קאכען און טהוען נור, וואס דער ווינד הייסט זיי. דיא מאסע איז בלינד, טויב און שטום. דיא מאסע ווייס ניט, וואס זיא טהוט. דיא מאסע קוקט נור אויף יענעם. געפינען זיך אין דער מאסע מעהר גוטע אלס שלעכטע, ווערט דיא מאסע גוט און עדעל. געפינען זיך אין דער מאסע מעהר שלעכטע אלס גוטע, ווערט דיא מאסע שלעכט.

א גוטער ביישפיעל ווירקט אויף טויזענדער מענשען און מאכט זיי גוט, א שלעכטער ביישפיעל מאכט הונדערט טויזענדע שלעכט.

— אך, עלווירא! איך רעד ניט פון דער מאסע, איך רעד נור פון דיא פרויען; איך רעד נור פון דיעזען טהייל פון דער מענשהייט, וועלכע מיר בעטראכטען אלס שוואך און דערפאר האלטען מיר זיי פאר שלעכט און ניעדעריג. איך זעה יעצט, וויא שטארק דוא ביסט, עלווירא. איך בעוואונדערע דיין מוטה, דיין גרויסקייט און דיין ליעבע. איך זעה יעצט, אז מען בעשולדיגט דיא פרויען אומזיסט. עס איז ניט ריכטיג, וואס דער גרויסער ענגלישער דיכטער שעקספיר האט אנגעשריעבען: „לייכטזינן! דיין נאמען איז פרוי“ איך זעה דאך, אז דוא ביסט גאר ניט לייכטזיניג. דוא ביסט בערייט איבערצוטראגען דיא גרעסטע ליידען אין דער וועלט צוליעב דיין ליעבע.

— איהר קענט ניט דיא פרויען, האט עלווירא געענטפערט ערנסט, איהר פערשטעהט זיי ניט, דערפאר אורטהיילט איהר ניט ריכטיג איבער זיי. דער מאן שאפט

און ווירקט אוים עהרגייץ, אמביציאן, שטאלץ, פפליכט אדער געלד. דיא שפּאָרען, דיא פעדער (ספּראָנדזינעס) וועלכע צווינגען איהם צו ארבייטען, שאפען און ווירקען זיינען זעהר פערשיעדען. ביי דער פרוי איז עס אנדערש. זיא האט נור איין צוועק אין איהר לעבען און איין ציעל פאר זיך — דיא ליעבע! אלעס, וואס זיא טהוט; אלעס, וואס זיא ווירקט און שאפט, — טהוט זיא נור אוים ליעבע. זיא קען קיין זאך אין דער וועלט ניט בעטראכטען אנדערש אלס דורך דעם ספּעקטיוו פון ליעבע אדער האַס.

ביי דיא מענער איז דיא ליעבע א נעפּיהל, א ליידענשאפט; ביי דיא פרויען איז דיא ליעבע זייער לעבען. ביי דיא מענער איז דיא ליעבע א צופאל; ביי דיא פרויען א נאטהווענדיגקייט. דיא מענער ווייסען פון פפליכטען און עהרע; ביי דיא פרויען איז זייער ליעבע זייער פפליכט, זייער ליעבע זייער עהרע, זייער שטאָלץ, — זייער אלעס! דיא מענער טראָגען ברילען און אונטערזוכען אלעס אונטערן ספּעקטיוו (מיקראָסקאָפּ) פון זייער עהרע, זייער שטאָלץ אדער זייערע ליידענשאפטען. דיא פרויען האבען נור איין ספּעקטיוו זייער ליעבע.

מיר געפינען, אז מענער האבען פעראורטהיילט זייערע קינדער צום טויט פאר א פערברעכען; זייער פפליכט איז געווען שטארקער אלס זייער ליעבע צו דיא קינדער. עס איז נאך אבער קיין מאל ניט פארגעקומען, אז א פרוי זאל פערנאכלעסיגען איהר קינד וועגען איהרע פפליכטען. ווען זיא טהוט עס, איז עס אוים ליעבע.

פון דעם וויגעלע ביז דעם גראב וויס דיא פרוי נור איין פפליכט, איין עהרע און איין שטאָלץ — איהר ליעבע. זיא בעגעהט פערברעכען אוים ליעבע און איז פעהיג צו טאהן דיא גרעסטע העלדענטהאטען אוים ליעבע. זיא קען פערגעסען איהר גאט, איהר פאלק, איהר פאטערלאנד און איהרע הייליגסטע פפליכטען אוים ליעבע. — ליעבע איז דער ערשטער געדאנקען פון א פרוי, ווען זיא הייבט אן עפּעס צו פערשטעהן אלס קינד און ליעבע איז דער לעצטער געדאנק פון א פרוי, ווען זיא שליעסט דיא אויגען אויף אייביג.

ארטהור האט זיא צוגעפּרעסט צו זיין הארצען.

— דוא האסט רעכט, טהייערע עלווירא! האט ער אויסגערופען, איך זעה יעצט, אז דוא קענסט דיא פרויען און פערשטעהסט זיי בעסער פון מיר.

אונטערדעסען איז טאג געווארען און זיי זיינען צוגעקומען צום דארף. פון וועל־כען זייער פיהרער האט זיי דערצעהלט. זיי זיינען צוגעקומען צו דיא ערשטע הייזער. אלעס איז שטיל, רוהיג און וויא אויסגעשטארבען. קיינער ריהרט זיך ניט און מען זעהט קיין לעבעדיגען מענשען אויף דער גאס. עס איז נאך געווען צו פריה. אלע זיינען נאך געשלאפען אין דארף.

ארטהור האט געזוכט א גאסט הויז, ער האט אבער ניט געפונען, וואס ער האט געזוכט. ער איז ניט געווען בעקאנט מיט דעם לעבען און דיא זיטען (מנהגים) פון דיא טערקען. זיי זיינען ווייטער געגאנגען אין דארף און האבען זיך צוגעקוקט צו יעדעם הויז, פיעלייכט וועט זיך עפענען א פענסטער אדער א טהיר און איינער וועט ארויס־קומען. אלעס איז אבער געבליעבען שטיל און רוהיג.

די זון איז אויפגעגאַנגען און האָט בעלייכטעט דיא שעהנע געגענד. די בּוימער זיינען געווען גרין און פריש נאָכ'ן רעגען. פייגעלאַך האָבּען געזונגען, אַלעס איז געווען פריש און מונטער. אויך אין אַרטהור'ס און עלווירא'ס הערצער האָט זיך אויפגעהאָפט די האָפנונג.

זיי זיינען ווייטער געגאַנגען האַסטיג און זיינען צוגעקומען צום עק דאָרף. פון אַ שעהנער שטוב איז נור וואָס אַרויסגעקומען אַ טערק. ער איז געגאַנגען שעהן אָנגעטהאָן און האָט געהאַלטען אויף די הענט אַ בּינטעל קליידער.

— איך וועל צוגעהן צו איהם און וועל איהם פרעגען, וואו איך קען געפינען אַ גאַסטהויז, האָט אַרטהור געזאָגט צו עלווירא'ן.

— וויא וועסט דו אָבּער זיך צונויפריידען מיט איהם? דו פערשטעהסט דאָך ניט איין וואָרט טערקיש? האָט עלווירא געפרעגט.

— די טערקען, וועלכע וואָהנען בּיי דער אונגאַרישער גרענעץ פערשטעהען געוועהנליך אַביסעל אונגאַריש, האָט אַרטהור געענטפערט און איז צוגעגאַנגען צום טערק.

ער האָט זיך פערנייגט פאַר'ן טערק און האָט איהם געפרעגט:

— זייט איהר אַ היגער?

— איך בּין אַ היגער, האָט דער טערק געענטפערט אויף ריין אונגאַריש.

אַרטהור האָט זיך שטאַרק פערוואונדערט, ווען ער האָט געהערט, אַז דער טערק רעדט אַזוי גוט אונגאַריש.

— ווער זייט איהר דען, מיין הערר? האָט דער טערק געפרעגט און האָט בּעטראַכט אַרטהור'ן וויא אַ פערד הענדלער בּעטראַכט אַ פערד. — פון וואַנען קומט איהר? וואוהין פאָרט איהר?

— נאָך אייער שפּראַכע וועזט איהר אויס צו זיין מיינער אַ לאַנדסמאַן, האָט אַרטהור געענטפערט, וויא קומט עס אַלזאָ, וואָס איהר זייט אַ טערק?

— איך בּין אַ געבּאָרענער אונגאַר, האָט דער מאַן געענטפערט, אויס געוויסע אורזאַכען בּין איך אַנטלאָפען פון דער היים און בּין געקומען אַהער. דאָ האָב איך אָנגענומען דעם מאַהמעדאַנישען גלויבען. איך האָב זעהר ליעב מיין פאָטערלאַנד און בּין העכסט צופריעדען, ווען איך טרעף אַ לאַנדסמאַן. מיט וואָס קען איך אייך דיענען? וואָס קען איך עפּעס טאָהן פון אייערטוועגען?

— איך דאַנק אייך זעהר, הערר לאַנדסמאַן! האָט אַרטהור געענטפערט. איך דאַרף האָבּען אַ גאַסט־הויז אָדער אַזוי אַ צימער, וואו איך מיט מיין פרוי זאָלען קענען זיך אויסרוהען. דאָס איז אַלעס, וואָס איך דאַרף דערווייל און וועל אייך זיין זעהר דאַנקבּאַר, ווען איהר וועט עס מיר פערשאַפען.

קיין גאַסט־הויז איז בּיי אונז אין דאָרף ניטאָ, האָט דער טערק געענטפערט. עס קומען צו אונז זעהר ווייניג פרעמדע מענשען. איך וועל אָבּער אויסזוכען פאַר אייך אַ הויז, וואו איהר וועט קענען זיך אויסרוהען און איבּערשטעהן אַ קורצע צייט.

אַרטהור האָט זיך זעהר דערפרעהט און האָט געדאַנקט דעם טערק פאַר זיין גאַסט־פריינדשאַפט.

— מיר זיינען אביסעל מיעד פון וועג און וואלטען שוין געוואלט אריינגעהן אין א שטוב, האט ער בעמערקט.

— איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, האט דער טערק געענטפערט, איך געה יעצט צום אגא, צום גוטסבעזיצער פון'ם דארף. איך האב יעצט קיין צייט צו געהן מיט אייך. ווארט אויף מיר דא ביים ברונען. אין א פיערטעל שטונדע בין איך צוריק און וועל אייך בעזארגען א צימער, וואו איהר וועט קענען פערברענגען די צייט, וואס איהר ווילט שטעהן ביי אונז.

ער האט צוגעפיהרט ארטהור מיט עלווירא'ן צום ברונען פון'ם דארף און אליין איז ער אוועקגעגאנגען.

אין א טירקישען דארף איז דער ברונען אלעס. דאס איז דער קלוב, דאס גאסט הויז, דאס קאפעע הויז און זאגאר דער געריכטס־הויף פון'ם דארף. צום ברונען פער־זאמלען זיך אלע איינוואהנער און מען רעדט פון נייעס, פון פאליטיק און פון די אנגעלעגענהייטען פון'ם דארף. זעהר אָפט קומט דער קאדי (דער ריכטער) צום ברונען, זעצט זיך אניעדער און האלט דארט זיין געריכט אונטערן פרייען הימעל. דאן איז דער ברונען א געריכט. ווען מען דארף זיך בעראטהען עפּעס איבער א וויכטיגע אנגעלעגענ־הייט פון'ם דארף אדער פון'ם שטעדטעל, געהט ארויס דער שטאדט שרייער און רופט צונויף אלע איינוואהנער צום ברונען.

אזוי ווי די טערקען טארען ניט טרינקען קיין וויין און קיינע אנדערע שטארקע געטרענק, איז אין קיין טירקיש דארף ניטא קיין שענק, ווי ביי אונז. דער ברונען איז דער שענק. דארט קומען זיך צונויף יעדען אבענד די איינוואהנער פון'ם דארף און שליעסען דארט אפּ זייערע געשעפטען.

עס איז דאהער קיין וואונדער, וואס דער טערק האט געהייסען ארטהור'ן ווארטען אויף איהם ביים ברונען.

ארטהור און עלווירא האבען זיך אניעדערגעזעצט אויף די שטיינער פון ברונען און האבען בעטראכט די געגענד ארום.

— אך, ארטהור! גאר ניט וויט פון דאנען איז נאך אונזער פאטערלאנד. איך קען עס נאך זעהן מיט די אויגען. איך קען עס דערלאנגען מיט דער האנד און דאך זיינען מיר שוין אין אנאנדער לאנד, וואו עס לעבען אנדערע מענשען, וואו מען רעדט אנאנדערע שפּראכע און וואו אלעס איז ניט ווי ביי אונז. — וועלען מיר אמאל נאך זעהן אונזער פאטערלאנד, אונזער היים?

— איך ווייס ניט. מיר דאכט, אז מיר זיינען אוועק פון אונזער היים אויף אייביג. וואס מאכט עס אונז אבער אוים? אויך דא שיינט די זון; אויך דא זיינען די ביימער גרין און די בלומען שמעקען; אויך דא לעבען מענשען. מיר וועלען אויך דא ניט פערפאלען ווערן.

— וויא לאנג דענקסט דוא צו בלייבען אין דיעזען דארף?

— ביז וואנען איך וועל קריעגען פערד און א וואגען קיין קאנסטאנטינאפאל.

— וואס דענקסט דוא צו טאהן אין קאנסטאנטינאפאל? האט עלווירא געפרעגט,

איך האב אמאל געהערט, אז פיעלע אונגארן דיענען אין דער טירקישער ארמעע. ווילסט דוא אויך איינטרעטען אין דער טירקישער ארמעע?

— ניין, עלווירא. איך וויל ניט דיענען ביים סולטאן.

— וואס דען דענקסט דוא צו טאהן?

— איך האב א פערוואנדטען ביים ענגלישען געזאנדטען. דורך איהם וועל איך קענען בעקומען אן ענגלישען פאספארט. דאן וועלען מיר פאהרען קיין פראנקרייך אדער קיין ענגלאנד.

— אך, ניט קיין פראנקרייך! האט עלווירא אויסגערופען. האסט דוא דען ניט געהערט, וואס עס טהוט זיך אין פראנקרייך? דארט האט אויסגעבראכען א רעוואלוציאן און דאס פאלק וויל, אז אלע מענשען זאלען זיין גלייך, עס זאלען מעהר ניט זיין קיינע באראנען, קיינע גראפען און קיינע פירסטען.

— נו, וועלען מיר פאהרען קיין ענגלאנד.

— יא, מיר וועלען אין ענגלאנד אויך ניט פערפאלען ווערן, האט עלווירא געזאגט, וויא צו זיך אליין.

— איך קען אריינטרעטען אין ענגלישען מיליטער. ענגלאנד פיהרט יעצט קריעג מיט פראנקרייך.

— ווען מיר זאלען שוין זיין אין ענגלאנד, וואלט איך שוין געווען גאנץ רוהיג, האט עלווירא ווייטער געזאגט, איך האב נור מורא....

— וואס האסט דוא מורא?

— איך האב נור מורא, אז דיא אונגארישע רעגיערונג זאל אונז ניט אפפאנגען און זאל ניט פאדערן פון דער טירקיי, זיא זאל אונז ארויסגעבען.

— מען וועט אונז אזוי לייכט ניט קריעגען.

— פאר וואס ביסט דוא אזוי זיכער, ארטהור?

— איך ווייס, אז קוים וועלען מיר זיך אנטאהן אלס טירקען, זיינען מיר שוין זיכער. מיר מוזען זעהן צו בעקומען טערקישע קליידער. פיעלייכט וועט אונז אויסהעלפען דיעזער אונגארישער טערק.

אונטערדעסען האט דאס דארף אנגעהויבען צו ווערן לעבעדיג. עס האבען זיך געעפענט טהירען און מענשען זיינען ארויסגעגאנגען מיט לעהמענע קריג אויפ'ן קאפ. זיי זיינען געגאנגען צום ברונען נאך וואסער.

אין דער טירקיי האבען דיא הייזער זעהר זעלטען פענסטער אין דער גאס. געוועהנליך, זיינען דיא ווענד פון דיא הייזער צו דער גאס אהן פענסטער. נור דיא ווענד אין הויף האבען פענסטער. ווען מען געהט אין א טערקישער שטאדט אין א גאס, זעהט מען פאר זיך הויכע, גלאטע מויערן פון ביידע זייטען. זיי ווייזען אויס, וויא פארקענס.

האבען וואסער אין דיא הייזער איז אין דער טירקיי א זעלטענהייט. מייסטענס, מוז יעדער איינוואהנער שיקען א דיענער נאך וואסער צום ברונען. נור אין דיא גאנץ רייכע הייזער האט מען א ברונען אין הויף.

ארטהור און עלווירא האבען יעצט געזעהן, וויא פון פיעלע הייזער זיינען ארויס

געקומען מענער און פרויען. יעדער האט געטראָגען א לעהמענעם קרוג אויפ'ן קאפ און איז געגאנגען צום ברונען נאך וואסער. ער האט פראָבירט רעדען מיט איינינע, זיי האבען איהם אבער ניט פערשטאַנען.

מען קען זיך לייכט דענקען, ווי צופריעדען ארטהור איז געווען, ווען דער אונגארישער טערק איז צוריקגעקומען און האט געזאגט:

— יעצט האב איך שוין צייט. קומט מיט מיר.

— וואוהין?

— אין מיין הויז, האט דער מזן געענטפערט. איך מוז אייך זאגען, אז ווען איהר ווילט, איך זאל אייך בעהילפליך זיין, דארפט איהר האבען צוטרויען צו מיר.

ארטהור האט בעטראכט זיין נייען פריינד פון קאפ ביז אין די פיס. ער האט זעהר געוואלט אויספארשען, ווער ער איז און וואס ער איז. ליידער, האט ער ניט געהאט קיין אנדערן, מיט וועמען ער זאל קענען רעדען.

— קומט, מיין הערר, לאמיר געהן, האט ער ענדליך געזאגט.

דער טערק איז געגאנגען פאָראויס, ארטהור מיט עלווירא'ן זיינען איהם נאכגעגאנגען. ער האט זיי ארומגעפיהרט א לענגערע צייט און האט זיי צוגעפיהרט צו א גרויס הויז. ער האט געעפענט א ניעדעריגע טהיר און האט זיי געהייסען אריינגעהן.

ארטהור און עלווירא זיינען אריינגעגאנגען אין א גרויסען הויף, וועלכער איז געווען בעוואקסען מיט ביימער און מיט בלומען.

דער טערק האט זיי אריינגעפיהרט אין א גרויסעם און שעהנעם צימער און האט זיי געבעטען זיצען.

— יעצט קענען מיר רעדען רוהיג, האט דער טערק געזאגט.

ארטהור האט זיך אומגעקוקט, וואו ער געפינט זיך ערגעץ אין דער וועלט.

— קענט איהר מיר ניט זאגען, וויא הייסט איהר? האט ארטהור געפרעגט.

— איך הייס יעצט אָמור.

— וויא האט איהר געהייסען, ווען איהר זייט געוועזען אין אונגארן? פיעלייכט איז מיר אייער נאמען בעקאַנט.

— אין אונגארן האב איך געהייסען גריהאַזי.

— דיעזער נאמען איז מיר ניט בעקאנט

— געוויס! האט דער טערק אויסגערופען, וויא קען מען דען קענען אלע נעמען פון אונגארן?

— וויא קומט איהר אבער אהער? האט ארטהור ווייטער געפרעגט.

— איך בין אנטלאפען פון אונגארן. די פאליציי האט מיך פערפאָלגט. איך בין געקומען אין דער טירקיי. אין דער ערשטער צייט איז מיר געגאנגען זעהר שלעכט. איך האב זאגאר מורא געהאט, אז די טירקישע בעאמטע זאלען מיך ניט ארויסגעבען. איך האב געמוזט אננעהמען דעם טערקישען גלויבען. יעצט האט מען מיך געמאכט פאר אויפזעהער איבער די קליידער פונ'ם אגא. — דאס איז אין קורצע ווערטער מיין גאנצע געשיכטע.

— ניין, מיין הערר, אייער געשיכטע איז נאר נים אזוי קורץ, וויא איהר מיינט. מיין געשיכטע איז פיעל קירצער.

— וויא איך פערשטעה, זייט איהר אויך אנטלאָפען פון אונגארן, האט דער טערק בעמערקט און האט געוואָרפען אויף ארטהור'ן א פארשענדען בליק.

— דאס קען מען זעהר לייכט פערשטעהן.

— וויא הייסט איהר, מיין הערר? האט דער טערק געפרעגט.

— וואס מאכט עס אייך אויס?

— איך בין אן אונגאר, האט דער טערק אויסגערופען שטאָלץ, איך ווייס, וויא צו רעספעקטירען דאס אונגליק.

ארטהור האט א קוק געטאהן אויפ'ן טערק און עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז מען קען האבען צו איהם מעהר צוטרויען.

— איך הייס באראן פאן באטהיאני.

— פאן באטהיאני? האט איבערגעפרעגט דער טערק. ווער קען עס נים דעם נאמען באטהיאני? באטהיאני איז דאך איינע פון דיא גרעסטע פאמיליען פון אונגארן. — באטהיאני איז בעריהמט, געאכטעט און געעהרט אין גאנץ אונגארן. ווען איהר זייט א באראן פאן באטהיאני, דאן זייט איהר מיר דאפעלט טהייער. — אָה! דאן בעפעהלט מיר! זאגט, וואס איהר פערלאנגט און איך וועל אלעס טאהן פיר אייערטוועגען.

— מיינט איהר עס ערנסט? האט ארטהור איבערגעפרעגט.

— געוויס, מיין הערר! וואס פרעגט איהר? איך בין דאך אן אונגאר!

— אלזאָ, שאפט מיר אן מיין פרוי טערקישע קליידער. דאס איז דאס ערשטע און נאטהווענדיגסטע זאך יעצט פאר מיר. איך פערלאנג עס אויך נים אומזיסט.

מיט דיעזע ווערטער האט ער דערלאנגט דעם טערק עטליכע גאלד שטיקע.

— אין א פאר שטונדען ארום וועט איהר האבען אלעס, וואס איהר דארפט, האט דער טערק געענטפערט. אייער געלד דארף איך נים. עס איז פאר מיר א גרויסע עהרע, וואס איך קען עפעס טאהן פאר א באראן פאן באטהיאני.

מיט דיעזע ווערטער האט ער צוריקגעגעבען ארטהור'ן דאס געלד. ארטהור איז געווען איבערראשט. ער האט געהערט, אז אין דער טירקיי קען מען אלעס האבען פאר געלד און יעצט זעהט ער פאר זיך א טערק, וועלכער וויל גאר קיין געלד נים נעהמען. דאס איז ביי איהם געווען א נייעס.

— איך דאנק אייך זעהר פאר אייער פריינדליכקייט! האט ער געזאגט. איך האב אבער נאך א ביטע צו אייך.

— זאגט מיר! בעפעהלט, באראן פאן באטהיאני! איך וועל טאהן פון אייערטוועגען אלעס, וואס איך וועל נור קענען.

— איך דארף האבען א וואגען מיט פערד.

— וואוהין ווילט איהר דען פאהרען?

— קיין אנדריאנאפאל.

דער טערק האט זיך פערטראכט.

— דאס איז ניט אזוי לייכט, האט ער ענדליך געזאגט לאנגזאם. דיא איינוואה-נער פון'ם דאָרף זיינען ארימע לייט, זיי האבען קיין פערד און וואגען. דער איינציגער, וועלכער האט גוטער פערד און א גוטען וואגען, איז דער אגא. ער איז אבער א שטרענ-גער מאן, ער וועט ניט געבען זיינע פערד. איך מוז אפווארטען א געלעגענהייט, ווען ער וועט אוועקפאהרען אדער ווען ער וועט הייסען איינשפאנען זיינע פערד, דאן וועל איך קענען אייך פערשאפען פערד מיט א וואגען.

— איך וואלט זעהר געוואלט ווייטער פאהרען, האט ארטהור געזאגט, וויא צו זיך אליין.

— איהר וועט אבער מוזען בלייבען דאָ עטליכע טעג, ביז איך וועל קענען אייך פערשאפען פערד.

ארטהור האט געזעהן, אז ער קען דאָ גאר ניט העלפען, דיעזער טערק איז דאך דער איינציגער, מיט וועמען ער קען רעדען. אלזא מוז ער זיך האלטען אן איהם.

— ווען עס איז אונמעגליך, מוז איך ווארטען, האט ער געזאגט טרויעריג. אלזא, זייט אזוי גוט און שאפט מיר דערוויילע אנדערע קליידער.

— אה, קליידער וועט איהר האבען אין א שטונדע ארום.

— מיר זיינען זעהר מיעד פון וועג, האט ארטהור ווייטער געזאגט, קענט איהר אונז ניט געבען א פארצימער, וואו מיר זאלען קענען זיך אויסרוהען?

— געוויס, באראן פאן באטהיאני! מיין הויז איז גענוג גרויס. עס וועלען זיך שוין געפינען צימער פון אייערטוועגען.

דער טערק איז ארויסגעגאנגען און איז אין איניגע מינוטען צוריקגעקומען.

— אייערע צימער זיינען פערטיג, האט ער געזאגט, קומט מיט מיר.

ער האט זיי דורכגעפיהרט דעם הויף און האט זיי אריינגעפיהרט אין א קארי-דאר. דארט האט ער אנגעוויזען ארטהורן און עלוויראן צוויא פערשיעדענע צימער.

ארטהור און עלווירא זיינען געווען אזוי מיעד, אז זיי האבען קיין צייט געהאט זיך אומצוקוקען, וואו זיי געפינען זיך, זיי זיינען אריינגעגאנגען אין זייערע צימער און זיינען אומגעפאלען פאר מיעדיגקייט. אין איניגע מינוטען ארום זיינעןביידע געשלאפען וויא דיא דערהרגעטע.

דער טערק איז ארומגעגאנגען אין זיין הויף פערטיעפט אין זיינע געדאנקען.

— דער אגא איז בייז אויף מיר, האט ער געזאגט צו זיך אליין. איך האב שוין לאנג געזוכט א מיטעל, וויא אזוי וויעדער צו ווערן זיין פריינד. דער צופאל האט מיר יעצט צוגעשיקט, וואס איך דארף. אלי-אגא האט שוין לאנג ניט בעקומען קיין נייע פרוי אין זיין הארעם (דאס הויז, וואו דיא פרויען וואהנען). ווען איך זאל איהם פער-שאפען דיעזע שעהנע אונגארין, וועט ער מיך טראגען אויפ'ן קאפ. דיא אייראפעאישע פרויען, ווערן מעהר געשעצט פון דיא טערקען אלס דיא פרויען פון אזיען און אפריקא. אלי-אגא וועט מיר גוט בעצאהלען פאר דיא שעהנע אונגארין. איך פערשטעה, אז זיי זיינען אנטלאפען פון אונגארן. דער מאן וועט אלזא שווייגען. ער טאר ניט מאכען קיין געוואלד. מען קען איהם ארעסטירען, מען קען איהם צוריק שיקען קיין אונגארן. ער וויל אנטלויפען, וויא אם שנעלסטען. ווארט, מיין ליעבער באראן! דוא וועסט אנטלויפען,

וואוהין דוא ועסט חעלען, אבער אליין. דיין שעהנע בטגלייטערין מוז בלייבען אין הארעם פון אונזער גוטען אלי־אגא. — מיין פלאן איז גוט און איך מוז איהם אויספיהרען נאך היינט ביי נאכט. איך מוז צוואר האבען א׳ אנדערע וואהנונג פארן באראן. — נו, דאס וועל איך שוין בעזארגען.

ער איז צוגעגאנגען צו א קליין טהירעלע און האט אנגעקלאפט. דאס טהירעל האט זיך געעפענט און אן אלטע דיקע פרוי, מיט א ווילדעס, בייזעס צוקנייטשטעס געזיכט האט זיך געוויעזען אויף דער שוועל.

— וואס שטערסט דוא מיך, אמער? האט זיא געפרעגט מיט א ווילדער, הייעריגער שטימע.

— הער נור, פאטימע, דער אגא איז אויף מיר בייז געווארע. דוא ווייסט שוין פאר וואס. ער וויל מיך ארויסיאגען פון מיין שטעלע. ער קען טאהן נאך ערגערס.

דיא דיקע פרוי איז געשטאנען און האט איהם אנגעקוקט. זיא האט ניט פערשטאנען, וואס ער האט געוואלט פון איהר.

— וואס קען דיר פאטימע העלפען? האט זיא געפרעגט.

— דוא קענסט זעהר פיעל טאהן. עס זיינען היינט אנגעקומען אהער צווייא פרעמדע, א מאן מיט א פרוי.

— נון, וואס קען איך טאהן?

— זיי זיינען קריסטען; זיי גלויבען ניט אין מאהאמעד. מיר מוזען זיי פערזארגען. אין דיא אויגען פון דער דיקער פרוי האט עס אויפגעבליצט, וויא פייער.

— וויא אזוי ווילסט דוא זיי פערזארגען?

— דער מאן מוז שטארבען און דיא פרוי וויל איך איבערגעבען אין הארעם פון אונזער אגא, אלי עפענדי.

דיא אלטע פרוי האט אנגעהויבען צו פערשטעהן, וואס ער מיינט.

— וואס קען איך דען טאהן דערביי? האט זיא געפרעגט.

— דוא מוזט שאפען שעהנע קליידער פאר דיא פרוי. זיא מוז זיך אנטאהן, וויא אן אדאליסקע (דעם סולטאנס קעבס ווייבער הייסען אדאליסקען). איך וועל שוין פערזארגען דעם מאן מיט טערקישע קליידער.

— איז דאס אלעס, וואס איך דארף טאהן?

— ניין. דוא מוזט זיין פריינדליך געגען דיא פרוי, רעדען מיט איהר, זיא אונטערהאלטען און זיא בעדיענען. דוא מוזט זיין געגען איהר זעהר פריינדליך, ביז מיר וועלען זיא אריינגעבען אין הארעם פון אונזער אגא. דוא מוזט זעהן, אז זיא זאל אריינקומען אין הארעם מיט גוטען, מיט איהר אייגענעם ווילען.

— איך וועל עס טאהן, האט דיא טירקישע פרוי געענטפערט, איך מוז דיר אבער זאגען, אז איך קען ניט אנקוקען דיא קריסטען, איך האב זיי פיינד, וויא דעם טויט.

— דוא מוזט אבער זיין פריינדליך געגען איהר. דוא דארפסט איהר ניט וויזען, אז דוא האסט זיא פיינד.

— איך וועל טאהן אלעס, וואס דוא ווילסט.

9טער קאפיטעל.

דער פאלשער טערק.

ארטהור און עלווירא זיינען אונטערדעסען געשלאפען, וויא דיא געהרנעטע. זיי האבען א גאנצע נאכט ניט געשלאפען און האבען דורכגעלעבט אין דיא לעצטע פיער און צוואנציג שטונדען אזוי פיעל שרעק, ליידען און שמערצען, אז זיי זיינען איבערגע־לעגען עטליכע שטונדען, גלייך וויא זיי וואלטען גענומען א שלאף געטראנק.

ערשט גענען פינף אוהר פאר נאכט האט זיך עלווירא אויפגעחאפט. קוים האט זיא געעפענט דיא אויגען און האט זיך אומגעקוקט, וואו זיא איז, איז צו איהר צוגע־קומען אן אלטע פרוי אין טירקישע קליידער, האט צוגעלעגט דיא האנד צום הארצען און האט געזאגט:

— סאלאם אלייקום! (שלום עליכם).

עלווירא האט ניט פערשטאנען, וואס מען מיינט דערמיט און האט אויסגע־שטרעקט דיא האנד. דיא טירקישע פרוי האט אנגעחאפט איהר האנד און האט זיא א קוש געטאהן. עלווירא איז געווען ערשטוינט און איבערראשט. זיא האט ניט פער־שטאנען, פאר וואס דיא טירקישע פרוי האט זיא אזוי ליעב בעקומען.

זיא האט עפעס געזאגט, עפּ׳ס געפרעגט; דיא טירקישע פרוי האט זיא אבער ניט פערשטאנען און האט איהר דערלאנגט א בינדעל קליידער. עלווירא האט זעהר גוט געוואוסט, אז זיא דארף זיך אנטאהן, וויא א טירקישע פרוי. זיא האט צונומען דיא קליידער און האט דערזעהן מיט שטוינען, אז זיי זיינען אויסגעשטעקט מיט גאלד און מיט זילבער און זיינען אזוי רייך, אז א קעניגין מעג זיי טראגען.

זיא איז געווען צו יונג און צו אונערפאהרען צו וויסען, אז דאס זיינען ווירקליך דיא קליידער פון אן אָדאליסקע. פון וואנען האט זיא עס געקענט וויסען?

זיא האט אראפגעווארפען פון זיך דיא אייראפעאישע קליידער און האט אנגע־הויבען זיך אנצוטאהן, וויא א טערקישע פרוי.

וויא איבערראשט איז זיא געווען, ווען זיא האט געפונען צווישען דיא קליידער א קיילעכדיג היטעלע, א סאָרט יארמילקע, בעזעצט מיט גרויסע גאלדענע מואר׳ס (אזא מטבע). עס איז ביי איהר געווען ניי. זיא האט נאך קיין מאל ניט געזעהן, אז א פרוי זאל טראגען אזא סאָרט היטעלע. זיא איז אבער דאך געווען א פרוי. זיא האט דאך געוואלט זיין שעהן.

זיא האט אנגעטאהן דאס קיילעכדיגע היטעלע און איז צוגעגאנגען צום שפיגעל זיך בעטראכטען.

— וואס וועט ארטהור זאגען, ווען ער וועט מיך דערזעהן אין דיעזע קליידער? האט זיא אויסגערופען. מען דארף ניט לאבען פון דיא טירקישע פרויען, וואס זיי געהן אנדערש אנגעטאהן, וויא מיר. זיי וויסען, וויא אזוי זיך אנצוטאהן; זיי וויסען, וויא צו זיין שעהן; זיי וויסען, וויא אזוי צו געפעלען זייערע מענער.

עלווירא האט זיך בעטראכט אין שפיגעל און איז געווען זעהר צופריעדען מיט זיך. איהרע נייע קליידער האבען זעהר גוט געפאסט צו איהר שעהנע געשטאלט.

אין ארטהור'ס צימער איז פארגעקומען דיא זעלבע געשיכטע. קוים האט ארטהור גענעפענט דיא אויגען, האט ער דערזעהן ליעגען לעבען זיך א בינדעל קליידער. ער האט זיך באלד איבערגעטאהן און האט זיך אנגעקוקט אין שפיעגעל. ער האט אויסגעזעהן, וויא א וואהרער טערק. ער איז אויך געוועזן צופריעדען מיט זיין נייען קאסטיום. אבער ניט דערפאר, וואס דיא קליידער האבען איהם געפאסט, זאנדערן ווייל ער איז געוועזן זיכער, אז אין דיעזע קליידער, וועט ער זעהר לייכט קענען ווייטער פאהרען.

קוים האט ער זיך איבערגעטאהן, איז אמער אריינגעקומען צו איהם אין צימער.

— אזוי, באראן פאן באטהיאני? האט ער אויסגערופען, איהר זעהט דאך אויס, וויא א וואהרער טערק.

— איך דאנק אייך זעהר פאר אייער פריינדליכקייט, האט ארטהור געזאגט.

— איהר דארפט מיר ניט דאנקען, האט דער פאלשער טערק געענטפערט, פאר א באראן פאן באטהיאני בין איך בערייט צו טאהן אלעס, וואס איך קען נור. איך וויל אייך אבער עפעס זאגען.

ארטהור איז געווארען אויפמערקזאם.

— ביטע, זאגט, וואס איהר פערלאנגט.

— ביי טאג, ליעבער באראן, האב איך אייך געקענט האלטען דא אין צימער, אויף ביי נאכט אבער מוזט איהר אנגעהמען פאר ליעב אנאנדער צימער. איהר זייט נאך קיין מאל ניט געוועזן אין דער טירקיי און ווייסט ניט, וויא אין דער טירקיי לעבען מענער און פרויען שטרענג אבגעזאנדערט. דיעזעס צימער, אין וועלכען איהר געפינט זיך יעצט געהערט צום הארעם (פרויען אבטהיילונג)) איהר קענט דא ניט שלאפען ביי נאכט.

ארטהור איז ווירקליך ניט געוועזן בעקאנט מיט דיא טירקישע זיטען (מנהגים) און זייער ארט לעבען, ער האט צוואר געלעזען, אז דיא טערקען האלטען זייערע פרויען פערשפארט אין בעזונדערע צימער. וואס ווערט אבער פון לעזען? ווען מיר ווילען קענען א לאנד, מוזען מיר וואוינען אין לאנד. פון ביכער קען מען נור האבען אן אידעע פון'ם לאנד, א בעגריעף פון'ם לאנד; ווען מיר ווילען אבער גוט קענען א לאנד, מוזען מיר וואינען אין דיעזען לאנד.

— איך האף, אז איהר וועט אונז ניט לאנג האלטען ביי איך, האט ענדליך ארטהור געזאגט. איהר וועט אונז זעהן צו פערשאפען א פערד מיט א וואגען, וויא אם שנעלסטען, אום מיר זאלען קענען אוועקפאהרען פון דאנען.

— זייט זיכער, באראן פאן באטהיאני, אז איך וועל געוויס טאהן אלעס מעגליכע אום אייך צו בעשיצען און אייך אוועקצושיקען, וואוהין איהר דארפט. האט צוטרויען צו מיר, באראן פאן באטהיאני! איך בין גליקליך, וואס איך קען עפעס טאהן פון אייערטוועגען.

— דענקט איהר, אז איך בין ניט גאנץ זיכער אין דיעזען דארף?

— דא וועט אייך קיינער ניט פרעגען, ווער איהר זייט און וואס איהר טהוט. ווען איהר זייט נאך אנגעטאהן, וויא א טערק, וועט אייך געוויס קיינער ניט בעאונרו-הינגען. און ווען איינער זאל אייך שוין עפעס פרעגען, זאגט, אז איהר זייט מיין פער-

וואנדעטער. דאן וועט קיינער ניט וואגען אייך אנצוריהרען. איהר מענט בלייבען דא וויפיעל איהר ווילט אליין, קיינער וועט אייך ניט בעאונרוהיגען.

— אך, פריינד! האט ארטהור אויסגערופען. איך וויל דא ניט בלייבען און קען דא ניט בלייבען. זעהט בעסער מיר צו פערשאפפען א וואגען מיט א פערד, איך זאל קענען ווייטער פאהרען.

— זייט זיבער, באראן, איהר וועט באלד פאהרען, וואוהין איהר ווילט.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך העפליך פערניינט און איז ארויסגעגאנגען פון צימער. אין קארידאר האט ער געטראָפפען דיא אלטע פרוי, פאַטימא.

— נו, וואס מאכט אונזער שעהנהייט? האט ער זיא געפרעגט.

זיא איז זעהר צופריעדען, וואס זיא האט שעהנע קליידער, האט דיא אלטע פרוי געענטפערט.

— גוט! זיי פריינדליך נעגען איהר, גיב איהר, וואס זיא וועט נור פערלאנגען און לאז פון איהר קיין אויג ניט אראָפּ. איך געה יעצט צום אגא.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אוועקגעגאנגען.

אין א גרויסעם, שעהנעם צימער, פערציערט מיט אלע שעהנע זאכען פון פערזיען און אראביען זיצט א מאן פון א יאהר עטליכע און דרייסיג און רויכט דיא נארגילעה. דער לאנגער טשיבוק איז פערציערט מיט ברילליאנטען. דיא נארגילעה אליין איז איינגעפאסט אין גאלד, זילבער און טהייערע שטיינער. עס איז לייכט דייטליך אז דאס איז א רייכער מאן.

א דיענער איז אריינגעקומען האט זיך פערניינט צו דער ערד און האט געזאגט:

— אמער דער זוהן איזעט'ס וויל האבען דאס גליק צו זעהן דאס ליכט פון דיינע אויגען, אה, הערר!

— לאז אמער דער זוהן איזעט'ס אריינקומען, האט דער אגא געענטפערט.

אין א פּאר מינוטען ארום איז אמער אריינגעקומען אין צימער. ער האט זיך אויך פערניינט גאנץ טיעף און איז געבליעבען שטעהן ביי דער טהיר.

— דוא הונד! האט דער אגא אויסגערופען, דוא וואגסט עס צו קומען אין מיין הויז? איך האב דאך דיר געזאגט, אז דיין פוס זאל קיין מאל ניט איבערטרעטען דיא שוועל פון מיין הויז?

אמער האט זיך געשטעלט אויף דיא קניע און האט צונעלעגט זיין שטערן צו דער ערד.

— גרויסער אגא! עדעלער עפענדי! האט ער אויסגערופען, איך ווייס, אז איך האב געזינדיגט נעגען דיר. פערצייה עס מיר! האב מיטליידען מיט מיר! איך פיהל, וויא גרויס מיינע זינד זיינען. איך וויל זיי פערגלעטען, איך האב געפונען פון דיינעטוועגען א פרוי, וועלכע איז שעהן, וויא דיא זון, ליעבליך, וויא דיא יונגע ראָזע, זיס וויא דער וויין פון סמירנא און אנגענעהם, וויא א טרונק קאלטע וואסער אין דער וויסטע פון סאהארא. זיא איז אבער אן אונגלויביגע, א קריסטין. מען דארף זיא בעקעהרען צום וואהרען גלויבען פון אונזער וואהרען פראפעט מאחמער.

דער אגא איז געווארען אויפמערקזאם. זיינע אויגען האבען אנגעהויבען צו פונק־לען און זיינע באקען זיינען רויט געווארען, וויא פייער.

— וויא קומט אבער צו דיר אזא שעהנע קריסטין? האט ער געפרעגט.

— עס זיינען אריבערגעקומען דיא גרענעץ צווייא אנטלאָפענע קריסטען, וועלכע זיינען געקומען צו מיר בעטען, איך זאל זיי אויפנעהמען ביי מיר אין שטוב.

— אזוי? איז זיא געקומען מיט א מאן? האט דער אגא געפרעגט אונרוהיג.

— וואס מאכט עס אויס, וואס זיא איז געקומען מיט א מאן? האט אמער געענטפערט. ער איז אן אונגלויבינער, א קריסט און נאך אן אנטלאפענער. קיינער וועט ניט פרעגען אויף איהם, ווען מען וועט איהם מאכען קירצער מיט א קאפּ. מיין גנעדיגער הערר אבער קען נעהמען צו זיך דיא יונגע ראזע פון אונגארן און זיא בעקעהרן צו אונזער היילינגען גלויבען.

— הער נור, אמער! מען האט בעגנבעט דיא מאגאזינען פון אונזער גנעדיגע סולטאן. עס קען זיין, אז דוא אליין האסט עס געטאהן און פערדיענסט, אז מען זאל דיך אויפהענגען. איך בין אבער א גוטער מענש און וועל דיר קיין שלעכטעס ניט טאהן, ווען דוא האסט מיר געזאגט דיא וואהרהייט. ווען דיא קריסטין איז ווירקליך שעהן. איך מוז פריהער מיך אליין איבערציינגען, אויב דוא האסט מיר געזאגט דיא וואהרהייט. וועל איך אבער געפינען, אז דוא ביסט א ליגנער, וועל איך הייסען דיך אויפהענגען. אלי־עפענדי האט פיינד, אז מען זאל פון איהם שפאסען.

— איך דאנק דיר, גרויסער אגא! האט דער טערק אויסגערופען און וועל געוויס טאהן, וויא איהר בעפעהלט. אייערע אויגען וועלען זעהן דיא זון, וויא זיא שיינט, דער פּאשא פון אנדריאנאפאל וועט אייך בענייידען. זאָגאר אונזער גרויסער און גנעדיגער העררשער, דער סולטאן, האט ניט אזא שעהנע אדאליסקע אין זיין הארעם, וויא דיעזע בלומע פון דמשק, דיעזע רויז פון טאהל חאליל.

— דוא מענסט געהן, אמער, האט דער אגא געזאגט, היט מיר גוט אפּ דיא בלומע פון דמשק.

דער דורכגעטריעבענער רענעגאט (משומד, א מענש, וועלכער האט אפּגעטרע־טען פון זיין גלויבען) האט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און איז ארויסגעגאנגען פון דער וואהנונג פון'ם טערק. ווען ער איז געקומען אין דרויסען, האבען זיך זיינע אויגען צוברענט.

— יעצט האב איך איהם אין דיא הענד, האט ער געברומט. מען דארף וויסען, וויא אזוי צו האלטען דיא מענשען. דעם טערק קען מען האלטען אין דיא הענד דורך א שעהנער פרוי. דעם אונגארישען מאגנאט קען מען האלטען אין דיא הענד, ווען מען לויבט אויס זיין פאמיליע.

מיט דיעזע ווערטער איז ער געגאנגען אהיים און האט דערצעהלט ארטהור'ן, אז ער וועט פיעלייכט מארגען שוין האבען פון זיינעטוועגען פערד מיט א וואגען. דאן האט ער איהם אוועקגעפיהרט אין אנאנדער טהייל פון זיין הויז און האט איהם אפּגע־געבען א שעהנעם צימער.

דאן איז ער געקומען צו עלוויראַ'ן און האט איהר ערקלערט, אז אין דער טירקי

לעבען מענער און פרויען אין פערשיעדענע הייזער. עס פאסט ניט, אז א מאן זאל ארומגעהן מיט א פרוי אדער זאל רעדען מיט איהר פאר מענשען.

עלוויראַ האט איהם געגלויבט. עס איז איהר צוואר זעהר ניט געפעלען די טערקישע מאָדע, זיא האט אבער זיך ניט געקענט העלפען.

אזוי איז פערגאנגען דיא ערשטע נאכט. אין דער פריה האט דער דורכגעטריע־בענער רענעגאט געפונען פאר נעטהיג, אז ארטהור זאל זיך זעהן מיט עלוויראַ'ן און ער האט זיי ערלויבט זיך צו זעהן און צו רעדען איינינע צייט. דאס האט זיי ביידען אין גאנצען בערוהיגט. זיי האבען איינגעזעהן, אז מען האלט זיי ניט פאר געפאנגענע.

ארטהור איז געוועזן העכסט גליקליך, ווען ער האט דערזעהן עלוויראַ'ן אין איהרע נייע קליידער. דער טירקישער אנצוג האט איהר געפאסט. דאס רויטע היטעלע מיט מיט גאלדענע מטבעות ארום איז געזעסען אויף איהר קאפ, וויא אויסגעגאסען. זיא איז געוועזן אויסגעשלאָפען, אויסגערוהט און בערוהיגט און איז געוועזן ווירקליך שעהן, זיא האט ווירקליך געשיינט, וויא דיא זון.

ארטהור איז געוועזן אויפ'ן זיעבעטען הימעל. וויא פיעל גליקליכער וואלט ער געוועזן, ווען ער זאל שוין געוועזן זיין ווייט פון דאנען, ווייט פון דער אונגארישער גרענעץ, וואו זיינע פיינד לויערן אויף איהם.

ליידער, האט איהם דער פאלשער טערק ערקלערט, אז ער מוז אפווארטען דיא געלעגענהייט, ביז ער וועט קענען בעקומען פאר איהם פערד.

אזוי זיינען פערגאנגען דריי טעג, אין וועלכע אונזערע געליעבטע האבען געלעבט גליקליך. זיי פלעגען זיך צוואר זעהן ניט גאנץ אָפט, אבער זיי זיינען דאך געוועזן פריי און ארטהור האט א גאנצען טאג געקענט קומען צו עלוויראַ'ן, מיט איהר רעדען און פערברענגען מיט איהר שטונדען לאנג.

יעדען טאג פלעגט ארטהור בעטען דעם טערק, ער זאל איהם פערשאפען א וואגען מיט פערד און זאל איהם אוועקשיקען און יעדעס מאל פלעגט דער טערק גע־פינען עפעס א תירוץ זיך אויסצודר־עהען. דא האבען דיא פערד געדארפט אנקומען פון דיא פעלדער; דא איז דער וואגען פלוצלונג צובראכען געווארען און מען האט איהם געמוזט רעפארירען. דאן איז שוין אלעס רעכט געווארען, עס האט נור געפעהלט א קוטשער.

ארטהור איז געווארען זעהר אונרוהיג. ער האט אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז דא איז עפעס ניט גאנץ גלאט. ער האט זיך אבער ניט געקענט העלפען. דער טערק אָמער איז שטענדיג געוועזן פריינדליך און העפליך געגען איהם. וויא האט ער געקענט איהם זאגען, אז ער טרויט איהם ניט?

דעם דריטען טאג פאר נאכט האט פאטימא איינגעלאדען עלוויראַ'ן אויפ'ן פלאכען דאך פון'ם הויז. דער טאג איז געראדע געוועזן זעהר א הייסער. אין דיא ענגע צימערן איז דיא לופט געוועזן שטיקענד. קיין פענסטער אויף דער גאס איז ניט געוועזן פאטימא האט דאהער געראטהען איהר פריינדין, זיא זאל מיט איהר ארויפגעהן אויפ'ן דאך.

פאטימא האט אנגעטאהן דעם פערעדזשי, א לאנגען, ווייסען שלייער, מיט וועלכען

די טערקישע פרויען פערדעקען זייער געזיכט, ווען זיי געהן ארויס אויף דער גאס. קיין אנשטענדיגע טירקישע פרוי וועט ניט ארויסגעהן אויף דער גאס אהן א פערעדשי. דאס איז זייער עהרע און זייער שטאָלץ.

דער פערעדשי פערדעקט דאס גאנצע געזיכט, אין איהם זיינען אויסגעשניטען צווייא לעכער פאר דיא אויגען. א פרוי אין א פערעדשי קען אלעמען זעהן און קיינער קען זיא ניט זעהן. נור דיא פרויען פון דיא ניעדעריגסטע קלאסען ערלויבען זיך ארויס־צוגעהן אין גאס אהן א פערעדשי.

עלווירא האט ניט געוואוסט פון דיעזער זיטע (מנהג) און האט דערפון אויך ניט געוואלט וויסען. צו וואס טויג איהר דער פערעדשי? זיא האט זיך אנגעטאהן אין איהרע נייע, שעהנע, טירקישע קליידער און איז געגאנגען מיט איהר פריינדין אויף׳ן דאך.

פאטימא האט געבראכט צווייא שטוהלען, האט זיך אניעדערגעזעצט און האט געבעטען איהר פריינדין, עלווירא, זיא זאל זיך אויך זעצען. עלווירא האט זיך אניע־דערגעזעצט און האט אנגעהויבען צו בעטראכטען, וואס עס טהוט זיך אויף דער גאס.

דיא הייזער אין דיא טערקישע דערפער זיינען געוועהנליך גאנץ ניעדריג. עלווירא האט געקענט זעהן זעהר דייטליך אלעס, וואס איז פארגעקומען אויף דער גאס און פון דער גאס וואלט מען זיא זעהר לייכט געקענט זעהן. וואלט עלווירא געווען בעסער בעקאנט מיט דיא טירקישע זיטען (מנהגים), וואלט זיא געוואוסט, אז אן אנשטענדיגע פרוי זעצט זיך ניט אזוי אָפען אויף׳ן דאך אין דער טירקיי. אין אזא פאל פערדעקט זיא איהר געזיכט מיט א פערעדשי אדער זיא פערשטעלט זיך מיט אן עקראן, א שפא־ניער ווענטעל.

קוים האט זיך עלווירא אניעדערגעזעצט, האבען זיך פערזאמעלט נייגעריגע מע־נער און פרויען און האבען אנגעהויבען אויף איהר צו קוקען און צו גאפען. באלד זיינען זיי פערשוואונדען און אויף זייער ארט זיינען אנגעקומען דרייא רייטער. זיי האבען זיך אניעדערגעשטעלט פאר אָמערס הויז און האבען אנגעהויבען צו קוקען אויף עלווירא פרעך און גראָב.

איינער פון זיי, וויא עס האט אויסגעוויעזען, זייער עלטסטער, איז צוגעלאפען נעהנטער צום הויז, האט ארויסגענומען א ספעקטיוו און האט זיא בעטראכט. דאן איז ער אפגעטרעטען עטליכע שריט און האט זיא בעטראכט פון דער ווייטע.

עלווירא איז אויפגעשפרונגען פאר שאנדע און פערדרוס. דאס בענעהמען פון׳ם רייטער איז געווען אזוי גראָב, אזוי טהיעריש און אזוי פרעך, אז עלווירא איז רויט געווארען און איז אראפגעלאפען פון דאך.

ווען זיא האט געוואלט אריינלויפען אין איהר צימער, איז ארטהור צוגעקומען צו איהר. זיא האט זיך אנגעחאפט אן איהם און האט אויסגערופען:

— רעטע מיך, ארטהור!

— וואס איז, עלווירא? וואס איז געשעהן? האט ארטהור געפרעגט אונרוהיג.

— האסט דוא געזעהן אויף דער גאס דרייא רייטער?

— איך האב זיי געזעהן.

— איינער פון זיי איז געווען אזוי פרעך, אז ער האט זיך געשטעלט קוקען אויף מיר און האט מיך בעטראכט א לאנגע צייט אזוי גראָב, אזוי ווילד און אזוי פרעך, אז איך האב מיך פערשעמט און בין אראפגעלאָפען פון דאך.

— איך בין געשטאנען ביים טויער און האב אלעס געזעהן, האט ארטהור גע־ענטפערט. איך האב ניט געוואוסט, אויף וואס זיי קוקען דארט.

— איך האב מורא, ארטהור! האט עלווירא אויסגערופען. די רייטער זיינען געקומען אהער ניט אומויסט.

— זיי רוהיג, עלווירא! איך וועל דיך בעשיצען.

— פאר וואס ביסט דוא געקומען צו מיר אזוי שפעט, ארטהור? איך האב גע־ווארט אויף דיך.

— איך האב געזוכט א מיטעל, וויא אזוי אוועקצופאהרען פון דאנען.

— האסט דוא עפּעס אויסגעפונען?

— יא, עלווירא. מיר וועלען באלד אוועקפאהרען פון דאנען.

— וואס רעדסט דוא, ארטהור? האט עלווירא אויסגערופען פול פרייד. אונזער ווירטה האט דאך געזאגט, אז היינט איז אונמעגליך צו בעקומען פערד.

— אונזער ווירטה געפעלט מיר ניט. איך האב געפונען אַנאנדער געלעגענהייט. איינער פון דיא היגע קויפלייטע פאהרט קיין ניקאָפּאָל. דאס איז צוואר ניט אונזער וועג, איך האב מיך אבער ענטשלאָסען צו פאהרען מיט איהם קיין ניקאפאל, ווייל ניקאָפּאָל איז א שטאדט, דאָרט וועלען מיר זעהר לייכט קריעגען א געלעגענהייט צו פאהרען קיין קאנסטאנטינאפאל.

— גאט זיי דאנק! ענדליך וועלען מיר דאך אויסגעלעזט ווערן פון דיעזע גע־פענגניס! האט עלווירא אויסגערופען.

— קום, עלווירא צו אונזער ווירטה. לאמיר איהם מעלדען, אז מיר פאהרען אוועק.

ביידע זיינען געגאנגען זוכען זייער ווירטה. זיי האבען איהם ניט געדארפט לאנג זוכען, ווייל ער איז באלד אנגעקומען. ארטהור האט איהם דערצעהלט, אז ער האט געפונען א געלעגענהייט אוועקצופאהרען.

אמער איז געוואָרען איבערראשט און דיא פארב פון זיין געזיכט האט זיך געענ־דערט.

— מיט וועמען ווילט איהר דען פאהרען? האט ער געפרעגט.

ארטהור האט איהם געזאגט, מיט וועמען ער וויל פאהרען און וואוהין ער וויל פאהרען, האט איהם זעהר געדאנקט פאר זיין גאסטפריינדשאפט און האט איהם גע־געבען עטליכע גאָלדשטיקע.

אמער האט צוגענומען דאס געלד, האט געדאנקט און איז זיך אוועקגעגאנגען. ער איז געלאָפען מעלדען דעם אגא, אז זיינע געסט ווילען אנטלויפען.

קוים איז אָמער אוועקגעגאנגען, האט ארטהור געזאגט צו עלוויראַן:

— קום, עלווירא. מיר דארפען ניט פערליערן קיין צייט. דער מאן ערווארטעט אונז, ער פאהרט באלד אוועק.

— אך, ארטהור! איך ווייס ניט, וואס מיט מיר איז, האט עלווירא געזיפצט, איך וואלט געוועז גליקליך, איך זאל שוין זיין ווייט, ווייט פון דיעזען דארף.

— וואס איז דאס, עלווירא? דוא האסט מורא? דוא האסט דאך בעוויעזען אזוי פיעל קראפט און אזוי פיעל מוטה, אז דוא האסט איבערגעטראגען מיט מיר אלע ליידען און אלע שוועריגקייטען, וועלכע מיר זיינען אויסגעשטאנען ביז אהער און יעצט האסט דוא גאר מורא?

— ניין, ארטהור, איך האב פאר קיינעם קיין מורא ניט. עס פערקלעמט מיר אבער ביים הערצען, ווען איך דערמאן מיך אן דיא דרייא רייטער.

— זיי רוהיג, עלווירא! מיר זיינען דאך אין א פרעמד לאנד, וועלכעס מיר קענען נאך ניט. ווער ווייס, וואס דיא רייטער האבען געוואלט. — קום, לאמיר בעסער געהן.

ער האט זיא גענומען אונטערן ארים און איז מיט איהר ארויסגעגאנגען פון אמערס הויז.

קוים זיינען זיי אוועקגעגאנגען א פאר הונדערט שריט, איז אמער זיי ענטגעגען געקומען און האט אויסגערופען:

— אזוי? איהר פאהרט שוין? נו, גליקליכע רייזע! איך האב גערעכענט, אז איך וועל האבען נאך א לענגערע צייט דאס גליק צו האבען ביי מיר אזא טהייערן גאסט. וויא דעם בארא! פאן באטהיאני. איך קען אייך ניט אויפהאלטען; איך בעט אייך אבער, ווען איהר וועט אמאל קומען אהער, זאלט איהר גלייך פערפאהרען צו אמער דעם זוהן פון האסאן.

ער האט געגעבען ארטהור'ן און עלוויראן דיא האנד, האט זיי נאך געווינשט פיעל גליק און איז זיך אוועקגעגאנגען.

ארטהור און עלווירא זיינען וויטער געגאנגען. זיי האבען בעמערקט מיט שטוי נען, אז אין דארף איז ווידער אלעס שטיל. מען זעהט קיין לעבעדיגען מענשען אויף דער גאס. עלווירא האט אויך קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן, פאר וואס מען זעהט יעצט קיין מענשען אויף דער גאס. ערשט פריהער איז דאס גאנצע דארף געוועזען אזוי פרעהליך און אזוי לעבעדיג און יעצט איז עס וויא אויסגעשטארבען.

זיא האט אבער ניט געהאט פיעל צייט צום נאכדענקען. ארטהור האט זיך געאיילט. דער קויפמאן האט איהם געזאגט, אז ער וויל באלד אוועקפאהרען.

זיי זיינען אוועקגעגאנגען נאך א פאר הונדערט שריט און האבען דערהערט הינטער זיך דיא שווערע טריט פון פערד, וועלכע לויפען אין גאלאפ. עלווירא האט זיך אומגעקוקט און האט אנגעכאפט ארטהור'ן ביי דיא הענד.

— אט קומען זיי ווידער! האט זיא אויסגערופען דערשראקען.

ארטהור האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן דריי רייטער, וועלכע לויפען גלייך צו דעם ארט, וואו ער איז געשטאנען מיט עלוויראן.

— לאמיר אנטלויפען, ארטהור! האט עלווירא געבעטען. מיר דאכט, אז זיי לויפען גערארע צו אונז.

— נייִן, עלווירא, מיר דארפען ניט אנטלויפען. פון וואנען ווייסט דוא, אַז זיי לויפען צו אונז? פיעללייכט פאהרען זיי ערגעץ און מיינען אונז גאר ניט.

— ניין, ארטהור, ניין! איך דערקען זיי. דאס זיינען דיעזעלבע רייטער, וועלכע זיינען פריהער געשטאנען פארן הויז, וואו מיר האבען געוואינט און האבען געקוקט אויף מיר.

— זיי זיינען דאך אבער נאך גאנץ ווייט פון דאנען, וויא קענסט דוא זיי זעהן און דערקענען, ווער זיי זיינען?

— אך, ארטהור! דאס הערץ זאגט מיר, אז דיעזע רייטער קומען אהער מיט שלעכטע געדאנקען.

— אלזא, לאמיר געהן שנעלער, האט ארטהור אויסגערופען. פיעלייכט וואלטען מיר זיך אומגעקעהרט צו אונזער ווירטה אָמער?

- ניין, ארטהור! איך וויל צו איהם ניט געה', האט עלווירא געבעטען, לאָמיר בעסער געהן צו דיין נייעם בעקאנטען, צום קויפמאן.

אונטערדעסען האבען דיא רייטער געגעבען זייערע פערד דיא שפאָרען און דיא פייערינגע אראבישע פערד האבען באלד אנגעיאגט דיא צוויא פוס געהער. איינער פון דיא רייטער האט עפּעס געפרעגט ארטהורן אויף טערקיש.

ארטהור האט איהם געענטפערט אויף אונגאריש, אז ער פערשטעהט ניט דיא טערקישע שפראכע. דיא טערקען האבען גערעדט א פּאָר ווערטער צווישען זיך, דאן האט איינער געזאגט אין א פערדאָרבענער, געבראָכענער אונגארישער שפראכע:

— דוא געהסט אנגעטאהן, וויא א טערק און פערשטעהסט ניט איין וואָרט טערקיש, וויא איז דאס מעגליך? אלזאָ ביסט דוא א פערשטעלטער. פיעלייכט ביסט דוא גאר אן אנטלאפענער.

— וואס געהט עס אייך אן, ווער איך בין? האט ארטהור געענטפערט, איך געה מיר מיין וועג, געהט איהר אייך אייער וועג.

— עס געהט מיך זעהר פיעל אָן צו וויסען, ווער איהר זייט. איך בין א טער־קישער בעאמטער.

— איהר מעגט זיין, ווער איהר ווילט זיך, דארפט איהר מיך ניט אויפהאלטען אויפ'ן וועג. איך האב קיין צייט מיט אייך צורעדען.

— נון, מיין הערר, איהר וועט מוזען האבען אביסעל צייט פון מיינעטוועגען. — ווער איז דיא פרוי, וועלכע געהט מיט אייך?

— וואס דארפט איהר עס וויסען? איהר זעהט דאך, עס איז א דאמע.

— ווען איהר ווילט ניט זאָגען, ווער זיא איז, וועל איך עס אייך זאגען. דיעזע פרוי איז דיא בראוט פון אונזער גרויסען און שטארקען אגא, אלי־עפענדי. ער האט מיר געגעבען א בעפעהל, אז איך זאל איהם ברענגען זיין בראוט.

— זאגט אייער גרויסען און שטארקען אגא, אז דיעזע פרוי איז ניט זיין בראוט. זיא איז א געבארענע אונגארין און איז דיא פרוי פון א מאן, וועלכער ליעבט זיא און שעצט זיא. ער וועט שוין וויסען, וויא צו פערטהיידיגען זיין פרוי.

— דוא ווייסט ניט, וואס דוא רעדסט, פרעמדער! האט דער טערק אויסגע־

רופען מיט צאָרן. דו און דיזע פרוי טראָגען די קליידער פון אונזער אַנאַ, אַלי־עפענדי. מיט איינינע טעג צוריק האָט מען איהם בע׳גנב׳עט מען האָט צוגענומען אַלע זיינע קליידער און די קליידער פון זיינע פרויען. — דו האָסט זיי אַרויסגע׳גנב׳עט! דו ביסט דער גנב!

אַרטהור איז אויפגעשפרונגען, וויא אַן אָפּגעבריהטער. זיינע אויגען האָבען געשאָסען מיט בליצען ער האָט געציטערט פאַר צאָרן אין פערדרוס.

— טויגעניכטס! הונט! האָט ער אויסגערופען און האָט אַרויסגעכאַפּט דעם יאַטאַגאַן (אַ קרומען שווערד) וועלכען ער האָט געטראָגען אין גאַרטעל. — וויא וואַגסט דו צו זאָגען, אַז איך בין אַ גנב? איך בין ערשט דריי טאָג אין לאַנד און ווייס גאָר נים, ווער אייער אַנאַ איז און וואו ער וואָהנט. — פערטהיידיג דיך, טויגעניכטס!

ער האָט אויפגעהויבען זיין יאַטאַגאַן און האָט זיך געוואָלט שטעלען געגען טערק, די אַנדערע צוויי זיינען אָבער אונטערדרעסען אַראָפּגעשפרונגען פון זייערע פערד און האָבען ביי איהם אַרויסגעחאַפּט דעם יאַטאַגאַן.

ביז אַהער איז עלווירא געשטאַנען רוהיג און האָט צוגעקוקט, וואָס דאָ קומט פאָר. זי האָט זיך נים געוואָלט אַריינמישען אין געשפּרעך מיט די טערקען, ווייל זי האָט געוואוסט אַז עס וועט איהר זעהר וועניג העלפען.

יעצט אָבער, ווען זי האָט געזעהן, אַז די טערקען זיינען אָנגעפאַלען אויף אַרטהור׳ן, איז זי צוגעלאָפען צו די טערקען, האָט זיי אָנגעחאַפּט ביי די הענד און האָט אָנגעהויבען צו שרייען נים מיט איהר קול:

— וואָס ווילט איהר פון איהם? לאָזט איהם אָפּ! וואָס האָט ער אייך געטאָהן?

די טערקען זיינען געבליעבען שטעהן איינינע מינוט, וויא פערשטיינערט. ערשט יעצט האָבען זיי דערזעהן, וויא שעהן עלווירא איז. זיי האָט איבערראַשט איהר מוטה, איהר קראַפט, און איהר שעהנע קלינגענדיגע שטימע.

זי האָט אַרומגענומען אַרטהור׳ן, האָט איהם צוגעפרעסט צו זיך, גלייך וויא זי האָט געוואָלט איהם בעשיצען מיט איהר איינענעם קערפּער, און האָט אויסגערופען:

— קום, געליעבטער! לאָמיר אַנטלויפען פון דיזע ווילדע און שלעכטע מענשען.

עס איז אָבער שוין געווען צו שפּעט. עס זיינען אונטערדרעסען אָנגעקומען נאָך פינף טערקען אויף פערד און האָבען זיי אַרומגערינגעלט.

דער עלטערער פון די טערקען האָט געגעבען אַ צייכען צו זיינע קאַמעראַדען, אַז זיי זאָלען צושיידען אַרטהור׳ן מיט עלווירא׳ן.

צוויי שטאַרקע טערקען האָבען זי אָנגענומען מיט זייערע אייזערנע הענד און האָבען זי אָפּגעריסען פון אַרטהור׳ן. צוויי אַנדערע האָבען גענומען אַרטהור׳ן אונטערן אָרעם און האָבען איהם געהאַלטען, וויא מיט אייזערנע צוואַנגען.

עלווירא האָט געגעבען אַ שרעקליכען געשריי:

— איך בין פערלאָרען!

דאָס האָט אַרטהור נים געקענט אויסהאַלטען. אַזוי וויא זיינע הענד זיינען

נעווען פריי, האט ער ארויסגעכאפט זיין פיסטאלעט און האט אויסגעשאסען, די קוגעל האט געטראפען א טערק אין פוס.

— בינדעט איהם! ער איז א גנב און א רויבער! האט קאמאנדירט דער עלטערער פון די טערקען.

ארטהור האט זיך געראנגעלט. וואס האט עס איהם אבער געהאלפען? וואס קען מאהן איינער נעגען זעקס? אין איינינע מינוט איז ער געלעגען אויף דער ערד געבונדען, וויא א שעפס.

— פיהרט איהם אוועק צו אונזער גרויסען, מעכטינען און גערעכטען אגא, אלי עפענדי! האט קאמאנדירט דער עלטערער פון די טערקען.

מען האט ארויפגעזעצט ארטהורן אויף א פערד און מען האט איהם צוגעבונדען צום זאטעל. עלוויראן האט מען ארויפגעזעצט אויף א צווייטעס פערד און אין א פערטעל שטונדע ארום האט מען זיי אריינגעפיהרט אין א גרויס הויז, ארומגערינגעלט פון א הויכער און פעסטער מויער. דארט האט מען זיי אריינגעפיהרט אין א גרויסעם צימער.

אויף א ניעדריגען דיוואן, אויף וועלכען עס זיינען געווען אנגעלעגט קישענס, איז געזעסען, די פיס הינטער זיך, דער גרויסער, שטארקער און מעכטיגער אגא, אלי הוסיין עפענדי, און האט גערויכט פון א טהייערער נארגילעה, בעזעצט מיט דיאמאנטען און מיט פערל.

דער אגא האט אויפגעהויבען זיינע מיעדע אויגען און האט א קוק געטאהן אויף די געפאנגענע. ער האט בעטראכט עלוויראן פון קאפ ביז אין די פיס. זיא איז איהם געפעלען און אויף זיינע גראבע פליישיגע ליפען האט זיך געוויזען א צופריעדענער שמייכעל.

דאן האט ער א קוק געטאהן אויף ארטהורן און זיין געזיכט איז געווארען פינסטער.

— זעץ דיך, שעהנע דאמע! האט ער געזאגט צו עלוויראן אויף פראנצויזיש און האט איהר אנגעוויעזען א פלאץ לעבען זיך אויפ'ן דיוואן.

די טערקישע בעאמטע רעדען כמעט אלע פראנצייזיש, בעזאנדערס די, וועלכע האבען אן אמט ביי א גרענעץ און קומען זיך אפט צונויף מיט פרעמדע. פראנצייזיש איז א וועלט שפראכע. זיא איז די דיפלאמאטישע שפראכע פון אלע פעלקער. די פאליטיק ווערט געוועהנליך געפיהרט אויף פראנצייזיש. אלע טראקטאטען, וואס איין רעגיערונג שליעסט אפ מיט דער אנדערער, ווערען געשריעבען אויף פראנצייזיש.

עס איז דאהער קיין וואונדער, וואס די טערקישע אפיציערן און העכערע בעאמטע רעדען אלע זעהר גוט פראנצויזיש.

אלי עפענדי איז געווען דער קאמענדאנט פון דער גרענעץ. ער איז געווען אן אנגעזעהנער בעאמטער אין דער טירקיי און האט גערעדט זעהר גוט פראנצויזיש.

עלווירא האט זעהר גוט פערשטאנען, וואס דער אגא האט איהר געזאגט, זיא האט זיך אבער געמאכט, אז זיא הערט איהם ניט אדער זיא פערשטעהט איהם ניט

און איז געבליבען שטעהן לעבען ארטהורן, וועלכער איז געשטאנען דיא הענד געבונדע אויפ'ן ריקען און האט געקוקט דעם טערק גלייך אין דיא אויגען.

דאס הייסט אין דער טירקיי א פערברעכען, ווען א טערק שטעהט פאר זיין בעאמטען דארף ער האלטען דיא אויגען אראפגעלאזען צו דער ערד. אויפהויבען דיא אויגען, קוקען דעם עלטערן גלייך אין דיא אויגען, איז א גראבהייט און פאסט ניט פאר א געבילדעטען מענשען.

— פרעמדער, האט דער אגא געזאגט צו ארטהורן, דוא האסט מיך בעגנבעט. דיא קליידער, וועלכע דוא טראגסט אויף זיך זיינען ארויסגעגנבעט געווארען פון מיין שלאס. וואס קענסט דוא מיר ענטפערן דארויף?

— וואס זאל איך אייך ענטפערן, אגא? האט ארטהור אויסגערופען, איך קען אייך נור זאגען, אז עס איז א ליגען.

— וויא קענסט דוא לייקענען א זאך, וואס אלע זעהן? האט דער אגא געפרעגט. דיא קליידער זיינען מיינע. וויא קומסט דוא צו זיי?

— איך האב זיי געקויפט און האב פאר זיי בעצאהלט, האט ארטהור געענט־פערט. ווען איינער האט זיי ביי דיר ארויסגעגנבעט, האט עס געטאהן אנאנדערער, ניט איך.

— שוויינ, פרעמדער! קיינער פון מיינע דיענער האט עס ניט געטאהן. איך קען זיי אלע זעהר גוט. מיך האט בעגנבעט א פרעמדער. דוא ביסט דער איינציגער פרעמדער אין דיעזער געגענד.

— וויא קען איך שווייגען, ווען דוא בעשולדיגסט מיך אין א פערברעכען, פון וועלכען איך וויים ניט און האב קיין בעגריעף ניט?

— אויסער דעם האסט דוא געשאסען אויף מיינעם א קאוואס (סאלדאט, זשאנדארם) און האסט איהם פערוואונדעט, האט דער אגא ווייטער געזאגט. דוא האסט אלזא בעגאנגען צווייא שרעקליכע פערברעכען. איך וויל דיר ווייזען, אז איך בין א גוטער מענש און וועל דיר פערצייהען דיעזע פערברעכען, אבער אונטער איין בעדינגונג.

— וואס פאר א בעדינגונג?

— לאז מיר איבער דיעזע דאמע. איך פערלאנג עס ניט אומזיסט. איך וועל דיר בעצאהלען פאר איהר. דאן וועל איך דיר פערצייהען דיינע פערברעכען און דוא וועסט מעגען פאהרען, וואוהין דוא ווילסט. איך וועל דיר געבען פערד און א בעגלייטער ביז צו א גרויסע שטאדט. — וואס דענקסט דוא? בין איך ניט א גוטער און גערעכטער ריכטער?

ארטהור האט געשוויגען. ער האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן דעם טערק. זיין לאגע איז געוועזן א פערצווייפעלטע.

עלווירא האט ארויסגעלאזען א טיעפען זיפץ. וואס האט זיא געקענט ענטפערן? וואס האט זיא געקענט ראטהען ארטהורן? וואס האט זיא איהם געקענט זאגען? איהרע שעהנע אויגען זיינען פול געווארען מיט טרערען און זיא האט געזיפצט שטר־לערהיים.

דער אנא האט א קק געטאהן אויף ביידען און האט זיך געווענדעט צו ארטהור,

— דוא ביסט מיר שולדיג אן אנטווארט, פרעמדער, האט ער איהם געזאגט. וואס דענקסט דוא פון מיין פארשלאג?

— זיא איז מיין בראוט, דיא געליעבטע פון מיין הערצען, האט ארטהור געענט־פערט, איך וועל ליעבער שטארבען אלס זיך אפזאגען פון איהר.

דער אנא האט אויף איהם געווארפען א בייזען, פינסטערן בליק. ער האט אנגעהויבען שטארק צו רויכערן זיין נארגילעה, ביז עס איז געווארען ארום איהם א וואלקען פון דעם פיינעם רויך פון'ם בעסטען טערקישען טאבאק.

— איז דאס דיין לעצטעס ווארט? האט ער ענדליך געפרעגט.

ער האט ארויסגעזאגט דיעזע ווערטער לאנגזאם און האט ארויסגעצויגען יעדעס ווארט, גלייך וויא פון יעדעס ווארט וואלט אפגעהאנגען דאס לעבען פון א מענשען.

— דאס איז מיין לעצטעס ווארט, האט ארטהור געענטפערט האסטיג.

— גוט, האט דער אנא געזאגט, וויא צו זיך אליין.

ער האט אנגעקלונגען אין א גרויסען גאנג (א טערקישע גלאק) וועלכער איז געהאנגען פאר זיין דיוואן. א שווארצער שקלאף איז אריינגעקומען און איז געפאלען מיט'ן געזיכט צו דער ערד.

— וואס בעפעהלט מיין הערר און געביעטער? האט דער שקלאף געפרעגט.

— שיק מיר אריין מוסטאפא.

דער שקלאף איז ארויסגעגאנגען און אין איינינע מינוט ארום איז אריינגעקומען אין צימער דער טערק, וועלכער האט ארטהורן מיט עלוויראן געפאנגען גענומען.

— וואס בעפעהלט אונזער גרויסער און מעכטיגער אנא? האט מוס-אפא געפרעגט.

— דיעזער מאן איז א גרויסער פערברעכער, האט דער אנא געזאגט גאנץ רוהיג. ער האט מיך בעגנב'עט און האט געשאסען אויף מיינע זאפטיע'ס (ושאנדארמען). פיהר איהם אפ אין א צימערל אין געפענגניס און פערשליעס איהם. דאן זאג דעם יוז באשי, ער זאל מארגען גאנץ פריה איהם אפהאקען דעם קאפ.

— איך וועל טאהן, וויא דוא הייסט מיר, גרויסער און מעכטיגער אנא.

עלווירא האט א ציטער געטאהן, ווען דער אנא האט גערעדט מיט זיין דיענער. ער האט מיט איהם גערעדט טערקיש, וועלכע זיא האט ניט פערשטאנען. זיינע מינע אבער האט געזאגט דייטליך, אז ער האט געגעבען א שטרענגען בעפעהל.

דער אנא האט זיך ניט צופריעדען געשטעלט מיט דעם בעפעהל, וועלכען ער האט געגעבען זיין זאפטי אויף טערקיש, ער האט ערקלערט ארטהורן אויף פראנצויזיש, וואס ער האט בעשלאסען מיט איהם צו טאהן.

יעצט האט זיך עלווירא שוין ניט געקענט איינהאלטען. זיא איז צוגעלאפען צו ארטהורן, האט איהם ארומגענומען און האט אנגעהויבען צו וויינען.

— איך וויל שטארבען מיט דיר, ארטהור! איך קען מיך ניט שיידען פון דיר!

— פיהר איהם אוועק! האט דער אנא געזאגט שטרענג צו זיין זאפטי.

מוסטאפא איז צוגעקומען צו ארטהורן און האט געוואלט איהם

קוים אָבער האָט ער אָנגערירט אַרטהור'ן, איז עלווירא אויפגעשפרונגען, וויא אַ טיגערין, בײַ וועלכער מען וויל אַוועקנעהמען איהרע קינדער. זי איז געפאַלען אויף די קניע פאַרן שטרענגען טערק און האָט אויסגערופען:

— מיטלייד! גנאַדע! האָט מיטלייד מיט איהם, אגא! ער איז ניט שולדיג. וואָס ווילט איהר פון איהם? לאָזט איהם לעבען!

— וואָס טהוסט דו, עלווירא? האָט אַרטהור געפרעגט, וועמען בעטסט דו? זעהסט דו דען ניט, אַז דיעזע ווילדע און שלעכטע מענשען האָבען בעשלאָסען אונז צו פערניכטען? וואָס וועלען העלפען דײַנע רייד?

— הײם מיך טוידטען גלייך מיט איהם, אגא! האָט עלווירא אויסגערופען, איך וועל ניט לעבען אָהן איהם! איך קען ניט לעבען אָהן איהם.

דער טערק האָט אײגענטליך ניט געוואָלט טוידטען אַרטהור'ן. ער האָט נור געוואָלט איהם איבערשרעקען און זעהן, וואָס אַרטהור און עלווירא וועלען טאָהן, ווען מען וועט איהם זאָגען, אַז מאָרגען מוז ער שטאַרבען. ער האָט גערעכענט, אַז קוים וועט ער זאָגען, אַז אַרטהור מוז שטאַרבען, וועט זיך עלווירא איבערשרעקען און וועט בעטען און וויינען, אַז זי וויל ליעבער הייראַטהען דעם אגא אַלס צו זעהן, וויא אַרטהור וועט שטאַרבען; יעצט אָבער האָט ער דערזעהן אַז די יונגע לייט ליעבען זיך צו שטאַרק אום זיך צו שרעקען פאַרן טוידט.

ער איז בייז געוואָרען און האָט אויסגערופען:

— מוסטאַפאַ! פיהר איהם אַוועק!

עלווירא איז אויפגעשפרונגען, וויא אַ גערייצטע טיגערין און האָט אַרומגעחאַפּט אַרטהור'ן.

— ניין! פיהר אונז בײדען אַוועק! מיר וועלען שטאַרבען צוזאַמען! איך קען ניט לעבען אָהן איהם.

— מוטה, עלווירא! האָט אַרטהור צייט געהאַט איהר צו זאָגען. זײ מוטהיג, עלווירא!

— איך וועל ניט לעבען אָהן דיר, אַרטהור! איך וועל מיר נעהמען דאָס לעבען.

— לעבע וואָהל, עלווירא! מוטה! פערליער ניט די האָפנונג! „ווען די נויט איז אַם גרעסטען, איז די הילף אַם נאָהענסטען".

— פיהר איהם אַרויס האָט זיך דער אגא געבייזערט, לאָז איהם מעהר ניט פלוידערן!

מוסטאַפאַ האָט אָנגעחאַפּט אַרטהור'ן בײַ די הענד און האָט איהם מיט געוואַלד אַרויסגעפיהרט פון צימער.

עלווירא איז אומגעפאַלען אויף דער ערד און האָט אָנגעהויבען צו וויינען. אײניגע מינוטען האָט דער אגא זי בעטראַכט שטילערהייט. ווען עלווירא האָט זיך אַביסעל בערוהיגט און דער בּרונען פון טרערען האָט אַביסעל אויפגעהערט, איז ער צוגעקומען צו איהר, האָט זי אויפגעהויבען און האָט זי אַניעדערגעזעצט לעבען זיך.

— בערוהיג דיך, שעהנע דאַמע! האָט ער געבעטען. פערגעס דעם מאַן, וועלכען

מען האט אוועקגעפיהרט. דוא זעהסט דאך, אז ער איז שוואך און ווייס גאר ניט וואס צו טאהן, אלס דיך בעטען, אז דוא זאלסט איהם ניט פערגעסען. — בלייב ביי מיר, שעהנע דאמע! דוא וועסט זיין מיין פרוי, מיין קעניגין. דוא וועסט הערשען און בע־פעהלען אין דיעזען פאלאץ. אלע וועלען פאר דיר ציטערן.

— אומזיסט דיינע רעד, אגא! האט עלווירא אויסגערופען, איך וועל לעבען מיט מיין ארטהור און שטארבען מיט איהם.

דער טערק האט זיך איבערלעגט איינינע מינוטען. דאן האט ער געפרעגט:

— וויא הייסט איהר, שעהנע דאמע?

— איך הייס עלווירא.

— האט איהר עפעס א טיטול?

— איך בין א גרעפין פאן טאקקי.

— זייט ווען קענט איהר זיך מיט דיעזען מענשען?

— פון מיין קינדהייט אן. מיר זיינען אויפגעוואקסען געווארען צוזאמען. אונזערע גיטער ליעגען זעהר נאהענט איינס לעבען אנדערן. אונזערע הערצער זיינען צוזאמענגע־וואקסען צוזאמען.

דער טערק האט אויסגעהערט עלווירא'ן מיט שטוינען. ליעבע איז א זעלטענעס געפיהל ביי אלע פעלקער פון'ם אריענט (מורה זייט פון דער וועלט). דער טערק הייר־ראטהעט ניט אויס ליעבע. ער ווייס ניט, וואס ליעבע איז. מייסטענס קויפט ער זיך א פרוי אדער עטליכע פרויען, ווען זיינע מייעל ערלויבען איהם.

— אלזא, דוא ליעבסט איהם? האט ער ענדליך געפרעגט.

— יא, איך ליעב איהם מעהר פון זיך אליין. איך קען ניט לעבען אהן איהם.

— וואס וועסט דוא טאהן, ווען איך וועל איהם טייטען?

— איך וועל ניט עסען, ניט טרינקען און ניט שלאפען, ביז איך וועל שטארבען.

דער טערק איז געווען איבערראשט. ער האט ניט ערווארטעט אזוי פיעל מוטה און ענטשלאסענהייט פון א פרוי.

— לעבט ביידע, האט ער ענדליך געזאגט, נור ווער דוא מיין פרוי. איך בין מעכטיג. אונזער גרויסער און גנעדיגער הערשער אין קאנסטאנטינאפאל, דער סולטאן ליעבט מיך. איך האף אין א קורצער צייט צו ווערן פאשא, גובערנאטאר פון א פראָ־ווינץ. איך וועל ווערן גרויס און דוא וועסט הערשען איבער פיעלע פעלקער. איך וועל מאכען דיין געליעבטען פאר מיין אדיוטאנט. איך וועל איהם רעקאמאנדירען צום סעראסקיר (קריעגס מיניסטער). איהר וועט ביידע גליקליך זיין. זאג נור איין ווארט, אז דוא ווילסט ווערן מיין פרוי און איך וועל איהם באלד ארויסלאזען.

— וואס רעדסט דוא, אגא? האט עלווירא געענטפערט, איך מוז לעבען מיט איהם אדער שטארבען מיט איהם.

— איך וועל דיר געבען דרייא טעג צייט זיך איבערצולעגען, האט ענדליך דער אגא געזאגט. דיין שיקזאל איז אין דיינע הענד. דוא קענסט זיין גליקליך און דיין גע־ליעבטער קען זיין גליקליך. וועסט דוא אבער אין דרייא טעג ארום ניט איינווילינגען צו ווערן מיין פרוי, וועסט דוא זעהן, וויא ער וועט שטארבען און דוא וועסט דאך זיין

מיינע. מיר האבען שוין מיטעל, וויא אזוי צו צווינגען פרויען, וועלכע ווילען ניט פאלגען זייערע מענער.

— איך דארף מיך ניט איבערלעגען, האט עלווירא געענטפערט פעסט ענטשלאסען. טהו, וואס דוא ווילסט, אגא. לעבעדינערהייט וועסט דוא מיך ניט האבען.

דער אגא האט זיך צולאכט.

— נו, דאס וועלען מיר זעהן! האט ער אויסגערופען, עס זיינען שוין געוועזען אזעלכע פעלע מיט געפאנגענע פרויען. זיי וויינען עטליכע טעג און, ווערן דערנאך שטיל און רוהיג.

— דוא קענסט ניט אונזערע פרויען, האט איהם עלווירא געענטפערט, דוא ווייסט ניט, וויא שטארק און הייליג דיא ליעבע איז. איהר לעבט, וויא דיא טהיערע. איהר בעטראכט דיא פרויען אלס א שפיעלצייג. איהר האלט זיי, וויא איהר האלט אייערע פערד און אייערע הינד. ביי געבילדעטע פעלקער איז עס אנדערש. מיר לעבען מיט דער ליעבע, מיר זיינען גליקליך מיט דער ליעבע, מיט אונזער ליעבע פערשווינדעט אויך אונזער לעבען. ביי אונז איז דיא ליעבע א געפיהל, ביי אייך איז עס א גענוס. איהר קענט ניט פערשטעהן אונזער ליעבע, ווייל איהר קענט זיא ניט פיהלען. לאז מיך אפ, אגא! דוא וועסט געפינען שעהנערע פרויען פון מיר. צו וואס זאלסט דוא מיך צ שיידען פון מיין ליעבע, פון מיין לעבען?

— איך האב שוין איינמאל בעשלאסען, דוא זאלסט ווערן מיין פרוי און איך וועל מיין בעשלוס ניט ענדערן, האט דער אגא געענטפערט פעסט.

— דאן זאג איך דיר נאך א מאל, אז איך וועל ליעבער מיר אריינשטעקען א מעסער אין הארצען אלס צו ווערן דיין פרוי.

דער אגא איז צוגעגאנגען צום גאנג און האט אנגעהויבען צו קלינגען. עס איז אריינגעקומען א שווארצער שקלאף, אן איינוך, מיט א בלויזען שווערד אין דער האנד.

— פיהר זיא אוועק אין הארעם און גיב זיא איבער דער אלטער איישא! האט דער אגא בעפעהלען.

דער שווארצער איינוך האט אנגענומען עלוויראן ביי דיא הענד און האט זיא אוועקגעפיהרט.

10טער קאפיטעל.

א שפעטער בעזוך.

עס איז שפעט ביי נאכט. דער אדוואקאט גאוואק זיצט לעבען זיין שרייב טיש און שרייבט. ער איז היינט בעזאנדערס בעשעפטיגט און האט אנגעזאגט, אז מען זאל איהם ניט שטערן.

פלוצלונג האט ער געהערט קראצען אין דער טהיר. ער איז אויפגעשפרונגען און האט א ציטער געטאהן.

— דאס איז זיא! האט ער געברומט. וואס קען זיא פערלאנגען פון מיר אזוי שפעט ביי נאכט?

ער איז צוגעגאנגען צו דער טהיר און האט זיא געעפענט. ער האט זיך ניט אפגענארט: פאר איהם איז געשטאנען סטאסא. א פינסטערער וואלקען האט זיך

נעווירזען אויף זיין זעהר ניט שעהנעס געזיכט. אין דיעזע מינוט האט זיין געזיכט אננענומען א ווילדען, בייזען, אונמענשליכען אויסדרוק.

סטאסא האט איהם בעטראכט פון קאפ ביז אין דיא פיס און האט געזאגט מיט איהר אלטער הייזעריגער שטימע.

— גוטען אבענד, הערר אדוואקאט!

נאוואק האט ניט אזוי ניך געענטפערט.ביידע זיינען געשטאנען אויף דער שוועל און האבען זיך אנגעקוקט.

— איהר לאזט מיך שטעהן אין דרויסען, הערר נאוואק?

— קומט אריין און זאגט מיר, וואס ווילט איהר פון מיר? האט ער געענטפערט פינסטער.

סטאסא איז אריינגעקומען אין צימער און האט זיך געשטעלט לעבען אדוואַקאט'ס שרייב טיש.

— נון, וואס ווילסט דוא מיר זאגען? איך האב היינט זעהר וועניג צייט. זאָג מיר קירצען און שארף, וואס ווילסט דוא?

— איך האב מיט אייך צו רעדען איבער זעהר א וויכטיגע אנגעלעגענהייט.

— אלזא זאג, וואס דוא ווילסט! דוא זעהסט דאך, אז איך האב קיין צייט ניט.

אויף סטאסא'ס בלייכע ליפען האט זיך געווייזען א זאנדערבארער שמייכעל.

— ווען איהר וועט וויסען וועגען וואס איך בין געקומען, וועט איהר זיך שוין פערגינען אפצושפארען פון מיינעטוועגען אביסעל צייט.

— איך בין ניט נייגעריג און וויל גאר ניט וויסען, וואס דוא האסט אין זינען צו טאהן.

— איך וויים, אז איהר זייט ניט נייגעריג, מיין הערר, איך האב אייך אבער צו דערצעהלען א זאך, וועלכע וועט אייך שטארק אינטערעסירען.

דער אדוואקאט האט אויף איהר געווארפען א שטרענגען, פאַרשענדען בליק, גלייך וויא ער האט געוואלט זיא דורכשטעכען און ארויסצאפען פון איהר איהרע געהיימע געדאנקען.

— אלזא, זאג מיר, וואס דוא ווילסט?

— צו ערשט וויל איך וויסען עפעס א זאך, וועלכעס איז פאר מיר נעטהיג, האט סטאסא געענטפערט רוהיג. ווען איהר וועט מיר ערקלערן, ווייס איך וויל, וועל איך אייך עפעס דערצעהלען.

סטאסא האט עס געזאגט אזוי רוהיג און אזוי ענטשלאסען, אז נאוואק האט געמוזט נאכגעבען.

— נון, וואס ווילסט דוא וויסען? האט ער זיא געפרעגט.

— איך וויל וויסען, אין וועלכען טאג וועט מען טויטען דעם הענקערס טאכטער.

דאס קען איך דיר ניט זאגען. דאס געריכט האט געוואלט בעשטימען א טאג, ווען מען זאל זיא טייטען. נראף מיראס האט אבער געבעטען, אז מען זאל עס אפּלעגען אויף אן אונבעשטימטע צייט.

— גראף מעראס? גראף מעראס האט געבעטען, אז מען זאל אפלעגען דעם טאג פון איהר טוידט? האט סטאסא אויסגערופען אויסער זיך.

— יא, סטאסא! גראף מעראס אליין האט געבעטען דיא ריכטער, אז זיי זאלען זיך ניט איילען.

עס איז געוועזען דייטליך, אז דער אדוואקאט איז העכסט צופריעדען, וואס סטאסא'ן פערדריעסט וואס מען האט אפגעלעגט דעם טאג פון אננא'ס טוידט.

— מען האט אפגעלעגט דעם טאג פון איהר טויט אויף אן אונבעשטימטע צייט? האט סטאסא איבערגעפרעגט נאך א מאהל.

— איך האב דאך עס דיר שוין געזאגט.

— איך וויל עס ניט! עס דארף ניט זיין! איהר מוזט זעהן מען זאל זיא טוידטען זא שנעל, וויא מעגליך!

— וואס רעדסט דוא, סטאסא? האט דער אדוואקאט אויסגערופען בייז. וויא קען איך עס טאהן?

— דאס וויל איך ניט וויסען, איהר מוזט עס טאהן.

— וויא קען איך דען צווינגען דעם גראף מעראס, ער זאל צוריקנעהמען זיין בימע?

— דאס איז אייער זאך, איך וויל דערפון ניט וויסען.

נאוואק איז געוועזען אויסער זיך. ער איז ארומגעלאפען עטליכע מאהל אין זיין צימער, וויא א גערייצטער טיגער אין זיין שטייג, דאן איז ער צוגעגאנגען צו איהר און האט געזאגט!

— איך קען עס ניט טאהן סטאסא!

— אזוי? איהר קענט עס ניט טאהן? האט סטאסא איבערגעפרעגט און האט איהם געקוקט גלייך אין דיא אויגען.

— איך וויל עס ניט טאהן, קען עס ניט טאהן און וועל עס ניט טאהן.

— איהר ווילט ניט, קענט ניט און וועט ניט? האט איהם סטאסא איבערגעקרימט. — נון, דאן וועל איך טאהן, וואס איך ווייס.

— טהו, וואס דוא ווייסט.

— וואו איז מיין עניקעל פראנץ? האט פלוצלונג סטאסא געפרעגט.

— ער איז אין זיין צימער. ער שלאפט שוין געוויס.

— ווייזט מיר וואו ער איז! איך וועל איהם אויפוועקען.

— צו וואס דארפסטו איהם?

— דאס וויל איך אייך ניט זאגען, איהר וועט עס געוואהר ווערען פון אנדערע. זיא האט זיך אויסגעדרעהט און האט געמאכט א מינע, אז זיא וויל אוועקגעהן.

— בלייב! האט נאוואק געזאגט צו איהר.

— ווילט איהר געהן צו גראף מעראס און אויסווירקען בייא איהם, אז מען זאל טוידטען דעם הענקערס טאכטער וויא אם גיכסטען?

— איך וועל פראבירען געהן צו איהם און רעדען מיט איהם דאריבער, האט דער אדוואקאט געענטפערט, איך ווייס אבער, אז איך וועל גאר ניט אויסווירקען.

עס איז אים אלגעמיינעם זעהר ניט פאסענד צו געהן בעטען, אז מען זאל טייטען א פערברעכער וויא צום ביכסטען.

— נון, איך גלויב ניט, אז איהר זאלט זיך איבערשרעקען פאר אזעלכע זאכען, האט סטאסא געלאכט. איך דענק, אז עס איז דא אנאנדערע אורזאכע, פאר וואס איהר ווילט ניט געהן צו גראף מעראס. איהר וועט זיך געוויס דערמאָנען, וואס מיר האבען אמאל גערעדט.

— איך ווייס ניט, וואס דוא מיינסט. וואס האב איך דען מיט דיר גערעדט?

— מיר ווייזט אויס, אז איהר זייט אביסעל פערליעבט אין דער שעהנער אננא.

— אונזינן! וואס דאכט זיך דיר? וויא קומט עס דיר אין קאפ, אז איך בין נאר פערליעבט אין איהר?

— ווען איהר זאלט ניט זיין פערליעבט אין איהר, וואלט זיא שוין לאנג געווען טויט. איך זאג אייך אבער, זייט פאָרזיכטיג! טהוט, וואס איך פערלאנג פון אייך, אדער איהר וועט עס בערייהען.

סטאסא האט געזאגט דיא לעצטע ווערטער מיט אזא שאַרפען טאָן, אז דער אדוואקאט איז געווארען אונרוהיג. ער איז ארומגעגאנגען איינינע מינוט אין צימער פערטיעפט אין זיינע געדאנקען. פלוצלונג האט ער זיך א חאפּ געטאהן ביים קאפּ, וויא איינער, וועלכען עס איז אריינגעקומען א גליקליכע אידעע אין קאפּ. זיין געזיכט איז געווארען פרעהליכער און א צופריעדענער שמייכעל האט זיך געקרייזעלט אויף זיינע ליפּען.

— ריכטיג! אזוי מוז עס זיין! האט ער אויסגערופען, דאס איז דאס איינציגע מיטעל! איך קען גלאט אזוי ניט געהן צו איהם. איך מוז זעהן, אז עס זאל זיך פערזאמלען א גרויסע מעננע מענשען פאר זיין הויז און זאל אנהויבען צו שרייען און צו ליארמען, אז עס איז שוין צייט צו טייטען דיא פערברעכערין, וועלכע האט ארויסגענבעט דיא לייבען פון קליינע קינדער. — אדער נאך בעסער — יא! ריכטיג! אזוי וועט עס נאך בעסער זיין! דיא מעננע מוז זיך פערזאמלען פאר מיין טהיר, מוז אנהויבען צו שרייען, צו ליארמען און צו געוואלדעוועז: פאר וואס טויטעט מען ניט דיא פערברעכערין? דער אדוואקאט וויל, אז זיא זאל אנטלויפען! אונזער געריכט איז ניט עהרליך. צו ערשט פעראורטהיילט מען א מענשען צום טויט, דאן לאזט מען איהם אנטלויפען! דאן וועל איך האבען א געלעגענהייט צו געהן צו גראף מעראס און מעלדען איהם, וואס עס איז געשעהן און וויא נעפעהרליך עס איז וויטער אפּצולעגען דעם טאדעסאורטהייל איבער דעם הענקערס טאכטער.

— בראוואָ, הערר אדוואקאט! איהר האט א גוטען קאפּ! האט סטאסא אויסגערופען. דאס מיטעל איז פארטרעפליך! עס וועט געוויס ווירקען. — ווער וועט אבער אויפרייצען דיא מעננע, זיא זאל עס טאהן?

— נון, דאס מוזט דוא שוין בעזארגען.

— איך וואלט עס שוין געקענט בעזארגען, האט סטאסא געענטפערט, עס דארף אבער קאָסטען געלד. איך מוז געבען דער מעננע צו טרינקען. גיט מיר געלד, וועל איך

שוין צוזאמען רופען א מעננע מענשען און וועל זיי שוין אזוי אויפרייצען. אז זיי וועלען שפרינגען אין דער לופטען.

דער אדוואקאט האט געמאכט א זויערע מינע. ער האט גערעכענט, אז ער וועט לויז ווערן פון איהר, ווען ער וועט איהר ערקלערן דאס איינציגע ריכטיגע מיטעל, דורך וועלכעס ער וועט זיין אים שטאנד צו צווינגען גראף מעראס און דיא ריכטער, זיי זאָלען הייסען טייטען דעם הענקערס טאכטער. יעצט מאנט נאר סטאסא ביי איהם געלד נאך דערצו? נאוואק אליין האט דיא גאנצע געשיכטע ניט געוואלט. איהם וואלט זעהר ווייניג געהארט, ווען מען זאל געווען אין גאנצען בעפרייען אננא'ן, און יעצט זאל ער נאך צו צאהלען, אז מען זאל זיא טויטען? דאס איז איהם שטארק ניט געפעלען.

— איך האב יעצט קיין געלד ניט, האט ער געזאגט טרויעריג, איך האב אין דער לעצטער צייט געמאכט פיעל אויסגאבען און איך בין יעצט זעהר פערעננט אין געלד.

— דיא ערבשאפט (ירושה), וואס דאס קליינע קינד האט אייך איבערגעלאָזען, איז נאך גענוג גרויס אום צו דעקען איינינע הונדערט גולדען, האט סטאסא בעמערקט. איהר קענט נאך געפינען א פאר הונדערט גולדען, ווען איהר דארפט.

דער אדוואקאט איז בלייך געווארען. סטאסא האט איהם דערמאָנט אן א זאך, פון וועלכער ער האט ניט געוואוסט, אז זיא ווייס עס.

— וויא איהר זעהט, הערר אדוואקאט, ווייס איך פון פיעלע זאכען און פון פיעלע פון אייערע געהיימניסע. איך ווייס, אז איהר וועט ניט שטארק ארים ווערן, ווען איהר וועט אוועקגעבען א פאר הונדערט גולדען.

דער אדוואקאט האט אראפגעלאזען טרויעריג דעם קאפ.

— וואס טראכט איהר אזוי לאנג, הערר אדוואקאט? עפענט אויף אייער קאסא קאסטען און שלעפט ארויס צוויא הונדערט גולדען. דאס איז ניט פיעל. דאס איז א קליינינקייט!

דער אדוואקאט האט געקרעכצט און געזיפצט. עס האט איהם אבער ניט גע־האלפען. ער האט געמוזט צוגעהן צו זיין קאסא קאסטען, ארויסנעהמען פון איהם צוויי הונדערט גולדען און זיי דערלאנגען סטאסא'ן.

סטאסא האט צוגענומען דאס געלד, האט עס לאנגזאם איבערגעצעהלט און האט עס אראפגערוקט אין איהרע טיעפע קעשענעס. דאן האט זיא געזאגט:

— זייט זיכער, הערר נאוואק, אז מארגען פאר נאכט וועט ווערן אן אויפלויף פאר אייער טהיר. עס איז זאגאר מעגליך, אז מען זאל אויסברעכען ביי אייך א פאר שויבען, דאס מאכט אבער ניט אויס. זיי וועלען מאכען א ליארם, אז מען וועט פער־טויבט ווערן. איהר וועט צופריעדען זיין מיט מיר. איהר מוזט אבער באלד לויפען צו גראף מעראס, איהם אלעס מעלדען און איהם ערקלערן, אז ווען ער וועט ניט זעהן, אז מען זאל טייטען דעם הענקערס טאכטער, וועט איהר שיקען דיא מעננע צו איהם אין פאלאץ.

זיא האט זיך נאך אומגעקוקט אין צימער, האט געזאגט אין דער הויף:

— גוטע נאכט, הערר אדוואקאט! און איז פערשוואונדען געווארען.

דער אדוואקאט איז געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט. ער האט ניט גע־וואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט איהם. ער איז אזוי אוועקגעשטאנען איינינע צייט, ענדליך איז ער געקומען צו זיך און האט אויסגערופען:

— אלע טייפעל פון דער העללע זאלען דיך פערפאלגען, דוא פערדאמטע העקסע (מכשפה)! דוא האסט מיך איבערראשט; דוא ביסט געקומען צו מיר אין א צייט, ווען איך האב מיך אויף דיר ניט גערינבט און האסט ביי מיר אויסגענארט צוויא הונדערט גולדען. ווארט, דוא ניעדערטרעכטיגע פרוי! איך וועל מיך מיט דיר אויך אפרעכענען! דוא ווייסט צו פיעל פון מיינע געהיימניסע. דוא טארסט זיי ניט וויסען.

איך מוז זוכען א מיטעל, וויא אזוי לויז צו ווערן פון דיעזע בלוטזויגערין. זיא ווערט אונערטרעגליך פרעך. עס איז שוין פון איהר גאר ניט אויסצוהאלטען. — ליידער, בין איך מעהר קינסטלער מיט דער פעדער און מיט'ן מויל, וויא מיט'ן מעסער און מיט א פיסטאלעט. — אבער „קאמט צייט, קאמט ראטה", זאגט דאס שפריכווארט. איך וועל שוין געפינען א מיטעל פון איהר לויז צו ווערן איך וועל זיא שוין פערזארגען.

זאנדערבאר! איך האב נאך גאר קיין נאכריכט פון דער גרענעץ. איך ווייס נאך ניט, אויב מע האט געהאפט דעם באראן פאן באטהיאני, אדער עס איז איהם גע־לונגען אריבערצוגעהן דיא טירקישע גרענעץ. דאס איז פאר מיר זעהר וויכטיג. וויא קומט עס, וואס דיא בעאמטע פון דער גרענעץ מעלדען גאר נישט?

ער האט זיך געזעצט צו זיין שרייב טיש און האט אנגעהויבען האסטיג צו שריי־בען. נאך שפעט אין דער נאכט האט געברענט א ליכט אין זיין שרייב צימער. וואס ער האט געשריעבען, קענען מיר ניט וויסען. מיר ווייסען נור, אז מיט איין טראפען טינט קען מען דערטרינקען מעהר מענשען, וויא מיט א ברונען וואסער.

11טער קאפיטעל.

דאס דאקומענט.

סטאסא איז ניט געגאנגען אהיים, ווען זיא איז ארויסגעגאנגען פון אדוואקאט זיא איז אריינגעגאנגען אין הויף און איז צוגעקומען צום צימעריל, וואו איהר עניקעל פראנץ פלעגט שלאפען. אויפ'ן וועג האט זיא געברומט צו זיך אליין:

— הערר אדוואקאט, איך בין אייך געוויס איבעריג. איהר וועט געוויס טאהן אלעס מעגליכע אום פון מיר לויז צו ווערן. איך דערקען אן אייער מינע, אז איהר טראכט עפעס בייזעס. — טראכט אייך געזונדערהייט! איך וועל אויך ניט שווייגען. איך וועל אויך טאהן אלעס, וואס איך קען נור אום ביי דיר ארויסצושלעפען, וויא פיעל געלד איך וועל נור קענען און דאן וועסט דוא מעגען געהן צום טייפעל. עס איז שוין צייט, דוא זאלסט זיך נעהן אהין, וואו מען דארף דיך נעטהיגער וויא דא. דוא ביסט קלוג, הערר נאוואק, איך בין אבער אויך קיין נארר ניט. איך וועל שוין אויסטראכטען פון דיינעטוועגען א בענרעבענים. — פריהער וועל איך נעהמען ראכע פון גראף מעראס, דאן וועל איך מיך אפרעכענען מיט דיר.

מיט דיעזע ווערטער איז זיא צוגעקומען צו דער טהיר פון דעם צימעריל, וואו פראנץ פלעגט ארבייטען און שלאפען.

זי האט אנגעקלאפט אין דער טהיר. עס איז פערגאנגען א געראומע צייט, איי־דער פראנץ האט איהר געעפענט.

— גוטען אבענד, מיין ליעבער פראנץ! האט זיא געזאגט, ווען זיא איז אריינגע־קומען אין צימער. דוא ביסט שוין גרויס געווארען, פראנץ! עס שטעהט דיר שוין ניט אן צו רעדען מיט דיין אלטער גראסמוטער. דוא האסט מיך שוין געלאזט ווארטען אין דרויסען אזא צייט. אזוי איז עס שוין, ווען מען ווערט גרויס און פארנעהם, מען שעמט זיך שוין מיט זיינע ארימע פערוואנדטע. ווען דיא אלטע און קראנקע גראסמוטער וויל דיך אמאל בעזוכען, לאזט דוא זיא ווארטען שטונדען לאנג אין דרויסען.

— ענטשולדיגט מיר, גראסמוטער, האט זיך פראנץ פערענטפערט, איך האב מיך שוין געלעגט שלאפען, ווען איהר האט אנגעהויבען צו קלאפען אין דער טהיר. איך האב מיך געמוזט פריהער אנטאהן און דאן געהן אייך עפענען. דאס האט געדויערט עטליכע מינוט. וויא קומט איהר אבער צו זאגען, אז איך האב עס געטאהן אויס שטאָלץ?

— איך זעה, אז זייט דוא ביסט ביים אדוואקאט, קומסט דוא שוין קיין מאל ניט בעזוכען דיין אלטע און שוואכע גראסמוטער.

— וואס זאל איך טאהן, גראסמוטער? איך האב זעהר וועניג צייט. דער הערר אדוואקאט איז זעהר שטרענג און ער האט פיעל ארבייט. איך מוז איבערשרייבען אלע פאפיערן, וועלכע ער גיט מיר.

— ווען דוא האסט אזוי פיעל ארבייט, דאן פערצייהע איך דיר. דוא לערנסט דאך דערביי דיא גרויסע וויסענשאפט פון אן אדוואקאט, וועלכע בעשטעהט אין דעם, אז מען זאל צונעהמען דאס געלד פוןביידע זייטען און עס אריינלעגען זיך אין קעשענע.

— לאמיר דערפון ניט רעדען, גראסמוטער, האט פראנץ געבעטען, זאגט מיר בעסער, וויא קומט עס, וואס דוא ביסט געקומען צו מיר אזוי שפעט ביי נאכט?

— אה, גאר נישט! האט סטאסא אויסגערופען, איך האב נור געוואלט וויסען, אויב דוא האסט זיך שוין עפּעס אויסגעלערנט; אויב דוא קענסט שוין אנשרייבען אן אקט, א ביטשריפט, א קויפשיין און נאך אזעלכע גוטע און ניצליכע זאכען.

— יא, גראסמוטער! איך האב זעהר פיעל געלערנט ביי הערן נאוואק. ער הייסט מיר שוין אנשרייבען לייכטע דאקומענטען, וויא וועקסלען, פפאנד בריעף (מארטגעדש, זאקלאדנאיא) און נאך אזעלכע קלייניגקייטען.

— ביסט דוא שוין בעקאנט מיט אלע געשעפטען און פראצעסען, וועלכע הערר נאוואק פיהרט?

— איך בין בעקאנט מיט זעהר פיעלע געשעפטען, הערר נאוואק האט אבער אויך געהיימע געשעפטען און פראצעסען, וועלכע זיינען מיר ניט בעקאנט, ווייל ער ווייזט זיי מיר קיין מאל ניט. ער שרייבט זיי אליין.

— אזוי? האט סטאסא געברומט, ער האט פיעלע געהיימע געשעפטע, וועלכע זיינען דיר אונבעקאנט?

— געוויס, גראסמוטער.

— וואלסט דוא ניט געקענט א קוק טאהן אין זיינע געהיימע געשעפטען? איך מיין גלאט אזוי, א בליק טאהן שטילערהייט, ער זאל עס ניט וויסען.

— איך קען זוכען און געפינען א געלעגענהייט דערצו, האט פראנץ געענטפערט. איך וויים אבער ניט, צו וואס איך זאל עס טאהן.

— ווען איך פערלאנג עס, וואהרשיינליך האב איך אורזאכען עס צו פערלאנגען.

פראנץ האט אנגעקוקט זיין גראסמוטער מיט שטוינען. ער האט אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן, צו וואס זיא זאל דארפען וויסען, וואס עס טהוט זיך אין דיא געהיימע פאפיערן פון'ם אדוואקאט.

סטאסא איז צוגעקומען צו איהם גאנץ נאהענט און האט איהם געזאגט אויפ'ן אויער.

— ליעבער, גוטער פראנץ! איך דארף האבען א דאקומענט פון נאוואקס געהיימע פראצעסען און איך וויל, אז דוא זאלסט מיר פערשאפען דיעזעס דאקומענט.

— וואס רעדט איהר, גראסמוטער? וויא קען איך עס טאהן?

— דוא **מוזט** עס טאהן, פראנץ! האט סטאסא געזאגט שטרענג. דוא ווייסט גאר ניט, וויא וויכטיג דיעזעס דאקומענט איז פאר דיר. ווען דוא האסט דיעזעס דאקומענט, ביסט דוא גליקליך.

פראנץ האט זיך פערטראכט. מיט איינינע צייט צוריק איז ער געווען פעהיג צו טאהן יעדע ניעדערטרעכטיגקייט און זיך גאר ניט צו בעדענקען; אבער זייט ער האט אנגעהויבען צו ארבייטען ביים אדוואקאט און האט געזעהן פאר זיך אנדערע מענשען, איז ער געווארען רוהיגער און אנשטענדיגער. ער האט געזעהן, אז אין דער וועלט מוז מען זיין העפליך און אנשטענדיג, דאן מעג מען זיין דער ניעדערטרעכטיגסטער מענש אין דער וועלט.

— גראסמוטער, וואס רעדסט דוא? וויא קען איך עס טאהן? וויא קען איך ארויסגנבענען א דאקומענט ביים ארדוואקאט? איך האב מורא פאר איהם. ער וועט באלד געוואהר ווערן, אז איך האב עס געטאהן און וועט הייסען מיך ארעסטירען.

— האב קיין מורא, מיין קינד! ווען דיין גראסמוטער הייסט דיר עפעס טאהן, מעגסט דוא זיין זיכער, אז עס וועט דיר גאר ניט שאדען. דענק ניט, אז הערר נאוואק איז אזא פיינער מענש, אז ער נעהמט קיין מאל ניט צו ביי פרעמדע. הערר נאוואק האט ארויסגעגנבעט דיעזעס דאקומענט ביי אנאנדערן און דוא מעגסט עס צונעהמען ביי איהם. ער וועט מוזען שווייגען. ער וועט פאר דיר מורא האבען. — אויסער דעם, מוז איך גלאט וויסען, אויב דיעזעס זעהר וויכטיגע דאקומענט געפינט זיך נאך ביי איהם.

פראנץ האט זיך פערטראכט. דיא געשיכטע האט אנגעהויבען איהם צו אינטערעסירען. ער האט געזעהן, אז זיין גראסמוטער פערשטעהט גאר געשעפטען. זיא וויים גאר, וואס עס טהוט זיך אין דיא געהיימע שובלאדען פון'ם אדוואקאט נאוואק.

— וואס פאר א דאקומענט דארפסט דוא, גראסמוטער? האט ער ענדליך געפרעגט.

— גיב מיר נור טינט און פעדער.

פראנץ האט איהר דערלאַנגט, וואס זיא האט געפאָרדערט.

סטאסא האט אנגעשריעבען נור איין ווארט, — א נאמען. דאן האט זיא איהם געוויעזען, וואס זיא האט אנגעשריעבען.

— איז דיר בעקאנט א דאקומענט מיט דיעזען נאמען?

— ניין, גראססמוטער. אזא דאקומענט האב איך קיין מאל ניט געזעהן ביים אדוואקאט.

— האסט דוא איהם קיין מאל ניט געהערט רעדען פון דיעזען מענשען?

— ניין, גראססמוטער.

— דאן מוזט דוא זעהן אויסזוכען א פאפיער, אין וועלכען עס האנדעלט זיך וועגען דיעזען נאמען און עס צונעהמען צו זיך. דוא ביסט נאך יונג און ווייסט ניט, וואס עס טהוט זיך אויף דער וועלט. ווען דוא זאלסט וויסען, וויא וויכטיג דיעזעס דאקומענט איז און וויא אזוי עס קומט צום אדוואקאט, וואלסט דוא צובראכען שלעסער און וואלט עס ביי איהם צוגענומען. דוא ווייסט ניט, וויא ניצליך עס איז פאר מיר און פאר דיר. — נעהם עס צו ביי איהם, מיין ליעבער פראנץ. דוא ועסט מיר און זיך טאהן דיא גרעסטע געפעלינקייט. איך ווייס, וואס איך רעד, פראנץ.

פראנץ האט ניט געוואוסט וואס צו דענקען פון זיין גראססמוטער. ער האט פערשטאנען, אז דאס דאקומענט איז זעהר וויכטיג, ער האט זיך אבער איבערלעגט, אויב ער זאל עס איהר געבען; אויב ער זאל ריסקירען און עס צונעהמען ביים אדוואקאט.

— גראססמוטער, וואלט ניט גלייכער געווען, איך זאל עס נור איבערשרייבען און דיר געבען נור א קאפיע פון׳ם דאקומענט? דאן וואלט דער אדוואקאט ניט געוואוסט, אז עס פעהלט איהם און איך וואלט געווען פאלקאמען זיכער.

— ניין, פראנץ, א קאפיע טויג מיר ניט, איך מוז האבען דאס דאקומענט אליין.

— איך האב אבער מורא, דער אדוואקאט קען נאך....

— האב קיין מורא ניט, פראנץ. קוים וועסט דוא האבען דאס דאקומענט אין דיא הענד, וועט דער אדוואקאט פאר דיר מורא האבען, ניט דוא פאר איהם.

פראנץ האט ווידער געטראכט איינינע מינוט און האט ענדליך געזאגט:

— גוט! איך וועל זעהן צו בעקומען דיעזעס דאקומענט.

— איך גיב דיר אכט טאג צייט. אין דיעזע אכט טאג מוזט דוא מיר שאפען, וואס איך פערלאנג פון דיר.

— איך וועל פראבירען.

— ניין, מיין זוהן, ניט פראבירען, דוא מוזט עס מיר פערשאפען. — דארפסט דוא עפעס געלד?

— וואס פרעגסט דוא, גראססמוטער? ווען דארף איך עס קיין געלד?

סטאסא האט ארויסגענומען פון דער קעשענע פופציג גולדען און האט זיי געגעבען איהר עניקעל.

פראנץ האט צוגענומען דאס געלד, האט געדאנקט זיין גראססמוטער, האט איהר נאך א מאל צוגעזאגט, אז ער וועט טאהן אלעס מעגליכע אום צו בעקומען דאס דאקומענט.

סטאסא איז זיך אוועקגעגאנגען.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה האט דער פאסטאליאן געבראכט דעם אדוואָ־קאט א בריעף. קוים האט נאוואק דערזעהן דעם זיגעל אויפ'ן בריעף, האט ער אויס־געשריען:

— דאס איז פון דער גרענעץ! איך דערקען דעם זיגעל.

ער האט איהם האסטיג אויפגעריסען און האט איהם דורכגעלעזען מיט דיא אויגען. ער איז געווארען בלייך, וויא קאלך און האט א ציטער געטאהן.

— ער איז אנטלאפען! האט ער אויסגערופען. ער איז אריבער דיא טערקישע גרענעץ! עס איז זיי ניט געלונגען איהם צו חאפען. דאס איז שרעקליך! — וואס טהוט מען יעצט? דערצו האב איך מיך נאך איבעראיילט און האב פערקויפט דאס שלאס באטהיאני, אויף וועלכעס איך האב נאך גאר קיין רעכט. וואס וועט זיין, ווען ארטהור וועט עס פאָרדערן?

ער איז ארומגעלאפען אין זיין צימער, וויא א וואהנזיניגער.

— פערדאמט! האט ער אויסגערופען איין מאל נאכ'ן אנדערן. פערדאמט! ער וועט ניט שווייגען. ער וועט עפּעס טאהן. עס קען נאך אלעם ארויסקומען. מען וועט נאך פיעלייכט געוואהר ווערן, אז איך האב עס איהם אונטערגעווארפען דאס מאשינדעל פון דיא פאלשע באנקנאטען, דאן וועט געוויס זיין זעהר שלעכט.

אך, דיעזע אננא! דיעזע טאכטער פון א הענקער! פאר וואס האט זיא איהם ארויסגעלאזען? פאר וואס האט זיא איהם געהאלפען אנטלויפען? ווען ניט זיא וואלט דאך שוין אלעס רעכט געווען. איך האב שוין אלע נעטהיגע דאקומענטען, אז איך בין דער איינציגער פערוואנדטער און דער איינציגער ערבע (יורש) פון'ם באראָן פאן באטהיאני. — פערדאמט זאל זיא ווערן, דעם הענקערס טאכטער! סטאסא האט רעכט, זאל זיא שטארבען, וויא צום ניכסטען!

וואס וועט אבער ווערן דערפון, וואס אננא וועט שטארבען? זא לאנג ארטהור לעבט, בין איך ניט זיכער, איך מוז זעהן איהם ארויסקריעגען פון דער טירקיי. איך מוז שיקען מענשען איהם זוכען. איך קען אויסווירקען א בריעף פון דער אונגארישער רעגיערונג צו דער טירקישער, אז זיא זאל ארויסגעבען אזא געפעהרליכען פערברעכער. דיא טערקישע רעגיערונג וועט עס געוויס טאהן.

לײדער, דארף דיעזע געשיכטע קאסטען געלד. אך, דאס געלד! ערשט נעכ־טען ביי נאכט האט דיא אלטע העקסע (מכשפה) ביי מיר אויסגעצאפּט צוויא הונ־דערט גולדען און יעצט וויעדער געבען געלד. דאס איז צו פיעל! ארטהור פאן באטהיאני'ס ערבשאפט וועט מיר דאן קאסטען צו טהייער.

ער האט היינט ניט געקענט ארבייטען, האט זיך שנעל אנגעטאהן און איז אוועקגעגאנגען אין געריכט.

12טער קאפּיטעל.

דער אויפלויף.

דעמזעלבען טאג פאר־נאכט איז נאוואק געזעסען לעבען זיין שרייב טיש. דאס מאל אבער האט ער ניט געשריעבען, ער האט עפּעס ערוואַרטעט. וואס ער האט

ערוואַרטעט, איז אויך באַלד געשעהן. פאַר זיין טהיר האָבען זיך פערזאַמעלט אַ פופצעהן צוואַנציג מענשען און האָבען געמאַכט אַ שרעקליכען, ווילדען ליאַרם. מען האָט געהערט שרייען:

— טויט דער פערברעכערין! לאָז מען שוין אָפּהאַקען דיא קאָפּ דער גנב'טע, וועלכע גנבעט אַרויס דיא ליבען פון קליינע קינדער פון זייערע גרעבער!

באַלד האָט זיך פערזאַמעלט אַרום דיא עטליכע מענשען אַ גרויסע מענגע קינדער און פרויען פון דיא ניעדריגסטע קלאַסען און האָבען געהאָלפען שרייען.

— עס איז ניטאָ קיין גערעכטיגקייט אין בודאַפּעסט! ווען מען כאַפּט איינעם מיט פאַלשע באַנקנאָטען, לאָזט מען איהם אַנטלויפען. כאַפּט מען איינעם, וועלכער האָט בעגאַנגען אַזאַ שרעקליכעס פערברעכען, וויא בערויבען דיא טויטע, טהוט מען איהם גאָר ניט. — טויט דער פערברעכערין!

נאַוואַק האָט אויסגעהערט דיעזע זאָנדערבאַרע מוזיק גאַנץ רוהיג. ער האָט דאָך געוואוסט, אַז ער האָט גוט בעצאָהלט פאַר דיעזען קאָנצערט. באַלד איז אָבער דיא מענגע געוואָרען אונרוהיג. עס האָבען זיך געפונען ווילדע קינדער, וועלכע האָבען אָנגעהויבען צו וואַרפען שטיינער אין נאַוואַקס טהיר, ענדליך איז געפלויגען אַ שטיין אין נאַוואַקס פענסטער און האָט צובראָכען אַ שויב.

נאַוואַק האָט דאַן געפונען פאַר נעטהיג אַרויסצוגעהן צו דער מענגע. קוים האָט ער זיך געוויעזען אין טהיר, איז דער ליאַרם געוואָרען נאָך גרעסער, נאָך ווילדער און נאָך העכער:

— פאַר וואָס טויטעט מען ניט דיא פערברעכערין? וויא לאַנג וועט מען זיא נאָך האַלטען? וויל מען, אַז זיא זאָל אויך אַנטלויפען, וויא עס איז אַנטלאָפען דער, וואָס האָט געמאַכט פאַלשע באַנקנאָטען?

נאַוואַק האָט געמאַכט מיט דער האַנד און האָט געוואונקען איינע מינוט, ביז עס איז געוואָרען אַ ביסעל רוהיגער און ער האָט געקענט אַרויסרעדען אַ וואָרט.

— מיינע פריינדע! האָט ער אָנגעהויבען, איך בין געוויס איינפערשטאַנדען מיט אייך. איך ווייס, אַז איהר האָט רעכט. ליידער, קען איך אַליין ניט דערפילען אייער וואונש. עס העננט אָפּ פון גרעסערע פון מיר. עס העננט אָפּ פון'ם בישאָף פון אונגאַרן, גראַף מעראַס. געהט אַהיים, מיינע פריינד, און פערהאַלט אייך רוהיג. מאָרגען גאַנץ פריה וועל איך געהן צו גראַף מעראַס און וועל איהם דערצעהלען, וואָס דאָס אונגאַרישע פאָלק פערלאַנגט פון איהם. איך בין זיכער, אַז ער וועט דערפילען אייער וואונש. דיא גערעכטיגקייט מוז אויספיהרען! דיא גערעכטיגקייט מוז זיעגען! זייט זיכער, אַז דיא גערעכטיגקייט וועט קיין מאָל ניט אונטערדריקט ווערן אין אונזער שעהנעם און שטאָלצעם אונגאַר לאַנד!

— דאַן וועלען מיר געהן צום פּאַלאַץ פון גראַף מעראַס! האָבען אויסגערופען עטליכע שטימען מיט אַמאָל.

דאָס האָט נאַוואַק אויך קיין פאַל ניט געקענט דערלאָזען. דיא פּאָליציי איז שוין געוואָרען אויפמערקזאַם. ווען מען וועט כאַפּען איינינע פון דיא שרייער און מען וועט זיי אַביסעל איבערשרעקען, וועלען זיי דאָך אויסזאָגען, ווער עס האָט זיי בעצאָהלט,

אַז זיי זאָלען מאַכען דעם ליאַרם. ער האָט זיך דאַהער געווענדעט צו דער מעננגע און האָט זיי געזאָגט פריינדליך.

— טהוט עס ניט, מיינע ברידער! מען קען אָנשיקען אויף אייך מיליטער און עס קען אייך קאָסטען זעהר טהייער. געהט אייך בעסער אַהיים. איך וועל שוין טאָהן אַלעס, וואָס איך וועל נור קענען, אַז די גערעכטיגקייט זאָל זיין בעפריעדיגט. איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך וועל מאָרגען אין דער פריה פאָהרען צו גראַף מעראַס, איך וועל עס ניט אָפּלעגען אויף מאָרגען. איך וועל נאָך היינט זיין ביי איהם. איך פאָהר שוין צו איהם. איך בין זיכער, אַז דער אַלטער מאַן וועט געוויס אויסהערען די שטימע פון'ם פאָלק און וועט געוויס טאָהן, וואָס דאָס פאָלק פערלאַנגט פון איהם.

די מעננגע האָט זיך בערוהיגט און האָט אויסגערופען:

— עס לעבע אונזער גרויסער אַדוואָקאַט נאָוואַק!

און איז זיך צוגעגאַנגען אַהיים. עס איז דאָך געווען אַ געדרונגענע מעננגע, ריכטיגער געזאָגט, געדונגענע שרייער, וועלכע האָבען געשריען נור דערפאַר, וואָס מען האָט זיי בעצאָהלט. זיי זיינען זיך דאַהער באַלד צוגאַנגען און אַרום נאָוואַקס הויז איז ווידער געוואָרען שטיל.

ווען עס איז ווידער שטיל געוואָרען, האָט נאָוואַק זיך איבערלעגט, אַז ער דאַרף ווירקליך ניט וואַרטען אויף מאָרגען. ער וועט נאָך היינט געהן צו גראַף מעראַס.

— עס איז נאָך פריה, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין. איך וועל יעצט טרעפען דעם אַלטען אין דערהיים.

ער האָט זיך איבערגעטהאָן, האָט געהייסען פראַנצ'ן צורופען אַ דראָזשקע און איז געפאָהרען צו גראַף מעראַס אין פּאַלאַץ.

ער האָט געהייסען דעם קאַמערדיענער, אַז ער זאָל מעלדען דעם גראַף, אַז דער אַדוואָקאַט נאָוואַק וויל איהם זעהן. דער דיענער איז באַלד צוריקגעקומען און האָט געענטפערט:

— זיינע דורכלויכט, דער גראַף, לאָזט אייך בעטען, איהר זאָלט קומען מאָרגען אין דער פריה. ער קען אייך היינט ניט אויפנעהמען.

דער אַדוואָקאַט האָט פערביסען מיט די ליפען. ער האָט זיך געפיהלט בעליידיגט, וואָס דער גראַף מעראַס וויל איהם ניט אויפנעהמען.

— איך האָב מיט איהם צו רעדען וועגען זעהר אַ וויכטיגע זאַך, האָט ער געזאָגט צום דיענער, געה צוריק און זאָג איהם, אַז איך מוז מיט איהם באַלד רעדען.

דער קאַמערדיענער איז צוריקגעגאַנגען און אין איינינגע מינוטען אַרום האָט ער אריינגעפיהרט דעם אַדוואָקאַט אין שרייב צימער פון גראַף מעראַס.

דער אַלטער מאַן האָט אויפגענומען דעם אַדוואָקאַט גאַנץ העפליך, אָבער קאַלט און האָט איהם געפרעגט:

— וואָס פיהרט אייך צו מיר אַזוי שפּעט ביי נאַכט?

— איך בין געקומען צו אייער דורכלויכט אין אַ זאָנדערבאַרע אַנגעלעגענהייט, האָט דער אַדוואָקאַט געענטפערט.

— איך פערשטעה שוין, אַז עס מוז זיין עטוואָס בעזאָנדערס, ווען איהר זייט

נעקומען צו מיר אזוי שפעט און האט זיך איינגעשפארט, אז איהר מוזט מיך זעהן. וואס פערלאנגט איהר פון מיר?

דער אדוואקאט האט זיך אביסעל געווארגען און האט ענדליך געזאגט:

— עס איז צוואר זעהר ניט פאסענד צו קומען בעטען וועגען אזא זאך, איך קען אבער ניט העלפען. איך בין געקומען וועגען דעם הענקערס טאכטער.

— אזוי? איהר זייט געקומען בעטען פאר איהר? האט גראף מעראס געפרעגט מיט א זאנדערבארען שמייכעל.

— ניין, דורכלויכט! איך בין געקומען בעטען אין נאמען פון דער גערעכטיגקייט.

— דאס איז שעהן פון אייך! דאס איז עדעל! איהר האט געוויס אויסגעפונען, אז זיא איז אונשולדיג?

— אויך דאס ניט. — הערט מיך אויס, גראף. ערשט ניט לאנג האט זיך פער־זאמעלט א גרויסע מענגע מענשען פאר מיין הויז, וועלכע האט געליארמט און געשריען, אז עס איז שוין צייט, אז מען זאל אויספיהרען דעם טאדעס אורטהייל איבער דיא פערברעכערין. מען האט מיר צושלאגען דיא טהירען און צובראכען דיא פענסטער. ביז איך האב געמוזט צוזאגען, אז איך וועל באלד פאהרען צו אייך און אייך בעטען, איהר זאלט צוריקנעהמען אייער בעפעהל, אז מען זאל אפלעגען דעם טאג פון איהר טויט אויף אונבעשטימטע צייט.

— דאס פאלק? האט גראף מעראס געפרעגט שטאלץ, וואס האט דאס פאלק צו טאהן אין אן אנגעלעגענהייט, וועלכע געהערט צום געריכט?

— אויף דיעזע פראגע קען איך אייך ניט אנטווארטען, האט דער אדוואקאט געענטפערט רוהיג, איך בין נור געקומען אייך מעלדען, אז דאס פאלק איז געווארען זעהר אונרוהיג.

— איך פערשטעה ניט, וואס געהט אן אזא פאל דעם פאלק? דאס קרימינאל געריכט דארף בעשטימען דעם טאג, ווען מען זאל אויספיהרען דעם טאדעס אורטהייל, אבער ניט דאס פאלק.

— איך האב עס געזאגט דער מענגע, זיא האט מיך אבער ניט געוואלט הערען. דאס פאלק האט געוואלט אנפאלען אויף אייער פאלאץ און פארדערען פון אייך, אז איהר זאלט צוריק נעהמען אייער בעפעהל. עס האט מיך געקאסט זעהר פיעל מיה, ביז איך האב זיי איינגערעדט, זיי זאלען עס ניט טאהן.

— איך דאנק אייך, הערר נאוואק! איהר זייט דאך עפעס נאר א גוטער מענש! איהר האט דאך מיך געראטעט פון דיא הענד פון'ם פאלק. — נו, ווען איהר וואלט ניט געוועזען אזוי גוט און דאס פאלק וואלט ווירקליך געקומען צו מיר, וואלט א באטא־ליאן סאלדאטען זיי געשטערט זייער פערגניגען.

דער אדוואקאט האט זעהר גוט געפיהלט, וואס פאר א ביטערער שפאט עס איז געלעגען אין יעדעס ווארט פון'ם אלטען גראף. ער האט איהם געוואלט ענטפערן דארויף, ער האט אבער ניט פערגעסען, מיט וועמען ער רעדט.

— לאז זיין ווי עס וויל זיך, עס איז דאך שוין איין מאל געשעהן. דעם הענקערס טאכטער איז פעראורטהיילט צום טויט. דיעזעס אורטהייל מוז אויסגעפיהרט ווערען.

— געוויס וועט עס אויך געשעהן. דערצו דארף מען דאך קיין אדוואָקאט.

נאָוואק האט זיך געביסען דיא ליפען ביז אין בלוט. ער האט גוט געפיהלט, וויא דער גראף שטעכט איהם מיט יעדעס וואָרט.

— ענטשולדיגט, דורכלויכט! איך בין געקומען פאָרדערן א זאך, וואס דיא גערעכטיגקייט הייסט טאהן.

— זאָנדערבאר, הערר נאוואק! האט גראף מעראס אויסגערופען, איהר קומט שטענדיג פאָרדערן גערעכטיגקייט. ווען עס קומט אויס צו טייטען א מענשען. אלס אדוואָקאט דארפט איהר פערטהיידיגען דיא פערברעכער; איהר אבער גיט אייך שטענדיג דיא גרעסטע מיה, אז מען זאל אויספיהרען זייער טאָדעס אורטהייל וויא צום גיכסטען. ווייסט איהר, הערר אדוואָקאט, אז אייער בענעהמען איז עטוואס זאָנדערבאר און קען אייך שאדען אין אייער פראַקסיס?

— איך בין ניט נור אדוואָקאט, איך בין אויך א בעאמטער פון קרימינאל גע־ריכט, האט נאָוואק געענטפערט שטאָלץ.

דער גראף האט געטראכט אייניגע אויגענבליקע, דאן האט ער געזאָגט:

— בערוהיגט אייך, הערר נאָוואק, דאס אורטהייל איבער דעם הענקערס טאָכטער וועט אויסגעפיהרט ווערן.

— זאל איך אלזא זאגען אין גריכט, אז מען זאל אייך צושיקען דיא אקטען וועגען איהרע פערברעכען? האט נאוואק געפרעגט האסטיג.

דער גראף האט זיך געמאכט, אז ער האט ניט געהערט, וואס דער אדוואקאט האט איהם געפרעגט. ער האט אנגעשפארט דעם קאפ אן דער האנד און האט זיך פערטראכט. נאָוואק האט פערשטאנען, אז ער דארף ניט פרעגען נאך א מאל. ער האט זיך אויפגעהויבען און האט געוואלט אוועקגעהן.

פלוצלונג האט דער גראף אויפגעהויבען דעם קאפ און האט געפרעגט:

— ווייסט איהר ניט עפּעס נייעס פון באראן פאָן באטהיאני? האט מען איהם געכאפט?

— איך האב ערשט היינט ערהאלטען א בריעף, אז דער באראן איז אריבער דיא טירקישע גרענעץ, האט דער אדוואקאט געענטפערט, דאס איז אלעס, וואס איך ווייס פון איהם.

דאס געזיכט פון'ם אלטען מאן איז געווארען פרעהליכער און זיינע ליפען האבען געמורמעלט:

— גאט זיי דאנק!

דער אדוואקאט האט עס זעהר גוט בעמערקט און האט געוואלט זיך נוקם זיין אן דעם גראף דערפאר, וואס ער האט איהם פריהער בעליידיגט. ער האט דאהער בעמערקט:

— איך האב עס שוין געמעלדעט דער פאליציי און האב מיך שוין געזארגט, אז מען זאל פאָרדערן פון דער טירקישער רעגיערונג, זיא זאל איהם ארויסגעבען. מיר לע־בען אין פריעדען מיט דער טירקיי און זיא מוז ארויסגעבען אנטלאָפענע פערברעכער. איך האף, אז אין א קורצער צייט וועלען מיר האבען דעם פערברעכער, דעם געוועזענעם

באראן פאן באטהיאני, אין אונזערע הענד. דאס מאל וועט איהם שוין קיינער ניט העלפען. ער וועט שוין מוזען הענגען.

— וויא עס ווייזט אויס, האט איהר ווירקליך מורא, אז מען זאל ביי אייך ניט ניט צונעהמען דאס פערמעגען פו'ם באראן פאן באטהיאני. האט גראף מעראס גע־ענטפערט און האט אויסגעצויגען יעדעס ווארט. — איך האב געהערט, אז איהר זייט דער איינציגער ערבע (יורש) פון דער פאמיליע באטהיאני. — געוויס! איהר זייט אן ארוואקאט און פערשטעהט עס בעסער פון מיר. מען האט מיר זאגאר דערצעהלט, אז איהר האט שוין פערקויפט א טהייל פון באראן פאן באטהיאני'ס פערמעגען.

דער אדוואקאט איז געווארען רויט, וויא אן אבגעקאכטער לאבסטער. ער האט געמוזט עפּעס ענטפערן.

— איהר רעדט געוויס פו'ם שלאס באטהיאני? האט ער געפרעגט.

— גאַנץ ריכטיג. איהר האט עס דערראטהען! עס קומט מיר אויס זאנדער־באר, וואס איהר האט אזוי שנעל אפגענומען דאס שלאס און האט עס באלד פער־קויפט. אלעס איז צוגעגאנגען עפּעס צו שנעל.

— דורכלויכט! האט דער אדוואקאט אויסגערופען, איך האב אלע בעווייזע, אז איך בין דער איינציגער ערבע (יורש) פון דער פאמיליע באטהיאני. איך האב פאל־קאמען רעכט צוצונעהמען יעדעס גוט און יעדעס פערמעגען, וואס געהערט צו דיעזער פאמיליע. פאר וואס זאל איך עס ניט טאהן, ווען איך האב א רעכט דערצו?

— יא, וואהל, הערר אדוואקאט! ווען איהר ווייזט אויף און זייט איבערצייגט, אז דאס פערמעגען פון דער פאמיליע באטהיאני געהערט צו אייך, מעגט איהר געוויס טאהן דערמיט, וואס איהר ווילט; איך דענק אבער....

— מעג איך פרעגען, וואס איהר דענקט, הערר גראף?

— איך דענק, אז מען קען ניט צושניידען דאס פעל פון א בער, איידער מען האט איהם געהאפט, האט דער גראף געענטפערט. דערוויל לעבט דאך נאך אר־טהור פאן באטהיאני. ער איז אנטלאפען אין דער טירקיי, ער איז דאך אבער נאך ניט טויט. איך בין קיין אדוואקאט; איך ווייס אבער, אז אן ערבע (א יורש) קען נור דאן צונעהמען דאס פערמעגען פו'ם ערבלאסער, ווען יענער איז שוין טויט. עס איז צוואר זעהר מעגליך, אז דיא טערקישע רעגיערונג וועט איהם חאפּען און ארויסגעבען, דאך אבער אויך מעגליך, אז מען וועט איהם ניט חאפּען אין דער טירקיי. עס איז דאך מעגליך, אז דער באראן פאן באטהיאני איז אנטלאפען קיין ענגלאנד, קיין פראנק־רייך אדער קיין רוססלאנד. פון דארט וועט ער שרייבען צו זיינע פריינד, זיי בעטען, אז זיי זאלען בעווייזען, אז ער איז אונשולדיג, אז מען האט איהם אונגערעכט פער־אורטהיילט צום טויט. — וואס וועט דאן זיין מיט זיין פערמעגען? וואס וועט איהר טאהן, ווען ער וועט קומען און פארדערן פון אייך זיין שלאס, זיין פערמעגען?

דער אדוואקאט האט זעהר גוט געפיהלט, דעם שפּאט און דעם פארוואורף, וועלכע זיינען געלעגען אין דיא ווערטער פון גראף מעראס רעדע. ער האט אבער געוואלט זיך מאכען, אז ער פערשטעהט עס ניט. ער האט געוואלט שפּיעלען דיא

ראלע פון א נארר, וועלכער היים גאר ניט, וואס ער רעדט און דערוויל שטעכט ער יענעם.

— עס טהוט מיר זעהר לייד, וואס אייער דורכלויכט איז אזוי בעאונרוהיגט וועגען מיך, האט ער געזאגט מיט א רחמנות פנים. — איך דאנק אייך זעהר פאר אייער טהיילנאהמע אין מיינע אנגעלעגענהייטען, איך בין זיכער, אז דער באראן פאן באטהיאני וועט קיין מאל ניט צוריקקומען אהיים, ווייל ער איז ווירקליך א פערברעכער. עס איז בעוויעזען געווארען, אז ער מאכט פאלשעס געלד, דאס קען קיינער ניט לייקענען. אלזא, איז ער א פעראורטהיילטער צום טויט און איז גלייך וויא געשטארבען. אזוי זאגען אונזערע היילינגע געזעצע. ער האט קיין אנדערע פערוואנדטע אויסער מיר. פאר וואס זאל איך ניט צונעהמען א פערמעגען, וועלכעס געהערט מיר לויט געזעץ און רעכט?

— איך ווייס ניט, איך מאך אייך קיין פארווירפע, האט גראף מעראס געענט־פערט אין דעמזעלבען פריינדליכען טאהן. איך רעד מיט אייך, וויא מיט א בעקאנטען און ערקלער אייך נור, אז איהר האט זיך אביסעל איבעראיילט צו פערקויפען דאס שלאס באטהיאני.

— איך האב געדארפט געלד, האט זיך דער אדוואקאט פערענטפערט.

— ווייסט איהר ניט עפעס פון דעם דאקומענט, וועלכען מען האט אוועקגערויבט ביי מיין נעפע, גראף גערג פאן טאקקי, דאמאלס, ווען רויבער זיינען אנגעפאלען אויף איהם אין וואלד?

— איך האב דערפון גאר ניט געהערט, האט דער אדוואקאט געענטפערט, ווען איך זאל האבען דיזעס דאקומענט, וואלט איך שוין צונעמומען אלע גיטער, וועלכע האבען א מאל געהערט צו דער פאמיליע באטהיאני.

— נור דאס דאקומענט פעהלט אייך? האט דער גראף געפרעגט און א זאנ־דערבארער שמייכעל האט זיך געוויעזען אויף זיינע ליפען.

— יא, הערר גראף! — איך דענק, אז איך דארף אייך מעהר ניט בעאונרוהיגען און קען מיר געהן אהיים.

— איך האלט אייך ניט, הערר נאוואק.

דער אדוואקאט האט זיך פערנייגט זעהר טיעף פארן גראף און איז ארויסגע־גאנגען. אין דרויסען האט זיך זיין געזיכט אין גאנצען פערענדערט. א פינסטערער וואלקען האט זיך געוויעזען אויף זיין שטערן. זיינע אויגען זיינען געווארען ווילד און עס האט זיך אנגעצונדען אין זיי א העללישׁ פייער. ער האט אנגעהויבען צו קריצען מיט די צעהנער פאר צארן און פערדרוס.

— ווארט נור אויס, שטאלצער גראף! האט ער געמורמעלט צו זיך אליין, דוא האסט מיך בעליידיגט און דאס פערשווייג איך קיין מאל ניט. געגען א סטאסא בין איך אהנמעכטיג, ווייל זיא איז צו ניעדעריג פאר מיר. געגען א גראף מעראס האב איך געגוג וואפען, מיט וועלכע צו קעמפפען. פאר דיר וועל איך שוין עפעס אויסזובען דוא וועסט אמאל ביטער בערייען, וואס דוא האסט מיך אזוי בעליידיגט.

דעם אנדערן טאג האט גראף מעראס בעקומען דיא אקטען פון אננא'ס פראָ־צעס. גראף מעראס האט זיי דורכגעקוקט און דורכגעלעזען.

— דער אדוואקאט איילט זיך, האט ער געזאגט צו זיך אליין, ער וויל, אז זיא זאל שטארבען, וויא צום גיכסטען, דא מוז טפעס זיין. צוואר איז דעם הענקערס טאָכ־טער ניט רייך. ער האט ביי איהר געוויס ניט וואס צו נעהמען. דענּנאך טהוט ער עס ניט אומזיסט. -- וואס טהוט מען? וויא אזוי ווערט מען געוואהר וואס פאר א ניעדערטרעכטיגקייט ער דענקט?

ער האט נאך א מאל בעטראכט דיא אקטען.

— עס בלוטעט מיין הערץ, האט ער ווייטער געזאגט, איך קען עס ניט זעהן, אז אזא יונגעס קינד זאל שטארבען. איך בין זיכער, אז זיא איז אונשולדיג און דאך מוז איך עס טאהן. דיא ריכטער און דאס פאלק וועלען פרעגען, פאר וואס מען האלט אפ דיא אויספיהרונג פון דעם טאדעס אורטהייל. עס וועט ווערן א גערעד אין דיא גאסען. עס קענען דערפון ארויסקומען אונאנגעהמליכקייטען. עס העלפט ניט! איך מוז עס טאהן!

ער האט גענאפט דיא פעדער און האט אנגעשריעבען עטליכע ווערטער אויף א ביינעלע פאפיער. דאן האט ער אנגעקלונגען. עס איז אריינגעקומען זיין קאמער־דיענער.

— טראג אפ דיעזעס בינטעל אקטען צום אבערריכטער פון קרימינאל געריכט, האט ער געזאגט.

דער דיענער האט זיך פערנייגט, האט גענומען דאס פעקעל פאפיערן און איז דערמיט ארויסגעגאנגען.

— דאס איז אלעס, וואס איך האב געקענט טאהן פאר איהר, האט גראף מעראס געזאגט, ווען דער דיענער איז ארויסגעגאנגען. איך האב בעשטימט א טאג, ווען מען זאל אויספיהרען דעם טאדעס אורטהייל, דיעזער טאג איז אבער נאך ווייט. מעהר האב איך ניט געקענט. איז זיא ווירקליך אונשולדיג, וועט זיך ביז דאמאלס ארויפווייזען, אז מען האט זיא אונגערעכט פעראורטהיילט.

פארנאכט איז נאוואק געקומען צום אבערריכטער און האט אנגעהויבען צו זוכען דיא אקטען. ער האט זיי געפונען. אונטען איז געשטאנען דער בעשלוס פון דיא ריכטער, אז מען זאל דעם הענקערס טאכטער אפהאקען דעם קאפ דעם פופצעהנטען נאוועמבער.

— וואס איז דאס? האט ער געפרעגט. אזוי לאנג וועט עס נאך דויערן? היינט האבען מיר ערשט דעם צווייטען סעפטעמבער, אלזא נאך צוויי און א האלב מאנאטע? דאס איז צו לאנג!

ליידער, האט איהם יעצט גאר ניט געקענט העלפען, עס איז א בעשלוס פון אלע ריכטער, ער קען דאָ גאר ניט ענדערן, ער האט געמוזט מאכען א צופריעדענע מינע און א זוועקגעגאנגען אהיים.

קוים האט ער זיך אניעדערגעזעצט ביי זיין שרייב טיש, האט ער געהערט קרא־צען אין דער טהיר. ער האט אנגעהויבען צו קריצען מיט דיא ציינער פאר רציחה.

— זא איז שוין ווידער דא, די מכשפה! האט ער אויסגערופען, זיא לאזט מיר גאר ניט לעבען.

דענאך האט ער איהר געעפענט די טהיר און האט זיא אריינגעלאזען אין זיין שרייב צימער און האט איהר נאך געזאגט פריינדליך:

— איך האב נור וואס געדאכט פון אייך.

— אזוי? האט סטאסא אויסגערופען, איהר דענקט יא אמאל פון מיר? דאס איז שעהן פון אזא גרויסען מאן! — נו, וואס הערט זיך? וויא געפעלט אייך מיי קאמעדיע? האט זיא געווירקט? האט זיך דער אלטער דערשראקען? האט ער נאכ־געגעבען?

— איך האב שוין אלעס געארדענט.

— ווען וועט מען זיא טייטען?

— דעם פופצעהנטען נאוועמבער.

— וואס רעדט איהר? ביז דאמאלס האבען מיר נאך גאנצע צעהן וואכען?

— דוא וועסט מוזען ווארטען.

— אזוי לאנג?

— עס קען אנדערש ניט זיין.

— איך גלויב אייך ניט, הערר אדוואקאט. ווייזט מיר, אז עס איז אזוי.

— דוא קענסט דאך ניט לעזען, סטאסא!

— ווער האט עס אייך געזאגט? איהר מיינט, אז איך בין אן איינפאכע פרוי און קען ניט לעזען און ניט שרייבען. ניין, הערר אדוואקאט, איך בין גאר ניט אזוי אונוויסענד, וויא איהר מיינט. געדענקט איהר, אז איך האב אמאל איבערגעלעזען די אדרעסע פון א קינד, וועלכעס איהר האט צוגענומען צו זיך?....

— שווייג, אלטע! רעד קיין נארישקייטען! האט דער אדוואקאט אויסגערופען און האט א ציטער געטאהן.

— קענט איהר מיר ניט ווייזען די אקטען פון אננא'ס פראצעס?

— דאס קען איך ניט. זיי זיינען יעצט ביים אבערריכטער.

— אלזא, מוז איך אייך גלויבען, האט סטאסא געזאגט גיפטיג.

— מענסט מיר גלויבען. איך האב דיך נאך קיין מאל ניט אפגענארט.

סטאסא האט זיך פערטראכט איינינע אויגענבליקע.

— וואס טראכסט דוא, אלטע? האט דער אדוואקאט געפרעגט. איך דענק, אז יעצט איז שוין צווישען אונז אלעס געענדיגט און דוא מענסט דיר שוין געהן.

— איהר האט רעכט, הערר אדוואקאט, איך מעג מיר שוין געהן, איך האב דערוויל ניט מעהר וואס צו טאהן ביי אייך. אבער....

— וואס נאך ווילסט דוא?

— איך האב צו אייך נאך א ביטע.

— ווידער א ביטע? דוא וועדסט לאנגווייליג מיט דיינע ביטען.

— נאך איין איינציגע ביטע, הערר אדוואקאט.

— לאמיך הערן! וואס נאך ווילסט דוא פון מיר?

— איך וויל זעהן דיא פערברעכערין.

— דאס איז אונמעגליך. מען לאזט צו איהר קיינעם ניט צו.

— אך, הערר אדוואקאט! ווען איהר וועט מיר געבען א קליין צעטעלע צום דירעקטאר פון געפענגניס, וועט ער מיך צולאזען צו איהר.

— וואס ווילסט דוא דען פון איהר?

— איך דארף מיט איהר עפּעס רעדען.

— לאז איהר שטארבען רוהיג. צו וואס זאלסט דוא איהר פערביטערן דיא לעצטע טעג פון איהר לעבען?

— איך האב איהר מיטצוטהיילען א זאך, וועלבעס איז זעהר וויכטיג פאר איהר.

דער אדוואקאט האט נעטראכט איינינע מינוט. דאן האט ער געזאגט:

— גוט! איך וועל דיר נאך דיעזעס מאל צוליעב טאהן.

ער האט גענומען א בייגעלע פאפּיער פון זיין שרייב טיש, האט דארויף אנגע־שריעבען עטליכע ווערטער און האט עס דערלאנגט דער אלטער סטאסא.

— נו, יעצט האסט דוא אלעס, וואס דוא ווילסט, האט ער געזאגט, יעצט מענסט דוא דיר שוין געהן און לאז מיך צורות.

סטאסא האט זיך פערנייגט זעהר העפליך און איז זיך אוועקגעגאנגען. זיא האט געהאט, וואס זיא האט געדארפט. זיא איז געגאנגען גלייך אין געפענגניס און האט געבעטען, אז מען זאל זיא צולאזען צו דער פערברעכערין.

— יעצט איז שוין צו שפּעט, קומט מארגען, האט מען איהר געענטפערט.

זיא האט געמוזט אפּלעגען איהר בעזוך אויף מארגען.

דיא טויערן פון געפענגניס זיינען בריים. עס איז זעהר לייכט אהין אריינצוקומען, עס איז אבער ניט לייכט פון דארט ארויסצוגעהן. קוים פערשליעסען זיך דיא טויערן פון געפענגניס הינטער איינעם, איז ער טויט, אבגעשטארבען פאר דער וועלט. — —

פראנץ האט דיעזען אבענד געהאט זעהר פיעל ארבייט. דער אדוואקאט האט איהם היינט געגעבען פיעלע פאפּיערן איבערצושרייבען און ער האט זעהר פלייסיג געארבייטעט.

עס איז שוין גאנץ שפּעט אין דער נאכט. דער אדוואקאט שלאפט שוין. אלע אין שטוב שלאפען שוין, נור פראנץ זיצט נאך און ארבייטעט. זייט ער איז אריינגע־טרעטען צום אדוואקאט אלס שרייבער, איז ער ווירקליך געווארען א גאנץ אנדערער מענש. ער האט דערזעהן פאר זיך אנאנדערע וועלט, אנדערע מענשען, אנדערע בע־שעפטיגונגען און אנדערע פארדערונגען.

דיא ארבייט מאכט דעם מענשען עדעלער. ווען איינער לערנט זיך אויס א נייעס האנדווערק, וועלכעס ער האט פריהער ניט געקענט, פיהלט ער זיך בעסער, ערהאבע־נער און שטאלצער. ער טראכט ביי זיך: איך קען דאך עפּעס! איך האב דאך עפּעס אויסגעלערנט. דיעזער שטאלץ איז זעהר נאטירליך. דער מענש פיהלט זיך ווירקליך העכער, וויא פריהער און ער איז אויך העכער, וויא פריהער. זיינע הענד זיינען יעצט בעסער אויסגעארבייטעט, פלינקער און פעהיגער, וויא פריהער; אויך זיין קאפּ, זיין געהירן איז דורך דאס נייע האנדווערק געווארען געשליפענער און פעהיגער, ווייל יעדע

ארבייט פארדערט געוויסע קענטניסע, געוויסע פעהיגקייטען און געוויסע געשיקליכקייטע.

פראנץ האט אין דער קורצער צייט, וואס ער איז געוועןביים אדוואקאט, זעהר פיעל געלערנט. זיין נייע בעשעפטיגונג איז איהם שטארק געפעלען און ער האט זיא ליעב בעקומען. ער האט אנגעהויבען צו פערשטעהן דיא מאכט פון דיא פעדער. ער האט אנגעהויבען צו בעגרייפען דעם וויכטיגען זינן פון א ווארט.

דער מענש, וועלכער קען ניט שרייבען אדער וועלכער בעשעפטיגט זיך זעלטען מיט שרייבען, — איך מיין ניט שרייבען ביכער, איך מיין שרייבען אין אלגעמיינען: בריעף, דאקומענטען, וועקסלען, קוויטונגען און דערגלייכען — דיעזער מענש פערשטעהט גאר ניט, וויא וויכטיג עס איז א ווארט; וויא מען דארף וויסען, וויא אזוי ארויסצורעדען א ווארט און וויא אזוי עס אנצושרייבען. ווען אזא מענש רעדט, הערט ער זיך ניט צו, וואס ער רעדט; ווען ער שרייבט עפעס אן, ווייס ער ניט, וואס ער האט אנגעשריעבען. ערשט ווען מען בעשעפטיגט זיך א געוויסע צייט מיט שרייבען, הויבט מען אן צו פערשטעהן, וויא וויכטיג עס איז יעדעס ווארט; וויא מען דארף וויסען, וואו עס צו שטעלען און וויא אזוי עס צו שטעלען.

פראנץ האט געהאט א גוטען לעהרער, דער אדוואקאט האט איהם זעהר אפט געמאכט פארווירפע און איהם געוויעזען, אז ער קען ניט און ער ווייס ניט, וויא אזוי צו שרייבען און וואס צו שרייבען. פראנץ האט אנגעהויבען צו שרייבען מיט לוסט, מיט פערגניגען.

ער האט היינט געשריעבען זעהר פיעל און האט זיך ענדליך געמוזט אפרוהען. ער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און האט אנגעהויבען ארומצוגעהן אין זיין צימער הין און צוריק. ער איז היינט געווען זעהר טרויעריג. ער האט געוואוסט, אז אננא איז פעראורטהיילט צום טויט; ער האט געוואוסט, פאר וואס זיא איז פעראורטהיילט; ער האט געוואוסט, אז היינט האט מען בעשטימט דעם טאג, ווען מען זאל אויספיהרען דעם אורטהייל.

ער האט זיא זעהר גוט געקענט. זיא איז איהם געפעלען און ער האט זיא געליעבט, אדער עס האט זיך איהם אויסגעוויעזען, אז ער ליעבט זיא. עס האט איהם פערקלעמט ביים הארצען, ווען ער האט זיך דערמאנט, אז זיא דארף שטארבען מיט אזא שרעקליכען טויט.

ער האט זיך דערמאנט, אז זיין גראכמוטער האט איהם אמאל געגעבען א פעקעל און האט איהם געהייסען עס אניעדערלעגען אין אננא'ס צימער.

— פיעלייכט איז דאס געווען דיא לייבע פון'ם קינד, וועלבע מען האט דערנאך געפונען ביי איהר? האט פלוצלונג פראנץ אויסגערופען. — דאן האט מיין גראסמוטער איהר אונטערגעווארפען דיא לייבע? — איז עס מעגליך? זאל אננא ווירקליך זיין אונשולדיג?

ער איז אויפגעשפרונגען ביי דיעזען נייען געדאנק. דיא שופען פון זיינע אויגע זיינען אראפגעפאלען און ער האט דערזעהן פאר זיך דיא ביטערע טרויעריגע וואהרהייט.

— איך מוז זיא רעטען! האט ער אויסגערופען, איך מוז לויפען צו דיא ריכטער

און זיי אלעס דערצעהלען. איך וועל ניט דערלאזען, אז מען זאל זיא טויטען אומזיסט.
באלד אבער האט ער זיך איבערלעגט.

— דאן וועל איך דאך מוזען דערצעהלען, אז איך בין געוועז א הענקער, אז איך האט געוואינט ביים הענקער, אז איך אליין האב אונטערגעווארפען דאס פעקעל? וואס וועט דאן זיין? מען וועט מיך ארעסטירען און מיך צווינגען, איך זאל ווידער ווערן א הענקער. — עס איז טרויעריג! עס איז שרעקליך! — וואס מהוט מען אבער?

ער האט זיך דערמאנט, אז זיין גראסמוטער האט פערלאנגט פון איהם, ער זאל ארויסגנבענען א דאקומענט פון דעם אדוואקאטס שרייב טיש.

— איך קען צוואר שוין זעהר גוט דעם גרויסען און בעריהמטען אדוואקאט, הערר נאוואק, איך ווייס, אז ער איז פעהיג צו טאהן יעדע ניעדערטרעכטיגקייט. צו וואס אבער זאל איך גנבענען? איך זעה דאך שוין, וואס מיין גראסמוטער איז און מיט וואס זיא בעשעפטיגט זיך. צו וואס זאל איך בעגעהן נאך א פערברעכען?

ער האט זיך ווידער געזעצט צו זיין שרייב טיש, האט אנגעשפארט דעם קאפ אויף דער האנד און האט זיך פערטראכט. צום ערשטען מאל אין זיין לעבען האט זיך איהם געשטעלט דיא פראגע: איז עס רעכט, דאס וואס איך וויל יעצט טאהן? א קינד שטעלט זיך קיין מאל ניט אזא פראגע. נור א מענש, א דערוואקסענער, ענטוויקעלטער מענש שטעלט זיך אזעלכע פראגען.

— „וויסען איז מאכט“, האט ער פלוצלונג אויסגערופען. איך וויל וויסען, וואס דאס איז פאר א דאקומענט. איך וויל וויסען, וואס מיין גראסמוטער פערלאנגט פון מיר. פיעלייכט איז דיעזעס דאקומענט ווירקליך זעהר ניצליך פאר מיר? איך מוז עס זעהן. איך מוז וויסען, וואס דארט שטעהט. עס שאדעט ניט צו וויסען אלעס.

ער האט געוואוסט, וואו ער קען געפינען דעם שליסעל פון דער שאפע, וואו נאוואק פלעגט האלטען זיינע געהיימע פאפיערן. ער האט געקענט אריינקומען אין נאוואקס צימער. נאוואק האט געהאט צוטרויען צו איהם.

— יעצט איז דיא בעסטע צייט, האט ער ענדליך געזאגט צו זיך אליין. דער אדוואקאט שלאפט איך קען אריינקומען צו איהם אין צימער און קען מיר גאנץ רוהיג אויסזוכען דאס דאקומענט, וואס איך דארף, דער אדוואקאט האט ליעב ארדנונג. אויף יעדעס פאפיער איז אויפגעשריעבען, צו וואס פאר א פראצעס עס געהערט.

שטילערהייט און פארזיכטיג איז ער ארויסגעגאנגען פון זיין צימעריל. שטילער־הייט און פארזיכטיג איז ער אריינגעקומען אין שרייב צימער פון'ם אדוואקאט. ער האט אנגעריעבען א שוועבעלע און האט אנגעצונדען א ליכט, וועלכעס איז געשטאנען אויפ'ן שרייב טיש. דאן האט ער זיך צוגעהערט. אלעס איז געוועזן שטיל און רוהיג, דער אדוואקאט איז געשלאפען געשמאק אין זיין שלאף צימער.

אין שרייב טיש האט געשטעקט דער שליסעל. נאוואק איז געוועזן זיכער ביי זיך אין דערהיים. ער האט געהאלטען פערשלאסען נור דעם קאסא קאסטען. זיינע פאפיערן זיינען שטענדיג געלעגען גאנץ אפען.

פראנץ האט שוין עטליכע מאל בעמערקט, אז דער אדוואקאט האט ביי זיך אין שרייב טיש א קליין שליסעלע, מיט וועלכער ער עפענט איינינע שובלאדע פון זיין

שרייב טיש. דיזעס שליסעל האט ער געזוכט און האט עס אויך באלד געפונען. עס איז שווער צו זאגען, אויב נאוואק האט פערגעסען צו נעהמען דעם שליסעל צו זיך, אדער פלעגט עס שטענדיג האלטען אין שרייב טיש. זיכער איז נור, אז פראנץ האט גענומען דאס קליינע שליסעלע און האט דערמיט געעפענט צוויי שובלאדען איבערן שרייב טיש.

דארט זיינען געלעגען פערשיעדענע דאקומענטען אין דער בעסטער ארדנונג. יעדעס דאקומענט איז געלעגען אין א בעזונדער קאנווערט מיט אן אויפשריפט דארויף. די דאקומענטען זיינען געלעגען אויסגעלעגט נאכ'ן אלף בית. עס איז איהם ניט שווער געווען צו זוכען דעם בוכשטאב בית און דעם נאמען באטהיאני.

אין א קאנווערט איז געלעגען נור איין איינציגעס בריעף. דארט איז עפעס געשטאנען פון א באראן פאן באטהיאני.

פראנץ האט קיין צייט געהאט עס דורכצולעזען און פערשטעהן, וועגען וואס עס האנדעלט זיך אין דיזען בריעף. די אויפשריפט: „באראָן פאן באטהיאני", אויפ'ן קאנווערט איז געווען פאר איהם גענוג. ער האט איהם צוגענומען און האט איהם אריינגעלעגט אין קעשענע. ער איז געווארען נייגיעריג.

— צו וואס זאל מיין גראסמוטער דארפען א דאקומענט איבער א באראָן פאן באטהיאני? וואס געהערט זיא זיך אן מיט'ן באראן? — זאל איך פיעלייכט אבשטאמען פון א באראן? — ווער ווייס? אויף דער וועלט איז אלעס מעגליך.

דיזער געדאנק האט איהם אין גאנצען בערוהיגט. עס איז מעגליך, אז ער איז דעם באראן פאן באטהיאני'ס א זוהן. דאן איז ער דאך א באראָן.

— עס איז אזוי, האט ער ווייטער געזאגט צו זיך אליין. זיא האט דאך מיר געזאגט, אז מיין גליק הענגט אפ פון דיזען דאקומענט. ווער ווייס, וואס פאר א געהיימניסע דיא אלטע האט נאך? — איך זעה דאך, אז דער שטרענגער אדוואקאט טהוט אלעס, וואס זיא פערלאנגט פון איהם. וואהרשיינליך וייס זיא דאך עפעס.

ער האט צוריקגעלעגט אלעס אויף זיין אָרט, האט צוריק פערשלאסען דיא שובלאָדען, האט אויסגעלאשען דאס ליכט און איז זיך צוריקגעגאנגען שטילערהייט, וויא ער איז געקומען.

אין אדוואקאט נאוואקס וואוינונג איז ווידער געווען אלעס שטיל. דיא שווארצע נאכט האט בעדעקט אלעס.

13טער קאפיטעל.

סטאסא אין געפענגניס.

דעם אנדערן טאג אום צעהן אוהר אין דער פריה, איז סטאסא געגאנגען אין געפענגניס. זיא האט איבערגעגעבען דעם געפענגניס דירעקטאר נאוואקס בריעף און האט געבעטען, אז מען זאל זיא צולאזען צו דער פעראורטהיילטער אננא.

דער דירעקטאר האט געהייסען אן אויפזעהר, ער זאל זיא פיהרען אין אננא'ס קעמעריל.

אננא האט געהאלטען א געבעט בוך אין דיא הענד און האט געבעטען פלייסיג,

ווען סטאסא איז אריינגעקומען צו איהר אין קעמעריל. זיא האט זיך ניט אומגעקוקט, ווען סטאסא איז אריינגעקומען. סטאסא האט זיא בעטראכט איינינע מינוט. דאן איז זיא צוגעגאנגען נעהנטער, האט איהר אנגעריהרט דיא פלייצע און האט אויס־גערופען:

— גוטען מארגען, שעהנעס קינד!

מיט דיזע ווערטער האט זיא אויסגעשטרעקט צו אננא איהר נעלע, איינגע־דארטע און איינגעקנייטשטע האנד. אננא האט זיך אומגעקוקט, האט דערזעהן סטא־סא'ס איינגעבויגענע געשטאלט און האט א ציטער געטאהן.

— וואס ווילט איהר פון מיר? האט אננא אויסגערופען. וואס דארפט איהר? לאזט מיך שטארבען אין פריעדען.

— שריי ניט אזוי, מיין טייבעלע, האט סטאסא געענטפערט און איהרע גרויע אויגען האבען אנגעהויבען צו פונקלען און צו שפריצען פייער. — איך בין נעקומען דיך בעזוכען און דיר דערצעהלען שעהנע זאכען.

אננא האט זיך אוועקגעקעהרט פון דער אלטער העקסע (מכשפה).

— זיי ניט אזוי בייז, אננא, איך ווינש דיר קיין שלעכטעס.

— אך! איך וויל פון אייך ניט הערן ניט קיין שלעכטעס און ניט קיין גוטעס! האט אננא אויסגערופען.

— דוא קענסט גאר ניט וויסען, וואס פאר א גוטע זאכען איך וויל דיר דער־צעהלען. הער מיך אוים פריהער, דאן ווערסט דוא זאגען, וואס דוא ווערסט וועלען.

— זאגט, וואס איהר ווילט מיר זאגען, דאן געהט אייך פון דאנען, האט אננא געבעטען.

— דוא מוזט שטארבען, מיין קינד.

— דאס ווייס איך אהן אייך.

— דוא ווייסט אבער ניט, אין וואס פאר א טאג דאס וועט געשעהן.

— דאס מאכט מיר ניט אויס, האט אננא געענטפערט גאנץ רוהיג.

סטאסא האט זיך אומגעקוקט. דאס האט זיא ניט ערווארטעט. זיא האט גע־רעכענט, אז אזא יונגעס מעדכען וועט ציטערן, ווען מען וועט איהר דערמאָנען, וואס פאר א שיקזאל עס ערווארטעט זיא. יעצט זעהט זיא, אז אננא איז גאר רוהיג און רעדט פון איהר טויט גאנץ גלייכגילטיג. זיא האט זיך ענטשלאסען, זיא זאל אביסעל מאר־טערן דאס אונגליקליכע מעדכען.

— דוא ווערסט שטארבען דעם פופצעהנטען נאוועמבער, האט סטאסא געזאגט מיט א ביטערן געלעכטער. פונקט זיעבען אוהר אין דער פריה, ווען דיא זון וועט אויפ־געהן און וועט בעלייכטען מיט איהרע גאלדענע שטראהלען דיא גאנצע וועלט; ווען אלע מענשען וועלען זיך אויפהאפען פון זייער שלאף און וועלען ארויסגעהן אויף דער גאס געניעסען דאס ליכט און דיא פרישע לופט פון'ם יונגען טאג. דאן וועט מען דיך ארויספיהרען אויפ'ן עשאפאט. טויזענדער מענשען וועלען זיך פערזאמלען אום צו זעהן, ווי דוא ווערסט שטארבען. מען וועט דיר דאן אפהאקען דעם קאפ און אלע וועלען דיך פערפלוכען, ווייל דוא ביסט געווען א גרויסע פערברעכערין.

אננא האט אויסגעהערט דיזע לאנגע רערע רוהיג און געפאסט. דענאך האט עס איהר פערקלעמט ביים הארצען. זיא איז דאך געווען יונג און דאס לעבען אין דיא יונגע יאהרען איז דאך אזוי זיס, אז עס איז ניט לייכט זיך צו שיידען פון איהם.

— ווער ביסט דוא? האט אננא אויסגערופען, צו וואס ביסט דוא דען געקומען צו מיר אום מיך צו מארטערן? וואס פאר א צוועק האסט דוא דערביי? וואס וועסט דוא האבען פון מיין טויט? איך ווייס, אז דוא שפיעלסט א זאנדערבארע ראללע אין מיין לעבען. איך ווייס נאך אבער אלץ ניט, ווער דוא ביסט.

— וואס איז דיר דער אונטערשיעד, ווער איך בין? אמאל בין איך שטארק, וויא דער טויט, און אמאל בין איך ניעדעריג און שוואך, וויא א גרעזעלע אויפ'ן פעלד. איך בין א מענש, איך בין א טייפעל. איך ליעב, איך האס. איך שעץ, איך פעראכטע. איך בין גוט, איך בין שלעכט איך פרעס אויף, איך פערניכטע. איך לאז מיך בעליידיגען, איך פערצייה אבער קיין מאל ניט, ווען מען בעליידיגט מיך. — אלזא, איז דיר מיין נאבריכט איבער דעם טאג פון דיין טויט אונאנגענעהם?

— מיר איז שוין אלעס איינס. וואס איז דער אונטערשיעד, ווען מען שטארבט, פריהער אדער שפעטער?

סטאסא האט בעטראכט דאס יונגע מעדכען מיט שטוינען. זיא האט געווארפען אויף איהר אזעלכע ווילדע בליקען, אז אננא האט געמוזט זיך אוועקקעהרען פון איהר.

מען לאכט פון א בייזעס אויג (עין הרע), עס איז אבער דאך וואהר, אז דאס אויג האט אין זיך עטוואס בעזאנדערעס. אין דעם אויג פון'ם מענש ליעגט פערבארגען עפעס א געהיימע קראפט, וועלכעס מיר קענען זיך ניט ערקלערן. דאס אויג פון א טהיער דריקט אויס עטוואס מעלאנכאלישעס, אבער ניט מעהר. אין אויג פון א מענשען ליעגען אלע ליידענשאפטען, אלע געפיהלע און אלע אייגענשאפטען פון זיין כאראקטער. ווער עס האט זיך גוט צוגעקוקט צו דיא אויגען פון א גוטען אקטיאר אויף דער סצענע, דער האט בעמערקט, וויא זיינע אויגען ענדערן זיך ביי יעדער נייער סצענע. א מאל זיינען זיי גלאט וויא סאמעט. זיי גלעטען און בעטען, און פארדערן, און פערלאנגען, און ווינשען, און זוכען, און רופען. אנאנדער מאל דריקען זיי אויס צארן, האס, פעררדרוס. דאן ברענען זיי און פונקלען, און פלאמען, און גלאנצען, און ציטערן, און פלובען, און פרעסען, און שטעכען, און בייסען, און בראטען.

דאס אויג איז דער מענש. דאס איז דיא זעעלע פון'ם מענשען. אין דעם אויג דריקט זיך אויס דער מענש. דיא פאלשע פרוי פערפיהרט מיט איהרע אויגען. דער שווינדלער בעשווינדעלט מיט דיא אויגען. מען מוז לעבען א לענגערע צייט אין דער וועלט אום צו פערשטעהן דעם אויסדרוק פון א מענשענס אויגען.

אננא האט ניט געקענט אויסהאלטען דעם ווילדען אויסדרוק פון סטאסא'ס אויגען. אין זיי האט יעצט געברענט א ווילדעס פייער. זיא האט געמוזט זיך אוועקקעהרען.

— קעהר דיך ניט אוועק פון מיר, שעהנע אננא, האט סטאסא געזאגט, הער מיך ליעבער אויס. ווייסט דוא, אז אין דעם טאג, ווען דוא וועסט שטארבען, וועט דיין פאטער אויך שטארבען?

אננא איז אויפגעשפרונגען גלייך ווי א גיפטיגע שלאנג וואלט איהר א ביס געטאהן.

— וואס רעדט איהר? האט זיא אויסגערופען ניט מיט איהר קול, האט מען איהם אויך פערארורטהיילט צום טויט? דאס איז אונמעגליך! איך האב דאך גענומען אלעס אויף מיר. — זאגט מיר, פרוי, וואס איז געשעהן מיט מיין פאטער?

— איך וועל עס דיר זאגען. איך וועל דיר אלעס ערקלערן, ווען דוא וועסט מיר ענטפערן, וואס איך וועל דיך פרעגען. — האסט דוא ליעב דעם גראף געארג פאן טאקקי?

אננא האט געשוויעגען. זיא האט ניט געוואוסט, וואס צו דענקען פון דיעזער זאנדערבארער פראגע. זיא האט ניט ערווארטעט דיעזע פראגע און איז ניט געווען פארבערייטעט צו ענטפערן אויף איהר.

— ענטפער מיר! האט סטאסא געזאגט הארט און שטרענג. ענטפער מיר! דוא ווייסט ניט, וויא וויכטיג דיין אנטווארט איז. פון דיין אנטווארט הענגט אפ דיין רעטונג.

— איך פערשטעה אייך ניט, סטאסא. איך וויים ניט, וואס איהר ווילט פון מיר, האט דאס אונגליקליכע מעדכען געזאגט.

סטאסא האט ארויסגענומען פון בוזים א בויגען פאפיער און האט איהם דערלאנגט אננא'ן.

— לעז, אננא, וועסט דוא וויסען, פון וואס עס האנדעלט זיך.

אננא איז דורכגעלאפען דאס פאפיער מיט דיא אויגען און איז געווארען רויט, וויא פייער.

— וואס דענקסט דוא פון מיר? האט זיא אויסגערופען. איך זאל עס טאהן? איך זאל שרייבען דעם גראף געארג פאן טאקקי, אז איך ליעב איהם? — ניין, ניין און ניין!

— דוא דארפסט איהם ניט שרייבען, האט סטאסא געזאגט גאנץ רוהיג, דוא דארפסט נור אונטערשרייבען דיין נאמען אונטער דיעזעם פאפיער. דאס איז נאך דיין איינציגע רעטונג. דוא קענסט גערעטעט ווערן דורך דיעזעם פאפיער.

— אויף קיין פאלל! האט אננא געענטפערט ענטשלאסען.

— אלזא, ווילסט דוא שטארבען?

— איך וויל שטארבען.

— איז דאס דיין לעצטעס ווארט?

— מיין איינציגעס און לעצטעס ווארט, האט אננא געענטפערט פעסט.

— דאן האב איך ניט וואס צו טאהן ביי דיר.

— איהר מעגט אייך געהן. זאגט מיר אבער, וואס ווייסט איהר פון מיין פאטער? וואס איז געשעהן מיט מיין פאטער? איז ער אויך ארעסטירט? האט מען איהם אויך פערארורטהיילט?

— איך האב דאך דיר שוין געזאגט, אז דען פופצעהנטען נאוועמבער, אין דעם

טאג ווען מען וועט דיר אפהאקען דעם קאפ אויפ'ן עשאפאט, וועט דיין פאטער שטארבען.

— גאט! גאט! האט אננא געשריען און געבראכען דיא הענד, אלזא האט מען איהם אויך פעראורטהיילט צום טויט? פאר וואס? ער איז דאך אונשולדיג!

— מען האט איהם ניט פעראורטהיילט, האט סטאסא געזאגט וויא צו זיך אליין.

— אבער איהר ווייסט, אז מען וועט איהם פעראורטהיילען צום טויט?

— ניין, מען וועט איהם ניט פעראורטהיילען.

— וואס רעדט איהר? איך פערשטעה אייך ניט, האט דיא אונגליקליכע אננא געוויינט.

— דיין פאטער איז פריי, ער איז ניט ארעסטירט. ער איז געזונד און מונטער און דאך וועט ער שטארבען אין דעם טאג, ווען מען וועט דיר אפהאקען דעם קאפ.

— אך! איך הייב אן צו פערשטעהן! האט אננא אויסגערופען, דוא וועסט איהם טויטען! אדער דוא וועסט דינגען מערדער, זיי זאלען איהם טויטען. — אך! העלפט! רעטעט מיין פאטער! רעטעט מיין פאטער!

אננא האט געשריען אזוי הויך, אז דער שליעסער פון געפענגנים האט דערהערט איהר געשריי און איז געקומען צו לויפען זעהן, וואס עס טהוט זיך אין קעמעריל פון דער פעראורטהיילטער.

— וואס איז געשעהן? וואס איז דא פארגעקומען? האט ער געפרעגט.

— דיעזע פרוי זאגט, אז אין דעם טאג, וואס איך וועל שטארבען, וועט מיין פאטער אויך שטארבען, האט אננא געענטפערט. דיעזע פרוי איז געווען א ציינין געגען מיר. זיא האט געזאגט פאלש עדות. זיא האט געשווארען פאלש, אז זיא האט מיך אליין געזעהן ארויסגעהן פון'ם פריעדהאף (בית עולם) סאנקט געארג מיט א פעקעל אונטערן ארים. זיא איז פעהיג אויף אלעס. זיא איז פעהיג צו טויטען מיין פאטער. — אך! רעטעט מיין פאטער! בעשיצט מיין פאטער!

— וויא האט איהר זיך ערלויבט צו זאגען אזעלכע ווערטער דער פעראורטהייל־טער? האט דער אויפזעהר געפרעגט.

סטאסא האט זיך צולאכט מיט איהר ווילדען, הייזעריגען געלעכטער.

— זיא ווייס ניט, וואס זיא רעדט. איך האב געזאגט, אז איהר פאטער האט זיא אזוי ליעב, אז ער וועט ניט איבערלעבען איהר טויט. זיא האט מיך ניט פערשטא־נען און האט אנגעהויבען צו שרייען, וויא א וואהנזיניגע.

דער אויפזעהר האט געווארפען א שטרענגען בליק אויף סטאסא. זיא איז איהם ניט געפעלען.

— אלענפאלס זייט איהר שוין דא גענוג געזעסען, האט ער צו איהר געזאגט. געהט אייך שוין געזונדערהייט! עס איז אן אונרעכט, וואס מען לאזט צו פרעמדע מענשען צו א פעראורטהיילטען. אזא מענשען דארף מען טרייסטען און איינפליסען מוטה, אבער ניט מארטערן. — געהט!

סטאסא האט געמוזט ארויסגעהן. דער אויפזעהר האט פערשלאָסען דיא טהיר פון אננא'ס ק מעריל.

ווען סטאסא איז ארויסגעקומען אויף דער גאס, האט זיא געברומט צו זיך אליין:

— עס איז ניט געלונגען. זיא האט ניט געוואלט אונטערשרייבען. זיא האט פערשטאנען, אז יעצט קען איהר שוין קיין זאך אין דער וועלט ניט העלפען. דאס מאכט אבער ניט אויס. איך וועל געפינען אנאנדער מיטעל, וויא אזוי ארייגצוקריעגען געארגין. — דער הענקער וועט אויך שטארבען. איך וועל פון זיינעטוועגען אויך עפּעס אויסזוכען. — יעצט מוז איך אבער דענקען פון אדוואקאט. איך מוז געהן צו מיין ליעבען פראנץ און איהם פרעגען, אויב ער האט שוין דאס דאקומענט, וועלכעס איך האב איהם געבעטען. איך מוז האבען דאס דאקומענט. עס איז זעהר וויכטיג פאר מיר.

זיא וואלט גלייך געגאנגען צום אדוואקאט, זיא האט אבער געוואוסט, אז ביי טאג ארבייט פראנץ אין נאוואקס צימער און זיא וועט מיט איהם ניט קענען רעדען. זיא האט געמוזט אפּווארטען ביז עס וועט ווערן נאכט און פראנץ וועט געהן אין זיין צימערל.

אום ניין אוהר אבענדס איז זיא געקומען צו איהם און האט איהם ווירקליך געפונען אין צימערל.

— נו, פראנץ, וואס הערט זיך? האט זיא געפרעגט.

— וואס זאל זיך הערן, גראםמוטער? איך ארבייט.

— האסט דוא געזוכט, וואס איך האב דיר געבעטען?

— איך האב געזוכט, איך האב עס אבער ניט געפונען.

— דאס איז אונמעגליך!

— איך האב געזוכט אין אלע קעסטעלעך און אין אלע געהיימע שובלאדען און האב גאר ניט געפונען.

— דאן האט ער עס פערניכטעט, דער טויגעניכטס, האט סטאסא געמורמעלט צווישען דיא צעהנער.

— איך האב עפּעס געפונען א דאקומענט, עס איז אבער ניט דער, וועלכען דוא דארפסט.

— וואס פאר א דאקומענט האסט דוא דען געפונען?

— איך האב געפונען א פּאפּיער, אין וועלכען א באראָן לודוויג פאן באטהיאני ערקלערט, אז ער האט אונרעכט געהאנדעלט געגען דעם פאטער פון באראן ארטהור פאן באטהיאני; ער האט איהם פאלש דענונסירט און האט אויפגעשטעלט פאלשע עדות געגען איהם. ער בעט דאהער, אז מען זאל אפּגעבען דעם באראן ארטהור פאן באטהיאני אלע גיטער, וועלכע מען האט צוגענומען ביי זיין פאטער.

דאס איז דער אינהאלט פון דעם זאנדערבארען דאקומענט, וועלכען איך האב געפונען. איך האב שוין נאכגעפרעגט און האב אויסגעפונען, אז דער באראן ארטהור פאן באטהיאני איז אנטלאפען אין דער טירקיי. ער וועט שוין מעהר ניט קומען אין אונגארן. צו וואס קען איהם יעצט ניצען דיעזעס דאקומענט?

סטאסא איז אויפגעשפרונגען. דיעזע נאכריכט האט זיא איבערראשט.

— וואס איז דאס? האט זיא אויסגערופען, וואו האט בעקומען דער אלטער פוקס אזא וויכטיגען דאקומענט? איך האב געהערט, אז ביי דעם גראף געארג פאן טאקקי האט מען אוועקגערויבט א וויכטיגען דאקומענט. זאל עס זיין דערזעלבער? איז עס מעגליך?

זיא האט געטראכט איינינע מינוט און האט אויסגערופען:

— יא, אלעס איז מעגליך!

— וואס מיינסט דוא דערמיט, גראססמוטער? איך פערשטעה דיך ניט, האט פראנץ געזאגט.

— הער מיך אויס, מיין גוטער און ליעבער פראנץ! גיב מיר דאס דאקומענט. איך דארף עס האבען. דוא וועסט בעקומען דערפאר דעם גרעסטען דאנק און דיא שענסטע בעלוינונג פון א מענשען, וועלבער קען טאהן פיעלעס, זעהר פיעלעס פאר דיר.

— איך האב מורא, גראססמוטער. דער אדוואקאט קען נאך הייסען מיך ארעסטירען.

— האב קיין מורא ניט, קינד! דער אדוואקאט האט בעקומען דיעזעס פאפיער ניט אויפ'ן ריכטיגען וועג. ער וועט מורא האבען דיר צו פערקלאגען פאר א פאפיער, וועלבעס ער האט געשטאהלען אדער גערויבט. יעצט פערשטעה איך, פאר וואס אונזער קלוגער אדוואקאט האט אזוי פערפאלגט דעם באראן פאן באטהיאני און האט געטאהן אלעס מעגליבע, אז מען זאל איהם פעראורטהיילען צום טויט דערפאר וואס ער האט געמאבט פאלשעס געלד.

זיא האט דערצעהלט איהר עניקעל אלעס, וואס עס האט פאסירט אין דער צייט פון ארטהור'ס פראצעס. וויא דער אדוואקאט האט געהאלפען מאבען דיא הויז אונטערזוכונג אין ארטהורס וואינונג; אז דער אדוואקאט האט אליין געפונען דאס מאשינדעל, מיט וועלבע מען מאבט דאס פאלשע געלד. דאן האט איהם דער אדוואקאט אליין בעשולדיגט אויפ'ן געריבט. זיא האט איהם ערקלערט, אז דער אדוואקאט ריהמט זיך, אז ער איז דעם באראן פאן באטהיאני'ס איינציגער פערוואנדטער און ער איז דאהער זיין איינציגער ערב (יורש).

פראנץ האט אויסגעהערט אלעס, וואס זיין גראססמוטער האט איהם דערצעהלט זעהר אויפמערקזאם. ער האט שוין גוט געקענט דעם אדוואקאט נאוואק און האט געוואוסט אויך וואס ער איז פעהיג. ער האט ערשט יעצט אנגעהויבען צו פערשטעהן, פאר וואס דער אדוואקאט האט געהאלטען דיעזעס פאפיער צווישען זיינע געהיימע דאקומענטען.

— דוא האסט רעכט, גראססמוטער, האט ער ענדליך געזאגט. יעצט פערשטעה איך פיעלע זאבען.

— גיב מיר דאס פאפיער, פראנץ! איך דארף עס האבען!

— איך האב עס ניט ביי מיר, גראססמוטער. איך האב מורא געהאט עס צו האלטען ביי מיר.

— געה ברענג עס! איך מוז עס האבען! האט סטאסא אויסגערופען.

— הער נור, גראסמוטער, דוא ווילסט עפעס טאהן מיט דיזען פאפיער. איך וויל מעהר ניט זיין דיין ווערקציינ. צו וואס זאל איך אוועקרויבען דאס פאפיער פון איין טויגעניכטס אום עס אוועקצוגעבען אנאנדער טויגעניכטס? — דעם באראן פאן באטהיאני קען דיזער דאק מענט אויף קיין פאל ניט ניצען. דער באראן איז פער־אורטהיילט צום טויט און טאר שוין קיין מאל ניט קומען קיין אונגארן. אלזא, קענסט דאך ניט אפגעבען דעם באראן דיזעס פאר איהם זא וויכטיגע פאפיער. דוא ווילסט עס געוויס געבען אנאנדער רויבער. דאס וויל איך ניט.

דוא האסט מיך אמאל אנגערעדט איך זאל בעגעהן א פערברעכען, פון וועלכען איך האב קיין נוצען געהאט. איך בין געווארען א הענקער און איך האב אונגליקליך געמאכט אן אונשולדיגעס מעדכען. וואס האב איך געהאט פון דיזעס פערברעכען?— גאר נישט. דער אדוואקאט האט מיר צוגעזאגט, אז ער וועט זיך שטעלען פאר מיר. ער האט עס אבער ניט געטאהן. צו יעדער צייט קען מען מיך פערקלאגען אז איך בין א הענקער. דאס איז אלעס, וואס איך האב געהאט פון דעם פערברעכען, צו וועלכען דוא האסט מיך אנגערעדט. — מעהר וועל איך דיר ניט פאלגען אין אזעלכע זאכען. איך וויל ווערן א מענש און לעבען צווישען אנשטענדיגע מענשען. — איך וועל דיר ניט געבען דאס דאקומענט!

סטאסא האט געקוקט אויף איהר עניקעל מיט שרעק און שטוינען. זיא האט ניט ערוואַרטעט פון איהם אזא הערטנעקיגקייט (עקשנית), אויף איהר אלטעס, צר קנייטשעס געזיכט האט זיך געוויזען א פינסטערער וואלקען.

— דוא ביסט מיר געווארען צו קלוג, פראנץ! ווייסט דוא, וואס איך קען טאהן מיט דיר? ווייסט דוא, אז איך קען צו יעדער מינוט דיך צוריקברענגען צום הענקער?

— איך ווייס עס זעהר גוט, האט פראנץ געענטפערט פעסט ענטשלאסען, איך ווייס אבער אויך, וואס איך קען דיר טאהן, גראסמוטער. ווען איך וועל אלעס דער־צעהלען, וועט מען דיר אויך ניט געבען קיין האניג דערפאר.

— ווען דוא וועסט זיין א הענקער, וועט מען דיר ניט גלויבען.

— דעם הענקערס טאכטער איז נאך ניט טויט, האט פראנץ געענטפערט, איך קען דערצעהלען דיא ריכטער, וויא אזוי דאס פעקעל מיט דיא ביינער איז געקומען אין אננא'ס צימער. — אויסער דעם קען איך דאך דערצעהלען נאך אנדערע זאכען.

דיא אלטע סטאסא איז געווארען אונרוהיג. זיא האט זיך ניט געריכט, אז איהר עניקעל זאל זיך ערלויבען צו רעדען מיט איהר אזוי אפענהערציג און אזוי ענטשלאסען. אייניגע מינוטען האט זיא ניט געוואוסט, וואס איהם צו ענטפערן. דאס איז שוין ניט געווען דער דומער פראנץ, וועלכער האט געטאהן אלעס, וואס מען האט איהם געהייסען. דאס איז שוין געווען א קלוגער און דורכגעטריבענער יונגער מאן, וועלכער האט געוואלט וויסען, וואס ער טהוט און פאר וואס ער טהוט עס.

זיא האט זיך איבערלעגט און האט געפונען, אז זיא מוז אנהויבען גענען איהם א נייע פאליטיק, פון א גאנץ אנדערער זייט.

— דוא האסט א ביסעל רעכט, מיין קינד, האט זיא געזאגט פריינדליך און

מילד. איך האב ביז אהער געפיהרט ניט קיין גאנץ פיינעם לעבען, איך הייב אן אלט צו ווערן. איך פיהל, אז מיינע קרעפטע שווינדען פון טאג צו טאג. וויא לאנג נאך וועל איך לעבען? הונגער, נויט, מאנגעל און ליידען האבען מיך אלט געמאכט פאר דער צייט. איך וועל שוין באלד שטארבען און איך האב מיך פעסט ענטשלאסען צו טאהן נור גוטעס אין דער קורצער צייט, וואס איז מיר נאך איבערגעבליעבען צו לעבען. איך וויים, אז איך האב געטאהן זעהר פיעלע שלעכטע זאכען אין מיין לעבען, איך האב אבער אנדערש ניט געקענט.

— דאס איינציגע וואס איך גלויב דיר פון אלעם, וואס דוא האסט יעצט מיר געזאגט, איז אז דוא האסט געטאהן פיעל שלעכטעס אין דיין לעבען, האט פראנץ בעמערקט.

— ניין, מיין קינד, יעצט מיין איך עס גאנץ ערנסט. איך וועל טאהן א גוטע זאך מיט דיעזען דאקומענט. מיינסט דוא, פראנץ, אז דער באראן פאן באטהיאני קען גאר ניט מאכען מיט דיעזען דאקומענט? דוא האסט א טעות. דער באראן פאן באטהיאני האט א גוטען פריינד, דעם גראף געארג פאן טאקסי. דער באראן פאן באטהיאני איז געווען פערלאבט מיט גראף געארג'ס שוועסטער. ער איז אויך מיט איהר אנטלאפען אין דער טירקיי. ווען גראף געארג פאן טאקקי זאל האבען דיעזע פאפיער אין דיא הענד, וואלט ער געקענט אנהויבען א פראצעס מיט דער רעגיערונג און וואלט געקענט אפנעהמען אלע גיטער, וועלכע האבען אמאל געהערט צו דער פאמיליע באטהיאני.

דער באראן ארטהור פאן באטהיאני איז יעצט אין דער טירקיי. ער דארף דאך אבער לעבען. ער מוז דאך האבען פון וואנען צו לעבען. ווען גראף געארג זאל אפ־נעהמען דיעזע גיטער, וואלט ער געקענט זיי פערפארטען און שיקען ארטהורן דיא איינקינפטע קיין אויסלאנד.

פראנץ האט אויסגעהערט גאנץ אויפמערקזאם, וואס זיין גראסמוטער האט איהם געזאגט. ער האט געפונען, אז זיא רעדט וויא א קלוגע, פראקטישע פרוי. ער האט פערשטאנען אז זיא האט פאלקאמען רעכט. ווען זיא זאל עס מיינען ערנסט, וואלט עס ווירקליך געווען גאנץ גוט. ער האט אבער זעהר גוט געקענט זיין גראס־מוטער. ער האט ניט געגלויבט, אז זיא זאל וועלען טאהן איינעם גוטעס.

עס זיינען דא מענשען, וועלכע זיינען מייסטער צו טאהן שלעכטעס. זיי האבען גוטע קעפ און זעלטענע פעהיגקייטען, אבער נור צום שלעכטען. אלעס, וואס זיי דענ־קען און טהוען, איז נור יענעם שלעכטעס צו טאהן. זיי האבען דיא בעסטע איינפעלע, דיא גליקליכסטע אידעען, אבער נור צום שלעכטען. וועה דעם מענשען, וועלכער קומט זיך צונויף מיט אזא גייסט פון שלעכטען! וועה איז דעם, וואס עס האנדעלט מיט זיי און קומט מיט די אין בעריהרונג! מען דארף זיך נור צוריהרען צו זיי, רעדען מיט זיי א פריינדליכעס ווארט און מען איז פערלארען.

דאס אונגליק איז נאך, וואס אזא סארט מענשען, אזא צוויי פיסיגע שלעכטיג־יט איז ניט אזוי לייכט צו דערקענען. זיי ווייזען זיך אויס גוט און פריינדליך. זיי

ווייסען, וויא אזוי צו פערנארען און צו פירפיהרען יענעם, ביז זיי האלטען איהם אין דיא הענד.

פון דיעזער סארטע מענשען איז געוועזען סטאסא. פראנץ האט עס געפיהלט. ער איז נאך געוועזען צו יונג און צו אונערפאהרען אום עס צו פערשטעהן. ער האט נור געפיהלט, אז סטאסא קען קיין נוטעס ניט טאהן.

— דוא האסט פאלקאמען רעכט, גראססמוטער, דוא וואלסט געקענט טאהן א גרויסע זאך פאר בארא[ן] פאן באטהיאני. זאג מיר אבער, זייט ווען ביסט דוא געווארען אזא ווארעמע פריינדין פון'ם באראן ארטהור פאן באטהיאני? וויא קומט עס, וואס דוא אינטערעסירסט זיך אזוי פאר איהם? — איך פערשטעה עס ניט און בעט דיך, דוא זאלסט מיר עס ערקלערען.

— איך קימער מיך זעהר ווענינ פארן באראן פאן באטהיאני, דאס איז וואהר, האט סטאסא געענטפערט, איך האב אבער ליעב זיין בראוט, דיא גרעפין עלווירא פאן טאקקי, ווייל זיא האט געטאהן פאר מיר זעהר פיעל. ווען איך האב געוואהנט אין יענער געגענד. איך האב דאמאלס געליטען הונגער און נויט. דיא גרעפין עלווירא פאן טאקקי פלעגט מיר אפט העלפען און שטיצען. איך בין איהר זעהר דאנקבאר. איך וועל קיין מאל ניט פערגעסען, וואס זיא האט געטאהן פאר מיר. גיב מיר דאס פאפיער, איך וועל באלד אוועקפאהרען קיין טאקקי און וויל עס איבערגעבען דעם גראף געארג

פראנץ האט זיך פערטראכט. ער האט ניט שטארק געגלויבט זיין גראססמוטער. ער האט זיך איבעלעגט וואס צו טאהן: זאל ער איהר געבען דאס דאקומענט, זאל ער עס צוריקלעגען אויף זיין ארט, אדער זאל ער אליין עס צושיקען צום גראף געארג פאן טאקקי. אי נע פון דיעזע דרייא זאכען מוז ער טאהן. דיא פראגע איז נור, וועלכע איז גלייכער.

— נו, פראנץ, גיסט מיר דאס פאפיער? האט ענדליך סטאסא געפרעגט.

— איך וועל עס אייך געבען, אבער ניט היינט, ווייל איך האב עס ניט אין דיא הענד. קום צונעהן מארגען אין דיעזע צייט, וועל איך דיר איהם געבען.

— ניין, פראנץ! גיב איהם מיר שוין! איך וויל ניט ווארטען אויף מארגען.

— איך קען עס ניט, גראססמוטער! דער אדוואקאט וועט מיך זעהן ארויסגעהן און וועט מיר נאכקוקען.

— אלזא האסט דוא דאס פאפיער ניט ביי זיך אין צימער?

— ניין, גראססמוטער, איך האב דאך דיר געזאגט, אז איך האב מורא געהאט עס צו האלטען ביי זיך.

— וואו דען איז עס?

פראנץ האט זיך ווידער פערטראכט.

— איך האב עס צוריקגעלעגט אויף זיין ארט.

ווען א באמבע וואלט געפלאצט לעבען דער אלטער, וואלט זיא זיך אזוי ניט דערשראקען, וויא יעצט, ווען פראנץ האט ארויסגעזאגט דאס ווארט, אז ער האט צוריקגעלעגט דאס דאקומענט אויף זיין ארט.

— וואס האסט דוא געטאהן, פראנץ? וויא אזוי האסט דוא געקענט צוריק לעגען אזא וויכטיגען דאקומענט? געה! ברענג איהם! איך מוז איהם האבען!

— יעצט איז אונמעגליך, גראססמוטער. קום שפעטער אום צוועלף אוהר ביי נאכט, וועל איך עס ווידער נעהמען.

— איך וועל קומען, פראנץ! איך וויל ניט אפטרעטען פון דיר, ביז דוא וועסט מיר געבען דיעזעס דאקומענט, וועלכעס איז אזוי וויכטיג פאר מיר.

מיט דיעזע ווערטער איז זיא זיך אוועקגעגאנגען און פראנץ האט געוואונען צייט זיך איבערצולעגען, וואס ער זאל טאהן מיט'ן דאקומענט.

ווען זיין גראססמוטער איז ארויסגעגאנגען, האט ער געוואלט זיך ווידער זעצען שרייבען. דיא ארבייט אבער איז איהם ניט געלונגען. דיא פעדער האט ניט געשריבען, וואס ער האט געוואלט. ער האט געמוזט אוועקלעגען דיא ארבייט. זיין יונגער קאפ האט אנגעהויבען צו טראכטען און צו קלערן, וואס ער זאל טאהן. עס איז איהם געווען זעהר אונאנגענעהם צו לאזען דאס דאקומענט אין דיא הענד פון'ם אדוואקאט, וועלכער האט עס געוויס פערווענדעט צום שלעכטען. זאל ער עס געבען זיין גראססמוטער, וועט זיא עס פערווענדען צום שלעכטען. ער אליין קען דערמיט גאר ניט מאכען. ער האט מורא געהאט צו שיקען עס צו גראף געארג פאן טאקקי, ווייל ער וויים ניט, אויב דער גראף געארג איז ווירקליך דער בעסטער פריינד פון באראן ארטהור פאן באטהיאני. פיעללייכט איז נאר גראף געארג ארטהורס פיינד? ווער קען עס וויסען? מיין גראססמוטער קען דאך זאגען א ליגען.

— אלזא, וואס טהוט מען? האט פראנץ ערקלערט. וואס טהוט מען מיט'ן דאקומענט? וואוהין טהוט מען עס אהין?

ער האט געטראכט און געקלערט און ווידער געטראכט און ווידער געקלערט. ער האט ענדליך זיך ענטשלאסען. ער מוז עס איבערגעבען זיין גראססמוטער. עס איז אזוי שלעכט און אזוי שלעכט. אלזא איז דאך פיעל גלייכער איהם אפצוגעבען מיין גראססמוטער.

מיט איינינע שטונדען שפעטער איז דאס דאקומענט געווען אין סטאסא'ס הענד. זיא האט עס צוזאמענגעפאלטען האסטיג און האט עס בעהאלטען אין בוזים. דאן איז זיא שנעל ארויסגעלאפען פון הויז.

ווען זיא איז געקומען אין דרויסען, האט זיא געמורמעלט צו זיך אליין:

— יא, פראנץ, איך וועל ווירקליך פאהרען מיט דיעזע פאפיער אין דער געגענד, וואו עס געפינט זיך דאס שלאס טאקקי. איך וועל עס אבער ניט איבערגעבען דעם גראף געארג פאן טאקקי, זאנדערן אנאנדערן. איך וויים שוין, וועמען איך זאל עס איבערגעבען.

14טער קאפיטעל.

דיא פערוואונדעטע.

וואס ווייטער מיר קומען אין אונזערער ערצעהלונג, אלץ גרעסער ווערט דער פלאץ, אויף וועלכען עס שפיעלען זיך אפ דיא טרויעריגע סצענען, וועלכע מיר האבען בעשריעבען אין דיא פאריגע קאפיטלען. מיר מוזען לאזען איינינע פערזאנען פון אונזער

ערצעהלונג אין זעהר אן אונאנגענעהמער לאגע און מוזען אונז בעשעפטיגען מיט דיא אנדערע.

מיר האבען איבערגעלאזען אונזער הויפט העלד, דעם גוטען באראן פאַן נאַגי אין דער צייט, ווען ער איז צוריק געקומען צו דער וואהנונג פון שטומען בעטלער און האט ניט געפונען נים זיין טויטען קערפער, ניט זיין קאסטען, ניט דעם טויטען קערפער פון דעם באנדיט שעק.

מיר מוזען לאזען דעם גוטען נאגי טראכטען א ווילע און דערצעהלען, וואס עס האט פאסירט אין דער צייט, ווען ער האט דערשטאָכען דעם באנדיט שעק און איז זיך אוועקגעגאנגען אין שלאס ראדעצק.

מיר האבען שוין דערצעהלט, אז ווען דער שטומער בעטלער האט געהערט קלאפען אין טהיר, האט ער געבעטען זיין פריינד אלעקסאנדער, ער זאל ארויסשפרינגען דורכ'ן פענסטער. ער האט ניט געוואלט, אז מען זאל טרעפען א פרעמדען מענשען ביי איהם.

אלעקסאנדער איז ארויסגעשפרונגען דורכ'ן פענסטער און האט זיך אניעדערגעלעגט אין הויכען גראז. ער האט געוואלט איבערווארטען, ביז דער פרעמדער וועט זיך אוועקגעהן. ער האט געהערט אלעס, וואס נאגי האט גערעדט, ער האט אבער ניט געקענט זעהן, וואס עס איז פארגעקומען אין שטיבעלע פון'ם שטומען בעטלער.

ווען ער האט געהערט אז ביים שטומען בעטלער אין שטיבעלע איז אלעס שטיל, האט ער זיך אויפגעהויבען און האט געווארט, אז דער שטומער בעטלער זאל איהם רופען. צו זיין גרעסטער פערוואונדערונג איז אין שטיבעלע געווען אלעס שטיל. דיא לאמפ האט געברענט אויפ'ן טיש און קיין מענשען האט מען ניט געזעהן.

אלעקסאנדער איז געווארען אונרוהיג. ער האט זיך אויף קיין פאל ניט געקענט דערקלערן, וואס דא איז פארגעקומען. ער איז צוגעלאפען צום פענסטער, פון וועלכען ער איז ערשט ניט לאנג ארויסגעשפרונגען, און האט א קוק געטאהן אין שטוב.—אלעס איז שטיל און רוהיג.

— דאָ איז עפעס געשעהן! האט ער אויסגערופען. איך מוז געהן זעהן, וואס דאָרט איז!

ער איז האסטיג צוגעלאפען צו דער טהיר. — זיא איז געשטאנען אָפען. — ער איז אריינגעקומען אין שטוב און האט דערזעהן א שרעקליכע סצענע.

דער שטומער בעטלער איז געלעגען אויף דער ערד אין א טייך בלוט!

— גרויסער גאט אין הימעל! האט אלעקסאנדער אויסגערופען, וואס איז דאָ געשעהן?

מיט דיעזע ווערטער איז ער געפאלען אויף דיא קניע פאר'ן פערוואונדעטען שטומען בעטלער און האט אנגעהויבען צו בעטראכטען זיין וואונד. פון דער ברוסט פון'ם אונגליקליכען שטומען בעטלער האט זיך געהערט א שטילער זיפץ.

— ער לעבט נאך! האט אלעקסאנדער אויסגערופען פול פרייד.

— אך! האט געזיפצט דער פערוואונדעטער, איך לעב נאך! עס איז וואהר

אז איך לעב נאך, עס וועט שוין אבער ניט לאנג דויערן, ער האט גוט געטראפען. איך וועל שוין לאנג ניט לעבען!

— ווער איז אבער דער מערדער?

— פרעג ניט, אלעקסאנדער! עס איז א גרויסער מאן.

— א גרויסער מאן? ווער איז עס דען? זאגט מיר זיין נאמען!

— דאס האט געטאהן דער באראן נאגי פאן האללאוואי. אך, אלעקסאנדער עס שטעהט שלעכט מיט מיר! פיהר מיך אוועק צום גייסטליכען פון דארף. איך ווייס, אז איך וועל שוין ניט לעבען. איך וויל שטארבען אין זיין הויז.

— איך פערשטעה אייך ניט, אלטער פריינד, פאר וואס ווילט איהר ניט בלייבען ביי אייך אין שטוב? האט אלעקסאנדער געפרעגט. בין איך דען ניט אייער בעסטער פריינד?

— יא, גוטער אלעקסאנדער! דוא ביסט מיין בעסטער און טרייעסטער פריינד, דוא ווייסט דאך אבער, אז דוא מוזט זיך בעהאלטען גלייך מיט מיר. דער גייסטליכער אבער קען ארויסטרעטען פריי און אפען.

— איהר האט רעכט, אלטער פריינד, האט אלעקסאנדער געענטפערט, איך מוז אבער גוט בעטראכטען אייער וואונד, פיעלייכט קען מען אייך נאך העלפען. פיעלייכט זאל איך ברענגען א דאקטאר צו אייך.

— דער דאקטאר וואהנט ווייט פון דאנען, האט דער שטומער בעטלער געזיפצט, איך וועל ניט דערלעבען, ביז ער וועט קומען.

אלעקסאנדער האט אונטערזוכט דיא וואונד און האט זיך געגעבען אלע מעגליכע מיה זיא צו פערבינדען, וויא ווייט ער האט געקענט.

— צו ערשט מוז איך זעהן איינצוהאלטען דאס בלוט, האט ער געזאגט צו זיך אליין. ווען דאס בלוט וועט ווערן איינגעהאלטען, וועל איך זעהן, וואס איך קען נאך טאהן פאר איהם.

ער האט גענומען דעם ליילאך פון'ם בעט, האט איהם צוריסען אויף לאנגע פאסען און האט אנגעהויבען ארומצו-וויקלען זיין אונגליקליכען פריינד. עס איז איהם ענדליך געלונגען איינצוהאלטען דאס בלוט.

— נעהם צו דעם קאסטען אויך, האט דער שטומער בעטלער געבעטען, דוא ווייסט דאך, וואס פאר א וויכטיגע דאקומענטען און פאפיערן עס געפינען זיך אין דיעזען קאסטען. נעהם איהם אויך צום גייסטליכען. איך וויל ניט, ער זאל דא בלייבען. טראג איהם אוועק צום גייסטליכען.

אלעקסאנדער האט ניט געוואוסט וואס פריהער צו טאהן. ביידע מיט א מאל האט ער ניט געקענט אוועקטראגען צום גייסטליכען. ער האט זיך איבערלעגט איינינע אויגענבליקע, דאן האט ער אויסגערופען:

— פריהער דעם מענשען, דערנאך דעם קאסטען!

ער האט אויסגעזוכט דעם שטומען בעטלער'ס אלטע קליידער, האט איהם גוט איינגעוויקעלט אין זיי און האט איהם דאן גענומען אויף דיא פלייצעס. קוים האט ער איהם געריהרט פון ארט, איז דער פערוואונדעטער געווארען אהנמעכטיג.

— בעסער אזוי, האט אלעקסאנדער געברומט, ער וועט ניט פיהלען דעם שמערץ, ווען איך וועל איהם איבערטראָגען.

ער האט ארויפגעלעגט דעם אלטען מאן אויף דיא פלייצעס, וויא מען לעגט ארויף א זאק מעהל און איז געגאנגען מיט איהם צום הויז פון'ם גייסטליכען.

גרויסע טראָפּען שוויים האבען זיך געגאָסען פון איהם, ווען ער איז צוגעקומען צו דער טהיר פון'ם גייסטליכען. דא האט ער לאנגזאם אראפּגעלאָזען אויף דער ערד זיין זאָנדערבארע לאסט (משא) און האט אנגעהויבען שטארק צו קלאפּען אין דער טהיר.

דער גייסטליכער האט זיך שטארק דערשראקען און איז באלד ארויסגעלאָפען מיט א ליכט אין דער האנד.

— וואס איז געשעהן? וואס דארף מען מיך? האט ער געפרעגט.

אלעקסאנדער האט איהם געוויזען אויף דעם פערבלוטיגטען און אהנמעכטיגע קערפּער פון דעם שטומען בעטלער.

— גאט אין הימעל! האט דער גייסטליכער אויסגערופען אויסער זיך, ווער האט עס געקענט טאהן? ווער האט עס געקענט טויטען דיזען אונגליקליכען מענשען?

— יעצט איז ניט דיא צייט צו רעדען, האט אלעקסאנדער געענטפערט, מיר מוזען אריינטראגען דעם אונגליקליכען אין שטוב און רופען א דאקטאר. פיעלייכט קען מען איהם נאך העלפען. איך האב נאך אן ארבייט, וועלכע איך מוז באלד אפּטאהן.

ער מיט'ן גייסטליכען האבען אנגענומען דעם אלטען יאקקי, האבען איהם אריינגעטראָגען אין שטוב און האבען איהם אניעדערגעלעגט אויף א בעט.

— יעצט, הערר גייסטליכער, געהט איהר נאך א דאקטאר, איך וועל געהן טאהן אנאנדער ארבייט, האט אלעקסאנדער געזאגט און איז אוועקגעגאנגען.

דער גייסטליכער האט אויפגעוועקט זיין אלטען דיענער און האט איהם געשיקט נאך א דאקטאר. צום גליק, האט דער גייסטליכער געהאט א פערד און וואגען. ער פלעגט אָפט פאהרען אין דער געגענד ארום און האט געמוזט האלטען א פערד.

אין א קורצער צייט ארום איז דער דאקטאר געקומען צופאהרען און האט בעטראכט דעם פערוואונדעטען א לענגערע צייט.

— ער איז אלט, איך וויים ניט, אויב זיין קערפּער וועט אויסהאלטען דיזע וואונד, האט ענדליך דער דאקטאר געזאגט לאנגזאם. עס איז נאך זעהר שלעכט, וואס ער איז שטום. מען קען מיט איהם ניט רעדען. מען קען איהם ניט אויספרעגען, וואס ער פיהלט, וויא ער איז געקומען צו דער וואונד און וואו ער פיהלט מעהר שמערץ. עס איז מיר נעטהיג צו וויסען, אויב דיא וויכטיגסטע אדערן זיינען נאך גאנץ. ווען ער זאל רעדען און זאל זאגען, וואו עס טהוט איהם וועה, וואלט איך בעסער געקענט וויסען, וואס צו טאהן.

ער האט געטראכט איינינע מינוטען און האט פלוצלונג געפרעגט דעם גייסטליכען.

— וויא קומט ער אבער צו אייך אין הויז?

— א בעקאנטער בויער האט איהם געבראכט.

— וואו איז ער?

— ער איז אוועקגעגאנגען און האט געזאגט, אז ער וועט באלד קומען.

— דאס איז זאנדערבאר! האט דער דאקטאר אויסגערופען, ווער האט עס גע־קענט אנפאלען אויף אזא אונגליקליכען מענשען, וויא דער שטומער בעטלער? וואס קען מען האבען צו אזא מענשען? איך קען דאך ניט זאגען, אז מען האט געוואלט בערויבען אזא אונגליקליכען.

דער דאקטאר האט זעהר גוט געקענט דעם שטומען בעטלער, וויא אלע איינ־וואהנער פון דער געגענד האבען איהם גוט געקענט. ער האט אנגעזאגט דעם גייסט־ליכען, וואס ער זאל טאהן מיט'ן פערוואונדעטען, האט פערבונדען דיא וואונד, וויא עס דארף זיין און איז געפאהרען אהיים ברענגען מעדיצין.

קוים איז דער דאקטאר אוועקגעפאהרען, איז אנגעקומען אלעקסאנדער מיט'ן קאסטען פון'ם שטומען בעטלער אויף דיא פלייצעס. דער קאסטען איז געווען ניט גאנץ לייכט. אלעקסאנדער איז שוין געווען מיעד דערפון, וואס ער האט געבראכט דעם שטומען בעטלער צום גייסטליכען. עס האט דאהער געדויערט ביי איהם זעהר לאנג, איידער ער האט געבראכט צושלעפען דעם קאסטען.

ער איז אריינגעפאלען אין שטוב און איז אניעדערגעפאלען אויף א שטוהל. ווען ער האט זיך אביסעל אפגערוהט, האט איהם דער גייסטליכער געפרעגט:

— וואס הייסט דאס? דוא האסט געלאזען דיין פערוואונדעטען פריינד און ביסט געלאפען ברענגען א קאסטען מיט אלטע זאכען?

— ער האט מיך זעהר געבעטען, איך זאל ברענגען דעם קאסטען צו אייך, האט אלעקסאנדער געענטפערט. דער קאסטען איז זעהר וויכטיג פאר איהם. עס געפינען זיך אין קאסטען זעהר וויכטיגע דאקומענטען. איך האב געמוזט איהם צוליעב טאהן.

— אזוי? ער האט מיט דיר גערעדט?

— יא, הערר גייסטליכער. ער האט מיך געבעטען, איך זאל איהם ברענגען צו אייך. ער וויל שטארבען לעבען אייך.

דער אלטער גייסטליכער האט אויפגעהויבען דיא הענד צום הימעל און האט אויסגערופען מיט אן ערנסטער, טרויעריגער שטימע:

— פערלאז איהם ניט, גרויסער גאט אין הימעל! שיק איהם צו א היילונג! העלף איהם אין דיעזער נויט!

דאן האט ער זיך געווענדעט צו אלעקסאנדערן און האט איהם געפרעגט, וויא אזוי דער שטומער בעטלער איז פערוואונדעט געווארען.

אלעקסאנדער האט איהם דערצעהלט אלעס, וואס ער האט געוואוסט.

— ווער זאל אבער זיין דער מערדער? האט דער גייסטליכער געפרעגט.

— דאס ווייס איך אויך, האט אלעקסאנדער געענטפערט.

דער גייסטליכער איז געווארען נייגעריג.

— ווער איז עס? קען איך איהם?

— געוויס קענט איהר איהם.

— וויא הייסט ער?

— באראן נאני פאן האללאוואאי.

— באראן נאני? האט אויסגערופען דער גייסטליכער. דאס קען ניט זיין! שווייג בעסער, מען וועט דיך אויסלאכען.

— איך קען עס ניט שווייגען און וועל עס ניט פערשווייגען.

— האסט דוא דען בעוויזע, אז דער באראן נאני האט עס געטאהן?

— דער אלטער יאקקי האט עס מיר אליין געזאגט. יאקקי וועט ניט זאגען קיין ליגען.

— דער אלטער יאקקי וועט ניט זאגען קיין ליגען, דאס איז וואהר. ווער וועט עס אבער וואגען ארויסצוטרעטען נעגען א באראן פאן האללאוואי און איהם בעשולדיגען, אז ער האט געטייטעט א מענשען? וועלכער ריכטער וועט זיך עס אונטערשטעלען צו פעראורטהיילען אזא אנגעזעהנעם מאננאט, וויא דער באראן נאני פאן האללאוואי?

— ווען מען האט געוואנט צו מאכען א באראן פאן באטהיאני פאר א פאלשמינצער; ווען עס האבען זיך געפונען ריכטער, וועלכע האבען פעראורטהיילט א באראן פאן באטהיאני צום טוט, וועלען זיך שוין געפינען עהרליכע ריכטער, וועלכע וועלען פעראורטהיילען א מערדער, ווען ער זאל זאגאר זיין באראן נאני פאן האללאוואי.

— וואו וועלען מיר אבער נעהמען צייגען? האט דער גייסטליכער געפרעגט. ווען דער אלטער יאקקי וועט שטארבען איז דאך אלעס פערפאלען און ווען ער וועט זאגאר בלייבען לעבען, מוז ער דאך זיך מאכען פאר א שטומען. אזוי האט ער מיר אליין א מאל געזאגט. וויא אזוי וועלען מיר קענען בעווייזען, אז דער באראן נאני האט איהם געוואלט טויטען?

— דער אלטער יאקקי וועט ניט שטענדיג זיין שטום, האט אלעקסאנדער גערענטפערט. לאז ער נור געזונד ווערן! באלד וועט קומען דיא צייט, ווען ער וועט אנהויבען צו רעדען און צו שרייען אין דער הויך.

דער אלטער גייסטליכער האט געשאקעלט טרויעריג מיט'ן קאפ.

— איך וויים ניט, אויב דער אלטער יאקקי וועט דערלעבען דיזע צייט, האט ער געזאגט טרויעריג, דער דאקטאר געפינט, אז דיא וואונד איז געפעהרליך. יאקקי איז אלט. ער וועט ניט אויסהאלטען דיא קראנקהייט.

ביידע זיינען יעצט צוגעגאנגען צום בעט, וואו דער אלטער מאן איז געלעגען. ער איז געשלאפען. פארן בעט איז געשטאנען א גרויסע שיסעל פול מיט קאלטעס וואסער. דער דאקטאר האט אנגעזאגט, אז פון צייט צו צייט זאל מען צולעגען טיעכער מיט קאלטעס וואסער צו דער וואונד.

דער גייסטליכער האט זיך געשטעלט אויף דיא קניע פארן בעט און האט בעטראכט דאס בלייבע געזיכט פון'ם פערוואונדעטען.

— גאט אין הימעל! האט ער געזאגט שטילערהייט, וואס האט דען פערזינדיגט דיזער מאן, וואס ער האט פערבראכט א לעבען פון ליידען און שמערצען און צו לעצט דארף ער נאך שטארבען פון דיא הענד פון א מערדער? — דוא ביסט גערעכט, גרויסער גאט! דוא ווייסט געוויס, וואס דוא טהוסט.

— דערקענט איהר ניט, ווער דאס איז? האט פלוצלינג אלעקסאנדער נעפרעגט דעם גייסטליכען.

— ניין, האט דער גייסטליכער געענטפערט.

— קוקט אייך בעסער צו צו איהם, האט אלעקסאנדער געבעטען.

דער גייסטליכער האט זיך בעסער צוגעקוקט.

— נון, דערקענט איהר ניט ד ע ם, וועלכען מען האט אזוי פערפאלגט, געיאגט און געפלאגט?

— אך! איך הייב אן צו דערקענען....

אין דיעזע מינוט האט זיך דער שטומער בעטלער אויפגעחאפט. ער האט גע-עפענט דיא אויגען און האט זיך אומגעקוקט ווילד, שיי און דערשראקען. ער האט געזוכט פריינד, בעקאנטע, — מענשען, פאר וועלבע ער זאל קענען עפעס רעדען. ער האט דערזעהן פאר זיך זיינע איינציגע פריינד: דעם גייסטליכען און אלעקסאנדרין.

— ענטשולדיגט מיר, הערר גייסטליכער, וואס איך בעאונרוהיג אייך אזוי פיעל און וואס איך האב מיר ערלויבט צו קומען צו אייך אין שטוב שטארבען. איך האב מיט אייך זעהר פיעל צו רעדען.

— איהר וועט ניט שטארבען, האט דער גייסטליכער געענטפערט מיט א פרעהד ליכערע מינע. ווער האט עס אייך געזאגט, אז איהר זייט געפעהרליך פערוואונדעט? דער דאקטאר האט מיר געזאגט, אז איהר זייט שווער פערוואונדעט, אבער ניט גע-פעהרליך. ער האפט, אז ער וועט אייך אויסקורירען.

אויף דיא טויטע ליפען פון דעם פערוואונדעטען, האט זיך געוויעזען א זאנדער-בארער שמייכעל. ער האט פערשטאנען, אז דער גייסטליכער זאגט עס אומיסטען אום איהם צו בערוהיגען.

— איהר טרייסט מיך אומיסט, גוטער פריינד, האט דער שטומער בעטלער געזאגט טרויעריג. עס הארט מיך ניט, וואס איך שטארב. יעדער מוז שטארבען. שטארבען איז א נאטהווענדיגקייט. שטארבען, צו געה, צו פליעסען, זיך פעראייניגען מיט אלעם, וואס געפינט זיך ארום אונז, אונטער אונז, איבער אונז; שטארבען איז נור אן איבערגאנג פון איין פארם אין דיא אנדערע פארם, — אן איבערציעהן פון איין וואהנונג אין דיא אנדערע. דאס שטארבען הארט מיך זעהר וועניג. עס רייסט מיר נור דאס הערץ, וואס איך האב געלעבט ניט אזוי וויא איך וואלט געדארפט לעבען.— אך! וויא טרויעריג איז עס, וואס איך האב פערבראכט פיעלע, פיעלע יאהרען אלס שטומער בעטלער און מוז יעצט שטארבען אלס שטומער בעטלער.—דאס איז שרעקליך! דאס איז טרויעריג!

דער אלטער קראנקער מאן האט אנגעהויבען צו וויינען.

— אך, נאט! האט ער געקרעכצט, איך האב נאך געוואלט מיט אייך רעדען, אלטער פריינד, לײדער, קען איך עס ניט. איך פיהל, אז דער טויט קומט לאנגזאם, לאנגזאם און וויקעלט זיך ארום מיין הערץ וויא א שלאנג, מיט איהרע קאלטע רינגען. איך פיהל, וויא דער פראסט קומט צו אלץ נעהנטער און נעהנטער צו מיין הערץ און דארט, אין דער זייט, ברענט עס וויא פייער. איך ווייס, וואס דאס בעדייטעט. איך

פיהל עס. — דאס איז דער טויט. דאס איז דאס ענדע פון אלעס, וואס לעבט און פיהלט. איך שטארב, מיינע פיינד וועלען זיך פרעהן: זיי האבען געזיעגט.

זיין שטימע איז געווארען שוואכער און שוואכער. דיא לעצטע ווערטער האט ער ארויסגעזאגט מיט אזא שוואכער שטימע, אז מען האט זיי קוים, קוים געקענט הערן.

איינעגע מינוטען איז אין צימער געוועזען שטיל, אז מען וואלט געקענט הערן, וויא א פליעג פליעהט דורך. פלוצלונג האט דער אלטער שטארבענדער מאן געזאגט:

— איך וויל בייכטען (ווידוי זאגען).

דער גייסטליכער האט געגעבען א ווינק אלעקסאנדערן, ער זאל זיך ארויסגעהן, דאן האט ער אנגעצונדען א גרויסע ליכט פון דער קירכע און האט זיך געזעצט לעבען בעט פון דעם קראנקען שטערבענדען מאן. ער האט געמיינט, אז דער אלטער וועט עפעס רעדען און וועט איהם דערצעהלען, ווער ער איז און פאר וואס ער האט אזוי לאנג זיך פערשטעלט אלס שטומער בעטלער.

ליידער, איז דיא קראנקהייט געוועזען שטארקער אלס דער ווילען פון דעם אונגליקליכען שטומען בעטלער. עס האט זיך אנגעהויבען ביי איהם דאס וואונד פיעבער. ער האט צוואר פון צייט צו צייט געעפענט דיא אויגען, ער האט אבער גערעדט פון היץ. זיינע ווערטער זיינען געוועזען אפגעבראכען, ווילד, אונפערשטענדליך, צוריסען, אהן א צוזאמענהאנג. דער גייסטליכער איז געוועזען אויסער זיך.

אלעקסאנדער איז ניט אפגעטרעטען פון איהם. ער האט אלע מאל איבערגעביטען דיא נאסע טיכער. דער גייסטליכער האט ענדליך געפונען פאר נעטהיג צו שיקען נאך א מאל נאכ'ן דאקטאר.

עס איז אבער פערגאנגען א געראומע צייט, איידער דער דאקטאר איז געקומען. מען האט איהם אונטערדעסען אוועקגערופען צו א'נ געוויגערין. ער האט ערשט געקענט קומען אין דערפריה.

ער האט בעטראכט דעם קראנקען נאך א מאל.

— דאס פיעבער האט נאכגעלאסען, האט ער געזאגט, דיא וואונד אבער האט זיך מעהר אנגעצונדען. טהוט אלעס, וואס איך האב אייך געהייסען; הערט ניט אויף צו לעגען קאלטעס וואסער צו דער וואונד און גיט דעם קראנקען יעדע שטונדע אן עס לעפעל פון דיעזער מעדיצין. דאס איז אלעס, וואס מען קען טאהן פון זיינעטוועגען. וועלען זיינע קרעפטע אויסהאלטען דיא קראנקהייט, וועט ער לעבען.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אוועקגעגאנגען. דער פערוואונדעטער האט זיך ווירקליך אביסעל בערוהיגט. דיא היץ איז אביסעל אראפ און ער האט אויפגעהערט צו רעדען פון היץ. ענדליך איז ער אנטשלאפען געווארען.

— שלאף רוהיג, גוטער אלטער פריינד! האט געמורמעלט אלעקסאנדער צווישען דיא ציינער. שטארבט ניט! מיר האבען נאך פיעל, זעהר פיעל צו טאהן.

דער שטומער בעטלער איז אוועקגעשלאפען אייניגע שטונדען. דער גייסטליכער איז אוועקגעגאנגען וועגען זיינע געשעפטען, נור דער אלטער אלעקסאנדער איז געבליעבען לעבען דעם קראנקען.

אום צוועלף אוהר האט דער קראנקער זיך אויפגעכאפט און דערזעהן לעבען זיך בעט דעם טרייען אלעקסאנדער.

— איך פיהל מיך עטוואס בעסער, האט ער געזאגט מיט א שוואכער, אבער גאנץ דייטליכער שטימע, דוא ביסט ביי מיר, דוא, מיין אלטער, גוטער, געטרייער פריינד! — אך, ווען יענער זאל נאך דא זיין! ווען מיינע אויגען זאלען נאך קענען איין מאל, איין איינציגעס מאל א קוק טאהן אויף איהם! וויא גליקליך וואלט איך געווען, ווען איך זאל נאך קענען א מאל צודריקען זיין קאפ צו מיין הערצען!

— פון וועמען רעדט איהר? וועמען מיינט איהר? האט אלעקסאנדער געפרעגט.

— פערשטעהסט דוא ניט, פון וועמען איך רעד?

— אך, יא! איך וויים שוין גאר ניט, וואס עס טהוט זיך מיט מיר, האט אלעקסאנדער געענטפערט. איך וויים, איך וויים, פון וועמען איהר רעדט. וואס העלפט עס אבער?

— דאס איז דאך דאס שלעכטעסטע און טרויעריגסטע אין מיין לאגע, האט דער שטומער בעטלער געענטפערט שטילערהייט. איך וואלט געשטארבען רוהיג, צו־פריעדען און גליקליך, ווען ער זאל זיין לעבען מיר; ווען זיין יונגע און קרעפטיגע האנד זאל האלטען מיינע הענד, ווען דער טויט וועט אויף זיי אנהויבען מיט זיין קאלטען אטהעם. וויא גליקליך וואלט איך געווען, ווען איך וואלט געוואוסט, אז ער וועט אויפ־נעהמען מיין לעצטען אטהעמצוג.

— בערוהיגט אייך, גוטער פריינד! האט אלעקסאנדער געבעטען, איהר רעגט אייך אויף אומזיסט. מיר קענען דאך ניט פערלאנגען דאס אונמעגליכע. אלענפאלס איז דאך פיעל בעסער פאר אייך צו האפען, אז איהר וועט נאך געזונד ווערן. דיא האפנונג אליין ניט דעם מענשען קראפט איבערצוטראגען דיא קראנקהייט. דער דאקטאר האט ערקלערט, אז אייער וואונד איז גאר ניט געפעהרליך. ווען איהר וועט זיך נור פערהאלטען רוהיג און וועט נעהמען זיין מעדיצין, וועט איהר געווים געזונד ווערן.

— דוא האסט רעכט, פריינד! לאמיר האפען, דאס שאדעט קיין מאל ניט. — האסט דוא געבראכט אהער דעם קאסטען?

— איך האב איהם געבראכט אהער. דארט שטעהט ער.

דער קראנקער האט א קוק געטאהן אויף דעם ארט, וואו דער קאסטען איז געשטאנען.

— איך דאנק דיר, אלעקסאנדער! האט ער געזאגט, גיב מיר דיין האנד, לאמיך זיא צופרעסען צו מיין הארצען. דוא ווייסט גאר ניט, וואס פאר א גרויסע געפעלינקייט דוא האסט מיר בעוויעזען דערמיט, וואס דוא האסט געבראכט דעם קאסטען אהער. יעצט בין איך אין גאנצען בערוהיגט און אזוי וויא איך פיהל מיך יעצט אביסעל בע‑סער, וואלט איך זעהר געוואלט רעדען מיט'ן גייסטליכען. — וואו איז ער? איך זעה איהם ניט.

— ער איז ביי זיך אין שרייב צימער. זאל איך איהם רופען?

— רוף איהם, פריינד אלעקסאנדער!

אין איינינע מינוטען ארום איז אלעקסאנדער צוריק געקומען מיט'ן גייסטליכען.

— וואס מאכט איהר, אלטער? האט דער גייסטליכער געפרעגט.

— איך דאנק אייך! איך פיהל מיך בעסער און וויל מיט אייך רעדען. זעצט אייך לעבען מיר.

דער גייסטליכער האט זיך געזעצט לעבען קראנקען און האט גענומען זיין האנד.

— רעדט לאנגזאם, אלטער פריינד, האט ער געבעטען דעם קראנקען. רעגט אייך ניט אויף. פיעלייכט שאדעט אייך דאס רעדען.

— ניין, פריינד. דאס רעדען שאדעט מיר ניט און איך בין יעצט פאלקאמען רוהיג. — וויסט איהר וועניגסטענס, ווער עס האט מיך ערמארדעט?

— אלעקסאנדער האט עס מיר שוין דערצעהלט.

— און וואס זאגט איהר דערצו?

— וואס זאל איך זאגען? איך בין דאך נור אן ארימער גייסטליכער. איך טאר מיך אין קיין זאך ניט מישען. וואס קען איך דען טאהן?

— איהר קענט טאהן זעהר פיעל.

— זאגט מיר, פריינד, וואס איך זאל טאהן און איך וועל טאהן פון אייערטוועגען אלעס, וואס איך וועל נור קענען.

— אלזא, הערט מיך אויס. ווען איך זאל שטארבען פון דיעזער וואונד, זאלט איהר אנשרייבען אלעס, וואס איהר האט געזעהן און געהערט צו גראף מטראס. ער וועט זיך אננעהמען פאר מיר און וועט שוין זעהן, אז דער מערדער זאל בעקומען דיא שטראפע, וועלכע ער פערדיענט. — איך וואלט אייך ערקלערט אלעס, וואס עס איז פארגעקומען צווישען מיר און איהם; איך וואלט אייך ערקלערט, פאר וואס ער האט מיך ערמארדעט. איך פיהל מיך אבער יעצט צו שוואך. — אך! דאס רעדען שאדעט מיר ווירקליך. ווען איך הויב אן צו רעדען פון איהם, ווער איך אויפגערעגט.

דער גייסטליכער האט געזעהן, וויא דיא שטימע פון דעם קראנקען ווערט שוואכער און שוואכער.

— בערוהיגט אייך! האט ער געבעטען. רעדט ניט מעהר, ווערט ליעבער אנטשלאפען.

ער האט איבערגעביטען דאס קאלטע וואסער אויף דער וואונד, האט געגעבען דעם קראנקען א לעפעל מעדיצין און איז אוועקגעגאנגען.

אזוי איז פערגאנגען דער טאג. דער קראנקער האט זיך עטליכע מאל אויפגעכאפט און האט געוואלט עפעס רעדען. דער גייסטליכער האט איהם אבער ניט געלאזען רעדען.

אבענדס איז דער דאקטאר וויעדער געקומען און האט בעטראכט דעם קראנקען. דאס מאל איז זיין געזיכט געווארען פרעהליכער. — ער האט געהאט מעהר האפנונג, אז דער קראנקער זאל געהיילט ווערן.

— לאזט איהם ניט רעדען און זיך ניט אויפרעגען, האט ער געזאגט צום גייסטליכען. איך האב יעצט פיעל האפנונג, אז איך וועל איהם אויסהיילען.

ער האט אנגעשריעבען אנאנדער רעצעפט, האט איבערגעבונדען דיא וואונד און האט געהייסען דעם קראנקען שלאפען, וויא פיעל ער וועט נור קענען.

דיא גאנצע נאכט איז דער גייסטליכער געזעסען לעבען זיין בעט און האט נ־
געלאזט דעם קראנקען ארויסרעדען א ווארט. ערשט דעם אנדערן טאג אין דער פריה,
ווען דער דאקטאר איז געקומען און האט געמעלדעט, אז דיא געפאהר איז פאראיבער,
האט דער גייסטליכער זיך ענטשלאסען צו רעדען מיט'ן פערוואונדעטען.

— וויא פיהלט איהר זיך היינט, אלטער פריינד? האט ער געפרעגט.

— איך פיהל מיך פיעל בעסער, איך הייב שוין אן צו האפען, אז איך וועל נאך דערלעבען צו ענדיגען דיא ארבייט, וואס איך האב צו טאהן.

— קענט איהר מיר יעצט דערצעהלען, וויא עס קומט, וואס באראן נאני האט געוואלט אייך פערטייטען?

דער שטומער בעטלער האט דערצעהלט דעם גייסטליכען אלעס, וואס עס האט מיט איהם פאסירט אין יענע נאכט. ער האט איהם דערצעהלט דיא געשיכטע מיט'ן קייזערס בעגנאדיגונגס בריעף, וויא אזוי דיעזער בריעף איז געקומען צום באראן נאני און, וויא אזוי ער—דער שטומער בעטלער—האט צוגענומען ביים באראן דיעזען בריעף און האט איהם איבערגעגעבען דער גרעפין עלווירא פאן טאקקי.

דער גייסטליכער האט געטראכט אייניגע מינוט. ער האט זיך עפעס איבער־לעגט.

— עס איז קלאר און דייטליך, וויא דער העללער טאג, אז דיעזער באראן איז א רויבער און א מערדער, האט ער ענדליך געזאגט. דיא פראגע איז נור, וויא אזוי קענט איהר אויפטרעטען נעגען איהם, ווען איהר מוזט זיך פערשטעלען פאר א טויבען און א שטומען? — איך אלס גייסטליכער קען אויך ניט אויפטרעטען געגען איהם. עס איז דא א געזעץ אין אונגארן, אז קיין גייסטליכער דארף ניט אנקלאגען און בעשולדי־גען א מענשען אין א פערברעכען, פאר וועלכע עס קומט א קערפערליכע שטראפע.— וואס טהוט מען אלזא? וויא אזוי רייסט מען אראפ דיא מאסקע פון דיעזען מענשען, וועלכער שטאלצירט מיט'ן טיטול באראן, וועלכען ער האט פיעלייכט עבענפאלס גע־רויבט און גענגבעט, וויא ער האט אנגערויבט און אנגעגנבעט זיינע רייכטהימער?

— איך האב נאך ניט פערלארען דיא האפנונג, אז דער באראן פאן באטהיאני וועט נאך אמאל צוריקקומען אהיים, האט דער קראנקער מאז געזאגט. ווען דאס זאל געשעהן, וואלט איך איהם אלעס דערצעהלט און וואלט איהם איבערגעגעבען אלע בעווייזע געגען דיעזען רויבער, וועלכער הייסט זיך רופען באראן פאן נאני. איך וויים, אז פיעלע מאגנאטען ווילען זיך ווענדען צום קייזער מיט א ביטע, ער זאל שענקען דיא שטראפען פון פערברעכער, וועלכע האבען בעגאנגען פערברעכען געגען דער רעגיערונג.

— יא, ווען באראן ארטהור פאן באטהיאני זאל מעגען צוריקקומען אהיים, וואלט מען עס געקענט טאהן, האט דער גייסטליכער בעמערקט. ווען וועט עס אבער זיין? וואס טהוט מען דערווייל?

— אלענפאלס האב איך נעטהיג צו שיקען א בריעף צו גראף מעראס. דער בריעף איז שוין פערטיג. איך האב מורא געהאט איהם צו שיקען מיט דער פאסט און האב איהם געוואלט שיקען דורך מיין טרייען אלעקסאנדער, ווען דער באראן נאני איז אויף מיר אנגעפאלען. יעצט, ווען איך האב א האפנונג, אז איך וועל געזונד ווערן,

וועל איך אליין פאהרען קיין בודאפעסט. איך קען מעהר ניט בלייבען אין דיעזער געגענד. נאַני וועט מיך פערפאלגען. ווען ער וועט געוואהר ווערן, אז איך לעב, וועט ער זוכען מיך צו טויטען. איך מוז אלזא אנטלויפען פון דאנען. איך דענק, אז עס איז פיעל גלייכער, אז נאַני זאל ניט וויסען, אז איך לעב נאך. לאז ער מיינען, אז איך בין טויט.

— איהר האט רעכט, מיין פריינד. האט דער גייסטליכער געענטפערט, איהר דארפט מעהר ניט בלייבען אין דיעזער געגענד, אין וועלבער עס איז זיינע אייגענע צייט פערקראכען א גיפטיגע שלאַנג, וועלכע פערגיפטעט אלעס גוטע און אלעס עדעלע אין דיעזער געגענד. איך קען זיא גוט, דיעזע שלאַנג. ליידער, ערלויבט מיר ניט מיין קלייד פון א גייסטליכען. איך זאל נעהמען אין דיא הענד דאס שווערד פון'ם געזעץ.

15טער קאפיטעל.

דיא אנקלאגע.

מיר מוזען זיך אומקעהרען מיט א פאר טאג צוריק, ריכטיגער געזאגט, מיט א פאר נעכט צוריק, צו דער צייט, ווען נאַני האט דערשטאָכען דעם באנדיט שעק און האט איהם געלאזען ליעגען אויף דער גאס, ניט ווייט פון'ם שטיבעלע, וואו דער שטר מער בעטלער האט געוואהנט.

מיט א פאר שטונדען שפעטער האט זיך געשלעפט א מאן אויפ'ן וועג צום שטעדטעל ראזענוי. ער האט זיך געהאלטען מיט איין האנד אן דער זייט און מיט דער אנדערער האנד האט ער זיך אנגעשפארט אויף א גראבען שטעקען. פון צייט צו צייט פלעגט זיך ארויסרייסען פון זיין ברוסט א טיעפער זיפץ אדער א שווערער הערצרייסענדער קרעכץ. זעהר אָפט פלעגט ער מוזען זיך צוזעצען אונטער א בוים און זיך אפרוהען.

— שטארבען? וואס איז שטארבען? האבען זיינע בלייכע ליפען געמורמעלט.— יעדער מענש מוז שטארבען. וואס איז דער אונטערשיעד, אויב שטארבען פריהער אדער שפעטער? — מיין מערדער אבער מוז בעצאהלען מיט זיין קאפ פאר מיין טויט. איך בין אויך א מערדער. איך האב געטייטעט מענשען פאר געלד. איך האב געליטען הונגער און האב בערויבט מענשען. איך האב אבער קיין מאל ניט געטויטעט מענשען צום פערגניגען. מיין מערדער אבער איז רייך, האט אלעס, וואס ער דארף, אלעס, וואס ער וויל און טויטעט מענשען צום פערגניגען אדער אוים קאפריז. פאר וואס האט ער מיך געדונגען, איך זאל טויטען דעם בישאָף מיט זיין דיענער? — איך ווייס עס ניט. פאר וואס האט ער מיר דאמאלס געהייסען שטעכען דעם באראן פאן באטהיאַני און איהם אריינוואַרפען אין טהורם פון טשעמני? — איך ווייס עס ניט. — לאז ער יעצט שטארבען אויפ'ן עשאפאָט! איך וועל מיך פערקלאגען און איהם פערקלאגען. איך האב ניט, וואס מורא צו האבען. פאר מיר איז שוין אלץ איינס. ער אבער וועט פיהלען, וואס עס הייסט שטארבען אויפ'ן עשאפאט.

אונזערע לעזער האבען געוויס דערקענט אין דיעזען מאן דעם באנדיט שעק. נאַני האט איהם צוואר געטראפען, אבער ניט געטייטעט. שעק איז געווען שווער פער-

וואונדעט, ער האט אבער געלעבט. ער האט שוין געוואוסט, וואס מען דארף טאהן מיט א געפעהרליכע וואונד.

קוים איז ער געקומען צו זיך, האט ער זיך צוגעשלעפט צום טייכעל, וועלכער איז געפלאסען נים ווייט, און האט אנגעהויבען צו לעגען קאלטעס וואסער צו דער וואונד. ווען דער ברענענדער שמערץ איז אביסעל געשטילט געווארען, האט ער פערבונדען דיא וואונד מיט זיין בריימען לעדערנעם גארטעל און האט זיא אזוי צוגעפרעסט אז דאס בלוט האט אין גאנצען אויפגעהערט צו געהן.

יעצט האט ער נגעהויבען זיך צו איבערלעגען, וואס ער זאל טאהן. ער מוז האבען א דאקטאר. אהן א דאקטאר'ס הילף וועט ער געוויס שטארבען פון דער וואונד. זיין שטיבעלע אין וואלד איז זעהר ווייט פון דאנען. דער דאקטאר פון דער געגענד וואהנט אויך ערגעץ גאנץ ווייט. צום שטעדטעל ראזענוי איז אויך ווייט.

— אלזא, וואוהין געהט מען? האט ער זיך אליין געפרעגט.

נאך לאנגען דענקען און זיך איבערלעגען האט ער זיך ענטשלאָסען צו קריעכען, וויא ווייט ער וועט קענען, קיין ראזענוי. ערשטענס, קען מען אין ראזענוי געפינען א בעסערן דאקטאר און פאר נויט קען מען בעטען, אז מען זאל איהם אויפנעהמען אין האספיטאל. צווייטענס, האט ער געוואלט פערקלאגען זיין מערדער, דעם באראן נאגי. דאס האט ער געוואלט טאהן אין אייערסטען פאל, ווען ער וועט זעהן, אז פאר איהם איז שוין ניטא קיין רעטונג; ווען דער דאקטאר וועט איהם שוין ערקלערן, אז ער מוז שטארבען, דאן וועט ער שיקען רופען דיא פאליציי און דיא פארשטעהר פון שטאדט און וועל זיי אלעס דערצעהלען.

דאס איז דיא אורזאכע, וואס ער האט זיך געשלעפט מיט זיינע לעצטע קרעפטע קיין ראזענוי.

עס איז שוין געווען גרויסער טאג, ווען ער איז אנגעקומען אין שטעדטעל. אויפ'ן וועג האט ער זיך איבערלעגט, אז עס איז פיעל גלייכער פאר איהם צו געהן אין האספיטאל. דארט וועט איהם וועניגסטענס נים קאָסטען קיין געלד. אין האספיטאל נעהמט מען אויך אומזיסט. אויסער דעם איז אין האספיטאל שטענדיג דא א דאקטאר.

ער האט זיך צוגעשלעפט מיט גרויסער מיה צום האספיטאל און האט געבעטען אז מען זאל איהם באלד רופען דעם דאקטאר. עס איז נאך צוואר געווען גאנץ פריה און דער דאקטאר איז נאך געשלאפען, אין אזא פאל אבער האט מען איהם אויפגעוועקט.

דער דאקטאר איז באלד געקומען און האט בעטראכט דעם פערוואונדעטען. ער האט באלד דערקענט, אז ער האט צו טאהן מיט א געפעהרליך פערוואונדעטען.

— אויף וועלכער ארט האט מען אייך אזוי פערוואונדעט? האט ער געפרעגט.

— מען איז אויף מיר אנגעפאלען אין וואלד און מען האט מיך פערוואונדעט.

— מיט וואס פאר אן אינסטרומענט האט מען אייך פערוואונדעט?

— מיט א מעסער.

— ווייסט איהר ניט, ווער עס איז דער מערדער?

— צו וואס דארפט איהר עס וויסען, הערר דאקטאר?

— איך מוז עס פערשרייבען אין דיא ביכער פון האספיטאל.

דער באנדיט האט זיך פערטראכט. ער האט זיך איבערלעגט וואס צו טאהן. ווען זיין וואונד קען נאך געהיילט ווערן; ווען ער קען נאך לעבען, איז גלייכער צו לעבען און ניט אויסצוזאגען, אז נאני האט איהם געוואלט טויטען. ווען ער וועט אויסזאגען אויף נאני, מוז ער שוין אלעס אויסזאגען, דאן וועט מען איהם פעראורטהיילען גלייך מיט זיין מ.רדער. ווען עס איז שוין אבער אלעס פערלארען; ווען ער קען שוין ניט לעבען, דאן לאז נאני אויך שטארבען.

דאס אלעס איז דורכגעלאפען אין זיין קאפ, ווען דער דאקטאר האט אנגעהויבען איהם אויסצופרעגען, וויא אזוי ער איז פערוואונדעט געווארען און אויב ער קען ניט אנגעבען, ווער עס האט איהם פערוואונדעט.

— דאקטאר! זאגט מיר דיא וואהרהייט, קענט איהר מיר נאך העלפען? האט ער ענדליך געפרעגט.

דער דאקטאר האט אויף איהם געווארפען א פארשענדען בליק. דיעזע פראגע איז איהם פארגעקומען עטוואס זאנדערבאר.

— איך קען אייך אזוי פיעל זאגען, אז אייער וואונד איז געפעהרליך, האט דער דאקטאר געענטפערט.

דער באנדיט האט א ציטער געטאהן. וויא בעהארצט ער איז געוועזן, האט ער זיך דאך געשראָקען פארן טויט.

— וויא לאנג קען איך נאך לעבען? האט ער געפרעגט.

— עס איז מיר שווער פאראויס צו זאגען. עס קען זיין, איהר זאלט נאך לעבען עטליכע טעג; עס קען אבער זיין, אז עס זאל זיך ענדיגען שנעלער. איך וויים נאך ניט, אויב אלע אדערן פון לינקען לונג זיינען דורכגעשניטען. איך זעה נור, אז איהר אטהעמט נור מיט איין לונג.

דעם באנדיט'ס געזיכט איז געווארען שווארץ, וויא דיא ערד.

— זאגט מיר דיא וואהרהייט, דאקטאר! זייט איהר זיכער, אז איך וועל שט פון דיעזער וואונד?

— אזוי דאכט מיר. זיכער איז קיין דאקטאר.

— דאן שיקט מיר רופען דעם בירגערמייסטער און דעם פאליציי דירעקטאר, האט דער באנדיט געזאגט, איך האב זיי מיטצושהיילען זעהר וויכטיגע נאכריכטען.

— איך וועל טאהן, וויא איהר פערלאנגט און וועל בעס'ער שיקען רופען דעם בירגערמייסטער און דעם ריכטער.

— מהוט וויא איהר פערשטעהט.

דער דאקטאר איז צוגעגאנגען צו דער טהיר זאגען א דיענער, ער זאל געהן רופען דעם בירגערמייסטער און דעם ריכטער, דער באנדיט האט איהם צוריקגערופען.

— דאקטאר! איך בעשווער אייך ביי אלעס, וואס איז הייליג פאר אייך, זאגט מיר דיא וואהרהייט: האט איהר קיינע האפנונג מיך צו רעטען?

— קיין האפנונג, האט דער דאקטאר געענטפערט ערנסט.

— דאן רופט, וועמען איהר פערשטעהט אם שנעלסטע, האט דער באנדיט געזאגט טרויעריג.

דער דאקטאר האט געהייסען דיא קראנקענוועכטער אויסטאהן דעם קראנקען און איהם אניעדערלעגען אויף א בעט. דאן האט ער געשיקט רופען דעם בירגערמייסטער און דעם ריכטער.

אין א שטונדע ארום זיינען דרייא מענשען געזעסען לעבען בעט פון'ם קראנקען באנדיט. שעק איז געשלאפען. דיא מיטעל, וועלכע דער דאקטאר האט אנגעווענדעט, האבען איהם אין גאנצען בערוהיגט. ווען מען וואלט אבער א קוק געטאהן אויף דיא וואונד, וואלט מען געזעהן, אז איהרע ברעגעס זיינען געווארען דונקעל רויט און האבען זיך פערצויגען מיט א זאנדערבארער הויט. עס האט זיך אין איהר אריינגעחאפט דיא בראנד.

— וועט ער יעצט קענען אנטווארטען? האט איינער פון דיא צווי נייע מענשען געפרעגט דעם דאקטאר.

— איך האף, אז ער וועט באלד קענען אנטווארטען, האט דער דאקטאר געענטפערט.

ער האט גענומען א פלעשעלע פון'ם טיש, האט אנגעגאסען עטליכע טראפען אין א לעפיל, דאן האט ער שטילערהייט אויפגעוועקט דעם קראנקען און האט עס איהם איינגעגעבען. אין איינינע מינוטען שפעטער האט דער קראנקער געעפענט דיא אויגען און האט געקוקט רוהיג און מונטער אויף דיא מענשען, וועלכע זיינען געזעסען לעבען זיין בעט.

— איהר האט מיך געבעטען, איך זאל שיקען רופען דעם בירגערמייסטער און א ריכטער, האט דער דאקטאר געזאגט צום קראנקען, איך האב ערפילט אייער וואונש. אט זיינען דיא מענשען, וועלכע איהר האט געוואלט זעהן.

שעק האט זיך צוגעקוקט צו דיא צווייא פרעמדע מענשען לעבען איהם, גלייך וויא ער האט זיך געוואלט איבערצייגען, אויב ער מעג זיי אויסזאגען אלעס, וואס ער וויל אדער ניט.

— פיהלט איהר זיך שטארק גענוג אום צו רעדען מיט דיעזע מענשען? האט דער דאקטאר געפרעגט.

— יא, העררר דאקטאר, האט דער באנדיט געענטפערט.

— ווילט איהר יעצט מיט זיי רעדען?

דער באנדיט האט געטראכט איינינע אויגענבליקע, דאן האט ער געזאגט:

— יא, העררר דאקטאר.

— מעג איך אויך זיין דערביי?

— יא, איך בעט אייך זאגאר, איהר זאלט זיין דערביי.

דער דאקטאר האט א ווינק געטאהן דעם ריכטער, ער זאל אנהויבען אויספרעגען דעם קראנקען.

— איהר האט אונז געשיקט רופען, האט דער ריכטער אנגעהויבען צו רעדען,

אום אונז צו מיטטהיילען איינינע זעהר וויכטינע זאכען. ווילט איהר אונז אנט־ווארטען אויף איינינע פראגען?

— יא מיין העדר.

— וויא הייסט איהר?

— יאהאן שעק.

— וויא אלט זייט איהר?

— אכט און דרייסיג יאהר.

— פון וואנען זיינט איהר?

— פון דארף טשעמני.

— וואס איז אייער בעשעפטינונג?

— איך בין א האלץ העקער.

— וויא אזוי האט איך פאסירט דאס אונגליק?

— איך בין נעגאנגען ביי נאכט אין דארף. מען איז אנגעפאלען אויף מיר און מען האט מיך דערשטאכען.

— ווייסט איהר ניט, ווער דער מערדער איז?

ביי דיעזע פראגע האט זיך שעק פערטראכט.

— דאקטאר, קענט איהר מיך ניט רעטען? האט ער געפרעגט.

— נאט קען העלפען, מיינע קונסט אבער קען מעהר גאר נישט טאהן פון אייערטוועגען.

שעק האט א ציטער געטאהן. דער דאקטאר האט ארויסגעזאגט זיין טאדעס אורטהייל אזוי זיכער און אזוי בעשטימט, אז ער האט פערשטאנען, אז ער מוז שטאר־בען. דיעזע געוויסהייט האט אויף איהם אזוי געווירקט, אז ער איז געפאלען אי־אהנמאכט.

דער דאקטאר האט יעצט מורא געהאט צו געבען איהם נאך א מאל דאס שטארקע מיטעל. וואס ער האט איהם פריהער געגעבען. ער האט איהם געשפריצט מיט קאלטעס וואסער אין געזיכט. שעק האט געעפענט דיא אויגען.

— ווייסט איהר, ווער אייער מערדער איז? האט דער ריכטער געפרעגט.

— ער האט געטויטעט נאך א מענשען.

— ווענען איז עס?

— דעם אלטען יאקקי אדער דעם שטומען בעטלער, וויא מען רופט איהם אין דער געגענד.

— ווער איז אבער דער מערדער?

— דער באראן נאג.... פאן....

ער האט מעהר ניט געקענט רעדען און איז געפאלען אין אהנמאכט.

דער דאקטאר האט געפונען, אז יעצט מוז מען לאזען דעם קראנקען צורוה. ער האט געבע ען דעם ריכטער און דעם בירגערמייסטער, זיי זאלען קומען אין א שטונדע ארום. ער וועט דערווייל זעהן צו בערוהיגען דעם קראנקען און איהם צו קרעפטיגען, אז ער זאל זיין אים שטאנד צו רעדען.

16טער קאפיטעל.

דעם טויט פאר דיא אויגען.

מיר האבען איבערגעלאזען דעם טערקישען אגא אליין איז זיין צימער. מיר הא־ען שוין דערצעהלט, וויא מען האט אוועקגעפיהרט ארטהור'ן אין איין זייט פון'ם שלאס און עלוויראַ'ן האט מען אוועקגעפיהרט אין הארעם, אין דער אבטהיילונג פון דיא פרויען.

ווען דער טערק איז געבליעבען גאנץ אליין, האט ער זיך אויפגעהויבען פון'ם ניעדעריגען דיוואן אויף וועלכען ער איז געזעסען, און האט אנגעהויבען ארומצוגעהן אין זיין צימער, דערביי האט ער געברומט:

— דיא פרוי איז שעה, גע׳טליך שעה. איך האב זעלטען געזעהן אזא שעהנע פרוי. זיא ליעבט איהם אבער אזוי שטארק, אז זיא וועט אויף קיין פאל ניט איינוויליגען צו ווערן מיין פרוי. עס איז שאדע זיא צו טייטען. איך קען זיא אבער ניט לאזען געהן מיט אנאנדערן. וואס טהוט מען? וואו געפינט מען דעם קלוגען, וועלכער זאל מיר ראטהען, וואס צו טאהן אין אזא פאל? עס העלפט ניט! איך וועל מוזען הייסען זייביידען טויטען. — זיא איז אבער דאך שעהן! — איך מוז פראבירען אלע מעגליכע מיטעל זיא צו איבערצייגען, אז עס וועט איהר זיין זעהר גוט ביי מיר. — פיעלייכט וועט ער איהר ערקלערן, אז זיא דארף ניט שטארבען פון זיינעטוועגען. — איך מוז פראבירען. איך מוז רעדען מיט ביידען. איך האב מיך ניט וואס צו איילען.

ער האט אנגעקלונגען אין גאָנג, א שווארצער דיענער איז אריינגעקומען. דער אגא האט איהם געזאגט עטליכע ווערטער אויפ'ן אויער. דאן זיינען זיי זיך ביידע צוגאנגען אין פערשיעדענע זייטען.

מוסטאפא האט אוועקגעפיהרט ארטהורן אין א וויטען עק פון'ם שלאס און האט איהם פערשפארט אין א פינסטער צימעריל.

ארטהור איז געווען אזוי צובראכען און אזוי ניעדערגעשלאגען פון אלעס, וואס האט מיט איהם היינט פאסירט, אז ער איז געפאלען וויא א קלאץ אויף דער פייכטער און קאלטער ערד. איינינע צייט איז ער אזוי געלעגען און האט זיך ניט געריהרט. ענדליך האט ער אנגעהויבען צו קומען צו זיך. זיין קאפ האט אנגעהויבען צו ארבייטען. איהם האבען זיך פארגעשטעלט בילדער און געשטאלטען פון זיין גאנצעס לעבען.

ער האט זיך אליין געזעהן, וויא ער איז נאך א קינד. ער וואינט מיט זיין מוטער אין שלאס באטהיאני. זיא איז טרויעריג. זיא געהט מיט איהם ארום אין גארטען, גלעט איהם דיא קאפ און וויינט.

— וואס איז דיר, מוטער? וואס וויינסט דוא? פרעגט ער זיין מוטער.

— דיין פאטער האט געמוזט אנטלויפען, ענטפערט דיא מוטער מיט א געוויין. ער וואלגערט זיך ערגעץ אין פרעמדע לענדער. ער טאר ניט קומען אהיים. — וואו איז ער ערגעץ? וואס מאכט ער?

דאס קלוגע קינד האט געוויינט, דיא מוטער האט געוויינט לעבען איהם.

ער האט קיין מאל ניט געזעהן זיין פאטער. ער האט ניט געוואוסט, וויא זיין פאטער זעהט אויס. ער האט ניט געוואוסט, פאר וואס זיין פאטער טאר ניט קומען אהיים. ער האט נור געוואוסט, אז זיין מוטער געהט ארום טרויעריג און וויינט בע־שטענדיג.

ענדליך איז דיא מוטער קראנק געווארען און איז געשטארבען, ארטהור זעהט פאר זיך, וויא עס זיינען געקומען פרעמדע מענשען צו זיי און האבען ערגעץ אוועקגעפיהרט זיין מוטער. ער איז דאן געבליעבען אליין. דער אלטער קארל און אן אלטער פער־וואלטער האבען איהם גענומען צו זיך און האבען איהם דערצויגען. זיי האבען איהם געשיקט קיין בודאפעסט לערנען אין גימנאזיום. אין בודאפעסט האט ער געוואוינט ביי זיין אנקעל, לודוויג פאן באטהיאני.

ארטהור דערמאנט זיך, וויא אלע קינדער פון גימנאזיום פלעגען קוקען אויף איהם און האבען מיטלייד מיט איהם, זיי פלעגען אפט זאגען שטילערהייט: „ער איז דאך צום בעדויערן: ער האט קיין פאטער און קיין מוטער“.

ענדליך האט ער געענדיגט דאס גימנאזיום און איז געקומען אהיים. דא האט ער צום ערשטען מאל דערזעהן, אז עלווירא איז שעהן און האט זיך פערליעבט אין איהר. ער איז שוין געוואהר געווארען, פאר וואס זיין פאטער האט געמוזט אנטלויפען: ער האט שוין געוואוסט אלעס, וואס איז פארגעקומען אין זיין פאמיליע. ער האט געהאט פאר זיך צוויא הייליגע צוועקע: זעהן בעפרייען זיין פאטער, געוואהר ווערען, וואו ער געפינט זיך, לעבט ער נאך, אדער איז ער שוין געשטארבען? ווען ער לעבט נאך, מוז ער זעהן איהם אהיים צו ברענגען און בעווייזען, אז ער איז אונשולדיג. איז ער ערגעץ געשטארבען, מוז ער ברענגען זיינע ביינער אהיים. — ווען ער וועט טאהן אלעס, וואס א קינד איז פערפליכטעט צו טאהן פאר זיינע עלטערן, וועט ער הייראטהען זיין געליעבטע עלווירא.

פלוצלונג איז מען אויף איהם אנגעפאלען און ער האט געמוזט ווערען א הענקער. ארטהור דערמאנט זיך אלעס, וואס מיט איהם האט פאסירט, ווען ער האט געוואוינט אין טהורם פון טשעמני.

ווען זיין הייס געליעבטע עלווירא האט איהם ענדליך געבראכט א בעגנאדיגונגס בריעף פון׳ם קייזער, און האט איהם בעפרייט פון׳ם טהורם פון טשעמני, האט איהם פאסירט אנאנדער אונגליק.

— וואס איז מיט מיר? האט ער ענדליך אויסגערופען, פאר וואס פערפאלגט מיך אזוי דאס שיקזאל? וואס האב איך אזעלכעס פערזינדיגט, וואס פון קינדהייט אן קען איך נור ליידען און שמערצען? ווען איך בין נאך געלעגען אין וויגעלע, פלעגט מיין מוטער וויינען איבער מיר. זייט איך בין געקומען צו מיין פערשטאנד קען איך נור ליידען און טרערין. פאר וואס איז עס? פאר וואס איז דאס שיקזאל אזוי בייז, אזוי אונבארמהערציג נעגען מיר? — אך, איך אונגליקליכער! ווען עס איז מיר שוין בע־שטימט צו ליידען; ווען דיא פאמיליע באטהיאני דארף שוין אונטערגעהן מיט מיר, וואס האב איך נאך דיך אריינגעשלעפט, דוא גוטע און עדעלע עלווירא? וואס האב איך געהאט צו דיר? מיט וואס פאר א רעכט האב איך פעראייניגט מיין שיקזאל

מיט דיינעם? פאר וואס האב איך דיך יעצט געשלעפט איבער דער טערקישער גרענעץ?

ער האט זיך פערטראכט און האט זיך איבערלעגט איינינע מינוט. ענדליך האט ער אויסגערופען:

— יא! עס מוז אזוי זיין! מיר מוזען זיך צונעהן. ווען דער טערק וועט אונז לאָזען לעבען, וועל איך מיר אוועקפאהרען אין קאנסטאַנטינאפאל און עלווירא מוז פאהרען אהיים צו איהר מוטער.

דיעזער בעשלוס האט איהם אביסעל בערוהינט. ער האט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און האט אנגעהויבען צו טאפען דיא וואנד פון זיין קעמעריל. עס האט זיך אין איהם דערוועקט דיא לוסט צו לעבען. ער האט געוואלט לעבען צוליעב עלוויראַ'ן.

— ווען איך וועל זיין פריי, וועל איך קענען עפעס טאהן פון איהרעטוועגען, האט ער געזאגט צו זיך אליין. איך קען שרייבען צו געארג'ן, אז ער זאל זיא פאַרדערן פון'ם טערק. דיא אונגארישע רעגיערונג וועט מוזען זיך אננעהמען פאר איהר. איך מוז זעהן פריי צו זיין.

ער האט אנגעהויבען צו זוכען, פיעלייכט איז מעגליך צו אנטלויפען פון זיין געפענגניס. ער האט אויסגעטאפט דיא וואנד און האט גאר ניט געפונען. ער האט זיך צוגעהערט צו דער טהיר. — ער האט געוואלט וויסען, אויב עס שטעהט א וואך פאר זיין טהיר. — אלעס איז שטיל. אין דער טירקיי איז מען ניט געוואהנט צו שטעלען וואכען פאר דיא געפאנגענע.

— איך מוז פראבירען, פיעלייכט וועט עס מיר געלינגען אויסצוברעכען דיא טהיר, האט ער געזאגט צו זיך אליין.

ער האט זיך אנגעבויגען מיט זיין גאנצער קראפט אויף דיא טהיר, — זיא האט ניט נאכגעגעבען. ארטהור האט דאן פראבירט דיא וואנד, — זיי זיינען שטארק. ער איז אזוי ארומגעלאפען איינינע צייט, וויא א ווילדעס טהיער לויפט ארום אין זיין אייזערנער שטייג, און האט אלעס איבערפראבירט, — אומזיסט! קיין הילף און קיין רעטונג.

ענדליך האט ער זיך בערוהיגט, האט זיך אניעדערגעזעצט אויף דער ערד און האט געווארט, וואס ווייטער וועט זיין. עס איז אזוי פערגאנגען א געראימע צייט.

פלוצלונג האט זיך געעפענט דיא טהיר פון זיין געפענגניס און דער אנא איז אריינגעקומען מיט א ליכט אין דער האנד.

ארטהור איז אויפגעשפרונגען און האט זיך אניעדערגעשטעלט נעגען איהם.

— וואס ווילסט דוא נאך פון מיר, אגא? האט ער געפרעגט.

— איך וויל דיך נאך עפעס פרעגען.

— איך פערשטעה דיך ניט, אגא! האט ארטהור אויסגערופען, איך בין געווען ביי דיר אין צימער און האב דיר געענטפערט אויף אלע דיינע פראגען. וואס נאך ווילסט דוא פון מיר? וואס נאך ווילסט דוא פון מיר וויסען?

— רעד ניט פיעל, פרעמדער! האט דער אגא געזאגט פינסטער, פון דיין איצטיגע אנטווארט העננט אב דיין לעבען און דיינע פרייהייט.

דאסווארט פרייהייט האט געווירקט, וויא א צויבער אויף ארטהור'ן. ווען מען זיצט אוועק מאנאטע לאנג אין געפענגניס, פון וואנען מען ערווארטעט שוין ניט ארויס־צוגעהן לעבעדיגערהייט; ווען מען ליעגט אוועק פערשפארט וואכען לאנג און מען האט מורא צו ווייזען זיך אויף דער ליכטיגער וועלט, — דאן הויבט מען אן צו פיהלען, וואס פרייהייט הייסט און וויא טהייער דיא פרייהייט איז.

ארטהור האט יעצט זעהר גוט געפיהלט, וויא טהייער דיא פרייהייט איז, אין דערזעלבער צייט אבער האט ער זעהר גוט געוואוסט, וואס פאר א פרייז דער טערק פערלאנגט פון איהם פאר זיינע פרייהייט. ער האט איהם אבער געמוזט אנטווארטען און האט איהם געזאגט:

— וויא קען איך דיר טרויען, אגא, ווען דוא האסט מיך אזוי שלעכט בעהאנ־דעלט און האסט מיך געמאכט פאר א גנב? פון וואנען וויים איך, אז דוא וועסט האלטען ווארט, ווען איך וועל דיר ענטפערן אויף דיינע פראגען?

— איך וועל דיר שווערן ביים גראב פון מיינע עלטערן, אז ווען דוא וועסט נור איינוויליגען צו טאהן, וואס איך פערלאנג פון דיר, וועל איך דיך בעפרייען.

שווערן ביים גראב פון זיינע עלטערן איז דאס שרעקליכסטע פאר א טערק. אזא שוואור וועט ער שטענדיג האלטען.

ארטהור איז צוואר געוועזן נאך ווייניג בעקאנט מיט דיא טירקישע זיטען (מנהגים), ער האט אבער געזעהן, אז דער טערק רעדט יעצט מיט איהם גאנץ ערנסט.

— גוט, אגא, איך גלויב דיר, האט ער געזאגט, שטעל מיר דיינע פראגען.

— ווילסט דוא זיין פריי, פרעמדער?

— וואס פרעגסט דוא, אגא? פערשטעהסט דוא דען אליין ניט? אז דיא פרייהייט איז בייא מיר טהייער?

— דוא קענסט זיין פריי.

— ווילסט דוא מיר אפגעבען מיין פרוי?

— איך פרעג דיך, אויב דוא ווילסט זיין פריי, האט דער טערק געענטפערט פינסטער.

— אויף דיעזע פראגע האב איך דיר שוין פריהער געענטפערט.

— דוא האסט פריהער נאך ניט געוואוסט, וואס א געפענגניס הייסט.

— דוא האסט א גרויסען טעות, אגא, ווען דוא דענקסט, אז מען קען יעדען מענשען איבערשרעקען מיט א געפענגניס. עס זיינען דא מענשען, וועלכע שרעקען זיך ווירקליך איבער פאר א געפענגניס. בייא מיר אבער האסט דוא ניט געטראפען.

— הער מיך אויס צום לעצטען מאל.

— איך האב ניט וואס צו הערן, האט ארטהור געענטפערט, איך וויים, וואס דוא ווילסט.

— דוא וויי‍סט נאך ניט, וואס איך וויל.

— נו, זאג מיר, וואס פערלאנגסט דוא נאך פון מיר?

— ווילסט דוא, אז עלווירא זאל לעבען?

— ווען עס וועט ניט בלייבען קיין אנדערער אויסוועג פאר איהר אלס צו ווערן דיין פרוי, ווינש איך, אז זיא זאל ליעבער שטארבען.

דער אגא האט געװארפען אויף ארטהור'ן א שטרענגען בליק פול האס און צארן. זיין געזיכט איז געווארען פינסטער, וויא א נאוועמבער נאכט, און זיינע ליפען האבען זיך צוזאמען געפרעסט.

— איך האב דיך ניט געוואלט טויטען, האט ער געזאגט ערנסט, אללאה איז מיין צייגע, אז איך האב נור געוואלט דיך איבערשרעקען. — דוא אליין צווינגסט מיך איך זאל דיך טויטען. — דוא ווילסט עס אזוי, דוא וועסט האבען דאס פערגניגען צו שטארבען צוזאמען מיט דיין בראוט אדער פרוי.

— איך דאנק דיר, אגא, פאר דער גנאדע! האט ארטהור אויסגערופען.

דער אגא האט איהם בעטראכט אייניגע אויגענבליקע מיט שטאלץ און פער־אכטונג. דאן האט ער געזאגט:

— דאנק מיר ניט צו פריה! האט דער טערק געזאגט לאנזאם און האט אויס־געצויגען יעדעס ווארט. דאנק מיר ניט צו פריה! דוא ווייסט נאך ניט, וואס עס וועט געשעהן נאך דיין טויט. עס איז דאך זעהר מעגליך, אז ווען דיין קאפ וועט אראפפאלען פון דיין קערפער, וועל איך מיך איבערלעגען.

— איך ווייס, וואס דוא ווילסט זאגען, אגא! איך ווייס, אז דיא טערקען זיינען פאלש. זיי האלטען קיין מאל ניט זייער ווארט.

— דוא ווייסט נאך ניט, וואס איך וויל דיר זאגען. ווען עלווירא וועט ניט איינ־ווילינגען צו לעבען מיט מיר און זיא וועט נור וועלען שטארבען, וועל איך הייסען זיא בעגראבען לעבעדיגערהייט צוזאמען מיט דיין טויטען קערפער. איך וועל האלטען מיין ווארט. איהר וועט זיין פעראייניגט אויף אייביג.

ארטהור איז אויפגעשפרונגען, וויא א וואהנזיניגער. ווען זיינע הענד וואלטע ניט געווען געבונדען אויפ'ן ריקען, וואלט ער זיך געוויס ארויפגעווארפען אויפ'ן טערק און וואלט איהם דערווארגען. ער איז אבער געווען געבונדען. ער האט געריסען דיא הענד, ער האט זיך געקייקעלט, וויא א שלאנג. דיא שטריק אבער האבען געהאלטען פעסט. ארטהור'ס געזיכט איז געווארען רויט, וויא פייער פון דער שרעקליכער אנשטרענגונג. עס האט איהם אבער גאר ניט געהאלפען.

דער טערק איז געשטאנען גאנץ רוהיג און האט צוגעזעהן, וויא ארטהור רייסט זיך אויף דיא ווענד. ארטהור'ס ליידען האבען איהם געמאכט פערגניגען. ער האט זיך גערייצט מיט איהם, וויא קינדער רייצען זיך מיט א צוגעבונדענעם הונד.

— נו, פרעמדער, וועסט דוא זאגען נאך א מאל, אז דיא טערקען זיינען פאלש און האלטען קיין ווארט? איך וועל האלטען ווארט. דוא וועסט שטארבען מיט איהר. דיר וועט מען אפהאקען דעם קאפ, מיט וואס פאר א טויט זיא זאל שטארבען, וועל איך מיך נאך איבערלעגען.

— עלענדער הונד! האט ארטהור אויסגערופען, טוינעניכטס! דוא ביסט געקער מען אהער מיך אויסלאכען! איז דאס אייער שטאלץ, איהר מוסעלמענער? — דיא

טערקען רופען זיך מוסלעם (מושלם) א גאנצער מענש. — האט אייער פראפעט מחמד אייך געהייסען אזוי?

— געגען א דשאור — א מענש, וועלכער גלויבט ניט אין מחמד — איז אלעס ערלויבט, האט דער טערק געענטפערט מיט א געלעכטער. דוא ביסט א קריסט, אלזא ביסט דוא קיין מענש ניט און ביסט ניט ווערטה, אז איך זאל דיך בעהאנדלען, וויא א מענש.

— שטעהט דען ניט אין אייער קאראן — דאס הייליגע בוך פון דיא מהמעדאַנער — אז אלע מענשען זיינען גלייך? האט ארטהור אויסגערופען. האט דען אייער פראפעט מחמד אייך ניט געלערנט, אז אלע מענשען זיינען ברידער?

דער טערק האט זיך צולאכט מיט א הויכען, ביטערן געלעכטער.

— שעהם דיך, דשאור! האט ער אויסגערופען, שעהם זיך עס צו זאגען! אייער יעזוס קריסטוס האט אייך אנגעזאגט, איהר זאלט ליעבען אייערע פיינד. — היט איהר עס אפ? שטעהט ניט אין אייער עוואנגעליאום, „ווען איינער גיט דיר א פאטש אויף איין באק, שטעל איהם אונטער דיא אנדערע באק.“ היט איהר עס אפ? טהוט איהר אזוי, וויא אייערע הייליגע ביכער לערנען אייך? זייט איהר, קריסטען, דען ניט געוועזען דיא ערשטע, וועלכע האבען פערשפרייט האס און פיינדשאפט צווישען איין פאלק און דעם אנדערן? האבען ניט אייערע פרומע קעניגע אין שפאניען און פארטוגאל פערברענט לעבעדיגערהייט הונדערטער אידען און מחמעדאנער אין איין טאג? זיי האבען עס נאך גערופען אוטאַ־דאַ־פע, אן אקט פון גלויבען, א מצוה גדולה. — וויא קענסט דוא דשאור, רעדען פון מענשליכקייט און פריינדליכקייט.

ארטהור האט אראפגעלאזען טרויעריג דעם קאפ. ער האט גיפיהלט דעם ביטערן פארוואורף פון'ם טערק. דענאך האט ער געמוזט איהם עפעס ענטפערן.

— דאמאלס זיינען געוועזען ווילדע צייטען, האט ער ענדליך געזאגט, אויך אייערע פירסטען און הערשער האבען פערברייטעט אייער גלויבען מיט פייער און אייזען, יעצט זיינען געקומען אנדערע צייטען. דיא איצטיגע מענשען זיינען מילדער, ווייכער און פיינער. אלע פעלקער בעהאנדלען יעצט דעם גרעסטען פערברעכער בעסער און מענשליכער. נור איהר, טערקען, זייט נאך געבליעבען אזוי ווילד און אזוי שלעכט, וויא אמאל. פאר וואס האלסט דוא מיך געבונדען? וואס האב איך דען געטאהן? וואס פאר א פערברעכען האב איך דען בעגאנגען?

דער טערק האט געטראכט איינינע מינוט. דאן האט ער א קלאפ געטאהן איין האנד אן דער אנדערער.

באלד זיינען צוגעקומען עטליכע דיענער. דער אגא האט זיי עפעס געזאגט אויף טערקיש. זיי האבען באלד אפגעבונדען ארטהורס הענד.

— דוא ווילסט ניט זיין געבונדען, האט איהם דער טערק געזאגט אויף פראנצויזיש, דיין וואונש איז ערפילט. דיינע הענד זיינען פריי. וואס האסט דוא אבער פון דיעזע פרייהייט? דיעזע מויערן זיינען שטארק גענוג. דוא וועסט פון דאנען ניט אנטלויפען. איבערלעג דיך, פרעמדער! בעדענק, וואס דוא טהוסט! דיין לעבען, דיינע

פרייהייט. דאס לעבען פון דיין געליבטער און איהר פרייהייט הענגען יעצט אפּ פון דיין איין ווארט. — בעדענק!

ארטהור האט געשוויעגען.

דער אנא האט נאך עפּעס געזאגט צו זיינע מענשען און איז מיט זיי אוועקגע־גאנגען. ארטהור איז ווידער געבליעבען אליין און האט זיך פערטראכט. ער האט גוט געפיהלט, אז דער מערק איז אים שטאנד אויסצופיהרען, וואס ער האט געזאגט. ער האט געוואוסט, אז ער שפּאסט ניט. — וואס זאל ער אבער טאהן? ווען ער זאל שוין זאגאר איינוויליגען צו לאזען עלווירא'ן ביים מערק, וועט עלווירא ניט איינוויליגען, זיא וועט ניכער שטארבען, אלס צו בלייבען ביים מערק אין הארעם.

אלזא, וואס טהוט מען?

פּלוצלונג האט זיך געעפענט דיא טהיר פון זיין קעמעריל און א פערהילטע גע־שטאלט איז אריינגעקומען צו איהם אין קעמעריל. דיא געשטאלט האט זיך געזעצט אויף דער ערד לעבען איהם און האט פון איהם ניט אראפּגעלאזען קיין אויג.

איינינע צייט האט ארטהור געקוקט אויף דיא געשטאלט און האט ניט גערעדט א ווארט. ער האט געווארט, אז דיא געשטאלט זאל עפּעס רעדען. ווען ער האט אבער געזעהן, אז זיין נייער גאסט שווייגט, האט ער געפרעגט אויף אונגאריש:

— וואס ווילט איהר פון מיר?

דער נייער גאסט האט געשוויעגען. ער האט ניט פערשטאנען קיין אונגאריש ארטהור האט ווידערהאלט דיעזעלבע פראגע אויף פראנצויזיש.

— איך וויל וואכען איבער אייך, מיין הערר, האט געענטפערט דיא פערהילטע געשטאלט אין א ריינעם, שעהנעם פראנצויזיש.

— ווער זייט איהר? האט ארטהור ווייטער געפרעגט.

— דעם אנא'ס א דיענער.

— האט ער דיך געשיקט אהער?

— ניין, איך בין אליין געקומען.

ארטהור איז געווארען אויפמערקזאם. דיא שטימע, דער טאָן, דיא געשטאלט און דאס בענעהמען פון זיין נייעם בעזוכער איז איהם פארגעקומען זאָנדערבאר. דיא פערהילטע געשטאלט האט גערעדט צו איהם מילד, וויך, הערצליך אונד פריינדליך.

— צו וואס ביסט דוא דען געקומען צו מיר? האט ארטהור געפרעגט.

— איך וויל דיך בעוואכען.

— זיינען דען דיעזע דיקע ווענט ניט גענוג זיכער?

— זיי זיינען שוין זיכער גענוג, דערפאר בין איך געקומען.

— דאס פערשטעה איך ניט. רעד מיט מיר דייטליכער.

— זייט איהר א געפאנגענער? האט פּלוצלונג דיא געשטאלט געפרעגט.

— דוא זעהסט דאך, וואס פרעגסט דוא?

— איז דיין פרוי אויך געפאנגען?

— ליידער, איז עס אזוי, האט ארטהור געענטפערט טרויעריג.

— וואס האט אייך געזאגט דער אנא?

— ווען דוא ביסט דעם אנא'ס א דיענער, דארפסט דוא ד'אך וויסען, וואס דער אנא וויל טאהן מיט מיר.

— איך וויים אלעס, דערפאר בין איך געקומען.

— ביסט דוא אויך געקומען לאכען פון מיר? ווילסט דוא אויך פערשפאטען אן אונגליקליכען?

— ניין, מיין הערר! איך בעדויער אייך.

— וואס ווערט פון בעדויערן? האט ארטהיר געפרעגט. ווען איינער טרינקט זיך, העלפט איהם זעהר ווייניג, וואס מענשען שטעהן אויפ'ן ברעג און בעדויערן איהם.

— ווער זאגט אייך דען, אז איך וויל אייך ניט העלפען?

— וואס קענט איהר מיר דען העלפען? איך האב שוין פערלארען יעדע האפנונג.

— זא לאנג עס שלאגט נאך איין אדער אין אונזער קערפער, דארפען מיר ניט פערליערן דיא האפנונג. זא לאנג מיר לעבען, מוזען מיר האפען.

ארטהור האט געווארפען אויף זיין גאסט א פארשענדען בליק.

— וואס מיינט איהר דערמיט? האט ער אויסגערופען.

— איך מיין, אז עס איז ניט אונמעגליך, איהר זאלט זיך רעטען.

— וואס רעדט איהר? ווער קען מיך דען רעטען?

— איך, האט דיא געשטאלט געענטפערט.

— אך! האט ארטהור געזיפצט, היינטיגע צייטען געשעהן קיין וואונדער. מיר לעבען אין א צייט פון איינפאכע, ניעדעריגע, געמיינע, טרוקענע, קליינליכע אינטערעד סען. „נא דיר א גראשען און גיב מיר א ביינעל", ריכטיגער געזאגט: איך וויל ביי דיר אויסנארען דעם ביינעל און דיר ניט געבען דעם גראשען," איז דער פונדאמענט, אויף וועלכען דיא היינטיגע וועלט איז געבוים. — וויא קען איך עס גלויבען, אז איהר ווילט מיך רעטען? צו וואס זאלט איהר עס טאהן? צו וואס זאלט איהר ריזיקירען אייער לעבען אום צו רעטען אן אונגליקליכען, וועלכען איהר קענט ניט און ווייסט ניט? וואס פאר א ביינעל קען איך אייך אנבעטען פאר אזא געפעהרליכען גראשען? איהר קענט פערליערן אייער קאפ, ווען איהר רעטעט מיך.

— ווער זאגט אייך דען, אז איך וויל אייך רעטען אוים מיטלייד? האט דיא געשטאלט געענטפערט. — אייער מיינונג, ריכטיגער געזאגט, אייער בעהויפטונג, אז אלעס, וואס דיא איצטיגע מענשען טהוען, האט נור איין איינציגע אורזאכע: א גראשען און א ביינעל, איז אויך ניט ריכטיג. אין מענשליכען לעבען זיינען דא נאך פיעלע אנדערע שפריננפעדערן (ספרונגפעדערן) אויסער א גראשען און א ביינעל, וועלכע צווינגען איהם עפעס צו טאהן. — ווען איך וויל אייך רעטען, טהו איך עס ניט פאר א גראשען און ניט פאר א ביינעל. איך האב אנדערע אורזאכען דערצו.

— איהר ריזיקירט דאך אבער מיט אייער לעבען?

— איך וויל אנטלויפען מיט אייך.

— וואס רעדט איהר? איז דאס מעגליך? האט ארטהור אויסגערופען פול פרייד.

• אלעס איז מעגליך.

• ווילט איהר אויך רעטען מיין געליעבטע?

— איך קען עס אייך ניט פערשפרעכען.

— דאן איז אייער מיה אומזיסט! האט ארטהור אויסגערופען. איך בין נאך ניט געפאלען אזוי ניעדעריג, איך זאל איבערלאזען מיין געליעבטע עלווירא ביי דיעזען ווילדע, אונמענשליכען טערק און זאל אליין אנטלויפען. ווען איהר קענט זיא ניט רעטען, וועל איך ליעבער בלייבען דא און שטארבען מיט איהר צוזאמען.

דיא פערהילטע געשטאלט האט געטראכט איינינע מינוט דאן האט זיא געזאגט:

— עס קען זיין, אז איך וועל אייער געליעבטע אויך רעטען.

— קען עס זיין? איז עס מעגליך? האט ארטהור אויסגערופען און האט געוואלט אנהאפען דיא הענד פון זיין נייען, אונבעקאנטען פריינד.

דיא געשטאלט אבער האט איהם ניט געגעבען איהרע הענד.

— עס קען קאסטען א מענשען לעבען, האט זיא געזאגט, איינע וועט מוזען שטארבען. זיא האט עס אבער שוין לאנג פערדיענט. זיא איז שלעכט, ניעדעריג, געמיין און בלוטדורשטיג. זיא מוז שטארבען.

— איך פערשטעה אייך ניט און וויל מיך ניט מישען אין אייערע געהיימניסע.

דער פרעמדער האט זיך געמאכט אז ער הערט ניט וואס ארטהור זאגט.

— עס איז זעהר טרויעריג, ווען מען מוז טייטען א מענשען, האט ער ווייטער געזאגט צו זיך אליין, נאך טרויעריגער איז עס, ווען דיעזער מענש איז א פרוי. עס קען אבער אנדערש ניט זיין. ווען מיר טרעפען א גיפטיגע שלאנג אויף אונזער וועג, פרעגען מיר ניט, אויב עס איז אן ער אדער א זיא. מיר מוזען זיא צוטרעטען מיט דיא פיס, זיא זאל מעהר קיינעם ניט שאדען.

— ווער זייט איהר דען? האט פלוצלונג ארטהור געפרעגט.

— וואס איז אייך דער אונטערשיעד?

— איהר זייט קיין טערק. איהר רעדט זעהר גוט פראנצויזיש, האט ארטהור געזאגט.

— דאס איז נאך קיין בעוויז. דער אגא רעדט אויך זעהר גוט פראנצויזיש.

— ער רעדט פראנצויזיש, וויא א פאפוגיי. מען האט עס איהם אויסגעלערנט, האט ארטהור בעמערקט. אין זיין שפראכע איז ניטא קיין לעבען, קיין זינן. איהר רעדט אן אנדער סארט פראנצויזיש. אין אייער שפראכע ליעגט א געדאנקען; אייערע ווערטער האבען אין זיך גייסט, לעבען און זינן.

— איך בין קיין טערק.

— זייט איהר פיעלייכט א קריסט?

— איך בין א קריסט, האט דיא געשטאלט געענטפערט.

— פאר וואס האט איהר עס מיר פריהער ניט געזאגט? האט ארטהור אויס-גערופען מיט א פארוואורף.

— וואס איז אייך דען דער אונטערשיעד, ווער איך בין, האט דער אונבעקאנ-טער געענטפערט, מאכט דען דער גלויבען דעם מענשען? איז דען דער מענש בעסער

אדער ערגער, וויל ער גלויבט אזוי אדער אזוי? ווען דער מענש איז גוט און עדעל, מאכט איהם דער גלויבען נאך בעסער און נאך עדעלער; איז דער מענש אבער שלעכט און פערדארבען, בענוצט ער דעם גלויבען אלס ווערקצייג אויסצופיהרען זיינע ניעדער־טרעכטיגע טהאטען.

— איך וויים, איך וויים עס, האט ארטהור גענטפערט. דער מענש איז שוין אבער אזוי. ווען ער קומט אין א פרעמדער שטאדט, זוכט ער באלד זיינע לאנדסלייט, צווישען זיינע לאנדסלייט קלייבט ער אוים דיא, וועלכע געהערן מיט איהם צו איין פארטיי און האבען דיא זעלבע מיינונגען און דיא זעלבע געדאנקען וואס ער האט. דער מענש פיהלט עפעס מעהר צוטרויען צו א מענשען, וועלכער געהערט מיט איהם צו איין רעליגיאן אדער צו איין פארטיי. עס איז נאטירליך און מענשליך, אז א קריסט זאל האבען מעהר צוטרויען צו א קריסט אלס צו א טערק. דארום האב איך אייך געפרעגט, וואס איהר זייט.

— איך בין א קריסט גלייך מיט אייך, האט דער אונבעקאנטער געענטפערט.

— דאן קען איך אייך גלויבען, דאן קען נאך אין מיר זיך אויפוועקען דיא האפ־נונג געדעטעט צו ווערן פון דיזעס געפענגניס, האט ארטהור געזאגט. איך וויים, אז א לאנדסמאן און נאך פון דעמזעלבען גלויבען וועט האבען מיטלייד מיט זיין לאנדסמאן און וועט זיך אויסזעצען א געפאהר איהם צו רעטען.

— איך האב אייך ניט געזאגט פאר געוויס, אז איך וועל אייך רעטען, האט דער פרעמדער געזאגט. איך וועל מיר געבען אלע מעגליכע מיה עס צו טאהן. אייער רעטונג העננט אפ פון א געוויסער בעדינגונג.

— וואס פאר א בעדינגונג? האט ארטהור געפרעגט.

— ווט דער ווילדער אגא הייסען אייך טויטען נאך היינט ביי נאכט, איז אלעס פערלארען. איך קען דאמאלס גאר ניט העלפען. וועט ער עס אבער אפלעגען אויף מארגען, וועל איך זעהן טאהן אלעס מעגליכע אום אייך צו רעטען.

— אבער מיין בראוט?

— ווען עס וועט נור זיין א מעגליכקייט אייך צו רעטען, וועט אייער בראוט אויך זיין געדעטעט.

— וואו געפינט זיך יעצט מיין ליעבע עלווירא?

— זיא געפינט זיך אין הארעם אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון א פרוי.

— איז דאס דיעזעלבע פרוי, פון וועלכער איהר האט פריהער גערעדט?

— עס איז דיעזעלבע.

— מוז מען דען זיא טויטען אום צו בעפרייען עלווירא'ן?

— אנדערש איז עס אונמעגליך. זיא מוז שמארבען.

— ווער איז דען דיעזע שרעקליכע פרוי?

— איך קען אייך יעצט ניט דערצעהלען אלעס, איך קען אייך נור זאגען, אז זיא איז דעם אגא'ס געליעבטע פרוי. זיא איז זעהר שלעכט; זיא פלאנט און מארטערט אלע איבעריגע פרויען פון הארעם. ווען זיא וועט דערזעהן, אז דער אגא איז פערליעבט אין אייער בראוט, וועט זיא טויטען אייער בראוט אוים אייפערזוכט. זיא האט עס

שוין געטאהן ניט איין מאל. זיא לאזט ניט לעבען א אינגערע און שעהנערען פון איהר, זיא איז דער בייזער גייסט פון'ם אגא און פון'ם גאנצען שלאָס. ניט איין מענש איז שוין געשטארבען דורך איהר.

ארטהור האט זיך אביסעל בערוהיגט.

— אזא שלאנג איז ווערטה, אז מען זאל איהר צוטרעטען דעם קאפ, האט ער געזאגט.

— זיא וועט שטארבען.

— וויא וועט איהר אבער צוקומען צו איהר? האט ארטהור געפרעגט. איך האב געהערט, אז ביי דיא רייכע טערקען ווערט דער הארעם זעהר שטרענג בעוואכט. דיא וואכען האבען דאס רעכט צו טויטען יעדען, ווער עס קומט נור צו נאָהענט צו דיא מויערן פון הארעם.

— איך וועל שוין וויסען, וויא אזוי צו צוקומען צו איהר, האט דער פרעמדער געענטפערט. איך וועל שוין וויסען, וואו זיא צו געפינען. איך בין זיכער, אז אין דיעזע מינוט געפינט זיך דיעזע שלעכטע פרוי אין צימער פון אייער בראוט. — מיר האבען אבער שוין גענוג גערעדט. איך מוז יעצט אוועקגעהן. בלייבט רוהיג, שרייט ניט, ליארמט ניט און רעדט ניט מיט קיינעם. עס שטעהט א שטרענגע וואך פאר אייער טהיר. איהר קענט פון דאנען ניט אנטלויפען.

מיט דיעזע ווערטער איז דיא געשטאלט פערשוואונדען געווארען.

17טער קאפיטעל.

דער עשאפאט.

מיר האבען שוין דערצעהלט, אז א שווארצער דיענער מיט א בלויזען שווערד אין דער האנד האט אוועקגעפיהרט עלוויראן פון'ם אגא'ס צימער. ער האט זיא געפיהרט דורך פינסטערע קארידאָרן, ביז ער האט זיא אריינגעפיהרט אין א גרויסען שעהנעם גאָרטען, א וואהרען פאראדיז (גן עדן). דיא שעהנסטע און טהייערסטע בלומען האבען פערברייטעט אזא שטארקען גערוך, אז מען איז פערטויבט געווארען. אין ערטער האבען פאָנטאנען געשפריצט זייערע וואסערן אין דער הויך און האבען אפגעקיהלט דיא הייסע לופט. דיא וועגעלעך אין גאָרטען זיינען געווען בעשאָטען מיט געלע זאמד. אין ערטער זיינען געווען קיאסקען (ביעסעדקעס) פון בלומען און גרינע בלעטער.

אין אנאנדער צייט וואלט עלווירא בעוואונדערט דיעזען שעהנעם, זעלטענעם גאָרטען, היינט אבער איז איהר קיין זאך ניט געלעגען אין זינען. מען האט איהר אויך ניט געלאזען לאנג בעטראכטען דעם שעהנעם גאָרטען. דער שווארצער דיענער האט געעפענט א טהיר, האט איהר געהייסען אריינגעהן און האט פערשלאסען דיא טהיר הינטער איהר.

אין דרויסען איז נאך געווען אזוי פיעל ליכטיג, אז זיא האט געקענט זעהן, וואס עס טהוט זיך אין צימער. ארום דיא וועגד זיינען געשטאנען ברייטע דיוואנעס בעדעקט מיט טהייערע, ווייכע, סאמעטענע קישענס. אין דער מיט שטוב איז געשטאנען א

ניעדעריגער טיש מיט אלערליי שפייזען. לעבען טיש איז געשטאנען א טהייערע נאר־גילעה. אין דער טירקיי רויכען דיא פרויען גלייך מיט דיא מענער.

שטוהלען זיינען אין צימער ניט געווען. דער טערק וויל ניט וויסען פון דיעזע ארטיקעל, וועלכע דיא געבילדעטע אייראפעער האבען אויסגעפונען. ביים ארימען, וויא ביים רייכען געפינען זיך אין זיין צימער נור דיוואנעס, ברייטע בענק בעדעקט מיט טע־פיכע (קארפעט). דאס איז דאס איינציגע מעבעל, וועלכעס דער טערק דארף.

עלווירא האט זיך אומגעקוקט. זיא איז אליין. אלעס, וואס זיא האט איבער־געלעבט היינטיגען טאג; אלעס, וואס זיא האט איבערגעליטען זייט איניגע צייט, האט זיך יעצט אנגעזאמעלט אין איהר ברוסט. זיא איז געפאלען אויף א דיוואן און האט אנגעהויבען צו וויינען.

וויא לאנג זיא איז אזוי געלעגען און געוויינט, האט זיא ניט געקענט וויסען, עס איז געווארען פינסטער אין דרויסען. דיא נאכט האט פערדעקט אלעס. עלווירא איז געלעגען אויף איהר דיוואן און האט געגאסען מיט טרערען. זיא האט זעהר גוט גע־וואוסט, וואס פאר א שיקזאל עס ערווארטעט זיא און איהר געליעבטען ארטהור.

פלוצלונג האט זיך דיא טהיר פון איהר צימער געעפענט. א שווארצער דיענער איז אריינגעקומען און האט אניעדערגעשטעלט אויפ'ן טישעלע א לאמפ. דאן איז ער פערשוואונדען געווארען.

עלווירא האט זיך אונטערדעסען עטוואס בערוהיגט. דאס איז שוין דיא גרויסע קראפט פון טרערען. זא לאנג זיי פרעסען אונז; זא לאנג זיי זאמלען זיך אן אין זייערע קוועלען, פיהלען מיר אונז זעהר שלעכט. ווען זיי רינען אבער אפ, פיהלען מיר זיך געשטארקט. אנשטאט דיא טרערין קומט דיא האפנונג אין אונזער הערץ.

עלווירא האט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צום פענסטער. זיא האט געהאפט, אז זיא וועט פיעלייכט עפעס זעהן, עפעס הערן, עפעס געוואהר ווערן. זיא האט נאך ניט אויפגעגעבען דיא האפנונג זיך צו רעטען.

פלוצלונג האט זיך געעפענט דיא טהיר אין איהר צימער און דער אגא איז אריינגעקומען. עלווירא האט א ציטער געטאהן, ווען זיא האט איהם דערזעהן. דער טערק האט עס בעמערקט און האט געזאגט:

— בערוהיג דיך שעהנע דאמע און ענטפער מיר אויף מיינע פראגען.

עלווירא האט געשוויגען.

— קום צו מיר, שעהנע דאמע, איך וויל מיט דיר עפעס רעדען.

עלווירא האט זיך ניט גערירט פון ארט.

— הער מיך אויס, עלווירא! האט ענדליך דער טערק געזאגט.

— וואס פערלאנגסט דוא פון מיר?

— האסט דוא זיך שוין איבערלעגט? האט דער אגא געפרעגט.

— איך האב דיר שוין איין מאל געזאגט, וואס איך וועל טאהן. איך קען דיר קיינע אנדערע אנטווארט ניט געבען.

— אלזא ווילסט דוא, אז יענער מאן זאל שטארבען?

— צו גלייך מיט מיר, האט עלווירא געענטפערט קורץ און שארף.

דער אַנאַ האָט זיך פערטראַכט. מיר האָבען שוין דערצעהלט, אַז דער אַנאַ האָט אייגענטליך ניט געוואָלט טייטען ארטהור'ן. ער וואָלט געוועזען פיעל מעהר צופריעדען, ווען עלווירא זאָל געוועזען איינוויליגען צו ווערען זיין פרוי. און ארטהור זאָל זיך ערגעץ אוועקפאהרען. דער טערק איז ווילד, גרויזאַם און אונמענשליך, ווען ער איז בייז, ווען מען האָט אידם אויפגערעגט; זאָנסט איז דער טערק א שטילער און גוטער מענש.

דער אַנאַ האָט זעהר ניט געוואָלט טייטען דיא פרעמדע. ער איז צוגעגאַנגען נעהנטער צו עלווירא און האָט איהר געזאָגט מיט א שטילער, פריינדליכער, מילדער שטימע.

— פאַר וואָס ווילסט דוא מיך ניט ליעבען, שעהנע דאַמע? איך ליעב דיך, וויא איך האָב נאָך ניט געליעבט קיינע פון מיינע פרויען. איך וויל זיין גוט און עדעל, דוא צווינגסט מיך צו זיין שלעכט און ווילד. איך וויל ניט טייטען ניט דיך, ניט יענעם, וועלכער רופט זיך באַראָן פאָן באַטהיאַני. ווען איך וועל עס טאָהן, וועט אויף דיין קאָפּ פאַלען דיא שולד. דוא וועסט זיך מוזען פעראַנטוואָרטען פאַר גאָט דערפאַר. — איך בעט דיך נאָך א מאָל, איבערלעג זיך, בעדענק וואָס דוא טהוסט יעצט. דוא פערשפּיעלסט דאָס לעבען פון דיין געליעבטען און דיין אייגענעם גליק. דוא קענסט זיין דיא גליקליכסטע פרוי אויף דער וועלט. איין וואָרט פון דיר און דוא מיט דיין געליעבטען זיינען גערעטעט.

ער האָט אויף איהר געוואָרפען א ביטענדען בליק און האָט געוואַרט אויף אן אַנטוואָרט.

עלווירא האָט געשוויגען.

— דוא שווייגסט, עלווירא? האָט דער אַנאַ געפרעגט, דוא ווילסט מיר זאָגאַר ניט אַנטוואָרטען?

— וואָס זאָל איך דיר אַנטוואָרטען, אַנאַ? איך ווייס ניט, וואָס ביי אייערע פרויען הייסט ליעבע, ביי אונז הייסט ליעבע — לעבען. אָהן ליעבע קענען מיר ניט לעבען. נעהם צו ביי מיר מיין ליעבע, מיין ארטהור און איך בין א טויטע. דוא פאַרדערבסט פון מיר ליעבע. איז דען ליעבע א וואַארע, וועלכע מען קען קויפען, טוישען, וועקסלען און פערהאַנדלען? קען מען דען קויפען דיא ליעבע, ווען מען זאָל געבען פאַר איהר בערג מיט גאָלד? דוא זאָגסט, אַז דוא וועסט מיך גליקליך מאַכען. וואָס פאַר א גליק קענסט דוא מיר געבען, ווען ניט די ליעבע? מיין ליעבע איז מיין גליק; מיין ליעבע איז מיין לעבען. אָהן מיין ליעבע, אָהן מיין ארטהור איז ניטאָ פאַר מיר קיין גליק און קיין לעבען. — דאָס איז מיין אַנטוואָרט. גיב מיר מיין ארטהור און איך בין גליקליך.

— ווען דיין ליעבע צו איהם איז אַזוי שטאַרק, דאַרפסט דוא דאָך וועלען איהם רעטען, האָט דער אַנאַ בעמערקט פינסטער. ווען דוא ווילסט איהם ניט רעטען, איז עס א בעוויז, אַז דוא ליעבסט איהם ניט.

— טייטע מיך, וועסט דוא זעהן, וויא איך ליעב מיין ארטהור'ן! האָט עלווירא אויסגערופען.

— דאס איז קיין ליעבע, עלווירא! דאס איז שטאלץ! דאס איז הארטנעקיג־קייט (עקשנות). איהר רופט עס ליעבע, ווייל איהר, אייראפּעער, פערשטעהט ניט, וואס ליעבע איז. ביי אייך הייראטעט מען פאר געלד, ביי אייך הייראטעט מען אויס שטאָלץ. אויס פאמיליען שטאלץ (יחוס) אדער אויס אנדערע אורזאכען. איהר ווייסט גאר ניט, וואס ליעבע איז. איז דען אמאל פארגעקומען ביי אייך, אז א פירסט זאל הייראטהען א דיענסטמעדכען, א קעניג — א ניעדעריגע שקלאַפין? — ניין! דאס קען ביי אייך ניט פארקומען, וויל איהר ווייסט ניט, וואס ליעבע איז. ביי אונז קומט עס פאר זעהר אָפט. דער גרויסער און מעכטיגער סולטאן האט פינף פרויען, וועלכע זיינען געוועזן זיינע שקלאַפינען און ער האט זיי געהייראטהעט. דאס הייסט ליעבע. מיר פערשטעהן, וואס ליעבע איז. איהר אבער ווייסט נור פון געלד, שטאָלץ, אמביציאָן און אנדערע ליידענשאַפטען, נור ניט ליעבע.

עלווירא האט אויפגעהויבען דיא הענט צום הימעל און האט אויסגערופען:

— גרויסער גאט! זיי דוא דער ריכטער צווישען מיר און איהם! — איהר רעדט אומזיסט, אגא! עס וועט גאר ניט העלפען, איך האס אייך! איך פעראַכטע אייך! הערט אויף צו רעדען צו מיר פון ליעבע. איך וויל עס ניט הערן. ווען איהר ווילט מיך טייטען — טייטעט מיך! מארטערט מיר אבער ניט מיט אייערע ליעבעס ער־קלערונגען. איך קען זיי ניט הערן. איך קען זיי ניט ליידען.

דער אַגאַ איז געווארען רויט, וויא פייער. זיינע אויגען האבען זיך צוברענט, וויא דיא אויגען פון א הונגעריגען וואָלף. עלווירא איז געוועזן שעהן, געטליך שעהן אין דיעזע מינוט, זאָגאר איהר בלייכקייט האט איהר געפּאסט.

— גוט, גוט! האט ער געזאגט מיט א קאלטער, שניידענדער שטימע. דוא ווילסט עס אזוי. דוא וועסט האבען, וואס דוא פערלאנגסט. איך וועל באלד הייסען אויפשטעלען אן עשאפאט. דוא וועסט זעהן, וויא מען וועט ארויפפיהרען דיין געליעב־טען אויפ'ן עשאַפאָט און מען וועט איהם אפּהאקען דעם קאָפּ. דאן וועל איך זעהן, וואס איך זאל טאהן מיט דיר.

עלווירא האט א ציטער געטאהן. זיא האט פערשטאנען פון דעם אגא'ס מינע, אז ער וועט טאהן, וויא ער האט געזאגט. עס האט איהר פערקלעמט ביים הערצען ביי דעם געדאנק, אז איהר הייס געליעבטער ארטהור וועט שטארבען פאר איהרע אויגען, וויא וועט זיא עס קענען זעהן, וויא מען וועט איהם טויטען?

איינינע מינוטען האט זיא שרעקליך געקעמפּפט מיט זיך אליין. דיא טרערין האבען זיא געוואָרגען או: זיא האט געמוזט זיך אנשטרענגען און ניט וויינען. זיא האט ניט געוואלט ווייזען דעם טערק, אז זיא האט זיך דערשראָקען, אז זיא וויינט.

ענדליך, ווען זיא האט זיך אביסעל בערוהיגט, האט זיא געזאגט צום אגא:

— ווילסט דוא מיר ערלויבען א ביטע?

דער אגא האט זיך אומגעקוקט און האט געפרעגט:

— וואס פערלאנגסט דוא?

— טויטע מיך פריהער און דערנאך ארטהורן.

— ווער מיין פרוי, וועט איהרביידע לעבען, האט דער אגא געענטפערט.

— דוא ווייסט מיין ענטשלוס. איך קען ניט און וועל ניט ווערן דיין פרוי.

— דאן בלייבט עס, וויא איך האב געזאגט. איך הייס באלד אויסבויען א שאפאט. ווען ער וועט פערטיג זיין, וועט מען אייך ביידען ארויפפיהרען אויף איהם. צו ערשט וועט מען איהם אפהאקען דעם קאפ. דאן ווען דוא וועסט עס פערלאנגען, וועט מען דיר טאהן דאס זעלבע. — דאס איז מיין לעצטעס ווארט.

מיט דיעזע ווערטער איז ער ארויסגעגאנגען פון צימער.

עלווירא איז געפאלען אויפ'ן דיוואן, וויא א קלאָץ און האט אנגעהויבען צו וויינען.

עס איז פערגאנגען א גערוימע צייט און עלווירא האט ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט איהר. זיא האט ניט געהערט, וויא א שווארצער דיענער איז אריינגעגאנגען און האט צוגענומען דאס לעמפעלע פון טיש; זיא האט ניט געהערט, וואס עס טהוט זיך אין דרויסען; וויא מען זעגט דארט, האמערט, קלאפט און שטעלט עפּעס צוזאמען. — זיא האט געבראכען דיא הענד און האט געוויינט.

פלוצלונג האט זיא דערהערט, וויא מען רייסט דיא טהיר פון איהר צימער. זיא האט אייפגעהויבען דעם קאפ און האט זיך אומגעקוקט. — אין צימער איז געווען פינסטער. פלוצלונג האט זיך דיא טהיר געעפענט און א הויכע פערשלייערטע פרויען געשטאלט מיט א ליכט אין דער האנד איז אריינגעקומען אין צימער.

עלווירא איז געווארען אויפמערקזאם. ביז אהער האבען גערעדט מיט איהר נור מענער. יעצט זעהט זיא פאר זיך א פרוי. צו א פרוי קען א פרוי האבען מעהר צוטרויען, וויא צו א מאן. א פרוי קען רעדען פרייער און אפענהערציגער צו א פרוי, וויא צו א מאן.

דיא שלעכטע פרוי האט אניעדערגעשטעלט דיא ליכט אויפ'ן טיש, האט פערווארפען איהר לאנגען ווייסען שלייער אויף דיא פלייצעס און האט געזאגט אויף אונגאריש:

— גוטען אבענד, פרעמדע!

עלווירא האט זיך צוגעקוקט צו דיעזער געשטאלט. דאס איז געווען א הויכע און שעהנע פרוי, אבער פון דיעזער ווילדער אזיאטישער שעהנהייט, פון וועלכער מיר האבען קיין בעגריף. דאס איז געווען א דיקע, קיילעכדיגע פרוי מיט א שעהנעם געזיכט און א קלארען, שנעע־ווייסען לייב. איהר געשטאלט, איהרע קליידער און איהר בענעהמען האבען געוויעזען, אז דאס איז ווירקליך א שעהנע זיא, שעהנעס, גלאטעס, אפגעפרעסענעם פלייש. דאס איז געווען א וואהרע טערקישע שעהנהייט.

אין דיא ציוויליזירטע לענדער האבען דיא מענשען אנאנדער בעגריף פון שעהנהייט. ביי אונז הייסט שעהן אן עדעלעס געזיכט, קלוגע אויגען, שעהנע ליפּען, אויף וועלכע עס קייזעלט זיך א קלוגער שמייכעל, בעזאָנדערס אבער א שעהנעס בענעהמען.

א פאריזער דאמע איז שטענדיג שעהן. איהר געזיכט מעג זיין העסליך, איהר לייב מעג זיין העסליך, זיא איז דאך שעהן. זיא ווייס, וויא אזוי זיך אנצוטאהן; זיא ווייס, וויא אזוי צו רעדען און וואס צו רעדען מיט א מענשען; זיא ווייס, וויא אזוי זיך צו האלטען. — קורץ, זיא ווייס וויא צו זיין שעהן.

א טערקישע דאמע ווייס, אז שעהן זיין הייסט זיין דיק און האבען א ווייסען

קלאָרען ליב. דאס איז דיא טערקישע שעהנהייט. דער טערק פערלאנגט פון דער פרוי נור, זיא זאל זיין א שעהנע ז י א. ער דארף אויך קיין פרוי, ער דארף נור א ז י א.

דיא פרעמדע האט איינינע מינוט געקוקט אויף עלווירא. עס איז געווען דייטליך, אז זיא בעטראכט עלוויראן פון קאפ ביז אין דיא פיס, וויא א פערד הענדלער בעטראכט א פערד. עלווירא האט זיך צוואר געפיהלט זעהר בעליידיגט פון אזא בעטראכטען, זיא האט אבער גאר ניט געקענט העלפען.

— דוא ביסט שעהן, פרעמדע! האט ענדליך דיא טערקישע פרוי געזאגט צו עלוויראן. עס איז וואהר, אז דוא ביסט שעהן. דיין מיה איז אבער אומזיסט. עס וועט דיר ניט געלינגען אפצורעדען פון מיר מיין מאן. ער ליעבט מיך און וועט מיך ליעבען.

— וואס רעדסט דוא, פרוי? האט עלווירא אויסגערופען מיט פערדרוס, איך האב קיין מאל ניט געזוכט אפצורעדען דיין מאן און וועל עס קיין מאל ניט טאהן.

— אלזא, דוא ליעבסט איהם ניט? האט דיא טערקישע פרוי געפרעגט.

— איך האס איהם! איך פעראכטע איהם! האט עלווירא געשריען אויסער זיך. איך בעדויערע דיך!

— וואס רעדסט דוא? פאר וואס בעדויערסט דוא מיך?

— פאר וואס דוא האסט אזא מאן.

— איך בין גליקליך, וואס איך האב אזא מאן! האט דיא טערקישע פרוי אויסגערופען.

— קען מען זיין גליקליך מיט א מאן, ביי וועמען א מענשען לעבען האט וועניגער ווערטה, וויא דאס לעבען פון א הוהן? קען מען לעבען גליקליך מיט א מאן, וועלכער איז בערייט יעדע מינוט צו טויטען דיא פרוי, וועלכע ער ליעבט? קען מען ליעבען א מאן, וועלכער וויל צווינגען א פרעמדע פרוי, זיא זאל איהם ליעבען, וויא דער אגא וויל מיך צווינגען, איך זאל איהם ליעבען?

דיא טערקישע פרוי האט זיך פערטראכט. איהר האט מען דערצעהלט א גאנץ אנדערע געשיכטע, וויא עלווירא קומט אהער. איהר האט מען דערצעהלט, אז עלווירא האט גאר געזוכט צו פערפיהרען דעם אגא.

עלווירא האט עס אבער ניט געוואוסט; ווען זיא האט געזעהן, אז דיא טערקישע פרוי שווייגט, האט זיא איהר געפרעגט:

— וואס פערלאנגסט דוא פון מיר?

— איך וויל דיר זאגען, אז איך האס דיך, ווייל מיין מאן ליעבט דיך. איך וועל קיין מאל ניט פערצייהען דער פרוי, וועלכע מיין מאן ליעבט. דוא מוזט שטארבען.

— דאס ווייס איך שוי.

— דוא ווייסט עס ניט, האט דיא טערקישע פרוי געזאגט מיט צארן, מען האט דיך געוואלט איבערשרעקען; מען האט דיר נור געזאגט, אז דוא וועסט שטארבען, וויל מען האט גערעכענט, אז דוא וועסט זיך דערשרעקען פארן טויט און וועסט טאהן אלעס. וואס דער אגא וועט פון דיר פערלאנגען. מען וויל נור טויטען דיין געליעבטען, דיך אבער וועט מען לאזען לעבען. דער אגא וויל אזוי. איך וועל עס אבער גיט

דערלאזען. איך וועל דיך טויטען. לאז נור דער אנא דיך אנריהרען און דוא ביסט א טויטע.

— בערוהיג דיך, פרוי! האט עלווירא אויסגערופען, דוא שרעקסט מיך איבער אומזיסט. ניט דיר, ניט דעם אנא דיין מאן וועט עס ניט געלינגען מיך איינצושרעקען און מיך צו צווינגען, איך זאל טאהן דאס, וואס איך וויל ניט און קען ניט טאהן. עס וועט איהם גאר ניט העלפען. איך האס איהם און פעראכטע איהם.

— דוא קענסט איהם נאך ניט, האט דיא טערקישע פרוי בעמערקט, דוא וועסט איהם מיט דער צייט קענען און וועסט אנהויבען איהם צו ליעבען.

עלווירא האט זיא אנגעקוקט מיט שטוינען.

— ניין! קיין מאל ניט! האט זיא אויסגערופען, איך ליעב נור איינעם און איהם וויל איך געהערן. איך וועל דעם אנא קיין מאל ניט ליעבען.

— אלע האבען אזוי געזאגט און אם ענדע האבען זיי איהם דאך ליעב בעקומען.

— וואס מיינסט דוא דערמיט? איך פערשטעה דיך ניט.

— דוא ביסט ניט דיא ערשטע, וועלכע מיין מאן צווינגט, זיא זאל איהם ליעבען, האט דיא טערקישע פרוי אויסגערופען. דוא ביסט דיא פיערטע, וועלכע מיין מאן קריעגט אריין אין הארעם און צווינגט זיא, ביז זיא הייבט אן איהם צו ליעבען. איך דערלאז עס אבער ניט. דיא דרייא פאר דיר זיינען געשטארבען פון מיינע הענד. דוא וועסט אויך שטארבען פון מיינע הענד. איך וויל ניט, אז מיין מאן זאל ליעבען אנאנדערע פרוי אויסער מיר.

עלווירא האט אויסגעגלאצט א פאר אויגען און האט בעטראכט דיעזע אנדערע פרוי. זיא האט ניט פערשטאנען, וואס זיא האט צו איהר גערעדט. זיא האט ניט געוואוסט, וואס אין א טערקישען הארעם קען פארקומען.

— דוא ביסט ווערטה צו זיין דיא פרוי פון דעם ווילדען אנא, האט זיא ענדליך געזאגט צו דער טערקין. איהר זייט ביידע ווילד, גרויזאם און אונמענשליך. טהוט מיט מיר, וואס איהר ווילט. מיר איז שוין אלץ איינס. וואס איז מיר דער אונטערשיעד, אויב דוא וועסט מיך טויטען אדער דיין ווילדער מאן וועט מיך טויטען? — עס איז מיר נור א וואונדער, פאר וואס האסט דוא יענע דרייא אונגליקליכע געטויטעט, פאר וואס האסט דוא זיי ניט געלאזען אנטלויפען? דוא ביסט דאך א פרוי און דארפסט דאך האבען א ווייכערעס הערץ אלס דיין מאן. וואס איז דיר ארויסגעקומען פון זייער טויט?

— פרעג ניט, דומע פרעמדע! האט דיא טערקין אויסגערופען. פרעג ניט, פאר וואס איך האב געטאהן אזוי? איך האב עס געמוזט טאהן. דער אנא וואלט זיי געווען נאכגעיאגט און וואלט זיי געווען צוריק געבראכט אין הארעם. אלע האבען מורא פארן אנא. אין דער גאנצער געגענד, דרייסיג מייל ארום, ציטערט מען פארן אנא. זיי האבען געמוזט שטארבען און דוא וועסט אויך מוזען שטארבען. איך וויל ניט, אז מיין מאן זאל ליעב האבען אנאנדערע פרוי, אויסער מיר.

עלווירא האט מעהר ניט גערעדט מיט דיעזער ווילדער, אונמענשליכער פרוי. זיא האט געלאזען זיא זיצען אויפ'ן דיוואן און אליין איז זיא צוגעגאנגען צום פענסטער.

פיעלייכט וועט זיא קענען עפּעס זעהן אדער עפּעס הערן, וואס עס טהוט זיך אין דרויסען.

זיא האטווירקליך געהערט, וויא מען שלאגט, מען קלאפּט, מען זענט און מען האַמערט. עפּעס האט מען געבויט. מענשען האבען גערעדט אין דער הויף, געשריען, געלאפען און עפּעס געשלעפּט און צונעבראכט.

עלווירא האט ניט פערשטאַנען א ווארט פון אלעמען, וואס מען האט גערעדט. דענאך האט זיא א ציטער געטאהן. דאס הערץ האט איהר געזאגט, אז דא קומט עפּעס פאר.

— ווייסט דוא, וואס מען בויט דאָרטען? האט פּלוצלונג דיא טערקישע פרוי געפרעגט.

עלווירא האט ניט געענטפערט.

— דוא שווייגסט? דוא ווילסט מיר ניט ענטפערן? — נון, וועל איך דיר זאגען, וואס מען מאכט דארט — מען בויט און עשאפאט פאר דיין געליעבטען.

— לאז מיך צורוה, אונגליקליכע! האט עלווירא אויסגערופען. איך פרעג דיך ניט און פערלאנג פון דיר קיינע ערקלערונגען.

— דוא פערגעסט, מיט וועמען דוא רעדסט, האט דיא טערקישע פרוי געזאגט, איך בין דאָ דיא הערין און דוא ביסט דיא געפאנגענע שקלאפין. דוא מוזט מיך הערן; דוא מוזט מיר אנטווארטען.

עלווירא האט געשוויגען. זיא האט מעהר ניט געוואלט רעדען מיט דיעזער שלעכטער פרוי. זיא האט זיך געשטעלט לעבען פענסטער און האט ארויסגעקוקט אין דיא פינסטערע נאכט. זיא האט גאר נישט געזעהן.

פּלוצלונג האט דיא טערקישע פרוי אנגעהויבען צו קלאפּען מיט דיא הענד. עס זיינען אריינגעקומען צוויא שווארצע דיענער. זיא האט זיי געזאגט עפּעס אויף טירקיש. דיא שווארצע האבען אנגענומען עלוויראַ'ן אונטער דיא הענד און האבען זיא ארויס־געפיהרט אין א פינסטערן קארידאָר. זיי האבען זיא ארומגעפיהרט אייניגע מינוטען אין דער פינסטער, דאן האבען זיי זיא אריינגעפיהרט אין א פינסטערן צימער.

קוים האט עלווירא צייט געהאט זיך אומצוקוקען, האט זיא דערזעהן, וויא אין הויף געהן ארום מענשען מיט פאקעלן און מיט ליכט ארום א בריקעל פון ברעטער.

— ווייסט דוא, וואס דאס איז? האט דיא טערקישע פרוי געפרעגט.

עלווירא האט א ציטער געטאהן און האט ניט געענטפערט. זיא האט ניט גע־וואוסט, אז איהר פיינדין איז איהר נאכגעגאנגען.

— דאס איז דער עשאפאט, אויף וועלכען מען וועט טויטען דיין געליעבטען, האט דיא טערקין ערקלערט.

— צו וואס מארטערסט דוא מיך? האט עלווירא אויסגערופען טרויעריג. וואס האסט דוא צו מיר? וואס האב איך דיר דען געטאהן?

— דוא האסט ביי מיר אוועקגערויבט דיא ליעבע פון מיין מאן, האט דיא סולטאַנין געענטפערט. זייט ער האט דיך דערזעהן, ליעבט ער מיך ניט מעהר.

— איך בין דאך אבער ניט שולדיג, איך ליעב דאָך דיין מאן ניט.

— ווער עס רויבט ביי מיר אוועק מיין מאנ'ס ליעבע, דער איז שולדיג.

עלווירא איז געשטאנען. וויא אויף גליהענדע קוילען. פון איין זייט האט זיא געזעהן פאר זיך דעם עשאפאט, וועלכען מען האט געבויט פאר איהר געליעבטען און פון דער אנדערער זייט איז געזעסען דיא שלאנג און האט זיא געמארטערט און נע־פלאגט מיט איהרע רעד.

וואס האט זיא געקענט מאכען?

18טער קאפיטעל.

דיא לעצטע מינוטען.

ארטהור איז געזעסען אין דער פינסטער. אין זיין ברוסט האט זיך אריינגע־גנבעט א שטראהל פון האפנונג. פיעלייכט וועט דיא פערהילטע געשטאלט איהם דאך העלפען.

דאס לעבען איז דאך אזוי זיס, דיא וועלט אזוי שעהן און דיא זון לייכטעט אזוי העל, אז עס ווילט זיך ניט אזוי לייכט שיידען פון איהר.

עס איז אבער פערגאנגען א גרויסע צייט, איידער דיא פערהילטע געשטאלט איז צוריק געקומען.

— נון, וואס פאר א נאכריכט ברענגסט דוא מיר? האט ארטהור געפרעגט.

— פרעגט מיך גאר ניט, עס שטעהט זעהר טרויעריג, האט דער אונבעקאנטער געענטפערט.

— אלזא, איז גאר קיין האפנונג שוין ניטא?

— וואס זאל איך אייך פיעל דערצעהלען? דער אנא האט בעשלאסען אייך צו טויטען אין דרייא שטונדען ארום.

— איך האב עס פריהער געוואוסט, האט ארטהור געזיפצט, פאר מיר איז ניטא קיין הילף און קיינע רעטונג. מיין שיקזאל איז שוין אזוי. איך מוז שטארבען מיט אן אונגאטירליכען טויט.

קוים האט ער אויסגערעדט דיעזע ווערטער, האט ער געהערט עטליכע מענשען שטימען אין הויף. מען האט גערעדט אין דער הויף און מען האט געשלעפט עפעס שווערע זאכען. דיא פערהילטע געשטאלט איז צוגעקומען צום פענסטער און האט א קוק געטאהן. וואס עס טהוט זיך אין הויף. ער איז אפגעשפרונגען פון פענסטער און האט אויסגערופען:

— גרויסער גאט אין הימעל!

— וואס האט איהר זיך אזוי דערשראקען? האט ארטהור געפרעגט.

— אזוי גיך? האט דער פרעמדער געפרעגט וויא זיך אליין.

— וואס איז דארט? לאזט מיך צו צום פענסטער!

— געהט ניט, האט איהם דער פרעמדער גע עטען.

— פאר וואס איז? וואס איז דען דארט? האט ארטהור אויסגערופען מיט פערצווייפלונג אין זיין שטימע.

ער האט געמיינט, אז מען האט געפיהרט עלוויראַ'ן און האט זיך שטארק גע־ריסען צום פענסטער.

— זי בויען שוין דעם עשאפאט פון אייערטוועגען, האט דער אונבעקאנטער געענטפערט.

— לאזען זיי טאהן, וואס זיי ווילען! האט ארטהור געענטפערט רוהיג. דאס איז שוין מיין שיקזאל.

ער איז צוריק געפאלען אויף דיא הארטע באנק, לעבען וועלכער ער איז גע־שטאנען.

אין דרויסען האט מען געקלאפט, געהאמערט, געזעגט און געהאקט. ארטהור האט זיך מעהר ניט געריהרט און האט זיך ניט צוגעהערט, וואס עס טהוט זיך אין דרויסען. דער אונבעקאנטער איז געזעסען ניט וויט פון איהם, פערטיעפט אין זיינע געדאנקען.

פלוצלונג האט מען אויפגעהערט צו האקען און צו קלאפען אין דרויסען. דער אונבעקאנטער איז אויפגעשפ־ונגען און האט זיך געשטעלט לעבען איינציגען, שמאלען פענסטעריל פון ארטהורס קעמעריל.

— מען האט אויפגעהערט צו קלאפען, האט ער געזאגט שטילערהייט, וואהר־שיינליך איז עס שוין פערטיג.

ארטהור איז צוגעקומען זעהן, וואס עס טהוט זיך אין הויף. ביז אהער איז ביי איהם אין קעמעריל געווען פינסטער, וויא אין א גראב; יעצט האט דער שיין פון דיא פאקעלן, וועלכע האבען געברענט אין הויף, זיך אפגעשפיגעלט אין זיין קעמעריל. דיא ווענד זיינען געווארען בלוט רויט.

— ארימע, אונגליקליכע עלוויראַ! האט ארטהור אויסגערופען, איך בין שולדיג אין דיינע ליידען! איך האב דיך פערפיהרט! דורך מיר וועסט דוא ליידען! — אך, וויא טרויעריג איז עס, ווען מען ווייס, אז אונזער טהייערסטעס, אונזער ליעבסטעס און אונזער בעסטעס מוז ליידען דורך אונז. דאס איז דיא העללע. דאס איז אונמעגליך איבער־צוטראגען!

ער איז צוריקגעפאלען אויף זיין דיוואן, האט פערדעקט זיין געזיכט מיט זיינע הענד און האט געוויינט.

עס זיינען פערגאנגען איינינע מינוט. פלוצלונג האט מען געהערט שווערע טריט צוקומען צום קעמעריל.

— זאלען זיי עס זיין? האט דער אונבעקאנטער געפרעגט, זאלען זיי שוין קומען נאך איהם? האט ער עס אזוי קיין צייט ניט?

ליידער, האט ער געטראפען. שטארקע הענד האבען אויפגעריסען דיא טהיר און דער אנא מיט זיין ליעטענאנט מוסטאפא זיינען אריינגעקומען. הינטער זיי זיינען געשטאנען עטליכע מענשען מיט ברענענדיגע שטיקער האלץ אין דער האנד.

— עס איז געקומען דיא לעצטע שטונדע פון דיין לעבען, האט דער אנא געזאגט אויף פראנצויזיש.

ארטהור האט געשוויגען. ער האט געוואוסט, אז געגען א ווילדען מענשען מח

מען זיין שטאלץ און מוטהיג. דיאווילדע אינדיאנער אין אמעריקא לערנען זיך פון קינדוויים אָן צו זיין שטאלץ און איבערצוטראגען שמערץ און ליידען. עס מאכט זיך צו מאל, אז אן אינדיאנער פאלט אריין צו זיינע פיינד. זיי פייניגען איהם, ברענען איהם, שטעכען איהם און שניידען פון איהם שטיקער און ער לאכט זיי אין געזיכט, זידעלט זיינע פייניגער און שפייט זיי אין פנים.

דיא גרעסטע שאנדע פאר א ווילדען איז צו וויינען פאר זיינע פיינד אדער פאר זיינע פייניגער. ווער עס וויינט, דער איז א פיינלינג (טרוס), זאגען זיי, נור א פרוי מעג וויינען. א מאן טאר קיין מאל ניט וויינען. זאנאו דיא ווילדעסטע מענשענפרעסער רעספעקטירען איינעם, וועלכער האט זיך ניט געבעטען ביי זיי און האט ניט געוויינט פאר זיי.

ארטהור האט זיך דאהער ענטשלאָסען צו שווייגען און גאר ניט צו ענטפערן דעם אנא.

— דוא שווייגסט, פרעמדער? האט דער אנא איבערגעפרעגט, איך האב דאך דיר געזאגט, אז דיין שטונדע איז געקומען?

— איך בין בערייט צו שטארבען, האט ארטהור געענטפערט פעסט ענטלאָסען.

— עס הארט דיך גאר ניט, וואס דיין געליעבטע וועט אזוי פיעל ליידען?

— עס הארט מיך ניט, ווייל איך וויים, אז זיא וועט זיך באלד פעראייניגען מיט מיר אין הימעל.

דער אנא האט געטראכט א פאר אויגענבליקע און האט געזאגט:

— דאן קום מיט מיר.

ער האט געגעבען א ווינק זיין דיענער און זיין ליעטענאנט מוסטאפא, זיי זאלען נעהמען דעם ארעסטאנט ביי דיא הענד.

— אוועק פון מיר! האט ארטהור אויסגערופען, איך דארף ניט, מען זאל מיך פיהרען! איך געה אליין.

ער איז צוגעקומען צום אנא און האט איהם געזאגט:

— קום, פיהר מיך צום טויט. איך וועל ניט אנטלויפען.

אלע זיינען יעצט ארויסגעגאנגען פון דעם ענגען און פינסטערן קעמעריל.

אין דער צייט, וואס דער אנא מיט איינינע פון זיינע מענשען האבען געפיהרט ארטהור'ן צום עשאפאַט, זיינען אנדערע דיענער אריינגעקומען אין צימער, וואו עלווירא האט זיך געפונען און האבען עפעס געזאגט צו דער טערקישער פרוי.

— מען פיהרט יעצט דיין געליעבטען אויפ'ן עשאפאט, האט דיא טערקישע פרוי געזאגט צו עלווירא'ן אויף אונגאריש. דוא וועסט באלד זעהן, וויא ער וועט שטארבען.

עלווירא איז אויפגעשפרונגען, וויא א וואהנזיניגע און האט אנגעהויבען צו רייסען אויף זיך דיא קליידער. זיא איז דאך געווען נור א שוואכע פרוי. זיא האט עס דאך ניט געקענט איבערטראגען.

— פיהרט מיך ארויס! לאזט מיך צו איהם! האט זיא געשריען און געבעטען, לאזט מיך צו איהם! לאזט מיר אבשייד נעהמען פון איהם!

דיא טערקישע פרוי האט עפּעס געזאגט דיא דיענער. זיי האבען אנגענומען דיא ווייגענדע עלווירא ביי דיא הענד און האבען זיא ארויסגעפיהרט אין הויף.

אין דער מיט הויף איז געווען אויסגעבויט א סארט בריקעל. אויף דיעזען בריקעל איז געלעגען א קלאָץ און לעבען קלאָץ זיינען געשטאנען צווייא טערקען. איינער האט געהאלטען אין דיא הענד א גרויסע ברייטע האַק.

דער טערק האט אומסטאַן געמאכט אזוי פיעל פארבערייטונגען און אזוי פיעל צערעמאָניען אום איבערצושרעקען עלוויראַ'ן. ער האט איבערלעגט און מיט אבזיכט געהייסען בויען דאס בריקעל, וועלכעס ער האט גערופען עשאַפאָט. ער האט אנגעזאגט זיינע מענשען, אז זיי זאלען קלאפּען, האמערן און זעגען אין דער הויך, אז דיא ארעסטאנטען זאלען עס הערן.

דיא דיענער האבען צוגעפיהרט עלוויראַ'ן צו דעם בריקעל. באלד האט מען פון אנאנדער זייט צוגעפיהרט ארטהור'ן.

דער אגא, זיין ליעטענאנט מוסטאפא, אייניגע זאפּטיעס — טערקישע זשאַנ־דארמען — און עטליכע דיענער מיט פאקעלן (ברענענדיגע שטיקער האלץ) אין דיא הענד, האבען בעגלייטעט ארטהור'ן צום עשאפאט.

דיא פאקעלן האבען געווארפען זייער רויטען שיין אויף דעם הויף, דעם עשאפאַט און דיא צוויי אונגליקליכע — ארטהור און עלווירא.

ארטהור האט געהאלטען דעם קאפּ אין דער הויך און איז געגאנגען מיט א פעסטען שריט. זיינע אויגען האבען עפּעס געזוכט. ער האט געזוכט עלוויראַ'ן, וועלכע איז געווען פערשטעלט פון דיא שווארצע דיענער.

קוים האט ער זיא אבער דערזעהן, איז ער צוגעלאפען צו איהר און האט גע־וואלט זיא ארומנעהמען. אין דיעזע מינוט האט דער אגא א ווינק געטאהן צו זיינע מענשען און דרייא שטריק מיט שלייפען זיינען אראפּגעפאלען אויף ארטהור'ס האלז און ביידע הענד. אין א סעקונדע איז ער געלעגען געבונדען, וויא א שעפּס.

עלווירא האט ארויסגעלאזען א שרעקליכעס געשריי, ווען זיא האט דערזעהן, וויא מען בעהאנדעלט אזוי גראב, אזוי ווילד און אזוי אונמענשליך איהר געליעבטען. זיא האט אנגעהויבען שרעקליך צו ציטערן און האט זיך געריסען צו איהם. פיער שטארקע הענד האבען זיא צוריק געהאלטען, וויא מיט אייזערנע צוואנגען.

דער אגא האט אויף איהר געווארפען א שטרענגען, פראגענדען בליק, וועלכער האט געזאגט דייטליך:

— נון, ווילסט דוא נאך אלץ ניט נאכגעבען?

דיא סצענע איז ווירקליך געווען א שרעקליכע, שוידערהאפטע, אונמענשליך גרויזאמע און אונבעשרייבליך הערצרייסענדע. ארטהור איז געשטאנען צוגעבונדען צו א קלאָץ און האט זיך ניט געקענט ריהרען. עלווירא איז געשטאנען נעבען איהם און האט ניט געקענט צוקומען צו איהם.

עס איז מערקווירדיג, אז וואס ווילדער א פאלק איז, אלץ געשיקטער און פעהיגער איז עס צו מארטערן דיא מענשען, וועלכע ער וויל טויטען. דער ווילדער אינדיאנער מארטערט זיין געפאנגענעם שטונדע לאנג. דער ווילדער אפריקאנער האט פערגניגען,

ועז זיין אפפער שרייט, וויינט, בעט זיך, קנייטשט זיך און דרעהט זיך אין זיינע טאדעס שמערצען. דיא שפאניער, ריכטינער נעזאגט, דיא קאטוילישע גייסטליכע האבען אויך גענומען פאר נעטהיג צו מארטערן זייערע געפאנגענע.

אין 1757 האט א פראנצויז מיט'ן נאמען דאמיען נעוואלט דערשטעכען דעם פראנצויזישען קעניג, לודוויג דעם פופצעהנטען. ער האט איהם אבער נור פערוואונדעט. דאס קרימינאל געריכט האט איהם בעזאורטהיילט צום טויט. אבער צו וואס פאר א טויט? צו א שרעקליכען, גרויזאמען, אונמענשליכען, אונבארמהערציגען אונבעשרייבליך שרעקליכען טויט, וועלכען דיא ווילדעסטע פאנטאזיע פון יענער צייט האט נור נעקענט אויסטראכטען.

צוערשט האט מען איהם נעגאסען אויפ'ן נאקעטען לייב צושמאלצענעס בליי, דאן האט מען איהם אפגעהאקט דיא האנד, מיט וועלכער ער האט נעוואלט שטעכען דעם קעניג. דאן האט מען איהם צוגעבונדען צו פיער פאר פערד, צו יעדע פאר פערד א האנד אדער א פוס, און מען האט אנגעהויבען צו שלאגען דיא פערד און צו טרייבען זיי אין פערשיעדענע זייטען, ביז יעדע פאר פערד האט ארויסגעריסען איין טהייל פון זיין קערפער.

אזוי האט מען געמארטערט אן אונגליקליכען אין ציוויליזירטען פראנקרייך. איז דען א וואונדער, וואס אין דער ווילדער טירקיי וויס מען נאך ביז אויף היינטיגען טאג, וויא צו מארטערן אן אונגליקליכען, וועלכע מען פעראורטהיילט צום טויט?

— עלווירא! האט ארטהור אויסגערופען, פערצייה מיר, מיין הייס געליעבטע עלווירא, וואס איך האב דיך געבראכט צו אזא אונגליק! — פערצייה מיר, מיין גוטע עלווירא! מיר וועלען באלד זיין פעראייניגט דארט אויבען.

דער אגא האט ווידער געגעבען א ווינק איינעם פון זיינע מענשען, וועלכער איז צוגעגאנגען צו ארטהורן און האט איהם אריינגעשפארט א פאטשיילע אין מויל. ארטהור האט יעצט ניט געקענט ארויסרעדען א ווארט, נור זיינע אויגען האבען נאך גערעדט צו זיין געליעבטער, אבער אויך דיעזעס פערגניגען האט דער אגא ביי איהם אוועקגערויבט.

ער האט א ווינק געטאהן צו זיין ליעטענאנט, ער זאל צופיהרען ארטהור'ן צום קלאץ. דאס איז נעוועז א קיילאכדיג שטיק האלץ, וועלכעס איז געליגען אויף צוויא פעסטע פיס. מוסטאפא האט אניעדערגעשטעלט ארטהורן אויף דיא קניע, האט איהם צוגעבונדען דיא פיס צום קלאץ און האט איהם אניעדערגעלעגט דעם קאפ אויפ'ן קלאץ.

מען קען זיך לייכט דענקען וואס עלווירא האט געפיהלט אין דיעזע שרעקליכע מינוטען. דער טערק האט אומיסטען פערלענגערט דיא שרעקליכע פארבערייטונגען. יעדע קלייניגקייט האט ביי איהם געדויערט מינוטען לאנג. ער האט זיך ניט געאיילט און האט געטאהן אלעס לאנגזאם און שלעפעריג, גלייך וויא ער וואלט ניט געהאט קיין קראפט זיך צו ריהרען.

אין דיעזע מינוט איז דער אגא צוגעקומען צו עלווירא'ן און האט איהר געזאגט שטילערהייט אויפ'ן אויער:

— ווילסט דוא ווערן מיין פרוי, וועט ער לעבען.

עלווירא האט ניט געענטפערט. זיא האט געציטערט מיט איהר גאנצען קערפער און איז ניט געוועזן אימשטאנד ארויסצורעדען א ווארט.

ענדליך איז מוסטאפא פערטיג געווארען מיט זיין ארבייט. דער אגא האט א ווינק געטאהן צו דעם טערק מיט דער האק אין דער האנד, ער זאל אויפהויבען דיא האק.

— ענטפער מיר אויף מיין פראגע, האט דער אגא ווידער געזאגט צו עלווירא'ן, איך פרעג דיך צום לעצטען מאל: ווילסט דוא ווערן מיין פרוי?

עלווירא האט ווידער געשוויגען. דער אגא האט געהייסען זיא צופיהרען נעהנטער צום קלאָץ און האט איהר געזאגט.

— דוא האסט נאך איין מינוט צייט, ענטפער מיר אדער זיין קאפ פאלט אראפ פון זיינע פלייצעס.

עלווירא איז געשטאנען, וויא א וואהנזיניגע. זיא האט ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט איהר. זיא האט געציטערט, וויא אין א פיעבער. מע האט געהערט דייטליך, וויא איין צאהן האט ביי איהר געקלאפט און אנדערן

— ענטפער מיר! האט דער אגא זיא געפרעגט נאך א מאל, ווילסט דוא ווערן מיין פרוי?

עלווירא האט געשוויגען. דער אגא האט א ווינק געטאהן צו זיין הענקער, ער זאל אויפהויבען דעם האק און זאל זיך פערמעסטען, אז ער וויל זיא אראפלאזען מיט זיין גאנצער מאכט אויף ארטהור'ס האלז.

— האלט איין! האט עלווירא א געשריי געטאהן אויסער זיך. — האלט איין! טייטעט איהם ניט!

דער אגא האט א ווינק געטאהן צום מאן, וועלכער האט אויפגעהויבען דיא האק, ער זאל זיא אראפלאזען.

— ווילסט דוא זיין מיין פרוי? האט דער אגא געפרעגט עלווירא'ן.

אין דער גאנצער צייט וואס עס האט זיך אפגעשפיעלט דיעזע שרעקליכע סצע-נע, איז דיא טערקישע פרוי געשטאנען פון דער ווייטען און האט ניט אראפגעלאזען קיין אויג פון אלעס, וואס האט פאסירט. זיא האט געווארפען בייזע, ווילדע, גרימיגע בליקע אויף עלווירא'ן און דעם אגא. ווען מען זאל זיך געוועזן בעסער צוגעקוקט צו איהר, וואלט מען דערזעהן א טיגערין, פאר וועלכער מען האלט א שטיק פלייש און מען וויל עס איהר ניט געבען.

זיא האט ניט אראפגעלאזען קיין אויג פוןביידען; זיא האט געזעהן, וויא דער אגא האט זיך איינגעבויגען צו עלווירא'ן און האט איהר עפּעס געזאגט; זיא האט בעמערקט, וויא עלווירא האט געשוויגען ביז אין דער לעצטער מינוט, ווען דער הענקער האט אויפגעהויבען דיא שרעקליכע האק איבער ארטהורס קאפ; זיא האט געהערט, וויא עלווירא האט א געשריי געטאהן: „האלט איין!“

— ווילסט דוא ווערן מיין פרוי? האט דער אגא געפרעגט נאך א מאל עלווירא'ן.

— יא, האט עלווירא נעענטפערט, אבער נור מיט דער בעדינגונג, אז דוא זאלסט באלד בעפרייען דעם באראן ארטהור פאן באטהיאני.

— אלעס, וואס דוא וועסט פערלאנגען פון מיר, וועט געשעהן, האט דער אנא נעזאגט פול פרייד.

ארטהור האט צוואר ניט געהערט וואס עלווירא האט גערעדט מיט'ן אנא. ער האט נור געהערט איהר געשריי: „האלט איין!" ער האט ווייטער געזעהן, וויא דער אנא האט א ווינק געמאכט צום הענקער, ער זאל אראפלאזען דיא האק און ארטהור האט אלעס פערשטאנען. ווען זיין מויל וואלט ניט געווען פערשטאפט מיט א פאטשיילע; ווען ער זאל געוועז קענען ארויסזאגען א ווארט, וואלט ער געוויס געוועז אויסגערופען: עלווירא! טהו עס ניט! — עלווירא! אפפער דיך ניט פאר מיך!

ער האט עס אבער ניט געקענט זאגען. ער האט נור געקיקט אויף עלווירא און זיינע בליקען האבען זיא געבעטען, זיא זאל עס ניט טאהן. זיינע בליקען אבער האבען ניט געטראפען, וויל אין דיעזע מינוט האט דער אנא געזאגט עפעס צו זיין ליעטענאנט מוסטאפא, וועלכער האט באלד אפגעבונדען ארטהור'ן פון'ם קלאָץ און האט איהם ארויסגענומען דיא פאטשיילע פון מויל.

קוים האט ארטהור געקענט רעדען, האט ער זיך געווענדעט צו עלוויראן און האט איהר געזאגט:

— וואס האסט דוא געטאהן, עלווירא? וואו איז דיא ליעבע און טרייע, וועלכע דוא האסט מיר געשווארען? מיר האבען דאך איינמאל געשווארען צו געהערן איינער דעם אנדערן ביז אין טויט. וויא קענסט דוא געהערן אנאנדער מאן?

— פערדאם מיך ניט, ארטהור! האט עלווירא געבעטען. פערדאם מיך ניט! איך ליעב דיך יעצט נאך מעהר, וויא פריהער. איך האב געמוזט עס טאהן! —

מעהר האט זיא ניט געקענט רעדען. זיא איז שוין ניט געווען אים שטאנד צו שטעהן אויף דיא פיס. זיא איז אומגעפאלען. דער אנא האט זיא אויפגעהאפט און האט זיא איבערגעגעבען צו זיינע דיענער.

— פיהרט אוועק דעם געפאנגענעם צוריק אין זיין צימעריל, האט דער אנא זיך געווענדעט צו זיינע דיענער.

מען האט באלד אוועקגעפיהרט ארטהורן צוריק אין זיין צימער. דיא דיענער האבען אונטערדעסען אוועקגעפיהרט עלוויראן, וואוהין דער אנא האט געהייסען.

ווען דיא טערקישע פרוי האט געזעהן, וויא אלעס האט זיך געענדיגט, איז זיא געוואָרען אויפגעקאָכט. איהר געזיכט האט זיך אנגעצונדען און איהרע אויגען האבען אנגעהויבען צו ברענען מיט א העליש פייער.

— פרעה דיך ניט, אלי, האט זיא געזאגט צו איהר מאן, עס וועט זיך ענדיגען מיט דיעזער, וויא עס האט זיך געענדיגט מיט יענע. זיא וועט שטארבען פון מיינע הענד.

— זאג עס ניט נאך א מאל, איעשא! האט איהר דער אנא געענטפערט, פערגעס ניט, אז דוא האסט נור איין קאפ און ווען דער איינער קאפ וועט אראפפאלען, וועט קיין אנדערער ניט אויפוואקסען אויף זיין ארט.

איעשא, אזוי האט געהייסע דיא טערקישע פרוי, האט געגעבען א גרויסען לאך און איז זיך אוועקגעגאנגען אין איהרע צימערן. —

19טער קאפיטעל.

ביים קראנקען בעט.

שטיל, איינזאם און טרויעריג איז עס אין שלאס ראדעצק. אלע פריידען זיינען פערשוואונדען, אלעס לעבען האט אויפגעהערט. מען הערט מעהר קיין פרעהליכעס זינגען, קיין לוסטיגעס קלינגען, קיין לעבעדיגעס שפרינגען אין גרויסען און רייכען שלאס. אלעס איז שטיל, אלעס איז רוהיג, אלעס שלאפט, אלעס איז אויסגעשטארבען.

זייט עלווירא איז פערשוואונדען, געהט ארום מאקס פאן ראדעצקי, וויא א שאטען. דיא ערשטע עטליכע טעג נאך עלוויראס פערשווינדען האט ער זיך פערשפארט אין זיינע צימער און האט קיינעם ניט געוואלט זעהן און מיט קיינעם ניט געוואלט רעדען. ווען מען פלעגט איהם דערלאנגען עסען, פלעגט ער נור עפעס פערזוכען און פלעגט דאס איבעריגע ארויסווארפען.

זיין מוטער און נאני האבען איהם אנגעהויבען צו בעטען און איינצורעדען, ער זאל ארויסגעהן ערגעץ, ארויספאהרען ערגעץ, זיך זעהן מיט מענשען און זיך צוער־שטרייען.

מאקס האט זיי צוליעב געטאהן. ער האט אנגעהויבען ארויסצוגעהן און ארויס־צופאהרען, אבער נור אין דיא פעלדער און דיא וועלדער. ער פלעגט זיך שעהמען צו ווייזען פאר מענשען; ער פלעגט אויסוייכען מענשען. ער פלעגט ארומגעהן אין דיא געדיכטע וועלדער, וואו מען זעהט זעלטען א מענשען, ביז ער פלעגט מיעד ווערן, דאן פלעגט ער קומען אהיים און זיך פערשפארען אין זיינע צימער.

דיא גרעפין האט זיך שטארק דערשראקען פאר איהם. זיא האט מורא געהאט, ער זאל ניט אראפ פון זינען. זיא האט אויך רעכט געהאט. ער פלעגט שטענדיג זיין אזוי טרויעריג און אזוי מעלאנכאליש, אז ער איז ווירקליך שוין געווען גאר ניט ווייט פון וואהנזינן.

איין טאג האט ער איך פערטיעפט ערגעץ אין א וואלד און האט ניט בעמערקט, וויא דער הימעל האט זיך בעדעקט מיט שווארצע וואלקענס און עס האט אנגעהויבען שטארק צו רעגענען. מאקס האט זיך ניט געאיילט צו זוכען ערגעץ שוץ פאם רעגען אין א שטוב אדער אונטער א בוים. ער איז ווייטער געגאנגען. דער רעגען האט איהם דורכגענעצט ביז צום ביין. אין דרויסען איז שוין געווען קיהל און ער האט זיך ערקעלטעט.

ער איז געקומען אהיים נאס און קאלט און האט זיך באלד געלעגט אין בעט.

ווען זיין מוטער איז געקומען זעהן, וואס ער מאכט, האט זיא געפונען אז ער רעדט פון היץ. מען האט באלד געשיקט נאך א דאקטאר, וועלכער האט בעטראכט דעם קראנקען און האט געפונען, אז דער קראנקער האט א נערווען פיעבער.

זייט דער דאקטאר האט ערקלערט, אז מאקס איז גאנץ ערנסט קראנק, איז דיא

גרעפין ניט אפגעטרעטען פון זיין בעט. זיא פלעגט זיך קוים פערגינען איינינע מינוט רוהע אין שלאף.

דעם אנדערן טאג האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער דאקטאר האט ווירקליך רעכט. דיא היץ איז געווארען שטארקער און דער קראנקער איז געווארען אונרוהיגער. מאקס האט אנגעהויבען צו רעדען און צו רופען עלוויראן. פון צייט צו צייט פלעגט ער שרייען: „ארטהור! טהורם פון טשעמני! איהם שטעכען, איהם אריינווארפען אין טהורם פון טשעמני!" און נאך אזעלכע זאכען, וועלכע קיין פרעמדע אויערן האבען ניט געהארפט הערן.

מאקס איז געווארען פון טאג צו טאג ערגער. דער דאקטאר אליין האט שוין אנגעהויבען צו צווייפלען, אויב עס וועט איהם געראטען איהם צו רעטען. ער איז געווען פערצווייפעלט. — — — —

עס איז שפעט ביי נאכט. אין גאנצען שלאס איז שטיל און רוהיג, וויא אויף א פריעדהאף (בית עולם) דיא דיענער שלאפען אין זייערע צימער אדער זיצען און ווארטען אין פארהויז אויף בעפעהלע פון דער גרעפין.

אין רעכטען פליגעל פון'ם שלאס זיצט דיא גרעפין לעבען איהר זוהנ'ס קראנקען בעט. דעם גאנצען אבענד איז מאקס געווען זעהר אונרוהיג. ער האט זיך געווארפען, געשליידערט, געדרעהט און געקוקעלט אויף זיין געלעגער; ער האט גערעדט, געשריען און גערופען עלוויראן, ארטהורן און דעם מאן, וועלכען ער האט געטייטעט דאמאלס אין וואלד.

דיא גרעפין איז געווען פערצווייפעלט. זיא האט מורא געהאט צו נעהמען א קראנקען וועכטער אדער הייסען איינעם פון איהרע דיענער, ער זאל זיצען לעבען איהם זיא האט מ'רא געהאט, ער זאל ניט הערן פון דעם קראנקען זאכען, וועלכע מען דארף דערפון ניט וויסען.

זיא האט דאהער געמוזט זיצען לעבען איהם גאנץ אליין. א גאנצען אבענד איז מאקס געווען זעהר אונרוהיג. ערשט נאך האלבע נאכט האט ער זיך אביסעל בערו-הינט און איז אנטשלאפען געווארען.

דיא גרעפין זיצט יעצט אליין לעבען איהם. אין צימער איז שטיל און רוהיג, אין איהר הארצען אבער ברענט עס, קאכט, זיעדעט און רוישט, וויא אין א קעסעל. זיא האט פערגעסען איהר שטאלץ, איהר רייכטהום און איהר גלאנץ. זיא זעהט יעצט גאנץ דייטליך, אז זיא וועט ניט ארויפקלעטערן אויף דער הויך, צו וועלכער זיא האט געשטרעבט. אלע איהרע שטאלצע פלאנען זיינען זיך צוקראכען און זיינען צושמאלצען געווארען, וויא שנעע פאר דיא ווארעמע שטראהלען פון דער זון. ארטהור לעבט. עלווירא איז מיט איהם אנטלאפען און מען האט זיי נאך ניט צוריקגעבראכט. פון א פערוואנדשאפט מיט גראף מגראס קען שוין קיין רעדע ניט זיין. און יעצט ליעגט פאר איהר מאקס בלייך און געפעהרליך קראנק.

— דער דאקטאר האט היינט געשאקעלט עטוואס זאנדערבארעס מיט'ן קאפ, האט זיא געזאגט צו זיך אליין. זאל איך איהם אויך פערליערן? זאל איך פערליער טיין איינציגעס קינד?

איהרע געדאנקען זיינען געוועז פינסטער וויא דיא נאכט און טרויעריג וויא דיא נאסע, נאקעטע פעלדער אין הערבסט.

פלוצלונג האט זיך דיא טהיר געעפענט שטילערהייט און נאני איז אריינגעקומען אין צימער. ער איז אויך ניט געוועזן פרעהליך. אויף זיין געזיכט איז יעצט געלעגען א פינסטערער וואלקען. ער איז גענאנגען יעצט איינגעבויגען, דעם קאפ אראפגעלאזען צו דער ערד, וויסט און טרויעריג.

דיא גרעפין איז געוועזן אזוי פערטיעפט אין איהרע טרויעריגע געדאנקען, אז זיא האט ניט געהערט, וויא נאני איז אריינגעקומען.

ער איז צוגעקומען צו איהר שטילערהייט, האט אנגענומען איהר האנד און האט געזאגט גאנץ שטיל.

— אייזשעניע!

דיא גרעפין האט א ציטער געטאהן און האט זיך אומגעזעהן.

— דוא ביסט עס, נאני? האט זיא געפרעגט. דוא שלאפסט נאך אויך ניט אזוי שפעט?

— איך קען ניט שלאפען און בין געקומען וואכען אביסעל לעבען קראנקען.

— איך דאנק דיר, נאני, האט דיא גרעפין געענטפערט. איך קען איהם אבער ניט לאזען אליין.

— לעג דיך שלאפען, אייזשעניע! דוא ביסט מיעד, דוא וועסט עס ניט איבער טראגען.

— איך קען ניט, נאני, איך קען איהם ניט לאזען אליין.

— איך וועל וואכען פאר דיר.

אין דיעזע מינוט האט דער קראנקער מאקס געעפענט דיא אויגען און האט דערזעהן פאר זיך דעם גוטען נאני.

— דוא ביסט שוין דא, דוא גייסט פון פינסטערניס? האט ער אויסגערופען פול שרעק. — וואס ווילסט דוא פון מיר? וואס ביסט דוא געקומען אהער?

— מאקס! מיין זוהן! בערוהיג דיך! האט דיא גרעפין געבעטען, וואס רעדסט דוא? צו וועמען רעדסט דוא עס?

דער קראנקער האט זיך ווילד אומגעקוקט. זיינע אויגען האבען געגליהט פון דער שרעקליכער פיעבער היץ. עס איז געוועזן שרעקליך, אונאנגענעהם צו קוקען יעצט אין זיינע אויגען. נאני אליין, דער שטארקער נאני, האט א ציטער געטאהן, ווען ער האט דערזעהן דיעזע פייערינגע אויגען, דיעזע פערברענטע ליפען און דיעזעס ווילדע, פון פיעבער רויט געווארענע געזיכט.

— קוק ניט אויף מיר! אוועק פון מיר! האט געשריען דער קראנקער, איך קען דיך ניט ליידען! דוא ביסט דער טייפעל! דארט שטעהט דער הענקער! — דאס איז ארטהור פאן באטהיאני!

אזוי וויא נאני האט זיך ניט גערירט פון'ם ארט, האט זיך דער קראנקער אוועקגעקעהרט פון איהם. עס איז געוועזן דייטליך, אז ער האט מורא פאר איהם.

דיא גרעפין האט זיך אנגעבויגען צו איהם און האט צוגעפרעסט זיין הייסען, ברענענדען קאפ צו איהר הארצען.

— בערוהיג דיך, מיין מאקס! דאס איז דאך נאני, אונזער בעסטער פריינד. וואס שרעקסט דוא זיך אזוי פאר איהם?

— מוטער! האט אויסגערופען דער קראנקער מיט א ווילדער, אונמענשליכער שטימע. — מוטער! אט ליעגט ער! — ער איז טויט! — איך האב איהם דערשטאָכען! — זעה, מוטער! ער לויפט מיר נאך! ער לאזט מיך ניט לעבען. איך האב איהם געזעהן אין בודאפעסט, ער האט מיך אויסגעפרעגט, וויא איך הייס, וואס מיין מוטער מאכט און וואו מיין פאטער געפינט זיך יעצט. — ער ליעגט יעצט קראנק! ער איז טויט! — איך האב איהם דערשטאָכען! — בעהאלט מיך, מוטער! איך האב מורא פאר איהם.

ער איז אויפגעשפרונגען און האט געוואלט אנטלויפען. נאני און דיא גרעפין האבען געמוזט איהם צוהאלטען, ביז ער האט זיך עטוואס בערוהיגט. דאן האט איהם דיא גרעפין צוגעלעגט אייז צום קאפ און ער איז איינגעשלאפען, אדער עס האט זיך זיי אויסגעוויעזען, אז ער שלאפט.

אין צימער איז געווען שטיל, אז מען האט געקענט הערען, וויא דאס הערץ קלאפט ביים קראנקען. מאן און פרוי זיינען געזעסען איינער לעבען אנדערן און האבען געשוויגען. ענדליך האט זיך פון דער גרעפינ'ס ברוסט ארויסגעריסען א שווערער זיפץ.

— דוא ביסט טרויעריג, אייזשעניע, האט נאני געזאגט, בערוהיג דיך. עס שטעהט נאך גאר ניט אזוי שלעכט מיט אונז. מיר טארען ניט פערליערן דיא האפנונג. עס וועלען נאך קומען בעסערע צייטען. אלעס וועט נאך גוט ווערן.

דיא גרעפין האט אראפגעלאזען טרויעריג דעם קאפ.

— אומזיסט, נאני! האט זיא געזאגט, דוא טרייסט מיך אומזיסט! איך האב אויך געדענקט, אז אלעס וועט זיך אמאל ענדערן; איך האב אויך געהאט האפנונגען, אז מיר האבען שוין געבויט ארום זיך א שטיינערנע מויער, הינטער וועלכער מיר זיינע געשיצט. וואס איז אבער געווארען פון דיעזע האפנונגען? זיי זיינען זיך צופלויגען, וויא טרוקענע בלעטער פארן שטורמווינד. — אך! אלעס, אלעס איז פערשוואונדען, פערניכטעט, פערלאָרען, פערדאָרבען און פערלאָשען. און יעצט האלט נאך דאס לעצטע ליכט פון מיין לעבען ביים פערלעשען. מיין זוהן, מיין איינציגע טרייסט, ליעגט יעצט און רעדט פון דער שרעקליכער הייך, וועלכע ברענט אין זיין בלוט, און דערמאָנט מיך אָן מיין אונגליקליכעם לעבען, און דיא פערברעכען, וועלכע איך האב בעגאנגען. צו וואס? צו וואס פאר א צוועק האב איך עס געטאהן? צו וואס האב איך א י ה ם געטויטעט?

— דוא פערגעסט, אייזשעניע, אז עס האט אזוי געמוזט זיין, האט נאני געענטפערט. עס האט אנדערש ניט געקענט זיין.

— צו וואס האט מיר גענוצט דיעזער מאָרד?

— וואס רעדסט דוא, אייזשעניע? דוא רעדסט פון'ם וועג. וואס וואלט דאן

געווען, ווען ער זאל געווען אויסזאגען, ווער מיר זיינען? וואלטען מיר דען ניט געווען פערלארען? אונזער לעבען איז געווען איינגעשטעלט. ער אדער מיר, איינער פון אונז האט געמוזט פאלען. ער איז געפאלען. דוא האסט עס געטאהן, ווייל דוא האסט עס געמוזט טאהן.

— מיין זוהן איז אבער דורך דעם געווארען א פאטער מערדער, האט די גרעפין געזיפצט. איך האב געדענקט, אז איך וועל דערגרייכען דאס הויכע ציעל, צו וועלכען איך האב געשטרעבט. וואס איז אבער דערפון געווארען? האב איך דערגרייכט מיין ציעל?

— מיר וועלען עס נאך דערגרייכען, ווען מאקס זאל נור געזונד ווערן.

— אך! איך וועל עס ניט אויסהאלטען! איך וועל שטארבען מיט איהם!

— וואס רעדסט דוא פון שטארבען, אייזשעניע? מאקס איז קראנק, דאס איז וואהר, ער איז אבער ניט געפעהרליך. דער דאקטאר האט געזאגט, אז די קריזיס דארף איינטרעטען. מאקס איז יונג און שטארק. ער וועט זעהר לייכט איבערטראגען די קראנקהייט. דער דאקטאר איז זיכער, אז מאקס וועט לעבען. דאן זיינען מיר נאך ניט פערפאלען.

א גליקליכער שמייכעל האט זיך געוויעזען אויף די בלייכע ליפען פון דער גרעפין. זיא האט געשעפט נייע האפנונגען פון נאגי'ס רעד.

— וואס וועט אבער זיין, ווען מאקס וועט געזונד ווערן? האט זיא געפרעגט.

— מאקס וועט געזונד ווערן. עלווירא'ן וועט מען ברענגען פון דער טירקיי. מאקס וועט זיא הייראטהען. דאן איז אלעס וויעדער גוט. דאן האבען מיר דערגרייכט, צו וואס מיר האבען געשטרעבט: מיר וועלען זיין די פערוואנדטע פון די רייכסטע און פארנעהמסטע מאגנאטען פאמיליען פון אונגארן.

— איך גלויב ניט, אז עלווירא זאל אזוי גיך צוריק קומען, האט די גרעפין בעמערקט.

— דוא גלויבסט ניט, אז זיא זאל צוריק קומען און איך בין זיכער. אז מיינע מענשען וועלען זיא אויפזוכען און וועלען זיא ברענגען. איך האב גוטע אגענטען, וועלכע ארבייטען פאר מיר. איך וויים, אז זיי וועלען זיא אויסגעפינען; איך בין זיכער, אז זיי וועלען זיא ברענגען.

— וואס וועט דען זיין, ווען עלווירא וועט קומען? וועט זיא דען דאן איינוויליגען צו הייראטהען מאקס'ן?

— זיא וועט עס מוזען טאהן! וועמען דען וועט זיא הייראטהען? זיא וועט זיך פרעהן, ווען מאקס וועט נאך וועלען זיא הייראטהען. זיא וועט דאך זיין בעשימפפט און געשענדעט. קיינער וועט מיט איהר ניט וועלען רעדען א ווארט.

— איך וויים ניט, האט די גרעפין געזיפצט, דוא קענסט ניט עלוויראַ'ן. זיא איז שטאלץ און הארטנעקיג. זיא וועט אויף קיין פאל ניט איינוויליגען צו הייראטהען א מענשען, וועלכען זיא ליעבט ניט.

— דאן וועלען מיר געפינען מיטעל, זיא זאל איהם יא הייראטהען, האט נאגי

געענטפערט רוהיג. א פרויען הערץ איז ווייך, ווייא וואקס, מען קען עס ביינגען, וואוהין מען וויל און מען קען מאכען דארויס, וואס מען וויל.

— עס איז ניט וואהר, ניט אלע פרויען זיינען גלייך, האט דיא גרעפין בעמערקט. עס זיינען דא פיעלע שוואכע פרויען; איך קען זאגאר זאגען, אז דער גרעססטער טהייל פון דיא פרויען איז שוואך און לאזט זיך ביינגען, וויא א ראהר (טראסט), עס זיינען אבער דא שטארקע, מוטהיגע פרויען, וועלכע געהן אויף דעם וועג, וואס זיי האבען זיך אויסגעקליעבען, קריעכען איבער בערג און טאהלען, פעלדער און וועלדער, ביז זיי דערגרייכען זייער ציעל.

— דאס זיינען אויסנאהמען, האט נאני געזאגט קורץ, פון אויסנאהמען רעד איך ניט. — אבער גענוג דערפון! לאמיר רעדען פון עטוואס וויכטיגעס.

אין דיעזע מינוט האט זיך דער קראנקער אויפגעחאפט ... האר ... געמוזט בערוהיגען דעם קראנקען.

(ענדע דעם פינפטען טהייל)

דער

שטומער בעטלער.

איבערזעצט פון א טאנענבוים.

וועקסטער טהייל.

1טער קאפיטעל.

וואו איז דער שטומער בעטלער?

ווען דער קראנקער האט זיך אביסעל בערוהיגט און איז ווידער אנטשלאפען געוואָרען, האט נאני בעמערקט:

— דוא האסט עפּעס נאר פערגעסען אונזערע נאכבארען.

— יא, עס איז מיר א וואונדער, וואס דיא גרעפין פאן טאקקי איז אזא לאנגע צייט ביי אונז ניט געווען, האט דיא גרעפין געזאגט, וויא צו זיך אליין. זייט עלווירא איז אנטלאפען, האב איך זיא ניט געזעהן. זיא ווייס דאך געוויס, אז מאקס איז קראנק. זיא וואלט געדארפט קומען אונז בעזוכען.

— איך בין עס געקומען רעדען מיט דיר וועגען די גרעפין.

דיא גרעפין איז געווארען אויפמערקזאם.

— וואס איז שוין נייעס? האט זיא געפרעגט.

— דיא גרעפין פאן טאקקי איז היינט אוועקגעפאהרען קיין בודאפעסט.

— וואס רעדסט דוא? זיא פלעגט דאך אין ערגעץ ניט פאהרען, זאגאר ווען איהר זוהן געארג איז געלעגען קראנק אין בודאפעסט איז זיא געבליעבען אין דערהיים. וויא קימט עס, וואס זיא איז יעצט אוועקגעפאהרען?

— עס איז איהר געווארען זעהר לאנגווייליג צו זיין אליין אין שלאס טאקקי, האט נאני ערקלערט. זיא איז ניט גאנץ צופריעדען מיט איהר זוהן. וויא עס ווייזט אויס, קריעגען זיי זיך בעשטענדיג. זיא האט זיך ענדליך ענטשלאסען אוועקצופאהרען צו איהר ברודער, דעם גראף מעראס, אין בודאפעסט.

— און וואו איז געארג געבליעבען?

— געארג איז געבליעבען אין טאקקי איינער אליין.

— איז איהם ניט לאנגווייליג צו לעבען איינער אליין אין שלאס?

— וויא עס ווייזט אויס, ערווארטעט ער נאכריכטען פון ארטהורן. ביז אחשר האט ער אבער נאך קיין איינציגע נאכריכט פון איהם ניט ערהאלטען.

— פון וואנען ווייסט דוא, אז ער האט פון איהם קיין נאבריכט ערהאלטען?

— דער פאסטיליאן וואלט עס מיר געזאגט. איך צאהל איהם, אז ער זאל מיר מעלדען פון יעדען בריעף, וועלכען געארג בעקומט.

— מיר דאכט, אז געארג איז שטענדיג געווען געגען אונז.

— דוא האסט פאלקאמען רעכט, ליעבע אייזשעניע, געארג איז שטענדיג געווען געגען אונז. איך האב עס זעהר גוט געוואוסט און עס איז געווען א צייט, ווען איך האב געגלויבט, אז איך מוז איהם אפראמען פון מיין וועג, וויא מען מוז אפראמען א שטיין, וועלכער ליעגט אונז אין וועג. שפעטער אבער האב איך אויסגעפונען, אז ער איז ניט געפעהרליך. מען קען איהם לאזען. ער קען אונז גאר ניט שאדען.

דער קראנקער איז געשלאפען רוהיג. דיא גרעפין איז געווארען פרעהליכער און האט שוין אנגעהויבען צו רעדען פון פערשיעדענע זאכען.

פלוצלונג האט זיא א פרעג געטאהן:

— וואס הערט זיך עפּעס מיט׳ן שטומען בעטלער? האסט דוא פון איהם גאר ניט געהערט? דוא האסט דאך מיר געזאגט, אז ער איז גאר ניט שטום, ער איז גאר א שפּיאָן.

נאני׳ס געזיכט איז געווארען פינסטער, וויא א נאָוועמבער נאכט.

— פרעג ניט, אייזשעניע, רעד ניט פון איהם, האט נאני געזאגט.

— איך בין זעהר אונרוהיג. זייט איך בין געוואהר געווארען, אז ער איז גאר ניט שטום. ער פלעגט איבערליעגען גאנצע טעג ביי אונז אין קיך. ער פלעגט זיך געוויס צוהערען צו אלעס, וואס אונזערע דיענער פלעגען רעדען. בערוהיג מיך, נאני, זאג מיר, וואס איז געווארען פון שטומען בעטלער. פאר אזא פיינד האב איך שטארק מורא.

— ער איז ווירקליך ניט געווען קיין שטומער, האט נאני געענטפערט. ער איז געווען א שפּיאָן, ער וועט עס אבער שוין מעהר ניט טאהן.

— וואס מיינסט דוא דערמיט?

— ער איז טויט.

דיא גרעפין איז געווארען בלייך, וויא קאלך און האט א ציטער געטאהן.

— נאני! האט זיא אויסגערופען, איך דענק, אז ניט דוא האסט איהם....

— יא, אייזשעניע, איך האב איהם געטייטעט. ער איז געווען געפעהרליך פאר אונז. איך האב עס געמוזט טאהן. ווען מען געפינט א שלאנג אויפ׳ן וועג, מוז מען איהר צוטרעטען דעם קאפּ, זאנסט וועט זיא אונז א ביס טאהן. עס האט געמוזט געשעהן.

דיא גרעפין האט ניט געענטפערט. זיא האט אנגעשפּארט דעם קאפּ אן ביידע הענד און האט זיך פערטראכט. דער לעצטער מארד איז איהר שטארק ניט געפעלען. פון צייט צו צייט פלעגט זיא א קוק טאהן אויפ׳ן קראנקען און פלעגט א ציטער טאהן.

נאני איז געזעסען רוהיג און האט געקוקט אויף איהר. ער איז אויך געווען ערנסט, אבער רוהיג. ווען ער האט געזעהן, אז זיא האט זיך אביסעל בערוהיגט האט ער געזאגט.

— מיר האבען גערעדט פון פערשיעדענע זאכען און האבען פערגעסען דעם הויפט פונקט, צוליעב וועלכען איך בין אייגענטליך געקומען אהער.

— לאז מיך אפ היינט, האט דיא גרעפין געבעטען, איך בין אזוי אויפגערעגט און אזוי אונרוהיג, אז איך בין יעצט נים אימשטאנד צו רעדען פון אונזערע געשעפטען. דיא נאכריכט פון'ם שטומען בעטלער האט אזוי שטארק געווירקט אויף מיר, אז איך פיהל, אז איך וויים גאר ניט, וואס איך רעד. איך וויים ניט, וואס עס טהוט זיך מיט מיר און וואו איך בין ערגעץ אין דער וועלט.

— איך פערשטעה דיך ניט, אייזשעניע! וואס ביסט דוא אזוי אויפגערעגט פון דער נאכריכט, אז דער שטומער בעטלער איז טויט? וואס אינטערעסירט דיך אזוי דער שטומער בעטלער? פערגעס ניט, אז דאס איז געוועזן א מענש, וועלכער האט ניט קיין פריינד און קיינע בעקאנטע. ווער וועט זיך קימערן, וואס מען האט געפונען טויט דעם שטומען בעטלער? — דער שטומער בעטלער איז אויך א מענש?

— אך, נאני! נאני! האט דיא גרעפין אויסגערופען, דוא פערגעסט, אז דער בעטלער איז גאר ניט געוועזן שטום! דוא פערגעסט, אז ער האט זיך נור פערשטעלט פאר א טויבען און א שטומען. דוא האסט דאך אליין מיר געזאגט, אז ער איז א שפיאן.

— גוט אזוי! פאר א שפיאן וועט זיך קיינער ניט אננעהמען. א שפיאן האט מען פיינד.

— איך וויים ניט, וואס איך זאל דיר זאגען, נאני. דאס הערץ זאגט מיר, אז דער טויט פון'ם שטומען בעטלער וועט ענטשיידען אונזער שיקזאל.

— דומהייטען! קינדערייען! האט נאני אויסגערופען, אלע פרויען בילדען זיך איין, אז זיי וויסען עפעס, פיהלען עפעס און דאס הערץ זאגט זיי, וואס עס וועט געשעהן. דאס הערץ איז א שטיק פלייש, וועלכעס וויים גאר ניט און פיהלט גאר ניט.

— עס קען זיין, אז דוא האסט רעכט, אלענפאלס בין איך יעצט אזוי אויפגערעגט, אז עס איז מיר אונמעגליך צו רעדען פון געשעפטען. איך בעט דיך, לאמיר עס אפלעגען אויף מארגען. היינט וויל איך זיין אליין.

— ווען דוא קענסט היינט ניט רעדען, מוז איך עס אפלעגען אויף מארגען. אלענפאלס קען מיין פלאן אויסגעפיהרט ווערן ערשט מארגען. — אלזא, גוטע נאכט, ליעבע אייזשעניע! בערוהיג דיך! מיר זאגט אויך דאס הערץ, אז אלעס וועט נאך גוט ווערן און מיר וועלען נאך דערלעבען גליקליכע און פרעהליכע טעג.

ער האט גענומען איהר האנד און האט זיא געדריקט אזויווארם און אזוי פריינדליך, אז דיא גרעפין האט איהם בעטראכט מיט שטוינען. אזא פריינדליכקייט האט זיא פון איהם נאך ניט געזעהן.

2טער קאפיטעל.

דער נייער פלאן.

דער דאקטאר האט רעכט געהאט. דיעזע נאכט איז ווירקליך געוועזן א שרעקליכע אין מאקס קראנקהייט. עס איז ווירקליך איינגעטרעטען דיא קריזיס. פאר טאג

איז דעם קראנקען געווארען אזוי שלעכט, אז דיא גרעפין האט אויפגעוועקט אלע איהרע דיענער און מען איז געלאפען נאכ'ן דאקטאר.

אום זיבען אוהר אין דער פריה איז מאקס געבליעבען ליעגען, וויא טויט. באלד אבער האט זיך אויף איהם געוויזען א שוויים. דער דאקטאר איז ניט אפגעטרעטען פון איהם דיא גאנצע צייט, וואס דער שוויים האט געדויערט.

מאקס איז איבערגעשטאנען דיא קריזיס. נאכ'ן שוויים איז ער געשמאק אנט־שלאפען געווארען און איז אפגעשלאפען איינינע שטונדען נאכאנאנד. דיא גרעפין ראדעצקי האט זיך ערשט דאן ערלויבט צו געהן שלאפען, ווען דער דאקטאר האט איהר פערזיכערט, אז דיא געפאהר איז פאראיבער.

דיא גרעפין איז געווען גליקליך. זיא וואלט געטאנצט פאר פרייד, ווען זיא וואלט זיך ניט געשעהמט פאר מענשען.

ווען זיא איז געקומען דעם אנדערן טאג אין דער פריה און האט געפונען איהר זוהן זיצען אין בעט אנגעשפארט אויף קישענס, איז זיא געווארען אויסער זיך. זיא האט ניט געוואוסט וואס צו טאה'ן, איז צוגעלאפען צו איהם, האט איהם ארומגענומען און האט איהם צוגעפרעסט צום הארצען.

— וואס מאכסט דוא, מיין קינד? וויא פיהלסט דוא זיך? האט זיא אויסגע־רופען איין מאל נאכ'ן אנדערן.

— איך האב געהאט שרעקליכע טרוימע, מוטער, האט מאקס געענטפערט.

— זיי פרעהליך, מיין זוהן, דוא וועסט מעהר ניט האבען אזעלכע טרוימע, האט דיא מוטער געענטפערט. דוא ביסט שוין געזונד. דוא וועסט שוין זיין געזונד.

— אך, מוטער! איך האב אבער געהאט גוטע טרוימע אויך, האט מאקס ווייטער געזאגט.

— וואס האסט דוא דען געזעהן אין דיינע גוטע טרוימע?

— איך האב געזעהן עלוויראן, האט מאקס געענטפערט. איך האב זיא געזעהן, וויא זיא איז שעהן, וויא זיא גלאנצט, וויא זיא פינקעלט. זיא האט אנגעבויגען איהר שעהנעם געזיכט צו מיר, האט געשמייכעלט צו מיר און האט מיר א קוש געטאהן אין דיא ליפען. אך, וויא שעהן איז עס געווען! וויא ווארם האב איך מיך געפיהלט! עס איז מיר ווארם געווארען ביים הארצען און איך האב געוואלט ארויסשפרינגען אין דרויסען און לויפען צו איהר.

— קינד, דאס איז געווען נור א טרוים, האט דיא גרעפין געזאגט.

— איך וויים עס, מוטער, איך וויים עס. דערפאר בין איך דאך אזוי טרויעריג. ווען מיר האפען זיך אויף פון א גוטען טרוים, פיהלען מיר זיך פיעל ערגער, אלס ווען מיר האפען זיך אויף פון א שלעכטע טרוים. מיר פיהלען דאן, אז אונזער פאנטאזיע האט אונז אפגענארט. מיר גרייפען נאך עפעס, מיר חאפען נאך עפעס; עס דאכט זיך אונז, אז מיר האבען עפעס אין דיא הענד, מיר עפענען דיא הענד און זעהן, אז זיי זיינען לעדיג.

— און דענאך, מיין קינד, זיינען א מאל טרוימע וואהר, א מאל ווערן זיי מקוים;

א מאל ווייזט אונז דער טרוים, וואס עס וועט זיין מיט אונז, ווי א דער שפיגעל ווייזט אונז אונזער געזיכט.

— וואס הערט זיך עפעס, מוטער? האט מען שוין עפעס א נאכריכט פון עלוויראן?

— דער.ר־ל נאך ניט, מען האפט אבער, אז זיא וועט באלד צוריק קומען.

— אך, מען אפט! נור מען האפט! זאג בעסער, מען טרוימט!

— דער טרוים איז א האפנונג אין שלאף, דיא האפנונג איז א טרוים וואכענדיג. האט דיא גרעפין געענטפערט מיט א זיפץ.

פון דיזען טאג אן איז מאקס געווארען געזונדער און קרעפטיגער. נאני איז מעהר ניט געקומען צו דער גרעפין. עס האט זיך אויסגעוויזען, אז ער ווייכט זיא אויס. דיא גרעפין האט זיך אבער דארויף ניט אומגעקוקט. זיא האט אפנעהיט איהר זוהן און איז ניט אפגעטרעטען פון איהם, ביז ער איז אראפגענאנגען פון בעט.

אין א שעהנעם פריהמארגען איז נאני ווידער געקומען צו זיין פרוי.

— קען איך יעצט מיט דיר רעדען, אייזשעניע? האט ער געפרעגט.

— דוא האסט שטענדיג געקענט מיט מיר רעדען, האט דיא גרעפין געענטפערט מיט א פארוואורף.

— זא לאנג מאקס איז קראנק געווען, איז געווען אונמעגליך מיט דיר צו רעדען וועגען אן ערנסטע זאך, האט נאני געענטפערט. איך האב רעספעקטירט דיין שמערץ און האב ניט געוואלט דיך בעאונרוהיגען. יעצט, ווען מאקס איז שוין געזונד און דוא ביזט ווידער מונטער און פרעהליך, וויל איך מיט דיר רעדען איבער א גאנץ וויכטיגע אנגעלעגענהייט.

— איך קען יעצט הערען אלעס, וואס דוא ווילסט מיר זאגען, האט דיא גרעפין געענטפערט. איך געדענק גאנץ גוט, אז מיט עטליכע טעג צוריק האסט דוא מיר דערצעהלט, אז דיא גרעפין פאן טאקקי איז אוועקגעפאהרען קיין בודאפעסט. דוא האסט געוואלט רעדען מיט מיר דאריבער, עס איז אבער געווען אונמעגליך, מאקס איז דאמאלס געווען זעהר קראנק.

— איך האב ווירקליך געוואלט רעדען מיט דיר דאריבער. איך האב דיר גע־וואלט זאגען, אז דוא מוזט אויך פאהרען קיין בודאפעסט.

— איז דאס אזוי נאטהווענדיג?

— יא, אייזשעניע, עס איז זעהר נאטהווענדיג.

— איך פערשטעה דיך ניט, נאני, איך זעה ניט איין, צו וואס זאל איך יעצט פאהרען קיין בודאפעסט.

— מיר טארען זיא ניט אראפלאזען פון אויג, האט נאני געענטפערט, זא לאנג מיר וועלען זיך זעהן מיט דער גרעפין פאן טאקקי, וועלען רעדען מיט איהר און וועלען איהר ראטהען וואס צו טאהן, וועלען מיר שטענדיג האבען איינפלוס אויף איהר. מיר וועלען זיא האלטען אין דיא הענד און וועלען שטענדיג וויסען, וואס עס הערט זיך.

— אך, נאני! איך בעוואונדער דיך! איך שטוינע, וויא דוא האלסט זיך נאך פעסט אן דיינע פלאנען! זעהסט דוא דען אליין ניט, אז אלע דיינע פלאנען זיינען

צושמאָלצען געוואָרען, וויא דער שנעע ווערט צושמאָלצען פֿון די וואַרימע שטראַהלען פֿון דער זוהן. זעהסט דו דען ניט, אַז אַלעס איז אומזיסט. עלוויראַ איז אַנטלאָפֿען מיט אַרטהור'ן. זיי האָבען שוין געוויס געהייראַטהעט און לעבען ערגעץ גליקליך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָדער אין לאָנדאָן.

וואָס ווערט פֿון אַלע דיעזע שטרעבונגען? צו וואָס זאָלען מיר מאַכען נייע פּלאַנען און זיך פֿערדרעהען אין נייע געשיכטען? לאָמיר זיך אָפּזאָגען פֿון אַלע דיעזע שטאָלצע פּלאַנען. לאָמיר בלייבען אין אונזער שעהנעם שלאָס און לאָמיר לעבען שטיל און רוהיג. איך וואָלט געוועזען גליקליך, ווען איך זאָל נור בלייבען אויף דער הויך, וואו איך געפֿין מיך יעצט.

— פֿאַר דיר איז דאָס גענוג, פֿאַר מיר אָבער איז עס ווענִיג, האָט נאַגי געענטפֿערט שטאָלץ, מיינסט דו ווירקליך, אַז איך האָב אַלעס איינגעשטעלט, מיט אַלעמען ריזיקירט אום נור צו בלייבען דאָס. וואָס איך בין? דענקסט דו ווירקליך, אַז איך האָב בעגאַנגען די שרעקליכסטע פֿערברעכען נור אום צו זיין דאָס, וואָס איך בין יעצט? — נון דאַן האָסט דו אַ טעות. נאַגי איז ניט אַזאַ מענש! נאַגי האָט זיך געשטעלט אַ ציעל, אַז דאָס שלאָס טאָקקי מיט אַלע לענדער אַרום זאָלען איהם געהערען און ער וועט עס. דערגרייכען! — איך האָב אָנגעהויבען גרויס און מוז ענדיגען גרויס. איך בין זיכער, אַז מען וועט אַרטהור'ן און עלוויראַ'ן צוריקברענגען. איך בין זיכער, אַז מאַקס וועט הייראַטהען עלוויראַ'ן, איך בין זיכער, אַז דאָס שלאָס טאָקקי, דאָס שלאָס באַטהיאַני און דאָס גאַנצע געגענד אַרום ביז ראָזענוי וועט געהערען צום באַראָן נאַגי. איך מוז ווערן איינער פֿון די גרעסטע מאַגנאַטען אין אונגאַרן. דאָס איז מיין ציעל, אייזשעניע, איך וועל עס דערגרייכען און דו מוזט מיר העלפֿען דערביי.

— דערווייל אָבער איז דאָך עלוויראַ נאָך ניטאָ? האָט די גרעפֿין געפֿרעגט.

— מען וועט זי ברענגען.

— ווער וועט זי דען ברענגען?

— דערזעלבער ווער עס האָט געמאַכט דעם באַראָן פֿאָן באַטהיאַני פֿאַר אַ פֿאַלש מינצער, דערזעלבער, וועלכער האָט איהם אונטערגעוואָרפֿען די פֿאַלשע באַנקנאָטען, פֿאָהרט יעצט אַרום אין דער טירקיי איהם זוכען.

די גרעפֿין האָט געטראַכט איינִיגע מינוט, דאַן האָט זי געזאָגט:

— יאַ, ווען דערזעלבער מאַן פֿאָהרט אַרום זוכען אַרטהור'ן און עלוויראַ'ן איז מעגליך, אַז ער וועט זיי געפֿינען.

— איך בין זיכער, אַז ער וועט זיי אויסגעפֿינען און וועט זיי ברענגען אַהער, וויא איך בין זיכער, אַז עס איז יעצט טאָג.

— וואָס וועט עס אָבער העלפֿען, וואָס מען וועט זיי ברענגען ווען זיי זיינען שוין פֿערהייראַטהעט?

— מאַקס מעג הייראַטהען אַ וויטווע, האָט דער באַראָן געענטפֿערט קורץ און שאַרף.

די גרעפין האָט גאַנץ לייכט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— אַלזאָ, אייזשעניע, דוא מוזט אין איינינע טעג אַרום פאָהרען מיט מאַקס'ן קיין בודאַפּעסט.

— נאַגי, איבערלעג זיך גוט, האָט די גרעפין געבעטען, מוז עס זיין? איז עס אונבעדינגט נאָטהווענדיג פאַר מיר צו פאָהרען קיין בודאַפּעסט?

— עס מוז זיין אייזשעניע!

— לאָז מיך מיט מאַקס'ן דאָ און פאָהר דוא קיין בודאַפּעסט, האָט די גרעפין געבעטען צום צווייטען מאָהל.

— איך פערשטעהע דיך ניט, אייזשעניע, וואָס האָסט דוא אַזוי מורא צו פאָהרען קיין בודאַפּעסט?

— איך ווייס ניט, וואָס זאָל איך דיר זאָגען, מיר דאַכט, אַז קוים פאָה־רען מיר אַוועק פון דאַנען, וועט זיך אַלעס ענדערען.

— איך פערשטעהע דיר ניט, אייזשעניע, וואָס מיינסט דו דערמיט?

— דאָס הערץ זאָגט מיר אַז קוים וועלען מיר אַוועקפאָהרען פון שלאָס ראַדעצק, וועלען מיר שוין קיינמאָהל ניט צוריק קומען.

— לאָז מיר צורה, מיט דיין הערץ! האָט נאַגי אויסגערופען שטאָלץ און בעפעהלענד, נור עפּעס זאָגט דיר דיין הערץ. — הער שוין אויף דיעזע קינדערייען! — איך זאָג דיר נאָך אַמאָהל, אַז דו מיט מאַקס'ן מוזען פאָה־רען קיין בודאַפּעסט.

— נאַגי, לאָמיר ניט פאָהרען קיין בודאַפּעסט! האָט די גרעפין געבע־טען נאָך אַמאָהל.

דו מוזט אַהין פאָהרען און איך מוז אויך אַהין פאָהרען.

נאַגי, דו קענסט מיך זעהר גוט. דו ווייסט, אַז איך האָב שוין אַמאָהל נעוואָגט צו טאָהן אַנדערע זאַכען, וועלכע דו האָסט פון מיר פערלאַנגט; איך האָב שוין געטאָהן זאַכען, וועלכע פּאַסען זעהר וועניג פאַר אַ פרוי, איך האָב עס געטאָהן דיר צוליעב. איך האָב עס געטאָהן און האָב מיך זאָגאַר ניט איבערלעגט. דאָס מאָהל אָבער בעט איך דיך, לאָז מיך בלייבען אין שלאָס ראַדעצק. איך וויל ניט פאָהרען קיין בודאַפּעסט.

— ווען איך הייס דיר פאָהרען, האָב איך געווים מיינע אורזאַכען. איך ווייס, אַז עס איז נאָטהווענדיג. עס מוז זיין! הער אויף צו רעדען דערפון.

גוט, איך וועל פאָהרען, מאַקס איז איז דאָך אָבער ערשט אויפגעשטאַנען פון אַזאַ שווערע קראַנקהייט. פאַר איהם איז נאָך נעטהיג דיא פרישע לופט פון שלאָס ראַדעצק. איך קען איהם נאָך ניט אַוועקפיהרען אין אַ גרויסע שטאָדט, וואו די לופט איז פערדאָרבען.

— איך האָב שוין דעריבער גערעדט מיט'ן דאָקטאָר, האָט נאַגי גע־ענטפערט, דער דאָקטאָר געפינט, אַז אַזאַ קליינע רייזע וועט שטאַרקען און קרעפטיגען מאַקס'ן. פאַר איהם איז זאָגאַר נעטהיג, ער זאָל זיך אַביסעל צער־שטרייען אין אַ גרויסער שטאָדט. ער דאַרף בעזוכען קאָנצערטען, בעללער און טהעאַטערע. דאָס וועט איהם צערשטרייען און ער וועט פערגעסען אַבי־סעל עלווירא'ן.

— אלזאָ, לאָמיר פאָהרען צוזאַמען, האָט די גרעפין געבעטען, פאָהר דו אויך מיט אונז.

— איך האָב נאָך דאָ צו ענדיגען איינינע וויכטיגע געשעפטען, האָט נאַגי געענטפערט. קוים וועל איך ענדיגען מיינע געשעפטען, וועל איך קומען קיין בודאַפעסט, מיר וועלען נעהמען אַ שעהנע וואָהנונג און מיר וועלען לע־בען עפענטליך אַלס מאַן און פרוי. מיר דאַרפען זיך מעהר ניט בעהאַלטען, די גאַנצע וועלט דאַרף שוין וויסען, אַז מיר זיינען ווירקליך מאַן און פרוי.

דיא גרעפין איז בלייך געוואָרען און געמורמעלט:

— איך האָב עס ערוואַרטעט!

וויא שטיל זי האָט געזאָגט די לעצטע ווערטער, האָבען נאַגי׳ס שאַרפע אויערען זיי דאָך געהערט.

— אַזוי? האָט ער געלאַכט, עס געפעהלט דיר ניט? דו בערייעסט, וואָס דו האָסט מיך געהייראַטהעט? דו ווילסט ניט לעבען מיט מיר עפענטליך?

— עס מאַכט ניט אויס. וואָס געהט מיך אָן, וואָס מענשען וועלען זאָגען?

— אַלזאָ, וואָס האָסטו זיך דערשראָקען, ווען איך האָב דיר ערקלערט, אַז מיר וועלען לעבען צוזאַמען?

— עס איז מיר אונאַנגענעהם פאַר מאַקס׳ן.

— מאַקס וויים וואָס ליעבע איז.

— ער וועט אָבער ניט שטאַרק גלויבען אין אונזער ליעבע.

— איך דענק אַז ער וויים עס שוין, האָט נאַגי בעמערקט, אַלענפאַלס וועט ער עס דאָך מוזען וויסען פריהער אָדער שפעטער. — הער אַלזאָ אויף צו רעדען נאַרישקייטען. מיר מוזען אַמאָהל אויפטרעטען עפענטליך און אָנ־הויבען צו שפיעלען אַ ראָלע אין בודאַפעסט.

די גרעפין האָט ניט געענטפערט. זי האָט מורא געהאַט פאַר דיעזען מענשען און האָט געמוזט טאָהן, וואָס ער האָט פון איהר פערלאַנגט.

נאַגי איז געווען זיכער, אַז זי וועט איהם פאָלגען און איז זיך באַלד אַוועקגעגאַנגען.

עס זיינען ווידער פערגאַנגען אַ פאָר טאָג, אין וועלכע זיי האָבען זיך ניט געזעהן. מאַקס איז געוואָרען פאָלקאָם געזונד.

נאַגי איז ווידער געקומען צו דער גרעפין און האָט איהר געזאָגט אַז זי מוז ענדליך פאָהרען קיין בודאַפעסט, דאָרט נעהמען אַ שעהנע וואָהנונג און זיך עפענטליך פאָרשטעלען אַלס באַראָנעסע פאָן האַללאַוואַי.

— איבערלעג דיך, נאַגי, האָט די גרעפין איינגעווענדעט, בעדענק מיין טרויעריגע לאַגע. איך פאָהר אַליין מיט מיין זוהן. ווען איך קום קיין בודאַ־פעסט און זוך מיר אויס אַ וואָהנונג, מוז איך איהם זאָגען, אַז איך בין שוין קיינע גרעפין פאָן ראַדעצקי, זאָנדערן אַ באַראָנעסע פאָן האַללאַוואַי. וועט דאָס איהם ניט אויסקומען זאָנדערבאַר?

— איך וועל פאָרבערייטען מאַקס׳ן, האָט נאַגי געענטפערט, איך וועל איהם

אַלעס דערצעהלען און וועל איהם ערקלעהרען, אַז עס מוז אַזוי זיין, מאַקס איז אַ קלוגער יונגע, ער וועט אַלעס פערשטעהן. ער וועט מיר צוגעבען אַז איך האָב רעכט.

די גרעפין האָט געשוויעגען.

— אַלזאָ, מאַך זיך פערטיג צו דער רייזע, האָט נאַגי געזאָגט מיט אַ בעפעהלענדען טאָן, איך פערלאַנג, אַז דו זאָלסט מאָרגען פאָהרען.

מעהר האָט ער מיט איהר ניט גערעדט. ער האָט זיך אויסגערדרעהט און איז אַוועקגעגאַנגען.

די גרעפין איז געבליעבען אַליין, זי איז נאָך אַלץ געזעסען אויף איהר אָרט, פערטיעפט אין איהרע טרויעריגע געדאַנקען.

זי האָט זיך אין דער לעצטער צייט שטאַרק פערענדערט. זי האָט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אַז נאַגי און זי האָבען געשפּיעלט אַ געפעהרליכעס שפּיעל. פייער איז אַגוטע זאַך. מיר קענען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, וויא אַזוי מענשען האָבען געלעבט אין יענע אַלטע צייטען, ווען זיי האָבען ניט געוואוסט פון פייער. עס איז אָבער געפעהרליך זיך צו שפּיעלען מיט פייער.

— וואָס טהוט מען? האָט זי ענדליך געפרעגט זיך אַליין, וויא אַזוי זאָל איך ערקלעהרען מאַקס'ן, אַז איך האָב געהייראַטהעט דעם באַראָן נאַגי און ער הייסט מיר יעצט פאָהרען קיין בודאַפעסט? דאָס איז ניט לייכט. ער איז ערשט יעצט אויפגעשטאַנען פון אַזאַ שווערע קראַנקהייט. ער קען נאָך ניט פערגעסען זיין געליבטע עלווירא, וועלכע האָט איהם אַזוי שענדליך פערראַטהען. און יעצט זאָל איך קומען און זאָל איהם דערצעהלען אַזאַ נייעס?

זי האָט געקלעהרט און געטראַכט, האָט אָבער גאָר ניט געקענט אויסטראַכטען.

— עס העלפט ניט! האָט זי ענדליך געזאָגט, ער פאָדערט עס פון מיר ער הייסט מיר פאָהרען, איך מוז איהם פאָלגען! איך מוז געהן צו מאַקס'ן און איהם אַלעס דערצעהלען.

3טער קאַפּיטעל.

מוטער און זוהן.

זי איז באַלד געגאַנגען אין מאַקס צימער. זי האָט איהם געפונען זיצען בייַ זיין שרייב טיש און שרייבען בריעף. זי איז צוגעלאָפען צו איהם, האָט איהם אַרומגענומען און האָט אויסגערופען:

— וויא גליקליך איך בין, וואָס איך זעה דיך ווידער פאָלקאָממען געזונד! ווען דו שרייבסט בריעף, איז דאָס פאַר מיר דער בעסטער בעוויז, אַז דו ביסט שוין אין גאַנצען געזונד און אַלעס איז שוין צוריקגעקומען אין די אַלטע אָרדנונג.

— אַך, יאָ! האָט מאַקס געענטפערט וויא גליקליך וואָלט איך געוועזען, ווען אַלעס זאָל שוין זיין ווידער וויא עס איז אַמאָהל געוועזען. ליידער, איז עס ניט אַזוי. ניט אַלעס איז געבליעבען בּיים אַלטען. פיעלעס האָט זיך געענדערט.

— זיי ניט אַזוי טרויעריג, מיין קינד, האָט איהם די גרעפין בערוהיגט, אַלעס קען דאָך ניט קומען מיט אַמאָל. צו ביסלעכווייס וועט אַלעס ווערען ווידער גוט. צו ערשט דאַרפען מיר זיך זאָרגען פאַר אונזער געזונדהייט. דאַן וועט אַלעס איבעריגע

גוט ווערן. דוא וואלסט יעצט נעדארפט זיך אביסעל צערשטרייען. ווען מען שטעהט אויף פון אזא שווערע קראנקהייט, דארף מען ערגעץ אויספאהרען. איך האב מיך ענטשלאסען, איך זאל מאכען מיט דיר א קליינע רייזע. מיר וועלען פאהרען קיין בוּ־דאפעסט. איך האף, אז דוא וועסט דערמיט צופריעדען זיין.

— ווען דוא ווילסט ערגעץ פאהרען, מוטער, פאר וואס איז דיר אויסגעקומען בודאפעסט? לאמיר בעסער פאהרען ערגעץ אנדערש.

— אין בודאפעסט האבען מיר יעצט א גוטע בעקאנטע.

— ווער איז עס, מוטער?

— דיא גרעפין פאן טאקקי.

— אזוי? וואהנט דיא גרעפין פאן טאקקי שוין אין בודאפעסט?

— יא, מיין קינד.

— דאן, מוטער, פאהר איך מיט דיר. ווען וועלען מיר ארויספאהרען?

— איבערמארגען, אדער פיעלייכט נאך מארגען.

— גוט, מוטער! איך וועל אנגרייטען אלע מיינע זאכען און וועל זיין פערטיג צו דער רייזע; איך גלויב אבער ניט, אז דיעזע רייזע זאל מיך פיעל צערשטרייען. איך קען ניט פערגעסען אלעס, וואס איך האב איבערגעלעבט אין שלאס ראדעצק. איך וועל שטענדיג בענקען אהיים. יעדעס מאל ווען איך וועל מיך דערמאנען אן עלוויראן. וועל איך מיך רייסען אהיים.

— עלווירא וועט אויך קומען קיין בודאפעסט, האט דיא גרעפין בעמערקט.

— וואס רעדסט דוא, מוטער? פון וואנען ווייסט דוא עס, אז עלווירא וועט קומען קיין בודאפעסט?

— נאגי איז זיכער, אז זיא וועט קומען קיין בודאפעסט, ער איז אזוי זיכער, אז איך מוז איהם גלויבען.

א פינסטערער וואלקען האט זיך געוויעזען אויף מאקס בלייכעס געזיכט.

— ווידער נאגי און אבער נאגי! האט ער אויסגערופען. אך, דיעזער נאגי! ער איז דער בייזער גייסט, וועלכער האט געבראכט אלעס שלעכטע אין אונזער הויז. פון איהם קומען אלע אונזערע ליידען. איך האב מורא פאר איהם. איך האב מורא פאר דיעזען קאלטען, איבערלעגטען, רוהיגען מערדער. איך האב מורא, אז ער וועט אונז נאך אלע ארייגשלעפען אין אן אונגליק. מיר וועלען נאך אלע אמאל ליידען דורך איהם.

דיא גרעפין האט א ציטער געטאהן און איז בלייך געווארען. מאקס האט יעצט ווידערהאלט דיעזעלבע ווערטער און דיעזעלבע געדאנקען, וועלכע זיא האט אליין אזוי אפט געזאגט און געטראכט.

ערשט יעצט איז איהר פארגעקומען זעהר שווער צו דערצעהלען איהם, אז זיא איז פערהייראטהעט מיט נאגי. ביז אהער האט זיא געוואוסט, אז מאקס האט איהם ניט שטארק ליעב. יעצט האט זיא זיך איבערצייגט, אז ער האסט איהם, אז ער פעראכטעט איהם, אז ער האלט איהם פארן ערגסטען מענשען פון דער וועלט. וויא אזוי דערצעהלט מען איהם יעצט. אז דיעזער נאגי איז גאר זיין שטיעף פאטער?

— עס איז אונמעגליך! האט זיא געזאגט צו זיך אליין.

— וואס זאגסט דוא, מוטער? האט מאקס געפרעגט. איך האב געהערט דיך עפעס זאגען, האב עס אבער ניט גוט פערשטאנען.

— איך האב נאר ניט געזאגט, מיין קינד. עס האט זיך דיר אויסגעוויזען, אז איך זאג עפעס.

מאקס האט איהר געקוקט גלייך אין דיא אויגען. ער האט זעהר גוט פערשטאנען, אז זיא פערלייקענט עפעס פאר איהם.

— מוטער, זאג מיר דיא וואהרהייט, האט ער געבעטען, איך זעה, אז דוא ווילסט מיר עפעס זאגען און קענסט עס ניט. איך זעה, אז דיך פלאגען און דריקען געהיימע געדאנקען. זאג מיר דיא וואהרהייט, מוטער, וואס איז מיט דיר?

דיא גרעפין האט א זיפץ געטאהן און האט איהם ניט געענטפערט.

— מוטער, איך וויל דיך עפעס פרעגען, ריכטיגער געזאגט, איך וויל בעטען ביי דיר אן אנטווארט אויף א פראגע, וועלכע איך האב דיך שוין עטליכע מאל געפרעגט. דוא פלעגסט מיר קיין מאל ניט וועלען ענטפערן אויף דיעזע פראגע. איך האב געזעהן אז דיעזע פראגע איז דיר אונאנגענעהם. איך מוז עס אבער דאך אמאל וויסען. דוא מוזט מיר דאך א מאל ענטפערן.

— וואס איז, מיין זוהן? וואס ווילסט דוא מיר פרעגען?

— וואו איז מיין פאטער?

דיא גרעפין איז בלייך געווארען.

— וואס זאל איך דיר ענטפערן, מיין זוהן? — דיין פאטער איז טויט.

מאקס האט ערווארטעט דיעזע אנטווארט. זיין מוטער האט איהם שוין אמאל געזאגט, אז זיין פאטער איז טויט. ער האט עס איהר אבער ניט געגלויבט, וויל ער האט עטליכע מאל געהערט, אז זיין פאטער לעבט, ער וואהנט אבער ניט מיט זיין מוטער. זיי האבען זיך צוקריגט. אלס קינד פלעגט איהם זעהר אפט בעשעפטיגען דער געדאנק: וואו איז מיין פאטער? פאר וואס זאל איך ניט זעהן מיין פאטער?

ער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין שרייב טיש, איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט זיך פערטראכט. דיא גרעפין איז געזעסען אויפ'ן דיוואן און האט געקוקט אויף איהר זוהן מיט שמערץ און טרויער. זיא האט זעהר גוט געוואוסט, אז פריהער אדער שפעטער וועט זיא זיך מוזען ערקלערן מיט איהם איבער דיעזען פונקט. זיא האט אבער ניט ערווארטעט, אז ער זאל עס שוין פרעגען, עס זאל שוין קומען צו אן ערקלערונג.

זיא איז צוגעלאפען צו איהם, האט איהם ארומגענומען, האט איהם צוגעפרעסט צום הארצען און האט איהם געפרעגט:

— מאקס, ליעבער מאקס, ליעבסט דוא מיך נאך?

— וואס פרעגסט דוא, מוטער? געוויס ליעב איך דיך.

פאר וואס אלזא האסט דוא זיך אוועקגעקעהרט פון מיר?

— ווייל איך זעה, אז דוא בעהאלטסט עפעס פון מיר. — וואס איז דיר מוטער? איך זעה, אז עפעס פרעסט דיך, עפעס דריקט דיך, עפעס האסט דוא א שווערעס געהיימניס, וועלכעס דוא ווילסט בעהאלטען פאר מיר.

— די גרעפין האט א שווערען זיפץ געטאהן און האט געזאגט:

— לאמיר דערפון ניט רעדען, מאקס.

— פאר וואס איז, מוטער? פאר וואס זאלען מיר דערפון ניט רעדען? מיט וועמען דען קענסט דו דאריבער רעדען, ווען ניט מיט מיר? — אך, מוטער! דו ביסט אליין, דו האסט קיינע פריינד, קיינע פערוואנדטע, קיין מענשען, וועמען דו קענסט פערטרויען דיינע געהיימניסע, אויסער מיר. פאר וואס אלזא זאלסט דו זיך בעהאלטען פון מיר? פאר וואס זאלסט דו מיר ניט אלעס זאגען? איך בין דיין איינציגער זוהן, איך בין שוין קיין קינד. איך מעג אלעס הערן, איך מוז אלעס וויסען.

די גרעפין האט געציטערט, ווען מאקס האט גערעדט צו איהר אזוי הערצליך, אזוי פריינדליך און אזוי צוטרויליך. דאס הערץ האט איהר געריסען, זיא האט געוואלט רעדען אמאל מיט איהם פריי און אפענהערציג, וויא א מוטער צו א קינד. זיא האט עס אבער ניט געקענט. זיא האט אראפגעלאזען דעם קאפ צו דער ערד און האט געשוויגען.

— זאג מיר, מוטער, וויא וויט שטעהסט דו מיט דיעזען טייפעל אין מענשענ־געשטאלט, מיט דיעזען נאני? האט מאקס געפרעגט, האט ער דיך פיעלייכט אויך אנגערעדט, דו זאלסט בעגעהן איינע פון זיינע שרעקליכע פערברעכען? זאג מיר די וואהרהייט, האסט דו איהם געהאלפען אין זיינע דונקעלע פלאנען? זאג עס מיר, מוטער, איך בעט דיך!

די גרעפין איז געשטאנען, וויא א מענש, וועלכען מען האט נור וואס פער־אורטהיילט צום טוט. זיא האט נאך קיין מאל ניט געהערט מאקס'ן רעדען אזוי צו איהר. זיא האט ניט געוואוסט, וואס איהם צו ענטפערן און דאך האט זיא געמוזט איהם ענטפערן. זיא האט געמוזט איהם עפעס זאגען. זיא האט געמוזט זיך פער־טהיידיגען פאר איהם, וואס זיא האט געהייראטהעט נאני'ן.

— ליעבער מאקס, נאני איז גאר ניט אזוי שלעכט, וויא דו מיינסט, האט זיא ענדליך געזאגט. ער איז אביסעל צו איבעראיילט און ווען ער וויל עפעס אויס־פיהרען —

— שרעקט ער זיך ניט איבער פאר קיינע מיטעל, האט מאקס אויסגעכאפט ביי איהר די רעד פון מויל. איך וויס, מוטער, וואס פאר מיטעל נאני געברויכט אום צו דערגרייכען זיין ציעל.

די גרעפין האט איהם אנגעקוקט ערשטוינט. זיא האט ניט געוואוסט, אז מאקס האסט נאני אזוי שטארק. איהר איז יעצט דאפעלט שווער געווען צו רעדען מיט איהם וועגען נאני. עס איז געווען אונמעגליך, זיא זאל איהם יעצט דערצעהלען, אז דיעזער נאני איז איהר מאן.

— מוטער, דערצעהל מיר אלעס! פערטרוי מיר! האט מאקס געבעטען.

— איך האב דיר ניט וואס צו דערצעהלען, דו ווייסט אלעס, האט זיא קוים, קוים ארויסגעזאגט.

— אך, מוטער! עס איז ניט אלעס! איך זעה אויף דיין געזיכט, איך לעז אין דיינע אויגען, אז דו ווילסט מיר עפעס זאגען, דו קענסט עס אבער ניט.

די גרעפין האט זיך געזיי'עהט, האט געשוויעגען, האט געזיפצט און האט ווייטער געשוויעגען. ענדליך האט זיא געזאגט:

— יא, מיין ליעבער זוהן, דוא האסט רעכט. איך האב ווירקליך עפּעס דיר צו זאגען, דענק אבער ניט, ליעבער מאקס, אז איך האב בעגאנגען עפּעס א פערברעכען עס איז עטוואס גאנץ אנדערש, וואס איך האב געמוזט בעהאלטען פאר דיר.

— איך האב באלד דערקענט, אז דוא ווילסט מיר עפּעס זאגען.

די גרעפין אבער האט געשוויעגען.

— אלזא מוטער, וואס ווילסט דוא מיר זאגען? האט מאקס געפרעגט.

— איך קען עס דיר יעצט ניט זאגען, האט די גרעפין געענטפערט, מיר קלייבען זיך אין וועג אריין, אויפ'ן וועג וועל איך דיר אלעס דערצעהלען. — איך וועל דיר דאן דערצעהלען אלעס, אלעס!

זיא איז צוגעלאפען צו איהם, האט איהם ארומגענומען, האט איהם א קוש געטאהן און איז ארויסגעלאפען פון צימער.

מאקס איז געשטאנען איינינע מינוט, וויא א פערשטיינערטער. ער האט נאך קיין מאל ניט געזעהן זיין מוטער אזוי אויפגערעגט.

— ארימע מוטער! האט ער אויסגערופען, ווער וויים, צו וואס דיעזער טייפעל, דער נאני, האט דיך פערפיהרט!

די אונגליקליכע גרעפין האט יעצט ווירקליך ניט געקענט רעדען מיט איהר זוהן. נאני האט איהר איינגערעדט, אז מאקס איז א נארר. יעצט האט זיא זיך איבערצייגט, אז מאקס פיהלט אלעס און וויים אלעס.

דעם אנדערן טאג איז א שווערע קארעטע ארויסגעפאהרען פון שלאס ראדעצק. אין איהר זיינען געזעסען צוויא מענשען — די גרעפין ראדעצקי און איהר זוהן מאקס.

4טער קאפּיטעל.

אן איבערראשונג.

אין שלאס ראדעצק איז יעצט געווארען נאך שטילער, נאך רוהינער און נאך שלעפּעריגער. די גרעפין האט מיטגענומען מיט זיך צוויא קאמערמעדכען. מאקס האט מיטגענומען צוויא לאקייען. אין שלאס זיינען געבליעבען זעהר ווענינ מענשען.

נאני האט זיך פערשלאסען אין זיינע צימער און האט קיינעם ניט צוגעלאזען צו זיך. ער איז געווען בעזאנדערס בעשעפטיגט. ער האט אנגעזאגט, אז מען זאל קיינעם ניט אריינלאזען. ווען עס וועט קומען א גאסט, זאל מען איהם זאגען, אז קיינער איז ניטא אין דערהיים.

די דיענער זיינען שוין געווען געוואינט דערמיט. עס פלעגט פארקומען זעהר אפט, אז נאני פלעגט זיך פערשפארען אין זיינע צימער און פלעגט קיינעם ניט אריינלאזען. די דיענער, וועלכע פלעגען איהם ברענגען עסען, האבען צוואר בעמערקט, אז אין אזעלכע צייטען פלעגט נאני שטענדיג האבען אויסגעשמירטע פינגער. אויף זיינע קליידער פלעגט מען דאן געפינען פלעקען פון אלערליי פארבען.

— דער באראן איז א גרויסער בעמיקער, פלעגען די דיענער רעדען צווישען זיך, ער וויל מאכען פון שטיינער געלד.

אזוי זיינען פערגאנגען עטליכע טעג. ענדליך האט נאני געענדיגט זיין ארבייט. ער האט ווידער געעפענט זיינע צימער און האט געהייסען זיינע דיענער צונויפפאקען זיינע זאכען און אנגרייטען זיין קארעטע.

— איך פאהר מארגען קיין בודאפעסט, האט ער זיי געזאגט.

אבענדס איז ער געזעסען אין זיין שרייב צימער און האט געשריעבען בריעף. דאן האט ער אריינגערופען זיין פערוואלטער און האט איהם אנגעזאגט, וואס ער זאל טאהן און וויא ער זאל פיהרען דיאווירטהשאפט אין דער צייט, וואס ער וועט ניט זיין אין דערהיים.

פלוצלונג איז אריינגעקומען א דיענער און האט איהם דערלאנגט א גרויסען בריעף מיט א רויטען זיעגעל. נאני האט בעטראכט דעם בריעף און האט ניט געפונען אויף איהם קיין סטעמפעל פון א פאסט.

— ווער האט געבראכט דיעזען בריעף? האט ער געפרעגט דעם דיענער.

— א זשאנדארם, האט דער דיענער געענטפערט.

נאני האט זיך געאיילט צו ענדיגען מיט זיין פערוואלטער און האט איהם גע-הייסען ארויסגעהן.

קוים איז ער געבליעבען אליין, האט ער האסטיג אויפגעריסען דעם קאנווערט פון'ם בריעף און איז איהם דורכגעלאפען מיט דיא אויגען. — דער בריעף איז ארויס-געפאלען פון זיינע הענד.

דאס איז געווען אן אויפפאדערונג פון געריכט פון שטעדטעל ראזענוי. דאס געריכט האט געפאדערט, אז דער באראן נאני פאן האללאוואאי זאל מארגען קומען אין געריכט.

— וואס איז דאס? האט נאני אויסגערופען און האט א ווארף געטאהן דעם בריעף אויפ'ן טיש.

ער איז אויפגעשפרונגען פון זיין שטוהל און האט אנגעהויבען ארומצוגעהן אין זיין צימער הין און צוריק.

— וואס זאל דאס הייסען? האט ער געברומט און זיך געבייזערט, וואס וויל דאס געריכט פון ראזענוי פון מיר? וואס האב איך צו טאהן אין געריכט? — זאלען זיי עפעס וויסען? זיינען זיי דארט עפעס געוואהר געווארען? — ניין, דאס קען ניט זיין! ווען זיי לאדען מיך איין אזוי העפליך, ווייסען זיי פון גארנישט. דאן מוז עס זיין אנאנדערע אנגעלעגענהייט. —

אלענפאלס מוז איך דורכפאהרען דאס שטעדטעל ראזענוי אויף מיין וועג קיין בודאפעסט, איך וועל דאן אריינגעהן אויף איינינע מינוט אין געריכט און וועל הערן, וואס דארט איז געשעהן. עס איז געוויס א קלייניגקייט. ווען מען זאל וויסען עטוואס וויכטיגעס, וואלט מען מיך ארעסטירט.

ער האט זיך צווואר בערוהיגט, האט געהייסען זיך געבען עסען און האט געגעסען

אנץ פרעהליך, זיעניך איז ער א גאנצע נאכט ניט געשלאפען. ער האט אלץ ניט געקענט פערגעסען, וואס מען האט איהם אזוי פלוצלונג גערופען אין געריכט.

גאנץ פריה האט ער געהייסען איי:פאקען זיינע זאכען און איינ:פאנען. אום צעהן אוהר איז ער פערפאהרען מ:ט זיין קארעטע, מיט זיינע דיענער און מ:ט זיינע לאקייען גלייך צום געריכטס האף. דיא לאקייען האבען געעפענט דיא קארעטע און נאני איז שטאלץ אראפגעשפרונגען און איז ארויפגעגאנגען אויף דיא ברייטע טרעפ פון געריכטס הויז.

ווען ער איז אריינגעקומען, איז ער גלייך צוגעגאנגען צום ריכטער און האט איהם געזאגט:

— הערר ריכטער, איהר האט מיך געשיקט רופען, וואס פערלאנגט איהר פון מ:ר?

— ווער זייט איהר דען, מיין הערר? האט דער ריכטער געפרעגט.

— איך בין דער באראן נאני פאן האללא:וואי.

— אט, וואס איהר זייט געקימען, האט דער ריכטער געזאגט, איך האב מיט אייך עפעס צו רעדען.

דער ריכטער האט איהם געבעטען, ער זאל אריינגעהן מיט איהם אין א בעזונ־דער צימער.

ווען זיי זיינען געווע: אליין, האט דער ריכטער איהם געזאגט:

— הערר באראן, איך האב אייך געשיקט רופען אין א זאנדערבארע אנגעלע־גענהייט. איך ווייס נאך אליין ניט וואס צו דענקען פון דיעזער געשיכטע. עס איז אבער מיין פפליכט צו טאהן אלעס, וואס איך קען אום אויסצוגעפינען דיא וואהרהייט.

— זאגט הערר ריכטער, וואס איז דארט געשעהן?

— קענט איהר א מאן מיט'ן נאמען יאהאן שעק?

נאני איז געווארען אונרוהיג. ער האט זיך צוואר ענטשלאסען צו זיין פרעך און שטאלץ געגען אלעמען. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז פרעכהייט און ליגען זיינען דיא בעסטע מיטעל געגען עהרליכע מענשען. פרעכהייט קען אייך זאגען אין דיא אויגען, אז צוויא מאל צוויא איז פינף, און וועט זיך גאר ניט שעהמען. דער פערהארטע־טעטער, פערשטיינערטער, ביז צום מארך פון דיא ביינער פערדארבענער פערברעכער דרעהט זיך אמאל אום דורך א פרעכען ליגען.

וויא פרעך[וויא אונפערשעמט נאני אונז געוועו, האט איהם דאך אנגעהויבען צו קלאפען דאס הערץ, ווען דער ריכטער האט איהם דערמאנט דעם נאמען שעק. ער האט אבער געמוזט ענטפערן. אין א סעקונדע האט ער זיך איבערלעגט, וואס צו זאגען. ער האט ארויפגעצויגען אויף זיך דעם פאנצער פון פרעכהייט און האט געענט־פערט שטאלץ:

— יא, איך קען איהם.

— דיעזער שעק זאגט, אז איהר זייט אויף איהם אנגעפאלען, האט דער ריכטער געזאגט.

— אהו דער טוינעניכטס! דער דיעב! האט נאני אויסגערופען, ער וואגט

עס מיך צו פערקלאגען? שטעלט אייך פאר, הערר ריכטער, וואס פאר א טויגעניכטס דאס איז. ער האט געדיענט ביי מיר און איך פלעג איהם שיקען האקען האָלץ און וואלד פון טשעמני. איך האב אנגעהויבען צו בעמערקען, אז ער בעגנבעט מיך. אין האב איהם ניט געוואלט פערקלאגען, ווייל ער איז זעהר ארים און איך האב מיטלייד געהאט מיט איהם. מיט איינינע טעג צוריק בין איך אבזיכטליך נעגאנגען ביי נאכט אין וואלד זעהן, אויב מיינע ווערבטער היטען אפ דאס האָלץ. איך האב געטראפען דעם טויגעניכטס שעק, וויא ער האט פערקויפט א אידען עטליבע פוהרען האָלץ. דאס האט מיך אזוי פערדראסען, אז איך בין אויפגעקאָכט געווארען און האב איהם אביסעל דורכגעשלאגען. דאס איז אלעס, הערר ריכטער.

— דאס איז ניט אלעס, האט דער ריכטער געענטפערט, איהר האט איהם געטויטעט. ער איז נאך ניט טויט, דער דאקטאר אבער זאגט, אז ער וועט שטארבען. אלענפאלס זייט איהר פערקלאגט, אז איהר האט געשלאגען א מענשען אזוי שטארק, אז ער איז דערפון געשטארבען.

— אום גאטעס ווילען! האט נאגי אויסגערופען, טאר איך שוין גאר ניט טאהן איינעם, ווען איך טרעף איהם, אז ער בערויבט מיך?

— איהר מעגט הייסען איהם ארעסטירען, איהר אליין דארפט איהם אבער ניט שלאָגען.

— איך בין קיין אדוואקאט, הערר ריכטער, האט נאגי געזאגט שטאלץ און פרעך, איהר וועט דאך אבער צוגעבען, אז דער באראן נאגי פאן האללאוואאי איז שטענדיג בערייט צו שטעלען זיך פאר א געריכט און זיך פעראנטווארטען. יעצט, הערר ריכטער, האב איך קיין צייט. מיינע געשעפטען פארדערן, איך זאל באלד פאהרען קיין בודאפעסט. איך וועל אין א קורצער צייט זיין צוריק און וועל מיך שטעלע, פארן געריכט

דער ריכטער האט געטראכט איינינע אויגענבליקע, דאן האט ער געזאגט:

— גוט, הערר באראן! ווען איהר האט יעצט קיין צייט, מעגט איהר אייך פאהרען, איהר מוזט מיר אבער געבען אייער עהרענוואָרט און זיך אונטערשרייבען, אז איהר וועט ניט אריבערפאהרען דיא גרענעץ פון עסטרייך־אונגארן.

— איך וואלט קיין מאל ניט געגלויבט, אז איהר זאלט געפינען אזא קלייניגקייט פאר וויכטיג גענוג אום צו פארדערן פון באראן נאגי פאן האללאוואאי אזא אונטערשריפט. פערגעסט ניט, הערר ריכטער, ווער דיעזער שעק איז — א האָלץ העקער, א גאנץ איינפאכער האָלץ העקער!

— דאס איז אלעס גאנץ ריכטיג, האט דער ריכטער בעמערקט, א האָלץ העקער איז אבער אויך א מענש און איך מוז אויסשטעלען א געגויעם פראטאקאל איבער דיעזע אנגעלעגענהייט. שעק האט געזאגט איבער אייך נאך אנדערע זאכען, צוואר מיר גלויבען איהם ניט. מיר זעהן, אז ער איז בייז אויף אייך, אזא מענשען איז ניט זעהר לייכט צו גלויבען, ער האט אבער דאך דערצעהלט זאכען....

נאגי האט א ציטער געטאהן. ער האט זעהר גוט געוואוסט, וואס שעק קען דערצעהלען פון איהם. ער האט אבער געוואוסט, אז יעצט איז דיא צייט צו זיין פרעך

און צו זאגען ליגען, אויף וואס דיא וועלט שטעהט. ער האט דאהער געפאסט מוטה און האט אויסגערופען מיט א געלעכטער:

— וואס נאך האט דער טויגעניכטס געקענט דערצעהלען פון מיר?

— עס טהוט מיר לייד, וואס איך קען אייך ניט זאגען אלעס, וואס ער האט פון אייך דערצעהלט, איך האב דאך אייך שוין געזאגט, אז מיר גלויבען איהם ניט.

— אלזא, צו וואס האט איהר מיך געשיקט רופען?

— דאס געזעץ פאָרדערט אזוי. עס איז זעהר מעגליך, אז מיר וועלען אייך שי־קען א צווייטע פארלאדונג. מיר מוזען דאך הערען אייער ערקלערונג אויך. עס איז א בעזאנדערער פאלל, וועלכען מיר מוזען גאנץ גענוי אונטערזוכען.

— איך פערשטעהע אייך ווירקליך ניט, הערר ריכטער, האט נאגי געזאגט שטאָלץ, איהר אליין פערשטעהט זעהר גוט, אז עס איז ניט דער מיהע ווערטה צו מאכען א ווענו פון אזא טויגעניכטס, וויא דיעזער שעק און איהר פערלאנגט פון מיר, איך זאל מיך אונטערשרייבען, אז איך וועל ניט ארויספאהרען פון אונגארן? דאס קומט מיר פאר זאָנדערבאר.

— ליעבער באראן, מיר זיינען דיענער פון'ם געזעץ און מיר מוזען טאהן אלעס, וואס דאס געזעץ שרייבט אונז פאָר אין אזא פאל.

— נון, גוט, הערר ריכטער, דאן גיב איך אייך מיין עהרנוואָרט אלס באראן, אז איך וועל ניט ארויספאהרען פון עסטרייך־אונגארן.

דער ריכטער האט ארויסגענומען א פאפיער און האט געבעטען דעם באראן, ער זאל זיך אונטערשרייבען.

נאגי האט אונטערשריעבען דאס פאפיער און האט עס זאגאר ניט געלעזען.

— ווען דענקט איהר צוריק צו קומען קיין ראדעצק? האט דער ריכטער א פרעג געטאהן אונטער דער האנד.

— אין דרייא — פיער וואכען ארום, האט נאגי געענטפערט.

— וואו וועט מען אייך קענען געפינען, ווען מען זאל דארפען אייך איבערשיקען א פאפיער?

— איהר קענט שרייבען קיין בודאפעסט אויף דיא אדרעסע פון מיין פריינד, דעם גראף מעראס, דער ערצבישאָף פון אונגארן. איך וועל וואהנען ביי איהם אין פאלאץ.

דער נאמען גראף מעראס האט געווירקט. דער ריכטער האט איינגעזעהן, אז ער האט צו טאהן מיט א מענשען, וועלכער וועט האלטען קוואַרטיר ביי גראף מעראס ביי איינעם פון דיא גרעסטע מאגנאטען אין אונגארן.

— אלזא, הערר ריכטער, מעג איך פאהרען מיין וועג?

— יא, הערר באראן, איהר מעגט פאהרען, האט דער ריכטער געענטפערט.

— איך בין זיכער, אז איהר וועט זיך באלד איבערצייגען, אז מיט אזעלכע לומפען, וויא דער האַלץ העקער שעק, דארפט איהר גאר ניט רעדען.

— עס העלפט ניט, הערר באראן, א ריכטער מוז אלעס אויסהערען און טאהן, ויא ער פערשטעהט.

נאני האט אבשיעד גענומען פון'ם ריכטער און איז זיך ארויסגעגאנגען. ער איז באלד אוועקגעפאהרען קיין בודאפעסט.

5טער קאפיטעל.

דיא ערקלערונג.

דיא גרעפין פאן ראדעצקי איז געפאהרען מיט איהר זוהן קיין בודאפעסט. זיי זיינען געפאהרען לאנגזאם, ווייל דאס וועטער איז געווען שעהן און זיי האבען ניט גע־האט, וואס זיך צו איילען.

א גאנצען וועג האט מאקס געוואַרט, אז זיין מוטער זאל איהם ערקלערן, וואס עס פרעסט זיא אזוי. זיא האט אבער געשוויגען. זיי האבען גערעדט פון אלערליי זאכען, נור ניט פון איהר געהיימנים.

ענדליך זיינען זיי אנגעקומען קיין בודאפעסט און זיינען פערפאהרען אין דעם בעסטען האטעל.

דעם ערשטען אבענד זיינען זיי געווען זעהר מיעד און האבען זיך באלד געלעגט שלאפען. דעם אנדערן טאג זיינען ביידע א גאנצען טאג ארומגעגאנגען און האבען גע־זוכט א וואהנונג, וועלכע זאל פאסען פאר זיי.

אבענדס זיינען מוטער און זוהן געזעסען אין זייער צימער. יעדער פון זיי איז געווען פערטיפט אין זיינע אייגענע געדאנקען.

פלוצלונג האט זיך מאקס אומגעקוקט אין צימער און האט זיך עפעס דערמאַנט.

— וואס זאל דאס זיין? האט ער אויסגערופען. דאס צימער איז מיר בעקאַנט. איך בין דאָ אמאל געוועןן!

דערביי האט ער זיך ווילד ארומגעקוקט.

— וואס איז דיר, מאקס? וואס האסט דוא זיך אזוי דערשראָקען?

— אך! עס איז דאסזעלבע צימער, האט מאקס געזיפצט, איך דערקען עס.

— וואס איז דיר, מאקס? וואס רעדסט דוא? איך פערשטעה דיך ניט. וואס האסט דוא זיך אזוי איבערגעשראָקען?

— אך, מוטער! ווייסט דוא, אין וואס פאר א צימער מיר געפינען זיך?

— איך ווייס עס ניט, קינד!

— צוריק מיט איינינע מאנאטע בין איך געווען אין בודאפעסט. איך בין איינ־געשטאנען אין דעמזעלבען צימער. דאמאלס איז צו מיר געקומען א מאן און האט מיך אויסגעפרעגט: ווער איך בין? ווער מיין פאטער איז געווען? וואו מיין פאטער איז? וואו מיין מוטער געפינט זיך? — און נאך אזעלכע פראגען. — אך, מוטער! דאס איז געווען דערזעלבער, וועלכען איך האב דערנאָך געטויטעט אין וואלד ניט וויט פון ראדעצק.

— רעד ניט פון איהם, מאקס, האט זיין מוטער געבעטען.

— איך אליין וויל ניט רעדען פון איהם, האט מאקס געזאגט, איך ווייס אבער אליין ניט, פאר וואס דיעזער מענש קומט מיר אלץ פאַר. זיין בילד שטעלט זיך מיר

פאַר די אויגען. ער דערמאָנט מיך אָן עפּעס, רופט מיך, קריעכט צו מיר און פרעגט מיך, פאַר וואָס איך האָב איהם געטוידטעט.

— דענק ניט אָהן איהם, מאַקס! פערגעס איהם!

— איך קען עס ניט, מוטער! ווייסט דו, ויער עס האָט געוואָהנט אין צווייטען צימער לעבען אונז? דער באַראָן אַרטהור פאָן באַטהיאַני. אין דיע־זען צימער האָט מען איהם אַרעסטירט. פון דיעזען צימער האָט מען איהם אַוועקגעפיהרט אין געפענגניס.

— לאָמיר בעסער רעדען פון עפּעס אַנדערש, האָט די גרעפין געבעטען.

— גוט, מוטער! דו האָסט מיר צוגעזאָגט צו דערצעהלען דיין געהיימ־ניס אויפ'ן וועג קיין בודאַפּעסט. דו האָסט עס ניט געטאָהן. דו ביסט געוועזען צערשטרייט. טהו עס יעצט, מוטער! דערצעהל מיר יעצט, וואָס איז מיט דיר? וואָס פאַר אַ געהיימניס דריקט דיך?

— איך בין יעצט ניט אויפגעלעגט, האָט די גרעפין געזאָגט שטילער־הייט. לאָז עס אָפּ אויף מאָרגען.

— ניין, מוטער! דו קריינקסט מיך מיט דיין שווייגען מעהר וויא מיט דעם שרעקליכסטען געהיימניס, האָט מאַקס געזאָגט, וויא צו זיך אַליין. איך ווייס דאָך שוין גאָר ניט, וואָס איבערצוטראַכטען. זאָג עס מיר בעסער, וועל איך מיך בערוהיגען.

די גרעפין האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן ביידע הענד און האָט זיך פערטראַכט. זי האָט זעהר גוט איינגעזעהן, אַז יעצט איז געקומען די שטונדע, ווען זי מוז זיך שוין ערקלעהרען. זי קען שוין מעהר ניט פערשווייגען, אין וועלכער בעציהונג זי שטעהט מיט'ן באַראָן נאַגי.

זי האָט צוגערוקט איהר שטוהל צום טיש, לעבען וועלכען מאַקס איז געזעסען און האָט איהם געזאָגט:

— ליעבער זוהן, איידער מיר זיינען אַרויסגעפאָהרען פון שלאָס ראַדעצק, האָסט דו מיר געזאָגט, אַז דו ליעבסט מיר אונענדליך.

— געוויס, מוטער! איך זאָג עס דיר נאָך אַ מאָהל, אַז איך ליעב דיר זעהר שטאַרק.

— וועסט דו מיך אויך ליעבען, ווען דו וועסט געוואָהר ווערען פון מיר עטוואָס אונאָנגענעהמעס?

מאַקס האָט געוואָרפען אַ פאַרשענדען בליק אויף זיין מוטער. דיעזע פראַגע איז איהם פאָרגעקומען עטוואָס זאָנדערבאַר.

— דו ביסט מיין מוטער, האָט ער געענטפערט, איך מוז דיך ליעבען.

די גרעפין האָט געפיהלט, וויא עס האָט איהר אַ ריס געטאָהן ביים הארצען ביי דיעזע ווערטער. עס האָט איהר צונויפגעצויגען דעם האַלז און זי האָט ניט געקענט אַרויסזאָגען אַ וואָרט.

— וואָס ווילסט דו מיר דען זאָגען, מוטער? האָט מאַקס געפרעגט.

די גרעפין האָט געחאַפּט איהר זוהנ'ס האַנד און האָט זי צוגעפרעסט צו איהר ברוסט.

— מאקס, מיין קינד! אלעס, וואס איך האב געטאהן, האב איך עס געטאהן אוים ליעבע צו דיר, האט זיא ענדליך געזאגט.

— וואס האסט דוא דען געטאהן, מוטער?

— איך האב געטאהן א זאך. וועלכע וועט דיך געוויס איבערראשען.

— מוטער! דוא מאכסט מיך וואהנזיניג! האט מאקס אויסגערופען, איך זעה, אז דוא האלסט זיך אימער צוריק. ווען דוא ווילסט מיר זאגען, וואס דוא האסט גע־טאהן. איך ווייס שוין גאר ניט וואס איבערצוטראכטען. זאג מיר ענדליך און בערוהיג מיך.

— מאקס, מיין זוהן, איך בין שוין ניט מעהר דיא גרעפין פאן ראדעצקי.

— וואס מיינסט דוא דערמיט, מוטער? איך פערשטעה דיך ניט.

— איך האב געענדערט מיין נאמען.

— דאס איז זאנדערבאר! דאס בעגרייף איך ניט! צו וואס פאר א צוועק האסט דוא געענדערט דיין נאמען?

— איך האב יעצט אנאנדערן נאמען, האט דיא גרעפין ערקלערט.

— מוטער, פאר וואס זאלסט דוא רעדען צו מיר אין רעטענישען? האט מאקס ענדליך אויסגערופען, קענסט דוא דען ניט מיר ערקלערן פריי און אפענהערציג, וואס מיט דיר איז פארגעקומען?

מאקס איז נאך געוועזן צו יונג. ער האט ניט געקענט דיא פרויען; ער האט ניט געוואוסט, אז שעהמען זיך איז דער הויפט כאראקטער צוג פון א פרוי. וויא פערדאר־בען א פרוי קען זיין, בלייבט נאך ביי איהר שטענדיג איבער א געוויסע פארציאן פון שעהמען זיך. א פרוי איז ניט אזוי לייכט ארויסצחאגען, וואס עס פעהלט איהר. זיא קען ניט געשטעהן (זיך מודה זיין), אז זיא האט בעגאנגען א פעהלער.

דיא גרעפין האט געשוויעגען, עס איז איהר געווען אונמעגליך ארויסצוזאגען, אז זיא איז געווארען נאגי׳ס פרוי. ערשטענס, איז ער איהר זוהן און צווייטענס, האט ער פיינד דעם באראן נאגי, וויא דעם טויט.

— וואס שווייגסט דוא, מוטער?

— וואס זאל איך דיר זאגען, איך בין שוין קיין וויטווע ניט.

מאקס איז אפגעשפרונגען און האט בעטראכט זיין מוטער מיט שרעק און שטוינען.

עס איז פערגאנגען א געראומע צייט, איידער מאקס האט געקענט ארויסזאגען א ווארט. ענדליך האט ער אויסגערופען:

— האב איך ריכטיג געהערט? איז עס וואהר?

— יא, מאקס, עס איז וואהר.

— דוא האסט געהייראטהעט?

— יא, מיין קינד.

— וועמען האסט דוא געהייראטהעט? וועמען האסט דוא געגעבען דיין האנד?

דיא גרעפין האט געזעהן, וויא מאקס איז געווארען אויפגערעגט און האט גע־שוירען.

— זאָג דאָך, מוטער, דערצעהל מיר שוין אַלעס! לאָמיך שוין וויסען, וועמען האָסט דו געהייראַטהעט?

— דעם — באַראָן — נאַ — גי!

— גאָט אין הימעל! וואָס הער איך? האָט מאַקס אויסגערופען, — איז עס מעגליך? איז עס וואהר?

— עס איז וואַהר, מיין זוהן.

מאַקס איז געפאַלען אויפ'ן דיוואַן, וויא אַ דערשלאָגענער, און האָט פערגראָבען זיין געזיכט אין אַ קישען.

די גרעפין האָט געשוויעגען. פון צייט צו צייט האָט זיך אַרויסגעריסען פון מאַקס ברוסט אַ קרעכץ, אַ ברום, אַ זיפץ, אַ טאָן פון שמערץ און ליידען. אַזוי קרעכצט אַ ווילדעס טהיער, ווען עס איז פערוואונדעט; אַזוי קרעכצט אַן אָקס, ווען זיין מערדער שטעכט איהם אַריין דאָס מעסער אין האַרצען.

אַך! גאָט! האָט מאַקס ענדליך אויסגערופען, אַך, גאָט! בעשיץ מיך, איך זאָל ניט וואַהנזיניג ווערען! — נאַגי, — דער שלעכטער, ווילדער, אונמענשליכער נאַגי, איז מיין פאָטער! — אַך, ניין! איך קען דאָס וואָרט ניט אַרויסזאָגען. איך גלויב עס ניט! עס איז אונמעגליך!

— מאַקס! מיין זוהן! עס איז געשעהן, איך קען עס שוין ניט ענדערן! האָט די גרעפין געבעטען און געוואָלט אָנחאַפּען איהר זוהן ביי דער האַנד.

מאַקס האָט אַרויסגעריסען פון איהר זיין האַנד און האָט זי לאַנגזאַם אָוועקגעשטויסען פון זיך.

— לאָז מיך! האָט ער געשריען, געה אַוועק פון מיר! דו ביסט ניט מעהר מיין מוטער! איך ווייס אַליין ניט, אויב איך זאָל דיך פערדאַמען, בעדויערן, בעקלאָגען אָדער פערפלוכען...

— האַלט איין, מאַקס! רעד ניט אַזוי, מיין זוהן!

— הער נור מוטער! האָט מאַקס אויסגערופען ערנסט און פינסטער. — הער מיך אויס, מוטער! איך ווייס אייגענטליך ניט, ווער מיר זיינען; איך ווייס ניט, צו וואָס פאַר אַ פאַמיליע מיר געהערען; איך ווייס ניט, אויב איך האָב גאָר אַ רעכט צו פיהרען דעם נאָמען, וועלכען איך פיהר. איין זאַך אָבער ווייס איך פאַר געווים: ווער מיר זאָלען ניט זיין; מיר מעגען זיין די ערגסטע און די ניעדעריגסטע מענשען אויף דער וועלט, דער נאָמען נאַגי בעדעקט אונז מיט שאַנדע און מיט פעראַכטונג. דער נאָמען נאַגי איז אַ שרעק פאַר אַלעמען.

ער האָט אָנגעהויבען צו שפּרינגען און צו טאַנצען, וויא אַ וואַהנזיניגער.

— געה אַוועק פון מיר, דו שלעכטע פרוי! האָט ער געשריען אין דער הויך, איך וויל דיך מעהר ניט קענען! איך וויל מיך מעהר ניט אָנגעהערען מיט נאַגים פרוי, געה אַוועק, אָדער איך וועל מיך טוידטען און דיך טוידטען.

ער האָט געחאַפּט דאָס מעסער פון טיש און האָט איהם אויפגעהויבען געגען זיין הערץ.

די גרעפין איז צוגעלאָפען צו איהם און האָט איהם אָנגעחאַפּט ביי דער האַנד.

— וואָס טהוסט דו, מאַקס? האָט זי געשריען ניט מיט איהר קול, — בערוהיג דיך, איבערלעג זיך!

מאַקס איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט'ן מעסער אין דער האַנד. זיינע אויגען האָבען געברענט, וויא צוויי גליהענדע קוילען.

די גרעפין האָט אויפגעריסען איהר בוזעם און האָט זיך געשטעלט גלייך געגען איהם.

— דו ווילסט מיך טוידטען! האָט זי אויסגערופען, — נאַ, שטויס אַריין דאָס מעסער אין הארצען פון דיין מוטער! — טוידטע די פרוי וועלכע האָט דיר געבאָרען און ערצויגען. דו האָסט רעכט! איך האָב בעגאַנגען אַ פערברעכען און דו מעגסט מיך טוידטען!

זי האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פיעל געפיהל און מיט אַזאַ שאַרפען טאָן, אַז מאַקס האָט אַ ציטער געטאָהן און האָט אַוועקגעוואָרפען דעם מעסער פון זיך.

די גרעפין איז געוועזען אַזוי אויפגערעגט און אַזוי ווייט אויסער זיך, אַז זי איז אומגעפאַלען אויפ'ן דיוואַן, לעבען וועלכען זי איז געשטאַנען. — זי איז געפאַלען אין אָהנמאַכט.

מאַקס איז געשטאַנען איינינע מינוטען, וויא אַ שטיינערנעס בילד פון טרויער און פערצווייפלונג. דער שטורם אין זיין הערצען האָט אָנגעהויבען נאָכצולאָזען. דער קעסעל האָט איבערגעקאָכט; ער האָט געמוזט ווערען רוהיגער. ער האָט געמוזט קומען צו זיך און אָנהויבען צו בעטראַכטען רוהיגער, וואָס ער האָט געטאָהן און וואו ער איז אין דער וועלט.

ער האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהן זיין מוטער ליעגען אין אָהנמאַכט. דאָס האָט איהם אין גאַנצען אויסגעניכטערט. ער האָט אָנגעהויבען זיך צו בעטראַכטען, צו איבערלעגען, אַ שטילערע, רוהיגערע, מילדערע נאַטע האָט אָנגעהויבען צו קלינגען אין זיין הערצען.

— וואָס האָב איך געטאָהן? האָט ער זיך אַליין געפרעגט, זי איז דאָך מיין מוטער! וויא האָב איך געקענט זיין אַזוי שלעכט געגען איהר?

ער האָט זיך אָנגעבויגען צו איהר און האָט זי אָפּגעמינטערט. זי האָט געעפענט די אויגען, האָט זיך ווילד אומגעקוקט און איז געבליעבען זיצען, וויא פערשטיינערט.

אַלזאָ, דו לעבסט, האָט מאַקס געזאָגט, דאַן איז אַלעס גוט.

מיט דיעזע ווערטער האָט ער געחאַפּט אויף זיך אַ מאַנטעל און האָט געוואָלט צוגעהן צו דער טהיר.

— וואָס ווילסט דו טאָהן? וואוהין ווילסט דו געהן, מאַקס?

— איך קען דאָ ניט בלייבען, האָט מאַקס געזאָגט, איך קען ניט רופען פאָטער דעם מענשען, וועלכען איך פעראַכטע און פעראַבשייע. איך געהן וויל פון דאַנען. איך וויל אַנטלויפען פון דאַנען. —

— וואוהין? האָט די גרעפין געפרעגט?

— אין דער ווייטער וועלט, וואוהין מיינע פיס וועלען מיך טראָגען.

דא איז צוגעלאפען צו איהם און האט איהם אנגעהאפט ביים מאנטעל.

— וואוהין וועסט דוא לויפען? האט זיא געשריען.

— איך וויים אליין נים.

— בלייב ביי מיר, מאקס! לאז מיך נים אליין!

— איך קען עס נים, מוטער! איך קען נים בלייבען ביי דיר. איך קען נים וואינען מים דיר אונטער איין דאך. איך האב קיין מוטער מעהר! איך בין אליין, אליין אין דער גרויסער וועלט. איך האב קיין פאטער, קיין מוטער, קיין פריינד און קיין פערוואנדטען. איך מוז לויפען אין דער ווייטער וועלט און מיך וואלגערן אין פרעמדע הייזער, ביז איך וועל געפינען אן ארט, וואו איך וועל קענען אניעדערלעגען מיין מיעדען קאפ.

— מאקס, איבערלעג וואס דוא טהוסט! — קענסט דוא מיר שוין גאר נים פערצייהען? — דענקסט דוא, אז איך האב מיך פעראייניגט מיט נאני גלאט אזוי, צום פערגניגען? — איך בין געווען געצוואונגען דערצו. איך האב עס געטאהן נור צוליעב דיר. איך האב עס געטאהן אום דיך צו פערזארגען, אום דיך גליקליך צו מאכען. איך האב מיך געאפפערט פון דיינעטוועגען. — אך, מאקס! ווען איך זאל קענען עפענען מיין הערץ און דיר ווייזען, וואס עס טהוט זיך אין איהר, וואלסט דוא אנדערש געאורטהיילט איבער מיר.

— דאס איז מיין אונגליק! האט מאקס געזאגט האסטיג, איך וויים, אז דוא ביסט צוגעבונדען צו דיעזען טייפעל; איך וויים, אז דוא האסט נאך פיעלע, פיעלע געהיימניסע פון מיר; איך פערשטעה, אז צווישען דיר און איהם זיינען געשעהן זאכען, וועלכע דוא ציטערסט ארויסצוזאגען, פאר וועלבע דוא ציטערסט, ווען דוא דענקסט פון זיי. — איך וויים, אז דיעזער טייפעל האט דיך ארומגעריגגעלט מיט זיינע נעצען, וויא א שפין וויקעלט ארום א פליעג. — דאס איז דאס אונגליק! איך פיהל, אז דיא טרויעריגע שטונדע וועט באלד קומען, ווען דוא וועסט אונטערגעהן מיט איהם. זיין ענדע וועט זיין טרויעריג און דוא, מיין ארימע, אונגליקליכע מוטער, וועסט אונטערגעהן מיט איהם. — עס העלפט נים! איך קען עס נים זעהן. איך מוז אנטלויפען.

ער האט אנגעהאפט דעם שלאס פון דער טהיר און האט זיא געוואלט עפענען.

— שטעה, מאקס! געה נים אוועק אזוי פון מיר! האב מיטלייד מיט מיר. איך וועל עס נים אויסהאלטען. איך וועל עס נים איבערלעבען.

זיא האט געוואלט אנהאפען זיינע הענד, ער האט זיי אבער בעהאלטען. זיא איז געפאלען פאר איהם אויף דיא קניע און האט אנגעהאפט זיינע פים.

הייסע, ביטערע טרערין האבען זיך איהר געגאסען פון דיא אויגען.

— בלייב ביי מיר, מאקס! האט זיא געוויינט. עס וועט קומען א צייט, ווען איך וועל דיר אלעס זאגען. דוא וועסט דאן וויסען, אויב איך בין אזוי אונגערעכט, וויא דוא מיינסט.

מאקס האט נים געוואוסט וואס צו טאהן. ער האט נים געקענט זעהן, וויא זיין מוטער ליעגט פאר איהם אויף דער ערד.

— שטעה אויף! האט ער געזאגט הארט און קאלט. מיר געהערן זיך מעהר

ניט אן, צו וואס זאלען מיר נאך ווארטען צוזאמען? מיר זיינען פרעמדע און דארפען זיך צוגעהן.

די גרעפין האט געזעהן, אז זיא האט שוין אויסגעשעפט אלע איהרע מיטעל און עס העלפט ניט. זיא האט זיך ענטשלאסען צו געברויכען דאס לעצטע מיטעל, וועלכעס איהר איז נאך געבליעבען.

— מאקס! האט זיא אויסגערופען, דערמאן זיך אן עלוויראן. איך האב אזוי פיעל איבערגעטראגען און אזוי פיעל געארבייט, אז מען זאל צוריקברענגען עלוויראן און דוא זאלסט זיא הייראטהען; יעצט ווען מיר זיינען שוין אזוי נאהענט צום ציעל, ווילסט דוא אנטלויפען פון אונז? — בעדענק, וואס דוא טהוסט!

דער נאמען עלווירא האט געווירקט אויף מאקס'ן, וויא א צויבער. ער האט זיך א ווארף געטאהן אויף א שטוהל און האט פערדעקט זיין געזיכט מיט ביידע הענד.

— איך וועל בלייבען, האט ער ענדליך געזאגט, אבער לאז מיך אליין.

— ניין, מאקס! איך וועל ניט אפטרעטען פון דיר, ביז דוא וועסט מיר זאגען, אז דוא פערצייהעסט מיר דעם אונגליקליכען שריט, וואס איך האב געמאכט.

— פערצייהען קען איך עס ניט, האט מאקס געענטפערט, דוא האסט עס ניט געדארפט מאהן. דוא האסט ניט גדארפט פעראייניגען דיין לעבען מיט דיזען מענשען. — דאס איינציגע וואס איך קען טאהן, איז אז איך וועל דיר מעהר ניט מאכען קיין פארווירפע דאריבער. איך וועל דיך מעהר ניט קרענקען, ווייל איך ווייס, אז דוא אליין מאכסט זיך דיא גרעסטע פארווירפע. — אך! איך זעה גאנץ גוט, אז דוא פיהלסט, וויא ווייט ער האט דיך פערפיהרט. איך ווייס ניט אלעס, איך קען איהם אבער זעהר גוט. איך ווייס, אז דיזער מענש וועט דיך אמאל אראפשלעפען אין א טיעפען אבגרונד. — איך וויל איהם מעהר ניט זעהן.

ער האט אראפגעווארפען פון זיך דעם מאנטעל און איז אריינגעגאנגען אין אנדערן צימער.

עס זיינען פערגאנגען עטליכע טעג. מוטער און זוהן האבען ווענינ גערעדט צווישען זיך. דיא גרעפין האט עטליכע מאל געפרופט רעדען מיט איהם און איהם ערקלערן, אז נאני איז גאר ניט אזוי שלעכט, וויא מאקס זאגט.

עס האט אבער גאר ניט געהאלפען, קוים פלעגט זיא איהם דערמאנען דעם נאמען נאני, פלעגט מאקס אויפשפרינגען, וויא אן אפגעבריהטער, און פלעגט אנטלויפען צו זיך אין צימער.

איין מאל איז צום האטעל צוגעפאהרען א רייכע קארעטע. פון איר איז ארויסגעשפרונגען א שעהן געקליידעטער מאן. דיא דיענער פון האטעל זיינען איהם באלד ענטגעגען געלאפען און האבען איהם געוואלט אריינפיהרען אין א צימער.

— וואינט דא דיא בארא֗נעסע פאן האללאוואאי? האט ער געפרעגט.

— דא אין האטעל געפינט זיך קיינע בארא֗נעסע פאן האללאוואאי, האט מען איהם געענטפערט.

— געפינט זיך דא פיעלייכט א גרעפין פאן ראדעצקי?

— יא, דיא גרעפין פאן ראדעצקי וואינט דא זייט עטליכע טעג.

— פיהרט מיך צו איהר.

אין איינינע מינוט ארום איז דער באראן נאני געזעסען לעבען זיין פרוי. זיא איז געווען טרויעריג, ניעדערגעשלאגען און האט איהם א.יפגענומען זעהר קאלט.

— וואס איז דאס, אייזשעניע? האט נאני אויסגערופען, וואס איז שוין נייעס? פאר וואס האסט דוא ניט געזאגט דיא דיענער פון האטעל, אז דוא ביסט די באראנעסע פאן האללאוואי?

— איך האב עס ניט געקענט טאהן, נאני, האט דיא גרעפין געענטפערט, דוא ווייסט ניט, וואס איך האב דורכגעלעבט און דורכגעליטען אין דער לעצטער צייט.

— האסט דיא דערצעהלט מאקס'ן, אז מיר זיינען פערהייראטהעט?

— איך האב עס איהם דערצעהלט.

— וויא האט ער עס אויפגענומען?

— זעהר שלעכט, ער איז געווען אויסער זיך.

— וואס רעדסט דוא? וואס האט ער דען געזאגט?

— דוא קענסט דיר זעהר לייכט פארשטעלען, וואס ער האט געזאגט.

— איך גלויב ניט, אז ער האט עפעס געזאגט געגען מיר, אז ער איז ניט צו פריעדען דערמיט, וואס מיר האבען געהייראטהעט.

— ליידער, איז ער שטארק ניט צופריעדען, האט דיא גרעפין געענטפערט.

דאן האט זיא איהם דערצעהלט אלעס, וואס עס איז פארגעקומען צווישען איהר און מאקס'ן

אזוי וויא זיי האבען אזוי גערעדט, האט זיך דיא טהיר געעפענט און מאקס איז אריינגעקומען אין צימער. קוים האט ער דערזעהן דעם באראן נאני, איז ער געווארען בלייך פאר צארן און האט א געשריי געטאהן:

— דוא ביסט דא?

— דוא זעהסט דאך, יונגע, אז איך בין דא, האט נאני געענטפערט רוהיג

— אוועק פון דאנען! דוא האסט דא ניט וואס צו טאהן! האט מאקס געשריען.

— רעד נאך א ווארט און איך וועל דיר צוברעכען דיא ביינער, האט נאני גע־זאגט קאלטבלוטיג.

ביידע זיינען יעצט געשטאנען איינער געגען אנדערן, וויא דיא געררייצטע טיגער.

— האלט איין! — וואהנזיניגע, וואס טהוט איהר? האט דיא גרעפין געשריען. עס וועט דאך ווערן א סקאנדאל אויף דער גאנצער שטאדט!

זיא האט זיך געווארפען צווישען זיי און האט זיי צוטהיילט.

— איבערלעגט אייך, וואס איהר טהוט! האט דיא גרעפין געבעטען, דוא נאני, ביסט דאך א קלוגער, פערשטעהע, וואס דוא ווילסט טאהן!

מאקס האט געווארפען א בייזען, שטרענגען בליק אויף זיין מוטער און אויף נאני און איז ארויסגעלאפען פון צימער.

6טער קאַפּיטעל.

דיא דאָקומענטען.

טרויעריג זעהט עס אויס בּיים הענקער מיכאַאיל. ער און זיין פרוי עסען ניט, טרינקען ניט און שלאָפען ניט.

זייט דאָס געריכט האָט בּעשטימט דעם טאָג, ווען מען זאָל טוידטען אַנ־נאַ'ן, האָבּען זיי פערלאָרען יעדע האָפנונג. זיי געהען אַרום, וויא די שאָטענס אין זייערע גרויסע און געראומיגע צימער. זיי וויזען זיך ניט אויף דער גאַס און רעדען זעהר זעלטען איינער צום אַנדערן.

איין מאָהל זיינען זיי בּיידע געזעסען בּיים פריהשטיק. זיי האָבּען ניט גע־געסען. בּיידע זיינען געזעסען אַראָפּגעלאָזען די קעפּ טרויעריג און פערטראַכט.

— איז עס דען שוין ווירקליך בּעשטימט? האָט די פרוי געפרעגט.

— עס איז אונטערשריעבּען פון געריכט, האָט דער הענקער געענט־פערט. גראַף מעראַס האָט צוריקגעשיקט די אַקטען.

— אַך! דער אונגליקליכער מענש! — ער ווייס —

שווייג, פרוי! רעד ניט דערפון! האָט מיכאַאיל געזאָגט פינסטער.

איז שוין בּעשטימט דער טאָג, ווען עס זאָל געשעהן? האָט די פרוי ווייטער געפרעגט.

— איך ווייס עס ניט; איך דענק נור, אַז דער טאָג איז אויך שוין בּעשטימט.

— קענסט דו עס ניט געוואָהר ווערען?

— צו וואָס זאָל איך עס טאָהן? וואָס וועל איך דען האָבּען דערפון?

אין דיעזער מינוט האָט מען אָנגעהויבּען צו קלינגען אין דער טהיר. מיכאַאיל'ס פרוי איז געגאַנגען עפענען. אין איינינע מינוטען אַרום איז זיא צוריק געקומען מיט דער אַלטער סטאַסאַ.

— גוט מאָרגען, מיכאַאיל! וואָס מאַכסט דו עפּעס? האָט סטאַסא גע־פרעגט.

מיכאַאיל האָט זיך געמאַכט, אַז ער הערט ניט, וואָס זי רעדט צו איהם.

— גוט, וואָס דוא בּיסט געקומען, סטאַסא, האָט ער צו איהר געזאָגט, איך האָבּ שוין לאַנג געוואָלט דיך זעהן. איך האָבּ מיר דיר עפּעס צו רעדען.

— וואָס ווילט איהר דען מיט מיר רעדען? האָט סטאַסא געפרעגט.

— דאָס שפּעטער. צו ערשט זאָג מיר, צו וואָס בּיסט דו געקומען צו מיר?

— איך וויל אייך דערצעהלען עטוואָס נייעס.

— וואָס איז שוין פאַר נייעס?

— עס איז שוין בּעשטימט דער טאָג, ווען אַננא וועט שטאַרבּען.

— ווען וועט עס זיין?

— דעם פופצעהנטען נאָוועמבּער.

— דו האָסט אַ טעות, סטאַסא, האָט מיכאַאיל געזאָגט ערנסט און פינ־סטער, דו מיינסט, אַז דו האָסט מיר געבּראַכט דיא שרעקליכסטע נאַכריכט, וואָס קען נור געבּען, און דו האָסט מיר גאָר דערפרעהט.

סטאַסא האָט איהם אָנגעקוקט מיט שטוינען.

— איך פערשטעה אייך ניט, מיכאַאיל, האָט זי געזאָגט, מיט וואָס האָט איהר זיך אַזוי דערפרעהט? איז עס ביי אייך אַזאַ פרייד, וואָס איהר וועט טוידטען אייער אייגען קינד?

— איך וועל עס ניט טאָהן, האָט מיכאַאיל געענטפערט.

— און דאָך וויים איך עס פאַר געוויס, האָט סטאַסא בעמערקט מיט א שמייכעל.

— דו זאָגסט אַ ליגען, ניעדערטרעכטיגע העקסע! (מכשפה).

— איך זאָג קיין ליגען, מיכאַאיל. עס וועט אַזוי זיין. איך האָב שוין געזאָרגט, אַז עס זאָל אַזוי זיין. יעצט מוז זי שוין שטאַרבען. עס וועט איהר שוין גאָר ניט העלפען.

— דומע אונגליקליכע פרוי! האָט מיכאַאיל אויסגערופען. דו ווייסט ניט, וואָס דו רעדסט. דו ווייסט ניט, אַז עס געפינען זיך ביי מיר דאָקומענטען און פאַפּיערן, וועלכע זיינען אים שטאַנד פיעלעס צו ווירקען און צו ענדערען.

מיט דיעזע ווערטער איז ער צוגעגאַנגען צו אַ קאַסטען, האָט איהם האַס־טיג געעפענט און האָט פון איהם אַרויסגענומען אַ פּעקעל פּאַפּיערן, וועלכע ער האָט אויפגעהויבען אין דער הויך און האָט זיי געוויזען סטאַסא'ן.

— קענסט דו דיעזע פּאַפּיערן? האָט ער געשריען ווייסט דו וואָר זיי זיינען?

— סטאַסא האָט זיך צוגעקוקט צו די פּאַפּיערן און איהר געזיכט איז געוואָרען שוואַרץ וויא די ערד. זי האָט ניט געקענט אַראָפּרייסען איהרע אויגען פון די פּאַפּיערן, וועלכע מיכאַאיל האָט געהאַלטען פאַר איהר.

— דאָס זיינען מיינע פּאַפּיערן! האָט זי אויסגערופען. גיב מיר אָפּ מיי־נע פּאַפּיערן!

— דיעזע דאָקומענטען געהערען יעצט צו מיר, האָט מיכאַאיל אויסגערו־פען, איך וועל זיי בענוצען. איך וועל זיי צושיקען, וואוהין מען דאַרף.

— גיב מיר אָפּ מיינע פּאַפּיערן! האָט סטאַסא געשריען. — גיב מיר זיי אָפּ! איך וועל דיר געבען טויזענד גולדען!

— איך דאַרף דיין געלד ניט, האָט מיכאַאיל געלאַכט מיט אַ בייזען ווילדען געלעכטער.

— גיב מיר אָפּ די פּאַפּיערן! האָט זיך סטאַסא געריסען, איך וועל אַלעס טאָהן אום צו רעטען אייער טאָכטער! — איך וועל אייך געבען געלד! איך וועל אייך גליקליך מאַכען!

— געה צום טייפעל! האָט מיכאַיאל געענטפערט, איך וויל דיך ניט קע־נען און וויל מיט דיר ניט רעדען. געה דיר דיין וועג. טהו, וואָס דו ווילסט און איך וועל טאָהן, וואָס איך וויל.

— איך געה ניט! האָט סטאַסא געשריען, איך געה ניט! גיב מיר אָפּ מיינע פּאַפּיערן!

זי האָט איהם אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנד, איז אונטערגעשפּרונגען און האָט געוואָלט אַרױסרײַסען בײַ איהם די פּאַפּיערן.

זי האָט אָבער פערגעסען, אַז מיכאַאיל דער הענקער איז פיעל העכער פון איהר און פיעל שטאַרקער פון איהר.

אין דער צײַט וואָס זי האָט זיך מיט איהם געראַנגעלט, איז בײַ איהר פון בוזים אַרױסגעפאַלען אַ פּאַפּיער. דעם הענקערס פרוי האָט זיך אָנגעבױ־גען און האָט עס אױפגעהױבען.

— נאַ, מיכאַאיל, האָט זי געזאָגט צו איהר מאַן, אָט האָסט דו נאָך אַ פּאַפּיער.

מיכאַאיל האָט צוגענומען דאָס צווײטע פּאַפּיער און האָט עס צוגעלעגט צום פּעקעל דאָקומענטען, וועלכע ער האָט געהאַלטען אין האַנד.

סטאַסאַ האָט אַלעס געזעהן און האָט אָנגעהױבען צו ציטערן. זי האָט יעצט גאָר ניט געקענט טאָהן. מיכאַאיל האָט זי צוגעפיהרט צו אַ שטוהל און האָט זי אַניעדערגעזעצט מיט אַזאַ קראַפט, אַז זי איז געבליעבען זיצען, וויא צוגעשמידט.

— זײַ רוהיג, סטאַסאַ! האָט ער איהר געזאָגט, ווען דו וועסט זיך נאָך אַמעהל ריהרען וועל איך דיר ווײַזען, וואָס פאַר אַ קראַפט איך האָב אין דער האַנד.

סטאַסאַ איז געזעסען שטיל. מיכאַאיל האָט צוגענומען דאָס פּאַפּיער, וועל־כעס סטאַסאַ האָט נור וואָס פערלאָרען, האָט עס לאַנגזאַם געעפענט און איז עס דורכגעלאָפען מיט דיא אױגען.

זײַן געזיכט איז געוואָרען פרעהליך, זײַנע אױגען האָבען אָנגעהױבען צו פונקלען, אױף זײַנע ליפּען האָט זיך געװיעזען אַ גליקליכער שמייכעל.

— גאָט איז גערעכט! האָט ער אױסגערופען, מען קען ניט בעהאַלטען קײן שלעכטע טהאַט! אַלעס, וואָס מען טהוט אין פינסטערן, קומט אין די ליכטיגקייט. אַלעס שווימט אַרױף, וויא בױמאייל אױפ'ן וואַסער. אַלע שלעכטע און דונקעלע האַנדלונגען ווערען ענדעקט. אײנער בערױבט און בע־שווינדעלט דעם אַנדערן שטילערהייט, בײַ זיך אין שרײַב צימער און דענקט, אַז קײנער וועט דערפון ניט וויסען. עס העלפט איהם אָבער ניט. עס קומט אַרױס! עס מוז אַרױסקומען!

הער נור, סטאַסאַ! דו ביזט אַ טײַפעל, דאָס מאָהל אָבער האָט דיך גאָט אַלײן געשיקט צו מיר. ווײסט דו, וואָס פאַר אַ וויכטיגען דאָקומענט דו האָסט מיר יעצט געבראַכט? פערשטעהסט דו, וויפיעל אונגליקליכע קענען געהאָלפען ווערען דורך דיעזען פּאַפּיער? דו ווײסט עס ניט. דו פערשטעהסט עס ניט!

סטאַסאַ איז נאָך אַלץ געזעסען, וויא פערשטײנערט. זי האָט ניט גע־וואוסט וואָס עס טהוט זיך מיט איהר. זי האָט געוואוסט נור אײן זאַך, אַז דאָס איז דערזעלבער דאָקומענט, וועלכען איהר עניקעל פראַנץ האָט איהר געגעבען.

עס איז פערגאַנגען אַ גערױמע צײַט, אײדער זי האָט געקענט אַרױסרע־דען אַ וואָרט. ענדליך איז זי געקומען צו זיך.

— דאָס פּאַפּיער! דאָס פּאַפּיער! האָט זי געשריען, גיב מיר אָפּ דאָס פּאַפּיער!

— רעד קיינע נאַרישקייטען, סטאַסאַ, האָט מיכאַאיל געזאָגט רוהיג. איך וועל דיר דאָס פּאַפּיער ניט געבען. דו מעגסט דיר געהן דיין וועג, סטאַסאַ. איך דאַרף אויך ערגעץ געהן.

סטאַסאַ האָט זיך פערטראַכט זי האָט זעהר גוט געוואוסט אַז מיט געוואַלד וועט זי דאָ גאָר ניט מאַכען. מיכאַאיל שרעקט זיך פאַר איהר ניט איבער. פערקלאָגען איהם איז אוּגמעגליך. ער וועט נאָך ווייזען די דאָקומענטען אין געריכט און מען וועט זי אַרעסטירען. אַלזאָ איז איהר געבליעבען צו רעדען מיט איהם מיט גוטען.

— מיכאַאיל, נעהם דיר דיעזעס פּאַפּיער און גיב מיר אָפּ יענע. איך מוז זיי האָבען. דו ווייסט ניט, וויא וויכטיג זיי זיינען פאַר מיר. נעהם דיר צו די דאָקומענטען, וועלכע דו דאַרפסט און גיב מיר די איבעריגע.

— הער אויף צו ריידען נאַרישקייטען. סטאַסאַ! האָט מיכאַאיל געזאָגט, געה דיר אַרוים פון מיין שטוב און לאָמיך דיך דאָ ניטזעהן צום צווייטען מאָהל.

סטאַסאַ האָט זיך ניט געאַיילט אַוועקצוגעהן. זי האָט ווידער אָנגעהויבען צו בעטען און צו וויינען, אַז מיכאַאיל זאָל איהר אָפּגעבען איינינע דאָקומענטען. ער האָט איהר זאָגאַר ניט געוואָלט ענטפערען.

ענדליך האָט זי געזעהן, אַז זי וועט מיט איהם גאָר ניט מאַכען און האָט געוואָלט אַוועקגעהן.

— שטעה! האָט געשריען מיכאַאיל, זאָג מיר, וויא אַזוי קומט דיעזער דאָקומענט צו דיר?

— צו וואָס זאָל איך עס דיר זאָגען? — געה פרעג אַ נאַרר!

מיכאַאיל איז צוגעגאַנגען צו איהר, האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד און האָט איהר אַ קוועטש געטאָהן איהר דאַרע האַנד, אַז טרערען האָבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען.

— זאָג העקסע (מכשפה) האָט ער געשריען, — זאָג, אָדער איך טוידטע דיך אויפ'ן אָרט.

די אונגליקליכע סטאַסאַ האָט אָנגעהויבען צו וויינען פאַר שמערץ. מיכאַאיל האָט געהאַלטען איהר האַנד, וויא מיט אייזערנע צוואַנגען.

— זאָג מיר, וואו האָסט דו גענומען דאָס דאָקומענט, וועלכער איז נור וואָס אַרויסגעפאַלען פון דיין בוזעם. דו האָסט ערשט ניט לאַנג ערגעץ בעקומען.

— צו וואָס דאַרפט איהר עס וויסען? האָט סטאַסאַ געפרעגט.

מיכאַאיל האָט ווידער אַ קוועטש געטאָהן איהר האַנד.

— זאָג, אָדער איך צו קוועטש דיר די האַנד! האָט ער געשריען.

— איך האָב עס בעקומען פון דעם אַדוואָקאַט נאָוואַק, האָט סטאַסאַ אַרויסגעזאָגט שטילערהייט.

— נאָוואַק? האָט מיכאַאיל ווידערהאָלט, נאָוואַק איז אויך פון דער באַנדע. ענדליך קומט ער אויך אַרויס! ענדליך וועלען מיר וויסען, וואָס דיעזער פערדאַמטער אַדוואָקאַט האָט געטאָהן אין זיין שרייב־צימער. אַלעס קומט אַרויס. אַלעס, וואָס דיעזע באַנדע האָט געטאָהן אין פינסטערן, קומט אַרויס אויף דאָס ליכט. איך ווייס

שוין פון לאַנג, אַז נאָוואַק האָט דאָ געשפּיעלט אַ געוויסע ראָללע, איך האָב אָבער ביז אַהער ניט געקענט וויסען, וויא וויים ער איז געווען בעטהייליגט אין דיעזער געשיכטע.

סטאַסאַ האָט געוואָלט שוין אַנטלויפען און לויז ווערען פון די אייזערנע הענד מיכאַאילס. מיכאַאיל האָט זי אָבער ניט אָפּגעלאָזען.

— וואָס האָסט דו געוואָלט טאָהן מיט דיעזען דאָקומענט?

— איך האָב געוואָלט טאָהן דערמיט אַ גוטע זאַך.

מיכאַאיל האָט זיך צולאַכט מוט זיין הויכען, ברייטען געלעכטער.

— דו, סטאַסאַ, האָסט געוואָלט טאָהן אַ גוטע זאַך? נון, מיך ווערסט דו ניט אָפּנאַררען. דו קענסט גאָר ניט טאָהן עטוואָס גוטעס. וואָס האָסט דו דען געוואָלט דערמיט מאַכען?

— איך האָב עס געוואָלט צושיקען דעם באַראָן אַרטהור פאָן באַטהיאַני.

— ניעדערטרעכטיגע סטאַסאַ! וויא וואַגסט דו עס מיר צו זאָגען אַזאַ גרויסען ליגען אין די אויגען? ווייסט דו דען ניט, אַז דער באַראָן פאָן באַטהיאַני געפינט זיך יעצט ווייט פון אונגאַרן? ווייסט דו דען ניט, אַז ער איז אַנטלאָפען קיין אויסלאַנד און קיינער ווייס ניט, וואו ער געפינט זיך? ווען מען זאָל וויסען, וואו ער געפינט זיך, וואָלט מען שוין איהם לאַנג געבראַכט אַהער. וויא קענסט דו מיר אַיינרעדען אַזעלכע נאַררישקייטען, אַז דו האָסט געוואָלט איבערגעבען דיעזען דאָקומענט דעם באַראָן אַרטהור פאָן באַטהיאַני?

זאָג מיר די וואַהרהייט, סטאַסאַ! וואָס האָסט דו געוואָלט טאָהן מיט דיעזען דאָקומענט? ווען האָסט דו געוואָלט איהם אַוועקגעבען? וויא עס ווייזט אויס, געפינט זיך נאָר איינער, אויסער דעם אַדוואָקאַט, וועלכער קען בענוצען און וויל בענוצען דיעזען פּאַפּיער. — זאָג, ווער איז ער?

— איך האָב אַייך שוין געזאָגט, ווען איך וויל אַוועקגעבען דיעזען דאָקומענט. איך האָב אַייך מעהר ניט וואָס צו זאָגען. איך בין דאָך אַיין אָרימע פרוי. איך ווייס גאָר ניט, אַז דער באַראָן פאָן באַטהיאַני איז אַנטלאָפען קיין אויסלאַנד.

מיכאַאיל האָט איהר ווידער אַ דרעה געטאָהן די האַנד.

— ווילסט דו זאָגען די וואַהרהייט, ניעדערטרעכטיגע פרוי? האָט ער געשריען אויסער זיך. קיין ליגען יעצט! עס וועט דיר גאָר ניט העלפען!

סטאַסאַ האָט געטראַכט איניגע צייט, דאַן האָט זי געזאָגט:

— איך האָב עס געוואָלט איבערגעבען אַ גרויסען מאַן, אַ געוויסען באַראָן נאַגי פאָן האַללאַוואַי. איך ווייס ניט אויב איהר קענט איהם.

מיכאַאיל האָט אָפּגעלאָזען סטאַסאַ'ס האַנד. זיין געזיכט איז געוואָרען ערנסט און פינסטער. עס האָט אויסגעדריקט שמערץ און פערצווייפלונג.

— צו וואָס ווילסט דו עס איבערגעבען דעם באַראָן נאַגי? האָט ער געפרעגט, צו וואָס דאַרף דער באַראָן נאַגי אַ דאָקומענט, וועלכעס געהערט צו דער פאַמיליע באַטהיאַני?

— איך האָב געהערט, אז דער באַראָן נאַגי איז דער בעסטער פריינד פון דער פאַמיליע באַטהיאַני, האָט סטאַסאַ געענטפערט פרעך.

— וויא קומסט דו אָבער צו איהם?

— איך האָב דאָך אויך אַמאָהל געוואָהנט אין יענער געגענד. איך קען אַלעַ איינוואָהנער פון דער געגענד אַרום דער שטערטער ראָזענוי.

— האָסט דו געוואָלט פאָהרען אַהין? האָט מיכאַאיל ווייטער געפרעגט.

— איך דאַרף ניט פאָהרען אַהין.

— וויא דען האָסט דו געוואָלט עס איהם איבערגעבען?

— ער געפינט זיך יעצט אין בודאַפעסט. ווען איהר ווילט, קען איך אַייך זאָגען, וואו איהר קענט איהם טרעפען.

מיכאַאיל האָט ניט געענטפערט. דאָס וואָרט נאַגי האָט אויף איהם געווירקט, וויא אַ צויבער. ער האָט זיך אַניעדערגעזעצט אויף אַ שטוהל און האָט זיך פערטראַכט.

סטאַסאַ האָט בענוצט דיעזע געלעגענהייט און איז אַרויסגעלאָפען שנעל פון'ם הענקערס הויז, גלייך וויא אַלע טייפעל דער העללע וואָלטען זי נאָכגעיאָגט. זי האָט זיך אומגעקוקט ערשט, ווען זי איז שוין געוועזן וויט פון הענקערס הויז. ערשט ווען זי איז געקומען אויף דער בריק איבער דער דאָנוי, איז זי געבליעבען שטעהן און האָט אויפגעאַטהעמט פרייער.

— עס וועט איחם דאָך ניט העלפען, האָט זי אויסגערופען און געקריצט מיט די צייהנער פאַר צאָרן און פערדרוס. זי מוז דאָך שטאַרבען. ער וועט עס זעהן. ביידע וועלען עס מוזען זעהן און זייער האַרץ וועט פּלאַצען פאַר שמערץ און פערדרוס.

ווען סטאַסאַ איז אַוועקגעגאַנגען, איז מיכאַאיל נאָך געזעסען אייניגע צייט אויף זיין אָרט פערטראַכט און טרויעריג. דאַן האָט ער גענומען דעם דאָקומענט, וועלכען ער האָט צוגענומען ביי סטאַסאַ, האָט עס איבערגעלעזען נאָך אַמאָהל און האָט אויסגערופען:

— אַך! פאַר וואָס אַזוי שפּעט? פאַר וואָס איז דיעזער דאָקומענט געקומען אין מיינע הענד ערשט יעצט? פאַר וואָס ניט פריהער? — אַלענפאַלס „בעסער שפּעטער אלס קיין מאָהל ניט", זאָגט דאָס שפּריכוואָרט. איך וועל שוין וויסען וואָס צו טאָהן דערמיט. איך וועל שוין וויסען, וויא אַזוי עס אויסצוניצען. דיעזער דאָקומענט וועט ווערען אין מיינע הענד אַ פייערדיגער שווערד, מיט וועלכען איך וועל זיי פערניכטען. איך מוז יעצט געהן, איך דאַרף ניט שווייגען. עס איז ענדליך געקומען די צייט צו ווירקען. איך מוז אויפדעקען די באַנדע! איך מוז זי אַרויסשטעלען פאַר אַלעמען. לאָז די וועלט וועניגסטענס וויסען, וואָס פאַר ניעדערטרעכטיגע רויבער און מערדער עס געפינען זיך!

7טער קאַפּיטעל.

ווידער דער שטומער בעטלער.

מיכאַאיל איז געקומען אַהיים גאַנץ שפּעט אַבענדס. ער איז געוועזן מיעד און אויפגערעגט. זיין פרוי האָט איהם ניט געוואָלט פרעגען, וואו ער איז געוועזן און וואָס עס הערט זיך.

שטילערהייט האָט ער זיך געזעצט עסען; שטילערהייט האָט ער אָפּגע־געסען זיין אָבענד עסען; שטילערהייט איז ער געבליעבּען זיצען נאָכ'ן עסען.

פּלוצלונג האָט מען אָנגעהויבּען צו קלינגען אין טהיר. דעם הענקערס פרוי איז געלאָפּען עפענען. זי איז צוריקגעקומען מיט אַן אַלטען מאַן און האָט געזאָגט צו איהר מאַן:

— דער מאַן איז אַ שטומער, איך קען מיך מיט איהם ניט צונויפרעדען. פיעלייכט וועסט דו, מיכאַאיל, פערשטעהן, וואָס ער וויל.

מיכאַאיל האָט אַ קוק געטאָהן אויפ'ן פרעמדען און איז אויפגעשפּרונגען פול פרייד. ער האָט געהייסען זיין פרוי אַרויסגעהן אין אַנאַנדער צימער. ווען ער איז געבּליעבּען מיט'ן פרעמדען אַליין, האָט ער איהם אָנגעחאַפּט בּיי די הענד און האָט אויסגערופען:

— ווער מען זעה איך? איז עס וואַהר? זייט איהר עס?

— יאָ פריינד מיכאַאיל, האָט דער שטומער בעטלער געענטפערט, איך בּין עס. איך בּין ענדליך געקומען אום מיך נוקם צו זיין אָן די פיינד פון מיין פאָם...

מיכאַאיל האָט געטאַנצט פאַר פרייד.

— ענדליך, ענדליך! האָט ער אויסגערופען, יעצט זעה איך, אַז דער שלעכטער פרעהט זיך ניט אימער; ענדליך זעה איך, אַז דאָס שלעכטע, דאָס פערדאָרבּענע, דאָס ניעדערטרעכטיגע, וועלכעס טהוט אָפּ זיינע ערגסטע טהאַטען אין דער פינסטער, קומט מיט דער צייט אַרויס אין העלען טאָג. — שטעלט אייך פאָר, איך האָבּ נור וואָס געטראַכט פון אייך; איך האָבּ נור וואָס געוואָלט אייך שרייבּען אַ בּריעף.

— וואָס איז דען נייעס? וואָס האָט איהר געוואָלט מיר שרייבּען?

— איך האָבּ פון אייערטוועגען זעהר אַ וויכטיגע זאַך. איהר וועט דערמיט צופריעדען זיין.

דער שטומער בּעטלער האָט איהם אָנגעקוקט מיט שטוינען.

מיכאַאיל איז צוגעגאַנגען צו אַ קאַסטען, האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיער און האָט עס דערלאַנגט דעם שטומען בּעטלער.

דער שטומער בּעטלער האָט עס שנעל דורכגעלעזען און האָט אויסגערופען:

— גרויסער גאָט אין הימעל! וואָס הייסט דאָס? איז עס מעגליך? שלאָף איך? טרוימע איך? וואָס זאָל דאָס בּעדייטען? וויא קומט עס ענדליך צו אייך?

מיכאַאיל האָט איהם דערצעהלט אַלעס וואָס ער האָט געוואוסט איבּער דיעזען דאָקומענט.

— איך בּין גליקליך, וואָס איך קען עס אָפּגעבּען, ווען עס קומט! האָט ער געענדיגט זיין ערצעהלונג.

דער שטומער בּעטלער איז געזעסען, וויא פערשטיינערט. ער האָט איבּערגעלעזען דאָס דאָקומענט איין מאָהל, צוויי מאָהל און דריי מאָהל ער איז גאָר ניט זאַט געוואָרען עס צו לעזען. ענדליך האָבּען זיך אויף זיינע געלע, פערקאָרטשעטע און צוקנייטשטע בּאַקען געקייקעלט צוויי גרויסע, העללע, גלענצענדע טרערען.

— אָך! האָט ער אויסגערופען, וויא זאָל איך איבּערטראָגען דיעזע פרייד גאַנץ

אַליין? — ניין! איך קען עס ניט און דאַרף עס ניט. איך וויל ניט בענוצען דיעזען טהייערען דאָקומענט, ביז ער וועט צוריק קומען. יאָ, מיכאַאיל! ווען ער וועט צוריק קומען, וועל איך עס בענוצען. דאַמאָלס וועלען מיר צוזאַמען זיך פרעהען. דאַמאָלס וועלען אונזערע פיינד לעקען די ערד. דאַמאָלס וועט דער רויב און דער מאָרד בעשטראָפט ווערען. דיעזער טאָג איז שוין ניט וייט, ער וועט באַלד קומען!

דער אַלטער מאַן האָט געוויינט וויא אַ קינד. דאָס זיינען אָבער געווען העלע ליכטיגע פריידענטרערען. מיכאַאיל האָט אויף איהם געקוקט מיט פרייד און שטאָלץ.

ענדליך, ווען דער שטומער בעטלער האָט זיך אַביסעל בערוהיגט, האָט ער געזאָגט צום הענקער:

— איך האָף, אַז איהר וועט זיין אַזוי פריינדליך און וועט מיך לאָזען איבערנעכטיגען ביי אייך.

— וואָס רעדט איהר? — איהר פאַרגעסט, ווער איך בין.

— איך פערגעס גאָר ניט, האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט, וואָס קי־מערט עס אָבער דעם שטומען בעטלער, ווער איהר זייט? וואָס קימערט דעם אַלטען שוואַכען בעטלער, וואָס אייערע געזעצע זאָגען? וועט מען דען מיך צווינגען צו ווערען אַ הענקער? לאָז עס גוט זיין, מיכאַאיל! איך בין אייער גאַסט, אייער פריינד און איך הער קיינעם ניט.

— דאַן נעהם איך אייך אויף מיט פערגעניגען! האָט מיכאַאיל אויס־געריפען, איהר ווילט געוויס עפּעס עסען.

ער האָט געוואָלט רופען זיין פרוי און איהר הייסען גרייטען צום טיש. דער שטומער בעטלער האָט איהם צוריקגעהאַלטען.

— איך האָב אייך צו דערצעהלען נאָך אַ נייעס.

— וואָס איז?

— ער, זי און זייער זוהן זיינען יעצט אין בודאַפּעסט.

— ועמען מיינט איהר? איך פערשטעה אייך ניט.

— דער באַראָן נאַגי, זיין פרוי, די גרעפין פאָן ראַדעצקי און דער זאָ־גענאַנטער גראַף מאַקס פאָן ראַדעצקי. איך האָף אָבער, אַז איינער פון זיי, דער באַראָן, וועט שוין בלייבען דאָ.

— ווייסט איהר פאַר געוויס, אַז זיי זענען דאָ? האָט מיכאַאיל געפרעגט.

ער האָט עס היינט אין דער פריה געהערט פון סטאַסאַ׳ן. ער האָט איהר אָבער ניט געגלויבט, יעצט ווען דער שטומער בעטלער האָט עס איהר דער־צעהלט נאָך אַ מאָהל, האָט ער שוין געמוזט גלויבען. ער האָט אָבער אויף קיין פאַל ניט געקענט פערשטעהן, וואָס זיי האָבען דאָ צו טאָהן אַלע דריי מיט אַ מאָהל.

— איך ווייס עס פאַר געוויס, האָט דער שטומער בעטלער געענטפערט.

— דאָס איז רעכט, האָט מיכאַאיל געזאָגט לאַנגזאַם.

ער האָט אַריינגערופען זיין פרוי, האָט איהר געהייסען גרייטען צום טיש און געבען עסען דעם אַלטען. ביידע פריינד זיינען יעצט געזעסען צוזאַמען, האָבען געגעסען צוזאַמען און האָבען גערעדט צוזאַמען ביז שפּעט אין דער נאַכט. — —

אין דער צייט וואָס דער שטומער בעטלער איז געזעסען בײם הענקער און האָט זיך מיט איהם אַזוי פריינדליך אונטערהאַלטען, זיינען אין אַנאַנדער אָרט אויך געזעסען צוויי מענשען און האָבען זיך אונטערהאַלטען אָבער ניט גאַנץ פריינדליך.

סטאַסא האָט אָבגעוואַרט, ביז עס איז געוואָרען שפּעט אבענדס, דאַן איז זי געגאַנגען צום אַדוואָקאַט נאָוואַק.

דער אַדוואָקאַט איז געווען זעהר אונצופריעדען, וואָס סטאַסאַ איז געוואָרען ביי איהם אַזאַ אָפטער גאַסט.

— וואָס ווילסט דו פון מיר? האָט ער געפרעגט, ווען זי איז אַריינגעקומען אין זיין צימער. — וואָס איז מיט דיר? דו וויזט מיר אוים אונרוהיג, וואָס איז שוין געשעהן?

— אַך, הערר אַדוואָקאַט! איהר וויזט אויך עפּעס אוים אונרוהיג, האָט סטאַסאַ געענטפערט, ווי עס וויזט אוים, האָט אונז ביידען היינט עפּעס פּאַסירט.

— הער אויף צו פּלוידערען, סטאַסאַ! זאָג, וואָס ווילסט דו פון מיר?

— ערשטענס וויל איך אייך עפּעס פרעגען.

— וויטער מיט דיינע פראַגען! האָט דער אַדוואָקאַט אויסגערופען פערדראָסען.

סטאַסא האָט איהם געזאָגט עטליכע ווערטער שטילערהייט אויפ'ן אויער. נאָוואַק איז אויפגעשפרונגען, איז בלייך געוואָרען און האָט אָנגעהויבען צו ציטערן.

— ניין! דאָס קען ניט זיין! האָט ער געשריען, — דאָס איז אונמעגליך! — ער קען אָבער גאָר ניט העלפען. מען האָט זי פעראורטהיילט צום טוידט נאָך רעכט און געזעץ. וואָס קען ער דען מאַכען? — עס איז פערפאַלען! זי מוז שטאַרבען!

— און ווען ער וועט הייסען? האָט סטאַסא געפרעגט.

— דאָס געזעץ שטעהט העכער פון איהם, ער קען גאָר ניט הייסען.

— דאָס איז רעכט, האָט סטאַסא אויסגערופען, איך דאַנק אייך דערפאַר.

— ביסט דו געקומען נור וועגען דעם? האָט דער אַדוואָקאַט געפרעגט.

— איך האָב אייך עפּעס מיטצוטהיילען.

— וואָס איז שוין ווידער נייעס?

— דיעזע נייעס איז פאַר אייך זעהר וויכטיג.

— אַלזאָ, דערצעהל עס מיר שנעל און געה דיר דיין וועג! האָט זיך נאָוואַק געבייזערט.

— איך בין פריהער געווען בײם הענקער מיכאַאיל און האָב צופעליגערווייזע ביי איהם דערזעהן אַ זאָנדערבאַרען דאָקומענט.

דער אַדוואָקאַט איז געוואָרען אויפמערקזאַם.

— וואָס פאַר אַ דאָקומענט? האָט ער געפרעגט אונגעדולדיג.

סטאַסא האָט איהם דערצעהלט, וואָס פאַר אַ דאָקומענט דאָס איז.

— וויא קומט עס צו איהם? האָט דער אַדוואָקאַט געשריען.

— דאָס האָב איך אויך געפרעגט: וויא קומט צו אַזאַ מענשען אַ דאָקומענט, וועלכעס געהערט נור אייך, הערר נאָוואַק? האָט סטאַסא אויסגערופען. — איך ווייס דאָך יאָ, אַז איהר, הערר נאָוואַק, זייט דער איינציגער פערוואַנדטער פון דער פאַמיליע

באַטהיאַני. איהר האָט געווים געהאַט דיעזען דאָקומענט און ער האָט עס בּיי אייך אַרויסגע׳גנב׳עט.

נאָוואַק האָט זיך געבּיסען די פינגער ביז אין בּלוט. ער האָט ניט געוואָלט, אַז סטאַסאַ זאָל גאָר וויסען, אַז בּיי איהם איז אַמאָהל געווען אַזאַ דאָקומענט. ער האָט געציטערט בּיי דער נאַכריכט, אַז דיעזער דאָקומענט געפינט זיך שוין ניט בּיי איהם זאָנדערן בּיים הענקער. ער האָט עס אָבער ניט געוואָלט ווייזען פאַר סטאַסאַ׳ן.

— דער גראַף געאָרג פאָן טאָקקי האָט געמעלדעט דער פּאָליציי, אַז רויבּער זיינען אויף איהם בּעפאַלען אין אַ וואַלד און האָבען בּיי איהם אַוועקגערויבּט זיינע דאָקומענטען צווישען וועלכע עס האָט זיך געפונען דיעזער דאָקומענט אויך, האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט, וויא צו זיך אַליין. ווען דער הענקער האָט דיעזען דאָקומענט, איז עס דער בּעסטער בּעווייז, אַז ער איז געווען איינער פון די רויבּער.

— איהר האָט פאָלקאָמען רעכט, הערר אַדוואָקאַט! האָט סטאַסאַ אויסגערופען, אַ הענקער איז געווים אַ רויבּער און אַ מערדער. איז דען פאַר אַ הענקער שוין גאָר קיין שטראַפע ניטאָ?

— ווען אַ הענקער בּעגעהט אַ פערבּרעכען ווערט ער בּעשטראָפט גלייך וויא יעדער אַנדערער, האָט דער אַדוואָקאַט ערקלעהרט.

— אַלזאָ, פאַר וואָס זאָל דער הענקער ניט בּעשטראָפט ווערען? האָט סטאַסאַ אויסגערופען. ער איז דאָך אָנגעפאַלען אויף אַ מענשען אין וואַלד און האָט איהם בּערויבּט! איך געדענק זעהר גוט דיעזע געשיכטע. דעם קוטשער האָט מען געטוידטעט און גראַף געאָרג האָט מען דאַמאָלס פערוואונדעט.

— דו האָסט פאָלקאָמען רעכט, סטאַסאַ! איך וועל איהם געווים פערקלאָגען. גראַף געאָרג פאָן טאָקקי איז מיין בּעסטער פריינד. איך דאַרף מיך אָננעהמען פאַר איהם. איך דאַנק דיר, סטאַסאַ פאַר דיעזע נאַכריכט. זי איז ווירקליך זעהר וויכטיג.

— זעהט איהר, הערר אַדוואָקאַט, אַז סטאַסאַ קען אייך אַמאָהל בּרענגען נוצען אויך.

— דאָס ווייס איך שוין לאַנג, האָט דער אַדוואָקאַט געענטפערט. — יעצט, סטאַסאַ געה דיר געזונדערהייט. איך האָבּ היינט זעהר פיעל אַרבּייט.

סטאַסאַ האָט זיך פערנייגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

קוים איז דער אַדוואָקאַט געבּליעבּען אַליין, האָט ער געעפענט זיינע שופלאָדען און האָט אָנגעהויבּען צו זוכען דאָס דאָקומענט. — עס איז פערשוואונדען! נאָוואַק האָט אָנגעהויבּען צו ציטערן פאַר צאָרן און פערדרוס. בּיז אַהער האָט ער נאָך געטראַכט, אַז סטאַסאַ האָט געזאָגט אַ ליעגען. יעצט אָבער האָט ער זיך איבּערצייגט, אַז זי האָט געזאָגט די וואהרהייט.

— וואָס זאָל עס הייסען? וויא קומט דיעזער דאָקומענט צום הענקער? האָט ער געפרעגט זיך אַליין. דאָס איז אַ רעטעניש. דער הענקער איז בּיי מיר אין שטוב ניט געווען. מען האָט מיך ניט בּע׳גנב׳עט. ווען איינער האָט צוגענומען בּיי מיר דיעזען דאָקומענט. האָט עס געטאָהן אַ היימישער גנב, אַ מענש. וועלכער האָט געוואוסט, וואו עס געפינט זיך. ווער זאָל עס זיין? ווער קומט דען צו מיר?

ער איז געזעסען ביז שפעט, שפעט ביי נאכט, האט געטראכט, געקלערט און זיך געבראכען דעם קאפּ: ווער האט עס געקענט ארויסנגנבענען ביי איהם דאס דאָקומענט. — אומזיסט! ער האט גאר ניט געקענט אויסגעפינען.

8טער קאפּיטעל.

ביי גראף מעראס.

צום פאלאץ פון גראף מעראס איז צוגעקומען א רייכע קארעטע מיט פיער פערד. דיא לאקייען זיינען אראפּגעשפּרונגען, האבען געעפענט דאס טהירעל און א הויכער רייך געקליידעטער הערר איז ארויסגעגאנגען פון דער קארעטע. דאן האט ער ארויסגענומען א שעהנע פרוי, וועלכע איז אויך געגאנגען זעהר רייך און זעהר עלעגאנט געקליידעט.

דער הערר מיט דער דאמע זיינען ארויפגעגאנגען אויף דיא ברייטע מארמארנע טרעפּ פון'ם פאלאץ. דער לאקיי, וועלכער איז געשטאנען ביי דער טהיר, האט געפרעגט, ווען ער זאל מעלדען.

— דעם באראן און דיא באראנעסע פאן האללאוואי, האט דער מאן געענטפערט שטאָלץ.

באלד איז דער באראן מיט דער באראנעסע פערשוואונדען געווארען אין דיא רייכע, פערציערטע טהירען פון'ם שעהנעם פאלאץ.

ניט ווייט פון'ם פאלאץ איז געשטאנען אן אלטער מאן אנגעשפּארט אויף זיין שטעקען.

— ער איז געקומען פריהער פאר מיר, האט דער אלטער געזאגט צו זיך אליין. איך האב אבער צייט. איך קען ווארטען. איך האב שוין גענוג געווארט; איך קען ווארטען נאך אביסעל. גערה, שטאלצער באראן! דערוויל וועט מען דיך נאך אויפנעהמען אלס גאסט אין דיעזען פאלאץ. דאס וועט שוין אבער ניט לאנג דויערן. באלד וועט עס אנדערש ווערן.

מיט דיעזע ווערטער האט זיך דער אלטער מאן ערגיץ אוועקגעשלעפּט.

פאר נעכט איז ווידער געשטאנען א גראסארטיגע קארעטע פארן פאלאץ. דאס מאל אבער איז פון דער קארעטע ארויסגעגאנגען גראף מעראס אליין.

צו איהם איז צוגעקומען אן אלטער, איינגעבויגענער מאן און האט איהם אויסגעשטרעקט זיין אלטען צוריסענעם הוט, גלייך ווי ער וואלט געבעטען, מען זאל איהם עפּעס געבען.

דיא לאקייען זיינען צוגעלאפען צום אלטען און האבען געוואלט איהם אוועקטרייבען. גראף מעראס אבער האט זיי צוריקגעהאלטען. ער האט אריינגעלעגט דיא הענד אין קעשענע און האט געזוכט עפּעס געלד.

דער אלטער מאן האט זיך געשטעלט פאר איהם אויף איין קניע (אזוי איז דאמאלס געווען דיא מאדע) און האט אנגעהויבען צו בעטען דורך צייכענס, דער גראף זאל איהם מיטנעהמען צו זיך אין פאלאץ.

גראף מעראס האט בעטראכט דעם אלטען בעטלער מיט שטורנע.

— וואס ווילט איהר פון מיר? האט ער געפרעגט?

דער אלטער בעטלער האט געוויזען אויפ'ן פּלאַץ און האט געבעטען, אז מען זאל איהם מיטנעהמען אין פּאלאַץ.

גראף מעראס האט בעטראכט דעם זאָנדערבאַרען בעטלער פון קאפ ביז אין די פים.

— זייט איהר שטום? האט ער איהם געפרעגט?

דער אלטער מאן האט געמאכט עפּעס צייכענס, וועלכע גראף מעראס האט ניט פערשטאנען. דעם אלטען גראף האט אנגעהויבען צו אינטערעסירען דער אלטער בעטלער. צוואר איז גראף מעראס ניט געווען קיין גרויסער קינסטלער אין דער טויב און שטום שפּראכע, דענאך האט ער געגעבען א ווינק צו איינעם פון זיינע לאקייען, ער זאל אריינפיהרען דעם אלטען אין זיין שרייב צימער.

דער גראף איז דאן ארויפגעגאנגען צו זיך אין זאל.

די גרעפין פאן טאָקקי האט געוואוינט ביי איהר ברודער, זייט זיא איז געקר מען קיין בודאפּעסט. עס איז איהר גאר ניט אנגעשטאנען צו פערפאהרען אין א האָטעל און גראף מעראס וואלט עס אויך קיין פאל ניט דערלאזען.

זיא האט יעצט געווארט אויף איהר ברודער. עס איז געווען די צייט פון זייער מיטאג עסען און דער גראף האט זיך היינט עפּעס פערשפּעטיגט. ווען ער איז אריינ־געקומען אין זאל, איז זיא איהם ענטגעגען געגאנגען אין האט אויסגערופען:

— אזוי שפּעט, ברודער? איך ווארט שוין אויף דיר זייט א שטונדע.

— דו ווייסט דאך, וואו איך בין געווען, עלכא, האט גראף מעראס געענטפערט.

— האסט דו עפּעס אויפגעטאהן, ברודער?

— ליידער, האב איך גאר ניט געקענט העלפען, האט דער גראף געזאגט טרויעריג.

— דו האסט געטאהן, וויא דו האסט געקענט, ברודער. — יעצט קום צו טיש. איך ווארט אויף דיר שוין זעהר לאנג.

— ענטשולדיג מיר, שוועסטער, וואס איך צווינג דיך צו ווארטען נאך איינינע מינוט.

— וואס איז דען, ברודער?

— איך וויים אליין ניט, וואס איך זאל דיר זאגען. אן אלטער מאן, א שטומער, געפינט זיך ביי מיר אין שרייב צימער. איך וויים ניט, וואס ער פערלאנגט פון מיר. ער קומט מיר אבער פאָר אזוי זאָנדערבאר, אז איך מוז מיט איהם רעדען.

— אן אלטער מאן, א שטומער? האט די גרעפין פאן טאָקקי איבערגעפרעגט. איהר איז באלד איינגעפאלען, זאל עס ניט זיין דער שטומער בעטלער?

— יא, שוועסטער, אן אלטער, איינגעבויגענער מאן, א שטומער, האט דער גראף געענטפערט.

— קען איך איהם זעהן?

— פאר וואס ניט, שוועסטער! ער געפינט זיך ביי מיר אין שרייב צימער.

די גרעפין פאן טאָקקי איז באלד צוגעגאנגען צו דער טהיר פון שרייב צימער

האָט זי געעפענט און האָט אַ קוק געטהאָן. זי האָט איהם דערקענט. דאָס איז ווירקליך געווען דער שטומער בעטלער.

זי האָט שנעל פערמאַכט די טהיר און איז צוגעלאָפען צו איהר ברודער.

— איך קען איהם, ברודער! האָט זי אויסגערופען, דאָס איז דער שטו־מער בעטלער. מען רופט איהם ביי אונז דער אַלטער יאַקקי. ער געפינט זיך שוין אַ לאַנגע צייט אין אונזער געגענד. ער געהט אַרום אין די הייזער און בעטעלט. מיר געפעלט ער ניט. ער ווייזט אויס צו זיין אַ שפּיאָן. איך וואָלט דיר געבעטען, דו זאָלסט הייסען איהם אַרעסטירען.

— וויא קען איך הייסען אַרעסטירען אַ מענשען, וועלכען איך קען ניט און ווייס ניט, וואָס פאַר אַ פאַרברעכען ער האָט בעגאַנגען? — פון וואַנען ווייסט דו, אַז ער איז אַ שפּיאָן און אַ פאַרברעכער?

— איך בין זיכער, אַז ער ווייס, וואו אַרטהור פאָן באַטהיאַני און על־ווירא געפינען זיך. איך בין זיכער, אַז ער האָט ביי זיך בריעף פון אַרטהור׳ן און עלווירא׳ן.

— איך פערשטעה דיך ניט, שוועסטער! האָט גראַף מעראַס אויסגערו־פען, וואָס רעדסט דו? פון וואַנען זאָל דער אַלטער שטומער בעטלער ווייסען, וואו אַרטהור מיט עלווירא׳ן געפינען זיך?

— גלויב מיר, ברודער, אַז דער שטומער בעטלער איז גאָר ניט אַזוי אונשולדיג, וויא דו מיינסט. ער פערשטעלט זיך נור. ער ווייס פיעל מעהר, וויא עס ווייזט זיך אויס.

איך פערשטעה דיך דאָך ניט, האָט גראַף מעראַס אויסגערופען.

— דו וועסט מיך באַלד פערשטעהן, האָט די גרעפין געענטפערט.

זי האָט איהם דערצעהלט אַלעס וואָס זי האָט געוואוסט פון שטומען בעטלער.

— איך ווייס נאָך ניט אַלעס, האָט זי געענדיגט איהר ערצעהלונג, דער באַראָן נאַני פאָן האַללאַוואַי ווייס נאָך פיעלע זאַכען פון איהם.

— דו זאָגסט, אַז דער שטומער בעטלער האָט דאַמאָלס געבראַכט על־ווירא׳ן דעם בעגנאַדיגונגס בריעף פון׳ם קייזער. עלווירא האָט איהם פערלאָ־רען, אָדער מען האָט איהם ביי איהר צוגענומען און דער שטומער בעטלער האָט איהם צוריקגעבאַכט צו עלווירא׳ן. ווייסט דו עס פאַר געוויס?

— יאַ, ברודער, האָט די גרעפין געענטפערט, דאָס איז ניט געווען דאָס איינציגע מאָהל, וואָס ער האָט געטראָגען בריעף פון אַרטהור׳ן צו עלווירא׳ן. אַ פּאָר טאָג פאַר איהר אַנטלויפען האָט ער איהר אויך געבראַכט אַ בריעף. איך בין זיכער, אַז ער ווייס אַלע געהיימניסע פון אַרטהור פאָן באַטהיאַני.

גראַף מעראַס האָט זיך פערטראַכט.

— אַלענפאַלס איז ער אַ מערקווירדיגער מענש, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, אַזאַ שטומער, אָרימער מענש זאָל קומען אין ווינטער צייט אַזאַ לאַנ־גען און ווייטען וועג אום צו רעדען מיט מיר, מוז דאָך עפּעס זיין. איך מוז ווייסען, וואָס ער וויל.

— דו האָסט רעכט, ברודער, געה און הער וואָס ער פערלאַנגט פון דיר. איך זאָג דיר אָבער, אַז מען מוז האַלטען אַן אויג אויף איהם. ער איז אַ געפעהרליכער מענש.

גראַף מעראַס איז אַריינגעגאַנגען אין זיין שרייב־צימער.

קוים איז גראַף מעראַס אַריינגעקומען, האָט זיך דער שטומער בעטלער אויפגעהויבען און האָט זיך געשטעלט פאַר איהם. ער איז מעהר ניט געווען איינגעבויגען און אויפגעקנייטשט וויא פריהער. פאַר׳ן גראַף איז יעצט געשטאַנען אַ הויכער אַלטער מאַן מיט אַ שטאָלצען בליק און מיט אַן אַריסטאָקראַטישעם אויסזעהן.

— וואָס פערלאַנגט איהר פון מיר, אַלטער מאַן? האָט גראַף מעראַס געפרעגט פריינדליך.

דאָס מאָהל האָט דער שטומער בעטלער זיך ניט געמאַכט אַז ער פערשטעהט ניט, וואָס מען רעדט צו איהם. ער האָט אַרויסגענומען אַ פערזיעגעלטעם פעקעל בריעף און האָט עס דערלאַנגט דעם גראַף מעראַס. דערביי האָט ער איהם געוויזען אויף דער אויפשריפט אויפ׳ן קאָנווערט.

גראַף מעראַס האָט געלעזען:

„אין דער לעצטער צייט זיינען פאָרגעקומען שרעקליכע זאַכען אין „דער געגענד, וואו עס געפינען זיך די שלעסער: טאָקקי, באַטהיאַני און „ראַדעצקי. — אין דיעזע פאַפּיערען געפינט זיך אַן אויפקלעהרונג. איבער „פיעלע פערברעכען, וועלכע זיינען ביז אין היינטיגען טאָג קיינעם ניט בע־„קאַנט. דער אַלטער יאַקקי בעט דעם גראַף מעראַס, ער זאָל צונעהמען „דיעזע פאַפּיערען און דאָקומענטען צו זיך און זאָל זיי ניט עפענען, ביז „דער אַלטער יאַקקי וועט צוריקקומען פון זיין רייזע, וועלכע ער וויל יעצט „אונטערנעהמען.“

„דער אַלטער יאַקקי וויים, אַז נור ביי גראַף מעראַס זיינען דיעזע דאָ־„קומענטען זיכער, דערפאַר בעט ער זעהר, אַז גראַף מעראַס זאָל איהם „ניט אָפּזאָגען און זאָל צונעהמען דיעזע פאַפּיערן און זאָל זיי האַלטען ביי זיך.“

גראַף מעראַס האָט איבערגעלעזען דיעזע אויפשריפט איין מאָהל און צוויי מאָהל, איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דיעזע האַנדשריפט איז איהם בע־קאַנט. ער האָט זיך אָבער אויף קיין פאַל ניט געקענט דערמאָהנען, וואו ער האָט זי געזעהן.

ער האָט בעטראַכט דעם אַלטען מאַן אייניגע מינוט מיט שטוינען און פערוואונדערונג.

— וואָס זאָל עס הייסען? האָט ער ענדליך געפרעגט. וואָס מיינט איהר דערמיט?

דער שטומער בעטלער האָט געוויזען צום הימעל. גראַף מעראַס האָט ניט פערשטאַנען, וואָס ער מיינט דערמיט.

— הייסט איהר יאַקקי? האָט ער געפרעגט, זייט איהר בעקאַנט מיט׳ן באַראָן אַרטהור פאָן באַטהיאַני? שטעהט איהר מיט איהם אין פערבינדונג?

דער שטומער בעטלער האָט געשאָקעלט טרויעריג מיט׳ן קאָפּ. פּלוצלונג האָט ער אַ חאַפּ געטאָהן די האַנד פון גראַף מעראַס, האָט זי צוגעפּרעסט צום האַרצען

און גרויסע, הייסע טרערין האבען זיך געגאסען פון זיינע אויגען. דאן האט ער זיא מיט אמאל אפגעלאָזען און איז שנעל ארויסגעלאפען פון צימער.

גראף מעראס איז געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט. דאן האט ער גע־ווארפען א בליק אויף דאס פעקעל פאפיערן. ער האט עס נעהאפט און האט געוואָלט אויפרייסען דעם קאָנווערט. ער האט אבער נעהאט נענוג מוטה און נענוג קראפט זיך איינצוהאלטען. ער האט עס באלד אריינגעלעגט אין זיין קאססא קאסטען און האט עס פערשלאָסען.

— ניין! איך וויל עס ניט! האט ער אויסגערופען, איך דארף עס ניט. ער האט מיך געבעטען, איך זאל ווארטען און איך וועל ווארטען.

אין דיעזע מינוט איז דיא גרעפין פאן טאָקקי אריינגעקומען אין צימער. זיא האט געזעהן, אז איהר ברודער זאמט זיך זעהר לאנג מיט'ן שטומען בעטלער און איז געקומען זעהן, וואס ער טהוט דארט. — זיא איז געווען ערשטוינט, ווען זיא האט גע־זעהן, אז איהר ברודער איז אליין.

— וואו איז אהינגעקומען דער שטומער בעטלער? האט זיא געפרעגט.

— ער איז זיך אוועקגעגאנגען, האט גראף מעראס געענטפערט.

— פאר וואס האסט דוא איהם געלאָזען לויפען? פאר וואס האסט דוא איהם ניט ארעסטירט?

— איך האב עס ניט געקענט טאהן. דער מאן ווייזט ניט אויס צו זיין א שפיאָן. מיט איהם איז עפּעס. ער האט געליטען פיעל אין זיין לעבען. ער האט געוויינט. דאס איז ניט אומזיסט. ער האט געוויס פיעלעס געליטען אין זיין לעבען. ער האט מיר געגעבען א פעקעל דאקומענטען, פון וועלכע מיר וועלען געוויס געוואהר ווערן פיעלע זאכען.

— וואו זיינען דיעזע דאקומענטען?

גראף מעראס האט ארויסגענומען דאס פעקעל דאקומענטען און האט איהר געוויעזען, וואס עס איז אנגעשריעבען אויפ'ן קאָנווערט.

— ווילסט דוא ווארטען, ביז ער וועט צוריקקומען? האט דיא גרעפין פאן טאָקקי געפרעגט, — עפען אויף דיא דאקומענטען! לאָמיר זיי לעזען! לאָמיר זעהן וואס עס געשריעבען אין דיעזע דאקומענטען.

— ניין, שוועסטער! איך וועל עס ניט טאהן. איך וויל ווארטען, ביז ער וועט צוריקקומען. ער האט מיר פערטרויט דיעזע דאקומענטען און איך וויל אויף קיין פאל ניט מיסברויכען זיין צוטרויען.

דיא גרעפין פאן טאָקקי האט געזעהן, אז זיא וועט גאר ניט ווירקען אויף איהר ברודער. ער איז צו עהרליך און צו שטאָלץ אום צו עפענען פ־עמדע דאקומענטען. זיא האט זיך איבערלעגט און איז געפאלען אויף אנאנדער פלאַן.

זיא האט זיך צוגעקוקט, וואו איהר ברודער האט בעהאלטען דיא דאקומענטען, און האט זיך בעשלאָסען זיי שפּעטער ארויסצונעהמען און צו לעזען.

9טער קאפיטעל.

צום אדוואקאט קומט א גאסט.

נאוואק האט איבערגעלעבט זעהר א טרויעריגע צייט, זייט ער איז געוואהר געווארען, אז דאס דאקומענט, וועלכעס איז פאר איהם אזוי וויכטיג, געפינט זיך אין דיא הענד פון'ם הענקער מיכאאיל.

זייט ער איז עס געוואהר געווארען, האט ער ניט געלעבט און האט נור גע־טראכט, וויא אזוי ער זאל עס ארויסקריעגען פון איהם. דאס איז אבער געווען קיינע לייכטע אויפגאבע.

ווען מען זאל וועניגסטענס וויסען, וויא אזוי דאס דאקומענט איז געקומען צום הענקער מיכאאיל, וואלט ער פיעליכט געפינען א מיטעל, וויא אזוי עס ביי איהם ארויסצונארען מיט גוטען אדער צו פארדערן מיט געוואלד. ער איז דאך אבער ניט זיכער, אויב דאס דאקומענט געפינט זיך גאר ביים הענקער. פיעלייכט האט סטאסא געזאגט א ליגען. — ווער האט דען געקענט ארויסגנבענען ביי איהם דאס דאקומענט? ער טראגט בעשטענדיג ביי זיך דיא שליסעלעך פון זיינע געהיימע שובלאדען. ער האט זיי קיינעם ניט געגעבען. ער האט זיי ניט פערלארען.

— וויא אזוי איז אבער דאך פערשוואונדען דאס דאקומענט? האט ער געפרעגט זיך אליין.

ער האט אבער קיינע אנטווארט געפונען אויף דיעזע פראגע. דיא גאנצע גע־שיכטע איז געווען א רעטעניש, וועלכעס ער האט אויף קיין פאל ניט געקענט לעזען.

איין מאל איז ער געזעסען פערטיעפט אין זיינע געדאנקען און האט געזוכט א מיטעל, וויא אזוי ארויסצוקריעגען פון מיכאאילן דאס דאקומענט, ווען א דיענער איז אריינגעקומען און האט געמעלדעט, אז באראן נאגי פאן האללאוואאי ווינשט מיט איהם צו רעדען.

נאוואק איז אויפגעשפרונגען פול פרייד און איז אליין געלאפען עפענען דיא טהיר זיין גוטען פריינד דעם באראן נאגי. ער האט איהם דערלאנגט ביידע הענד און האט אויסגערופען פול פרייד:

— זייט מיר טויזענד מאל ווילקאמען, מיין ליעבער, טהייערער גאסט!

ער האט איהם אריינגעפיהרט צו זיך אין שרייב צימער, האט איהם געבעטען זיצען לעבען זיין שרייב טיש און האט איהם געפרעגט:

— נו, ליעבער באראן, קען איך וויסען, וואס עס האט אייך געבראכט צו מיר?

— זעהר וויכטיגע אנגעלעגענהייטען, האט נאגי געענטפערט ערנסט. — איהר מוזט מיר העלפען, הערר נאוואק.

— מיט פערגניגען, הערר בארא! פון אייערטוועגען וועל איך טאהן אלעס, וואס איך וועל נור קענען.

נאגי האט געטראכט איינלגע מינוט, דאן האט ער געזאגט:

— געדענקט איהר, ווען איהר זייט געווען ביי אונז, האט אייך בעגעגענט א שטומער בעטלער און האט אייך געבעטען, איהר זאלט איהם עפעס שענקען? — קענט

איהר זיך דערמאָהנען, אַז איהר האָט מיר געזאָגט, אַז איך געפֿעהלט ניט דיעזער בעטלער?

— געוויס, הערר באַראָן, איך געדענק אַלעס זעהר גוט.

— דער בעטלער איז גאָר ניט שטום, האָט נאַגי בעמערקט, אויסער דעם איז ער אַרטהור פאָן באַטהיאַני'ס בעסטער פריינד. איך ווייס ניט, וואָס עס איז די אורזאַכע פון זייער פריינדשאַפט, איך בין אָבער זיכער, אַז דער שטומער בעטלער איז אונזער פיינד. ער איז דעם באַראָן פאָן באַטהיאַני'ס שפּיאָן.

נאָוואַק האָט זיך דערשראָקען. ער האָט זייער מורא געהאַט פאַר אַ געהיימען פיינד, בעזאָנדערס פאַר אַ מענשען, וועלכער האָט זיך אַזוי קלוג און אַזוי געשיקט פערשטעלט פאַר אַ טויבען און שטומען. אַזאַ פאַלל איז איהם פאָרגעקומען צום ערשטען מאָהל.

— דאָס איז זעהר וויכטיג, באַראָן פאָן האַללאַוואַי, האָט ער געזאָגט לאַנגזאַם, די פראַגע איז נור, זייט איהר פעסט איבערצייגט, אַז ער האָט זיך פערשטעלט פאַר אַ שטומען? האָט איהר בעווייזע, אַז ער קען רעדען?

— געוויס, הערר נאָוואַק! איך האָב אַליין מיט איהם גערעדט?

— הערר באַראָן, דערצעהלט מיר אַלעס, וואָס עס האָט פּאַסירט צווישען אייך און דעם שטומען בעטלער. דיעזע אַנגעלעגענהייט איז אַזוי וויכטיג, אַז איך מוז אַלעס וויסען, זאָנסט ווייס איך ניט, וואָס איך קען טאָהן געגען איהם.

— אָבער, הערר נאָוואַק, איהר זייט דאָך עפּעס אַ קלוגער און געשיקטער אַדוואָקאַט, — האָט נאַגי אָנגעהויבען צו ריידען.

דער אַדוואָקאַט אָבער האָט איהם אונטערבראָכען.

— אַלס אַדוואָקאַט מוז איך אַלעס וויסען. פאַר אַן אַדוואָקאַט און פאַר אַ דאָקטאָר טאָר מען קיין זאַך ניט פערהוילען און ניט בעהאַלטען. זיי מוז מען אַלעס אויסזאָגען.

— נאַגי האָט געטראַכט איינינע מינוט. ער האָט זיך איבערלעגט, וואָס ער זאָל זאָגען דעם אַדוואָקאַט. ענדליך האָט ער איהם דאָך אַלעס דערצעהלט.

— דאַן איז עס ווירקליך געפעהרליך, האָט דער אַדוואָקאַט בעמערקט. דאַן מוז איך ווירקליך זעהן, אַז ער זאָל אונז מעהר ניט שאַדען.

— דאָס ווייס איך אויך, הערר אַדוואָקאַט, איך ווייס אָבער ניט, וויא אַזוי מען קען פון אַזאַ מענשען לויז ווערען עפּעס אויף אַ פיינער אַרט.

— דאַריבער מוז איך ערשט נאָכדענקען, האָט דער אַדוואָקאַט געברומט, פערגעסט ניט, הערר באַראָן, אַז דערווייל ווייס איך נאָך גאָר ניט, וואו ער האַלט זיך אויף. ווען ער ליעגט ערגעץ אין אַ וואַלד לעבען ראָזענוי, קען איך גאָר ניט טאָהן געגען איהם.

— ער איז דאָ אין בודאַפּעסט! האָט נאַגי אויסגערופען.

— פון וואַנען ווייסט איהר עס?

— איך האָב איהם געזעהן אויף דער גאַס ערשט ניט לאַנג.

— פאַר וואָס זייט איהר איהם ניט נאָכגעפאָהרען? פאַר וואָס האָט איהר איהם ניט נאָכגעשפּיערט?

— דאָס איז מיר געווען אונמעגליך. איך בין דאַמאָלס געפאָהרען מיט מיין פרוי צו גראַף מעראַס.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך פערטראַכט. זיין קאָפּ האָט שוין געאַרבייט און געזוכט פּלאַנען, וויא אַזוי אויסצוגעפינען. וואו דער שטומער בעטלער האַלט זיך אויף. נאָך איינינע מינוטען האָט ער געזאָגט מיט אַפּרעהליכע מינע:

— בערוהיגט אייך, הערר באַראָן! איך וועל שוין אויסגעפינען מענשען, וועלכע וועלען דורכזוכען גאַנץ בודאַפּעסט, ביז זיי וועלען איהם געפינען. אין דריי טעג אַרום וועל איך אייך זאָגען, וואָס ער טהוט דאָ און וואו ער האַלט זיך אויף.

— איך וועל אייך זיין זעהר דאַנקבאַר, האָט נאַגי געזאָגט, איך וואָלט מיך געלאָזט קאָסטען, וויא פיעל עס איז אום אויסצוגעפינען די געהיימניסע פון דיעזען זאָנדערבאַרען שפּיאָן.

— זאָגט מיר, הערר באַראָן, קענט איהר ניט אַן אַלטע פרוי מיט'ן נאָמען סטאַסא, וועלכע וואָהנט אויך ערגעץ אין אייער געגענד?

— סטאַסא? — סטאַסא? האָט נאַגי געמורמעלט. — יאָ! איך דערמאָהן מיך. זי האָט מיר אַמאָהל געבראַכט אַ בריעף פון אייך.

— גאַנץ ריכטיג. זי איז אַ דורכגעטריעבענע העקסע (מכשפה). זי איז די איינציגע, וועלכע איז אים שטאַנד אויסצוגעפינען אַזאַ פוקס, וויא אייער שטומער בעטלער. ווען איהר זאָלט איהר עפּעס געבען, וועט זי איהם געוויס אויסגעפינען.

— וואו נעהמט מען זי אָבער? האָט נאַגי געפרעגט.

— איך וועל זי שיקען צו אייך.

— אָה, איך דאַנק אייך, הערר אַדוואָקאַט.

— וואו זייט איהר אָפּגעשטיגען?

נאַגי האָט איהם געזאָגט אין וועלכען האָטעל ער וואָהנט.

— אַלזאָ, הערר נאַוואַק, איך פערלאָז מיך אויף אייך, האָט ער ווייטער געזאָגט. איך בין זיכער, אַז איהר וועט מיר העלפען צו פערניכטען דיעזען מענשען, ווייל ער איז פאַר אונז ביידען זעהר געפעהרליך.

— דערווייל, הערר באַראָן, איז ער פאַר אייך פיעל געפעהרליכער, וויא פאַר מיר, האָט דער אַדוואָקאַט בעמערקט מיט שפּאָט, דאָס מאַכט אָבער ניט אויס. איך האָב אייך צוגעזאָגט, אַז איך וועל אייך העלפען און איך וועל עס טאָהן.

— וואָס שנעלער, אַלץ בעסער. האָט נאַגי געבעטען. מיר דאַרפען ניט פערליערען אַ מינוט.

— דאָס ווייס איך זעהר גוט.

ביידע פריינד האָבען נאָך אָוועקגערעדט איינינע צייט איבער זייערע אַנגעלעגענהייטען, דאַן איז נאַגי אַוועק צו זיך אין האָטעל.

קוים איז ער אַריינגעקומען אין קאָררידאָר פון האָטעל, האָט איהם אַ דיענער

דערלאנגט א בריעף. נאני האט געזעהן, אז אויפ'ן בריעף איז קיין סטעמ־פעל פון דער פאָסט און האט איהם האסטיג אויפגעריסען.

אין בריעף זיינען געשטאנען פאלגענדע צייל‏ען:

„ווערטהער הערר באראן!

איך האב זעהר וויכטיגע נייעס. דער שטומער בעטלער אדער דער אלטער יאָקקי איז געווען ביי מיין ברודער און האט איהם איבערגעגעבען א פערזיעגעלטען קאנווערט מיט דאקומענטען. איך וויים ניט, וואס פאר דאקומענטען דאס זיינען און וואס זיי ענטהאלטען. זיי זיינען אבער געווים זעהר וויכטיג פאר מיר. זיי ענט־האלטען געווים עפּעס איבער ארטהור און עלווירא.

קומט, הערר באראָ, צו מיר אום צוויא אוהר נאך מיטאג. מיר וועלען זיך בעראטהען וועגען דיעזע דאקומענטען.

מיט הערצליכען גרוס,

עללא גרעפין פאן טאקקי.“

נאני איז געווארען בלייך, וויא קאלך, ווען ער האט איבערגעלעזען דיעזען בריעף, וועלכער האט איהם געזאגט גאנץ דייטליך, אז דער פערשטעלטער שטומער בעטלער האט געהיימניסע מיט גראף מעראס.

— איך מוז געהן צו דער גרעפין! האט ער אויסגערופען, איך מוז האבען די דאקומענטען! איך וועל זיי האבען, זאגאר ווען די שוועסטער וועט זיי ארויסגנבענען פון'ם ברודער.

10טער קאפיטעל.

דיא רעטונג.

מען קען זיך לייכט דענקען, וואס ארטהור האט געפיהלט, ווען מען האט איהם צוריקגעפיהרט אין זיין קעמעריל. ער האט געהערט דייטליך געגוג, וויא עלווירא האט געזאגט דעם אנא דאס שרעקליכע ווארט: י א. — אלזא, זיא האט זיך ענטשלאסען איהם צו הייראטהען.

קוים האט מען איהם אריינגעפיהרט אין זיין קעמעריל, האט ער זיך א ווארף געטאהן אויף דער ערד און האט אנגעהויבען צו ברומען, וויא א פערוואונדעטעס טהיער.

— אזוי זיינען זיי שוין, דיא פרויען! האט ער געשריען, זיי שפּיעלען זיך נור מיט אונזערע געפיהלע; זיי זיינען פאלש, זייערע רעד זיינען פאלש, זייערע פערשפּרעכונגען זיינען פאלש און זייערע שווירע (שבועות) זיינען פאלש. ביי דער ערשטער געלעגענהיים האט זיא נאכגעגעבען און האט נעגעבען איהר האנד דעם טערק. — עלווירא! מיין עלווירא, וועלכע האט מיר אזוי פיעל מאל געשווארען, אז זיא וועט מיך ליעבען ביז אין טויט, האט איינגעווילינט צו ווערן דיא פרוי פון דיעזען ווילדען טערק! — דאס איז שרעקליך! דאס איז אונערטרעגליך! איך וועל עס ניט אויסהאלטען! איך וועל עס ניט איבערלעבען!

ער איז אויפגעשפרונגען און האט אנגעהייבען ארומצולויפען אין זיין צימער, וויא א נעררייצטער טיגער אין זיין אייזערנער שטייג. ער האט געריסען דיא טהיר, ער האט

געריסען דיא וואנד, ער האט געריסען דיא ערד; ער האט געטאנצט, ער האט געשפרונגען; ער האט זיך געווארפען, וויא א וואהנזיניגער.

ענדליך האט ער זיך געפיהלט אזוי מיעד און אזוי שוואך, אז ער איז געבליעבען ליעגען, וויא א קלאָץ. יעצט ווען זיין ברענענדער שמערץ האט זיך אביסעל אפגעקיהלט, האט ער אנגעהויבען אנדערש צו דענקען פון זיין עלווירא. ער האט זיך דערמאנט, וויא זיא האט איהם געבראכט דעם בעגנאדיגונגס בריעף פון'ם קייזער; ער האט זיך דערמאָנט, אז זיא איז אנטלאָפען פון רייכקייט און גליק און איז געלאָפען מיט איהם אין א פרעמד לאנד, וואו עס האט זיא ערווארטעט עלענד און נויט; ער האט זיך דערמאָנט, אז נור אום צי רעטען זיין לעבען האט זיא איינגעווילינט צו ווערן דעם אגא'ס פרוי. — זיא האט זיך אלזא אויפגעאָפּפערט פון זיינעטוועגען.

ער האט אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז ער איז אונגערעכט, וואס ער בעשולדיגט זיא אין פאלשקייט. זיא האט עס געמאהן אויס ליעבע צו איהם. אין זיין הערצען האבען אנגעהויבען זיך צו ריהרען אנדערע געפיהלע, אנדערע געדאנקען און אנדערע געפיהלע. ערשט יעצט האט ער געקענט וויינען. ערשט יעצט האבען זיך געעפענט דיא קוואלען פון זיינע אויגען און הייסע, ביטערע טרערין האבען זיך נטגאסען פון זיי. שמערץ, צאר, פערדרוס און ליידען זיינען דיא בעסטע פומפען. זיי פּ־עסען ארויס פון אונז, פומפען ארויס פון אונז דיעזע זאנדערבארע נאסקייט — טרערין.

דיא טרערין האבען איהם אביסעל ערלייכטערט. ער איז געבליעבען ליגען, וויא אין אָהנמאכט.

פלוצלונג האט ער געפיהלט, וויא א שווערע האנד האט זיך ארויפגעלעגט אויף זיין פלייצע. ער האט זיך א ווארף געטאהן און האט געוואלט אויפשפרינגען.

— רוהיג, מיין העדר! האט א שטימע געזאגט איהם אין אויער. עס איז געקומען דיא צייט זיך צו רעטען.

ארטהור האט דערקענט דיא שטימע. דאס האט גערעדט דיזעלבע פערהיילטע געשטאלט. ער האט זיך אניעדער־געזעצט און האט געזאגט טרויעריג:

— וואס ווילסט דוא פון מיר, פרעמדער? צו וואס זאלסט דוא מיך אפנאררען מיט פאלשע האפנונגען? — צו וואס זאלסט דוא מיך פערפיהרען מיט האפנונגען און אויסזיכטען, וועלכע קענען ניט פערווירקליכט ווערן?

— ניין, מיין העדר, איך נארר אייך ניט אפ, האט דער פרעמדער געענטפערט. איך פערפיהר אייך ניט. איך וויל אייך רעטען און וועל אייך רעטען. — בלייבט דא גאנץ רוהיג. אין א האלבע שטונדע ארום קום איך צוריק.

— וועט איהר קומען אליין? האט ארטהור געפרעגט, אהן עלוויראַ'ן וויל איך ניט אנטלויפען.

— איך וועל זיא אויך מיטברענגען, האט דער פרעמדער געזאגט און איז זיך אוועקגעגאנגען.

אין שלאס פון אגא איז יעצט געווען שטיל. אין אלע פענסטער איז געווען פינסטער. אלע האבען זיך געלעגט שלאפען. אלע זיינען געווען מיעד פון זייערע ארבייטען א גאנצען טאג און א גאנצען פארינגען אבענד. אלע האבען גערוהט, אלע האבען

געשלאָפען, נור אין איינציגעם צימעריל האָט נאָך געברענט אַ ליכט. דעם אַגאַ'ס טערקישע פרוי האָט נאָך ניט געשלאָפען.

אַ פערשלייערטע און פערהילטע געשטאַלט איז געגאַנגען שטילערהייט איבערן הויף. זי איז צוגעגאַנגען שטילערהייט צו אַ פענסטער און האָט אָנגעהויבען צו קראַצען די לייכטע לאָדען. באַלד האָט זיך געעפענט דאָס פענסטער און אַ פרויען קאָפּ האָט אַרויסגעשטעקט.

— דו ביסט עס, מאַוורא? האָט די פרוי געפרעגט.

— איך בין עס, נאַרדאַ, האָט די געשטאַלט געענטפערט. — האָסט דו די קליידער?

— איך האָב זיי. קום אַריין און טהו זיך איבער. אַלעס איז פערטיג. אַלע שלאָפען, נור זי שלאָפט נאָך ניט. זי לויפט אַרום, וויא אַ וואַהנזיניגע.

— זי מוז שטאַרבען! האָט דער מאַן געזאָגט שטילערהייט — — — —

די טערקישע פרוי איז ווירקליך ניט געשלאָפען. ווען זי האָט געזעהן, וויא די שרעקליכע סצענע אין הויף האָט זיך געענדיגט; זי האָט זיך גוט צוגעקוקט, וואוהין דער אַגאַ האָט געהייסען אַוועקפיהרען עלוויראַ'ן און זי האָט זיך ענטשלאָסען צו טוידטען עלוויראַ'ן נאָך היינט ביי נאַכט. זי האָט זעהר גוט געקענט דעם אַגאַ און האָט געוואוסט, אַז קוים בלייבט עלוויראַ אין שלאָס, וועט זי פערליערען איהר איינפלוס אויף איהם.

שטילערהייט, וויא אַ שאָטען איז זי געגאַנגען דורך די פינסטערע קאָררידאָרען פון האַרעם, ביז זי איז צוגעקומען צום צימער, וואו עלוויראַ איז געווען פערשלאָסען. זי האָט געעפענט די טהיר און האָט געוואָלט אַריינגעהן, ווען פון הינטען איז אָנגעקומען אַ מאַן מיט אַ ליכט אין דער האַנד.

די טערקישע פרוי איז אָפּגעשפרונגען פון דער טהיר און האָט אויסגערופען;

— אַלי־אַגאַ דו ביסט עס?

דער מאַן איז צוגעקומען נעהענטער און האָט אָפּגעדעקט זיין געזיכט.

— מאַוורא? האָט די טערקין אַ געשריי געטהאָן, וויא קומסט דו אַהער? וויא וואַגסט דו עס אַריינצוגעהן אין האַרעם ביי נאַכט?

אַ זעץ מיט אַ לאַנגען מעסער אין האַרצען איז געווען די אַנטוואָרט אויף דיעזע פראַגען.

— שטאַרב, דו פאַלשע פרוי! האָט מאַוורא אויסגערופען, דו האָסט געטוידטעט מיין בראַוט, יעצט מוזט דו שטאַרבען.

— וויא אַ קלאָץ איז די טערקישע פרוי געפאַלען צו דער ערד. זי האָט זאָגאַר ניט געקאָנט געבען איין געשריי.

— דער גרעק מאַוורא פערגעסט ניט, האָט דער מאַן געזאָגט, דער גרעק מאַוורא האָט געשוואָרען זיך נוקם צו זיין אָן דיר און ער האָט געהאַלטען זיין וואָרט.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אַריינגעגאַנגען צו עלוויראַ'ן אין צימער. עלוויראַ האָט אויך געמיינט, אַז דאָס איז דער אַגאַ, ווייל ער איז געגאַנגען אָנגעטהאָן, וויא

דער אגא. זי איז אויפגעשפרונגען פון דעם ניעדעריגען דיוואן, אויף וועלכען זי איז געלעגען און געוויינט.

— וואס ווילסט דו פון מיר? האט זי אויסגערופען, וואו איז ארטהור? האסט דו איהם שוין בעפרייט? האט זי געשריען ניט מיט איהר קול.

— רוהיג! — רעדט ניט אזוי הויך! האט דער פרעמדער געבעטען.

עלווירא האט ערשט יעצט דערזעהן, אז דאס איז ניט דער אגא. דא־ריעבער אבער האט זי זיך נאך מעהר דערשראקען.

— ווער זייט איהר און וואס ווילט איהר דא? האט זי געפרעגט.

— איך וויל אייך רעטען, האט איהר דער מאן געענטפערט אויף פראנ־צויזיש.

— וואו איז ארטהור? וואו איז מיין געליעבטער?

— איך וויל אייך ביידען רעטען. — קומט מיט מיר שנעל! יעדע מי־נוט איז טהייער.

עלווירא האט איהם בעטראכט מיט שטוינען. זי האט איהם ניט גע־טרויט. זי האט מורא געהאט פאר איהם. דער פרעמדער האט עס פערשטא־נען. ער האט זעהר גוט געוואוסט, וויא טהייער עס זיינען די מינוטען.

— איהר גלויבט מיר ניט, האט ער געזאגט, איהר טרויט מיר ניט, קומט מיט מיר, איהר וועט זיך באלד איבערצייגען, אז איך מיין עס גוט און ערנסט מיט אייך.

ער האט זי צוגעפיהרט צו דער טהיר און האט איהר געוויזען אויפ'ן טוידטען קערפער פון דער טערקישער פרוי.

— דיעזע פרוי האב איך געטוידטעט אום אייך צו רעטען, האט ער גע־זאגט קורץ און שארף. איהר האט זעהר וועניג צייט. ווילט איהר געהן מיט מיר, וועט איהר און אייער געליבטער זיין פריי. ווילט איהר ניט, דאן מוז איך אליין אנטלויפען.

דער טאן, די שטימע, דאס גאנצע בענעהמען פון דעם אונבעקאנטען האבען איהר איינגעפליעסט מוטה. זי האט דערהערט אין זיין שטימע אזעלכע וויכע און הערצריהרענדע גאטען קלינגען, אז זי האט געמוזט איהם טרויען.

— איך געה מיט אייך, האט זי ענדליך געזאגט, איך ווייס ניט, ווער איהר זייט, איך געה אבער מיט אייך.

זי האט זיך איינגעהילט אין איהר מאנטעל און איז ארויסגעגאנגען מיט איהם אין הויף. אין דרויסען האט זיך געוויעזען דער ערשטער שיין פון יונ־גען טאג. עלווירא האט זיך דערמאנט אן דעם טאג, ווען זי מיט ארטהור'ן זיינען געקומען אהער. דאמאלס איז עס אנדערש געווען. דאמאלס איז זי גע־ווען פול מיט האפנונגען. יעצט אבער... אך, יעצט!

זי האט קיין צייט געהאט פיעל צו דיינקען. דער פרעמדער האט זי געשלעפט דורך דעם שטילען הויף, ביז ער האט זי צוגעפיהרט צו א צימער־ריל. ער האט האסטיג געעפענט די טהיר און האט זי אריינגעלאזען.

— ארטהור! האט עלווירא אויסגערופען.

— עלווירא! דו ביסט עס?

ביידע געליעבטע האבען זיך ארומגענומען. זיי האבען אבער קיין צייט געהאט

פיעל צו רעדען און זיך צו ערקלערן. באלד איז אריינגעקומען דער פרעמדער מיט א בינטעל קליידער. ער איז געווען אנגעטאהן אין דיא קליידער פון רעם אגא מיט אלע צייכענס פון זיין אמט אלס טירקישער קאמענדאנט פון דער גרענעץ. ער האט א ווארף געטהאן דאס בינטעל קליידער און האט געזאגט:

— טהוט אייך אן שנעלער! מיר טארען ניט פערליערן קיין מינוט.

ער האט געהאלפען ארטהורן זיך אנטאהן אין דיא קליידער פון א טערקישען חאוואס — א סאלדאט פון דער גרענעץ. עלווירא'ן האט ער געהייסען פערדעקען איהר געזיכט מיט א פערעדשי, א טירקישען שלייער. אין איינינע מינוטען זיינען ביידע געווען אנגעטאהן.

דער פרעמדער האט זיי דאן געזאגט:

— שנעלער! שנעלער! מיר טארען ניט פערליערן קיין צייט!

ער איז געגאנגען מיט זיי איבערן הויף און האט זיי צוגעפיהרט צום אייזערנעם טויער. דארט איז געשטאנען א סאלדאט אויף דער וואך. דער פרעמדער איז צוגע־קומען צו איהם און האט איהם א ווינק געטאהן. דער סאלדאט האט געעפענט דיא טהיר און אלע דריא זיינען ארויסגעגאנגען.

ארטהור און עלווירא האבען געוואלט דאנקען דעם פרעמדען פאר זייער רעטונג. דער פרעמדער אבער האט זיי ניט געלאזען ארויסרעדען א ווארט.

— שנעלער! שנעלער! האט ער געזאגט שטילערהייט, איהר זייט פריי, איהר זייט אבער נאך ניט געראטעוועט! איהר זייט נאך אין דיא הענד פון'ם אגא.

ער האט זיי געפיהרט צום וואלד ניט ווייט. וויא מיעד און אויפגערעגט ארטהור און עלווירא זיינען געווען, האבען זיי דאך געמוזט אנשטרענגען זייערע לעצטע קרעפטע און לויפען, וואוהין זייער פיהרער האט זיי געוויזען.

דיא זון איז אויפגעגאנגען און האט פערגאלדעט מיט איהרע שטראהלען דיא שפיצען פון דיא ביימער, ווען זיי זיינען צוגעקומען צום וואלד. ביים ערשטען בוים האבען זיי דערזעהן שטעהן א פרויען געשטאלט.

— דוא ביסט ענדליך געקומען, מאוורא? האט זיא אויסגערופען.

— איז אלעס פערטיג? האט מאוורא געפרעגט.

— אלעס איז פערטיג, האט דיא פערהילטע פרוי געענטפערט.

— דאן קומט שנעלער. מיר מוזען זיין אויפ'ן ארט, איידער דער אגא וועט אויפ־שטעהן און וועט געוואהר ווערן, וואס עס איז געשעהן אין זיין שלאס.

יעצט זיינען אלע פיער געגאנגען האסטיג אין געדיכטען וואלד, ביז זיי זיינען צו געקומען צו א טייכעל.

— מיר מוזען איהם אריבערגעהן! האט מאוורא געזאגט, ערשט פון יענער זייט זיינען מיר זיכער.

ארטהור האט צוואר ניט פערשטאנען, מיט וואס זיי זיינען מעהר זיכער פון יע־נער זייט, וויא פון דער זייט. עס האט איהם אבער ניט געהאלפען. ער האט יעצט געמוזט פאלגען, וואס מען האט איהם געהייסען.

— טהוט נאך, וואס איך וועל טאהן און נעהט מיר נאך טריט ביי טריט, האט דער פרעמדער געזאגט ווען איהר האט מורא, האלט זיך אן מיר.

ער האט גענומען דיא פערהילטע פרוי אויף דיא פלייצעס און האט געהייסען ארטהורן נעהמען עלווירא'ן אויף דיא פלייצעס. אזוי זיינען ביידע אריינגעגאנגען אין טייכעל. ערשט יעצט האט ארטהור פערשטאנען, פאר וואס דער פיהרער האט איהם געהייסען זיך אנהאלטען אן איהם. ערשט יעצט האט ארטהור בעמערקט, אז דאס וואסער איז שווארץ וויא פעך און עס רייסט און שטרעמט מיט אן אונגעהייערער געוואלד.

ער האט זיך ווירקליך געמוזט אנהאלטען אן זיין פיהרער, דאס וואסער זאל איהם ניט אוועקרייסען מיט זיך. דאס וואסער אליין איז געווען קאלט וויא אייז. ארטהור האט אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן, וויא אין אזעלכע ווארעמע טעג קען דאס וואסער זיין אזוי איידקאלט. עס איז אבער יעצט ניט געווען דיא צייט צו פרעגען זיין פיהרער אדער צו רעדען מיט איהם. ארטהור האט געמוזט זיך אנהאלטען פעסט אן דעם גארטעל פון זיין פיהרער.

ער האט נור אזוי פיעל פערשטאנען, אז זיין פיהרער האט געהאט פאלקאמען רעכט, וואס ער האט ניט געלאזען דיא פרויען געהן אין דיעזען אייז=קאלטע, רייסענדען טייך.

ענדליך זיינען זיי אריבערגעגאנגען דעם טייך און זיינען ווידער אריינגעגאנגען אין א געדיכטען וואלד. ארטהור האט געציטערט פאר קעלט. מאורא האט עס בעמערקט און האט געזאגט מיט א שמייכעל:

— איך זעה, אז איהר זייט ניט געוואהנט צו אונזער געגענד און צו אונזער קלימאט. דיא ווילדע איינוואהנער פון דיעזע בערג מוזען געוואהנט ווערן צו קאלט און ווארם; בערוהיגט אייך אבער, מיר זיינען שוין באלד אנגעקומען.

זיי זיינען נאך געגאנגען נעגען א האלבע שטונדע און האבען ענדליך דערזעהן א שטיבעלע אין וואלד.

— דאס איז דער ציעל פון אונזער רייזע, האט מאורא געזאגט.

זיי זיינען צוגעקומען צום שטיבעלע. אויפ'ן שוועל איז געשטאנען אן אלטער מאן מיט א לאנגער ווייסער באָרד אין גריעכישע קליידער. מאורא איז צוגעקומען צו איהם און האט אויפגעהויבען דיא רעכטע האנד צום קאפ; דערביי האט ער געמאכט א צייכען און האט געזאגט:

— אנאנקא!

דער אלטער האט באלד געעפענט דיא טהיר און האט אריינגעפיהרט דיא פרעמדע. דאס שטיבעלע איז געווען זעהר ארים אויסמעבלירט. ביי דיא וואנד האבען זיך געצויגען ניעדעריגע ברייטע בענק, וועלכע זיינען געווען בעדעקט מיט אן אלטען טעפיך (קארפעט, קאוויאר). אין דער מיט איז געשטאנען א ניעדעריגער קייל־בדיגער טיש אויף דריי פיס. אלעס איז געווען ארים, עלענד און טרויעריג, אבער פיין און זויבער.

ארטהור איז געווען אזוי מיעד און אזוי צובראכען פון אלעס, וואס האט פאסירט

מיט איהם אין די לעצטע אכצעהן — צוואַנציג שטונדען, אז ער איז אַניט־דערגעפּאַלען וויא אַ קלאָץ.

— זיינען מיר דאָ זיכער? האָט עלווירא געפרעגט.

— וויא בּיי זיך אין דער היים, האָט מאַווראַ געענטפערט.

ער האָט גערעדט איינגע מינוט מיט'ן אַלטען מאַן אויף אַ שפּראַכע, וועלכע אַרטהור האָט ניט פערשטאַנען. דער אַלטער איז ערגעץ פערשוואונ־דען געוואָרען אויף איינגע מינוט. בּאַלד איז ער צוריקגעקומען און האָט גע־בּראַכט אַ פריהשטיק און אַ קרוג, אַלטען, שטאַרקען וויין.

וויא מיעד אַרטהור און עלווירא זיינען געווען, האָבּען זיי זיך דאָך גע־זעצט צום טיש און האָבּען געגעסען מיט גרוי'ם אַפּעטיט. דער ווירטה מיט'ן יונגען מאַווראַ זיינען אַרויסגעגאַנגען אין וואַלד.

— זיינען מיר דאָ זיכער? האָט עלווירא געפרעגט, וואו זיינען מיר ער־געץ? ווער איז דיעזער מאַן? — וואָס פאַר אַן אורזאַכע האָט ער געהאַט אונז צו רעטען?

אַרטהור האָט איהר ניט געקענט ענטפערען אויף דיעזע פראַגען. מיט איהם האָט פּאַסירט אַזוי פיעל וואונדערבּאַרעס אין דער לעצטער צייט, אַז ער האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבּען קיין רעכנונג, וואָס עס טהוט זיך מיט איהם.

11טער קאַפּיטעל.

ד י ה ע ט ע ר י ע.

נאָכ'ן עסען האָבּען זיי געוואָלט זיך לעגען אָפּרוהען, ווען עס איז מעג־ליך, אָדער ווייטער געהן, ווען זייער זיכערהייט וועט עס פאָרדערן. אַרטהור איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען זוכען זיין רעטער מאַווראַ און איהם פרעגען, פּיעלייכט געפינט זיך אַ בּעזונדער צימער, וואו עלווירא זאָל קענען שלאָפען איינגע שטונדען.

פאַר דער טהיר איז געשטאַנען מאַווראַ אַליין. דער אַלטער מאַן, וויא די פרוי, וועלכע איז געקומען מיט זיי, זיינען פערשוואונדען געוואָרען. ער האָט איהם געפרעגט, אויב זיי זיינען דאָ זיכער.

— דער אַגאַ וועט אונז געווים זוכען, האָט ער געזאָגט צו מאַווראַ, וועט ער אונז ניט זוכען דאָ אין וואַלד?

— דאָ וועט ער אונז ניט זוכען, האָט מאַווראַ געענטפערט און ווען ער וועט זוכען, וועט ער אונז ניט געפינען.

— זיינע מענשען קענען דאָך אַריינקומען אין שטוּבּ און אונז דערזעהן?

— זיי וועלען אייך ניט געפינען.

אַרטהור האָט אויף איהם געקוקט מיט שטוינען און בּעוואונדערונג. ער האָט איהם ניט פערשטאַנען. מאַווראַ האָט איהם אָנגענומען בּיי דער האַנד און האָט איהם אַריינגעפיהרט צוריק אין שטוּבּ.

— מיין בּראַוט איז זעהר מיעד, זי מוז זיך אויסרוהען איינגע שטונדען, האָט אַרטהור געזאָגט, געפינט זיך ניט בּיי אייך אַ קעמעריל, וואו זי זאָל קענען זיך לעגען שלאָפען? איך בּין אויך מיעד, איך וועל מיך לעגען דאָ אויף דער בּאַנק.

מאַווראָ האָט ניט געענטפערט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנד האָט אָנגעהויבען צו קראַצען און צו קלאַפּען, עס האָט זיך געעפענט אַ שמאָלע טהיר און מען האָט געקענט זעהן אַ פינסטערע טרעפּ, וויא אין אַ קעללער.

— נעהמט אייער בראַוט און קומט מיט מיר, האָט מאַווראָ געזאָגט.

אַרטהור האָט געטראַכט אייניגע אויגענבליקע. ער האָט נאָך ניט געקענט דעם מאַן, וועלכער האָט איהם געראַטעוועט און האָט מורא געהאַט פאַר איהם. מאַווראָ האָט עס פערשטאַנען.

— איהר האָט מורא פאַר מיר? האָט ער געפרעגט, איהר טרויט מיר ניט?

— איך קען אייך ניט, האָט אַרטהור געשטאַמעלט.

— זייט איהר אַ קריסט? האָט מאַווראָ געפרעגט.

— איהר ווייסט דאָך, ווער איך בין.

— האָט איהר פיינד די טערקען?

— איהר ווייסט דאָך, וואָס מיט מיר האָט פאַסירט, האָט אַרטהור געענטפערט.

— ווייסט איהר, וויא די טערקען רויבען און מאָרדען די גריעכען, וועלכע וואָהנען אין דער טירקיי?

אַרטהור האָט צוואַר געהערט דערפון, ער האָט אָבער געמיינט, אַז די צייטונגען איבערטרייבען און זאָגען ליגען. אויסער דעם זיינען אין יענער צייט נאָך ניט געווען קיינע טעלעגראַפען און קיינע אייזענבאַהנען. מען האָט ניט געקענט וויסען אַזוי שנעל, וואָס עס טהוט זיך אין אַ פרעמד לאַנד, וויא מען ווייס עס היינט.

— איך האָב געהערט דערפון זעהר ווייניג, האָט ער געענטפערט.

— דאַן קומט מיט מיר, וועט איהר וויסען, וויא די קריסטען ליידען אין דער טירקיי. איהר וועט וויסען, וויא די טערקען הערשען איבער די לענדער, וואו עס וואָהנען קריסטען. איהר וועט וויסען, וויא מען שענדעט אונזערע פרויען און וויא מען פערקריפּעלט אונזערע מענער. איהר וועט ענדליך וויסען, פאַר וואָס איך האָב אייך געראַטעוועט.

ער האָט געזאָגט די לעצטע ווערטער מיט אַזאַ בעגייסטערונג און מיט אַזאַ פייער, אַז אַרטהור איז געווען גערירט.

— איך קען אייך ניט, פרעמדער! האָט ער אויסגערופען, און דאָך פערטרויע איך מיך און מיין בראַוט צו אייך.

ער האָט אָנגענומען עלוויראַ ביי דער האַנד און איז מיט איהר אַריינגעגאַנגען אין דער שמאָלער טהיר, וועלכע האָט געפיהרט אין קעללער. מאַווראָ האָט פערמאַכט די טהיר הינטער זיי און האָט אויסגעשלאָגען פייער. דאַן האָט ער זיי אַראָפּגעפיהרט אין אַ גרויסען און ברייטען קעללער אויסגעהאַקט אין שטיין. אַרטהור האָט געזעהן מיט שטוינען, וויא פון דעם קעללער, וואו זיי געפינען זיך, געהען וועגען און גאַלערעען אין אַלע זייטען.

דאָ זיינען מיר זיכער פון דער טערקישער טיראַניי, האָט איהם מאַווראָ געזאָגט. דאָ קענט איהר בלייבען, וויפיעל איהר ווילט. קיינער וועט אייך ניט בעאונרוהיגען און קיינער וועט אייך ניט שטערן.

— ווער זייט איהר, זאנדערבארער מענש? האט ארטהור אויסגערופען. וואוהין פיהרט איהר מיך און וואו בין איך ערגעץ?

— איהר וועט שפעטער אלעס וויסען, האט מאורא געענטפערט, יעצט אבער מוזט איהר זיך אויסרוהען.

ער האט צוגעפיהרט עלוויראן צו איינעם פון דיא געהיימע געגג אין שטיין און האט איהר געזאגט, זיא זאל אהין אריינגעהן. עלווירא האט מורא געהאט צו געהן אליין. ארטהור האט געמוזט געהן פאראויס. מאורא האט זיי צוגעלייכט. זיי האבען געפונען א סארט הייל אויסגעהאקט אין שטיין. אויף דער ערד איז געווען א געלעגער פון גרינע בלעטער און עטליכע פעל פון שעפסען.

— ווען איהר ווילט, האט איהר דערביי נאך א צימעריל, וואו איהר קענט אייך לעגען שלאפען, האט מאורא געזאגט צו ארטהורן.

— וויא קען איך אייך זעהן, ווען איך זאל אייך דארפען? האט ארטהור געפרעגט.

— ניט דריי קלעפ אין דער וואנד, וועל איך קומען.

מיט דיעזע ווערטער האט ער אנגעצונדען א ליכט, האט עס געגעבען ארטהורן און איז אליין פערשוואונדען געווארען אין איינעם פון דיא דונקעלע געגג.

ארטהור מיט עלוויראן זיינען געבליעבען אליין. זיי האבען ניט געוואוסט, אויב זיי זאלען זיך פרעהן, וואס זיי זיינען גערעטעט, אדער זיי זאלען זיין טרויעריג, וואס זיי זיינען אריינגעפאלען אין דיא הענד פון מענשען, וועלכע זיי קענען ניט.

דיא מענשליכע נאטור קען מען אבער ניט אונטערדריקען. דער מענש מוז שלאפען. נאך אזא נאכט און אזא מארגע האט ארטהור געמוזט זיך לעגען שלאפען, זיך אויסרוהען און זאמלען קרעפטע אויף מארגען. ער און עלווירא זיינען קוים געשטאנען אויף דיא פיס. זיי האבען זיך געווארפען אויף זייערע געלעגערס און זיינען באלד אנטשלאפען געווארען.

וויא לאנג זיי זיינען געשלאפען, האבען זיי ניט געקענט וויסען. ווען זיי האבען זיך אויפגעכאפט, האבען זיי געזעהן, אז זיי געפינען זיך אין א פאלשטענדיגע פינסטערניס. זיי האבען זיך צוגעהערט — פון דער ווייטענס האט מען געהערט מענשען שטימען.

ארטהור האט ניט פערשטאנען, וואס פאר א שפראכע מען רעדט; ער האט נור געוואוסט, אז דאס איז ניט טערקיש.

— וואו בין איך ערגעץ אין דער וועלט? האט ער געפרעגט זיך אליין.

ער האט זיך צוגעהערט, פיעלייכט וועט ער כאפען א ווארט, פיעלייכט וועט ער עפּעס פערשטעהן. ער האט געהערט נור צוויא ווערטער, וועלכע ער האט פערשטאנען. דיעזע צוויא ווערטער זיינען געווען: „אלעקסאנדער איפסילאנטי“ און „מאסקאוו“.

ארטהור האט צוואר זייט איינע מאנאטע ניט געלעזען קיין צייטונג און האט ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך אויף דער וועלט. דער נאמען אלעקסאנדער איפסילאנטי איז איהם אבער געווען גוט בעקאנט. דאס איז געווען א גריעכישער פירסט,

וועלכער איז אנטלאפען קיין רוסלאנד, איז דארט געווארען גענעראל און האט געווירקט, אז רוסלאנד זאל ערקלערן קריעג דער טירקיי און זאל בעפרייען גריעכענלאנד.

אין דער מאלדוי און וואלאכיי, אין דעם איצטיגען רומעניען, געדענקט מען זעהר גוט דעם נאמען איפסילאנטי. דארט האט איפסילאנטי געפיהרט קריעג מיט דיא טערקען.

„מאסקאָוו“ הייסט רוסלאנד ביי דיא טערקען, וויא ביי דיא גריעכען. ארטהור האט פערשטאַנען, אז דארט רעדען גריעכען פון קריעג. דאס האט איהם זעהר אינ־טערעסירט. ער איז געווארען פול פרייד. ער איז יעצט געווען איבערציינט, אז ער געפינט זיך ניט צווישען רויבער, זאנדערן צווישען מענשען, וועלכע זיינען פעראינטע־רעסירט אין קריעג צווישען רוסלאנד און דיא טירקיי.

ער איז צוגעקראכען צו דעם אריינגאנג אין הייל און האט זיך בעסער צוגעהערט צו דיא שטימען. לײדער, האט ער מעהר ניט פערשטאנען, וויא דיא צווייא ווערטער: איפסילאנטי און מאסקאוו. ער האט געוואלט געבען דעם צייכען, וועלכען מאווראָ האט איהם געלערנט מאכען; מען האט אבער גערעדט אזוי הויך, און עס האבען גערעדט אזוי פיעל שטימען מיט א מאל, אז מען וואלט געוויס ניט דערהערט דעם צייכען.

פלוצלונג האט זיך געוויעזען א שטראהל פון ליכט. עס איז געווארען שטיל אויף איינגע מינוטען. ארטהור האט דרייא מאל אנגעקלאפט אן דער שטיינערנער וואנד. אין איינגע מינוטען ארום איז מאווראָ געשטאנען פאר איהם מיט א ליכט אין דער האנד.

ארטהור האט זיך דערפרעהט. עלווירא איז אויפגעשפרונגען פון איהר געלעגער וויא אן אפגעבריהטע. זיא איז געווען נאך אונרוהיגער פון ארטהור'ן. זיא האט גע־הערט רעדען, שרייען און ליארמען און האט ניט פערשטאנען, וואס דאָ קומט פאָר. זיא האט זיך קיין מאל ניט בעשעפטיגט מיט פאליטיק און האט ניט געוואוסט, ווער אלעקסאנדער איפסילאנטי איז געווען און וואס ער האט געטאהן.

— וויא שפעט איז עס? האט ארטהור געפרעגט.

— עס איז שוין נאך האלבע נאכט, האט מאווראָ געענטפערט.

— קענען מיר יעצט ארויסגעהן פון דיעזען קעללער?

— איהר קענט ארויסגעהן, איך ראטה אייך אבער, איהר זאלט דאָ בלייבען איינגע צייט. אלי-אגא איז אויסער זיך. ער זוכט אייך איבעראל. זיינע חאוואסען (גרענעץ-סאלדאטען) זיינען דא היינט געווען. זיי האבען אבער קיינעם ניט געפונען.

דיעזע נאכריכט איז געווען ארטהור'ן זעהר אונאנגענעהם. ער האט געוואלט אוועקפאָהרען פון דיעזער געגענד, וויא צום גיכסטען און מען לאזט איהם ניט.

— וואו וועלען מיר זיך אויפהאלטען דיא גאנצע צייט? האט ער געפרעגט.

— איך וועל אייך שוין וויזען. קומט מיט מיר.

מאווראָ האט זיי אריינגעפיהרט אין גרויסען קעללער. ער איז יעצט געווען לעדיג. מען האט ניט געזעהן קיינעם. ארטהור האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט געפרעגט זיין רעטער:

— איך האָב געהערט פריהער פיעלע מענשען רעדען, ווער זיינען זיי? וואוהין זיינען זיי אהינגעקומען? — ווער זייט איהר אליין, איהר זאָנדערבאַרער און וואונדערבאַרער מענש? — איך האָב אייך צו פערדאַנקען אַלעס: מיין לעבען, מיינע עהרע און מיין גליק; איך קען מיך אָבער ניט בערוהיגען, ביז איך וועל וויסען, ווער איהר זייט.

מאַוורא האָט אַרויסגענומען אַ דרייקאַנטיגען שאַרפען שפיעז און האָט איהם אַריינגעשטעקט אין איינעם פון די איינפאַכע לאַנגע טישען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין קעללער.

— ווילט איהר שווערען, אַז איהר זאָלט קיינעם ניט זאָגען, וואָס איהר וועט דאָ זעהן און הערען?

— איך וויל שווערען, האָט אַרטהור געענטפערט.

— ווילט איהר שווערען, אַז זאָ לאַנג איהר וועט לעבען, וועט איהר האַסען די טערקען און וועט זיי פערפאָלגען, וויא ווייט איהר וועט קענען?

— איך וויל שווערען.

— דאַן שטעלט אייך אויף די קניע און זאָגט מיר נאָך וואָרט און וואָרט, וואָס איך וועל אייך פאָרזאָגען.

אַרטהור און עלווירא האָבען זיך געשטעלט אויף די קניע. דער גרעק האָט אָנגעהויבען צו זאָגען איינע פון די שרעקליכסטע אײדע (שבועות), פון וועלכע מיר קענען גאָר קיין בעגריף ניט האָבען, ווייל זיי זיינען היינט ניט אין דער מאָדע. אין יענער צייט אָבער האָט מען געצייטערט פאַר אַזאַ שבועה.

ווען דער שוואור האָט זיך געענדיגט, האָט מאַוורא זיי געהייסען זיך אויפהויבען און זיך זעצען אויף אַ לאַנגע באַנק לעבען טיש. מאַוורא האָט אַרויסגענומען דעם שפיעז פון׳ם טיש און האָט אָנגעהויבען זיך צו שפיעלען אויף אַ בעזאָנדער אַרט.

— האָט איהר אַ מאָהל געהערט פון דער העטעריע? האָט ער גע־פרעגט אַרטהור׳ן.

אַרטהור האָט קיינמאָהל ניט געהערט אַזאַ נאָמען און האָט ניט גע־וואוסט, וואָס ער בעדייטעט.

— די העטעריע איז אַ געהיימער בונד, וועלכע די בעסטע און עדעל־סטע מענער פון גריעכענלאַנד האָבען געשלאָסען צווישען זיך. דער צוועק פון דיעזער געהיימער געזעלשאַפט אָדער פון דיעזען געהיימען בונד איז זיך צו בעפרייען פון טערקישען יאָך, די העטעריע איז איינגעטהיילט אין פיעלע אָב־טהיילונגען. יעדע אָבטהיילונג האָט אַן אַנדער נאָמען. יעדע אָבטהיילונג מוז צושטעלען אַ געוויסע צאָהל קריעגער. ווען די צייט וועט קומען. צו דער הע־טעריע געהערט דער פירסט אַלעקסאַנדער איפּסילאַנטי, דער העלד קאָמאָדאָ־ראָס, דער עדעלער קאַראַיסקאַקיס און דער שטאָלצער מאַוורא קאָרדאַטי. — האָט איהר אַ מאָהל געהערט פון זיי.

— איך האָב נור געהערט דעם נאָמען אַלעקסאַנדער איפּסילאַנטי, האָט אַרטהור געענטפערט.

— איהר געפינט זיך ווייט פון אונז, האָט מאַוורא געזאָגט טרויעריג, איהר

וויסט ניט, וויא פיעל מיר ליידען, איהר פיהלט ניט אונזער שמערץ, איהר קענט ניט אונזער נויט. איהר האָט קיין בעגריעף ניט, וויא די טערקען שענדען אונז, ערניעדעריגען אונז, רויבען אַוועק אונזערע פרויען און מאַכען אונזערע יונגע לייט פאַר שרעקליכע קריפּעל (קאַליקעס), זיי שניידען בּיי זיי אוים די טהיילע פון'ם מענשליכען קערפּער, וועלכע מאַכען דעם מענשען צום מאַן.

ער האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ אויף דער ברוסט און צוויי ביטערע, הייסע טרערען האָבען זיך אַראָפּגעקייקעלט פון זיינע באַקען. אַרטהור איז געוואָרען זעהר טרויעריג און האָט געזאָגט שטילערהייט צו עלווירא'ן.

— מיר האָבען געדענקט, אַז מיר זיינען די אונגליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט; איך זעה יעצט, אַז עס געפינען זיך מענשען, וועלכע זיינען נאָך פיעל אונגליקליכער פון אונז.

מאַוורא האָט אויפגעהויבען שטאָלץ דעם קאָפּ און האָט אַ שאָקעל געטאָהן מיט זיינע לאַנגע שוואַרצע האָר, וויא אַ גערייצטער לייב.

— מיר וועלען עס אָבער לאַנג ניט ליידען! האָט ער אויסגערופען. די גרויסע און שטאַרק הערשער פון רוסלאַנד וועלען אונז קומען צו הילף. דער קייזער פּאַוועל דער ערשטער און זיין זוהן אַלעקסאַנדער האָבען ליעב דאָס גריעכישע פאָלק און וועלען אונז רעטען און בעפרייען פון דעם שענדליכען טערקישען יאָך.

— וואָס געהער זיך אָבער אָן די העטעריע מיט דיעזען קעללער? האָט אַרטהור געפרעגט.

— אין דיעזער געגענד פון דער טירקיי געפינט זיך אַן אָבטהיילונג פון דער העטעריע מיט'ן נאָמען „עלפּים" — די האָפנונג. דאָ איז אונזער געהיימער פערזאַמלונגס אָרט *)

— וויא קימט איהר אָבער צום טערק אַלי-אַגאַ? האָט אַרטהור געפרעגט. וויא איך פערשטעה, געפינט איהר זיך שוין לאַנג אין פּאַלאַץ פון'ם אַגאַ. וויא קומט איהר צו איהם? וויא אַזוי האָט איהר געקענט זיך צוזאַמענקומען מיט די מיטגליעדער פון דער „עלפּים", ווען איהר זייט שטענדיג געווען ביים אַגאַ?

מאַוורא האָט געטראַכט איינינע מינוט. עס איז געווען דייטליך, אַז עס איז איהם שווער געווען צו רעדען פון זיינע אייגענע ליידען. אַ פינסטערער וואָלקען האָט זיך געוויעזען אויף זיין געזיכט. זיינע הענד האָבען זיך צוזאַמענגעלעגט אין שרעקליכע פויסטען. ער האָט געחאַפּט זיין דרייקאַנטיגען שפּיעז און האָט איהם אַריינגעשטעקט אין טיש מיט אַזאַ קראַפט, אַז דער טיש האָט אַ ציטער געטהאָן.

אַרטהור און עלווירא זיינען געזעסען, וויא פערשטיינערט. זיי האבען גוט פערשטאַנען, אַז זיי האָבען פאַר זיך אַ מענשען, וועלכער איז פיעל אונגליקליכער פון זיי. עס האָט זיי זעהר אינטערעסירט צו וויסען זיין לעבענס געשיכטע.

---

*) דיא „חעטעריע" מיט דער „עלפּים" געזעלשאפטען זיינען היסטאריש וואהר. דיא סצענען, וועלכע איך בעשרייב דא זיינען וואהר און ריכטיג, וויא זיי האבען פאסירט. קיין ווארט פון אלע דיעזע סצענען איז ניט אויסגעטראכט.

א. טאַנענבוים.

— דערצעהלט אונז, ווער זייט איהר און וואס האט מיט אייך פאסירט, האט עלווירא געבעטען מיט איהר מילדער, ווייכער שטימע. מיר האבען אויך זעהר פיעל געליטען. מיר האבען אויך געמוזט אנטלויפען פון אונזער היים. מיר וואלגערן זיך אויך ארום אין דיעזעס לאנד און מיר וואלטען שוין געווים געווען טויט, ווען איהר זאלט אונז ניט געווען רעטען. דערצעהלט אונז, אונבעקאנטער פריינד, אייער ליידענס געשיכטע.

— מיין ליידענס געשיכטע איז ניט לאנג, אבער שרעקליך טרויעריג, האט דער גרעק געזאגט וויא צו זיך אליין.

דאן האט ער זיך פלוצלונג געווענדעט צו ארטהור'ן און האט איהם געפרעגט:

— האט איהר געהערט פון דעם בלוט באד אויף דער אינזעל חיאס?

ארטהור האט דערפון ניט געהערט.

— איך וויל וויס'ען, ווער איהר זייט און וואס מיט אייך האט פאסירט, האט ער געזאגט. אזוי זיינען שוין דיא מענשען, ווען צוויא אונגליקליכע קומען זיך צונויף, רעדען זיי נור פון זייערע אייגענע ליידען.

— גוט! איך וועל אייך דערצעהלען, ווער איך בין. איך הייס מאווראקארדאטי און שטאם אפ פון איינע פון דיא עלטסטע און עדעלסטע פאמיליען פון גריעכענלאנד. מיין פאטער האט געהאט פינף טויזענד מארג'ן לאנד אויף דער אינזעל חיאס, דרייסיג וויינגערטנער און וועלדער מיט לימאנעס און אפעלסינען.

איך בין אויסגעוואקס'ן געווארען אויף סאמעט און אויף זייד. איך האב מיך געבאדען אין מילך און וויין. מיין פאטער האט בעצויגען פאר מיר לעהרער פון פראנקרייך און ענגלאנד. וויא איהר הערט, רעד איך עטליכע שפראכען געלויפיג און אזוי וויא איך רעד זיי, אזוי שרייב איך זיי.

מיינע עלטערן האבען געוואהנט אין א פאלאץ ניט ווייט פון דער שטאדט חיאס, דיא הויפט שטאדט פון דער אינזעל. מיר האבען געוואהנט אויף אונזערע גיטער. אונזער שלאס איז געווען געבויט אויף א הויכען בארג בעוואקסען מיט דיא זעלטענסטע און טהייערסטע ביימער. ניט ווייט פון אונז האט געוואהנט אנאנדערע רייכע פאמיליע מיט'ן נאמען ראדאקאנאקי.ביידע פאמיליען האבען געלעבט זעהר פריינדליך. מיר פלעגען אפט בעזוכען דיא ראדאקאנאקי'ס און פלעגען צוברענגען ביי זיי עטליכע טעג. זיי פלעגען וויעדער אונז בעזוכען און פערבלייבען ביי אונז עטליכע טעג.

ראדאקאנאקי האט געהאט א טאכטער מיט'ן נאמען דיאנא. זיא איז געווען שעהן, וויא דער טאג און ליעבליך, וויא דיא ראזען פון אונזערע גערטנער. איך בין אויסגעוואקסען מיט דיאנא צוזאמען, מיר האבען געלערנט צוזאמען, האבען זיך געשפיעלט צוזאמען, פלעגען ארומלויפען אין דיא פעלדער און דיא וועלדער צוזאמען און, ווען מיר זיינען עלטער געווארען, האבען מיר זיך פערליעבט.

אונזערע עלטערן האבען געוואוסט פון אונזער ליעבע און האבען זיך געפרעהט דערמיט. זיי האבען אויך געפונען, אז מיר פאסען איינער פארן אנדערן און האבען איינגעווילינגט, אז מיר זאלען אונז הייראטהען, ווען איך וועל אלט ווערן זיעבעצעהן יאהר און דיאנא וועט אלט ווערן זעכצעהן.

— אזוי יונג? האט ארטהור געפרעגט.

— אין גריעכען לאנד, וויא אין אלע הייסע לענדער, הייראטהעט מען זעהר יונג. האט מאוורא ערקלערט. — איך בין געוועז גליקליך און האב מיך וועניג געקימערט וועגען פאליטיק. איך האב ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך אויף אונזער אינזעל. מיין וועלט, מיין גליק, מיין לעבען און מיין ליעבע איז געוועז דיאנא.

איך האב געוואוסט, אז צו מיין פאטער קומען זיך צונויף דיא עלטעסטע מענער פון אונזער פאלק. איך האב מיך אבער קיין מאל ניט צוגעקוקט, וואס זיי טהוען און האב מיך ניט צוגעהערט, וואס זיי רעדען. איך בין געוועז צו פיעל בעשעפטיגט מיט מיין ליעבע און האב גאר קיין צייט ניט געהאט צו דענקען פון עפעס אנדערש.

אזוי איז פערגאנגען דיא צייט. איך בין אלט געווארען זיעבעצעהן יאהר און מיין מוטער האט שוין אנגעהויבען צו מאכען פארבערייטונגען צו מיין האכצייט. איך האב געהאט נאך ברידער און שוועסטער. איך בין אבער געוועזן דאס עלטסטע קינד און מיינע עלטערן האבען מיך זעהר ליעב געהאט. מיין מוטער האט געוואלט, אז מען זאל רעדען אין גאנץ גריעכענלאנד פון דער האכצייט פון מאווראקארדאטי.

איין טאג, ווען אלעס איז שוין פערטיג געווארען צו דער האכצייט, איז מיין פאטער געקומען פון דער שטאדט זעהר אויפגערעגט. ער איז געזעסען זעהר טרויעריג ביים טיש, האט ניט גערעדט א ווארט און האט וועניג געגעסען. מיין מוטער האט זיך זעהר דערשראקען און האט געווארט מיט אונגעדולד, אז דאס עסען זאל זיך ענדיגען. זיא האט ניט געוואלט פרעגען דעם פאטער, פאר וואס ער איז אזוי טרויעריג, פאר איהרע דיענער און דיא פרעמדע מענשען, וועלכע האבען דאמאלס געגעסען ביי אונז מיטאג.

נאכ'ן עסען האט דער פאטער אליין אריינגערופען מיך און מיין מוטער אין זיין שרייב צימער און האט אונז געזאגט:

— עס קומען שווערע צייטען. דיא גריעכען האבען זיך אויפגעהויבען געגען דער טירקיי. אויף דער אינזעל סאמאס האבען דיא גריעכען צערשטערט א טערקישע פעסטונג און האבען געטויטעט פינף הונדערט טערקען. דער סולטאן איז אויסער זיך. ער האט געשווארען, אז ער מוז פערניכטען אלע גריעכען. דער ווילדער, אונמענשליכער, גרויזאמער און בלוטדורשטיגער קאפודאן פאשא איז ארויסגעפאהרען פון סטאמבול מיט דרייסיג שיפען און מיט צוואנציג טויזענד מאן סאלדאטען.

— מיר זיינען דאך רוהיגע מענשען, האב איך אויסגערופען, וואס געהט אונז אן דער קריעג?

— דיא העטעריע רופט מיך, האט מיין פאטער ווייטער געזאגט, איך מוז געהן. איך מוז קעמפפען פאר מיין פאלק, פאר מיין רעליגיאן און פאר מיין פאטערלאנד.

— איך האב דאמאלס געהערט צום ערשטען מאל דאס ווארט „העטעריע“ און האב געפרעגט מיין פאטער, וואס עס בעדייטעט. ווען מיין פאטער האט עס מיר ערקלערט, האב איך געבעטען, מען זאל מיך אויך אויפנעהמען אין דיעזען געהיימען בונד. מען האט אבער ניט צוגענומען קיינעם, וועלכער איז אינגער פון צוואנציג יאהר.

נאָך דיזע נאַכט האָט דער פאָטער גענומען אבשיעד פֿון אונז און האָט מיך געבעטען, אַז איך זאָל בעשיעצען די מוטער און די קינדער. דער אבשיעד איז געווען טרויעריג און הערצרייסענד. מיין מוטער האָט געוויינט און געבראָכען די הענד. אַז עס האָט געקענט ריהרען אַ שטיין. די אָרימע פרוי האָט געפיהלט, אַז זי זעהט איהר מאַן צום לעצטען מאָהל. — זי האָט רעכט געהאַט, די אונגליקליכע!

איך בין דאַמאָלס געווען נאָך צו יונג אום צו פערשטעהן, וואָס עס קומט פאָר אויף אונזער שטילער און רוהיגער אינזעל. קוים איז דער פאָטער אַוועקגעפאָהרען, בין איך געלאָפען צו מיין דיאַנאַ. איך האָב געפונען איהר פאַמיליע אין דעמזעלבען טרויעריגען צושטאַנד, וויא מיין פאַמיליע. איהר פאָטער איז אויך אַוועקגעגאַנגען אין קריעג און האָט איבערגעלאָזען זיין פאַמיליע אַליין.

יעצט בין איך געוואָרען ערנסטער און מיר האָבען אָנגעהויבען זיך צו בעראַטהען, וואָס מיר זאָלען טאָהן. עס איז געבליעבען ביי אונז, אַז מיר זאָלען זיך בעהאַלטען אין אַ הייל אין וואַלד. דיזע הייל איז געווען בעקאַנט נור אונזערע פאַמיליען. אַמאָהל אין די גאַנץ אַלטע צייטען איז דאָרט געווען אַ טעמפעל פֿון אַ היידנישען גאָט. דער טעמפעל איז געווען אויסגעהאַקט אין שטיין און האָט געהאַט פיעלע טהירען און אַרויסגענגע. אין איהם האָט מען געקענט זעהר לייכט זיך בעהאַלטען.

מיר האָבען אַלעס אָפגערעדט. איך בין צוריקגעגאַנגען אַהיים און האָב עס דערצעהלט מיין מוטער און מיינע שוועסטער. מיין מוטער איז געווען אַזוי דערשלאָגען, אַז זי האָט ניט געוואוסט וואס עס טהוט זיך מיט איהר. זי האָט מיר איבערגעגעבען דאָס קאָמאַנדאָ. איך האָב דאַמאָלס ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ שווערע פעראַנטוואָרטליכקייט איך האָב אויף מיר גענומען. איך בין עס געוואָהר געוואָרען צו שפעט.

אַזוי פיעל האָב איך געוואוסט צו טאָהן, אַז איך האָב געשיקט אַ דיענער אין שטאָדט, דער פאָרט פֿון דער אינזעל. און האָב איהם געהייסען דאָרט וואַרטען. קוים וועט מען דערזעהן פֿון דער ווייטען די טערקישע שיפען, זאָל ער קומען אונז מעלדען. מיר וועלען דאַן געהן אין וואַלד זיך בעהאַלטען.

עס זיינען פערגאַנגען צוויי טעג. פּלוצלונג איז אָנגעלאָפען מיין אַלטער און טריער דיענער און האָט אונז געמעלדעט, אַז קאַפּודאַן פאַשאַ מיט זיינע שיפען זיינען אָנגעקומען. מיר האָבען באַלד צונויפגענומען אונזערע נעטהיגע זאַכען און זיינען געלאָפען אין וואַלד. מיין דיענער האָט באַלד געבראַכט די פאַמיליע ראָדאָקאַנאַקי און מיר אַלע האָבען זיך בעהאַלטען אין טעמפעל.

מיר זיינען געלעגען אין הייל אַכט לאַנגע און שווערע טעג.

אויפ'ן אַכטען טאָג זיינען געקומען צו אונז צוויי אַנטלאָפענע פֿון דער שטאָדט און האָבען אונז דערצעהלט, וויא קאַפּודאַן פאַשאַ האָט אַרויסגעלאָזען זיינע פופצעהן טויזענד סאָלדאַטען און האָט זיי ערלויבט צו טאָהן וואָס זייער הערץ וועט געלוסטען.

צו ערשט זיינען זיי אָנגעפאַלען אויף דער שטאָדט, האָבען געראויבט, געמאָרדעט און געשענדעט מעדכען און פרויען. אין צוויי טאָג איז די שטאָדט חיאָס געווען אַ הויפען שטיינער בעדעקט מיט אַש און בלוט. ווען זיי האָבען שוין מעהר ניט

געהאַט וואָס צו טאָהן אין שטאָדט, האָבען זיי זיך צולאָזען אויף דער אינזעל און זיינען אָנגעפאַלען אויף די דערפער און די וויללאַס. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ בלוט באָד, וועלכעס וועט בלייבען אויף אייביג אַ רויטער פלעק אויף די קאָנסולען פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און עסטרייך. זיי האָבען עס ניט געדאַרפט דערלאָזען.

עס איז יעצט ניט די צייט צו רעדען פון פאָליטיק. איך וועל אייך נור דערצעהלען, וואָס מיט אונז האָט פאַסירט. — אַכט לאַנגע און שווערע טעג זיינען מיר געלעגען אין אונזער הייל. מיר האָבען זעהר אָפט געהערט שיעסען און געשרייען אַרום אונז. מיר האָבען מורא געהאַט זיך אַרויסצווייזען. מיר האָבען מורא געהאַט אַרויסצוגעהן פון די קעללערן, וואו מיר זיינען געלעגען בעהאַלטען.

ענדליך האָט זיך אונז אויסגעלאָזען לעבענסמיטעל. מיר האָבען מיטגענומען עסען אויף דריי —- פיער טעג. מיר האָבען גערעכענט, אַז די טערקען וועלען מעהר ניט דאַרפען בלייבען אין אונזער בעהעלטניש. עס זיינען אונז אויסגעגאַנגען די לעבענסמיטעל. די עלטערע צווישען אונז האָבען געליטען הונגער און געשוויעגען די קינדער אָבער האָבען אָנגעהויבען צו וויינען און צו בעטען עסען.

ערשט יעצט האָב איך אָנגעהויבען צו פערשטעהן, וואָס פאַר אַ שווערע פעראַנטוואָרליכקייט איך האָב גענומען אויף מיר. אויפ'ן ניינטען טאָג האָב איך עס מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען. איך האָב פערשטאַנען, אַז איך בין געוועזען אַ שלעכטער שיפס־קאַפּיטאַן. איך האָב ניט אָנגעגרייט גענוג לעבענסמיטעל. מיר האָבען געקענט מיטנעהמען אין דער הייל עטליכע ציעגען, וועלכע וואָלטען אונז געגעבען מילך פאַר אונזערע קינדער. איך האָב געקענט אָנזאַמלען אין אונזער הייל לעבענסמיטעל אויף אַ האַלב יאָהר.

דיעזע בעטראַכטונגען זיינען אָבערגעקומען צו שפּעט. איך האָב געמוזט געמוזט געהן זוכען ברויט אָדער אַנאַנדערע שפּייז פאַר אונזערע קינדער. איך האָב אָפּגערעדט מיט אונזער טרייען דיענער, אַז ער זאָל געהן פון איין זייט עפּעס זוכען און איך זאָל געהן פון דער אַנדערער זייט.

גאַנץ פריה זיינען מיר ביידע אַרויסגעגאַנגען אין וואַלד. וואָס מיט מיין דיענער איז געשעהן, ווייס איך ניט. איך בין צוגעקומען צו אַ דאָרף ניט וויים און האָב געפונען צוויי טערקען שלאָפען, ניט וויים פון זיי איז געלעגען די געטויטעטע פאַמיליע פון אַ בויער: אַ מאַן, אַ פרוי און פינף קינדער. די טערקען האָבען פיעל געטרונקען דעם שטאַרקען וחיאָס וויין און זיינען געלעגען ווי די דער'הרג'עטע.

דאָס בלוט האָט אָנגעהויבען צו קאָכען אין מיר. איך האָב דערשטאָכען די ביידע טערקישע סאָלדאַטען, האָב פון איינעם אַראָפּגעשלעפּט זיינע קליידער און האָב מיך אָנגעטהאָן. יעצט בין איך געוועזען זיכער, אַזוי ווייניגסטענס האָב איך געדאַכט. ווען איך בין זיכער, קען איך געהן אַ היים און נעהמען, וואָס איך דאַרף.

איך בין געקומען אין שלאָס אין האָב דאָרט געטראָפען אַ גאַנצע באַנדע באַשיבוזוקס, וועלכע זיינען געזעסען, געשטאַנען און געלעגען אין הויף, אין אונזערע צימער, אין אונזערע קעללער און אין אונזערע שפּייכלער, האָבען געגעסען, געטרונקען, געזונגען, געבראָכען, געשטאָכען, געהאַנדעלט און געשאַכערט.

אלע זיינען געווען אזוי בעטרונקען, אז זיי האבען זיך ניט אומגעקוקט אויף מיר. איך האב געטראגען דיא קליידער פון א טערקישען סאלדאט און זיי האבען געמיינט, אז איך בין א טערק. ווען זיי זאלען ניט געווען אזוי בעטרונקען, וואלטען זיי מיר באלד דערקענט, ווייל זיי זיינען אלע געווען באשי־בוזוקס, וועלכע טראגען גאנץ אנדערע קליי־דער אלס דיא ניזאם *). זיי האבען זיך אבער וועניג צוגעקוקט צו מיר און וואלטען געוויס מיך געלאָזען נעהמען, וואס איך וואלט געקענט. איך וואלט געקענט נעהמען עפּעס עסען און מיר אוועקנעהען גאנץ רוהיג.

צום אונגליק האט פּאסירט א סצענע, וועלכע האט מיך צוגעצויגען, וויא א מאגנעט, און דאס איז געווען מיין אונגליק און דאס אונגליק פון אלע, וועלכע זיינען מיר געווען ליעב און טהייער.

ווען איך האב מיך אומגעקוקט אין הויף און האב געוואָרפען א טרויעריגען בליק אויף דעם ארט, וואו איך בין געבארען געווארען און וואו איך האב פערלעבט דיא גליקליכע יאהרען פון מיין קינדהייט, האב איך דערזעהן, וויא צוויי באשי־בוזוקס דינגען זיך איבער א יונגעם מעדכען.

איך האב דערקענט דאס מעדכען. דאס איז געווען אפאנסיא, דיא טאכטער פון א בעקאנטען רייכען בויער, וועלכער האט געוואהנט ניט ווייט פון אונז. וויא אזוי אפאנסיא איז אריינגעפאלען אין זייערע הענד, האב איך ניט געקענט וויסען. ווען איך בין צוגעקומען, האב איך דערזעהן, אז זיא איז האלב נאקעט. — דיא באשי־בוזוק'ס האבען פון איהר אראפּגעריסען דיא קליידער — און זיא האט געציטערט, וויא אין א פיעבער.

אן אלטער באשי־בוזוק האט זיא געוואלט קויפען און האט געגעבען פאר איהר דרייא הונדערט פּיאסטער (א טערקישע מינצע, אן ערך פון 4 אמעריקאנער סענט). דער באשי־בוזוק, צו וועמען דאס אונגליקליכע מעדכען האט געהערט, האט אבער געפאָדערט פאר איהר פינף הונדערט פּיאסטער.

איך האב געהערט, וויא זיי דינגען זיך. איך בין געווען אזוי דערשראקען, אזוי

---

*) דיא טערקישע אַרמעע בעשטעהט פון צווייא טהיילע: דער ערשטער טהייל הייסט ניזאַם. דאָס זיינען רעגולערע סאָלדאַטען, וויא אין דייטשלאַנד און רוססלאַנד. דער אַנדערער הייסט רעדיף. דאס זיינען אירדעגולערע, פרייוויליגע, צוזאַמענגעלאָפענע. צווישען זיי געפי־נען זיך אַרנאַאוטען, א ווילדעס, גרויזאַמעס פאָלק פון באָסניען און הערצאָגווינאַ: — קורדען אַ ווילדעס פאָלק פון דיא בערג אַרראַט, און טשערקעסען. יעדעס פאלק טראָגט זיינע אייגענע קליידער און מישט זיך ניט אויס מיט אַנדערע פעלקער. דיא טערקישע רעגיערונג צאהלט דיא „רעדיף" קיין געהאַלט, זאנדערן ערלויבט זיי צו רויבען און צו מאָרדען, וואו זיי קומען. דאָס זיינען דיא שרעקליכע באַשי־בוזוקס, פאר וועלכע מען ציטערט אזוי. דער אָנפיהרער פון יעדער באַנדע איז דער הערדשער, דער קייזער פין דער באַנדע. דאס איז געוועהנליך א ווילדער מענש, וועלכער ווייס פון קיין מיטלייד און קיין ערבאַרמען. פאַר דיא באַשי־בוזוקען ציטערט מען מעהר, וויא פאַר פייער. ווען זיי פאַלען אָן אויף א דארף, פערניכטען זיי עס אין גאַנצען. זיי טייטען דיא עלטערע מענער און פרויען, נעהמען געפאַנגען דיא איגגערע. דיא אינגלעך פערקויפען זיי אלס שקלאַפען און דיא מעדכען צוטהיילען זיי צווישען זיך אדער פערקויפען זיי צו דיא רייכע פּאשאַ'ס.

א. טאַנענבוים.

מיט מיר. איך האב געהאט ביי מיר געלד און האב געקענט בעצאהלען פאר אפּאנאַ־סיאַן דיא פינף הונדערט פּיאַסטער, וואס דער באַשי־בּוזוק האט געפאָדערט. איך בין אבער געשטאַנען, וויא פערשטיינערט און האב געקוקט אויף דאס אונגליקליכע מערדכען.

ערשט ווען ביידע באַשי־בּוזוקעס האבען זיך אויסגעגלייכט פאר פיער הונדערט צוואַנציג פּיאַסטער, בין איך געקומען צו זיך און האב אויסגערופען:

— איך גיב דיר טויזענד פּיאַסטער פאר דיעזעס מערדכען!

אזוי וויא דער קויפער האט נאך ניט אפּגעצעהלט דאס געלד, האט דער פערקויפער געפּונען, אז ער מעג נאך חרטה האבען און נעהמען בעסער טויזענד אלס פיער הונדערט צוואַנציג. איך האב ארויסגענומען א ביימעל געלד און האב געוואלט אפּ־צעהלען דיא טויזענד פּיאַסטער.

— איך האב זיא געקויפט! זיא איז מיינע! האט געשריען דער קויפער.

— דוא האסט נאך ניט בעצאהלט, איז זיא נאך ניט דיינע! האט געשריען דער פערקויפער.

עס זיינען צוגעקומען נאך עטליכע באַשי־בּוזוקס און האבען געפּונען, אז זא לאנג מען בעצאהלט ניט, הייסט עס ניט געקויפט. דער אלטער באַשי־בּוזוק איז געוואָרען אנגעצונדען. ער האט ארויסגעכאַפּט זיין פּיסטאָלעט פון זיין גאַרטעל און האט אויס־געשאָסען דעם מערדכען גלייך אין הארצען. אפּאנאַסיאַ איז געפאלען טויט צו דער ערד

איך בין אויפגעשפּרונגען, וויא א וואהנזיניגער, האב ארויסגעכאַפּט מיין האנדשאר (א קרומער שווערד) און האב דערשטאָכען דעם ווילדען באַשי־בּוזוק. דער־ביי האב איך געשריען און האב געשאָלטען אויף גריעכיש, אויף טערקיש און אויף אלע שפּראַכען, וואס איך האב געקענט.

דאס איז געוועזען מיין אונגליק.

— א דשאור! א דשאור! (ווער עס גלויבט ניט אין מאחמעד, דער הייסט א דשאור) האט מען געשריען פון אלע זייטען. ער איז א דשאור! טויטעט איהם! הענגט איהם אויף!

איך האב מיך אויסגעדרעהט און בין אנטלאָפען. איך האב גערעכענט, אז איך בין בעסער בעקאַנט אין וואלד אלס דיא באַשי־בּוזוקס און וועל מיך לייכט אויסדרעהען. ווען איך בין אוועקגעלאָפען א געוויסע שטרעקע און האב געזעהן, אז מען לויפט מיר ניט נאך, האב איך געגלויבט, אז איך בין שוין זיכער און בין מיר צוריק געגאַנגען אין דער הייל, וואו מיין פאמיליע מיט דער פאמיליע ראַדאָקאַנאַקי איז געלעגען בעהאלטען.

איך בין געוועזען זעהר דערשראָקען און דערצו בין איך געוועזען נאך צו יונג אום מיך איבערצולעגען, פּיעלייכט שפּיאָנירט מען מיר נאך. קוים בין איך אריינגעקומען אין דער הייל, איז מיר מיין מוטער און דיאַנאַ ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז, האבען געוויינט און געמאַכט מיר פאָרווירפע, פאר וואס איך האב געוואַגט ארויסצוגעהן פון דער הייל, איך בין דאך זייער איינציגער בעשיצער. זיי האבען ניט געוואוסט, דיא אונגליקליכע, אז איך האב זיי געבראַכט דעם טויט.

אין א האלבע שטונדע ארום האט דיא גאַנצע באַנדע באַשי־בּוזוקס ארומגע־

רינגעלט די הייל, אין וועלכע מיר זיינען געלעגען בעהאַלטען און מען האָט אונז אַלע ארויסגעשלעפּט אין דרויסען...

דער יונגער גרעק האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט געשוויגען. די טרערין האָבען איהם געוואָרגען אין ער האָט ניט געקענט מעהר רעדען. עלווירא האָט אויך פערדעקט איהר געזיכט מיט ביידע הענד. זי האָט אויך געוויינט.

עס איז פערגאַנגען אַ געראַומע צייט, איידער דער יונגער גרעק איז געקומען צו זיך און האָט ווייטער געקענט דערצעהלען. ענדליך האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט געחאַפּט דעם שפּיעז און האָט איהם ווידער אַריינגעשטעקט אין טיש, גלייך וויא עס וואָלט געווען די ברוסט פון אַ באַשי־בוזוק.

— איך וויל אייך פערשוויגען מיט אַן ערצעהלונג, וואָס עס האָט ווייטער פּאַסירט. מיין מוטער האָט מען געשענדעט פאַר מיינע אויגען, דערנאָך האָט מען זי דערשטאָכען. אַלע עלטערע מענשען, וועלכע זיינען געווען מיט מיר אין הייל, האָט מען געטוידטעט, נור מיך, דיאָנאַ, מיין אינגערע שוועסטער און דיאָנאַ'ס ברודער און אַ שוועסטער האָט מען געבונדען און אוועקגעשלעפּט אין שטאָדט.

די באַשי־בוזוק'ס זיינען געווען איבערראַשט פון דיאָנאַ'ס שעהנהייט און האָבען בעשלאָסען צו פערקויפען מיך און דיאָנאַ צו קאַפּודאַן פּאַשאַ אַליין.

ערשט אויפ'ן וועג האָבען מיר געזעהן, וואָס די טערקען האָבען געמאַכט פון אונזער שעהנער אינזעל. אויפ'ן גאַנצען וועג פון דער הייל, וואו מיר זיינען געלעגען בעהאַלטען, ביז זום האַפען, וואו עס איז געשטאַנען קאַפּודאַן פּאַשאַ'ס שיף, זיינען געלעגען טוידטע קערפּער פון מענער, פרויען און קינדער. ביי אַלעמען זיינען געווען אָפּגעשניטען די נעז מיט די אויערן. שפּעטער בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז קאַפּודאַן פּאַשאַ האָט אוועקגעשיקט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל צוויי הונדערט זעק מיט נעז און אויערן, וועלכע מען האָט אָפּגעשניטען ביי די אונגליקליכע איינוואָהנער פון חיאָס.

ווען מען האָט אונז געבראַכט אויפ'ן שיף פון קאַפּודאַן פּאַשאַ, האָבען מיר ערשט געזעהן וואָס פאַר אַ שרעקליכעם שיקזאַל עס ערוואַרטעט אונז.

אויפ'ן דעק איז געווען אָפּגעצוימט אַ שטיקעל אָרט מיט אייזערנע גראַטעס. אין איין אָרט איז געלעגען קאַפּודאַן פּאַשאַ אויף אַ ווייכען דיוואַן און האָט גערויכט אַ נאַרגילעה — פּייפע. אין אַנאַנדער אָרט זיינען געלעגען אַלערליי מאָרד און מאַרטער אינסטרומענטען, וועלכע די מענשליכע שלעכטיגקייט קען נור אויסטראַכטען: מעסער, שערען, זעגען, האַמערס און העק.

די געפאַנגענע האָט מען אַריינגעבראַכט איינציגווייס אָדער פּאָרוויים, וויא דער מערדער האָט געהייסען. פאַר מיינע אויגען האָט מען אַריינגעבראַכט אַן אַלטען מאַן פון אַ יאהר זיבעציג מיט זיין אייניקעל, אַ יונגע פון אַ יאהר צעהן. דער אַלטער מאַן האַט זיך געוואָרפען פאַר דיא פיס פון קאַפּודאַ פּאַשאַ און האַט געבעטען, אַז מען זאָל שוינען דאס לעבען פון זיין עניקעל. פאַר זיך האָט ער ניט געבעטען. ער האָט געוואוסט אז איהם וועט מען ניט פערשוינען.

זאָ לאַנג איך וועל לעבען, וועל איך ניט פערגעסען דיזע טרויעריגע, הערצרייסענדע אונבעשרייבליך שרעקליכע סצענע, ווען דער אַלטער מאַן האָט געבעטען פאַר

דאס לעבען פון זיין עניקעל. אבט יאהר זיינען פאראיבער פון יענער צייט און נאך שטעהט ער מיר פאר די אויגען. קוים פערטראכט איך מיך אויף א מינוט, זעה איך איהם פאר מיר; איך זעה זיינע זילבער ווייסע האר; איך זעה די בלוטיגע טרערען, וועלכע גיעסען זיך אויף זיינע אלטע, צוקנייטשטע באקען; איך הער זיין שטימע; איך הער, וויא ער קרעכצט, בעט און וויינט, אז מען זאל פערשוינען דאס לעבען פון דעם עניקעל.

— קענסט דו מיר שאפען הונדערט טויזענד פיאסטער? האט קאפודאן פאשא רוהיג געפרעגט.

— גיב מיר דריי טעג צייט און איך וועל דיר פערשאפען דיעזע סומע, האט דער אלטער מאן געבעטען.

ער איז געוועזן זעהר רייך ווען די טערקישע סאלדאטען וואלטען ניט געווען צערשטערט זיין הויז און אלעס אוועקגערויבט ביי איהם, אלעס צערשטערט און פערניכטעט, וואלט ער זעהר לייכט געקענט שאפען דיעזע סומע, אין אזא צייט אבער, ווען אלע באנקען און אלע געשעפטען זיינען געווען געשלאסען אדער פערברענט און צערשטערט, האט ער געבעטען אום דריי טעג צייט.

— דו ווילסט מיר ניט געבען די הונדערט טויזענד פיאסטער? האט דער פאשא געפרעגט.

— איך קען עס ניט, איך מוז האבען צייט, האט דער אלטער מאן געבעטען.

קאפודאן פאשא האט א ווינק געטאהן. די הענקער האבען אניעדערגעלעגט דעם אלטען אויפ'ן רוקען, האבען איהם אריינגעשטעלט א טריכטער (א לייקע) אין מויל און האבען אנגעהויבען גיעסען אין איהם מעער וואסער.

איך האב געזעהן, וויא דעם אלטען מאן'ס קערפער איז אנגעשוואלען געווארען פון'ם וואסער וועלכעס מען האט אין איהם אריינגעגאסען.*) איך האב געזעהן, וויא דער אלטער מאן איז געווארען קיילעכדיג ווי א פאס און די הענקער האבען אנגעהויבען צו טרעטען איהם מיט די פיס אום פון איהם ארויסצוקוועטשען דאס וואסער.

איך האב געזעהן, וויא די הענקער האבען גענומען דאס קינד, דעם אלטענס עניקעל און האבען אוסגעשניטען ביי איהם דעם טהייל פון'ם מענשליכען קערפער, וועלכעס מאכט דעם מענשען צום מאן. עס איז מיר פינסטער געווארען אין די אויגען איך בין געפאלען אין אהנמאכט.

איך ווייס ניט, וואס ווייטער איז געשעה'ן מיט מיר. ווען איך האב געעפענט די אויגען, האב איך געזעהן, אז איך ליעג אין א פינסטערן צימער מיט נאך עטליכע אונגליקליכע. פון דעם רוישען פון'ם וואסער האב איך פערשטאנען, אז איך ליעג אין א שיף. איך האב גערופען דיאנא, קיינער האט מיר ניט געענטפערט.

שפעטער בין איך געוואהר געווארען, אז אלי-אגא האט אונז אפגעקויפט, מיך מיט דיאנא. ער האט געמיינט, אז מיר זיינען שוועסטער און ברודער.

איך ווייס ניט, וואס ווייטער איז געשעהן. מיר זיינען געלעגען אין פינסטערן

---

*) איך בעמערק נאך אמאל, אז דיעזע פאקטען זיינען היסטאריש וואהר. קיין איינציגעס ווארט איז אויסגעטראכט. א. טאנענבוים.

איבערראַשט און אזוי אויפגערעגט, אז איך האב ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך אין טרום פון'ם שיף. מיר האבען געפיהלט, וויא דאס שיף געהט. מיר האבען געפיהלט, וויא עס וואַרפט מיט אונז שרעקליך. ענדליך האט מען אונז ארויסגענומען פון שיף און מען האט אונז געפיהרט אין א פערמאכטען וואגען. מען האט אונז געבראכט אהער, אין פּאלאץ פון אלי־אנא. דאָ האב איך ערשט דערזעהן מיין דיאַנאַ.

איך האב מיך געפרעהט, וואס זיא לעבט נאך און עס האט מיר געריסען דאס הערץ צו זעהן, וואו זיא געפינט זיך און ביי וועמען זיא געפינט זיך.

ווען אלי־אנא זאל געוועז וויסען, אז זיא איז מיין בראוט, וואלט ער מיך ניט צוגעלאזען צו איהר און וואלט זיא געהאלטען פערשפּאַרט אין הארעם; ער האט אבער געמיינט, אז מיר זיינען שוועסטער און ברודער. ער איז געווען פערבלענדעט פון דיאַנאַ'ס שעהנהייט און האט געוואלט זיא הייראטהען.

ווען ער איז געוואהר געווארען, אז איך קען עטליכע שפּראכען, האט ער מיך געמאכט פאר זיין שרייבער. זיין סעקרעטער און האט מיך געבעטען, איך זאל איבער־רעדען מיט מיין שוועסטער, אז זיא זאל איהם הייראטהען. איך האב בענוצט דיעזע געלעגענהייט און דעם טעות פון אלי־אַנאַ און האב איהם ניט דערצעהלט, אז דיאַנאַ איז מיין בראוט. דאדורך האב איך ערהאלטען די ערלויבניס זיא אָפט צו זעהן און מיט איהר צו רעדען.

ער האט געשוויגען איינינע מינוט, דאן האט ער זיך געווענדעט צו ארטהור'ן און האט איהם געזאגט:

— איהר האט דאך שוין געזעהן, וויא אזוי אלי־אנא צווינגט די פרויען, וועלכע פאלען אריין אין זיינע הענד, זיי זאלען איהם ליעבען. געגען אייער בראוט האט ער אנגעווענדעט דיא מיטעל, וועלכע זיינען אייך בעקאנט, געגען דיאנא האט ער אנגע־ווענדעט אנדערע מיטעל.

איך ווייס ניט, אויב דיאנא וואלט געווען אים שטאנד אויסצוהאלטען דיא מארטערניש און דיא פּייניגונגען, וועלכע אלי־אנא האט אויסגעטראכט יעדעס מאל פון איהרעטוועגען. עס איז זעהר מעגליך, אז זיא וואלט ענדליך געמוזט נאכגעבען.

איין מאל האט מען זיא געפונען טויט אין איהר בעט מיט א מעסער אין איהר ברוסט. אלי־אנא'ס עלטסטע פרוי, סיטטי, האט זיא געטויטעט אויס איפערזוכט.

איך קען אייך ניט בעשרייבען, וואס איך האב דאמאלס איבערגעליטען. איך וויל אייך נור זאגען, אז א שקלאפין פון הארעם, וועלכע האט זיך פערליעבט אין מיר, האט מיר אלעס דערצעהלט. איך האב דאמאלס געשווארען, איך זאל טויטען דיא שרעקליכע פרוי און איך האב געהאלטען מיין שוואור. איך האב זיא דערשטאָכען אין דער מינוט, ווען זיא האט געוואלט טויטען אייער עלווירא.

— האט איהר דען ניט געקענט אנטלויפען דיא גאנצע צייט? האט ארטהור געפרעגט.

— נעווים, האב איך עס געקענט, האט מאוראָ געענטפערט. אלי־אנא האט מיך ליעב בעקומען. ער האט באלד איינגעזעהן, אז ער דארף מיך, וויייל איך קען עטליכע שפּראכען. ער האט מיך געמאכט פאר זיין ערשטען דראגאמאן (דאלמעטשער)

און האט מיר זאנאר געשענקט איינע פון זיינע שקלאפינען. עס איז זעהר מעגליך, און איך וואלט מיט דער צייט אלעס פערגעסען. אזעלכע פעללע זיינען שוין אָפט פאָר־געקומען.

צווישען דיא טערקישע פאשא'ס, ביי'ס, עפפענדי'ס און אגא'ס געפינען זיך פיעלע גרעקען, פּאָלען און אונגארן.*) פיעלע זיינען געווארען פערברענטע טערקען און האבען פערגעסען, ווער זיי זיינען און פון וואנען זיי שטאמען אפ. מיט מיר אבער האט פּאסירט אנאנדערע געשיכטע.

איין מאל, דאס איז געווען אין א מאנאט ארום נאך דיאנא'ס טויט, זיינען געקומען גרעקען צו אלי־אגא און האבען איהם עפּעס געבעטען. אזוי וויא אלי־אגא פערשטעהט קיין גריעכיש, האט ער מיך געשיקט רופען, איך זאל זיין דער דראָגאָמאַן (דאָלמעטשער) צווישען איהם און זיי.

דיא גריעכען האבען געבעטען וועגען א נארישקייט. דער וועכטער פון דיזען וואלד איז געשטארבען. דער וואלד געהערט צו דער רעגיערונג און זיא פלעגט צאהלען דעם וועכטער פינף הונדערט פיאסטער א יאהר. איינער פון דיא גריעכען, אן אלטער מאן, האט זיך אנגענומען צו זיין א וועכטער אומזיסט, ווען אלי־אגא וועט איהם ערלויבען צו שיסען וועלף אין וואלד.

זעלבסטפערשטענדליך, אז אלי־אגא האט איינגעווילינט. עס וועלען דאך איהם בלייבען דיא פינף הונדערט פיאסטער. צוואר איז פינף הונדערט פיאסטער קיין גרויסע סומע געלד, אלי־אגא אבער ווארפט זיך ניט מיט אזא קליינע סומע אויך.

אין דער צייט וואס דיא גריעכען האבען גערעדט צו מיר, האט מיר איינער געזאגט, אז אין נאמען פון מיין פאטער פארדערט ער מיך אויף, איך זאל קומען אין וואלד צום וועכטער ביי נאכט אין א געוויסע צייט. אלי־אגא האט ניט פערשטאנען וואס מיר רעדען און צווישען דיא רעד צו איהם, האט מיר דער גרעק אריינגעווארפען ווערטער וועגען מיינע עלטערן און דיאנא.

ענדליך האבען דיא גריעכען געדאנקט אלי־אגא פאר זיין פריינדליכקייט און זיינען זיך אוועקגעגאנגען. — איהר קענט אייך ליכט פארשטעלען, וויא אויפגערעגט איך בין געווען; און וויא אונרוהיג איך בין ארומגעגאנגען דיא גאנצע צייט ביז אין דער נאכט, ווען איך האב געדארפט געהן צום וואלד־וועכטער. אין מיר האבען זיך אויפגעכאפט אלע עראינערונגען פון מיין יוגענד, איך האב מיך דערמאנט אן מיין ערנסטען פאטער, א מיין גוטע, שטילע און הייליגע מוטער, אן מיינע ליעבע שוועסטער און ברידער.

דער אלטער שמערץ האט אנגעהויבען צו ברענען אין מיר; דיא אלטע וואונדען האבען זיך אויפגעריסען און מיין בלוט האט זיך געגאסען פון זיי. איך האב צוואר ניט

*) דאָס איז היסטאָריש וואהר. דער בעריהמטער אָמער פּאשא, דער טערקישער קריעגס מיניסטער אין 1852 איז געוועזען א פּאָליאק מיט'ן נאָמען טשאַיקאָווסקי. אַמוראַט פּאשא איז אויך געווען א פּאָליאק מיט'ן נאָמען בעהם.

א. טאנענבוים.

געוואוסט, וואָס עס איז געשעהן מיט מיינע ברידער און שוועסטער, איך בין אָבער געווען זיכער, אַז מען האָט זיי פערקויפט פאַר שקלאַפען.

איך האָב געזעהן, וויא מען האָט געשענדעט און געטוידטעט מיין מוטער, פון מיין פאָטער אָבער האָב איך קיינע נאַכריכט ניט געהאַט. איך האָב ניט געוואוסט, אויב ער לעבט אָדער ער איז געשטאָרבען.

איך האָב קוים דערלעבט די נאַכט, ווען איך האָב געדאַרפט געהן צום וואַלד וועכטער. אַלי-אַגאַ האָט מיך מעהר ניט געהיט, ער איז געווען זיכער, אַז איך וועל ניט אַנטלויפען, ווייל ער האָט מיך בעהאַנדעלט זעהר גוט און זעהר פריינדליך. איך מוז אייך זאָגען די וואַהרהייט, אַז ווען אַלי-אַגאַ וואָלט ניט געווען קיין טערק, וואָלט איך איהם ליעב געהאַט. ער איז ווילד, וויא אַלע טערקען, ער איז אָבער קיין שלעכטער מענש פון דער נאַטור. ער וואָלט פיעלייכט געווען אַ גאַנץ גוטער מענש, ווען ער זאָל ניט געווען זיין קאַפודאן פאַשאַ'ס אַ ליעטענאַנט.

קוים איז פינסטער געוואָרען, האָב איך אַריינגעשטעקט צוויי פיסטאָלעטען אין גארטעל און בין געלאָפען אין וואַלד.

— וויא זייט איהר איבערגעגאַנגען דעם שווארצען און רייסענדען טייך ביי נאכט? האָט ארטהור געפרעגט. זייט איהר שוין דאמאָלס געווען בעקאַנט מיט דער געגענד?

— איך בין נאָך ניט געווען בעקאנט און וואָלט געוויס דערטרונקען געוואָרען אין טייך, ווייל ער איז אין איינינגע ערטער שטארק טיעף. מען האָט אָבער געווארט אויף מיר און מען האט מיך איבערגעפיהרט אויף א געוויסען אָרט וואו עס איז ניט טיעף.

— וואס איז דאס פאר א זאנדערבארער טייך? האט ארטהור ווייטער געפרעגט, פאר וואס זיינען זיינע וואסערן אזוי קאלט?

— די וואסערן פון דיעזען טייך קומען אראפ פון א הויכען בארג, וועלכער איז שטענדיג בעדעקט מיט שניי און מיט אייז, דערפאר זיינען זיי אזוי קאלט און דערפאר רייסט אזוי דאס וואסער און קאכט אין איהם, האט מאורא ערקלעהרט. — ווען עס געהן רעגענס אדער אין פריהלינג, ווען דער שנעע צוגעהט, איז דער טייך אזוי געפעהרליך, אז מען קען איהם גאר ניט אריבערגעהן.

שפעטער בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז די גריעכען האבען אומיסטען אויסגעבויט דאָס שטיבעלע פון'ם וואלד וועכטער פון יענער זייט טייך, ווייל די טערקען זיינען צו פויל אום צו בויען אַ בריק איבער איהם און זיי זיינען זעהר גרויסע פיגלינגע (טרוסען) און האבען מורא איהם אַריבערצוגעהן. דיעזער טייך איז אַ פליעסיגער וועכטער פאַר זיי. ער היט אָפּ זייערע פערזאַמלונגען, די טערקען זאלען אויף זיי ניט אָנפאַלען.

אָבער לאָמיך זיך אומקעהרען צו מיין ערצעהלונג, לאָמיך ניט האַפּען פאַראויס.

איך בין געלאפען אין וואלד. איך האב געוואוסט, וואו דער אלטער וועכטער האט געוואהנט. ווען איך בין געקומען צום ארט, וואו זיין שטיבעלע איז געשטאַנען, האב איך געזעהן מיט שטוינען, אז דאס שטיבעלע איז פערשוואונדען. איך בין געווען פערצווייפעלט. פלוצלונג האב איך געהערט אַ שטילע שטימע לעבען מיר:

— האָט אַ מאַוורא קאָרדאַט, פערגעסען זיין פאָלק?

— ניין! האָב איך אויסגערופען.

— דאַן קום מיט אונז, האָט די שטימע געענטפערט.

צוויי שטאַרקע הענד האָבען מיך אָנגענומען און האָבען מיך געפיהרט אין וואַלד. מען האָט מיך אַריבערגעפיהרט דעם טייך. פון יענער זייט האָט מען מיר צוגעבונדען דיא אויגען און מען האָט מיך ווייטער געפיהרט אייניגע צייט. פלוצלונג האָב איך דערהערט אַ שטימע הינטער מיר, וועלכע האָט געפרעגט:

— ווער זייט איהר?

— ערניעדריגטע און אונטערדריקטע, האָבען מיינע פיהרער געענטפערט.

— וואָס פערלאַנגט איהר?

— פרייהייט פון דעם טערקישען יאָך.

— ווער זאָל אייך בעפרייען?

— גאָט און דאָס היילינע רוסלאַנד.

— איך האָב דאַמאָלס ניט פערשטאַנען, וואָס דאָס הייסט. ערשט שפּעטער בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז דאָס איז דאַמאָלס געווען דיא פּאַראָלע, דאָס פּאַסיר וואָרט.

מיט פערבונדענע אויגען האָט מען מיך אַראָפּגעפיהרט אין דעם אָרט, וואו מיר געפינען זיך יעצט. ווען מען האָט מיר אָפּגעבונדען די אויגען, האָב איך געזעהן פיעלע אַלטע און יונגע מענשען פערזאַמעלט. אַן אַלטער מאַן מיט שנעע ווייסע האָר איז צוגעקומען צו מיר. האָט מיר צוגעפרעסט צום האַרצען און האָט אָנגעהויבען צו וויינען.

— מיין זוהן! מיין ליעבער זוהן!

דאָס איז ווירקליך געווען מיין פאָטער. שטעלט אייך פאָר מיין שטוינען און פערוואונדערונג! איך האָב ניט דערקענט מיין אייגענעם פאָטער. עס זיינען פערגאַנגען נור אַכט יאָהר, זייט איך האָב איהם ניט געזעהן און איך האָב איהם דאָך ניט דערקענט. אַזוי האָט ער זיך פערענדערט אין דער קורצער צייט.

ווען ער האָט אָבשיעד גענומען פון זיין פאַמיליע און איז געגאַנגען אין קריעג, האָט ער געהאַט שוואַרצע האָר און איז נאָך געווען אַ קרעפטיגער מאַן אין דיא מיטעלע יאָהרען; יעצט אָבער האָב איך דערזעהן פאַר זיך איין איינגעבויגענעם גרייז.

שילדערן אייך מיט ווערטער, וואָס איך און מיין פאָטער האָבען איבערגעפיהלט, אין דיא ערשטע מינוטען, ווען מיר האָבען זיך ווידערגעזעהן, בין איך ניט אים שטאַנד. אַזעלכע סצענען קען מען פיהלען אָבער ניט בעשרייבען מיט ווערטער.

— אַלזאָ, איז דאָ דער אָרט, וואו די מיטגליעדער פון דער „העטעריע", אָדער וויא אייער אָבטהיילונג הייסט, די „עלפים", פערזאַמלען זיך? האָט אַרטהור געפרעגט.

— יאַ, מיין פריינד, האָט מאַוורא געענטפערט.

— וויא אַזוי איז אָבער אייער פאָטער געוואָהר געוואָרען, אַז איהר געפינט זיך ביי אַלי־אַגאַ? האָט אַרטהור ווייטער געפרעגט.

— קען דען א פאטער פערגעסען זיינע קינדער? — מיין פאטער האט נעקעמפפט געגען דיא טערקען. אונזער קליינע ארמעע האט ניט געקענט בעשטעהן געגען דיא גרויסע מאכט פון קאפודאן פאשא, וועלכער האט זיי בעזיעגט און האט געהייסען טייטען יעדען, ווער עס איז אריינגעפאלען אין זיינע הענד. נור וועניגע פון אונזערע קריעגער האבען זיך גערעטעט. צווישען דיעזע וועניגע איז געוועזען מיין פאטער.

אויף זיין גליק, איז דאמאלס צוגעקומען א איטאליענישע בארקע צו דער אינזעל און דער סקיפער, דער קאפיטאן פון דער בארקע, האט אויפגענומען מיין פאטער און האט איהם אוועקגעפיהרט קיין איטאליען.

אליין, עלענד, פערלאסען, אהן געלד און אהן פריינד, האט זיך מיין פאטער ארומגעוואלגערט אין איטאליען, ביז עס איז געווארען רוהיגער ביי אונז און רוססלאנד האט ערקלערט קריעג דער טירקיי. ווען דער קריעג האט זיך געענדיגט און דיא יאנישע אינזלען זיינען געשטעלט געווארען אונטערן שוץ פון ענגלאנד, איז מיין פאטער צוריקגעקומען קיין חיאס.

וואס האט ער אבער געפונען אין דערהיים? זיין פאמיליע איז פערשוואונדען. ער האט זאגאר ניט געוואוסט, וואס פון אונז איז געווארען. דיא טערקישע רעגיערונג האט צוגענומען זיין פערמעגען. דער רייכער און שטאלצער מאווראקארדאטי האט ניט געהאט וואו אניעדערצולעגען דעם קאפ אין דעם לאנד, וואו ער האט געהאט טויזענד מארגען לאנד.

דיא „העטעריע" אבער האט איהם אויסגעהאלפען. דיא „העטעריע" האט אויסגעזוכט, וואו איך געפין מיך. דיא „העטעריע" האט זאגאר אויסגעפונען, אז איינע פון מיינע שוועסטער איז פערקויפט געווארען צו אן עמיר אין אראביען און דיא אנדערע צו א מאמעליוק אין עגיפטען.

— וויא קומט עס אבער, וואס איהר זייט געבליעבען ביז אהער ביי אליאגא? האט ארטהור געפרעגט? קוים האט איהר געפונען אייער פאטער, האט איהר געדארפט אנטלויפען צו דער „העטעריע"?

— דיא „העטעריע" האט מיר געהייסען בלייבען ביים אגא, האט מאוורא ערקלערט. אלי־אגא איז אן אנגעזעהנער בעאמטער (טשינאווניק). דורך איהם האב איך ערפאהרען פיעלע זאכען, וועלכע האבען אונז גענוצט. זאלאנג איך בין געוועזען דראגאמאן ביי אלי־אגא, האבען דיא מיטגליעדער פון דער „עלפיס" געמעגט זיך פערזאמלען גאנץ רוהיג. איך פלעג זיי מיטטהיילען אלעס, וואס איך פלעג געוואהר ווערן פון אלי־אגא און פלעג זיי פררטהיידיגען און פערהיטען.

— אבער יעצט, ווען איהר האט געטייטעט אלי־אגא'ס עלטסטע פרוי, וואס וועט איהר יעצט טאהן? יעצט קענט איהר זיך שוין מעהר ניט ווייזען פאר איהם?

— געוויס, יעצט קען איך מיך מעהר ניט ווייזען פאר איהם, האט מאוורא געזאגט, יעצט מוז איך מיך בעהאלטען דא אין אונזער נעסט, ביז דיא „העטעריע" וועט אויסזוכען פאר מיר א בעשעפטיגונג ערגעץ אנדערש.

— אלץ צוליעב אונז! האט עלווירא אויסגערופען, — אך, מיר אונגליקליכע! צוליעב אונז זאלט איהר ליידען?

— איך לייד ניט צוליעב איידּ, האט מאוורא געענטפערט טרויעריג, איך האב געשווארען, איך זאל מיך נוקם זיין אן סימטי, אלי־אנא'ס עלטסטע פרוי, דערפאר וואס זיא האט געטייטעט מיין דיאַנא, און איך האב געהאלטען ווארט. איהר זייט נור געוועזן דיא אורזאכע, וואס איך האב עס געטאהן פריהער מיט איינינע צייט.

שפעט, שפעט אין דער נאכט זיינען געזעסען דיא דרייא נייע פריינד און האבען דערצעהלט איינער דעם אנדערן זייער ליידענס געשיכטע.

ווען זיי האבען זיך אלעס דערצעהלט, האט ארטהור געפרעגט זיין נייען פריינד:

— וויא לאנג וועלען מיר דא בלייבען און וויא אזוי וועלען מיר פון דאנען אוועק־פאהרען?

— איהר מוזט דא בלייבען אייניגע טעג, ביז אלי־אנא'ס מענשען וועלען אויפהערן אייך צו זוכען, דאן וועט דיא „העטעריע" שוין אויסגעפינען א מיטעל, וויא אזוי אייך צו ברענגען קיין ניקאַפּאָלים. פון דארט וועט איהר זעהר לייכט קענען פאהרען קיין אגדריאנאָפּאָל.

12טער קאפיטעל.

דאס פעקעל דאקומענטען.

קוים האט נאני ערהאלטען דעם בריעף פון דער גרעפין פאן טאַקקי, אז זיא דארף מיט איהם עפּעס רעדען, איז ער באלד געלאפען צו איהר.

זיא האט איהם צוואר אויפגענומען זעהר פריינדליך, נאני אבער האט באלד בעמערקט, אז זיא איז זעהר אויפגערעגט און זעהר אונרוהיג.

— וואס איז שוין נייעס, גנעדיגע גרעפין? האט ער אויסגערופען, — האט איהר ערהאלטען עפּעס א נאכריכט פון ארטהור'ן?

— ניין, באראן, איך האב אייך דאך געשריעבען, אז דער שטומער בעטלער איז געוועזן ביי מיין ברודער און האט איהם איבערגעגעבען א פעקעל פאפּיערן. איך האב געבעטען מיין ברודער, ער זאל הייסען ארעסטירען דעם שטומען בעטלער; מיין ברודער האט עס אבער אויף קיין פאלל ניט געוואלט טאהן. נאך מעהר, איך האב געפונען מיין ברודער זעהר אויפגערעגט און זעהר אונרוהיג, ווען דער שטומער בעטלער איז אוועקגעגאנגען פון איהם.

— פאר וואס האט איהר ניט געבעטען, ער זאל עפענען דאס פעקעל און זאל זעהן, וואס דארט געפינט זיך? האט נאני געפרעגט.

— איך האב איהם געבעטען, ער זאל עס טאהן, ער האט מיר אבער אפּגע־זאגט, האט דיא גרעפין געענטפערט. דערפאר האב איך דאך אייך געשיקט רופען. איהר זייט א קלוגער מענש, פיעלייכט וועט איהר אויסגעפינען א מיטעל, וויא געוואהר צו ווערן, וואס אין דיא פאפּיערן שטעהט. איך בין זיכער, אז אין זיי געפינען זיך בריעף וועגען ארטהור און עלווירא.

נאני האט זיך פערטראכט. ער האט זעהר גוט פערשטאנען, אז דיא פאפּיערן, וועלכע דער שטומער בעטלער האט איבערגעגעבען דעם גראף מעראס, מוזען זיין זעהר וויכטיג פאר איהם.

— איך דאַרף זעהן די פּאַפּיערן, האָט ער ענדליך געזאָגט, איך פערלאַנג ניט צו זעהן אַלע, איך דאַרף נור זעהן איינינע.

— דאָס איז דאָך דאָס שווערסטע! האָט די גרעפין אויסגערופען, מיין ברודער וויל זיי מיר ניט ווייזען, ער וויל ניט עפענען דאָס פּעקעל, ביז דער שטומער בעטלער וועט איהם הייסען.

— דאַן מוזען מיר זוכען עפּעס אַ מיטעל, וויא אַזוי צו בעקומען דאָס פּעקעל פּאַפּיערן אויף אַנאַנדער אַרט.

ער האָט ניט געוואָלט זאָגען, אַז מען מוז זעהן אַרויסצוּ'גנב'ענען די פּאַפּיערן. דאָס האָט ניט געפּאַסט פאַר אַ באַראָן נאַגי פאָן האַללאָוואַי. די גרעפין האָט איהם אָבער זעהר גוט פערשטאַנען.

— דאָס איז אונמעגליך, האָט זי געזאָגט וויא צו זיך אַליין, מיין ברודער האַלט די פּאַפּיערן ביי זיך אין קאַסע קאַסטען.

— קען מען פיעלייכט זעהן, וואָס עס איז אויפגעשריעבען אויפ'ן קאָנווערט פון'ם פּעקעל פּאַפּיערן?

— איך דענק, אַז מיין ברודער וועט עס איך ווייזען, האָט די גרעפין געזאָגט.

— איז דער גראַף צו הויזע?

— מיין ברודער איז ביי זיך אין צימער.

— דאַן וויל איך מיט איהם רעדען, פיעלייכט וועט עס מיר געלינגען איהם צו ערקלעהרען, אַז ער זאָל עפענען די פּאַפּיערן פריהער.

— איך וועל אייך זעהר דאַנקבאַר זיין, ליעבער באַראָן, ווען איהר זאָלט קענען איבעררעדען מיין ברודער, ער זאָל עפענען דאָס פּעקעל. איך בין זעהר נייגיעריג צו וויסען, וואו עלווירא געפינט זיך.

באַראָן נאַגי האָט באַלד געהייסען אַ דיענער, ער זאָל איהם מעלדען ביים גראַף מעראַס. אין איינינע מינוטען אַרום איז נאַגי געזעסען אין שרייבצימער פון'ם גראַף מעראַס.

— איך האָב צו אייך אַ ביטע, הערר גראַף.

— זאָגט עס מיר האָט דער אַלטער גראַף געענטפערט. ווען עס איז נור מעגליך, וועל איך געוויס טאָהן, וואָס איהר פערלאַנגט פון מיר.

— הערר גראַף, איך וויל אייך דערצעהלען, אַז זייט איינינער צייט געפינט זיך אין אונזער געגענד אַ באַנדע פון רויבער און מערדער, וועלכע מאַכען די גאַנצע געגענד אונזיכער. זיי האָבען שוין פיעלע מענשען בערויבט און פיעלע מענשען געטוידטעט. די פּאָליציי קען גאָר ניט העלפען, וויל זיי בעהאַלטען זיך אין די בערג, וואו עס איז אונמעגליך זיי אויסצוגעפינען. — אין דער לעצטער צייט זיינען זיי געוואָרען אַזוי פרעך, אַז זיי זיינען אָנגעפאַלען אויף דעם שלאָס באַטהיאַני און האָבען ערמאָרדעט דעם בישאָף וואַראָווסקי מיט זיין דיענער.

— וויא איז געקומען דער בישאָף וואַראָווסקי אין שלאָס באַטהיאַני? האָט גראַף מעראַס געפרעגט.

— דאָס שלאָס באַטהיאַני האָט געהערט צום אַדוואָקאַט נאָוואַק. איך האָב עס ביי איהם אָפּגעקויפט.

— דאָס איז זאָנדערבאַר! האָט גראַף מעראַס בעמערקט, וואָס פאַר אַ רעכט האָט דער אַדוואָקאַט נאָוואַק אויף דאָס שלאָס באַטהיאַני? מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער עס געקענט פערקויפען?

— איך בין קיין אַדוואָקאַט, הערר גראַף, האָט נאַגי געענטפערט, נאָוואַק האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס שלאָס באַטהיאַני געהערט איהם און ער מעג עס פערקויפען. איך האָב עס געקויפט.

— האָט ער אייך געגעבען אַ קויפשיין?

— נאָך ניט. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו געבען אַ קויפשיין, ווען ער וועט אַרויסנעהמען זיינע פּאַפּיערן פון געריכט.

— וויא אַזוי אָבער איז עס געקומען, וואָס דער בישאָף וואַראָווסקי האָט גענעכטיגט אין שלאָס באַטהיאַני? האָט גראַף מעראַס געפרעגט.

— איך האָב בעגעגענט דעם בישאָף אין ראָזענוי. ער איז געפאָהרען קיין טשעמני. אַזוי וויא דער גייסטליכער פון טשעמני איז זעהר אָרעם און איז ניט אים שטאַנד געווען אויפצונעהמען דעם בישאָף, וויא עס האָט געפּאַסט פאַר אַזאַ גרויסען מאַן, האָב איך מיך ענטשלאָסען פאָרצולעגען דעם גרויסען מאַן, ער זאָל נעכטיגען אין שלאָס באַטהיאַני. איך האָב געהייסען מיינע דיע־נער, זיי זאָלען פאָרבערייטען דעם שלאָס פון זיינעטוועגען און זאָלען איהם בעדיענען.

איך בין געפאָהרען מיט'ן בישאָף צוזאַמען. אויפ'ן וועג האָט ער מיר דערצעהלט, אַז ער האָט ביי זיך וויכטיגע דאָקומענטען, וועלכע ער דאַרף איבערגעבען די הויכע בעאַמטע אין ראָזענוי. זיין צייט אָבער ערלויבט איהם ניט, ווייל ער מוז שנעל פאָהרען אַהיים. איך האָב איהם ערקלעהרט, אַז איך וועל עס איבערגעבען מיט פערגניגען, ווענן ער וועט מיר הייסען. דער בישאָף וואַראָווסקי האָט מיר איבערגעגעבען דאָס פּעקעל.

דעם אַנדערן טאָג אין דער פריה, ווען מיינע דיענער האָבען געבראַכט דעם בישאָף זיין פריהשטיק, האָבען זיי איהם געפונען ערמאָרדעט. איהר קענט אייך לייכט דענקען, וויא דערשראָקען, איבערראַשט, ערשטוינט, בייז, אויפגע־רעגט, אויסער זיך, פול צאָרן איך בין געווען, ווען איך האָב דערהערט פון דיעזען שרעקליכען מאָרד. איך בין אַרומגעלאָפען, וויא אַ וואַהנזיניגער. איך בין געלאָפען צו דער פּאָליציי, צום בירגערמייסטער פון ראָזענוי, צום גובער־נאַטאָר פון דער פּראָווינץ און האָב געפאָדערט, מען זאָל שיקען זשאַנדאַרמען אין די וועלדער, אין די בערג און אין די היילען. איך האָב פערלאַנגט, אַז מען זאָל דורכזוכען און דורכזיעפען די גאַנצע געגענד, ביז מען וועט אויסגע־פינען די מערדער.

לײדער, אַרבייט אונזער פּאָליציי זעהר לאַנגזאַם. איידער זי האָט צוגע־שיקט די מענשען, וועלכע איך האָב געפאָרדערט, האָבען די מערדער צייט געהאַט צו אַנטלויפען און זיך צו בעהאַלטען.

דאָס איז נאָך ניט אַלעס. ווען איך בין געקומען אַהיים און האָב מיך דער־מאָנט, אַז דער עדעלער בישאָף וואַראָווסקי האָט מיר איבערגעגעבען אַ פּעקעל בריעף

און איך האב איהם צוגעזאגט, איך זאל עס פערזארגען. איך האב געזוכט דאס פעקעל און האב ניט געפונען. מען האט עס אוועקגעגנבעט פון מיר.

איך האב געמאכט א שרעקליכען ליארם און האב אנגעהויבען אויסצופרעגען מיינע דיענער, ווער עס איז געווען אין שלאס; מען האט מיר געענטפערט, אז קיין פרעמדער מענש אויסער דעם אלטען, שטומען בעטלער יאקקי, איז אין שלאס ניט געווען. עס איז דאהער געווען גאנץ דייטליך, אז דער שטומער בעטלער האט ביי מיר געגנבעט דאס פעקעל פאפיערן, וועלכעס דער בישאף וואראווסקי האט מיר איבער־געגעבען.

— איך האב געזוכט דעם שטומען בעטלער. — ער איז פערשוואונדען געווא־רען, גלייך וויא ער וואלט אריין אין דער ערד. שפעטער בין איך געוואהר געווארען, אז דער שטומער בעטלער איז גאר ניט שטום. ער מאכט זיך נור פאר א שטומען. ער איז א שפיאן. איך האב איהם דאן נאך שטארקער געזוכט, אבער אומזיסט! איך האב איהם ניט געקענט געפינען.

שטעלט אייך פאר מיין איבערראשונג! נעכטען האב איך איהם דערזעהן אין בודאפעסט!

— אויב דאס איז דערזועלבער, קען איך איהם, האט גראף מעראס בעמערקט.

— איהר, הערר גראף? האט נאני אויסגערופען, איהר קענט דעם שטומען בעטלער?

— ער איז געסטערן ביי מיר געווען, האט גראף מעראס ווייטער בעמערקט.

— דאס קען ניט זיין! האט נאני אויסגערופען, איך קען מיר גאר ניט פאר־שטעלען, אז ער איז אזוי פרעך און זאל וואגען צו קומען צו אייך, גראף!

— ער איז געווען ביי מיר און האט מיר זאגאר איבערגעגעבען א פעקעל דאקר מענטען, האט גראף מעראס ווייטער געזאגט.

— דאס איז אונמעגליך! האט נאני אויסגערופען, זאל דאס זיין דאס זעלבע פעקעל. וועלכעס ער האט ביי מיר געגנבעט?

— דאס קען איך ניט וויסען.

— ווילט איהר זיין אזוי פריינדליך און מיר ווייזען דאס פעקעל? האט נאני געפרעגט.

— פאר וואס ניט? — איהר קענט עס זעהן, האט גראף מעראס געענטערט.

מיט דיעזע ווערטער האט גראף מעראס געעפענט זיין קאסא קאסטען, האט ארויסגענומען דאס פעקעל דאקומענטען, וועלכעס דער שטומער בעטלער האט איהם געגעבען, און האט עס געוויעזען דעם באראן נאני.

קוים האט נאני דערזעהן דאס פעקעלע, האט ער אויסגערופען פול פרייד:

— ריכטיג! דאס איז עס! — ביטע, הערר גראף, בעטראכט נור דעם זיעגעל, עס האט א קרייץ אינעווענינג, דאסאיז דעם בישאף וואראווסקי' זיעגעל.

ער האט גענומען דאס פעקעל פאפיערן און האט עס בעטראכט פון אלע זייטען.

— עס איז ריכטיג, דאס איז דאס פעקעל, וועלכעס בישאף וואראווסקי האט מיר געגעבען, אבער דיעזע אויפשריפט איז דארט ניט געווען. דאס האט מען שפעטער

צונעשריעבען. איך דענק, אז דאס האט דער אלטער יאקקי, אדער דער שטומער בעטלער, געטאהן. דיעזעס פעקעל געהערט מיר. דער פערשטעלטער שטומער בעט־לער, דער שפיאָן יאקקי, האט עס ביי מיר ארויסגעגנבעט.

גראף מעראס האט געווארפען א שטרענגען פאָרשענדען בליק אויפ'ן באראָן.

— זייט איהר זיכער, אז דאס איז דאס זעלבע פעקעל? האט ער געפרעגט.

— וואס פרעגט איהר, הערר גראף? איך דערקען עס, וויא איך וואלט דער־קענט דעם ראָק, וועלכען איך טראָג אויף מיין לייב.

— קענט איהר שווערן, אז דאס איז דאס זעלבע פעקעל? האט גראף מעראס ווייטער געפרעגט.

— געוויס, הערר גראף!

— איך גלויב אייך. אלזא, וואס פערלאנגט איהר פון מיר?

— איהר זאלט עס מיר צוריקגעבען, האט נאָני געזאָגט פרעך, איך ווייס דאך נאך גאר ניט, וואס דארט געפינט זיך. עס איז זעהר מעגליך אז דארט געפינען זיך איינינע פאפיערן פאר מיר.

גראף מעראס איז געזעסען גאנץ רוהיג און האט אויסגעהערט אויפמערקזאם, וואס נאָני האט איהם געזאגט. עס איז שווער געווען צו זאגען, אויב גראף מעראס האט גוט געוואוסט, אז נאָני זאגט ליגען, אדער ער האט נאך געצווייפעלט, אדער ער האט געגלויבט אלעס, וואס ער האט איהם געזאגט. זיכער אבער איז געווען, אז ער לעגט זיך איבער און טראכט וואס צו טאהן.

ענדליך האט ער געזאגט:

— מיין ליעבער באראָן, עס טהוט מיר לייד, וואס איך קען אייך דיעזעס מאל ניט צוליעב טאהן אייער ביטע. ערשטענס, האט דער שטומער בעטלער מיר איבער־געגעבען דיעזע דאקומענטען, איך זאל זיי בעהאלטען ביי מיר, ביז ער וועט צוריקקומען. ווען דיעזע פאפיערן זאלען זאגאר זיין געגנבעטע, דארף איך זיי קיין פרעמדען מענשען ניט אוועקגעבען. ווען זיי זיינען געגנבעט, מוז איך זיי איבערגעבען דעם געריכט און דאס געריכט וועט זיי איבערגעבען וועמען זיי געהערן.

צווייטענס, וויל איך אייך זאגען דיא וואהרהייט, מיר ווייזט ניט אויס, אז דער שטומער בעטלער איז א רויבער און א מערדער. עס ווייזט מיר אויס, אז ער איז אן אונגליקליכער, וועלכער האט זעהר פיעל געליטען אין זיין לעבען.

— הערר גראף! אלע פון אונזער געגענד ווייסען, אז דער שטומער בעטלער איז א גנב און א רויבער! האט נאָני אויסגערופען.

— דאן קען איך נור אזוי פיעל טאהן פיר אייך, איך זאל הייסען דיא פאליציי, זיא זאל אויסזוכען דעם שטומען בעטלער און זאל איהם ארעסטירען, ביז מען וועט מאכען א שטרענגע אונטערזוכונג און מען וועט אויסגעפינען, וואס ער איז. ווען דאס געריכט וועט אויסגעפינען, אז ער איז ווירקליך א פערברעכער, וועט מען איהם געוויס בעשטראפען.

— וואס קען מען אויסגעפינען ביי אזא מענשען, וועלכער שפיעלט אזוי גוט קאמעדיע? האט נאָני געלאכט, — שטעלט איך פאר, הערר גראף, אז ער געפינט

זיך אין אונזער געגענד שוין זייט שעהנע עטליכע יאָהר. אַלע פלעגען האָבען מיטלייד מיט איהם. ווייל אַלע זיינען געווען איבערצייגט, אַז ער איז ווירקליך טויב און שטום. אויף אַזאַ אונגליקליכען האָט זיך יעדער ערבאַרמט; יעדער האָט איהם געגעבען, וואָס ער האָט געקענט. ער איז אַזאַ גוטער קאָמעדיאַנט, אַזאַ דורכגעטריעבענער שווינדלער, אַז קיינעם פון די איינוואָהנער פון דער געגענד איז ניט איינגעפאַלען, אַז דער מענש קען גאָר רעדען. אַלע גלויבען, אַז ער איז שטום און זיינען בעריט צו שווערען, אַז ער איז שטום און טויב. — וואָס וועט אַלזאָ העלפען, וואָס מען וועט איהם אַרעסטירען? ער וועט זיך מאַכען טויב און שטום און מען וועט פון איהם גאָר ניט וויסען.

— אַלזאָ, וואָס קען איך דען מאַכען? האָט גראַף מעראַס געפרעגט. — זעהט אַליין, ליעבער באַראָן, וואָס עס שטעהט אויפגעשריעבען אויפ'ן פעקעל. — „דיעזען פעקעל זאָל מען עפענען נור דאַן, ווען דער אַלטער יאַקקי וועט צוריקקומען און וועט בעטען, אַז מען זאָל עס עפענען." דיעזע אויפשריפט איז דאָך דייטליך גענוג. זי ערקלעהרט, אַז דער שטומער בעטלער וויל, אַז מען זאָל עפענען די פאַפּיערן און מען זאָל זיי לעזען. — דאָס איינציגע, הערר באַראָן, וואָס איך קען טאָהן פון אַייערט וועגען איז, אַז איך זאָל שיקען רופען דעם אָבעררוכטער און ציגען, און מיר זאָלען עפענען די פאַפּיערן פאַר זיינע אויגען.

נאַני איז געווען אונרוהיג, דאָס האָט איהם ניט געטויגט. ער האָט ניט געוואָלט, אַז פרעמדע זאָלען זעהן, וואָס עס איז אָנגעשריעבען אין דיעזע פאַפּיערן.

— איך פערשטעה אַייך ניט, הערר גראַף, האָט ער געזאָגט פרעך, מען האָט ביי מיר אַרויסגע'גנב'עט פאַפּיערן. זיי געפינען זיך יעצט ביי אַייך. פאַר וואָס זאָלט איהר זיי מיר ניט אָפּגעבען?

— ליעבער באַראָן, האָט גראַף מעראַס געענטפערט פינסטער, ווען איך זאָל וויסען, אַז דיעזע פאַפּיערן געהערן אַייך, וואָלט איך זיי אַייך אָפּגעבען. איהר אַליין אָבער זאָגט דאָך, אַז דיעזע פאַפּיערן געהערן צום ערמאָרדעטען בישאָף וואַראָווסקי. מיר האָט זיי איבערגעגעבען אַ פרעמדער, וועלכער זאָגט, אַז דיעזע פאַפּיערן געהערן איהם. פיעלייכט איז עס ווירקליך גאָר אַנאַנדער פעקעל פאַפּיערן? פיעלייכט זיינען דיעזע דאָקומענטען, וועלכע דער שטומער בעטלער האָט מיר געגעבען גאָר ניט די זעלבע, וועלכע איהר מיינט? אין אַזאַ פאַל מוז מען זיין זעהר פאָרזיכטיג. איך וועל דיעזע דאָקומענטען איבערגעבען דעם געריכט.

נאַני האָט איינגעזעהן, אַז ער קען מיט'ן אַלטען מאַן גאָר ניט מאַכען. ער איז איינגעשפאַרט און וועט אויף קיין פאַל ניט אַרויסגעבען די דאָקומענטען. ער האָט געמוזט אַראָפּשלינגען די ביטערע פיללען און זאָגען, אַז זיי זיינען זיס וויא צוקער.

— עס קען זיין, אַז איהר האָט רעכט, האָט ער ענדליך געזאָגט. איך בין אָבער זיכער, אַז איהר וועט זיך באַלד איבערצייגען, אַז איך האָב רעכט געהאַט.

ער איז נאָך געזעסען איינינע צייט ביי גראַף מעראַס און האָט פראָבירט רעדען איבער אַנדערע זאַכען, עס איז אָבער ניט געגאַנגען. צווישען דיעזעביידע מענער האָט זיך עפּעס אָפּגעריסען. ער האָט געפונען פאַר נעטהיג צו נעהמען אַבשיעד פון איהם און צו פאָהרען אַהיים.

נאַגי איז נאָך קיין מאָהל ניט געווען אין אַזאַ פערצווייפעלטע לאַגע וויא יעצט. אַלעס איז יעצט געווען געגען איהם. ער איז געווען זיכער, אַז דער אַלטער גראַף וועט ניט רעדען קיין וואָרט און וועט איהם אַרויסגעבען די דאָקומענטען. פלוצלונג דערצעהלט ער איהם גאָר, אַז ער וויל זיי איבערגעבען דעם געריכט.

נאַגי האָט זעהר פיינר געהאַט דיעזע איינריכטונג אין דער מענשליכער געזעלשאַפט, וועלכע מען רופט געריכט. ער וואָלט אַוועקגעשיקט אַלע ריכטער און אַלע געריכטען צום טייפעל. יעצט קומט גאר דער אַלטער גראַף מעראַס און דערצעהלט איהם אַ געשיכטע פון אַ געריכט. דאס האָט איהם ניט געשמעקט. אזאַ געריכט האָט ער פיינד געהאַט. אויף אַזאַ געריכט האָט ער זיך ניט געריכט.

פערטיעפט אין דיעזע טרויעריגע געדאַנקען איז ער געקומען אַהיים.

13טער קאַפיטעל.

אין אנדריאַנאפּל.

אין איינער פון די ענגע און קרומע געסלעך אין אַנדריאַנאָפּאָל געהט אַ ניעדעריגער מאַן מיט שוואַרצע האָר. ער איז צוואַר אָנגעטאָהן אייראָפּעאיש, טראָגט אָבער אַ רויטען פעס אויפ'ן קאָפּ און וויזט אויס צו זיין אַ האַלבער טערק.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ קליינעם געסעל, וואו עס זיינען געגאַנגען נור וועניג מענשען, ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטען און האָט אויפגעאַטההעמט פרייער.

— ענדליך האָב איך געענדיגט מיין געשעפט מיט מאהאמעד עסעטטי, האָט ער געברומט אונטער דער נאָז, — ער האט ביי מיר אָפּגעקויפט אָ גרויסע, סומע ער האָט זיך געשטעלט, וויא אַ קויפמאַן. וויא עס וויזט אויס, איז די איצטיגע וואַרע זעהר גוט. דער טערק איז אַ קענער אויף דיעזען אַרטיקעל; ווען ער האָט דאָס מאָל געקויפט דריי מאָל אַזוי פיעל, וויא ער קויפט געוועהנליך, איז עס דער בעסטער בעוויז, אַז די וואַרע איז זעהר גוט. איך וועל דערביי פערדיענען שעהנעס געלט. דעם גרעסטען טהייל דערפון וועט דאָך האָבען דער באַראָן נאַגי.

איך וואלט צוגענומען אין גאַנצען און וואלט שוין מעהר ניט געפאהרען צוריך קיין אונגאַרן. איך האָב אבער אַ פרוי און קינדער אין דער היים. נאַגי האַלט זיי אין זיינע אייזערנע לאַפּעס. ער וועט זיי ניט שווייגען. ער האט מיך אין די הענד, ער האט זיי אין די הענד. נאגי וויים, וויא אזוי צו צווינגען א מענשען צו טאהן, וואס ער (נאגי) פאדערט פון איהם.

ער האט אראפגערוקט זיין פעס איבער די אויגען און איז האסטיג געגאנגען אהיים, אין דעם הויז, וואו ער האט קווארטירט. ער איז געוועזן אונרוהיג און אויפגערעגט. ער האט געהאט אין די הענד א גרויסע סומע געלד און האט עס דאך ניט געקענט צונעהמען.

— ווען ער איז געקומען אהיים, האט ער זיך א ווארף געטהאן אויפ'ן דיוואן און האט זיך פערטראכט.

— איך האב שוין פון איהם גאנץ לאנג קיין נאכריכט ערהאלטען, האט ער געברומט, פיעלייכט איז עפעס מיט איהם געשעהן? פיעלייכט...?—ווער קען וויסען,

וואס דארט איז פארגעקומען? וויא קלוג נאגי איז, קען ער דאך אריינפאלען, ער איז דאך ניט מעהר, וויא א מענש. — דאן אבער וועל איך שוין ניט קענען קומען אהיים. איך וועל דאן מוזען בלייבען אין דער טירקיי.... איך וועל בעציהען אהער מיין פאמיליע און וועל דא אויך ניט פערפאלען ווערן.

פלוצלונג האט זיך געעפענט דיא טהיר פון זיין צימער און א שווארצער דיענער איז אריינגעקומען.

— מיין הערר און געביעטער, דער גרויסער און שטארקער מאהאמעד עסעטטי עפענדי, בעט, אז דער פרעמדער זאל באלד קומען צו איהם, האט דער דיענער געזאגט און האט צוגעלעגט זיין האנד צום הארצען.

דער קליינער מאן מיט דיא שווארצע האר איז אויפגעשפרונגען, וויא אן אפגעבריהטער און האט געענטפערט דעם דיענער:

— איך וועל באלד קומען.

אין א האלבע שטונדע ארום איז דער קליינער מאן מיט דיא שווארצע האר ווירקליך געשטאנען אין סעלאמיליק (קאנטאר, אפיס, געשעפטס־הויז) פון מאהאמעד עסעטטי עפענדי.

— וואס בעפעהלט מיין הערר? האט ער געפרעגט.

— איך האב נור וואס ערהאלטען א רעקאמאנדירטען בריעף פאר אייך, האט דער טערק געענטפערט און האט איהם דערלאנגט א שווערן בריעף.

— פאר וואס האט איהר מיר ניט צוגעשיקט דעם בריעף דורך אייער דיענער?

— ווייל עס איז אנגעשריבען פון אויבען, אז איך זאל איהם איבערגעבען נור אייך אין דיא הענד.

יאזעף, דער קליינער מאן מיט דיא שווארצע האר, האט בעטראכט דעם בריעף פון אלע זייטען. ער האט איהם אבער ניט געוואלט עפענען פארן טערק. ער האט איהם געדאנקט זעהר העפליך און איז געלאפען שנעל אהיים זעהן, וואס אין בריעף שטעהט.

ווען ער איז געקומען צו זיך אהיים און האט אויפגעריסען דעם קאנווערט, האט ער אין איהם געפונען צוויא בריעף. ער האט אויפגעעפענט דעם ערשטען און האט איהם דורכגעלעזען מיט דיא אויגען.

— בראווא, בראוו נאגי! האט ער אויסגערופען, דוא ביסט דאך ווירקליך א גרויסער מאן! דאס איז א קונסט שטיק! נאכמאכען א בעפעהל פון א טערקישען מיניסטער איז ניט אזוי לייכט. דער בעפעהל איז צוואר געשריבען פראנצייזיש, ער איז אבער אזוי גוט נאכגעמאכט, אז דער גראס־וועזיר (ערשטער מיניסטער) אליין וועט איהם אויך ניט דערקענען, אז ער איז פאלש.

ער האט צוגומען דאס פאפיער און האט עס געלעזען:

„אים נאמען פון אונזער גרויסען און מעכטיגען פאדישאך, דעם בעהערשער פון אלע מוסלעמאן, בעפעהלען מיר אלע בעאמטע פון אונזער גרויסעם און שטארקעם לאנד, אלע פאשא'ס, אלע ביי'ס, אלע עפענדים און אלע אגא'ס, אז אין פאל זיי וועלען ערגעץ דערזעהן, בעגעגענען אדער געפינען אן אונגאר מיטן נאמען

ארטהור באראן פאן באטהיאני, זאלען זיי איהם באלד ארעסטירען און איהם צושטעלען צו דער גרענעץ. דארט זאלען זיי איהם איבערגעבען דיא בעאמטע און אפיציערן פון דער עסטריך-אונגארישער רעגיערונג.

דאסזעלבע זאל געשעהן מיט דער אונגארין עלווירא גרעפין פאן טאקקי. ווען מען וועט זיא געפינען, זאל מען זיא זאגלייך צושטעלען צו דער גרענעץ און זיא דארט איבערגעבען דער עסטרייכישער רעגיערונג.

נעגעבען אין איסטאמבול,

דען 13טען טאג פון'ם מאנאט קורבאן באראם 1234.

איבראהים איזזעדין נור, גראסוועזיר."

— פארטרעפליך! האט יאזעף אויסגערופען, מיט אזא דאקומענט קען איך אויספאהרען דיא גאנצע טירקיי. פאר איבראהים פאשא ציטערט מען, וויא פאר פייער. איבראהים פאשא האט פיינד צו שפאסען. דיא טערקישע בעאמטע קענען איהם זעהר גוט.

ער האט ווייטער געלעזען און האט געפונען א גענויע בעשרייבונג פון דיא קענ-ציכען (פרימעטעס) פון ארטהורן און עלוויראן.

ווען ער האט איבערגעלעזען דיזעס דאקומענט און האט עס בעטראכט פון אלע זייטען, האט זיך געוויזען א זאנדערבארער שמייכל אויף זיינע בלייבע ליפען.

— נו, יעצט לאמיך זעהן, וואס עס שטעהט עפעס אין צווייטען בריעף, האט ער געזאגט, וויא צו זיך אליין.

ער האט געעפענעט דעם צווייטען בריעף און האט געלעזען:

„ליעבער יאזעף!"

„איך שיק אייך דא א פערהאפטונגס בעפעהל, אונטערשריעבען פון'ם גראסוועזיער, איבראהים-פאשא. זוכט אויס ארטהורן מיט עלוויראן אדער איינעם פון זיי און ווייזט דיזעס דאקומענט א טערקישען בעאמטען. ער וועט באלד ארעסטירען דעם טייפעל אליין. איך בין פעסט איבערצייגט, אז איהר ווייסט שוין, וואו זיי געפינען זיך. זיי זיינען אריבער דעם גרענעץ ניט ווייט פון'ם אונגארישען דארף מלאווע. איהר קענט זיי נאכשפירען פון דארט ביז אנדריאנאפאל. דאס איז ניט שווער. איך פערלאז מיך אויף אייך. איך ווייס, אז איהר זייט גענוג קלוג און גענוג פעהיג אויסצופיהרען מיינע בעפעהלע".

„האט איהר שוין פערקויפט אונזער וואארע? איך דארף יעצט זעהר נעטהיג געלד. איך וויל פאהרען קיין בודאפעסט. איהר זאלט מיר שרייבען בריעף קיין בודאפעסט „פאסט רעסטאנט." ווען איך וועל זיין אין בודאפעסט, וועל איך אייך געבען א גענויע אדרעסע, אויף וועלכע איהר וועט קענען מיר צושיקען געלד. עס וואלט אבער געווען פיעל בעסער, איהר זאלט אליין קומען. איך האב פרישע וואארע, וועלכע איז נאך פיעל בעסער, וויא דיא פאריגע. ווען איהר זאלט אויס-געפינען א נייעם פלאץ, וואו עס צו פערקויפען, וואלטען מיר געקענט מאכען גוטע געשעפטען."

„אייער פרוי און אייערע קינדער זיינען געזונד און פיהלען זיך גאנץ גוט. איך זארג מיך פאר זיי, וויא א פאטער"

„ענדיגט אייערע געשעפטען אם שנעלסטען און קומט צופאהרען קיין בודאפעסט. איך דארף אייך נעטהיג האבען."

אייער בעסטער פריינד,

נאגי באראן פאן האללאוואאי."

א זאנדערבארער שמייכעל האט זיך געוויעזען אויף יאזעפ'ס ליפען, ווען ער האט איבערגעלעזען דיעזען בריעף.

— איהר זייט פריינדליך, הערר באראן! איהר זארגט אייך פאר מיין פרוי און קינדער. דאס איז שעהן פון אייך! דאס האב איך ניט ערווארטעט פון אייך. אלענפאלס וועל איך זעהן, צו ענדיגען שנעל מיינע געשעפטען. איך וויל מיך זעהן מיט אייך. איך וועל נור אויפזוכען די אנטלאפענע.

ער האט ווירקליך געענדיגט זיינע געשעפטען אין אנדריאנאפאל און איז געפאהרען קיין ניקאפאלים, די ערשטע גרויסע שטאדט ביי דער גרענעץ, וואו ער האט גערעכענט צו געפינען א שפור פון ארטהור'ן און עלווירא'ן.

ער איז געקומען קיין ניקאפאלים, האט אנגעהויבען צו פארשען און צו זוכען. אומזיסט! קיינער האט ניט געזעהן, קיינער האט ניט געהערט און קיינער וויים ניט פון קיין ארטהור און פון קיין עלווירא.

יאזעף איז געווען פערצווייפעלט. אזא פאלל איז איהם נאך קיין מאהל ניט פארגעקומען. ער האט זיך עס ניט געקענט פארשטעלען, אז ער וועט ניט אויסזוכען א פרעמדען מענשען אין דער טירקיי, וואו מען דערקענט באלד דעם פרעמדען, וויל ער געהט אנדערש געקליידעט און קען ניט דיא שפראכע.

עס האט איהם ניט געהאלפען. אין ניקאפאלים האט ער קיין שפור פון ארטהור'ן און עלווירא'ן ניט געפונען. ער האט זיך דאהער ענטשלאסען צו פאהרען אויף'ן וועג פון מלאווע קיין אנדריאנאפאל און פרעגען אין יעדע קאראוואן סעראי (קרעטשמע), אויב דא איז ניט דורכגעפאהרען אזא פאר פאלק.

דאס איז געווען א לאנגוויילינגע און שווערע ארבייט. ער האט אבער ניט געפונען קיין בעסערע מיטעל.

14טער קאפיטעל.

ג ע פ ו נ ע ן.

אין דער צייט וואס נאגי'ס מענש, ריכטיגער געזאגט, נאגי'ס הונד האט געזוכט און נאכגעשפירט די אנטלאפענע אין ניקאפאלים, זיינען ארטהור און עלווירא געזעסען אין הייל, וואו די מיטגליעדער פון דער „העטעריע" פלעגען זיך פערזאמלען.

עלווירא האט ענדליך אנגעהויבען זיך צו לאנגווייליגען אין הייל, זי האט ניט געקענט זיצען פערשפארט אין א פינסטערן הייל. זי האט קיין מאהל ניט געוואלט וויסען פון פאליטיק און די „העטעריע" מיט די גרעקען האבען איהר זעהר ווייניג אינטערעסירט. זי איז געווען דאנקבאר דעם גרעק מאווראָ, וואס ער האט זי געראטעט, זי האט אבער אויף קיין פאל ניט געוואלט בלייבען דארטען לענגער.

זי האָט ענדליך איהם אָנגעהויבען צו בעטען, ער זאָל זיי העלפען אוועקפאָהרען פון דאָרט. אַרטהור האָט צוואַר מיטגעפיהלט די נויט און די ליידען פון די גריעכען אין דער טירקיי, ער איז אָבער אויך ניט געוועזען קיין גרויסער פּאָליטיקער און האָט זיך ניט געוואָלט מישען אין פרעמדע אַנגעלעגענהייטען.

ער האָט דאַהער אָנגעהויבען צו בעטען זיין רעטער מאַווראַ, ער זאָל איהם מיט עלווירא'ן ברענגען קיין ניקאָפּאָלים. די מיטגליעדער פון דער „העטעריע" האָבען איהם ענדליך צוליעב געטאָהן און האָבען אין אַ פינסטערע נאַכט אַרויסגעפיהרט זייערע געסט פון'ם וואַלד.

מען האָט זיי צוגעפיהרט צו אַ דאָרף, וואו עס האָט געוואוהנט אַ בעקאַנטער גרעק, און מען האָט איהם געבעטען, ער זאָל צושטעלען די צוויי רייזענדע קיין ניקאָפּאָלים. עלווירא האָט אויפגעאַטהעמט פרייער, ווען זי האָט זיך געפונען ווידער אונטערן פרייען הימעל.

אין ניקאָפּאָלים האָט אַרטהור גאַנץ לייכט בעקומען אַ טערק, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו צושטעלען איהם מיט עלווירא'ן קיין אַנדריאַנאָפּאָל אויף זיין וואָגען מיט זיינע פערד. די פּאָסט אין דער טירקיי איז ביז אויף היינטיגען טאָג נאָך זעהר שלעכט איינגעאָרדענט. אין יענע צייטען האָט געקענט בענוצען די פּאָסט נור אַ בעאַמטער. אַ פּריוואַט מענש פלעגט מוזען פאָהרען אויף אייגענע פערד אָדער דינגען פערד.

אַרטהור'ס קוטשער האָט געהאַט אַ גוטען וואָגען און אַ פּאָר שטאַרקע פערד. ער האָט צוגעזאָגט אַרטהור'ן, אַז אין צעהן טעג וועט ער איהם צושטעלען קיין אַנדריאַנאָפּאָל. ווער עס געדיינקט די אַלטע צייטען, ווען מען פלעגט פאָהרען מיט בעלי עגלות, דער קען זיך מאַכען אַ בעגריעף, וויא וויט אַרטהור'ס קוטשער האָט געהאַלטען וואָרט.

די וועגען אין דער טירקיי זיינען זעהר שלעכט און אַריבערפאָהרען די באַלקאַן בערג איז ניט אַזוי לייכט. אָנשטאָט צעהן טאָג, וואָס דער קוטשער האָט צוגעזאָגט אַרטהור'ן האָט די רייזע קיין אַנדריאַנאָפּאָל געדאַרפט דויערן עטליכע און צוואַנציג טעג.

דענאָך זיינען אַרטהור און עלווירא געוועזען גליקליך, וואָס זיי זיינען אַרויסגעפאָהרען פון ניקאָפּאָלים און זיינען געפאָהרען איבער די בליהענדע פעלדער פון דעם שעהנעם בולגאַריען. זיי זיינען געוועזען פריי. קיינער האָט זיי ניט בעאונרוהיגט, דער טערק, זייער בעל עגלה איז געוועזען אַ גוטער, פריינדליכער מענש, וועלכער האָט זעהר ליעב געהאַט די טערקישע פּיאַסטער, און אַרטהור פלעגט זיי איהם געבען וויפיעל ער האָט פערלאַנגט.

די רייזע איז געוועזען אַ שטילע, רוהיגע און זאָ צו זאָגען אַ גליקליכע. קיינער האָט זיי ניט געשטערט אויפ'ן וועג; קיינער האָט זיי ניט בעאונרוהיגט און קיינער האָט זיי ניט אויפגעהאַלטען. — אַזוי זיינען פערגאַנגען צעהן טעג. דאָס איינציגע שלעכטע איז געוועזען, וואָס די פערד האָבען אָנגעהויבען מייד צו ווערען און מען פלעגט זיך מוזען שטעלען אָפּרוהען אויף אַ טאָג אָדער אויף צוויי.

דאס האט אבער ארטהורן זעהר ווייניג געקימערט. ער האט ניט געהאט וואס זיך צו איילען, בעזאנדערס יעצט, ווען ער האט געגלויבט, אז ער איז שוין גאנץ זיכער. ער האט ניט געוואוסט, אז איבער דיא באלקאן בערג געפינען זיך נור צוויא וועגען, אויף וועלכע מען קען דורכפאהרען.

דאס האט אבער זעהר גוט געוואוסט, נאני'ס רעכטע האנד, דער קליינער מאן מיט דיא שווארצע האר. ער האט געוואוסט, אז נור אין דיזע צוויא פונקטען מוז מען דורכפאהרען, ווען מען פאהרט פון דער טערקישער גרענעץ קיין אנדריאנאפאל און ער האט דארט געהאלטען וואך. ער האט עס אויך גאנץ ריכטיג בערעכענט.

ארטהורס קוטשער איז געפאהרען זעהר לאנגזאם, ווען ער איז ארויפגעפאהרען אויף דיא באלקאן בערג. דיא רייזע אויף דיא בערג איז געווען זעהר שווער. דער קוטשער האט געמוזט בעטען זיינע פאסאזשירען, זיי זאלען געהן אביסעל צופוס. ארטהור און עלווירא זיינען דערמיט אויך צופריעדען געווען. זיי זיינען שטונדען לאנג געגאנגען צופוס הינטערן וואגען.

מיעד, צובראכען, הונגעריג און שלעפעריג זיינען זיי אנגעקומען פאר נאכט אין א קליין דערפעל מיט'ן נאמען שיפקא. דא האבען זיי געמוזט בלייבען שטעהן. זיי האבען געמוזט זיך אויסרוהען. אין דערפעל איז געווען נור איין קרעטשמע אדער קאראוואן-סאראי, וויא עס הייסט אויף טערקיש. זיי האבען געמוזט פארפאהרען אין דיזע קרעטשמע.

ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין קרעטשמע, האבען זיי געפונען דארט איינינע עסט און פיעלע בולגארען פון דער געגענד ארום. ארטהור האט פראבירט צו בעטען א בעזונדער צימער. — זייט ער האט זיך געפונען אין דער טירקיי, האט ער זיך אויסגעלערנט עטליכע טערקישע ווערטער און האט געקענט פרעגען און בעטען, וואס ער האט געדארפט. — דער ווירטה פון'ם נאסט-הויז האט איהם געוויעזען, אז ער האט נור צוויא צימער. אין איינעם וואהנט ער מיט זיין פאמיליע און דאס אנדערע צימער דיענט אלס עס—טרינק—און רויכצימער פאר זיינע געסט. ווען איינער וויל שלאפען, מוז ער זיך מאכען א געלעגער אויפ'ן וואגען.

עלווירא'ן איז עס זעהר ניט געפעלען, זיא האט אבער גאר ניט געקענט העלפען. זיא האט געמוזט זיצען צווישען דיא בויערן, 'איינאטהעמען דעם רויך פון זייער פערד-שטונקענעם מאבאק און הערען זייערע געשרייען און געלעכטער. עס איז איהר ענדליך געווארען אזוי אונערטרעגליך, אז זיא האט געבעטען ארטהור'ן, ער זאל פרעגען, פיעלייכט קען מען קריגען ערגעץ א צימער ביי א בויער פון'ם דארף.

ארטהור האט געוואלט ערקלערן דעם ווירטה, וואס ער פערלאנגט; ליידער, איז עס געווען ניט אזוי לייכט. דער ווירטה האט איהם ניט פערשטאנען.

אין דיזע מינוט איז צוגעפאהרען צום נאסט-הויז א פרישער גאסט, א ניעדעריגער מאן מיט שווארצע האר. עס איז געווען דייטליך, אז ער קומט ערגעץ פון דער נאכבארשאפט. זיינע פערד זיינען ניט געווען מיעד און ער אליין איז געווען פריש און מונטער, גלייך וויא ער קומט פון דערהיים. ער איז האסטיג אריינגעלאפען אין נאסט-הויז. האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן ארטהורן מיט עלווירא'ן.

זיין געזיכט איז פרעהליך געווארען און אויף זיינע ליפען האט זיך געוויזען א זאנדערבארער שמייכעל. ער האט א ווינק געטאהן צום ווירטה און דער ווירטה האט איהם געענטפערט מיט א ווינק. דאן איז ער צוגעקומען צו ארטהור'ן, האט איהם בעגריעסט אויף טירקישער ארט און האט צו איהם געזאגט אויף אונגאריש:

— איך זעה, אז איהר זייט א פרעמדער און פערשטעהט קיין טירקיש. איך בין צוואר אויך א טערק, איך האב אבער פיעל גערייזט און פערשטעה איינינע שפראכען. זאגט מיר, מיין הערר, וואס איהר פערלאנגט און איך וועל עס איבערגעבען דעם ווירטה.

ארטהור האט זיך דערפרעהט, וואס ער האט געפונען א מענשען, מיט וועמען ער קען זיך צונויפרעדען.

— איך קען דא ניט נעכטיגען, האט ער געזאגט צום פרעמדען, איך בעט דעם ווירטה, ער זאל מיר זעהן שאפען א פאר צימער, פאר מיר און פאר דיעזע דאמע, ערגעץ ביי א בויער פון דארף. ליידער, פערשטעהט ער מיך ניט און איך קען צו ווענינ טערקיש אום עס איהם בעסער צו ערלערן.

— זייט רוהיג, מיין הערר! האט דער קליינער מאן אויסגערופען, איך וועל אייך פערשאפען אלעס נעטהיגע. איך בין א היימישער. איך בין זעהר גוט בעקאנט אין דארף. איך קען א רייכען בויער, וועלכער וועט אייך אפטרעטען צוויא צימער, ווען איהר וועט איהם שענקען צעהן פיאסטער.

— איך וועל איהם געבען פופציג פיאסטער, ווען ער וועט מיר געבען צוויא צימער אויף א פאר טעג! האט ארטהור אויסגערופען.

— גוט, מיין הערר! ווארט דא איינינע מינוט. איך געה שוין צו מיין בעקאנטען בויער און פערשאף אייך באלד אלעס, וואס איהר דארפט.

מיט דיעזע ווערטער איז ער ארויסגעלאפען פון גאסט-הויז. אין איינינע מינוט ארום איז ער צוריק געקומען און האט געבעטען ארטהור'ן און עלווירא'ן, זיי זאלען געהן מיט איהם. ער האט פאר זיי א פארטרעפליכע קווארטיר.

אין איינינע מינוטען ארום זיינען ארטהור און עלווירא געזעסען אין אן ארימעס, אבער גאנץ ריינעס און זויבערעס צימעריל אין א הויז ניט ווייט פון דער קרעטשמע. דער ניעדעריגער טערק איז געוועזען זעהר פריינדליך. ער האט געפרעגט, וואס זיי פערלאנגען, האט זיי געבראכט עסען און טרינקען און האט זיי בעדיענט, וויא א ברודער.

ארטהור און עלווירא זיינען געוועזען זעהר הונגעריג און האבען געגעסען מיט אפעטיט, וואס דער קליינער טערק האט זיי געבראכט.

נאכ'ן עסען האבען זיי זיך געזעצט ביים פענסטער און האבען ארויסגעקוקט אין דיא דונקעלע נאכט.

— איך ווייס ניט, וואס מיט מיר איז, האט פלוצלונג עלווירא געזאגט, מיר דאכט, אז איך האב ערגעץ געזעהן דעם ניעדעריגען טערק, וועלכער האט זיך געוויזען אזוי פריינדליך געגען אונז. זיין געזיכט איז מיר אזוי בעקאנט, אז איך קען שווערען, אז איך האב איהם ערגעץ געזעהן.

— וואָס רעדסט דו ליעבע עלווירא? וואו האָסט דו געקענט זעהן דיע־זען טערק? וויא קומסט דו צו איהם?

— איך ווייס עס ניט, האָט עלווירא געענטפערט טרויעריג, איך בין אָבער זיכער, אַז איך האָב איהם געזעהן. — איך מוז דיר זאָגען די וואָהר־הייט, אַרטהור, — ער געפעלט מיר ניט.

— וואָס רעדסט דו. עלווירא? זעהסט דו דען ניט, וויא גוט און וויא פריינדליך ער איז געגען אונז?

— אַך, אַרטהור! נאָך קענסט דו די מענשען? נאָך ווייסט דו ניט, אַז וואָהרע גוטע און וואָהרע פריינדליכקייט זיינען אַזעלכע זעלטענע דיאַמאַנטען, אַז מען געפינט זיי איינמאָהל אין טויזענד יאָהר?

דו האָסט רעכט, עלווירא! — וויאו אָבער האָסט דו איהם געקענט זעהן?

— איך קען מיך ניט דערמאָנען, איך בין אָבער זיכער, אַז איך האָב איהם ערגעץ געזעהן. קוק דיך גוט צו צו איהם, פיעלייכט...

אין דיעזער מינוט איז דער קליינער טערק אַריינגעקומען און האָט גע־פרעגט אויב זיי ווינשען נאָך עפּעס. ביי דיעזער געלעגענהייט האָט זיך אַר־טהור גוט צוגעקוקט צום טערק און איז געוואָרען בלייך, וויא קאַלך. עלווי־רא האָט עס בעמערקט.

— מיר דאַנקען אייך זעהר, האָט זי געזאָגט צום טערק, מיר זיינען יעצט זעהר מיעד און ווילען זיך לעגען שלאָפען.

דער טערק האָט געגריסט זעהר העפליך און איז אַרויסגעגאַנגען.

— וואָס איז מיט דיר, אַרטהור? האָט עלווירא געפרעגט, ווען דער טערק איז אַרויסגעגאַנגען. — פאַר וואָס ביסט דו געוואָרען אַזוי בלייך?

— דו האָסט רעכט, טהייערע עלווירא! האָט אַרטהור געזאָגט טרויע־ריג, מיר דאַכט אויך. אַז איך האָב געזעהן דיעזען טערק. — אַך! עס איז געוועזען דאַמאָלס! איך ציטער, ווען איך דערמאָהן מיר אָן יענער צייט.

— וואָס פאַר אַ צייט מיינסט דו, אַרטהור?

— אַך עלווירא! איך ווייס ניט, וואָס איך זאָל דיר זאָגען. ווען איך בין געוועזען אין בודאפּעסט, פלעגט צו מיר קומען אַ גראַף טאַרנאַסי. דיעזער גראַף טאַרנאַסי איז געוועזען זעהר עהנליך צו דיעזען טערק. איך האָב עס אָנפאַנגס ניט בעמערקט; ערשט ווען דו האָסט מיך אויפמערקזאַם געמאַכט, האָב איך מיך בעסער צוגעקוקט צו אונזער פריינדליכען טערק און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז דערזעלבער.

עלווירא האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט זיך פערטראַכט.

— פאַר וואָס ביסט דו אַזוי טרויעריג, ווען דו רעדסט פון איהם? האָט זי געפרעגט.

— פרעג מיך ניט, עלווירא! — ווען איך דערמאָהן מיך אָן גראַף טאַר־נאַסי שטעלען זיך מיר פאַר טרויעריגע בילדער. — עס קען אָבער ניט זיין!... וויא קומט ער אַהער? — עס ווייזט זיך מיר אויס.

— איך ווייס ניט, וואָס מיט מיר איז, האָט עלווירא געזאָגט, איך פיהל מיך אַזוי טרויעריג, אַזוי ניעדערגעשלאָגען, אַזוי אונגליקליך, אַז איך וואָלט געוויינט.

אַרטהור האָט פּרובּירט זי טרייסטען און בּערוהיגען, וויא וויט ער האָט געקענט.

— דו בּיסט מיעד, עלווירא, האָט ער געזאָגט צו איהר, דו בּיסט צו־בּראָכען פון דער רייזע, דערפאַר בּיסטו אַזוי טרויעריג. לעג דיך שלאָפען, רוה זיך אויס, וועסט דו ווערען פרעהליכער.

עלווירא איז געבּליעבּען זיצען אויף איהר אָרט און האָט ניט געענט־פערט. אַרטהור האָט זי געבּעטען, זי זאָל זיך לעגען שלאָפען.

— ניין, אַרטהור, האָט זי געענטפערט, דאָס הערץ זאָגט מיר, אַז עפּעס וועט מיט אונז געשעהן. איך וויל ניט שלאָפען, איך וויל וואַכען. איך האָבּ מורא.

מיט שווערער מיה איז עס איהם ענדליך געלונגען איינצובּעטען עלווי־ראַ'ן, זי זאָל זיך אויסרוהען, מאָרגען דאַרפען זיי ווייטער פאַהרען.

אונטערדעסען איז געוואָרען שפּעט. די נאַטור האָט געפאָדערט איהרע רעכטע. נאָך אַזאַ שווערען טאָג האָבּען בּיידע רייזענדע געמוזט זיך אויסרו־הען — שפּעט אין דער נאַכט זיינען זיי אַנטשלאָפען געוואָרען.

גאַנץ פריה, ווען עס האָט נור וואָס אָנגעהויבּען צו טאָגען, האָט אַר־טהור דערהערט, אַז מען קלאַפּט אין זיין טהיר. אַרטהור האָט אָנפאַנגס ניט געוואָלט עפענען. מען האָט אָבּער אָנגעהויבּען צו קלאַפּען שטאַרקער און צו רייסען די טהיר.

עס האָט ניט געהאָלפען, ער האָט געמוזט עפענען.

עס זיינען אַריינגעקומען זאַפּטיעס (טערקישע זשאַנדאַרען). איינער פון זיי האָט געהאַלטען אַ פּאַפּיער אין די הענד. אַרטהור האָט זיך דערשראָקען און האָט געפרעגט:

— וואָס פערלאַנגט איהר? וואָס האָט איהר מיך אויפגעוועקט?

— צו איהם איז צוגעקומען אַ טערקישער בּים־בּאַשי (פּאָלקאָווניק) און האָט איהם געזאָגט אויף פראַנצויזיש:

— איך אַרעסטיר אייך אים נאָמען פון אונזער גנעדיגען סולטאַן, דעם בּעהערשער פון אַלע גלויבּיגע.

אַרטהור איז געפאַלען, וויא אַ קלאָץ אויף דעם ניעדעריגען דיוואַן, לע־בּען וועלכען ער איז געשטאַנען, האָט פערדעקט זיין געזיכט מיט די הענד און האָט געקריעכצט וויא אַ פערוואונדעטעס טהיער.

— מען האָט אונז פערראַטהען מיר זיינען פערלאָרען!

אין דיעזער מינוט האָט זיך עלווירא אויפגעחאַפּט און איז אַרויסגעלאָ־פען פון איהר צימער. זי האָט דערזעהן די זאַפּטיעס און האָט אָנגעהויבּען צו וויינען און צו בּרעכען די הענד.

אונטערדעסען האָט דער בּים־בּאַשי אַ ווינק געטהאָן צו זיינע זאַפּטיעס און זיי האָבּען אָנגעהויבּען צו בּינדען אַרטהור'ן די הענד אויף'ן רוקען.

— אַרטהור! אַרטהור! מיין ליעבּער, טהייערער אַרטהור! האָט עלווי־ראַ געשריען און האָט זיך געוואָרפען צו איהם.

זיא האט געוואלט איהם ארויסרייסען פון דיא הענד פון דיא טערקישע סאל־דאטען.

— ארעסטירט זיא אויך! האט דער בים־באשי קאמאנדירט.

עטליכע גראבע און שטארקע הענד האבען זיא אנגענומען און האבען זיא פעסט געהאלטען.

— ריהרט מיך ניט אן! אוועק פון מיר! האט עלווירא געשריען.

אבער קיינער האט זיך אויף איהרע געשרייען ניט אומגעקוקט. אין איינינע מי־נוט האט מען געבונדען ארטהורן דיא הענד אויפ'ן ריקען און מען האט איהם ארויס־געפיהרט עלווירא האט זיך געריסען פון דיא סאלדאטען. זיא איז איהם נאכגעלאפען. דיא טערקישע סאלדאטען זיינען געווען אזוי ווייט העפליך געגען א דאמע, אז זיי האבען זיא ניט געבונדען. זיי זיינען איהר נאכגעגאנגען.

אין דרויסען האט זיא געזעהן, וויא מען האט אריינגעזעצט ארטהורן אין א וואגען און צוויא זאפטיעס האבען זיך געזעצט לעבען איהם.

— ארטהור! ארטהור! האט נאך עלווירא געקענט שרייען.

— עלווירא! האט ארטהור איהר נאך געענטפערט.

מעהר האט ער ניט געקענט רעדען. דער וואגען איז אוועקגעפאהרען.

ווען דער וואגען איז פערשוואונדען געווארען הינטערן בארג, איז דער בים־באשי צוגעקומען צו עלוויראן און האט זיא געבעטען, זיא זאל אריינגעהן אין אנדערן וואגען, וועלבער איז געשטאנען ניט ווייט.

עס האט גאר ניט געהאלפען. זיא האט געמוזט זיך אריינזעצען אין אנדערן וואגען. צוויא זאפטיעס האבען זיך געזעצט נעגען איהר. — א קנאק מיט דער בייטש און דער צווייטער וואגען איז געפאהרען בארג אראפ — צו דער עסטררייכישער גרענעץ.

14טער קאפיטעל.

א פרעהליכע נאכריכט.

נאני איז געקומען אהיים זעהר טרויעריג. צום ערשטען מאל אין זיין לעבען האט ער אנגעהויבען צו פיהלען, אז ער האט געשפיעלט זעהר א געפעהרליכעס שפיעל; צום ערשטען מאל אין זיין לעבען האט ער אנגעהויבען צו טראכטען, אז מען קען דאך ניט דורכקומען דיא וועלט מיט רויב, מארד, שווינדעל און בעטרוג.

עס איז א זאנדערבארע זאך מיט דיא שלעכטע מענשען. ווען עס געלינגט זיי איין מאל, צוויא מאל, דרייא מאל און זיי הייבען אן צו ווערן רייך, ווערן זיי שטאלץ און מיינען, אז זיי שטעהן ווירקליך העבער פון אלעמען. זיי ווערן פרעך און הייבען אן זיך ארויסצו ווייזען, ווער זיי זיינען. לאז זיך אבער איבערדרעהען דאס רעדעל, הייבען זיי אן זיך ארומצוקוקען און איינצוזעהן, וויא עלענד, וויא ניעדעריג, און וויא קליינליך זיי זיינען.

דאס האט יעצט פאסירט מיט דעם ווילדען נאני. ער האט איינגעזעהן, אז בלוט איז קיין וואסער. דאס בלוט וואס ער האט פערגאסען, האט יעצט געפארבט דיא גאנצע וועלט מיט א שרעקליכע, גרויליכע, שוידערהאפטע רויטע פארב.

ער איז אריינגעגאנגען אין זיין צימער, האט פערריעגעלט די טהיר הינטער זיך און האט זיך געשטעלט ביים פענסטער. שווערע, פינסטערע, טרויעריגע געדאנקען האבען איהם בעלאגערט פון אלע זייטען און האבען איהם געוויזען, וויא אין א שפיעגעל אלעס, וואס ער האט איבערגעטאהן אין זיין גאנצעס לעבען. ער האט געזעהן אין דיעזען שפיעגעל שרעקליכע בילדער.

שטונדע נאך שטונדע זיינען פערגאנגען און ער איז אלץ געשטאנען ביים פענס־טער און האט געקוקט אין שפיעגעל פון זיין פערגאנגענעם לעבען.

די זון איז אונטערגעגאנגען. עס איז נאכט געווארען. נאני איז נאך אלץ געשטאנען ביים פענסטער. די גרעפין האט געווארט אויף איהם צום מיטאג — ער איז ניט געקומען. זיא איז געווארען אונרוהיג און האט געשיקט איהם זוכען. א דיענער האט איהר געזאגט, אז ער געפינט זיך אין זיין צימער.

זיא איז אריינגעקומען שטילערהייט אין זיין צימער און האט איהם געפונען שטעהן ביים פענסטער. אויפ'ן טיש האט געברענט א לאמפ. וואהרשיינליך, האט איהם א דיענער אריינגעבראכט און נאני האט איהם זאגאר ניט בעמערקט.

ווען די גרעפין האט א קוק געטאהן אויף איהר מאנס געזיכט, האט זיא א ציטער געטאהן. אזוי פינסטער האט זיא איהם נאך קיין מאל ניט געזעהן.

— וואס איז מיט דיר נאני? האט זיא אויסגערופען, וואס איז שוין נייעס?

נאני האט זיך א טרייסעל געטאהן, וויא אי נער, וועלכער חאפט זיך אויף פון א לאנגען און שווערן שלאף.

— מיר האבען א זאנדערבארען גאסט, האט ער געזאגט מיט א הייזעריקער שטימע.

— א גאסט? וואס פאר א גאסט? האט זיין פרוי געפרעגט דערשראקען.

— דער שטומער בעטלער איז דא אין בודאפעסט.

— דער שטומער בעטלער? האט זיא געפרעגט, וויא קומט דער שטומער בעטלער אהער?

— ער איז געקומען, האט נאני געענטפערט קורץ און שארף.

— דוא האסט דאך מיר געזאגט, אז דער שטומער בעטלער איז שוין גע־שטארבען.

— איך האב אזוי געמיינט, עס האט זיך אבער אויסגעלאזען, אז ער לעבט נאך.

— איך האב דיר ניט איין מאל געזאגט, אז איך ציטער פאר אלעס, וואס מיר האבען....

— זיי רוהיג, אייזשעניע! האט נאני געזאגט גראב, דער שטומער בעטלער וועט שוין לאנג ניט לעבען. איך וועל איהם שוין פערזארגען. —

— וויא דוא האסט איהם פערזארגט ביז אהער, האט די גרעפין געזאגט מיט א ביטערן געלעכטער.

— דוא ווייסט ניט, וואס דוא רעדסט!

— דוא אליין דערצעהלסט מיר דאך און ערקלערסט עס מיר, האט געענטפערט די גרעפין מיט א פארוואורף.

— איך האָב דיר נאָך ניט אַלעס דערציילט.

— אַזוי? דו האָסט נאָך נייעס?

— געווים! איך האָב דיר נאָך ניט דערציילט די הויפּטזאַכע.

— וואָס איז שוין די הויפּטזאַכע?

— דער שטומער בעטלער האָט איבערגעגעבען דעם גראַף מעראָס אַ פּעקעל דאָקומענטען. איך ווייס ניט און האָב אויף קיין פאַל ניט געקענט אַרויסקריגען, וואָס אין דיזע דאָקומענטען איז געשריבען.

— דאָס איז מיר אַ וואונדער! האָט די גרעפין געלאַכט, גראַף מעראָס איז דאָך אונזער פערוואַנדטער! עלווירא איז דאָך אונזער שוויעגערטאָכטער.

נאַני האָט געקריצט מיט די צייהנער פאַר צאָרן און שמערץ. זיין אייגענע פרוי שטעכט איהם מיט יעדעס וואָרט.

אין דיזע מינוט איז אַריינגעקומען אַ לאַקיי פון האָטעל און האָט איהם דערלאַנגט אַ בריעף.

נאַני האָט האַסטיג אַ חאַפּ געטאָהן דעם בריעף און האָט בעטראַכט דעם פּאָסט סטעמפּעל.

— שיפּקאַ! האָט ער אויסגערופען פול פרייד. — דער פּאָסט סטעמפּעל איז פון שיפּקאַ!

די גרעפין האָט איהם אָנגעקוקט ערשטוינט און איבערראַשט.

— וואָס הייסט שיפּקאַ? האָט זי געפרעגט.

— שיפּקאַ איז אַ שטעדטעל אָדער אַ דערפעל אין דער טירקיי, האָט נאַני געענטפערט, דער בריעף ברייגגט מיר געווים גוטע נאַכריכטען.

זיינע הענד האָבען געציטערט, ווען ער האָט אויפגעריסען דעם בריעף; אויף זיין געזיכט האָבען זיך געביטען אַלע פאַרבען, ווען ער איז איהם דורכגעלאָפען מיט די אויגען. אין בריעף זיינען געשטאַנען פאָלגענדע צייַלען:

„ווערטהער הערר באַראָן!"

„מיט פיעלע פרייד און מיט גרויס פערגניגען שרייב איך דיזען בריעף. איך בין זיכער, אַז איהר וועט מיט איהם צופריעדען זיין, אייער וואונש און אייער פערלאַנגען זיינען ערפיהלט געוואָרען. דער באַראָן אַרטהור פאָן באַטטהיאַני און די גרעפין עלווירא פאָן טאָקקי געפינען זיך אין מיינע הענד. דער האַפּט בעפעהל, וועלכען איהר האָט מיר צוגעשיקט, האָט געווירקט זעהר גוט. די טערקישע פּאָליציי און די טערקישע בעאַמטע האָבען זיך דערשראָקען פאַר איבראַהים פּאַשאַ'ס אונטערשריפט. זיי האַלטען פעסט זייערע אַרעסטאַנטען. מען פיהרט זיי צו דער גרענעץ. איך פאָהר זיי נאָך. איך בין זיכער, אַז אין צעהן — צוועלף טעג אַרום וועלען מיר צוקומען צו דער אונגאַרישער גרענעץ. איך וועל שוין זעהן, אַז די אונגאַרישע גרענעץ וואַכען זאָלען אויפנעהמען די געסט, וויא עס פּאַסט פאַר אַזעלכע אַנשטענדיגע מענשען, וויא זיי זיינען."

„איך האָב נאָך צוואַר וואָס צו טאָהן אין דער טירקיי, צוליעב די געסט אָבער וועל איך פאָהרען קיין בודאַפּעסט וויא איהר האָט מיר געשריבען.

איך בין זיכער, אז איך וועל אייך געפינען אין בודאפעסט. מיר האָ־
בען פיעלעס נאָך צו רעדען.

איך גריס אייך פריינדליכסט,

אייער ערגעבענער דיענער

יאָזעף."

קוים האט נאָגי איבערגעלעזען דיעזען בריעף, האט זיך זיין געזיכט אין
גאַנצען פערענדערט און ער האט אויסגערופען פול פרייד:

— יעצט איז אלעס ווידער גוט! — יעצט האָב איך שוין פאַר קיי־
נעם קיין מורא ניט!

— וואס האסט דו דאָרט? האט די גרעפין געפרעגט פערוואונדערט.

— נאָ! לעז אליין! זעה, וואס דאָ שטעהט!

מיט דיעזע ווערטער האט ער איהר געגעבען יאָזעף'ס בריעף.

— נאַ, לעז! האט ער געשריען, וויא א וואהנזיניגער. דו האסט גע־
לאַכט פון מיר! דוא האסט געזאָגט, אז מיר זיינען נאָך ניט גראף מעראָס
פערוואַנדטע. נאָ! לעז אליין און לאַך ניט מעהר פון'ם קלוגען און פעהיגען
נאַגי.

די גרעפין האט דורכגעלעזען דעם בריעף איינמאָהל און צוויי מאָהל. זי
איז אויך געוואָרען פרעהליכער. אויף איהרע ליפען האט זיך געוויזען א צו־
פריעדענער שמייכעל.

— גאָט זיי דאנק! האט זי אויסגערופען. יעצט זעה איך, אז נאָך ניט
אלעס איז פערלאָרען!

— ניין אייזשעניע! אלעס איז געוואונען! האט נאַגי אויסגערופען. יעצט
וועלען מיר שוין זיין פערוואַנדטע פון גראף מעראָס. וואס ער האט ניט גע־
וואָלט טאָהן פאַר א פרעמדען באראָן נאַגי וועט ער מוזען טאָהן פאַר דעם
שוויעגער־פאָטער פון זיין ניכטע (פלעמיאַניצע) די גרעפין עלווירא פאָן טאָקקי.

— אָבער די פאַפּיערן? די דאָקומענטען, וועלכע דער שטומער בעט־
לער אָדער דער רעדענדיגער בעטלער, האט איבערגעגעבען דעם גראף? האט
די גרעפין געפרעגט.

— דו האסט רעכט, אייזשעניע! די פאַפּיערן מוז איך האָבען. איך וועל
זיי האָבען! דער פאַלשער שטומער בעטלער, דער שפּיאָן אָבער מוז פער־
שווינדען. פערלאָז זיך אויף מיר. ער וועט שוין פערשווינדען און וועט זיך
שוין קיין מאָהל מעהר ניט ווייזען אין אונזער געגענד.

— וויא אַזוי אָבער? וואס ווילסטו מאַכען מיט'ן שטומען בעטלער?

— דאס, וואס איך האָב געטהאָן מיט אַנדערע, האט נאַגי געענטפערט
שטאָלץ. לאָמיר אָבער דערפון ניט רעדען. יעצט האָב איך קיין צייט. איך
מוז פאָהרען צו דער גרעפין פאָן טאָקקי.

— וואַרט ביז מאָרגען, האט די גרעפין געבעטען, דו ביסט יעצט אויפ־
גערעגט. בערוהיג דיך. לעג זיך איבער, וואס דו האסט צו טאָהן.

— איך פרעג ביי דיר קיין ראטה, האט נאַגי געענטפערט בייז, איך ווייס, וואס

איך טוה. — דוא אייזשעניע, נעה צו מאקס'ן און זאג איהם, אז ער איז א גרויסער נארר און א טויגעניכטס. ער פערדיענט ניט, אז איך זאל אזוי פיעל ריזקירן פון זיינעטוועגען. איך ארבייט פון זיינעטוועגען, איך טוה אלעס מעגליכע, ער זאל גליקליך זיין און ער וואגט נאר מיך צו בעליידיגען. איך בין אבער א גוטער מענש און פערצייה איהם.

ער האט ניט געוואוסט, אז דיא גרעפין זאל איהם עפעס אנטווארטען. ער איז ארויסגעלאפען פון צימער, וויא א וואהנזיניגער.

דיא גרעפין איז געבליעבען אליין. איינינע מינוטען איז זיא געשטאנען, וויא א פערשטיינערטע. זיא האט נאך געהאלטען דעם בריעף אין האנד און האט אליין ניט געוואוסט, וואס זיא זאל טאהן: זאל זיא זיך פרעהן איבערן בריעף, אדער זאל זיא ציטערן פאר דיא נאכריכט, וועלכער נאני האט איהר געבראכט פון דעם שטומען בעטלער.

נאני האט איהר צוואר געהייסען געהן צו מאקס'ן און איהם דערצעהלען, אז עלווירא קומט. דיא גרעפין האט אבער מורא געהאט צו געהן צו איהם. זיא האט איהם שוין עטליכע מאל אפגענארט און זיא האט מורא געהאט, אז ער וועט איהר שוין מעהר ניט גלויבען. ער קען נאך ווערן אויפגערעגט, וויא עס איז געשעהן דאמאלס, ווען נאני איז געקומען צופאהרען.

ענדליך האט זיא זיך דאך ענטשלאסען צו געהן צו איהר זוהן. זיא האט געוואלט איהם דערפרעהען, איהם ברענגען א גוטע נאכריכט.

זיא איז אריינגעגאנגען אין זיין צימער און האט איהם געפונען זיצען ביי זיין שרייב טיש טרויעריג און פערטראכט. ער האט ניט געשריעבען. דיעזע קונסט איז איהם ניט געפעלען. ער האט זיא שטענדיג פיינד געהאט. ער איז אזוי געזעסען, דעם קאפ אנגעשפארט אן ביידע הענד.

ער האט ניט אויפגעהויבען דעם קאפ, ווען זיין מוטער איז געקומען. ער האט זיא זאגאר ניט בעמערקט.

דיא גרעפין איז אוועקגעשטאנען איינינע מינוט פון וויטען און האט בעטראכט איהר זוהן. עס האט איהר פערקלעמט ביים הערצען, ווען זיא האט געזעהן איהם זיצען אזוי טרויעריג און אזוי פערטראכט.

— מאקס! ליעבער מאקס! האט זיא ענדליך געזאגט.

מאקס האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט אויף איהר א קוק געטאהן.

— אה! דוא ביסט עס, מוטער? האט ער געפרעגט, גלייך וויא ער וואלט זיא גאר ניט געקענט. וואס ווילסט דוא מיר עפעס זאגען?

— איך האב פאר דיר א פרעהליכע נאכריכט, מאקס, האט זיא געזאגט.

מאקס האט א מאך געטאהן מיט דער האנד, וויא א פערצווייפעלטער.

— וואס פאר א גוטע נאכריכט קענסט דוא שוין מיר ברייגען? האט ער גע־זאגט טרויעריג, פאר מיר איז שוין ניטא קיין גוטע נאכריכט. פאר מיר איז שוין אלעס פערלארען.

— ניין, מיין קינד, איך האב ווירקליך א גוטע נאכריכט פאר דיר.

— לאז מיך אליין, מוטער, האט מאקס געבעטען, איך וויל ניט הערן דיינע נאכריכטען.

דיא גרעפין האט אנגעהויבען צו וויינען.

— וואס איז דיר, מיין קינד? אזוי פיינד האסט דוא דיין מוטער?

— לאז מיך אליין, מוטער!

— האסט דוא מיך פיינד?

— דוא ביסט מיין מוטער.

— איך פערשטעהע ניט דיזע אנטווארט, האט דיא גרעפין געזאגט.

— ערקלער זיא דיר אליין, האט מאקס געענטפערט קורץ.

דיא גרעפין איז צוגעלאפען צו איהם, האט איהם ארומגענומען און האט איהם צוגעפרעסט צו איהר ברוסט.

— ליעבעס קינד! האט זיא אויסגערופען, זאג, וואס דוא ווילסט, איך ליעב דיך דאך! איך פערגעטער דיך!

— דאן לאז מיך צורוה, האט מאקס געבעטען, לאז מיך אליין מיט מיינע טרוי-ריגע געדאנקען.

דיא גרעפין איז געשטאנען פאר איהר קינד, וויא א פערצווייפעלטע. זיא האט ניט געוואוסט, וויא זיא זאל מיט איהם רעדען און וואס זיא זאל מיט איהם רעדען.

— הער מיך דאך אויס, מאקס, האט זיא געבעטען מיט טרערין אין דיא אויגען, איך האב פאר דיר ווירקליך א גוטע נאכריכט.

— זאג, וואס דוא ווילסט מיר זאגען און לאז מיך אליין, האט ער ענדליך געזאגט.

— זיי פרעהליך, מאקס! עס איז ווידער אלעס גוט. אין עטליכע טעג ארום וועסט דוא זיא זעהן.

מאקס האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט א קוק געטאהן אויף זיין מוטער.

— פון וועמען רעדסט דוא? האט ער געפרעגט.

— פון עלוויראין.

אויף מאקס בלייכעס געזיכט האט זיך געוויזען א רויטליכע פארב. ער איז אויפגעשפרונגען פון זיין שטוהל און איז צוגעלאפען צו זיין מוטער.

— וואס רעדסט דוא? — איך וועל זיא זעהן? וואו? ווען?

— איך האב דאך דיר געזאגט, אין צעהן—צוועלף טעג ארום וועסט דוא זיא זיא זעהן דא אין בודאפעסט.

— דאס איז אונמעגליך! זיא איז דאך אנטלאפען מיט ארטהורין.

— זיא קומט צוריק.

דיא גרעפין האט איהם דאן דערצעהלט אלעס און האט איהם געוויזען דעם בריעף, וועלכען נאני האט ערהאלטען מיט א האלבע שטונדע צוריק. מאקס איז איהם דורכגעלאפען מיט דיא אויגען. ער איז געווארען א גאנץ אנדערער מענש. ער איז פרעהליך געווארען און האט אויסגערופען:

— אזוי? ענדליך וועט מען איהם צוריק ברענגען! ענדליך וועט מען איהם

ברענגען צוריק און מען וועט איהם בעשטראָפען, וויא עס קומט איהם! דער טייפעל! ער האָט ביי מיר אַוועקגערויבט מיין בראוט. איך דאַנק דיר, מוטער, פאַר דיעזע נאַכריכט! איך דאַנק דיר און פערצייהע דיר אַלעס, אַלעס! דו האָסט מיר גליקליך געמאַכט מיט דיעזער נאַכריכט.

מוטער און זוהן האָבען זיך איבערגעבעטען און זיינען געוואָרען פריינדליך. יעצט האָט מאָקס צוגערופען זיין מוטער, האָט זי געבעטען, זי זאָל זיך זעצען לעבען איהם. יעצט האָבעןביידע אַוועקגערעדט פריינדליך אַ לאַנגע צייט.

15טער קאַפּיטעל.

צו נאַגי קומט אַ גאַסט.

נאַגי איז אַרויסגעלאָפען אין דרויסען און האָט געהייסען דעם קוטשער איינשפּאַנען די פערד. ער האָט געוואָלט באַלד פאָהרען צו דער גרעפין פאָן טאָקקי און איהר דערצעהלען די פרעהליכע נאַכריכט, אַז עלווירא וועט באַלד זיין אין בודאַפּעסט.

דאַן איז ער אַריינגעגאַנגען אין זיין צימער און האָט געוואָלט זיך איבערטאָהן. פּלוצלונג האָט מען געקלאַפּט אָן דער טהיר.

נאַגי איז געגאַנגען עפענען די טהיר און זעהן, ווער דאָס איז. אין זיין צימער איז אַריינגעקומען אַן אַלטע פרוי. נאַגי האָט זי באַלד דערקענט.

— אָה, איך האָב אייך אַמאָהל געזעהן!

— יאָ, גנעדיגער הערר, איך בין אַמאָהל געווען ביי אייך אין שלאָס ראַדעצקי.

— וואָס פערלאַנגסט דו יעצט פון מיר?

— מען האָט מיך געשיקט צו אייך, האָט סטאַסא געענטפערט, מען האָט מיר געזאָגט אַז איהר דאַרפט מיך עפּעס.

— ווער האָט אייך דען געשיקט?

— דער אַדוואָקאַט נאָוואַק.

— דאַן קומט אַריין און פערשליעסט די טהיר.

סטאַסא איז אַריינגעקומען אין צימער און האָט פערמאַכט די טהיר.

— זאָגט מיר, פרוי, קענט איהר דעם שטומען בעטלער, וועלכער געפינט זיך אין אונזער געגענד?

— געוויס קען איך איהם! האָט סטאַסא אויסגערופען, איך וואָהן אויך אין יענער געגענד.

— הער נור, פרוי, דאַמאָלס ווען דו ביסט געווען ביי מיר, האָסט דו מיר געזאָגט, אַז דו קענסט מיר ניצען, ווען איך זאָל דיך דאַרפען. יעצט דאַרף איך דיך.

סטאַסא האָט זיך פערנייגט.

— בעפעהלט, הערר באַראָן! האָט זיא געזאָגט, איך וועל טאָהן אַלעס, וואָס איהר וועט מיר הייסען.

— איך פערלאַנג פון דיר, דוא זאָלסט אויספאָרשען, וואו דער שטומער בעטלער געפינט זיך ערגעץ. ער איז יעצט אין בודאַפּעסט. איך וויים אָבער ניט, וואו ער וואָהנט.

— איך ווייס עס, האָט סטאַסאַ געזאָגט גאַנץ רוהיג.

— דו ווייסט, וואו דער שטומער בעטלער האלט זיך אויף אין בודאַ־פעסט? האָט נאַגי איבערגעפרעגט. — זאָג עס מיר! איך דאַרף עס וויסען!

— ער וואָהנט ביים הענקער.

— קענסט דו קומען אַהין?

— יאַ, הערר באַראָן ווען איך דאַרף, קען איך אַהין קומען.

— ביסט דו געשיקט און קענסט דו אויספיהרען עפּעס, ווען מען דאַרף?

— דער אַדוואָקאַט נאַוואַק קען אייך זאָגען, אַז איך בין פעהיג גענוג צו טאָהן עפּעס ווען עס איז נעטהיג.

נאַגי האָט געטראַכט איינינע אוינענבליקע. עס איז געווען דייטליך, אַז ער טרויט איהר נאָך ניט אין גאַנצען.

— איך ווייס, וואָס איהר ווילט מיר זאָגען, הערר באַראָן, האָט סטאַסאַ בעמערקט. איך זעה, אַז איהר ווילט מיר ניט זאָגען אַלעס, ווייל איהר טרויט מיר ניט. ווייסט אָבער, אַז איך פערשטעה אייך.

— וואָס מיינסט דו דען?

— דער שטומער בעטלער איז מיין פיינד, האָט סטאַסאַ געזאָגט און אַ זאָנדערבאַרער שמייכעל האָט זיך געוויזען אויף איהרע אַלטע בלייכע ליפּען.

נאַגי האָט זעהר גוט פערשטאַנען, וואָס דיעזער שמייכעל מיינט.

— אַלזאָ, ווילסט דוא אויך, אַז דער שטומער בעטלער זאָל פערשווינדען? — דאַן האָסט דו פאָלקאָמען רעכט. יעדער מענש דאַרף זיך נוקם זיין אָן זיינע פיינד און דאַרף זעהן זיי צו פערניכטען. די פראַגע איז נור, וויא אַזוי מען זאָל עס טאָהן.

— דער מאַן איז טויב און שטום, האָט סטאַסאַ געזאָגט גאַנץ רוהיג, פאַר וואָס זאָל ער ניט ווערען בלינד אויך?

— בלינד? האָט נאַגי איבערגעפרעגט, וויא קען מען עס מאַכען, ער זאָל ווערען בלינד?

— דאָס איז מיין זאַך. איך האָב שוין אַ מיטעל דערצו.

נאַגי האָט געטראַכט איינינע מינוט. דיעזע מעטהאָדע לויז צו ווערען פון זיינע פיינד איז איהם געווען גאַנץ ניי. ער האָט זיך איבערלעגט, אויב זי איז אויך ריכטיג; אויב זי פיהרט צום ציעל.

— ניין, האָט ער ענדליך געזאָגט, וואָס ווערט דערפון, ווען איינער איז בלינד? ער לעבט דאָך נאָך אַלץ און זאָ לאַנג אַ פיינד לעבט, קען ער נאָך שאַדען.

— איך בין נור אַ שוואַכע פרוי, האָט סטאַסאַ געענטפערט שטילער־הייט. איך קען ניט טוידטען מיט אַמאָהל מיינע פיינד. איך מאַך זיי שוואַך, איך מאַך זיי אונפעהיג צו שטעלען זיך געגען מיר. דאַן ערשט, ווען זיי זיינען שוין שוואַך און קראַפטלאָז, קען איך מיט זיי טאָהן וואָס איך וויל.

— קען איך זיכער זיין, אַז דיין פיינד וועט פערשווינדען?

— ווען איהר וועט מיר גוט בעצאָהלען, וועט מיין פריינד פערשווינדען.

נאַני איז צוגעגאַנגען צו זיין שרייב טיש, האט פון דאָרט ארויסגענומען א פּעקעל באַנקנאָטען און האט עס דערלאַנגט סטאַסאַן.

— ווען דו וועסט זיין קלוג און געשיקט, וועסט דו באַקומען נאך א מאל אזוי פיעל, האט ער איהר דערביי געזאגט.

סטאַסאַ האט צוגענומען דאס געלד, האט זיך פערניינט און האט געדאנקט.

— זייט רוהיג, הערר באַראָן, האט זיא געזאגט, מיין פיינד, דער שטומער בעטלער, וועט אייך מעהר ניט שטערן.

— ווען וועט עס זיין?

— איך האָף, אז זאנאר מאָרגען; איך קען אייך אבער פערזיכערן, אז אין דריי טעג ארום וועט ער מעהר ניט זיין אויף דער וועלט.

נאַני האט געשוויעגען. סטאַסאַ האט זיך נאך אמאל פערניינט און האט זיך צוגעקוקט צו דער טהיר, גלייך וויא זיא האט געוואלט ארויסגעהן. נאַני האט זיא צוריקגעהאלטען.

— וואַרט! איך האב מיט דיר נאך עפּעס צו רעדען. ווען דו ביסט געווען ביי מיר אין שלאָס ראַדאַצק, האסט דו מיר געזאגט, אז דו קענסט ווארפען קאַרטען און דערראַטהען אויף דער האנד.

— געוויס, הערר באַראָן! איך בין א גרויסע קינסטלערין אין קאַרטען ווארפען.

— קענסט דו אריינקומען אין פּאַלאַץ פון גראַף מעראַס?

סטאַסאַ האט געשוויעגען. נאַני האט פון איהר יעצט געפאָדערט א זאך, וועלכע עס איז איהר געווען ניט לייכט אויסצופיהרען.

— וואס שווייגסט דו? האט נאַני געפרעגט אונגעדולדיג.

— עס איז מיר ניט לייכט צו קומען אהין, האט סטאַסאַ געענטפערט. גראַף מעראַס האט פיינט קאַרטענוואַרפער. ער קען נאך הייסען מיך ארעסטירען.

— דו דאַרפסט ניט געהן צו גראַף מעראַס.

— צו וועמען דען?

— צו זיין שוועסטער, דיא גרעפין פאַן טאַקקי.

— דיא גרעפין פאַן טאַקקי? האט סטאַסאַ געפרעגט, וויא קומט זיא אהער?

— זיא וואוינט יעצט אין באַדאַפּעסט אין פּאַלאַץ פון איהר ברודער.

— אָה, צו איהר קען איך צוקומען זעהר לייכט! האט סטאַסאַ אויסגערופען פול פרייד.

— דאַן מוזט דו קומען צו איהר און איהר ווארפען קאַרטען אדער זאגען איהר עפּעס אויף דער האנד.

— דאס וועל איך טאָהן מיט פערגניגען.

— דו זאָלסט איהר אבער זאגען, וואס איך וועל דיר הייסען.

— ביטע, הערר באַראָן! בעפעהלט מיר! איך וועל איהר זאגען אלעס, וואס איהר וועט מיר הייסען.

נאַני האט זיך אנגעבויגען צו איהר און האט עפּעס געזאגט שטילערהייט.

— האסט דו מיך פערשטאַנען?

— געווים, הערר באראן! סטאסא פערשטעהט זעהר גוט, וואס מען זאגט איהר.

— איך וויל, אז דוא זאלסט באלד געהן צו איהר און זאגען, וואס איך האב דיר געהייסען.

— ווען עס וועט נור מעגליך זיין, וועל איך עס טאהן.

— יעצט קענסט דוא געהן. דיא צייט איז טהייער.

סטאסא איז צוגעקומען צו דער טהיר.

— ווען וועסט דוא קומען מיר מעלדען, וואס דוא האסט געטאהן?

— מארגען אום מיטאג צייט.

— אלזא, געה!

סטאסא האט זיך פערנייגט נאך א מאל און איז ארויסגעגאנגען.

ווען זיא איז געקומען אויף דער גאס און האט געזעהן, אז קיינער איז נימא, האט זיך איהר געזיכט פערענדערט. עס איז געווארען פון אלערליי פארבען. עס האט געלאכט, געוויינט און זיך געפרעהט.

— איהר קומט אלע צו מיר, האט זיא געמורמעלט, איהר דארפט האבען סטאסאן, ווען אייך געהט שלעכט און ווען סטאסא האט געוויינט, געבעטען, געבראָכען דיא הענד און איך געפאלען פאר דיא פיס, האט איהר געלאכט פון מיר און האט מיך אוועקגעטריעבען; יעצט קומט איהר מיך בעטען. — נו, גוט, איך וועל אייך וויזען, וואס סטאסא קען!

סטאסא קען דיך זעהר גוט, שטאלצער באראן! סטאסא וויים, אז דוא וועסט ענדיגען דיין לעבען אויפ'ן עשאפאט. אנדערש קען עס ניט זיין. — וואס געהט עס מיך אבער אן? איך וועל טאהן, וואס ער פערלאנגט פון מיר. ער בעצאהלט מיר, דאס איז גענוג. ווען עס וועט קומען דיא צייט פון לאבען, וועל איך לאבען.

זיא האט אנגעהויבען צו געהן האסטיג דורך דיא פינסטערע און קרומע גאסען פון דער שטאדט בודאפעסט, ביז זיא איז צוגעקומען צום פאלאץ פון גראף מעראס. דארט האט זיא א קוק געטאהן אויף דיא פענסטער.

דער גראף איז ניטא אין דערהיים, האט זיא געברומט, דיא פענסטער פון זיינע צימער זיינען ניט בעלייכטעט. באלד, באלד וועט זיין פינסטער אין גאנצען הויז. דער טאג איז שוין גאר ניט וויים, ווען דער אלטער וועט זיך רייסען ביי דיא האר און וועט זיך נעהמען דאס לעבען. דאמאלס וועל איך לאבען. דאמאלס וועל איך צופריעדען זיין. דאמאלס וועל איך פיהלען דאס גרעסטע פערגניגען — דיא ראכע! „ראכע איז זיס", זאגט דאס שפריכווארט. איך בין געלעגען פאר איהם אויף דער ערד, האב געבראכען דיא הענד, געוויינט און געבעטען, ער זאל רעטען מיין מאן. ער האט מיך ניט געוואלט הערען. ער האט מיך פערטריעבען און פערשטויסען פון זיך. ער וועט פיהלען, וואס עס הייסט זעהן, וויא אונזער ליעבסטע, אונזער טהייערסטע שטארבט אויפ'ן עשאפאט.

16טער קאַפּיטעל.

סטאַסא בײַ דער גרעפין פאָן טאָקקי.

זי איז געשטאַנען אײניגע מינוט און האָט נאָך בעטראַכט דעם שטאָלצען פּאַלאַץ דאָן איז זי אַוועקגעגאַנגען. זי האָט זיך ניט געקענט ווייזען בײַם הויפּט אַרײַנגאַנג. די דיענער וואָלטען זי אַרויסגעוואָרפען, אָדער זאָגאַר אַרעסטירט.

זי איז אַרומגעגאַנגען דעם פּאַלאַץ און איז צוגעקומען צום גאָרטען. דאָרט איז געווען אַ קליין טהירעלע. וועלכע האָט געפיהרט אין גאָרטען. סטאַסא האָט אָנגעקלאַפּט. אַן עלטערע פרוי האָט געעפענט דאָס טהירעל און האָט געפרעגט:

— ווער קלאַפּט עס בײַ נאַכט?

— איך בין עס.

— ווער זייט איהר דען?

— סטאַסא.

— קומט אַריין.

סטאַסא איז אַריינגעקומען און האָט פערמאַכט דאָס טהירעל הינטער זיך.

— וואָס איז דאָס, סטאַסא? וויא קומט איהר אַהער בײַ נאַכט? האָט די אַלטע געפרעגט.

— איך וויל זעהן די גרעפין טאָקקי.

— יעצט, בײַ נאַכט?

— יעצט, האַננא, יעצט. איך מוז זי זעהן.

— וואָס רעדט איהר, סטאַסא? וויא איז דאָס מעגליך? די גרעפין וועט מיך אַרויסטרייבען, ווען איך זאָל קומען צו איהר יעצט און איהר מעלדען, אַז איהר ווילט מיט איהר רעדען.

— ניין, האַננא, זי וועט אײַך ניט אַרויסטרייבען. זאָגט איהר, אַז איך וויל איהר עפּעס דערצעהלען פון שלאָס טאָקקי. זי וועט מיט מיר צופריעדען זיין.

מיט דיעזע ווערטער האָט זי דערלאַנגט דער אַלטער האַננא אַ באַנקנאָטע.

האַננא איז געווען די פרוי פון אַן אַלטען דיענער אין שלאָס. אַזוי וויא איהר מאַן איז געווען זייער שוואַך און האָט שוין ניט געקענט טאָהן די אַרבייטען, וועלכע מען האָט פון איהם געפאָרדערט, האָט איהם גראַף מעראָס געהאַלטען אויס וואָהלטהעטיגקייט. ער איז דאַהער געווען זעהר אָרעם. סטאַסא האָט געזוכט זיך צו בעקענען מיט זיין פרוי, האַננא. זי פלעגט איהר אָפט שענקען אַ גולדען און האַננא פלעגט איהר זאָגען אַלעס, וואָס עס טהוט זיך אין שלאָס.

— האַננא איז געווען אַן אייגפאַכע פרוי. זי האָט געמיינט, אַז סטאַסא שענקט איהר אָפט געלד אויס מילדע און וואָהלטהעטיגקייט, — אַלס מצוה. די דורכגעטריעבענע סטאַסא האָט אָבער געוואוסט, וויא אויסצונוצען אַלעס, וואָס האַננא האָט איהר דערצעהלט.

יעצט ווען נאַגי האָט איהר געהייסען געהן צו דער גרעפין פאָן טאָקקי, האָט זיך סטאַסא דערמאָהנט אָן דער אַלטער האַננא און איז געקומען צו איהר.

— איך ווייס ניט. וואָס איך זאָל אייך זאָגען, האָט האננאַ בעמערקט. איך ווייס ניט, אויב דיא גרעפין פאָן טאָקקי וועט וועלען איך אויפנעהמען אזוי שפעט ביי נאַכט.

— עס איז גאָר ניט שפעט, האננאַ! עס איז ערשט אַכט אוהר. הייסט דאָס שפעט?

— וואַרט דאָ אַביסעל. איך וועל געהן פרעגען דיא גרעפין, אויב זיא וועט אייך אויפנעהמען, האָט דיא אַלטע האננאַ געזאָגט.

מיט דיעזע ווערטער איז זיא אַרויפגעגאַנגען דיא ברייטע טרעפ צו דער גרעפינס צימער. אין איינינע מינוטען אַרום איז זיא געקומען צו דער גרעפין.

— וואָס ווילסט דוא, האננאַ?

— אַן אַלטע פרוי וויל מיט אייך רעדען.

— יעצט? אַזוי שפעט ביי נאַכט? האָט דיא גרעפין פאָן טאָקקי געפרעגט פול שטוינען.

— זיא זאָגט אַז זיא האָט פאַר אייך אַ גוטע נאַכריכט.

— ווער איז זיא? וויא הייסט זיא?

— זיא איז אַן אָרימע פרוי פון אייער געגענד.

דיא גרעפין האָט געטראַכט איינינע מינוט. דאַן האָט זיא געפרעגט:

— איהר זאָגט, אַז דאָס איז אַן אַלטע שוואַכע פרוי?

— יאָ, גנעדיגע גרעפין, אַן אַלטע, שוואַכע פרוי.

— דאַן פיהרט זיא אַריין.

מיט איינינע מינוטען שפעטער איז סטאַסא געשטאַנען אין צימער פון דער גרעפין פאָן טאָקקי.

דיא גרעפין האָט זיא בעטראַכט איינינע מינוט. זיא האָט געוואָלט וויסען, ווער איז דיעזע אַלטע.

— וואָס ווינשט איהר אַלטע האָט זיא ענדליך געפרעגט.

סטאַסא האָט זיך איינגעבויגען, איינגעהויקערט, איינגעקנייטשט און איינגעקאָרטשעט. זיא איז געוואָרען אַזוי קליין, אַזוי שוואַך און אַזוי עלענד, אַז עס איז געוועזען טרויעריג זיא אַנצוזעהן.

— זייט איהר אַליין, גנעדיגע גרעפין?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? וואָס געהט עס אייך אָן, אויב איך בין אַליין?

— אַך, גנעדיגע גרעפין! האָט סטאַסא געזיפצט. איך בין אַן אונגליקליכע!

— וואָס איז אייך?

— גנעדיגע גרעפין! איך בין זעהר אָרעם, איך האָב געהאַט אַן איינציגען זוהן, מען האָט איהם גענומען פאַר אַ סאָלדאַט און איך בין יעצט גאַנץ אַליין אויף מיינע אַלטע יאָהרען.

סטאַסא האָט אָנגעהויבען צו וויינען, אַז עס האָט געריסען דאָס הערץ.

וואָס טהוט איהר דען? פון וואַנען לעבט איהר? האָט דיא גרעפין געפרעגט מיטלייריג.

— איך בין אלט און שוואך, האט סטאסא געוויינט. איך קען ניט ארבייטען. איך האב מיך גענומען צו קארטען ווארפען און וואהרזאגען (ווארואשען).

— פון וואנען קענסט איהר קארטען ווארפען?

— איך האב אמאל געפונען אין די קארפאטהען בערג אן אלטע ציגיינערין, וועלכע איז געווען קראנק. איך האב זיא גענומען אהיים, האב איהר געגעבען עסען און טרינקען און האב זיא אויסגעהיילט. אויס דאנקבארקייט האט זיא מיר אויסגעלערנט קוקען אויף דער האנד און ווארפען קארטען. איך בין איהר זעהר דאנקבאר, ווייל זיא האט מיך אזוי גוט אויסגעלערנט קוקען אין די צוקונפט, אז איך זאג פאדאוים אלעס ריכטיג און זיכער. איך לעז אין די קארטען, וואס עס איז געווען מיט א מענשען און וואס עס וועט מיט איהם זיין. איך האב נאך קיין מאל קיין טעות ניט געהאט.

— וואס ווילסט דוא אלזא פון מיר? האט די גרעפין געפרעגט און האט זיך גענומען צו דער קעשינע.

— ניין, גנעדיגע גרעפין! האט סטאסא אויסגערופען, איך פערלאנג פון אייך קיין געשענק. איך בין געוואהנט צו פערדיענען מיין לעבען מיט מיין מיה, מיט מיין ארבייט. איך וויל ניט בעטלען.

— אלזא, וואס ווילסט דוא?

— איך וויל אייך ווארפען קארטען.

— אלזא, פאר וואס ביסט דוא געקומען ביי נאכט?

— אייער ברודער איז זעהר שטרענג, ער האט זעהר פיינד די קארטענוואר־פער, האט סטאסא געזאגט טרויעריג. איך בין אמאל געקומען אין פאלאץ און האב געוואלט ווארפען קארטען דער פרוי פון'ם וועכטער. דער גראף איז דערפון געוואהר געווארען און האט געהייסען מיך ארויסווארפען. פון דאמאלס אן האב איך מורא צו קומען אין פאלאץ. אויסער דעם האט אייער ברודער געהייסען מיר זאגען, אז ווען ער וועט געוואהר ווערן, אז איך בעשעפטיג מיך מיט קארטען ווארפען, וועט ער הייסען מיך ארעסטירען. איך האב אין גאנצען אנגעווארען מיין ברויט.

זיא האט מעהר ניט געקענט רעדען און האט אנגעהויבען צו וויינען.

די גרעפין פאן מאקקי האט ווירקליך מיטלייד געהאט מיט דער ארימער, אונגליקליכער וויטווע, ביי וועלכער מען האט צוגענומען דעם איינציגען זוהן פאר א סאלדאט און וועלכער מען לאזט ניט פערדיענען א שטיקעל ברויט דורך קארטענווארפען. זיא האט ניט געקענט פערשטעהן, פאר וואס איהר ברודער איז געווען אזוי שטרענג געגען אזא אונגליקליכע פרוי.

— בערוהיגט אייך, ארימע פרוי, האט זיא צו איהר געזאגט, איך וועל איבער רעדען מיט מיין ברודער און ער וועט אייך מעהר ניט שטערן.

— איך וויים ניט, אויב עס וועט העלפען, האט סטאסא געוויינט, אייער עדעל־ לער ברודער דענקט, אז א קארטענווארפערין איז א שווינדלערין, א בעטריגערין. איך וויל אייך ווייזען, אז איך זאג ווירקליך די וואהרהייט. איך וויים, וויא אזוי ארויסצר קריעגען ביי די קארטען די וואהרהייט. וואס עס איז געשעהן מיט א מענשען און

וואס עס וועט מיט איהם געשעהן. דיא קארטען ווייזען מיר דיא צוקונפט. וויא אין א שפיעגעל.

דיא גרעפין פאן טאקקי איז געוועזן אבערגלויביש, וויא אלע פרויען פון יענער צייט. זיא האט אויך געגלויבט אין קארטען־ווארפען. אלס גרעפין אבער, אלס שוועסטער פון דעם געבילדעטען און פרומען גראף מעראס האט זיא געמוזט ווייזען פאר דער וועלט, אז זיא גלויבט ניט אין זיי.

אזוי פיהרט זיך שוין דיא וועלט. יעדער וויל אויפהויבען דעם פארהאנג, וועלבער פערדעקט פאר אונז דיא צוקונפט; יעדער וויל וויסען, וואס מיט איהם וועט פאסירען. דער פרומער אבער דענקט, אז אלעס קומט פון גאט און אז מען קען ענדערן גאטס ווילען דורך גוטע אדער שלעכטע טהאטען. דער ניט פרומער שעהמט זיך צו גלויבען אין קארטען, וויל ער גלויבט אין קיין זאך ניט.

דיא גרעפין פאן טאקקי האט געוואלט, אז סטאסא זאל איהר איינרעדען, אז דיא קארטען קענען אמאל זאגען דיא וואהרהייט.

— וויא אזוי קענען דען שטיקלאך פאפיער זאגען, וואס עס וועט געשעהן מיט א מענשען? האט זיא געפרעגט.

— גנעדיגע גרעפין! האט סטאסא געענטפערט, צווישען אונזער וועלט און דיא גייסטער וועלט, אדער צווישען דער וועלט, וועלכע מיר זעהן און דער וועלט, וועלכע מיר זעהן ניט, געפינט זיך א גאנץ דינע וואנט. א ווארט, א צייכען, א מינע, א סרעבץ — און דיא גייסטער קומען און זאגען אונז, וואס עס טהוט זיך אין זייער וועלט. דער מענש דארף נור וויסען דאס געהיימניס, וויא אזוי ארויסצורופען דיא גייסטער; מען דארף וויסען, ווען זיי ארויסרופען און צו וואס זיי ארויסרופען.

— קענען דען דיא קארטען זיי ארויסרופען?

— פאר וואס ניט? דערצעהלען דען ניט אונזערע הייליגע, אז זיי האבען געמאכט צייכענס אויף דער וואנט, אנגעשריעבען ווערטער, געמאכט א קרייז ארום זיך און דיא גייסטער זיינען געקומען? דיא קארטען זיינען אויך ניט מעהר, וויא געוויסע צייכענס, געוויסע ציפערן, געוויסע צאהלען, געוויסע בוכשטאבען, וועלכע צווינגען דיא גייסטער צו קומען, צו ווייזען זיך, און צו זאגען, וואס עס וועט געשעהן מיט אונז. יעדעס פאלק האט א געהיימע לעהרע, א געהיימע וויסענשאפט, וויא אזוי ארויסצורופען דיא גייסטער וועלט. בעזאנדערס גרויסע קינסטלער זיינען אין דיעזער בעציהונג אלע אלטע פעלקער: דיא אינדיער, דיא אראבער, דיא אידען, מעהר אבער פון אלעמען פערשטעהן דיעזע קונסט דיא ציגיינער. א ציגיינערין האט מיך געלערנט און איך קען מיך ריהמען, אז איך פערשטעה דיעזע קונסט בעסער פון אלעמען.

— קענסט דוא ניט קומען צו מיר ביי טאג? האט דיא גרעפין געפרעגט.

זיא האט אנגעהויבען מורא צו האבען פאר דער קארטענווארפערין.

— גנעדיגע גרעפין, ווען איהר ווילט עפעס וויסען פון דער צוקונפט, קענט איהר עס בעסער וויסען ביי נאכט.

— פאר וואס איז?

— ווייל ביי נאכט שלאָפען ניט די גייסטער, ביי נאכט שוועבען זיי אַרום אונז און פּאַרשען אונז אויס. ביי נאַכט זעהען זיי פון איין עק וועלט צום אַנדערען.

די גרעפין האָט געטראַכט איינינע מינוט. זי האָט זיך איבערלעגט, אויב זי זאָל זיך לאָזען וואַרפען קאַרטען אָדער ניט. ענדליך האָט זי זיך ענטשלאָסען.

— הער מיך אויס, אַלטע, האָט זי געזאָגט, ווען דו וועסט מיר ריכטיג דעררַאַטהען, וואָס עס האט פּאַסירט מיט מיר און וואס עס וועט מיט מיר פּאַסירען, וועל איך דיר אַזוי גוט בעלוינען, אַז דו וועסט מעהר ניט דאַרפען אַרומגעהן אין די הייזער וואַרפען קאַרטען.

— זייט זיכער, גנעדיגע גרעפין, איהר וועט מיט מיר צופריעדען זיין, האט סטאַסאַ געענטפערט.

— דאַן ווייז מיר דיין קונסט.

סטאַסאַ האט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ זאנדערבאַרע טאַליע קאַרטען און האט אנגעהויבען זיי צו מישען. די גרעפין האט געזעהן, אַז דאס זיינען קיינע געוועהנליכע קאַרטען. די פיגורען זיינען געווען גאַנץ אַנדערע. די צייכענס אויף די קאַרטען זיינען אויך געווען ניט וויא די געוועהנליכע. דאס זיינען געווען די קאַרטען פון אַ קאַרטענוואַרפערין, אַ בעזאנדערע סאָרטע קאַרטען, וועלכע ווערען געדרוקט נור אין געוויסע געגענדען.

אַמאהל זיינען דיעזע קאַרטען געווען שטרענג פערבאָטען און מען פלעגט זיי דרוקען שטילערהייט. זיי זיינען געווען אַ סאָרט קאָנטרעבאַנדע, פאר וועל-כע עס איז געווען אַ שטרענגע שטראָפע. היינט קען מען קריגען אַזעלכע קאַרטען איבעראַל. אין עסטרייך-אונגאַרן פערקויפט זיי די רעגיערונג.

סטאַסאַ האט אנגעהויבען צו מישען די קאַרטען און זיי אויסצולעגען. די גרעפין פאָן טאַקקי האט געזעהן וויא אַלערליי געשטאַלטען האבען זיך אויסגעלעגט אויפ'ן טיש.

— איך זעה, אַז אייך האט פּאַסירט אַן אונגליק אין דער לעצטער צייט, האט סטאַסאַ געזאָגט.

— יאַ, האט די גרעפין געזאגט מיט אַ זיפץ.

— ביי אייך איז פערשוואונדען געוואָרען אַ טאָכטער.

די גרעפין האט געזיפצט און האט ניט געענטפערט.

— זעהט נור, גנעדיגע גרעפין, האט סטאַסאַ ווייטער געזאגט און האט איהר געוויעזען אויף צוויי יונגע געשטאַלטען, צוויי אונטערס, וויא זיי הייסען אין די קאַרטען. צוויי יונגע לייט ליעבען אייער טאָכטער. איינער איז רייך, עדעל און גוט. אייער טאָכטער ליעבט איהם אָבער ניט. זי האָט זיך אָוועק-געקעהרט פון איהם. זי ליעבט דעם שוואַרצען ריטער. אַך! ער איז שוואַרץ און האָט אַ שוואַרצעס הערץ. זעהט ליעבען איהם ליעגט די שוואַרצע טויז. זיין הארץ איז שוואַרץ. זי ליעבט איהם אָבער און איז אַנטלאָפען מיט איהם.

— וואוהין זיינען זיי אַנטלאָפען? האָט די גרעפין געפרעגט.

סטאַסאַ האט אויסגעמישט די קאַרטען און האָט זיי נאָך אַמאָהל צוואָרפען.

— זיי זיינען אנטלאפען איבער א וואסער.

— אין וואס פאר א לאנד? האט דיא גרעפין געפרעגט.

— דאס קען איך ניט וויסען. דיא גייסטער וויסען קיין אונטערשיעד צווישען איין לאנד און דעם אנדערן. פאר זיי איז ניטא קיין גרענעץ. איך וויים ניט, אין וואס פאר א לאנד זיי געפינען זיך. איך זעה אבער, אז זיי געפינען זיך צווישען פרעמדע מענשען, מיט וועלכע זיי קענען זיך ניט צונויפרעדען.

— קענט איהר מיר ניט זאגען, וואו זיי געפינען זיך?

— איך וועל פראבירען, האט סטאסא געזאגט.

זיא האט ווידער אויסגעמישט דיא קארטען און האט אנגעהויבען זיי אויסצולעגען אויפ'ן טיש.

— וואס איז דאס? האט זיא אויסגערופען.

דיא גרעפין האט זיך דערשראקען און האט געפרעגט:

— וואס נאך זעהט איהר? זאגט מיר אלעס! האט קיין מורא!

— איהר קענט זעהר לייכט וויסען, וואו אייער טאכטער מיט איהר געליעבטען געפינען זיך.

— וויא קען איך עס וויסען?

— ביי אייך אין פאלאץ ליגען פאפיערן, וועלכע קענען אייך אלעס זאגען.

— ביי מיר? וואס רעדט איהר?

— צוריק מיט א פאר טאג איז געווען ביי אייך אן אלטער מאן און האט אייך איבערגעגעבען פאפיערן. אין דיזע פאפיערן קענט איהר געפינען א גענויע אויסקונפט, וואו זיי געפינען זיך.

דיא גרעפין פאן טאקקי איז געבליעבען זיצען, וויא פערשטיינערט. ביז אהער האט זיא ניט געגלויבט דער קארטענוואררפערין; אלעס, וואס זיא האט איהר געזאגט, האט זיא געקענט וויסען פון דיא דיענער פון שלאס. עס איז שוין פאר קיינעם ניט געווען קיין געהיימנים, אז עלווירא איז אנטלאפען מיט ארטהורן. יעצט אבער, ווען סטאסא האט איהר דערצעהלט פון א זאך, וועלכעס איז געווען א געהיימניס צווישען איהר, דעם באראן נאני און גראף מעראס; יעצט האט זיא געזעהן, אז דיא קארטענוואררפערין וויים דאך טאקע עפעס. דיעזעס געהיימניס קענען ענטדעקען נור גייסטער.

— וואס רעדט איהר, אלטע? האט זיא אויסגערופען. וועלכע פאפיערן מיינט איהר?

— איך זעה עס גאנץ דייטליך, האט סטאסא געענטפערט רוהיג. זעהט אליין, גנעדיגע גרעפין, אט איז אן אלטער מאן. ער טראגט עפעס אונטערן ארים. אט איז א הויז, אט איז נאך אן אלטער. איין אלטער האט איבערגעגעבען פאפיערן דעם אנדערן אלטען. איך זעה, אז דיזע פאפיערן פלאמען, זיי ברענען. זיי ענטהאלטען אין זיך א געהיימנים וועגען דיא יונגע דאמע — אייער טאכטער. פון דיזע פאפיערן קענט איהר אלעס וויסען. דיזע פאפיערן וועלען אייך אלעס זאגען.

דיא גרעפין פאן טאקקי האט ניט געוואוסט וואס צו רעדען. זיא איז אוועק

געזעסען אייניגע מינוטען, וויא פערשטיינערט. דיא קארטענוואַרפעריִן האט דאך אלעס געטראָפען. זיא האט געטראַכט אייניגע מינוטען און האט זיך ענטשלאָסען צו פּראָבירען דיא קארטענוואַרפעריִן.

— הערט נור, אלטע! איהר ווייסט דאך גאר ניט, וואס איהר רעדט. ווען דיא פאפּיערן וואָלטען געווען אין דיעזעס הויז, וואָלט איך דאך זיי געלעזען?

— זיי זיינען ניט ביי אייך, האט סטאַסאַ געענטפערט, און אלטער מאַן האלט זיי צו און וויל זיי אייך ניט געבען.

— אבער וואס טהוט מען? וויא אזוי בעקומט מען זיי? האט דיא גרעפין געפרעגט וויא זיך אליין.

— איהר מוזט זעהן צו בעקומען דיעזע פּאַפּיערן.

דיא גרעפין האט געשוויעגען. סטאַסאַ האט ווידער אנגעהויבען צו מישען דיא קארטען און זיי אויסצולעגען.

— אה! איהר האט א פריינד, א טרייען פריינד! האט זיא אויסגערופען, איך זעה עס דייטליך. ער האט ניט לאנג געהייראטהעט. ער איז אייער בעסטער פריינד. ווען איהר זאָלט איהם געווען פאָלגען, וואָלט אייך ניט געווען פּאַסירט אזא איננגליק. אך, גנעדיגע גרעפין! איהר זאָלט איהם שטענדיג פאָלגען, וועט אייך שטענדיג גוט זיין.

דיא גרעפין האט זעהר גוט פערשטאַנען, וועמען זיא מיינט. זיא אליין האט אויך געוואוסט, אז נאַני איז איהר בעסטער פריינד, זיא האט קיין בעסערן פריינד אלס נאַני.

— וועל איך ווידער זעהן מיין טאָכטער? האט זיא געפרעגט.

— ווען איהר וועט טאָהן, וואס אייער גוטער פריינד, דער שטאַרקער מאַן מיט דיא לאנגע האָר וועט אייך הייסען, וועט איהר באלד צוריק האבען אייער טאָכטער.

— גענוג! האט דיא גרעפין געזאגט, איך וויל יעצט מעהר ניט וויסען. לאז שוין זיין גענוג פאר היינט.

זיא האט ארויסגענומען פון דער קעשענע א גאָלד שטיק און האט איהם דערלאַנגט דער קארטענוואַרפעריִן.

סטאַסאַ האט צוגענומען דאס געלד און איז געבליעבען זיצען אויף איהר ארט. עס איז געווען דייטליך, אז זיא וויל גאר ניט אוועקגעהן. דיא גרעפין האט אויף איהר געוואָרפען א שטרענגען בליק.

— איך זעה, אז איהר זייט עפּעס אונצופריעדען, גנעדיגע גרעפין, האָא סטאַסאַ געזאגט טרויעריג. האב איך פיעלייכט ניט געזאגט אייך דיא וואהרהייט? — פאר וואס טרייבט איהר מיך אזוי אוועק?

— איך טרייב אייך ניט אוועק, האט דיא גרעפין געענטפערט, איך וויל זיין אליין.

— דאן מוז איך געהן, האט סטאַסאַ געקרעכצט. איך בעט אייך אבער, גנעדיגע גרעפין, איהר זאָלט זיך אננעהמען פאר מיר ביי אייער ברודער. איהר זעהט דאך

אליין, אז איך פערשטעה עפּעס אין קארטען ווארפען. פאר וואס זאל איך ניט טארען ווארפען קיין קארטען, ווען איך וויל?

— גוט! גוט! איך וועל שוין רעדען מיט מיין ברודער, האט די גרעפין געזאגט און האט זיך אויפגעהויבען פון איהר שטוהל.

סטאסא האט לענגער ניט געקענט בלייבען ביי דער גרעפין. זיא האט געמוזט אוועקגעהן. זיא האט זיך נאך עטליכע מאל פערניינט, נאך עטליכע מאל געדאנקט, דאן איז זיא ארויסגעגאנגען. אויפ'ן שוועל איז זיא געבליעבען שטעהן און האט געווארפען א ביזען, ווילדען, אונמענשליך שרעקליכען בליק אויף די גרעפין און אויף דאס צימער. דאן איז זיא פערשוואונדען געווארען אין דער דונקעלער נאכט.

די גרעפין פאן טאקקי איז געבליעבען אליין. זיא איז געווען זעהר אונרוהיג. סטאסא האט איהר צוגעטראפען. זיא האט איהר דערראטהען איהרע טיעפסטע געדאנקען. זייט דער שטומער בעטלער האט איבערגעגעבען דאס פעקעל פאפּיערן איהר ברודער, האט זיא ניט גערוהט. זיא איז געווען פעסט איבערציינט, אז דיעזע פאפּיערן געהערן זיך עפּעס אן מיט ארטהור'ן און מיט עלוויראַ'ן.

יעצט איז געקומען דיעזע פרוי און האט עס בעשטעטיגט. סטאסא האט בעדערפעסטיגט אין איהר דעם וואונש צו בעקומען די פאפּיערן.

— וויא אבער בעקומט מען זיי? האט זיא געפרעגט, ער האלט זיי פערשלאסען ביי זיך אין קאסא קאסטען אדער אין שרייב טיש. וויא אזוי בעקומט מען א שליסעל? וואו נעהמט מען א נאכשליסעל? — האט זיא געטראכט ביי זיך. — די קארטענווארפערין האט רעכט! איך מוז מיך בעראטהען מיט מיין בעסטען פריינד. איך מוז פרעגען דעם באראן נאני. ער איז דער איינציגער, וועלכער קען מיר געבען א גוטע ראטה און ווען עס וועט נעטהיג זיין, וועט ער מיר פערשאפען א נאכשליעסעל. ער איז א געשיקטער מענש. איהם וועט זיין זעהר לייכט נאכצומאכען א שליעסעל.

מיט דיעזע געדאנקען איז זיא ארומגעגאנגען אין צימער ביז שפּעט, שפּעט אין דער נאכט. סטאסא'ס קארטען ווארפען האבען זיא ניט געלאזען שלאפען.

17טער קאפּיטעל.

סטאסא ארבייט ווייטער.

סטאסא איז ארויסגעגאנגען זעהר שנעל פון דער גרעפין. זיא איז געווען צופריעדען. זיא האט אפּגעטאהן א טהייל פון איהר ארבייט.

יעצט איז זיא געלאפען אהיים. דארט האט זיא ארויסגענומען פון א קאסטען א פלעשעלע מיט א רויטע פליסיגקייט און האט עס בעהאלטען אין קעשענע.

— דיעזע פליסיגקייט איז א גוטע זאך, האט זיא געברומט, זיא ברענט, וויא פייער. דאס איז דאכט זיך א וואסעריל, אן אונשולדיגעס, טריעבעס וואסעריל; פּראָבירט אבער עס ארויפגיעסען אויף דער הויט, וועט איהר פיהלען, וואס פאר א גיפט עס האט. דאן ברענט עס, שטעכט, רייסט, בייסט, עסט און פערניכטעט אייער לייב. אך, וויא קלוג די מענשען זיינען! וואס פאר א שעהנע זאכען האבען זיי אויסגעפונען. איין שפּריץ אין די אויגען מיט דיעזען וואסעריל און דאס ליכט פון די אויגען ווערט

פערלאשען אויף אייביג. איך האב עס שוין פראבירט אויף איינעם. עס איז געלונגען. יענער וועט שוין מעהר ניט זעהן דאס ליכט פון׳ם טאג! — יעצט וויל איך עס פרא- בירען אויפ׳ן שטומען בעטלער.

מיט דיעזע ווערטער איז זיא ארויסגעגאנגען אין דרויסען. זיא איז געגאנגען צו דער געגענד, וואו דער הענקער האט געוואהנט. דארט האט זיא זיך געשטעלט אין א ווינקעלע און האט געווארט.

עס איז פערגאנגען א גערוימע צייט. קיינער איז ניט געקומען. סטאסא האט זיך ניט געריהרט פון ארט. אלעס איז געווען שטיל און רוהיג.

פלוצלונג האט זיך געוויעזען א געשטאלט אין דער שטילער גאס. דיא געשטאלט איז געגאנגען זעהר לאנגזאם און איז צוגעקומען אלץ נעהנטער און נעהנטער צום הויז, וואו דער הענקער מיכאאיל האט געוואהנט.

— דאס איז ער! האט סטאסא געזאגט שטילערהייט. יעצט איז דיא צייט צו ארבייטען.

מיט דיעזע ווערטער האט זיא זיך אניעדערגעלעגט אויף דער ערד, האט גע- שטעלט דאס פלעשעלע לעבען זיך און האט אנגעהויבען שטילערהייט צו קרעכצען.

דער שטומער בעטלער איז צוגעקומען נעהנטער, האט זיך צוגעהערט — מען קרעכצט ווידער. אין דער פינסטער האט ער ניט געקענט זעהן, ווער עס ליעגט דארט אויף דער ערד.

— ערבארמט אייך אויף מיר! האט מיטליידען מיט מיר! איך שטארב! — אך! אך! האט געקרעכצט א שווערע שטימע.

דער שטומער בעטלער האט זיך אנגעבויגען צו דער געשטאלט און האט געפרעגט:

— ווער זייט איהר? וואס איז מיט אייך?

שנעל, וויא דער בליץ, האט סטאסא געהאפט דאס פלעשעלע מיט וויטריאל און האט א גאס געטאהן דעם שטומען בעטלער אין געזיכט.

— אי! וואס איז דאס? האט א געשריי געטאהן דער שטומער בעטלער.

ער האט געפיהלט, אז זיינע באקען און זיין שטערן ברענען, עסען, בייסען און רייסען. דער וויטריאל האט איהם געטראפען אין דיא באקען און אין שטערן. עס איז זעהר מעגליך, אז אין דער פינסטער האט סטאסא ניט געקענט ריכטיג טרעפען, אדער דער שטומער בעטלער האט זיך אוועקגעקעהרט און דער וויטריאל האט ניט געטראפען איהם אין דיא אויגען.

קוים האט סטאסא דערהערט, וויא דער שטומער בעטלער שרייט, האט זיא געגלויבט, אז דער וויטריאל האט איהם געטראפען אין דיא אויגען און ער איז שוין בלינד; זיא איז אויפגעשפרונגען און האט געוואלט זיך אויף איהם ארויפווארפען און איהם דערשטעכען.

דא אבער האט זיא געהאט א טעות. דער שטומער בעטלער האט צוואר געהאט וואונדען אויפ׳ן שטערן און אויף א באק, ער איז אבער ניט געווען בלינד. ער האט אנגעכאפט סטאסא׳ן ביים גארגעל און האט אנגעהויבען זיא צו ווארגען.

דאס האט אבער געדויערט נור אייניגע מינוט. ער האט זיך באלד איבערלעגט און האט זיא געגעבען א שליידער פון זיך, אז זיא האט זיך איבערגעקעהרט צעהן מאל. מעהר האט ער זיך אויף איהר ניט אומגעקוקט און איז זיך געגאנגען זיין וועג.

ער איז צוגעקומען צום הויז, וואו דער הענקער האט געוואהנט און האט אנגע־הויבען שטארק צו קלינגען. מיכאאיל איז ארויסגעלאפען און האט איהם געעפענט די טהיר.

ווען ער איז מיט איהם אריינגעגאנגען אין צימער און האט דערזעהן בלאטערן אויף דעם שטומען בעטלערס באק און שטערן, האט ער אויסגערופען:

— וואס איז דאס? ווער האט עס אייך פערוואונדעט? וואס איז געשעהן?

— מען איז אויף מיר אנגעפאלען און מען האט מיך בעגאסען מיט וויטריאָל, האט דער שטומער בעטלער געענטפערט.

— ווער האט עס געטאהן? וואו איז עס געשעהן?

דער אלטער יאקקי האט איהם דערצעהלט אלעס, וואס האט מיט איהם פאסירט.

— אזוי? האט מיכאאיל געפרעגט, א פרוי האט עס געוואלט אייך אפגיעסען מיט וויטריאָל?

— עס איז געווען א פרוי.

— האט איהר זיא פיעלייכט דערקענט?

— איך האב זיא צוואר געהאלטען פעסט ביים האלז, עס איז אבער געווען פינסטער און איך האב קוים געקענט זעהן איהר געזיכט.

מיכאאיל האט זעהר גוט פערשטאנען, אז דאס איז געווען סטאסא. דאס האט ניט געקענט זיין קיין אנדערע.

— איך פערשטעה, וואס דא איז געשעהן, האט ער געזאגט. מען וויים, ווער איהר זייט. מען האט זיא אומיסטען אונטערגעשיקט, זיא זאל אייך טויטען.

דער שטומער בעטלער האט געטראכט אייניגע מינוט.

— דאס איז שלעכט. האט ער דאן געזאגט, דאן וויים מען, ווער איך בין; דאן טאר איך דא ניט ב׳ייבען. איך מוז אוועקפאהרען.

— ניין, יאקקי, איהר דארפט ניט אוועקפאהרען, האט דער הענקער געזאגט, ביי מיר זייט איהר זיכער. קיינער וועט ניט וואגען קומען צו מיר זוכען א מענשען. זיי האבען מורא פאר מיר. איהר מעגט דא בלייבען.

ביידע האבען אנגעהויבען זיך צו בעראטהען, וואס צו טאהן. פלוצלונג האט מען געהערט שטארק קלאפען אין טהיר.

— געהט אריין אין מיין צימער, האט דער הענקער געזאגט צום שטומען בעטלער. איך מוז געהן זעהן, ווער עס קומט צו מיר אזוי שפעט ביי נאכט.

דער שטומער בעטלער איז אריינגעגאנגען אין אנדערן צימער און מיכאאיל איז געלאפען אין דרויסען זעהן, ווער עס קלאפט דארט אזוי שטארק.

— ווער זייט איהר און וואס ווילט איהר? האט ער געפרעגט.

— עפענט! אים נאמען דעם געזעצעס! האט געענטפערט א בעקאנטע שטימע.

דער חענקער האט נעעפענט די טהיר. פאר איהם איז געשטאנען דער אד־וואקאט נאוואק. הינטער איהם זיינען געשטאנען עטליכע זשאנדארמען.

— וואס איז דאס, הערר נאוואק? וואס פערלאנגט איהר ביי מיר אזוי שפעט ביי נאכט?

— קומט נור אריין אין שטוב, איך וועל אייך שוין דערצעהלען.

ביידע זיינען אריינגעגאנגען אין שטוב.

— נו? וואס ווילט איהר מיר עפעס זאגען? האט מיכאאיל געפרעגט.

— איך בין געקומען מאכען ביי אייך א הויז־אונטערזוכונג.

— ביי מיר? וואס האט איהר ביי מיר צו זוכען?

— צוריק מיט עטליכע מאנאטע זיינען רויבער אנגעפאלען אויפ'ן גראף געארג פאן טאקקי אין וואלד ניט ווייט פון בודאפעסט, האט דער אדוואקאט געענטפערט. מען האט איהם פערוואונדעט און מען האט אוועקגערויבט ביי איהם זיין געלד און פיעלע דאקומענטען. צווישען די דאקומענטען האט זיך געפונען זעהר א וויכטיגער דאקומענט וועגען דאס פערמעגען פה'ם באראן פאן באטהיאני. מיר זיינען געוואהר געווארען, אז דיעזעס דאקומענט געפינט זיך ביי אייך און איך בין געקומען צו אייך מאכען א הויז־אונטערזוכונג.

— אזוי, הערר נאוואק? האט מיכאאיל געפרעגט מיט א געלעכטער, איהר זייט געקומען צו מיר מאכען א הויז־אונטערזוכונג?

— געוויס! מען זאגט אז איהר זייט געווען איינער פון די רויבער, האט דער אדוואקאט געענטפערט שטאלץ.

— און איהר גלויבט עס, הערר אדוואקאט?

— איך מוז עס גלויבען. — ווען אייך, ווען איך וועל געפינען ביי אייך דיעזעס דאקומענט!

— זייט רוהיג, הערר אדוואקאט! איהר וועט גארנישט געפינען.

— דאס וועלען מיר שוין זעהן, האט נאוואק געענטפערט.

— זוכט פריהער.

נאוואק האט זיך אומגעקוקט אין צימער און האט דערזעהן א קאסטען.

— ניט מיר די שליסעל צו אלע אייערע קאסטענס און קאמארען, האט ער געזאגט צו מיכאאיל'ן.

מיכאאיל האט איהם דערלאנגט א בונט שליסעל און האט געזאגט מיט א געלעכטער:

— עס איז אומזיסט אייער מיה, הערר אדוואקאט. די דאקומענטען געפינען זיך ניט ביי מיר.

— וואו דען געפינען זיי זיך?

— פרעגט נור די גוטע סטאסא, זיא וועט אייך זאגען, וואו זיי געפינען זיך.

דער אדוואקאט איז אויפגעשפרונגען.

— סטאסא, זאגט איהר? וויא קומען דיעזע דאקומענטען צו איהר?

— פרעגט זיא, וועט זיא אייך ענטפערן.

— אין דיעזע מינוט האט מען געהערט הוסטען אין אנדערן צימער. דער אד־וואקאט איז צונעלאָפען צו דער טהיר און האט זיא האסטיג געעפענט. — ער האט דערזעהן דעם שטומען בעטלער.

— וואס איז דאָס, מיכאאיל? האט ער אויסגערופען. ווער איז דער?

— דאס איז אן אונגליקליכער מענש, א שטומער בעטלער, וועלכער האט ניט וואו צו שלאָפען און איך האב איהם אויס מיטלייד געלאזען ביי מיר נעכטיגען.

— פאר בעטלער האט דיא שטאדט אן ארמען הויז (א הקדש). ווען דער בעטלער האט ניט וואו צו נעכטיגען, מוז ער געהן אין ארמען הויז. דיא שטאדט זארגט זיך פאר איהרע אָרימע לייט.

— איהר זעהט דאך אבער, אז דער אונגליקליכער מענש האט זיך געוואלגערט אויף דער גאס? האט מיכאאיל געפרעגט, איהר זעהט דאך, וויא אונזערע רייכע זארגען זיך פאר דיא אָרימע לייט, אז מען האט געלאָזען אזא אלטען מאַן נעכטיגען אין דרויסען?

— דאס געהט מיך ניט אָן, האט דער אדוואקאט בעמערקט, איך געהער ניט צו דער ארמען קאָמיסיאָן. איך בין א פערטרעטער פון געזעץ און וויס, אז ווער עס נעכטיגט ביים הענקער, דער מוז ווערן א הענקער. אזוי זאגט דאס געזעץ. איך מוז הייסען איהם ארעסטירען און איהם עפענטליך ערקלערן אלס הענקער.

— נון, מיין העררר, דאס וועט איהר ניט טאהן! האט מיכאאיל געזאגט קורץ און שאַרף, קיינער וועט ניט וואגען ארויסצופיהרען מיט געוואלד א מענשען פון מיין הויז.

— איך וועל עס יא וואגען, האט דער אדוואקאט אויסגערופען.

ער איז צוגעלאָפען פו דער טהיר און האט געוואלט רופען דיא זשאנדארמען.

— האלט! האט מיכאאיל געזאגט שטאָלץ. ביי מיר אין שטוב בין איך א קייזער. קיינער וועט ניט אריינקומען צו מיר אין שטוב. — קומט צו מיר אלטער!

מיט דיעזע ווערטער האט ער א ווינק געטאהן דעם שטומען בעטלער, ער זאל צוקומען צו איהם.

ווען דער שטומער בעטלער איז צוגעקומען צו איהם, האט מיכאאיל אראָפּגע־באָפט פון דער וואנט א רויטען מאנטעל און האט אויף איהם ארויפגעוואָרפען.

— יעצט, העררר נאָוואק, האט איהר קיין רעכט איהם צו ארעסטירען. ער איז יעצט א הענקער. קיינער טאָר איהם ניט אנריהרען.

— נאוואק'ס אויגען האבען אנגעהויבען צו גליהען מיט א העליש פייער.

— אויב אזוי, האט איהר רעכט, האט ער געזאגט צום הענקער און האט גע־ווארפען א בייזען, פינסטערן בליק אויף דעם שטומען בעטלער. — איך וויל אייך אבער בעמערקען, אז ער איז נור דאן זיכער, ווען ער וועט טראגען דעם רויטען מאנטעל; קוים וועט ער איהם אויסטאהן, וועט מען איהם ארעסטירען.

— איך וויס עס, האט מיכאאיל געענטפערט ערנסט, מיט דיעזען רויטען מאנ־טעל איז איינער פיעל זיכערער, וויא אנאנדערער מיט זיינע דאקומענטען. דער רויטער מאַנטעל צייגט אויף א בעשעפטיגונג, וועלכע מען איז געצוואונגען אויסצואיבען; מאנכע

דאקומענטען אבער ציינען אויף א ניעדערטרעכטיגען האראקטער, וועלכער וייס נור פון שלעכטעס און וויל טאהן נור שלעכטעס.

נאוואק איז בלייך געוואָרען און האט פארביסען מיט דיא ליפען ער האט גע־פיהלט דעם שטאָך, וואס דער הענסער האט איהם געגעבען, ער האט אבער גאר ניט געקענט העלפען.

ער האט אריינגערופען א זשאנדארם און האט איהם געהייסען עפענען דיא קאסטענס און קאמאדעס אין הענקערס הויז. נאוואק האט געזוכט און אלעס איבער־געקעהרט, ער האט אבער גאר ניט געפונען. ביים הענקער אין שטוב זיינען קיינע פרעמדע דאקומענטען ניט געווען.

— איך האב דאך איך געזאגט, הערר נאוואק, אז איהר וועטביי מיר גאר ניט געפינען, האט מיכאאיל בעמערקט מיט א געלעכטער.

נאוואק האט געווארפען אויף איהם א בייזען, ווילדען און שטרענגען בליק, האט גאר ניט געענטפערט און איז זיך אוועקגעגאנגען.

18טער קאפיטעל.

ביי דער אונגארישער גרענעץ.

לוסטיג האבען זיך געקייקעלט דיא רעדער פון צווייא פעסטע פאסט קארעטעס איבער דיא שעהנע פעלדער פון בולגאריען.

עס איז געווען אנפאנגס נאוועמבער. אויף דיא בערג איז שוין געלעגען דער טיעפער שנעע, אין טאהל אבער איז נאך געווען ווארם און אין ערטער זיינען דיא פעלדער נאך געווען בעדעקט מיט גרינעם גראז, גלייך וויא עס וואלט געוון אנפאנגס זומער.

אזוי איז דער ווינטער אין יענע געגענדען. זעהר אפט איז ער מילד און פריינד־ליך, וויא דער פריהלינג אין אנדערע קעלטערע לענדער.

אין דיא פאסט קארעטעס זיינען געזעסען ארטהור און עלווירא. יעדער אין א בעזונדערן וואגען. לעבען יעדען זיינען געזעסען צווייא טערקישע זאפטיעס (זשאנדאר־מען). איין פאסט וואגען פון'ם אנדערן איז ווייט געווען אויף א האלבען טאג רייזע.

זייט זיי זיינען ארויסגעפאהרען פון שיפקא, האבען זיך ארטהור און עלווירא ניט געזעהן. דיא טערקישע סאלדאטען, ריכטיגער געזאגט, נאגי'ס רעכטע האנד, יאזעף, האט עס אזוי איינגעריכטעט, אז ביידע וואגענס זאלען זיך ניט צוזאמענקומען. ווען איינער פון זיי איז געקומען אין א דארף און האט דארט איבערגענעכטיגט, איז דער אנדערער נאך געווען גאנץ ווייט.

אזוי זיינען פערגאנגען צעהן לאנגע, שווערע און לאנגווייליגע טעג. וואס ביידע ארעסטאנטען האבען דורכגעפיהלט און דורכגעליטען אין דיעזער צייט, וויל איך מיך ניט אונטערנעהמען צו בעשרייבען. זיי האבען זעהר גוט געוואוסט, וואוהין מען פיהרט זיי; זיי האבען געוואוסט, וואס עס ערווארטעט זיי, ווען מען וועט זיי ברענגען אהיים

וויא פיעל מאל האבען זיי בערייעט, וואס זיי זיינען ניט געבליעבען ביי דער „העטעריע". מאווראַ האט זיי געבעטען, זיי זאלען ליעבער בלייבען ביי זיי. ארטהור

אָבער האָט עס ניט געוואָלט. עלווירא האָט ניט געוואָלט בלייבען אין אַ פינ־סטערן קעללער, וואו עס פערזאַמלען זיך מענשען, וועלכע געהערן צו אַ גע־היימער געזעלשאַפט.

יעצט געפינען זיי זיך צווישען אַנאַנדערע סאָרטע מענשען. זיי זעהן פאַר זיך די וועלט; זיי זעהן פאַר זיך די שעהנע זוהן; זיי זעהן פאַר זיך פעלדער און וועלדער. — זיי זיינען אָבער געפאַנגען!

פון צייט צו צייט פלעגט זיי אָניאָגען אַ קאַרעטע, אין וועלכער עס איז געזעסען נור איין מענש, אַ ניעדעריגער מענש מיט שוואַרצע האָר. יעצט אָבער האָט ער מעהר ניט געטראָגען קיין טערקישע קליידער, ער איז געווען אָנגעטהאָן, וויא אַן אונגאַר.

ער פלעגט אָפט פאַרבייפאָהרען די קאַרעטעס און וואַרפען אַ בייזען בליק אויף די געפאַנגענע, פלעגט מיט זיי אָבער קיין וואָרט ניט רעדען.

יעצט האָט אַרטהור און עלווירא געהאַט אַ גוטע געלעגענהייט איהם צו בעטראַכטען און איהם צו דערקענען. עלווירא האָט זיך דערמאָנט וואו זי האָט איהם געזעהן. זי האָט זיך דערמאָנט אָן דער סצענע אין וואַלד, ווען דערזעלבער קליינער מענש מיט די שוואַרצע האָר האָט דערשאָסען איהר קוטשער און האָט זי אַליין אַוועקגעשלעפט אין וואַלד. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דיעזער מאַן איז געוועזן ביי איהר אָנקעל אין פאַלאַץ און האָט איהר דער־צעהלט, אַז ער האָט פון איהרטוועגען אַ בריעף.

עלווירא האָט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אַז דיעזער מענש האָט גע־שפּיעלט אַ גאַנץ וויכטיגע ראָללע אין איהר לעבען.

— וואָס האָט דיעזער מענש צו מיר? האָט זי זעהר אָפט געפרעגט זיך אַליין. וויא קומט ער צו מיר? וואָס האָב איך איהם געטאָהן? פאַר וָואָס פער־פאָלגט ער מיך? פאַר וואָס האַסט ער מיך?

אַזוי זיינען פערגאַנגען די טעג, לאַנגווייליג און טרויעריג, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו דער גרענעץ. דאָ האָט מען געמוזט בלייבען שטעהן. דאָ האָט מען געמוזט וואַרטען ביז בידע פאָסט קאַרעטעס וועלען זיך צוזאַמענקומען. דאָ האָבען די טירקישע בעאַמטע געמוזט צושטעלען אַרטהור'ן און עלווירא'ן, ביידען מיט אַמאָל צו די עסטרייך־אונגארישע בעאַמטע, וויל זיי האָבען גע־האַט נור איין האַפט בעפעהל אויף ביידען.

מען האָט אַלזאָ געמוזט וואַרטען ביז דער צווייטער וואָגען איז אָנגעקו־מען. זייט זייער אָפּרייזע פון שיפּקא זיינען אַרטהור מיט עלווירא'ן זיך צוזאַ־מענגעקומען צום ערשטען מאָהל. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען. די ריה־רענדע סצענע, וואָס איז יעצט פאָרגעקומען. עלווירא איז אַרויסגעפאַלען אַר־טהור'ן אויפ'ן האַלז און האָט אויסגערופען:

— אַרטהור! מיין געליעבטער אַרטהור! ענדליך זעה איך דיר וויעדער!

מיר האָבען שוין דערצעהלט, אַז אַרטהור'ן האָט מען געפיהרט אין קיי־טען, עלווירא אָבער איז ניט געווען געבונדען.

— בערוהיג דיך, עלווירא! האָט אַרטהור געבעטען, דו האָסט דאָך אַליין גע־זעהן, וויא דאָס שיקזאַל שפּיעלט מיט מיר; דו האָסט דאָך שוין געזעהן, וויא פיעל געפאַהרען איך בין איבערגעשטאַנען. איך פערליער ניט די האָפנונג. איך בין זיכער,

אז אין דער לעצטער מינוט, ווען אלע האפנונגען וועלען פערשווינדען, וועט מיר קומען פון ערגעץ הילף.

מעהר האבען זיי ניט געקענט רעדען. דיא טערקישע זאפּטיעס האבען זיי אריינ־געפיהרט אין דיא וואכשטוב, וואו עס איז געזעסען אן עסטרייכישער אפיציער מיט אייניגע עסטרייכישע גרענעץ סאלדאטען.

צום אונגליק נאך האט עס געדארפט טרעפען, אז דאס איז געווען דערזעלבער אפיציער, צו וועלכען ארטהור איז געקומען אין דארף מלאווע און האט איהם געבעטען, ער זאל איהם אריבערלאזען דיא גרענעץ אהן א פאספּארט. דאס איז געווען דערזעלבער אפיציער, וועלכער האט געהייסען נאכיאגען ארטהורן. ער האט איהם אבער ניט געקענט תאפּען.

דער אפיציער האט באלד דערקענט ארטהורן מיט עלווירא'ן. זיי האבען צוואר יעצט געטראגען טערקישע קליידער, דאס שארפע אויג אבער פון'ם גרענעץ אפיציער האט זיי באלד דערקענט.

דיא טערקישע זאפּטיעס האבען געוויזען דעם עסטרייכישען אפיציער דעם האפט בעפעהל און האבען איהם געבעטען, ער זאל זיך אונטערשרייבען, אז ער האט איבערגענומען דיא ארעסטאנטען. מעהר האבען זיי ניט געדארפט. דערמ'ט האט זיך געענדיגט זייער אויפגאבע.

דער עסטרייכישער אפיציער האט זיך אונטערשריעבען און האט צוריקגעגעבען דעם האפט בעפעהל זיינע טערקישע קאמעראדען. דיא טערקען זיינען אויך באלד אוועקגעפאהרען.

יעצט האט זיך דער עסטרייכישער אפיציער געווענדעט צו ארטהור'ן און האט איהם געפרעגט:

— ווער זייט איהר?

— איך בין ארטהור, באראן פאן באטהיאני, האט ארטהור געענטפערט.

— ווער איז דיעזע דאמע?

— זיא איז עלווירא, דיא גרעפין פאן טאקקי.

— מיט פינף וואכען צוריק זייט איהר געווען ביי מיר און האט געבעטען, איך זאל אייך אריבערלאזען דיא גרענעץ. איהר האט דאמאלס געזאגט, אז איהר זייט אן עהרליכער מאן. יעצט ווייס איך שוין, ווער איהר זייט. —

אין דיעזע מינוט איז אריינגעקומען דער קליינער מאן מיט דיא שווארצע האר.

— ווער זייט איהר, מיין הערר? האט איהם דער אפיציער געפרעגט.

— איך האב אויסגעזוכט דיא פערברעכער און האב זיי איבערגעגעבען דער טערקישער פאליציי.

— וויא הייסט איהר? ווער זייט איהר? האט דער אפיציער געפרעגט נאך א מאל.

דער קליינער מאן האט ארויסגענומען זיין פאספּארט און האט איהם דערלאנגט דעם אפיציער.

— אָט איז מיין פּאספּאָרט, פון איהם וועט איהר אלעס וויסען, האט יאזעף געענטפערט.

אין דער צייט, וואס דער אפיציער האט געלעזען יאזעף'ס פּאספּאָרט, האבען ארטהור און עלווירא צייט געהאט איהם צו בעטראכטען. עלווירא האט איהם יעצט גוט דערקענט. עלווירא האט זיך דערמאנט אלע פעלע און אלע אומשטענדע, ווען זיא האט איהם געזעהן.

— אייער פּאספּאָרט איז אין ארדנונג, האט דער אפיציער געזאגט, איהר מעגט אייך געהן, וואוהין איהר ווילט.

— איך וויל בּעגלייטען דיא ארעסטאנטען, האט יאזעף געזאגט.

— ערשטענס, האבען מיר נור איין ארעסטאנט, האט דער אפיציער געענטפערט, דיעזע דאמע איז קיינע פערברעכערין. איך האב א בעפעהל פון בודאפּעסט, אז אין פאל מען וועט זיא ברענגען צו דער גרענעץ, זאל איך זעהן זיא צושטעלען אין שלאס טאָקקי. דערביי זאל איך זיא בעהאנדלען, וויא עס קומט א גרעפין פאן טאקקי. צווייטענס, געהערט איהר זיך ניט אן מיט'ן ארעסטאנט, וועלכער רופט זיך באראן פאן באטהיאני. איך האב א בעפעהל, איך זאל איהם צושטעלען קיין בודאפעסט און איך וועל עס טאהן.

— מיין הערר, איך האב אויסגעפונען דיעזען ארעסטאנט, איך האב איהם איבערגעגעבען דער טערקישער פאליציי און איך האב איהם בעגלייטעט ביז אהער. עס האט מיך געקאסט פיעל געלד. דיא אונגארישע רעגיערונג האט פערשפראכען א בעלוינונג דעם מענשען, וועלכער וועט ברענגען דעם פערברעכער באטהיאני. איך וויל איהם ברענגען און פארדערן פון דער רעגיערונג מיין בעלוינונג.

— וואו האט איהר אויסגעפונען דיעם פערברעכער?

— אין שיפּקא, א דאָרף אויפ'ן וועג קיין אנדריאנאפּאל, האט יאזעף געענטפערט.

— הערר אפיציער! האט ארטהור אויסגערופען, ארעסטירט דיעזען מאן! ער איז א גרעסערער פערברעכער פון מיר. ער איז דיא איינציגע אורזאכע פון מיין אונגליק. ער האט מיך געמאכט פאר א פערברעכער! ער האט מיר אונטערגעווארפען דאס פאלשע געלד אין בודאפעסט און ער האט מיך דאן פערפאלגט און נאכגעיאגט אין דער טירקיי. פּראבירט נור, הערר אפיציער, הייסט איהם בעזוכען. איך בין זיכער, אז ער האט נאך יעצט פאלשעס געלד ביי זיך.

— יא, הערר אָפיציער! האט עלווירא יעצט זיך אפּגערופען, איך וויים אויך, אז דיעזער מענש איז א שלעכטער און בעט, אז איהר זאָלט איהם אַרעסטירען. ער איז אמאל געקומען צו מיר, ווען איך בין געוועזען ביי מיין אָנקעל אין בודאפּעסט און האט ביי מיר אייסגעפאָרשט, ווען איך וועל פאהרען אהיים. ער האט מיר געזאגט, אז ער האט פאר מיר א בריעף. שפּעטער האב איך איהם בעגעגענט אין א גאסט הויז אויפ'ן וועג. דאן איז ער אנגעפאלען אויף מ'ין קארעטע און האט דערשאָסען דעם קוטשער און דיא פערד. ארעסטירט איהם, הערר אפיציער! דיעזער מאן איז א מערדער!

דער קליינער מאן מיט דיא שווארצע האָר האט א ציטער געטאהן און איז געווארען בלייך, וויא קאלך.

דער עסטערריישער אָפיציער האט אנגעקוקט אלע דריי און האט ניט געוואוסט וואס צו טאהן. ער איז נור א וועבטער פון דער גרענעץ. ווען איינער קומט צו איהם מיט א פאספארט, מוז ער איהם אריבערלאזען דיא גרענעץ. אין קיינע אנדערע זאכען דארף ער זיך ניט אריינמישען. אויסער דעם האט ער גערעכענט, אז ארטהור און עלווירא זיינען זעהר בייז אויף דעם קליינעם מאן דערפאר, וואס ער האט זיי פערראטהען.

— גנעדיגעס פרייליין! האט יאזעף אויסגערופען, איך זעה, אז איהר זייט קראנק; איהר ווייסט גאר ניט, וואס איהר רעדט. איהר זייט אזוי אויפגערעגט, וואס מען האט ביי אייך צוגענומען אייער געליעבטען, אז איהר רעדט פון היץ. איהר קענט מיך ניט און ווייסט מיך ניט. איהר האט מיך קיין מאל ניט געזעהן. עס דאכט זיך אייך, אז איהר דערקענט מיך.

— ניין, ניין! איך קען אייך זעהר גוט! איך דערקען אייך! איהר האט מיך געשלעפט אין וואלד און וואלט געוויס מיך געטייטעט. צום גליק אבער איז אנגעלאפען דער באראן נאגי און האט מיך גערעטעט.

— שלעכטער מענש! האט ארטהור אויסגערופען, ווען דוא זאלסט אונז ניט געוועזען קענען פון פריהער, וואלסט דוא אונז אויף קיין פאלל ניט דערקענט אין ארימען נאסט הויז אין שיפקא. —

יאזעף איז געווארען אביסעל אונרוהיג. ער האט אנגעהויבען מורא צו האבען, אז ארטהור און עלווירא זאלען ניט מאכען קיין געוואלד אין בודאפעסט און זאלען ניט אויפפאָדערן דער פאליציי, מען זאל איהם ארעסטירען. דאס קען ווערן זעהר אונאנגענעהם.

— איהר זייט בייז אויף מיר און טראכט אויס אויף מיר אלעס בייז, האט יאזעף געזאגט אין דער הויך. ווייסט איהר דען ניט, אז דיא אונגארישע רעגיערונג זוכט אייך. זיא האט ארויסגעשיקט צירקולארען מיט אייערע קענצייכען (פרימעטעס), דורך דיעזע קענצייכען האב איך אייך דערקענט.

ער האט ארויסגענומען פון בוזים קעשענע א קליינע, בלויע קארטע און האט זיא דערלאנגט דעם אפיציער. דאס איז געוועזען א קארטע פון דער פאליציי אין בודאפעסט.

— גאנץ גוט, האט דער אפיציער געזאגט און האט איהם צוריקגעגעבען דיא קארטע. איך זעה שוין, ווער איהר זייט און איהר וועט מעגען פאהרען מיט דעם קאנוואי, וועלכער וועט אפפיהרען דעם באראן פאן באטהיאני קיין בודאפעסט.

דאן האט ער זיך געווענדעט צו עלוויראן און האט איהר געזאגט:

— איהר, גרעפין פאן טאקקי, וועט מוזען פאהרען אהיים, אין שלאס טאקקי.

— ניין! האט עלווירא אויסגערופען, איך וועל ניט אפטרעטען פון מיין געליעבטען ארטהור! איך וויל, אז מען זאל אונזביידען צושטעלען קיין בודאפעסט.

— איך האב דאך אבער א בעפעהל, אז איך זאל אייך צושטעלען צום שלאס טאקקי? האט דער אפיציער געפרעגט.

— וואס געהט מיך אן אייערע בעפעהלע? האט עלווירא אויסגערופען. בין איך א פערברעכערין? האב איך ניט דאס רעכט צו געהן אהן צו פאהרען, וואוהין איך וויל? וויא קענט איהר מיך צווינגען, איך זאל פאהרען קיין טאקקי?

דער אפיציער האט זיך פערטראכט. ער האט געפונען, אז אייגענטליך האט זיא דאך רעכט. אין זיין בעפעהל שטעהט אויסדריקליך, אז מען בעט, ווען עס איז מעגליך, זאל מען זיא צושטעלען צום שלאס טאקקי. ווען זיא וויל ניט, קען ער זיא ניט צווינגען.

— איך קען אייך צוליעב טאהן, גרעפין פאן טאקקי, און אייך ערלויבען צו פאהרען מיט'ן באראן פאן באטהיאני, האט ער ענדליך געזאגט, פערגעסט אבער ניט, גרעפין, אז דיא רייזע מיט אן ארעסטאנט איז ניט גאנץ אנגענעהם. איך קען אייך ניט פערזארגען מיט א קארעטע; איך קען אייך ניט פערזארגען מיט אלעס נעטהיגעו. איהר וועט מוזען איבערטראגען פיעלע אונבעקוועמליכקייטען אויף דער רייזע. איך מוז אייך זאגען פאראויס, אז פאהרען מיט א קאנוואי איז קיין פערגניגען.

— איך ווייס אלעס און וויל דאך פאהרען מיט ארטהורן קיין בודאפעסט.

— דאן פאהרט מיט איהם.

— און איך וועל האבען דאס פערגניגען אייך צו בעגלייטען, האט יאזעף געזאגט, איך וועל טאהן אלעס מעגליכע אום צו מאכען פאר אייך דיא רייזע בעקוועמער.

עלווירא האט זיך אוועקגעקעהרט פון איהם מיט עקעל און אבשיי.

— אך, גאט! האט זיא געזיפצט. נאך דאס זאל איך איבערטראגען! איך זאל נאך מוזען רייזען מיט דיעזען מערדער!

— בערוהיג דיך, עלווירא! האט ארטהור געבעטען, דיעזער מערדער איז געווען דיא ערשטע אורזאכע פון אונזערע ליידען. איך האף, אז דורך איהם וועט זיך ענדליך אלעס ארויסווייזען. איך בעט דיך, פאהר מיט איהם און האלט איהם אויפ'ן אויג, דא קענען מיר גאר ניט מאכען, אין בודאפעסט אבער וועט אלעס אנדערש זיין. —

ער האט געוואלט רעדען נאך עפעס, אין דיעזע מינוט אבער איז אריינגעקומען אן אונטער אפיציער און האט געמעלדעט, אז דער קאנוואי שטעהט שוין אנגעגרייט.

— בינדעט איהם אפ דיא הענד, האט דער אפיציער געזאגט און האט געדייטען אויף ארטהורן.

— מיין הערר, דיעזער מאן איז פעראורטהיילט צום טויט, האט יאזעף געזאגט, איך דענק, אז מען דארף איהם שמידען אין קייטען.

— דאס איז ניט נעטהיג, האט דער אפיציער ערקלערט, איך שיק מיט איהם צעהן מאן מיט געלאדענע ביקסען; קוים וועט ער נאר ווייזען א מינע, אז ער וויל אנטלויפען, וועט ער קריגענען א קוגעל אין קאפ.

יאזעף איז צוואר געווען זעהר אונצופריעדען מיט דיעזע אנטווארט, ער האט אבער גאר ניט געקענט העלפען.

דער אפיציער האט געהייסען, אז מען זאל אייפזעצען ארטהורן אויף א פערד און צעהן סאלדאטען זאלען פאהרען ביי איהם פון ביידע זייטען.

— קענט איהר מיר ניט שאפען א קארעטע אדער אן איינפאכען וואגען? האט עלווירא געפרעגט, איך וועל בעצאהלען, וויא פיעל מען וועט פאדערן.

— גרעפין פאן טאקקי, האט דער אפיציער געענטפערט, איהר פאהרט אלס פריוואט פערזאן. דאס קייזערליך־קעניגליכע צאללאמט איז ניט פערפפליכטעט צו זארגען זיך פאר פריוואט לייטע, וועלכע רייזען ארום אין לאנד. איך קען פון אייערט־וועגען גאר ניט טאהן.

— ביטע, גנעדיגע גרעפין, פאהרט מיט מיר! האט יאזעף אויסגערופען, איך האב א גוטע קארעטע.

וויא עלווירא האט איהם געהאסט און וויא זיא האט ניט געוואלט פאהרען מיט איהם, האט זיא דאך גאר ניט געקענט העלפען. זיא האט געמוזט יעצט פאהרען צו־זאמען מיט א מענשען, וו לכען זיא האט ניט געקענט אנקוקען.

אונטערדעסען האבען זיך דיא רייטער אין דרויסען אויסגעשטעלט און דער אונטער אפיציער האט געפאדערט, אז זיי זאלען שנעלער פאהרען, ווייל זיי האבען וועניג מענשען ביי דער גרענעץ.

דער אפיציער האט א ווינק געטאהן און דער אונטער אפיציער האט ארויסגע־פיהרט ארטהורן אונטערן ארים.

מיט א שווערען זיפץ איז עלווירא איהם נאכגענאנגען. וואס האט זיא געקענט טאהן? וואס האט זיא געקענט מאכען איינע אליין אין אן אונבעקאנטען דארף? — זיא האט געמוזט זיך זעצען אין איין וואגען מיט דעם מענשען, וועלכען זיא האט געהאסט אם מייסטען אויף דער וועלט.

אין איינינע מינוט ארום האט זיך דער צוג אויסגעשטעלט.

— מארש! האט קאמאנדירט דער אונטער אפיציער.

דער צוג האט געריהרט.

19טער קאפיטעל

ביידע פריינד.

נאני זיצט אין זיין צימער אליין. ער איז אונגעדולדיג און פערטראכט. ער ער־ווארטעט סטאסאן. ער וויל וויסען, וואס עס הערט זיך מיט'ן שטומען בעטלער; ער וויל וויסען, אויב סטאסא איז געוועזען ביי דער גרעפין פאן טאקקי און אויב זיא האט איהר איבערגעגעבען, וואס ער האט איהר אנגעזאגט.

ער געהט ארום אין זיין צימער, וויא א גרימיגער טיגער אין זיין אייזערנער שטייג. עס איז זעהר וויכטיג פאר איהם צו וויסען, וואס סטאסא האט געבכטען אפגעטאהן. זיא קומט אבער ניט.

אזוי איז פערגאנגען דער טאג. נאני איז געוועזען אויסער זיך. פלוצלונג האט ער געהערט קלאפען אין דער טהיר. ער האט זיך דערפרעהט און איז געלאפען עפענען.

— ענדליך איז זיא געקומען! האט ער אויסגערופען.

צו זיין גרעסטער איבערראשונג אבער איז אנשטאט סטאסאַן אריינגעקומען דער אדוואקאט נאוואק.

אויף דיזען נאסט האט ער זיך ניט געריכט. דענאך האט ער איהם בעגריסט גאנץ פריינדליך און האט איהם געבעטען זיך זעצען.

— וואס ברייננט איר מיר עפּעס נייעס, הערר אדוואקאט? האט נאַני גיפרעגט.

— איך האב פאר אייך זייער וויכטיגע נייעס, האט נאוואק געענטפערט און איך [illegible]ר, אז איהר וועט צופריעדען זיין.

— ביטע, הערר נאוואק, דערצעהלט!

— האט איהר געהערט עפּעס פון באראן ארטהור פאן באטהיאני?

— ניין, איך האב אין דער לעצטער צייט פון איהם גאר ניט געהערט, האט נאַני געענטפערט מיט אן אונשולדיגער מינע.

— נון, דאן וועל איך אייך דערצעהלען, אז מען האט איהם מיט דער יונגער גרעפין פאן טאקקי געחאפּט אין דער טירקיי און מען האט זיי צונעשטעלט צו דער גרענעץ. איך בין זיכער, אז אין א גאנץ קורצע צייט וועלען זיי זיין אין בודאפּעסט. איך בין העכסט צופריעדען, וואס עס איז מיר ענדליך געלונגען אויסצופיהרען מיינס.

— איך האב אויך עפּעס מיטגעהאלפען, אז מען זאל זיי חאפּען, האט נאַני בעמערקט גלייכגילטיג.

— איהר, הערר בארא? האט נאוואק געפרעגט ערשטוינט, וואס האט איהר דען געטאהן?

— איינער פון מיינע פריינד האט זיי אויסגעפונען אין דער טירקיי. האט נאַני געענטפערט רוהיג. אהן איהם, וואלט מען זיי אויף קיין פאל ניט אויסגעפונען. — וואס העלפט עס אבער? ——

— וויא עס וויזט אויס, פרעהט איהר זיך ניט אזוי שטארק מיט מיין נייעס, האט נאוואק געזאגט.

— וואס ווערט דערפון, וואס מען האט געחאפּט ארטהורן מיט עלווירא'ן, זא לאנג דער שטומער בעטלער ... אויסער דעם זיינען דא נאך אנדערע זאכען, וועלכע בעאונרוהיגען מיך.

ער איז ווידער געבליעבען שטיל. ער האט זיך ווידער אונטערבראכען.

נאוואק האט געקוקט אויף איהם מיט שטוינען און שרעק. ער האט זעהר גוט פערשטאנען, אז נאַני פערשווייגט עפּעס, אז נאַני דרעהט זיך עפּעס; אז ער וויל עפּעס ניט זאגען. ער האט זיך איבערלעגט, וויא אזוי ארויסצוקוועטשען פון איהם זיין געהיימניס.

— הערר נאוואק, האט פּלוצלונג נאַני אויסגערופען, זייט איהר מיין פריינד?

— וואס פרעגט איהר, הערר בארא? האבען מיר דען ניט דיזעלבע אינטערעסע? איז דען פאר אונז ביידען ניט נעטהיג, אז דער בארא פאן באטהיאני זאל קומען צוריק קיין בודאפּעסט און מען זאל איהם אויפהענגען? איך מוז זיין אייער פריינד, מיינע אינטערעסען פאדערן עס.

— איהר האט רעכט, הערר נאוואק, מיר האבען אבער נאך אנדערע פיינד אייסער דעם באראן פאן באטהיאני.

— נאך אנדערע? האט נאוואק געפרעגט, ווער זיינען זיי דען? דערצעהלט מיר אלעס, ליעבער באראן. צוויא מענשען זיינען בעסער אלס איינער. צוויא קעפ קענע בעסער בעקלערן א זאך אלס איינער.

נאגי האט איהם דערצעהלט אלעס, וואס איז פארגעקומען מיט'ן שטומען בעטלער און אז ער האט איבערגעגעבען א פעקעל פאפיערן דעם גראף מעראס.

— בערוהיגט אייך, הערר באראן! האט דער אדוואקאט אויסגערופען, האט פאר איהם קיין מורא ניט. דער שטומער בעטלער איז געווארען א הענקער. ער קען שוין יעצט גאר ניט טאהן.

דער שטומער בעטלער איז געווארען א הענקער? האט נאגי אויסגערופען, וויא איז דאס מעגליך?

נאוואק העט איהם דערצעהלט אלעס, וואס ער האט געטאהן נעכטען ביי נאכט.

— וויא איהר זעהט, ליעבער באראן, האט נאוואק געענדיגט זיין ערצעהלונג, האבען מיר יעצט ניט וואס מורא צו האבען פארן שטומען בעטלער. ער איז א הענקער און א הענקער קען קיינעם ניט פערקלאגען און קען ניט אויפטרעטען אלס צייגע אין א געריכט.

— וואס ווערט דען דערפון? האט נאגי געפרעגט. דער שטומער בעטלער איז געווארען א הענקער, ער קען אונז שוין מעהר ניט שאדען, אבער דיא פאפיערן? גראף מעראס וועט דאך עפענען דאס פעקעל און וועט לעזען דיא פאפיערן. דאס איז דאך דיא הויפטזאכע.

— וועגען דיא פאפיערן דארפט איהר זיך אויך ניט בעאונרוהיגען, האט דער אדוואקאט געענטפערט, איך וועל זעהן, אז דאס געריכט זאל הייסען פער־זיעגלען דאס פעקעל פאפיערן. דאן קענען זיי אוועקליעגען צעהנער יאהרען און קיינער וועט זיי ניט לעזען.

— וועט עס דער גראף מעראס ערלויבען?

— וואס קען דא העלפען גראף מעראס? דער קייזער אליין קען גאר ניט העלפען אין אזא פאל. אזוי וויא דיא פאפיערן געהערן ניט צו גראף מעראס, דארפען זיי ליעגען אין געריכט, ביז עס וועט קומען א מענש, וועלכער וועט בעווייזען, אז ער האט א רעכט אויף דיעזע פאפיערן, וועט מען זיי איהם ארויסגעבען. ביז וואנען אזא מענש וועט קומען, וועל איך שוין געפינען א געלעגענהייט צו לעזען דיעזע פאפיערן. עס קען זיך מאכען אנאנדער געלעגענהייט. עס קען זיך מאכען, אז עס זאל אויסברעכען א פייער און אלע פאפיערן פון געריכט זאלען פערברענט ווערן. א מענש קען דאך ניט וויסען, וואס מארגען וועט זיין.

נאגי'ס געזיכט איז געווארען פרעהליכער. דער אדוואקאט האט איהם ווירקליך בערוהיגט.

— איהר האט פאלקאמען רעכט, הערר אדוואקאט! האט נאגי געזאגט פרעהליך, איהר קענט זיין א גוטער און וואהרער פריינד. איך בעט אייך אבער, איהר זאלט

זיך ניט איילען צו פאָרדערן דיעזע פאפיערן דורך דאס געריכט. איך האב אויך א: אויסזיכט צו בעקומען דיעזע פאפיערען אויף אנאנדערן וועג. איך ערווארטע יעדע מינוט א נאכריכט פון א געוויסען מענשען.

— דאס וואלט געווען נאך בעסער, האט דער אדוואקאט אויסגערופען.

— איך האב צו אייך נאך א ביטע.

— זאגט מיר נור, ליעבער באראן, וואס איהר פערלאנגט, פון אייערטוועגען וועל איך טאהן אלעס מעגליכע.

— אין פאל, אז דאס געריכט וועט מוזען זיך ארייננמישען אין דיעזע אנגעלעגענהייט, וויל איך ניט, אז מיין נאמען זאל דערביי דערמאנט ווערן. איך וויל ניט מיך צוקריעגען מיט גראף מעראס. מיר קענען ציעהן פון איהם נוצען. צו וואס זאלען מיר זיך מיט איהם צוקריעגען?

— מיך קימערט זעהר װעניג, װען דער אלטער װעט אויף מיר ברוגז זיין, האט נאוואק געענטפערט.

— מיך קימערט עס אבער, האט נאני אויסגערופען, איך וויל ניט, אז דער אלטער גראף זאל אויף מיר זאגען א שלעכטעס ווארט.

— ער וועט צו אייך גאר ניט האבען, האט איהם דער אדוואקאט פערזיכערט

— הערר נאוואק, האט נאני פלוצלונג געזאגט, איהר האט מיר רעקאמענדירט א געוויסע פרוי און האט מיר געזאגט, אז מען קען זיך אויף איהר פערלאזען. איך האב איהר געהייסען עפעס טאהן, זיא האט צוגעזאגט עס באלד צו טאהן. יעצט איז שוין דער דריטער טאג און זיא קומט ניט. וואס זאל עס הייסען?

— מען מעג זיך פערלאזען אויף יענע פרוי, בעזאנדערס ווען מען דארף איינעם טאהן שלעכטעס, סטאסא איז דאן דאס אונגליק אליין. ווען זיא איז נאך ניט צוריקגעקומען, איז עס דער בעסטער בעוויז, אז זיא האט נאך ניט געקענט אויספיהרען, וואס זיא האט צוגעזאגט.

נאני האט נים געענטפערט. ער האט נאך געקענט צו וועניג דעם טייפעל, וועלכען נאוואק האט איהם געשיקט.

— וואס דענקט איהר, הערר באראן? האט נאוואק געפרעגט, ווען זאל איך בעטען דאס געריכט, אז עס זאל פאָרדערן דיא פאפיערן פון גראף מעראס?

— אין א פאר טאג ארום.

— וועט עס ניט זיין צו שפעט?

— וואס מיינט איהר דערמיט?

— איך מיין דערמיט: וועט גראף מעראס ניט זיין נייגיעריג און זיי עפענען? האט נאוואק געענטפערט. ווען איהר זייט זיכער, אז ער וועט זיי ניט עפענען, קענען מיר זיי לאזען ליעגען ביי איהם, וויא לאנג מיר וועלען פערלאנגען.; ווען איהר דענקט אבער, אז גראף מעראס קען זיי עפענען, מוזען מיר זיך איילען און זיי באלד פערזיגלען.

— איך דענק, אז מיר האבען זיך ניט וואס צו איילען, האט נאני בעמערקט.

דער דורכגעטריעבענער נאוואק האט געלעזען אין נאני'ס געזיכט, אז ער טרויט איהם אויך ניט. דאס האט איהם א ביסעל פערדראסען.

ער האט זיך שנעל אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און האט געזאגט:

— אלזא, מיר האבען שוין אלעס אפגערעדט, איך האב יעצט זעהר ווייניג צייט. איהר וועט מיר געוויס מעלדען, ווען איך זאל ארויספאָרדערן דיא דאקומענטען פון גראף מעראס.

— געוויס, הערר אדוואקאט!

— דאן ערלויבט מיר זיך צו עמפפעהלען.

נאני האט איהם גענעבען דיא האנד, א צייכען, אז ער ערלויבט איהם צו געהן צום טייפעל.

נאוואק האט זיך פערניינט און איז אוועקגעגאנגען. קוים איז ער ארויסגעגאנגען פון צימער, האט זיך אויף זיין געזיכט געוויזען א ווילדער אויסדרוק.

— איך האב איהם אין דיא הענד, האט ער געמורמעלט. איך בין קליגער פון איהם. איך וועל איהם אויסנוצען. ער מיינט, אז ער נאררט מיך אפ. דיעזע פאַפּיערן, וועלכע געפינען זיך ביי גראף מעראס, זיינען וויכטיג פאר איהם, אבער ניט פאר מיר. איך וועל זיי האבען און וועל שוין וויסען, וואס צו מאכען פון זיי.

נאני האט זיך אין גאנצען בערוהיגט, ווען דער אדוואקאט איז אוועקגעגאנגען.

— יעצט איז אלעס ווידער גוט! האט ער אויסגערופען, ארטהור און עלווירא געפינען זיך פון דיעזער זייט גרענעץ. אלזא, מוזען זיי זיין דא אין איינעגע טעג ארום. דאס וועט שוין פערזארגען יאזעף. דער גראף וועט ניט לעזען דיא פאפיערן. ער וועט ווארטען, ביז דער שטומער בעטלער וועט קומען, דערוויילע וועט מען זיי ביי איהם צונעהמען. דאס וועט שוין בעזארגען דער אדוואקאט. דער איינציגער, פאר וועלכען איך האב נאך מורא געהאט, איז געווען דער שטומער בעטלער, ער איז יעצט א הענקער. אלזא, אלעס געהט נאך וואונש. אלעס איז אין דער בעסטער ארדנונג! איך מוז געהן עס זאגען מיין אייזשעניע. לאז זיא וויסען, אז נאני איז ווירקליך דער גרויסער מאן!

מיט דיעזע ווערטער איז ער געגאנגען צו זיין פרוי און האט איהר אלעס דערצעהלט.

— ווער האט עס דיר געזאגט, אז ארטהור און עלווירא געפינען זיך שוין ניט ווייט פון דאנען?

— דער אדוואקאט נאוואק.

— דאן איז עס וואהר, האט דיא גרעפין געענטפערט, איך דענק, אז מיר דארפען עס מעלדען דער גרעפין פאן טאקקי, עס איז פאר איהר א פרעהליכע נאכריכט.

— ניין, אייזשעניע! האט נאני געענטפערט, דיא גרעפין פאן טאקקי דארף עס נאך ניט וויסען.

— איך פערשטעה דיך ניט, נאני, פאר וואס זאל זיא עס ניט וויסען? פאר וואס זאלען מיר איהר ניט ברענגען א פרעהליכע נאכריכט? פאר וואס זאלען מיר איהר ניט מעלדען פריהער א זאך, וועלכע זיא וועט אין עטליכע טעג אליין געוואהר

ווערן? איך דענק, אז באלד וועט עס זיין געדרוקט אין אלע צייטונגען, אז מען האט געחאפט דעם גרויסען פערברעכער, ארטהור באראן פאן באטחיאני.

נאני האט געוואלט עפּעס ענטפערן, אין דיעזע מינוט אבער איז אריינגעקומען א לאקיי פון האטעל און האט געמעלדעט, אז א דיענער פון גראף מעראס וויל זעהן דעם באראן.

נאני איז ארויסגעלאפען אין קארידאר. דארט איז ווירקליך געשטאנען א לאקיי פון גראף מעראס.

— וואס דארפסט דוא מיך? האט ער געפרעגט.

— דיא גרעפין פאן טאקקי האט געלאזען בעטען, איהר זאלט באלד קומען, האט דער דיענער געענטפערט.

— זאג דער גרעפין אז איך וועל באלד קומען, האט נאני געענטפערט.

דער דיענער האט זיך פערנייגט און איז אוועקגעגאנגען.

— וואס זאל דאס הייסען? האט נאני געפרעגט זיך אליין. זאל זיא שוין וויסען דערפון? זאל זיא שוין וויסען, אז מען ברענגט ארטהור'ן מיט עלוויראַ'ן? — דאן איז שלעכט. דאן וועט זיא ניט וועלען ארויסגעבען דיא פאפּיערן ביי איהר ברודער. דאן וועל איך מוזען אנקומען צום אדוואקאט, ער זאל פאָרדערן, אז מען זאל פערזיעגלען דיעזע פאפּיערן. דאס איז מיר אבער ניט גאנץ אנגענעהם. איך וואלט געוועזן פיעל מעהר צופריעדען, אז דיא גרעפין זאל ארויסנעהמען דיא פאפּיערן און זאל זיי מיר איבערגעבען. אלענפאלס מוז איך געהן צו איהר. איך מוז וויסען, וואס דארט טהוט זיך.

ער האט זיך באלד אנגעטאהן און איז אוועקגעפאהרען צו דער גרעפין.

17טער קאפּיטעל.

ענטשלאסען.

זייט סטאסא איז געוועזן ביי איהר און האט איהר געווארפען קארטען, איז דיא גרעפין פאן טאקקי געוועזן זעהר אונרוהיג. סטאסא'ס קארטען ווארפען האט זיא אויפגערעגט.

— איך האב ביי מיר אין הויז פאפּיערן, פון וועלכע איך וואלט געקענט וויסען, וואו מיין טאכטער געפינט זיך און איך קען זיי ניט לעזען, האט זיא געברומט און זיך אויפגערעגט. איז עס ניט א הארץ וועהטאג צו זעהן מיט דיא אויגען א פאפּיער, פון וועלכען זיא וואלט געקענט עפּעס וויסען און מען קען עס ניט עפענען?

זיא איז ניט געשלאפען דיא גאנצע נאכט נאך סטאסא'ס אוועקגעהן. דעם אנדערן טאג איז זיא געוועזן אזוי אונרוהיג, אז זיא האט זיך ענטשלאסען צו שיקען רופען דעם באראן נאני.

— דיא פרוי האט רעכט, נאני איז מיין איינציגער פריינד, האט דיא גרעפין געזאגט צו זיך אליין. נאני מוז מיר געבען א ראטה. נאני מוז מיר העלפען. איך מוז איהם שיקען רופען.

זיא האט אזוי געטאהן און נאני איז באלד געקומען.

— גנעדיגע פרוי, האט נאגי געזאגט און האט זיך טיעף פערנייגט, איך האב געפאלגט אייער בעפעהל און בין באלד געקומען. איהר האט געוויס גאנץ וויכטיגע נייעס, וואס איהר האט געשיקט מיך רופען.

— איך האב אייך געשיקט רופען אין א זאנדערבארע אנגעלעגענהייט, האט דיא גרעפין געענטפערט. איך ווייס אליין ניט, וויא איך זאל עס אייך ערקלערן. איהר וועט געוויס לאכען פון מיר, ווען איך וועל עס אייך דערצעהלען.

— לאכען פון א י י ך, גנעדיגע גרעפין? — דאס איז אונמעגליך! איך שעץ אייך און אכטע אייך אזוי הויך, אז איך קען גאר ניט דענקען, אז איינער זאל דענקען פון אייך צו לאכען.

— און דענאך האט מיר פאסירט אזא פאל, וועלכען איך קען מיר ניט ערקלערן.

— דאס איז ווירקליך זאנדערבאר! האט נאגי אויסגערופען. ווען דיא קלוגע און עדעלע גרעפין פאן טאקקי קען זיך ניט ערקלערן, ווייס איך שוין ניט, ווער עס וועט זיין אים שטאנד עס צו ערקלערן. אלענפאלס וויל איך הערן וואס אייך האט פאסירט.

— עס איז געקומען צו מיר אן אלטע פרוי און האט אנגעהויבען צו בעטען, זיא וויל מיר ווארפען קארטען. איך בין ניט אבערגלויביש און האב פיינד אלע צויבערייען קונסטשטיקע און וואהרזאגען (ווארזשען). דיא פרוי אבער האט אזוי לאנג געבעטען ביז איך האב עס איהר ערלויבט.

שטעלט אייך פאר מיין שטוינען. דיא אלטע קארטענוווארפערין האט מיר גע־זאגט זאכען, וועלכע איך האב געהאלטען פאר א געהיימניס. זיא האט מיר דערצעהלט פון זאכען, וועלכע זיא האט אויף קיין פאל ניט געקענט וויסען. איך הייב שוין אן צו גלויבען אין קארטען.

— דיא קארטען אליין זיינען גאר נישט, האט דער קלוגער און פרומער נאגי ערקלערט, דיא קארטען אליין ווייסען געוויס פון גאר נישט, דער מענש אבער, וועלכער ווארפט זיי, קען ווירקליך עפעס וויסען. איך האב געהערט, אז דיא ציגיינער, בעזאנ־דערס דיא ציגיינער פרויען, האבען געוויסע געהיימניסע, דורך וועלכע זיי וויסען, וואס עס וועט גישעהן מיט א מענשען.

— ריכטיג, הערר בעראן! דיא אלטע פרוי האט מיר טאקע געזאגט, אז א ציגיינערין האט זיא אויסגעלערנט דיא קונסט צו ווארפען קארטען.

— דאן איז מעגליך, אז אייער קארטענוווארפערין ווייס ווירקליך עפעס.

— הערר בעראן, איך שעהם מיך עס צו זאגען: דיא אלטע פרוי ווייס זעהר פיעל.

— קען איך וויסען, וואס דיא קארטענוווארפערין האט אייך געזאגט?

— געוויס, הערר בעראן!

דיא גרעפין פאן טאקקי האט איהם דערצעהלט אלעס, וואס סטאסא האט איהר געזאגט פון דיא קארטען. נאגי האט זיך געמאכט, אז ער איז ערשטוינט און פערוואונדערט.

— דאס איז זאנדערבאר! האט ער אויסגערופען, איך וואלט עס אויף קיין פאל

ניט געגלויבט, ווען די קלוגע און געבילדעטע גרעפין פאן טאקקי וואלט עס מיר ניט דערצעהלט.

— איך האב דאך אייך געזאגט, אז איך בין געווען העכסט איבעראשט וואס די קארטענווארפערין האט מיר דערצעהלט, אז אן אלטער מאן האט געבראכט אהער א פעקעל פאפיערן. איך מוז דאך עס גלויבען, איך ווייס דאָך, אז עס איז ריכטיג.

— וואס דענקט איהר אלזאָ צו טאָהן? האָט נאַני געפרעגט גאַנץ אונשולדיג.

— אַך! דאָס ווייס איך אַליין ניט! האָט די גרעפין אויסגערופען, איך האָב שוין געטראַכט, געקלעהרט און מיר געבראָכען דעם קאָפּ. איך קען גאָר ניט אויסגעפינען.

— זייט איהר איבערציינט, אז אייער קאָרטענווארפערין האָט אייך געזאָגט די וואהרהייט?

— געוויס בין איך איבערציינט. איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אז זי האָט אַלעס צוגעטראָפען, וויא זי וואָלט געווען דערביי.

— דאַן איז עס ווירקליך וואַהר, אז פון דיעזע פאַפּיערען קען מען געוואָהר ווערן, וואו די גרעפין געפינט זיך.

— דאָס ווייס איך! די פראַגע איז נור, וויא אַזוי קען איך דורכלעזען דיעזע פאַפּיערן?

דער באַראָן האָט געטראַכט איינינע אויגענבליקע, דאַן האָט ער געזאָגט:

— עס בלייבט פאַר אייך נור איין וועג. — איהר מוזט זעהן צו בעקומען דיעזע פאַפּיערן, זיי דורכלעזען און דאַן זיי צוריקלעגען אויף זייער אָרט.

— איך האָב אויך דערפון געדאַכט, אָבער איך ציטער ביי דיעזע געדאַנקען: איך זאָל נעהמען ביי מיין ברודער, אַ זאַך אָהן זיין וויסען? איך זאָל אָפּנאַררען מיין ברודער?

— גנעדיגע גרעפין! איהר פערגעסט, אַז איהר זייט אַ מוטער און טהוט עס צוליעב אַייער קינד. וואָס טהוט דען ניט אַ מענש צוליעב קינדער? אָפּפערט ניט אַ מוטער איהר לעבען פאַר איהר קינד? פאַר וואָס זאָל זי ניט אָפּפערן איהר געוויסען? אויסער דעם מוז איך אייך זאָגען, אַז אייער ברודער איז שוין צו שטרענג. ער ווייס זעהר גוט, אַז דיעזע פאפיערן האָט איהם איבערגעגעבען אַ שפּיאָן, אַ טויגעניכטס, אַ רויבער און אַ מערדער. דאַרף מען האַלטען אַ וואָרט. וועלכעס מען האָט געגעבען אזא מענשען? איך זאָג אייך די וואהרהייט, איך פערשטעה ניט אייער ברודער. וואס האלט ער זיך מיט דיעזע פאפיערן? צו וואס טויגען זיי איהם? איהר דארפט זיי, גנעדיגע גרעפין. איהר מוזט זיי לעזען. איהר מוזט וויסען, וואס עס איז אנגעשריעבען אין זיי, ווייל עס האנדעלט זיך וועגען אייער קינד.

— איהר האט פאלקאמען רעכט, הערר באראן, איך האב אויך געטראכט דאס זעלבע; איך האב אבער געוואלט פרעגען אייער מיינונג אלס עהרענמאַן, אויב איך דאַרף עס טאָהן.

— געוויס, דאַרפט איהר עס טאָהן! האָט נאַני אויסגערופען, איהר מוזט עס טאָהן! קוים וועט איהר וויסען, וואו עלווירא געפינט זיך, וועלען מיר באלד זי ברענגען

אחיים. צו וואס זאל אייער קינד זיך וואלגערן אין פרעמדע לענדער? צו וואס זאל זיא ארומפאהרען מיט א פערברעכער, וועלכער איז פעראורטהיילט צום טויט?

— איך וואלט עס שוין געטאהן, האט דיא גרעפין געזאגט, איך האב אבער קיין....

— איהר האט קיין שליעסעל צו אייער ברודערס קאסא קאסטען, האט נאני געזאגט רוהיג, נו, דאס איז נאך קיין אונגליק. מען קען זיך אן עצה געבען.

— איך קען עס ניט, הערר באראן.

נאני האט ארויסגענומען פון קעשענע א שטיקעל וואקס און האט עס דערלאנגט דער גרעפין.

— נעהמט דיעזע שטיקעל וואקס און קלעפט עס צו צום לאך פון'ם שלאס. אויף'ן וואקס וועט זיך איינדריקען דיא פארם פון'ם שליעסעל. אין א שטונדע ארום וועל איך אייך ברענגען א שליעסעל.

דיא גרעפין איז בליעך געווארען. זיא איז דאך געוועזען א גרעפין פאן טאקקי. זייט זיא לעבט, האט זיא ניט געוואוסט, וויא אזוי מען עפענט א פרעמדען שלאס. ווען זיא זאל ניט געוועזען זיין אזוי איינפאך און וואלט זיך בעסער צוגעקוקט צו נאני'ס געזיכט, וואלט זיא געזעהן, אז ער דענקט וואס אנדערש. זיא וואלט פיעלייכט זיך געשטעלט דיא פראגע: פון וואנען וויים עס אן עדעלער באראן, וויא אזוי מען מאכט א נאכ־שליעסעל?

זיא האט עס אבער ניט געפרעגט. וויא א בעטרונקענע איז זיא אריינגעגאנגען אין צימער, וואו איהר ברודערס קאסא קאסטען איז געשטאנען. איהר געזיכט האט געברענט, איהרע אויגען האבען געפונקעלט, איהרע הענד האבען געציטערט, ווען זיא האט צוגעלענט דאס שטיקעל וואקס צום שלאס פון'ם קאסא קאסטען און האט אראפ־גענומען א צייכנונג פון'ם שליעסעל.

זיא האט זיך געשעהמט פאר זיך אליין. זיא האט געציטערט. זיא האט עס אבער דאך געטאהן. אין איהרע אויערן האבען געקלונגען נאני'ס ווערטער: „וואס טהוט דען ניט א מוטער פאר איהר קינד?"

ענדליך איז זיא צוריק געקומען מיט'ן שטיקעל וואקס און האט עס איבערגעגע־בען דעם באראן נאני. דאן האט זיא אויפגעאטהעמט פרייער, גלייך וויא א שווערער שטיין וואלט זיך איהר אראפגעקייקעלט פון הארצען.

נאני האט גענומען דאס שטיקעל וואקס און האט געמאכט א מינע, אז ער וויל אוועקגעהן.

— ווארט נאך אביסעל, האט דיא גרעפין געבעטען.

— וואס נאך זאל איך ווארטען? אין א האלבע שטונדע, העכסטענס אין א שטונדע ארום קום איך צוריק און ברענג אייך א שליעסעל.

— דאן וועל איך אויף אייך ווארטען, האט דיא גרעפין געזאגט.

נאני איז ארויסגעגאנגען.

— בעסער אזוי, האט דיא גרעפין געזאגט צו זיך אליין. בעסער אזוי, איך וועל מיך דערוויילע בערוהיגען. — אך! וויא שרעקליך איז עס צו בעגעהן א פערברעכען.

איך ווייס, אז איך האב שלעכט געטאהן. איך ווייס, אז עס איז זעהר אונגערעכט פון מיר צו געהן מיט א נאכשליסעל צו מיין ברודערס קאסא קאסטען. וואס האב איך אבער געקענט מאכען? — איך מוז וויסען, וואו עלווירא געפינט זיך.

זיא האט זיך געווארפען אויפ'ן דיוואן, האט פערדעקט איהר געזיכט מיט ביידע הענד און האט אנגעהויבען צו וויינען.

— איך האב דאך נור צוויא קינדער, האט זיא געוויינט. געארג דערוויטערט זיך פון מיר. ער האלט זעהר פון דעם פערברעכער ארטהור. ער וויל ניט גלויבען, אז ארטהור איז שולדיג. ער האט געהאלפען עלוויראַ'ן אנטלויפען מיט ארטהור'ן. — מיין איינען קינד! א ברודער האט געהאלפען א שוועסטער אנטלויפען מיט א פערברעכער! איך פערשטעה איהם ניט! וויא קען עס א גראף פאן טאקקי זיך אזוי פערגעסען?

אזוי וויא זיא האט אזוי גערעדט צו זיך אליין און האט געוויינט, האט מען געקלאפט אין דער טהיר. דיא גרעפין האט שנעל אפגעווישט דיא טרערין פון דיא אויגען און איז געלאפען עפענען.

נאני איז צוריקגעקומען מיט א שליסעל.

— יעצט, גנעדיגע גרעפין, דארפט איהר עס ניט אפלעגען אויף שפעטער, האט ער איהר געזאגט. איהר מוזט זעהן צו בעקומען דיא פאפיערן, וויא אם שנעלסטען. אט האט איהר דעם שליעסעל. איך בין זיכער, אז ער וועט צופאסען צום שלאס.

דיא גרעפין האט צוגענומען דעם שליעסעל און איז דאך געבליעבען זיצען אויף איהר ארט.

— וואס איז, גרעפין? וואס איז מיט אייך? האט נאני געפרעגט.

— איך האב נאך א שוועריגקייט, האט דיא גרעפין געענטפערט.

— וואס נאך פאר א שוועריגקייט האט איהר?

— דיא פאפיערן זיינען דאך פערזיעגעלט, וויא וועל איך קענען אויפרייסען דעם זיעגעל? מיין ברודער וועט עס דאך באלד דערקענען. וואס טהוט מען דערצו?

— דערצו קען מען אויך געפינען א מיטעל, האט נאני געענטפערט, מען קען אראפנעהמען א זיעגעל, מען קען נאכמאכען א זיעגעל.

— וויטער נאכמאכען! האט געזיפצט דיא גרעפין, אראפנעהמען,—נאכמאכען! אך! קען מען דען ניט אויסקומען אהן אזעלכע זאכען?

— מען קען געווים אויסקומען אהן זיי, האט נאני אונטערברומט.

— וויא אזוי? האט דיא גרעפין אויסגערופען, זאגט מיר! גיט מיר א ראטה! וואס זאל איך טאהן?

— איך זעה, אז וויא קלוג און וויא גרויס דיא גרעפין פאן טאקקי איז, בלייבט זיא דאך א פרוי, האט נאני געזאגט מיט א פרומער מינע. דיא פרויען זיינען דאך צו שוואך, ווען עס קומט אויס צו טאהן דיא קלענסטע זאך. איך זעה, אז איהר וועט יעדעס מאל געפינען נייע שוועריגקייטען.

— וואס זאל איך אבער טאהן?

— ווייסט איהר וואס? ברענגט מיר דאס פעקעל מיט דיא בריעף, האט נאני

געזאגט, איך וועל עס עפענען, איך וועל זיי דורכלעזען, איך וועל צוריק פערזיעגלען דאס פעקעל און וועל עס אייך צוריק ברענגען.

— איהר האט פאלקאמען רעכט, הערר באראן, האט דיא גרעפין געזיפצט, דאס איז ווירקליך אן ארבייט פאר א מאן און ניט פאר א פרוי.

— אלזא, גנעדיגע גרעפין, ווען דענקט איהר מיר צו געבען דאס פעקעל?

— מארגען אין דער פריה.

— מארגען? האט נאני איבערגעפרעגט, פאר וואס ניט היינט? פאר וואס ניט שוין? איהר פערגעסט, גנעדיגע גרעפין, אז ביז מארגען קענען מיר דאך שוין ארויס־שיקען א מענשען נאך עלווירא'ן.

דיא גרעפין האט זיך פערטראכט. זיא האט אומיסטען געוואלט אפלעגען אויף מארגען, ווייל זיא האט געהאפט, פיעלייכט וועט זיך מאכען דערווייל א געלעגענהייט זיא זאל עס גאר ניט דארפען. יעצט אבער האט איהר נאני געטראפען פונקט אין דעם ארט, וואו עס טהוט איהר וועה.

— איך מוז פריהער וויסען, אויב מיין ברודער איז ניטא אין דער היים, האט זיא געזאגט לאנגזאם.

— זייט מוטהיגער, גנעדיגע גרעפין! האט נאני זיא אונטערגעטריעבען. טהוט עפעס, ווען איהר ווילט טאהן! רוהט ניט! לעגט ניט אפ אויף מארגען, וואס איהר קענט היינט טאהן.

ער האט זיא אזוי אונטערגעטריעבען און אויפגערייצט, אז זיא איז אוועקגעגאנגען אין צימער, וואו עס איז געשטאנען איהר ברודערס קאסא קאסטען.

נאני איז געבליעבען אליין. עס האט איהם געקלאפט דאס הערץ, וויא מיט האמערס. אט! אט! וועט ער אויספיהרען, וואס ער האט געוואלט! — באלד וועלען דיעזע פערדאמטע פאפיערן זיך געפינען אין זיינע הענד!

— וואס וועט זיין, ווען זיא וועט זיך איבערשרעקען און וועט מיר ניט ברענגען דיא פאפיערן? האט ער געטראכט, — וואס וועט זיין, ווען זיא וועט טרעפען איהר ברודער לעבען זיין קאסא קאסטען?

ער האט געציטערט, ער האט צוגעלענט דעם אויער צו דער וואנד און האט זיך צוגעהערט צו יעדען גערויש, וועלכען ער וואלט געקענט הערען אין אנדערן צימער. אלעס איז שטיל.

עס זיינען אזוי פערגאנגען עטליכע שווערע מינוטען. פלוצלונג האט זיך דיא טהיר געעפענט און דיא גרעפין איז אריינגעקומען.

זיא איז געווען בלייך, וויא קאלך און האט געציטערט, וויא אין א פיעבער אונטערן ארים האט זיא געטראגען דאס פעקעל פאפיערען. זיא האט האסטיג פער־שאכט דיא טהיר הינטער זיך און האט דערלאנגט דעם באראן נאני דיא פאפיערן.

— נאט אייך, באראן, האט זיא געקייכט. אך! איך קען עס ניט! איך האב זעהר שלעכט געטהאן. איך וויים עס, איך פיהל עס. — אלזא, שנעל, הערר באראן! פאהרט אהיים, לעזט זיי איבער און קומט באלד מיר זאגען, וואו עלווירא געפינט זיך. שנעל! איך בעט אייך!

נאני האט ניט געווארט, אז דיא גרעפין זאל איהם בעטען נאך אמאל. ער האט געחאפט דאס פעקעל פאפיערן אונטערן ארים און האט געוואלט ארויסגעהן.

— ווען וועט איהר עס מיר צוריק ברענגען? האט דיא גרעפין געפרעגט.

— היינט איז שוין שפעט, האט נאני געענטפערט, מארגען פריה וועל איך עס אייך צוריק ברענגען פערפאקט און פערזיגעלט, וויא איך האב עס גענומען.

— איך וועל אייך ערווארטען מארגען אום צעהן אוהר.

— און איך וועל פינקטליך זיין, גנעדיגע גרעפין, האט נאני געענטפערט

ער האט זיך טיעף פערנייגט און האט געזאגט:

— גוטע נאכט, גנעדיגע גרעפין!

דאן איז ער האסטיג פערשוואונדען.

עס איז געוועזען אין מאנאט נאוועמבער, ווען דיא טעג זיינען קורץ; אום פיער אוהר איז שוין דונקעל אין דרויסען. דיא גרעפין איז געבליעבען אליין אין צימער, אין וועלכען עס איז אימער געווארען דונקעלער און דונקעלער. זיא האט זיך אומגעקוקט, האט א ציטער געטאהן און האט געזיפצט שטילערהייט:

— איך האב זעהר שלעכט געטאהן. איך האב אפגענארט מיין ברודער. — צו וואס האב איך עס געדארפט? — אך! צוליעב מיין טאכטער! צוליעב עלוויראן! — וואס טהוט מען ניט צוליעב קינדער? וואס איז אונזער לעבען? פאר וועמען ארבייטען מיר? — פאר אונזערע קינדער!

אין צימער איז געווארען דונקעלער און דונקעלער; דונקעלער און דונקעלער איז געווארען אויף דער גאס; דונקעלער און דונקעלער איז געווארען ביי דער גרעפין אויפ'ן הארצען.

21טער קאפיטעל

וואו זיינען דיא דאקומענטען?

אין צימער איז געווען דונקעל. דיא גרעפין פאן טאקקי איז געזעסען פערטיעפט אין איהרע געדאנקען. זיא איז געווען, וויא פערשטיינערט. פלוצלונג איז אריינגעקומען א דיענער און האט געמעלדעט:

— דער גנעדיגער גראף איז ניט לאנג געקומען פון זיינע געשעפטען. ער בעט דיא גרעפין צו זיך אין שרייב צימער.

דיא גרעפין האט זיך אויפגעחאפט, וויא פון א שווערן שלאף.

— צינד אן א ליכט און זאג מיין ברודער, אז איך וועל באלד קומען, האט זיא געזאגט צום דיענער.

דער דיענער האט אנגעצונדען א ליכט און איז זיך אוועקגעגאנגען.

— גאט אין הימעל! האט דיא גרעפין אויסגערופען, וואס וועט זיין, ווען ער וועט א קוק טאהן אין זיין קאסטען און וועט דערזעהן, אז עס פעהלען איהם דיא פאפיערן? וואס וועט ער דאן זאגען? וואס וועל איך איהם ענטפערן? — אך! וויא טרויעריג איז עס צו טאהן שלעכטעס! — זאל איך ניט געהן צו איהם? דאס איז אונמעגליך! ווען ער האט מיך געשיקט רופען, דארף ער מיך. איך מוז געהן.

זי איז לאַנגזאַם אַרויסגעגאַנגען פון איהר צימער און איז געגאַנגען אין איהר ברודערס שרייב צימער.

גראַף מעראַס האָט אויפגענומען זיין שוועסטער פריינדליך און העפליך, וויא געוועהנליך. ווען די גרעפין וואָלט אָבער ניט געווען אַזוי אויפגערעגט, וואָלט זי געוויס געווען בעמערקט, אַז איהר ברודער איז אויך זעהר אויפגע־רעגט.

— איך האָב פאַר דיר נייעס, ליעבע שוועסטער, האָט גראַף מעראַס איהר געזאָגט.

די גרעפין האָט אַ קוק געטאָהן איהר ברודער אין די אויגען, גלייך, וויא זי האָט איהם געוואָלט אויספאָרשען, וואָס ער האָט איהר צו זאָגען.

— וואָס פאַר אַ נייעס, ברודער? האָט זי איהם געפרעגט, דו האָסט מיך געשיקט רופען, וואַהרשיינליך איז דיין נייעס זעהר וויכטיג.

— יאַ שוועסטער, מיינע נייעס זיינען זעהר וויכטיג. עלווירא וועט באַלד זיין אין בודאַפעסט.

די גרעפין איז געוואָרען בלייך וויא קאַלך.

— וואָס זאָגסט דו, ברודער? האָט זי אויסגערופען.

— איך זאָג, וואָס איך ווייס.

— איך פערשטעהע דיר ניט ברודער! פון וואַנען ווייסט דו, אַז עלווירא וועט באַלד קומען קיין בודאַפעסט? פון וואַנען ווייסט דו, וואו זי געפינט זיך?

— איך ווייס ניט גענוי, וויא אַלעס איז פאָרגעקומען האָט גראַף מעראַס געזאָגט ערנסט, איך ווייס אָבער, אַז אַ שפּיאָן פון דער פּאָליציי איז עס גע־לונגען אויסצופאָרשען, וואו אַרטהור און עלווירא האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין דער טירקיי. ער האָט געבעטען די טירקישע פּאָליציי, מען זאָל זיי אַרעס־טירען און מען זאָל זיי צושטעלען צו דער עסטרייכישער גרענעץ. היינט האָט די היגע פּאָליציי ערהאַלטען אַ בריעף פון דער גרענעץ, אַז די טערקישע פּאָליציי האָט זי שוין איבערגעגעבען און מען שיקט זיי קיין בודאַפעסט מיט אַ קאָנוואָי פון סאָלדאַטען.

די גרעפין איז אויפגעשפּרונגען פון'ם שטוהל, אויף וועלכען זי איז גע־זעסען און האָט אויסגערופען:

— גאָט זיי דאַנק! ענדליך וועל איך זי דאָך ווידערזעהן! איך בין אַמאָהל געוועזען בייז אויף איהר און האָב שוין געוואָלט אין גאַנצען מיך אָפּ־זאָגען פון איהר. — אומזיסט! איך קען עס ניט! זי איז דאָך מיין קינד. איך ליעב זי. איך פערצייהע איהר אַלעס, וואָס זי האָט געטהאָן געגען מיר. איך פערצייהע זאָגאַר א י ה ם, וואָס ער האָט זי פערפיהרט פון מיר, ווען ער האָט זי נור ניט געהייראַטהעט אויפ'ן וועג. —

— און ווען ער האָט זי יאַ געהייראַטהעט? האָט גראַף מעראַס געפרעגט.

— אַך, ברודער! ווען זי איז זיין פרוי, איז זי דאָך אונגליקליך. ער איז דאָך אַ פערברעכער. מען וועט איהם אויפהייגען און זי וועט שטענדיג היי־סען די פרוי פון אַ געהאַנגענעם פערברעכער. איך וועל עס ניט אויסהאַלטען איך וועל שטאַרבען פאַר שאַנדע.

— גלויבסט דוא ווירקליך, אז ארטהור פאן באטהיאני איז א פערברעכער? האט דער אלטער גראף געפרעגט.

— וויא זאל איך עס ניט גלויבען, ווען דאס געריכט האט איהם פעראורטהיילט צום טויט? פערגעס ניט, ברודער, אז עס זיינען געווען גענוג איהם פיעלע און וויכטיגע בעוויזע, אז ער האט נאכגעמאכט פאלשעס געלד. איך גלויב ניט, אז דאס געריכט זאל פעראורטהיילען צום טויט אן אונשולדיגען.

— אך, שוועסטער! דוא קענסט זעהר ווייניג דיא וועלט און דיא מענשען. ערשטענס, זיינען דיא קלינסטע ריכטער אויך ניט מעהר, וויא מענשען, בלינדע מענשען, וועלכע זעהן ניט, וואס עס טהוט זיך הינטער זייער רוקען. צווייטענס, זיינען אומעדום דא מענשען, וועלכע זיינען בערייט צו דערטרינקען דעם אנדערן אין א לעפעל וואסער אום נור צו ציעהן דערפון דעם קלייגסטען נוצען. פאר געלד פערקויפט איין ברודער דעם אנדערן; פאר געלד פערקויפט א פאטער זיינע קינדער און קינדער פערקויפען זייערע עלטערן. וואס קען מען וויסען, ווער עס האט פערקויפט ארטהורן און פאר וויאפיעל מען האט איהם פערקויפט? — איך זאג דיר, שוועסטער, אז איך בין איבערצייגט, אז ארטהור איז אונשולדיג און איך וועל בלייבען ביי דיעזער איבערצייגונג, זא לאנג עס שלאגט נאך אן אדער אין מיר. — איך בין פעסט איבערצייגט, אז דיא וואהרהייט וועט זיך דאך אמאל ארויסווייזען און אלע וועלען זעהן און וויסען, אז מען האט פעראורטהיילט צום טויט אן אונשולדיגען מענשען.

— עס קען געוויס זיין, האט דיא גרעפין געזאגט, וואס וועט אבער דערפון ווערן? דערווייל וועט מען איהם אויפהענגען. וואס וועט ער האבען דערפון, ווען נאך זיין טויט וועט מען געוואהר ווערן אז ער איז אונשולדיג?

— איך האף, אז דיא וואהרהייט וועט זיך ארויסווייזען נאך פאר זיין טויט, האט דער אלטער מאן געזאגט פעסט.

דיא גרעפין האט געשוויעגען. זיא האט ניט געוואלט שפארען זיך מיט איהר ברודער איבער א זאך, וועלכע זיי האבען ביידע ניט געוואוסט פאר געוויס. זיא האט זיך ענטשלאסען צו רעדען מיט איהם פון א זאך, וועלכע איז געווען פיעל וויכטיגער פאר איהר.

— ווען דערנקסט דוא, וועט ער קומען? האט זיא געפרעגט.

— נאך דער רעכנונג, דארף ער דא זיין שפעטעסטענס אין אכט טעג.

— דאן וועט עלווירא געוויס פריהער זיין פון איהם!

— ניין, זיי וועלען קומען ביידע מיט אמאל.

— וואס רעדסט דו, ברודער? וויא איז דאס מעגליך? זי פאהרט דאך געוויס ניט מיט איהם צוזאמען?

— ליידער פאהרען זייא ביידע צוזאמען.

— דיא גרעפין איז אויפגעשפרונגען, וויא אן אבגעבריהטע.

— וואס רעדסט דוא, ברודער? האט זיא געשריען ניט מיט איהר קול, וויא איז דאס מעגליך? פיהרט מען מיין טאכטער, דיא גרעפין פאן מאקקי, איך מיט א קאנוואי, וויא א פערברעכערין?

— ניין, שוועסטער, מען פיהרט זיא ניט מיט א קאנוואי, — זיא פאהרט מיט איהר אייגענעם פרייען וויללען.

— דאס קען ניט זיין! דאס איז אונמעגליך! האט זיך געקאכט דיא גרעפין.

— דאס איז אבער דאך וואהר, האט דער גראף בעמערקט געלאסען. זעהסט דוא, שוועסטער, עלווירא איז גראסמוטהיגער פון דיר. זיא איז אויך איבערצייגט, אז ארטהור איז אונשולדיג. —

— זיא איז ניט איבערצייגט, האט דיא גרעפין געשריען, זיא ליעבט איהם! דיא ליעבע איז בלינד. דיא ליעבע פערצייהעט אלעס און פערדעקט אלעס.

— דאס אליין איז דאך שוין גרויס, שוועסטער, האט דער גראף געענטפערט. דאס אליין צייגט דאך שוין אן ערדעלעס געפיהל. מיר בעטען ביי גאט, אז ער זאל פערצייהען אונזערע זינד. מיר שטעלען אונז פאר, אז פערצייהען קען נור א גאט. וויא גרויס אלזא איז דער מענש, וועלכער קען פערצייהען?

— דערצעהל מיר ליעבער, וויא אזוי קומט עס, וואס עלווירא פאהרט מיט א קאנוואי, האט דיא גרעפין געבעטען, איך מוז אלעס וויסען, איך קען עס ניט אויס־האלטען.

— ווען מען האט זיי צוגעבראכט צו דער גרענעץ און מען האט זיי איבערגע־געבען דעם עסטערייכישען קאמענדאנט פון צאללאמט, האט ער געבעטען עלוויראין, זיא זאל זיך פאהרען קיין טאקקי. ער וועט איהר פערשאפען א קארעטע מיט פערד און אלעס נעטהיגע און וועט זיא אפשיקען אהיים. ער האט ניט געוואוסט, אז דוא געפינסט זיך יעצט אין בודאפעסט. עלווירא האט אבער אויף קיין פאל ניט געוואלט זיך שיידען פון איהר געליעבטען. זיא האט געבעטען, אז מען זאל איהר ערלויבען צו פאהרען מיט איהם. דער אפיציער האט געמוזט איהר צוליעב טאהן.

— מיט וועמען פאהרט זיא אלזא? איך גלויב ניט, אז מען האט איהר ער־לויבט צו פאהרען מיט ארטהורן אין איין וואגען.

— דאס ניט. זיא פאהרט אין א קארעטע לעבען קאנוואי. זיא איז אבער פריי. זיא מעג זיך פאהרען, וואוהין זיא וויל. — איך זאג דיר דיא וואהרהייט, שוועסטער, איך בין זאגאר צופריעדען, וואס זיא פאהרט צוזאמען מיט'ן קאנוואי.

— צופריעדען? מיט וואס ביסט דוא אזוי צופריעדען?

אין דער לעצטער צייט זיינען דיא וועגען זעהר ניט זיכער. מען הערט אלע טאג פון שרעקליכע מערדערייען. עס איז געפעהרליך צו פאהרען אליין, בעזאנדערס פאר א יונגעס מעדכען.

— אך! וויא גליקליך וואלט איך געווען, זיא זאל שוין אנקומען! האט דיא גרעפין אויסגערופען, איך וויים ניט, וואס מיט מיר איז. זייט זיא איז אוועקגעפאהרען, קען איך ניט רוהען און ניט לעבען. איך ליעב זיא יעצט צעהן מאל מעהר, וויא פריהער.

דער גראף האט ניט געענטפערט. ער איז געווען פערטיעפט אין זיינע געדאנקען.

— וואס טהוט מען יעצט? האט ער געזאגט שטילערהייט, קען מען גאר ניט אויסגעפינען א מיטעל, איהם צו רעטען? איז שוין אלעס פערלארען?

— וואס רעדסט דוא עפּעס, ברודער?

— איך טראכט אלץ וועגען דעם אונגליקליכען ארטהור, האט גראף מעראס געענטפערט, איך קלער, וויא אזוי א הם צו רעטען.

— וואס געהט ער דיך אן?

— וואס רעדסט דוא, עללא? זיין פאטער איז געוועזען מיין בעסטער פריינד. מיר זיינען אויסגעוואקסען געווארען צוזאמען. מיר האבען זיך געשפּיעלט צוזאמען און מיר האבען געלערנט צוזאמען. איך קען איהם ניט פערגעסען. איך טאר ניט דערלאָזען, אז מען זאל טויטען זיין זוהן. —

פּלוצלונג איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין שטוהל, גליך וויא אן עלעקטרישער דראָטה וואלט איהם אנגעריהרט.

— מיר דאכט, אז.... זאל עס מעגליך זיין? — יא. אויף דער וועלט איז אלעס מעגליך....

— וואס איז מיט דיר היינט, ברודער? האט דיא גרעפין געפרעגט, עפּעס ביסט דוא היינט זעהר אויפגערעגט און רעדסט צו זיך אליין. וואס האסט דוא עפּעס געזאגט?

— איך טראכט אלץ וועגען דעם אונגליקליכען ארטהור פאן באטהיאני, האט גראף מעראס געענטפערט.

ווען ער זאל ניט געוועזען זיין אזוי אויפגערעגט, וואלט ער געוויס געוועזען בעמערקט, אז זיין שוועסטער איז עפּעס אונרוהיג, עפּעס דערשראָקען; עפּעס ציטערט זיא, עפּעס האט זיא מורא.

— הער אויף צו דענקען פון איהם, האט זיא געבעטען, לאמיר בעסער רעדען פון עלווירא'ן. לאמיר בעסער טראכטען וואס צו טאהן, ווען זיא וועט אנקומען. איך דענק, אז מיר זאלען איהר ענטגעגען פאהרען און זאלען זיא אפּנעהמען. איך וויל ניט, אז עלווירא זאל אריינפאהרען אין שטאדט מיט א קאנוואי פון גרענעץ סאלדאטען. דאס פּאסט ניט פאר א גרעפין פאן מאקקי.

— דאריבער האבען מיר נאך צייט צו דענקען און צו רעדען, האט דער גראף געענטפערט אונגעדולדיג. דיא הויפּט זאכע איז, היא אזוי רעטעט מען דעם אונגליקליכען ארטהור. — ווייסט דוא, שוועסטער, אז מיר קומט פאר, אז אין דיא פּאפּיערען, וועלכע דער שטומער בעטלער האט מיר איבערגעגעבען, געפינען זיך וויכטיגע דאקומענטען איבער ארטהור'ן. איך ווייס ניט, פאר וואס מיר דאכט אזוי, איך קען אבער היינט ניט פערגעסען דעם שטומען בעטלער. עפּעס קריעכט ער מיר ניט ארויס פון קאפּ.

דיא גרעפין איז געווארען רויט, וויא פייער, און האט אנגעהויבען צו ציטערן. זיא האט געמוזט זיך אנהאלטען פעסט אן דעם שטוהל, אויף וועלכען זיא איז געזעסען, זיא זאל ניט אומפאלען. זיא האט אנגעשטרענגט אלע איהרע קרעפטע און האט געזאגט:

— אך, ברודער! פון וועמען רעדסט דוא? ווייסט דוא דען ניט, אז דער שטומער

בעטלער איז א פערברעכער? וואס נעהט דיך אן דער שטומער בעטלער? לאמיר בעסער רעדען פון מיין קינד, פון עלוויראין.

— וואס זאגסט דוא, שוועסטער? וויא קענסט דוא זיעדלען א מענשען, וועלכען דוא קענסט ניט? וויא קענסט דוא זאגען שלעכטעס פון א מענשען, וועלכען דוא האסט געזעהן נור עטליכע מאל אין דיין לעבען?

— מען האט מיר אבער געזאגט, אז ער איז א שפיאן און א פערברעכער! האט דיא גרעפין אויסגערופען.

— ווער האט עס דיר געזאגט?

— א זיכערער מענש.

— גלויב ניט דיעזע זיכערע מענשען, האט גראף מעראס געזאגט ערנסט. מען מוז קענען א מענשען יאהרען לאנג, איידער מען קען אויף איהם זאגען, אז ער איז א זיכערער מענש. איך גלויב ניט פיעל דיינע זיכערע מענשען.

— דאס האב איך פון דיר ניט ערווארטעט, ברודער! האט דיא גרעפין אויסגערופען. מיר הייסט דוא ניט גלויבען א מענשען, וועלכען איך קען פאר אן אריסטאקראט, אן עדעל מאן און דוא נעהמסט זיך אן פאר א שלעפער, א בעטלער און א טויגעניכטס? וויא קען איך מיר דאס ערקלערען?

— גאנץ איינפאך, דער בעטלער איז שטום. ער קען זיך ניט פערטהיידיגען; ער קען ניט ענטפערען אויף בעשולדיגונגען און בעליידיגונגען, וועלכע מען ווארפט אויף איהם, איך מוז מיך אנגעהמען פאר אזא מענשען. מיר מוזען רעספעקטירען דאס אונגליק. מיר מוזען האבען מיטלײדען מיט׳ן עלענדען, ניט מיט׳ן שטאלצען.

— איך וויים דערפון. איך זאג אויך, אז מיר דארפען האבען מיטלייד מיט אן עלענדען מענשען, אבער ניט מיט א פערברעכער, האט זיך דיא גרעפין געשטעלט.

— איך האלט איהם נאך דערוויל פאר אן עהרליכען מענשען. זא לאנג איך האב קיינע בעווייזע, אז ער איז א פערברעכער, מוז איך איהם האלטען פאר אן עהרען מאן. אלענפאלס האט ער מיר איבערגעגעבען דאס פעקעל פאפיערן ניט אומזיסט. אין דיא פאפיערן ווערט געוויס ערקלערט א געוויסעס געהיימניס.

ער האט זיך פערטראכט. ער האט ניט געוואלט ווייזען פאר זיין שוועסטער, אז ער וויל עפענען דיא פאפיערן, ער האט עס אבער ניט געקענט. עפעס האט איהם געריסען צום קאסא קאסטען.

ער איז צוגעלאפען צו איהם, האט איהם געעפענט און האט א קוק געטאהן אויף דעם ארט, וואו ער האט אניעדערגעלעגט דאס פעקעל פאפיערן.

— וואס איז דאס? האט ער אויסגערופען, — וויא איז עס מעגליך?

דיא גרעפין איז געווארען בלייך, וויא קאלך און איז געבליעבען זיצען, וויא א פערשטיינערטע.

— וואס הייסט עס? האט גראף מעראס געשריען אין דער הויך. — דאס קען ניט זיין!

ער האט אנגעהויבען צו זוכען אין קאסא קאסטען, האט אלעס איבערגעקעהרט, אלעס איבערגעווארפען, אלעס איבערגעדרעהט. — אומזיסט! עס איז ניטא!

— וואס הייסט עס? האט גראף מעראס געשריען אויסער זיך. מען האט מיך בעגנבעט! עס פעהלען מיר פאפיערן!

דיא גרעפין איז געזעסען, וויא אויף הייסע קוילען.

— וואס איז געשעהן? האט זיא קוים, קוים געשטאמעלט.

זיא האט געמוזט עפעס פרעגען; זיא האט געמוזט עפעס ענטפערן; זיא האט געמוזט עפעס רעדען, זאנסט וואלט איהר ברודער דערקענט, אז זיא ווייס עפעס פון דיא פאפיערן.

גראף מעראס איז אויפגעשפרונגען וויא אן אפגעבריהטער.

— שוועסטער! האט ער געשריען ניט מיט זיין קול, — שוועסטער! צום ערשטען מאל טרעפט עס מיר, אז עס זאלען פערפאלען ווערן זאכען פון מיין צימער. — אך! מען האט מיך בעגנבעט! מען האט צוגענומען ביי מיר זאכען, וועלכע מען האט מיר געגעבען צו בעהאלטען.

ער איז ארומגעלאפען אין זיין צימער, וויא א געפאנגענער לייב אין זיין שטייג. דיא גרעפין האט געוואלט צוגעהן צו איהם און איהם אויסרעדען, איהם בערוהיגען, איהם איינשטיללען, איהם עפעס זאגען. דער גראף אבער האט אנגעכאפט דיא שנור פון דער גלאק און האט אנגעהויבען זיא צו ציהען און צו רייסען.

— האלט איין, ברודער! וואס טהוסט דוא? האט דיא גרעפין אויסגערופען.

דער גראף האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן, אז זיין שוועסטער איז בלייך, וויא קאלך און ציטערט.

— שוועסטער! וואס איז מיט דיר? האט ער געפרעגט, פאר וואס ביסט דוא אזוי בלייך? —

אין דיעזע מינוט זיינען אנגעלאפען דיא דיענער. זיי האבען געהערט דאס קלינגען פון דער גלאק. זיי האבען זיך דערשראקען און זיינען געקומען צולויפען. זיי האבען געמיינט, אז עס ברענט אין פאלאץ און זיינען געקומען צולויפען, וויא דיא וואהנזיניגע.

— מען האט מיך בעגנבעט! האט גראף מעראס געשריען אויסער זיך, דאס האט געטאהן א היימישער מענש! מען האט קיין זאך ניט געריהרט. אלעס ליעגט אויף זיין ארט, נור דאס פעקעל פאפיערן פעהלט. — זאגט מיר, ווער האט עס געטאהן!

יעצט האט דיא גרעפין געפיהלט, אז זיא מוז אלעס אויסזאגען; זיא האט זעהר גוט פערשטאנען, אז דא קען ווערן א שרעקליכער סקאנדאל.

זיא איז צוגעגאנגען צו איהר ברודער און האט איהם געזאגט אויפ'ן אויער:

— הייס זיי ארויסגעהן, איך וויל מיט דיר עפעס רעדען.

דער גראף האט געווארפען א שטרענגען, פארשענדען בליק אויף זיין שוועסטער און האט געהייסען דיא דיענער ארויסגעהן.

ווען ער און דיא גרעפין זיינען געבליעבען אליין, האט ער זיך געווענדעט צו איהר און האט זיא געפרעגט:

— פאר וואס האסט דוא געהייסען, אז דיא דיענער זאלען זיך ארויסגעהן?

— ווייל זיי זיינען ניט שולדיג. זיי ווייסען ניט, ווער עס האָט אַרויסגע־נומען דאָס פעקעל פאַפּיערן.

— ווער דען ווייס דערפון? ווער דען האָט עס גענומען? האָט דער גראַף געשריען.

דער גרעפינ'ס געזיכט איז געוואָרען פון אַלערליי פאַרבען. זי איז ניט געוואָהנט געווען צו זאָגען ליגען, צו פערשטעלען זיך, צו בעהאַלטען און פערדעקען, וואָס זי האָט געטהאָן. דאָס איז געווען אַן איינפאַכע פרוי, וועלכע איז אויפגעוואַקסען אין אַ דאָרף; וועלכע האָט זעהר ווייניג געקענט דאָס פאַלשע לעבען פון שווינדעל, בעטרוג, פאַלשקייט און ליגען, וועלכעס עס פיהרען די מענשען פון דער גרויסער שטאָדט.

דער איינוואָהנער פון'ם דאָרף איז פריי און אָפענהערציג, וויא די נאַטור אַרום איהם. ער קען ניט זאָגען ליגען, וויא עס קענען ניט זאָגען קיין ליגען דיא טהיערע אין וואַלד און די פויגעל אין דער לופט. ער קען זיך ניט פערשטעלען; עס איז איהם אונמעגליך זיך צו פערמאַסקירען, וויא עס קענען זיך ניט פערשטעלען די גרינע פעלדער אַרום איהם.

אַזאַ כאַראַקטער איז געווען די גרעפין פאָן טאָקקי. גוט אָדער שלעכט, עדעל אָדער ניעדעריג, זי האָט ניט געקענט בעהאַלטען, דאָס וואָס זי האָט אָפּגעטהאָן. דיעזעס מאָהל אָבער איז עס איהר געווען זעהר שווער אַרויסצו־זאָגען, וואָס זי האָט געטהאָן. — עס איז שוין געווען צו ניעדעריג.

— זאָג עללאַ, ווען דו ווייסט, ווער עס האָט גענומען די פּאַפּיערן, האָט גראַף מעראָס געבעטען.

— עס איז געשעהן אַ פערברעכען, האָט די גרעפין געשטאַמעלט.

— וואָס פאַר אַ פערברעכען? — רייד!

דיא גרעפין איז צוגעלאָפען צו איהר ברודער, האָט איהם אַרומגענומען, האָט איהם צוגעפרעסט צו איהר האַרצען און האָט אָנגעהויבען צו וויינען.

— וואָס איז מיט דיר, עללאַ? האָט דער גראַף געפרעגט ערשטוינט, וואָס וויינסט דו?

— איך, — ברודער — איך. —

— רעד דאָך, עללאַ! מאַרטער מיך ניט! האָט גראַף מעראָס געבעטען.

— איך האָב בעגאַנגען אַ פערברעכען.

— וואָס פאַר אַ פערברעכען?

— איך — האָב — אַרויסגענומען — די — פּאַ — פּיערן, האָט קוים, קוים אַרויסגעקייכט די גרעפין.

— דו? — עללאַ? האָט דער גראַף געפרעגט מיט אַ הייזעריגער שטימע, וויא אַ פערוואונדעטעס טהיער.

— ברודער! פעראַכטע מיך ניט! האָט די גרעפין געוויינט,—ברודער! עס איז וואָהר. איך האָב בעגאַנגען דיעזען פערברעכען. איך האָב עס אָבער געמוזט טאָהן. איך האָב עס געטאָהן, ווייל איך ליעב זעהר מיין קינד. איך האָב געוואָלט

וויסען, וואו זיא געפינט זיך. — אך, נאט! ווען איך זאל געווען וויסען פריהער דאס, וואס איך ווייס יעצט, וואלט איך עס געוויס ניט געטאהן.

דער גראף האט אראפגעלאזען דיא אויגען צו דער ערד און האט געשוויעגען. ער איז געווען אזוי איבעראשט, אז ער האט אין דער ערשטער צייט ניט געוואוסט וואס צו זאגען צו זיין שוועסטער.

ענדליך איז ער געקומען צו זיך און האט געזאגט, וויא צו זיך אליין:

— אלענפאלס איז עס קיין גרויסעס אונגליק. געה שוועסטער, און ברענג מיר דאס פעקעל פאפיערן און מיר וועלען מעהר ניט רעדען פון דער גאנצער געשיכטע.

— איך האב זיי ניט, האט דיא גרעפין געענטפערט.

— וואו דען זיינען זיי? האט געפרעגט גראף מעראס און האט א ציטער געטאהן.

— א פריינד האט זיי ביי מיר גענומען.

— א פריינד? וויים שוין נאך איינער פון דיא פאפיערן?

— אך, ברודער! איך אליין וואלט עס קיין מאל ניט געטאהן. מיין פריינד האט מיר געהאלפען.

— ווער איז דער פריינד?

— דער באראן נאני פאן האללוואאי.

ווען א בייזע שלאנג וואלט איהם א ביס געטאהן, וואלט גראף מעראס אזוי ניט אויפגעשפרונגען, וויא יעצט, ווען ער האט דערהערט דעם נאמען נאני פאן האללוואאי.

— וויא קומט ער צו דיר? צו וואס האסט דוא איהם געזאגט, אז ביי מיר געפינען זיך פאפיערן? זאג מיר אלעס, שוועסטער! דערצעהל מיר אלעס! איך מוז עס וויסען.

— דער באראן נאני איז אן עהרנמאן, האט דיא גרעפין געוואלט זיך פערטהיידיגען.

— רעד ניט פון איהם, שוועסטער! דערצעהל מיר בעסער, וויא אזוי עס איז געקומען, וואס דוא האסט דערצעהלט דעם באראן נאני, אז ביי מיר געפינען זיך דיעזע פאפיערן.

דיא גרעפין האט זיך געדרעהט, וויא שלאנג; זיא האט געוואלט עפעס פערלייקענען, עפעס אויסטראכטען; זיא האט עס אבער ניט געקענט. וואס מעהר זיא האט געוואלט זיך פערענטפערן און זיך פערטהיידיגען, אלץ מעהר האט זיא זיך פערדרעהט.

דער גוטער, עדעלער און שטילער גראף מעראס איז ענדליך געווארען אויסער זיך.

— איך מוז וויסען אללעס, וואס האט דא פאסירט און וויא עס האט פאסירט, האט ער ענדליך געזאגט שטרענג. — רעד, עללא!

דיא גרעפין האט איינגעזעהן, אז זיא וועט זיך ניט אויסדרעהן. זיא האט איהם דערצעהלט אלעס. זיא האט איהם דערצעהלט, וויא נאני האט גערעדט מיט איהר וועגען שטומען בעטלער, אז ער איז א רויבער און א מערדער. דער שטומער בעטלער

וויס, וואו עלווירא געפינט זיך. דערביי האט זיא זיך אויסגערעדט, אז דער שטומער בעטלער האט איבערגעגעבען פאפיערן איהר ברודער. — מיט א טאג שפעטער איז געקומען צו איהר א קארטענוואָרפערין.

— וויא האט אויסגעזעהן דיא קאפטענוואָרפערין? האט גראף מעראס פלוצלונג געפרעגט.

דיא גרעפין דאט איהם אויסגעמאלט, וויא דיא קארטענוואָרפערין זעהט אויס.

— סטאסא! האט אויסגערופען דער גראף. איך קען דיעזע ניעדערטרעכטיגע פרוי!

דיא גרעפין האט דאן וויטער דערצעהלט אלעס, וואס מיר האבען בעשריעבען אין פאריגען קאפיטעל.

דער גראף האט געציטערט, ווען ער האט אלעס אויסגעהערט. ער האט זעהר גוט פערשטאנען, אז נאגי האט געשיקט סטאסא'ן ווארפען קארטען זיין שוועסטער. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז אזעלכע צוויי ניעדערטרעכטיגע מענשען, וויא סטאסא און נאגי קענען זיך געוויס; זיי האבען געוויס זיך צונויפגערעדט און האבען אפגענארט זיין ניט איבערגעשפיצטע שוועסטער.

דער אלטער, קלוגער גראף מעראס האט איינגעזעהן און פערשטאנען אלעס, וואס דא איז פארגעקומען. ער האט פערטטאנען, אז דיא גאנצע אינטריגע האט גע-פיהרט דער דורכגעטריעבענער נאגי.

— אזוי? האט גראף מעראס אויסגערופען, דיא 'פאפיערן געפינען זיך יעצט ביים באראָן נאגי פאן האללאוואי?

— יא, ברודער, ער האט זיי, האט דיא גרעפין געענטפערט.

— אך! איך וויים יעצט אלעס! דער טויגעניכטס האט שטענדיג אויף זיי געלויערט. ער האט זיי געדארפט זיי זיינען געווען נעטהיג פאר איהם.

— וואס רעדסט דוא, ברודער? דער באראן נאגי איז אן אריסטאקראט, אן עהרנמאן.

דער גראף האט געטראכט א פאר מינוט, דאן האט ער געזאגט ערנסט און פינסטער:

— דוא ווייסט ניט, שוועסטער, וואס דוא האסט געטאהן; דוא קענסט ניט דעם מענשען, מיט וועלכען דוא האסט געהאנדעלט. — דוא ווייסט ניט, אז דערמיט וואס דוא האסט איבערגעגעבען דעם באראן נאגי דיעזע פאפיערן, האסט דוא זיך און מיר אנגעטאהן אזא שאנדע, אז מיר וועלען זיך אזוי גיך ניט קענען אפוואשען פון איהר. איך קען עס דיר ניט פערצייהען, איך מוז דיך אבער ענטשולדיגען, ווייל דוא האסט ניט געוואוסט, וואס דוא האסט געטאהן. — דוא פיהלסט גאר ניט, וואס פאר א שרעקליכע זאך דוא האסט געטאהן. דוא ביסט, וויא א קינד, עללא, וועלכעס צר-בּרעכט א טהייערעס אינסטרומענט געראדע אין דער מינוט, ווען זיין פאטער וויל דערמיט מאכען א וויכטיגע ענטדעקונג. מען איז בייז אויפ'ן קינד. מען קען איהם אבער ניט בעשטראפען, ווייל עס איז דאך א קינד.

דיא גרעפין איז געווארען רויט, גרין און געל; זיא האט געציטערט פאר שמערץ

און פערדרוס. זיא האט ניט געקענט ארויסזאגען א ווארט, ווייל זיא האט אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז זיא האט זעהר שלעכט געטאהן, וואס זיא האט פערטרויט דעם באראָן נאגי.

— דוא האסט רעכט, ברודער! האט זיא אויסגערופען, איך האב ניט געוואוסט, וויא וויכטיג דיעזע פאפיערען זיינען פאר דיר.

מיט דיעזע ווערטער איז זיא געפאלען פאר איהם אויף דיא קניע און האט אויס־גערופען:

— פערצייהע מיר, ברודער!

— שטעה אויף, עללא! האט גראף מעראס אויסגערופען שטרענג, איך האב דיר ניט וואס צו פערצייהען. דיעזער פאל איז אזוי טרויעריג, אז איך וויל מעהר פון איהם ניט רעדען און בעט אויך דיך, אז דוא זאלסט מעהר דערפון ניט רעדען. וואס עס איז געשעהען איז געשעהען, צוריק האפען קען מען עס שוין ניט. איך וויל נור געהן פערהיטען, עס זאל ווייטער קיין אונגליק ניט געשעהען. — געה, עללא, אין דיינע צימער. איך מוז יעצט פאהרען.

דיא גרעפין האט אויפגעאטהעמט פרייער און איז אוועקגעגאנגען אין איהרע צימער.

איינינע מינוטען שפעטער איז גראף מעראס אוועקגעפאהרען אין זיין קארעטע.

22טער קאפיטעל.

גראף מעראס ביי באראן נאגי.

נאגי איז געווען אויפ'ן זיבבעטען הימעל, ווען דיא גרעפין פאן טאקקי האט איהם איבערגעגעבען דאס פעקעל פאפיערען. ער איז געלאָפען אהיים, וויא א וואהנזיניגער. ער האט זיך געאיילט, ער האט געוואלט לעזען דיא פאפיערען, וויא אם שנעלסטען.

ער איז ארויפגעלאָפען אין זיין צימער און האט ניט בעמערקט, אז זיין פרוי שטעהט דאָרט. ער האט זיך א וואָרף געטאהן אויפ'ן דיוואן און האט ארויסגענומען דיא פאפיערען פון אונטערן מאנטעל. זיין פרוי האט עס דערזעהן.

— וואס האסט דוא דאָרט, נאגי? האט זיא געפרעגט.

— פרעג ניט, אייזשעניע, עס איז א גוטע זאך.

— וואס איז עס אָבער? אז עס איז פערזיעגעלט. ווער זיינען דיעזע פאפיערען?

— דיעזע פאפיערען וואלטען מיך געקענט פערניכטען, יעצט אבער, ווען זיי זיינען אין מיינע הענד, וועלען זיי אן אנדערן פערניכטען, האט נאגי געענטפערט.

— וויא קומען זיי אבער צו דיר? האט דיא גרעפין פאן ראדעצקי געפרעגט, איך האב געזעהן, אז דוא ביסט געקומען צולויפען אויפגערעגט און אויסער זיך. וואס איז שוין ווידער עפעס געשעהען, נאגי?

— פרעג ניט, אייזשעניע, ווען מען איז קלוג און מען ווייס, וויא אזוי ארומצוגעהן מיט דער וועלט, פיהרט מען אלעם אויס. — זעה, אייזשעניע, וויא אלעס האט זיך מיט אמאָל געענדערט. ארטהור פאן באטהיאני קומט צוריק. ער וועט מוזען שטארבען. עלווירא וועט מוזען הייראטהען מאקס'ן. דער איינציגער פיינד, פאר וועלכען

איך האב מורא געהאט, — דער שטומער בעטלער איז געווארען א הענקער און זיינע פאפיערן, וועלכע ער האט איבערגעגעבען דעם גראף מעראס און האט איהם געבעטען, ער זאל זיי קיינעם ניט ווייזען, געפינען זיך יעצט אין מיינע הענד.

יעצט, איי,שעניע, מעגסט דוא רוהיג שלאפען. מיר האבען יעצט פאר קיינעם קיין מורא ניט. יעצט שטעהן מיר פעסט, וויא א מויער. דער קלוגער נאגי האט יעצט אלעמען אין דיא הענד. קוים וועט מען אויפהענגען ארטהור'ן, וועט עלווירא מוזען הייראטהען מאקס'ן און מיר וועלען לעבען מיט גראף מעראס וויא איין פאמיליע. ווער וועט אונז דאמאלס גלייך זיין?

דיא גרעפין פאן ראדעצקי איז צוואר געווען העכסט צופריעדען מיט דיא פרעהליכע נייעס, וואס איהר מאן האט איהר געבראכט, זיא האט אבער ניט געקענט זיין אזוי זיכער און אזוי פרעהליך, וויא ער איז געווען. זיא האט אין דער לעצט.ר צייט שוין געזעהן, אז א גליק, וועלכעס איז געבויט אויף פערברעכען און בלוט פערגיעסען, איז ניט אזוי פעסט, וויא נאגי האט געדאכט.

— איך וויים ניט, וואס מיט מיר איז, האט זיא געזאגט, איך האב עפעס מורא געקריעגען פאר דיעזען ארטהור פאן באטהיאני. איך זעה, אז ער דרעהט זיך אויס פון יעדער שווערער לאגע. איך זעה, אז ער האט עפעס א בעזאנדערעס גליק.

— אהו! דוא הייבסט שוין וויעדער אן מיט דיינע פאנטאזיען! האט נאגי אויסגערופען, איך קען דיך שוין. הער שוין אויף דיינע נארישקייטען!

— איך וויים ניט, אויב עס זיינען נארישקייטען, וואס איך זאג, — איך האב מורא פאר איהם.

— ווען דוא האסט מורא, געה אין דיין צימער און לעג זיך שלאפען, האט נאגי געזאגט גראב. דוא ווייסט ניט, וואס דוא רעדסט און דארפסט זיך ניט מישען אין מיינע אנגעלעגענהייטען.

דיא גרעפין פאן ראדעצקי האט אראפגעלאזען דעם קאפ. זיא האט געקענט איהר מאן. זיא האט זעהר גוט געוואוסט, אז ער איז יעצט אויפגערעגט; ער איז יעצט פרעהליך און ווען ער איז פרעהליך, איז ער ווילד.

זיא האט ניט גערעדט קיין ווארט און איז אוועקגעגאנגען.

נאגי האט פערשלאסען דיא טהיר הינטער זיך, האט ארויסגענומען דאס פעקעל פאפיערן, וואס דיא גרעפין פאן טאקקי האט איהם געגעבען, און האט אנגעהויבען עס צו בעטראכטען פון אלע זייטען.

— איך מוז בעטראכטען דעם זיעגעל און מח זעהן איהם אראפצונעהמען, האט ער געזאגט צו זיך אליין, — דאס איז ניט שווער. איך דארף נור א שטיקעל ווייך ברויט דערמיט וועל איך אראפנעהמען דעם זיעגעל. דאן וועל איך אויסטריקענען דאס ווייכע ברויט און מיין זיעגעל איז פערטיג.

ער האט וויעדער בעטראכט דיא פאפיערן.

— איך וואלט קיין מאל ניט געגלויבט, אז דער שטומער בעטלער זאל זיין אזוי פארזיכטיג און זאל האלטען זיינע פאפיערן אזוי שעהן און אין אזא גוטער ארדנונג. דיא פאפיערן זיינען ארומגעבונדען מיט א פעסטען פאדים, דער זיעגעל ליעגט אויף

דיא עקען פון'ם פאָדים. וויא עס ווייזט אויס, ווייס ער זעהר גוט, וויא מען דארף האַל־טען וויכטיגע דאָקומענטען. — אבער גענוג! לאמיך זיך נעהמען צו דער ארבייט. וואו נעהמט מען א ווייך שטיקעל ברויט?

ער האט זיך אויפגעהויבען און איז ארויסגעגאנגען פון זיין צימער. אין האטעל האט ער ניט געפיהרט קיין קיך. מען פלעגט ברענגען עסען פאר איהם און זיין פא־מיליע פון'ם רעסטאָראַן אין האָטעל, — וואו נעהמט מען אלזא א שטיקעל ווייכעס ברויט?

נאָני האט זיך פערטראכט. וויא איינפאך עס ווייזט אונז אויס פון ערשטען אויג־געגבליק און וויא לייכט עס דאכט זיך אונז צו בעקומען א ווייך שטיקעל ברויט, אזוי שווער איז עס פאר א שטאָלצען באראָן, וועלכער וואוינט אין אן אריסטאָקראַטישען האָטעל.

— איך מוז געהן קויפען א ברויט, האט ער געזאגט צו זיך אליין. דאס איז דער איינציגער וועג צו בעקומען ווייכעס ברויט. זאגען א לאקיי, ער זאל מיר ברענגען א ברויט, טויג ניט. דיא לאַקייען האבען ליעב צו פלוידערן. איך מוז אליין געהן. גלייבער אזוי.

ער איז אראָפּגעלאָפען פון דיא טרעפּ, האט אויפגעזוכט ערגעץ א בעקער און האט ביי איהם געקויפט א פרישעס ברויט. נאָני האט זעהר גוט געוואוסט, אז צו דיזען צוועק — אראָפּצונעהמען א זיגעל — איז פיעל בעסער שווארצעס ברויט.

ער האט געקויפט דאס ברויט, האט געהייסען עס איינוויקלען אין פּאַפּיער און איז געלאָפען צוריק אין האָטעל. עס איז איהם געווען זעהר אונאנגענעהם ארויפ־צוגעהן אויף דיא טרעפּ מיט א פּעקעל אונטער אָ־ים, ער האט אבער גאר ניט געקענט העלפען, עס האט געמוזט זיין אזוי. אנדערש האט עס ניט געקענט זיין.

ענדליך איז ער צוגעקומען צו זיין צימער. אין דיזע מינוט האט ער געהערט, וויא א קאַרעטע איז צוגעפאָהרען צום האָטעל. דאס האט איהם זעהר ווייניג געקימערט. צו א האָטעל קומען צו זעהר אָפט קאַרעטעס.

ער איז אריינגעגאנגען צו זיך אין צימער, האט אויסגעשניטען פון זיין לאבען א גרויסען שטיק ווייכעס ברויט און האט אנגעהויבען עס צו קנעטען. פּלוצלונג האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער הערט עפּעס א גערויש אין קאָרידאָר פון'ם האָטעל. ער האט געהאַפּט דיא פּאַפּיערען און האט זיי אריינגעלעגט אין שרייב־טיש. ער איז צוואר געווען זיכער, אז קיינער וועט צו איהם ניט קומען אזוי שפּעט, דענאך האט ער עפּעס מורא געקריגען פאר'ן גערויש אין קאָרידאָר.

דער גערויש איז געווארען שטארקער. נאָני האט געהערט, וויא מען נעהט האסטיג, מען לויפט און מען רעדט, — מען דערמאָנט זיין נאָמען.

— וואס זאל דאס זיין? האט ער געפרעגט זיך אליין. ווער זאל עס קומען צו מיר אזוי שפּעט ביי נאכט? —

ער האט צוגעהאַפּט דאס ברויט פון א טיש און האט בעהאלטען אין בעט.

— פּיעלייכט איז עס, יאָזעף? האט ער געזאגט צו זיך אליין, דאס קען אבער

ניט זיין, יאזעף וואלט ניט געמאכט אזא רעש. יאזעף איז קלוג און פארזיכטיג. איך מוז געהן זעהן, ווער דארט איז.

ער איז צוגעגאנגען צו דער טהיר און האט זיא געעפענט. — פאר איהם איז גע־שטאנען גראף מעראס!

נאני איז געווארען בלייך, וויא קאלך, ווען ער האט דערזעהן דיעזען זאנדערבא־רען גאסט. אויף איהם האט ער זיך ניט גערעכנט. ער האט אבער באלד זיך איבער־לעגט, אז אזא גאסט מוז מען אויפנעהמען מיט אלע מעגליכע עהרען. ער האט זיך פערנייגט זעהר טיעף פאר איהם און האט געזאגט:

— ביטע, הערר גראף! קומט אריין! וואס האב איך צו פערדאנקען דיא גרויסע עהרע פון אייער איצטיגען בעזוך?

גראף מעראס איז געוועזען ערנסט און פינסטער. ער האט ניט געענטפערט אויף באראן נאני'ס קאמפלימענטע. ער האט זיך פערנייגט זעהר לייכט און איז אריינגעקו־מען אין צימער.

— הערר באראן, זיינען מיר אליין? האט ער געפרעגט.

נאני האט א ציטער געטאהן, ווען ער האט דערהערט דיעזע שטרענגע, ערנסטע שטימע. ער האט געפיהלט, אז דא איז עפעס געשעהן, ער האט אבער ניט געוואוסט וואס דא איז געשעהן.

— ביטע, הערר גראף! האט ער אויסגערופען, מיר זיינען גאנץ אליין; ביטע זעצט אייך!

גראף מעראס האט זיך געזעצט אויף א שטוהל נעגען באראן נאני און האט איהם געזאגט:

— זייט אזוי גוט, הערר באראן, און פערשליעסט דיא טהיר.

נאני האט געטאהן, וויא דער באראן האט איהם געהייסען.

— איך קום צו אייך אין א זאנדערבארע אנגעלעגענהייט, הערר באראן, האט גראף מעראס דאן געזאגט, — איך דענק, אז איהר ווייסט געוויס, צו וואס איך בין געקומען.

— ניין, הערר גראף, איך וויים פון גאר נישט.

גראף מעראס האט געווארפען אויף'ן באראן א פארשענדען, שטעכענדען, דורכ־דרינגענדען בליק. נאני האט איהם געפיהלט. דער ערנסטע, עהרליכע און שטרענגע בליק האט איהם געטראפען טיעף אין הארצען.

— ווען איהר ווייסט ניט, צו וואס איך בין געקומען צו אייך, וועל איך מוזען עס אייך ערקלערען, האט גראף מעראס געזאגט — מען האט מיך בעגנבעט.

א קאלטער פראסט איז אריבערגעלאפען נאני'ס לייב. ער האט געהערט דאס, וואס ער האט ערווארטעט צו הערען. יעצט האט ער געמוזט זיך אנטאהן אן אייזערנעם פאנצער.

— איך פערשטעה ניט, הערר גראף, וואס איך קען דא העלפען? האט ער געזאגט.

— איהר קענט העלפען זעהר פיעל.

— איך ווייס דאך נאך גאר ניט, וואס עס פעהלט ביי אייך, האט זיך נאני געמאכט פאר אן אונשולדיגעס לעמעלע.

— ביי מיר פעהלט דאס, וואס איהר האט ביי מיר גענומען.

— הערר גראף! ערקלערט מיר, וואס איהר מיינט דערמיט. איך שטוינע, איך פערשטעה אייך ניט.

— הערר באראן! איך האב געוואלט זיין העפליך און רעדען מיט אייך איבער דיא טרויעריגע אנגעלעגנהייט אין א שפראכע, וועלכע פאסט פאר אריסטאקראטען. איהר צווינגט מיך אבער מיט אייך אנדערש צו רעדען. איך קען מיר ניט העלפען. איך מוז מיט אייך רעדען פריי, אפען, ניט פערשטעלט און ניט פערדעקט. — ביי מיר אין שטוב האט זיך געפונען א פעקעל פאפיערן, וועלכעס דער שטומער בעטלער האט מיר איבערגעגעבען צור אויפבעוואהרונג. איהר האט מיר געזאגט, אז דאס פעקעל געהערט צו אייך און האט פערלאנגט, איך זאל עס אייך ארויסגעבען. איך האב עס ניט גע־קענט טאהן. איהר האט זיך געווענדעט צו מיין שוועסטער און האט זיא איבערגערעדט, זיא זאל עס אייך ארויסגעבען. דער פאל איז זעהר א טרויעריגער. הערר באראן, צווישען אנשטענדיגע מענשען דארף אזא פאל ניט פאסירען.

נאני איז געווארען בלייך, וויא קאלך, און איז ניט געווען אים שטאנד ארויס־צורעדען אווארט, ער איז גענוג קלוג געווען צו פערשטעהן, אז אפלייקענען זיך איז יעצט אונמעגליך. זאגען דעם גראף, אז ער האט עס טאקע גענומען און וויל עס ניט אפגעבען, האט ער אויך ניט געוואלט. ער האט אויף קיין פאל ניט געוואלט צוקריעגען זיך מיט גראף מעראס. עפעס זאגען מוז ער אבער דאך.

— ווער האט עס אייך געזאגט, אז דאס פעקעל פאפיערן געפינט זיך ביי מיר?

— מיין שוועסטער האט עס מיר געזאגט.

— הערר גראף, אייער שוועסטער האט אייך געזאגט דיא וואהרהייט, האט נאני געענטפערט ערנסט. דאס פעקעל מיט פאפיערן געפינט זיך ווירקליך ביי מיר.

— דאן בעט איך, איהר זאלט עס מיר אפגעבען, עס געהערט מיר.

— דאס איז דאך דאס זאנדערבארסטע אין דיזען פאלל, האט נאני געענט־פערט, איהר זאגט, אז דאס פעקעל געהערט צו אייך. איהר האט געוויס רעכט. מען האט עס אייך איבערגעגעבען צום בעהאלטען. איך אבער זאג, אז דיזע פאפיערן געהערן מיר. מען האט זיי ביי מיר ארויסגעגנבעט. איך האב אייך שוין איינמאל געזאגט דערפון און איהר האט מיר ניט געוואלט הערן. וואס האב איך געקענט טאהן? פערקלאגען אייך? פיהרען מיט אייך א פראצעס דאריבער? דאס פאסט דאך געוויס ניט פאר אנשטענדיגע מענשען. איך האב אבער דאך געוואלט האבען דיא פאפיערן. איך האב מיך געווענדעט צו דער גרעפין פאן מאקקי, אייער ליעבענס־ווירדיגע שוועסטער. זיא קען מיך בעסער פון אייך; זיא ווייס, אז איך בין אן עהרנ־מאן און וואלט ניט פערלאנגט קיין פרעמדעס אייגענטהום. זיא האט עס מיר ארויס־געגעבען.

איך בין מיך מודה, אז איך האב געטאהן אן אונרעכט, איך האב עס אבער

נים געמאהן מיט מיין איינענעם וויללען. אייער שוועסטער האט עס פון מיר פערלאנגט.

— מיין שוועסטער האט פערלאנגט פון אייך, אז זיא זאל אייך ארויסגעבען מיינע פאפיערען? האט גראף מעראס געפרעגט פערוואונדערט, — וויא אזוי זאל איך עס פערשטעהן?

— גאנץ איינפאך, אייער שוועסטער איז איבערצייגט, אז פון דיעזע פאפיערן וועט זיא וויסען, וואו עלווירא געפינט זיך. זיא וויים, אז דער שטומער בעטלער איז ארטהור פאן באטהיאני'ס בעסטער פריינד. ער ווי'ס פון אלע געהיימניסע, וואס זיינען פארגעקומען צווישען ארטהור'ן און עלווירא'ן, דערפאר וויים ער געוויס, וואו זיי געפינען זיך יעצט. זיא האט מיר דאהער געבעטען, איך זאל איבערלעזען דיא דאקומענטען און זאל איהר העלפען זוכען איהר טאכטער.

— נון, גוט! איך נעהם אן אלעס, וואס איהר זאגט מיר. איך וויל אייך אבער בעמערקען, אז יעצט איז עס גאנץ איבעריג, ווייל מען האט געהאפט ארטהור'ן מיט עלווירא'ן אין דער טירקיי און מען פיהרט זיי יעצט אהער. אין איינינע טעג ארום וועלען זיי דא זיין.

— אזוי? האט נאגי אויסגערופען, מען האט זיי געהאפט און מען פיהרט זיי אהער? דאס איז ביי מיר אן אנגענעהמע נייעס!

— אן אנגענעהמע? האט גראף מעראס איבערגעפרעגט. איהר זייט צופריעדען, וואס מען ברענגט אהער דעם אונגליקליכען באראן פאן באטהיאני אין קייטען? ווייסט איהר דען ניט, וואס פאר א שיקזאל איהם ערווארטעט אין בודאפעסט?

— איך וויים עס זעהר גוט און איך בעדויערע זעהר דעם אונגליקליכען ארטהור. אין א גאנץ אנדערע בעציעהונג אבער איז מיר דער פאל אנגענעהם.

— דאס פערשטעה איך שוין ניט, האט גראף מעראס אויסגערופען, וויא קען עס אייך זיין אנגענעהם, וואס דער באראן ארטהור פאן באטהיאני וועט מוזען שטארבען אויפ'ן עשאפאט? פערגעסט ניט, אז ער איז א באראן, א מאגנאט, עס וועט דאך זיין א שאנדע פאר אונז אלעמען, ווען אן אונגארישער מאגנאט וועט שטארבען, וויא א ניעדעריגער פערברעכער.

— עס איז אבער דא א גאנץ אנדערער פאל, —

— וואס פאר אנאנדערער פאל קען דא זיין?

— דער גראף מאקס פאן ראדעצקי. —

— רעדט ווייטער, הערר באראן!

— זייט עלווירא איז פערשוואונדען, געהט ארום גראף מאקס, וויא א וואהנזיניגער, האט נאגי געזאגט. ער עסט ניט, טרינקט ניט און רוהט ניט. איך און זיין מוטער זיינען זעהר אונרוהיג דאריבער. מיר האבען מורא, ער זאל ניט אראפ פון זינען. — וויא איהר זעהט, הערר גראף, בין איך גאנץ אפענהערציג געגען אייך און דערצעהל אייך א פאמיליען געהיימניס. איך מוז עס טאהן, ווייל עס איז זעהר וויכטיג פאר אונז, וויא פאר אייער ליעבענסווירדיגע שוועסטער, דיא גרעפין פאן טאקקי.

— איך פערשטעה נאך אלץ ניט, וואס איהר מיינט.

— גראַף מעראַס איז אַזוי שטאַרק פערליעבט אין עלוויראַ'ן, אַז זייט זי איז פערשוואונדען געוואָרען, איז ער קראַנק. איך בּין זיכער, אַז ווען ער וועט דערזעהן עלוויראַ'ן און מיט איהר רעדען, וועט ער בּעסער ווערען.

— איך גלויבּ ניט, אַז עלוויראַ וועט אַמאָל איינוויליגען צו הייראַטהען מאַקס'ן, האָט גראַף מעראַס געזאָגט וויא צו זיך אַליין. עלוויראַ איז אַ פעסטער כאַראַקטער. ווען זי ליעבּט אַרטהור'ן, ליעבּט זי איהם בּיז אין טוידט. איך בּין זיכער, אַז זי וואָלט געשטאָרבּען מיט פערגניגען מיט אַרטהור'ן צוזאַמען. איך קען דיעזע פרויען מיט זייער העלדענמוטהיגען גייסט. זיי ליעבּען אָדער זיי שטאַרבּען. איך בּין זיכער, אַז ווען אַרטהור וועט שטאַרבּען אויפ'ן עשאַפאָט, וועט זי איהם ניט איבּערלעבּען. — וואָס פאַר אַ האָפנונג קען דען האָבּען דער גראַף פאָן ראַדעצקי? צו וואָס זאָלט איהר עס גאָר דערלאָזען, אַז ער זאָל האָבּען האָפנונגען אויף עלוויראַ'ן?

— וויא איך פערשטעה פון אַייערע רייד, האָט איהר נאָך אַ האָפנונג, אַז דער בּאַראָן פאָן בּאַטהיאַני זאָל ניט שטאַרבּען. האָט נאַגי געזאָגט לאַנגזאַם, — ליידער, איז עס דאָך אונמעגליך. דאָס געריכט האָט איהם פעראורטהיילט צום טוידט און קען שוין ניט צוריקנעהמען זיין אורטהייל.

— עס רייסט מיך דאָס הערץ, ווען איך דענק דערפון, האָט גראַף מעראַס געענטפערט טרויעריג. איך קען איהם. איך בּין איבּערציינט, אַז ער איז אונשולדיג. עס איז דאָך נאָך אַלעס מעגליך.

נאַגי איז געזעסען אויף הייסע קוילען, ווען ער האָט געהערט, אַז גראַף מעראַס זוכט מיטעל, וויא אַזוי צו רעטען אַרטהור'ן. ער האָט דאָך געוואוסט זעהר גוט, אַז קוים וועט זיך אַרויסווייזען, אַז אַרטהור איז אונשולדיג, וועט זיך אַרויסווייזען אַז ער איז שולדיג. דענאָך האָט ער געמוזט זיך איינהאַלטען און מאַכען אַ פרעהליכע מינע.

— געוויס, וואָלט עס מיר זעהר געווען אַנגענעהם, ווען עס זאָל זיך אַרויסווייזען אַז דער בּאַראָן פאָן בּאַטהיאַני איז אונשולדיג. איך גלויבּ אָבּער ניט, אַז עס איז נאָך דאָ אַ מעגליכקייט צו בּעווייזען, אַז ער איז אונשולדיג. וויא איך האָבּ געהערט, האָט מען פאָרגעשטעלט אויפ'ן געריכט זיכערע בּעווייזע, אַז ער איז יא שולדיג.

— לאָמיר דערפון מעהר ניט רעדען, האָט גראַף מעראַס געבּעטען, איך בּין געקומען אַהער וועגען עטוואָס אַנדערש. גיט מיר דאָס פּעקעל פּאַפּיערן.

— ווען ווילט איהר עס דען עפענען?

— מיר ווייזט אויס, אַז אין דיעזע פּאַפּיערן געפינט זיך עפּעס וועגען בּאַראָן פאָן בּאַטהיאַני, האָט גראַף מעראַס געזאָגט. מען האָט מיר געזאָגט, אַז דער שטומער בּעטלער איז אַרטהור'ס בּעסטער פריינד. עס איז דאַהער זעהר מעגליך, אַז ער האָט עפּעס אויסגעפונען וועגען זיין שולד. איך וועל זיי עפענען פיעלייכט נאָך היינט בּיי נאַכט.

— איהר אַליין האָט דאָך מיר אָבּער געוויעזען, אַז אויף די פּאַפּיערן איז אויפגעשריעבּען, אַז מען זאָל זיי עפענען נור דאַן, ווען דער שטומער בּעטלער וועט צוריקקומען?

— דאָס איז גאַנץ ריכטיג, עס האָט זיך אָבּער יעצט פיעלעס געענדערט.

ארטהור פאן באטהיאני וועט באלט קומען אהער. יעדער עהרליכער מאן מוז טאהן אלעס מעגליכע אום איהם צו רעטען. — זייט אלזא אזוי פריינדליך, הערר באראָן, און גיט מיר דאס פעקעל פאפיערן.

מען קען זיך לייכט דענקען, וואס עס האט זיך איבערגעטאהן ביי נאני אין הארצען, ווען ער האט געעפענט זיין שרייב טיש און האט ארויסגענומען דאס פעקעל פאפיערן. ער האט עס בעקומען ערשט מיט א פאר שטונדען צוריק; ער איז געווען אזוי גליקליך, אזוי שטאלץ, וואס ער האט עס בעקומען. ער האט שוין געלאכט פון אלעמען און יעצט מוז ער עס אפגעבען צוריק און האט זאגאר קיין צייט געהאט זיי צו לעזען. דאס ערגסטע איז געווען, וואס ער האט געמוזט עס אפגעבען. ער האט מורא געהאט פאר גראף מעראס. נעגען איהם האט ער ניט געקענט זיך שטעלען.

נאני האט זעהר גוט פערשטאנען, אז עס איז יעצט פיעל גלייכער פאר איהם צו שפיעלען דיא ראלע פון אן עהרנמאן, פון אן אריסטאָקראט. דאס וועט זיין פיעל בעסער פאר איהם און וועט איהם ברענגען מעהר נוצען.

ער האט גענומען דאס פעקעל פאפיערן און האט עס דערלאנגט גאנץ העפליך דעם גראף מעראס.

— ביטע, הערר גראף, האט ער געזאגט, אָט זיינען דיא פאפיערן, איך האב זיי נאך ניט געעפענט. איך האב נאך געוואָלט זיך איבערלעגען און איבערקלערן, אויב איך זאל זיי גאר עפענען. איך בין יעצט זעהר צופריעדען, וואס איך קען זיי אייך אָפגעבען צוריק. איך האב אבער צו אייך א ביטע.

— וואס פאר א ביטע, הערר באראָן?

— ווען דענקט איהר צו עפענען דיעזע פאפיערן?

— נאך היינט ביי נאכט.

— דאן וויל איך אייך בעטען, איהר זאלט זיי עפענען אין מיין געגענוואַרט.

— איך פערשטעה אייך ניט, הערר באראָן, צו וואס איז דיעזע ביטע?

— איך וועל עס אייך ערקלערן, הערר גראף. ווען עס וועט זיך ארויסווייזען, אז דיעזע פאפיערן געהערן ווירקליך צו מיר, וועל איך זיי באלד צונעהמען. איהר וועט דאך געוויס ניט וועלען האלטען ביי זיך פרעמדע דאָקומענטען, וועט זיך אבער ארויסווייזען, אז דיעזע דאָקומענטען געהערן זיך אָן מיט'ן באראָן פאן באָטהיאני, וועל איך אייך העלפען זיי אויסצוניצען און צו רעטען דעם אונגליקליכען. עס איז וואהר, אז איהר דארפט ניט מיין הילף. איהר אליין זייט אים שטאנד אלעס צו טאהן פון זיינעטוועגען. עס קען אבער דאך ניט שאדען, אז נאך איינער זאל אייך העלפען.

— אלזאָ, וואס פערלאנגט איהר אייגענטליך? פערלאנגט איהר, איך זאל עפענען דיעזע פאפיערן דא אין אייער קוואַרטיר?

— ניין, הערר גראף! דאס פערלאנג איך ניט, אים געגענטהייל, איך ווינש, אז איהר זאלט ברענגען דיעזע פאפיערן אהיים פערבונדען און פערזיעגעלט, וויא איך האב זיי גענומען. איך וויל, אז אייער שוועסטער, דיא גרעפין פאן טאָקקי, זאל זיך איבערציינגען, אז איך בין אן עהרנמאן. איהרע פריינדשאפט איז ביי מיר זעהר טהייער.

— אלזא, וואס דען פערלאנגט איהר פון מיר?

— יעצט איז שוין שפעט, איך נעפין עס פאר אונאנשטענדיג, איך זאל יעצט פאהרען מיט אייך אהיים און מיר זאלען דארט עפענען דאס פעקעל פאפיערן. איך וויל אבער זיין דערביי. איך בעט אייך דאהער, איהר זאלט עס אפלייגען אויף מארגען. איהר קענט מיר בעשטימען א צייט, ווען איך זאל קומען און מיר זאלען ביידע עפענען דאס פעקעל.

גראף מעראס האט זיך פערטראכט. ער האט ניט פערשטאנען, צו וואס וויל עס נאני זיין דערביי, ווען ער וועט דורכלעזען דיעזע פאפיערן. ער האט זעהר גוט פערשטאנען, אז נאני איז שטארק פעראינטערעסירט אין דיעזע דאקומענטען. ער האט ווייטער געוואוסט, אז דער באראן נאני זאגט א ליגען, אז ער וועט זיך פרעהן, ווען מען זאל קענען רעטען דעם באראן פאן באטהיאני פון טויט. גראף מעראס האט זעהר גוט געוואוסט, אז נאני האט פיינט דעם באראן פאן באטהיאני און ווינשט, אז ער זאל שטארבען, פאר וואס נאני האט אזוי פיינט ארטהורן, האט גראף מעראס ניט געוואוסט.

גראף מעראס האט זיך איבערלעגט איינינע מינוט און האט געפונען, אז ער קען איהם גאר ניט זאגען, ווען ער וועט עפענען דאס פעקעל דאקומענטען מארגען און ווען דער באראן נאני וועט זיין דערביי. אים געגענטהייל, ער איז געווען זעהר צופריעדען, וואס נאני פערלאנגט, אז מען זאל זיי עפענען אין פאלאץ פון גראף מעראס.

— גוט, הערר באראן! אין וועל עס אייך צוליעב טאהן.

— אייער עהרענווארט דארויף?

— איך האב נאך קיין מאל ניט צוגעזאגט עפעס און האב עס ניט געהאלטען, האט גראף מעראס געענטפערט שטאלץ.

— נאנץ ריכטיג! איך האב אויך נור פערלאנגט, אז איהר זאלט מיר צוזאגען, אז אהן מיר וועט איהר ניט עפענען דיעזע דאקומענטען.

— דאס האב איך אייך צוגעזאגט. — יעצט, גוטע נאכט, הערר באראן! האט גראף מעראס געזאגט ערנסט. וואס עס איז געשעהן זאל פערגעסען זיין. קיינער פון אונז זאל מעהר ניט רעדען דאריבער א ווארט.

— גוטע נאכט! האט באראן נאני געענטפערט.

ער האט געווארט, אז גראף מעראס זאל איהם געבען די האנד, דער אלטער מאן אבער איז שנעל ארויסגעגאנגען פון צימער.

23טער קאפיטעל.

נאני ווערט אונרוהיג.

אין קארידאר איז געשטאנען דער ווירטה פון'ם האטעל מיט אלע זיינע קעלנער און לאקייען. זיי האבען ערווארטעט דעם אלטען, אנגעזעהענעם בישאף פון אונגארן. אזא עהרע האבען זיי זעלטען געהאט. זיי זיינען איהם ענטגעגען געלאפען, האבען איהם גענומען אונטער די ארימס און האבען איהם אראפגעטראגען פון די גרויסע און בריי־טע טרעפ.

אין האטעל האט זיך אזוי גערעשט איבער דעם בעזוך פון'ם אלטען גראף, אז

אלע געסט זיינען ארויסגעלאָפּען פון זייערע נומערן זעהן, ווער עס איז דא געקומען, צווישען דיעזע געסט איז אויך געווען דיא גרעפין פאָן ראדעצקי.

זיא האט געזעהן, וויא גראף מעראס איז ארויסגעגאנגען פון איהר מאַנ'ס ציממער און עס איז איהר געווען א וואונדער, וואס נאגי האט זיא ניט אריינגערופען, ווען צו איהם איז געקומען אזא וויכטיגער גאסט. דאס איז גענען דיא העפליכקייט.

דיא גרעפין פאָן ראדעצקי האט באלד פערשטאנען, אז גראף מעראס איז ניט געקומען צו איהר מאן מיט א פריינדליכען בעזוך.

— דא איז עפּעס נייעס, האט זיא געמורמעלט. ווען נאגי איז ניט ארויסגעגאנגען איהם בעגלייטען, מוז דא עפּעס זיין. דאס איז דער בעסטער בעוויז, אז דער אלטער גראף האט געבראכט קיין פרעהליכע נייעס.

זיא האט איבערגעווארט, ביז דער גראף איז אראפּגעגאנגען פון דיא טרעפּ און איז אריינגעלאפען צו איהר מאן אין צימער.

— וואס איז, נאגי? האט זיא אויסגערופען, וואס איז דא געשעהן? וואס האט דא געטהאן דער אלטער מאן? דערצעהל מיר, נאגי! איך בין אויסער זיך. איך קען עס ניט אויסהאלטען. דא איז עפּעס נייעס! אזוי שפּעט קומט ניט א גראף מעראס אויף א פריינדליכען בעזוך!

נאגי איז געזעסען, וויא פערשטיינערט און האט ניט געקענט ארויסרעדען א וואָרט. זא לאנג גראף מעראס איז געווען ביי איהם אין צימער, האט ער זיך געשטארקט און האט זיך געמאכט הארץ; יעצט, ווען דער גראף איז אוועקגעגאנגען, האט ער אָנגעהויבען צו פיהלען, וויא אלע זיינע פּלאנען, אלע זיינע האפנונגען האבען געפּלאצט מיט א מאָל, וויא עס פּלאצען דיא זייפען בלאָזען, מיט וועלכע א קינד שפּיעלט זיך.

— וואס איז דיר, נאגי? האט דיא גרעפין אויסגערופען, דוא וויזט מיר אויס, וויא א שול-קנאבע, ווען דער לעהרער טרעפט איהם, וויא ער שרייבט איבער זיין לעקציאָן פון אן אנדער קינדס העפט. — זאג מיר דיא וואהרהייט. עפּעס איז געשעהן, איך זעה עס אין דיינע אויגען. איך זעה עס אין דיין געזיכט. איך זעה עס אין דיינע מינען. — זאג מיר! דיין שווייגען טויטעט מיך!

נאגי האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האט זיך אומגעקוקט.

— איך קען דיר יעצט גאָר ניט זאָגען, ביז דיעזע אנגעלעגענהייט וועט זיך ענדיגען, האט ער געזאגט פינסטער.

— איך מוז עס אבער וויסען, האט דיא גרעפין געשריען, איך וויים דאך גאר ניט וואס איבערצוטראכטען.

— טראכט, וואס דוא ווילסט, יעצט קען איך עס דיר ניט ערקלערן, האט נאגי געענטפערט הארט.

דיא גרעפין איז געווארען בלייך, וויא קאלך. זיא האט געפיהלט, אז עס איז געשעהן אן אונגליק. זיא האט אבער נאך ניט געוואוסט, וויא גרויס דער אונגליק איז. פּלוצלונג האט זיא זיך עפּעס דערמאָנט.

— וואו איז דאס פּעקעל פּאפּיערן? האט זיא געפרעגט,

— עס איז דאָרט, וואו עס איז געווען ביז אהער.

— האט עס דער גראף ביי דיר צוגענומען?

נאני האט ניט געענטפערט. ער האט זיך אויפגעהויבען, האט געחאפט אויף זיך זיין אויבעררא̇ק און איז צוגעגאנגען צו דער טהיר.

— דוא ווילסט מיר ניט ענטפערן? האט איהם דיא גרעפין געפרעגט, דוא ווילסט מיר ניט זאגען, וואס גראף מעראס האט דא געטאהן?

— איך האב יעצט קיין צייט ניט, איך מוז געהן, האט נאני געזאגט גראב און איז ארויסגעגאנגען פון צימער.

דיא גרעפין איז געבליעבען אליין. זיא איז אניידערגעפאלען אויפ'ן דיוואן, לעבען וועלכען זיא איז געשטאנען, האט פערדעקט איהר געזיכט מיט דיא הענד, און האט אנגעהויבען צו וויינען.

— איך האב געוואוסט, אז עס וועט זיך אזוי ענדיגען, האט זיא געזיפצט, — עס איז אונמעגליך צו פיהרען אזא לעבען פון שולד און פערברעכען. מען קען איינעם בעטריבען, דעם אנדערן בעשווינדלען, אבער לעבען שטענדיג מיט שווינדעל און בעטרוג איז אונמעגליך. עס קומט ענדליך ארויס; עס שווימט ארויף, וויא פעך אויפ'ן וואסער, און פערשטינקט און פערגיפטעט דיא לופט ארום.

אונטערדעסען איז נאני ארומגעלאפען, וויא א וואהנזיניגער אין שטאדט. אין יענער צייט פלעגען דיא גאסען ניט זיין בעלייכטעט און פאר א מענשען, וועלכער איז ניט געווען גוט בעקאנט מיט דער שטאדט, איז עס געווען א רעכט שווערע אויפגאבע אויסצוגעפינען א גאס אדער א הויז ביי נאכט.

דענאך איז נאני געגאנגען אין א געוויסע געגענד און האט זיך צוגעקוקט צו יעדעס הויז. לעבען איין הויז איז ער געבליעבען שטעהן און האט אנגעהויבען צו קלאפען אין טהיר, גלייך וויא ער האט געוואלט זיא צוברעכען.

דיא טהיר האט זיך געעפענט און א ניעדערינער מאן איז ארויסגעקומען און האט אויסגערופען דערשראקען:

— ווער זייט איהר און וואס ווילט איהר?

— אהו! איהר זייט עס? הערר נאוואק, — גוט, וואס איך האב אייך גע־טראפען! איך דארף אייך.

— אלזא, קומט אריין אין שטוב. שטעהט ניט אויף דער גאס.

ביידע זיינען אריינגעגאנגען אין צימער. דער אדוואקאט האט א קוק געטאהן אויפ'ן בעראן און האט א ציטער געטאהן.

— וואס איז מיט אייך, הערר בעראן? איהר זעהט אויס שרעקליך. וואס איז געשעהן?

— שרעקליך! טרויעריג! שוידערהאפט! האט נאני געשריען.

— וואס איז געשעהן? בערוהיגט אייך, הערר בעראן! דערצעהלט! לאמיך וואס האט אייך פאסירט.

עס איז פערגאנגען איינינע צייט, איידער נאני איז געקומען צו זיך און האט ענטפערן.

— עס איז מיר געלונגען דורך א קונסטשטיק צו בעקומען די פאפיערן, פון וועלכע איך האב אייך דערצעהלט, האט נאני געזאגט, — לײדער, האב איך געהאט צו טאהן מיט א דומע פרוי, א נארישע גאנז, וועלכע האט באלד אלעס אויסגעפלודערט. די צייט איז צו קורץ אום אייך אלעס צו דערצעהלען. מיר מוזען עפעס טאהן. מיר מוזען זיך רעטען. מיר מוזען זיך פערטהיידיגען!

— איך פערשטעה נאך אלץ ניט, וואס ווילט איהר דען?

— די פאפיערן געפינען זיך וויעדער ביי גראף מעראס. ער דארף זיי אבער ניט לעזען.

— וואס קען איך דען דא העלפען? האט דער אדוואקאט געפרעגט פערוואונדערט.

— איהר האט דאך מיר געזאגט, אז איהר קענט פאדערן, אז דאס געריכט זאל פערזיעגלען די פאפיערן.

— געוויס קען איך עס טאהן.

— דאן טהוט עס, וויא אם שנעלסטען. גראף מעראס דארף דיעזע פאפיערן ניט לעזען.

דער דורכגעטריעבענער אדוואקאט האט פערשטאנען, אז די פאפיערן מוזען זיין זעהר וויכטיג פאר באראן נאני. ער האט אויך געוואלט וויסען, וואס פאר א געהיימניס עס געפינט זיך אין דיעזע פאפיערן. דערביי האט ער געוואלט אביסעל אנלערנען דעם גראף מעראס דערפאר, וואס ער האט איהם אויפגענומען אזוי אונפריינדליך, ווען ער איז געוועזען ביי איהם וועגען דעם הענקערס טאכטער.

— יעצט איז נאכט, האט ער געזאגט צום באראן. אלע שלאפען יעצט. מארגען אין דער פריה וועל איך רעדען מיט די ריכטער, וועל בעטען, זיי זאלען מיר אנשרייבען די נעטהיגע פאפיערן, וועלכע איך דארף דערצו און וועל דאן ארויספאדערן די פאפיערן פון גראף מעראס.

— איך וויל אבער, אז ער זאל זיי ניט לעזען.

— דאס פערשטעה איך זעהר גוט. איך וועל עס שוין מאכען, אז ער זאל זיי ניט לעזען. די פראגע איז נור, אויב ער וועט זיי ניט עפענען היינט ביי נאכט.

— דאס וועט ער ניט טאהן.

— פאר וואס?

— ער האט מיר צוגעזאגט, אז ער וועט זיי ניט עפענען אהן מיר, האט נאני ערקלערט.

— ווען דער אלטער נארר האט צוגעזאגט, וועט ער האלטען זיין ווארט, האט דער אדוואקאט געלאכט.

— יא, ער וועט האלטען זיין ווארט, האט נאני געברומט, דאס ווייס איך. ווען איהר וועט קומען צו דער צייט, וועט ער זיי ניט לעזען.

— זייט זיכער, באראן, איך וועל טאהן אלעס מעגליכע, ער זאל ניט וויסען, וואס עס טהוט זיך אין דיעזע פאפיערן.

— איך דאנק אייך, הער אדוואקאט פאראויס און איך ווינשע אייך א גוטע נאכט!

— גוטע נאכט, הערר בּאראן!

נאני איז ארויסגעגאנגען פון אדוואקאטס וואינונג.

24טער קאפּיטעל.

דער אדוואקאט האלט ווארט.

קוים איז נאני ארויסגעגאנגען און דער אדוואקאט האט זיך איבערציינגט, אז ער איז שוין ווייט פון זיין שטוב, האט ער זיך צולאכט אין דער הויך.

— דאס איז גראסארטיג! דאס איז שעהן! דער שטאלצער בּאראן נאני פאן האללאוואאי קומט צו מיר ביי נאכט און בעט מיך, איך זאל צווינגען דעם שטאלצען גראף מעראס, ער זאל ארויסגעבען געוויסע פּאפּיערן! — ליעבּעס, טהייערעס, היילי־געס געזעץ! וויא נעטהיג בּיסט דוא פאר טויגעניכטסע און פערברעכער! איך זאל ניט האבען דאס געזעץ, פון וועלכען איך קען מאכען, וואס איך וויל, וואס וואלט איך דען יעצט געווען? — א גארנישט. דורך דיא געזעצע בּין איך א מאכט. ניט פאר מיר וועט בּויגען דעם קאפּ דער שטאלצער גראף, זאנדערן פאר דיא געזעצע. איך וועל איהם אויפשפּיעלען אזא ליעדעל מיט מיינע געזעצע, אז ער וועט מוזען טאנצען, וויא איך וועל שפּיעלען. אויך דער בּאראן נאני וועט מוזען טאנצען, וויא איך וועל איהם הייסען.

ער האט זיך אנגעשפּארט אויף זיין שרייב טיש, האט אויסגעזוכט איינינע פּאפּיערן, האט זיי דורכגעלעזען און האט זיך געזעצט שרייבען. — — — — —

דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז ער געלאפען צו דיא ריכטער און אום צעהן אוהר איז ער מיט צוויי בּעאמטע פון געריכט געקומען צום פּאלאץ פון גראף מעראס.

נאוואק האט געהייסען דעם דיענער, וועלכער איז געשטאנען ביי דער טהיר, ער זאל איהם מעלדען ביים גראף. אין איינינע מינוט ארום איז דער דיענער צוריק־געקומען און האט געזאגט:

— דער גראף איז זעהר בּעשעפטינט און קען אייך ניט אויפנעהמען.

— נעה, זאג דעם גראף, אז איך קום צו איהם אים נאמען דעם געזעצעס.

אין איינינע מינוט ארום איז דער דיענער צוריקגעקומען און האט געזאגט:

— דער גראף בּעט אייך צו זיך.

באלד איז דער אדוואקאט מיט זיינע בּייהעלפער געשטאנען אין צימער פון גראף מעראס. דער גראף האט זיי ניט געהייסען זיך זעצען און האט געפרעגט דעם אדוואקאט ערנסט און שטרענג:

— וואס פערלאנגט איהר פון מיר, הערר נאוואק?

— דאס קרימינאל געריכט איז געוואהר געווארען, אז ביי אייך געפינט זיך א פּעקעל מיט דאקומענטען, פון וועלכע מען קען געוואהר ווערן פיעלע זאכען איבער יסע פערברעכען, וועלכע זיינען בּעגאנגען געווארען אין אונזער לאנד. דאס געריכט

וויים, אז אן אלטער שטומער בעטלער האט זיי אייך איבערגעגעבען צור אויפבעוואהרונג.

— אלזא, וואס ווילט א י ה ר?

— איך בין נור א דיענער פון געריכט, האט נאוואק געענטפערט, דאס געריכט האט מיך געשיקט צו אייך, איך זאל פארדערן פון אייך, איהר זאלט עס מיר ארויסגעבען.

נאוואק האט אומיסטען גערעדט לאנגזאם און פיעלע איבעריגע ווערטער. ער האט געוואלט זעהן, וואס פאר א מינע דער גראף וועט מאכען, ווען ער וועט פון איהם פארדערן דיא פאפיערן.

— דער גראף האט א שמייכעל געטאהן.

— דיא פאפיערן געפינען זיך אין גוטע הענד.

— דאס געריכט פארדערט זיי אבער, האט נאוואק געענטפערט גלייכגילטיג.

— ווייסט איהר, מיט וועמען איהר רעדט?

— געוויס, הערר גראף! איך רעד מיט'ן ערץ בישאף פון אונגארן.

— אלזא הייס איך אייך ארויסגעהן פון מיין הויז.

דער אדוואקאט איז געווארען בלייך, וויא קאלך. פון זיינע אויגען האבען אנגעהויבען צו שפריצען פייער.

— איך בין א דיענער פון געזעץ, האט ער געזאגט ערנסט, דאס געריכט האט מיך געשיקט, איך מוז פאלגען און טאהן, וואס מען האט מיר געהייסען.

— וואו איז אייער בעפעהל צו פארדערן ביי מיר פאפיערן?

נאוואק האט ארויסגענומען א פאפיער פון בוזים קעשענע און האט עס דערלאנגט דעם גראף.

גראף מעראס האט עס דורכגעלעזען און האט געפונען, אז עס איז ריכטיג. יעצט האט עס איהם ניט געהאלפען. ער האט געמוזט ארויסגעבען דיא פאפיערן, דאס איז איהם געווען זעהר אונאנגענעהם.

— איך מוז אייך אבער בעמערקען, אז דער באראן נאני פאן האללאוואי האט האט אויך א פרעטענזיאן אויף דיעזע פאפיערן, האט ער געזאגט צום אדוואקאט. דאס געריכט קען ניט פארדערן א זאך, וועלכעס האט שוין אן אייגענטהימער.

גראף מעראס האט געזוכט אן אויסרייד. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז דאס געריכט האט א רעכט צו פארדערן פאפיערן, וועלכע קענען איהם ניצען אום אויסצוגעפינען א פערברעכען.

— הערר גראף, איך ווידערהאל אייך, אז איך בין נור אן איינפאכער דיענער פון געזעץ, האט נאוואק געענטפערט, איך קען אייך גאר ניט זאגען און גאר ניט ערקלערן. מען האט מיר געהייסען געהן צו אייך און פארדערן דיעזע פאפיערן. ווען איהר געפינט, אז דאס געריכט טהוט אונרעכט, מעגט איהר אנהויבען א פראצעס.

— איך וועל עס אויך טאהן, האט דער גראף געענטפערט ערנסט, איך וועל פארדערן, אז דאס געריכט זאל דורכלעזען דיעזע דאקומענטען און זאל מאכען א שטרענגע אונטערזוכונג, צו וועמען זיי געהערן.

— זייט זיכער, הערר גראף, אז דאס געריכט וויל נור רעכט און גערעכטיגקייט. איהר זייט א גרויסער מאן; איהר דארפט ווייזען א ביישפיעל פאר אלעמען, אז איהר פאלגט, וואס דאס געריכט הייסט אייך טאהן.

גראף מעראס איז צוגעגאנגען צו זיין קאסע קאסטען, האט ארויסגענומען דאס פעקעל פאפירען און האט עס איבערגעגעבען דעם אדוואקאט. דערביי האט ער איהם דערלאנגט א ביינעלע פאפיער,

— הערר נאוואק, האט ער געזאגט, איהר וועט זיין אזוי גוט און וועט זיך אונ־טערשרייבען, אז איהר האט עמפפאנגען ביי מיר דיעזע פאפירען.

א פינסטערער וואלקען האט זיך געוויעזען אויף נאוואקס געזיכט. ער האט זעהר ניט געוואלט, אז דער גראף זאל האבען א קוויטונג פון איהם אויף דיעזע דאקומענטען; ער האט זיך אבער ניט געקענט אפזאגען. ער האט געמוזט אנשרייבען א פאלשטענ־דיגע קוויטונג מיט אלע פארמאליטעטען.

ווען ער האט זיך אונטערגעשריבען, האט גראף מעראס געהייסען דיא אנדערע צוויי בעאמטע, וועלכע זיינען געקומען מיט'ן אדוואקאט, זיי זאלען זיך אויך אונטער־שרייבען. ווען דיא קוויטונג איז געווען אונטערשריעבען, האט עס דער גראף צוגענומען צו זיך און האט געזאגט:

— יעצט, הערר אדוואקאט, מעגט איהר געהן. יעדער פון אונז האט געטאהן זיין פפליכט; יעדער פון אונז וועט אפגעבען רעכנונג פאר'ן געזעץ.

דער אדוואקאט האט געמאכט א זויערע מינע, האט זיך פערניינט און איז אוועקגעגאנגען.

25טער קאפיטעל.

אן אונערוואַרטעטע בעגעגניס.

לאנגזאם, שלעפעריג און טרויעריג איז געריטען דער קאנוואָי מיט'ן געפאנגענעם ארטהור פאן באטהיאני. דיא סאלדאטען האבען וועניג גערעדט. ארטהור איז געזעסען אויף זיין פערד פערטיעפט אין זיינע געדאנקען און האט מיט קיינעם ניט גערעדט, נור פון צייט צו צייט פלעגען זיינע אויגען בעגעגנען זיך מיט עלווירא'ס אויגען און, ווען איהר קארעטע פלעגט קומען גאנץ נאהענט צו איהם, פלעגט ער זיא פרעגען, וואס דא מאכט.

דיא פוסטא אין אונגארן איז לאנגווייליג און טרויעריג, וויא דיא סטעפעס אין רוסלאנד. מען פאהרט אוועק א גאנצען לאנגען טאג און מען זעהט פאר זיך נור ניע־דעריגעס גראז. קיין בוים, קיין בערגעל און קיין טייכעל, וויא וויט דאס אויג קען גריי־כען, זעהט ער נור הימעל און גראז. דאס איז דיא פוסטא אין אונגארן און דאס זיינען דיא סטעפען אין רוסלאנד.

וויא לאנגווייליג דיא פוסטא איז אים זומער, אזוי טרויעריג איז זיא אים ווינטער. ווען דיא אלטע גראזען ווערן פערדארט און קיין נייע ווייזען זיך נאך ניט ארויס. דא־מאלס איז דיא פוסטא שרעקליך, אבשייליך, אונערטרעגליך טרויעריג.

דורך דיעזע פוסטא האט מען יעצט געפיהרט ארטהורן; דורך דיעזע פוסטא

איז יעצט גאפאהרען עלווירא מיט א מענשען, וועלכען זיא האט געהאסט, וויא דעם טויט. לאנגזאם האט זיך געשלעפט דער טרויעריגער צוג איבער דיא לאנגווייליגע, טרויעריגע פוסטא. אלע האבען וועניג גערעדט. דיא סאלדאטען פון קאנוואי, ארטהור, עלווירא און יאזעף פלעגען שטונדען לאנג פאהרען איינער לעבען אנדערן און ניט רעדען א ווארט איינער מיט'ן אנדערן. אזוי איז שוין דיא פוסטא.

דאס האט געדויערט גאנצע פיער טעג. אויף פינפטען טאג האבען זיי דערזעהן פון דער ווייטען דיא שפיצען פון דיא קארפאטהען בערג. ארטהור און עלווירא האבען אפגעלעבט. זיי האבען דערזעהן דיא געגענד, וואו זיי זיינען געבארען געווארען.

— ווילט איהר פיעלייכט פאהרען אהיים? האט יאזעף געפרעגט עלווירא'ן, — איך וועל אייך אפפיהרען אין שלאס טאקקי.

— ניין, איך וויל ניט פאהרען אהיים, האט עלווירא געענטפערט.

יאזעף האט יעצט אנגעהויבען זיך צו צולאזען צו ארטהורן, איהם זאגען עפעס א ווארט, איהם עפעס פרעגען, איהם עפעס דערלאנגען און זיך ווייזען פריינדליך און געפעליג געגען איהם.

עלווירא האט בעמערקט מיט שטוינען, אז ארטהור ענטפערט יאזעפ'ן גאנץ פריינדליך און רעדט זאגאר מיט איהם גאנץ צוטרויליך, וויא צוויי גוטע, אלטע בעקאנטע. דאס האט עלווירא אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן; זיא האט זיך אויף קיין פאל ניט געקענט ערקלערן, וויא עס קומט, וואס ארטהור רעדט מיט זיין גרעסטען פיינד.

עלווירא האט געוואלט צוקומען צו ארטהורן נעהענטער און איהם פרעגען, וואס דאס בעדייטעט, עס איז איהר אבער א גאנצען טאג ניט אויסגעקומען. פאר נאכט איז דער צוג אריינגעפאהרען אין א גרויס דארף. דיא איינוואוינער זיינען זיך צונויפגעלאפען זעהן דיא פערברעכער. מענער, פרויען און קינדער האבען ארומגערינגעלט דיא סאלדאטען און דיא קארעטע און האבען אויסגעגלאצט דיא אויגען אויף דיא ארעסטאנטען.

ארטהור האט געוואוסט, אז ער איז ניט ווייט פון זיין שלאס. ער האט דערקענט אייניגע פון דיא בויערן. זיי פלעגען אפט קומען צו איהם אין שלאס און פערדינגען זיך ביי איהם אין דער צייט פון דיא פעלד־ארבייטען. ער האט גטבעטען יאזעפ'ן, זיי זאלען ליעבער ווייטער פאהרען און דא ניט נעכטיגען. יאזעף האט עס איהם צוליעב געטאהן און האט געזאגט דעם אונטער אפיציער פון דיא גרענעץ סאלדאטען, אז זיי וועלען ליעבער נעכטיגען מיט א פאר מייל ווייטער אין א גרויסע פעלד קרעטשמע.

— איך דאנק אייך! האט ארטהור געזאגט צו יאזעפ'ן, איהר האט מיר געוויזען, א גרויס געפעליגקייט.

דעם גאנצען וועג פון'ם דארף ביז אין קרעטשמע, וואוהין יאזעף האט יעצט געפיהרט דיא סאלדאטען, איז יאזעף ניט אפגעטרעטען פון ארטהורן.

— איך פערשטעה אייך, באראן פאן באטהיאני האט יאזעף געזאגט צו ארטהורן, איך פערשטעה, פאר וואס איהר האט ניט געוואלט נעכטיגען אין יענעם דארף. דיא איינוואוינער זיינען אייך בעקאנט.

— וויא איך זעה, איז אייך בעקאנט דיעזע געגענד, האט ארטהור בעמערקט· דאס איז מיר א וואונדער. וויא קומט איהר אהער? איהר וואינט דאך אין בודאפעסט, פון וואנען קענט איהר אזוי גוט דיעזע געגענד?

— איך האב בערייזט גאנץ אונגארן, האט יאזעף געענטפערט רוהיג, מיינע געשעפטען האבען מיך זעהר אפט געבראכט אהער.

ביידע האבען אוועקגערעדט אזוי פריינדליך און צוטרוילידך אייניגע מינוט. פלוצ־לונג האט יאָזעף געזאגט ארטהורן:

— ענטשולדיגט מיר, הערר באראן, וואס איך ערלויב מיר אייך צו שטעלען א פראגע.—

— ביטע, מיין הערר, פרעגט! האט איהם ארטהור אונטערבראכען, איך וועל אייך געווים ענטפערן.

— ערקלערט מיר, הערר באראָן, וויא קומט עס, וואס איהר האט זיך בעשעפ־טיגט מיט א זאך, וועלכעס איז פערבאטען? וועלכעס איז א פערברעכען? איהר זייט רייך, איהר האט ניט געדארפט דאס געלד, צו וואס אלזא האט איהר געמאכט פאלשעס....?

— רעדט ניט דערפון! האט ארטהור געבעטען, איך קען עס ניט הערן.

עלווירא האט געהערט, וואס ביידע מענער האבען גערעדט און האט אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן, וואס דא קומט פאר. ארטהור איז געבליעבען גאנץ רוהיג ביי דיעזע בעליידיגענדע פראגע. דאס האט עלווירא אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן.

עס זיינען פערגאנגען אייניגע מינוט, אין וועלכע אלע דרייא האבען געשוויגען. פלוצלונג האט זיך יאזעף געווענדעט צו ארטהורן און האט איהם געפרעגט:

— וויא קומט עס, הערר באראָן, וואס איהר האט געבעטען דעם גרענעץ אפי־ציער, אז מען זאל מיך ארעסטירען? וואס האב איך אייך דען געטאהן? איהר קענט דאך מיך ניט.

— עס האט זיך מיר אויסגעוויעזען, אז איך קען אייך, האט ארטהור געענט־פערט קורץ.

— איהר האט געווים ניט געוואוסט, אז איך האב א פרוי און קינדער, האט יאזעף ווייטער געזאגט גאנץ ערנסט, איהר וואלט דאך געקענט אונז אונגליקליך מאכען.

— ענטשולדיגט מיר, האט ארטהור געענטפערט, איהר האט דאך זיך איבער־ציינט, אז עס איז ניט אזוי לייכט אונגליקליך צו מאכען א מענשען.

דאן האט זיך יאָזעף געווענדעט צו עלוויראַ און האט איהר געזאגט:

— אויך איהר, גנעדיגע גרעפין, האט געפונען, אז איך בין א פערברעכער, פון וואנען האט איהר עס גענומען, אז איהר קענט מיך? וואו האט איהר מיך דען געזעהן?

עלווירא האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן. זיא האט זיך ניט גערינכט אויף אזא פראגע. ארטהור האט געמוזט ענטפערן פאר איהר.

— עס האט זיך איהר געווים אויסגעוויעזען, אז זיא קען אייך.

— זייט איהר יעצט ווענינסטענס שוין איבערציינט, אז איהר האט א טעות געהאט?

— יא, מיין הערר, האט עלווירא געענטפערט.

זיא האט זעהר גוט פערשטאנען, אז ארטהור וויל ניט ארויסווייזען פאר זייער בעגלייטער, אז ער קען איהם און וויים, אז ער (יאָזעף) האט געשפּיעלט א גרויסע ראלע אין זיין אונגליק.

אונטער דעסען איז דער צוג אנגעקומען אין דער פעלד קרעטשמע, וואו דער אונטער־אָפיציער האט בעשלאָסען צו נעכטיגען.

עלווירא האט זעהר געוואלט רעדען מיט ארטהורן און איהם פרעגען, פאר וואס ער איז אזוי פלוצלונג געווארען יאָזעף'ס פריינד; ליידער, איז עס אונמעגליך געווען. די סאָלדאטען האבען ניט אפּגעטרעטען פון ארטהורן אויף א מינוט. עס איז ניט געווען וואס צו עסען. יאָזעף איז ערגעץ אוועקגעגאנגען און האט געבראכט פיעלע גוטע שפּייזען, וועלכע ער האט געגעבען נור ארטהור'ן און עלווירא'ן.

ווער עס וואלט בעטראכט פון דער ווייטען דיזע דרייא מענשען און וואלט געזעהן, וויא טריי און ערגעבען יאזעף האט זיך געוויעזען און האט זיך געגעבען אלע מעגליכע מיה, אז ארטהור און עלווירא זאלען האבען אלעס, וואס זיי דארפען, — דער וואלט געוויס גערעכענט, אז דאס זיינען הערצפריינד.

יאזעף האט זיך געזארגט פאר ארטהור און עלווירא, וויא א מוטער זארגט זיך פאר איהרע קינדער. ער האט געזעהן, אז עלווירא זאל האבען א בעזונדער צימער וואו צו שלאפען. ער האט אויסגעבעט פאר ארטהור א געלעגער פון שטרוי און האט געזעהן איהם צו פערשאפען אלע בעקוועמליכקייטען.

עלווירא האט בענוצט דיא געלעגענהייט, ווען יאָזעף איז ארויסגעגאנגען אין דרויסען עפּעס ברענגען און האט געפרעגט ארטהור'ן שטילערהייט:

— וואס איז מיט דיר, ארטהור? פאר וואס ביזט דוא פלוצלונג געווארען אזוי פריינדליך געגען דיזען מענשען, וועלכער האט דיך אונגליקליך געמאכט?

— איך דארף איהם האבען, האט ארטהור געענטפערט, דורך איהם וועט זיך ארויסווייזען, אז איך בין אונשולדיג.

— איך פערשטעה ניט, וואס דוא מיינסט.

— יעצט איז ניט דיא צייט צו רעדען, דוא זעהסט דאך, אז מען קוקט אויף אונז, האט ארטהור געזאגט שטילערהייט. — איך האב מיך איבערלעגט און האב געפונען, אז אויפ'ן וועג דארפען מיר זיין פריינדליך מיט דיזען טויגעניכטס. ערשט ווען מיר וועלען קומען קיין בודאפּעסט, וועלען מיר פארדערן פון קרימינאל געריכט, מען זאל איהם ארעסטירען. —

מעהר האט ער ניט געקענט רעדען. אין דיזע מינוט איז יאזעף אריינגעקומען אין צימער.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז מען ווייטער געפאהרען. יעצט איז מען ארויסגעקומען אויפ'ן גרויסען טראקט קיין בודאפּעסט. אום צעהן אוהר האבען ארטהור

און עלווירא דערזעהן, וויא א שעהנע קארעטע מיט פיער שטארקע פערד איז אנגעקומען פון א זייטען וועג. עלווירא איז אויפגעשפרונגען.

— ארטהור! דאס איז אונזער קארעטע! האט זיא אויסגערופען.

ארטהור האט זיך צוגעקוקט צו דער קארעטע און האט זיא אויך דערקענט, דאס איז ווירקליך געווען דיא קארעטע פון דער גרעפין פאן טאקקי. ער האט געבעטען דעם קאנוואי, מען זאל בלייבען שטעהן, ביז דיא קארעטע וועט צוקומען.

— מארש! פארווערטס! האט קאמאנדירט דער אונטעראפיציער. מיר קענען ניט ווארטען.

— בלייבט שטעהן, מיין הערר, האט עלווירא געבעטען יאזעפ'ן. איך וויל זעהן. ווער עס פארט דארט. דאס איז אונזער קארעטע.

יאזעף האט זעהר געוואלט זיין געפעליג געגען עלוויראן און איז געבליבען שטעהן, ביז דיא פרעמדע קארעטע איז צוגעקומען. אין איהר איז געזעסען נור איין מענש.

— נעארג! מיין ברודער! מיין ליעבער, טהייערער ברודער! האט עלווירא געשריען, ווען זיא האט דערזעהן דעם יונגען מאן, וועלכער איז געזעסען אין קארעטע.

— עלווירא! דוא ביסט עס? האט געארג געפרעגט.

מיט איינינע מינוטען שפעטער איז עלווירא געלעגען אויף איהר ברודערס ברוסט און האט געוויינט.

— וויא קומסט דוא אהער, עלווירא? האט געארג געפרעגט, איך זעה דארט א קאנוואי מיט סאלדאטען; איך האב געזעהן, וויא דוא ביסט געפאהרען מיט'ן קאנוואי, וואס איז דארט?

עלווירא האט ניט געקענט רעדען און האט ניט געוואלט רעדען. זיא האט געוואוסט, אז יאזעף הערט זיך צו יעדעס ווארט, וואס זיא וועט רעדען מיט איהר ברודער.

— וואהין פאהרסט דוא יעצט? האט געארג געפרעגט.

— קיין בודאפעסט.

— וואו איז ארטהור?

— ארטהור פאהרט דארט מיט'ן קאנוואי, מען פיהרט איהם קיין בודאפעסט.

נעארג האט יעצט אלעס פערשטאנען.

— איך האב געהערט, אז מען האט ארטהורן געחאפט, האט געארג געזאגט טרויעריג, איך פאהר אומיסטען קיין בודאפעסט, פיעלייכט וועל איך קענען עפעס טאהן פון זיינעטוועגען. — אבער קום, עלווירא, זעץ דיך אין אונזער קארעטע. איך וויל איהם אניאגען, איך וויל איהם זעהן. איך מוז מיט איהם רעדען.

עלווירא האט זיך אויפגעזעצט מיט געארג'ן אין קארעטע און יאזעף האט געמוזט פאהרען אליין. עס איז איהם צוואר שטארק ניט געפעלען, וואס ער האט בעגעגענט א נייעם גאסט. ער האט זעהר גוט פערשטאנען, אז געארג איז ארטהורס פריינד און וועט געווים טאהן אלעס מעגליכע צו בעווייזען, אז ארטהור איז אונשולדיג.

באלד האבען ביידע קארעטעס אנגעיאגט דעם קאנוואי.

— ארטהור! האט עלווירא געשריען פון דערווייטען, זעה ארטהור, ועמען איך ברענג דיר! מיין ברודער געארג!

וויא דער אונטעראפיציער, וועלבער האט קאמאנדירט דעם קאנוואי, האט זיך געאיילט, האט ער דאך געמוזט הייסען בלייבען שטעהן. געארג איז ארויסגעשפרונגען פון דער קארעטע, איז צוגעלאפען צו ארטהורן און האט אויסגערופען:

— אונגליקליכער פריינד! איך האב געהאפט, אז מיר וועלען זיך זעהן אין אנאנדער ארט און אונטער אנדערע אומשטענדע. ליידער....

ער האט מעהר ניט געקענט רעדען. א שטראם טרערען האט זיך איהם א גאס געטאהן פון דיא אויגען.

— מארש! פארווערטס! האט קאמאנדירט דער אונטער אפיציער.

עס האט נאר ניט געהאלפע. עלווירא און געארג האבען געמוזט זיך צוריקזעצען אין זייער קארעטע און לאנגזאם נאכפאהרען דעם קאנוואי. אויפ'ן וועג האט איהם עלווירא דערצעהלט אין קורצע ווערטער, וואס עס האט פאסירט מיט זיי, זייט זיי זיינען אריבער דיא טערקישע גרענעץ און וויא אזוי מען האט זיי געחאפט אין שיפקא.

אום צוועלף אוהר איז דער צוג צוגעקומען צו א דארף. דא איז מען געבליעבען שטעהן אום פריהשטיק צו עסען. ערשט יעצט האט געארג געפונען א געלעגענהייט צו רעדען א פאר ווערטער מיט ארטהורן און איהם צו פרעגען, אויב ער האט נאך אלץ ניט אויסגעפונען, ווער עס האט איהם אונטערגעווארפען דאס פאלשע געלד.

— איך האב נאך ניט פערלארען דיא האפנונג צו בעווייזען, אז איך בין אונשולדיג, האט ארטהור געענטפערט רוהיג.

— וואס רעדסט דוא, פריינד? האט געארג אויסגערופען, זאג מיר! דערצעהל מיר! וואס פאר א האפנונגען האסט דוא?

ארטהור האט איהם א ווינק געטאהן, ער זאל מעהר ניט פרעגען. געארג האט זיך געווענדעט צו עלוויראן.

— און דוא, גוטע און ליעבע שוועסטער, ביסט איהם געבליעבען טריי און האלסט אויס לעבען איהם! איך וויים שוין גענוג אום דיך צו שעצען. דוא האסט ניט געקענט זיך צושיידען פון איהם און ביסט איהם נאכגעפאהרען מיט'ן קאנוואי.

עלווירא האט צוגעפרעסט איהר ברודער צו איהר הארצען און האט אויסגערופען:

— גוטער, ליעבער געארג! דוא ווייסט, וואס ליעבע איז! דוא פיהלסט, וואס עס ליידעט א הערץ, וועלכעס ליעבט! — קען איך איהם לאזען אליין? קען איך מיך שאדען פון איהם?—

אין דיעזע מינוט איז יאזעף צוגעקומען צו זיי און האט געזאגט:

— מיינע העררען, דיא סאלדאטען ווילען שוין ווייטער פאהרען.

— מיר זיינען באלד פערטיג, האט ארטהור געענטפערט, בעט זיי צו ווארטען נאך איינינע מינוט.

יאזעף איז אוועקגעגאנגען.

— ווער איז דער? האט געארג געפרעגט, וואס האט ער דא צו טאהן?

— ער איז א בעאמטער, האט ארטהור געענטפערט קורץ, ווען ער זאגט, אז

עס איז שוין צייט צו פאהרען, מוזען מיר פאהרען. — יעצט, עלווירא, האב איך צו דיר א ביטע.

— וואס איז, ליעבער ארטהור?

— ביז יעצט האסט דוא ניט געוואלט אפטרעטען פון מיר, ווייל דוא האסט געוואלט טהיילען מיינע ליידען און מיר העלפען, וויא ווייט דוא וועסט קענען; יעצט ווען נעארג איז מיט דיר, בעט איך דיך, פאהר דיר אוועק מיט איהם.

— וואס רעדסט דוא ארטהור? וואס פערלאנגסט דוא פון מיר? האט עלווירא אויסגערופען.

— איך פערלאנג, אז דוא זאלסט פאהרען מיט נעארג'ן פאראויס קיין בודאפעסט, האט ארטהור געענטפערט ערנסט, איך וויל ניט, אז דוא זאלסט אנקומען מיט א קאנוואי קיין בודאפעסט.

— ניין, ארטהור! איך וויל עס ניט! איך קען עס ניט! וואס וואלט געווען, ווען מיר זאלען ניט געווען טרעפען נעארג'ן אויפ'ן וועג?

— דאן וואלט געוויס אנדערש געווען, האט ארטהור געענטפערט, איך בעט דיך, עלווירא, טהו עס מיר צוליעב און פאהר דיר אוועק פאראויס מיט נעארג'ן, איך האב געוויסע אורזאכען, פאר וואס איך פערלאנג עס פון דיר.

— פאהר מיט מיר, מיין שוועסטער! האט נעארג געבעטען, איך האב פערגעסען דיר צו זאגען, אז דיא מוטער איז אויך אין בודאפעסט, אז זיא ערווארטעט מיך. ווען מיר וועלען קומען פריהער, וועלען מיר פיעלייכט קענען עפעס טאהן פון זיינעט וועגען.

נעארג און ארטהור האבען אזוי לאנג גערעדט און געבעטען עלווירא'ן, זיא זאל אוועקפאהרען פאראויס, אז זיא האט געמוזט נאכגעבען. ברודער און שוועסטער האבען אבשיעד גענומען פון ארטהורן און זיינען געגאנגען זיך זעצען אין זייער קארעטע.

— זייט געזונד, מיינע ליעבע! האט זיי ארטהור געזאגט, איך האף, אז מיר וועלען זיך וויעדער זעהן אין בודאפעסט אונטער בעסערע און פרעהליכערע אומשטענדע!

— מארש! פארווערטס! האט קאמאנדירט דער אונטער אפיציער.

ארטהור האט געמוזט אוועקפאהרען מיט דיא סאלדאטען.

נעארג און עלווירא זיינען געזעסען אין זייער קארעטע. דער קוטשער האט אונטערגעטריעבען דיא פערד און אין א קורצע צייט איז דיא קארעטע געווען ווייט, ווייט פאראויס פאר'ן קאנוואי.

עס איז פערגאנגען א גערוימע צייט, איידער עלווירא האט זיך אביסעל בערוהיגט און האט אנגעהויבען צו רעדען צו איהר ברודער.

— איך זעה, אז ארטהור איז פרעהליך, האט נעארג ענדליך געזאגט. וואס זאל זיין דיא אורזאכע דערפון? וואס פאר א האפנונג קען ער דען האבען?

עלווירא האט איהם דערצעהלט, ווער יאזעף איז און וואס פאר א ראלע יאזעף האט געשפיעלט אין ארטהאר'ס לעבען און אין איהר אייגענעם לעבען. נעארג האט זיך

פערטראכט. דאס איז ביי איהם געווען א נייעס. דאס קען דאך ווירקליך פיהרען צו פיעלע זאכען.

— האט איהר בעווייזע? האט ער פלוצלונג א פרעג געטאהן, קענט איהר בעווייזען, אז דיעזער מאן האט געטויטעט דיין קוטשער? קענט איהר עס איבערצייגען אז ער האט זיך פערשטעלט אלס גראף טארנאסי?

— איך קען איבערצייגען, אז ער איז אנגעפאלען אויף מיין קארעטע אין וואלד און האט דערשאסען מיין קוטשער, האט עלווירא געענטפערט, מיין קאמער מעדכען, וועלכעס איז געפאהרען מיט מיר, קען עס בעווייזען. זיא וועט איהם געוויס דערקענען.

— דאס איז גאנץ רעכט. קען אבער ארטהור בעווייזען, אז דער זעלבער יאזעף האט זיך איהם פארגעשטעלט אלס גראף טארנאסי און פלעגט זיצען אין זיין צימער אליין?

— ליידער, קען עס ארטהור יעצט נאך ניט בעווייזען, האט עלווירא געענט-פערט, ער האפט אבער, אז עס וועלען זיך נאך געפינען לאקייען און דיענער פון האטעל, וועלבע וועלען דערקענען דעם פאלשען גראף פאן טארנאסי.

— דאן מוזען מיר זעהן אנקומען קיין בודאפעסט פריהער פאר איהם, האט געארג געזאגט. איך וועל פארדערן פון געריכט, אז מען זאל ארעסטירען דיעזען פאלשען גראף טארנאסי; איך וועל פארדערן אין דיין נאמען, וויל דוא האסט איהם דערקענט, אז ער האט געטויטעט דיין קוטשער.

— וויא לאנג איז עס שוין, זייט דיא מוטער געפינט זיך אין בודאפעסט?

— זייט פינף וואכען. זיא איז אוועקגעפאהרען באלד נאך דיין אנטלויפען פון שלאס טאקקי.

— אלזא, איז יעצט אין שלאס טאקקי קיינער נימא?

— ניט נור אין שלאס טאקקי, האט געארג געענטפערט, אין דער גאנצער גע-גענד איז קיינער ניטא. דיא פאמיליע פאן ראדעצקי איז אויך ארויסגעפאהרען קיין בודאפעסט.

עלווירא האט א ציטער געטאהן. זיא האט שוין גאר פערגעסען אן דער פאמיליע פאן ראדעצקי. געארג האט איהר יעצט דערמאנט אלע איהרע ליידען און אלע איהרע שמערצען, וואס זיא איז אויסגעשטאנען פון דיעזער פאמיליע.

— אך! האט זיא געזיפצט, זאל איך זיי וויעדער טרעפען אין בודאפעסט? איך האב געדאכט, אז איך וועל זיי שוין קיין מאל ניט וויעדערזעהן, איך האב געמיינט, אז איך בין שוין פון זיי לויז געווארען אויף אייביג.

— איך ווייס ניט, וואס מיט דיעזער פאמיליע איז, האט געארג געזאגט צו זיך אליין. עפעס איז ניט גלאט מיט איהר.

— וואס איז דען, געארג?

— איך ווייס אליין ניט, וואס איך זאל דיר זאגען, איידער איך בין ארויסגע-פאהרען פון דער היים, איז געקומען צו מיר דער גייסטליכער פון טשעמעני און האט מיר געזאגט, אז אין פאל איך וועל דארפען וויסען עפעס איבער דעם באראן נאגי און זיין פרוי, דיא גרעפין פאן ראדעצקי, וועט ער מיר געבען אויסקונפט.

— האט ער דיר עפּעס דערצעהלט איבּער זיי?
— ניין. ער האט מיר געזאגט, אז ער וועט מיר זאגען, ווען עס וועט נעטהיג זיין.
— זאנדערבּאר! האט עלווירא אויסגערופען, מיט דיעזער פאמיליע איז עפּעס ניט גלאט.
— איך האבּ עס שוין לאנג בּעמערקט, האט נעארג געזאגט, איך האבּ שוין פריהער איינגעזעהן, אז אויף דיעזער פאמיליע ליעגט עפּעס א שאטען. וויא עס ווייזט אויס, ווייס דער גייסטליכער פון טשעמני פיעל מעהר פון דיעזער פאמיליע.
— ווערסט דוא אויספאָרדערן דעם גייסטליכען, ער זאל אלעס אויסזאגען פאר'ן געריכט?
— איך ווייס ניט. איך מוז איבּעררעדען מיט אונזער אנקעל.
— ווען דענקסט דוא, ווילען מיר אנקומען קיין בּודאפּעסט?
— אין דרייא טאג ארום.

25טער קאפּיטעל.

דאס וויעדערזעהן.

עס איז עקך אוהר אבּענדס, אין פּאלאץ פון גראף מעראס איז אלעס שטיל און רוהיג. אלע שלאפען שוין אדער ווילען זיך שוין לעגען שלאפען.

דיא גרעפין פאן טאקקי זיצט אליין אין איהר צימער. זיא וויל נאך ניט שלאפען. זיא איז אונרוהיג. דער בּאראן נאגי האט איהר צוגעזאגט, אז ער וועט מארגען קומען און ער איז ניט געקומען. זיא ווייס, אז עלווירא מיט ארטהור דארפען אין א קורצע צייט אנקומען קיין בּודאפּעסט. זיא ערווארטעט זיי; זיא מאכט פּלאנען, וויא אזוי אויפצונעהמען איהר טאכטער.

פּלוצלונג האט זיא דערהערט א גערויש אין קאָרידאָר. זיא איז אויפגעשפּרונגען און האט געוואלט לויפען צו דער טהיר זעהן, וואס דארט איז. איידער זיא האט אבּער צייט געהאט צו עפענען דיא טהיר, איז אריינגעקומען איהר קאמער מעדכען און האט אויסגערופען פול פרייד:

— דיא גרעפין עלווירא און גראף נעאָרג!

דיא גרעפין פאן טאקקי האט אנפאנגס ניט פערשטאנען, וואס דאס קאמער מעדכען רעדט צו איהר.

— וואס מיינסט דוא? וויא קומט אהער עלווירא?

גנעדיגע גרעפין, דיא יונגע גרעפין עלווירא און דער יונגער גראף נעאָרג זיינען נור וואס געקומען צופאָהרען.

— וואו זיינען זיי?
— זיי געפינען זיך בּיים אלטען גראף אין צימער

דיא גרעפין איז אויפגעשפּרונגען.

— עלווירא! האט זיא אויסגערופען און האט אנגעהויבּען צו וויינען פאר פרייד.

מעהר האט זיא ניט געקענט זאגען. דער גאנצער שאץ (אוצר) פון מוטערליעבּע אין איהר הערץ האט אויפגעקאכט מיט א מאל, האט אויפגעזאטען און איז אריבּער־

געלאפען אין א קלארען שוים פון העלע טרעהרען. עס זיינען פערגאנגען עטליכע מינוט, ביז זיא האט זיך אביסעל בערוהיגט, דאן איז זיא ארויסגעלאפען פון איהר צימער, וויא א וואהנזיניגע און איז געלאפען צו איהר ברודער. וויא א שטורמווינד איז זיא אריינגע־לאפען אין צימער און איז ארויפגעפאלען אויף עלווירא'ס האלז.

— מיין טאכטער! מיין ליעבע טאכטער, עלווירא! האט זיא געוויינט. — ענדליך זעה איך דיך ווידער!

— מוטער! ליעבע מוטער! האט עלווירא אויסגערופען, וויא גליקליך בין איך, וואס איך זעה דיך ווידער! — דוא ליעבסט מיך נאך? דוא ביסט אויף מיר ניט בייז?

— ניין, קינד! איך בין אויף דיר ניט בייז; איך האב אלעס פערגעסען און אלעס פערגעבען, האט איהר מוטער געענטפערט, איך וויים, אז דוא האסט געליטען זעהר פיעל.

ווען אלע האבען זיך אביסעל בערוהיגט, האט דיא גרעפין ארומגענומען איהר זוהן געארג און האט איהם געפרעגט, וואס עס הערט זיך אין דער היים.

— יעצט, עלווירא קום אין מיין צימער, דערצעהל מיר, וואס עס האט מיט דיר פאסירט.

עלווירא איז געווען גליקליך און פול פרייד, וואס איהר מוטער מאכט איהר קיינע פארוואורפע און האט זיא אויפגענומען אזוי פריינדליך.

— קום, מוטער! מיר האבען זעהר פיעל צו רעדען און צו דערצעהלען, וואס מיט אונז האט פאסירט, האט זיא געזאגט און איז אוועקגעגאנגען מיט איהר מוטער. געארג איז געבליעבען ביי זיין אנקעל, דעם גראף מאראס.

ווען עלווירא מיט איהר מוטער זיינען אנגעקומען אין זייער צימער, האט דיא גרעפין געבעטען, אז עלווירא זאל איהר דערצעהלען אלעס, וואס מיט איהר האט פאסירט פון דעם טאג, ווען זיא איז אוועקגעפאהרען פון שלאס טאקקי, ביז זיא איז אנגעקומען קיין בודאפעסט.

עלווירא האט דערצעהלט אלעס, וואס מיט איהר האט פאסירט אין דער טירקיי; וויא דער אגא אלי עפענדי האט זיא געפאנגען; וויא ער האט געוואלט זיא טויטען און וויא דער גרעק מארווא האט זיא גערעטעט.

דיא גרעפין האט געוויינט מיט ביטערע טרעהרען, ווען זיא האט געהערט וויא פיעל עלווירא האט איבערגעליטען אין אזא קורצע צייט.

— גאט זיי דאנק, וואס דוא ביסט ענדליך דא! האט זיא אויסגערופען, יעצט וועל איך דיך שוין מעהר ניט לאזען פון מיר! יעצט וועסט דוא שוין בלייבען ביי מיר.

— איך פיהל דיינע ליידען! איך פיהל, וויא טרויעריג עס איז צו ליעבען אזוי שטארק, אזוי היים, אזוי עהרליך און דאך — אומזיסט!

— פאר וואס אומזיסט, מוטער? ארטהור ליעבט מיך אויך.

— דאס וויים איך, וואס העלפט עס אבער? וואס ווערט דען דערפון? ווייסט דוא דען ניט?

— איך האף, מוטער, אז עס וועט זיך נאך ארויסווייזען, אז ארטהור איז אונ־שולדיג.

— וואס רעדסט דוא, טאכטער? וויא וואגסט דוא נאך צו האפען? אויף וואס קענסט דוא נאך האפען?

— ליעבע מוטער! דוא קענסט מיין הערץ; דוא ווייסט, וויא וויא איך ליעבע איהם. דוא זעהסט דאך שוין, אז איך קען ניט לעבען אהן איהם. מיין ליעבע איז מיין לעבען. איך בין פעסט איבערצייגט, אז מיין ריינע ליעבע וועט ענדליך זיעגען. וועט עס אבער ניט זיין, בלייבט מיר איבעריג — צו שטארבען מיט מיין ליעבע.

דיא גרעפין פאן טאָקקי האט בעטראכט איהר טאכטער מיט שטוינען און פערוואונדערונג. עס ליעגט א בעזאנדערע קראפט אין ערנסטע ווערטער, וועלכע קוועלען ארויס פון פולען הארצען. זיי בעגייסטערן, זיי איבערצייגען, זיי רייסען אונז אוועק מיט זיך. דיא גרעפין פאן טאָקקי האט געפיהלט, אז עס וועט איהר יעצט גאר ניט העלפען, זיא האט אבער פיינט געהאט ארטהור'ן. איהר איז בעסער געפעלען דער שטאלצער נאמען פאן ראַדעצקי.

זיא האט געוואלט פראבירען נאך אמאל איבערצייגען עלוויראַ'ן אז זיא טהוט שלעכט, וואס זיא ליעבט אזוי שטארק א מענשען, וועלכער איז פעראורטהיילט צום טויט.

— ליעבע טאכטער, דוא האסט אזוי פיעל געליטען דורך דיין ליעבע, אז עס וואלט שוין צייט געווען, דוא זאלסט זיך ניט נאררען מיט פאלשע האפנונגען — וואס ווערט דען פון אזעלכע האפנונגען? זיי קרענקען אונז נור, רייצען אונז נור און זיינען ניט מעהר, וויא א שרעקליכער בליץ אין א פינסטערער נאכט. ער בעלייכטעט אונז דעם הימעל אויף אן אויגענבליק און ווייזט אונז נור, וויא שרעקליך פינסטער דיא נאכט איז.

— וויא שעהן איז אבער דיא וועלט אין דיעזע מינוט, ווען דער בליץ בעלייכטעט זיא! האט עלוויראַ בעמערקט. דער מענש פיהלט זיך גרעסער און עדעלער. דער בליץ צייגט איהם אלע געהיימניסע פון דער טיעפען פינסטערניס.

— ארימעס, אונגליקליכעס קינד! האט דיא גרעפין געזיפצט.

— בעדויער מיך ניט, מוטער! איך בין גליקליך.

— ווען דוא זאלסט קענען איהם פערגעסען, וואלסט דוא געווען גליקליך.

— רעד ניט דערפון, מוטער! איך קען איהם ניט פערגעסען און וועל איהם ניט פערגעסען.

דיא גרעפין פאן טאקקי האט געטראכט איינינע אויגענבליקע. זיא האט עפעס געוואלט פרעגען איהר טאכטער און האט זיך איבערלעגט, אויב זיא זאל עס טאהן.

— עלוויראַ, טאכטער, האט זיא ענדליך אויסגערופען, האסט דוא זיך אמאל דערמאנט אן דעם גראף מאקס פאן ראַדעצקי?

— וואס געהט ער מיך אן? איך קען איהם גאר ניט!

— אך, קינד! ער איז זעהר אונגליקליך, האט דיא גרעפין געזיפצט.

— צו וואס זאגסט דוא עס מיר? וואס געהט ער מיך אן?

— ער איז דאך געווען אונזער נאכבאר.

— וואס קען איך איהם דען העלפען?

— ער איז קראנק, עלווירא; ער וואלט געוועזן דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט, ווען דוא זאלסט איהם זאגען א פריינדליכעס ווארט.

— עס טהוט מיר זעהר לייד, איך קען בעטען פאר איהם, נאט זאל איהם העלפען.

— ער ערוואַרטעט זיין גליק נור פון דיר, עלווירא.

— דאן האט ער פאלשע האפנונגען.

— ער וועט עס ניט אויסהאלטען, האט דיא גרעפין געזאגט טרויעריג, ער וועט זיך נעהמען דאס לעבען און אויף דיר, טאכטער, וועט פאלען א שווערע זינד. דורך דיך וועט זיך א מענש נעהמען דאס לעבען.

— אך, גאט! קען איך דען פערהיטען אלע פערברעכען, וואס ווערן בעגאנגען אויף דער וועלט? האט מען דען ניט בעגאנגען דאס שרעקליכסטע פערברעכען געגען ארטהור'ן? האט מען איהם דען ניט געמאכט פאר א פערברעכער? פאר וואס זאלסט דוא ניט האבען מעהר מיטלייד מיט דיעזען אונשולדיגען? — גענוג, מוטער! לאמיר דערפון מעהר ניט רעדען.

דיא גרעפין האט ווירקליך אנגעהויבען צו רעדען פון אנדערע זאכען. מוטער און טאכטער האבען זיך דערצעהלט, וואס זיי האבען דורכגעלעבט אין דער קורצער שטי־קעל צייט, וואס זיי האבען זיך ניט געזעהן.

ערשט שפעט, שפעט ביי נאכט האבען ביידע געפונען, אז עס איז צייט צו געהן שלאפען. —

אין דער צייט, ווען דיא גרעפין פאן טאקקי האט גערעדט מיט איהר טאכטער, האבען אין אן אנדער צימער אין שלאס גערעדט אנדערע צוויא מענשען איבער דיא זעלבע אנגעלעגענהייט. געארג האט גערעדט מיט זיין אנקעל, דעם גראף מעראס.

— וויא אזוי ביסט דוא צוזאמען געקומען מיט עלווירא'ן? האט דער אלטער געפרעגט.

געארג האט איהם דערצעהלט, אז ער האט זיא בעגעגענט אויפ'ן וועג. זיא איז נאכגעפאהרען דעם קאנוואי, וועלכער פיהרט ארטהור'ן קיין בודאפעסט.

— איך האב געוואוסט דערפון, האט גראף מעראס געזאגט טרויעריג, איך האב נאך פריהער געוואוסט, אז מען האט זיי געהאפט אין דער טירקיי. איך האב זאגאר געטראכט ארויסצושיקען א מענשען זיי ענטגעגען. עס וואלט אבער געוועזן אומזיסט. עלווירא וואלט ניט אפגעטרעטען פון איהם. עס איז מיר א וואונדער, וואס זיא האט איינגעווילינגט צו קומען מיט דיר.

— זיא האט אויף קיין פאלל ניט געוואלט אפטרעטען פון איהם; ארטהור אליין האט אנגעהויבען צו בעטען, זיא זאל פאהרען מיט מיר. ער האט מיך געבעטען, איך זאל מיט אייך איבררעדען איבער א געוויסען פונקט.

גראף מעראס איז געווארען אויפמערקזאם און האט געפרעגט.

— האט ער דען עפעס א האפנונג צו בעווייזען, אז ער איז אונשולדיג?

געארג האט איהם דערצעהלט אלעס, וואס ער האט געוואוסט איבער דעם קליינעם מאן מיט דיא שווארצע האר.

— עלווירא איז פעסט איבערציינט, אז דאס איז דער זעלבער, וועלכער איז אנגעפאלען אויף איהר אין וואלד פון ראזענוי און האט דערשאסען איהר קוטשער. זיא זאגט, אז איהר קאמנער מעדכען וועט איהם אויך דערקענען. ארטהור איז פעסט אר בערציינגט, אז דאס איז דער זעלבער, וועלכער האט זיך איהם פארגעשטעלט אלס גראף טארנאסי, איז געווארען זיין בעסטער פריינד און איז פלוצלונג פערשוואונדען.

— דאס איז זעהר וויכטיג, האט גראף מוראס געזאגט פערטראכט, ווען ארטהור זאל קענען האבען בעווייזע, אז דאס איז דער זעלבער, אז דיעזער מאן פלעגט זיך געפינען אין זיין צימער אליין.... אך, נאט! שיק מיר א שטראהל פון ליכט אין דיעזע שרעקליכע פינסטערניס!

— עלווירא האט מיר דערצעהלט נאך א זאנדערבארען אומשטאנד. אין דעם טאג, ווען דער מאן איז אויף איהר אנגעפאלען אין דעם וואלד פון ראזענוי, האט זיא פערלארען דעם בעגנאדיגונגס בריעף פון'ם קייזער, דאמאלס האט זיא גערעכענט, אז זיא האט איהם פערלארען, יעצט געפינט זיא, אז מען האט איהם ביי איהר אוועקגערויבט. זיא דענקט, אז דאס האט געטהאן דער זעלבער יאזעף.

— עס ווערט גאנץ ערנסט, האט גראף מעראס געזאגט לאנגזאם, ווען מען זאל קענען אלעס בעווייזען או, דאס געריכט זאל מאכען א שטרענגע אונטערזוכונג, וואלט מען פיעלייכט געקענט געוואהר ווערען פיעלע זאכען. אלענפאלס מוז אלעס געטהאן ווערען באלד. מען קען ניט לאנג ווארטען. ארטהורס פיינד וועלען געווים פארדערן, אז מען זאל אויספיהרען דאס טאדעס אורטהייל, וויא אם שנעלסטען.

— איהר האט געווים רעכט, ליעבער א.ק.ל. האט געארג גיענטפערט, וואס זאלען מיר אלזא טאהן?

— צו ערשט מוזען מיר וויסען, וואו עס געפינט זיך דאס קאמער מעדכען, וועלכע איז דאמאלס געפאהרען מיט עלווירא'ן.

— זיא איז דא אין בודאפעסט, האט געארג געענטפערט, זיא איז געקומען אהער מיט מיין מוטער.

— דאן מוז איך זיא אויספרעגען, וואס עס איז געשעהן דאמאלס אין וואלד, ווען מען איז אנגעפאלען אויף עלווירא'ן. — וויא הייסט זיא?

— זיא הייסט ראזאליא.

גראף מעראס האט אנגעקלונגען, עס איז אריינגעקומען א דיענער או, האט געפרעגט, וואס דער גראף פערלאנגט.

— שיק מיר אהער דאס קאמערמעדכען ראזאליא.

אין איינע מינוטען ארום איז דער גרעפין פאן טאקקי'ס קאמערמעדכען אריינגעקומען אין צימער.

— געדענקסט דוא דעם פאלל, ווען באנדיטען זיינען אנגעפאלען אויף דיא קארעטע פון דער גרעפין עלווירא אין וואלד פון ראזענוי?

— איך געדענק עס זעהר גוט. איך וועל עס ניט פערגעסען מיין לעבען לאנג.

— ווערסט דוא דערקענען איינעם פון דיא מערדער?

— איך האב געזעהן נור איינעם.

— וויא האט ער אויסגעוויעזען?

— דאס איז געווען א ניעדעריגער מענש מיט שווארצע האָר.

— גוט! דוא מענסט געהן, האט דער גראף געזאגט.

— דוא האסט רעכט, געאָרג, האט גראף מעראס געזאגט, ווען דאס קאמער מעדכען איז ארויסגעגאנגען, איך קען הייסען ארעסטירען דיעזען קליינעם מאן מיט דיא שווארצע האָר. וואס וועט אבער ווערן דערפון? מיט וואס קענען מיר העלפען ארטהורן?

— ווען איהר זאלט קענען אויכווירקען, אז מען זאל אפלעגען דיא אויספיהרונג פון זיין טאדעס אורטהייל אויף א געוויסע צייט, וואלטען מיר אונטערדעסען געקענט געפינען אנדערע בעווייזע.

— איך וועל מיר געבען אלע מעגליכע מיהע, אז מען זאל עס טאהן.

ביידע האבען נאך אוועקגערעדט א לאנגע צייט און האבען זיך בעראטהען ווי אזוי צו העלפען דעם באראן פאן באטהיאני.

ענדע פון זעקסטען טהייל.

דער
שטומער בעטלער

איבערזעצט פון א. טאנענבוים.

זיבעטער טהייל.

1טער קאפיטעל.

דער אדוואקאט ווייזט זיינע צעהנער.

שטאלץ, דעם קאפ אין דער הויך, וויא א גענעראל, וועלכער האט גע־וואונען א גרויסע שלאכט, איז דער אדוואקאט נאוואק ארויסגעגאנגען פון'ם פאלאץ פון גראף מעראס. ער האט געזיעגט. ער האט ארויסגעריסען ביים אלטען שטאלצען גראף מעראס, דעם ערשטען מאגנאט פון אונגאר דאס פעקעל פאפירען, וועלכעס קען איהם דיענען אלס מיטעל צו פערדיענען געלד.

ער איז געגאנגען גלייך אהיים מיט די פאפירען אין דער האנד. דאס געריכט קען ווארטען. ער איז א געשווארענער אדוואקאט און הייסט מיטגליעד פון געריכט. ביי איהם זיינען די פאפירען אזוי זיכער וויא ביי יעדען אנדערן.

ווען ער איז אריינגעקומען צו זיך אין צימער, האט ער געפונען דעם באראן נאגי זיצען און ווארטען אויף איהם.

נאגי איז געווארען פול פרייד, ווען ער האט דערזעהן דעם אדוואקאט.

— נו, וואס הערט זיך? האט ער אויסגערופען, האט איהר די פאפירען?

— געוויס, הערר באראן! וואס דען דענקט איהר דען? גראף בעראס האט רעספעקט פאר די דיענער פון געזעץ!

— האט דער אלטער זיך גאר ניט געשטעלט? האט ער גאר ניט פערלאנגט?

— וואס קען ער פערלאנגען פון א דיענער פון געזעץ און גערעכטיגקייט?

מיט דיעזע ווערטער האט ער ארויסגענומען פון אונטער זיין מאנטעל דאס פעקעל פאפירען און האט עס אניעדערגעלעגט אויפ'ן טיש.

— נאגי איז ארויפגעפאלען אויף די פאפירען, וויא א הונגעריגער וואלף פאלט ארויף אויף א שטיק פלייש.

—ווארט, הערר באראן! האט צייט! האט דער אדוואקאט געזאגט רוהיג און האט ארויפגעלעגט ביידע הענד אויפ'ן פעקעל.

— גיט עס מיר הערר נאוואק! איך וועל זיי אייך צוריקגעבען אין א טאג ארום! איך וועל זיי נאר דורכלעזען, האט נאגי געבעטען.

— געדולד, הערר באראן! האט צייט! מיר האבען נאך עפעס צו רעדען.

— וואס האבען מיר צו רעדען? מיר וועלען שפעטער רעדען. איך וויל וויסען, וואס עס שטעהט אין דיעזע פאפיערן.

— הערר באראן, איך בין נור אן אדוואקאט. איהר ווייסט געוויס זעהר גוט, אז אדוואקאטען האבען פיינט צו טאהן עפעס אומזיסט. איך דארף דאך ניט געהן זיך קריעגען מיט גראף מעראם פון אייערטוועגען. איך וויל, איהר זאלט מיר בעצאהלען פאר מיין מיה.

— איהר האט רעכט, הערר אדוואקאט! וואס פערלאנגט איהר?

— א קלייניגקייט, הערר באראן, האט נאוואק געענטפערט גאנץ רוהיג, — איך פערלאנג פאר מיין מיה דרייסיג טויזענד גולדען.

נאגי איז געווארען בלייך, וויא קאלך. ער האט געוואוסט, אז דער אדוואקאט וועט פארדערן א גרויסע סומע; עס איז איהם אבער ניט איינגעפאלען, אז ער וועט זיך אנמעסטען דרייסיג טויזענד גולדען. דאס איז דאך א פערמעגען!

— הערר נאוואק! גאט איז מיט אייך! וואס רעדט איהר?

— איך האב דעם בייגעל און איהר האט דעם גראשען, האט נאוואק געענטפערט רוהיג, איהר קענט אייך האלטען אייער געלד און איך וועל מיר האלטען דיא פאפיערן.

— הערר נאוואק, איך וואלט אייך געגעבען, וויאפיעל איהר פערלאנגט, איך האב אבער יעצט ניט אין מיין קאסע אזוי פיעל געלד. האט נאגי געבעטען, איך וועל אייך געבען דיעזעס געלד אין עטליכע טעג ארום.

— בעאונרוהיגט אייך ניט, הערר באראן, איך קען ווארטען, האט דער אדוואקאט געענטפערט מיט א שמייכעל, ווען איהר וועט האבען דעם גראשען, וועל איך אייך געבען דעם בייגעל.

— ווילט איהר מיר ניט געטרויען דיעזע קליינע סומע אויף עטליכע טעג? ווייסט איהר דען ניט, אז דער באראן נאגי פאן האללאוואאי איז רייך?

— איך ווייס עס זעהר גוט, אבער קרעדיט איז זעהר אן עדעלע מאטעריע, וועלכע עס קענען געברויכען נור קויפלייטע; מיר אדוואקאטען אבער זיינען איינפאכע מענשען; מיר ווייסען ניט, וויא אזוי ארומצוגעהן מיט אזא עדעלען און פיינעם שטאף.

— דאס האב איך פון אייך ניט ערווארטעט! האט נאגי אויסגערופען מיט א פארוואורף, איך האב אייך גערעכענט פאר מיין פריינד און איהר ווילט מיר ניט געטרויען אזא קלייניגקייט.

— א פראנצויזישעס שפריכווארט זאגט, אז גוטע פריינד איז מען נור דאן, ווען מען רעכענט זיך אפ פינקטליך און איינער דעם אנדערן איז גאר ניט שולדיג.

אין נאגי'ס אויגען האט זיך אנגעצונדען א העלישער פייער. ער האט זעהר גוט פערשטאנען, אז ער וועט מיט'ן אדוואקאט גאר ניט מאכען. ער מוז ווארטען ביז ער וועט בעקומען דיא דרייסיג טויזענד גולדען, וועלכע דער אדוואקאט פארדערט.

ער האט געטראכט איינינע מינוט, דאן האט ער געפאסט א בעשלוס און האט געזאגט אין דער הויך:

— גוט, הערר אדוואקאט! אין דרייא טעג ארום וועט איהר בעקומען דאס געלד. איך ערווארט מיינעם אן אגענט, וועלכער דארף מיר ברענגען געלד. איך מוז אייך אבער בעמערקען, הערר אדוואקאט, אז איהר פערלאנגט צו פיעל.

— איך האב דאך אייך שוין געזאגט, אז פאר מיינע וואארע קען איך פארדערן, וויא פיעל איך וויל.

— ווילט איהר מיר ערלויבען, איך זאל ארויפלעגען מיין זיעגעל אויף דיא פאפיערן?

— צו וואס דארפט איהר עס?

— איך וויל, אז קיינער זאל זיי ניט לעזען פאר מיר.

— זייט רוהיג, הערר בעראן! ביי מיר וועט זיי קיינער ניט לעזען.

אין נאגי'ס הערץ האט עס געקאכט און געזאטען, וויא אין א קעסעל. ווען ער זאל געוועזען קענען, וואלט ער דערשטאכען דעם אדוואקאט מיט זיינע בליקען. עס האט איהם אבער גאר ניט געהאלפען. ער האט געגען אדוואקאט גאר ניט געקענט טאהן.

ער האט אבשיעד גענומען פון דעם אדוואקאט, האט איהם געדריקט דיא האנד פריינדליך און איז ארויסגעגאנגען פון זיין קווארטיר.

אין דרויסען האט ער אויפגעאטהעמט פרייער. ערשט יעצט האט ער זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, וויא איינער, וועלכען מען האט נור וואס ארויסגעלאזען פון א געפענגניס. ווען ער האט געזעהן, אז ער איז אליין, האט ער אנגעהויבען צו רעדען שטילערהייט:

— ווארט, דו טויגעניכטס! דוא האסט ביי מיר אפגעצאפט דרייסיג טויזענט גולדען, דאס וועט דיר טהייער קאסטען. דוא וועסט עס בעצאהלען מיט דיין בלוט. נאגי פערשוויינט ניט. נאגי קען ווארטען, ער וועט דיר אבער בעצאהלען פאר דיעזע דרייסיג טויזענד גולדען מיט גוטע פראצענט.

ער איז אוועקגעגאנגען עטליכע הונדערט שריט און איז ווידער געבליעבען שטעהן. ער האט יעצט ניט געוואלט געהן אהיים, ער האט ניט געקענט געהן אהיים. ער האט געוואלט זעהן איבער זיך דעם פרייען הימעל. ער האט יעצט ניט געקענט זיך איינשפארען אין ענגע פיער ווענט. ער איז געגאנגען צום בריק איבער דער דאנוי.

ער האט זיך אניעדערגעשטעלט לעבען געלענדער פון דער בריק און האט אראפגעקוקט אויף דיא בלויע וואסערן פון'ם גרויסען טייך.

— עס רוישען דיא וואסערן האט ער געמורמעלט, זיי קאכען, זיעדען, לויפען און פערשווינדען ערגעץ ווייט, ווייט אין מעער. זיי לאזען רייטען אויף זיך; זיי טראגען אויף זיך שיפען; זיי לאזען דעם מענשען טאהן, וואס ער וויל מיט זיי. אבער נור ביז א צייט. פלוצלונג קאכען זיי אויף, צורייסען זיינע

בריקען, צוברעכען זיינע מיהלען, צערשטערן זיינע הייזער און פערניכטען דעם מענשען, וועלכער האט געוואלט זיי איינהאלטען. זיי לערנען אונז, מיר זאלען אויך אזוי זיין. מיר זאלען ווארטען ביז אין א צייט, דאן זאלען מיר פערניכטען אונזער פיינד. איך וועל ווארטען, איך וועל אבער פערניכטען אלע מיינע פיינד. פון היינט אן איז דער אדוואקאט נאוואק מיין פיינד. ער מוז פערשווינדען, וויא עס זיינען פערשוואונדען פיעלע אנדערע.

ער האט זיך אומגעקוקט, אויב קיינער הערט איהם ניט. אויף דער בריק זיינען צוואר געגאנגען און געפאהרען פיעלע מענשען יעדער אבער איז גע־גאנגען צו זיין בעשעפטיגונג און האט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט. ווען נאגי האט געזעהן, אז ער איז אליין, האט ער ווייטער געזאגט:

— אך! ווען יאזעף זאל שוין אנקומען, וואלט שוין אלעס גוט געווען. ער דארף מיר ברענגען א גרויסע סומע געלד. ער וועט מיר העלפען אויספיהרען מיינע פלענער. יאזעף איז מיין בעסטער אגענט. ער וועט פאסען פאר'ן אד־וואקאט. ער וועט אויך עפעס אויסטראכטען געגען דעם שטומען בעטלער.

2טער קאפיטעל.

א פרעהליכע נאכריכט.

עס זיינען פערגאנגען א פאר טאג, אין וועלכע עס איז גאר ניט פארגע־קומען. דעם דריטען טאג אין דער פריה איז געקומען א דיענער פון דער גרעפין פאן טאקקי און האט געמעלדעט דעם באראן נאגי, אז די גרעפין עלווירא מיט איהר ברודער גראף געארג זיינען געקומען צופאהרען קיין בודאפעסט און אז דיא גרעפין בעט איהם, ער זאל קומען זיא בעזוכען.

נאגי איז צוואר געווען צופריעדען מיט דיעזער נאכריכט, ער האט אבער ניט געקענט פערשטעהן, וויא אזוי עלווירא איז געקומען צוזאמען מיט איהר ברודער. ער האט דאך געוואוסט זעהר גוט, אז זיא איז געפאהרען צוזאמען מיט ארטהור'ן.

— דאס מוז איך וויסען, האט ער געזאגט צו זיך אליין.

זיין פרוי, דיא גרעפין פאן ראדעצקי, איז אויך געווען זעהר צופריעדען, וואס עלווירא איז ענדליך געקומען. זיא האט עס געפונען גאנץ נאטירליך, וואס דער ברודער איז געקומען מיט דער שוועסטער.

— וואס טהוט מען? האט זיא געפרעגט איהר מאן, איך וויל זעהר, אז מאקס זאל מאכען א בעזוך דער גרעפין, זיא האט דאך אבער איהם ניט איינ־געלאדען. וויא קען ער קומען אהין, ווען מען האט איהם ניט גערופען?

נאגי האט געטראכט אייניגע מינוט און האט באלד אויסגעפונען א מיטעל.

— ווען ער קען ניט געהן צו דער גרעפין פאן טאקקי, דארף מען זעהן, אז דיא גרעפין מיט איהר טאכטער זאלען קומען צו אונז, האט ער געזאגט מיט א שמייכעל.

— וואס מיינסט דוא דערמיט, נאגי?

— וואס זאל איך מיינען? מיר וועלען מאכען אז אבענד און איינלאדען דיא גרעפין פאן טאקקי, איהר טאכטער און איהר זוהן צו אונז. מיר קענען ער־קלערען, אז מיר מאכען דעם אבענד נור פון זייערט וועגען.

— דוא האסט רעכט, האט דיא גרעפין געענטפערט, דאס איז דער ריכטיגער וועג, מאקס זאל זיא זעהן און זאל מיט איהר רעדען.

— וואו איז יעצט מאקס? האט נאגי געפרעגט, ער מוז אלעס וויסען.

— ער געפינט זיך אין זיין צימער.

— דאן געה און זאג עס איהם. דוא ווייסט דאך, אז איך קען מיט איהם ניט רעדען, ער איז אויף מיר אויפגעטראגען.

דיא גרעפין איז באלד צוגעגאנגען צו מאקס'ן אין צימער און האט איהם דערצעהלט דיא פרעהליכע נאכריכט, אז עלווירא איז דא אין בודאפעסט.

מאקס איז אויפגעשפרונגען, וויא אן אפגעבריהטער.

— עלווירא איז דא? האט ער אויסגערופען, דאן מוז איך זיא זעהן! איך מוז באלד געהן צו דער גרעפין פאן טאקקי.

ער איז צוגעלאפען צו זיין קליידער קאסטען און האט שוין געוואלט זיך אנטאהן.

— שטעה, מאקס! האט איהם זיין מוטער איינגעהאלטען, דוא ביסט ניט געלאדען צו זיי, עס פאסט ניט, דוא זאלסט שוין לויפען צו איהר.

מאקס איז געבליעבען שטעהן, ער האט זיך עפעס דערמאנט.

— און ער? האט ער געפרעגט. — וואו איז ער?

ער האט ניט געוואלט ארויסרעדען דעם נאמען ארטהור. דיא גרעפין אבער האט זעהר גוט פערשטאנען, וואס מאקס מיינט מיט'ן ווארט ער.

— ער איז נאך ניט אנגעקומען, האט זיא געזאגט שטילערהייט.

— אך! דוא האסט רעכט, מוטער! האט ער געזיפצט, זא לאנג ער איז נאך דא, קען איך ניט געהן צו איהר. עס איז אומזיסט, מוטער.

ער איז געפאלען אויפ'ן דיוואן און איז געבליעבען זיצען, וויא פערשטיי־נערט.

— צו וואס האסט דוא עס מיר דערצעהלט? האט ער זיך באקלאגט, צו וואס האסט דוא מיר אויפגעריסען מיינע וואונדען, ווען דוא קענסט זיי ניט פערהיילען?

ער האט פערדעקט זיין געזיכט מיטביידע הענט און האט אנגעהויבען צו וויינען.

— בערוהיג דיך, מאקס. האט דיא גרעפין געבעטען, דוא ווייסט דאך, אז מען פיהרט איהם אהער מיט'ן קאנוואי. ער וועט געווים באלד דא זיין און דוא ווייסט דאך זעהר גוט, וואס עס ערוואַרטעט איהם. עלווירא וועט דאן מוזען ווערען דיין פרוי.

— יא, מוטער! דו ווייסט ניט, וויא איד בין קראנק, האָט מאקס געקרעבצט, וויא א פערוואונדעטעס טהיער, — דוא ווייסט ניט, וויא איד לייד. — אד! איין בליק פון איהר, אָ איין פריינדליכער בליק און איד בין געזונד! — ראטה מיך, מוטער! לערן מיך, וואָס זאָל איד טהאָן. איד קען ניט לעבען אָהן איהר! איד וועל ווערן וואהנזיניג!

— איד ווייס אַלעס, מיין קינד, האָט דיא גרעפין געזאָגט מילד און וויך. איד פיהל מיט דיר און לייד מיט דיר. איד וועל געווים געפינען א מיטעל, אַז זיא זאָל ווערן דיינע. דאָס איז מיין הייליגסטער וואונש. איד בין זיכער, אז ער וועט דערפילט ווערן.

— איד וויל זיא זעהן! האָט מאקס פלוצלונג אויסגערופען, איד מוז זיא זעהן! איד וועל עס ניט אויסהאלטען!

— ווארט, מיין זוהן, האָט דיא גרעפין געבעטען, נאַגי וועט דאָרט באלד זיין, איד וועל איהם הייסען, ער זאָל זיא פאָרבערייטען אויף דיין בעזוך. ער וועט שוין וויסען, ווי אַזוי עס צו מאכען.

— איד וויל ווארטען, ביז ער וועט צוריקקומען, האָט מאקס געענטפערט, איד מוז זיא אבער זעהן נאָך היינט אָדער העכסטענס מאָרגען אין דער פריה.

דיא גרעפין האָט נאָך מיט איהם אוועקגערעדט אייניגע צייט און איז אוועקגעגאַנגען אין איהר צימער. מאקס האָט געווארט מיט אונגעדולד, אַז נאַגי זאָל צוריקקומען. ער האָט איהם פיינט געהאט, וויא דעם טויט; ער האָט געוואוסט, אַז נאַגי איז דער בייזער גייסט פון זייער פאַמיליע; אַז אַלע זייערע ליידען און שמערצען קומען פון איהם. דאָס מאָל אָבער האָט ער איהם ערווארטעט מיט אונגעדולד. דאָס מאָל האָט ער געוואָלט איהם זעהן און מיט איהם רעדען. דאָס מאָל האָט ער געוואוסט, אַז נאַגי וועט איהם ברענגען ליעבע, לעבען און גליק, אָדער אונגליק און טויט.

עס איז פערגאַנגען א גערוימע צייט, איידער נאַגי איז צוריקגעקומען. ענדליד איז ער אבער דאָד צוריקגעקומען. מאקס איז איהם ענטגעגען געלאָפען און האָט אויסגערופען אונגעדולדיג:

— נון, וואָס מאכט עלווירא? וויא זעהט זיא אויס? האָט זיא זיד פערענדערט? דענקט זיא נאָד אמאָל פון מיר?

— האלט איין, ליעבער מאקס! האָט נאַגי געענטפערט מיט א שמייכעל, — איד קען דאָד ניט ענטפערן אויף אַזוי פיעל פראגען מיט אמאָל.

— וואָס מאכט עלווירא?

— זיא איז געזונד און מונטער.

— קען איד געהן זיא זעהן?

— הייטע אבענדס וועט דיא גרעפין פאָן טאָקקי איהד ערווארטען, האָט נאַגי געענטפערט קליגעריש.

— דאַן דיינקט זיא נאָד אן מיר! האָט מאקס אויסגערופען פול פרייד, זיא

האט א י ה ם פארגעסען!

— איך קען עס אייך ניט זאגען פאר געוויס, איך ווייס נור אז מען וועט אייך ערוואַרטען, האט נאגי געענטפערט.

מאקס איז געלאָפען זיך אַנטאהן און זיך אויספוצען פאר אזא וויכטיגען וויזיט. נאגי מיט דער גרעפין זיינען געבליעבען אליין.

— זאג איהם, ער זאל זיין זעהר פארזיכטיג, האט נאגי געזאגט צו זיין פרוי, עלווירא וויל פון איהם ניט וויסען. זיא ליעבט ארטהור'ן נאך מעהר וויא פריהער. מיר מוזען אפוואַרטען, ביז ארטהור וועט זיין טויט, דאן וועלען מיר ערשט קענען דענקען דערפון, אז ז א זאל הייראטהען מאקס'ן.

ער האט איהר ערקלערט, וואס זיא זאל זאגען מאַקס'ן און וויא אזוי זיא זאל איהם לערנען, וויא ער זאל זיך אויפפיהרען אין פאלאַץ פון גראף מעראס.

דיא גרעפין איז געגאנגען אין מאקס ציממער און האט געפונען, וויא ער טהוט זיך אַן און פוצט זיך אויס צום וויזיט ביי דער גרעפין פאן טאקקי.

— ליעבער זוהן, דוא געהסט צו דער גרעפין פאן טאקקי. זיי פארזיכטיג! רעד מיט עלווירא'ן, דערמאַן איהר אבער ניט פון דיין ליעבע. עס איז יעצט ניט דיא צייט צו רעדען דערפון.

— וואס רעדסט דוא, מוטער? עלווירא איז דאך מיין בראוט?

— דאס איז גאַנץ ריכטיג, דוא דארפסט אבער ניט פערגעסען, אז דערווייל ליעבט נאך ארטהור. דוא פערשטעהסט דאך אליין, מיין קינד, אז עלווירא איז אויפגערעגט, מען מוז ארומגעהן מיט איהר זעהר פארזיכטיג.

מאקס האט זיך פערטראכט. דיא ווערטער פון זיין מוטער האבען גע־ווירקט אויף איהם.

— ליידער, איז עס וואהר! האט ער ענדליך געזאגט, ליידער, ליעבט זיא מיך ניט! — צו וואס געה איך אלזא?

— דוא האסט דאך געוואלט געהן, מיין זוהן; נאגי האט דארט שוין געזאגט אז דוא וועסט קומען. יעצט מוזט דוא שוין געהן.—גריס דיא גרעפין פאן טאקקי און זיי פריינדליך געגען גראף מעראס. ער איז דאך דער גרעסטער מאן אין אונגארן.

אזוי ווי עס איז נאך געווען פריה, איז דיא גרעפין געבליעבען לעבען איהר זוהן, האט גערעדט מיט איהם און האט איהם אונטערהאלטען, ביז עס איז גע־קומען דיא צייט צו געהן.

3טער קאפיטעל.

מאקס און עלווירא.

צוויי טעג זיינען פערגאנגען, זייט עלווירא געפינט זיך אין בודאפעסט. זיא שיקט עטליכע מאל אין טאג פרעגען, אויב ארטהור איז שוין אנגעקומען, ער איז אבער נאך ניטא. דער קאנוואי געהט זעהר לאנגזאם. ער מוז זיך מעלדען אין

יעדער שטאָדט ביי דער פּאָליציי. דאָס נעהמט צופיעל צייט צוואָר.

דיא גרעפין פאָן טאַקקי האָט צוואָר אויפגעהערט צו רעדען מיט איהר פון מאַקסען, זיא האָט אבער שוין מעהר ניט גערעדט פון ארטהור'ן אויך. מיר האָבען שוין דערצעהלט, אז זיא האָט געשיקט רופען דעם באַראָן נאָגי און האָט זיך מיט איהם בעראַטהען, וואָס זיי זאָלען טאָהן אום איבערצורעדען עלווירא'ן, אז זיא זאָל פערגעסען ארטהור'ן.

זיא איז געוועזען פעסט ענטשלאָסען, אז ווען ארטהור זאָל זאָגאר בעווייזען, אז ער איז אונשולדיג און מען זאָל איהם בעפרייען, וועט זיא דאָך ניט דערלאָזען, אז ער זאָל הייראַטהען עלווירא'ן. ארטהור איז אַלענפאַלס א פערלאָרענער מענש. עס ליעגט שוין א פלעק אויף זיין נאָמען. קיינער וועט מיט איהם מעהר ניט וועלען רעדען. ער הייסט שוין א פערברעכער. דערצו איז ער נאָך זעהר אָרים. זיין פערמעגען איז אין דער לעצטער צייט אין גאַנצען רואינירט.

עס איז נור וואָס נאַכט געוואָרען. עלווירא און איהר מוטער זיצען אין זייער צימער. יעדע איז פערטיעפט אין איהרע געדאַנקען. פּלוצלונג איז אריינגעקומען א דיענער און האָט געמעלדעט:

— גראַף מאַקס פאָן ראַדעצקי!

עלווירא איז בלייך געוואָרען און האָט אויסגערופען:

— מיין גאָט! איך קען איהם יעצט ניט אויפנעהמען.

דיא גרעפין פאָן טאַקקי האָט געמאַכט א מינע, אז זי איז אויך זעהר איבעראשט, וואָס מאַקס איז געקומען זי בעזוכען.

— עס העלפט אבער ניט, טאָכטער! האָט זיא געזאָגט, מיר מוזען איהם דאָך אויפנעהמען, דיא העפליכקייט פאָרדערט עס. מיר קענען ניט אָפּזאָגען אַזאַ מענשען. עס פּאַסט ניט.

מיט דיעזע ווערטער האָט זיא געגעבען דעם דיענער א צייכען, ער זאָל אריינפיהרען דעם גראַף פאָן ראַדעצקי.

אין א פּאָר מינוטען ארום איז מאַקס פאָן ראַדעצקי אריינגעקומען, אין צימער, ער האָט זיך העפליך פערנייגט פאַר דיא דאַמען און דיא גרעפין האָט איהם געבעטען, ער זאָל זיך זעצען לעבען איהר.

ווען ער האָט א קוק געטאָהן אויף עלווירא'ן, האָט ער א ציטער געטאָהן און זיין געזיכט איז געוואָרען נאָך בלייכער. אין דיא ערשטע עטליכע מינוט האָט ער ניט געקענט ארויסזאָגען א וואָרט. ער האָט זעהר גוט בעמערקט, וויא עלווירא האָט זיך פערנייגט זעהר קאַלט פאַר איהם און האָט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ. זיא האָט ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט איהם קוקען גלייך אין דיא אויגען.

די גרעפין האָט גערעדט מיט איהם א פּאָר ווערטער, דאַן האָט זיא געפונען פאַר נעטהיג ארויסצוגעהן און לאָזען דיא יונגע לייט אליין. אייניגע מינוטען האָבעןביידע יונגע לייט געשוויעגען, ענדליך האָט זיך מאַקס געמאַכט הארץ און האָט געזאָגט:

— ליעבע עלווירא, האָט איהר שוין גאָר קיין פריינדליכען בליק, קיין פריינדליכעס וואָרט פאַר מיר? מיר האָבען זיך אַזאַ לאַנגע צייט ניט געזעהן

און יעצט, ווען מיר זעהן זיך ווידער נאך לאנגע, שווערע און טרויעריגע טעג, האט איהר פאר מיר ניט איין פריינדליכעס ווארט?

— וואס פערלאנגט איהר פון מיר, מיין הערר? האט עלווירא געשטאמעלט. דיזע קאלטע אנטווארט האט מאקס'ן נאך מעהר אויפגערעגט.

— וואס איך פערלאנג פון אייך, עלווירא? — זייט פריינדליכער געגען מיר! איך האב אייך ניט געזעהן אזא לאנגע צייט. איך האב געליטען אזוי פיעל און אזוי שטארק, אז איך האב געמיינט, איך וועל וואהנזיניג, און יעצט ווען איך זעה אייך ווידער, זייט איהר קאלט, אונפריינדליך און טרויעריג.

— וואס קען איך העלפען דערצו? איהר דארפט דאך פערשטעהן, הערר גראף, אז איך קען יעצט ניט פרעהליך זיין; איהר ווייסט געוויס זעהר גוט, אונטער וועלכע אומשטענדע איך בין געקומען אהער. ענטשולדיגט מיר, הערר גראף, וואס איך בין אזוי טרויעריג און ניעדערגעשלאגען. איך טהו עס ניט אויס פיינדשאפט. איך מיין ניט, אייך צו קרענקען. מיין לעבען האט זיך ליידער אזוי געבילדעט, אז איך קען ניט ווייזען קיין פרעהליכע מינע.

עלווירא האט געזאגט דיזע ווערטער,אזוי פריינדליך, אזוי הערצליך, אזוי צוטרויליך, אזוי מילד און גוט, אז מאקס בלייכעס געזיכט איז רויט געווארען. ער האט געפאסט מוטה. ער האט בעקומען צוטרויען צו איהר.

— גוטע, ליעבע עלווירא! האט ער אויסגערופען, זאגט מיר וועניגסטענס, האט איהר אמאל געדאכט פון מיר? האט איהר זיך וועניגסטענס אמאל דער־מאנט אן דעם ארעמען גראף פאן ראדעצקי?

— צו וואס פרעגט איהר,עס, הערר גראף?

— ווידער הערר גראף און אבער הערר גראף! האט איהר קיין אנדערעס ווארט פאר מיר אלס דיזען העפליכען אבער אייז קאלטען נאמען הערר גראף?

— איך ווייס ניט, וויא איך זאל אייך אנדערש רופען, האט עלווירא גע־ענטפערט.

— עלווירא! האט איהר דען פערגעסען?

— איך פערשטעה ניט, וואס איהר מיינט דערמיט.

— עלווירא, האט איהר דען פערגעסען, אז מיר זיינען פערלאבט?

עלווירא איז אויפגעשפרונגען און האט אויסגערופען.

— איהר האט א טעות, גראף פאן ראדעצקי! איך בין קראנק געוועזן, ווען מיין מוטער האט מיך פערלאבט מיט אייך. איך האב ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט מיר. איך בין געוועזן אויסער זינען. איהר געדענקט געוויס זעהר גוט, וויא קראנק איך בין דאמאלס געוועזן.

מאקס האט אראפגעלאזען דעם קאפ. ער האט זעהר גוט געוואוסט. ער האט עס ניט פערגעסען.

— עס איז מעגליך, אז איהר האט רעכט, האט ער ענדליך געזאגט, לאז... ניט רעדען פון דער פערגאנגענהייט. וואס עס איז געוועזן, איז שוין פערשוואונ...

דען, פערגאנגענע, פערגעסען און פערגעבען. איך פערשטעה, אז אייך איז אונאנ־גענעהם צו רעדען דערפון. איך האב אייך געפרעגט גלאט אזוי: האט איהר וועניגסטענס זיך דערמאנט אמאל אן מיר?

— וואס קען איך אייך ענטפערען, גראף פאן ראדעצקי? איהר ווייסט דאך געווים מיט וועמען איך בין ביז אהער ארומגעפאהרען. האב איך דען געקענט דענקען אן אייך, ווען איך בין ארומגעפאהרען מיט איהם?

מאקס האט געפיהלט דעם ביטערען פארוואורף, וועלכער איז געלעגען אין עלווירא'ס ווערטער. עס האט איהם פערקלעמט ביים הארצען, און ער האט ענד־ליך געמוזט ארויסזאגען אלעס, וואס עס האט אנגעקאכט און אנגעזאמעלט אין זיין הארצען.

— איך האב ניט געוואלט רעדען היינט פון א געגענשטאנד, וועלכער איז פאר מיר פון דער גרעסטער וויכטיגקייט: מיין לעבען הענגט דערפון אב, האט ער געזאגט, איך מוז עס אבער טהאן. איך מוז רעדען. איך מוז ארויסזאגען אלעס.

— וואס איז? פון וואס ווילט איהר מיט מיר רעדען?

— איך וויל אייך שטעלען א פראגע.

— ביטע, הערר גראף, זאגט מיר אייער פראגע.

— ליעבט איהר דען נאך דעם באראן פאן באטהיאני.

— וואס פרעגט איהר? האט עלווירא אויסגערופען און האט געציטערט. איך ליעב איהם, ווי מיין לעבען — מעהר פון לעבען!

— ער מוז דאך אבער...?

— ער מוז שטארבען? ער איז פעראורטהיילט צום טויט? דאס ווילט איהר זאגען הערר גראף? — איך ווייס אזוי גוט, ווי איהר, איך וועל איהם אבער דאך ליעבען! איך בין פעסט איבערצייגט, אז ארטהור וועט ניט שטארבען! איך בין פעסט איבערצייגט, אז ער איז אונשולדיג. שלעכטע מענשען האבען געוואלט איהם מאכען פאר א פערברעכער.

— פאר וואס זייט איהר אזוי איבערצייגט? האט מאקס אויסגערופען. פון וואנען ווייסט איהר עס?

מאקס האט זיך שטארק דערשראקען, ווען ער האט געהערט, אז עלווירא איז זיכער, אז ארטהור וועט ניט שטארבען. ער האט מורא געהאט, אז ארטהור האט איהר דערצעהלט אלעס, וואס עס האט פאסירט צווישען זיי. ער האט יעצט גע־וואלט אויספארשען, וואס עלווירא ווייס פון זייערע פערהעלטניסע.

— איך בין פעסט איבערצייגט אז די ווארהייט מוז ארויסקומען! האט עלווירא איהם געענטפערט מוטהיג. איך האף צו גאט, אז ער וועט ניט דערלא־זען, אז א מענש זאל ליידען אונשולדיג.

— פון וואנען ווייסט איהר אבער, אז ארטהור איז אונשולדיג? אויפ'ן געריכט זיינען פארגעקומען בעווייזע, אז ער איז יא שולדיג. מען האט דאך ביי איהם געפונען אלע מאשינען צו מאכען פאלש...

— קיין ווארט מעהר, הערר גראף! האט עלווירא געזאגט שטאלץ. רעדט ניט מעהר דערפון, ווען איהר ווילט ניט, אז איך זאל אייך האסען, וויא דעם טויט! איהר האט מיר אמאל געזאגט, אז איהר זייט זיין בעסטער פריינד.

מאקס איז געווארען אויפגעקאכט. ער האט געפיהלט, אז ער איז געגאנגען צו ווייט. ער האט ניט געדארפט ארויסזאגען אזוי פיעל. ער מוז זיך יעצט אויס־דרעהען. ער מוז מאכען אן אנדער מינע. ער האט זיך דערמאנט, וואס זיין מו־טער האט איהם אנגעזאגט, איידער ער איז געפאהרען צו דער גרעפין פאן טאקקי.

— גאט זאל איהם העלפען! האט ער אויסגערופען מיט א פרומער מינע.

— גלויבט מיר, גנעדיגע עלווירא, אז איך בין ארטהור'ס בעסטער פריינד און וויניש איהם געוויס אלעס גוטע. איך וויל געוויס ניט, אז ער זאל שטארבען. ער איז דאך מיין נאכבאר. ער איז אן אריסטאקראט, ווי איך.

עלווירא האט ניט געענטפערט. זיא האט געוואוסט, ווי מאקס האט ליעב ארטהור'ן; זיא האט געוואוסט אלעס, וואס עס האט פאסירט צווישען זיי, ווען ארטהור האט געוואוינט אין טהורעם פון טשעמעני.

מאקס האט געזעהן, אז ער האט דא מעהר ניט צו טאהן און האט געזאגט פריינדליך:

— איך זעה, עלווירא, אז איך בין געקומען צו אייך אין א צייט, ווען איהר זייט אונרוהיג. איך וועל אייך מעהר ניט בעלעסטיגען. עס וועלען קומען בעסע־רע צייטען. איהר וועט זיך נאך איבערצייגען, וויא גוט און עהרליך איך מיין עס מיט אייך. לאמיר האפען, אז דיעזע גוטע, גליקליכע צייטען וועלען באלד קומען.

ער האט גענומען עלווירא'ס האנד, האט זיא צוגעלעגט צו זיינע ברענענדע ליפען און א פייערדיגער קוש האט געברענט אויף איהר האנד.

עלווירא האט צוגעכאפט איהר האנד, גלייך וויא א גיפטיגע שלאנג וואלט זיא אנגעריהרט. זיא האט אבער גאר ניט געזאגט.

— אויף ווידערזעהן, עלווירא! האט מאקס געזאגט.

— אדיע! האט עלווירא געענטפערט.

מאקס איז ארויסגעגאנגען פון צימער. אין קארידאר האט ער געטראפען דיא גרעפין פאן טאקקי, זיא האט אויף איהם געווארט. זיא האט געוואלט מיט איהם רעדען אונטער פיער אויגען.

— וויא האט אייך מיין טאכטער עמפפאנגען? האט זיא איהם געפרעגט.

— וויא א פרעמדען, האט מאקס געענטפערט טרויעריג.

— זייט רוהיג, גראף פאן ראדעצקי! עס וועט זיך אלעס ענדערען, איך וועל טהאן אלעס מעגליכע, עלווירא זאל זיין פריינדליך געגען אייך. איך וועל ניט ענדערען מיין ווארט. איך האב אייך איין מאל פערשפראכען עלווירא'ס האנד און איך וועל עס האלטען.

מאקס האט איהר געדאנקט, האט נאך גערעדט מיט איהר איינינע צייט און האט געוואלט אוועקגעהן. פלוצלונג האט ער זיך עפעס דערמאנט און איז גע־בליעבען שטעהן.

—גנעדיגע גרעפין, האט ער געזאגט, איך בין געווען אזוי איבערראשט פון עלווירא'ס עמפפאנג, אז איך האב פערגעסען דיא הויפטזאכע, צוליעב וועלכע איך בין געקומען. — מיין מוטער האט מיך געבעטען, איך זאל אייך און על־ווירא'ן איינלאדען צו אונז אויף אן אבענד. מיר וועלען זיין גליקליך, ווען אייער האכווירדיגער ברודער און גראף געארג זאלען אויך קומען. מיר זיינען דאך נאכ־בארן, פאר וואס זאלען מיר זיך דערוויטערען איינער פון'ם אנדערען?

— איך וועל קומען מיט מיינע קינדער, האט די גרעפין געענטפערט.

—און גראף מעראס?

די גרעפין האט זיך פערטראכט. זיא האט ניט געוואוסט, אויב איהר ברו־דער וועט וועלען געהן צום באראן נאגי נאכדעם, וואס עס איז פארגעקומען צווי־שען זיי איבער די פאפירען פון'ם שטומען בעטלער.

4־טער קאפיטעל.

איך קען עס ניט מעהר!

אין בודאפעסט האט זיך פערברייטעט דיא נאכריכט, אז מען האט גע־חאפט דעם באראן פאן באטהיאני אין דער טירקיי און מען פיהרט איהם קיין בודאפעסט. מען האט גערעדט דערפון אין אלע גאסען, אין אלע קאפע הייזער און אין אלע ביער הייזער.

אנפאנגס, ווען מען האט ארטהור'ן פעראורטהיילט צום טויט, פלעגען אלע זאגען, אז עס איז רעכט אויף איהם. עס קומט איהם די שטראפע. ער האט זיא פערדיענט. יעצט, ווען ער איז אנטלאפען און מען האט איהם געחאפט אין דער טירקיי, האט זיך אלעס געענדערט. מען האט אנגעהויבען צו האבען מיטלייד מיט איהם. מען האט אנגעהויבען איהם צו בעדויערען. מען האט אנגעהויבען צו געפינען, אז עס איז ניט גענוי בעוויזען, אז ער איז שולדיג.

עס איז ניט געווען איין הויז אין גאנץ בודאפעסט, אין וועלכען מען זאל ניט רעדען פון באראן פאן באטהיאני; זאגאר דער הענקער מיכאאיל איז דערפון געוואהר געווארען און האט עס דערצעהלט זיין פריינד דעם שטומען בעטלער.

ביידע זיצען ביים טיש און רעדען פון דער געשיכטע.

— איך בין צופרידען וואס דער באראן פאן באטהיאני קומט צוריק, האט דער שטומער בעטלער געזאגט, ענדליך איז געקומען דיא צייט צו טהאן עפעס פאר איהם; ענדליך איז געקומען דיא צייט ארויסצוטרעטען פריי און אפען און אויפווייזען דער וועלט, וואס דא איז געשעהן; ענדליך איז געקומען דיא צייט,

אראפּצורייסען דעם שווארצען שלייער פון דער גאנצער באנדע רויבער און מערדער.

— איך ווארט אויך מיט אונגעדולד, אז אלעס זאל ענדליך ארויסקומען. אלעס זאל ענדעקט ווערן און אלעס זאל זיך אויפקלערן. אבער איך האב מורא. אז עס זאל ניט זיין צו שפעט. אונזערע פיינד זיינען שטארק. זיי וועלען ניט שווייגען. זיי וועלען זעהן צו מאכען אלעס זעהר שנעל. ווער וויים, אויב עס וועט אונז געלינגען.

— בערוהיגט אייך, פריינד מיכאיל! האט דער אלטער בעטלער אויסגע־רופען, יעצט איז דיא צייט, ווען מיר מוזען ביידע ארבייטען און עפּעס טאהן. מיר האבען ביידע גענוג געליטען. — אך, גאט! וואס האב איך ניט איבערגע־זעהן! וואס האב איך ניט איבערגעהערט! — און איך האב געמוזט שווייגען. איך האב געמוזט האלטען פערשלאסען מיין מויל און זיך פערשטעלען פאר א שטומען. — גענוג! עס מוז אמאל נעמען אן ענדע! אך, פריינד מיכאאיל! וויא שווער איז עס צו האלטען א געהיימנים!

ער האט אראפּגעלאזען דעם קאפּ און הייסע, ביטערע טראפּען טרערען האבען זיך געגאסען פון זיינע אויגען.

— איך גלויב אייך, פריינד, האט מיכאאיל געזאגט אום איהם צו בערוהיגען. איך גלויב אייך. איך האב אויך געמוזט בעהאלטען אין מיין הארצען צוויא געהיימניסע. איינע פון דיא צווייא מוז איך מארגען ארויסגעבען. גאנץ בודא־פעסט וועט עס דערהערען מיט שרעק און שטוינען.

— וואס מיינט איהר דערמיט? פריינד מיכאאיל?

— עס איז דאך א געהיימנים.

— ענטשולדיגט מיר פריינד! איך בין גאר ניט נייגעריג, האט דער שטור־מער בעטלער געזאגט, איך וויים ניט, וואס עס טהוט זיך מיט מיר.

— איהר האט זיך ניט וואס צו ענטשולדיגען, מארגען וועלען עס אלע ווי־סען. מארגען וועט עס שוין ניט זיין קיין געהיימנים.

— יא, פריינד! מארגען, מארגען! האט דער אלטער בעטלער געזיפצט, איך טראג דעם מאנטעל פון א הענקער אויך נור ביז מארגען. מארגען מוז עס אנדערש ווערן!

— האט איהר אייערע פּאפּיערן בעהאלטען אין א זיכערן ארט? האט מי־כאאיל געפרעגט.

— געוויס, פריינד! איך האב זיי אפּגעגעבען אין זיכערע הענט.

— דאס איז גוט —

מעהר האט ער ניט געקענט רעדען, ווייל אין דיעזער מינוט האט מען שטארק געקלאפּט אין דער טהיר.

— ווער זאל עס זיין? האט דער אלטער בעטלער געפרעגט, ער קלאפּט עפּעס צו שטארק.

— דאס איז א דיענער פון געריכט, האט מיכאאיל געענטפערט, איך דער־קען שוין זיין קלאפען.

ער איז ארויסגעגאנגען עפענען. באלד איז ער צוריקגעקומען מיט א גרוי־סען, פערזיעגעלטען בריעף אין דער האנד.

— איך האב געוואוסט, וואס ער וועט מיר ברענגען, האט ער געזאגט, וויא צו זיך אליין, איך וויים שוין, וואס עס שטעהט אין דיעזען בריעף. איך קען שוין זעהר גוט דיעזע בעפעהלע.

ער האט אויפגעריסען דעם קאנווערט און האט דערלאנגט דעם בריעף דעם אלטען בעטלער, וועלכער האט איבערגעלעזען פאלגענדעס:

„אן דעם הענקער פון בודאפעסט!"

„אויף בעפעהל פון דעם קייזערליך־קעניגליכען קרימינאל געריכט פון בודאפעסט איז דאס מעדכען אננא מיכאאיל פערארורטהיילט צום טויט און צוואר, מען זאל איהר אפהאקען דעם קאפ."

„דער הענקער פון בודאפעסט ווערט אויפגעפאדערט, פרייטאג דעם פופצעהנטען נאוועמבער אלעס פארצובערייטען צו דער הינריכטונג פון דער פערברעכערין."

„דאס קייזערליך־קעניגליכע קרימינאל געריכט פון בודאפעסט."

מיכאאיל האט נור א קוק געטאהן אויפ'ן בריעף און האט איהם א ווארף געטאהן אויפ'ן טיש. דער בעטלער האט אראפגעלאזען טרויעריג דעם קאפ.

איינינע מינוטען האבעןביידע געשוויעגען. קיינער האט ניט געקענט אדער ניט געוואלט ארויסזאגען א ווארט. ענדליך איז דער אלטער בעטלער גע־קומען צו זיך און האט געשטאמעלט:

— וויא איז דאס מעגליך? וויא קען מען עס אייך הייסען, איהר זאלט...

— איך האב עס אליין פערלאנגט, האט מיכאאיל געזאגט מיט א שרעקלי־כער שטימע, איך וויל עס אזוי. דאס קרימינאל געריכט הייסט עס מיר. פאר וואס זאל איך עס ניט טאהן? איך מוז טייטען דיא פערברעכער. פאר וואס זאל איך ניט אפהאקען דעם קאפ מיין אייגענער טאכטער?

דער שטומער בעטלער האט אראפגעלאזען טרויעריג דעם קאפ און האט געמורמעלט:

— אונגליקליכער מענש! אונגליקליכע מענשען! וויא קען מען עס פאר־דערן פון א פאטער, ער זאל טייטען זיין אייגען קינד? וואס זיינען זיי — שטיינער? וויא אזוי קענען עס מענשען פערלאנגען?

— איך וויל עס! איך וויל עס טאהן! האט מיכאאיל געשריען, וויא א וואהנזיניגער. פאר וואס זאל איך עס ניט טאהן? איך בין דאך אויך א דיענער פון געזעץ. איך מוז אויך אויספאלגען, וואס דאס געריכט און דאס געזעץ הייסען מיר.

דער אלטער בעטלער האט בעטראכט דעם הענקער מיט שטוינען. ער האט

בעמערקט אויף זיין געזיכט א בעזאָנדערן, זאָנדערבאַרען, אונערקלערליכען, אונ־פערשטענדליכען אויסדרוק. ער האָט זיך דערשראָקען פאַר איהם.

— וואָס איז מיט אייך, מיכאאיל? האָט ער געפרעגט, איהר זייט אראָפּ פון זינען!

— ניין, פריינד! איך בין ביים פאָלען פערשטאַנד. איך בין העכסט צו־פריעדען, וואָס איך וועל אַליין טויטען מיין טאָכטער.

— וואָס רעדט איהר, מיכאאיל? איך פערשטעהע אייך ניט. איהר זייט דאָך א מענש, איך קען דאָך אייך זעהר גוט. איהר זייט דאָך גאָר ניט אַזוי שלעכט.

— עס איז וואהר. איהר פערשטעהט מיך ניט, האָט דער הענקער אויסגע־רופען, איהר פערשטעהט מיך ווירקליך ניט; איהר וועט מיך אָבער פערשטעהן. איהר האָט דאָך נור וואָס געזאָגט, אז עס איז זעהר שווער צו טראָגען א גע־היימניס פערשלאָסען ביי זיך אין טיעפען הארצען.

דער שטומער בעטלער האָט געשוויעגען אייניגע מינוט. ער האָט געוואוסט, וואָס עס הייסט האַלטען ביי זיך א שרעקליכעס געהיימניס.

— ווען איז דער פופצעהנטער? האָט ער פּלוצלונג א פרעג געטאָהן.

— היינט איז דער עלפטער, פרייטאג איז דער פופצעהנטער, האָט מיכאאיל געענטפערט. — עס איז אַן אַלטע זיטע (מנהג), אז מען זאָל טייטען פערברעכער אין א פרייטאג. איך וויים ניט, פון וואַנען דיעזע זיטע האָט זיך גענומען. מען זאָגט, אז פרייטאג איז א שלעכטער טאָג. קיינער וויל ניט אָנהויבען א געשעפט אום פרייטאָג. פרייטאָג איז א טאָג, ווען קיין גאָט בעשיצט דיא מענשען.

— דאָס פערשטעה איך ניט, האָט דער שטומער בעטלער געזאָגט, וואָס הייסט, פרייטאָג בעשיצט קיין גאָט דיא מענשען?

— גאַנץ איינפאַך. זאָנטאג איז דער טאָג, ווען דיא אַלטע פעלקער פלעגען דיענען צו דער זון, דערפאַר הייסט ער זון־טאָג. מאָנטאג פלעגען דיא מענשען דיענען צום מאָנד, צו דער לבנה, דערפאַר הייסט ער מאָנד־טאָג אָדער מאָנטאג. דיענסטאג פלעגט מען דיענען צו אַלע געטער מיט אַמאָל, דערפאַר הייסט ער דיענסט־טאָג. מיטוואָך פלעגט מען דיענען צום שטערן מארס. דאָנערסטאג פלעגט מען דיענען צום גאָט פון דונער, דערפאַר הייסט ער דאָנערס־טאָג. פריי־טאג איז געווען א פרייער טאָג. אין דיעזען טאָג איז ניט געווען קיין גאָטעס־דיענסט, קיין גאָט האָט ניט בעשיצט דעם מענשען. דאָס איז געווען א טאָג פון טויזט און אונגליק.

דער שטומער בעטלער האָט בעטראַכט דעם הענקער מיט שטוינען. ער האָט ניט ערוואַרטעט פון א הענקער אַזוי פיעל קענטניסע. פּלוצלונג האָט זיך דער הענקער געווענדעט צום בעטלער און האָט איהם געפרעגט:

— ווייסט איהר, אז עלווירא איז שוין דאָ אין בודאפעסט?

— עלווירא? האָט דער אַלטער בעטלער געפרעגט ערשטוינט, ווען איז זיא געקימען אהער?

— נעכטען ביי נאכט.
— פון וואנען ווייסט איהר עס?
— איך קען עס אייך ניט זאגען.
— פאר וואס האט איהר עס מיר פריהער ניט דערצעהלט?
— איך האב עס ניט געקענט.
— וואו איז זיא יעצט? האט דער אלטער בעטלער געפרעגט, איך מוז געהן צו איהר! איך מוז מיט איהר רעדען. איך מוז זיא זעהן.
— איהר קענט עס ניט טאהן.
— פאר וואס, פריינד מיכאאיל?
— איהר קענט דאך ניט געהן אין רויטען הענקער מאנטעל, האט מיכאאיל געענטפערט, מען וועט דאך אייך אין ערגעץ ניט ארייגלאזען אין דיזען מאנ־טעל. אין א קליין שטעדטעל קען מען נאך ארויסגעהן אין רויטען מאנטעל אויף דער גאס, אין בודאפעסט אבער איז עס אונמעגליך.
— וואו איז זיא יעצט? וואו איז זיא אבגעשטיגען?
— אין פאלאץ פון גראף מעראס.
— איך האב געמיינט, אז זיא וועט ניט וואגען צו קומען צו איהר מוטער. זיי זיינען אין דער לעצטער צייט געווען צוקריעגט, האט דער אלטער בעטלער געזאגט.
— נון, שטעלט אייך פאר, וויא וועט איהר עס קומען צום פאלאץ פון גראף מעראס מיט א רויטען מאנטעל? ווער וועט עס אייך אריינלאזען צו איהם? מען וועט אייך דאך ארויסטרייבען מיט הינט.
— איך וועל אראפווארפען פון מיר דעם רויטען מאנטעל! האט דער בעט־לער אויסגערופען. איך וועל געהן אין מיינע געוועהנליכע קליידער.
— פיעלייכט וועט אייך בעגעגענען דער אדוואקאט נאוואק און וועט היי־סען אייך ארעסטירען?
— איך הער איהם ניט! איך מוז געהן! איך מוז זעהן עלווירא'ן, האט געשריען דער בעטלער.

ער האט גענומען פאפיער, טינט און פעדער און האט אנגעהויבען צו שריי־בען צעטלעך. ער האט אנגעשריעבען א צענדליג אזעלכע צעטלעך, האט זיי צונויפגעלעגט אין א געוויסער ארדנונג און האט זיי בעהאלטען אין בוזים קע־שענע. דאן האט ער זיך אנגעטאהן און האט געזאגט:

— עס איז יעצט פיער אוהר, אום זעקס קען איך שוין געהן צום פאלאץ פון גראף מעראס.

מעהר האבעןביידע פריינד ניט גערעדט.

5טער קאפיטעל.

דער שטומער בעטלער רעדט.

א פיערטעל צו זעקס איז דער שטומער בעטלער ארויסגעגאנגען פון דעם ענקער'ס וואוינונג און איז געגאנגען צום פאלאץ פון גראף מעראס. אין דרויסען איז געווען פינסטער. דיא גאסען פון בודאפעסט זיינען געווען זעהר שלעכט בעלייכטעט. עס איז ניט לייכט געווען צו דערקענען א מענשען אין אזא פינסטערניס.

ער איז צוגעגאנגען צום פאלאץ און האט איבערגעגעבען דעם לאקיי, וועלכער איז געשטאנען ביי דער טהיר, א צעטעלע, אויף וועלכען עס איז געווען אנגעשריבען, אז ער וויל זעהר רעדען מיט דער גרעפין עלווירא. ער האט איהר מיטצוטהיילען זעהר וויכטיגע נייעס.

דער לאקיי האט אנגעקוקט דעם וואונדערבארען אלטען מיט שטוינען. ער האט פראבירט מיט איהם רעדען, דער אלטער אבער האט איהם געענטפערט דורך צייכענס.

— ער איז שטום, האט דער לאקיי געזאגט, וויא וועט דיא גרעפין זיך צונויפרעדען מיט א שטומען מענשען?

ער האט געוואלט וויזען דעם שטומען בעטלער, ער זאל זיך געהן זיין וועג. דיא גרעפין עלווירא וועט איהם ניט אויפנעהמען. פלוצלונג איז ארויסגעקומען גראף מעראס קאמער דיענער און האט דערזעהן דעם שטומען בעטלער.

— אה! דער אלטער איז ווידער דא? האט ער אויסגערופען. וואס וויל ער יעצט?

דער לאקיי פון דער טהיר האט איהם דערלאנגט דאס צעטעלע, וואס דער שטומער בעטלער האט איהם איבערגעגעבען.

— מען מוז איהם אריינלאזען, האט דער קאמער דיענער געזאגט, איך האב איהם געזעהן עטליכע מאל ביים גראף.

— וויא קענט איהר אבער אריינלאזען אזא אפגעריסענעם בעטלער און נאך א שטומען צו דער גרעפין עלווירא? האט דער לאקיי ביי דער טהיר געפרעגט.

— דאס איז שוין מיין זאך. איך בין דאפיר פעראנטווארטליך, האט דער קאמער דיענער געענטפערט.

קאמער דיענער און לאקייען זיינען אויך ניט מעהר וויא מענשען. זיי האבען אויך ליעב צו קריגען זיך און צו ווייזען, אז איינער איז גרעסער פון'ם אנדערן. דעם גראף'ס קאמער דיענער האט געוואלט ווייזען, אז ער איז עלטער פון אלעמען און מעג טאהן, וואס ער וויל, — ער האט א וואונק געטאהן דעם שטומען בעטלער, ער זאל געהן מיט איהם.

ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין ברייטען קארידאר, וועלכער האט געפיהרט צו דיא צימער פון דער גרעפין פאן טאקקי, האבען זיי בעגעגענט א רייך געקליידעטען לאקיי אין דיא קליידער פון דער גרעפין פאן ראדעצקי. דער שטומער בעטלער האט אויף איהם געווארפען א פארשענדען בליק, גלייך וויא ער האט געוואלט איהם פרעגען: וואס טהוסט דוא דא?

דעם גראף מעראס קאמערדיענער האט א פרעג געטאהן דעם לאקיי פון דער גרעפין פאן ראדעצקי:

— נו, וואס הערט זיך? האט דער גראף אייך צוגעזאגט, אז ער וועט קומען?

— יא, ער האט עס מיר צוגעזאגט, האט דער פרעמדער לאקיי געענטפערט.

מעהר האבען ביידע ניט גערעדט, אויף דעם שטומען בעטלער׳ס בלייכע ליפען האט זיך געוויעזען א שמייכעל.

דער קאמער־דיענער האט אריינגעפיהרט דעם שטומען בעטלער אין א שעה־נעם צימער און האט איהם געלאזען אליין.

— איך פערשטעה, וואס דא קומט פאר, האט דער שטומער בעטלער גע־ברומט אונטער דער נאז, דיא גרעפין פאן ראדעצקי אדער דער באראן פאן נאגי לאדען איין דעם גראף צו זיך אויף א באל אדער אויף אן אבענד. איך מוז עס וויסען. איך מוז דארט זיין. וויא אזוי מאכט מען עס אבער? — איך מוז קלערן, איך מוז אויסגעפינען א מיטעל, וויא אזוי דארט צו זיין. —

אין דיעזע מינוט איז דער קאמער־דיענער צוריק געקומען און האט איהם געמאכט א צייכען, אז ער זאל געהן מיט איהם. ער האט איהם דורכגעפיהרט דורך א לאנגען קארידאר, האט געעפענט א טהיר און האט איהם אריינגעלאזען. דער שטימער בעטלער האט דערזעהן פאר זיך עלווירא׳ן.

עלווירא האט זיך דערפרעהט, ווען זיא האט דערזעהן דעם שטומען בעט־לער און האט אויסגערופען:

— וואס מאכט איהר, אלטער יאקקי? וויא געהט עס אייך? וויא קומט איהר אהער? פון וואנען זייט איהר געוואהר געווארען, אז איך בין דא?

פלוצלונג האט זיא זיך עפעס דערמאנט.

— אך, וואס רעד איך? האט זיא זיך א חאפ געטאהןביים קאפ, — ער איז דאך שטום! ער הערט דאך ניט, וואס איך רעד צו איהם!

דער שטומער בעטלער איז געשטאנען, וויא פערשטיינערט. ער האט זיך געמאכט, אז ער הערט ניט און זעהט ניט, וויא עלווירא האט זיך דערפרעהט מיט איהם. ער האט עס אבער גוט געהערט און האט אלעס געזעהן. ווען על־ווירא וואלט געקענט א קוק טהאן איהם אין דיא אויגען, וואלט זיא געזעהן, וויא עס גיסען זיך פון זיי הייסע טרערען.

עלווירא האט אנגעהויבען צו מאכען צייכענס צו איהם, צו ווייזען איהם, צו פרעגען איהם. ער האט איהר עפעס געענטפערט. ער האט עפעס געזאגט, זיא האט איהם אבער ניט פערשטאנען.

— וואס איז מיט דיר, אלטער, שוואכער מאן? האט זיא ענדליך אויסגע־רופען.

דער שטומער בעטלער האט איהר דערלאנגט איינעם פון דיא צעטעלער, וועלכע ער האט אנגעשריעבען ביים הענקער אין הויז.

עלווירא האט עס איבערגעלעזען און האט איהם געזאגט:

— איך ערוואַרט דעם באראן פאן באטהיאני מיט יעדער מינוט. איך האב מיך צושיידט מיט איהם ניט וויט פון שטעדטעל ראזענוי.

דערביי האט זיא איהם געמאכט צייכענס און האט זיך געגעבען אלע מעג־ליכע מיה איהם צו ערקלערן, אז ארטהור דארף באלד אנקומען. דער שטומער בעטלער האט אנגעחאפט איהר האנד, האט זיא געקושט און האט זיא צוגע־דריקט צום הארצען.

ער האט איהר דערלאנגט נאך א צעטעלע מיט עטליכע פראגען. עלווירא האט זיי איבערגעלעזען און האט געענטפערט, וויא וויט זיא האט געקענט. וואס זיא האט ניט געקענט ערקלערן מיט צייכענס, האט זיא ערקלערט מיט ווערטער.

צולעצט האט דער שטומער בעטלער איהר דערלאנגט א צעטעלע, אויף וועלכען עלווירא האט געלעזען פאלגענדעס:

„וואו האט מען געהאפט דעם באראן פאן באטהינאי און וועלכער בעאמ־טער האט געהייסען איהם ארעסטירען אין דער טירקיי?“

עלווירא האט דערצעהלט און ערקלערט אלעס, וואס זיא האט געוואוסט. דער שטומער בעטלער האט גענומען א בליישטיפט און האט אנגעשריעבען פאל־גענדע פראגע:

— קענט איהר מיר ניט זאגען, וויא הייסט דער מאן, וועלכער האט גע־הייסען ארעסטירען דעם באראן פאן באטהיאני?

— דאס וויים איך ניט, האט עלווירא געענטפערט. איך ווייס נור, אז ער איז א ניעדעריגער מיט שווארצע האר. איך ווייס ווייטער, אז איך האב איהם דערקענט, ער איז אויף מיר אנגעפאלען אין וואלד פון ראזענוי און האט גע־טויטעט מיין קוטשער.

דער שטומער בעטלער האט געווארפען אויף איהר א פארשענדרען בליק. זיינע ליפען האבען געציטערט, גלייך וויא ער וואלט עפעס גערעדט, מען האט אבער ניט געהערט קיין ווארט. עלווירא האט געזעהן, אז זיא קען זיך מיט איהם צוזא־מען רעדען דורך שרייבען און האט אנגעהויבען איהם צו שרייבען אייניגע פראגען. דער בעטלער האט איהר אלעס געענטפערט אויף פאפיער.

יעצט האבען זיי אנגעהויבען צו רעדען און עלווירא האט איהם בעשריעבען אלעס וואס מיט זיי האט פאסירט אין דער טערקיי.

דער שטומער בעטלער האט איהר זעהר געדאנקט און איז זיך אוועקגעגאנגען.

6טער קאפיטעל.

דער אבענד ביי באראן נאגי.

דיא זון איז אונטערגעגאנגען. עס איז פינסטער געווארען. עלווירא זיצט אין איהר צימער און דענקט פון'ם שטומען בעטלער.

— וואס איז דאס פאר א מענש? וואס געהערט ער זיך מיט ארטהור'ן? איך זעה, אז ער האט איהם ליעב, אז ער איז איהם געטריי, אז ער וויל עפעס טאהן פאר איהם. וויא קומט ער אבער צו איהם?

זיא איז אזוי געזעסען פערטיעפט אין איהרע געדאנקען, ווען איהר מוטער איז אריינגעקומען און האט איהר געזאגט:

— מיר זיינען היינט איינגעלאדען צום באראן נאגי אויף אן אבענד. טוה זיך אן טאכטער און לאמיר געהן צו איהם.

— וואס רעדסט דוא, מוטער? וויא קען איך יעצט געהן אויף אן אבענד? האט עלווירא אויסגערופען, — בעדענק, אז איך געפין מיך יעצט אין א זאנדער־בארע לאגע, ווען איך זאל שוין אלעס פערגעסען און זאל שוין געהן ערגעץ אויף בעזוך, קען איך דאך ניט געהן צו יענער פאמיליע.

— איך האב שוין צוגעזאגט, טאכטער, איך קען ניט ענדערן מיין ווארט. איך וויל ניט בלייבען קיין ליגנערין. עס פאסט ניט פאר דער וועלט.

עלווירא האט זעהר גוט געקענט איהר מוטערס שטרענגען כאראקטער. זיא האט געוואוסט, אז איהר מוטער איז זעהר בעפריינדעט מיט'ן באראן נאגי און זיא וועט זיא צווינגען צו געהן מיט איהר.

— איך מוז דאריבער רעדען מיט'ן אנקעל, האט זיא געזאגט, ווען דער אנקעל וועט מיר הייסען געהן, וויל איך איהם פאלגען.

זיא האט ניט געווארט אויף קיין אנטווארט פון איהר מוטער און איז אוועקגעגאנגען צו איהר אנקעל. דארט האט זיא געטראפען איהר ברודער געארג. גראף מעראם און געארג האבען אויך גערעדט וועגען דעם אבענד ביים באראן נאגי. זיי האבען זיך בעראטהען, אויב זיי זאלען געהן אהין אדער ניט.

— איך וועל מיך ענטשולדיגען, אז איך בין ניט געזונד. האט געארג געזאגט, איך וויל אהין ניט געהן און קען אהין ניט געהן.

— איך וויל אויך אהין ניט געהן, האט גראף מעראם בעמערקט, עס איז מיר זעהר אונאנגענעהם.

— פאר וואס האט איהר אלזא אנגענומען דיא איינלאדונג? האט געארג געפרעגט.

— איך טאר ניט ווייזען, אז איך פעראכטע דיעזע פאמיליע, האט דער גראף געענטפערט, איך מוז מיך ווייזען פריינדליך געגען זיי.

— פון אייך, אנקעל, האב איך עס ניט ערווארטעט, האט זיך געארג אפגערופען, איהר שטעהט אזוי הויך אין דער וועלט, אז איהר קענט אויפטרעטען פריי און אפען, איהר דארפט זיך ניט פערשטעלען. איהר מעגט ארויסזאגען יעדען, וואס איהר דענקט.

— דוא ביסט נאך יונג, געארג, דוא קענסט נאך ניט דיא וועלט. דוא ווייסט נאך ניט, וויא שלעכטע מענשען צווינגען אונז צו זיין שלעכט און זיך צו פערשטעלען, זיך צו פערדעקען און זיך צו בעהאלטען. עס קרענקט מיך, עס פערדריסט מיך, עס רעגט מיך אויף, וואס איך מוז מיך פערשטעלען, איך מוז עס אבער דאך טאהן. איך מוז לעבען ניט, וויא איך וויל. איך מוז דריקען און שטיקען מיין אייגענעם איך.

אין דיעזע מינוט איז עלווירא אריינגעקומען אין צימער.

— וואס מאכסט דוא, עלווירא? האט גראף מעראם געפרעגט פריינדליך.

— אנקעל, די מוטער פערלאנגט, איך זאל געהן אויף איין אבענד צו דער גרעפין ראדעצקי, האט עלווירא געזאגט, איך קען עס אבער ניט טאהן. איהר ווייסט דאך, אנקעל, אז איך קען עס ניט. איהר קענט מיין הערץ, ליעבער אנקעל; איהר ווייסט דאך אלע מיינע אפענע געהיימניסע. ערקלעהרט מיין מוטער, אז איך קען ניט געהן צו דער גרעפין.

גראף מעראם האט זיך פערטראכט. ער האט געפיהלט, אז עלווירא האט פאלקאמען רעכט, אין דער זעלבער צייט אבער האט ער געפיהלט, אז זי מוז געהן. ער האט געטראכט איינינע מינוט און האט געזוכט ווערטער, מיט וועלכע צו ערקלעהרען עלווירא'ן אז זי זאל יא געהן.

אין דיעזע מינוט איז אריינגעקומען א דיענער און האט דערלאנגט דעם גראף מעראם אן אפענעם בריעף. גראף מעראם האט איהם אויפגעעפענט און געלעזען פאלגענדע צוויי צייל[ע]ן:

„הערר גראף, איך בעט אייך זעהר, איהר זאלט געהן אויפ'ן אבענד
„צום באראן נאגי פאן האללאוואאי. מיר וועלען זיך דארט זעהן. עס איז
„נאטהווענדיג איהר זאלט דארט זיין."

דער גראף איז געווען ערשטוינט און איבערראשט.

— ווער האט דיר איבערגעגעבען דיעזען בריעף? האט ער געפרעגט דעם דיענער.

— אז אונבעקאנטער מאן, האט דער דיענער געענטפערט.

— ווארט ער אויף אנטווארט?

— ניין, ער האט מיך זעהר געבעטען, איך זאל איבערגעבען דעם בריעף, ווייל ער איז וויכטיג, און איז אוועקגעגאנגען.

גראף מעראס האט א מאך געטהאן מיט דער האנד — א צייכען, אז דער דיענער זאל אוועקגעהן.

געארג האט געבעטען זיין אנקעל. ער זאל איהם ווייזען דעם בריעף.

— נעהמט און לעזט! האט גראף מעראס געזאגט צו געארג'ן און עלווירא'ן.

ביידע האבען איבערגעלעזען דעם בריעף און האבען אנגעקוקט איינער דעם אנדערן מיט שטוינען.

— וואס דענקט איהר דערפון, אנקעל? האט געארג געפרעגט.

— איך מוז געהן, צום באראן אויפ'ן אבענד, האט גראף מעראס געענט־פערט, און איהר קינדער מוזט אויך געהן.

— איך קען אבער ניט, האט עלווירא בעמערקט שטילערהייט.

— דו מוזט געהן, עלווירא! איך בעט דיך! האט גראף מעראס געענט־פערט פעסט.

זיינע ווערטער האבען געקלונגען, וויא א בעפעהל. עלווירא האט פער־שטאנען אז זי מוז געהן. זי האט זיך פערנייגט פאר איהר אנקעל און האט געוואלט ארויסגעהן.

— טוה זיך אן, עלווירא, האט גראף מעראס געזאגט, איך האף, אז מיר וועלען הייטע אבענד הערן עטוואס נייעס. איך דענק, אז דוא וועסט צו־פריעדען זיין.

7טער קאפיטעל.

ביי'ם באראן אויפ'ן אבענד.

דיא צימער, אין וועלכע דער באראן נאגי מיט זיין פאמיליע האבען גע־וואוינט, זיינען יעצט העל בעלייכטעט. עס איז דייטליך, אז מען ערווארטעט וויכטיגע געסט. עס שטעהן טישען מיט דיא טהייערסטע געשירר פון זילבער און גאלד, לעבען דיא געשירר שטעהן אלערליי טהייערע וויינען און טהייערע עסענס.

מען האט צוואר איינגעלאדען נור דיא פאמיליע טאקקי און דעם גראף מעראס. עס איז אבער דייטליך, אז מען וויל ווייזען, אז מען איז רייך. מען וויל ווייזען, אז מען איז אן אריסטאקראט און מען ווייס, וויא אזוי אויפצו־נעהמען געסט.

נאגי זיצט לעבען זיין פרוי. זיי זיינען אליין. מאקס געפינט זיך נאך אין זיין צימער. ער וועט ערשט קומען, ווען דיא געסט וועלען שוין זיין אין צימער. — דיא גרעפין איז געווארען אונגעדולדיג.

— זיי האבען צוגעזאגט קומען, האט דיא גרעפין געזאגט צו איהר מאן. דאס בעווייזט ,אז זיי זיינען פריינדליך געגען אונז. איך וואלט געדארפט זיין גליקליך, וואס צו מיר קומען אזעלכע געסט און דענאך בין איך אונרוהיג. מיין

הערץ ציעהט זיך צונויף. איך ווייס ניט, וואס מיט מיר איז. איך פיהל, אז עפּעס וועט געשעהן. זאלאנג ארטהור לעבט, קען איך ניט רוהיג זיין.

— איך פערשטעה דיך ניט, אזשעניע! דוא זעהסט דאך שוין, אז אלעס קומט אויס, וויא מיר פערלאנגען. דוא זעהסט דאך אליין, אז אלע אונזערע ווינשע ווערן ערפילט. וואס נאך ווילסט דוא? — איך קען דיר נאך עפּעס ווייזען. וועלכעס וועט דיך שוין אין גאנצען איבערציינגען, אז מיר האבען ניט וואס מורא צו האבען פאר ארטהורן.

דיא גרעפין איז געווארען נייגיעריג. נאגי האט ארויסגענומען א בריעף און האט איהר געוויעזען. דער בריעף איז געווען פון יאזעף׳ן, אין איהם זיינען געשטאנען פאלגענדע ציילען:

„גנעדיגער הערר באראן!"

„מיר זיינען אנגעקומען קיין פרעסבורג היינט אין דער פריה. דיא גרענעץ סאלדאטען האבען איבערגעגעבען דעם פערברעכער דער פרעסבורגער פאליציי, מען האט איהם באלד געשמיעדט אין קייטען און מען שיקט איהם קיין בודאפעסט אין א שווארצע, גדעקטע קארעטע. דיא פאליציי פון פרעסבורג ווייס זעהר גוט, וואס פאר א געפעהרליכער פערברעכער דאס איז און זיא בעוואכט איהם שוין גוט. מארגען פארנאכט וועלען מיר זיין אין בודאפעסט."

„אייער טרייער יאזעף."

— דאס איז זעהר וויכטיג, האט דיא גרעפין געזאגט, יעצט בין איך צוואר זיכער, אז מען וועט שוין ברענגען ארטהורן אהער, אבער זא לאנג ער לעבט נאך, זא לאנג ער אטהעמט נאך, קען איך ניט רוהיג זיין.

— נאררישקייטען! האט נאגי אויסגערופען, וואס האבען מיר דען יעצט מורא צו האבען?

— איך פערשטעה דיך ווירקליך ניט, אייזשעניע! האט נאגי אויסגערופען מיט א פארוואורף. דוא זעהסט דאך אליין, אז ארטהור וועט דא זיין היינט ביי נאכט אדער מארגען אין דער פריה, דעם אנדערען טאג אין דער פריה וועט מען איהם אויפהענגען, און אלעס האט זיך געענדיגט. וואס האסטו נאך צו רעדען פון איהם? ער איז דאך שוין א טויטער. דאס מאל וועל איך שוין זארגען, אז מען זאל איהם אויפהענגען ניט שטילערהייט אין געפענגניס, זאנדערן עפענטליך אויפ׳ן עשאפאט פאר דער גאנצער וועלט.

— וואס קענסטו טאהן אין דיעזער אנגעלעגענהייט? דאס געהערט דאך צום געריכט.

— דער אדוואקאט נאוואק וועט מיר העלפען. ער האט א גרויסען איינפלוס אויף די ריכטער, זיי טהוען אלעס, וואס ער הייסט זיי.

די גרעפין האט געשוויגען. זיא האט מעהר ניט געוואלט רעדען דאריבער.

— זיי וואלטען שוין געדארפט קומען, האט זיא פלוצלונג געזאגט אום צו רעדען פון עפּעס אנדערש.

נאגי, האט געעפענט דיא טהיר און האט ארויסגעקוקט אויפ׳ן קארידאר. — קיינער איז ניטא. ער איז אראפגעגאנגען דיא טרעפ און האט א קיק געטהאן אין דרויסען, אויב עס פאהרען ניט אן קארעטעס. אין דרויסען איז אויך קיינער ניט געווען. פאר׳ן האטעל האבען געברענט צווייא גרויסע לאנטערנען, וועלכע האבען בעלייכטעט א גרויסע שטרעקע פון דער גאס.

נאגי האט א קוק געטאהן אויף דער גאס ארום. ער האט א קוק געטאהן אין דער זייט, פון וואנען גראף מעראס האט געדארפט אנקומען.

פלוצלונג האט ער דערזעהן עפעס א געשטאלט וויא פון אן איינגעבויגענעם אלטען מאן זיך שלעפען לאנגזאם פון יענער זייט גאס. עס האט זיך אויסגעוויעזען, אז ער קען דיעזע געשטאלט. ער איז ארויסגעלאפען פון האטעל זעהן, ווער דאס איז. — דיא געשטאלט איז פערשוואונדען אין שאטען פון דער פינסטערער גאס. נאכלויפען איהר האט נאגי ניט געוואלט. דאס האט איהם ניט געפאסט. ער איז צוריק ארויפגעגאנגען אין זיינע צימער און האט דארט געפונען כיאקס'ן.

מאקס האט זיך אויך געוואונדערט, וואס דיא געסט זיינען נאך ניט אנגעקומען און איז געקומען געוואהר ווערן, וואס עס הערט זיך. זיין מוטער האט איהם בערוהיגט וועגען דיא געסט און האט איהם ערקלערט, אז גרויסע לייט קומען געוועהנליך שפעטער. עס פאסט זיי אזוי.

— יעצט גראף מאקס איז געקומען דיא צייט, ווען איהר דארפט בעווייזען, אז איהר זייט א קאוואליר, האט איהם נאגי געזאגט. איהר מוזט וויסען, וויא אזוי ארומצוגעהן מיט עלווירא'ן; איהר מוזט וויסען, וויא מיט איהר צו רעדען; איהר מוזט וויסען, וויא אזוי צו צוציהען איהר הערץ. איהר מוזט זיין פרעהליך. איהר מוזט זיין וויציג; איהר מוזט איהר דערצעהלען לוסטיגע געשיכטען. דאס ליעבען דיא פרויען, איהר מוזט איהר דערצעהלען געשיכטען. וואו איהר זייט געוועזען א העלד, וואו איהר האט עפעס אויפגעטאהן. מען מוז זעהן צו בעצויבערען א פרוי.

— וואס רעדט איהר, הערר באראן? האט מאקס אויסגערופען, איך מעג זיין קלוג, וויציג און פרעהליך; וויא גאט אליין, עס וועט מיר גאר ניט העלפען. עלווירא האסט מיך. עלווירא קען מיך ניט ליידען. איך גלויב נאך ניט, אז זיא וועט היינט קומען. אלע אייערע פלענער, הערר באראן, און אלע אייערע מאשינערייען וועלען אייך גאר ניט העלפען. עלווירא קען ניט זיין מיין פרוי און זיא וועט עס ניט זיין.

— זאלאנג איך לעב, וועט עלווירא מוזען זיין אייער פרוי! האט נאגי געענטפערט שטאלץ. איך וויס, אז איהר זייט צו קיין זאך ניט פעהיג. איהר האט א שוואכען כאראקטער. אייך פעהלט מוטה, ענערגיע און פעהיגקייט צו ווירקען און עפעס אויפצוטאהן. איך מוז טאהן פאר אייך אלעס, איך מוז אייך לערנען און פיהרען, וויא מען לערענט און פיהרט א קינד. ווען איך וועל דערגרייכען מיין ציעל, ווען איהר וועט ווערען עלווירא'ס מאן, וועט איהר וויסען, וויא מיך צו שעצען און וויא מיך צו אכטען.

— עס זאל נור וואהר זיין, וואלט איך שוין געוואוסט, וויא אייך צו שעצען. האט מאקס געענטפערט פינסטער, איך זעה דאך אבער, אז מיט אייער מוטה, מיט אייער ענערגיע, מיט אייער גאנצע חכמה פיהרט איהר דאך ניט אויס, וואס איהר ווילט. —

נאגי האט געוואלט עפעס ענטפערען. אין דיעזע מינוט אבער האט מען געהערט טריט אויף דיא טרעפ. נאגי איז געלאפען עפענען דיא טהיר. דיא גרעפין ראדעצקי און מאקס האבען זיך אויפגעהויבען און האבען געקוקט נייגעריג אויף דער טהיר.

נאגי האט זיא געעפענט און גראף מעראס, דיא גרעפין פאן טאקקי, גראף געארג און עלווירא זיינען אריינגעקומען אין צימער.

מען קען זיך לייכט דענקען מיט וואָס פאַר אַ פרייד נאַגי און זיין פרוי האָבען אויפגענומען דיא געסט. מען האָט זיך בעגריסט, מען האָט זיך געגעבען קאָמפּלימענטען און מען האָט געריהמט און געלויבט און געשמייכעלט דיא געסט. וויא דיא נידעריגסטע לאַקייען. גראַף מעראַס איז געבליבען ערענסט און פינסטער. ער האָט ניט געהערט אָדער האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג, וואָס מען האָט איהם געזאָגט.

נאַגי און זיין פרוי האָבען איינגעלאַדען דיא געסט צום טיש, דערביי האָט ער געזעהן, אַז מאַקס זאָל זיצען לעבען עלווירא'ן. דיא גרעפין פאָן טאַקקי האָט [illegible]'ז געזעצט לעבען דער גרעפין פאָן ראַדעצקי און נאַגי האָט זיך געזעצט לעבען ג[illegible]אַף מעראַס און גראַף געאָרג.

מאַקס האָט גערעדט מיט עלווירא'ן איבער פערשיעדענע זאַכען, אָבער ניט איבער אַרטהור'ן. ער האָט זיך בעמיהעט זיא פרעהליך צו מאַכען. ער האָט איהר דערצעהלט געשיכטען פון אַ יאַגד און פון אַ קריעג. עלווירא האָט איהם צוואַר אויסגעהערט אויפמערקזאַם, זיא האָט אָבער ניט געלאַכט פון זיינע פרעהליכע אַנעקדאָטען. זיא איז געזעסען פינסטער און טרויעריג און האָט געענטפערט אַ וואָרט איבער צעהן.

נאַגי מיט'ן גראַף מעראַס האָבען גערעדט פון ערענסטע זאַכען. זיי האָבען גערעדט פון פּאָליטיק און איבער דיא פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן. עס איז געוועזען דייטליך, אַז ביידע זוכען אויסצומיידען אַ געשפּרעך איבער אַרטהור'ן. עס האָט זיי אָבער ניט געהאָלפען. עס האָט זיך אַריינגעמישט אַ וואָרט איבער געריכט און פּאָליציי. ווען מען האָט גערעדט פון געריכט, האָט מען שוין געמוזט רעדען איבער דעם באַראָן פאָן באַטהיאַני.

— ווייסט איהר ניט, הער גראַף, ווען דער באַראָן פאָן באַטהיאַני וועט אַנקומען קיין בודאַפּעסט? האָט נאַגי געפרעגט.

— וויא איך האָב געהערט דאַרף ער ערשט מאָרגען אָנקומען, האָט גראַף מעראַס געענטפערט.

— ווען איך האָב עס ניט פערגעסען, האָט איהר מיר אַמאָל געזאָגט, אַז איהר האָט נאָך אַ האָפנונג איהם צו רעטען, האָט נאַגי ווייטער בעמערקט.

— עס איז וואַהר, האָט דער גראַף געענטפערט, איך האָב ניט פערלאָרען דיעזע האָפנונג; עס זיינען נאָך צוגעקומען אומשטענדע, וועלכע בעשטאַרקען דיעזע האָפנונג.

— אַזוי האָט נאַגי געפרעגט און האָט אויסגעצויגען דאָס וואָרט, מעג איך וויסען וואָס עס פערשטאַרקט נאָך אייער האָפנונג?

איך קען עס נאָך יעצט ניט זאָגען. עס איז נאָך דערווייל אַ געהיימניס. עס זיינען פאָרגעקומען אַזעלכע זאַכען, וועלכע זיינעןווירקליך זאָנדערבאַר.

— איך וואָלט געוועזען גליקליך, אַז עס זאָל זיך אַרויסווייזען, אַז דער באַראָן פאָן באַטהיאַני איז אונשולדיג! האָט נאַגי אויסגערופען מיט אַ פרומע מינע. איך בין זיין בעסטער פריינד און וואָלט געוועזען דער ערשטער איהם צו בעגריסען, ווען ער זאָל בעפרייט ווערען. — ליידער, קען איך עס ניט גלויבען! האָט ער געענטפערט מיט אַ טיעפען זיפץ.

— אויסער דעם באַראָן פאָן באַטהיאַני, איז דאָ נאָך איינע, וועלכע איז גאַנץ אונשולדיג פעראורטהיילט געוואָרען צום טויט, האָט פּלוצלונג גראַף מעראַס בעמערקט.

— ווער איז עס?

— אז איינפאכעס מערכעז, דיא טאכטער פון'ם הענקער, האט דער גראף געענטפערט רוהיג.

— פאר וואס האט מען זיא פעראורטהיילט צום טויט?

— פאר פערשיעדענע פערברעכען.

— ווער האט געפיהרט דעם פראצעס?

— דער אדוואקאט נאוואק.

— דאס איז שוין רעכט, וואס מען האט זיא פעראורטהיילט צום טויט! האט נאגי אויסגערופען, דיעזער אדוואקאט האט שטענדיג ליעב צו בעשולדיגען דיא מענטשען, וועלכע ווילען ניט, אדער קענען ניט, איהם גוט בעצאהלען. —

— גאנץ ריכטיג, האט גראף מעראס איהם אונטערבראכען. נאוואק האט אויך געפיהרט דעם פראצעס פון'ם בעראן פאן באטהיאני.

— נאוואק? נאוואק? האט זיך געארג אריינגעמישט, איך קען איהם. איך בין אמאל געווען ביי איהם.

— ער האט ביי מיר אוועקגענומען א געוויסעס פעקעל פאפירען, האט דער גראף מעראס געזאגט שטילערהייט צום בעראן נאגי. — דערביי האט ער מיר געזאגט, אז איהר האט אויך א פרעטענזיאן אויף דיעזע פאפירען.

— וואס רעדט איהר, הערר גראף? האט זיך נאגי אויפגעקאכט, וויא איז דאס מעגליך? וויא האט דיעזער טויגעניכטס געוואגט צו קומען צו אייך און פאדערן דיעזע פאפירען, וועלכע געהערען צו מיר?

— ער איז געקומען צו מיר אים נאמען פון געריכט. איך האב געמוזט איהם איבערגעבען די פאפירען. מיר מוזען אלע האבען רעספעקט פאר די געזעצע.

נאגי האט ניט געוואלט מעהר רעדען איבער דיעזען געגענשטאנד. ער האט א וואונק געטאהן איינעם פון זיינע לאקייען, ער זאל אויפגעבען צום טיש. נאגי אליין האט געבעטען זיינע געסט אין עסס צימער.

דער טיש איז געווען בעדעקט מיט דיא טהייערסטע וויינען און מיט דיא זעלטענסטע עסענס, וועלכע מען האט נור געקענט קריעגען אין שטאדט. דיא געזעלשאפט האט געגעסען און געטרונקען מיט דעם בעסטען אפעטיט.

מען האט אנגעהויבען צו רעדען פון פערשיעדענע זאכען און מען האט זיך זעהר גוט אונטערהאלטען. וויא עס האט זיך ארויסגעוויעזען, זיינען אלע געווען פרעהליך און העכסט צופריעדען.

פלוצלונג האט מען געהערט שטימען אין קארידאר. דיא לאקייען פון האטעל האבען עפעס גערעדט אין דער הויך און האבען זיך געבייזערט. דיא טהיר פון'ם עסס צימער האט זיך געעפענט און דער שטומער בעטלער איז אריינגעקומען.

דיא גאנצע געזעלשאפט איז געבליעבען זיצען, וויא פערשטיינערט. אזא גאסט האט קיינער ניט ערוואַרטעט. דאס איז געווען אן איבערראשונג פאר אלעמען.

דיא גרעפין פאן ראדעצקי איז געווארען בלייך, וויא קאלך, און איז שיער ניט געפאלען אין אהנמאכט. געארג און גראף מעראס האבען א וואונק געטאהן איינער צום אנדערן. דיא גרעפין פאן טאקקי האט אויסגעגלאצט דיא אויגען און האט געקוקט נאגי'ן גלייך אין דיא אויגען. איהרע פערוואונדערטע בליקען האבען איהם געפרעגט, פאר וואס האסט דוא איהם ניט ארעסטירט?

מאקס איז געווען דער איינציגער וועלכער האט זיך ניט דערשראקען און איז ניט געווען ערשטוינט.

— דאס איז דאך דער שטומער בעטלער פון טשעמני! האט ער אויסגע־רופען. וויא קומט ער אהער?

דאס האט געווירקט. אלע האבען אויפגעאטהעמט פרייער. נאגי האט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און האט אויסגערופען:

— ארויס פון דאנען, דוא טויגעניכטס! וואס טהוסט דוא דא? ווער האט דיך ארייננעלאזען אהער?

דער שטומער בעטלער איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר און האט זיך ניט געריהרט פון'ם ארט.

— ארויס, דוא הונט! האט נאגי געשריען פול מיט צארן.

— לאזט איהם, הערר באראן! האט דער גראף מעראס געבעטען, איהר ווייסט דאך, אז דאס איז אן אונגליקליכער שטומער מענש? צו וואס זאלט איהר איהם זיידלען? פיעלייכט איז ער הונגעריג און איז געקומען בעטען א שטיקעל ברויט.

— איהר קענט איהם ניט, הערר גראף, האט נאגי געשריען, ער איז א טויגעניכטס! ער איז א שפיאן!

— דאס קען ניט זיין, האט זיך דער גראף מעראס געשטעלט פאר'ן שטו־מען בעטלער.

איידער נאגי האט צייט געהאט צו ענטפערן א ווארט, האט זיך גראף מעראס אויפגעהויבען פון זיין ארט און איז צוגעגאנגען צום שטומען בעטלער.

— וואס מאכט איהר עפעס, אלטער? האט ער איהם געפרעגט.

דער שטומער בעטלער איז געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט און האט ניט געענטפערט.

— זעהט איהר, הערר גראף? האט נאגי אויסגערופען, זעהט איהר? ער ענטפערט ניט. ער איז א שפיאן. ער איז א רויבער און א מערדער! ער איז א טויגעניכטס! ער פערשטעלט זיך פאר שטום, אום ער זאל בעסער רויבען און מארדען. לאמיר הייסען איהם ארעסטירען. ער איז א געפעהרליכער פערברעכער.

— ניין, הערר באראן, איך קען עס ניט צולאזען, האט גראף מעראס גע־זאגט, ער איז געוויס געקומען אהער עפעס בעטען. ער קען אייך און האפט, אז איהר וועט איהם עפעס שענקען. אויסער דעם, פאסט גאר ניט פאר אונז, אז מיר זאלען שפיעלען דיא ראלע פון זשאנדארמען. לאמיר איהם עפעס געבען.

— אייך צוליעב, הערר גראף, וועל איך איהם לאזען לויפען.

ער האט ארייננעלעגט דיא האנד אין קעשענע און האט ארויסגענומען א גולדען. גראף מעראס און עלווירא האבען זיך אויך גענומען צו דער קעשענע. נאגי אבער האט עס פערהאפט, אלס ווירטה פון'ם הויז איז איהם ניט אנגעשטא־נען, אז זיינע געסט זאלען עפעס שענקען דעם בעטלער. ער האט געוואלט ווייזען, אז ער איז רייך און קוקט ניט אויף געלד. ער האט ארייננעלעגט אין קעשענע דעם גולדען, וואס ער האט געהאלטען אין דער האנד און האט ארויסגענומען א גאלדע־נעם דוקאט. דאן איז ער צוגעקומען צום בעטלער און האט איהם געזאגט שטי־לערהייט.

— נא דיר א דוקאט און געה דיר צו אלע טייפעל! איך קען דיך זעהר גוט. דוא ביסט א שווינדלער און א בעטריעגער. געה דיר אוועק פון דאנען, און ווייז זיך ניט מעהר אין מיינע אויגען. ווען איך וועל דיך דערזעהן אויף דער גאס, וועל איך הייסען דיך ארעסטירען.

דער בעטלער האט צוגענומען דעם גאָלדענעם דוקאט און האט איהם א שליידער געטאָהן ווייט פון זיך, אז ער האט זיך ארומגעקייקעלט אויף דער ערד.

אלעס אין צימער איז געוואָרען שטיל. אלע האבען געקוקט מיט שטוינען און בעוואונדערונג אויף דיעזען זאָנדערבארען מענשען, וועלכער וואַרפט זיך מיט גאָלדשטיקע.

עס זיינען פערגאנגען אייניגע מינוט, איידער דיא פערזאָמעלטע זיינען געקומען צו זיך. ענדליך איז מאקס אויפגעשפרונגען פון זיין זיץ און האט זיך ארויפגעוואָרפען אויפ'ן בעטלער.

עס האט זיך אויסגעוויעזען, אז דער שטארקער, יונגער מאקס וועט צו־קוועטשען דעם שטומען בעטלער און וועט איהם פערניכטען. דער אלטער בעט־לער אבער האט צוריקגעוואָרפען מאקס'ן פון זיך מיט אזא קראפט, אז מאקס איז אניעדערגעפאלען פאר נאגי'ס פיס.

— אוועק פון מיר, איהר רויבער און מערדער! האט דער בעטלער גע־שריען. אוועק פון מיר! — ענדליך איז געקומען דיא צייט, ווען אלעס וועט זיך אויפדעקען און ערקלערן!

וויא פערשטיינערט זיינען אלע געבליעבען זיצען ביי דיעזער זאָנדערבארער סצענע. נאגי האט שוין פריהער אלעמען דערצעהלט, אז דער בעטלער איז ניט שטום. קיינער האט איהם אבער ניט געגלויבט. יעצט האבען אלע געהערט, וויא דער שטומער בעטלער רעדט.

דער בעטלער איז צוגעקומען צו גראף מעראס און האט איהם געזאגט:

— מארגען, הערר גראף, וועט זיך אלעס ערקלערן. מאָרגען וועל איך אראפרייסען דיא מאסקע פון דיעזע רויבער און מערדער. מאָרגען וועל איך אייך וויעזען, ווער זיי זיינען.

דיא גרעפין פאן ראדעצקי האט א געשריי געטאָהן און איז צוריקגעפאלען אין איהר שטוהל. אלע איבעריגע האבען אויסגעגלאָצט דיא אויגען און האבען ניט געוואוסט וואס צו טאָהן, ניט וואס צו זאָגען.

גראף מעראס האט ענדליך געפונען פאר נעטהיג עפעס צו זאָגען. ער האט זיך געווענדעט צום שטומען בעטלער און האט איהם געפרעגט:

— ווער זייט איהר דען, זאָנדערבארער מענש? וויא קומט עס, וואס איהר האט יאהרען לאנג געשפיעלט דיא ראָללע פון א שטומען?

— הערר גראף! האט דער בעטלער אויסגערופען. איך האב אייך געגעבען א פעקעל פאפיערען און האב אייך געבעטען, איהר זאָלט עס עפענען, ווען איך וועל צוריקקומען: עפענט דיעזע פאפיערן, וועט איהר אלעס וויסען; לעזט זיי דורך אויפמערקזאם און איהר וועט פערשטעהן, פאר וואס איהר האט געהאנדעלט אזוי און ניט אנדערש. יעצט אבער ווינש איך אייך א גוטע נאכט. איך האב געטאָהן, וואס איך האב געדארפט און איך קען יעצט געהן. — אלזא גוטע נאכט!

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך פערנייגט פאר אלעמען און איז זיך לאנגזאם ארויסגעגאנגען פון צימער.

דער גאנצער אבענד איז שוין געוועזען פערדאָרבען. דיא גרעפין פאן ראַ־דעצקי איז געווען בלייך, וויא קאלך און איז קוים געזעסען אויף איהר שטוהל. מאקס איז געזעסען, וויא פערשטיינערט און האט ניט געקענט ארויסרעדען א וואָרט און זאָגאר דער שטארקער נאגי האט אראפגעלאָזען דעם קאָפ און איז געוועזען זעהר ניעדערגעשלאָגען.

ער האט צוואר געוואוסט זעהר גוט, אז גראף מעראס וועט מארגען ניט לעזען דיא פאפיערן פון'ם שטומען בעטלער. ער האט דאך געוואוסט, אז דיעזע פאפיערן געפינען זיךביים אדוואקאט נאוואק. דענאך איז ער געווען זעהר אונרוהיג. דיא סצענע מיט'ן שטומען בעטלער האט איהם געוויעזען, אז עס געפינט זיך ערגעץ א פערבארגענער פיינד, וועלכער לויערט אויף איהם און זוכט איהם צו שאדען. ער האט זעהר גוט פערשטאנען, אז דער שטומער בעטלער איז ניט אליין. ער האט געוויס גוטע פריינד, וועלכע אונטערשטיצען איהם.

דיא געזעלשאפט איז דאהער געווארען גאנץ שטיל. קיינער האט ניט גערעדט. יעדער איז געווען פערטיעפט אין זיינע געדאנקען. ענדליך האט גראף מעראס געגעבען א צייכען צו זיין שוועסטער, אז עס איז צייט צו געהן אהיים. דיא גרעפין פאן טאקקי, איהר זוהן און איהר טאכטער האבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער און האבען ערקלערט, אז זיי געהן אויך.

נאגי האט פערשטאנען, אז ער קען זיי ניט איינהאלטען. ער האט זיך נור געוואלט ענטשולדיגען פאר זיינע געסט, וואס עס איז פארגעקומען אזא אונאנגענעהמע סצענע געראדע דאמאלס, ווען זיי זיינען געווען ביי איהם אין הויז.

— דער בעטלער איז א שפיאן און א רויבער, האט ער געזאגט, איהר קענט אייך יעצט אליין איבערצייגען, הערר גראף, אז ער איז א רויבער. איהר זעהט דאך, אז ער רעדט וויא אלע מענשען און דענאך האט ער זיך געמאכט פאר שטום.

— איך וויים ניט, וואס איך זאל דענקען פון דיעזען מענשען. האט גראף מעראס געענטפערט, ער איז ניט דאס, וואס ער ווייזט אוים. אלענפאלס מוז מען וויסען, ווער ער איז און וואס ער וויל. ער איז מיר א רעטעניש. איך פערשטעה איהם ניט. — מיר וועלען דערפון רעדען אנאנדער מאל. יעצט, גוטע נאכט!

8טער קאפיטעל.

אנטלויפען.

גראף מעראס און דיא פאמיליע פאן טאקקי האבען אבשיעד גענומען פון דער פאמיליע ראדעצקי. דער אבשיעד איז געווען א לאנגווייליגער, קאלטער, אונאנגענעהמער. יעדער האט געוואלט לויז ווערן פון'ם אנדערן, וויא אם גיכסטען.

גראף מעראס און דיא פאמיליע טאקקי זיינען געשטאנען, וויא אויף הייסע קוילען. עלווירא און געארג האבען דאך גאר ניט געוואלט געהן צום באראן נאגי. דער גרעפין פאן טאקקי איז גלאט געווען זעהר אונאנגענעהם, וואס דער שטומער בעטלער האט געשטערט זייער אונטערהאלטונג.

דיא פאמיליע פון באראן נאגי האט ענדליך געוואלט זיין אליין. דיא גרעפין פאן ראדעצקי האט זיך געשעהמט אויפצוהויבען דיא אויגען. מאקס איז געווען אין גאנצען דערשלאגען, נור איין נאגי האט זיך נאך געהאלטען.

ענדליך זיינען דיא געסט זיך אוועקגעגאנגען און אין קארידאר איז געווארען שטיל. מאקס האט זיך פלוצלונג אויפגעהויבען און האט געזאגט מיט א ביטערן געלעכטער:

— עס איז פויל, הערר באראן! די גאנצע געביידע ציטערט. דער פונדאמענט איז פערפוילט. עס וועט באלד אומפאלען. דאן וועט עס געבען א קנאק, אז הימעל און ערד וועלען זיך דערשרעקען.

— געה דיר אוועק, יונגאטש! האט נאגי געשריען אויסער זיך פאר צארן און פערדרוס. געה דיר אוועק, אדער דוא חאפסט קלעפ!

— אונגליקליכער טויגעניכטס! האט מאקס געשריען נאך העכער, — דוא ווילסט מיך שלאגען? פראביר עס נור! וואג עס נור ארויפצולעגען א האנאויף מיר! איך ווייס אלע דיינע געהיימניסע. איך אליין וועל העלפען דעם שטורמען בעטלער ענטדעקען אלעס.

נאגי איז געווארען גרין און געל פאר צארן. צווישען ביידע וואלט געוויס געווען ארויסגעקומען א געשלעג, ווען דיא גרעפין פאן ראדעצקי וואלט זיך ניט אריינגעמישט. זיא האט זיך אניעדערגעשטעלט צווישען ביידע און האט אנגעהויבען צו בעטען, זיי זאלען זיך בערוהיגען.

— ווילט איהר, אז דיא לאקייען פון האטעל זאלען זיך צונויפלויפען און עס זאל ווערן א סקאנדאל איבער דער גאנצער שטאדט? האט זיא זיי געפרעגט. פערגעסט איהר, אין וואס פאר א טרויעריגע לאגע מיר געפינען זיך?

ביידע האבען באלד איינגעזעהן, אז זיא האט פאלקאמען רעכט און זיינען געבליעבען שטיל.

— געה אין דיינע צימער, מאקס, האט דיא גרעפין ווייטער געבעטען, בערוהיג דיך. מאך קיין ליארם.

מאקס האט געווארפען א שטאלצען און ווילדען בליק אויף באראן נאגי און האט איהם געזאגט:

— איך געה יעצט אוועק, דענקט אבער ניט, אז איך וועל אייך שווייגען. איך וועל נאך פאדערן ביי אייך רעכענונג פאר אלעס, וואס איהר האט געטאהן געגען מיר און געגען מיין מוטער. איך וועל אייך קיין זאך ניט פערשווייגען. איהר האט מיך אנגערעדט אלעס צו טאהן. איהר האט אנגערעדט מיין מוטער. איהר זייט שולדיג אין אלע אונזערע אונגליקען און איהר וועט בעצאהלען פאר זיי זעהר טהייער.

מיט דיעזע ווערטער איז ער ארויסגעגאנגען פון צימער.

נאגי איז געבליעבען שטעהן, וויא א צומישטער. צום ערשטען מאל אין זיין לעבען האט ער געזעהן מאקס'ן אזויא אויפגערעגט; צום ערשטען מאהל איז מאקס אויפגעטראטען אזוי גראב געגען איהם. ער האט געטראכט איייניגע מינוט, דאן איז ער צוגעגאנגען צו זיין פרוי און האט איהר געזאגט:

— איך דאנק דיר, אייזשעניע, וואס דו האסט איהם בערוהיגט.

— עס איז וואהר, איך האב איהם בערוהיגט, האט דיא גרעפין געענטפערט, וואס ווערט אבער דערפון? עס שטעהט זעהר שלעכט מיט אונז.

— פאר וואס?

— אך, נאגי! מיר זיינען פערלארען! האט דיא גרעפין געזיפצט.

— ניין, אייזשעניע! מיר זיינען נאך ניט פערלארען.

— הער נור, נאגי, לאמיר אנטלויפען! האט דיא גרעפין אויסגערופען. יעצט האבען מיר נאך צייט צו אנטלויפען.

— אנטלויפען? האט נאגי געפרעגט, — אנטלויפען? איך זאל אנטלויפען פאר א טויגעניכטס, א בעטלער? — שעהם זיך, אייזשעניע!

— אך, נאגי! דיעזער בעטלער איז דאס שיקזאל. ער איז אונזער בייזער

גייסט. — אומזיסט! מיר קעמפפען און ראנגלען זיך אומזיסט. אלע אונזערע פלאנען, אלע אונזערע האפנונגען, אלע שטאלצע לופט שלעסער, וועלכע מיר האבען אויפגעבויט מיט אזוי פיעל מיה, זיינען איינגעפאלען, פערשוואונדען און פערניכטעט געווארען אין דעם אויגענבליק, ווען דער שטומער בעטלער האט געזאגט: מארגען וועל איך אראפרייסען דיא מאסקע פון דיא פערברעכער.

זיא האט פערדעקט איהר געזיכט מיטביידע הענד און האט אנגעהויבען צו וויינען.

נאגי איז געשטאנען לעבען איהר און האט ניט געוואוסט וואס צו טאהן. ער האט אויך פערלארען דעם מוטה; ער האט אויך אנגעהויבען מורא צו האבען; ער האט אויך אנגעהויבען צו דענקען, אז דאס שיקזאל פערפאלגט איהם. עס זיינען פערגאנגען איניגע מינוט, אין וועלכעביידע האבען געשוויעגען. דיא גרעפין האט געוויינט שטילערהייט און נאגי איז געשטאנען לעבען איהר, דיא הענד פערלעגט אויף דער ברוסט, דעם קאפ אראפגעלאזען, פערטיעפט אין זיינע ניט גאנץ פרעהליכע געדאנקען.

ענדליך האט זיא זיך אביסעל בערוהיגט און האט געזאגט מיט א שוואכער שטימע:

— נאגי, וואס דענקסט דוא צו טאהן?

נאגי האט געשוויעגען. זיין פרוי האט איהם אנגענומען ביי דער האנד און האט ווידער געפרעגט:

— וואס דענקסט דוא צו טאהן, נאגי?

נאגי האט א ציטער געטאהן, וויא איינער, וועלכער חאפט זיך אויף פון א שווערן שלאף.

— וואס ווילסט דוא אייזשעניע? האט ער געפרעגט, — עס איז יעצט נאכט, דערפאר קומען דיר אין קאפ אזעלכע פינסטערע געדאנקען. ווארט, ביז עס וועט טאג ווערן. דיא זון וועט אויפגעהן און דוא וועסט בעקומען גאנץ אנדערע געדאנקען. — דוא האסט מיר איינמאל פערטרויט, פערטרויע מיר ווייטער. גלויב מיר. אז איך זארג מיך פאר דיר; גלויב מיר, אז דיין גליק און דיינע רוה זיינען ביי מיר זעהר טהייער. איך וואך איבער דיר און וועל געוויס טאהן אלעס מעגליכע דיך צו בעשיצען און דיך צו בעוואהרען פון יעדע געפאהר.

אין זיינע רייד האט יעצט געקלונגען א ווייכע, מילדע, פריינדליכע, ליעבליכע נאטע. דיא גרעפין האט איהם נאך קיין מאל ניט געהערט רעדען אזוי פריינדליך, אזוי מילד, אזוי צוטרויליך און אזוי ליעבע פאלל.

— דוא ביסט מיעד, האט נאגי ווייטער געזאגט, דוא ביסט אויפגערעגט, דוא ביסט איבערגעשראקען. געה, לעג זיך שלאפען, דוא וועסט זיך אויסשלאפען, וועסט דוא זיך בערוהיגען.

— שלאפען? זיך בערוהיגען? האט דיא גרעפין געפרעגט, קען איך יעצט שלאפען? קען איך מיך יעצט בערוהיגען? — נייז, נאגי! דאס איז אונמעגליך! — איך בעט דיך נאך אמאל: אנטלויף! לאמיר ביידע אנטלויפען! לאמיר אנטלויפען, וואו אונזערע אויגען וועלען אונז ווייזען! — לעג עס ניט אפ אויף מארגען. — מארגען קען עס שוין זיין צו שפעט. היינט ביי נאכט האבען מיר נאך צייט. — אך, נאגי! איך פיהל עס, דאס הערץ זאגט מיר, אז היינט ביי נאכט

קענען מיר זיך נאך רעטען, מארגען וועט עס שוין אונמעגליך זיין. אך! דיעזער שטומער בעטלער איז אונזער בייזער גייסט, אונזער מלאך המות.

— דער בעטלער? האט נאגי געלאכט, האסט דוא דען ניט געזעהן, אז דער בעטלער בערופט זיך אויף זיינע פאפיערן? — זיין גאנצע קראפט ליעגט אין זיינע פאפיערן. קוים האט ער ניט דיא פאפיערן, קען ער גאר ניט טאהן. זיי זיכער, ער וועט דיעזע פאפיערן שוין זעהן, וויא ער זעהט זיינע אויערן.

— וואס רעדסט דוא? פון וואנען ווייסט דוא עס?

— איך וויים עס, ווייל דיא פאפיערן געפינען זיך יעצט ביים אדוואקאט נאוואק.

— דער גראף מעראס וועט זיי אבער פארדערן ביי איהם, האט דיא גרעפין בעמערקט.

— ווען ער וועט זיי פארדערן, וועט ער בעקומען גאנץ אנדערע פאפיערן, ניט דיא, וועלכע דער שטומער בעטלער האט ביי איהם געלאזן.

— אבער דער שטומער בעטלער?

— וועט מארגען נאך זיצען פעסט אין קעמעריל אין געפענגניס.

— און ארטהור?

— ארטהור וועט איבערמארגען שטארבען אויפ'ן עשאפאט. — וואס האסט דוא אזוי מורא? פאר וואס ביסט דיא אזוי אונרוהיג?

— פון וואנען ביסט דוא אזוי זיכער, אז אלעס וועט זיין, וויא דוא זאגסט?

— איך האב נאך קיין מאל ניט געמאכט קיין פעהלער אין מיינע רעכנונגען. איך וויים, וואס איך טהו. נאוואק איז מיין פריינד, ער וועט טאהן אלעס מעג־ליכע אום מיך צו בעשיצען. ער מוז עס טאהן, זיינע אינטערעסען פארדערן עס.

— אבער דער בעטלער? האט דיא גרעפין געזיפצט, דער בעטלער וועט דאך אויסזאגען, אז דו האסט איהם געוואלט טייטען. ער וויים דיינע געהיימניסע.

— דאס איז גארנישט. איך האב איהם געהאלטען פאר א מערדער, איך קען זאגען, אז ער איז אויף מיר אנגעפאלען ביי נאכט און איך האב געמוזט זיך פערטהיידיגען. — וואס קען ער דען בעווייזען? איז דען ווער געווען, ווען איך האב געוואלט איהם טויטען?

— וואס וועסט דוא ענטפערן, ווען ער וועט דערצעהלען, אז ער האט ביי דיר צוגענומען דעם בעגנאדיגונגס בריעף פון'ם קייזער?

— דאס איז גארנישט. דערמיט וועל איך בעווייזען, אז ער איז א רויבער און א מערדער. ער איז דאך אויף מיר אנגעפאלען און האט מיך געשאסען אין דער האנד. — האב קיין מורא פאר איהם, איידשעניע. ער וועט אונז גאר ניט שאדען.

— איך האב ניט מורא פאר איהם, איך האב מורא פאר אנאנדערן, וועל־

בער שטעהט הינטער איהם. איך דענק נאָך אַלץ, אַז דער שטומער בעטלער איז ניט אַליין, ער מוז האָבען אַרום זיך אַ גאַנצע באַנדע, וועלכע ווילען אונז פערפאָלגען. וואָס האָט ער דען צו אונז? וואָס האָבען מיר איהם דען געטאָהן?

— ווען עס זאָל זיין אַ גאַנצע באַנדע, וואָלט מען איהם ניט אַרויסגעשטעלט, האָט נאַגי געלאַכט.

ער האָט נאָך אָוועקגערעדט מיט זיין פרוי איינינע צייט און האָט זיא פאָל־שטענדיג בערוהיגט.

דעם אנדערן טאָג אין דער פריה זיינען דער באַראָן, זיין פרוי און מאַקס געזעסען גאַנץ רוהיג צוזאַמען ביים פריהשטיק און האָבען גערעדט גאַנץ פריינד־ליך. דיא גרעפין האָט איבערגערעדט מיט איהר זוהן און האָט איהם געגעבען צו פערשטעהן, אַז יעצט איז ניט דיא צייט צו קריעגען זיך מיט'ן באַראָן. יעצט מוז מען צוזאַמען אַרבייטען און קעמפפען געגען זייערע פיינד.

נאָכ'ן עסען האָט נאַגי געזאָגט:

— דיא העפליכקייט פאָרדערט, אַז הייטע אָבענד זאָלען מיר געהן אָפּגע־בען אַ וויזיט דעם גראַף מעראָס און דיא גרעפין פאָן טאַקקי.

— נאָך דעם, וואָס עס איז נעכטען געשעהן ביי אונז? האָט דיא גרעפין נעפרעגט.

— דערפאַר טאַקע דאַרפען מיר געהן צו זיי. מיר מוזען וויסען, וואָס דאָרט טהוט זיך, אויסער דעם דאַרף מען היינט אָנברענגען אַרטהור פאָן באַטהיאַני. מיר מוזען וויסען, וואָס דאָרט וועט זיך טאָהן, ווען ער וועט אָנקומען.

וויא דיא גרעפין פאָן ראַדעצקי האָט ניט געוואָלט געהן צום גראַף מעראָס, האָט נאַגי דאָך אַזוי לאַנג גערעדט און איהר אַזוי לאַנג איבערצייגט, אַז זיא האָט ענדליך נאָכגעגעבען.

9טער קאַפּיטעל.

אַרטהור אין בודאַפּעסט.

אַרטהור האָט אויפ'ן גאַנצען וועג געזוכט צו זיין פריינדליך געגען יאָזעף'ן. ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער ווייס גאָר נישט און האָט שוין אַלעס פערגעסען. דער קלוגער און דורכגעטריעבענער יאָזעף האָט אָנפאַנגס ניט געקענט פער־שטעהן, פאַר וואָס דער אַרעסטאַנט האָט זיך פּלוצלונג געענדערט געגען איהם. אַרטהור האָט עס איהם באַלד ערקלערט, אַז ער זעהט דאָך שוין, אַז ער איז פער־לאָרען. פאַר איהם איז שוין ניטאָ קיין הילף און קיין רעטונג. אַלזאָ, צו וואָס זאָל ער נאָך אונגליקליך מאַכען אַנאַנדערן?

יאָזעף איז געווען צופריעדען מיט דיעזער ערקלערונג און איז געווען זעהר פריינד־

ליך געגען ארטהורן. ער האט געזעהן צו פערשאפען איהם אלע בעקוועמליכקייטען, וועלכע מען האט נור געקענט געפינען פאר א מענשען אין ארטהורס לאגע.

דעם דרייצעהנטען נאוועמבער איז דער קאנוואי אנגעקומען אויף דער לעצטער סטאציאן פאר בודאפעסט. ארטהור איז געוועזען רוהיג און געפאסט, וויא ביז אהער.

— איך בעוואונדער אייך, הערר באראן, האט יאזעף געזאגט צו איהם, איך זעה, אז איהר האט מוטה און ענטשלאסענהייט. עס טהוט מיר הערצליך לייד, וואס איך האב געהאלפען אייך ברענגען. ליידער, האט מען מיר געהייסען אזוי טאהן. איך האב עס געמוזט טאהן. איך האב אנדערש ניט געקענט.

— איך בין אויף אייך ניט בייז, האט ארטהור געענטפערט געלאסען, ווען א מענש טהוט זיין פפליכט; ווען איינער טהוט, וואס עס איז רעכט, קען מען אויף איהם ניט בייז זיין.

אזוי פריינדליך פלעגען זיי רעדען מיט איינאנדער. אזוי האבען זיי גערעדט אויף דער לעצטער סטאציאן פאר בודאפעסט.

דער טאג איז געוועזען א נאסער און א קאלטער. דער וועג איז געוועזען זעהר שלעכט און דער צוג איז געפאהרען זעהר לאנגזאם. מען האט גערעכענט אנצוקומען קיין בודאפעסט אום צוויא אוהר נאך מיטאג, מען איז אבער אנגעקומען ערשט אום פינף אוהר אבענדס.

אין דער צייט, וואס ארטהור איז אנגעקומען קיין בודאפעסט, איז דיא פאמיליע טאקקי געוועזען פערזאמעלט אין צימער פון גראף מעראס. עלווירא איז געוועזען אונרוהיג, זיא האט געוואוסט, אז ארטהור דארף היינט אנקומען. זיא האט געבעטען דעם גראף, ער זאל איהר ערלויבען ענטגעגען פאהרען ארטהורן. גראף מעראס אבער האט עס אויף קיין פאל ניט ערלויבט.

פון צייט צו צייט פלעגט זיא צוגעהן צום פענסטער און קוקען אין דונקעלן, וואלקענדיגען און קאלטען דרויסען. זיא האט אבער גאר ניט געזעהן, אויסער דעם רעגען און דעם שמוץ אויף דער גאס.

עס איז געווארען דונקעל. דער גראף האט זיך אויפגעהויבען און האט געזאגט צו איהר:

— עלווירא, יעצט איז געקומען דיא צייט, ווען דוא מוזט האבען מוטה. איך האב שוין אנגעציינט אין דער פאליציי, אז מיט ארטהורן קומט א מאן, וועלכער האט געטייטעט דעם קוטשער אין וואלד פון ראזענוי. דוא וועסט מוזען זיך שטעלען פארן געריכט און עס איהם זאגען אין דיא אויגען. איך וויים זעהר גוט, אז פאר א גרעפין פאן טאקקי פאסט עס ניט, עס מוז אבער זיין.

— וואס רעדט איהר, אנקעל? וואס פרעגט איהר? וואס וועל איך דען ניט טאהן צוליעב מיין ארטהורן?

— אלזא, הער מיך אויס, עלווירא, איך געה יעצט אויף דיא פאליציי און וועל זעהן, אז מען זאל ארעסטירען דעם יאזעף. קוים וועט ער זיין ארעסטירט, וועל איך שוין זעהן זוכען א מיטעל, וויא אזוי צו בעווייזען, אז ער האט עס אונטערגעווארפען דאס לשע געלד ארטהורן.

— אנקעל, איך וויל געהן מיט אייך, האט עלווירא געבעטען, איך וויל זעהן ארטהור׳ן.

— ניין, עלווירא, געה ניט יעצט. דיא פאליציי איז קיין פלאץ פאר יונגע דאַ־מען. ווייך אויס, ליעבע עלווירא, דיא פאליציי, וויא ווייט דוא וועסט נור קענען, — יעצט מוז איך אליין געהן.

— וואס דענקסט דוא דען צו טאהן דארט?

— איך וויל פאָרדערן, אז מען זאל ארעסטירען דעם מאַן, וועלכער האט גע־טייטעט דעם קוטשער.

— וואס ווילסט דוא אבער טאהן פאר ארטהור׳ן? האט עלווירא געפרעגט.

— איך וועל פאָרדערן, אז מען זאל בעזוכען דעם יאזעף, פיעלייכט וועט מען ביי איהם עפּעס געפינען, וואס קען בעווייזען, אז ער מאכט פאלשעס געלד.

— אך, גאָט! אלזאָ, האסט דוא נאך קיין פעסטע האפנונג צו בעפרייען ארטהור׳ן?

— איך האב א האפנונג, אז מען וועט איהם בעווילינגען א נייעם פראָצעס. מען וועט נאך אמאל אונטערזוכען דיא בעשולדיגונג. מען וועט ווידער שיקען רופען אלע צייגען. מיר וועלען זעהן אויסצופרעגען דיא לאקייען פון האָטעל, אויב זיי דערקענען דעם מאַן, וועלכער פלעגט אפט קומען צו ארטהור׳ן. פיעלייכט וועט זיך געפינען נור איין מענש, וועלכער וועט דערקענען דיעזען יאָזעף און וועט זאָגען, אז ער האט איהם געזעהן אין ארטהור׳ס צימער אליין, דאַן האב איך שוין א האפנונג איהם צו רעטען.

אין דיעזע מינוט איז אריינגעקומען א לאקיי און האט געמעלדעט:

— דיא גרעפין און דער גראף פאָן ראדעצקי!

— איך מוז אוועקגעהן, האט גראף מעראס געזאגט צו עלווירא׳ן. איך וויל מיך פאר זיי ניט ווייזען.

מיט דיעזע ווערטער איז ער ארויסגעגאנגען דורך אנאנדער טהיר.

עלווירא האט ניט געוואוסט וואס צו טאהן. זיא האט אייגענטליך ניט געוואלט אויפנעהמען דיא גרעפין פאן ראדעצקי מיט איהר זוהן, באַזאָנדערס יעצט, ווען ארטהור איז אנגעקומען און האט שוין געוואלט זאגען דעם דיענער, אז זיי זיינען ניטא אין דער היים. איהר מוטער אבער האט פערהאפט און האט געזאגט דעם דיענער:

— בעט זיי אריין צו מיר.

אין איינינע מינוטען ארום איז מאקס מיט זיין מוטער אריינגעקומען אין צימער. דיא גרעפין פאָן טאָקקי האט זיא אויפגענומען גאנץ פריינדליך.

מאקס איז געוועז זעהר ליעבענסווירדיג און פרעהליך. ער האט גערעדט מיט דער גרעפין פאָן טאָקקי און מיט עלווירא׳ן איבער פערשיעדענע זאכען און האט גע־זוכט זיי פרעהליך צו מאכען. דאַן האט ער אָפּגעווארט א מינוט, ווען זיין מוטער האט גערעדט מיט דער גרעפין פאָן טאָקקי און האט זיך געווענדעט צו עלווירא׳ן:

— איך בין אבזיכטליך געקומען צו אייך הייטע אבענד, ווייל איך ווייס, וואס היינט דארף פאָרקומען. אייער אנקעל האט אונז דערצעהלט, אז דער באראָן פאָן באַ־טהיאַני דארף היינט אנקומען און אז ער האט א האפנונג איהם צו רעטען. איך ווייס

זעהר גוט, וויא אונאנגעהם אייך וועט עס זיין און איך בין געקומען אייך ווינשען גליק.

— זאָנדערבאר! האט עלווירא אויסגערופען. וויא קומט עס, וואס איהר האט אזוי פּלוצלונג געענדערט אייער מיינונג? איך געדענק דאך, אז איהר פלעגט אמאל אנדערש דענקען וועגען דעם באראָן.

— איהר האט פאלקאמען רעכט, האט מאקס געענטפערט, איך האב אמאל אנדערש געדאכט, יעצט אבער האב איך מיך איבערציינגט, אז אייער ליעבע צו איהם איז אזוי שטארק, אז קיין זאך אין דער וועלט קען אייך ניט אפּרייסען פון איהם. געגען אזא ליעבע מוז איך שווייגען. איך מוז אפּטרעטען.

דיא גרעפין האט א קוק געטאהן אויף איהר זוהן מיט שטוינען. זיא האט ניט פערשטאנען, וואס מיט איהם איז. אויסער דעם איז זיא געווען זעהר אונרוהיג, וואס נאני איז נאך ניט געקומען. איידער זיי זיינען געגאנגען צו גראף מעראס, האט נאני געזאגט, אז ער מוז פריהער אריינגעהן אויף איניגע מינוט צום אדוואקאט נאוואק. ער וועט שפּעטער קומען צו גראף מעראס.

אזוי איז עס געבליעבען. מאקס מיט זיין מוטער זיינען געגאנגען אליין צו גראף מעראס און נאני איז געגאנגען צום אדוואָקאט נאוואק. ער האט געוואוסט, אז אין דיעזע צייט געפינט מען דעם אדוואָקאט אין דער היים און איז אריינגעגאנגען גלייך אין אדוואָקאטס שרייב צימער.

דער אדוואָקאט איז אויפגעשפּרונגען, ווען ער האט איהם דערזעהן דעם באראָן. ער האט געמיינט, אז נאני האט איהם שוין געבראכט דיא דרייסיג טויזענד גולדען און האט איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך. דאס מאל אבער האט ער א גרויסען טעות געהאט.

— הערר אדוואָקאט, איך בין געקומען אייך מיטטהיילען א וויכטיגע נייעס, האט נאני געזאגט לאנגזאם, גראף מעראס האט מיר געזאגט, אז ער האט נאך א האפנונג צו רעטען דעם באראָן פאן באטהיאני.

— וואס געהט עס מיך אָן?

— עס געהט אייך אָן זעהר פיעל, האט נאני בעמערקט ביטער. — איהר האט אויך געשפּיעלט א ראלע אין זיין פּראָצעס.

— איך קען דאס געזעץ און האב געטאהן נור, וואס געזעץ און גערעכטיגקייט פאָרדערן.

— גראף מעראס ווייס אבער, אז איהר האט פערקויפט דאס שלאס באטהיאני ער זאגט, אז קוים וועט ארטהור זיין פריי, קען ער פיהרען מיט אייך א פּראָצעס וועגען דעם שלאס. איהר האט נאך קיין רעכט ניט געהאט עס צו פערקויפען.

— ארטהור פאן באטהיאני איז נאך ניט פריי, האט געזאגט דער אדוואקאט פעסט. ער איז פעראורטהיילט צום טויט און ער וועט שטארבען.

— איהר מוזט אבער זעהן, אז מען זאל ארטהורן אויפהעננגען וויא אם גיכסטען, האט נאני אויסגערופען.

— דאס וועל איך שוין בעזארגען, האט דער אדוואקאט געענטפערט.

— איך וואלט אייך געראטהען, איהר זאלט געהן אין דיא פאליציי, וואוהין מען וועט צוברענגען ארטהורן און זאלסט זעהן, ער זאל מיט קיינעם ניט רעדען.

— דאס וועל איך טאהן. איך מוז פערהיטען, אז קיינער זאל מיט ארטהורן ניט רעדען און מען זאל איהם באלד איבערשיקען אין געפענגניס אין דער אבטהיילונג פון דיא, וואס זיינען פעראורטהיילט צום טויט.

נאני איז געווארען פרעהליך און צופריעדען.

— קומט, הערר אדוואקאט! איך וועל אייך בעגלייטען! האט ער אויסגערופען.

דער אדוואקאט האט זיך באלד אנגעטאהן און איז געגאנגען מיט נאני צום גרויסען הויז אין דער מיט שטאדט, וואו עס האט זיך געפונען דיא פאליציי. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער נעבײדע, האט דער אדוואקאט געזאגט צום באראן:

— דא האט איהר ניט, וואס צו טאהן. עס פאסט ניט פאר אייך ארײנצוגעהן אין דער פאליציי אהן אן אורזאכע.

ביידע פריינד האבען זיך געגעבען דיא הענד און זיינען זיך צוגאנגען.

— יעצט מוז איך געהן צו גראף מעראס, האט נאני געזאגט צו זיך אליין. איך מוז זעהן, וואס פאר א מינע דער אלטער וועט מאכען, ווען מען וועט איהם מעלדען, אז דער באראן פאן באטהיאני איז אנגעקומען און מען האט איהם שוין אוועקגעשיקט אין געפענגניס.

ער איז אבער קוים אוועקגעגאנגען עטליכע שריט און האט געמוזט בלייבען שטעהן. אין א ווינקעלע אין דער גאס איז געשטאנען אן אלטער מאן. נאני האט איהם באלד דערקענט און האט אויסגערופען פול צארן און פערדרוס:

— צום טייפעל! שוין ווידער דער בעטלער! קען איך שוין אויף קיין פאל ניט לויז ווערן פון דיעזען בעטלער?

ער איז צוגעקומען גאנץ נאהענט צום שטומען בעטלער און האט איהם געזאגט פול צארן:

— וואס טהוסט דוא דא, טויגעניכטס! דוא וואגסט עס נאך זיך צו ווייזען פאר מיינע אויגען? איך ראטה דיר, וויא א פריינד: אנטלויף פון בודאפעסט זא שנעל, וויא מעגליך. יעצט האסט דוא נאך צייט, שפעטער וועט עס זיין אונמעגליך. דוא האסט זיך אנגעהויבען מיט מיר. איך פערשווייג קיינעם ניט. איך וועל דיך צוטרעטען אונטער מיינע פיס, וויא מען צוטרעט א ווארם.

— איך לאך פון דיר, ניעדערטרעכטיגער מערדער! האט דער שטומער בעטלער אויסגערופען. איך קען אלע דיינע געהיימניסע. איך וויים, פון וואנען דוא קומסט יעצט און מיט וועמען דוא ביסט געקומען. איך האב געזעהן, וויא דוא ביסט געקומען מיט דיעזען פאלשען אדוואקאט, דיעזען שטילען רויבער און מערדער, זייט צוגעקומען צו דער פאליציי. איך וויים, וואס איהר ווילט טאהן. איהר ווילט ענדיגען אייער ווערק געגען דעם באראן פאן באטהיאני. עס וועט אייך אבער ניט געראטהען. איהר וועט ארײנפאלען אין דיא נעצען, וועלכע איהר האט אויסגעשפרייט פאר איהם.

— ווער ביסט דוא, שטומער הונט? האט נאני אויסגערופען און האט געקריצט מיט דיא צעהנער פאר רציחה.

— הונט? האט דער שטומער בעטלער איבערגעפרעגט, דיעזער נאמען פאסט אייך ניבער פון מיר. — איהר ווילט וויסען, ווער איך בין? — דאס וועט איהר באלד געוואהר ווערן. אבער שרעקליך, שוידערהאפט שרעקליך וועט עס זיין, ווען איהר וועט עס געוואהר ווערן! איהר וועט ציטערן. —

נאגי איז געווארען אויסער זיך און האט געוואלט זיך ארויפווארפען אויפ'ן שטומען בעטלער, אין דיעזע מינוט אבער זיינען אנגעקומען מענשען. נאגי האט פערביסען די ליפען און איז זיך אוועקגעגאנגען.

— עס פאסט ניט פאר מיר, האט ער געזאגט, איך קען מיך ניט שטעלען אויף דער גאס מיט איהם.

מיט דיעזע ווערטער איז ער האסטיג געגאנגען צום פאלאץ פון גראף מעראס. ער האט געוואוסט, אז זיין פרוי ווארט אויף איהם דארט.

ער איז באלד צוגעקומען און איז אנגעקומען אין דער מינוט, ווען דער גראף האט געוואלט אוועקפאהרען. מיר האבען שוין דערצעהלט, אז גראף מעראס האט ניט געוואלט זיך בעגעגענען מיט מיט איהם און איז ארויסגעגאנגען דורך אנאנדער טהיר.

די גרעפין פאן טאקקי האט אויפגענומען דעם באראן זעהר פריינדליך. נאגי האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען. זיינע אויגען האבען געזוכט דעם גראף. ווען ער האט איהם ניט געזעהן, האט ער געפרעגט:

— וואו איז דער הערר גראף?

— ער וועט געוויס באלד קומען, האט די גרעפין פאן טאקקי געענטפערט. ער איז נור וואס געווען אין דער היים.

נאגי האט זיך דאן געווענדעט צו זיין פרוי און האט איהר געזאגט שטילערהייט:

— עס איז שוין רעכט. אלעס געהט, וויא איך האב עס געוואלט. דוא קענסט פאלקאמען רוהיג זיין.

די גרעפין פאן טאקקי האט אונטערדעסען געהייסען איהרע דיענער, זיי זאלען אריינברענגען טהעע און אלערליי געטרענקע. נאגי איז געווען פרעהליך און האט גערעדט און געשפאסט מיט דער גרעפין פאן טאקקי און מיט עלווירא. פון צייט צו צייט אבער פלעגט ער א קוק טאהן אויף דער טהיר. זיינע אויגען האבען געזוכט דעם גראף מעראס. ווען ער האט געזעהן, אז עס איז פערגאנגען א גערוימע צייט און גראף מעראס איז נאך ניט געקומען, האט ער געפרעגט עלווירא'ן:

— וואו איז ערגעץ אייער אנקעל?

— ער איז ערגעץ אוועקגעפאהרען, האט עלווירא געענטפערט אונשולדיג. ער האט עפעס צו טאהן וועגען דעם באראן פאן באטהיאני.

נאגי האט א ציטער געטאהן און האט אראפגעלאזען דעם קאפ.

— ער שווייגט אויך ניט, האט ער געמורמעלט. ער טהוט אויך עפעס. עס וועט איהם אבער ניט העלפען.

10טער קאפיטעל.

יאזעף ווערט ארעסטירט.

עס איז געווארען דונקלער און דונקלער. א געדיכטער נעבעל האט זיך אראפגע־לאזען איבער דער שטאדט. עס האט אנגעהויבען צו געהן א דינער, קאלטער, און־אנגענעהמער רעגען.

דער קאנוואי, וועלכער האט געבראכט ארטהור'ן קיין בודאפעסט, האט זיך געשלעפט לאנגזאם איבער דיא שמוציגע גאסען. קאלט, נאס און טרויעריג האט אויסגעוויזען דיא שטאדט. פערפרארען, דורכגענעצט און טרויעריג האבען זיך געשלעפט דיא מידע זשאנדארמען. ארטהור איז דענאך געבליעבען רוהיג.

לאנגזאם האט זיך דער טרויעריגער צוג צוגעשלעפט צו דער פאליציי. מען האט דארט ערווארטעט דעם פערברעכער. דיא פאליציי איז געווען העל בעלייכטעט. ארום דער געבײידע האבען זיך פערזאמעלט פיעלע מענשען. יעדער האט געוואלט זעהן דעם פערברעכער.

ענדליך איז דער קאנוואי צוגעקומען צו דער פאליציי. צוויא שטארקע זשאנ־דארמען האבען אראפגענומען ארטהורן פון דער קארעטע און האבען איהם אריינגע־פיהרט אין דער קאנצעליאריע פון'ם פאליציי דירעקטאר. יאזעף איז זיי נאכגעגאנגען.

ווען דיא זשאנדארמען האבען צוגעפיהרט ארטהורן צום פאליציי דירעקטאר, איז יאזעף צוגעקומען צו איהם און האט געזאגט:

— איך האב עס ארעסטירט דעם פערברעכער אין דער טירקיי. אזוי וויא דיא רעגיערונג האט צוגעזאגט צו געבען א געוויסע סומע געלד דעם מענשען, וועלכער וועט ברענגען דעם בארון פאן באטהיאני, פאדער איך דיעזע סומע.

דער פאליציי דירעקטאר האט אנגעקוקט דעם קליינעם מאן מיט דיא שווארצע האר און האט געוואלט עפעס ענטפערן. אין דיעזע מינוט האט זיך ארטהור געווענדעט צום פאליציי דירעקטאר און האט איהם געזאגט,

— אין נאמען פון געזעץ! אין נאמען פון גערעכטיגקייט! אין נאמען פון ארד־נונג פאדער איך, איהר זאלט ארעסטירען דיעזען מענשען! ער איז א בעטריעגער און א מערדער!

דער פאליציי דירעקטאר האט איהם אנגעקוקט מיט שטוינען. ער האט איהם ניט פערשטאנען.

— וואס רעדט איהר? פון וואנען ווייסט איהר, אז דיעזער מאן איז א פער־ברעכער?

ארטהור האט איהם דערצעהלט אלעס, וואס ער האט געוואוסט איבער דעם קליינעם מאן מיט דיא שווארצע האר.

— הערר פאליציי דירעקטאר, האט ארטהור אויסגערופען. דיעזער מאן איז אנגעפאלען אין וואלד פון ראזענוי אויף דיא גרעפין עלווירא פאן טאקקי און האט דערשאסען איהר קוטשער. דיעזער מאן איז געקומען צו מיר און האט זיך מיר פאר־געשטעלט אלס גראף טארגאססי. ער פלעגט אפט זיין ביי מיר און איך בין פעסט

איבערצייגט, אז ער האט מיר אַנטערגעווארפען דאס פאלשע געלד. איך בעט אַן פארדער, אז מען זאל זוכען ביי איהם אין דיא קליידער און אין זיין וואינונג. איך בין פעסט איבערצייגט, אז מען וועט ביי איהם געפינען פאפיערן אדער אנדערע בעווייזע, אז ער האנדעלט מיט פאלשע געלד.

דער פאליציי דירעקטאר האט זיך פערטראכט. ער האט ניט געוואוסט, וואס צו טאהן אין אזא פאל. יאזעף אבער האט איהם ניט געלאזען לאנג טראכטען.

— הערר פאליציי דירעקטאר! האט ער אויסגערופען, איהר פערשטעהט דאך זעהר גוט, אז דער באראן פאן באַטהיאני איז בייז אויף מיר דערפאר, וואס איך האב איהם געפאנגען אין דער טירקיי. ער טראכט אוים אויף מיר אלע מעגליכע ליגען. ער וויל געוויס, אז מען זאל מיך אויך ארעסטירען. איהם וועט דערפון ניט לייכטער ווערן; ער וויל אבער מיך איינזאלצען. איך וויל מיך גאר ניט פארענטפערן פאר איהם.

— ווער זייט איהר אבער, מיין הערר? האט דער פאליציי דירעקטאר געפרעגט.

— איך בין אן אגענט פון דער געהיים פאליציי.

— וואו איז אייער קארטע?

יאזעף האט ארויסגענומען א פאפיער און האט עס איהם דערלאנגט.

דער פאליציי דירעקטאר האט בעטראכט דיא קארטע און האט געפונען, אז זיא איז ריכטיג. זיא איז געווען אויסגעשטעלט פון'ם פאליציי דירעקטאר פון פרעסבורג און האט געהאט דעם זיעגעל און דעם געהיימען צייכען. ער האט אפגעגעבען דיא קארטע יאזעף'ן.

— אלזא, קען איך מיר געהן? האט יאזעף געפרעגט.

— איך האב קיין רעכט אייך צו פערהאלטען, האט דער פאליציי דירעקטאר געענטפערט.

— וואס רעדט איהר? האט ארטהור געשריען אויסער זיך. דיעזער מאן איז א מערדער!

— עס טהוט מיר זעהר לייד, הערר באראן, וואס איך קען ניט ערפילען אייער וואונש, האט דער פאליציי דירעקטאר געענטפערט העפליך, — איך מוז האבען זיכערע בעווייזע, אז דיעזער מאן איז א פערברעכער, זאנסט קען איך איהם ניט ארעסטירען.

יאזעף האט געווארפען אויף ארטהור'ן א בייזען, ווילדען בליק און האט געוואלט ארויסגעהן פון צימער.

אין דיעזע מינוט האט זיך געעפענט דיא טהיר און דער גראף מעראס איז אריינגעקומען. דער פאליציי דירעקטאר האט זיך אויפגעהויבען און האט געוואלט איהם ענטגעגענלויפען.

— אים נאמען דעם קייזערס! האט גראף מעראס אויסגערופען. — אים נאמען דעם קייזערס, פאדער איך, אז איהר זאלט ארעסטירען דיעזען מענשען!

דער פאליציי דירעקטאר האט געהייסען יאזעף'ן זיך שטעלען אַן א זייט און האט געבעטען דעם גראף זיך זעצען און איהם דערצעהלען, וואס ער וויים פון דעם קליינעם

מאַן מיט דיא שווארצע האָר. גראף מעראס האט ארויסגענומען א פאפיער און האט עס דערלאנגט דעם פּאָליציי דירעקטאָר:

— לעזט איבער דיעזעס פּראָטאָקאָל, וועלכעס איך האב אויפגענומען פון מיין ניכטע (פלעמיאַניצא) דיא גרעפין עלווירא פאן טאָקקי און איהר קאמערמעדכען. פון דיעזען פּראָטאָקאָל וועט איהר ארויסזעהן, אז איך האב גענוג אורזאכען צו פאָרדערן. אז מען זאל דיעזען מאַן ארעסטירען.

דער פּאָליציי דירעקטאָר האט גענומען דאס פאפיער און האט עס לאנגזאם דורכגעלעזען.

אין דער צייט, וואס דער פּאָליציי דירעקטאר האט געלעזען דאס פּאפיער, איז גראף מעראס צוגעגאנגען צו ארטהור'ן, האט איהם געגעבען דיא האנד און האט איהם געזאגט שטילערהייט:

— מוטה, בּאראָן פאן באָטהיאני! פערצווייפעלט ניט! פערליערט ניט דיא האפנונג!

ווען דער פּאָליציי דירעקטאָר האט איבּערגעלעזען דאס פּאפיער, האט זיך זיין געזיכט פערפינסטערט. ער האט זיך געווענדעט צו יאזעף'ן און האט איהם געזאָגט:

— מיין הערר, איך האב געגען אייך אן אנקלאגע, אז איהר זייט אנגעפאלען אויף דיא יונגע גרעפין פאן טאָקקי און האט געטייטעט איהר קוטשער. איך מוז בעטען ביי אייך, איהר זאלט מיר ווייזען אייערע פּאפּיערן.

יאזעף האט ארויסגענומען זיין קארטע און האט זיא דערלאנגט דעם פּאָליציי דירעקטאָר.

— איהר האט זיא דאך שוין איינמאל געזעהן, האט ער געזאגט צום פּאָליציי דירעקטאר. איך האב אייך שוין איינמאל ערקלערט, אז דיעזע מענשען זיינען אויף מיר בייז און זיינען בערייט מיך צו פערליימדען און מיך צו ארעסטירען. איהר זעהט דאך אליין, אז איך בין א בעאמטער.

— הערר גראף, האט דער פּאָליציי דירעקטאר זיך געווענדעט צו גראף מע-ראס, וואלט איהר ניט געקענט ברענגען אייערע ציינגען אהער? דיא זאכע איז גאנץ ערנסט. דער מאן ציינט מיר, אז ער איז א בעאמטער. איך קען ניט אזוי לייכט איהם ארעסטירען.

— דיא גרעפין עלווירא פאן טאקקי קען יעצט ניט קומען אהער, האט גראף מעראס געענטפערט, איהר קאמערמעדכען אבער האב איך געבראכט אהער. ווען איהר ווילט, קען איך זיא ארייגרופען און זיא וועט דערקענען דעם פערברעכער.

— הייסט זיא ארייגקומען.

גראף מעראס האט געהייסען א פּאָליציי דיענער ארייגרופען עלווירא'ס קאמער-מעדכען.

אין איינינע מינוטען ארום איז ראזאליע ארייגעקומען אין צימער. יאזעף איז געווארען בלייך וויא קאלך, ווען ער האט זיא דערזעהן. ער האט שוין גאר פערגעסען, אז עלווירא האט דאמאלס געהאט מיט זיך א קאמער מעדכען. ער האט זיך דאמאלס גאר ניט אומגעקוקט אויפ'ן קאמערמעדכען.

דער פאליציי דירעקטאר האט געוויעזען אויף יאזעף און האט געפרעגט:

— דערקענט איהר, דיעזען מאן?

— אך, נאט! יא! — איך האב איהם ערגעץ געזעהן! האט דאס קאמערמעד־כען אויסגערופען, ווען זיא האט איהם דערזעהן.

זיא האט איהם אויפ'ן ערשטען אויגענבליק ניט אין גאנצען דערקענט.

— קענט איהר זיך דערמאנען, וואו איהר האט געזעהן דיעזען מענשען? האט דער פאליציי דירעקטאר ווייטער געפרעגט.

דאס קאמער מעדכען האט זיך בעסער צוגעקוקט צו יאזעף'ן און האט איהם דערקענט.

— יא, מיין הערר, איך קען איהם, האט זיא ענדליך געזאגט, ער איז אנגעפא־לען אויף אונז אין וואלד פון ראזענוי.

יאזעף האט א ציטער געטאהן און האט אויסגערופען:

— וואס איז דאס? מען האט זיך אנגערעדט געגען מיר! מען האט אנגעשטעלט דאס מעדכען, זיא זאל זאגען, אז זיא האט מיך דערקענט.

— עס טהוט מיר לייד, מיין הערר, וואס איך מוז אייך ארעסטירען, האט ענד־ליך דער פאליציי דירעקטאר געזאגט צו יאזעף'ן. איך זאג ניט, אז איהר זייט שולדיג, איך מוז עס אבער איבערגעבען דעם געריכט. מען וועט געוויס אונטערזוכען דיעזען פאלל און מען וועט אויסגעפינען, ווער עס האט רעבט.

— איך פארדער, אז מען זאל זוכען ביי דיעזען מאן אין דיא קעשענעס און אין זיין רייזע־טאשע, האט גראף מעראס געבעטען. איך פארדער ווייטער, אז ער זאל ווייזען זיינע פאפיערן: ווער ער איז און וויא ער הייסט.

— דאס איז ריכטיג, האט דער פאליציי דירעקטאר געזאגט צו יאזעף'ן, איהר האט מיר געוויעזען נור אייער קארטע, ווייזט מיר אייער פאספארט און אנדערע דא־קומענטען, ווער איהר זייט.

יאזעף האט לאנגזאם ארויסגענומען איינינע פאפיערן און האט זיי דערלאנגט דעם פאליציי דירעקטאר, וועלכער האט אנגעהויבען איבערצוקוקען דיא פאפיערן איי־נעם נאכ'ן אנדערן. פלוצלונג איז ער געווארען ערנסט און האט געפרעגט:

— פון וואנען זייט איהר דען, מיין הערר?

— איך בין פון פרעסבורג, האט יאזעף געענטפערט.

— ווער האט דען אונטערגעשריעבען אייער פאספארט?

— דער בירגערמייסטער פון פרעסבורג.

— איך קען זיין אונטערשריפט, האט דער פאליציי דירעקטאר אויסגערופען; דאס איז א פאלשע אונטערשריפט. דער פאספארט איז א פאלשער.

ער האט באלד געהייסען זיינע מענשען, זיי זאלען עפענען יאזעף'ס רייזע טאשע און זאלען זוכען ביי איהם אין דיא קעשענעס.

— ענדליך! ענדליך! האט ארטהור אויסגערופען, ענדליך, ענדליך ווייזט זיך א ליכט אין מיין דונקעלן שיקזאל. ענדליך הייבט עס אן צו טאגען. ענדליך וועט מען

אויסגעפינען, אז א באנדע רויבער און מערדער האבען געוואלט מיך מאכען פאר א פערברעכער. יעצט בין איך זיכער, אז אלעס וועט זיך אויפקלערען,

אונטערדעסען האט מען געעפענט יאזעף׳ס רייזע טאשע און מען האט געזוכט אין אלע זיינע קעשענעס. מען האט אבער גאר ניט געפונען אזעלכעס, וואס זאלע קענען בעווייזען, אז ער האנדעלט מיט פאלשעס געלד. מען האט צוואר געפונען ביי איהם א גרויסע סומע געלד, דאס בעווייזט דאך נאך אבער גאר נישט. מען האט גע־פונען ביי איהם עטליכע בריעף, פון וועלכע מען האט אויך גאר ניט געקענט בעווייזען.

— וויא קומט עס, וואס איהר פאהרט ארום מיט א פאלשען פאספארט? האט דער פאליציי דירעקטאר געפרעגט.

— מיין פאספארט איז ניט פאלש, האט יאזעף געענטפערט. איהר וועט זיך באלד איבערצייגען, אז ער איז ריכטיג.

— דאס אלעס וועלען מיר שפעטער אויסגעפינען, האט דער פאליציי דירעקטאר געענטפערט, דערוויל קען איך אייך ניט אפלאזען. איהר וועט מוזען נעהמען פאר ליעב מיט א קעמעריל אין דער פאליציי. מארגען וועט דאס געריכט ענטשיידען, וואס מען זאל מיט אייך טאהן.

— זעהט איהר, הערר פאליציי דירעקטאר, האט גראף מעראס זיך אריינגע־מישט, זעהט איהר שוין, וועלכער מענש האט ארעסטירט דעם באראן פאן באטהיאני אין דער טירקיי? יעצט קענט איהר שוין זעהן קלאר און דייטליך, אז ער האט געמאכט דעם באראן פאר א פערברעכער און דערנאך איז ער געפאהרען איהם זוכען. דער באראן פאן באטהיאני איז אונשולדיג. איך האב עס פריהער געוואוסט, יעצט בין איך זיכער, אז עס איז אזוי.

— איך בין אונשולדיג! האט ארטהור אויסגערופען, גאט אין הימעל איז מיין צייגע, אז איך וויים ניט פון וואס צו זאגען. איך האב איהם דערקענט. דאס איז דער טויגעניכטס, וואס האט מיך אונגליקליך געמאכט.

דער פאליציי דירעקטאר האט זיך פערטראכט, ער האט ניט געוואוסט, וואס צו טאהן אין אזא פאלל און וואס צו דענקען. גראף מעראס אבער האט איהם ניט געלאזען לאנג טראכטען. ער האט א פרעגע געטאהן:

— וואלט ניט מעגליך געווען, אז מען זאל דערוויל ניט אפשיקען דעם גראף פאן באטהיאני אין געפענגניס?

— דאס שטעהט ניט אין מיין מאכט, האט דער פאליציי דירעקטאר געענט־פערט.

— פיעלייכט וואלט מעגליך געווען, איהר זאלט מיר איבערגעבען דעם באראן פאן באטהיאני אויף מיין פעראנטווארטליכקייט, איך וועל איהם צושטעלען, ווען מען וועט איהם פארדערען?

— עס טהוט מיר לייד, הערר גראף, וואס איך מוז אייך אפזאגען, האט דער פאליציי דירעקטאר געענטפערט. איך קען עס ניט טאהן.

גראף מעראס האט פראבירט רעדען און בעטען, אז מען זאל דערוויל ניט בע־האנדלען ארטהורן אלס פערברעכער, עס האט איהם אבער קיין זאך ניט געהאלפען,

דער פּאָליציי דירעקטאָר האט ערקלערט איין מאל פאר אלע מאל, אז ער קען דא נאר ניט העלפען. זא לאנג ער האט קיין בעפעהל פון געריכט, אז ארטהור איז אונשולדיג, מוז ער איהם בעהאנדלען, וויא א מענש, וועלכער איז פעדאורטהיילט צום טויט.

— דאס איינציגע, וואס איך קען טאהן פאר אייך, האט דער פּאָליציי דירעקטאָר ענדליך געזאגט, איז וואס איך וועל פעסטהאלטען דיזען מאן, וועלכער רופט זיך יאָזעף און וועל מיך נענוי ערקונדיגען, ווער ער איז און מיט וואס ער בעשעפטיגט זיך. איך וועל טאהן אלעס מעגליכע אים אויסצוגעפינען, וויא ווייט ער איז שולדיג אין דעם פראָצעס פון'ם בּאראָן פאָן באַטהיאַני. איך וועל אייך מיטטהיילען אלעס, וואס איך וועל אויסגעפינען וועגען איהם. לאמיר האפען, אז דיא וואהרהייט וועט זיך ארויסווייזען און דער באראָן פאָן באַטהיאַני וועט ארויס פריי און אונשולדיג פאר דער גאנצער וועלט.

גראף מעראס האט נאך אוועקגערעדט איינינע צייט מיט ארטהור'ן און האט שוין געוואָלט אוועקגעהן, ווען דיא טהיר האט זיך געעפענט און דער אדוואָקאט נאוואק איז אריינגעקומען אין צימער. ער האט זיך גלייך געווענדעט צום פּאָליציי דירעקטאָר און האט איהם געזאגט:

— אים נאמען פון קייזערליך־קעניגליכען קרימינאל געריכט פארדער איך, אז מען זאל באלד איבערגעבען דעם פערברעכער ארטהור פאָן באַטהיאַני דעם הענקער. מארגען אין דער פריה זאל מען איהם אויפהענגען.

— ווארט א ווייל, הערר אדוואָקאט! האט גראף מעראס אויסגערופען. עס זיינען פאָרגעקומען נייע אומשטענדע אין דיזען פראָצעס. מען מוז פריהער אונטערזוכען, וואס עס איז פאָרגעקומען אין דער לעצטער צייט.

נאוואק איז אויפגעשפרונגען.

— עס טהוט מיר לייד אייך צו זאגען, אז איהר זייט קיין ריכטער, האט נאוואק אויסגערופען. דאס קרימינאל געריכט האט איין מאל פעראורטהיילט ארטהור פאָן באַטהיאַני צום טויט און עס מוז געשעהן. דער קייזער אליין קען עס שוין ניט ענדערן.

— איהר פערגעסט מיט וועמען איהר רעדט! האט גראף מעראס אויסגערופען, איך פאָדער, אז דער באראָן פאָן באַטהיאַני זאל דערווייל בלייבען אין דער פּאָליציי. איך וויים, אז דער אדוואָקאט נאוואק איז שטאַרק פעראינטערעסירט אין דיזען פראָצעס. ער האט ביי מיר צוגענומען פאַפּיערן, אין וועלכע עס געפינען זיך געוויס בעווייזע, אז דער באראָן איז אונשולדיג. דער אדוואָקאט נאוואק האט געוויס אפּגעגארדט דיא ריכטער. ער האט מיר געזאגט, אז דאס געריכט וועט עפענען דיזע פאַפּיערן און וועט זיי דורכלעזען. איך בין אבער געוואהר געווארען, אז דיזע פאַפּיערן געפינען זיך נאך ביי הערר נאָוואק אין דער היים. איך האב נאך איינינע רעכנונגען מיט הערר נאָוואק.

— הערר גראף, איהר זייט א היילינער מאן, איהר דארפט אייך אבער ניט מישען אין זאכען, וועלכע געהערען צום געריכט. איהר מוזט פאלגען, וואס דאס געריכט הייסט און קענט קיין זאך ניט ענדערן.

— דאס וועלען מיר שוין זעהן, האט דער גראף געענטפערט.

— איהר ועט נאר ניט זעהן און קענט נאר ניט זעהן, האט דער אדוואקאט געזאגט. דער באראן פאן באטהיאני איז פעראורטהיילט צום טויט און ער מוז שטארבען.

— עס איז דא א געזעץ, אז ווען מען געפינט בעווייזע, אז דער פעראורטהייל-טער איז ניט שולדיג, מוז מען איהם בעפרייען, האט גראף מעראס געזאגט שטאלץ.

— האט איהר דען אזעלכע בעווייזע?

— מיר וועלען זיי האבען.

ארטהור האט דיא גאנצע צייט ניט ארויסגעלאזען קיין אויג פון'ם אדוואקאט.

— איך זעה מיט שטוינען, וויא דער אדוואקאט נאוואק ווינשט מיין טויט. האט ער זיך פלוצלונג אריינגעמישט. איך קען אויף קיין פאל ניט פערשטעהן, וואס דער אדוואקאט האט צו מיר.

— איך וויל נור גערעכטיגקייט! האט דער אדוואקאט אויסגערופען.

— און טהוט אונגערעכטיגקייט, אדער ניעדערטרעכטיגקייט, האט ארטהור געלאכט.

— איך פאדער נאך א מאל, אז מען זאל איבערגעבען דעם באראן פאן באַ-טהיאני צום הענקער! האט נאוואק זיך געווענדעט צום פאליציי דירעקטאר.

— הערר אדוואקאט, איך קען עס ניט טאהן, האט דער פאליציי דירעקטאר געענטפערט, עס זיינען מיר פארגעקומען זאכען, וועלכע פארדערן, אז מען זאל איבער-קוקען דעם גאנצען פראצעס פון'ם באראן פאן באטהיאני.

נאוואק איז געווארען גרין און געל פאר צארן.

— איך וועל געהן צו דיא ריכטער און וועל פארדערן, אז מען זאל מארגען אין דער פריה אויספיהרען דעם אורטהייל איבער דעם באראן פאן באטהיאני! האט נאוואק געשריען.

— טהוט עס, הערר אדוואקאט! האט איהם דער פאליציי דירעקטאר געענט-פערט.

נאוואק איז ארויסגעלאפען, וויא א וואהנזיניגער. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז יעצט איז שוין שפעט.

גראף מעראס איז נאך געבליעבען איינעגע צייט ביי ארטהור'ן און האט איהם איינגעפלייסט מוטה און האפנונג. דאן איז ער זיך אוועקגעגאנגען.

יאזעף'ן האט מען אוועקגעשיקט אין איין קעמערל אין דער פאליציי געביידע און ארטהורן אין אן אנדער קעמערל.

11טער קאפיטעל.

דער שטומער בעטלער אין דער פאליציי.

דער פאליציי דירעקטאר האט געהאלטען ווארט. קוים זיינען זיך אלע צונאנגען, האט ער געהייסען זיינע מענשען, זיי זאלען געהן נאכפרעגען אין דיא הייזער, וואו יאזעף האט אנגעוויעזען, אז מען קען איהם, ווער ער איז און מיט וואס ער בעשעפ-טיגט זיך.

ווען זיינע מענשען זיינען אוועקגעגאנגען, האט ער גענומען אלע פאפיערן, וועלכע מען האט געפונען ביי יאָזעף'ן און האט אנגעהויבען זיי דורכקוקען נאָך א מאל. ווען מען האט זיי איהם פריהער דערלאנגט, איז געזעסען לעבען איהם גראף מעראס און ער האט זיי נור גאנץ פליכטיג דורכגעזעהן. יעצט האט ער געוואלט זיי גוט דורכלעזען.

ער האט דורכגעלעזען א פאר בריעף און האט אין זיי גאר ניט געפונען. פלוצלונג האט ער אויסגערופען:

— וואס איז דאס? — א בריעף פון באראָן נאני פאן האללאוואאי! וויא קומט ער צום באראָן נאני?

ער האט אנגעהויבען צו לעזען דעם בריעף און זיין געזיכט איז געווארען פינסטער, וויא א נאָוועמבער נאכט.

— וואס איז דאס? האט ער אויסגערופען, וואס האט דער באראָן נאני צו שרייבען דיעזען מאן פון דער גרעפין על וירא? פון באראָן פאן באטהיאני? פון.... א בעפעהל צו ארעסטירען. וואס איז דאס? וויא קומט דער באראָן צו אזא בעפעהל? וויא קומט ער צו שיקען א בעפעהל, אז מען זאל ארעסטירען? — דאס איז וואס נייעס! דיעזער בריעף איז זעהר וויכטיג. — איך מוז איהם ווייזען דעם אָבער ריכטער. עס איז דאך א שאנדע פאר'ן קרימינאל געריכט, אז א פריוואט מאן זאל ארויסגעבען א בעפעהל איינעם צו אַרעסטירען.

ער האט געוואלט נעהמען אנאנדער בריעף און איהם דורכלעזען, ווען דיא טהיר האט זיך געעפענט און אן אלטער מאן אין ארימע קליידער איז אריינגעקומען אין צימער.

— וואס דארפט איהר? האט דער פאליציי דירעקטאר געפרעגט שטרענג.

עס האט איהם זעהר פערדראָסען, וואס מען האט איהם געשטערט געראדע יעצט, ווען ער איז געווען אזוי בעשעפטיגט.

— איך בין געקומען וועגען פראָצעס פון באראָן ארטהור פאן באטהיאני, האט דער אלטער געענטפערט.

— וואס געהערט איהר זיך אן מיט דיעזען פראָצעס?

— איך וויל זיין א צייגע (אן עידות).

דער פאליציי דירעקטאר האט איהם אנגעקוקט מיט פערוואונדערונג און מיט שטוינען.

— ווער זייט איהר דען? האט ער געפרעגט.

— איך בין זעהר פעראינטערעסירט אין דיעזען פראָצעס, האט דער אלטער געענטפערט, וויל איך וויים, אז דער באראן איז אונשולדיג. דאס פאלשע געלד האט איהם אונטערגעוואָרפען א בעטרינגער מיט'ן נאמען טארגאססי. דאס איז אבער א פאלשער נאמען. איך קען זעהר גוט דיא גראפען פאן טארגאסי. זיי זיינען אלע הויכע מענשען און דיעזער שווינדלער איז א ניעדעריגער מאן מיט שווארצע האָר.

— פון וואנען ווייסט איהר עס?

— איך בין אמאל געקומען צום באראן פאן באטהיאני אין האטעל. איך האב

איהם ניט געטראָפען אין דער היים. זיינע צימער אבער זיינען געווען אָפען. אין זיי איז געזעסען דער קליינער מאַן מיט דיא שווארצע האר.

— וואס האט איהר דען געדאַרפט צום באראָן פאן באַטהיאַני?

— איך בין גוט בעקאַנט מיט'ן באראָן, איך בין זיין פריינד.

— פון וואַנען ווייסט איהר אבער, אז דער קליינער מאַן מיט דיא שווארצע האָר פלעגט אָפט קומען צום באראָן פאן באַטהיאַני?

— דיא לאַקייען פון האָטעל האבען עס מיר געזאָגט.

— וויא הייסט איהר?

— מען רופט מיך דער אלטער יאַקקי.

— וואו וואוינט איהר?

— איך בין א פרעמדער אין בודאפעסט און האב נאָך קיין בעשטימטע וואוינונג.

— איך מוז דאָך אבער פערשרייבען, וואו איהר וואוינט, דאס געריכט זאל וויסען וואו אייך צו זוכען, האט דער פּאָליציי דירעקטאר בעמערקט.

— דאן שרייבט מיין אַדרעסע: גראף מעראָס, איבערגעבען דעם אלטען יאַקקי.

דער פּאָליציי דירעקטאר האט בעטראַכט דעם אלטען מיט א לייכטען שמייכעל. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז דער אלטער איז אַראָפּ פון זינען: ער זאָגט, אז ער איז דעם באראָן פאן באַטהיאַני'ס פריינד און דערצו נאָך הייסט ער זיך שיקען אן איינלאַדונג פון געריכט צום גראף מעראָס. וואס האט אזא אָרימער בעטלער צו טאָהן ביי גראף מעראָס?

אנפאנגס האט דער פּאָליציי דירעקטאר געוואָלט הייסען ארויסוואַרפען דעם אלטען וואַהנזיניגען בעטלער, באלד אבער האט ער זיך איבערלעגט. ער האט איבער־געזעהן הייטע אבענד אזוי פיעל אונגעוועהנליכע זאַכען, אז עס קען זיין דאס דיעזער בעטלער איז אויך א געהיימניס אדער א וואונדער. ער האט זיך ענטשלאָסען ווייטער צו רעדען מיט'ן בעטלער און האט איהם בעמערקט:

— אייערע קליידער פּאַסען זעהר ווענינ פאר דיא אַדרעסע, וואס איהר האט מיר אָנגעגעבען.

— קען איך דען ניט זיין א ריכטינער צייגע, ווען איך געה אין אלטע קליידער? האט דער אלטער בעטלער געפרעגט. מוז מען דען זיין רייך אום צו זאָגען דיא וואַהרהייט?

דער פּאָליציי דירעקטאר האט געזעהן, אז ער האט פאר זיך קיין וואַהנזיניגען. ער רעדט מיט א מענשען מיט גייסט און פערשטאַנד. דעריבער האט ער געוואָלט ווייטער פּראָבירען דעם אלטען, וועלכער האט איהם פעראינטערעסירט.

— האט איהר פיעלייכט נאָך א נאָמען אויסער דעם נאָמען דער אלטער יאַקקי? האט ער געפרעגט.

— איך האב צוואר נאָך אנאנדער נאָמען, האט דער בעטלער געענטפערט, אבער — דאס וועט איהר וויסען שפּעטער. יעצט האב איך צו אייך א ביטע. —

— א ביטע? האט געפרעגט דער פּאָליציי דירעקטאָר, וואס פאר א ביטע?

— איהר זאָלט מיך פיהרען צום אונטערזוכונגס ריכטער (סליעדאָוואַטעל) וועל־בער האט געפיהרט דעם פראצעס פון'ם באראן פאן באטהיאני.

— יעצט? ביי נאכט? האט דער פאליציי דירעקטאָר געפרעגט.

— יעצט, ביי נאכט, האט דער אלטער געענטפערט, איך האב איהם מיטצו־טהיילען זעהר וויכטיגע זאכען איבער דיעזען פראצעס.

— עס איז אונמעגליך! עס איז שוין יעצט ניין אוהר אבענדס, דער ריכטער וועט אייך ניט אויפנעהמען אזוי שפעט.

— דאס איז דאך מיין ביטע, האט דער אלטער געענטפערט. ווען איך וועל קומען צו איהם אליין, וועט ער מיך געוויס ניט אריינלאזען צו זיך ביי נאכט. ווען איך וועל אבער קומען מיט'ן פאליציי דירעקטאָר פון בודאפעס, וועט ער מיך געוויס אויפ־נעהמען.

דער פאליציי דירעקטאר האט געטראכט איינגע מינוט. דער אלטער האט איהם אנגעהויבען צו אינטערעסירען. ער איז געווארען נייגעריג און האט געוואלט וויסען, וואס דער אלטער האט מיטצוטהיילען וועגען דעם פראצעס פון באראן פאן באטהיאני. ער האט זיך דאהער ענטשלאסען צו פיהרען דעם אלטען בעטלער צום אונטערזוכונגס ריכטער.

— קומט מיט מיר, האט ער געזאגט צום אלטען, איך וועל אייך פיהרען, וואוהין איהר ווילט.

דער פאליציי דירעקטאר האט זיך אנגעטאהן און האט געפיהרט דעם אלטען צום אונטערזוכונגס ריכטער, וועלכער האט געוואוינט ניט ווייט פון דער פאליציי.

דער פאליציי דירעקטאר האט אוועקגערעדט איינגע צייט מיט'ן אונטערזוכונגס ריכטער, וועלכער האט ווירקליך ניט געוואלט אויפנעהמען א בעזוך ביי נאכט. באלד אבער האט ער אריינגערופען דעם אלטען אין זיין שרייב צימער און האט פערשלאסען דיא טהיר הינטער זיך.

זיי זיינען געבליעבען איינגעשלאסען צוויא שטונדען נאך אנאנד. עס איז געוועזען דייטליך, אז דער אלטער האט ווירקליך דערצעהלט פיעלע וויכטיגע זאכען. ווען ער האט אלעס געענדיגט, האט דער אונטערזוכונגס ריכטער געעפענט דיא טהיר און האט געזאגט צום פאליציי דירעקטאָר:

— איך דאנק אייך זעהר, וואס איהר האט מיר געבראכט דיעזען מאן. איהר וועט האבען ארבייט, הערר פאליציי דירעקטאר. מיר וועלען האבען צו טאהן מיט א שרעקליכער באנדע.

דאן האט ער זיך געווענדעט צום אלטען און האט איהם געזאגט:

— געהט אהיים, אלטער מאן! זייט זיכער, אז דיא שולדיגע וועלען בעקומען זייער שטראפע. דיא אלטע פעלקער האבען פארגעשטעלט דיא גערעכטיגקייט אלס א פרוי מיט פערבונדענע אויגען און מיט א שארפער שווערד אין דער האנד. דיא גערעכטיגקייט איז זעהר אָפט בלינד, זיא מאכט אמאל פעהלער, וויל דיא, וועלכע האבען דיא גערעכטיגקייט אין דער האנד זיינען נור מענשען. דיא גערעכטיגקייט בע־שטראפט אבער זעהר שטרענג, זיא פערשווינדט קיין מאל ניט.

— וואס וועט אבער זיין מיט'ן באראן פאן באטהיאני? האט דער אלטער גע־פרעגט, וויא לאנג וועט מען איהם נאך האלטען מיט'ן שווערד איבער זיין קאפ.

— פערלאזט זיך אויף מיר אלטער, האט דער ריכטער געענטפערט. אלעס וועט גוט ווערען. איך וועל שוין אלעס בעזארגען. זייט רוהיג. דער באראן פאן באטהיאני וועט בעפרייט ווערען. איך וועל אייך שוין שיקען זאגען, ווען איהר זאלט קומען. — יעצט גוטע נאכט!

דער אלטער יאקקי איז ארויסגעגאנגען פרעהליך און צופריעדען פון'ם ריכטער.

קוים איז דער אלטער ארויסגעגאנגען, האט דער ריכטער אריינגערופען דעם פאליציי דירעקטאר און האט פערשלאסען די טהיר הינטער זיך.

12טער קאפיטעל.

עס ווערט העללער און העללער.

ארטהור איז געזעסען אין זיין צימעריל אין דער פאליציי און האט געטראכט. וויא מיעד ער איז געוועזען פון דער רייזע, האט ער דאך ניט געקענט שלאפען. ער איז געוועזען צופיעל אויפגערעגט. ער האט געפיהלט, אז אין זיין לעבען איז געקומען אן ענ־דערונג. דער שרעקליכער שטורם, וועלכער האט געוויטעט איבער זיין קאפ, איז פאר־איבער; די פינסטערניס הייבט אן צו פערשווינדען און די שעהנע העלע זון ווייזט זיך ווידער.

ער איז נאך צוואר געוועזען ניט גאנץ זיכער, אז זיינע פריינד וועלען זיעגען. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז דער אדוואקאט נאוואק און דער באראן נאגי וועלען געוויס ניט שווייגען. זיי ווינשען זיין טויט, ער שטעהט זיי אין וועג. ער האט אבער געוואוסט, אז ער האט פיעלע גוטע פריינד, וועלכע ווילען איהם העלפען.

עס איז געווארען שפעט. שטילער און שטילער איז געווארען די נאכט. רוהי־גער און רוהיגער איז געווארען די שטאדט בודאפעסט, די הויפט שטאדט פון אונגארן. ארטהור איז ניט געשלאפען. ער האט איבערגעטראכט און זיך איבערלייגט אלעס, וואס ער האט איבערגעלעבט אין דער קורצער צייט, זייט ער איז צום ערשטען מאל געוועזען ביי דער גרעפין פאן ראדעצקי אויף'ן מאסקען באלל ביז היינט.

עס זיינען געוועזען נור איינינע מאנאטע, ער האט אבער דורכגעלעבט אין זיי א גאנצעס לעבען. אזוי איז שוין דער מענש. איינער לעבט אוועק פופציג יאהר, ביז ער הייבט אן צו פערשטעהן די וועלט; און אנדער מאכט דיעזע שווערע שולע אין איינינע מאנאטע.

ערשט פארטאג איז ארטהור אנטשלאפען געווארען אויף דער הארטער באנק פון זיין ענגעם קעמעריל. ער איז אבער געשלאפען ניט לאנג. גאנץ פריה האט מען איהם אויפגעוועקט. אין זיין קעמעריל זיינען געשטאנען צוויי מענשען: דער גראף מעראס און דער אונטערזוכונגס ריכטער.

ארטהור איז אויפגעשפרונגען, וויא אן אפגעבריהטער, ווען ער האט זיי דערזעהן.

— בערוהיגט אייך, באראן פאן באטהיאני! האט דער ריכטער געזאגט, שרעקט אייך ניט. דאס מאל בין איך געקומען ניט צו מאכען, וואס מיר האבען שלעכט גע־מאכט דאס פאריגע מאל, ביי דער ערשטער אונטערזוכונג פון אייער פראצעס.

ארטהור האט איהם אנגעקוקט מיט שטוינען. ער האט ניט געוואוסט, וואס ער מיינט.

— באראָן פאָן באטהיאני, האט דער ריכטער ווייטער געזאגט, איהר זייט אין בודאפעסט ערשט זייט געסטערן. אין דיעזע קורצע צייט האט זיך פיעלעס געענדערט אין אייער פראָצעס. עס זיינען פאָרגעקומען פיעלע נייע אומשטענדע. עס האבען זיך געפונען אזוי פיעל בעווייזע, אז איהר זייט אונשולדיג, אז איך קען אייך מיטטהיילען א רעכט פרעהליכע נאכריכט.

אויף ארטהורס בלייכעם געזיכד האט זיך געוויעזען א שטראהל פון פרייד און גליק. זיין בליק האט געפרעגט:

— זייט איהר ענדליך איבערצייגט, אז איך בין אונשולדיג?

— איך האב אייך צו מעלדען, אז איך בין יעצט אים שטאנד אייך ארויסצולאָזען, האט דער ריכטער ווייטער געזאגט. איהר זייט אבער ניט גאנץ פריי, איהר מעגט פאהרען צום פאלאץ פון זיינער האכווירדען, דעם גראף מעראס. ער איז פעראנטוואָרטליך פאר אייך. איהר מעגט בלייבען ביי איהם אין פאלאץ, איהר דארפט אבער ניט ארויסגעהן פון פאלאץ. איהר הייסט נאך אלץ ארעסטירט.

ארטהור האט איהם אָנגעהאפט ביי ביידע הענט און האט אויסגערופען:

— איך דאנק אייך, העדר ריכטער, פאר דיעזע גנאדע! — איך וואלט אייגענטליך געדארפט זאגען, פאר דיעזע גערעכטיגקייט, איך וויל אבער ניט דערמאנען דאס ווארט גערעכטיגקייט, ווייל איך האב אין דער לעצטער צייט איבערגעליטען אזוי פיעל פון אונגערעכטיגקייט, אז איך צווייפעל, אויב עס איז נאר דא אויף דער וועלט גערעכטיגקייט. דערפאר זאג איך: גנאדע. איך דאנק אייך פאר אייער גנאדע.

— בערוהיגט אייך, באראָן פאָן באטהיאני! האט זיך גראף מעראס ארייגגעמישט. מיינט ניט, אז אלע מענשען זיינען שלעכט נור דערפאר, וואס עטליכע שלעכטע מענשען האבען געוואלט אייך פערניכטען.

איהר וועט זיך באלד איבערצייגען, אז שווינדעל און בעטרוג קענען לאנג ניט דויערן. אייך האבען שלעכטע מענשען פערליימדעט און בעשולדיגט. גוטע מענשען וועלען בעווייזען, אז איהר זייט אונשולדיג. דאס שלעכטע וועט פערשווינדען, וויא עס פערשווינדעט דער בייזער שטורמווינד. דיא זון וועט ארויסגעהן און וועט אייך נאך בעלייכטען העלל און ווארם. — קומט מיט מיר. איהר זייט שוין פריי.

ארטהור איז צוריקגעפאלען אויף זיין הארטער באנק, האט פערדעקט זיין געזיכט מיט ביידע הענד און האט אנגעהויבען צו וויינען. דאס מאל אבער זיינען עס געווען העלע, גליקליכע פריידען טרעהרען. דאס מאל האט ער געוויינט פאר פרייד און גליק.

איינגע מינוטען איז ער אזוי געלעגען און האט געוויינט. ענדליך האט ער זיך בערוהיגט און האט זיך אויפגעהויבען.

— קומט מיט מיר, האט גראף מעראס געבעטען צום צווייטען מאל.

וויא א בעטרונקענער איז ארטהור ארויסגעגאנגען פון ענגען קעמעריל אין

פּאָליציי געפענגניס. ער איז דורכגעגאנגען דעם לאנגען קאָרידאר און איז ארויסגעקומען אויף דער גאס.

אין דרויסען איז געשטאנען גראף מעראס קארעטע. קוים האט ארטהור געוואלט אריינגעהן אין דער קארעטע, איז צוגעקומען צו איהם אן אלטער בעטלער.

ארטהור האט איהם באלד דערקענט און האט אויסגערופען:

— יאקקי! מיין גוטער אלטער פריינד יאקקי! וויא קומסט דוא אהער? אך! וויא גליקליך בין איך, וואס איך זעה דיך ווידער!

ער האט זיך געחאפט צו דער קעשענע, גלייך וויא ער האט געוואלט געבען עפּעס דעם אלטען בעטלער. פּלוצלונג אבער האט ער זיך דערמאנט, אז מען האט ביי איהם אלעס צוגענומען. ער האט ביי זיך גאר נישט.

— ארימער יאקקי! האט ארטהור אויסגערופען, איך האב ביי מיר גאר נישט. איך בין דאך אויך ניט מעהר, וויא א בעטלער! איך בין א בעטלער גליך מיט דיר!

דער אלטער בעטלער האט אנגעחאפּט ארטהור'ס האנד און האט זיא צוגע־פּרעסט צום הערצען. גראף מעראס האט איהם א ווינק געטאהן, ער זאל אפּטרעטען.

ארטהור האט געוואלט נאך עפּעס רעדען מיט'ן אלטען בעטלער, גראף מעראס אבער האט איהם ניט געלאזען. ער האט איהם געבעטען אריינצוגעהן אין קארעטע. באלד איז דיא קארעטע צוגעקומען צום פּאלאץ פון גראף מעראס.

גראף מעראס האט אראפּגעפיהרט ארטהור'ן אין א בעזונדער צימער און האט איהם געהייסען זיך אויסטאהן, נעהמען א וואנע, זיך חייסען אָפּשערן און איבערטאהן. גראף מעראס האט ניט גיוואלט, אז ארטהור זאל זיך פארשטעלען פאר זיין שוועס־טער און פאר עלווירא'ן אין זיינע אלטע, שמוציגע קליידער פון'ם וועג.

מעגליך, אז ער האט געוואלט איבערראשען עלווירא'ן. וויא דיא זאך איז געווען, עס האט געמוזט פערגעהן א גערוימע צייט, איידער ארטהור האט געקענט אריינגעהן אין זאל.

18טער קאפּיטעל.

נאגי ווערט אונרוהיג.

מיר מוזען זיך אומקעהרען מיט איינינע שטונדען צוריק, צו דעם אבענד, ווען ארטהור איז געקומען קיין בודאפּעסט.

מיר האבען געלאזען דעם באראן נאגי, זיין פרוי און איהר זוהן מאקס אין דיא צימערן פון דער גרעפין פאָן טאָקקי. זיי האבען גערעדט און זיך אונטערהאלטען גאנץ פריינדליך. אלע זיינען געווען צופריעדען, נור עלווירא איז געווען אונרוהיג, פון צייט צו צייט פלעגט זיא זיך אויפהייבען און פלעגט צוגעהן צום פענסטער. זיא האט געוואלט ויסען, וואס עס הערט זיך מיט איהם; זיא האט געוואלט ויסען, וואס איהר אָנקעל האט געטאהן פאר איהם.

זיא האט אבער גאָר ניט געזעהן. אין דרויסען איז געווען פינסטער און דער רינער רעגען האט געקלאפּט אין פענסטער. עלווירא האט עס ניט געקענט אויסהאל־טען. זיא האט געחאפּט אויף זיך א שאל און האט געוואלט ארויסלויפען אין דרויסען.

— וואוהין ווילסט דוא נעהן, עלווירא? האט דיא גרעפין פאָן מאַקקי געפרעגט.

— איך מוז געהן, מוטער, האט עלווירא געענטפערט. איך מוז לויפען אין דער פאָליציי.

— וואס רעדסט דוא, קינד? וואוהין ווערסט דוא געהן אין אזא שלעכטעס וועטער?

— לאָז מיך, מוטער! איך מוז געהן! ארטהור איז געקומען. איך מוז איהם זעהן! איך מוז וויסען, וואו ער איז. איך וועל עס נים אויסהאַלטען!

— וואס טהוט איהר, עלווירא? האט זיך נאר פּלוצלונג מאקס אריינגעמישט. וויא פּאסט עס פאר א דאמע פון אייער שטאנד צו געהן אין דער פּאָליציי? עס וועט דאך ווערן א סקאנדאל איבער דער גאנצער שטאדט. אלע וועלען דאך ווייזען אויף אייך מיט דיא פינגער.

— דער גראף פאָן ראדעצקי האט פאָלקאמען רעכט, האט נאני אונטערגעהאָלפען. וואס קענט איהר דען טאהן מיט אייער געהן? קענט איהר דען עפּעס העלפען דעם באראָן פאָן באטהיאני? אייער אָנקעל וועט געוויס טאהן אלעס נעטהיגע. ווען עס איז נור דא א מעגליכקייט צו רעטען דעם באראָן, וועט עס דער גראף מעראס געוויס טאהן. צו וואס זאלט איהר נאך געהן אין דער פּאָליציי?

דיא גרעפין פאָן מאַקקי און דיא גרעפין פאָן ראדעצקי האבען מיטגעשטימט. דיא גרעפין פאָן מאקקי האט זאגאר אראָפּגענומען פון עלוויראָ'ן דעם שאל און האט זיא געצוואונגען זיך צו זעצען. עלווירא האט געמוזט נאכגעבען. זיא האט זיך געווארפען אויפ'ן דיוואן און איז געבליעבען זיצען, וויא פערשטיינערט.

נאני האט צוואר פּראָבירט רעדען מיט איהר, זיא האט איהם אבער נים געענטפערט. ער האט ענדליך איינגעזעהן, אז ער מוז זיא לאזען צו רוה.

אזוי איז פערגאנגען דיא צייט. עס איז געווארען שפּעט און נאני וואלט שוין געדארפט געהן אהיים. ער איז אבער נאך אלץ געזעסען. ער האט געווארט אויף גראף מעראס. ער האט געוואלט זעהן, וואס פאר א מינע דער גראף וועט מאכען, ווען ער וועט צוריקקומען פון דער פּאָליציי.

נאָני האט זיך ענדליך דערווארט. גראף מעראס איז ענדליך געקומען. נאני האט זיך אויפגעהויבען און האט געוואלט געהן איהם ענטגעגען. עלווירא אבער האט עס פערהאפּט. קוים האט זיא געזעהן, אז איהר אנקעל איז אריינגעקומען אין צימער, איז זיא אויפגעשפּרונגען פון איהר ארט, וויא א גומי באלל און איז צוגעלאָפען צו איהם.

— וואס הערט זיך, אנקעל? האט זיא איהם געפרעגט שטילערהייט.

— זיי רוהיג, עלווירא! איך האב יעצט פיעל מעהר האפנונג, וויא פריהער.

עלווירא האט אויפגעאטהעמט פרייער. דיא ווערטער פון איהר אָנקעל זיינען געוועזען דיא בעסטע מוזיק פאר איהר. דענאך האט זיא נים אפּגעלאזען איהר אנקעל און האט איהם ווייטער געפרעגט.

— האט מען ארעסטירט דעם קליינעם מאן מיט דיא שווארצע האר, וועלכער האט געטויטעט מיין קוטשער?

— ער איז ארעסטירט, האט דער גראף געענטפערט. מען וועט שוין פיעלעס אויסגעפינען. איך בין זיכער, אז מען וועט באלד אויסגעפינען דיא גאנצע וואהרהייט.

עלווירא האט נאך עפעס געוואלט פרעגען, דער גראף אבער האט זיא ניט געפאזט.

— געה צו אונזערע געסט, האט ער איהר געזאגט שטילערהייט.

עלווירא האט איהם געפאלגט. זיא האט זיך שוין אין גאנצען בערוהיגט און האט שוין געקענט רעדען מיט דיא געסט.

נאני האט געזעהן דיא גאנצע סצענע, וואס איז פארגעקומען צווישען עלוויראן און איהר אָנקעל. ער האט גאנץ גוט געזעהן, וויא עלווירא'ס געזיכט איז געווארען פרעהליכער, ווען דער גראף האט איהר געענטפערט אויף איהרע פראגען. ער האט צוואר ניט געקענט הערן, וואס זיי האבען גערעדט, ער האט אבער פערשטאנען, אז דער גראף האט געבראכט א גוטע נאכריכט.

נאני, זיין פרוי און מאקס זיינען געווארען אונרוהיג. זיי האבען פערשטאנען, אז דא טהוט זיך עפעס. אז דא קאכט זיך עפעס. זיי האבען אבער ניט געוואוסט, וואס פאר א זופ עס קאכט זיך.

אלע האבען יעצט געקוקט אויפ'ן גראף. אלע האבען ערווארטעט, ער זאל עפעס זאגען. דער גראף אבער האט גערעדט פון וועטער, פון פאליטיק און פון אנדערע זאַכען, אבער ניט פון ארטהור'ן. ענדליך האט עס נאני מעהר ניט געקענט אויסהאלטען. ער האט געמוזט פרעגען.

— האט מען שוין געבראכט דעם באראן פאן באטהיאני?

— מען האט איהם שוין געבראכט, האט גראף מעראס געענטפערט קורץ.

— וואו געפינט ער זיך יעצט? האט נאני ווייטער געפרעגט.

— אין געפענגניס, האט דער גראף געענטפערט.

גראף מעראס האט געוואוסט זעהר גוט, אז נאני אינטערעסירט זיך זעהר אין ארטהור'ס שיקזאל. ער האט נאך ניט געוואוסט, וויא ווייט יאזעף געהערט זיך אן מיט נאני'ן, ער האט אבער פערשטאנען, אז ביידע ארבייטען דא צוזאמען.

— וואס הערט זיך עפעס וועגען אייער האפנונג? האט נאני א פרעג געטאהן.

— וואס פאר א האפנונג? האט דער גראף געפרעגט.

— איהר האט מיר געזאגט, אז איהר האט נאך א האפנונג צו רעטען דעם באראָן.

— אך! פרעגט ניט! האט גראף מעראס געענטפערט מיט א זיפץ, אויך דיעזע האפנונג האט מיך אפגענארט, וויא יעדע אנדערע האפנונג. דער מענש האפט און האפט, פלוצלונג קומט א ווינט און פערוועהט אלע זיינע האפנונגען.

— איך האב פריהער געוואוסט, אז פון דיעזע האפנונג וועט גאר ניט ווערן, האט נאני געזאגט רוהיג. עס איז א פערפאלענע זאך. קיינער קען שוין יעצט ניט רעטען דעם אונגליקליכען באראָן.

מאקס און זיין מוטער האבען אויפגעאטהעמט פרייער. זיי האבען געהערט, אז גראף מעראס אליין גלויבט שוין אויך ניט, ער זאל קענען רעטען ארטהור'ן.

— ווער האט געבראכט אהער דעם באראן פאן באטהיאני? האט נאני ווייטער געפרעגט גאנץ גלייכגילטיג.

— עפעס א ניעדערינגער מאן מיט שווארצע האר, האט גראף מעראס גענענט־פערט עבענפאלס גלייכגילטיג.

— ווער איז ער אבער?

— דאס ווייס איך ניט. ער זאגט, אז ער איז אן אגענט פון דער געהיים פאליציי.

נאני האט זעהר גוט געוואוסט, ווער עס איז דער קליינער מאן מיט די שווארצע האר. ער האט געוואוסט, אז יאזעף דארף האבען ביי זיך א גרויסע סומע געלד. קוים וועט ער האבען געלד, וועט ער קענען ארויסנעהמען די פאפירען ביים אדוואקאט. דאן איז אלעס ווידער גוט.

— איך האב נור מורא פארן אדוואקאט נאוואק, האט נאני ווייטער בעמערקט. איך קען איהם זעהר גוט און ווייס, אז ער פערלאנגט דעם באראן פאן באטהיאני'ס טויט. איך בין זיכער, אז ער וועט נאך היינט ביי נאכט לויפען אין געפענגניס און פארדערן, אז מען זאל אויפהענגען דעם באראן פאן באטהיאני מארגען גאנץ פריה. נאוואק איז א שרעקליכער טויגעניכטס. ער פערפאלגט זיינע אפפער ביז אויפ'ן עשאפאט.

עלווירא איז ביז אהער געזעסען גאנץ רוהיג און האט אויסגעהערט, וואס דער באראן נאני האט גערעדט מיט איהר אנקעל. זיא האט זעהר גוט געזעהן, אזביידע פערשטעלען זיך און עס האט איהר ניט געהארט. ווען נאני האט אבער געזאגט, אז מען זאל אויספיהרען דעם טאדעס אורטהייל איבערן באראן פאן באטהיאני שוין מארגען גאנץ פרריה, איז זיא געווארען בלייך וויא קאלך און האט זיך אויפגעהויבען פון איהר שטוהל.

גראף מעראס האט עס בעמערקט. ער האט זיא גענומען ביי דער האנד, האט איהר א דריק געטאהן די האנד און האט געזאגט גאנץ געלאסען:

— דוא לאנגווייל'סט זיך מיט אונז, עלווירא. געה לעג זיך שלאפען. אונזערע ליעבע געסט וועלען עס דיר ניט איבעל נעהמען.

נאני, זיין פרוי און מאקס האבען פערשטאנען, אז עס איז שוין צייט צו געהן אהיים. נאני האט אויסגעפיהרט, וואס ער האט געוואלט. ער איז געוואהר געווארען, אז גראף מעראס אליין צווייפעלט יעצט, אויב ער וועט קענען רעטען ארטהורן. דאס איז געוועזען פאר איהם גענוג. ער האט זיך אויפגעהייבען פון זיין שטוהל און האט געזאגט צו זיין פרוי:

— לאמיר געהן, עס איז שוין שפעט.

מען האט אנגעהויבען צו נעהמען אבשיעד. נאני האט געגעבען גראף מעראס דיא האנד און האט גענומען פון איהם אבשיעד, וויא פון זיין בעסטען פריינד. דאן איז ער צוגעקומען צו עלוויראן, האט זיא בערוהיגט און האט איהר געמאכט א פאר קאמפלימענטען.

ווען ער איז צוגעגאנגען צו דער גרעפין פאן טאקקי, האט ער איהר געזאגט שטילערהייט:

— יעצט דארפען מיר ווידער האפען, אז אונזער וואונש ועט ערפילט ווערן.

מיר וועלען נאך ווערען איין פאמיליע און וועלען לעבען גליקליך אין אונזערע אלטע שלעסער.

— איך האב אייך איין מאל נעגעבען מיין ווארט, אז עלווירא וועט הייראטהען מאקס'ן און איך וועל עס האלטען, האט דיא גרעפין געענטפערט.

ענדליך האט מען אבשיעד גענומען און מען איז זיך צוגאנגען שטיל, פריינדליך און צוטרויליך, וויא עס פאסט פאר אלטע גוטע פריינד.

14טער קאפיטעל.

נעארג שווייגט אויך ניט.

קוים זיינען דיא געסט אוועקגעגאנגען, האט עלווירא און גראף מעראס בעמערקט, אז נעארג איז ניטא אין דער היים. זיי זיינען ביז אהער געווען אזוי אויפגערעגט, אז זיי האבען גאר פערגעסען אן געארג'ן. יעצט, ווען מען האט שוין געדארפט געהן שלאפען, האבען זיי עס בעמערקט.

— וואו איז געארג? האט גראף מעראס געפרעגט. פאר וואס האב איך איהם ניט געזעהן דיא גאנצע צייט, וואס דיא פאמיליע פון בעראן נאגי איז דא געזעסען?

— ער איז געווים אין זיין צימער, האט דיא גרעפין פאן טאקקי געענטפערט. ער האט פיינט דיא פאמיליע נאגי.

— שיק איהם רופען, עלווירא, האט דער גראף געבעטען.

עלווירא האט געהייסען א דיענער רופען געארג'ן. דער דיענער איז באלד געקומען צוריק און האט געמעלדעט, אז גראף געארג איז ניטא אין דער היים. יעצט איז דיא גרעפין פאן טאקקי אויך געווארען אינרוהיג.

— וואו זאל ער זיין אזוי שפעט? האט זיא געפרעגט.

מען האט צונויפגערופען אלע דיענער און מען האט אנגעהויבען זיי אויסצופרעגען, אויב זיי ווייסען ניט, ווען נעארג איז אוועקגעגאנגען און וואוהין ער איז געגאנגען. איינער פון דיא דיענער האט געמעלדעט, אז ווען געארג האט געזעהן, אז גראף מעראס איז ערגעץ אזועקגעפאהרען, אז ער באלד ארויסגעגאנגען פון פאלאץ און איז ערגעץ אוועקגעגאנגען. וואוהין? — דאס ווייס ער ניט.

עלווירא, איהר מוטער און גראף מעראס זיינען געווארען זעהר אונרוהיג. געארג פלעגט קיין מאל ניט קומען שפעט אהיים. ער פלעגט אין ערגעץ ניט געהן. ווען ער פלעגט זיין איינגעלאדען ערגעץ, פלעגט ער עס מעלדען אין דער היים.

וואוהין איז אבער ווירקליך געארג אהינגעקומען?

ער האט געוואוסט, אז ארטהור דארף היינט אנקומען. ער האט געוואוסט, וואוהין גראף מעראס פאהרט. קוים איז דער גראף אוועקגעפאהרען אין דער פאליציי, איז נעארג ארויסגעגאנגען שטילערהייט און איז אויך געגאנגען אין דער פאליציי. אזוי וויא עס האט גערעגענט און דאס וועטער איז געווען זעהר שלעכט, האט ער אויפגעהויבען דעם קראגען פון זיין פעלץ מאנטעל און איז אזוי אריינגעגאנגען אין צימער פון'ם פאליציי דירעקטאר. דארט האט ער געזעהן אלעס, וואס עס איז פארגעקומען מיט ארטהור'ן. ער האט געזעהן, וויא ארטהור האט געבעטען, אז מען זאל ארעסטירען

יאזעף'ן. ער האט געזעהן, וויא זיין אנקעל האט גערעדט מיט'ן פאליציי דירעקטאר; ער האט געזעהן, וויא נאוואק איז אריינגעקומען צום פאליציי דירעקטאר און האט געפארדערט, אז מען זאל איבערגעבען ארטהור'ן צום הענקער. ער האט געזעהן, וויא מען האט איהם אפגעזאגט און וויא דער אדוואקאט איז ארויסגעלאפען, וויא א וואהנזיניגער.

— איך מוז איהם נאכגעהן, האט געארג געזאגט צו זיך אליין. דא האב איך נים וואס צו טאהן; דא וועט שוין דער אנקעל אלעס בעזארגען.

מיט דיעזע ווערטער איז ער ארויסגעגאנגען פון דער פאליציי געביידע. אין דרויסען איז געווען פינסטער. איידער געארג האט צייט געהאט זיך אומצוקוקען איז דער אדוואקאט פערשוואונדען.

— איך מוז געהן צו איהם אהיים, האט געארג געזאגט צו זיך אליין.

ער איז געגאנגען לאנגזאם דורך דיא פינסטערע, שמוציגע גאסען און איז אנגעקומען צום אדוואקאט נאוואקס וואינונג פריהער פארן אדוואקאט.

— וואס דארפט איהר? האט איהם נאוואקס דיענער געפרעגט.

— איך מוז רעדען מיט'ן אדוואקאט, האט געארג געענטפערט.

— דער אדוואקאט איז ניטא אין דערהיים.

— דאן וועל איך אויף איהם ווארטען.

דער דיענער האט איהם צוואר ניט געוואלט לאזען ווארטען, געארג איז אבער ניט אפגעטרעטען. ער האט זיך געזעצט אין פארצימער און האט געווארט, ביז נאוואק איז אנגעקומען. קוים האט נאוואק דערזעהן געארג'ן האט ער אויסגערופען:

— אה, הערר גראף! וואס מאכט איהר? מיט וואס קען איך אייך דיענען? וואס האט מיר פערשאפט דיא גרויסע עהרע אייך צו זעהן ביי מיר?

וויא אונאנגענעהם עס איז איהם יעצט געווען געארגס בעזוך, האט ער דאך זיך געוויזען אלס העפליכער און אנשטענדיגער געשעפטסמאן און האט זיך פערשטעלט, אז ער איז העכסט צופריעדען מיט געארגס בעזוך.

— איך האב מיט אייך עפעס צו רעדען, הערר אדוואקאט, האט געארג געענטפערט ערנסט.

— עס טהוט מיר זעהר לייד, וואס איך קען אייך יעצט ניט אויפנעהמען, הערר גראף פאן מאקקי, האט דער אדוואקאט געענטפערט. איך בין יעצט זעהר בעשעפטיגט. איך האב נאך היינט אן ארבייט ביי דיא ריכטער. איהר ווייסט דאך געוויס, אז איך בין א מיטגליעד פון קרימינאלגעריכט און מוז זעהר אפט ארבייטען ביי נאכט. היינט האב איך בעזאנדערס וויכטיגע געשעפטען.

— איך וועל אייך לאנג ניט אויפהאלטען, האט געארג געענטפעדט. איך האב מיט אייך צו רעדען נור א פאר ווערטער.

דער אדוואקאט האט געטראכט איינינע מינוט, דאן האט ער געזאגט:

— דאן ביטע, הערר גראף, אין מיין שרייב צימער.

ער האט אריינגעפיהרט געארג'ן אין זיין שרייב צימער און האט איהם געבעטען זיצען.

— יעצט, גראף נעארג, זאגט מיר קורץ, וואס פערלאנגט איהר?

— איך פערלאנג, איהר זאלט מיר אפגעבען דיא פאפיערן, וועלבע איהר האט צוגענומען ביי מיין אנקעל, האט נעארג געענטפערט קורץ און שארף.

— וואס רעדט איהר, הערר גראף? האט נאוואק אויסגערופען ערשטוינט. וויא קומט איהר צו אזא געדאנק? איך האב נעפאָדערט דיא פאפיערן פון אייער אנקעל אים נאמען פון געריכט. קיין מענש אין דער וועלט קען ביי מיר אפנעהמען דיעזע פאפיערן.

— איהר וועט זיי מיר ארויסגעבען, האט נעארג געענטפערט רוהיג. איהר האט קיין רעכט געהאט זיי צו פאָדערן ביי מיין אנקעל.

— הערר גראף, איך האב יעצט קיין צייט מיט אייך פיעל צו רעדען איבער ריעזע אנגעלעגענהייט. מיר וועלען דערפון רעדען אנאנדער מאל. דיא פאפיערן וועל איך אייך דערווייל ניט געבען.

— איהר וועט מיר זיי יא געבען! האט נעארג געזאגט שטרענג. איהר וועט זיי מיר ארויסגעבען! איך וועל אייך צווינגען, איהר זאלט זיי מיר ארויסגעבען. איך בעט אייך אבער מיט גוטען. איך בעט אייך, גיט מיר ארויס דיא פאפיערן. איך פערזיכער אייך, אז איך וועל זיי ניט עפענען און וועל זיי קיינעם ניט געבען. איך וועל זיי איבערגעבען דעם אבעררעכטער. איך גיב אייך דאראויף מיין עהרנוואָרט.

נאוואק האט זיך צולאכט.

— איהר גיט מיר אייער עהרנוואָרט? האט ער געלאכט, אזא זיכערהייט נעהם איך ניט אן. ווער גלויבט עס היינטיגע צייטען א מענשען אויפ'ן עהרנוואָרט? רעדט ניט אזעלכע נארישקייטען הערר גראף! מען וועט לאכען פון אייך. — געהט אייך אהיים, הערר גראף, און לעגט אייך שלאפען, עס איז שוין שפעט און איך האב קיין צייט.

נעארג איז אויפגעשפרונגען, וויא אן אפגעבריהטער און האט אויסגערופען:

— טויגעניכטס! דוא וועסט מיר טהייער בעצאהלען פאר דיעזע בעליידיגונג!

מיט דיעזע ווערטער האט ער ארויסגעכאפט זיין שווערד און האט זיך געוואלט ארויפווארפען אויפ'ן אדוואָקאט. נאוואק איז אויפגעשפרונגען און האט זיך בעהאלטען הינטער א קאסטען. דאן האט ער אנגעהויבען צו שרייען:

— מערדער! דיא פאליציי! העלפט מיר! רעטעט מיך!

— טויגעניכטס! האט נעארג אויסגערופען, גיב מיר ארויס דיא פאפיערן, אדער איך דערשטעך דיך, וויא א הונט.

— מערדער! העלפט מיר! רעטעט מיך! האט געשריען דער אדוואָקאט.

— נעהם א שווערד און שלאג זיך מיט מיר! האט נעארג געשריען אויסער זיך, איך רוף דיך ארויס אויף א דועל.

— מערדער! רויבער! פאליציי! האט געשריען דער אדוואָקאט.

דעם אדוואקאטס דיענער האט דערהערט דיא געשרייען און האט געמאכט א געוואלד. עס זיינען זיך צונויפגעלאפען מענשען, וועלכע האבען ניט געוואוסט, וואס דא טהוט זיך. זיי האבען געזעהן, אז איינער האלט א בלויזען שווערד אין דער

האנד און דער אנדערער שרייט: מערדער! אלע האבען געקענט דעם אדוואָקאט נאָוואק, געאָרגען אבער האט קיינער ניט געקענט. יעדער איז דאהער געווען איבער־ציינט, אז געאָרג איז א רויבער וועלכער האט געוואלט טויטען דעם אדוואקאט און איהם בערויבען.

עטליכע שטארקע מענשען האבען זיך ארויפגעפארפען אויף געאָרגען און האבען ביי איהם ארויסגעריסען דעם שווערד פון דער האנד.

— בינדעט איהם! האלט איהם פעסט! האט נאָוואק געשריען צו דיא מענ־שען. געהט, ברענגט זשאנדארמען! לאז מען ארעסטירען דיעזען מערדער.

נאוואקס דיענער איז אבער נאך פריהער אוועקגעלאפען אין דער פאליציי ברענגען זשאנדארמען. יעצט איז נאוואק צוגעגאנגען צו געארגן און האט איהם געזאגט:

— עס וועט אייך טהייער קאסטען, הערר גראף, וואס איהר האט זיך ערלויבט אויפצוהויבען אויף מיר דיא האנד. איהר וועט שוין זיצען דארט, וואו עס זיצט יעצט אייער פריינד, דער באראָן פאן באטהיאני. מיינט ניט, הערר גראף, אז אייער טיטול וועט אייך העלפען. דאס געזעץ איז גלייך פאר אלעמען, פאר א גראף, וויא פאר א בויער. א גראף דארף זיך אויך ניט ערלויבען צו טויטען מענשען. איהר וועט בע־שטראפט ווערען, הערר גראף, דאפיר וועל איך זיך שוין זארגען.

— טויגעניכטס! האט געארג געענטפערט, דוא ווייסט נאך ניט, ווער עס וועט ניכער בעשטראפט ווערן: איך אדער דוא. —

אין דיעזע מינוט איז אָנגעקומען נאָוואקס דיענער מיט עטליכע זשאנדארמען. נאָוואק האט זיך געווענדעט צו זיי און האט זיי געזאגט:

— ארעסטירט דיעזען מאן. ער האט געוואלט מיך טויטען.

— מיינע הערען, איך בין קיין רויבער און קיין מערדער, האט געארג געזאגט צו דיא זשאנדארמען. איך בין געאָרג גראף פאן מאקקי. מיין אנקעל איז גראף מעראס, דער פרימאס פון אונגארן.

דיא זשאנדארמען זיינען געבליעבען שטעהן, וויא צומישט. זיי האבען זיך דער־שראקען פארן נאמען גראף מעראס.

— ארעסטירט איהם! האט געשריען נאוואק, פיהרט איהם אוועק אין געפענג־ניס און הייסט איהם שמיעדען אין קייטען. ער איז א מערדער.

— אבער גראף מעראס.... האט זיך ערלויבט צו זאגען איינער פון דיא זשאנדארמען.

— דאס געהט אייך ניט אן! האט געשריען נאוואק, איהר האט פאר זיך א פערברעכער, א מענשען, וועלכער האט געוואלט מיך טויטען. איהר מוזט איהם ארעסטירען. מאָרגען וועל איך זיין אין דער פאליציי און וועל שוין אלעס ערקלערן.

געארג האט זיך געשטעלט און האט געשריען, אז ער איז א גראף, אז אלע קענען איהם און ווייסען, אז ער איז ניט קיין מערדער. עס האט איהם אבער גאר ניט געהאלפען. נאוואק איז געווען אן אנגעזעהענער מענש אין געריכט און אין דער פאליציי. דיא זשאנדארמען האבען איהם ניכער געהערט וויא געארגן, וועלכען זיי האבעןווירקליך ניט געקענט.

זיי האבען איהם אוועקגעפיהרט אין דער פאליציי.

נאוואק איז געבליעבען אליין. ער האט געטראכט איינינע מינוט, דאן האט ער געזאגט צו זיך אליין:

— שאדע, וואס דער יונגער נארר האט מיך ניט פערוואונדעט, דאס וואלט דאך געוועזן דער בעסטער בעווייז, אז ער האט געוואלט מיך טייטען. וואס טהוט מען? איך מוז איהם איינזאלצען. איך מוז ווייזען דעם אלטען נארר, גראף מעראס, אז זיין געזעץ איז שטארקער פון איהם.

ער האט געטראכט איינינע מינוט. א גליקליכער געדאנק איז איהם געקומען אין קאפ.

— עס איז דאך א קלייניגקייט! האט ער אויסגערופען פול פרייד. איך קען מיר צוקראצען דיא האנד ביז בלוט און זאגען, אז געארג האט עס געטאהן. ווער וועט עס מיר איבערווייזען, אז עס איז ניט אזוי?

ער האט ניט לאנג געטראכט, האט גענומען א מעסער און האט זיך אויפגע־שניטען דעם ארבעל, דאן האט ער זיך געגעבען א לייכטען שניט אין דער האנד.

— דאס איז רעכט, האט ער געזאגט, יעצט האב איך שוין א וואונד אויך. יעצט וועט זיך שוין געארג ניט אויסדרעהן אזוי גיך. גראף מעראס מעג זיין שטאלץ, וויא ער וויל. עס וועט איהם אבער גאר ניט העלפען. זיין נעפע (פלעמיאניק) געארג, וועט זיך שוין אפקיהלען אביסעל אין געפעגגניס.

ער האט גענומען זיין טאשענטוך און האט זיך פערבונדען דיא האנד.

— איך מוז האבען א ציינגען אז איך בין אזוי שטארק פערוואונדעט, אז איך קען ניט שרייבען, האט ער ווייטער געזאגט. דאס וועל איך באלד האבען.

ער האט אנגעקלונגען. זיין דיענער איז אריינגעקומען.

— רוף מיר מיין שרייבער, פראנץ, האט איהם נאוואק געזאגט.

אין איינינע מינוטען ארום איז פראנץ געשטאנען פאר איהם און האט געפרעגט:

— וואס פערלאנגט איהר, מיין הערר?

— דוא האסט געוויס געהערט, וואס עס האט נור וואס פאסירט ביי מיר, א רויבער איז אויף מיר אנגעפאלען און האט מיך פערוואונדעט.

— איך האב געהערט דערפון.

— דוא זעהסט, אז איך קען יעצט ניט שרייבען.

— איך זעה עס.

— דאן געה אין דיין צימער און שרייב פאלגענדעס פאפיער.

ער האט איהם ערקלערט, וואס פאר א פאפיער, ער זאל אנשרייבען.

— הערר אדוואקאט! האט פראנץ אויסגערופען, דאס איז דאך אן אנקלאגע געגען פאליציי דירעקטאר!

— געוויס, פראנץ, איז עס אן אנקלאגע געגען פאליציי דירעקטאר, פאר וואס ער האט געלאזען דעם פערברעכער ארטהור פאן באטהיאני אין דער פאליציי און האט איהם ניט איבערגעגעבען צום הענקער, מען זאל איהם מארגען אויפהענגען.

ארטהור פאן באטהיאני איז א געפעהרליכער פערברעכער. ער איז שוין איינמאל אנט־לאפען געווארען פון געפענגניס, ער קען נאך אמאל אנטלויפען.

ער האט איהם נאך ערקלערט איינינע זאכען און האט איהם ענדליך געזאגט:

— שנעלער, פראנץ! איך מוז דאס פאפיער באלד האבען. נאנץ פריה מוז עס זיין ביים אבערריכטער.

— איך וועל עס באלד אנשרייבען, האט פראנץ געענטפערט און איז זיך ארויס־געגאנגען.

15טער קאפיטעל.

נאוואק בעקומט ווידער א בעזוך.

קוים האט זיך נאוואק אוועקגעזעצט און האט זיך אביסעל בערוהיגט, האט איהם זיין דינער געמעלדעט א נייעם גאסט — דעם פאליציי דירעקטאר.

נאוואק איז געוועזען צום צווייטען מאל איבערראשט און ערשטוינט איבער זיינע געסט. אזעלכע געסט האט ער ניט ערווארטעט. אז געארג איז געקומען צו איהם מיט א שלעכטער אבזיכט, האט ער געקענט וויסען: געארג איז דאך ארטהור'ס פריינד. וואס וויל אבער דער פאליציי דירעקטאר? — געוויס אויך קיין גוטעס.

עס האט איהם אבער גאר ניט געהאלפען, דעם פאליציי דירעקטאר מוז מען אויפנעהמען. מען מעג איהם האסען, מע׳ מעג איהם פערקלאגען, מען מוז איהם דאך אריינלאזען אין שטוב, ווען ער קומט צו אייך.

אין איינינע מינוטען ארום איז דער פאליציי דירעקטאר געזעסען ביים אדוואקאט אין צימעריל.

— הערר ארדוואקאט, מיט איינינע טעג צוריק האט איהר אפגענומען ביי גראף מעראס א פעקעל פאפיערען, האט דער פאליציי דירעקטאר געזאגט גאנץ העפליך. איך דארף יעצט האבען דיעזע פאפיערען און איך בין געקומען בעטען, איהר זאלט זיי מיר ארויסגעבען.

— צו וואס דארפט איהר זיי, הערר פאליציי דירעקטאר?

— איך דארף מאכען אן אונטערזוכונג וועגען געוויסע פערברעכער און איך בין געוואהר געווארען, א פון דיעזע פאפיערען קען איך עפעס וויסען.

— אה, וויא באלד, אז עס האנדעלט זיך וועגען אן אונטערזוכונג, וועל איך זיי איבערגעבען דעם א טערזוכונגס ריכטער, האט נאוואק געענטפערט פרעך. איך האב נור וואס געוואלט געהן צו איהם.

— עס טהוט מיר זעהר לייד, הערר נאוואק, וואס איהר ווילט מיך ניט פער־שטעהן, האט דער פאליציי דירעקטאר געענטפערט. ווייסט איהר דען ניט, הערר נאוואק, אז ביי יעדען קרימינאל פראצעס מאכט פריהער דיא פאליציי אן אונטערזו־כונג, זיא זאמעלט צונויף דאס מאטעריאל צו דער אנקלאגע און ניט עס איבער דעם אונטערזוכונגס ריכטער, וועלכער ברענגט עס אין ארדנונג און מאכט דערפון אן אנ־קלאגע? — איך בעט אייך נאך אמאל, גיט מיר ארויס דיעזע פאפיערען. איך דארף זיי האבען.

נאוואק האט זיך געביסען דיא ליפען פאר צארן און פערדרוס. ער האט זעהר גוט פערשטאנען, אז מיט'ן פאליציי דירעקטאר קען מען ניט שפאסען. געגען איהם קען ער גאר ניט טאהן. וואלט איהם נאני שוין אפגעצאהלט דיא דרייסיג טויזענד גולדען, וואלט איהם ווייניג געהארט, וואס ער ניט יעצט אפ דיא פאפיערן. אבער דיא דרייסיג טויזענד גולדען? — יעצט זיינען זיי פערלארען פאר איהם.

— הערר פאליציי דירעקטאר, איך וועל אייך איבערגעבען דיא פאפיערן, האט ענדליך נאוואק געזאגט, אבער נור אונטער דער בעדינגונג, אז איהר זאלט זיי ניט עפענען, ביז איהר וועט האבען דערצו אן ערלויבניס פון אבעררי‌כטער.

— דאס קען איך אייך צוזאגען, האט דער פאליציי דירעקטאר געענטפערט. מארגען גאנץ פריה וועל איך רעדען מיט'ן אבעררי‌כטער און וועל בעטען ביי איהם אן ערלויבניס צו עפענען דיזע פאפיערן. איך קען אייך צוזאגען, אז איך וועל זיי עפענען פאר איהם אין דיא אויגען און איך מיט איהם וועלען זיי דורכלעזען.

דער אדוואקאט האט געמוזט מאכען א מינע, אז ער איז דערמיט צופריעדען. ער האט פראבירט רעדען פון אנדערע זאכען.

— קענט איהר מיר ניט זאגען, ווער איז דער קליינער מאן מיט דיא שווארצע האר, וועלכער האט געבראכט אהער דעם באראן פאן באטהיאני? האט ער פלוצלונג א פרעג געטאהן?

— דאס קען איך אייך נאך יעצט ניט זאגען, ווייל איך וויים עס נאך אליין ניט.

— וויא איך האב געהערט, האט איהר איהם ארעסטירט. מעג איך וויסען, פאר וואס איהר האט איהם ארעסטירט?

— ליידער, קען איך עס נאך יעצט ניט זאגען, האט דער פאליציי דירעקטאר געענטפערט.

— געהערט ער זיך עפעס אן מיט'ן פראצעס פון באראן פאן באטהיאני?

— יא, הערר נאוואק. יוען מיר וועלען דורכלעזען דיא פאפיערן, וועלכע געפינען זיך ביי אייך, און מיר וועלען געפינען אין זיי, וואס מיר זוכען, וועט זיך ארויסווייזען, אז דער באראן פאן באטהיאני איז אין גאנצען אונשולדיג.

— דאס קען ניט זיין! האט דער אדוואקאט אויסגערופען, איך בין איבערצייגט, אז דער באראן פאן באטהיאני איז א פערברעכער.

— און איך גלויב, אז דער באראן פאן באטהיאני איז אונשולדיג, האט דער פאליציי דירעקטאר געענטפערט.

— זייט ניט איבעראיילט! האט איהם נאוואק געווארנט.

— איך וועל מיך געוויס ניט איבעראיילען. איך וועל ניט טאהן קיין זאך, איידער איך וועל פרעגען דיא ריכטער. מיר דאכט, אז מארגען אין דער פריה וועט דער באראן פאן באטהיאני זיין פריי.

נאוואק איז געווארען בלייך, וויא קאלך. אויף אזא שלאג האט ער זיך ניט געריכט.

— דאס וועט איהר ניט טאהן, הערר פאליציי דירעקטאר! האט ער אויסגערופען. פערגעסט ניט, אז איהר האט צו טאהן מיט א געפעהרליכען פערברעכער.

— איך ווייס זעהר גוט, מים וועמען איך האב צו טאהן און איך האב שוין געהייסען, אז גראף מעראס זאל אונז געבען אן אונטערשריפט, אז ער וועט אונז איבער־געבען דעם באראן פאן באטהיאני צו יעדער צייט, ווען מיר וועלען איהם דארפען און איך וועל איהם ארויסלאזען.

— טהוט איהר עס אויף איינענער רעכנונג?

— יא, הערר אדוואקאט.

— דאן מוז איך אייך זאגען, אז איהר ערלויבט זיך צו פיעל, האט נאוואק גע־זאגט שטרענג. איהר נעהמט אויף זיך א שווערע פעראנטווארטליכקייט.

— איך נעהם עס אויף זיך און איך וועל אלעס פעראנטווארטען, האט דער פאליציי דירעקטאר געענטפערט רוהיג.

— דאן וועל איך אייך ווייזען, אז מען וועט אויפהענגען דעם באראן פאן באטה־יאני נאך מארגען גאנץ פריה.

— טהוט עס, הערר נאוואק! בעווייזט עס מיר! האט דער פאליציי דירעק־טאר געענטפערט. איך וועל זיין דערמיט זעהר צופריעדען.

— איהר וועט שוין זעהן.

— מיר וועלען דאריבער שפעטער רעדען, האט דער פאליציי דיעקטאר געענט־פערט. יעצט אבער גיט מיר דיא פאפיערן און לאזט מיך געהן. איך האב נאך פיעל ארבייט היינט ביי נאכט.

דער אדוואקאט האט איהם איבערגעגעבען דיא פאפיערן. דער פאליציי דירעקטאר האט איהם געדאנקט גאנץ העפליך, האט זיך פערנייגט און איז זיך אוועקגעגאנגען.

נאוואק איז געבליעבען זיצען, וויא א פערשטיינערטער. ער האט פערשטאנען, אז דא קאכט זיך עפעס. ער האט געזעהן, אז דא איז עפעס פארגעקומען. ער האט אבער ניט געוואוסט, וואס דא איז פארגעקומען. ער האט ניט געוואוסט, פון וואס פאר א זייט דער שטורם וועט אנקומען

ער איז געזעסען א לענגערע צייט פערטיעפט אין זיינע טרויעריגע געדאנקען. א לייכטער גערויש האט איהם אויפגעוועקט. זיין שרייבער פראנץ איז אריינגעקומען און האט איהם דערלאנגט דאס פאפיער, וואס ער האט אנגעשריעבען.

נאוואק האט עס דורכגעלעזען און האט געפונען, אז עס איז גאנץ ריכטיג, עס איז געשריעבען, וויא ער האט געוואלט.

— יעצט, פראנץ, זעץ דיך אניעדער און שרייב אן אן אנקלאגע געגען גראף געארג פאן טאקקי.

— וואס זאל איך שרייבען? האט פראנץ געפרעגט.

— שרייב, אז ער איז אנגעפאלען אויף מיר ביי נאכט אין מיין הויז און האט געוואלט מיך טויטען.

— איך האב דאך געהערט, אז....

— דוא האסט גאר ניט געהערט! דוא ווייסט גאר ניט! האט דער אדוואקאט געשריען. זעץ דיך און שרייב, וואס איך הייס דיר!

פראנץ האט געשוויגען און האט געטאהן, וואס מען האט איהם געהייסען.

אין א קורצע צייט איז פערטיג געווארען דאס פאפיער, וועלכעס דער אדוואקאט האט פערלאנגט.

— יעצט קענסט דוא געהן שלאפען, האט דער אדוואקאט געזאגט צו זיין שרייבער.

פראנץ איז אוועקגעגאנגען. נאוואק איז געבליעבען אליין.

— איך קען ניט שווייגען און דארף ניט שווייגען האט נאוואק געזאגט צו זיך אליין. איך דארף ניט דערלאזען, אז דער באראן פאן באטהיאני זאל בלייבען לעבען. זיין לעבען קען זיין מיין טויט. איך האב שוין פערלארען דרייסיג טויזענד גולדען. זאל איך פערליערן דאס פערמעגען פון דער פאמיליע באטהיאני? דאס קען ניט זיין! דאס וועט ניט זיין!

ער האט צונויפגעלעגט דיא פאפיערן, האט זיך אנגעטאהן און איז ארויסגעגאנגען אין דיא פינסטערע נאכט.

16טער קאפיטעל.

נאני בעקומט א בעזוך.

נאני מיט זיין פאמיליע זיינען געקומען אהיים גאנץ רוהיג און צופריעדען. גראף מעראס אליין האט זיי דאך געזאגט, אז זיין האפנונג האט איהם בעטראָגען. אלזא, האט ער פערלארען יעדע האפנונג צו רעטען ארטהור'ן. וואס נאך ווילען זיי דען?

ווען זיי זיינען געקומען אהיים, האבען זיך אויסגעטאהן און האבען זיך געזעצט צום טיש, האט דיא גרעפין פאן ראדעצקי געזאגט צו איהר מאן:

— יעצט זעה איך, אז דוא ביסטווירקליך א גרויסער מאן, נאני. דוא האסט ווירקליך אויסגעפיהרט, וואס דוא האסט געוואלט. יעצט האף איך ווירקליך, אז אין עטליכע טעג ארום וועלען מיר זיין גראף מעראס פערוואנדטע. דיא גרעפין פאן טאָקקי האלט פאר אונז, וויא שטאהל און אייזען.

— דוא האפסט און איך בין זיכער, אז עס וועט זיין, וויא איך וויל, האט נאני געענטפערט. „דער אדוואקאט נאוואק האט מיר פערזיכערט, אז נאך היינט ביי נאכט וועט מען איבערגעבען ארטהורן צום הענקער. איך וויים פאר געוויס, אז ער וועט האלטען ווארט.

— איהר רעדט אלץ פון ארטהורס טויט, האט זיך מאקס פלוצלונג אריינגעמישט, איהר פערגעסט אן עלוויראַ'ן. וואס ווערט דען דערפון, וואס ארטהור וועט שטארבען, ווען עלווירא האט מיך פיינט? זיא וויל זאגאר ניט רעדען מיט מיר; זיא קעהרט זיך אוועק פון מיר, ווען איך רעד צו איהר. וואס וועל איך דען האבען דערפון, וואס ארטהור וועט שטארבען?

— דאן וועט עלווירא איהם פערגעסען און זיא וועט נאך זיין גליקליך, ווען גראף פאן ראדעצקי וועט וועלען זיא הייראטהען.

— אבער ווען וועט עס זיין?

— פריהער אדער שפעטער, אבער זיין מוז עס, האט נאני ערקלערט. עלווירא

וועט דאן מוזען איינזעהן, אז קיין בעסערען מאן פון גראף פאן ראדעצקי קען זי ניט האבען.

איינינע מינוטען האבען אלע געשוויענען. פלוצלונג האט זיך מאקס אפגערופען:

— ווייסט איהר, אז מיר איז היינט ניט געפעלען דיא מינע פון גראף מעראס? מיר ווייזט אויס, אז ער האט עפּעס בעהאלטען, אז ער פערשטעלט זיך פאר אונז. ער פערדעקט עפּעס פאר אונז. ער היט זיך פאר אונז.

— דאס איז אונמעגליך, האט נאני געענטפערט, גראף מעראס איז אן אָפענהערציגער, איינפאכער מענש. ער ווייס ניט פון פערשטעלען זיך. ווען ער האט עפּעס צו זאגען, זאגט ער עס ארויס פריי און אָפען. ער שעהמט זיך ניט פאר קיינעם און דארף זיך ניט פערשטעלען. — האסט דוא עפּעס בעמערקט? האט ער געפרעגט זיין פרוי.

— איך האב אויך נאר נישט בעמערקט. האט דיא גרעפין פאן ראדעצקי געענטפערט.

— עס איז ניט געווע', וואס צו בעמערקען, האט נאני געזאגט פרעהליך. דער גראף איז געוועזן פריינדליך און צוטרויליך, וויא געוועהנליך. ער איז פיעלייכט געוועזן א ביסעל טרויעריג, ווייל ער איז נור וואס געקומען פון ארטהור'ן. דאס מאכט אבער ניט אויס. זייט רוהיג, מאקס, אין א גאנץ קורצער צייט זייט איהר עלוויראס מאן.

מאקס האט געשאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ. ער האט ניט געגלויבט, וואס דער בארָאן האט איהם געזאגט. ער האט בעסער געקענט עלוויראן.

מען האט זיך געזעצט עסען. דאס אבענדעסען איז פערגאנגען שטיל און רוהיג. מאקס איז געזעסען פערטראכט. ער האט ניט געגלויבט, וואס נאני האט איהם געזאגט. ער האט אנדערש געדאכט, ער האט אנדערש געגלויבט. ער האט בעמערקט אויפ'ן געזיכט פון גראף מעראס א הארטען, שטרענגען אויסדרוק. ער האט גוט בעמערקט, אז דער גראף איז ניט דאס, וויאס ער איז געווען; אז אויף זיינע ליפּען האט געשפּיעלט א זאנדערבארער שמייכעל.

דאס אבענד עסען איז פערגאנגען גאנץ שטיל. נאני און זיין פרוי זיינען צוואר געוועזן צופריעדען און פרעהליך, זיי האבען אבער געפיהלט, אז מארגען, איבערמארגען מוז זיך ענטשיידען זייער שיקזאל. מען האט דאהער שנעל אפגעגעסען און מען איז זיך צוגאנגען יעדער אין זיין צימער.

ווען נאני איז געבליעבען אליין, האט ער אנגעהויבען צו קלערן:

— וואס זאל דאס הייסען? פאר וואס איז יאזעף נאך ניט געקומען? ער ווייס דאך, אז איך ערווארטע איהם. איך האב דאך איהם געשריעבען, וואו איך שטעה איין. פאר וואס קומט ער ניט? — ער האט איבערגעגעבען ארטהור'ן אום זעקס אוהר אבענדס, יעצט איז שוין צעהן אוהר און ער איז נאך ניטא?

ער איז געווארען זעהר אונרוהיג. ער האט זעהר גוט געקענט יאזעפ'ן. ער האט געוואוסט, אז יאָזעף איז פּינקטליך. יאזעף פערשפּעטיגט זיך ניט. ער האט שוין לעגגסט געדארפט ווארטען אויף איהם.

— זאָל איך זאגען, אז יאָזעף איז אנטלאפען געווארען מיט'ן געלד?

ווייטער געפרענט. — דאס קען נימ זיין. ער האט מורא פאר מיר. ער ווייס דאך גאר נים, וואו זיין פרוי און קינדער געפינען זיך.

נאגי האט אנגעהויבען ארומצוגעהן האסטיג אין זיין צימער. ווען עס זאל נימ געווען זיין אזוי שפעט ביי נאכט, וואלט ער געווים געלאפען זוכען יאזעף׳ן. עס איז אבער שפעט. וואוהין וועט ער געהן?

פלוצלונג האט ער געהערט, וויא מען קלאפט אין זיין טהיר.

— אהא! ענדליך! האט ער אויסגערופען, דאס איז ער! ענדליך קומט ער! ער איז געלאפען עפענען דיא טהיר.

מען קען זיך לייכט דענקען, וויא ערשטוינט ער איז געווען, ווען אנשטאט יאזעף איז אריינגעקומען אין צימער דער אדוואקאט נאוואק.

— נאגי איז אפגעשפרונגען פון דער טהיר, גלייך וויא ער האט דערזעהן פאר זיך א גיפטיגע שלאנג.

— הערר אדוואקאט! אזוי שפעט? האט נאגי אויסגערופען.

— יא, הערר באראן, איך קום אביסעל שפעט. האט נאוואק געענטפערט מיט א זאנדערבארען שמייכעל.

— עס מוז שוין זיין עטוואס נייעס, ווען איהר זייט געקומען אין אזא אונגעוועהנ־ליכע צייט.

— יא, הערר באראן, עס זיינען ווירקליך פארגעקומען זאנדערבארע זאכען דיעזען אבענד. איך האף, אז איהר וועט מיר ענטשולדיגען, וואס איך בין געקומען אייך שטערן אזוי שפעט ביי נאכט.

נאגי איז געווארען בלייך, וויא קאלך און האט אויסגערופען:

— וואס איז דען געשעהן? — זאגט! דערצעהלט!

— עס זיינען פארגעקומען פיעלע נייאינקייטען.

— דערצעהלט אלזא!

—ווארט, הערר באראן! קיינע איילע!

— איך פערשטעה אייך נים, הערר אדוואקאט. ווען איהר האט מיר עפעס מיטצוטהיילען, קענט איהר עס דאך זאגען.

— איך מוז מיך איבערלעגען, וואס איך זאל אייך פריהער דערצעהלען.

— האט מען איבערגעגעבען דעם באראן פאן באטהיאני צום הענקער? האט נאגי געפרענט.

— ניין, האט דער אדוואקאט געענטפערט קורץ.

— ניין? האט נאגי איבערגעפרעגט, וואו דען איז ער יעצט?

— גראף מעראס וויל איהם ארויסנעהמען אויף ערבות.

— וועט מען איהם דען ארויסגעבען?

— איך האב מורא, אז מען וועט עס טאהן.

— איהר לאכט פון מיר, הערר נאוואק. דאס קען נים זיין!

— לײדער איז עס אזוי.

— פון וואנען ווייסט איהר עס?

— איך האב אליין געהערט, וויא גראף מעראס האט עס געפאָדערט.

— איהר זייט דאך אבער א בעאמטער! איהר קענט דאך דיא געזעצע בעסער פון איהם! האט זיך נאני נעקאָכט.

— גראף מעראס איז א מאכט. עס איז ניט לייכט זיך צו שטעלען נעגען איהם.

— דאס וואלט איך ניט נעגלויבט פון איהם! האט נאני געשריען אויסער זיך. איך בין ערשט ניט לאנג געוועזן ביי איהם און ער האט מיר געזאגט, אז ער האט שוין קיין האפנונג צו רעטען דעם באראן פאן באטהיאני.

— גלויבט איהם ניט, דעם אלטען פוקס, האט נאוואק געענטפערט. ער שפיעלט א קאָמעדיע, דער אלטער.

— איהר זייט דאך אבער קלינער און געשיקטער פון איהם! האט נאני זיך נעקאָכט.

— איך וועל אויך אויספיהרען, וואס איך וויל, האט דער אדוואָקאט געענט־פערט שטאָלץ. איך שלאף ניט. איך האב מיך שוין געזעהן מיט דיא ריכטער. דער באראן ארטהור פאן באטהיאני וועט שטארבען, אבער ניט מארגען אין דער פריה, זאנדערן איבערמאָרגען. זייט רוהיג, באראָן, איך וועל עס ניט דערלאָזען, אז מען זאל לאבען פון מיר.

נאני האט אויפגעאטהעמט פרייער. עס איז נאך דא א האפנונג אז מען וועט אויפהענגען דעם באראָן פאן באָטהיאני.

— קענט איהר מיר ניט ערקלערן, הערר אדוואָקאט, פאר וואס גראף מעראס איז אזוי פעראינטערעסירט אין באראָן פאן באטהיאני? האט נאני געפרעגט, איך ועה, אז ער שטעלט זיך פאר איהם און נעהמט זיך אן פאר איהם, וויא פאר אן אייגען קינד: וואס נעהערן זיי זיך אן?

— ערשטענס, ליעבט עלווירא דעם באראן פאן באטהיאני און האט ערקלערט, אז זיא וועט ניט לעבען אהן איהם. צווייטענס איז פארגעקומען א גאנץ נייער אומ־שטאנד....

— אה, שוין ווידער א נייעס! האט נאני אויסגערופען.

— געווים שוין ווידער א נייעס, האט דער אדוואקאט געלאכט.

נאני איז געווארען אונרוהיג.

— זאגט שוין ארויס אלעס! האט ער געשריען. מארטערט מיך ניט!

— גראף מעראס איז דער בעסטער פריינד פון ארטהורס פאטער.

— וואו האט ארטהור א פאטער? ארטהורס פאטער האט מען דאך ארויסגע־טריעבען פון אונגארן. ער איז דאך ערגעץ געשטארבען. מען ווייס דאך זאגאר ניט, וואו ער איז געשטארבען.

— דאס איז דאך עס טאקע. ווען מען ווייס ניט, וואו ער איז געשטארבען, קען דאך זיין, אז ער לעבט. ווען ער לעבט, קען ער דאך זיין אין בודאפעסט.

— איך פערשטעה איך ניט, הערר אדוואקאט! ווען איהר ווילט עפעס

דערצעהלען, דערצעהלט עס מיר פריי און אָפען, הערט אויף מיך צו מאַר־טערן מיט אייערע רעטענישען.

— אַזוי? איהר ווילט אַלעס וויסען? האָט דער אַדוואָקאַט געפרעגט, — נון, גוט! דאַן וועל איך אייך עס זאָגען: אַרטהור׳ס פאָטער לעבט.

— וואָס רעדט איהר? וואו איז ער?

— ער איז אין בודאַפעסט.

— און איך קען איהם גאָר ניט? איך ווייס גאָר ניט פון איהם!

— איהר קענט איהם זעהר גוט.

— שפּאַסט ניט מיט מיר, הערר אַדוואָקאַט!

— איך שפּאַס גאָר ניט. איך זאָג אייך די וואַהרהייט.

— אַז איך קען אַרטהור׳ס פאָטער?

— יאַ, הערר באַראָן, איהר קענט איהם שוין לאַנג.

נאַגי האָט געטאַנצט פאַר צאָרן און פערדרוס. עס איז געווען דייטליך, אַז דער אַדוואָקאַט וויל איהם אַביסעל מאַרטערן. דאָס האָט איהם שרעקליך פערדראָסען. אין דערזעלבער צייט אָבער האָט ער געוואוסט, אַז דער אַדוואָ־קאַט האָט ווירקליך פיעלע וויכטיגע נייעס.

— הערר אַדוואָקאַט, מיר זיינען קיינע קינדער, האָט נאַגי ענדליך גע־זאָגט ערנסט. ווען איהר האָט מיר עפּעס צו זאָגען, זאָגט מיר אַרויס אַלעס. ווען איהר ווילט מיר ניט זאָגען, בין איך אויך צופריעדען. געהט אייך געזונ־טערהייט.

— וואָס זאָל איך נאָך זאָגען? האָט דער אַדוואָקאַט געלאַכט, אַרטהור׳ס פאָטער לעבט און איהר קענט איהם זעהר גוט.

— איך קען דאָך איהם אָבער ניט!

— קענט איהר דען ניט דעם טויגענִיכטס, דעם בעטלער, וועלכען איהר פלעגט רופען דער שטומער בעטלער?

— געוויס קען איך איהם.

— דאָס איז אַרטהור׳ס פאָטער!

— אונמעגליך! דאָס קען ניט זיין!

— עס איז אַזוי, הערר באַראָן. איך שפּאַס ניט. ער ווייס אַלעס און ער האָט שוין דעם דאָקומענט, וועלכעס די רויבער האָבען דאַמאַלס צוגענומען בייס גראַף געאָרג פאָן טאָקקי, האָט נאָוואַק געזאָגט גלייכגילטיג, אָבער ביי איהם אין האַרצען האָט דאָס געקאָכט, ווי אין אַ קעסעל.

— וואָס פלוידערט איהר? האָט נאַגי געשריען און האָט געציטערט פאַר צאָרן און פערדרוס.

— איך פלוידער גאָר ניט, ער האָט שוין פאַרגעשטעלט דיעזען דאָקו־מענט אין געריכט. איך וועל מוזען איהם צוריקגעבען דאָס שלאָס באַטהיאַני. עס טהוט מיר זעהר לייד, וואָס איהר, הערר באַראָן, וועט קענען מעהר וואָה־נען אין שלאָס באַטהיאַני. עס איז וואַהר, אַז איך האָב עס אייך פערקויפט. עס האָט אָבער קיין ווערטה.

ווען דער בליץ זאָל געווען טרעפען לעבען נאַגי, וואָלט ער זיך אַזוי ניט דערשראָקען, וויא יעצט ווען ער האָט דערהערט דיעזע נאַכריכט פון'ם אדוואָקאַט. נאַגי איז געווען גענוג קלוג אום צו פערשטעהן, אַז דער אַדוואָקאַט שפּאַסט ניט.

איינינע מינוט האָט ער געשוויגען. זיין קאָפּ האָט געאַרבייט. אויף זיין שטערן זיינען אַרויסגעטרעטען גרויסע שוויס טראָפּען. זיין געזיכט האָט אָנגענומען אַלעריי פאַרבען, ענדליך איז עס געוואָרען אַש און גרוי.

— שרעקליך! האָט ער ענדליך אויסגערופען. — שרעקליך! איהר ברענגט מיר די שרעקליכסטע נייאינקייטען. — אַך! איך האב שטענדיג פיינט געהאַט דעם שטומען בעטלער. איך האב געפיהלט, אַז ער וועט מיר ברייגען הונגער און שאַדען. איך האב געזוכט איהם צו פערניכטען, עס איז מיר אבער ניט געלונגען. — אַך, הערר נאוואַק! איהר זייט אַ קלוגער מענש. איהר זייט אַ פעהיגער מענש. איהר קענט מיר יעצט ראַטהען, איהר קענט מיר יעצט אַרויסהעלפען אין אַ נויט.

— איך וועל טאהן פון אַ'יערטוועגען אַלעס, וואס איך וועל נור קענען. דערצעהלט מיר נור, וואס האט איהר דען מורא פאַר'ן שטומען בעטלער.

נאַגי האט איהם דערצעהלט אַלעס, וואס ער האט געוואוסט פון'ם שטומען בעטלער אדער פון באַראן פאן באַטהיאַני אַרטהור'ס פאטער.

— עס איז ניט אזוי שרעקליך, וויא איהר מיינט, האט דער אַדוואקאַט געזאגט. ווען דער אלטער קען ניט בעווייזען, אז איהר האט געוואלט איהם טוידטען, איז עס גארנישט. פאר אזא אנקלאגע מוז מען האבען זיכערע צייגען. לאמיר אבער זאגען, אז ער האט יא צייגען, דאן איז עס אויך ניט געפעהרליך. ווען איך קריעג מיך מיט א מענשען און איך וויל איהם טוידטען אין צארן, אין א מינוט פון אויפרעגונג, איז עס נאך ניט אזוי געפעהרליך, דאס הייסט נאך קיין מארד.

— עס איז אבער דאך העכסט אונאנגענעהם! האט נאגי אויסגערופען.

— דאס וויים איך מען קען עס אבער העלפען.

— זאגט, הערר אדוואקאט! העלפט, ווען איהר קענט!

— עס וועט אבער קאָסטען געלד, האט נאוואק בעמערקט.

— רעדט ניט פון געלד! איך וועל אייך אוועקגעבען מיין גאנצעס פערמעגען, נור רעטעט מיך.

דער אדוואקאט האט זיך פערטראכט.

— וואס דענקט איהר, ווען מען זאל פלוצלונג ארעסטירען דעם געוועזענעם שטומען בעטלער? האט ער פלוצלונג געפרעגט. וואס דענקט איהר, ווען דער פאטער און דער זוהן זאלען ביידע זיצען איינער לעבען אַנדערן אין די טונקעלע קעמערליך פון סאַנקט געאָרג געפענגניס.

— וואָס זאָל איך זאגען? עס וואלט געווים געווען זעהר גוט, האט נאַגי געענטפערט, וויא אזוי מאכט מען עס אבער? וויא אַזוי קען מען זיי ארעסטירען? איך זעה דאָך אַז זיי האָבען אַ בעזונדערס גליק. זיי דרעהען זיך שטענדיג אוים. קיין קוגעל נעהמט זיי ניט.

ער האָט געזאָגט די לעצטע ווערטער אַזוי טרויעריג און אַזוי פערצווייפעלט,

אז אנאנדערער, נים דער אדוואקאט נאוואק, וואלט גערארפט האבען מיטלייד מיט איהם. נאוואק אבער איז היינט געווען אויפגערעגט און האט זיך גערייצט מיט'ן באראן. ער האט אומיסטען געוואלט איהם פלאגען.

— וואס קען איך דען העלפען? האט ער אויסגערופען. איהר זעהט דאך, אז איך טהו אלעס, וואס איך קען.

— האט איהר נאך זיינע פאפיערען? האט פלוצלונג נאני געפרעגט.

— איך האב זיי שוין ניט.

— וואס רעדט איהר? וואו דען זיינען דיעזע פאפיערען? האט איהר זיי אפגע־געבען צוריק דעם גראף מעראס?

— ניין.

— וואו דען זיינען זיי?

— דער פאליציי דירעקטאר האט זיי ביי מיר צוגענומען.

נאני'ס געזיכט איז געווארען ערד פארביג.

— אה! דאן איז אלעס פערלארען! האט ער געקרעכצט וויא א פערוואונדעטעס טהיער. — דאן האב איך קיין האפנונג מעהר.

— בערוהיגט אייך, הערר באראן! עס שטעהט נאך גאר ניט אזוי שלעכט. דער פאליציי דירעקטאר האט מיר צוגעזאגט, אז ער וועט ניט עפענען דיא פאפיערן.

— צוגעזאגט? האט נאני געלאכט. — צוגעזאגט? האט איהר דען אמאל געזעהן, אז דיא פאליציי זאל האלטען, וואס זיא זאגט צו? איהר וועט מיר ניט איינרעדען, הערר נאוואק! קוים האט דיא פאליציי דיעזע פאפיערן, וועט זיא זיי שוין עפענען.

— איך בין דאך עפעס אויך דא! האט נאוואק געענטפערט שטאלץ.

נאני האט ניט געהערט אדער האט זיך געמאכט, אז ער הערט ניט, וואס נא־וואק האט איהם געזאגט. ער האט פערשטאנען, אז יעצט איז אלעס פערלארען. פלוצלונג האט ער א פרעג געטאהן:

— זייט איהר געווען אין דער פאליציי, ווען מען האט געבראכט דעם באראן?

— געוויס בין איך דארט געווען.

— האט איהר געזעהן דעם מאן, וועלכער האט געבראכט אהער דעם באראן פאן באטהיאני?

— איך האב איהם געזעהן.

— וואו איז ער?

— ער איז ארעסטירט.

— ארעסטירט? פאר וואס?

— עפעס איז ער אנגעפאלען אין א וואלד אויף די גרעפין פאן טאקקי און האט געטייטעט איהר קוטשער.

נאני איז אויפגעשפרונגען, וויא א וואהנזיניגער. דער אדוואקאט האט איהם געבראכט איין שרעקליכע נאכריכט נאך דער אנדערער.

— צום טייפעל! האט ער אויסגערופען, איך זעה, אז איהר האט מיר

געבראכט א גאנצען זאק מיט שרעקליכע נאכריכטען. — זאגט, האט איהר נאך עפּעס פאר מיר?

דער אדוואָקאט האט פערצויגען מיט דיא אקסלען.

נאני האט פערוואָרפען דעם קאפּ און האט זיך פערטראכט. ער האט זיך איבערלעגט און האט געפונען, אז זיין לאגע איז א שרעקליכע.

— געהט אייך! האט ער אויסגערופען, וואס ווילט איהר פון מיר? איהר שטאלצירט נור, אז איהר קענט עפּעס טאהן; ווען עס קומט אָבער צו טאהן עפּעס, ווייסט איהר ניט און קענט ניט.

— איך בין געקומען זיך בעראטהען מיט אייך, האט דער אדוואָקאט גענענט־פערט רוהיג.

— איך דארף אייך ניט! געהט אייך! האט נאני געשריען אויסער זיך.

דער אדוואָקאט האט זיך פערנייגט און איז ארויסגעגאנגען.

17טער קאפּיטעל.

אנטלאפען.

נאני איז געבליעבען אליין. ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין שטוהל און האט זיך אנגעהאפּט ביים קאפּ.

— יאָזעף איז ארעסטירט! האט ער אויסגערופען, מיט איהם איז אלעס פער־לארען. מיט איהם איז איינגעפאלען מיין גאנצעס געביידע. מען וועט ביי איהם געפינען מיין געלד און מיינע בריעף. ער אליין וועט זיך ניט איינהאלטען. ער וועט אלעס אויס־זאגען. דאן איז קיין הילף מעהר דא פאר מיר. דאן מוז איך....

ער האט ניט ארויסגעזאגט דאס שרעקליכע ווארט. ער האט עס ניט געקענט ארויסזאגען. ער איז פּלוצלונג אראָפּגעפאלען פון הימעל צו דער ערד. ערשט פריהער מיט איינינע שטונדען איז ער געווען זיכער, אז ער האט אלעס אויסגעפיהרט, און יעצט.... אך, יעצט!

— עס העלפט ניט! האט ער אויסגערופען, איך קען דא ניט בלייבען. איך בין יעצט אויפגערעגט, מיין קאפּ קען ניט דענקען. איך קען מיר יעצט ניט געפינען קיין ראטה. — צום אונגליק, האב איך נאך קיין געלד ביי מיר. איך מוז יעצט ווידער ארבייטען, איך מוז ווידער מאכען מיר א גרויסע סומע געלד. מיט געלד קען מען אלעס טאהן. ווען איך וועל האבען הונדערט טויזענד גולדען אין מיין קאסא, וועל איך דאך קענען מיך אויסדרעהן. דאס פאָרדערט אבער ארבייטאון צייט. הונדערט טויזענד גולדען מאכט מען ניט אזוי לייכט. עס פאָרדערט צייט. דיעזע צייט מוז איך געווינען. אלזא, אנטלויפען! עס ברענט דיא ערד אונטער מיינע פיס. איך קען דא ניט בלייבען! איך מוז אנטלויפען.

ער איז צוגעגאנגען צום שנור פון דער גלאָק און האט אנגעהויבען צו קלינגען. א דיענער איז אריינגעקומען און האט געפרעגט:

— וואס ווינשט דער העדר באראָן?

— איך וויל אַז מען זאָל אויגעבליקליך איינשפּאַנען מיין קאַרעטע! האָט דער באַראָן געזאָגט שטרענג.

דער דיענער איז אַרויסגעגאַנגען אויספיהרען דעם בעפעהל, וואָס נאַגי האָט איהם געגעבען. נאַגי איז אַריינגעגאַנגען צו זיין פרוי און האָט זי גע־טראָפען מיט מאַקס'ן.

מוטער און זוהן האָבען דערזעהן מיט שרעק און שטוינען, אַז נאַגי איז בלייך און אונרוהיג.

— גוט, וואָס איך טרעף אייך ביידען צוזאַמען, האָט נאַגי געזאָגט האַס־טיג. מאַכט אייך פערטיג צו אַ רייזע. מיר מוזען באַלד אַרויספאָהרען פון בו־דאפּעסט איך האָב שוין געהייסען איינשפּאַנען אונזער קאַרעטע.

די גרעפין און מאַקס זיינען אויפגעשפּרונגען, וויא די אָפּגעבריהטע.

— וואָס איז שוין נייעס, נאַגי? האָט די גרעפין געפרעגט דערשראָקען און איבערראַשט.

— וואוהין פאָהרען מיר דען?

נאַגי האָט ניט געוואָלט זיי אַלעס דערצעהלען, וויא עס האָט געקאָכט און געזאָטען ביי איהם אין האַרצען, ער האָט זיך דאָך געשטאַרקט און האָט זיך פערשטעלט, אַז ער איז פרעהליך.

— מיר מאַכען אַ קליינע לוסטרייזע, האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל. מיר האָבען מיט זיך צוויי קאַרעטעס. אין איין קאַרעטע וועלען מיר פאָהרען, אין דער אַנדערער וועלען פאָהרען אונזערע דיענער.

— צו וואָס זאָלען מיר מיטנעהמען אונזערע דיענער אויף דער לוסט־רייזע.

— פאַר וואָס ניט? עס פּאַסט ניט פאַר אַזעלכע אַריסטאָקראַטען, וויא מיר זיינען, צו פאָהרען אָהן דיענער.

— אַך, נאַגי! דו זאָגסט מיר ניט די וואַהרהייט, האָט די גרעפין גע־זיפצט, זאָג מיר אַלעס, פאַר וואָס זאָלסטו פון מיר בעהאַלטען די וואַהרהייט? דו ווערסט באַלד אַלעס געוואָהר ווערען.

מאַקס האָט איהם אָנגעקוקט ערשטוינט. זיינע בליקען האָבען געפרעגט: האָסט דו פאַר אונז גוטעס אָדער שלעכטעס אין זינען?

— באַלד, באַלד מאַקס וועט איהר אַלעס וויסען. יעצט, מיינע ליעבע, איילט אייך און פּאַקט צונויף אייערע זאַכען, עס איז שוין שפּעט, און מיר דאַרפען קיין צייט ניט פערליערען.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אַרויסגעלאָפען פון צימער.

מוטער און זוהן זיינען געבליבען אַליין. מאַקס האָט געוואָלט עפּעס פרע־גען, עפּעס זאָגען, עפּעס איבעררעדען מיט זיין מוטער, זי האָט איהם אָבער ניט געלאָזט.

— מיר מוזען זיך איילען, מאַקס, האָט זי איהם געזאָגט, געה אין דיין צימער, פּאַק צונויף דיינע זאַכען און קום צו מיר.

אין איניגע מינוטען זיינען אַלע דריי געווען פערטיג צו דער רייזע. נאַגי האָט זיך געאיילט. ער האָט געהייסען זיין פרוי און מאַקס'ן זיך איילען און מיטנעהמען מיט

זיך נור דאָס נעסטהינסטע. דעם שווערען באַגאַזש האָט ער געהייסען לאָזען אין האָטעל.

פונקט איינס אוהר זיינען אַלע דריי געזעסען אין זייער קאַרעטע. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, נאַסע און שרעקליך פינסטערע. עס איז געווען דער פיערצעהנטער נאָוועמבער, אָנפאַנגס ווינטער. קאַלט, נאַס און טרויעריג איז געוועזען די נאַכט, און קאַלט, נאַס און טרויעריג איז געווען נאַגי'ן אויפ'ן הערצען.

— וואוהין פאָהרען מיר? האָט זיך די גרעפין ערלויבט צו פרעגען, פאַר וואָס פאָהרען מיר ביי נאַכט?

נאַגי האָט זיך איינגעהילט אין זיין מאַנטעל און האָט ניט געענטפערט. שנעלער, שנעלער איז געפאָהרען די קאַרעטע. אין שטאָדט האָט זיך נאָך געקענט פאָהרען שנעל. אין שטאָדט זיינען דאָך די גאַסען געווען געפלאַסטערט.

באַלד אָבער זיינען פערשוואונדען די לעצטע הייזער פון בודאַפעסט. די קאַרעטע איז אַרויסגעפאָהרען אויפ'ן טראַקט. דאָ האָט זי געמוזט פאָהרען לאַנגזאַם. דער וועג איז געווען זייער שלעכט. עס האָט גערעגענט נעכטען אַ גאַנצע טאָג, די ערד איז געוואָרען וויך און די רעדער זיינען אָפט אַריינגעקראָכען ביז אין די אַקסען אין געדיכטען שמוץ און לעהם.

דער קוטשער האָט געשלאָגען די פערד, וויפיעל ער האָט געקענט, עס האָט איהם אָבער זעהר ווייניג געהאָלפען.

לאַנגזאַם אין רעגען און שמוץ האָט זיך געשלעפט די קאַרעטע. די פערד זיינען פערמאַטערט געוואָרען און דער קוטשער איז געווען גליקליך, וואָס ער האָט דערזעהן פון וויטען ליכט. דאָס איז געווען אַ דאָרף. ער האָט געמוזט צוקומען צום דאָרף, אום די פערד זאָלען זיך אַביסעל אויסרוהען.

די קאַרעטעס זיינען געפאָהרען צום גאַסט־הויז דאָרט האָט שוין געברענט פייער. אין אַ דאָרף שטעהט מען אויף גאַנץ פריה. נאַגי מיט זיין פאַמיליע זיינען אַריינגעגאַנגען אין גאַסט־הויז און האָבען געהייסען זיך מאַכען טהעע.

דער ווירטה האָט זיי אָפּגעגעבען אַ בעזונדערן צימער און האָט באַלד געבראַכט אַלעס, וואָס זיי האָבען פערלאַנגט.

— נאַגי, זאָג מיר די וואַהרהייט, האָט די גרעפין אָנגעהויבען צו בעטען, וואוהין פאָהרען מיר?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט אַז מיר מאַכען אַ לוסטרייזע, האָט נאַגי געענטפערט.

— נאַר מיך ניט אָפּ, נאַגי, האָט די גרעפין געזאָגט, איך זעה, אַז דו ביסט אין גאַנצען פערענדערט. דו ביסט אונרוהיג. עפּעס איז געשעהן. וויא קומט עס, וואָס מיר זיינען אַזוי פּלוצלונג אַוועקגעפאָהרען?

— איך וועל עס דיר זאָגען, אייזשעניע, אָבער ניט יעצט און ניט דאָ אין גאַסט־הויז. אַלענפאַלס זיי רוהיג. עס וועט דיר גאָר ניט שאַדען.

— שאַדען? האָט די גרעפין איבערגעפרעגט, אַלזאָ קען עס וועמען שאַדען? — זאָג מיר, נאַגי, וואָס איז געשעהן?

— האָב געדולד, אייזשעניע! דו וועסט אַלעס וויסען.

מעהר האט ער ניט געוואלט רעדען מיט איהר איבער זייער רייזע. אזוי וויא זיא האט איהם ניט אפגעלאזען און האט יעדעס מאל געשטעלט א נייע פראגע, האט זיך נאני ענדליך אויפגעהויבען און איז ארויסגעגאנגען אין דרויסען.

מאקס האט געהערט אלעס, וואס זיין מוטער האט גערעדט מיט איהר מאן קוים איז נאני ארויסגעגאנגען, האט זיך מאקס אויפגעהויבען פון זיין ארט און איז אויך ארויסגעגאנגען.

אין דרויסען האט אנגעהויבען צו טאגען. עס האט זיך אנגעהויבען א דונקלער, וואלקענדיגער ווינטער טאג, ווען הימעל און ערד ווייזען אויס, גלייך וויא זיי וואלטען געווען איינגעוויקעלט אין א זאק.

נאני איז געשטאנען אונטערן דאך פון'ם גאסט הויז און האט געקוקט אויפ'ן וועג קיין בודאפעסט. וויא מאקס איז געווען ניט שטארק איבערגעשפיצט, האט ער דאך פערשטאנען, אז נאני האט עפעס מורא; אז ער קוקט אויפ'ן טראקט קיין בודא־פעסט, אויב מען יאגט איהם ניט נאך.

ער איז צוגעגאנגען האסטיג צו איהם און האט געפרעגט:

— וואס איז געשעהן? לייגענט עס ניט, נאני! איך פערשטעה, אז עטוואס שרעקליכעס, אונגעוועהנליכעס איז געשעהן. זאגט עס מיר, איך מוז עס וויסען.

נאני האט איהם אנגעקוקט פון קאפ ביז אין דיא פיס און האט געענטפערט רוהיג:

— איהר וועט נאך צייט האבען עס צו וויסען.

— איך וויל עס באלד וויסען! האט מאקס אויסגערופען, איך מוז אלעס וויסען, זא שנעל וויא נור מעגליך! איך דענק, אז איהר האט קיין מורא ניט, עס מיר צו זאגען.

— מורא? אונזינען! פאר וועמען האב איך מורא? האט נאני געלאכט.

זיין געלעכטער אבער איז געווען א טרויעריגער, זאנדערבארער, דומפפער און האט געקלונגען, וויא פון א ליידיגעס פאס ארויס.

— איהר נארט מיך ניט אפ, נאני, האט מאקס געזאגט ערנסט, איך זעה גאנץ גוט, אז איהר זייט שרעקליך אויפגערעגט, איך זעה, אז איהר זייט אונרוהיג. עפעס איז געשעהן. מיר מאכען יעצט קיינע לוסט רייזע.

נאני האט איהם נאך א מאל בעטראכט, גלייך וויא ער קען איהם גאר ניט. ער האט ניט ערווארטעט, אז מאקס זאל אזוי פיעל פערשטעהן.

— האט איהר קוראזש, מאקס? האט ער פלוצלונג געפרעגט.

— איך קען אלעס הערן.

— דאן קען איך אייך זאגען, אז אלע אונזערע פלאנען זיינען איינגעפאלען, וויא א שטיבעלע פון קארטען, וועלכעס א קינד שטעלט אויף.

מאקס האט א ציטער געטאהן. פון נאני האט ער ניט ערווארטעט אזא נאכריכט.

— אזוי? אלעס פערלארען? האט ער איבערגעפרעגט.

— פערשטעהט איהר דען ניט, אז מיר אנטלויפען פון בודאפעסט?

מאקס איז געבליעבען שטעהן איינינע מינוט, וויא פערשטיינערט. ענדליך האט ער אויפגעאטהעמט און האט אויסגערופען:

— אזוי? אזוי? אזוי וויט איז עס געקומען? מיר מוזען אנטלויפען פון בודא־פעסט, וויא דיא פערברעכער? מיר מוזען אנטלויפען ביי נאכט, אין רעגען, אין שמוץ? — דאס איז דאס הויכע ציעל, צו וועלכען איהר האט אונז געפיהרט? — טרויעריג! שרעקליך טרויעריג! איהר זייט א טויגעניכטס!

— האלט איין דאס מויל, דומקאפ! האט נאגי געשריען העבער. האב איך נאך װעניג געטאהן פאר אייך? האב איך דען ניט ריזיקירט מיט אלעמען אום אייך גליקליך צו מאכען? געפין איך מיך ניט אין דער זעלבער געפאהר וואס איהר? פון וועמענס וועגען האב איך עס געטאהן? פון וועמענס וועגען האב איך געארבייט? — פון אייערט וועגען. און יעצט, ווען עס האט געטראפען אן אונגליק אין מיינע פלענער זיינען פער־ניכטעט געווארען, זידעלט איהר מיך, פערדאמט מיך און פעראכטעט מיך.

— זאגט מיר נור, מאקס, וואס האט איהר עפּעס געטאהן פון אייערטוועגען? — גאר נישט! איהר אליין קענט גאר נישט טאהן. איהר זייט אונפעהיג עפּעס צו טאהן. איך האב איבערגעטראגען אויף מיינע פּלייצעס אלעס. איך האב מיר געבראכען דעם קאפּ. איך האב געארבייט, איך האב געשאפט, איך האב געווירקט. ווען מיינע פלענער וואלטען געראטהען, וואלט איהר מיך געלויבט און וואלט געוועזען מיין פריינד. עס האט אבער מיר געטראפען אן אונגליק, זידעלט איהר מיך און זייט אויף מיר בייז. דאס איז דער וואהרער ציבען פון א לייכטזיניגען אינגעל. קוים געהט איהם, וויא ער וויל, ווערט ער בייז אויף דער גאנצער וועלט, זידעלט זיך, בעליידיגט יענעם און יאמערט, וויא אן אלטע באבע.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך אומגעקעהרט צו מאקס'ן מיט'ן רוקען און איז זיך אוועקגעגאנגען אין פעלד.

מאקס האט געציטערט פאר צארן און פערדרוס. נאגי האט איהם גערופען לייכטזיניגער אינגעל. דאס איז דיא גרעסטע בעלײדיגונג פאר א יונגען מענשען, וועל־כער דענקט, אז ער איז שוין קלוג גענוג און אלט גענוג צו קענען דיא וועלט, וויא א דערוואקסענער.

ווען ער האט געזעהן, אז נאגי געהט אוועק אלץ ווייטער און ווייטער, איז ער איהם נאכגעלאפען און האט איהם אנגעכאפּט ביים מאנטעל.

— דוא ווילסט אנטלויפען, טויגעניכטס! האט ער אויסגערופען ניט מיט זיין קול. דוא האסט אונז פערפיהרט אין אן אונגליק און יעצט ווילסט דוא אונז לאזען שטעהען אין דער בלאטע! — ניין! איך וועל דיך ניט אפּלאזען.

נאגי האט זיך אויסגעדרעהט פון מאקס הענד און האט איהם געזאגט בייז און פול צארן:

— לאז מיך, נאררישער אינגעל! לאז מיך אפּ אדער איך וועל דיר צוברעכען דיא ביינער.

מיט דיעזע ווערטער האט ער געוואלט אוועקגעהן. מאקס האט איהם ווידער אנגעכאפּט ביים מאנטעל.

— געה ניט! האָט ער געשריען. פערלאָז אונז ניט, דו האָסט מיך אונ־גליקליך געמאַכט. דו האָסט מיך אויפגערעגט און אויפגערייצט. דו האָסט מיר געוויעזען גליק און ליעבע און — האָסט מיך אָפּגענאַרט. דו ווייסט ניט, וויא עס טהוט וועה, ווען אונזערע בעסטע האָפנונגען צופליעסען, וויא דער רויך.

איך האָב געליטען שרעקליך, איך בין שיער ניט אַראָפּ פון זינען. איך האָב בעגאַנגען פערברעכען. איך האָב געטהאָן אַלעס, וואָס דו האָסט מיר געהייסען יעצט — יעצט, ווען איך געפין מיך אין דער גרעסטער נויט, ווילסט דו פון מיר אַנטלויפען? — ניין דו וועסט עס ניט טהאָן! איך וועל עס ניט דערלאָזען. איך וועל נאָכגעהן נאָך דיר, וויא דער שאָטען געהט נאָך דעם מענשען. איך וועל דיך פערפאָלגען, איך וועל דיך פערקלאָגען און וועל דיך איבערגעבען אין די הענד פון די פּאָליציי. איך וועל געהן צום באַראָן פאָן באַטהיאַני און וועל איהם אַלעס אויסזאָגען. איך וועל ניט רוהען, ביז איך וועל דיך זעהן אויפ'ן עשאַפאָט.

מאַקס האָט גערעדט אַזוי ערנסט און אַזוי בייז, אַז נאַני האָט זיך דער־שראָקען פאַר איהם. ער האָט בעטראַכט מאַקס'ן אַלס אַן איינגעשפאַרטעס קינד, וועלכעס פערעקשנט זיך און צוברעכט אַלעס, וואָס מען גיט איהם.

ביידע „גוטע פריינד" זיינען יעצט געשטאַנען איינער געגען אַנדערן אין גרויען האַלב דונקעלן מאָרגען און האָבען זיך אָנגעקוקט, וויא עס קוקען זיך אָן צוויי גערייצטע טיגער, וועלכע בעגעגענען זיך אויף אַ שמאָלען וועג.

נאַני האָט געציטערט. אַ קאַלטער פראָסט איז דורכגעגאַנגען איבער זיין לייב און האָט פערקיהלט זיין בלוט אין זיינע אָדערן. ער האָט געוואוסט, אַז מאַקס וועט אויספיהרען, וואָס ער דראָהעט. מאַקס איז יעצט ווילד. מאַקס איז אויסער זיך.

— הער נור, דומער יונגע, האָט נאַני ענדליך געזאָגט, הער מיך נור אוים: דו וועסט שווייגען, וויא אַ הונט.

— איך וועל ניט שווייגען האָט זיך מאַקס געקאָכט. איך וועל שרייען, אַז די גאַנצע וועלט זאָל דאָס הערען. דו וועסט שטאַרבען אויפ'ן עשאַפאָט.

— דומער יונג! האָט נאַני געלאַכט מיט אַ ווילדען געלעכטער, ווען איך וועל שטאַרבען אויפ'ן עשאַפאָט וועסט דו אויך שטאַרבען מיט מיר.

איך? האָט מאַקס אויסגערופען, איך האָב ניט בעגאַנגען אַזאַ פערברע־כען, פאַר וועלכען מיר זאָל קומען דער טוידט.

— דומער יונג! דו ווייסט ניט, וואָס דו רעדסט! דו האָסט בעגאַנגען אַ פערברעכען געגען וועלכעס אַלע מיינע פערברעכען זיינען קינדערשפּיעלע. יעדער מענש וועט ציטערן און זיינע האָר וועלען זיך שטעלען קאַפּויער, וועל־כער וועט הערן פון דיין פערברעכען. דו האָסט בעגאַנגען אַ פאַרברעכען, וועלכעס איז אונמענשליך, אוננאַטירליך. שרעקליך און שוידערהאַפט. איך האָב בעגאַנגען פערברעכען געגען מענשען, דו האָסט...

— ליגנער! טויגעניכטס! איך האָב גאָרנישט געטהאָן. דו האָסט געשטאָ־כען דעם באַראָן פאָן באַטהיאַני און האָסט געהייסען איהם אַריינוואַרפען אין טהורם פון טשעמני. דו האָסט איהם אונטערגעוואָרפען פאַלשעס געלד און האָסט איהם

געבראַכט אויפ'ן עשאַפאָט. דו האָסט אַלעס געטאָהן און איך האָב גאָר נישט געטאָהן, דו ביסט אַ רויבער און אַ מערדער. איך האָב קיין פערברעכען בעגאַנגען און ווען איך האָב עפּעס געטאָהן שלעכטעס, האָב איך עס געטאָהן דערפאַר, וואָס דו האָסט מיר געהייסען.

נאַגי האָט געציטערט און האָט געקוקט אויפ'ן וועג פון בודאַפּעסט. ער האָט מורא געהאַט, אַז יעדע מינוט קענען אָנלויפען זשאַנדאַרמען און איהם אַרעסטירען.

ער איז צוגעלאָפען צו מאַקס'ן, האָט איהם אָנגעחאַפּט ביים האַלז און האָט אויסגערופען:

— ווילסט דו שווייגען, דו טויגעניכסט?

— איך וויל מיך נוקם זיין דערפאַר, וואָס דו האָסט מיר אַזוי בעטראָגען און בעשווינדעלט. — ראַכע! ראַכע! — ראַכע פאַר אַלע בעליידיגונגען, פאַר אַלע ערניעדערונגען און פאַר אַלעס שלעכטע, וואָס איך האָב געטאָהן דורך זיי.

נאַגי איז געוואָרען אויסער זיך, ער האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען.

— הער נור דו ניכטסווירדיגער יונגע! הער מיך אויס, דו דומער, אונפאָרזיכטיגער קנאַבע. איך קען שוין מעהר ניט שווייגען. איך מוז דיר אַלעס זאָגען. דו וועסט עס הערען און וועסט שוידערן, דו וועסט עס געוואָהר ווערען און וועסט ציטערען. דו וועסט עס ערפאַהרען און דיין בלוט אין דיינע אָדערן וועט פערקיהלט ווערן. — צווישען אונז האָט זיך אַלעס געענדיגט. צווישען אונז האָט זיך אַלעס צוריסען. מיר זיינען פיינד.

אַלזאָ, הער און וויס, ווער דו ביסט! — דו ביסט אַ פאָטער מערדער! דו האָסט געטוידטעט דיין אייגענעם פאָטער.

וואָלט דער בליץ געטראָפען לעבען איהם, וואָלט זיך מאַקס אַזוי ניט דערשראָקען, וויא יעצט, ווען נאַגי האָט איהם אַרויסגעזאָגט דיא שרעקליכע וואהרהייט.

ער האָט עס נאָך ניט געוואוסט, ער האָט עס נאָך ניט אין גאַנצען פערשטאַנען. ער האָט עס אָבער געפיהלט. ער האָט אַזוי פיעל פערשטאַנען, אַז נאַגי זאָגט קיין ליגען. ער וויים נאָך ניט נאַגי'ס אַלע געהיימניסע. ער וויים נאָך פיעלע זאַכען ניט. נאַגי האָט איהם יעצט אויסגעזאָגט אַ שרעקליכע געהיימנים.

נון? יעצט שווייגסט דו שוין, נאַרישער יונג? האָט נאַגי געפרעגט. אַלזאָ שווייג.

מאַקס איז געשטאַנען וויא אַ פערשטיינערטער. ער האָט ניט געקענט אַרויסזאָגען אַ וואָרט. ער האָט זיך ניט געקענט ריהרען. זיין האַלז איז געווען, וויא צוגעבונדען. זיינע ליפּען האָבען געציטערט, זיי האָבען אָבער ניט געקענט אַרויסזאָגען אַ וואָרט.

ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַן אַלטען מאַן, וועלכען ער האָט געטראָפען אין וואַלד ניט ווייט פון שלאָס באַטהיאַני. ער האָט דאַמאָלס שפּאַציערט מיט זיין מוטער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט דערשטאָכען דעם

אלטען מאן. ער האט זיך דערמאָנט אלעס, וויא עס איז געווען. ער האט זיך דער־מאנט, וויא עס האט פאסירט און ווער עס האט איהם אנגערעדט, ער זאל דערשטעכען דעם אלטען.

ער האט א ציטער געטאהן, וויא אין א פיעבער און האט אויסגערופען:

— פאטער מערדער! איך האב געטייטעט מיין פאטער?

ער האט אנגעהויבען צו טאנצען און צו שפרינגען, וויא א וואהנזיניגער און האט געשריען:

— פאטער מערדער! איך האב געטייטעט מיין פאטער!

עס איז געווען א שרעק צו קוקען אויף איהם אין דיעזע מינוט.

פלוצלונג האט מען געהערט א שטימע רופען פון דערוויטען:

— וואו זייט איהר אהינגעקומען?

דאס איז געווען דיא גרעפין פאן ראדעצקי. זיא האט געזעהן, אז איהר מאן און איהר זוהן זיינען ביידע ארויסגעגאנגען און זאמען זיך איז זיא געווארען אונרוהיג. זיא איז ארויסגעגאנגען אין דרויסען זיי זוכען.

זיא האט זיי באלד דערזעהן און איז צוגעלאָפען צו זיי. זיא האט געזעהן, וויא זיי שטעהן איינער געגען דעם אנדער ביז און אויפגערעגט. אלס פרוי האט זיא באלד דערקענט, אז צווישען ביידע איז עפּעס פאָרגעקומען. זיי זיינען געשטאנען ביידע אראפּגעלאזען דיא קעפּ און קיינער האט ניט געוואגט ארויסצורעדען א וואָרט.

— וואס איז שוין געשעהן, מאקס? האט זיא געפרעגט.

מאקס האט געשוויגען.

— זאגט מיר! צורייסט ניט מיין הערץ! זאגט מיר, וואס איז געשעהן? וואס איז דא פארגעקומען צווישען אייך?

מאקס האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האט זיך אפּגעשאָקעלט, וויא איינער, וועלכער ווארפט אראָפּ פון זיך א שווערע משא.

— מוטער! האט ער געזאָגט מיט אן אייז קאלטער שטימע, — מוטער, גע־דענקסט דוא, אז מיר האבען אמאל בעגעגענט אן אלטען מאן אין וואלד און דוא האסט מיך געבעטען, איך זאל דיך בעשיצען?

דיא גרעפין פאן ראדעצקי האט ארויסגעלאזען א טיעפען קרעכץ.

מאקס האט א ציטער געטאהן. דער קרעכץ פון זיין מוטער האט איהם אלעס געזאגט. ער האט יעצט געוואוסט, אז גאָר האט איהם ניט אפּגענאָרט.

— מוטער! האט מאקס געשריען אויסער זיך, ווער איז געווען דער אלטער מאן, וועלכען איך האב געטויטעט אין וואלד?

דיא גרעפין איז געשטאנען, וויא א דערשלאָגענע און האט ניט געקענט ארויס־רעדען א וואָרט.

— מוטער, זאג עס מיר! האט מאקס געבעטען, נאָר זאגט, אז איך בין א פאטער מערדער. איז עס וואהר?

דיא גרעפין האט נאך אלץ געשוויגען.

— פאר וואס שווייגסט דוא, מוטער? פאר וואס ענטפערסט דוא מיר ניט?

דיא גרעפין האט אראפגעלאזען דעם קאפ אויף דער ברוסט און האט ניט געענטפערט.

— אך! דוא האסט מורא עס מיר צו זאגען! האט מאקס געלאכט מיט א שרעקליכען געלעכטער פון א וואהנזיניגען. — דוא שעמסט זיך. דוא האסט מורא אויסצוזאגען, אז דוא האסט מיר געהייסען טייטען דיין מאן, מיין פאטער. — מוטער! זאג מיר דיא וואהרהייט! איז יענער אלטער מאןווירקליך געוועזן מיין פאטער? איך בעט דיך! איך בעשווער דיך! זאג, זאג מיר אלעס!

דערביי האט ער אנגעהויבען צו וויינען, וויא א קינד, דיא גרעפין האט זיך אויך ניט געקענט איינהאלטען. זיא האט אויך אנגעהויבען צו וויינען. זיא האט געליעבט איהר זוהן, איהר איינציגעס קינד און דיעזעס קינד האט יעצט געריעסען פון איהר דאס שרעקליכע געהיימניס, וועלכעס זיא האט געוואלט בעהאלטען פון איהם.

— דיא טרערין האבען איהר אביסעל ערלייכטערט. זיא האט שוין געקענט עפעס רעדען. זיא האט געווארפען א ווילדען, בייזען בליק אויף נאני, דאן איז זיא צו געלאפען צו איהר זוהן און האט איהם ארומגענומען.

— מוטער, דיא וואהרהייט! האט מאקס געשריען און האט אוועקגעשטויסען פון זיך זיין מוטער. — זאג מיר דיא וואהרהייט! זאג מיר אלעס!

— וואס זאל איך דיר זאגען?

— איז יענער אלטער מאן ווירקליך געוועזן מיין פאטער?

— ער איז געוועזן דיין פאטער, האט דיא גרעפין קוים ארויסגעשטאמעלט.

— נאט! הימעל! ערד! הערט עס! שטוינט און ווערט פערוואונדערט גלייך מיט מיר! האט מאקס געשריען אויסער זיך.

דיא גרעפין און נאני זיינען געשטאנען פון דערוויטען בלייך און דערשראקען.

— און דוא האסט געוואוסט, אז ער איז מיין פאטער?

— איך — האב — עס געוואו — סט.

— און דוא האסט געהייסען דעם זוהן ערמארדען זיין אייגענעם פאטער? האט מאקס געפרעגט און האט אויסגעצוויגען יעדעסווארט.

דיא גרעפין האט געשוויגען. מאקס האט זיא אנגעכאפט ביי דער פלייצע און האט געפרעגט נאך אמאל:

— האסט דוא אומיסטען, אבזיכטליך, געהייסען דעם זוהן טייטען זיין פאטער?

— איך האב עס געמוזט טאהן.

— דוא האסט געמוזט הייסען דעם זוהן טייטען זיין פאטער? האט מאקס גע־פרעגט נאך אמאל.

דיא גרעפין האט ניט געענטפערט, זיא האט נור אויפגעהויבען דיא אויגען און האט א קוק געטאהן אויף נאני.

מאקס איז שיער ניט אומגעפאלען אויף דער ערד. דיא גרעפין האט געמוזט איהם אונטערהאלטען. זיא האט א קוק געטאהן אויף איהם און האט אנגעהויבען צו ציטערן, וויא אין א פיעבער. אין זיינע אויגען האט געברענט דאס שרעקליכע פייער

פון אַ וואַהנזיניגען. זיינע באַקען זיינען געווען אַנגעצונדען און אויף זיין שטערען זיינען געשטאַנען גרויסע טראָפּענס שווייס.

— מאַקס! קינד! וואָס איז מיט דיר? האָט די גרעפין געשריען.

— וואָס איז מיט מיר? האָט מאַקס געקייכט. דו ווילסט וויסען, וואָס עס איז מיט מיט? — איך בין וואַהנזיניג!

ער האָט זיך אַרויסגעריסען פון איהרע הענד, האָט זיך געשטעלט געגען איהר און האָט אויסגערופען מיט אַ ווילדער, אונמענשליכער שטימע:

— זיי פערדאַמט, שלעכטע פרוי! זיי פערפלוכט פון גאָט און פון מענשען! — וואָס האָסט דוא געמאַכט פון מיר? וואָס האָסט דוא מיך געלערענט? — וועה דיר און וועה מיר! — אַ מוטער האָט געהייסען איהר קינד טוידטען זיין אייגענעם פאָטער! ווער וועט עס גלויבען? — ניין! דאָס קען ניט זיין! — עס איז ניט וואַהר! איך האָב עס ניט געטאָהן! — אַוועק פון מיר!

פּלוצלונג האָט ער זיך אויסגעדרעהט און האָט אָנגעהויבען צו לויפען איבער די פעלדער וויא אַ וואַהנזיניגער.

18טער קאַפּיטעל.

מאַקס בעשטראָפט זיך אַליין.

די גרעפין איז געפאַלען אין אָהנמאַכט. נאַגי האָט געמוזט זי אויפהויבען און זעהן זי אָפּצומינטערן, וויא וויית ער האָט געקענט.

דאָס איז אָבער געווען ניט אַזוי לייכט. נאַגי האָט ביי זיך גאָר ניט געהאַט ער האָט געמוזט נעהמען זיין פרוי אונטער די הענד און זי טראָגען אין גאַסט־הויז. פון מאַקס'ן האָט ער יעצט ניט געקענט דענקען, ער האָט דאָך ניט געקענט לאָזען זיין פרוי אויף דער נאַסער ערד און נאָכלויפען דעם וואַהנזיניגען מאַקס.

— ער איז פערלאָרען, האָט נאַגי געזאָגט צו זיך אַליין, ווען ער איז צוגעקומען נעהענטער צום גאַסט־הויז. ער וועט נאָך ערגעץ אַריינפאַלען אין אַ טייך אָדער אַ וואָלף וועט איהם צוריסען. — בעסער אַזוי! איך מוז פון איהם לויז ווערען. ער ווערט געפעהרליך. ער קען דאָך נאָך עפּעס אויסזאָגען.

ער איז צוגעקומען צום גאַסט־הויז און האָט צוגערופען זיינע דיענער. ווען דער גרעפין'ס קאַמערמעדכען איז צוגעקומען צו איהם, האָט ער איהר געזאָגט:

— נעהם די גרעפין און זעץ זי אַריין אין קאַרעטע. עס איז איהר עפּעס גאָר פּלוצלונג שלעכט געוואָרען.

קוים איז ער פריי געוואָרען פון זיין משא, האָט ער געהייסען דעם קוטשער איינשפּאַנען און האָט בעצאָהלט דעם ווירטה, וואָס עס איז איהם געקומען. דאַן איז ער געגאַנגען זעהן, וואוהין מאַקס איז ערגעץ אַהינגעקומען.

איידער דער קוטשער וועט פערטיג ווערען מיט די פערד, מוז איך וויסען, וואו דער וואַהנזיניגער איז אַהינגעקומען, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין. איך דאַרף איהם דאָ ניט לאָזען. ער וועט שרייען. ער וועט שרייען, ער וועט פּלוידערען. ער וועט אַלעס אויסזאָגען.

ער האָט געזעהן, וואוהין מאַקס איז געלאָפען און איז איהם נאָכגעגאַנגען. דער דורכגעטריעבענער נאַגי איז געוועזן רעכט צופריעדען, וואָס מאַקס איז אַנטלאָפען געוואָרען. ער האָט גערעכענט, אַז ער איז שוין פון איהם לויז געוואָרען, באַלד אָבער האָט ער זיך איבערלעגט:

— אַזאַ מענש איז פיעל געפעהרליכער אַלס אַ געזונדער. ער קען מאַכען געשרייען און גוואַלדען. ער וועט אַלעס אויסזאָגען. — ניין! איך דאַרף זיין זיכער, אַז איך בין פון איהם לויז געוואָרען. איך מוז וויסען, וואו ער איז אַהינגעקומען.

אונטערדעסען איז מאַקס געלאָפען אַלץ ווייטער און ווייטער. ער איז אָבער ניט געלאָפען אויף אַ גלייכער ליניע; ער איז ניט געלאָפען אין אַ געוויסען פונקט. ער איז געלאָפען, וויא אַ וואַהנזיניגער אָהן אַ וועג און אָהן אַ שטעג. ער איז געלאָפען, איז געבליעבען שטעהן, האָט זיך אַרומגעקוקט, איז ווידער געבליעבען שטעהן און איז ווידער געלאָפען.

— זיי קומען! זיי זוכען מיך! האָט ער פּלוצלונג אָנגעהויבען צו שרייען. רעטעט מיך! זיי ווילען מיך טוידטען, ווייל איך בין אַ מערדער. — איך האָב ערמאָרדעט מיין פאָטער!

מיט דיעזע ווערטער האָט ער ווייטער אָנגעהויבען צו לויפען.

נאַגי האָט געהערט זיינע געשרייען און איז איהם נאָכגעלאָפען נאָך שנעלער. פּלוצלונג איז מאַקס געבליעבען שטעהן און האָט אויסגערופען:

— אומזיסט! מיין מיה איז אומזיסט! זיי לויפען מיר נאָך! אָט זיינען די זשאַנדאַרמען! — באַלד וועט קומען דער הענקער און וועט מיך שלעפען אויפ'ן עשאַפאָט. — אָבער איך וויל ניט שטאַרבען! איך וויל נאָך לעבען! איך וועל מיך ניט לאָזען! איך וועל קעמפפען!

ער האָט זיך אַניעדערגעשטעלט, האָט זיך אויסגעצויגען און האָט אָנגעהויבען צו זוכען אין די קעשענעס.

— איך האָב ניט, איך האָב גאָר ניט! האָט ער געקרעכצט. זיי האָבען ביי מיר צוגענומען מיין שווערד און מיינע פּיסטאָלעטען. פאַר וואָס האָבען זיי עס ביי מיר צוגענומען? — זיי ווילען מיך פאַנגען. איך מוז אַנטלויפען.

און ער האָט ווידער אָנגעהויבען צו לויפען, וויא אַ וואַהנזיניגער. ער איז געלאָפען באַלד אין דער רעכטער זייט. באַלד האָט ער זיך אויסגעדרעהט און איז געלאָפען אין דער לינקער זייט. באַלד איז ער גאָר געבליעבען שטעהן און האָט אויסגערופען:

— וואו איז מיין שווערד? פאַר וואָס האָב איך עס ניט ביי מיר? פאַר וואָס האָב איך עס געהאַט דאַמאָלס ווען איך האָב דערשטאָכען מיין פאָטער? יעצט וואָלט איך בעסער מיך אַריינגעשטאָכען דאָס קאַלטע אייזען אין האַרצען.

נאַגי האָט אַלעס געזעהן און אַלעס געהערט. ער האָט אָבער מורא געהאַט צוצוגעהן צום וואַהנזיניגען. ער האָט זעהר גוט בערעכענט, אַז מאַקס וועט אַרומלויפען אַזוי לאַנג, ביז ער וועט מיעד ווערען און וועט אומפאַלען, דאַן וועט נאַגי שוין וויסען וואָס צו טאָהן מיט איהם.

איך דארף איהם ניט לאזען לעבען, האט נאני געזאגט ענטשלאסען. ער קען מיר יעצט מעהר שאדען אלס ארטהור פאן באטהיאני.

מיט דיזע ווערטער איז ער נאכגעגאנגען דעם וואהנזיניגען מאקס פון דא'ווייטען. מאקס איז געלאפען אהין און אהער א גרויסע שטרעקע. פלוצלונג איז ער געבליעבען שטעהן. ניט ווייט האט מען געהערט רוישען דיא רעדער פון וואסער מיהל. מאקס האט דערקענט דעם גערויש פון וואסער.

— צום וואסער! צום וואסער! האט ער געשריען. דאס וואסער וועט אפ־קיהלען מיין ברענענדען קאפ. איך מוז האבען וואסער. — וואסער!

ער איז צוגעלאפען צום וואסער. דאס איז געווען ווירקליך א טייך. ניט ווייט האבען גערוישט און זיך געדרעהט דיא רעדער פון א וואסער מיל. דער טייך איז דארט געווען שטארק טיעף, ווייל דארט האט מען אויפגעהאלטען דיא וואסער דורך א דאם (גראבליע), אז דיא מיהל זאל האבען בעשטענדיג גענוג וואסער.

מאקס איז צוגעלאפען צום טייך און האט א קוק געטאהן אויף זיינע שווארצע וואסערן.

— יא. דא איז דער ארט, האט ער געזאגט צו זיך אליין. איך פלעג שטענדיג ליעב האבען דאס וואסער. איך פלעג שטענדיג ליעב האבען צו זיצען ביים וואסער. דאס וואסער איז שטיל. עס שאקעלט דאס לייכטע שיפעלע און וויעגט איין דעם ארי־מען פישער. עס וויעגט איין דעם מענשען, וועלכער שווימט אין וואסער. — פאר וואס זאל איך מיך ניט אפבאדען יעצט אין וואסער?

ער האט זיך אניעדערגעזעצט ביים ברעג פון'ם טייך און האט בעטראכט דעם רוישענדען טייך.

— עס איז שעהן דארט אונטען, האט ער געזאגט צו זיך אליין, עס וואקסען דארט גרינע גראזען און דיא פיש שווימען ארום אזוי לוסטיג. איך וויל אויך שווימען, וויא א פיש.

פלוצלונג איז ער אויפגעשפרונגען, גלייך וויא ער וואלט זיך עפעס דערשראקע און האט אויסגערופען:

— זיי לויפען דאך אבער מיר נאך! זיי וועלען מיך חאפען. זיי וועלען מיך ארויפשלעפען אויפ'ן עשאפאט. — ניין! דאס וויל איך ניט!

ער האט זיך אויסגעדרעהט און האט דערזעהן דעם באראן נאני הינטער זיך.

— אהא! דוא ביסט דא! האט ער אויסגערופען, קום מיט מיר! — קום! אין וואסער! מיר וועלען ביידע שווימען! מיר וועלען חאפען פיש.

— וואהנזיניגער! וואס רעדסט דוא? האט נאני געלאכט.

— דוא לאכסט? האט מאקס געפרעגט, דוא האסט מיך געמאכט פאר א פאטער מערדער און דוא לאכסט נאך? — קום מיט מיר!

ער האט איהם אנגעחאפט ביים קראגען און האט איהם געשלעפט צום טייך. נאני איז אבער געווען שטארקער פון איהם. אויסער דעם איז נאני געווען געזונד און מאקס איז געווען קראנק.

נאני האט אנגעהאפט מאקס'ן מיט זיינע צוויא שטארקע, אייזערנע הענד און האט איהם צוגעשלעפט צום דאם (גראבליע).

— דוא ווילסט וואסער, האט נאני געזאגט, — נא! נעהם דיר וואסער, וויא פיעל דוא ווילסט!

מיט דיעזע ווערטער האט ער איהם אריינגעווארפען אין טיעפען טייך. — פלוך! איינינע מאל האבען זיך געוויעזען פון וואסער א פאר הענד, א קאפ, א שרעקליכעס געזיכט; דאן איז אלעס פערשוואונדען. אויפ'ן ברייטען טייך האבען זיך נור געוויעזען עטליכע רעדער, וועלכע זיינען געווארען גרעסער און גרעסער, דאן זיינען זיי פערשוואונדען געווארען.

— יעצט בין איך רוהיג, האט נאני געזאגט צו זיך אליין. יעצט בין איך פון איהם לויז געווארען. יעצט וועט ער מיר שוין ניט שאדען. יעצט מוז איך זעהן צו אנטלויפען, וויא אם שנעלסטען. איך מוז האבען געלד. איך מוז מיר מאכען הונדערט טויזענד גולדען. דאן וועל איך קענען אנטלויפען אין אויסלאנד. מיך וועט מען ניט חאפען אין דער טירקיי, וויא מען האט געחאפט דעם בארא'ן פאן באטהיאני.

ער איז יעצט געגאנגען האסטיג צום גאסט הויז. אין א פיערטעל שטונדע ארום איז ער אנגעקומען צום גאסט הויז און האט געפונען אז דיא קארעטעס שטעהן שוין אין דרויסען און דיא קוטשער וארטען אויף איהם.

ער איז אריינגעשפרונגען אין דער קארעטע און האט געהייסען דעם קוטשער טרייבען דיא פערד, וויא וויט ער וועט קענען.

מען איז אוועקגעפאהרען א גרויסע שטרעקע. ערשט יעצט האט נאני זיך אומגעקוקט צו זיין פרוי. ערשט יעצט איז זיא געקומען צו זיך, האט געעפענט דיא אויגען און האט זיך ווילד ארומגעקוקט.

— וואו איז מאקס? האט זיא געפרעגט.

— ער איז געבליעבען אין דארף.

— דאס איז א ליגען! האט דיא גרעפין געשריען.

נאני האט זיך אנגעבויגען צו איהר און האט איהר געזאגט שטילערהייט:

— אייזשעניע, פערגעס ניט, אז דיין קאמערמעדכען זיצט לעבען דיר.

ערשט יעצט האט זיך דיא גרעפין אומגעקוקט און האט דערזעהן, אז לעבען איהר זיצט ווירקליך איהר קאמערמעדכען.

מיר האבען שוין דערצעהלט, אז נאני האט איבערגעגעבען זיין אהנמעכטיגע פרוי איהר קאמערמעדכען און אליין איז ער געלאפען ענדיגען מיט מאקס'ן. דאס קאמערמעדכען האט געטאהן, וואס זיא האט געקענט אום צו מינטערן איהר ווירטהין. ווען נאני איז צוריקגעקומען פון טייך, האט ער זיך אזוי געאיילט, אז ער האט קיין צייט געהאט צו הייסען דעם קאמערמעדכען ארויסגעהן פון זיין קארעטע און דאס קאמערמעדכען איז געפאהרען מיט איהם און מיט דער גרעפין.

דיא גרעפין האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן, אז איהר קאמערמעדכען זיצט לעבען איהר. פאר דער קאמערמעדכען האט זיא מורא געהאט צו רעדען.

— חיים דעם קוטשער, זיך אָפּשטעלען, האָט זיא געבעטען איהר מאַן.

— שפּעטער, אייזשעניע, האָט נאַגי געענטפערט, יעצט איז עס אונמעגליך. מיר פאָהרען באַרג אַראָפּ.

ער האָט אַליין ניט געוואוסט וויא ריכטיג ער האָט דאָס געזאָגט. ער האָט געוואָלט אָפּנאַרען זיין פרוי און האָט געזאָגט די וואהרהייט. זיי זיינען ווירקליך געפאָהרען באַרג אַראָפּ. דער וועג איז צוואַר געוועזן גלייך, אָבער זיין שיקזאַל האָט איהם שוין געפיהרט באַרג אַראָפּ.

שנעל איז געפלויגען די קאַרעטע אויף'ן שמוציגען וועג, די גרעפין האָט אַ פּאָר מאָהל איהם פּראָבירט פרעגען, וואו מאַקס איז, ער האָט איהר אָבער ניט געענטפערט.

געגען מיטאָג האָט מען ווידער געמוזט אויסרוהען די פערד און מען איז ווידער צוגעפאָהרען צו אַ גאַסט־הויז. די גרעפין האָט געפאָדערט אַ באַזונדער צימער. קוים איז זי געוועזן מיט איהר מאַן אַליין, האָט זי איהם געפרעגט:

— נאַגי, וואו איז מאַקס?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט אַז ער איז געבליעבען אין דאָרף, וואו מיר האָבען געטרונקען טהעע.

— פאַר וואָס האָסט דו איהם ניט מיטגענומען?

— ער איז וואהנזיניג, איך האָב ניט געקענט איהם מיטנעהמען.

— נאַגי, זאָג מיר די וואהרהייט.

— וואָס פיר אַ וואהרהייט זאָל איך דיר זאָגען?

— וואו איז מיין זוהן?

— ער איז געבליעבען אין יענעם דאָרף.

מעהר האָט זי פון איהם ניט געקענט אַרויסקריעגען, זי איז ווידער געפאַלען אין אָהנמאַכט.

19טער קאַפּיטעל.

דאס ווידערזעהן.

די דונקעלע נאַכט איז פערשוואונדען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ דונקעלער, נאַסער און קאַלטער טאָג. אין פּאַלאַץ פון גראַף מעראַם איז מען אונרוהיג. געאָרג איז נאָך ניט צוריקגעקומען. גראַף מעראַם זיין שוועסטער און עלווירא זיינען אויסער זיך. זיי קענען זיך אויף קיין פאַל ניט ערקלעהרען, וואוהין געאָרג האָט געקענט אַהינקומען. ענדליך האָט די גרעפין פאָן מאַקקי עס ניט געקענט מעהר אויסהאַלטען.

— ברודער זוך מיר אויס מיין זוהן! האָט זי ענדליך אויסגערופען.

— עס איז נאָך צו פריה, האָט גראַף מעראַם געענטפערט. וואוהין קען איך געהן אַזוי פריה?

— איך האָב געהערט זאָגען, אַז דיא פּאָליציי שלאָפט ניט אַ גאַנצע נאַכט, געה צו די פּאָליציי און בעט, מען זאָל דיר געבען מענשען, וועלכע זאָלען דיר העלפען זוכען געאָרג'ן.

גראַף מעראַס האָט צוואַר ניט געוואָלט געהן אַזוי פריה אין דער פּאָליציי. עס האָט איהם אָבער גאָר ניט געהאָלפען. זיין שוועסטער האָט איהם ניט אָפּגעלאָזען.

— ווען דו וועסט ניט געהן, וועל איך הייסען איינשפּאַנען מיין קאַרעטע און וועל אַליין פאָהרען זוכען מיין זוהן, האָט זי געזאָגט.

גראַף מעראַס האָט געהייסען איינשפּאַנען זיין קאַרעטע און איז באַלד אַוועקגעפאָהרען אין דער פּאָליציי.

— וויא גרויס איז געווען זיין ערשטוינען, ווען דער בעאַמטער, וועלכער האָט געהאַלטען דיא וואַך, האָט איהם דערצעהלט, אַז ביי נאַכט האָט מען ווירקליך געבראַכט אַ יונגען מאַן, וועלכער זאָגט, אַז ער איז דער גראַף פאָן טאָקקי.

— פאַר וואָס האָט מען איהם אַרעסטירט? האָט דער גראַף געפרעגט ערשטוינט און פערוואונדערט.

— ער האָט געוואָלט טוידטען אַ מענשען, האָט דער בעאַמטער געענטפערט רוהיג.

— געאָרג פאָן טאָקקי האָט געוואָלט טוידטען אַ מענשען? האָט גראַף מעראַס אויסגערופען. דאָס איז אונמעגליך! דאָס קען ניט זיין!

— עס איז אָבער דאָך וואַהר, האָט דער בעאַמטער געענטפערט.

— וועמען האָט ער דען געוואָלט טוידטען?

— דעם בעריהמטען און בעליעבטען אַדוואָקאַט, העררן הוגאָ נאָוואַק, האָט דער בעאַמטער געענטפערט ערנסט.

— נאָוואַק! האָט דער גראַף איבערגעפרעגט, נון, גאָט זיי דאַנק! יעצט פערשטעה איך אַלעס: — געאָרג האָט זיך איבעראײַלט, האָט גראַף מעראַס געזאָגט צו זיך אַליין שטילערהייט, ער ווייס ניט, אַז מיר האַלטען דיזען שורקע שוין אין די הענד. געאָרג האָט געהאַנדעלט, וויא אַ יונגער מאַן, וועלכער איבערלעגט ניט, וואָס ער טהוט.

ער האָט זיך געווענדעט צום בעאַמטען און האָט איהם געפרעגט:

— קען איך רעדען מיט'ן פּאָליציי דירעקטאָר?

דער הערר פּאָליציי דירעקטאָר האָט געאַרבייט זעהר שפּעט דיזע נאַכט. ער שלאָפט נאָך געוויס.

— וועקט איהם אויף, איך מוז מיט איהם רעדען, האָט דער גראַף געבעטען.

— איך קען עס ניט טאָהן, איך האָב קיין ערלויבניס צו וועקען דעם הערר פּאָליציי דירעקטאָר.

— וואו וואָהנט ער דען? האָט גראַף מעראַס געפרעגט.

— אויפ'ן צווייטען שטאָק אין דער פּאָליציי געביידע.

גראַף מעראַס איז אַרויפגעלאָפען אויפ'ן צווייטען שטאָק און האָט אָנגעהויבען צו ציהען דעם גלאָק, אַז אַלע איינוואָהנער פון דער פּאָליציי האָבען זיך אויפגעחפּט. מען האָט באַלד אויפגעוועקט דעם פּאָליציי דירעקטאָר און מען האָט איהם געזאָגט, ווער עס דאַרף איהם.

— גוט, וואס ער איז געקומען, האט דער פאָליציי דירעקטאר בעמערקט, איך האב איהם ערוואַרטעט.

ער האט זיך שנעל אָנגעטאהן און האט געהייסען אריינפיהרען דעם גראף אין זיין פריוואט שרייב צימער.

— איך האב אייך ערוואַרטעט, הערר גראף, האט ער געזאגט, ווען ער איז אריינגעקומען. איך האב געוואוסט, אז איהר וועט קומען גאנץ פריה.

— וואו איז דער גראף פאָן טאָקקי? האט גראף מעראס געפרעגט.

— ער איז ארעסטירט.

— איך ווייס שוין דערפון, האט דער גראף געזאגט האסטיג, גלויבט איהר דען, אז דער גראף פאָן טאָקקי האט געוואָלט טויטען א מענשען?

— איך גלויב עס ניט, איך האב אבער דאך געמוזט איהם ארעסטירען. אזוי פאָרדערט דאס געזעץ. אויסער דעם שאדעט עס ניט פאר א יונגען מענשען, ווען ער נעכטיגט איבער א נאכט אין דער פאָליציי.

— אָבער יעצט?

— יעצט, ווען איהר ווילט געבען קויציאָן פאר איהם (ערבות פאר איהם), וועל איך איהם ארויסלאזען.

— רעכענט איהר דען ווירקליך, אז ער האט בעגאנגען א פערברעכען?

— איך רעכען גאָר נישט. איך האב פאר מיר אן אנקלאגע.

מיט דיעזע ווערטער האט דער פאליציי דירעקטאר איהם דערלאנגט דיא אנ-קלאגע, וועלכע נאוואק האט געבטען ביי נאכט אנגעשריעבען. גראף מעראס האט זיא דורכגעלעזען אויפמערקזאם און האט אויסגערופען:

— ער וואגט עס?

— ער וואגט אלעס, האט דער פאָליציי דירעקטאר בעמערקט רוהיג. מיר האַ-בען צו טאהן מיט א געפעהרליכען און זעהר פרעכען געגנער. ער איז בערייט אויף אלעס און וועט אלעס אנווענדען אום אויסצופיהרען, וואס ער וויל. מיר מוזען זיין זעהר פאָרזיכטיג געגען איהם. מיר דארפען איהם ניט ווייזען, אז מיר קענען זיינע פלענער. דאס איז געווען דיא אורזאכע, וואס איך האב געהייסען ארעסטירען דעם גראף פאָן טאָקקי.

גראף מעראס האט פערשטאנען, אז דער פאליציי דירעקטאר איז יעצט אויך איבערצייגט, אז דער אדוואקאט נאוואק האט געשפיעלט א זאָנדערבארע ראלע אין ארטהורס פראָצעס.

— וואס הערט זיך עפעס מיט'ן פראָצעס פון באראן פאָן באטהיאני?

— מיר האבען אויסגעפונען פיעל נייעס, האט דער פאָליציי דירעקטאר געענט-פערט. געסטערן ביי נאכט האב איך ניט געקענט איהם ארויסגעבען אויף אייער פעראנטוואָרטליכקייט, יעצט איז עס מעגליך. שרייבט אונטער דיעזעם פאפיער און איהר קענט מיטנעהמען מיט זיך דעם בארוֹן פאָן באטהיאני.

גראף מעראס האט אונטערגעשריעבען דאס פאפיער. דער פאָליציי דירעקטאר האט אנגעקלונגען. עס איז אריינגעקומען א זשאנדארם.

— ברענגט ארויף אהער דעם באראן פאָן באטהיאני, האט דער פאליציי די-רעקטאר בעפאהלען.

— און דער גראף פאָן טאַקקי? האט גראף מעראס נעפרעגט.

— וועט געהן אהיים מיט א פאָר שטונדען שפעטער, איז געווען דיא אנטוואָרט.

מיר האבען שוין דערצעהלט, וויא ארטהור איז געקומען אין פאלאץ פון גראף מעראס. — — — —

עלווירא מיט איהר מוטער זיינען געזעסען אין זייער צימער און האבען מיט אונ-געדולד געווארט אויף גראף מעראס. ביידע האבען געשוויעגען. יעדע איז געווען פער-טיעפט אין איהרע געדאנקען. יעדע האט געטראכט פון עפעס אנדערש. פלוצלונג האט דיא גרעפין פאָן טאַקקי א זיפץ געטאהן.

— אך, עלווירא! האט זיא אויסגערופען, יעצט זיינען אלע דיינע האפנונגען פערלאָרען.

— ניין, מוטער! איך האף און בין זיכער, אז ארטהור וועט זיין פריי.

— האסט דוא דען ניט געהערט, וואס דיין אנקעל האט געזאגט צו באראָן נאגי?

— איך דענק, אז ער האט גערארפט אזוי זאגען. ער האט געמוזט אזוי זאגען.

— דוא קענסט ניט דיין אנקעל, האט דיא גרעפין בעמערקט, ווען ער זאל הא-בען פאר דיר א גוטע נאכריכט, וואלט ער עס דיר באלד געזאגט. — ניין, עלווירא, ארטהור'ן קען מען שוין ניט רעטען. דוא מוסט איהם פערגעסען, דוא מוסט דענקען פון עפעס אנדערש.

— אך, מוטער! האט עלווירא אויסגערופען, וויא לייכט איז עס צו זאגען: פערגעסען. קען מען דען פערגעסען דיא לופט, אין וועלכע מיר לעבען? קען מען דען פערגעסען דיא זון? ווער עס ליעבט מיט'ן פולען הערצען, דער קען עס ניט פערגעסען. ווער עס וויים, וואס א וואהרע ליעבע איז, דער געדענקט זיא ביז אין טויט.

פלוצלונג האט זיך געעפענט דיא טהיר און ארטהור פאָן באטהיאני איז אריינ-געקומען אין צימער.

דיא גרעפין פאָן טאַקקי איז געבליעבען זיצען, וויא פערשטיינערט. זיא האט זיך דערשראָקען פאר ארטהור'ן, גלייך וויא זיא וואלט דערזעהן א טויטען פון יענער וועלט.

עלווירא אבער איז אויפגעשפרונגען און איז איהם ענטגעגען געלאָפען.

— ארטהור! מיין ליעבער ארטהור! האט זיא אויסגערופען פול פרייד, ביסט דוא ענדליך פריי? האט מען זיך ענדליך איבערצייגט, אז דוא ביסט אונשולדיג? — אך, רעד! דערצעהל! זאג מיר אלעס! — גאט אין הימעל! ענדליך האסט דוא דער-הערט מיין געבעט! ענדליך האסט דוא דערזעהן מיינע טרערען! זאג מיר, ליעבער ארטהור, ביסט דוא שוין פריי?

זיא איז איהם ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז, האט געוויינט, האט געשריען, האט געלאכט און האט זיך געפרעהט.

— רעד, ארטהור! זאג מיר! דערצעהל מיר!

— איך בין פריי און בין א געפאנגענער, האט ארטהור געענטפערט.

— אָבער וויא איז דאָס מעגליך? האָט עלווירא געשריען, וואָס מיינסט דו דערמיט?

— איך בין נאָך ניט גאַנץ פריי, האָט אַרטהור געענטפערט, דיין אָנקעל האָט מיך אַרויסגענומען אויף דיין פעראַנטוואָרטליכקייט. עס איז וואַהר, אַז מען האָט אַרעסטירט דעם מאַן, וועלכער האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַלס גראַף טאַרנאַססי. איך האָב געהערט, אַז מען האָט געפונען ביי איהם בריעף און פאַפּיערן, וועלכע זיינען זעהר וויכטיג, איך ווייס אָבער ניט, וואָס מען האָט אויסגעפונען אין דיעזע פאַפּיערן.

— האָסט דו גאָר ניט געהערט פון די אַנדערע פאַפּיערן?

— וואָס נאָך פאַר אַ פאַפּיערן?

— וועלכע אַן אַלטער מאַן האָט איבערגעגעבען מיין אָנקעל.

— איך האָב פון זיי ניט געהערט און ווייס ניט פון זיי, האָט אַרטהור געענטפערט.

— איך ווייס, אַז דיעזע פאַפּיערן געהערן זיך אָן מיט דיין פּראָצעס, האָט עלווירא אויסגערופען פול פרייד, דער אָנקעל האָט עס מיר געזאָגט. דער אָנקעל וועט עס דיר בעסער ערקלעהרען.

— איך האָף, עלווירא, איך האָף, אַז עס וועט זיך באַלד אַרויסווייזען, אַז איך בין אונשולדיג. דער ווינטער, עלווירא, איז פאַר אונז פאָראיבער. עס הייבען זיך אָן די שעהנע, וואַרימע און העלע טעג.

ביידע פערליעבטע האָבען נאָך אַוועקגערעדט איינִיגע צייט. ווען זיי האָבען זיך שוין געזאָגט אַלעס, וואָס זיי האָבען זיך געהאַט צו זאָגען, איז אַרטהור צוגעגאַנגען צו דער גרעפין פאָן טאָקקי און האָט איהר געזאָגט:

— גרעפין, ווען מיר האָבען זיך געזעהן מיט איינִיגע מאָנאַט צוריק, זייט איהר געוועזען בייז אויף מיר, האָט ער איהר געזאָגט. איהר האָט מיר דאַמאָלס געזאָגט ווערטער, וועלכע איך וואָלט געדאַרפט בעטראַכטען אַלס די גרעסטע בעליידיגונג. איהר האָט אָנגעריהרט ניט מיך אַליין, זאָנדערן אויך מיין אונגליקליכען פאָטער, וועלכער איז געשטאָרבען ערגעץ ווייט, ווייט פון זיין היים און פון זיין פאָטערלאַנד.

אַך, גרעפין! דאָס איז געוועזען אונגערעכט פון אַייך. איהר האָט עס ניט געדאַרפט טאָהן. איהר האָט ניט געדאַרפט בעליידיגען מיין אונגליקליכען פאָטער. עס איז שוין אָבער געשעהן. איך פערצייהע עס אַייך אָבער. איך פערצייהע אַייך, ווייל איהר האָט געמיינט, אַז איהר טהוט עס צוליעב אַייער טאָכטער. איהר זעהט דאָך אָבער, אַז אַלע אַייערע מיהע איז געוועזען אומזיסט. די וואַהרע ליעבע קען מען ניט פערניכטען ניט מיט פאַלשע קונסט שטיקע, ניט מיט ליגען, ניט מיט שווינדעל און בעטרוג און זאָגאַר ניט מיט שלעכטיגקייט און גרויזאַמקייט.

איהר זעהט דאָך, גרעפין, וואָס מיינע פריינד האָבען געטאָהן. זיי האָבען מיר געבראַכט אויפ'ן עשאַפאָט, מיין לעבען איז געהאַנגען אויף אַ האָר. האָט עס זיי עפּעס געהאָלפען? אַ געהיימע מאַכט האָט מיך בעפריייט פון געפענגניס. אַ געהיימע מאַכט האָט געבראַכט צו מיר מיין געליעבטע.

איהר זעהט אַליין גרעפין וויא עלווירא ליעבט מיך. איהר זעהט, וויא פעסט

זי האלט זיך אָן מיר. איהר זעהט יעצט איין, אַז קיין מאַכט אין דער וועלט קען זי ניט אָפּרייסען פון מיר. צו וואָס זאָלט איהר זיך אליין שטעלען געגען דיעזע געהיימע מאַכט, וועלכע האָט מיך אָפּגעהיט ביז אַהער און האָט מיר גערעטעט פון אַלע מיינע געפאַהרען? —

ניט מיר די האַנד, גרעפין! זייט מיר א מוטער! איך האָב וועניג גע־קענט מיינע עלטערן. מיין פאָטער האָב איך גאָר ניט געקענט. מיין מוטער האָב איך געקענט זעהר וועניג. זייט איהר מיין מוטער, וויא איהר זייט על־ווירא'ס מוטער. פערגעסט ניט מוטער, דאָס הייליגע וואָרט, וואָס אונזערע אַלטע פעטער האָבען געזאָגט: „וואָס גאָט האָט צוזאַמענגעפיהרט, קענען מענ־שען ניט צושיידען."

די גרעפין האָט אויסגעהערט אויפמערקזאַם אַרטהור'ס רעדע. זי האָט געפיהלט, אַז אַרטהור האָט רעכט. זי האָט זיך אָבער געשעהמט עס איהם צו זאָגען.

עלווירא האָט געוויינט, ווען זי האָט געהערט אַרטהור'ס רייד.

אין דיעזער מינוט איז אריינגעקומען גראַף מעראַס.

— נון וואָס הערט זיך? האָט די גרעפין געפרעגט, וואו איז געאָרג?

— ער וועט באַלד קומען, האָט גראַף מעראַס געענטפערט רוהיג.

20טעס קאַפּיטעל.

דער שטומער בעטלער.

די גרעפין האָט אויפגעאָטהעמט פרייער און האָט געוואָלט עפּעס ענט־פערען אַרטהור'ן, ווען עס איז אַריינגעקומען אַ דיענער און האָט געמעלדעט:

— עס איז נור וואָס געקומען אַן אַלטער מאַן, וועלכער האָט מיר גע־געבען דיעזען צעטעלע און האָט מיר געזאָגט, איך זאָל עס איבערגעבען דעם באַראָן פאָן באַטהיאַני.

מיט דיעזע ווערטער האָט ער איבערגעגעבען אַרטהור'ן אַ שטיקעל פּאַ־פּיער. עלווירא האָט זיך אָנגעבויגען אויף אַרטהורס האַנד און האָט געלעזען:

„באַראָן אַרטהור פאָן באַטהיאַני, אַן אַלטער פריינד וויל מיט אייך רעדען. ער האָט אייך מיטצוטהיילען פיעלע וויכטיגע זאַכען. זאָגט איהם ניט אָפּ. ער מוז אייך זעהן."

קיין אונטערשריפט קיין דאַטום.

אַרטהור און עלווירא האָבען אַ קוק געטהאָן איינער צום אַנדערען, זיי האָבען זיך געפרעגט מיט די אויגען, אויב זיי זאָלען אויפנעהמען דעם פרעמ־דען אָדער ניט. עלווירא'ס בליק האָט געזאָגט, היינט איז פאַר מיר אַ גליק־ליכער טאָג, געה צו דיין פריינד, נעהם איהם אויף און הער אויס, וואָס ער וועט דיר זאָגען.

אַרטהור איז געגאַנגען מיט'ן דיענער. אין קאָרידאָר פאַר דער טהיר איז געשטאַנען דער שטומער בעטלער.

— אַך! דו ביסט עס? דו, גוטער אַלטער יאַקקי! האָט אַרטהור אויס־גערופען.

דער שטומער בעטלער האָט אָנגעהויבען צו מאַכען צייכענס, אַז ער וויל מיט

איהם רעדען אין א בעזונדער צימער. ארטהור האט געבעטען א דיענער, ער זאל זיי אריינפיהרען אין א בעזונדער צימער.

קוים זיינען זיי געווען אליין, האט ארטהור געפרעגט:

— וואס ווילסט דוא מיר זאגען, גוטער אלטער פריינד?

דער שטומער בעטלער האט ארויסגענומען א פאפיער און האט עס דערלאנגט ארטהור'ן.

ארטהור האט דורכגעלעזען דאס פאפיער איין מאל און צוויי מאל און אויף זיין געזיכט האבען זיך געוויזען אלערליי פארבען. ער האט אנגעהויבען צו ציטערן, וויא אין א פיעבער און איז שיער ניט אומגעפאלען. ענדליך איז ער אביסעל געקומען צו זיך און האט אויסגערופען:

— איך האב עס געוואוסט! איך האב עס געפיהלט! — ארימער, אונגליקליכער פאטער! ערשט יעצט, ערשט יעצט ווייזט זיך ארויס, אז דוא ביסט אונשולדיג. ערשט יעצט, ווען דוא רוהעסט אין דיין שטילען גראב ערגעץ ווייט אין א פרעמדעם לאנד, ווייזט זיך ארויס, אז דוא האסט געליטען אומזיסט. שלעכטע מענשען האבען דיך פטרלייםדעט. שלעכטע מענשען האבען דיך פעריאגט פון דער היים. — אונגליקליכער פאטער! צו וואס טויג מיר יעצט דיעזער דאקומענט, וועלכער ערקלערט מיר, אז דוא ביסט אונשולדיג? — מען וויל מיר צוריקגעבען מיין פערמעגען. זיי ווילען מיר בעצאהלען מיט געלד. טויזענטע! ווער קען מיר בעצאהלען פאר דיא ליידען פון מיין פאטער? ווער קען מיר גוט מאכען זיינע שמערצען?

פלוצלונג האט ער זיך געווענדעט צום שטומען בעטלער און האט איהם געפרעגט:

— זאנדערבארער מענש, וויא קומסט דוא צו דיעזען דאקומענט? וויא איך וויים האבען רויבער צוגענומען דיעזעם דאקומענט ביי מיין פריינד נעארג. וויא קומסט דוא צו איהם? ווער ביסט דוא דען, דוא זאנדערבארער אונפערשטענדליכער פריינד? — פיעלייכט ווייסט דוא נאך עפעס? פיעלייכט ווייסט דוא עפעס פון מיין פאטער? — אך, זאג עס מיר! זאג עס מיר, דוא אלטער, טרייער אונבעקאנטער פריינד!

ארטהור איז געווען אויסער זיך פאר פרייד און שמערץ. ער האט צוגעפרעסט דעם שטומען בעטלער צו דער ברוסט און האט געשריען ניט מיט זיין קול:

— זאג מיר אלעס, וואס דוא ווייסט, אלטער!

אייניגע מינוטען האבען ביידע געשוויעגען. ארטהור האט גוט געזעהן, וויא דער שטומער בעטלער איז אונרוהיג און ציטערט.

פלוצלונג האט דער שטומער בעטלער אויסגערופען:

— דיין פאטער לעבט!

ארטהור האט א ציטער געטאהן און האט זיך דערשראקען. ער האט געקענט דעם אלטען יאקקי שוין עטליכע יאהר און האט געוואוסט, אז ער איז שטום און טויב, פלוצלונג רעדט ער גאר.

עס איז פערגאנגען א געראומע צייט, איידער ארטהור האט געקענט ארויסרעדען א ווארט.

— יאקקי! האט ער ענדליך אויסגערופען, דו קענסט רעדען? איך האב דיך געהאלטען פאר א שטומען!

— איך האב געמוזט מיך פערשטעלען פאר א שטומען, האט דער אלטער גע־זאגט און זיין שטימע האט געציטערט.

ארטהור איז מיט יעדער מינוט געווארען אלץ מעהר אויפגערעגט. דער אלטער מאן האט איהם אויסגעוויזען, וויא א געזאנדטעטער פון הימעל.

— ווער ביסט דו דען? האט ער ענדליך אויסגערופען, איך קען דיך שוין אזוי לאנג און וויים נאך אלץ ניט, ווער דו ביסט!

דער בעטלער האט זיך מעהר ניט געקענט איינהאלטען. ער האט אוועקגעווארפען זיין גראבען שטעקען, אויף וועלכען ער האט זיך אנגעשפארט, איז צוגעלאפען צו ארטהור'ן, האט איהם ארומגענומען, האט איהם צוגעפרעסט צו זיך און האט אויס־גערופען:

— איך בין דיין פאטער! — ארטהור, מיין קינד. קום צו דיין פאטערס הערצען! לאז מיך דיך ארומנעהמען, לאז מיך דיך צודריקען צו מיין געפלאגטען און געקרענקטען הערצען! אך! לאז מיך דיך קושען! — דו ווייסט ניט, וויא פיעל איך האב אויסגע־ליטען און איבערגעשטאנען פון דיינעטוועגען!

דער אלטער מאן איז געווען אויסער זיך פאר פרייד און גליק. ער האט געלאכט און געוויינט, געטאנצט און געשפרונגען. ער האט ארומגענומען ארטהור'ן, האט איהם געגלעט, האט איהם געקושט, האט געגלעט זיינע האר און האט גערעדט צו איהם.

ארטהור איז געווען אזוי איבערראשט, אזוי פול פרייד, אזוי גליקליך, אזוי אי־בערגליקליך, אז ער האט ניט געקענט ארויסרעדען א ווארט. ענדליך איז ער געקומען צו זיך און האט אויסגערופען:

— פאטער! ארימער פאטער! איך גלויב דיר! איך וויים, וויא דו האסט גע־ליטען דורך מיר!

ער איז געפאלען אויף דיא קניע פאר'ן אלטען מאן און האט אויסגערופען:

— פאטער, בענטש מיך!

דער אלטער מאן האט ארויפגעלעגט ביידע הענד אויף ארטהורס קאפ און האט געזאגט מיט א הויבער, פייערליכער שטימע:

— גרויסער גאט אין הימעל! דו הערשער איבער דיא שטערן, רעגיערער פון אלע וועלטען! דו זעהסט אלעס און הערסט אלעס. דו האסט מיך בעשיצט, ווען איך פלעג מוזען ארומקריעכען ביי טאג איבער נאקעטע שטיינער און ביי נאכט שלא־פען אונטער א בוים אין ווילדען וואלד, בעשיץ דו יעצט מיין איינציגעס קינד, וועל־כעס איז נאך אזוי יונג און האט שוין אזוי פיעל געליטען. רעטע איהם פון זיינע פיינד, היט איהם אפ פון זיינע פערפאלגער! לאז מיך אויף מיינע אלטע יאהרען געניסען דאס גליק צו לעבען מיט איהם אונטער איין דאך! ווען עס וועט קומען דיא צייט, וואס דו וועסט מיך רופען צו דיר, לאז דער איינציגער זוהן שליעסען מיינע אויגען.

ער האט זיך אנגעבויגען צו זיין זוהן, האט איהם א קוש געטאהן אין קאפ. אר

טהור האָט איהם געקושט די הענד, פֿאָטער און זוהן זיינען בײדע געשטאַנען אויף די קניע און האָבען געבעטען שטילערהייט.

איינינע מינוטען איז אין צימער געווען שטיל, אַז מען האָט געקענט הערען, וויא אַ פֿליעג פֿליהט דורך. ענדליך האָט זיך דער אַלטער מאַן אויפֿגעהויבען און האָט געזאָגט.

— שטעה אויף, מיין זוהן.

אַרטהור האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון דער ערד און האָט בעטראַכט זיין פֿאָטער.

— יעצט דערקען איך דיך, האָט ער געזאָגט, יעצט דערמאָן איך מיך, אַז דו פֿלעגסט אַוועקגעבען אַנדערע מענשען אַלעס, וואָס מען פֿלעגט דיר געבען. דו ביסט קיינמאָהל ניט געווען קיין בעטלער.

— אך האָב געמוזט בעטלען, האָט דער אַלטער געענטפֿערט. איך האָב געמוזט מיך פֿערשטעלען פֿאַר אַ בעטלער, אום מיינע פֿיינד זאָלען מיך ניט דערקענען. איך האָב געמוזט זיך מאַכען פֿאַר אַ שטומען, אום מען זאָל ניט הערען מיין שטימע, מען זאָל מיך ניט דערקענען אין מיין שפּראַכע אַלע האָבען געמיינט, אַז איך וואַנדער אַרום אין פֿרעמדע לענדער, ווייט פֿון מיין היים, און איך פֿלעג פֿערברענגען שרעקליכע טעג און טרויעריגע נעכט אַרום מיין שלאָס. איך האָב געוואוסט, אַז אין דיעזען שלאָס געפֿינט זיך מיין בעסטעס, מיין טהייערסטעס — מיין קינד. איך האָב אָבער מיר איינגעהאַלטען אַריינצוגעהן אין שלאָס. איך האָב מורא געהאַט, מען זאָל מיך ניט דערקענען. עס האָט מיך געצויגען צו מיין היים, צו מיין קינד און איך האָב געמוזט עס ווייכען.

איך פֿלעג זיין גליקליך, ווען איך פֿלעג דיך זעהן פֿון דער ווייטענס. וויא אָפֿט פֿלעג איך צוקומען צו דיר און פֿלעג בעטלען ביי דיר. וויא גליקליך בין איך געווען, ווען דו האָסט מיר עפּעס געשענקט! דיעזער טאָג איז געווען ביי מיר אַ פֿייערטאָג! אַך, אַרטהור! איך קען דיר ניט בעשרייבען, וואָס איך האָב געפֿיהלט אין דעם טאָג, ווען דו האָסט גערעדט צו מיר אַ פֿריינדליכעס וואָרט; ווען דו האָסט מיר בעדויערט און האָסט מיר געזאָגט: אָרימער, אַלטער שטומער בעטלער.

אָבער גענוג! גענוג צו זיין אַ בעטלער! גענוג צו טראָגען דיעזע אַלטע אָפּגעריעסענע קליידער! איך בין יעצט קיין שטומער בעטלער מעהר! איך בין יעצט דער באַראָן לעאָפּאָלד פֿאָן באַטהיאַני! איך בין יעצט אַ פֿרייער מאַן! איך בין יעצט אַן אונגאַרישער מאַגנאַט.

מיט דיעזע ווערטער האָט ער אַראָפּגעוואָרפֿען פֿון זיך זיינע אַלטע, צוריסענע קליידער און האָט זיך אין אַ מינוט איבערגעטאָהן. ערשט יעצט האָט אַרטהור בעמערקט, אַז זיין פֿאָטער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פּעקעל. דאָרט האָט ער געהאַלטען אַנדערע קליידער.

אין אַ פֿיערטיל שטונדע האָט זיך דער אַלטער איבערגעטאָהן, פֿערקעמט, פֿערפּוצט און אַרטהור האָט דערזעהן פֿאַר זיך אַ שעהנעם אַלטען מאַן, אין וועלכען עס איז ניט לייכט געווען צו דערקענען דעם פֿריהערדיגען שטומען בעטלער.

— וויא בלינד בין איך געווען, וואָס איך האָב ניט דערקענט אין דיר מיין פֿאָטער! האָט אַרטהור אויסגערופֿען. דיין בילד הענגט נאָך אין מיין שלאָף צימער. איך

פלעג עס זעהן יעדען טאָג און פלעג עס יעדען טאָג בעטראַכטען. וויא קומט עס וואָס איך האָב דיך ניט דערקענט?

איך פלעג מיר פערשטעלען, אַרטהור, האָט זיין פאָטער געענטפערט. קוים פלעגט קומען צופאָהרען אין אונזער געגענד אַ בעקאַנטער מענש, פלעג איך מיר אויסשמירען דאָס געזיכט. מען זאָל מיך ניט דערקענען. פרעג ניט, אַרטהור, פרעג ניט, וויא איך האָב געמאַכט. איך האָב גענוג געליטען.

ווען זיי האָבען זיך אַביסעל בערוהיגט, האָט אַרטהור געפרעגט זיין פאָטער:

— וויא אַזוי איז צו דיר געקומען דיעזער דאָקומענט? געאָרג פאַן טאָקקי האָט עס דאָך געזוכט און האָט עס אויף קיין פאַל ניט געקענט געפינען.

דער הענקער פון בודאַפעסט האָט עס מיר געגעבען.

— מיכאַאיל? האָט אַרטהור געפרעגט ערשטוינט.

— יאָ, מיכאַאיל, דער הענקער.

— וויא אַזוי אָבער?

— דאָס קען איך דיר דערווייל ניט זאָגען. מיכאַאיל האָט אויך זיינע געהיימניסע. מיר וועלען זיך נאָך מיט איהם בעקענען.

— איך בין שוין מיט איהם גוט בעקאַנט. האָט אַרטהור געענטפערט, איך האָב געוואָהנט ביי איהם אין טהורעם פון טשעמני.

— ער איז אַ גוטער מאַן האָט דער אַלטער געזאָגט, איך בין איהם זעהר דאַנקבאַר.

— איך האָב אויך זעהר פיעל איהם צו פערדאַנקען.

— האָט ער געוואוסט, אַז זיין טאָכטער בעפרייט זיך פון געפענגניס?

— ער האָט עס ניט געוואוסט.

פלוצלונג האָט זיך אַרטהור עפּעס דערמאָהנט. זייט ער איז אַנטלאָפען געוואָרען פון געפענגניס, האָט ער ניט געהערט, וואָס אַננאַ מאַכט. יעצט, ווען זיין פאָטער האָט אָנגעהויבען צו רעדען פון הענקער, האָט זיך אַרטהור דערמאָהנט אָן דער שטילער, גוטער, געטרייער אַננאַ.

— וואָס מאַכט דעם הענקערס טאָכטער? האָט ער געפרעגט זיין פאָטער.

— זי איז אין געפענגניס.

— אין געפענגניס? האָט אַרטהור אויסגערופען און האָט זיך אַ חאַפּ געטהאָן ביים קאָפּ.

זיין פאָטער האָט איהם דערצעהלט אַלעס, וואָס האָט פּאַסירט מיט'ן הענקערס טאָכטער.

— מיר מוזען זי רעטען, פאָטער! האָט אַרטהור אויסגערופען. זי האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבען!

— מיר וועלען געוויס טאָהן אַלעס, וואָס מיר וועלען קענען, האָט זיין פאָטער געענטפערט. איך האָף אָבער, אַז עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז זי איז אויך אונשולדיג.

21טער קאפיטעל.

אלטע פריינד.

אזוי וויא פאטער און זוהן האבען אזוי גערעדט, האט זיך דיא טהיר געעפענט און גראף מעראס איז אריינגעקומען אין צימער. ער האט דערזעהן פאר זיך א שעהן געקליידעטען אלטען מאן און איז געבליעבען שטעהן איבעררא‌שט און ערשטוינט. ער האט איהם דערקענט! דאס איז דאך דער געוועזענער שטומער בעטלער! —

דער געוועזענער שטומער בעטלער איז צוגעקומען צו גראף מעראס און האט איהם געפרעגט:

— דערקענט איהר מיך, גראף? — איך דענק, אז ניין. דיא צייט און פערשיעדענע אומשטענדע האבען מיך פערענדערט. עס איז שווער מיך צו דערקענען.

גראף מעראס האט זיך בעסער צוגעקוקט צו איהם און האט געזאגט:

— איך דערקען אייך ווירקליך ניט. — ווער זייט איהר דען?

— איך בין לעאפאלד פאן באטהיאני, דער פערטריעבענער, פעריאגטער און פעראכטעטער שטומער בעטלער.

דעם גראף'ס געזיכט איז בעלייכטעט געווארען פון פרייד און גליק.

— לעאפאלד? האט ער אויסגערופען, לעאפאלד! דוא ביסט לעאפאלד, מיין אלטער גוטער פריינד! מיין יוגענד פריינד, מיט וועלכען איך האב זיך געשפיעלט צוזאמען אלס קינד! — קום צו מיר, אלטער פריינד! לאמיך דיך ארומנעהמען!

ביידע פריינד האבען זיך ארומגענומען און זיינען געשטאנען איינינע מינוט, וויא פערשטיינערט. קיינער האט ניט געקענט ארויסזאגען אווארט פאר פרייד און איבערראשונג. ענדליך האט זיך גראף מעראס אביסעל בערוהיגט און האט אויסגערופען:

— וויא קומסט דוא אהער? מען האט דאך געזאגט, אז דוא ביסט ערגעץ וויית אין דער טירקיי אדער אין אמעריקא? דוא האסט דאך געמוזט אנטלויפען?

— יא, פריינד, דאס דער געוועזענער שטומער בעטלער געזיפצט, איך בין אנטלאפען, איך האב מיך ווירקליך געוואלגערט אין פרעמדע לענדער. איך האב אבער ניט געקענט דארט בלייבען א לאנגע צייט. עס האט מיך געצויגען אהיים, צו מיין פרוי, צו מיין איינציגעס קינד. — אך, פריינד! עס איז שווער, עס איז ביטער זיך וואלגערן אין פרעמדע לענדער, צווישען פרעמדע מענשען, וועלכע לעבען אנדערש, דענקען אנדערש און פיהלען אנדערש. איך האב מיך ניט געקענט איינהאלטען אין דער פרעמד. איך בין געלאפען אהיים. איך האב דאך אבער געוואוסט, וואס עס ערווארטעט מיך אין דערהיים. איך האב דאך געוואוסט, אז איך קען ניט קומען אזוי אהיים. איך האב מיר אנגעטאהן א מאסקע, איך האב מיך פערשטעלט פאר א בעטלער, איך האב מיך געמאכט טויב און שטום און האב מיך געוואלגערט אין מיין אייגענער היים, וואו איך האב פון צייט צו צייט געקענט א קוק טאהן אויף מיין ווייב און קינד.

— אבער יעצט, האט גראף מעראס געפרעגט, וויא קענסט דוא ארומגעהן פריי

און אפען אין לאנד? עס איז וואהר, אז דיין אנקעל לודוויג האט נעלאזען א דאקומענט, אז דוא ביסט אונשולדיג, אבער...

— איך ווייס דערפון, האט דער אלטער באראן פאן באטהיאני געזאגט. איך האב דיעזעס דאקומענט. איך האב עס שוין פארגעשטעלט, וואו איך האב נעדארפט.

— איך האב א קאפיע פון יענעם דאקומענט האט ארטהור אויסגערופען.

גראף מעראס האט ארומגענומען ביידען, פאטער און זוהן, און האט אויסגערופען: היינט איז א גליקליכער טאג! דער פאטער איז פעראייניגט מיט'ן זוהן. וויא גליקליך וואלט איך נאך געווען, איך זאל שוין זעהן ארטהורן אין גאנצען פריי. עס זאל זיך שוין ארויסווייזען, אז ער איז אונשולדיג.

— דאס וועל איך טאהן, האט ארטהור'ס פאטער אויסגערופען, — יעצט, ווען איך בין שוין פריי; יעצט, ווען איך קען שוין ארויסטרעטען פריי און אפען פאר דער גאנצער וועלט. — יעצט וועל איך פערטהיידיגען מיין זוהן. — וועה דעם, ווער עס וואגען אנצוריהרען מיין זוהן!

— וואס קענסט דוא דען טאהן פון זיינעטוועגען?

— וואס קען איך טאהן? האט ארטהורס פאטער געפרעגט, דענקסט דוא, אז איך ווייס ניט, ווער זיינע פיינד זיינען? מיינסט דוא, אז איך האב ניט געוואכט איבער איהם טאג און נאכט? — איך ווייס, ווער עס האט איהם געמאכט פאר א פערברעכער. איך ווייס, ווער עס זיינען זיינע פיינד. איך קען זייערע געהיימניסע און איך וועל זיי ענטדעקען. איך וועל אראפרייסען דיא מאסקע פון זיינע פיינד און וועל ארויסווייזען אלע זייערע פערברעכען.

— האסט דוא זיכערע בעווייזע?

— געוויס האב איך זיי, האט ארטהורס פאטער געענטפערט, לעז דורך דיא פאפירען, וועלכע איך האב דיר געגעבען צו בעהאלטען מיט אייניגע צייט צוריק און דוא וועסט אלעס וויסען.

גראף מעראס איז געווארען אונרוהיג, ווען ארטהורס פאטער האט איהם דערמאנט פון דיא פאפירען.

— וואו זיינען מיינע פאפירען? האט ארטהורס פאטער געפרעגט.

— דיא פאפירען זיינען ניט ביי מיר, האט גראף מעראס געענטפערט טרויעריג.

— וואו דען זיינען זיי? האט ארטהורס פאטער געפרעגט.

— דער אדוואקאט נאוואק האט זיי ביי מיר צוגענומען.

— נאוואק? האט ארטהור אויסגערופען, דיעזער טייגעניכטס, וועלכער האט געזוכט מיך צו בעשולדיגען אין געריכט? — אך! ווען איך זאל שוין זיין גאנץ פריי, וואלט איך מיך מיט איהם אפגערעכענט.

— זיי רוהיג, מיין זוהן, איך וועל מיך שוין אפרעכענען מיט איהם, האט דער אלטער באטהיאני געזאגט, גלויב מיר אבער, מיין זוהן, אז דער אדוואקאט נאוואק איז ניט דער איינציגער שולדיגער. דער באראן נאני פאן האללאוואי איז מעהר שולדיג פון איהם, אבער איך....

דער אַלטער באַטהיאַני האָט שוין געוואָלט געהן פאָרדערן די פּאַפּיערן פון אַדוואָקאַט נאָוואַק. גראַף מעראַס אָבער האָט איהם אײַנגעהאַלטען.

— בערוהיג דיך, לעאָפּאָלד! האָט ער געזאָגט איבעראײַל דיך ניט. עס וועט שוין אַלעס אַרויסקומען, וויא בוימאויל אויפ'ן וואַסער. איך דענק, אַז די פּאָליציי האָט שוין אַרויסגעפּאָדערט פון אַדוואָקאַט די פּאַפּיערן און ווען זי האָט עס ניט געטאָהן, וועט זי עס טאָהן נאָך היינט. איך האָב אויך ניט געשוויעגען. איך האָב אויך עפּעס געטאָהן. איך האָב אויך האָפּנונגען גענוג, אַז עס וועט זיך באַלד אַרויסווייזען, אַז אַרטהור איז פאָלקאָמען אונשולדיג. מיר מוזען וואַרטען. — קום בעסער יעצט מיט מיר, איך וויל דיר פאָרשטעלען פאַר מיין שוועסטער און איהר טאָכטער.

— דיין שוועסטער? האָט דער אַלטער באַראָן פאָן באַטהיאַני איבערגעפרעגט, דיין שוועסטער איז עפּעס מיט מיר ניט צופריעדען, זי איז בייז אויף מיר.

— דו קענסט זי ניט, לעאָפּאָלד, האָט גראַף מעראַס געענטפערט. מיין שוועסטער איז ניט אַזוי שלעכט, וויא דו מיינסט. זי האָט פיינט געהאַט און פעראַכטעט דעם שטומען בעטלער, ווייל זי האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ בעטריעגער און אַ שפּיאָן, זי וועט אָבער שעצען און אַכטען דעם באַראָן לעאָפּאָלד פאָן באַטהיאַני, אַלס איהר גלייכען.

אַלע דריי זיינען יעצט געגאַנגען אין די צימערן, וואו די גרעפין פאָן טאָקקי האָט געוואָהנט.

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין צימער פון דער גרעפין, איז מוטער און טאָכטער געזעסען און גערעדט. קוים האָט די גרעפין און עלווירא דערזעהן אַרטהורס פאָטער, זיינען זיי אויפגעשפּרונגען פון זייערע שטוהלען: זיי האָבען באַלד דערקענט, אַז דאָס איז דער געוועזענער שטומער בעטלער.

דערקענט איהר דיעזען העררן? האָט גראַף מעראַס געפרעגט.

עלווירא מיט איהר מוטער האָבען זיך אָנגעקוקט מיט שטוינען און פערוואונדערונג. זיי האָבען ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען און וואָס צו רעדען.

— איהר דערקענט איהם ניט האָט גראַף מעראַס ווייטער געזאָגט, דאָס איז לעאָפּאָלד באַראָן פאָן באַטהיאַני, אַרטהורס פאָטער.

— לעאָפּאָלד באַראָן פאָן באַטהיאַני? האָט די גרעפין פאָן טאָקקי איבערגעפרעגט.

עס איז געווען דייטליך, אַז זי וויל אויף קיין פאַל ניט גלויבען, אַז דער פעראַכטעטער שטומער בעטלער איז גאָר אַ באַראָן.

— יאַ, שוועסטער, האָט גראַף מעראַס ווייטער געזאָגט, דאָס איז קיין שטומער בעטלער מעהר, דאָס איז לעאָפּאָלד באַראָן פאָן באַטהיאַני. — גאָט איז גרויס! גאָט האָט איהם בעשיעצט ביז אַהער און האָט איהם געלאָזט לעבען אום צו זעהן, אַז זיין זוהן איז אונשולדיג. זעהסט דו, שוועסטער, וויא אָפט בעדעקען שמוציגע, צוריסענע קליידער דעם בעסטען און עדעלסטען מענשען; וויא אָפט נאַררען מיר זיך אָפּ, ווען מיר אורטהיילען אַ מענשען נאָך זיינע קליידער. — מיר דאַרפען קיין מענשען ניט פעראַכטען, זאָלאַנג מיר ווייסען ניט, אַז ער איז ווירקליך שלעכט.

— ענטשולדיג מיר, ברודער, האָט די גרעפין געזאָגט, איך האָב דאָך ניט געקענט וויסען, אַז דער אונגליקליכער שטומער בעטלער איז גאָר אַ באַראָן.

דער אַלטער באַראָן פאָן באַטהיאַני איז צוגעקומען צו עלוויראַ'ן האָט איהר אַ קוש געטאָהן אין קאָפּ און האָט זי צוגעפּרעסט צו זיין הערצען.

— קום צו מיר, גוטע און ליבענסווירדיגע עלוויראַ! האָט ער אויסגע־רופען, — קום צו מיר, ליעבע טאָכטער! קום טהייערע בראַוט פון מיין איינ־ציגען זוהן!

עלוויראַ האָט אַ קוש געטאָהן דעם אַלטען מאַן אין האַנד און האָט גע־זאָגט מיט פריידענטרערען אין די אויגען.

— אַך, פאָטער! ליעבער פאָטער!

מעהר האָט זי ניט געקענט רעדען. די טרערען האָבען זי געוואָרגען און זי האָט געציטערט פאַר פרייד און איבעררראַשונג.

— גאָט זאָל דיר בעצאָהלען, וואָס דו האָסט געטאָהן פאַר מיין זוהן! האָט דער אַלטער מאַן אויסגערופען. איך וויים וויא טריי, דו ביסט געוועזען געגען מיין זוהן, איך וויים, וויפיעל דו האָסט געליטען פאַר איהם און דורך איהם. איך וויים, וואס דו האסט איבערגעטראגען און אויסגעשטאַנען צוליעב איהם. איך וויים אַלעס, גוטע עלוויראַ! איך וויים עס און בעוואונדער דיך. איהר וועט דערפאַר גליקליך זיין. אַייערע ליידען האבען זיך געענדיגט. דער ווינטער מיט זיין פראסט און קעלט זיינען פאראיבער, דער זומער, דער זיסער, ליעבער פרעהליכער זומער איז געקומען. איהר וועט לעבען אין גליק פרייד און ליעבע.

מיט דיעזע ווערטער האט ער צונויפגעלעגט ארטהור'ס און עלוויראַ'ס האַנד און האט זיי געזעגנט (געבענטשט). אַרטהור האט אַ קוק גע־טאהן אויף עלוויראן און האט אנגעהויבען צו וויינען פאַר גליק און פרייד.

דער אַלטער באַראן פאן באַטהיאַני האט זיך יעצט געווענדעט צו על־וויראַ'ס מוטער און האט איהר געזאגט:

— גרעפין פאן טאקקי, איך וויים, אַז איהר זייט בייז אויף מיר; איך וויים, אַז איהר זייט שטענדיג געוועזען זעהר ניט פריינדליך געגען מיר. איך וויים אבער, פאַר וואס דאס איז געוועזען. איך וויס, ווער עס האט אייך אויפ־געררייצט אויף מיר. דאס האט געטאהן דער טויגעניכטס, וועלכער הייסט זיך רופען באַראן נאגי פאן האַללאַוואַי. — זעהט אבער גרעפין פאן טאקקי — ער האט געוויזען אויף אַרטהור'ן מיט עלוויראַן — זעהט, זיינען דיעזע צוויי קינדער ניט בעשאַפען געוואָרען איינער פאַרן אַנדערן? ווייסט איהר דען ניט, וויא היים, וויא הייליג, וויא עהרליך און וויא טריי זיי ליעבען זיך? פאַר וואס זאלט איהר וועלען זיי צושיידען? זעהט איהר דען ניט אַליין, אַז נאַגי'ס אַלע ניעדערטרעכטיגקייטען האבען ניט געקענט זיי צושיידען, ווייל די ליעבע איז שטאַרקער פון פאַלשקייט, עהרליכקייט איז פעסטער אַלס שווינדעל און בע־טרוג און דער עדלער מענש בלייבט גוט און עדעל אין גרעסטען שמוץ. — גיט מיר אייער האַנד, גרעפין! וויליגט איין, אַז די קינדער זאלען הייראַט־הען. וואס גאט האט פעראייניגט קענען מענשען ניט צושיידען.

— באַראן פאן באַטהיאַני, האט די גרעפין געענטפערט, ווען איך האב בייז

אהער ניט געוואָלט, אז עלווירא זאל הייראטהען ארטהורן, האב איך עס ניט געטאהן. ווייל איך האב ארטהורן ניט ליעב, זאנדערן ווייל איך האב געוואלט בעוואָרענען מיין קינד. איך האב געוואָלט, אז עלווירא זאל הייראטהען א רייכען גראף. דערפאר האב איך געגעבען מיין וואָרט דעם גראף פאָן ראדעצקי. יעצט זעה איך אליין איין, אז על־ווירא ליעבט צו שטארק ארטהור'ן אום זיך צו שיידען פון איהם. — לאמיר דערפון מעהר ניט רעדען. לאמיר פערגעסען די פערגאנגענהייט און לאמיר לעבען נור פיר די צוקונפט. איך ווילג איין, אז ארטהור זאל הייראטהען עלווירא'ן.

מיט דיעזע ווערטער האט זיא ארויפגעלייגט איהרע הענד אויף ארטהור און עלווירא'ס קעפ און האט געזאגט:

— גאט זאל אייך זעגנען, ליעבע קינדער און זאל אייך בעגליקען אייער לעבען!

איינינע מינוטען זיינען אלע געשטאנען געריהרט און האבען ניט געזאגט קיין וואָרט. יעדער איז געווען פערטיעפט אין זיינע אייגענע פרעהליכע געדאנקען. ווען אלע האבען זיך אביסעל בערוהיגט, האט די גרעפין פאָן טאַקקי געפרעגט דעם אלטען באראָן פאָן באטהיאני:

— ליעבער הערר באראָן, איהר האט פריהער געזאגט, אז דער באראָן פאָן נאגי איז א טוגעניכטס. קענט איהר מיר ניט זאגען, פון וואנען איהר ווייסט עס? איך קען דעם באראן נאגי פאר א גוטען, עהרליכען און פרומען מענשען. וויא קומט איהר עס צו זאגען, אז ער איז ניעדערטרעכטיג?

— ליעבע גרעפין, זייט זיכער, אז איך ווייס, וואס איך רעד. עס וועט זיך באלד אלעס ענטדעקען. איהר וועט הערען זאכען, וועלכע וועלען אייך מאכען שווינדלען. איך קען אייך יעצט נאך ניט אלעס זאגען, איך קען אייך נור זאגען אזוי פיעל, אז איך האב געמוזט אוועקנעהמען מיט געוואלד פון באראן נאגי דעם בעגנאדיגונגס בריעף, וועלכען עלווירא האט געפיהרט מיט זיך פון בודאפעסט. איך זאג מיט געוואלד, ווייל איך האב געמוזט שיעסען אויף איהם.

אלע האבען איהם אויסגעהערט מיט שטוינען און שרעק. קיינער פון זיי האט האט ניט געוואוסט, וואס פאר א שרעקליכע דראמא עס איז פאָרגעקומען צווישען דעם אלטען באראָן און דעם באראָן נאגי.

22טער קאפיטעל.

נאוואק און דער באראן לעאפאלד פאן באטהיאני.

די גרעפין פאָן טאַקקי האט נאך אלץ ניט געוואלט גלויבען, אז דער באראָן פאָן נאגי איז אזא טויגעניכטס. זיא האט איהם נאך אלץ געהאלטען פאר א גוטען און פרומען מענשען. זיא האט געוואלט עפעס פרעגען, עפעס ערקלערן וועגען דעם באראן נאגי. פלוצלונג איז אריינגעקומען א דיענער און האט געמעלדעט:

— דער אדוואקאט הונא נאוואק בעט אום ערלויבניס אריינצוקומען.

— איך האב יעצט קיין צייט איהם אויפצונעהמען, האט גראף מעראס געענט־

— נײן, פרײנדו האט דער אלטער באראן פאן באטהיאני געבעטען. נעהם אויף. איך וויל וויסען, צו וואס ער איז געקומען.

ארטהור האט אויך מיטגעהאָלפען זײן פאטער און האט אויך געבעטען, אז ס זאל איהם ארײנלאזען.

— פיהר איהם ארײן, האט גראף מעראס געזאגט צום דיענער.

אין אײניגע מינוטען ארום איז דער אדוואָקאט נאוואק ארײנגעקומען אין צימער.

ער האט זיך פערנײגט זעהר העפליך פאר דיא דאמען, דאן האט ער זיך אומגעקוקט אין צימער און האט דערזעהן דעם אלטען באראן פאן באטהיאני. זײן שארפעס אויג האט באלד דערקענט אין איהם דעם געוועזענעם שטומען בעטלער. מען קען זיך לײכט דענקען, וויא דער אדוואקאט איז געוועזען איבערראשט, ווען ער האט איהם יעצט געזעהן אין שעהנע קלײדער זיצען לעבען דער גרעפין פאָן טאָקקי. ער האט אויף קײן פאל ניט געגלויבט, אז דאס איז דער אפגעריסענער שטומער בעטלער.

— דאס מוז זײן אנאנדערער, האט ער זיך געטראכט. עס ווײזט זיך מיר נור אויס, אז דאס איז דער שטומער בעטלער.

באלד האט ער זיך איבערצײגט, אז דאס איז ווירקליך דער זעלבער, וועלכער איז אמאל געקומען צו איהם און האט איהם געבעטען, ער זאל איבערנעהמען ארטהור'ס פּראָצעס. דאמאלס האט ער געזאגט, אז ער הײסט רודאָלף קאסינסקי. ער איז געשטאנען וויא צומישט און האט ניט געקענט ארויסזאגען א ווארט. ער האט זעהר געוואלט וויסען, ווער דיעזער מאן איז און האט עס דאך ניט געקענט פרעגען בײ גראף מעראס אין צימער.

אזוי וויא ער האט אזוי געטראכט, האט איהם ארטהור געפרעגט:

— וואס ווילט איהר עפּעס זאגען, העדר נאוואק?

— איך וויל אײך זאגען, אז מארגען אין דער פריה וועט אויסגעפיהרט ווערן איבער אײך דאס אורטהײל פון געריכט.

— דאס געהט אײך ניט אן, האט ארטהור געענטפערט גראב. — זאגט מיר, וואס דארפט איהר?

— איך דארף וויסען, וואו איהר געפינט זיך, האט דער אדוואקאט געענטפערט גראב, איהר זײט נאך א געפאנגענער. מען קען אײך דארפען צו יעדער צײט. דאס געריכט האט מיך געשיקט זעהן, וואו איהר געפינט זיך. אין פאל מען וועט אײך דארפען, זאל מען וויסען, וואו צו קומען אײך נעהמען.

ארטהור איז געווארען רויט פאר צארן און פערדרוס. ער האט זעהר גוט פערשטאנען, אז דער אדוואקאט איז אומיסטען געקומען אום איהם צו בעלײדיגען.

— אך, דוא טײפעל אין מענשען געשטאלט! האט ארטהור אויסגערופען, דענק ניט, אז אלעס וועט דיר געלינגען. דוא וועסט עס נאך ניט דערלעבען צו זעהן מיך אויפ'ן עשאפאָט. איך קען דיך, ניעדערטרעכטיגער מענש! איך וויים, פאר וואס דוא האסט אזוי געארבײט, אז מען זאל מיך פעראורטהײלען. דוא האסט געוואלט צונעהמען מײן פערמעגען. דוא האסט שוין פערקויפט מײן שלאס. דוא וועסט עס מיר נאך צוריקגעבען. —

אַרטהור איז געווען אויסער זיך און וואָלט געווען אַרויסגעוואָרפען דעם אַדוואָקאַט פון צימער, ווען גראַף מעראַס און דער אַלטער באַראָן פאָן באַט־היאַני וואָלטען זיך ניט אַריינגעמישט.

גראַף מעראַס איז צוגעקומען צום אַדוואקאַט און האָט איהם געפרעגט:

— וואָס פערלאַנגט איהר פון מיר הערר נאָוואַק?

— ערשטענס וויל איך אייך פרעגען, ווער איז דיעזער אַלטער מאַן?

ער האָט געוויעזען אויפ'ן אַלטען באַראָן פאָן באַטהיאַני.

— צו וואָס דאַרפט איהר עס וויסען?

— ער איז זעהר עהנליך צו דעם טויגעניכטס, דעם פאַלשען שטומען אָדער דעם שטומען בעטלער. וועלכען איך האָב ניט לאַנג געזעהן ביים הענ־קער מיכאאיל.

— וואָס געהט עס אייך אָן, אויב ער איז עהנליך צום שטומען בעטלער.

— דאָס געהט מיך אָן זעהר פיעל: דער שטומער בעטלער מוז ווערן א הענקער. ער דארף ניט ארויסגעהן אין שטאָרט אָהן א רויטען מאנטעל.

ארטהור איז אויפגעשפרונגען, ווען ער האָט דערהערט, אז דער אדוואָקאט בעליידיגט זיין פאָטער. ער האָט געוואָלט זיך ארויפווארפען אויפ'ן אדוואָקאט און איהם ברעכען די ביינער. גראף מעראס אָבער האָט איהם צוריקגעהאלטען.

— הערר אדוואָקאט, האָט גראף מעראס געזאָגט, איך בעט אייך, זאָ־לאנג איהר געפינט זיך ביי מיר אין שטוב, זאָלט איהר זיך אויפפיהרען אנ־שטענדיג און ניט געברויכען קיין ווערטער, וועלכע קען איינעם בעליידיגען. איך וויל ניט, אז אין מיין הויז זאל מען געברויכען ווערטער, וויא ניעדער־טרעכטיג, טויגעניכטס און דער גלייכען.

דער אדוואָקאט האָט פערשטאנען, אז ער האָט בעגאנגען א נארישקייט. א געבילדעטער מענש דארף שטענדיג זיין העפליך, בעזאָנדערס ווען ער גע־פינט זיך צווישען אנשטענדיגע מענשען.

— איך בעט אייך אום ענטשולדיגונג, הערר גראף, האָט ער געזאָגט, איהר אליין זייט זעהר שטרענג און האָט אלע אכטונג פאר'ן געזעץ. איך מוז אייך אָבער זאָגען, אז וואָס מעהר איך קוק זיך צו צו דיעזען אלטען מאן, אלץ מעהר געפין איך, אז ער איז זעהר עהנליך מיט'ן שטומען בעטלער. דאָס איז אָבער נאָך ניט אלעס. מיט איינינע מאָנאטען צוריק איז ער געווען ביי מיר און האָט מיר געזאָגט, אז ער הייסט רודאָלף קאסינסקי. בעדענקט אליין, הערר גראף, אז אזא מענש איז געפעהרליך. ער שטעלט זיך פאָר יעדעס מאָהל אין אנאנדער מאסקע און גיט זיך אין אנאנדער נאָמען.

יעצט האָט זיך דער אלטער באראָן שוין ניט געקענט מעהר איינהאל־טען. ער איז צוגעגאנגען צום אדוואָקאט, האָט זיך אניעדערגעשטעלט פאר איהם שטאלץ און האט געזאָגט שטרענג און ערנסט:

— אז איך בין קיין שטומער, דארף איך אייך ניט בעווייזען, איהר הערט דאָך אליין, אז איך רעד זעהר גוט. איהר ווילט דאָך אָבער וויסען, ווער איך בין, דאס וועט איהר אויך באלד וויסען, איהר וועט דאָס אָבער בערייען. אייך וועט עס שטארק ניט געפעלען, ווען איהר וועט געוואהר ווערן, ווער איך בין. איהר דערקענט אין מיר דעם מענשען, וועלכער האט זיך אייך פאָרגעשטעלט

אונטער דעם נאָמען קאַסינסקי, דאָס איז וואָהר. איך בין עס. איך האָבֿ אײַך דאַמאָלס ניט געזאָגט מײַן ריכטיגען נאָמען, איך האָבֿ עס דאַמאָלס אַנדערש ניט געקענט. יעצט אָבֿער קען איך אײַך זאָגען, ווער איך בין. — איך בין דער באַראָן לעאָפּאָלד פאָן באַטהיאַני! — י עצט הערר אַדוואָקאַט, מעגט איהר אײַך געהן. איהר האָט דאָ מעהר ניט וואָס צו טאָהן.

נאָוואַק האָט אַ ציטער געטאָהן. ער האָט שוין צוואַר געוואוסט, אַז דער שטומער בעטלער איז אַרטהור'ס פאָטער, ער האָט אָבֿער ניט ערוואַרטעט, אַז ער זאָל עס אַרויסזאָגען אַזוי פריי און אָפען. ער האָט גערעכענט, אַז ער וועט מורא האָבען צו זאָגען, ווער ער איז. מען קען דאָך איהם אַרעסטירען. ער איז דאַהער געווען זעהר איבֿעררַאשט, ווען ער האָט געהערט, וויא דער אַלטער האָט געזאָגט פריי און אָפען, ווער ער איז. באַלד אָבֿער האָט ער זיך איבֿערלעגט און האָט אויסגערופען:

— וויא קענט איהר עס וואַגען צו קומען קיין אונגאַרן? ווייסט איהר דען ניט, אַז איהר טאַרט איבֿיג ניט קומען אַהער? איך אַרעסטיר אײַך אים נאָמען פון'ם קייזער! יעדער עהרליכער מענש, וועלכער וואָלט אײַך בעגעגענט, דאַרף אײַך אַרעסטירען, ווייל איהר זייט אַ רעבֿעלע (מיאַטעזשניק) געגען אונזער קייזער.

— איהר לאַכט, הערר אַדוואָקאַט! איהר וועט מיך ניט אַרעסטירען! האָט דער אַלטער באַראָן פאָן באַטהיאַני געענטפערט רוהיג.

— איך שפּאַס גאָר ניט, איך מיין עס גאַנץ ערנסט. איך וועל אײַך אַרעסטירען.

— עס טהוט מיר לייד, אײַך צו זאָגען, אַז איהר קענט ניט אַרעסטירען דעם באַראָן לעאָפּאָלד פאָן באַטהיאַני, האָט גראַף מעראַס זיך אַרײַנגעמישט.

— פאַר וואָס איז, הערר גראַף?

דער געוועזענער שטומער בעטלער האָט אַרויסגענומען פון בוזים קעשענע אַ פּאַפּיער און האָט עס געוויזען דעם אַדוואָקאַט.

— לעזט נור דורך דיעזעס פּאַפּיער, הערר נאָוואַק, וועט איהר זיך איבערציינען, אַז איהר קענט מיך ניט אַרעסטירען, האָט ער איהם געזאָגט געלאַסען.

נאָוואַק האָט זיך אָנגעבויגען און האָט דורכגעלעזען מיט די אויגען דאָס פּאַפּיער, וואָס דער געוועזענער שטומער בעטלער האָט איהם געוויזען. ער איז געוואָרען בלייך, וויא קאַלך און האָט אַ ציטער געטאָהן מיט זיין גאַנצען קערפּער.

— וויא עס ווייזט אויס, געפעלט אײַך ניט דיעזער פּאַפּיער, האָט באַראָן לעאָפּאָלד פאָן באַטהיאַני געזאָגט, וואָס האָט איהר זיך אַזוי דערשראָקען? וואָס האָט איהר דען אַזעלכעס דערזעהן אין דיעזען פּאַפּיער?

נאָוואַק האָט געשוויגען. אויף אַזאַ שלאַג האָט ער זיך ניט געריכט. דאָס האָט ער ניט ערוואַרטעט. ער האָט אָבֿער געמוזט עפּעס ענטפערן. ער האָט ניט געוואָלט ווייזען, אַז דיעזער פּאַפּיער האָט איהם אין גאַנצען פערניכטעט. ער האָט זיך געמאַכט האַרץ און האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— מיין פאָטער האָט אײַך עפּעס געפרעגט, פאַר וואָס ענטפערט איהר איהם ניט? האָט זיך אַרטהור אַרײַנגעמישט. פאַר וואָס שוויגט איהר, הערר אַדוואָקאַט?

איך קען דאך אייך זעהר גוט און ווייס, אז איהר זייט א מאן פון רעכט און גערעכ־טינקייט.

— נון, גוט! איך וועל אייך ענטפערן, האט נאוואק געזאגט פרעך. עס איז וואהר, אז איך האב ליעב וואס עס איז רעכט און גערעכט. איך געפין, אז דיעזער דאקומענט, וועלכעס אייער פאטער האט מיר געוויזען, איז פאלש. איך וועל פאָרדערן פון געריכט, אז מען זאל גענוי אונטערזוכען דיעזע אנגעלעגענהייט און מען זאל בע־שטראפען דעם מענשען, וועלכער מאכט פאלשע דאָקומענטען.

אויף אזא פרעכהייט האט זיך שוין קיינער ניט געריכט. קיינער האט ניט ער־ווארטעט, אז דער אדוואקאט זאל זיין אזוי פרעך און זאל וואגען צו בעליידיגען דעם אלטען באראָן פאָן באטהיאני. אלע זיינען געווען אזוי איבערראשט, אז קיינער האט ניט געקענט ארויסזאגען א ווארט.

נאוואק האט עס זעהר גוט פערשטאנען און האט געוואלט זיי נאך מעהר איר־בערראשען.

— דאס איז נאך וועניג, מיינע הערען, האט ער געזאגט, איך האב אייך נאך צו מעלדען, אז גראף געאָרג פאָן טאָקקי איז ארעסטירט, ווייל ער האט געוואלט טוי־טען א מענשען. וויא איך זעה, האט דער עדעלער און שטאלצער גראף מעראס גע־מאכט פון זיין הויז א האטעל פאר פערברעכער. ער דענקט געוויס, אז ער וועט זיי בעשיצען מיט זיין שטאָלצען נאמען. עס וועט איהם אבער וועניג העלפען. דאס געזעץ איז שטארקער פון איהם. דאס געזעץ בעשטראפט יעדען. ווער עס מאכט פאלשעס געלד, ווער עס מאכט פאלשע דאקומענטען און ווער עס וויל טויטען א מענשען.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך אויסגעדרעהט און איז אוועקגעגאנגען.

דיא גרעפין פאָן טאָקקי און עלווירא זיינען אויפגעשפרונגען, ווען זיי האבען דערהערט, אז געאָרג איז ארעסטירט.

— פאר וואס האסט דוא מיר ניט געזאגט, אז געאָרג איז ארעסטירט? האט זיא געפרעגט מיט א פאָרוואורף אין איהר שטימע.

— בערוהיג דיך, עללא, האט גראף מעראס געענטפערט. געאָרג איז געווען ארעסטירט, יעצט איז ער פריי.

קוים האט ער אויסגעזאגט דיעזע ווערטער, האט זיך געעפענט דיא טהיר און געאָרג איז אריינגעקומען אין צימער.

דיא גרעפין און עלווירא זיינען איהם ענטגעגען געלאָפען, האבען איהם ארומגע־נומען, האבען איהם געקושט און האבען געוויינט פאר פרייד.

— וואו ביסט דוא געווען, געאָרג, מיין זוהן? האט דיא גרעפין אויסגערופען.

געאָרג האט ניט געוואלט דערצעהלען, וואו ער האט פערבראכט דיא נאכט.

— איך בין געווען ביי א פריינד, האט ער געענטפערט קורץ.

אין דיעזע מינוט האט ער א קוק געטאהן אויף דעם אלטען באראָן. ער האט אויך דערקענט אין איהם דעם געוועזענעם שטומען בעטלער.

— ווער איז דיעזער הערר? האט ער געפרעגט ערשטוינט.

— דאס איז מיין פאטער, געאָרג, האט ארטהור געענטפערט.

— דיין פאטער? — מיר דאכט, אז דאס איז געווען דער שטו....

— דוא האסט רעכט, געאָרג! דוא האסט רעכט! האט ארטהור אויסגערופען.

ביידע פריינד האבען זיך ארומגענומען און ארטהור האט דערצעהלט זיין פריינד אלעס, וואס ער האט געוואוסט.

ערשט יעצט איז דיא פרייד אין הויז פון גראף מעראס געווען פאָלשטענדיג.

ערשט יעצט האט איינער דעם אַנדערן דערצעהלט, וואס מיט איהם האט פּאסירט.

ערשט יעצט האט מען אפגערעדט, אז מען זאל אלעס טאהן אום אויסצוגעפינען דיא פערברעכער.

23טער קאפיטעל.

נאוואק האט פערדרוס.

וויא א וואהנזיניגער איז נאָוואק ארויסגעלאפען פון גראף מעראס פאלאץ. דיא ענטדעקונג אז דער שטומער בעטלער איז דער באראָן לעאָפּאָלד פאן באטהיאני און אז דערזעלבער לעאָפּאלד איז אמאל געווען ביי איהם און האט זיך פארגעשטעלט אונטערן נאָמען רודאָלף קאסינסקי, האט איהם גאר דערשלאָגען.

דער דורכגעטריעבענער אדוואָקאט האט זעהר גוט פערשטאַנען, אז ארטהורס פאטער האט איהם נאָכגעשפירט און האט געזעהן, וויא נאוואק האט געפיהרט דעם פּראצעס געגען ארטהורן.

נאָוואס האט זיך ווידער דערמאנט, אז ווען ער איז געווען א גאסט ביים באראָן פאן נאגי, איז דער שטומער בעטלער א פּאר מאל צוגעקומען צו איהם און האט איהם געבעטען עפּעס. נאוואק האט יעצט זעהר גוט פערשטאַנען, אז דער שטומער בעטלער האט איהם דאמאלס נאכגעקוקט, — שפּיאָנירט.

וויא א וואהנזיניגער איז נאוואק יעצט געלאפען צו דיא ריכטער און האט גע-פאָדערט, אז מען זאל אויספיהרען דאס אורטהייל איבער ארטהור פאן באטהיאני, וויא אם שנעלסטען.

— מיר קענען עס ניט טאהן, האט איהם דער אבעררינכטער געענטפערט.

— פאר וואס איז? ער איז דאך שוין לענגסט פעראורטהיילט צום טויט?

— עס זיינען פאָרגעקומען גאנץ נייע אומשטענדע, וועלכע בעווייזען, אז ער איז אונשולדיג.

— דאס קען ניט זיין! האט דער אדוואקאט אויסגערופען, עס זיינען דאך געווען אזוי פיעל בעווייזע, אז דער באראָן פאן באטהיאני איז שולדיג, אז דאס געריכט האט געמוזט איהם פעראורטהיילען.

— עס האבען זיך אבער ארויסגעוויעזען נייע אומשטענדע, האט דער ריכטער געענטפערט.

— בעדענקט, הערר אבעררינכטער, אז קוים וועלען מיר יעצט בעפרייען דעם באראָן פאן באטהיאני, וועלען מיר זיך שעהמען צו ווייזען אויף דער גאס. מען וועט דאך אונז אויסלאכען. מען וועט דאך אויף אונז ווייזען מיט דיא פינגער.

— זאלען מיר לאזען טויטען אן אונשולדיגען מענשען נור דערפאר, וואס מיר האבען מורא, אז נאַררען וועלען אונז אויסלאכען? האט דער ריכטער געפרעגט. ווע

מיר האָבען בעגאַנגען אַ פעהלער, דאַרפען מיר ווייזען, אַז מיר דערקענען דעם פעהלער און וועלען אין דער צוקונפט זיין פאָרזיכטיגער. מיר זיינען מענשען און האָבען בעגאַנגען אַ פעהלער, מיר מוזען ווייזען, אַז מיר ווילען יעצט גוט מאַכען, וואָס מיר האָבען שלעכט געמאַכט.

נאָוואַק האָט פערביסען די ליפען פאַר צאָרן און פערדרוס. ער האָט געזעהן, אַז אַלע זיינע קלוגע פלענער האָבען איהם ניט געהאָלפען. ער האָט פערלאָרען דרייסיג טויזענד גולדען, וואָס נאַגי האָט איהם צוגעזאָגט; ער האָט פערלאָרען דאָס פערמעגען פון דער פאַמיליע באַטהיאַני און ער האָט זיך ענדליך צוקריעגט מיט גראַף מעראַס.

טרויעריג, נידערגעשלאָגען און פערצווייפעלט איז ער געגאַנגען אַהיים, אָבער אויך אין דערהיים האָט ער ניט געקענט איינרוהען. ער איז געלאָפען צו זיין פריינד, דעם באַראָן נאַגי און האָט געוואָלט איהם דערצעהלען, וואָס מיט איהם האָט היינט פאַסירט. ער איז אַרויפגעלאָפען אויף די ברייטע טרעפ פון האָטעל, האָט אָנגעקלאַפט אין נאַגי'ס טהיר, — קיינער האָט איהם ניט געענטפערט.

ער איז אַראָפגעלאָפען און האָט געפרעגט די לאַקייען:

— איז דער באַראָן פאָן האַללוואַאי אין דערהיים?

— דער הערר באַראָן איז היינט ביי נאַכט ערגעץ אַוועקגעפאָהרען, האָט מען איהם געענטפערט.

נאָוואַק איז אַרויסגעלאָפען וויא אַ וואַהנזיניגער.

ווען ער איז געוועזען אויף דער גאַס, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אויב קיינער הערט איהם ניט און האָט אויסגערופען:

— פערדאַמט! ער איז אַנטלאָפען, דער טויגעניכטס! — דיעזער שטאָלצער באַראָן האָט מורא פאַר'ן געריכט.

וויא אַ פערצווייפעלטער איז ער געלאָפען צוריק אַהיים און האָט זיך פערשלאָסען אין זיין שרייב צימער. ער האָט קיינעם ניט געוואָלט אויפנעהמען און קיינעם ניט זעהן. ער האָט געציטערט, געקריצט מיט די צעהנער פאַר צאָרן און פערדרוס, ער האָט אָבער גאָר ניט געקענט העלפען. ער איז פערקראָכען צו וויַיט.

אַזוי וויא ער איז אַזוי געזעסען פערטראַכט און פערצאָרנט, האָט זיין דיענער אָנגעהויבען צו קלאַפען אין דער טהיר. נאָוואַק איז אויפגעשפרונגען און איז צוגעלאָפען צו דער טהיר.

— וואָס ווילסט דו? האָט ער געפרעגט בייז. איך האָב דאָך דיר אָנגעזאָגט אַז דו זאָלסט מיר ניט שטערן?

— זי איז געקומען, האָט דער דיענער זיך ענטשולדיגט.

נאָוואַק איז געוועזען אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט אָנפאַנגס ניט פערשטאַנען וואָס דער דיענער מיינט.

— ווער איז געקומען? האָט ער געשריען.

— זי, די אַלטע פרוי.

— זאָג איהר, אַז איך האָב קיין צייט פאַר איהר.

אין דיעזע מינוט איז סטאַסאַ צוגעקומען צו דער טהיר און האָט אויס־גערופען:

— לאָזט מיר אַריין, הערר אַדוואָקאַט! איך מוז מיט אייך רעדען! איך האָב פיעלע וויכטיגע זאַכען צו רעדען מיט אייך.

נאָוואַק האָט גאָר ניט געקענט מאַכען. ער האָט געמוזט זי אַריינלאָזען. קוים האָט ער פערמאַכט די טהיר הינטער איהר, האָט ער אויסגערופען:

— וואָס ווילסטו פון מיר, סטאַסאַ? געה דיר!

— אָך, גנעדיגער הערר! האָט סטאַסאַ געזיפצט, איהר דערשרעקט דאָך מיך! איהר זייט דאָך עפּעס היינט זעהר בייז. עס קען זיין, אַז איהר האָט געגוג אורזאַכען צו זיין בייז, וואָס בין איך אָבער שולדיג? פאַר וואָס זאָלט איהר שרייען אויף מיר? מיר זיינען דאָך עפּעס אַלטע גוטע פריינד. מיר קען זיך דאָך שוין פון לאַנג. מיר מוזען זיין גוטעפריינד און מיר וועלען בליי־בען גוטע פריינד.

נאָוואַק האָט געוואָרפען אויף איהר אַ בייזען בליק און האָט זיך אָפּגע־שאָקעלט. עס איז איהם שטאַרק ניט געפעלען דיעזע פריינדשאַפט. גראַדע היינט האָט ער זיך געשעהמט מיט דיעזער בעקאַנטשאַפט. גראַדע היינט האָט איהם געקרענקט, וואָס זי איז געקומען צו איהם. ער האָט מורא געהאַט פאַר דיעזער פרוי. זי האָט געוואוסט צופיעל פון זיינע געהיימניסע. ווען ער זאָל פאַר איהר ניט געווען מורא האָבען, וואָלט ער זי געוועזן אַרויסגעיאָגט צום טייפעל. ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר איהר און האָט געמוזט רעדען מיט איהר.

— זאָג מיר קורץ, וואָס ווילסט דו יעצט פון מיר? האָט ער ענדליך געזאָגט פריינדליכער.

— איך האָב געהערט אַז דער באַראָן פאָן באַטהיאַני איז פריי. אין פאַ־לאַץ פון גראַף מעראַס איז מען פרעהליך און גליקליך. איז עס דען מעגליך, אַז מען זאָל י ע נ ע אויך בעפרייען?

— וועמען מיינסטו?

— איך מיין דעם ענקערס טאָכטער.

— אָה, ניין! דאָס איז אונמעגליך! האָט נאָוואַק אויסגערופען. דעם ענ־קערס טאָכטער האָט בעגאַנגען צוויי שווערע פערברעכען. זי האָט בעפרייט אַ געפאַנגענעם און האָט בערויבט די טוידטע. פאַר אַזעלכע פערברעכען קען מען זי שוין ניט בעפרייען.

סטאַסאַ'ס אויגען האָבען זיך צוגליהט, וויא די אויגען פון אַ הונגעריגען טיגער. אויף איהר געזיכט האָט זיך געוויעזען אַ ווילדער טייפלישער אויסדרוק.

— איהר האָט צוואַר רעכט, הערר אַדוואָקאַט, האָט זי געזאָגט, איהר זייט אַ געלערנטער מאַן און ווייסט געוויס פיעלע זאַכען, עס זיינען אָבער אין דער לעצטער צייט פאָרגעקומען זאַכען וועלכע איבעראַשען יעדען. קיי־נער האָלט ניט געגלויבט, אַז עס וועט זיך גאָר אַרויסווייזען, אַז דער באַראָן פאָן באַטהיאַני איז אונשולדיג. אַלע זיינען געווען זיכער, אַז ער וועט שטאַר־בען אויפ'ן עשאַפאָט און פלוצלונג איז ער גאָר פריי. פיעלייכט וועט זיך נאָך אַרויסווייזען, אַז אַננאַ איז אויך אונשולדיג? וואָס וועט דאַן זיין?

— דאס קען דאך אבער ניט זיין! וויא אזוי קען מען עס בעווייזען, אז אננא איז אתשולדיג, ווען מען האט געפונען ביי איהר דיא ביינער פון גראף מעראס קינד?

— עס לעבט נאך אבער א מאן, וועלכער האט געזעהן, ווער עס האט ארויס־גענומען דיא ביינער פון גראף מעראס פאמיליענבעגרעבניס.

— וואו איז ער דען? ועמען מיינסט דוא?

— איך מיין דעם וועכטער פון'ם בעערדיגונגס פלאץ, האט סטאסא ערקלערט. ער לעבט נאך. ער איז צוואר בלינד און געפינט זיך יעצט אין האספיטאל. ווער וויס אבער, וואס דיא דאקטוירים וועלען פון איהם מאכען? איהר זייט דאך א געלערנטער מאן און ווייסט געוויס, אז עס מאכט זיך אמאל, אז דיא דאקטוירים היילען אויס א קראנקען. וואס וועט זיין, ווען דיעזער מאן וועט קומען און וועט זאגען, ווער עס האט גערויבט דאס טויטע קינד? וועט איהר קענען מיך בעשיצען? וועט עס אייך געלינ־גען צו פערדרעהן איהם?

— איך ווייס ניט, וואס איך זאל דיר ענטפערן.

סטאסא האט זיך אניעדערגעשטעלט לעבען איהם און האט אויסגערופען שטאלץ:

— איהר מוזט עס וויסען, העררר אדוואקאט! — ווען איך, ווען אננא וועט בעפרייט ווערן! איך וועל עס ניט פערשווייגען!

— דוא ביסט וואהנזיניג, סטאסא! וואס ווילסט דוא פון מיר? איך בין דאך קיין גאט. ווען עס וועט קומען דער מאן, וואס דוא זאגסט, און וועט ווירקליך בע־ווייזען, אז ניט אננא האט גערויבט דאס טויטע קינד, זאנדערן אנאנדערע, קען איך גאר ניט העלפען.

— איהר מוזט העלפען, העררר אדוואקאט! — אננא מוז שטארבען! איך וועל מאכען אלעס אין דער וועלט אום זיא צו פערניכטען. איך מוז מיך זעטיגען אין איהר בלוט. איהר ווייסט נאר ניט, העררר אדוואקאט, וויא נעטהיג עס איז פאר מיר, אז זיא זאל שטארבען. אננא'ס טויט איז נעטהיג ניט פאר מיר אליין, זאנדערן אויך פאר אנדערע.

— וואס מיינסט דוא דערמיט? איך פערשטעה דיך ניט.

— דאס וועט איהר שפעטער געוואהר ווערדען.

דער אדוואקאט האט זיך פערטראכט. ער האט געקענט דיעזע פרוי. ער האט געוואוסט, אז זיא האט אויך געהיימניסע. ער האט געוואלט פון איהר לויז ווערן.

— זיי רוהיג, סטאסא, האט ער ענדליך געזאגט, דאס געריכט האט שוין ארויס־געשיקט א בעפעהל צום הענקער, אז מארגען זאל מען אפהאקען אננא'ן דעם קאפ. מארגען אין דער פריה וועט זיך אלזא אלעס ענדיגען. וואס קען דען נאך פאסירען ביז מארגען? וואס ביסט דוא געקומען מיך שטערן און מיך בעאונרוהיגען.

— וואס רעדט איהר, העררר אדוואקאט? איהר פערגעסט דאס אלטע שפריכ־ווארט: „צווישען בעכער און ליפען איז נאך א וויטער וועג". וויא אפט קומט פאר, אז איינער גיסט אן דעם בעכער, טראגט איהם צו צו דיא ליפען און קען איהם דאך ניט אויסטרינקען? — איך זאג אייך נאך אמאל, העררר אדוואקאט, אז קוים

וועט אננא בעפרייט ווערן, וועל איך ניט שווייגען. איך וועל טאהן, וויא דער אלטער אידישער העלד שמשון: איך וועל מיך אָנחאפּען אן דיא זיילען פון'ם טעמפּעל און וועל דאס גאנצע געביידע אראָפּוואַרפען אויף אלעמען. איך וועל אומקומען ניט אליין. איך וועל אנמאכען אזא שטויב אין מיין פאלען, אז איך וועל אלעמען פערשיטען.

— שרעק מיך ניט איבער, סטאסא, איך האב פאר דיר קיין מורא! איך האב נעטאהן פון דיינעטוועגען, וואס איך האב געקענט. מעהר קען איך פון דיינעטוועגען גאר נישט טאהן.

— איך האף, אז מיר וועלען זיך נאך אמאל ווידערזעהן, האט סטאסא גע־ענטפערט רוהיג. מיר וועלען אבער דאמאָלס רעדען פון אנדערע זאכען. — יעצט, א גוטען טאג, הערר נאָוואק! פערגעסט ניט אייער פריינדין, סטאסא קאראָ!

מיט דיזע ווערטער האט זיא זיא זיך גאנץ העפליך פערנייגט און איז ארויס־געגאנגען פון זיין צימ ר.

נאוואק איז געבליעבען אליין. ער האט אראפּגעלאזען דעם קאָפּ אויף דער ברוסט און האט זיך פערטראכט. פון צייט צו צייט פלעגט ער א ציטער טאהן מיט'ן גאנצען קערפּער. דער קלוגער, געשיקטער און דורכגעטריעבענער אדוואָקאט האט גוט געפיהלט, אז דאס רעדעל האט זיך איבערגעדרעהט. עס געהט בארג אראָפּ.

— וואס וועט זיין דאס ענדע? האט ער ענדליך אויסגערופען. — איז עס וואהר וואס דיא פרומע זאגען, אז דיא שלעכטע טהאט בעשטראפט זיך אליין, אדער איז עס א געפּלוידער? — ווער ווייס? — — — — —

24טער קאפּיטעל.

דיא לעצטע נאכט.

עס איז פינף אוהר אין דער פריה. א קאלטער און נאסער נעבעל בעדעקט דיא שטאדט. אין דיא דיקע און שווארצע מויערן פון דעם געאָרג'ס געפענגניס איז נאך נאכט. דיא געפאנגענע רוהען אונטער זייערע אייזערנע גראטעס. נור אין איין צימעריל ברענט נאך א ליכט. דארט זיצט א יונגע פרוי אויף איהר הארטען געלעגער און האלט א בוך אין דער האנד. דאס איז אננא, דעם הענקערס טאכטער.

פון צייט צו צייט קוועלען ארויס פון איהרע אויגען א פּאָר גרויסע טרערען און פאלען אראפּ אויף דיא בלעטער פון בוך.

פּלוצלונג האט זיך געעפענט דיא שווערע טהיר פון איהר קעמעריל. אננא האט אויפגעהויבען דיא אויגען און האט דערזעהן פאר זיך דעם אויפזעהער פון געפענגניס.

— דער הענקער מיכאאיל איז געקומען צו דיר, האט דער אויפזעהער געזאגט.

— מיין פאָטער! האט אננא אויסגערופען, מיין פאטער וויל קומען צו מיר! אך! לאז ער קומען!

אין איינינע מינוטען ארום איז מיכאאיל מיט זיין פרוי אריינגעקומען אין אננא'ס קעמעריל. אננא איז אויפגעשפּרונגען פון איהר געלעגער און האט ארומגענומען איהרע עלטערן. מיכאאילס פרוי האט שטארק געוויינט, אויך אננא האט שטארק געוויינט, נור דער הענקער מיכאאיל איז געבליעבען רוהיג.

— וויין ניט, מוטער! האָט אַננאַ ענדליך געבעטען, צו וואָס זאָלסט דו וויינען? מיר מוזען דאָך אַלע געהן אויף דעם זעלבען וועג. וואָס מאַכט עס אויס, אויב מיט עטליכע יאָהר פריהער אָדער שפּעטער? אַלענפאַלס וועלען מיר זיך נאָך אַמאָהל זעהן דאָרט אויבען, איבער די שטערן, וואו עס איז ניטאָ קיין בעטרוג און פאַלשקייט.

— פערצווייפעל ניט, מיין טהייערעס קינד! האָט מיכאַאיל זיך אַריינגעמישט, איך האָב נאָך ניט פערלאָרען אַלע האָפנונג. עס איז נאָך זעהר מעגליך, אַז דו וועסט בעפרייט ווערן.

— אַך, פאָטער! האָט אַננאַ געזיפצט, נור אַ וואונדער קען מיך יעצט רעטען.

— ווען עס זאָלען נאָך געשעהן וואונדער, וואָלט מען דיך גאָר ניט פערורטהיילט, האָט מיכאַאיל געענטפערט, איך רעד ניט פון וואונדער, איך רעד ניט פון גרערכטיגקייט. ווען אויף דער וועלט וואָלט נור געווען זיין אַ פונק פון גערעכטיגקייט, מוז מען דיך בעפרייען.

— וויא האָפסט דו דען אויף גערעכטיגקייט, פאָטער?

— פאַר וואָס ניט? מען האָט יעצט אויסגעפונען, אַז דער באַראָן פאָן באַטהיאַני איז אונשולדיג. פאַר וואָס זאָל מען ניט אויסגעפינען, אַז דו ביסט אונשולדיג?

— פאַר'ן באַראָן פאָן באַטהיאַני האָבען זיך אָנגענומען אַנדערע מענשען, ער איז אַן אַריסטאָקראַט. איך בין אָבער די טאָכטער פון אַ הענקער.

אַ פּאָר מינוטען האָבען ביידע געשוויעגען. דאַן האָט מיכאַאיל געזאָגט צו זיין טאָכטער.

— זעץ דיך דאָ אויפ'ן שטוהל, טאָכטער. מיין טרויעריגס האַנדווערק פאָדערט פון מיר נאָך איין אַרבייט.

— איך פערשטעה, וואָס דו מוזט טאָהן, פאָטער.

ערשט יעצט האָט אַננאַ בעמערקט, אַז לעבען דער וואַנד שטעהט אַ ניעדעריגער, איינפאַכער, הילצערנער שטוהל אויף דריי פיסלעך. אויף דיעזען שטוהל האָט זי זיך יעצט אַניעדערגעזעצט.

זי האָט זעהר גוט געוואוסט, וואָס איהר פאָטער וויל יעצט טאָהן. זי האָט געוואוסט, אַז מען שערט אָפּ די האָר פון יעדען פעראורטהיילטען אַ שטונדע פאַר זיין טוידט.

מיכאַאיל האָט אַרויסגענומען פון אונטער זיין מאַנטעל אַ גרויסע שעער און האָט אָנגעהויבען אָפּצושערען די לאַנגע בלאָנדע שעהנע לאָקען פון אַננאַ'ס קאָפּ. זיינע הענד האָבען געציטערט, ווען דיעזע לאָקען זיינען אַראָפּגעפאַלען אויפ'ן שמוציגען פוסבאָדען פון'ם געפענגנים.

מיכאַאיל'ס פרוי אָבער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען, ווען זי האָט געזעהן וויא דער פאָטער אַליין פאָרבערייטעט זיין קינד צום טוידט.

— וואָס טהוסט דו, מיכאַאיל? האָט זי אויסגערופען. וויא קענען זיך דיינע הענד אויפהויבען אויפ'ן קאָפּ פון אונזער טהייערער אַננאַ?

— ווייל זי איז אונשולדיג! האָט מיכאַאיל געברומט.

— צו וואָס האָסט דו אָנגענומען דיעזע טרויעריגע פפליכט? האָט מיכאַאיל'ס

פרוי געשריען און געוויינט וויא ווערסט דו קענען אויספיהרען דעם אורטהייל? וועלען דען דיינע הענד ניט ציטערען? ווערסט דו דען קענען אויפהויבען די שווערע האַק אויף...?

— מיין פאָטער וועט ניט ציטערען, האָט אַננאַ געזאָגט טרויעריג, ער ווייס, אַז עס וועט מיר זיין פיעל לייכטער צו שטאַרבען פון זיין האַנד. זאָג דיך ניט אָפּ, פאָטער! זיי שטאַרק. טהו דיין פפליכט, וויא עס טהוט זיין פפליכט דער בליץ, וועלכער טוידטעט די אונשולדיגע מיט די שולדיגע צוגלייך. — זיי שטאַרק, ליעבער פאָטער! עס וועט מיר ניט אַזוי פיעל שמערצען צו שטאַרבען פון דיין האַנד.

מיכאַאיל'ס פרוי איז געפאַלען אויף די קניע פאַר'ן שטוהל, אויף וועלכען אַננאַ איז געזעסען און האָט אָנגעהויבען צו וויינען אַזוי שטאַרק, אַז מיכאַאיל האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט אויך אָנגעהויבען צו וויינען.

אַננאַ האָט ניט געקענט אויסהאַלטען, ווען זי האָט געזעהן, וויא איהרע עלטערען זיינען אונגליקליך און וויינען. זי האָט אַרומגענומען איהר פאָטער און האָט איהם געבעטען:

— וויין ניט, פאָטער! בערוהיג דיך. צו וואָס זאָלסט דו מיר שווער מאַכען דאָס שיידען זיך פון דיר?

מיכאַאיל האָט זיך אויפגעהויבען און האָט נאָך געמוזט אויפהויבען זיין פרוי, וועלכע איז נאָך אַלץ געלעגען אויף דער ערד און האָט אַרומגענומען אַננאַ'ס פיס. מיכאַאיל האָט געמוזט זי אָפּרייסען מיט גוואַלד.

אַלע דריי האָבען זיך יעצט אַרומגענומען און זיינען אַזוי געשטאַנען איי־ניגע מינוט. ענדליך איז אַריינגעקומען איין אויפזעהער און האָט זיי דערמאָנט, אַז מען דאַרף זיך צוגעהן.

— מיר וועלען זיך באַלד וויעדערזעהן, האָט מיכאַאיל געזאָגט צו אַננאַ'ן.

מיט דיעזע ווערטער האָט ער מיט גוואַלד אַרויסגעפיהרט זיין פרוי פון אַננאַ'ס קעמעריל.

אַננאַ איז וויעדער געבליבען אַליין. יעצט האָט זי געוואוסט פאַר געוויס אַז פאַר איהר איז שוין קיין האָפנונג ניטאָ.

זי האָט וויעדער געעפענט איהר געבעט בוך און האָט אָנגעהויבען צו לעזען. אַזוי איז פערגאַנגען אַ גערוימע צייט. פּלוצלונג האָט זיך געעפענט די טהיר פון איהר קעמעריל און דער גייסטליכער פון געפענגניס איז אַריינגעקומען.

ער איז שוין געווען געוואָהנט צו אַזעלכע סצענען. ער האָט שוין אין זיין לעבען בעגלייטעט ניט איין פערברעכער אויף זיין לעצטען גאַנג צום עשאַפאָט. ער האָט געוואוסט, אַז אין אַזאַ פאַל זיינען די פערברעכער זעהר אונרוהיג, וויינען, קלאָגען, שרייען און יאָמערן. ער האָט זיך דאַהער זייער גע־וואונדערט, ווען ער האָט דערזעהן, אַז אַננאַ איז גאַנץ רוהיג.

— וואָס מאַכסט דו, טאָכטער? האָט ער זי געפרעגט.

— איך בעט גאָט אַז ער זאָל פערציי׳הען מיינע ריכטער, האָט אַננאַ געענטפערט.

איז דיר שווער אויפ'ן הארצען?

— ניין, עהרווירדיגער פאטער, עס איז מיר ניט שווער צו שיידען זיך פון דיזער וועלט.

— ווילסט דוא בערייען דיינע זינד?

— עהרווירדיגער פאטער, איך בין אונשולדיג, האט אננא געענטפערט.

דער גייסטליכער האט ניט געוואוסט, וואס צו טאהן אין אזא פאל. ער איז געוועזען געוואוינט, אז דיא פערברעכער זאלען איהם בעטען, זאלען וויינען פאר איהם, זאלען זיך שלאגען אין הארצען און זאלען איהם בעטען, ער זאל עפעס טאהן פאר זיי. יעצט אבער זעהט ער פאר זיך א יונגעס מעדכען, וועלכעס איז גאנץ רוהיג און זאגט, אז זיא איז אונשולדיג. דאס האט ער אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן.

— טאָכטער, דוא שטעהסט יעצט אויפ'ן שוועל פון דער עוויגקייט, האט דער גייסטליכער געזאגט, אין א פּאָר שטונדען ארום וועסט דוא שטעהן פאר גאָט און וועסט איהם אפּגעבען רעכנונג פאר אלעס, וואס דוא האסט געטאהן אויף דער וועלט. פאר וואס זאלסט דוא ניט בעקענען דיינע זינד? פאר וואס זאלסט דוא ניט בערייען? פאר וואס זאלסט דוא ניט דערצעהלען אלעס? עפען אויף דיין הארץ, מיין קינד. זאג מיר אלעס. גאט איז גערעכט. ער וועט דיר פערצייהען דיינע זינד.

— עהרווירדיגער פאטער, איך בין אונשולדיג, האט אננא געענטפערט. וואס זאל איך בערייען? איך האב בעפרייט דעם באראָן פאָן באטהיאני, דאס איז וואהר! דאס איז אבער קיין זינד. איך קען דעם באראָן פאן באטהיאני. איך וויים, אז ער איז אונשולדיג. איך האב רעכט געטאהן, וואס איך האב איהם געהאלפען, ער זאל אנט־לויפען. דיא ריכטער און דאס פאָלק וואלטען דערנאך ביטער בערייעט, וואס זיי האַ־בען איהם פערארורטהיילט.

— דוא האסט דאך אבער בעגאנגען נאך א פערברעכען? האט דער גייסטלי־כער געפרעגט.

— איך האב מעהר קיין פערברעכען ניט בעגאנגען, האט אננא געענטפערט.

— דוא האסט דאך אוועקגערויבט דיא ביינער פון א קינד.

— ניין, עהרווירדיגער פאטער, איך האב עס ניט געטאהן. איך וויים דערפון ניט.

דער גייסטליכער איז געוועזען געריהרט. ער האט נאך קיין מאל ניט געזעהן אזא ריינעס, אונשולדיגעס געזיכט. ער האט געהייסען אננא'ן זיך שטעלען אויף דיא קניע, האט זיך אליין געשטעלט אויף דיא קניע און האט אויסגערופען:

— לאָמיר בעטען, טאָכטער! לאָמיר בעטען גאט, ער זאל דיך אויפנעהמען גנעדיג.

ביידע האבען אנגעהויבען צו בעטען. — — —

אויף דעם גרויסען פּלאַץ פאר דעם געפענגניס איז גאנץ פריה דעם פונפצעהנ־טען נאָוועמבער געוועזען אויפגעשטעלט א זאָנדערבארעס געביידע — דער עשאפאָט, א הויך בריקעל אויף שווערע קלעצער. דער עשאפאָט איז געוועזען פערהאנגען מיט שווארצען. אין דער מיט איז געשטאנען א ניעדעריגער קלאָץ. לעבען איהם איז געלע־גען א געשליפענע ולענצענדע האק.

ארום עשאפאט איז געשטאנען אן עסקאדראן קאוואלעריע סאלדאטען און ארום זיי האט זיך פערזאמעלט א גרויסע מעננע פאלק.

וויא פריה עס איז נאך געווען, האבען זיך שוין געפונען טויזענדער נייגיעריגע. יעדער האט געוואלט זעהן, וויא מען האקט אפ דעם קאפ אן אונשולדיגעם מערכען. וויא טרויעריג אזא סצענע איז, וויא שרעקליך זיא איז, געפינען זיך דאך מענשען, וועלכע לויפען עס זעהן, וועלכע האבען דערפון פערגניגען.

פאר'ן עשאפאט זיינען געשטאנען עטליכע שטוהלען פאר דיא ריכטער און דיא גרעסטע לייט פון דער שטאדט. אזוי וויא גראף מיראס האט געמעלדעט, אז ער וועט אויך זיין ביי דעם טרויעריגען פראצעס, האט מען פון זיינעטוועגען געשטעלט א בעזונדערן שטוהל.

דער הענקער איז געווען אנגעטאהן אין זיינע רויטע קליידער. ער איז ארומגעגאנגען אויפ'ן עשאפאט און האט פון צייט צו צייט א קוק געטאהן אין דער זייט, פון וואנען דיא פערברעכערין האט געדארפט אנקומען.

ווען מען זאל זיך געווען צוקוקען צו איהם, וואלט מען געזעהן, וויא ער ציטערט און זיין געזיכט איז בלייך, וויא קאלך.

דיא מעננע מענשען האבען אבער קיין צייט געהאט זיך צו צוקוקען צום הענקער. זיי האבען ערווארטעט דיא פערברעכערין, זיי האבען געוואלט זעהן, וויא דיא פערברעכערין וועט אויסזעהן, וואס פאר א מינע זיא וועט מאכען, ווען מען וועט זיא צו ברענגען צום עשאפאט.

אונטערדעסען האט אננא געבעטען גאט אין איהר קעמעריל. אין דרויסען האט אנגעהויבע צו טאגען. עס איז געקומען אן אויפזעהר און האט געזאגט נור אייןווארט:

— עס איז שוין צייט!

אננא האט פערשטאנען, וואס ער מיינט. זיא איז אויפגעשטאנען און איז געגאנגען צווישען שליעסער און דעם גייסטליכען. אזוי איז זיא ארויסגעגאנגען פון איהר קעמעריל. אין הויף זיינען געשטאנען זשאנדארמען. קוים איז זיא ארויסגעגאנגען, האבען דיא זשאנדארמען זיא ארומגערינגעלט פון אלע זייטען. דער אויפזעהר איז זיך אוועקגעגאנגען, נור דער גייסטליכער איז געבליעבען ביי איהר.

אזוי האט מען זיא ארויסגעפיהרט אויף דער גאס. דארט איז געשטאנען א הויכער שווארצער וואגען. מען האט געהייסען אננא'ן ארויפגעהן אויפ'ן וואגען. דער גייסטליכער איז איהר נאכגעגאנגען. ארום וואגען האט זיך אויסגעשטעלט א באטאליאן קאוואלעריע.

דער וואגען איז געפאהרען לאנגזאם. מען האט געוואלט ווייזע דעם פאלק, וויא שטרענג מען בעשטראפט א פערברעכער. ענדליך איז ער אנגעקומען אויפ'ן פלאץ, וואו דער עשאפאט איז געשטאנען. קוים האט דיא מעננע מענשען דערזעהן דעם הויכען שווארצען וואגען, איז געווארען א געשריי:

— זיא קומט! אט איז זיא!

עס האט אנגעהויבען צו רוישען און צו קאכען. מען האט אנגעהויבען צו דרענגען זיך צום עשאפאט. יעדער האט געוואלט זעה, דיא פערברעכערין. יעדער האט

געוואָלט זעהן דעם הענקער. יעדער האָט געוואָלט זעהן די גאַנצע צערע־מאָניע. די סאָלדאַטען אויף פערד האָבען געמוזט צוריקטרייבען דאָס פאָלק.

דער וואָגען איז ענדליך צוגעקומען צום עשאַפאָט. מען האָט געהייסען אננאַ'ן אַראָפּגעהן פון וואָגען.

עס האָט זיך אָנגעהויבען דער לעצטער אַקט פון דעם שרעקליכען טרויער שפּיעל. אננאַ האָט אַ קוק געטהאָן אויף די מענגע. זי האָט דערזעהן פאַר זיך אַ גאַנצעס מעער פון מענשען קעפּ. נייגיעריגע אויגען האָבען געקוקט אויף איהר. זי האָט מעהר ניט געקענט זעהן און האָט געמוזט אַראָפּלאָזען די אויגען.

איינער פון די בעאַמטע האָט זי צוגעפיהרט צו אַ טיש, וועלכער איז געווען בעדעקט מיט אַ שוואַרצעס טוך. אַרום טיש זיינען געשטאַנען די גרעסטע בעאַמטע פון דער שטאָדט. צווישען זיי איז געווען גראַף מעראַס. אַלע זיינען געשטאַנען, נור איין איינציגער פון זיי איז געזעסען. — דאָס איז געווען דער אַדוואָקאַט נאָוואַק.

ער איז געזעסען ביים טיש, פאַר איהם איז געשטאַנען אַ טינט און פעדער. ער האָט עפּעס געשריעבען. ער האָט אָנגעשריעבען דעם פּראָטאָקאָל, אַז מען האָט אויסגעפיהרט דעם אורטהייל איבער דער פערברעכערין.

אננאַ האָט אויפגעהויבען די אויגען און האָט דערזעהן דעם גראַף מעראַס. ער איז געווען בלייך און אונרוהיג. אויף זיין עדעלעס געזיכט איז געלעגען אַ פינסטערער וואָלקען.

דער אַדוואָקאַט האָט איהר ניט געלאָזען לאַנג טראַכטען.

— זייט איהר אַננאַ, די טאָכטער פון הענקער מיכאַאיל? האָט ער זי געפרעגט.

— איך הייס אַננאַ, האָט זי געענטפערט.

— איהר האָט בעגאַנגען צוויי פערברעכען: איהר האָט בעפרייט אַ פערברעכער, וועלכער איז געווען פעראורטהיילט צום טוידט. דאַן האָט איהר אַרויסגעגנב'עט די לייכע פון אַ קינד. בעקענט איהר, אַז איהר האָט בעגאַנגען דיעזע פערברעכען?

אננאַ האָט ניט געענטפערט. וואָס זאָל זי ענטפערען? זי האָט שוין גענוג גערעדט אויפ'ן געריכט. זי האָט שוין גענוג ערקלעהרט.

— ווען איהר שווייגט, מוז איך אייך פאָרלעזען אייער טאָדטעס אורטהייל, האָט נאָוואַק ווייטער געזאָגט.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, האָט גענומען אַ גרויסען בויגען פּאַפּיער פון טיש, האָט אַראָפּגענומען זיין הוט און האָט אָנגעהויבען צו לעזען.

„אים נאָמען פון זיינער קייזערליכען מאַיעסטעט!"

„דאָס קייזערליך־קעניגליכעס אָבערקרימינאַל געריכט האָט אונטערזוכט דעם פּראָצעס פון דער פערברעכערין אַננאַ, די טאָכטער פון'ם הענקער מיכאַאיל, און האָט געפונען, אַז זי איז ווירקליך שולדיג. זי האָט בעטריבען די טוידטע. לויט פונקט איינס, פּאַראַגראַף 888 פון קרימינאַל געזעץ־בוך קומט פאַר אַזאַ פערברעכען דער טוידט."

„דאָס אָבערקרימינאַל געריכט האָט דאַהער פעראורטהיילט די פערברעכערין צום טוידט דורך אָפּהאַקען די קאָפּ.

ער האָט אַניעדערגעלעגט דיזען פּאַפּיער אויפ'ן טיש און האָט גענומען אַנאַנדערס.

— מיינע העררען, האָט ער געזאָגט צו די פערזאַמעלטע, די פערברעכערין האָט אויפגעהויבען אַן אַפּעלאַציאָן געגען דאָס אורטהייל פון קרימינאַל געריכט צו אונזער גרויסען און גנעדיגען קייזער, איך מוז פאָרלעזען, וואָס דער קייזער האָט געענטפערט אויף איהר אַפּעלאַציאָן.

ער האָט יעצט גענומען דאָס צווייטע פּאַפּיער און האָט געלעזען אין דער הויך:

„מיר לעאָפּאָלד דער צווייטער, קייזער פון עסטרייך, קעניג פון אונגאַרן און בעהמען, האָבען דורכגעלעזען דעם פּראָצעס פון דער פערברעכערין אַננאַ, די טאָכטער פון'ם הענקער מיכאַאיל באָדראָ און האָבען געפונען, אַז אונזער קרימינאַל געריכט האָט גוט געהאַנדעלט. גערעכטיגקייט מוז געשעהן!"

„וויען, 18טען אָקטאָבער 1790."

נאָוואַק האָט אַניעדערגעלעגט דאָס פּאַפּיער אויפ'ן טיש. אַלע האָבען געשוויעגען. די מענגע אַרום האָט קוים געקענט זעהען, וואָס עס קומט פאָר לעבען עשאַפאָט. אַלע האָבען זיך פערהאַלטען רוהיג. יעדער האָט געפיהלט, אַז באַלד וועט זיך אָפּשפּיעלען אַ שרעקליכע סצענע. נור איין אַלטע אַבשייליכע פרוי האָט געברומט און געשריען, וויא א ווילדעס טהיער:

— שנעלער! שנעלער! לאַז זי שטאַרבען!

קיינער אבער האט זיך אויף איהר ניט אומגעקוקט.

אַננאַ איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר'ן טיש, וואו מען האט נור וואס פארגעלעזען איהר טוידטעס אורטהייל.

— האָט איהר נאָך עפּעס צו זאָגען? האָט נאָוואַק זי געפרעגט.

— איך בין אונשולדיג, האָט אַננאַ געענטפערט.

— עס איז אַ ליעגען! זי איז יאָ שולדיג! האָט געשריען אַן אַלטע הייזעריגע שטימע.

קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער עס האָט געשריען, אויסער דעם אַדוואָקאַט נאָוואַק. ער האָט דערקענט דיזע שטימע. ער האָט געוואוסט וועמען זי געהערט.

— וויל איינער זאָגען עפּעס, אָדער בעווייזען עפּעס, אַז די פערברעכערין איז אונשולדיג? האָט נאָוואַק געפרעגט אין דער הויך.

קיינער האָט איהם ניט געענטפערט. ער האָט זיך געווענדעט צום הענקער און האָט איהם געזאָגט:

— הענקער, טהוט אייער פליכט!

ביז אַהער איז אַננאַ געווען רוהיג און געפאַסט. יעצט אָבער ווען עס איז געקומען די לעצטע מינוט; יעצט, ווען די העלפער פון'ם הענקער מיכאַאיל זיינען צוגעקומען צו איהר און האָבען אָנגעהויבען איהר צו בינדען די הענד אויפ'ן רוקען, האָט זיך איהר געזיכט פערענדערט. עס איז געוואָרען פון אַש גרויער פאַרב, איהר

בליק איז געווארען פינסטער. איהר גאנצער קערפער האט א ציטער געטאהן און זיא האט אנגעבויגען דעם קאפ, וויא עס בייגט אן דעם קאפ א ראזע, ביי וועלכער מען האט צובראָכען דעם שטענגעל.

פיעלע פון דער מענגע האבען עס בעמערקט און האבען אנגעהויבען צו בעדויערן דאס אונגליקליכע שעהנע מעדכען, וועלכעס דארף שטארבען אזוי יונג. מען האט זאגאר געהערט וויינען. איינינע דאמען האבען זיך פערשטעלט זייערע געזיכטער מיט די טאשענטיכער.

דער גייסטליכער האט גענומען אננא'ן אונטער'ן ארים און האט אנגעהויבען זיא ארויפצופיהרען אויף דיא טרעפ פון'ם עשאפאָט.

לאנגזאם איז זיא ארויפגענאנגען אויף דיא טרעפ פון'ם עשאפאָט. העבער און העבער איז זיא ארויפגעגאנגען. ווען זיא איז ארויפגעגאנגען אויבען, האט זיא דערזעהן דעם קלאָץ, אויף וועלכען מען האט איהר געדארפט אפהאקען דעם קאפ. מעהר האט זיא שוין ניט געקענט געהן. דער גייסטליכער און דיא העלפער פון'ם הענקער האבען געמוזט זיא צוטראגען צום שרעקליכען קלאָץ.

אין דיעזע מינוט האט אן אלטע פרוי זיך גענדרענגט צום עשאפאָט. זיא איז דורכגעקראָכען צווישען דיא סאלדאטען און האט געוואלט ארויפגעהן אויף דיא טרעפ פון עשאפאָט.

— וואוהין געהסט דוא? האט געפרעגט איינער פון דיא זשאנדארמען.

— איך וויל איינטונקען מיין טאשענטוך אין בלוט פון דער פערברעכערין, האט דיא אלטע געענטפערט.

דער הענקער מיכאאיל האט א קוק געטאהן אויף דיא אלטע פרוי און האט א ציטער געטאהן.

— עס איז סטאסא! האט ער געמורמעלט. — ווארט, דוא אלטע העקסע (מכשפה)! קוים וועט אננא שטארבען, וועסט דוא אויך ניט לעבען. — וואס טהוט מען? דאס דאקומענט, וועלכעס איך האב ביי מיר, בעווייזט ניט אלעס, סטאסא מוז עס בעשטעטיגען. זיא וועט עס אבער דאך ניט טאהן. זיא וויל, אז אננא זאל שטארבען. — אך, גאט! וואס טהוט מען? איך האב געווארט ביז אהער. איך האב געהאפט, אז עס וועט זיך אונטערדעסען עפעס ארויסווייזען. ליידער, איך האב געווארט אומזיסט.

זיינע אויגען זיינען געווארען פול מיט טרערען. זיינע הענד האבען געציטערט און זיין געזיכט איז געווארען נאך בלייכער און נאך טרויעריגער פון אננא'ס געזיכט.

אונטערדעסען האבען זיינע העלפער צוגעפיהרט צו איהם דיא פעראורטהיילטע. דער גייסטליכער איז געפאלען אויף דיא קניע און האט געזאגט:

— בעט גאט, מאַכטער! בעט גאט, ער זאל אויפנעהמען דיין זעעלע.

אננא איז געפאלען אויף דיא קניע. לעבען איהר האט געקניעט דער הענקער. דיא גאנצע סצענע איז געווען אזוי זאנדערבאר און אזוי ריהרענד, אז איינינע פון דער מענגע האבען אנגעהויבען צו שרייען:

— דאס דארף ניט זיין! דאס קען ניט זיין! ווער האט עס געהערט, אז א פאטער זאל טויטען זיין אייגען קינד?

דיא ריכטער זיינען געווארען אונרוהיג. זיי האבען מורא געהאט, דאס פאלק זאָל זיך ניט אויפהייבען מיט א מאל און עס זאל ניט ווערן א געשלעג.

— מאכט עס שנעלער! האט נאָוואק קאָמאַנדירט.

— האלט איין! האבען געשריען פיעלע שטימען. דאס דארף ניט זיין. א פאטער דארף ניט טויטען זיין אייגענעם קינד!

— מאכט עס שנעלער! האט יעצט קאָמאַנדירט דער אָפיציער, וועלכער האט קאָמאַנדירט דיא סאָלדאַטען.

דיא העלפער פון'ם הענקער האבען אנגעהויבען צו פערבינדען אננא'ן דיא אויגען. עס איז געקומען דיא לעצטע מינוט. — אננא האט אניעדערגעלעגט איהר קאָפּ אויפ'ן קלאָץ. — מיכאַאיל האט געדארפט נעהמען דיא שווערע האק, זיא אויפהויבען מיט זיין גאַנצער קראפט און זיא אראָפּלאָזען אויף אננא'ס האלז.

ער האט עס אויך געטאהן. ער האט אויפגעהויבען דיא שווערע האק און — האט זיא אוועקגעוואָרפען פון זיך!

— איך בין א הענקער, אבער קיין מערדער! האט ער אויסגערופען מיט א שרעקליכער, אונמענשליכער שטימע. — איך קען ניט טויטען אן אונשולדיגען מענשען!

— ריכטער! בירגער פון בודאפעסט! אונגאַרן! נעהמט אייך אָן פאר דיעזע אונשולדיגע! איהר בלוט וועט פאלען אויף אייער קאָפּ!

דיא מענגע האט א ציטער געטאהן. א קאַלטער פראָסט איז אלעמען דורכגעלאָפען איבער'ן לייב. מען האט געהערט א רוישען, וויא דאס רוישען פון'ם אויפגערעגטען מעער. דיא ריכטער זיינען געווארען בלייך.

— טוה דיינע פפליכט, הענקער! האט נאָוואק אויסגערופען, דוא האסט געהערט דאס אורטהייל פון געריכט אין דעם ווילען פון אונזער גנעדיגען קייזער. — רעד קיין וואָרט! — טוה דיין פפליכט.

מיכאַאיל האט געציטערט, וויא אין א פיעבער. מען האט געקענט הערן, וויא עס קלאפט איהם א צאָהן אן א צאָהן.

ער האט זיך געווענדעט צו גראף מעראס און האט געשריען ניט מיט זיין קול:

— הערר גראף! ערץ בישאָף פון אונגארן! הייסט, אז מען זאל אָפּלעגען דעם טאָדעס אורטהייל. איהר זייט א הייליגער מאַן, אייך וועט מען פאָלגען. איהר מוזט זעהן, אז דיא ריכטער און דיא בירגער זאלען ניט בענעהן אזא שרעקליכעס פערברעכען צו פערגיעסען דאס בלוט פון אן אונשולדיגעס מעדכען.

גראף מעראס האט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ. אלס ערץ בישאָף האט ער זיך ניט געקענט אריינמישען אין זאכען פון געריכט.

עס איז געוואָרען שטיל. דיא מענגע האט בעטראכט מיט שרעק און שטוינען דיעזע זאָנדערבארע סצענע. קיינער האט ניט געוואגט ארויסצורעדען א וואָרט. איין נאָוואק האט זיך ערלויבט צו שרייען נאך א מאָל:

S

-- מאכט אן ענדע, הענקער!

מיכאאיל האט אויפגעהויבען די שווערע האק, וויא א וואהנזיניגער האט זי אויפגעהויבען אין דער הויך, האט געוואלט זי אראפלאזען אויף אננא'ס קאפ, האט זי אבער אוועקגעווארפען ערגעץ ווייט, ווייט פון זיך.

— גראף מעראס, דאס איז אייער טאכטער, האט ער אויסגערופען.

— גראף מעראס, דאס בלוט פון דיין טאכטער פאר דאס בלוט פון מיין מאן! האט געשריען אנאנדערע שטימע. היינט האב איך מיר נוקם געווען פאר מיין מאן!

גראף מעראס איז געווארען בלייך, וויא קאלך און איז שיער ניט אומגעפאלען, איינינע פון די ריכטער האבען געמוזט איהם אונטערהאלטען, ער זאל ניט אומפאלען.

— האלט איין! האט ער קוים ארויסגעזאגט. האלט איין! וואס זאגע דיעזע מענשען.

— דערצעהלען! אלעם דערצעהלען! האט געשריען די ווילדע מענגע.

שנעל, וויא א בליץ, האט מיכאאיל אראפגעריסען די ווייסע טוך, מיט וועלכע אננא'ס אויגען זיינען געווען פערבונדען. אננא איז געלעגען אין אהנמאכט. זי איז שוין געווען האלב טוידט. זי האט שוין ניט געוואוסט וואס עס טהוט זיך מיט איהר.

— האלט איין! וואס רעדט איהר? האט גראף מעראס ווידער געפרעגט. פון וואנען ווייסט איהר, אז דיעזעס מעדכען איז מיין טאכטער?

— יענע פרוי, די סטאסא, האט עס מיר געזאגט, האט מיכאאיל געענטפערט, איך האב קיינע קינדער. איך האב קיינמאל ניט געהאט קיין קינדער. סטאסא האט מיר געבראכט דיעזעס קינד. ווען זי איז אלט געווען א יאהר. איך האב עס אויפגענומען און האב עס ערצויגען, גלייך וויא עס וואלט געווען מיין אייגען קינד. ערשט ניט לאנג בין איך געוואהר געווארען, אז מען האט אייך איינגערעדט, אז אייער קינד איז געשטארבען. אייער קינד לעבט. דאס איז אייער קינד.

די מענגע איז געווארען אונרוהיג. איינינע זיינען געווארען בייז, וואס מען האט ביי זיי אוועקגערויבט דאס פערגעניגען צו זעהן, וויא מען האקט אפ דאס קאפ פון א יונגעס מעדכען. אנדערע האבען אנגעהויבען צו האבען מיטלייד מיט דער אונגליקליכער. אלע האבען געפיהלט, אז דא דעקט זיך אויף א שרעקליכעס געהיימניס. אלע זיינען געווארען נייגיעריג צו וויסען, וואס דא איז פארגעקומען.

די בעאמטע, די ריכטער, די זשאנדארמען און די סאלדאטען זיינען אויך גלעביבען שטעהן, וויא צומישט. זיי האבען ניט געוואוסט וואס צו טאהן או וואס צו זאגען אין אזא פאלל.

עס זיינען פערגאנגען עטליכע מינוטען פון שטוינען און איבערראשונג. דער ערשטער מענש, וועלכער איז געקומען צו זיך, איז גראף מעראס. ער איז ארויפגעגאנגען אויפ'ן עשאפאטאון האט א קוק געטאהן אויף דער אונגליקליכער אננא, וועלכע האט נור וואס געעפענט די אויגען און האט זיך ווילד ארומגעקוקט אין אלע זייטען.

— זי איז מיין טאכטער? האט גראף מעראס געפרעגט האסטיג. — וויא איז

דאָס מעגליך? פאַר וואָס האָט איהר עס בעהאַלטען פון מיר ביז אַהער? פאַר וואָס האָט איהר עס מיר ניט געזאָגט?

— איך האָב עס ניט געקענט, האָכווירדיגער גראַף, ערשטענס, האָב איך אַ געוויסע צייט אַליין ניט געוואוסט, ווער זי איז. צווייטענס, האָב איך מורא געהאַט, אַז איהר וועט מיר ניט גלויבען. איך האָב זעהר ווייניג בעווייזע, אַז זי איז אייער טאָכטער, די איינציגע פרוי, וועלכע קען עס בעווייזען, וועט עס ניט וועלען.

איך האָב נאָך פיעלע אורזאַכען, פאַר וואָס איך האָב אייך פריהער ניט געזאָגט אַז זי איז אייער טאָכטער, איך קען זיי אָבער יעצט ניט זאָגען. איך וועל זיי אייך זאָגען אונטער פיער אויגען. יעצט אָבער, יעצט, ווען איך זעה, אַז איך קען זי מעהר ניט רעטען; יעצט, ווען שלעכטע מענשען האָבען זי פערליימדעט און האָבען זי געבראַכט אויפ'ן עשאַפאָט. יעצט אין מיין העכסטער אַנגסט בין איך געווען געצוואונגען אַלעס אויסצוזאָגען. — גראַף מעראַס, דאָס איז אייער קינד! זי איז ריין און אונשולדיג, וויא אַן ענגעל!

גראַף מעראַס האָט ניט געוואוסט, אויב ער טרוימט אָדער אַלעס פאַסירט אויפ'ן וואַהר. ער האָט זיך בעסער צוגעקוקט צו אַננאַ'ס געזיכט, און וויא שופּען זיינען איהם אראָפּגעפאַלען פון די אויגען. ער האָט דערקענט דיעזעס געזיכט, ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין טוידטע פרוי, אַננאַ'ס געזיכט איז געווען זעהר עהנליך צו איהר מוטער. ערשט יעצט האָט גראַף מעראַס דערקענט, אַז דאָס איז זיין קינד. ער האָט זיך ניט געקענט ערקלעהרען, פאַר וואָס ער האָט זי ניט דערקענט דאָס ערשטע מאָהל, וואָס ער האָט זי געזעהן.

— אַך! יעצט פערשטעה איך אַלעס, האָט גראַף מעראַס געמורמעלט, יעצט הויב איך אָן צו פערשטעהן, ווער עס האָט מיר געשיקט די ביינער פון אַ קינד. דאָס האָט אַלץ געטאָהן די פערדאַמטע סטאַסאַ. מען האָט מיך בערויבט, מען האָט מיך בעטראָגען, מען האָט מיך בעשווינדעלט, אין מיין פאַמיליען בעגרעבנים ליגען ביינער פון אַ פרעמדעס קינד. אַך! איך טרוימע ניט! איך שלאָף ניט. עס איז אַלעס וואַהר! — אַננאַ איז מיין קינד!

— ער האָט זיך אָנגעבויגען צו אַננאַ'ן, וועלכע איז נאָך אַלץ געלעגען אויפ'ן עשאַפאָט מיט'ן קאָפּ צום קלאָץ, האָט זי אַרומגענומען און האָט זי אויפגעהויבען.

— קום צו מיר, מיין ליעבע, טהייערע, פערלאָרענע טאָכטער! האָט ער אויסגערופען און טרערען האָבען זיך געגאָסען פון זיינע אויגען. — קום צו מיר! קום צו דיין פאָטער!

ער האָט פערגעסען, וואו ער געפינט זיך. ער האָט פערגעסען, וואו אַננאַ געפינט זיך; ער האָט פערגעסען, ביי וואָס פאַר אַ געלעגענהייט זיי זעהן זיך יעצט. ער האָט פערגעסען, אַז טויזענדער אויגען קוקען אויף איהם. דער פאָטער האָט פערגעסען די גאַנצע וועלט. ער האָט געוואוסט נאָר איין זאַך — ער האָט ווידער געפונען זיין קינד.

אונטערדעסען איז די מענגע געוואָרען אונרוהיגער און אונרוהיגער.

— וואָס קומט דאָ פאָר? האָבען געשריען איינִיגע.

— וואו איז דיא גערעכטינקייט? האבען געליארעמט אנדערע.

— דערצעהלט, וואס דא איז פארגעקומען! האבען געשריען ווידער אנדערע.

עס איז געווארען א ליארם און א געשריי, אז איינער האט ניט געהערט, וואס דער אנדערער האט געזאגט. דיא ריכטער האבען ניט געוואוסט וואס צו טאהן. זיי האבען זעהר גוט געוואוסט, אז גראף מעראס איז זעהר אנגעזעהןביים קייזער. זיי האבען זעהר גוט געוואוסט, אז גראף מעראס איז עהרליך און שטרענג געגען זיך, וויא געגען אנדערע, זיי האבען זעהר גוט פערשטאנען, אז גראף מעראס קען זיך ניט פערשטעלען. ווען ער האט אויפגעהויבען דיא פערברעכערין און האט זיא ארומגענומען, איז זיא געווים זיין טאכטער.

דיא לאגע איז געווארען א פיינליכע, שמערצליכע פאר אלעמען. אזא פאל איז נאך קיין מאל ניט פארגעקומען. איין איינציגער מענש האט ניט פערלארען דעם קאפ אין דיעזען פאל. דאס איז געוועזען דער אדוואקאט נאוואק. ער איז געוועזען בייז און אויפגערעגט. זיין געזיכט האט געברענט, וויא א פייער; זיינע אויגען האבען געברענט און געגליהט, וויא דיא אויגען פון א גערייצטען טיגער.

— הערר גראף! האט ער געזאגט הויך און שארף, איהר פערגעסט, וואו מיר זיינען און צו וואס מיר זיינען געקומען אהער. דיא גערעכטינקייט מוז בעפריעדיגט ווערן. דיא גערעכטינקייט מוז געשעהן!

גראף מעראס האט א ציטער געטאהן. צום ערשטען מאל אין זיין לעבען האט ער מורא געהאט פאר'ן געזעץ און פאר דיא גערעכטינקייט.

— זיא איז מיין טאכטער! מיין איינציגעס קינד! האט ער געשטאמעלט.

— פון וואנען ווייסט איהר עס? האט נאוואק געפרעגט.

— ביי מיר איז פערפאלען געווארען א קינד, האט גראף מעראס געסרעכצט, יעצט האב איך עס געפונען. — זאל איך עס שוין ווידער פערליערן?

— פון וואנען ווייסט איהר, אז דער הענקער זאגט דיא וואהרהייט? האט נאוואק געפרעגט, וואס פאר א בעווייזע האט ער אייך געגעבען? און ווען ער זאל שוין האבען בעווייזע, אז זיא אייער טאכטער, וואס קענט איהר דען יעצט טאהן? — זיא איז דאך פעראורטהיילט צום טויט פון געריכט.

גראף מעראס האט אראפגעלאזען דעם קאפ אויף דיא ברוסט און האט זיך פערטראכט. ער האט געזעהן, אז דער אדוואקאט האט רעכט. ער האט ניט געהאט, וואס איהם צו ענטפערן. אויף זיין שטערן זיינען ארויסגעטרעטען גרויסע טראפען שוויים. ער האט געציטערט, וויא אין א פיעבער און האט זיך ניט געקענט געבען קיין ראטה.

— איך האפט פאר דיעזעס מעדכען! האט מיכאאיל אויסגערופען, איך און יענע פרוי — סטאסא. איהר קענט זיא זעהר גוט! הערר אדוואקאט, איהר ווייסט פיעלייכט מעהר פון מיר, אז דיעזעס קינד איז אונשולדיג.

נאוואק האט א ציטער געטאהן, באלד אבער האט ער זיך געמאכט הערץ און האט געזאגט:

— איהר זייט אראפ פון זינען, מיכאאיל! איהר ווייסט שוין גאר ניט, וואס איהר רעדט. איך האב ניט וואס אייך צו ענטפערן.

גראף מעראס האט זיך אויפגעחאפט, ווי פון א שווערן שלאף און האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען.

— וואו איז יענע פרוי? האט ער געפרעגט. — חאפט זי! ארעסטירט זי! זי ווייס אלעס! זי מוז אלעס זאגען.

ער האט צוגערופען עטליכע זשאנדארמען און האט זיי געהייסען ארעסטירען סטאסא׳ן. אזוי ווי די זשאנדארמען האבען זי ניט געקענט, האט מיכאאיל געהאלפען זי זוכען, אבער — אומזיסט! סטאסא איז ערגעץ פערשוואונדען געווארען.

די זשאנדארמען זיינען צוריקגעקומען און האבען געמעלדעט, אז זיי האבען זי ניט געפינען.

— דאן מוז מען אויספיהרען דעם טאדעס אורטהייל! האט נאוואק אויסגערופען. מיר האבען קיינע בעווייזע, אז די פערברעכערין איז אונשולדיג.

— איך אבער הייס, אז מען זאל אפלעגען די אויספיהרונג פון דער טאדעס שטראפע! האט גראף מעראס געשריען.

— איך אפעלירע צו די ריכטער! האט נאוואק געענטפערט, איך אפעלירע צום אבערריכטער. זיין נאמען איז אונטערגעשריבען אונטערן טאדעס אורטהייל. ער מוז אויסגעפיהרט ווערן.

— און איך אפעלירע צום אונגארישען פאלק! האט גראף מעראס געשריען.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך געווענדעט צו דער מענגע און האט אויסגערופען:

— אונגארן! מענשען! בירגער! מאננאטען! וועט איהר עס ערלויבען, אז מען זאל טויטען אן אונשולדיגעס מעדכען? איהר האט געהערט, וואס דא האט פאסירט. איך בעט, אז מען זאל אפלעגען די טאדעס שטראפע אויף צוויי וואכען. ווען עס וועט זיך דאן ארויסווייזען, אז די פעראורטהיילטע איז ווירקליך שולדיג, וועל איך זי אליין צושטעלען אויפן עשאפאט.

— עס לעבע גראף מעראס! האט געשריען די מענגע.

די ריכטער זיינען געווען פערצווייפעלט. זיי האבען זיך ניט געקענט געפינען קיין ראטה. זיי האבען ניט געוואוסט וואס צו טאהן אין אזא פאלל. זיי האבען געשעצט און געאכטעט דעם גראף מעראס און עס איז זיי געווען זעהר אונאנגענעהם צו הייסען טויטען זיין טאכטער, וועלכע ער האט נור וואס געפונען. פון דער אנדערער זייט אבער האבען זיי ניט געקענט געהן געגען געזעץ.

עס איז געווארען שטיל. אלע האבען געווארט מיט אונגעדולד. יעדער האט געוואלט הערן, וואס דער אבערריכטער וועט זאגען. ער איז דער פערטרעטער פון געזעץ. ער מוז ענטשיידען וואס צו טאהן אין אזא פאלל.

אין דיעזע מינוטע איז אנגעקומען פון ערגעץ אן אלטער, האלב בלינדער מאן. ער האט זיך געדרענגט דורך די מענגע און האט געשריען מיט זיין קול:

— האלט איין! טויטעט זי ניט! אום גאטעס ווילען! דאס איז דאך גאר ניט די פערברעכערין! — וואו איז גראף מעראס? פיהרט מיך צו גראף מעראס!

דער אלטער בלינדער מאן האט געשריען אזוי הויך, אז גראף מעראס האט איהם דערהערט.

— אט בין איך! האט גראף מעראס געשריען, וואס דארפט איהר מיך? קומט אהער!

מיט שווערע מיה האט זיך דער אלטער דורכגעשטופט דורך די מענגע און איז צוגעקומען צו דעם ארט, וואו גראף מעראס איז געשטאנען. דא האט ער אראפגענומען דעם הוט און איז געפאלען אויף די קניע.

— אום גאטעס ווילען! טוידטעט ניט אן אונשולדיגע! האט ער געשריען און האט אויסגעשטרעקט די הענד צום הימעל.

— ווער ביסט דו דען? האט גראף מעראס געפרעגט.

— איך בין דער טוידטען גרעבער פון סאנקט געארג.

— אלזא, וואס ווילסטו אונז זאגען?

— גראף מעראס און איהר ריכטער, הערט מיך אויס! האט דער אלטער אויסגערופען, ערשט היינט אין דער פריה בין איך געוואהר געווארען, אז מען האט פעראורטהיילט צום טוידט א יונגעס מעדכען דערפאר, וואס זי האט ארויסגע׳גנב׳עט פון גראף מעראס פאמיליען־גראב די לייכע פון א קינד. איך שווער אייך ביי גאט און אלע הייליגע, אז קיין יונגע מעדכען האט עס געטאהן!

— וואס רעדט ער? וויא קען ער עס בעווייזען? האט נאוואק געשריען.

— הערט מיך אויס, גראף מעראס און איהר אלע פערזאמעלטע! איך בין דער אונגליקליכער, וועלכער האט געכאפט די רויבערין ביי דער האנד. איך געדענק עס גאנץ גוט, ווייל זייט דעמאלס בין איך געלעגען קראנק אין האספיטאל. איך האב זעהר גוט געזעהן אז דאס איז געווען אן אלטע פרוי. איך האב זעהר גוט געזעהן, וויא זי האט געהאלטען א קעסטעלע אונטערן ארים. איך האב זי אנגעכאפט ביי די פלייצעס און האב געוואלט זי ארעס־טירען. זי האט ארויסגעכאפט פון קעשענע א פלעשעלע און האט מיר א גאס געטאהן אין געזיכט. מיינע באקען, מיינע ליפען, מיין שטערן און מיינע אויגען האבען מיר געברענט וויא פייער. מען האט מיך אוועק געפיהרט אין האספיטאל. איך בין געווארען געפעהרליך קראנק. די דאקטוירים האבען שוין ניט געגלויבט, אז איך וועל נאך לעבען. ווען איך וועל יא בלייבען לעבען, וועל איך בלייבען א בלינדער, האבען זיי געזאגט. זיי האבען זיך ניט אפגענארט. איך זעה צוואר, אבער קוים, קוים וואס איך זעה. — איך זעה נור דעם שיין. איך געדענק אבער זעהר גוט, אז דאס איז געווען אן אלטע פרוי. איך וואלט זי דערקענט אן איהר שטימע. זי האט דאמאלס גערעדט מיט מיר. איך געדענק, וואס זי האט מיר געזאגט, ווען זי האט מיך בעגאסען מיט וויט־ריאל. איך וועל זי דערקענען צווישען טויזענדע.

— גאט אין הימעל! האט אננא אויסגערופען, דו דערלאזט ניט אז אן אונשול־דיגע זאל בעשטראפט ווערן. איך האב געזאגט די ריכטער, אז איך בין אונשולדיג. איך האב געשווארען, אז איך בין אונשולדיג. זיי האבען מיך ניט געוואלט הערן. די

S

מענשען האָבען מיך ניט געוואָלט הערען, גאָט אָבער האָט מיך דערהערט און האָט געשיקט זיין ענגעל, ער זאָל מיך רעטען.

מיט דיזע ווערטער איז זי געפאַלען אויף די קניע און האָט אויפגעהויבען די הענד צו גאָט.

גראף מעראַס איז צוגעגאַנגען צו איהר, האָט זי אַרומגענומען, האָט זי אויפגעהויבען פון דער ערד און האָט זי צוגעפּרעסט צו זיין ברוסט.

— זיי רוהיג, מיין קינד! האָט ער געזאָגט מיט פריידענטרערען אין די אויגען. שרעק דיך ניט. מיין טהייערע טאָכטער! דו וועסט ניט שטאַרבען! דו ביסט אונשולדיג, דו ביסט ריין, ווי אַן ענגעל. — אַך, טהייערעס קינד! דאָס ערשטע מאָהל, ווען איך האָב דיך געזעהן ביי מיר אין הויז, האָב איך געפיהלט, אַז דו ביסט ניט די טאָכטער פון אַ הענקער. אַך! איך האָב דאַמאָלס ניט געקענט וויסען, אַז איך בין דיין פאָטער!

אננאַ האָט געוויינט. פּלוצלונג האָט זי זיך אויפגעהויבען און האָט געפרעגט ערשטוינט און פערוואונדערט:

— וואָס? איהר זייט מיין פאָ - — טער?

זי איז געוועזען אַזוי דערשראָקען און אַזוי צומישט, אַז זי האָט פריהער ניט געהערט, ווי דער הענקער האָט געזאָגט צו גראף מעראַס, אַז אננאַ איז זיין טאָכטער.

— יאָ, קינד! יאָ, ליעבע טאָכטער! האָט גראף מעראַס אויסגערופען און פריידענטרערען האָבען זיך איהם געגאָסען פון די אויגען, — דו ביסט מיין קינד! דו ביסט מיין טאָכטער! אַך, מענשען! אַזוי ווייט האָט איהר עס געבראַכט, אַז גראף מעראַס דאַרף געפינען זיין איינציגעס קינד אויפ'ן עשאַפאָט! — אַך! ערשט יעצט האָט זיך עס אַרויסגעוויזען, וויא עדעל און וויא ריין דו ביסט!

מיט דיזע ווערטער האָט ער זי אַרומגענומען און האָט געוואָלט זי אַראָפּפיהרען פון עשאַפאָט.

— וואָס טהוט איהר, הערר גראף? האָט נאָוואַק געפרעגט.

— איהר האָט דאָך געהערט, אַז מיין קינד איז אונשולדיג, האָט דער גראף געענטפערט שטאָלץ.

— הערר גראף, דיזעס מעדכען איז פערורטהיילט געוואָרען צום טוידט. קיינער האָט קיין רעכט זיא אַראָפּצונעהמען פון עשאַפאָט, ביז דער אָבעררירטער וועט עס הייסען.

— איהר האָט דאָך אָבער אַליין געהערט, אַז זי איז אונשולדיג, האָט גראף מעראַס געפרעגט.

— אין אַזאַ פאַל דאַרף מען די פערורטהיילטע צוריק פיהרען אין געפענגניס און דאָס געריכט דאַרף מאַכען אַ נייע אונטערזוכונג. האָט זיך נאָוואַק געקאָכט, — ווען דאָס געריכט וועט געפינען, אַז די פערורטהיילטע איז אונשולדיג, וועט עס אומשטויסען דאָס פאַריגע אורטהייל און וועט אַרויסגעבען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל זי בעפרייען.

— איך נעם זי אויף מיין פעראַנטוואָרטליכקייט! האָט גראף מעראַס אויסגערופען,

ווען דאס געריכט וועט געפינען, אז זיא איז שולדיג, וועל איך זיא צושטעלען, וואוהין מען וועט עס פערלאנגען. איך דענק, אז דאס געריכט וועט האבען צו מיר אזוי פיעל צוטרויען, אז ער וועט עס מיר ערלויבען.

— דאס וויים איך ניט, האט נאוואק געענטפערט גראָב, דאס מוז מען פרעגען.

נראף מעראס האט זיך געווענדעט צום אָבעררינטער און האט איהם געבעטען, ער זאל איהם ערלויבען מיטצונעהמען זיין טאָכטער אהיים.

דיא ריכטער האבען זיך בעראטהען א קורצע צייט און האבען ענדליך ערלויבט גראף מעראס, ער זאל מיטנעהמען זיין טאָכטער צו זיך אהיים.

— שטעלט אויס א דאָקומענט איבער אלעס, וואס דאָ איז פאָרגעקומען, האט דער אָבעררינטער געזאָגט צום אדוואָקאט. —דאן, שרייבט אָן א דאָקומענט, אז גראף מעראס פערפפליכטעט זיך צו צושטעלען דיא פעראורטהיילטע, ווען מען וועט עס פאָרדערן.

דער אדוואָקאט האט געווארפען א בייזען, ווילדען בליק אויף גראף מעראס. עס האט איהם אבער גאר ניט געהאלפען. ער האט געמוזט אנשרייבען, וואס מען האט איהם געהייסען. נראף מעראס האט אונטערגעשריעבען.

יעצט האט ער זיך געווענדעט צום הענקער און האט איהם געזאגט:

— מיכאאיל, איך דאנק אייך! קומט צו מיר הייטע אבענד, איך האב נאך מיט אייך זעהר פיעל צו רעדען.

גראף מעראס האט גענומען זיין טאָכטער אונטערן אָרים און האט זיא געוואלט צופיהרען צו זיין קארעטע.

— זיא איז אונשולדיג! — עס לעבע גראף מעראס! האט געשריען דיא מענגע.

— מאכט פלאץ פאר גראף מעראס מיט זיין טאָכטער! — וואו איז דיא וואהרע פערברעכערין? פאר וואס זאל מען זיא ניט ארעסטירען?

גראף מעראס האט זיך דערמאנט אן אלטען, בלינדען וועכטער פון'ם בעערדיגונגס פלאץ. ער האט איהם צוגערופען צו זיך און האט איהם געפרעגט:

— וואו געפינסט דוא זיך יעצט?

— דערווייל בין איך נאך אין האָספיטאל.

— וואס וועסט דוא אבער טאָהן, ווען דוא וועסט ארויסגעהן פון האספיטאל?

— איך וויים ניט, האט דער אונגליקליכער מאן געענפערט, וואס קען טאהן אזא מענש, וויא איך? — איך זעה דאך ניט.

— נעהם א דראשקע און פאהר צו צו מיין פאלאץ, איך וועל שוין זארגען פאר דיר, האט גראף מעראס געזאגט.

דער אלטער האט זיך ניט געהייסען זאגען דאס זעלבע צוויי מאָל.

גראף מעראס מיט זיין טאכטער זיינען יעצט געגאנגען צו זייער קארעטע. דאס פאלק האט זיך געדרענגט צו זיי. יעדער האט געוואלט זעהן גראף מעראס טאכטער. יעדער האט געוואלט זעהן דעם מענשען, וועלכער האט שוין אניעדערגעלעגט זיין קאפ אויפ'ן קלאץ, מען זאל איהם אפהאקען און איז געראטעט געווארען אויף אזא זאָנדערבארע ארט.

נאוואק אין ערגעץ פערשוואונדען. מען וואלט געקענט זאגען, אז ער איז אויס־געטריקענט געווארען.

25טער קאפיטעל.

אימער העללער.

אום זיעבען אוהר אין דער פריה איז דער פלאץ, וואו דער עשאפאט איז גע־שטאנען, געווען גאנץ ליידיג. אלע זיינען זיך צוגאנגען. עס איז שוין נים געווען, וואס צו זעהן.

דיא ריכטער זיינען אויך געגאנגען אהיים, אבער נור אויף א קורצע צייט. דער אבעררימער האט זיי באלד צונויפגערופען אויף א געהיימע זיצונג. מען האט יעצט געדארפט פערהאנדלען זעהר וויכטיגע פראגען.

אום צעהן אוהר זיינען דיא ריכטער געווען פערזאמעלט.

— מיינע הערען, האט דער אבערקרימינאל ריכטער געזאגט צו זיינע קאמער־ראדען, אין דער לעצטער צייט זיינען ביי אונז פארגעקומען זאנדערבארע זאכען. מיר האבען פעראורטהיילט צום טויט אונשולדיגע מענשען. דאס קען מאכען א שלעכטען איינדרוק אויף גאנץ אונגארן. מען וועט זאגען, אז מיר איבעראיילען זיך. מען וועט זאגען, אז מיר זיינען פארטייאיש. וואס וועט זאגען אונזער גנעדיגער קייזער? וואס וועט זאגען דיא אונגארישע פאלק? וואס וועט זאגען דיא וועלט? מיר מוזען עפעס טאהן אום אפצוואשען פון אונז דיעזען פלעק. מיר מוזען ווייזען דער וועלט, אז מיר זיינען ריכטער, וועלכע האנדלען לויט געזעץ און גערעכטיגקייט.

— וואס זאלען מיר אלזא טאהן? האט געפרעגט איינער פון דיא ריכטער.

— מיר מוזען מאכען א שטרענגע אונטערזוכונג. מיר מוזען אויסגעפינען דיא שולדיגע און מיר מוזען זיי שטרענג בעשטראפען. מיר מוזען ווייזען, אז מען טאר נים שפאסען מיט'ן אבערקרימינאל געריכט פון אונגארן.

— מיר מוזען בעשולדיגען דיא פאליציי, האט בעמערקט א דריטער ריכטער. דיא פאליציי האט אונז פערפיהרט. זיא האט נים אויפגעזוכט דיא פערברעכער. זיא וויים נים, וואס עס קומט פאר אונטער איהר נאז. דיא פאליציי איז שולדיג.

מען האט זיך בעראטהען איינינע צייט און מען האט בעשלאסען, אז דיא פא־ליציי איז שולדיג אין אלעמען. מען מוז בעשולדיגען דיא פאליציי און בעשטראפען דיא פערברעכער.

מען האט באלד געשיקט רופען דעם פאליציי דירעקטאר און מען האט איהם געפרעגט, וואס ער האט עפעס אויסגעפונען אין דעם פראצעס פון באראן פאן בא־טהיאני.

— איך האב אויסגעפונען דעם וואהרען פערברעכער, האט דער פאליציי דירעק־טאר געענטפערט.

— וואו איז ער? ווער איז ער? — ברעננט איהם אהער!

מיט איינינע מינוטען שפעטער איז א קליינער מאן מיט שווארצע האר ארייג־געקומען אין געריכטס זאל. דער ריכטער האט איהם צוגערופען צום טיש און האט

געוואָלט אָנהויבען איהם אויסצופרעגען, ווער ער איז און פאַר וואָס ער איז אַרעסטירט. דער פּאָליציי־דירעקטאָר האָט אַרויס גענומען אַ פּאַפּיער און האָט עס דערלאַנגט דעם ריכטער. דאָס איז געווען אַ פּראָטאָקאָל איבער אַלעס, וואָס יאָזעף האָט אַליין אויס געזאָגט.

יאָזעף האָט זיך אַלעם מודה געווען. ער האָט אויסגעזאָגט, ווער ער איז און מיט וואָס ער בעשעפטיגט זיך. ער האָט דערצעהלט, וויא נאַגי האַלט איהם אין די הענד און אַז ער פלעגט שטענדיג אַרומפאָהרען פערקויפען דאָס פאַלשע געלד, וואָס נאַגי פלעגט מאַכען. ער האָט ווייטער דערצעהלט, אַז נאַגי האָט איהם געהייסען זיך בעקענען מיט אַרטהור פאָן באַטהיאַני און איהם אונטערוואַרפען דאָס פאַלשע געלד.

די ריכטער האָבען געשטוינט, ווען זיי האָבען דורכגעלעזען דאָס פּראָטאָקאָל. דער אָבערריכטער האָט געוויזען דאָס פּראָטאָקאָל יאָזעף'ן און האָט איהם געפרעגט אויב אַלעס איז וואַהר.

— עס איז וואַהר, האָט יאָזעף געענטפערט טרויעריג.

— אַלזאָ, האָט איהר אונטערגעוואָרפען דעם באַראָן פאָן באַטהיאַני דאָס פאַלשע געלד?

— איך האָב עס געטהאָן.

— האָט איהר אונטערגעוואָרפען דעם באַראָן פאָן באַטהיאַני דאָס מאַשינדעל צו מאַכען געלד און אַלע אינסטרומענטען דערצו?

— ניין, איך האָב עס ניט געטאָהן.

— ווער דען האָט עס געטאָהן?

— איך וויים עס ניט.

— האָט עס פיליייכט געטאָהן אייער באַראָן נאַגי?

— ניין, ער איז דאַמאָלס גאַר ניט געווען אין בודאַפּעסט.

— אַלזאָ, וויא דען קומט די מאַשינע מיט אַלע איהרע אינסטרומענטען אין דער קוואַרטיר פון באַראָן פאָן באַטהיאַני?

אויף דיעזער פראַגע האָט קיינער ניט געקענט ענטפערען. קיינער האָט ניט געקענט ערקלעהרען דיעזען זאָנדערבאַרען פאַלל. אַרטהור איז אונשולדיג. מען האָט איהם אונטערגעוואָרפען פאַלשעס געלד. דאָס איז דאָך קלאָהר און דייטליך, יאָזעף אַליין זאָגט עס דאָך. ווען מען גלויבט אָבער יאָזעף'ן, מוז מען איהם דאָך גלייבען, אַז ער וויים ניט פון דער קעסטעלע מיט דער מאַשין מיט אַלע נעטהיגע אינסטרומענטען צו מאַכען פאַלשעס געלד.

דער פּאָליציי־דירעקטאָר איז צוגעקומען צום אָבערריכטער און האָט איהם געזאָגט שטילערהייט:

— מיר ווייזט אויס אַז, נאָוואַק וויים דערפון; מיר ווייזט זאָגאַר אויס אַז נאָוואַק האָט עס געטאָהן.

— פאַר וואָס ווייזט דאָס אייך אַזוי אויס?

— ווייל נאָוואַק האָט דערנאָך ערקלערט. אַז ער איז דער איינציגער ערבע (יורש) פון באַראָן פאָן באַטהיאַני, האָט דער פּאָליציי־דירעקטאָר ערקלערט. איז עס ניט אַ

גוטער בעוויז, אַז נאָוואַק איז געווען פעראינטערעסירט דארין? ער האט גע־וואָלט, אז דער באראן פאן באטהיאני זאל שטארבען. איך ווייס ווייטער, אז נאוואק האט פערקויפט דעם שלאס באטהיאני צום באראן נאגי פאן האללאוואַי.

דער ריכטער האט זיך פערטראכט. ערשט יעצט האט דער פראצעס פון באראן פאן באטהיאני אנגעהויבען צו ווערן שווער און פערוויקעלט. עס איז יעצט געווען דייטליך, אז באראן נאגי האט געוואלט מאכען ארטהור'ן פאר א פערברעכער. צו וואס אבער האט ער עס געטאהן?

די ריכטער האבען זיך בעראטהען א לאנגע צייט, און האבען בעשלא־סען, אז מען מוז האבען דעם באראן נאגי פאן האללאוואַי. פון איהם וועט מען אלעס געוואהר ווערן. זיי האבען געהייסען דעם פאליציי דירעקטאר, ער זאל באלד ארעסטירען דעם באראן נאגי.

— ער איז אנטלאפען פון בודאפעסט, האט דער פאליציי דירעקטאר גע־ענטפערט, איך וואלט איהם שוין לאנג ארעסטירט.

מען האט באלד צושיקט בריף און צירקולארס צו אלע בעאמטע אין גאנץ אונגארן, אז וואו מען וועט טרעפען דעם באראן נאגי פאן האללאוואַי, זאל מען איהם באלד ארעסטירען און צושיקען קיין בודאפעסט מיט א שטאר־קען קאנוואי.

ארטהור פאן באטהיאני האט מען ערק'לעהרט אלס אונשולדיג און פריי פון יעדע אנקלאגע. מען האט איהם געשיקט רופען און מען האט עס איהם ערקלעהרט.

— ענדליך! האט ער אויסגערופען, ענדליך בין איך אין גאנצען פריי. ענדליך האט איהר זיך איבערצייגט, אז באראָן פאָן באטהיאני איז קיין פער־ברעכער.

נאָוואק איז היינט ניט געווען אין געריכט. זייט גראף מעראם איז אראָפּ־געגאנגען פון עשאפאָט מיט זיין טאָכטער, איז נאוואק פערשוואונדען. ער איז געווען אויסער זיך. ער איז געווען בייז, אויפגערעגט און דערשראקען. אייני־גע שטונדען איז ער ארומגעלאפען, וויא א וואהנזיניגער. ער איז ניט געווען אין געריכט, ער איז ניט געווען ביי זיך אין שרייב צימער.

ערשט געגען אבענד איז ער געקומען אהיים. אין דער איילע האָט ער עפעס אפגעגעסען און איז אריינגעגאנגען אין זיין שרייב צימער און האט זיך געזעצט לעבען זיין שרייב טיש. ער איז געווען אונרוהיג און האט געעפענט אלע שובלאדען פון זיין שרייב טיש און האט אנגעהויבען ארויסנעהמען אלע פאפיערען פון זיי. ער האט עפעס געזוכט.

פלוצלונג איז ער געווארען בלייך וויא קאלך און האט אויסגערופען:

— וואס איז דאָס? איך קען עס ניט געפינען. וואו איז עס דען? איז דיעזער וויכטיגער דאקומענט אויך פערשוואונדען? דאן בין איך אין גאנצען פערלארען!

ער האט אנגעהויבען צו זוכען האסטיג אין אלע קעסטעלעך. ענדליך האט ער עפעס געפונען און געווארען פרעהליכער.

— ענדליך האב איך עס! האט ער אויסגערופען און האט אויפגעאט־העמט פרייער.

ער האט געחאפט דאס פאפיער, האט עס צוריסען אויף קליינע שטיקלאך און

האט זיי פערברענט אויפ'ן ליכט, וואס איז געשטאנען אויפ'ן טיש. אין איינע מינוט זיינען געלעגען אויפ'ן טיש נור עטליכע פערקוילטע שטיקלאך אש.

— נון, יעצט וועסט דוא מיר שוין מעהר ניט שאדען! האט ער אויסגערופען עס איז שאדע, איך וואלט נאך געקענט עס בענוצען. עס איז אבער יעצט אונמעגליך. איך קען עס מעהר ניט האלטען. איך האב מורא דערפאר. מיין לעבען איז מיר טהייער.

ער האט אנגעשפארט דעם קאפ אויף דיא הענד און האט זיך פערטראכט.

— איך מוז מיך שיצען! האט ער ענדליך אויסגערופען. איך מוז מיך פער־זיכערן. איך מוז טאהן אלעס מעגליכע אום מיך צו רעטען. וואס העלפט עס אבער? זא לאנג סטאסא לעבט, בין איך ניט זיכער. זיא קען נאך אויסזאגען, אז.... פיעלייכט וועט דיא פאליציי זיא ארעסטירען.... וואס וועט דאן זיין? — עס העלפט ניט! זיא מוז פערשווינדען! לעבעדיג אדער טויט, זיא דארף ניט בלייבען אין בודאפעסט! זיא מוז אנטלויפען. זיא מוז פערשוואונדען ווערן.

שטילער און שטילער איז געווארען אין דרויסען, שטילער און שטילער איז גע־ווארען אויף דיא גאסען. שטילער און שטילער איז געווארען אין נאוואקס הויז. נור איין נאוואק איז געווען אונרוהיג. ער איז אויפגעשטאנען, האט זיך געזעצט, האט דורכגעלעזען פאפיערן, האט זיי צונויפגעלעגט, האט זיי געעפענט און האט איינינע צוריסען.

פלוצלונג האט זיך געעפענט דיא טהיר און — סטאסא איז אריינגעקומען אין צימער.

— גוטען אבענד, הערר אדוואקאט! האט זיא געזאגט מיט א הייזעריגער שטימע. — וואס מאכט איהר עפעס, הערר אדוואקאט?

נאוואק האט א ציטער געטאהן, ווען ער האט דערזעהן דיעזע פרוי. פאר איהר האט ער דאך מורא געהאט. פאר איהר האט ער דאך געציטערט.

איינינע מינוט האבען ביידע געשוויעגען. סטאסא איז געווען גאנץ רוהיג און האט ניט אראפגעלאזען קיין אויג פון'ם אדוואקאט.

ענדליך האט זיך נאוואק געמאכט הארץ און האט זיא געפרעגט.

— וואס ווילסט דוא מיר עפעס זאגען סטאסא?

— איך בין געקומען נעהמען אבשיעד פון אייך.

— אזוי? דוא פאהרסט אוועק פון בודאפעסט?

— יא, איך פאהר אוועק.

— וואוהין ווילסט דוא דען פאהרען, ליעבע סטאסא?

— אויפ'ן עשאפאט, האט סטאסא געענטפערט גלייכגילטיג.

אויף אזא אנטווארט האט זיך נאוואק ניט געריכט. אזא אנטווארט האט ער ניט פערשטאנען.

— דאס איז זאנדערבאר! האט ער אויסגערופען, דוא ווילסט גאר שטארבען? סטאסא האט ניט געענטפערט.

— צו וואס אבער ביסט דוא געקומען עס מיר זאגען? האט ער געפרעגט.

— איך וויל, איהר זאלט עס וויסען.

— איך פערשטעה דיך ניט, סטאסא, פאר וואס זאלסט דוא ניט אנטלויפען?

— ווילסט דוא דען זיך אליין איבערגעבען דער פאליציי?

— יא, איך וויל עס טאהן.

— דוא ביסט וואהנזיניג, סטאסא!

— ניין, העררר נאוואק, איך בין ניט וואהנזיניג. איך האב שוין ניט וואס צו לעבען. איך האב ביז אהער געלעבט, ווייל איך האב געהאפט צו נעהמען ראכע פון מיינע פיינד. עס איז מיר ניט געלונגען. צו וואס זאל איך נאך לעבען? עס איז ניט ווערטה מעהר צו לעבען!

— דומע פרוי! וואס ווילסט דוא טאהן? צו וואס זאלסט דוא שטארבען, ווען דוא קענסט נאך לעבען און זיך נאך נוקם זיין פון דיינע פיינד?

— ווען איך וויל מיך איבערגעבען דער פאליציי, וואהרשיינליך ווייס איך, וואס איך טהו.

— איך וויל עס אבער אויך וויסען. קענסט דוא עס מיר ניט זאגען?

— איך וויל, אז נאך איינער זאל שטארבען.

דער אדוואקאט האט א ציטער געטאהן און האט אויסגערופען:

— וועמען מיינסט דוא?

— אייך, העררר אדוואקאט.

— סטאסא! טהייערע פריינדין! ווילסט דוא מיך פערראטהען?

— יא, העררר אדוואקאט! איך וועל עס טאהן.

— וואס רעדסט דוא, סטאסא? פאר וואס קומט עס מיר? וואס האב איך דיר דען געטאהן?

— וואס איהר האט מיר געטאהן? — דאס, וואס איהר האט געטאהן געגען אנדערע. — איהר האט מיך בעשווינדעלט און בעטראגען, וויא איהר האט בעשווינדעלט און בעטראגען אנדערע. יענע זיינען אבער ניט אים שטאנד אייך בייצוקומען. איך אבער וועל עס טאהן. איך ווייס אלע אייערע געהיימניסע און איך וועל זיי אויסזאגען פאר דער גאנצער וועלט.

— סטאסא! גוטע סטאסא! וואס האב איך דיר דען געטאהן? ווען האב איך דיך דען בעשווינדעלט? האט דער אדוואקאט אויסגערופען מיט פערצווייפלונג אין זיין שטימע.

— האט איהר מיר דען ניט צוגעזאגט, אז אננא וועט שטארבען? האט איהר געהאלטען אייער ווארט? איז אננא טויט?

— ווער איז דען מעהר שולדיג פון דיר? האט נאוואק אויסגערופען. פאר וואס האסט דוא אויסגעשריען, אז אננא איז גראף מעראס טאכטער? פאר וואס האסט דוא זיך געשטופט צום עשאפאט? פאר וואס האסט דוא זיך ניט געקענט איינהאלטען איינינע מינוט?

— ווייל איך האב געמיינט, אז זיא איז שוין טויט. איך האב געזעהן, וויא דער תענקער האט אויפגעהויבען דיא האק און איך האב געגלויבט, אז ער האט זיא ארא-

געלאָזען אויף אַננאַ'ס קאָפּ. איך האָב ניט געקענט וויסען, אז מיכאַאיל האָט אַוועקגעוואָרפען די האַק. עס איז וואַהר, איך האָב מיך אַביסעל איבעראַיילט. עס האָט אָבער ניט צו דער זאַך. איך מוז מיך נוקם זיין אָן גראַף מעראַס און איך וועל מיך נוקם זיין אָדער איך וועל שטאַרבען. דאַן אָבער וועט איהר שטאַרבען מיט מיר.

— וואָס האָסט דו אָבער צו מיר?

— אוהר זייט קלוג, איהר זייט טיכטיג, איהר זייט אַ בעריהמטער אַד־וואָקאַט, איהר האָט עס ניט געדאַרפט דערלאָזען! איהר האָט געדאַרפט אָנ־ווענדען אַייער קונסט און אַייער קענטניסע, אַז איך זאָל האָבען מיין ראַכע, ווען איהר האָט עס ניט געטאָהן, וועל איך מיך נוקם זיין אָהן אייך. איך וועל שטאַרבען אָבער איהר וועט מיט מיר שטאַרבען.

נאָוואַק האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. ער האָט נאָך קיין מאָהל ניט געזעהן סטאַסאַ'ן אַזוי בייז און אויפגערעגט. ער האָט נאָך פון איהר קיין מאָהל ניט געהערט אַזעלכע ווערטער.

— אָבער, סטאַסאַ, בעדענק, וואָס דו טהוסט! האָט נאָוואַק אויסגערופען. איבערלעג זיך! צו וואָס זאָלסט דו אונז ביידען אונגליקליך מאַכען?

מיט דיעזע ווערטער האָט דער אַדוואָקאַט אויפגעעפענט אַ פאַך אין זיין שרייב טיש, האָט פון דאָרט עפּעס אַרויסגענומען און האָט עס בעהאַלטען ביי זיך אין קעשענע.

— עס מוז געשעהן, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין יעצט איז די בעסטע צייט דאַפיר.

ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ שטאָלץ און האָט געזאָגט אין דער הויך:

— אַלזאָ, סטאַסאַ, וואָס ווילסט דו? צו וואָס ביסט דו געקומען אַהער?

— אַזוי וויא מיר ביידע וועלען שטאַרבען, וויל איך גוט מאַכען, וואָס מיר ביידע האָבען שלעכט געטאָהן. איך וויל, אַז יענע, וועלכע מען האַלט פאַר טוידט, זאָלען אויפשטעהן און זאָלען בעקומען וואָס עס קומט זיי.

נאָוואַק איז אויפגעשטאַנען פון זיין שטוהל און איז צוגעקומען נעהענ־טער צו איהר.

— וואָס מיינסט דו דערמיט, סטאַסאַ? ערקלעהר זיך דייטליכער! וואָס ווילסט דו דען טאָהן?

— וואָס קריעכט איהר אַזוי צו מיר, הערר אַדוואָקאַט? האָט סטאַסאַ אויסגערופען. איהר קענט זיצען אויף אַייער שטוהל, איך וועל הערען, וואָס איהר וועט צו מיר רעדען פון דאָרטען.

— ניין, סטאַסאַ, מיר מוזען יעצט ריידען גאַנץ שטיל. איך וויל ניט, אַז אַנדערע זאָלען הערען, וואָס מיר רעדען. דערפאַר בין איך צוגעקומען אַזוי נאָהענט צו דיר. מיר דאַרפען יעצט רעדען אויפ'ן אויער.

— גוט, הערר אַדוואָקאַט! לאָמיר רעדען, האָט סטאַסאַ געענטפערט רוהיג. געדענקט איהר, הערר אַדוואָקאַט, אַז מען האָט אַייך אַמאָהל איבערגעגעבען אַ קינד, אַ וויַיזע (אַ יתום), איהר זאָלט עס אָפּהיטען און ערציהען? געדענקט איהר, הערר

אַדוואָקאַט, אַז דיעזעס קינד האָט געהאַט אַ גרויסעס פערמעגען? — וואָס איז אָבער געוואָרען פון דיעזעס קינד? איהר האָט עס מיר איבערגעגעבען. איך זאָל עס טוידטען. איך האָב עס געטאָהן און די ביינער פון דיעזען קינד רוהען יעצט אין פאַמיליענבעגרעבעניס פון גראף מעראַס. — געדענקט איהר דאָס אַלעס?

דער אַדוואָקאַט האָט געשוויעגען.

— געדענקט איהר, הערר אַדוואָקאַט, אַז איהר זייט געוואָרען דער אַפּעקון פון דער פאַמיליע סטעפאַני? געדענקט איהר, אַז איהר האָט מיר געהייסען אַרויס׳גנב׳ענען דעם קליינעם ווילהעלם סטעפאַני און זאָל איהם טוידטען? — דאָס מאָהל האָב איך אייך ניט געפאָלגט, ווילהעלם סטעפאַני לעבט.

דער אַדוואָקאַט איז אויפגעשפּרונגען, גלייך וויא ער וואָלט געווען אַ גרמי באַלל.

— ווילהעלם סטעפאַני לעבט? האָט ער אויסגערופען ניט מיט זיין קול.

— יאַ, הערר אַדוואָקאַט, ער לעבט און וועט נאָך היינט האָבען די עהרע זיך פאָרצושטעלען פאַר אייך. עס וועט אייך גאָר ניט העלפען. איהר וועט מוזען איהם אָפּגעבען זיין פערמעגען.

— דו לאַכסט, סטאַסאַ! האָט דער אַדוואָקאַט אויסגערופען פול צאָרן און פערראַכטונג. וויא קענסט דו בעווייזען, אַז ווילהעלם לעבט? ער איז טוידט און אַזוי שטעהט עס פערשריעבען אין די ביכער פון אונזער שטאָדט. מען וועט דיך אויסלאַכען, ווען דו וועסט ברייננגען אַ יונגען מאַן און וועסט זאָגען, אַז דאָס איז ווילהעלם סטעפאַני.

— איך האָב בעוויזע! האָט סטאַסא געשריען, איך האָב דאָקומענטען!

— אַזוי? דו האָסט בעוויזע? דו האָסט דאָקומענטען? האָט דער אַדוואָקאַט געפרעגט, — דאַן מוזט דו שטאַרבען!

מיט דיעזע ווערטער האָט ער אַרויסגענומען פון אַרבעל אַ לאַנגען מעסער און האָט איהם אַריינגעשטאָכען סטאַסאַ׳ן אין האַרצען.

סטאַסאַ האָט זיך געריכט דאַרויף און האָט געטראָגען אַ סאָרט פאַנצער אונטער איהרע קליידער, זיא האָט געוואוסט, אַז דער אַדוואָקאַט איז אויף אַלעס פעהיג. זי איז אָפּגעשפּרונגען פון איהם און האָט אַרויסגעלאָזען אַ הוי־כען געלעכטער.

— דו האָסט ניט געטראָפען, מערדער! איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט עס טאָהן און האָב מיך בעוואָרנט. זעה! אָט איז דיין מעסער! עס האָט מיר גאָר ניט געשאַדעט!

מיט דיעזע ווערטער האָט זי אָנגעכאַפּט דעם שנור פון גלאָק און האָט אָנגעהויבען צו קלינגען.

— פראַנץ! קום אַהער, פראַנץ! האָט זי געשריען.

די דיענער אין פאָרצימער האָבען געהערט דאָס געשריי און האָבען באַלד געבראַכט נאָוואַק׳ס שרייבער, פראַנץ. ווען פראַנץ איז אַריינגעקומען און האָט דערזעהן זיין גראָססמוטער, האָט ער אויסגערופען:

— וואָס איז דאָס, גראָססמוטער? וואָס האָסט דו מיך גערופען?

— ריעזער רויבער און מערדער האט מיך געוואלט ערמאָרדען, האט סטאַסא געענטפערט און געוויזען מיט'ן פינגער אויפ'ן אדוואָקאט.

פראנץ האט ניט געקענט פערשטעהן, וואס דא איז פארגעקומען. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז זיין גראססמוטער איז אראָפּ פון זינען.

— וואס איז דיר, גראָסמוטער? האט ער געפרעגט, ביסט דוא קראנק?

— הער אויף מיך צו רופען יראָססמוטער! האט סטאַסא געשריען. איך בין ניט דיין גראָססמוטער.

פראנץ איז געבליעבען שטעהן, וויא א צומישטער. ער האט ניט געוואוסט וואס צו דענקען פון זיין גראָססמוטער.

— דוא פערשטעהסט מיך ניט, פראנץ, האט סטאסא ווייטער געזאגט, איך וויים, אז דוא פערשטעהסט מיך ניט. איך וועל דיר באלד אלעם ערקלערן. דוא הייסט גאר ניט פראנץ. דוא הייסט גאר ווילהעלם. דיין נאָמען איז גאר ווילהעלם סטעפאני. איך האב דיך ביז אהער אפגענארט. איך האב דיר געגעבען א פאלשען נאמען.

פראנץ האט געקוקט אויף זיין גראססמוטער און האט גערעכענט, אז זיא איז ווירקליך אראָפּ פון זינען. ער האט זיך ווירקליך פאר איהר דערשראָקען.

קוים האט נאוואק דערהערט דעם נאמען ווילהעלם סטעפאני, איז ער אויפגע־שפרונגען וויא א וויא א פערוואונדעטער טיגער.

— זיא זאָגט ליגען! האט ער געשריען, וויא א וואהנזיניגער. גלויב איהר ניט, פראנץ! זיא וויים ניט, וואס זיא רעדט!

— עס איז דיא וואהרהייט! האט סטאסא געענטפערט, דוא ביסט ווילהעלם סטעפאני. הער מיך אוים, ווילהעלם! הער מיך אוים און דוא וועסט מיר גלויבען. איך וועל דיר דערצעהלען, ווער דוא ביסט. איך וועל דיר דערצעהלען, וואס עס איז געשעהן מיט דיר.

דיינע עלטערן זיינען געוועזען זעהר רייך. דיין פאטער און דיין מוטער זיינען גע־שטאָרבען אין איין טאג, ווען דוא ביסט אלט געווען קוים דרייא יאהר. וויא זיי זיינען געשטאָרבען און ווער עס האט זיי געטויטעט, דאס וויים איך ניט. — דערביי האט זיא געוואָרפען א ווילדען בליק אויף דעם אדוואָקאט נאָוואק. — זיי זיינען געשטאָרבען און דאס געריכט האט געמאכט דעם גרויסען און בעריהמטען אדוואקאט נאוואק פאר דיין אפעקון. — איך בין איין איינפאכע פרוי און קען ניט דיא געזעצע פון אונזער לאנד. איך וויים נור, אז נאוואק האט געדארפט דיך ערציעהען, מאכען פון דיר א מענשען, און ווען דוא וועסט ווערן איין און צוואנציג יאהר אלט, זאלסט דוא איבערנעהמען דאס פערמעגען פון דיין פאטער.

דער גרויסער און בעריהמטער אדוואָקאַט נאוואק האט דיך איבערגעגעבען מיר, איך זאל דיך ערציהען. אין א שעהנעם פריה־מאָרגען האט ער מיך געשיקט רופען און האט מיך געבעטען, איך זאל דיך טויטען. ער האט מיר זעהר גוט בעצאהלט דערפאר. פאר וואס איך האב דיך ניט געטויטעט, וויים איך ניט. עס קען זיין, אז איך האב דיך ליעב בעקומען, ווייל דוא ביסט געוועזען א שעהנעס קינד; עס קען אבער אויך זיין, אז איך האב דיך ניט געטויטעט, ווייל געראדע דאמאלס איז געשטאָרבען מיין עניקעל

קורץ, איך האב דיך ניט געטויטעט. איך האב דיך געלאזט לעבען און האב דיך ערצויגען אלס מיין ענייקעל.

ווייסט דוא אבער, ווער עס האט צוגענומען דאס פערמעגען פון דיינע עלטערן? דיזער טייפעל, וועלכער הייסט זיך רופען אדוואקאט נאוואק! — יעצט, ווילהעלם, ווייסט דוא אלעס. פאָרדער פון איהם דיין פערמעגען! פאָרדער פון איהם אלעס! שענק איהם ניט! עס איז דאס פערמעגען פון דיינע עלטערן. דוא ביסט יעצט אלט איין און צוואנציג יאָהר. — פאָרדער ביי איהם רעכנונג פון דיין פערמעגען! פאָרדער ביי איהם פּראָצענטע פון דיין פערמעגען! פאָרדער ביי איהם אלעס! ער וועט מוזען דיר אָפּגעבען אלעס!

יעצט האט זיא זיך געווענדעט צום אדוואָקאט און האט אויסגערופען:

— גיב איהם אָפּ אלעס, דוא רויבער און מערדער! עס קומט איהם! עס געהערט צו איהם! — עס וועט דיר גאר ניט העלפען! יעצט איז געקומען דיא צייט, ווען דוא וועסט מוזען ארויסגעבען אלעס, וואס דוא האסט ביז אהער אנגערויבט!

נאוואק איז געשטאנען, וויא פערשטיינערט. זיינע בליקען זיינען געלאפען פון סטאסא'ן צו פראנצ'ן און פון פראנצ'ן צו סטאסא'ן. ער האט אליין ניט געוואוסט, אויף וועמען ער זאל פריהער קוקען. ער האט ניט געקענט ארויסזאגען א ווארט. ער האט זיך ניט געקענט ריהרען. ער איז געשטאנען אויף איין אָרט, וויא א צוגעשמידטער.

פראנץ איז געוועזען, וויא צומישט. ער האט ניט געוואוסט, אויב ער זאל גלויבען זיין גראָססמוטער, אדער ער זאל זיא בעטראכטען אלס וואהנזיניג. ער האט זיך גאר ניט געקענט פאָרשטעלען, אז ער איז גאָר פלוצלונג, פון דער העלער הויט רייך גע-וואָרען.

— וואס שווייגסט דוא, ווילהעלם סטעפאני? האט סטאסא געפרעגט, וואס וואונדערסט דוא זיך אזוי? — דוא גלויבסט מיר ניט? — קום! איך וועל עס דיר בעווייזען, אז דוא ביסט א רייכער מאן, אז דוא שטאמסט פון רייכע און אנגעזעהנע עלטערן. האב קיין מורא פאר דיעזען רויבער און מערדער. ער קען דיר גאר ניט טאהן. ער וועט מוזען דיר אפגעבען אלעס, וואס ער האט ביי דיר אוועקגענומען.

פראנץ האט געוואוסט, אז נאוואק איז קיין עהרליכער אדוואקאט. ער האט ביי איהם געדיענט זייט איינינע מאָנאטע און האט געהאט גענוג געלעגענהייט זיך צו צר קוקען צו אלעס, וואס נאוואק האט געטאהן. פראנץ האט ווייטער געוואוסט, אז נאוואק האט עפּעס געהיימניסע מיט זיין גראססמוטער. ער האט געהערט, אז זיין גראס-מוטער פאָרדערט פון איהם א זאך, וואס איז איהם זעהר געפעלען. ער האט זיך דאהער בעשלאסען, ער זאל פראבירען און זעהן, וואס ער האט צו טאהן, ער האט זיך דאהער געווענדעט צו זיין גראססמוטער און האט זיא געפרעגט:

גראססמוטער, זאגסט דוא דיא וואהרהייט!

— רוף מיך ניט, גראססמוטער! איך בין א פרעמדע און איך האב דיר געזאגט אלעס, וואס איך ווייס.

— איהר מוזט עס אבער בעווייזען, האט פראנץ וויטער געזאגט, וויא קען איך עס אייך גלויבען אזוי אויפ'ן ווארט?

סטאסא האט ארויסגעשלעפט פון איהרע טיעפע קעשינעס א שמוציגעס טאַ־שענטוך. אין דיעזען טאשענטוך איז געווען פערוויקעלט א פעקעל פאפיערען.

— נא, ווילהעלם! האט זיא געזאגט, נעהם דיעזע פאפיערען, לעז זיי דורך און דוא וועסט אלעס וויסען.

פראנץ אדער ווילהעלם, האט געחאפט דאס פעקעל פאפיערען, האט א קוק געַ־טאהן אויף אייניגע פון זיי און האט זיי באלד בעהאלטען אין בוזים קעשינע. יעצט איז ער געווארען פרעהליכער. יעצט האט ער געוואוסט, אז סטאסא האט איהם ניט אפגענארט.

פלוצלונג האט ער זיך עפעס דערמאנט.

— עס איז אלעס רעכט, האט ער אויסגערופען. וויא קען איך עס אבער בעוויי־זען, אז איך בין ווילהעלם סטעפאני, ווען אלע רופען מיך פראנץ? ווער וועט עס מיר גלויבען, אז איך בין דער ריכטיגער?

— איך זאג דיר עס! האט סטאסא געשריען, איך וועל געהן אין געריכט און וועל עס זאגען דיא ריכטער. איך וועל שווערען און וועל עס בעווייזען.

נאוואק איז געשטאנען, וויא פערשטיינערט און האט געקוקט אויף דיא זאג דערבארע סצענע, וועלכע האט זיך יעצט אפגעשפיעלט פאר איהם. ער איז געווען אזוי צומישט, אז ער האט ניט געקענט ארויסרעדען א ווארט. פראנץ איז יעצט געקומען צו איהם און האט איהם געפרעגט:

— איז עס וואהר, וואס דיעזע פרוי זאגט מיר?

— פרעג איהם ניט, האט סטאסא געשריען, ער וועט דיר ניט ענטפערן. ער וועט דיר ניט זאגען דיא וואהרהייט. דוא דארפסט איהם ניט.

— ענטפערט מיר! האט פראנץ געשריען אין דער הויך, ענטפערט מיר, אדער איך לויף אין דער פאליציי און מעלדע אלעס. איך וועל דערצעהלען, וואס איהר האט געטאהן געגען מיר. —

נאוואק האט נאך אלץ געשוויגען. עס איז געווען דייטליך, אז ער טראכט עפעס א גייעם פלאן, וויא אזוי לויז צו ווערן פון זיין נייעם פיינד.

— הערט נור, הערר אדוואָקאט! האט פראנץ אויסגערופען, לאמיר זיין אפענ־הערציג איינער געגען אנדערן. לאמיר איינער דעם אנדערן ארויסזאגען דיא וואהרהייט. איהר האט ביי מיר אוועקגערויבט מיין פערמעגען, איך האב אויך ביי אייך גענגבעט ביי אייך אייניגע זאכען.

— וועלכע? וואס האסט דוא ביי מיר צוגענומען?

— איך האב ביי אייך צוגענומען אייניגע דאָקומענטען, האט פראנץ דערצעהלט.

— וועלכע? וואס האסט דוא ביי מיר צוגענומען?

— איך האב ביי אייך צוגענומען דעם דאקומענט, וועלכער געהערט צום באראָ פאן באטהיאני.

נאוואק איז אויפגעשפרונגען, גלייך ווי א שלאנג וואלט איהם א ביס געטאהן, און האט אויסגערופען?

— טויגעניכטס! דו האסט עס ארויסגעגנבעט ביי מיר דאס וויכטיגע דאָקו־מענטען און האסט עס איבערגעגעבען דעם שטומען בעטלער? מיינסט דו, אז איך וועל שווייגען? מיינסט דו אז איך האב שוין גאר קיין מאַכט ניט? איך בין נאך דער בעריהמטער אדוואָקאט נאָוואק! איך קען נאך פיעלעס טאהן און פיעלעס אויפ־טהאן. איך וועל אייך איבערגעבען דעם געריכט.

סטאסא האט זיך צולאכט מיט איהר הייזעריגען אונאנגענעהמען געלעכטער.

— דו וועסט אונז איבערגעבען דעם געריכט? דו וועסט פריהער שטארבען אויפ'ן עשאפאָט!

— דו וועסט עס נאך ניט דערלעבען! האט נאָוואק געענטפערט, דו קענסט מיר גאר ניט בעווייזען! דו וויסט גארנישט. דו קענסט זיך ניט שטעלען געגען מיר. דו ביסט א וואָרים, וועלכען איך וועל צוטרעטען מיט די פיס. געגען דעם אדוואָקאט נאָוואק קען מען זיך ניט שטעלען!

— מיינסט דו, אז איך וויים ניט, ווי אזוי צו דיר איז געקומען דאס דאקו־מענט וועגען באראָן פאן באטהיאני? האט סטאסא געפרעגט. — דו רופסט ווילהעלם סטעפאַני גנב און דו אליין האסט געגנבעט דיעזעס דאָקומענט!

— איך האב עס ניט געגנבעט, האט נאוואק זיך פערטהיידיגט. דער באראָן לודוויג פאן באטהיאני האט מיר איבערגעגעבען פאר זיין טויט.

— דאס איז א ליגען! האט סטאסא אויסגעֿרופען, דער באראָן לודוויג פאן באטהיאני האט עס איבערגעגעבען דעם גראף נעאָרג פאן טאָקקי. ער איז דערמיט געפאהרען פון בודאפעסט קיין טאָקקי. אויפ'ן וועג זיינען אויף איהם אנגעפאלען רויבער און האבען ביי איהם אלעס צוגענומען. ווי קומט עס דאן צו דיר? דו ביסט אליין געוועזן מיט די רויבער אדער דו האנדעלסט מיט רויבער. דענקסט דו, אז דאס געריכט וועט ניט אונטערזוכען דיעזע אנגעלעגענהייט? — דו האסט א טעות, שטאָל־צער אדוואָקאט! דיין צייט איז פאראיבער. באלד וועט מען געוואהר ווערן אלע דיינע געהיימניסע. באלד וועט מען אלעס וויסען. דיין גאנצע חכמה וועט דיר ניט העלפען.

נאוואק האט אויפגעהויבען שטאָלץ דעם קאפ און האט געוואלט עפּעס ענטפערן.

סטאסא אבער האט איהם ניט געלאזען פיעל רעדען.

— האסט דו אמאל געזעהן, ווי מען טויטעט א שילדקרעטע (טשערעפאכא)? האט זיא געפרעגט, ווען מען ווארפט א שטיין אין א שילדקרעטע און מען טרעפט איהר אין קאפ, הייבט זיא אויף דעם קאפ אין דערהויך, גיט א קוק אויף איהר פיינד און פאלט אניעדער טויט. — האסט דו מיך פערשטאנען, גוטער פריינד? ווייסט דו, וואס איך מיין דערמיט? דו האסט אויפגעהויבען דעם קאפ, דאס וועט שוין אבער זיין צום לעצטען מאל. דו וועסט איהם אבער באלד אראָפּלאזען און וועסט איהם שוין קיין מאל מעהר ניט אויפהויבען. — איך וועל דיך צווינגען, דו זאלסט ארויסגעבען אלע פאפיערן און דאקומענטען, וועלכע דו האסט איבער ווילהעלם סטעפאַני.

— זיי רוהיג, איך וועל זיי ניט ארויסגעבען, ווייל איך האב זיי שוין ניט. איך האב זיי פערברענט, האט נאָוואק נעענטפערט.

— איך האב עס געוואוסט, האט סטאסא געלאכט. דוא האסט עס געדארפט טאהן. עס וועט דיר אבער זעהר וועניג העלפען. איך וועל עס ניט דערלאזען. איך וועל שרייען אין דיא גאסען, איך וועל אויפריהרען גאנץ אונגארן. איך וועל אויפוועקען דיא גאנצע וועלט. לאז מען וויסען, ווער דער אדוואקאט נאָוואק איז! —

אין דיעזע מינוט האט מען געהערט, וויא עטליבע מענשען זיינען אריינגעקומען אין פארהויז. נאָוואקט האט זיך דערשראקען.

מען האט אנגעהויבען צו קלאפען אין טהיר. נאוואק איז געלאפען עפענען. עס זיינען אריינגעסומען עטליבע זשאנדארמען.

— וואס פערלאנגט איהר? האט נאוואק געפרעגט שטאָלץ.

— מיר זובען דיעזע פרוי, האט איינער פון דיא זשאנדארמען געענטפערט.

— וויא קומט איהר אבער צו מיר?

— איינער פון אונזערע אגענטען האט געזעהן, וויא זיא איז אריינגעגאנגען צו אייך אין הויז.

— איך געה מיט אייך, האט סטאסא אויסגערופען, נעהמט אבער מיט דעם אדוואָקאט מיט אייך. ער איז א גרעסערער פערברעכער פון מיר. ער האט בעריובט צוויא פאמיליען. ער האט מיר געהייסען טייטען א....

— נעהמט זיא צו! האט נאָוואק קאָמאנדירט. פיהרט זיא אוועק!

דיא זשאנדארמען האבען אנגענומען סטאסא'ן ביי דיא הענד און האבען געוואלט זיא ארויספיהרען.

— האלט מיך ניט אזוי פעסט, האט סטאסא געבעטען, איך געה אליין.

— אלזא, פאָרווערטס! האט קאמאנדירט איינער פון דיא זשאנדארמען.

— גוטע נאכט, הערר נאָוואק! האט סטאסא אויסגערופען, — מיר וועלען זיך נאך וויעדערזעהן!

דיא זשאנדארמען האבען זיא אוועקגעפיהרט.

26טער קאפיטעל.

נאוואק ווערט ארעסטירט.

נאָוואק און פראנץ זיינען געבליעבען אליין. אייניגע מינוטען האבעןביידע געשוויגען. יעדער האט געהאט איבער וואס צו טראכטען. דער געוועזענער פראנץ איז נאר מיט אמאל רייך געווארען. ער האט אבער נאך ניט געהאט זיין רייכטהום. ער האט עס ערשט געמוזט אפנעהמען ביים אדוואקאט. וויא אזוי נעהמט מען עס אפ? דער אדוואקאט וועט עס אזוי גיך ניט ארויסגעבען. פראנץ האט זעהר גוט געקענט דעם אדוואקאט, ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז מיט'ן אדוואקאט נאוואק טאר מען ניט שפאסען.

דער אדוואקאט איז אויך געווען פערטראכט. ער האט מורא געהאט פאו

סטאסאן ער האט מורא געהאט פאר זיין הוים. ער האט מורא געהאט פאר זיין לעבען. ער האט דאך יא געוואוסט, וויא וויט ער איז שולדיג.

אזוי איז פערגאנגען א גערוימע צייט און קיינער פון זיי האט ניט גערעדט א ווארט. ענדליך האט פראנץ געזאגט:

— העֶרר אדוואָקאט, יעצט קענען מיר אביסעל זיך דורכרעדען. צו וואס זאלען מיר זיך קריעגען און געהן אין געריכט, ווען מיר קענען אויסקומען מיט גוטען. מיר קענען אלעס אפמאכען שטילערהייט און מיר וועלען ביידע צופריעדען זיין.

— וואס ווילסט דוא דען פון מיר? האט נאָוואק געפרעגט.

— איך וויים זעהר גוט, אז איהר האט צוגענומען דאס גאנצע פערמעגען פון מיינע עלטערן. איך וויים נאך ניט, וויא גרויס דיעזעס פערמעגען איז געווען. איך וויל זיין עהרליך געגען אייך. גיט מיר פונפציג טויזענד גולדען און איך וועל אייך ארויס־געבען א קוויטונג, אז איך האב צו אייך גארנ׳ישט. מיר וועלען בלייבען דיא בעסטע פריינד. איך וועל אייך זאָגאר העלפען אין פאל, ווען סטאסא וועט וועלען אנהייבען א פראָצעס געגען אייך.

נאוואק האט זיך אָנגעחאפט ביים קאָפּ, ווען ער האט דערהערט, אז פראנץ פערלאַנגט פון איהם ניט מעהר און ניט וועניגער אלס פונפציג טויזענד גולדען.

— הערר מיך נור אויס, פראנץ, האט ער געענטפערט שטאלץ, דענק ניט, אז איך שרעק מיך איבער פאר דער וואהנזיניגער אלטער סטאסא. איך הער זיא ניט און זיא קען מיר גאר ניט טאהן. ווען זיא וועט זאגאר וועלען אנהויבען א פראָצעס געגען מיר, וועט עס איהר גאָר ניט העלפען. קיינער וועט איהר ניט גלויבען. עס קומט דיר גארנישט און דוא האסט ביי מיר גאָר נישט צו פאָרדערן. איך האב געקענט הייסען דיא זשאנדארמען דיך ארעסטירען. איך האב עס אבער געטאהן, וויל איך בין פון דער נאטור א גוטער מענש.

איך ראטה דיר, וויא א גוטער פריינד, געה דיר ארויס פון מיין שטוב און דוא זאלסט זיך מעהר קיין מאל ניט ווייזען פאר מיר. דוא ווייסט, אז איך קען זיין שלעכט דוא ווייסט, וואס איך קען טאהן. — יעצט געה!

— ווען איהר טרייבט מיר ארויס, הערר נאָוואק, מוז איך געהן, האט פראנץ געענטפערט גאנץ רוהיג. איבערלעגט אייך אבער, הערר נאוואק! איבעראיילט אייך נים. איהר קענט עס שפּעטער בערייען.

— איך היים דיר ארויסגעהן פון מיין שטוב! האט נאוואק אויסגערופען און האט איהם געוויזען אויף דער טהיר.

פראנץ אז זיך ארויסגעגאנגען גאנץ רוהיג. אויף דער שוועל פון דער טהיר איז ער געבליעבען שטעהן און האט געפרעגט.

— הערר נאוואק, ערלויבט איהר מיר צו נעהמען מיינע זאכען?

— נעהם דיר דיינע זאכען און געה דיר! האט נאוואק געזאגט גראב.

פראנץ איז אוועקגעגאנגען. נאוואק איז געבליעבען אליין. ער האט זיך וויעדער גענומען צו זיינע פאפּיערן און האט אנגעהויבען צו פערברענען איין פאפיער נאך אנ־דערן. אזוי איז פערגאנגען דיא צייט. נאוואק איז געווען אזוי פערטיעפט אין זיין ארבייט

אז ער האט ניט בעמערקט, וויא עס איז פערגאנגען איין שטונדע נאך דער אנדערער.

פלוצלונג איז אריינגעקומען זיין דיענער און האט געמעלדעט:

— דער הערר פאליציי דירעקטאר וויל מיט אייך רעדען.

נאוואק האט אויסגעגלאצט א פאר אויגען און האט ניט געוואוסט וואס צו טאהן. עס איז איהם געווארען קאלט און ווארעם. זיין געזיכט איז געווארען רויט, דאן גריןּ, דאן געל, דאן אש פארב. עס זיינען פערגאנגען איינינע מינוט, איידער ער האט געקענט ארויסרעדען א ווארט.

— פיהר אריין דעם העררן פאליציי דירעקטאר, האט ער ענדליך געזאגט.

דער פאליציי דירעקטאר איז באלד אריינגעקומען, האט זיך העפליך פערנייגט און האט געזאגט גאנץ פריינדליך.

— עס וועט אייך געווים וואונדערן, וואס איך קום צו אייך אזוי שפעט, הערר נאוואק, עס איז אבער נאטהווענדיג. ווען איהר ווילט רעטען אייער עהרע, מוזט איהר געהן באלד מיט מיר און זיך פערטהיידיגען אדער ערקלערן, וואס דא איז. איך האב געוואלט שיקען נאך אייך, מיר זיינען אבער גוטע אלטע פריינד און איך בין בעסער אליין געקומען צו אייך.

— איך פערשטעה ניט, וואס איהר רעדט, הערר פאליציי דירעקטאר! וואס האב איך מיך דען צו פערטהיידיגען?

— איהר וועט אלעס שפעטער געוואהר ווערן, האט דער פאליציי דירעקטאר געענטפערט, יעצט קומט מיט מיר. איך בעט אייך, איהר זאלט געהן מיט מיר זא שנעל, וויא מעגליך. עס מוז זיין אזוי, הערר נאוואק!

— וואס איז דארט אזעלבעס געשעהן, וואס איהר, הערר פאליציי דירעקטאר, איילט זיך אזוי? פאר וואס האט איהר עס קיין צייט ניט?

— הערר נאוואק, איהר זייט אויך א בעאמטער, איהר ווייסט אז איבער געוויסע אמטס אנגעלעגענהייטען קען מען ניט רעדען אזוי אפענהערציג, וויא מען וויל.

— אייגענטליך קען איך מיך אפזאגען פון דער עהרע מיט אייך צו געהן, האט נאוואק בעמערקט. איך געה מיט אייך נור דערפאר וויל מיר זיינען דאך גוטע אלטע פריינד.

נאוואק האט זיך באלד אנגעטאהן און ביידע אלטע גוטע פריינד זיינען ארויס־געגאנגען פון הויז.

— איך האב דא מיין דראשקע, האט דער פאליציי דירעקטאר בעמערקט, צו וואס זאלען מיר געהן צו פוס? לאמיר זיך אויפזעצען.

אין איינינע מינוטען ארום זיינען ביידע אלטע גוטע פריינד אריינגעקומען אין דער גרויסער געביידע פון דער פאליציי און זיינען אריינגעגאנגען אין דער קאנצעלאריע פון פאליציי דירעקטאר.

וויא ערשטוינט איז נאוואק געוועזן, ווען ער האט דארט געטראפען זיין פריינדין דיא אלטע סטאסא. זיא איז געשטאנען פאר א גרויסען טיש, לעבען וועלכען עס איז געזעסען אן אונטערזוכונגס ריכטער. נאוואק איז געוועזן זעהר גוט בעקאנט מיט'ן אונ־טערזוכונגס ריכטער און ער האט זיך זעהר געוואונדערט, וואס דער אונטערזוכונגס

ריכטער האט איהם ניט בעגריסט און האט צו איהם ניט גערעדט, וויא צו אן אלטען גוטען פריינד.

באלד איז ער געוואהר געווארען, פאר וואס דער אונטערזוכונגס ריכטער (סליעדאוואטעל) איז געווען אזוי אונפריינדליך געגען איהם.

— ווער האט געשיקט צו גראף מעראס דיא לייבע פון א קינד? האט דער אונטערזוכונגס ריכטער געפרעגט סטאסא'ן.

— איך האב עס געטאהן. האט סטאסא געענטפערט גאנץ רוהיג.

— וואס האט איהר דאן געטאהן?

— איך האב ווידער ארויסגעגנבעט דיא זעלבע לייבע און האב זיא אונטערגעווארפען דעם הענקער'ס טאכטער.

— איז אננא דעם הענקערס טאכטער?

— ניין, זיא איז גראף מעראס טאכטער.

— וויא קומט זיא אבער צום הענקער?

— איך האב זיא איהם געבראכט, ווען אננא איז אלט געווען קוים דריי יאהר.

— קענט איהר עס בעווייזען? האט דער ריכטער ווייטער געפרעגט.

— איך קען עס בעווייזען, האט סטאסא געענטפערט, איך האב נאך דיא קליידעלעך, וועלכע אננא האט געטראגען, ווען איך האב זיא איבערגעגעבען דעם הענקער.

— וואו געפינען זיך דיעזע קליידער?

— אין מיין קאסטען אין מיין הויז ניט וויט פון שלאס טאקקי.

— קען מען שיקען א מענשען, ער זאל נעהמען דיעזע קליידער?

— געוויס! איך וויל אבער, אז מען זאל ברענגען דעם גאנצען קאסטען, ווייל איך האב דארט נאך פיעלע זאכען, וועלכע קענען אייך ניצען.

זיא האט איבערגעגעבען דעם ריכטער דיא שליסעל פון איהר שטיבעלע און פון איהר קאסטען. דער ריכטער האט באלד געהייסען דעם פאליציי דירעקטאר, ער זאל שיקען צוויא זשאנדארמען ברענגען סטאסא'ס קאסטען.

ווען ער האט דאס בעזארגט, האט ער זיך געווענדעט צו סטאסא'ן און האט זיא ווייטער געזאגט:

— זייט וויא לאנג קענט איהר זיך מיט'ן אדוואקאט נאוואק?

— מיר קענען זיך שוין זייט זעהר לאנג, האט סטאסא געענטפערט, ער פלעגט טאבען געשעפטען מיט מיין מאן.

— מיט דעמזעלבען, וועלכען מען האט פאריגען זומער אפגעהאקט דעם קאפ?

— איך האב געהאט נור איין מאן.

— האט דער אדוואקאט געוואוסט, אז איהר האט אונטערגעווארפען דיא לייבע אין הויז פון'ם הענקער מיכאאיל?

— געוויס האט ער עס געוואוסט. מיר זיינען דאך ביידע אלטע גוטע פריינד.

ביי דיעזע ווערטער איז נאוואק געווארען בלייך, וויא קאלך און איז שיער ניט אומגעפאלען.

— וואס איז מיט אייך, הערר נאוואק? האט דער ריכטער געפרעגט.

— עס איז גאר נישט! עס וועט באלד איבערגעהן.

דער ריכטער האט געהייסען געבען דעם אדוואקאט א גלאז וואסער און האט געווארט ביז ער האט זיך איין גאנצען בערוהיגט.

ווען נאוואק האט זיך בערוהיגט, האט איהם דער ריכטער צוגערוקט א שטוהל און האט איהם געבעטען, ער זאל זיך זעצען לעבען איהם, ער וויל מיט איהם אביסעל פלוידערן.

27טער קאפיטעל.

נאגי ווערט ארעסטירט.

— וואו איז מיין זוהן? וואו איז מאקס? האט דיא גרעפין פאן ראדעצקי געשריען אויסער זיך.

נאגי האט געטאהן אלעס מעגליכע אום זיא צו בערוהיגען, עס האט איהם אבער גאר ניט געהאלפען. דיא גרעפין האט זיך געווארפען, האט זיך געריסען, האט געשריען, האט געליארעמט און האט גערופען איהר זוהן.

נאגי איז געוועזען אויסער זיך. ער האט געמוזט צופאהרען צו א נאסט הויז און דארט בערוהיגען זיין פרוי. עס איז ביי איהם געבליעבען, אז אין פאלל זיא וועט זיך ניט בערוהיגען, זאל ער זיא איבערלאזען אין דארף און זאל אליין אנטלויפען. דאס ערגסטע פאר איהם איז געוועזען, וואס ער האט געמוזט פאהרען אין שלאס ראדעצקי. ער האט געהאט ווייניג געלד און האט געמוזט זיך פערזארגען מיט געלד. דאן האט ער געוואלט פערניכטען אלע אינסטרומענטען און מאשינען, וועלכע ער האט געהאט צו מאכען פאלשעס געלד.

ער האט דאהער געהייסען זיין קוטשער, ער זאל בלייבען שטעהן ביים ערשטען בעסטען נאסט הויז און זאל דארט פאדערן א בעזונדערעס צימער פאר זיך און זיין פרוי.

פאר נאכט זיינען זיי צוגעפאהרען צו א גאסט הויז, נאגי האט זיך געוויעזען אלס ליעבענדער מאן און האט געוואלט אראפטראגען זיין פרוי אין גאסט הויז.

— רויבער! מערדער! האט דיא אונגליקליכע גרעפין פאן ראדעצקי געשריען.— וואו איז מאקס? וואו איז מיין זוהן?

נאגי איז געוועזען פערצווייפעלט. ער האט זיך געווענדעט צו דער גרעפינס קאמערמעדכען און האט איהר געזאגט:

— דיא גנעדיגע פרוי איז קראנק. איך האב מורא, אז זיא איז אראפ פון זינען. עס איז ווייט קיין בודאפעסט און עס איז נאהענט קיין ראזענוי. מיר מוזען דא בלייבען און שיקען נאך א דאקטאר.

מיט שווערע מיה איז עס איהם געלונגען אראפצוטראגען דיא קראנקע גרעפין אין צימער. דארט האט ער איהר געלעגט וואסער צום קאפ און מען האט אנגעהויבען זיא צו בערוהיגען מיט דיא מיטעל, וועלכע ער האט געהאט ביי זיך. דיא גרעפין האט זיך ענדליך בערוהיגט און איז אנטשלאפען געווארען.

אין דרויסען איז געווארען פינסטער. עס האט זיך אנגעהויבען א פינסטערע, נאסע און קאלטע נאוועמבער נאכט, איינע פון דיא לאנגווייליגע, טרויעריגע, אונאנגענעהמע נעכט, ווען אין דער גרויסער שטאדט לויפען מיר אין טהעאטער אדער זעצען זיך שפיעלען אין קארטען אום צו פערטרייבען דיא לאנגווייל. אין דיא דערפער פערזאמלען זיך דיא מענשען ארום פייער און הויבען אן צו דערצעהלען לאנגע געשיכטען פון רויבער און צויבערער (מכשפים).

נאני האט ניט געוואוסט וואס צו טאהן. ער האט געוואלט ווייטער פאהרען. ער האט געוואלט לויפען. ער האט געוואלט אנטלויפען. דאס איז אבער געווען אונמעגליך. דיא פערד זיינען געווען מיעד. דער וועג איז געווען זעהר שלעכט. דער קוטשער האט מורא געהאט צו פאהרען אין דער שרעקליכער פינסטערניס.

נאני איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט ארויסגעקוקט אין דיא דונקעלע נאכט.

— אך! האט ער געזיפצט, עס ווערט דונקלער און דונקלער ארום מיר. עס איז פינסטער אין דרויסען, פינסטער אין מיין צימער, פינסטער אין מיין הארצען און פינסטער אין מיינע געדאנקען. דער שעהנער זומער פון פרייד און האפנונגען איז פאראיבער און עס איז געקומען דער לאנגער, קאלטער און טרויעריגער ווינטער. — איך האב געקעמפפט ביז אהער. איך האב מיך געהאלטען אויפ'ן וואסער, איך וועל מיך נאך ווייטער האלטען. איך וועל נאך ווייטער קעמפפען, איך וועל מיך נאך ראנגלען. איך וועל מיך ניט אונטערגעבען אזוי לייכט. וועל איך אבער זיעגען? וואס ווייס איך?

פלוצלונג איז איהם קאלט געווארען. ער האט א ציטער געטאהן און האט געוואלט צוגעהן צום פייער. עס האט איהם אבער ניט געלאזען. ער האט עס ניט געקענט.

— וואס איז מיט מיר? האט ער געפרעגט. עס איז מיר קאלט. אלע מיינע גליעדער ציטערן. וואס זאל עס בעדייטען? איז עס שוין דאס ענדע? ווייזט עס מיר, אז מיין ענדע איז שוין נאהענט? בין איך קראנק, ויא מיין אונגליקליכע פרוי?

ער האט געוואלט צוגעהן צום פייער, פלוצלונג האט ער דערהערט שווערע טריט פון פערד. זיין שארפעס אויער האט באלד דערקענט, אז דאס קומען אן רייטער.

— ווער זאל עס זיין? האט ער געפרעגט, זאל מען עס מיר נאכיאגען? — ניין! עס קען ניט זיין. איך גלויב ניט, אז מען זאל שוין וויסען אין בודאפעסט אז איך בין אנטלאפען און וואוהין איך בין אנטלאפען? — עס איז מיר קאלט, איך מוז מיך אנווארעמען.

ער איז צוגעקומען צום פייער, האט זיך אניעדערגעזעצט און האט אנגעהויבען זיך צו ווארעמען. אונטערדעסען זיינען עטליכע רייטער צוגעקומען צום גאסט הויז. איינער פון זיי איז אראפ פון זיין פערד און האט גערעדט איינינע צייט מיט'ן ווירטה.

— ביי מיר געפינט זיך יעצט נור איין גאסט, האט דער ווירטה געזאגט. ער ווייזט אויס צו זיין א פארנעהמער מאן.

— האט ער אייך ניט געזאגט, וויא ער הייסט?

— ער האט מיר געזאגט, אז ער איז א פּאלנישער גראף און הייסט טשאַר-טאָווסקי.

— איז ער אליין?

— ניין, זיין פרוי איז מיט איהם.

— וואו איז זיין צימער?

— איך האב איהם אפּגעגעבען מיינע בעסטע צימער אויפ'ן צווייטען שטאָק.

— איך מוז איהם זעהן און מיט איהם רעדען, האט דער פרעמדער רייטער געזאָגט.

ער איז ארויסגעגאנגען אין דרויסען און האט געהייסען זיינע קאמעראדען אראפּ-געהן פון זייערע פערד און זיך אויסשטעלען ארום הויז.

— איהר זאלט אריינלאזען יעדען, אבער קיינעם ניט ארויסלאזען, האט ער זיי אנגעזאגט.

דאן האט ער געהייסען צוויא פון זיי, זיי זאלען געהן מיט איהם. זיי זיינען ארויפגעגאנגען אויפ'ן צווייטען שטאָק און האבען אנגעקלאפּט אין טהיר.

— ווער זייט איהר? האט נאַני געפרעגט.

— עפענט, מיר האבען מיט אייך צו רעדען.

נאַני האט געעפענט דיא טהיר. עס זיינען אריינגעקומען דרייא מענשען פער-הילט אין לאנגע שווארצע מאנטלען. נאַני האט זיי אנגעקוקט מיט שרעק און שטוינען.

— וואס פערלאנגט איהר, מיינע הערען? האט נאַני געפרעגט.

— קענט איהר מיר ניט זאגען, וויא הייסט איהר?

— איך הייס גראף טשאַרטאָווסקי, האט נאַני געענטפערט.

— דאן ארעסטיר איך אייך אים נאמען פון אונזער גנעדיגען קייזער!

— איהר ארעסטירט מיך? האט נאַני אויסגערופען דערשראָקען און איבער-ראשט, פאר וואס ארעסטירט איהר מיך?

— ווייל איהר האט זיך געגעבען א פאלשען נאמען, האט דער מאן געענטפערט, איהר זייט קיין גראף טשאַרטאָווסקי.

נאַני איז געוואָרען בלייך, וויא קאלך. ער האט ניט ערוואַרטעט, אז מען זאל איהם אזוי שנעל נאכיאגען. ער האט אבער זיך געמאכט הערץ און האט אויס-גערופען:

— מיין הערר, איך וויל ניט וויסען, ווער איהר זייט, איך מוז אייך אבער זאגען, אז איהר האט קיין רעכט מיך צו ארעסטירען. עס געהט אייך ניט אָן, אויב איך הייס טשאַרטאָווסקי אדער אנאנדער נאמען. איך בין א פרייער מענש און מעג מיך רופען, וויא איך וויל.

— ווארטעט הערר, האט דער מאן אין מאַנטעל געזאגט, איך האב א בעפעהל צו ארעסטירען א מאן, וועלכער האט זיך געהייסען רופען באראָן נאַני פאן האללאַוואַי. איך דארף ניט פרעגען, פאר וואס מען האט עס געהייסען. איך בין נור א דיענער פון געזעץ, איך טהו נור, וואס מען הייסט מיר.

— אבער פון וואנען ווייסט איהר, אז איך בין עס?

דער מאן אין מאנטעל האט ארויסגענומען א בוינען פאפיער, האט עס געלעזען און האט בעטראכט דעם באראן נאגי.

— מיין הערר, איהר זייט דער באראָן נאגי פאן האללאוואי, אט זיינען אייערע קענצייכען (פרימעטעס) מען קען אייך זעהר לייכט דערקענען.

— אבער פאר וואס ארעסטירט מען מיך? האט נאגי אויסגערופען, איך האב קיינעם קיין שלעכטעס געטאהן.

— ווען דאס געריכט האט געמאכט א פעהלער, וועט עס זיך פערענטפערן פאר אייך. איך ווייס גאר נישט. מיר האט מען געהייסען אייך נאכפאהרען און אייך ארעסטירען, וואו איך וועל אייך טרעפען.

נאגי איז געבליעבען שטעהן, וויא א דערהרגעטער. זיין לעצטע האפנונג איז פערשוואונדען. יעצט קען ער שוין גאר נים טאהן. פון אנטלויפען קען שוין יעצט קיינע רעדע זיין. ער האט פערשטאנען, אז אין דרויסען ווארטען געוויס נאך זשאנ־דארמען. ער איז פערלארען, פאר איהם איז שוין קיין רעטונג דא. דיא איינציגע רעטונג, וואס איז איהם נאך געבליעבען, איז דער טוידט. נאגי הא זיך נים לאנג איבערלעגט. ער האט ארויסגעחאפט א פיס־אָלעט פון זיין קעשינע, האט איהם אויסגעצויגען און האט געוואָלט זיך שיעסען. ער האט אבער פערגעסען, אז א פאר קלוגע, פארזיכטיגע אויגען קוקען אויף איהם.

א פאר שטארקע הענד האבען אנגעחאפט זיין האנד און האבען ביי איהם ארויסגעריסען א רעוואלווער.

— האלט איין, העררבאראָן! האט געזאגט דער מאן אין מאנטעל, וואס איילט איהר זיך אזוי? איהר וועט נאך האבען צייט צו קומען אויף יענע וועלט.

ער האט צוגערופען זיינע קאמעראדען און האט זיי געהייסען ארעסטירען דעם באראן נאגי פאן האללאוואי. יעצט האט שוין גאר נים געהאלפען. נאגי איז גע־גאנגען שטילערהייט און דעם קאפ אראפגעלאזען מיט דיא בעאמטע, וועלכע האבען איהם ארעסטירט.

ערשט ווען ער איז ארויסגעגאנגען אין דרויסען, האט ער זיך עפעס דערמאנט און האט געפרעגט דעם בעאמטען:

— וועט איהר מיר ערלויבען צו זאגען א פאר ווערטער צו מיינע מענשען?

— איך וועל הייסען אראפשיקען אייערע דיענער, האט דער בעאמטער געענט־פערט.

ער האט געהייסען אראפרופען דאס קאמערמעדכען פון זיין פרוי און נאגי האט איהר אנגעזאגט, אז זיא זאל מארגען אוועקפאהרען מיט דער גרעפין אין שלאס ראָ־דעצק. ווען ער האט אלעס איינגעארדענט און אלעס בעזארגט, האבען דיא אגענטען פון דער געהיים פאליציי איהם אויפגעזעצט אויף א פערד און זיינען מיט איהם אוועק־געפאהרען.

אין צווייא טעג ארום איז נאגי געזעסען אין געפענגניס פון בודאפעסט.

28טער קאַפּיטעל.

דער פּראָצעס.

מען קען זיך לייכט דענקען, וואס פאר א רעש עס איז געוואָרען אין בודאפּעסט, ווען מען האט דערהערט, אז מען האט ארעסטירט אזעלכע צוויי וויכטיגע מענשען, וויא דעם אדוואקאט נאוואק און דעם רייכען באראָן נאגי פאָן האלאוואאי, אלע זיינען געוועזן ערשטוינט און איבערראשט. מען האט זיך דערצעהלט פון זיי שרעקליכע געשיכטען.

איינינע האבען געזאגט, אז זיי האבען געוואלט מאכען א רעוואָלוציאָן געגען קייזער. אנדערע האבען דערצעהלט, אז זיי האבען בערויבט א קירכע; ווידער אנדערע האבען גערעדט, אז זיי האבען גאר געמאכט פאלשע באַנקנאָטען. דיא וואהרהייט האט קיינער ניט געוואוסט. דיא פּאָליציי האט געשוויגען. דיא ריכטער האבען געשוויגען און דיא אויפזעהר פון געפענגניס האבען געשוויגען.

ענדליך איז מען געוואהר געווארען, אז דעם פינפטען דעצעמבער וועט מען אין אָבער קרימינאל געריכט פון בודאפּעסט פערהאנדלען דעם פּראָצעס פון באראן נאגי.

שוין גאנץ פריה האט זיך פערזאמעלט א גרויסע מענגע ארום געריכטס הויף. יעדער האט געברענט פאר נייגיערדע צו וויסען, וואס דא קומט פאר. דער פּראָצעס איז געווען א בעזאנדערער, אונגעוועהנליכער. דער אָבער קרימינאל ריכטער האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מען זאל אריינלאזען נור דיא מענשען, וועלכע האבען בילעטען.

אום צעהן אוהר איז דער גרויסער זאל פון געריכט געווען פול געפּאַקט מיט מענשען. מען האט געזעהן זיצען אויף דער אנקלאגע באנק (סקאמיא פּאָדסודימיך) צוויי מענשען. איינער איז געווען א הויכער שעהן געקליידעטער שטארקער מאן, דאס איז געווען דער באראָן נאגי. דער צווייטער איז געווען א ניעדעריגער, דארער, איינגעבויגענער מאן מיט שווארצע האר, אונזער אלטער בעקאנטער יאזעף.

דיא ריכטער זיינען געווען ערנסט. דאס פובליקום איז געווען ערנסט און דיא אנגעקלאגטע זיינען געזעסען ערנסט, דיא קעפּ אראפּגעלאזען און פערטיעפט אין זייערע ניט גאנץ פרעהליכע געדאנקען.

— זייט איהר דער באראָן נאגי פאָן האלאוואאי? האָט דער פּאָרזיצענדער געפרעגט.

— איך בין ניט דער באראן נאגי פאָן האללאוואאי, האט דער אנגעקלאגטער געענטפערט.

— ווער דען זייט איהר און וויא הייסט איהר?

— איך הייס סטאניסלאוו טשארטאָווסקי.

— וויא קומט עס, וואס איהר האט זיך געגעבען א פאלשען נאָמען? האט דער ריכטער ווייטער געפרעגט.

— דאס קען איך אייך ניט זאגען, האט דער אנגעקלאגטער געענטפערט.

— איהר מעגט טאהן, וויא איהר ווילט, דאס געהט אונז ווייניג אן, האט דער ריכטער בעמערקט.

— דאס נעהמ איך אן זעהר פיעל. איהר האט אנקלאגען גענען א באראָן נאגי פאן האללאוואי, איך בין אבער קיין באראן נאגי.

וויא נארריש דיעזער אויסדרעה איז, האט ער דאך אין יענער צייט געהאט א גרויסען ווערטה, וויל דאס געזעץ פון יענער צייט האט געזאגט אויסדריקליך, אז מען קען ניט פעראורטהיילען א מענשען, ווען מען ווייס ניט גענוי, ווער ער איז.

— מיר דארפען נור וויסען, אויב איהר האט בעגאנגען א פערברעכען, האט דער ריכטער געזאגט, אויב איהר האט בעגאנגען דאס פערברעכען אונטער דעם נאמען פון באראן פאָן נאגי אדער אונטערן נאמען פון סטאניסלאוו טשארטאווסקי, מאכט אונז ניט אויס. — אנגעקלאגטער טאפריז, וויא האט איהר געהייסען?

— איך האב געהייסען ביז אהער יאזעף, האט דער אנגעקלאגטער געענטפערט.

— קענט איהר דיעזען מאן?

— איך קען איהם זעהר גוט, ער איז דער באראָן נאגי.

— וויא לאנג קענט איהר איהם שוין?

— איך קען איהם זייט דרייא יאהר.

— וואס פאר א געשעפטען פלעגט איהר מאכען מיט איהם?

— ער פלעגט מיך ארומשיקען אין פערשיעדענע לענדער פערקויפען באנקנאָטען, בעזאנדערס אבער אין דער טירקיי.

— האט איהר געוואוסט, אז די באנקנאטען זיינען פאלש?

— איך האב עס געוואוסט.

— פאר וואס האט איהר עס אלזא געטאהן?

— איך האב עס געמוזט טאהן, האט יאזעף געענטפערט. ערשטענס האב איך דערביי פערדיענט געלד. צווייטענס, האב איך פאר איהם מורא געהאט?

— וואס האט איהר פאר איהם מורא געהאט?

— ער האט געוואוסט, אז איך האב געטויטעט און בערויבט א רייכען קויפמאן אין גאליציען.

— וואס נאך ווייסט איהר עפעס פון דיעזען מאן, וועלכער האט זיך געהייסען רופען באראָן פאָן נאגי?

יאזעף האט דערצעהלט אלעס, וואס ער האט געוואוסט פון באראָן נאגי. ער האט דערצעהלט, וויא דער באראָן האט איהם געהייסען נאכפאהרען דער גרעפין על־ווירא פאָן מאָקקי, טויטען איהר קוטשער, זיא איבערשרעקען, זיא אוועקשלעפען אין וואלד, אום אז נאגי זאל דאן קומען און זיא בעפרייען. — יאזעף האט ווייטער דער־צעהלט, וויא נאגי האט איהם געהייסען אונטערוואַרפען ארטהור'ן דאס פאלשע געלד.

יאָזעף האט געמוזט אלעס דערצעהלען און אלעס אויסזאגען, וויל ער האט גע־האפט, אז מען וועט ערלייכטערן זיין שטראפע, ווען ער וועט אלעס אויסזאגען. אזוי אין דאמאָלס געווען איינגעפיהרט. ווען א פערברעכער האט זיך מודה געווען און האט אלעס אויסגעזאגט, האט מען איהם ערלייכטערט זיין שטראפע. דאס איז געווען אן אלטעס, מיר מוזען זאגען ניט גאנץ קלוגעס געזעץ, וועלכעס איז היינט אפגעשאפט אין פיעלע לענדער.

דער געוואונדער מענשענפערשטאנד זאגט אונז דאך, אז ווען א פערברעכער קומט א געוויסע שטראפע, קענען מיר איהם שענקען דיעזע שטראפע נור דערפאר, וואס ער איז ניעדערטרעכטיג און זאגט אויס אויף זיינע קאמעראדען. אים געגענטהייל, דאס ווייזט אונז, אז דער מענש איז שוין אזוי ניעדעריג, אז ער האט זאגאר קיין מוטה צו פערטהיידיגען זיך, צו האלטען זיינע געהיימניסע פאר זיך. אזא פערברעכער פער־דיענט אייגענטליך נאך א הארטערע שטראפע.

ווען יאזעף האט אלעס דערצעהלט, האט זיך דער פּרעזיצענדער געווענדעט צו באראָן נאגי און האט איהם געפרעגט:

— וואס קענט איהר ענטפערן אויף דיעזע אנקלאגען?

נאגי האט זיך אויפגעהויבען פון זיין זיץ, האט זיך געווענדעט צום פובליקום און האט אנגעהויבען צו רעדען מיט א הויכער און פעסטער שטימע:

— מיינע העררען, זעהט איהר דען ניט, אז דיעזער טויגעניכטס, דיעזער רויבער און מערדער זוכט מיך צו פערקלאגען? וויא קענט איהר גלויבען א מענשען, פון וועל־כען איהר זייט איבערציינגט, אז ער איז א רויבער און מערדער? פערשטעהט איהר דען ניט אליין, אז ער וויל זיך רעטען דורך דעם, וואס ער וועט מיך בעשולדיגען? — איהר קענט מיך, מיינע העררען, פיעלע פון אייך ווייסען גאנץ גוט, אז איך לעב אויף מיין שלאס און טוה קיינעם קיין בייזעס. ווען איהר גלויבט אזא טויגעניכטס, מעגט איהר דאך גיכער גלויבען מיר, אז איך בין אונשולדיג. וואו איז דיא גערעכטיגקייט אין אונגארן, ווען מען נעהמט א באראן, א מאגנאט, און מען ארעסטירט איהם דערפאר, וואס א פערברעכער האט געזאגט, אז דער באראָן איז זיין קאמפאניאָן?

יאזעף האט ניט געקענט איינזיצען אויף דער אנקלאגע באנק.

— מיר האבען נאך אנדערע בעווייזע, אז איהר זייט שולדיג, האט דער ריכטער געזאגט צום אנגעקלאגטען באראן. נאגי, מיינט ניט, אז מיר האבען געהייסען אייך ארעסטירען נור דערפאר, ווייל דיעזער מאן האט אויסגעזאגט. אז איהר זייט א פער־ברעכער, מיר האבען נאך אנדערע בעווייזע.

מיט דיעזע ווערטער האט ער א ווינק געטאהן צו איינעם פון דיא גועריכטס בעאמטע, ער זאל איהם עפּעס דערלאנגען. דער גועריכטס בעאמטער האט איהם דער־לאנגט א בריעף. דאס איז געוועזן דער זעלבער בריעף פון באראָן נאגי, וועלכען מען האט געפונען ביי יאזעפ׳ן אין קעשענע, ווען מען האט איהם ארעסטירט.

— קענט איהר דיעזען בריעף? האט דער ריכטער געפרעגט און האט געוויעזען נאגי׳ן דעם בריעף.

נאגי האט איהם בעטראכט עטליכע מינוט און האט געענטפערט גאנץ רוהיג.

— דאס איז ניט מיין בריעף! האט נאגי אויסגערופען. מען האט נאכגעמאכט מיין האנדשריפט.

יאזעף איז אויפגעשפרונגען.

— איהר וואגט עס אפצולייקענען, אז איהר האט מיר געשיקט דיעזען בריעף! האט ער אויסגערופען.

— געוויס לייקען איך עס אפ, האט נאגי געשריען. מען ווייסט עס שוין, אז

מענשען, וועלכע מאכען פאלשעס געלד, קענען נאכמאכען יעדע האנדשריפט. זיי טהועז עס זעהר אפט, טראגען זעהר אפט ביי זיך אזעלכע האנדשריפטען, אום זיי זאלען קענען אנאנדערן בעשולדיגען. דיעזער בריעף איז קיין בעווייז, העררען ריכטער. ער איז א פאלשער.

נאני איז געוועז א גוטער קאמעדיאנט. ער האט זיך געהאלטען אזוי שטאלץ, אז פיעלע פון דעם פובליקום האבען אנגעהויבען איהם צו גלויבען.

— אלזא, ווילט איהר ניט אנערקענען דיעזען בריעף? האט דער ריכטער איהם געפרעגט.

— איך האב איהם ניט געשריעבען.

— אבער וויא קומט עס, וואס דיעזער מאן האט נאכגעמאכט געראדע אייער האנדשריפט?

— דאס פערשטעה איך ניט, האט נאני געענטפערט פרעך.

— קענט איהר איהם גאר ניט? האט דער ריכטער ווייטער געפרעגט, האט איהר מיט איהם קיין מאל ניט געהאנדעלט?

— ניין, מיינע העררען, איך קען איהם ניט! איך האב איהם קיין מאל ניט געזעהן.

דער ריכטער האט געגעבען א צייכען צו איינעם פון דיא געריכטס בעאמטע, ער זאל וועמען אריינברענגען. אין איינע מינוט ארום איז דער בעאמטער צוריקגעקומען מיט א שעהנעם הויכען אלטען מאן.

דער ריכטער האט זיך געווענדעט צו איהם און האט איהם געפרעגט:

— הערר באראן פאן באטהיאני, איהר האט געזאגט, אז איהר אליין האט געזעהן דעם באראן נאני פאן האללאוואי מיט דיעזען מענשען. — ער האט געוויעזען אויף יאזעפען. — איז עס וואהר.

— יא, עס איז וואהר, האט דער אלטער באראן פאן באטהיאני געענטפערט. עס איז מיר צוואר זעהר אונאנגענעהם צו רעדען פון יענער צייט, וועלכע איז דיא טרויעריגסטע צייט פון מיין לעבען, איך מוז עס אבער טאהן אין אינטערעסען פון דער וואהרהייט. איך האב געזעהן, אז דיעזער מאן איז געקומען צום באראן נאני. איך האב געהערט, וויא דער באראן נאני האט איהם געהייסען קומען אין שלאס באטהיאני. דארט וועלען זיי רעדען. איך מוז זאגען דיא וואהרהייט: איך בין געגאנגען שטילערהייט מיך אונטערהערען, וואס זיי רעדען. איך ווייס, אז עס פאסט ניט פאר אן עהרליכען מענשען זיך אונטערצוהערען, וואס יענער רעדט. איך האב עס אבער דאמאלס געמוזט טאהן, ווייל איך האב געהאפט, אז איך וועל עפעס געוואהר ווערן וועגען מיין זוה, ארטהור. איך האב געוואוסט, אז באראן נאני וויל, אז מיין זוהן זאל שטארבען, איך האב געוואוסט, אז נאני ווייס, וועד עס האט געמאכט מיין זוהן פאר א פערברעכער און איך האב געמוזט זוכען מיטעל, וויא אזוי איהם צו העלפען.

און ווען איך האב מיך אונטערגעהערט, וואס נאני האט גערעדט מיט דיעזען מענשען, בין איך ניט געוועזען אליין. מיט מיר איז געוועזען דער גייסטליכער פון דארף משעמני.

ארטהורס פאטער האט יעצט דערצעהלט אלעס, וואס ער האט געהערט אין באטהיאני.

— וואס האט איהר דארויף צו ענטפערן? האט דער ריכטער געפרעגט דעם באראן נאגי.

— איך האב גאר ניט צו ענטפערן אויף דיא אנקלאגע פון א מענשען, וועלכער האט יאהרענלאנג געשפיעלט דיא ראלע פון א שטוממען בעטלער און פלוצלונג שטעלט ער זיך פאר אלס באראן לעאפאלד פאן באטהיאני. איך האב גאר ניט צו ענטפערן אויף דיא בעשולדיגונג פון א מענשען, וועלכער דערצעהלט אליין, אז ער האט זיך אונטערגעהערט, וואס צווייא מענשען רעדען און האט זיי ניט געזעהן. ווען איך זאל שוין צוגעבען, אז אלעס, וואס ער זאגט, איז וואהר, קען ער דאך ניט בעווייזען, אז איך בין עס געווען. וועלכער האט גערעדט מיט יאזעף'ן אין שלאס באטהיאני. עס איז דאך געווען ביי נאכט, ווען ער האט מיך ניט געקענט זעהן.

— אלזא, זייט איהר אין גאנצען אונשולדיג? האט דער ריכטער געפרעגט.

— געוויס בין איך אונשולדיג.

— פאר וואס זייט איהר אלזא אנטלאפען פון בודאפעסט?

— איך בין גאר ניט אנטלאפען, האט נאגי געענטפערט פרעך, מיין פרוי קען ניט פערטראגען דיא לופט פון בודאפעסט. זיא איז קראנק געוואהרען און איך האב געמוזט פאהרען מיט איהר אהיים, אין אונזער שלאס קאדעצק.

דיא ריכטער האבען זיך בעראטהען איינינגע מינוט און האבען בעשלאסען אפצולעגען דעם פראצעס אויף אייניגע טעג, ביז דער גייסטליכער פון טשעמני וועט קומען און ביז עס וועט צוריקקומען דער בעאמטער, וועלכען מען האט געשיקט אין שלאס ראדעצק מאכען א הויז אונטערזוכונג אין דיא צימער פון געוועזענעם באראן נאגי פאן האללאוואי.

29טער קאפיטעל.

דיא בעלוינונג.

דיא גרעפין פאן ראדעצקי איז געבליעבען אליין אין גאסט הויז. ביז האלבע נאכט איז זיא געלעגען אין אהנמאכט און האט ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט איהר. זיא האט ניט געוואוסט, אז נאגי איז ארעסטירט און איהר קאמערמעדכען האט עס איהר ניט דערצעהלט.

נאך האלבע נאכט איז איהר געווארען עטוואס לייכטער און זיא איז אנטשלאפען געווארען מיט א הארטען, אונרוהיגען שלאף פון א קראנקען מענשען. ערשט פארטאג האט זיא זיך אויפגעכאפט און האט געפרעגט:

— וואו איז דער באראן?

— דער באראן איז אוועקגעפאהרען, האט דאס קאמערמעדכען געענטפערט.

— ער איז אנטלאפען און האט מיך געלאזען אליין, האט דיא גרעפין געקרעכצט און איז אויפגעשפרונגען פון איהר געלעגער.

— ער איז ניט אנטלאפען, האט זיא דאס קאמערמעדכען געוואלט בערוהיגען.

ער איז אוועקגעפאהרען אין שלאס ראדעצק. ער האט קיין צייט און האט מיך געבעטען. איהר זאלט אויך באלד פאהרען אהין.

דיא גרעפין האט געשוויגען. זיא איז יעצט געזעסען שטיל און רוהיג און האט געטאהן אלעס, וואס דאס קאמערמעדכען האט פון איהר פערלאנגט.

זיי זיינען אוועקגעפאהרען קיין ראדעצק. דעם גאנצען וועג האט זיך דיא גרעפין פערהאלטען שטיל און רוהיג. ווען מען האט איהר געגעבען עסען, האט זיא געגעסען; ווען מען האט איהר געהייסען זיך זעצען אין קארעטע, האט זיא זיך געזעצט. זיא האט מיט קיינעם ניט גערעדט, האט קיינעם ניט געפרעגט און האט קיינעם ניט געהייסע עפעס טאהן.

ענדליך איז מען אנגעקומען אין שלאס ראדעצק. דער קוטשער און דאס קאמער מעדכען זיינען זיך אוועק געגאנגען אין זייערע צימער. דיא גרעפין אבער איז געלאפען אין מאקס'ס צימער זעהן, אויב ער איז דא אין דער היים. — דיא צימער זיינען געווען פערשלאסען און אויף דער דרויסען טהיר זיינען געווען צוויא גרויסע רויטע זיעגעל.

דיא גרעפין איז געווארען בלייך, וויא קאלך. זיא איז באלד צוריקגעלאפען אין איהרע צימער און האט אנגעהויבען צו קלינגען. איהרע דיענער זיינען געקומען צולויפען.

— וואו איז דער באראן? האט זיא געפרעגט.

— ער איז נאך ניט צוריקגעקומען פון זיין רייזע.

— איז דא געווען ווער אין דער צייט, וואס מיר זיינען ניט געווען אין דער היים?

— עס זיינען דא געווען זשאנדארמען מיט א בעאמטען פון בודאפעסט, האט איינער פון דיא דיענער געענטפערט.

— וואס האבען זיי דא געטאהן?

— זיי האבען עפעס געזוכט.

— האבען זיי עפעס געפונען?

— מיר ווייסען עס ניט. מען האט אונז ניט אריינגעלאזען אין באראנס צימער.

— איהר מעגט אייך געהן.

דיא גרעפין איז ווידער געבליעבען אליין.

— ער איז ניטא, האט זיא געזאגט טרויעריג, מאקס איז אויך ניטא. ער האט איהם געטויטעט! — איך וויים עס. וואס טויג מיר יעצט מיין לעבען? — ער איז אנטלאפען און האט מיך געלאזען אליין. — אך! איך האב עס געוואוסט. מיין הערץ האט מיר געזאגט, אז עס וועט זיך ענדיגען טרויעריג. עס האט אנדערש ניט געקענט זיין. ער האט געוואלט פליעהען צו הויך. עס האט אויף אונז א שיין געטאהן דיא זון. מיר האבען געמיינט, אז מיר וועלען פליעהען נאך העכער. — יעצט עפענט זיך פאר מיר דער אבגרונד. יעצט איז געקומען דיא צייט פון שטראפע און בעלוינונג.

זיא איז דעם גאנצען טאג ארומגעגאנגען אין איהרע צימער און האט גערעדט שטילערהייט צו זיך. דאן איז זיא אריינגעגאנגען אין מאקס'ס צימער, האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, גליך וויא זיא וואלט איהם געזוכט. דאן איז זיא אניעדער געפאלען אויפ'ן דיוואן, האט פערדעקט איהר געזיכט מיט דיא הענד און האט אנגעהויבען צו וויינען.

— מאקס! מיין זוהן! מיין ליעבער מאקס! וואו ביסט דוא יעצט? האט זיא געוויינט און זיך געריסען ביי דיא האר. אך! איך וויים יעצט, אז איך האב דיך געזעהן צום לעצטען מאל אין וואלד. דוא האסט עפעס גערעדט מיט דעם מערדער נאגי. דוא האסט מיך געפרעגט וועגען דיין פאטער. איך פערשטעה, אז דער טייפעל נאגי האט דיר אלעס אויסגעזאגט. דוא האסט געוואוסט, אז דוא האסט געטויטעט דיין פאטער אך! פאר וואס האב איך עס געטאהן? פאר וואס האב איך געהייסען דעם זוהן טויטען זיין פאטער? — ער האט עס מיר געהייסען. פאר וואס האב איך איהם אבער געפאלגט? — יעצט איז שוין צו שפעט. יעצט איז אלעס פערלארען!

זיא האט זיך אויפגעהויבען און איז אוועקגעלאפען אין איהר שלאף צימער. דיא וואנט לעבען איהר בעט איז געווען פערהאנגען מיט א גרויסען טעפיך (קארפעט, קאַוויאַר). זיא האט איהם האסטיג אוועקגעריסען — אונטען איז געווען א געהיימע טהיר. דיא גרעפין האט ארויסגענומען א קליין שליסעלע פון קעשינע, האט געעפענט דיא טהיר און איז אריינגעגאנגען אין א קליין קעמעריל.

מיר האבען שוין אמאל אריינגעפיהרט אונזערע לעזער אין דיעזעס קליינע קעמעריל און האבען איהם געוויעזען, אז דארט איז געליעגען נור א בינטעל קליידער.

דיא גרעפין פאָן ראדעצקי האט יעצט ארויסגענומען דיעזע קליידער, האט זיי אנגעטאהן און האט זיך אנגעקוקט אין שפיעגעל.

— אך! וויא גליקליך בין איך געווען דאמאלס, ווען איך האב נאך געטראגען דיעזע ארימע, איינפאכע קליידער! האט זיא אויסגערופען. איך האב דאמאלס ניט געטראגען קיין שטאלצען נאמען גרעפין, איך בין געווען אן איינפאכע פרוי פון אן איינפאכען, אבער עהרליכען און פלייסיגען ארבייטער. איך האב געלעבט גליקליך מיט מיין מאן און מיין קינד. איך האב ניט געוואוסט פון טהעאטערע, פון בעללער, פון דיענער און דיענסט מעדכען. — דוא האסט מיך דערזעהן, דוא טייפעל! דוא האסט מיר געזאגט, אז דוא ביסט א באראָן און טראגסט א שטאלצען נאמען. דוא האסט מיר געוויעזען, אז עס איז דא א בעסערע וועלט, א שעהנערע וועלט, א וועלט פון פרייד און פערגניגען. איך בין דיר געפעלען. מיין שעהנהייט איז געווען מיין אונגליק!

דוא האסט אנגעהויבען מיך צו פיהרען אין טהעאטערע, אויף בעללער און אויף קאנצערטע. איך בין געווען יונג, איך בין געווען אונערפאהרען. איך האב דערזעהן פאר מיר א נייע וועלט און בין געווען פערבלענדעט, איבערראשט און בערוישט. איך בין געווען, וויא א קינד, וועלכעס מען פיהרט צום ערשטען מאל אין א טהעאטער און עס מיינט, אז דיא קעניגע אויף דער סצענע מיט דיא פאפיערענע קרוינען אויפ'ן קאפ, זיינען ווירקליך קעניגע. איך האב געמיינט, אז דיא פליטערליך זיינען ווירקליך גאָלד. וואס בין איך געווען שולדיג, ווען דוא האסט מיר איינגערעדט, אז איך פאס ניט צו לעבען מיט אן איינפאכען ארבייטער?

אין דער ביבעל (תנ"ך) ווערט דערצעהלט, אז דיא שלאנג האט פערפיהרט דיא פרוי און זיא האט פערפיהרט איהר מאן. דאס איז ניט ריכטיג. דער מאן פערפיהרט דיא פרוי. דיא וואהרע פרוי, דיא איינפאכע פרוי, דיא פרוי, וועלכע וויים נור פון איהר מאן און איהר קינד, פערפיהרט קיינעם ניט. זיא איז טריי און ערגעבען צו איהר פא־

מיליע. ווען עס האפט זיך אריין א שלאנג אין א פאמיליע, איז עס א מאן. ער פער־ פיהרט דיא פרוי, וויא דיעזער פאלשער באראן נאני האט מיך פערפיהרט.

אך! צו שפעט בין איך געוואהר געווארען, וויא ניעדערטרעכטיג דיעזער נאני האט געהאנדעלט געגען מיר, וויא ער האט מיך פערפיהרט. ער האט מיר געגעבען א פאלשען נאמען. ער האט מיר פערשאפט דיא דאקומענטען פון א גרעפין און האט מיך אריינגעפיהרט אין איינינע גרויסע היזער אונטערן נאמען פון גרעפין פאָן ראדעצקי. מיר איז עס געפעלען. מען פלעגט מיך אויפנעהמען זעהר העפליך און מען פלעגט מיר אפגעבען אלע עהרע, וואס עס קומט א גרעפין.

וואס האט געקענט וויסען אן איינפאכע פרוי, וועלכע ווערט מיט א מאל א גרעפין? נאני האט איינגעלאדען צו מיר דיא בעסטע לעהרער און איך האב געמוזט לערנען דייטש, פראנצויזיש און ענגליש. מיר איז עס געפעלען. איך האב דאמאלס געגלויבט, אז מען רעדט פראנצויזיש, איז מען שוין גליקליך.

שפעט, צו שפעט בין איך געוואהר געווארען פון דער נויט און דעם עלענד־ וועלכע ליעגען זעהר אפט אונטערן שעהנעם טיטול פון א גרעפין.

אונגליקליכער נאני! דוא האסט מיך אנגערעדט, איך זאל אנטקויפען מיט דיר. איך בין מיט דיר אנטלאפען. דוא האסט געקויפט דיעזעס אלטע שלאס און האסט מיך פארגעשטעלט אלס דיא גרעפין פאָן ראדעצקי. דאמאלס האב איך שוין געוואוסט, ווער דוא ביסט. איך האב שוין אבער ניט געקענט העלפען. עס איז שוין געווען צו שפעט. דוא האסט מיר שוין געהאלטען מיט אייזערנע צוואנגען. איך האב געמוזט פאלגען, וואס דוא האסט מיר געהייסען טאהן.

איך האב בעגאנגען איין פערברעכען נאכ'ן אנדערן. איך בין געפאלען פון איין שטופע אויף דיא אנדערע. איך האב געזעהן, אז איך גליטש מיך אראפ אין א שרעק־ ליכען אפגרונד, עס איז שוין אבער געווען אונמעגליך זיך צוריק צו האלטען.

אך! וויא גליקליך וואלט איך געווען, איך זאל דיך קיין מאל ניט געווען זעהן! וויא גליקליך וואלט איך געווען, איך זאל קיין מאל ניט געווען טראָגען קיין סאמעט און זייד.

זיא איז געבליעבען שטעהן אין דער מיט צימער, האט זיך בעטראכט און האט אנגעהויבען צו זוכען אין דיא קעשינעס פון איהרע קליידער. פלוצלונג האט זיא א געשריי געטאהן. זיא האט געפונען אין איינע פון דיא קעשינעס פון איהרע קליידער א קליין פלעשעלע.

זיא האט עס ארויסגענומען, האט עס בעטראכט איינינע מינוט, דאן האט זיא אויסגערופען:

— ניין! ניין! איך וויל קיין גיפט! — עס איז וואהר, אז איך האב מיר אנגע־ גרייט דיעזען גיפט אויף א נויט. יעצט איז דיא נויט געקומען. יעצט איז דיא נויט אם גרעסטען. איך קען עס געברויכען. איך מוז עס געברויכען. איך קען מעהר ניט לעבען און דארף מעהר ניט לעבען.

מיין איינציגע טרייסט, מיין איינציגע האפנונג איז געווען מיין זוהן, מיין מאקס. ער איז ניטא. נאני האט איהם געטייטעט. צו וואס דארף איך אלזא לעבען? — איך

וויל אבער ניט נעהמען קיין גיפט. איך וויל ניט, אז מען זאל מארגען געפינען דא מיין טויטע קערפער. — איך מוז אויסזוכען עפעס אנדעריש. מיט מיר זאל אלעס פערשווינדען. עס זאל ניט בלייבען קיין שפור פון מיר, פון איהם און פון אונזער שלאס.

מיט דיעזע ווערטער האט זיא אוועקגעווארפען פון זיך דאס פלעשעלע גיפט. דאן האט זיא זיך געווארפען אויף דיא קניע, האט אויפגעהויבען דיא הענד צום הימעל און האט אנגעהויבען צו בעטען:

— פערצייהע מיר, פאטער אין הימעל! —

זיא איז געבליעבען שטיל. מעהר האט זיא ניט געקענט זאגען.

— ניין! האט זיא אויסגערופען און איז אויפגעשטאנען, — ניין! ער וועט מיר ניט פערצייהען. ער קען עס מיר ניט פערצייהען. איך האב געהייסען מיין איינענעם זוהן טויטען זיין פאטער! וואס קען שוין זיין ערגער און שענדליכער דערפון?

זיא האט זיך אויפגעהויבען, האט זיך ווילד אומגעקוקט און איז ארויסגעגאנגען פון איהר שלאף צימער. זיא איז יעצט געגאנגען אין גרויסען זאל, האט זיך אומגעקוקט און האט אויסגערופען:

— דא, אין דיעזען זאל, האב איך איהם דערלאנגט מיין האנד און האב איהם געשווארען ליעבע און טרייע. — איהם, דעם מערדער! — איהם, דעם רויבער! איהם האב איך געשווארען ליעבע און טרייע פאר גאט! — איך האב עס איהם געשווארען אין דער צייט, ווען זיינע הענד זיינען געווען פערשמיערט מיט'ן בלוט פון'ם בישאף ווראַאָווסקי!

פלוצלונג איז איהר עפעס איינגעפאלען אין קאפ. זיא האט אנגעקלונגען, עס איז אריינגעקומען א דיענער.

— ברענג מיר צוויא ליכט, האט איהם דיא גרעפין געהייסען.

אין איינינע מינוט ארום האט דער דיענער אריינגעבראכט צוויא ליכט און האט געפרעגט:

— זאל איך זיי אנצינדען?

דיא גרעפין האט איהם א ווינק געטאהן, ער זאל זיך געהן.

— ער וויל אנצינדען דיא ליכט? האט זיא געזאגט, ווען דער דיענער איז ארויס געגאנגען, דאס וויל איך ניט! דאס דארף איך ניט! — איך וועל אנצינדען דיא ליכט; איך וועל מאכען א פייער, אז מען וועט איהם זעהן ווייט און ברייט אין דער געגענד ארום.

זיא איז צוגעלאפען צו איהר שרייב טיש, האט איהם געעפענט, האט ארויסגענומען פון איהם פערשיעדענע פאפיערן און האט זיי אנגעהויבען צו רייסען אויף שטיקלעך.

— אלעס, אלעס מוז פערשווינדען! האט זיא דערביי געזאגט. עס זאל ניט בלייבען קיין שפור פון מיין אונגליקליכעס לעבען. — אזוי מוז ענדיגען דער מענש, וועלכער וויל פליעהען צו הויך. איך האב געקענט זיין א געטרייע פרוי און א גליקליכע מוטער, ווען איך זאל געוועזן בלייבען, וואס איך בין געוועזן. איך האב עס ניט געוואלט איך בין געפלויגען אין דער הויך. איך בין געווארען א גרעפין און איך מוז יעצט פער־

שווינדען אין רויך און פייער. לאז דיא וועלט וויסען.... ניין! וואס נעהט מיך אן דיא וועלט? איך בין ניט דיא איינציגע. טויזענדער פרויען זיינען נעגאנגען אויף מיין טרויע־רינגען, גליטשינגען וועג און טויזענדע וועלען נאך געהן. וואס הארט עס מיך? — איך וועל דיא וועלט ניט אויסבעסערן. וואו עס איז דא א גן עדן, דארט מוז זיין א שלאנג.

פלוצלונג האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז זיא הערט שווערע טריט פון פערד.

— זיי קומען! האט זיא אויסגערופען. זיי קומען מיך ארעסטירען! זיי וויסען אלעס! זיי ווילען מיך פיהרען אויפ'ן עשאפאט! — ניין! דאס וועט ניט זיין!

זיא האט אנגעצונדעןביידע ליכט און איז ארויסגעגאנגען מיט זיי אין קארידאר. זיא איז דורכגעלאפען דעם לאנגען קארידאר, איז ארויפגעלאפען אויף דיא ברייטע טרעפ. זיא איז געלאפען העכער און העכער, ביז זיא איז צוגעקומען צו א קליינעם צי־מעריל אונטערן דאך. דא האט זיא אויפגעריסען דיא פענסטער און האט ארויסגעקוקט אין דיא פינסטערע נאכט.

דער ווינד האט געראשט טרויעריג איבער דער נאקעטער געגענד. דיא פעלדער זיינען יעצט געווען שווארץ און שמוציג. דיא וועלדער זיינען געווען איינזאם און טרויעריג. א קאלטער ווינד האט געוועהט און האט איינגעבויגען צו דער ערד דיא אלטע ביימער.

— עס איז טרויעריג, האט זיא געזאגט, דאס לעבען איז ליעב, איך מוז מיך אבער שיידען פון איהם. איך טאר ניט לעבען. א.עס וואס איז מיר געווען ליעב און טהייער, איז טויט. צו וואס זאל איך לעבען? — שטארבען! פערגעהן, פערשווינדען! — שטרוי! וואו נעהמט מען שטרוי?

זיא איז אראפגעלאפען אין שטאלל, וואו איהרע פערד זיינען געשטאנען, האט אנגענומען מיט ביידע הענד א גרויסען הויפען שטרוי און איז צוריק ארויפגעלאפען אין איהר דאך שטיבעלע. דארט האט זיא ארויפגעלעגט דאס שטרוי אויף א הויפען און האט עס אנגעצונדען.

ווען דאס שטרוי האט זיך שטארק צוברענט, איז זיא צוגעלאפען צום פענסטער און האט אויסגערופען:

— אדיע, דוא פאלשע וועלט! איך האב נעהאט פון דיר נור שמערצען און ליידען!

מיט דיעזע ווערטער האט זיא זיך אראפגעווארפען פון הויכען דאך.

אין איינינע מינוטען ארום האט דאס גאנצע הויז געברענט. דיא דיענער זיינען ארויסגעלאפען אין דיא העמדער דערשראקען און אויפגערעגט.

— וואו איז דיא גרעפין? — רעטעט! לעשט! האבען זיי געשריען.

עס איז אבער געווען אונמעגליך צו לעשען. דער שטארקער ווינד האט שנעל צובלאזען דאס פייער. דאס שלאס ראדעצקי איז געווען ווייט פון דארף טשעמני. איי־דער דיא בויערן פון דארף זיינען זיך צונויפגעקומען און האבען אנגעהויבען צו לעשען דאס פייער, איז דאס שלאס אפגעברענט געווארען.

ערשט גאנץ פריה א ז אנגעקומען דיא פאליציי פון ראזענוי. מען האט אנגעהויבען צו פרעגען און צו זוכען דיא גרעפין. מען האט זיא אין ערגעץ ניט געפונען. מען

האט אָנגעהויבען אוועקצושארען דיא פערברענטע שטיינער און קלעצער און מען האט געפונען דיא פערקוילטע געשטאלט פון א מענשען.

דאס איז געווען אלעס, וואס איז געבליעבען פון דער שעהנער און שטאָלצער גרעפין פאן ראדעצקי.

30טער קאפיטעל.

סטאסא דערצעהלט איהר געשיכטע.

דאס געריכט אין בודאפעסט האט אונטערדעסען ניט געשוויעגען, עס האט צר־שיקט בריעף אין אלע שטעדט, וואו נאני האט אמאל געוואינט און האט אויסגעפאר־דערט אלע בעאמטע, זיי זאלען מעלדען, וואס זיי ווייסען פון באראָן נאני אדער סטאַ־ניסלאוו טשארטאָווסקי.

דער ריכטער און דער בירגער־מייסטער פון ראָזענוי האבען אריינגעשיקט א גענויען בעריכט איבער אלעס, וואס דער רויבער שעק האט אויסגעזאגט פאר זיין טויט.

דאס איז געווען א דאנער־שלאג פאר דיא ריכטער. זיי האבען ביז אהער נור געוואוסט, אז נאני האט געמאכט פאלשעס געלד, זיי זיינען דאהער געווען ערשטוינט און איבערראשט, ווען זיי האבען דערהערט, אז נאני איז גאר א מערדער. דער טויט פון בישאָף וואראווסקי האט געמאכט אין זיינער צייט א שרעקליכען אויפרוהר אין גאנץ אונגארן. דיא פאָליציי און דיא בעאמטע האבען געטאהן אלעס מעגליכע אויס־צוגעפינען דעם מערדער. זייער מיה אבער איז געווען אומזיסט.

יעצט, ווען מען איז געוואהר געווארען, אז נאני איז פערמישט מיט דיעזען מארד און אז עס איז זעהר מעגליך, אז ער אליין איז גאָר געווען דער מערדער פון דעם אונ־גליקליכען בישאָף, האבען דיא ריכטער אנגעהויבען זיך צו קאכען. עס איז געווען פאר זיי זעהר וויכטיג צו וויסען, ווער עס האט ערמאָרדעט דעם בישאָף. דער אבערריכטער איז געווען אויסער זיך.

— מיר מוזען אלעס וויסען! האט ער אויסגערופען, מיר מוזען אלעס ענטדעקען!

— מיר מוזען שיקען רופען אהער דעם ריכטער און דעם בירגערמייסטער פון ראָזענוי, האט אנאנדער ריכטער געזאגט. מיר מוזען אלעס וויסען.

מען האט ארויסגעשיקט א קוריער נאך דיעזע צוויי מענער און נאכ'ן גייסטליכען פון טשעמני. אונטער דעסען האט מען פערהאנדעלט דעם פראצעס פון'ם אדוואָקאט נאוואק. נעגען איהם האט מען געהאט צווייא אנקלאגען. ער האט געהייסען טויטען צווייא קינדער, יתומים, וועלכע מען האט איהם פערטרויט און האט פערקויפט דאס שלאס באטהיאני, וועלכעס האט איהם ניט געהערט.

דער אדוואָקאט האט זיך דערשראָקען, ווען ער האט דערזעהן, אז מען ווייס זיינע געהיימניסע. ער האט פערלארען דעם מוטה און האט אראָפגעלאזען דעם קאפּ. ער האט זיך ניט געקענט ריהרען און האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן אויף דיא פראגען, וואס מען האט איהם געשטעלט. ער איז ניט געווען אזוי פרעך, וויא נאני און האט זיך ניט געקענט אזוי לייכט זיך אויסדרעהן.

ער האט אנגעהויבען זיך צו בעטען און צו וויינען פאר דיא ריכטער, זיי זאלען האבען מיטלייד מיט איהם. דער איינציגער צייגע (עידות) געגען איהם איז געווען סטאַסאָ. זיא האט דערצעהלט, וויא נאַוואק האט אויסגעזוכט איהר מאן און האט איהם איבערגעגעבען א קינד, ער זאל עס טויטען.

אין מאַנאט מערץ 1770, האט סטאַסאָ דערצעהלט, האבען מיר געוואוינט אין בודאפעסט. איך און מיין מאן פלעגען זיך דאן בעשעפטיגען מיט אלערליי ניט ערלויבטע זאכען. מיר פלעגען זיך ערלויבען אויסצוברעכען א פענסטער ביי א רייכען קויפמאן און פלעגען ביי איהם צונעהמען אלעס, וואס ער האט געהאט מעהר פון אונז. מיר פלעגען טאהן נאך איינינע גוטע זאכען, וועלכע ניט אלע גוטע און פרומע לייט טוהען. מיר האבען דאמאלס געלעבט גאנץ פרעהליך. מיר האבען שטענדיג געהאט ארבייט גענוג און האבען פערבראכט א פרעהליכע צייט. איך בין דאמאלס געווען יונג און פיעלע מענשען האבען געפונען, אז איך בין שעהן.

מיר פלעגען טאהן אלעס מעגליכע אום זיך צו בעקענען אין דער וועלט. דיא פאָליציי פון יענער צייט האט געלעבט מיט אונז גאנץ פריינדליך און פלעגט זיך מאַכען ניט וויסענדיג, וואס מיר האבען געטאהן און פלעגען טאהן.

איך פלעג זוכען מיך צו בעקענען מיט רייכע מענער, פלעג זעהן, אז זיי זאלען זיך פערליעבען אין מיר. ווען עס איז מיר געלונגען צו מאכען, אז איינער פון דיא רייכע מענער זאל זיך אין מיר פערליעבען, פלעגט מיין מאן מיט זיינע קאמעראדען אויספארשען אלע געהיימניסע פון דעם רייכען מאן און פלעגען זיך מיט איהם טהיילען. מיט אנדערע ווערטער, זיי פלעגען ביי איהם צונעהמען אלעס, וואס ער האט געהאט מעהר פון אונז.

איין מאל איז געקומען איינער פון אונזערע קאמעראדען און האט דערצעהלט, אז מיר דארפען זיך בעקענען מיט דעם רייכען אדוואקאט נאַוואק. ער האט פיעל געלד אין קאסטען און מען דארף זיך זעהן מיט איהם צו טהיילען. מען האט מיר געהייסען זיך בעקענען מיט'ן אדוואקאט. איך האב געזוכט דיא געלעגענהייט און האב זיא באלד געפונען. איך האב געטראפען דעם הערן אדוואקאט אין טהעאטער, האב מיך מיט איהם בעקאנט און האב געמאכט, אז ער זאל זיך אין מיר פערליעבען.

מיין מאן איז ניט געווען אייפערזיכטיג. ער פלעגט מיר לאזען טאהן, וואס איך האב געוואלט, ווען איך האב איהם נור געבראכט געלד. דער יונגער אדוואקאט האט מיר געגעבען געלד און האט מיך געבעטען, איך זאל איהם בעקענען מיט מיין מאן.

איין מאל האט ער אונז געבראכט א קינד און האט אונז דערצעהלט אז זיינע אן ארימע אנפערוואנדטע איז געשטארבען און ער מוז זיך זארגען פאר איהרע קינדער. ער האט זיי ניט וואו צו האלטען און וויל אונז איבערגעבען דאס קינד, מיר זאלען עס דערציעהען. דערביי האט ער אונז בעצאהלט פאר א יאהר אין פאראויס און האט אונז געגעבען צו פערשטעהן, אז עס וועט איהם זעהר וועניג הארען, אויב דאס קינד וועט לעבען אדער שטארבען.

מיר האבען גענומען דאס קינד צו זיך. אזוי וויא מיר האבען אבער געלעבט זעהר לוסטיג אין בודאפעסט און האבען קיין צייט געהאט זיך אפצוגעבען מיט א קינד,

האבען מיר עס אוועקגעגעבען צו א בעקאנטען בויער ניט ווייט פון דאָרף טשעמני.

דער אדוואָקאט האט דערפון געוואוסט און עס האט איהם זעהר ווייניג געקי־מערט. ער איז געווארען בעסער בעקאנט מיט מיין מאַן און האט אנגעהויבען צו מאכען מיט איהם געשעפטען. מיין מאַן פלעגט אמאָל זאגען עידות, ווען דער אדוואָקאט האט איהם געהייסען און וואס ער האט איהם געהייסען. מיין מאַן האט פערקלאגט עטליכע רייכע מענשען און דער אדוואָקאט פלעגט פיהרען זיינע פּראָצעסען. מיר פלעגען פער־דיענען פיעל געלד דורכ'ן אדוואָקאט און פלעגען בעזאָרגען אלע זיינע געהיימע געשעפטען.

מיין מאַן האט פערזאמעלט ארום זיך א גאנצע באנדע רויבער און מערדער. דער אדוואקאט איז געווען זייער עלטסטער, זייער קאַפּיטאַן, זייער אנפיהרער. ער איז אבער געווען גענוג קלוג און גענוג דורכגעטריעבען און האט עס אזוי געמאכט, אז קיינער האט ניט געוואוסט, אז ער איז דער גאנצער קאָפּ פון דער באנדע.

אנפא גם פלעג איך זיך ווייניג אינטערעסירען דערמיט, וואס פאר א געשעפטען דער אדוואקאט פיהרט מיט מיין מאַן. איך בין נאך געווען ווייניג ערפאהרען און האב נאך ווייניג געקענט דיא וועלט. איך האב געמיינט, אז דער אדוואָקאט ליעבט מיך ווירקליך און איך וועל שטענדיג לעבען אזוי גליקליך, וויא איך האב געלעבט דאמאלס.

עס איז דאהער קיין וואונדער, וואס איך האב געפאָלגט דעם אדוואקאט און האב געטייטעט דאס קינד, וואס ער האט מיר איבערגעגעבען. מיט א קורצע צייט שפּעטער האט ער מיר געבראכט אנאנדער קינד און האט מיר געהייסען, אז עס זאל באלד פערשווינדען, אבער עס זאל געשעהן, ניט אין בודאפּעסט, זאנדערן ערגעץ ווייט פון דער שטאָדט.

איך און מיין מאַן האבען געהאט א שטיבעלע אין וואלד ניט ווייט פון דאָרף טשעמני. דארט פלעגען מיר האלטען דיא זאכען, וועלכע מיר פלעגען ניט קענען אדער ניט דארפען האלטען אין בודאפּעסט. דארט פלעגט מיין מאַן צונויפרופען זיינע קאַ־מעראַדען און פלעגט זיי שיקען, וואוהין ער פלעגט דארפען; ריכטיגער געזאגט, וואוהין דער אדוואָקאט פלעגט איהם הייסען.

דאס ערשטע קינד האב איך איבערגעגעבען צו א בויער פרוי אין דאָרף טשעמני. ווען איך האב עס געטייטעט, האב איך עס בעגראָבען ניט ווייט פון אונזער שטיבעלע אין וואלד. דאס צווייטע קינד אבער האב איך קיין צייט געהאט צו פיהרען אזוי ווייט, איך האב עס איבערגעגעבען צו א בויער פרוי ניט ווייט פון בודאפּעסט.

דיעזעס קינד איז געווען ווילהעלם סטעפאני. איך האב דאמאָלס ניט געוואוסט, ווער עס איז, איך האב עס קוים געזעהן. עס איז זעהר מעגליך, אז דאס איז געווען זיין גליק, אז דאס איז געווען דיא אורזאכע, וואס ער איז געבליעבען לעבען. דער אדוואקאט האט מיך געבעטען, אז דאס קינד זאל פערשווינדען וויא צום גיכסטען, איך האב עס אבער מורא געהאט צו טאהן אזוי נאהענט פון בודאפּעסט. איך האב אלץ גערעכענט, אז איך וועל מיטנעהמען דאס קינד קיין טשעמני און דארט וועל איך עס טויטען. עס איז מיר אבער דאמאלס ניט אויסגעקומען צו פאהרען קיין טשעמני.

אין יענער צייט איז גראף מעראס געווען דער אבער קרימינאל ריכטער פון

בודאפעסט. ער איז געווען זעהר שטרענג געגען פערברעכער און האט געהאלטען א זעהר שטרענגע פאליציי.

מיין מאן מיט זיין באנדע האבען פון דעסטוועגען געטאהן, וואס זיי האבען גע־וואלט. דער אדוואקאט נאוואק פלעגט וויסען אלעס, וואס די פאליציי וויל טאהן, און פלעגט זיי ווארענען. עס איז דאהער קיין וואונדער, וואס מיין מאנ'ס באנדע האט זיך אלעס ערלויבט. גאנץ בודאפעסט האט געציטערט פאר דיעזע באנדע. יעדען טאג פלעגט מען הערן פון נייע רויבעריייען און נייע מערדערייען.

אלע איינוואינער פון דער שטאדט זיינען געווען אויפגעבראכט. גראף מעראס, דער אבער קרימינאל ריכטער, איז געווען אויסער זיך און האט געשווארען, אז ער מוז אויסגעפינען די רויבער. נאוואק איז געווען דערביי און האט געהערט אלעס וואס גראף מעראס האט געזאגט. ער האט געוואוסט, אז מיט גראף מעראס טאר מען ניט שפאסען, ער וועט געוויס טאהן אלעס מעגליכע אום אויסצוגעפינען די רויבער.

דער אדוואקאט האט באלד געשיקט רופען מיין מאן און האט זיך בעראטהען מיט איהם וואס צו טאהן אין אזא פאלל. נאוואק האט מורא געהאט פאר זיך.

— מיר מוזען זעהן, אז גראף מעראס זאל האבען צו טאהן אזוי פיעל מיט זיך. אז ער זאל אן אונז פערגעסען, האט מיין מאן געזאגט.

— וואס קענען מיר אבער טאהן דערצו? האט דער אדוואקאט געפרעגט.

— וואס פאר א פאמיליע האט גראף מעראס?

— ער האט נור איין קינד.

— אלזא, מוז מען צונעהמען ביי איהם זיין איינציגעס קינד.

דער פלאן איז זעהר געפעלען, וויא אזוי פיהרט מען איהם אבער אויס? וויא אזוי קען מען צונעהמען א קינד ביים רייכען גראף מעראס? זיין פאלאץ איז בעוואכט און דאס קינד לאזט מען קיין מאל ניט אליין.

— דיעזע ארבייט מוז איבערנעהמען סטאסא, האט דער אדוואקאט בעמערקט. זיא מוז אריינטרעטען צו גראף מעראס אלס קאמער פרוי און אפווארטען א געלעגענ־הייט, ווען זיא וועט קענען אנטלויפען מיט'ן קינד.

דער פלאן איז געווען דער איינציגער ריכטיגער. איך האב אנפאנגס ניט גע־וואלט אוועקווארפען דאס פרעהליכע לעבען, וועלכעס איך האב דאמאלס געפיהרט און זיך שטעלען פאר א דיענסט מעדכען. דער אדוואקאט אבער האט מיך געצוואונגען דערצו. ער האט מיר געזאגט, אז ווען איך וועל עס ניט טאהן, וועל איך מוזען פאה־רען צוריק אין דארף און לעבען דארט, וויא א בויער פרוי.

איך האב געמוזט טאהן, וואס מען האט מיר געהייסען. דער אדוואקאט האט מיר געגעבען א רעקאמענדאציאן צום גראף און מען האט מיך אויפגענומען אלס דיענסטמעדכען. אין א קורצע צייט האב איך געוואונען דאס פאללע צוטרויען פון דער גרעפין מעראס. זיא האט מיר פערטרויט אלעס אין איהרע צימערן און זאגאר איהר איינציגעס קינד.

אין א שעהנעם דעצעמבער אבענד איז גראף מעראס מיט זיין פרוי אוועקגע־פאהרען אויף א באלל. די גרעפין מעראס האט מיר געהייסען אכטונג געבען אויף

איהר קינד. איך האב שוין לאנג אויף איהר אכטונג געגעבען. אין האב שוין לאנג געהייסען מיין מאן אנגרייטען א וואגען מיט פערד. איך האב געוואוסט, ווען דער גראף מעראס טיט זיין פרוי וועט אוועקפאהרען אויפ'ן באלל און וועלען קומען אהיים זעהר שפעט.

אום איינס אוהר ביי נאכט, ווען אלע דיענער זיינען געשלאפען, האב איך גע-עפענט אלע קאמאדען אין דער גרעפינס צימער, האב צונעגומען אלע טהייערע זאכען, וואס איך האב דארט געפונען. דאן האב איך גענומען דיא קליינע אננא, וועלכע איז געשלאפען רוהיג אין איהר וויעגעלע, האב זיא איינגעוויעקעלט אין א קאלדרע און בין מיט איהר ארויסגעגאנגען אין גארטען, איך האב געהאט ביי זיך א שליעסעל צו א הינטערטהירעל אין גארטען און בין ארויסגעגאנגען דורך דיעזע הינטערטהירעל.

אין דרויסען האט אויף מיר געווארט מיין מאן מיט א וואגען. איך בין אוועק-געפאהרען מיט דער קליינער אננא קיין טשעמני. לאנג בלייבען דארט האב איך ניט געוואלט. אין דארף איז לאנגווייליג און איך בין שוין געוואינט געווארען צו א פרעהד ליכען לעבען אין שטאדט. איך האב גענוזט לו'ז ווערן פון'ם קינד.

איך האב געוואלט עס טויטען און לויז ווערן פון איהר אויף אייביג.

דאס אבער האט נאוואק ניט דערלאזען. ער האט געפונען, אז מען דארף לאזען לעבען דאס קינד.

— דורך דיעזעס קינד וועלען מיר האלטען גראף מעראס אין דיא הענד, האט ער געזאגט. עס איז זעהר מעגליך, אז ווען מיר וועלען איהם אמאל דארפען, וועלען מיר איהם אפגעבען זיין קינד.

דאס איז געווען גאנץ ריכטיג. מיר האבען געוואוסט, אז גראף מעראס וועט טאהן אלעס מעגליכע אום צו בעקומען זיין קינד צוריק.

איך האב ניט געוואוסט וואס צו טאהן מיט'ן קינד. איך האב מורא געהאט עס אוועקצוגעבען צו א בויער פרוי, ווייל איך האב געוואוסט, אז גראף מעראס וועט ניט שווייגען. ער וועט זוכען, ער וועט פארשען, ער וועט צוזאגען צעהנער טויזענד גולדען דעם מענשען, וועלכער וועט איהם ברענגען זיין קינד. מען וועט דערפון געוואהר ווערן און פיעלייכט וועט דיא בויער פרוי וועלען רייך ווער'ן און וועט ברענגען דאס קינד צו גראף מעראס.

אלזא, וואס טהוט מען מיט'ן קינד?

געראדע אין יענער צייט איז ביים הענקער פון טשעמני געשטארבען א קינד. איך וואלט דערפון ניט געוואוסט, ווען עס זאל ניט געווען א רעש אין דארף מיט דער בעערדיגונג. קיינער פון דיא בויערן האט ניט געוואלט ארייננעהן; אין פערפלוכטען טהורם פון טשעמני צו נעהמען דיא לייבע פון'ם הענקערס קינד. אלע האבען מורא געהאט פארן טהורם פון טשעמני.

איך האב בענוצט דיעזע געלעגענהייט און בין געקומען צום הענקער. איך האב איהם געזאגט, אז איך טהו עס אלס מיטלייד צו איהם. איך וויל איהם לאזען מיין לעבעדיגעס קינד און ביי איהם צונעהמען זיין טויטעס. איך וועל דאן זאגען, אז מיין קינד איז געשטארבען. מיין קינד וועט מען באלד בעערדיגען.

דער הענקער האט מיר געדאנקט און האט ביי מיר צוגענומען די קליינע אננא. איך האב ביי איהם צוגענומען זיין טויטעס קינד און האב עס געלאזען בעערדיגען. דאן האב איך געקענט צוריקקומען קיין בודאפעסט.

אזוי ווי דער אדוואקאט נאוואק האט גערעכענט, אזוי איז עס געשעהן. גראף מעראס און זיין פרוי זיינען געווען פערצווייפעלט, ווען זיי זיינען געקומען אהיים און האבען ניט געפונען זייער קינד. די גרעפין מעראס איז געווען א שוואכע פרוי. זיא איז קראנק געווארען פאר שמערצען און איז אין איינינע מאנאטען ארום געשטארבען.

גראף מעראס האט איבערגעקעהרט די וועלט. ער האט געשריעבען אין אלע צייטונגען, אז ער גיט הונדערט טויזענד גולדען דעם מענשען, וועלכער וועט איהם ברענגען זיין קינד טויט אדער לעבעדיג. ער האט געהייסען פויקען אין די גאסען און בעטען יעדען, ווער עס וויים עפעס פון זיין קינד, ער זאל עס איהם מעלדען.

אלעס איז אבער געווען אומזיסט. קיינער האט ניט געוואוסט, וואו גראף מעראס קינד איז אהינגעקומען. דער טהורם פון טשעמני איז געווען ווייט. אהין איז קיין צייטונג ניט צוגעקומען און קיינער איז ניט געקומען דערצעהלען דעם הענקער, אז מען זוכט א קינד.

מיר האבען דערגרייכט אונזער ציעל. גראף מעראס האט זיך אפגעזאגט פון זיין שטעלע אלס אבער קרימינאל ריכטער און איז געווארען א גייסטליכער. מיין מאן מיט זיין באנדע זיינען לויז געווארען פון א שטרענגען ריכטער.

וואס העלפט עס אבער? עס איז שוין א געזעץ אין דער נאטור, אז א רויבער און א מערדער מוז ענדיגען זיין לעבען אויפ'ן עשאפאט. מיין מאנ'ס באנדע רויבער האט מען ענדליך אויסגעכאפט איינעם נאכ'ן אנדערן. איך און מיין מאן האבען געמוזט אנטלויפען פון בודאפעסט. מיר האבען געמוזט איינינע צייט זיך בעהאלטען אין די בערג. דער אדוואקאט איז געווארען אלע מאל רייבער און שטאלצער און האט אנגעהויבען זיך צו דערוויטערן פון אונז.

איין מאל איז אונז געווען זעהר שלעכט. עס איז אונז אויסגעקומען צו שטארבען פון הונגער. מיין מאן האט זיך פערשטעלט פאר א קוימען קעהרער און איז געקומען צום אדוואקאט בעטען הילף. דער אדוואקאט האט איהם ארויסגעטריעבען און האט איהם געזאגט, אז קום וועט ער ניט אנטלויפען נאך דיעזע נאכט פון בודאפעסט, וועט ער איהם איבערגעבען דער פאליציי.

מיין מאן האט גאר ניט געקענט טאהן געגען שטאלצען און רייכען אדוואקאט. ער האט געמוזט אנטלויפען. אויפ'ן וועג איז ער אנגעפאלען אויף א רייכע קארעטע און האט געוואלט זיא בערויבען. עס איז איהם אבער ניט געלונגען. מען האט איהם געחאפט און מען האט איהם פעראורטהיילט אויף לעבענס לענגליכעס געפענגניס.

שפעטער מיט א פאר יאהר האט ער געטויטעט איינעם פון די אויפזעהר און מען האט איהם פעראורטהיילט צום טויט.

נעגען מיר פלעגט דער אדוואקאט זיין פריינדליכער. ער פלעגט מיך קיין מאל ניט ארויסלאזען לעדיג, ווען איך פלעג קומען צו איהם. ער האט עס אבער אויך ניט געטאהן אויס מיטלייד אדער אויס גוטסקייט. ער האט עס געטאהן, ווייל ער האט מיך

נעדארפט. איך פלעג איהם אפט בעזארגען זיינע קליינע געשעפטען. איך פלעג איהם אפט צושטעלען פאלשע עידות, ווען ער האט געדארפט. איך פלעג אונטערוואַרפען אפט זאכען, וואו דער אדוואקאט האט זיי געדארפט און פלעג פערדיענען גאנץ עהרליך דאס געלד, וואס ער פלעגט מיר געבען.

זעהר אָפט פלעגט ער מיר הייסען אוועקפאהרען פון בודאפעסט אויף א געוויסע צייט. איך פלעג מוזען איהם פאָלגען. אָפט פלעגט ער שיקען מיך רופען. איין מאל האט ער זאָגאר געשיקט נאך מיר א מענשען. ער האט אמאָל מיך פארגעשטעלט פאר איינעם און האט דערצעהלט, אז איך בין זיינע אן ארימע פערוואנדטע.

איך האב געזעהן, אז איך פאל אראפ אלץ טיעפער און טיעפער. איך האב אנגעהויבען מיך צו גליטשען בארג אראפ. עס האט מיר אנגעהויבען צו עקלען דאס לעבען. איך האב בעשלאסען מיך איבערצוגעבען דער פאָליציי.

די ריכטער און דאס פובליקום האבען אויסגעהערט אויפמערקזאם סטאסא'ס ערצעהלונג. ערשט יעצט האבען זיי אָנגעהויבען צו פערשטעהן פיעלע זאכען, וועלכע זיי האבען ביז אהער ניט פערשטאַנען. די ערצעהלונג האט געמאכט א שרעקליכען איינדרוק אויף אלעמען. קיינער האט ניט געגלויבט, אז דער געעהרטער און געשעצטער אדוואקאט נאוואק זאל זיין אזא שרעקליכער פערברעכער, אזא רויבער און מערדער.

ווען אלע האבען זיך אביסעל בערוהיגט, האט דער ריכטער געפרעגט דעם אדוואקאט:

— וואס קענט איהר עפּעס זאגען צו אייער פערטהיידיגונג?

— עס איז א ליגען! האט געברומט נאוואק, די אלטע מכשפה זאגט א ליגען!

— איך זאג א ליגען? האט סטאסא אויסגערופען, איז דען ניט אין 1771 געשטאָרבען דאס קינד פון דעם רייכען יאַהאן עסטעוואן? ווער האט עס געטויטעט? — איך! פאר וואס האב איך עס געטויטעט? ווייל איהר האט מיר געהייסען. איהר זייט געווען זיין אפּוטקון און האט צוגענומען זיין פערמעגען.

— דאס איז א ליגען! האט נאוואק געקרעכצט, איך האב דיר געגעבען דאס קינד, דוא זאלסט עס דערציעהען, ניט דוא זאלסט עס טויטען. עס איז אליין געשטאָרבען.

סטאסא האט בעוויעזען, וואו זיא האט געהאלטען דאס קינד פון'ם רייכען עסטעוואן און אז עס איז אין ערגעץ ניט געווען בעערדיגט. עס איז פערשוואונדען געוואָרען.

דאס געריכט האט געפאָדערט די קירכען ביכער און סטאסא האט בעוויזען, אז אלעס, וואס זיא זאגט, איז וואהר.

דאן האט מען אריינגעפיהרט ווילהעלם סטעפאני דעם געוועזענעם פראנץ און ער האט דערצעהלט אלעס, וואס מיט איהם האט פאסירט. זייט ער איז געקומען צו זיין פערשטאנד, האט ער גערופען סטאסא'ן גראָסמוטער. ער איז געווען פעסט איבערצייגט, אז זיא איז זיין גראָסמוטער. ערשט מיט עטליכע טעג צוריק איז ער געוואהר געוואָרען, ווער ער איז און וויא ער הייסט.

זיינע אויסזאגען האבען קיין ווערטה ניט געהאט, ווייל ער האט ניט געקענט בעווייזען, ווער ער איז. ער האט נור געוויעזען די דאקומענטען, וועלכע סטאסא האט

איהם איבערגעגעבען. דאס זיינען געווען א טויף שיין און א טאדעס שיין. אין איין דאָקומענט איז געשטאנען, אז זיינע עלטערן האבען איהם געטויפט אין סאנטאָ מאריא'ס קירכע און האבען איהם א נאמען געגעבען ווילהעים. אין אנדערן דאקומענט איז גע־שטאנען, אז דיעזער ווילהעלם איז געשטארבען.

סטאסא האט אבער געבעטען, אז מען זאל רופען דיא פרוי, וועלכע האט אויס־געזויגען דעם קליינעם פראנץ אדער ווילהעלמען. דיא פרוי איז געקומען און האט בעוויעזען, אז דאס איז דאס זעלבע קינד, וועלכעס זיא האט ערצויגען. אין דער צייט, ווען נאָוואק האט ערקלערט. אז ווילהעלם סטעפאני איז געשטאָרבען, האט דאס קינד געלעבט.

סטאסא האט געבראכט אזוי פיעל בעוויזע געגען אדוואָקאט, אז ער האט ניט געהאט קיין ווערטער זיך אויסצודרעהן. אלע זיינען געווען אויפגעבראכט געגען איהם און האבען געפאדערט, מען זאָל איהם פעראורטהיילען.

מיר ווילען דא ניט בעשרייבען דעם גאנצען פראצעס, עס וועט זיין צו לאנגוויי־ליג. מיר ווערען אונז פאסען קורץ און דערצעהלען, אז דאס געריכט האט איהם פעראורטהיילט צום טוים.

31טער קאפיטעל.

ביידע ברידער.

איבער נאגי'ס קאפ האבען זיך פערזאמעלט שווארצע וואלקען. פון שלאָס ראדעצק איז צוריקגעקומען דער קאמיסאר און האט געבראכט אלעס, וואס ער האט געפונען אין נאגי'ס צימער. דארט זיינען געווען אלע אינסטרומענטען, אלע סארטען פאפיער און אלערליי פארבען צו מאכען פאלשעס געלד. דאס זיינען געווען אזעלכע בעוויזע, וועלכע נאגי האט אויף קיין פאל ניט געקענט אפלייקענען.

אויסער דעם איז געקומען צופאהרען דער גייסטליכער פון טשעמני און האט דערצעהלט אלעס, וואס ער האט געהערט, ווען ער מיט'ן געוועזענעם שטומען בעט־לער האבען זיך אונטערגעהערט, וואס נאגי האט גערעדט מיט יאָזעף'ן אין שלאס באטהיאני.

דער גייסטליכער האט ניט געדארפט שווערן, ווייל אין אלע לענדער, וואו עס וואינען קאטאָליקען, איז דא א געזעץ, אז א גייסטליכער דארף ניט שווערן. זיין ווארט אליין איז היילינ.

ווען דער גייסטליכער האט דערצעהלט, וויא נאגי איז ענטגעגען געפאהרען דעם בישאָף ווארטווסקי, וויא ער האט איהם איינגעלאדען צו זיך, וויא ער האט איהם געבעטען, ער אז (דער בישאף) זאל איינשטעהן ביי איהם אין שלאס באטהיאני און וויא נאגי האט אליין אפגעפיהרט דעם בישאף ווארטווסקי אין זיין שלאס. דאן איז נאגי אליין געקומען צולויפען גאנץ פריה מעלדען דעם גייסטליכען, אז דער בישאף איז ער־מארדעט.

האט נאגי ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן. עס זיינען געווען אזוי פיעל בעוויזען געגען איהם, אז ער איז געבליעבען זיצען שטיל.

דיא ריכטער זיינען ארויסגעגאנגען אויף א קורצע צייט אין א בעזונדער צימער זיי האבען זיך בעראטהען א גאנץ קורצע צייט, זיינען צוריקגעקומען און איינער פון זיי האט געלעזען דאס אורטהייל:

„אין נאמען פון אונזער גנעדיגען קייזער! דאס אבער קרימינאל געריכט פון בודאפעסט האט אויסגעהערט דעם פראצעס פון דעם אנגעקלאגטען סטאניסלאוו טשארטאווסקי, וויא ער רופט זיך יעצט, אדער באראן נאגי פאן האללאוואי, וויא ער האט זיך געהייסען רופען ביז אהער, און האט געפונען, אז ער האט געמאכט פאלשעס געלד און האט אנטהייל גענומען אין'ם מארד פון'ם בישאף ווארAווסקי. דאס אבער קרימינאל געריכט פון בודאפעסט האט איהם דאהער פעראורטהיילט צום טוידט דורך אויפהענגען ביים האלז."

„געגעבען צו בודאפעסט דעם 10טען דעצעמבער 1791".

נאגי איז געבליעבען זיצען, וויא פערשטיינערט, ווען ער האט אויסגעהערט דיעזען אורטהייל, דער ריכטער האט געגעבען א ווינק, אז מען זאל אוועקפיהרען דעם פעראורטהיילטען און מען האט איהם באלד אוועקגעפיהרט. מיט א האלבע שטונדע שפעטער איז נאגי געזעסען אליין אין זיין קעמעריל אין געפענגניס. ער האט אראפגעלאזען דעם קאפ אויף דער ברוסט און האט זיך פערטראכט.

זיינע געדאנקען זיינען געוועזען זעהר טרויעריגע. זיין גאנצער לעבען האט זיך איהם פארגעשטעלט, וויא אין א שפיעגעל. ער האט אפגעלעבט עטליכע און פערציג יאהר, און וועלכע ער האט געהאט פאר זיך נור איין ציעל: ער זאל ווערן רייך און שפיעלען א גרויסע ראללע אין דער וועלט. ער האט געוואלט ארויפקלעטערן אויף'ן הויכען בארג פון עהרע און גליק דורך פערברעכען, דורך רויב און מארד. — האט ער אבער דערגרייכט זיין ציעל?

געענדיגט! אויסגעשפיעלט! האט ער ענדליך אויסגערופען, איך האב אומזיסט געארבייט, אומזיסט געקעמפפט, אומזיסט זיך געראנגעלט! מיין לעבען איז פערשפיעלט. יעצט ווערט מיר שוין קיינער ניט קענען העלפען. פערלארען! איך האב אמאהל געמיינט, אז וואס מעהר בלוט איך וועל פערגיעסען, אלץ שטארקער וועל איך זיין.. — אך! צו שפעט האב איך מיר איבערציינגט, אז בלוט איז קיין וואסער, טרערין זיינען קיין מילך און קרעבצען איז קיין געלעכטער. ווער וועט זיך אננעהמען פאר מיר? — זי איז קראנק, נאוואק איז פעראורטהיילט, דער גראף מערעם איז בייז אויף מיר, פאר וואס איך האב געבראכט ארטהור פאן באטהיאני אויפ'ן עשאפאט. אלע זיינען מיינע פיינד. איך האב קיין איינציגען פריינד. — פערלארען! פעראורטהיילט!

ער איז אניעדערגעפאלען אויף די הארטע באנק פון זיין ענגען קעמעריל, האט פערדעקט זיין געזיכט מיט ביידע הענד און האט געברומט וויא א ווילדעס טהיער.

אזוי איז פערגאנגען דער טאג. ווען עס האט אנגעהויבען פינסטער צו ווערן, האט זיך די טהיר פון זיין קעמעריל פלוצלונג געעפענט און איינער פון די אויפזעהר איז אריינגעקומען און האט איהם דערלאנגט א פערזיגעלטען בריעף.

נאגי איז אויפגעשפרונגען און האט אויסגערופען:

— צו וועמען איז דיעזער בריעף? פון וועמען איז ער?

דער אויפזעהער האט ארויפגעלעגט דעם פינגער אויפ'ן מויל, א צייכען, אז ז.' מוז שווייגען און איז זיך אוועקגעגאנגען.

נאגי האט האסטיג אויפגעריסען דאס בריוועלע און האט געלעזען פאלגענדע ווערטער, וועלכע זיינען געווען אנגעשריעבען מיט א בליישטיפט.

„פערצווייפעלט ניט. א גוטער פריינד וואכט איבער אייך און וועט אייך בעפרייען. ווען מען וועט קומען צו אייך און מען וועט אייך הייסען געהן, זאלט איהר געהן און זאלט גאר ניט פרעגע."

נאגי האט ניט געוואוסט, וואס צו דענקען פון דיעזען בריעף.

— ווער זאל עס זיין? האט ער געפרעגט זיך אליין, ווער איז דען מיין פריינד? וועמען קען איך דען דא אין בודאפעסט? — לאמיך האפען! ערגער קען שוין ניט זיין! איך וועל געהן מיט יעדען, ווער עס וועט קומען מיך רופען.

דיעזער בריעף האט איהם אויפגעמונטערט. ער איז לעבעדיג געווארען און האט זיך דערמאנט, אז ער האט נאך היינט ניט געגעסען. ער האט אנגעהויבען צו קלאפען אין דער טהיר פון זיין קעמערל, האט צוגערופען דיא וואך און האט געבעטען, מען זאל איהם געבען עסען.

מען האט איהם באלד געבראכט, וואס ער האט פערלאנגט און נאגי האט גע-געסען מיט אפעטיט.

— פיעלייכט וויל גראף מעראס מיך רעטען! האט ער פלוצלונג אויסגערופען. איך בין דאך געווען זיין פריינד, איך פלעג דאך זיין ביי איהם צו גאסט. פיעלייכט שעהמט ער זיך, אז מען זאל זיינעם א גאסט טויטען אויפ'ן עשאפאט און ער וויל מאכען, אז איך זאל אנטלויפען.

עס ליעגט שוין אין דער נאטור פון'ם מענשען, ער זאל האפען ביז אין דער לעצטער מינוט פון זיין לעבען. דאס לעבען איז זיס. עס ווילט זיך זעהר ניט שיידען פון איהם.

אום אכט זוהר איז אריינגעקומען אן אויפזעהר און האט געזאגט:

— קומט מיט מיר!

נאגי האט א ציטער געטאהן. זיין לעצטע האפנונג איז פערשוואונדען, קוים פיהרט מען איהם אוועק פון דאנען, וועט דאך שוין יענער איהם ניט קענען רעטען. וואס האט ער אבער געקענט מאכען? ער האט געמוזט פאלגען.

ער איז געגאנגען מיט'ן אויפזעהר. אין דרויסען האט אויף זיי געווארט א שווארצע קארעטע. נאגי האט זיך אריינגעזעצט אין קארעטע. דארט זיינען געזעסען צוויא זשאנדארמען מיט געלאדענע פיסטאלעטען.

דיא קארעטע איז געפאהרען גאנץ ש[illegible] נאגי האט ניט געוואוסט, וואוהין ער פאהרט. ער האט אבער פערשטאנען, אז [illegible] א טרויעריגער וועג, פיעלייכט איז עס שוין זיין לעצטער וועג.

מען האט איהם צוגעפיהרט צו א גרויסע, פינסטערע געביידע, דאס זעלבע געפענגניס, פון וועלכען ארטהור פאן באטהיאני איז אנטלאפען. נאגי האט עס דער-

יעצט האט ער געוואוסט, וואו ער געפינט זיך. יעצט האט ער געוואוסט, אז איהם איז ניטאָ קיין רעטונג.

מען האט איהם אריינגעפיהרט אין דיא פינסטערע און טרויעריגע געביידע. הינטער איהם האט זיך פערמאכט דער שווערער אייזערנער טויער, וויא דאס דעקעל פון א גראב. מען האט איהם אוועקגעפיהרט אין א בעזונדער קעמעריל און מען האט איהם געלאָזען אליין.

נאני איז געוואָרען אונרוהיג. ער האט ניט ערווארטעט, אז מען זאל איהם אזוי שנעל אפפיהרען אין געפענגניס פאר דיא פעראורטהיילטע פערברעכער. ער האט גערעכענט, אז עס וועט נאך געדויערן עטליכע טעג. מען וועט איהם ערלויבען צו הייבען אן אפעלאציאָן צום קייזער. מען וועט איהם געבען צייט זיך צו בעדענקען, זיך צו פערטהיידיגען און צו זוכען מיטעל, וויא זיך צו רעכטפערטיגען. פלוצלונג האט מען איהם שוין אפגעשיקט אין געפענגניס פון דיא פעראורטהייל‌טע.

ער האט זיך געווארפען אויף'ן שמוציגען געלעגער אין זיין קעמעריל און האט געוואָלט אנטשלאפען ווערן. עס איז אבער געווען אונמעגליך צו שלאפען. ער האט ניט געקענט צומאכען אן אויג. ער האט זיך אויפגעזעצט, האט זיך אויפגעשטעלט, האט פראבירט ארומגעהן אין זיין קעמעריק, האט פראבירט זיך ארומדרעהן אין זיין קעמעריל, וויא א ווילדעס טהיער דרעהט זיך ארום אין זיין שטייג.

אלעס אומזיסט! ער האט ניט געקענט רוהען. אזוי זיינען פערגאנגען איין שטונדע נאך דער אנדערער. אין געפענגניס איז געוואָרען שטיל. אלע געפאנגענע זיינען שוין געשלאפען, מען האט נור געהערט דיא שווערע טריט פון'ם סאלדאט וועל־כער איז געגאנגען אויף דער וואך.

פלוצלונג האט ערגעץ וויים, וויים אויסגעשלאגען דיא אוהר צוויייא. אין דיעזער מינוט האט דער שווערער אייזערנער ריעגעל פאר דער טהיר פון זיין קעמעריל אנגע־הויבען צו קלאפען. א שליעסעל האט זיך אומגעדרעהט אין שלאס פון דער טהיר. זיא האט זיך געעפענט. — א מאן אין א רויטען מאנטעל איז אריינגעקומען.

נאני האט ניט געקענט זעהן זיין געזיכט, ווייל דער מאן האט אראָפגערוקט דעם הוט איבער דיא אויגען. אין דער ערשטער מינוט האט זיך נאני דערפרעהט. ער האט גערעכענט, אז דיעזער מאן איז געשיקט פון זיין געהיימען פריינד, ער זאל איהם רעטען, ער זאל איהם העלפען אנטלויפען. ווען ארטהור פאן באטהיאני איז אנטלאָפען פון דיעזען קערקער, פאר וואס זאל ער ניט קענען אנטלויפען?

— איך האב אייך ערווארטעט! האט ער אויסגערופען.

— איך גלויב ניט, אז איהר האט מיך ערווארטעט, האט דער מאן געענטפערט.

ווען נאני האט דערהערט דיא שטימע פון'ם פרעמדען, איז ער געוואָרען בלייך, וויא קאלך. ער האט דערקענט דיעזע שטימע. זיא איז איהם געווען בעקאנט. ערשט יעצט האט ער אויפגעהויבען דיא אויגען און האט דערזעהן דעם רויטען מאנטעל.

— ווער זייט איהר? האט ער געפרעגט.

— דוא קענסט מיך ניט?

— דו ביסט דער הענקער! האָט נאַגי געשריען, וואָס דאַרפסט דו? וואָס האָסט דו צו טאָהן ביי מיר?

— איך האָב מיט דיר עפּעס צו רעדען, האָט דער הענקער מיכאַאיל געענטפערט קורץ.

— מען האָט מיך ערשט היינט פּעראורטהיילט. איך האָב נאָך זעקס טאָג צייט צו אַפּעלירען צום קייזער. דו האָסט נאָך ניט וואָס צו טאָהן ביי מיר. — געה דיר! איך וויל מיט דיר ניט רעדען.

— רוהיג, מיין הערר, בּייזערט אייך ניט און שעהמט אייך ניט צו רעדען מיט מיר. איך בין גאָר ניט אַזוי ניעדעריג וויא איהר מיינט.

— איך וויל אָבער מיט דיר גאָר ניט רעדען! געה דיר! לאָז מיר צורוה!

דער הענקער האָט אַרויסגענומען פון אונטער זיין מאַנטעל אַ שטריק און האָט איהם אַניעדער געלעגט אויף דער ערד.

— וואָס איז דאָס? האָט נאַגי געפרעגט מיט שרעק.

— דאָס איז מיין ווערקצייג. איך בין אַ הענדווערקער, וויא יעדער אַנדערער. איך האָב מיינע אינסטרומענטען מיט מיר, וויא יעדער אַנדערער.

— טייגעניכטס! דו ביסט געקומען מיך קרענקען, האָט נאַגי געשריען און וויסער שוים האָט געשפּריצט פון זיין מויל, איך וועל מיך בּעקלאָגען אויף דיר!

— איך בין ניט געקומען דיך קרענקען. איך בין געקומען דיך רעטען.

נאַגי איז אויפגעשפּרונגען פאַר פרייד. ער האָט זיך דערמאָהנט אָן דעם בּריעף, וועלכען ער האָט ערהאַלטען היינט פאַר נאַכט.

— ווען איהר ווילט מיך רעטען, האָט ער אויסגערופען, דאַן קומט שנעל! לאָמיר לויפען! לאָמיר אַנטלויפען!

— איהר איילט זיך צופיעל, מיין הערר, איך בין געקומען וועגען עפּעס אַנדערש.

— עפּעס אַנדערש? איהר ווילט מיך ניט רעטען? איהר ווילט מיך טויטען?

— זעהט איהר דען ניט ווער איך בּין?

— אַך, איהר זייט דער הענקער! האָט נאַגי געזיפצט.

— יאַ, בּאַראָן נאַגי פאָן האַללאַוואַי, איך בין דער הענקער, מיכאַאיל, דערקענסט דו מיר שוין יעצט?

נאַגי האָט געשוויעגען.

— דערקענסט דו מיך? האָט דער הענקער געפרעגט נאָך אַמאָהל. ווייסט דו, ווער איך בּין? — דו שווייגסט? דו ווייסט עס ניט? דו דערקענסט מיך ניט? — איך וויל דיר עס זאָגען. — איך בין דיין בּרודער!

ווען די ערד וואָלט זיך געעפענט אונטער איהם, וואָלט זיך נאַגי אַזוי ניט דערשראָקען, וויא יעצט, ווען דער הענקער האָט איהם אַרויסגערעדט דאָס וואָרט בּרודער.

— בּרודער? דו ביסט מיין בּרודער? האָט ער געשריען אויסער זיך. דו זאָגסט אַ ליגען! דו ביסט ניט מיין בּרודער!

— דו ווילסט מיך ניט דערקענען? האָט מיכאַאיל געפרעגט און זיין שטימע

האָט געציטערט. ווילסט דו זיך ניט דערמאָנען, ווער עס האָט מיך געמאַכט פאַר אַ הענקער? פאַר וואָס בין איך דען געוואָרען אַ הענקער? ווייסט דו עס דען ניט? דו האָסט מיך געמאַכט פאַר אַ הענקער! געדענקסט דו דען ניט, וויא דו האָסט מיך פערפיהרט אויף דיינע וועגען? געדענקסט דו דען ניט יענעם שרעקליכען אַבענד אין לעמבערג, ווען דו האָסט מיך געפיהרט בערויבען דעם רייכען פירסט טשאַרטאָריסקי, דו האָסט מיך אויפגעהויבען אויף דיינע פּליי־צעס און האָסט מיך אַריינגעשיקט אין שלאָף צימער פון'ם גראַף, איך זאָל דיר אַרויסברענגען זיין שקאַטולקע. דער גראַף האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט געמאַכט אַ גוואַלד. דו ביסט אַנטלאָפען און האָסט מיך געלאָזען אַליין. וואָס האָט דיך געקימערט, וואָס עס איז געוואָרען פון דיין ברודער? ווייסט דו, ווער עס האָט מיך דאַמאָלס גערעטעט? — דער הענקער פון לעמבערג.

ער איז גראַדע אָנגעקומען און האָט מיך אויפגעכאַפּט אויף די הענד, ווען איך בין אַראָפּגעשפרונגען פון פענסטער. דער הענקער האָט מיך גענומען צו זיך און האָט מיך געמאַכט פאַר אַ הענקער. האָסט דו מיך אַמאָהל געזוכט? האָסט דו אַמאָהל געפרעגט, וואו דיין ברודער איז אַהינגעקומען? — ניין, דו האָסט מיך פערגעסען. דו האָסט געמיינט, אַז די פּאָליציי האָט מיך געכאַפּט און מען האָט מיך אָפּגעגעבען פאַר אַ סאָלדאַט.

וואָס האָט דיך געקימערט דיין ברודער? דו ביסט עלטער פון מיר. דו וואָלסט געדאַרפט מיך פיהרען אויפ'ן גוטען וועג און דו האָסט מיך געלערנט מאָרדען און רויבען. איך בין אויך געוואָרען אַ מענשען טויטער, איך בין אָבער קיין מערדער.

דער הענקער פון לעמבערג האָט געהאַט אַן איינציגע טאָכטער. איך האָב זי געהייראַטהעט און האָב מיר געזוכט אַ שטעלע אַלס הענקער. עפּעס אַנדערש האָב איך ניט געקענט ווערען. איך האָב שפּעטער בעקומען די שטעלע פון אַ הענקער אין בעצירק פון ראָזענוי און האָב מיך בעזעצט אין טהורעם פון טשעמני. איך האָב געקענט וואָהנען אין ראָזענוי. איך האָב געקענט וואָהנען אין אַ גרויסע שטאָדט, איל האָב עס ניט געוואָלט.

איך האָב פיינד געהאַט אַלעמען, איך האָב פיינד בעקומען די וועלט און די מענשען. ווען אַן עלטערער ברודער קען מאַכען דעם אינגערן פאַר אַ גנב, דאַרף מען פיינד האָבען די גאַנצע וועלט. איך האָב דערפאַר אויסגעקליעבען דעם פערפלוכטען טהורעם פון טשעמני, ווייל ער שטעהט אַליין אויפ'ן פרייען פעלד, קיינער קומט צו איהם ניט. אַלע ווייכען איהם אויס און ציטערן פאַר איהם.

עס זיינען פערגאַנגען יאָהרען. איך האָב שוין אָנגעהויבען געוואָהנט צו ווערן צו מיין בעשעפטיגונג און וואָלט פיעלייכט פערגעסען, אַז מיין ברודער האָט עס מיך געמאַכט פאַר אַ הענקער. פּלוצלונג ביסט דו געקומען און האָסט זיך בעזעצט אין יענער געגענד. דו האָסט זיך זעהר געענדערט, איך האָב מיך אויך פערענדערט. איך האָב דיך געזעהן און מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איך קען דיך. איך האָב אָבער אויף קיין פאַל ניט געקענט זיך פאָרשטעלען, אַז מיין אָרימער ברודער איז פּלוצלונג געוואָרען אַזאַ רייכער באַראָן.

דו האָסט מיך ניט געקענט דערקענען. אַזאַ שטאָלצער באַראָן, וויא דו ביסט

געוועז, האָט זיך ניט געקענט אומקוקען אויף אַ ניעדעריגען הענקער. איך אָבער האָב ניט אַראָפּגעלאָזען קיין אויג פון דיר. איך האָב מיך צו געקוקט צו דיר בעסער און האָב דיך ענדליך דערקענט. איך האָב דיך אָפּגעהיט, האָב דיר נאָכגעשפּיערט און האָב מיך איבערצייגט, אַז דו ביסט דערזעלבער, וואָס דו ביסט געוועזן. — געדענקסט דו דעם זאָנדערבאַרען גאַסט אויף דיין האָכצייט? — דאָס בין איך געוועזן.

איך האָב עטליכע מאָל געוואָלט רעדען צו דיר. איך האָב געוואָלט מיך ענטדעקען און דיר אויסזאָגען, ווער איך בין, איך האָב עס אָבער ניט געטאָהן. צו וואָס זאָל איך עס געוועזן טאָהן? מיין איינציגער צוועק וואָלט געוועזן דיך צו וואַרענען. וואָלסט דו דען געהערט די שטימע פון דיין אונגליקליכען ברודער? — ניין, דו וואָלסט מיך ניט געהערט און וואָלסט מיך געוואָלט הערען. דו האָסט געמוזט ענדיגען, מיט וואָס דו האָסט אָנגעהויבען.

נאַגי האָט געציטערט, ווען זיין ברודער האָט איהם דערצעהלט זיין טרויעריגע געשיכטע.

— ברודער! האָט ער ענדליך אויסגערופען, ברודער! וויא זעהן מיר זיך ווידער? וואו זעהן מיר זיך ווידער? — ברודער! פערצייה מיר!

— דיר פערצייהען? קען איך דיר פערצייהען? זעה, וואָס דו האָסט געמאַכט פון מיר?

— ברודער, איך בין ניט שולדיג.

— ווער דען איז שולדיג? ווער האָט מיך געמאַכט צום הענקער? — דו! ווער האָט פערוואונדעט דעם באַראָן פאָן באַטהיאַני און איהם אַריינגעוואָרפען אין טהורעם פון טשעמני? — דו! ווער האָט אונטערגעוואָרפען דעם זעלבען באַראָן פאָן באַטהיאַני פאַלשעס געלד און האָסט איהם געבראַכט אויפ׳ן עשאַפאָט? — דו! ווער האָט געטוידטעט דעם בישאָף וואַראָווסקי? — דו! — קען איך דיר פערצייהען?

— ברודער, אין דער לאַגע, וואָס איך געפין מיך יעצט, מוזט דו מיר פערצייהען! האָט ענדליך נאַגי געבעטען.

דער הענקער מיכאַאיל האָט איהם אָבער פערשטאַנען. ער האָט גוט געקענט זיין ברודער. ער האָט געוואוסט, אַז נאַגי האָפט, אַז זיין ברודער וועט איהם העלפען אַנטלויפען פון געפענגניס.

— צו וואָס דאַרפסט דו, איך זאָל דיר פערצייהען? האָט ער געפרעגט, בעט גאָט, ער זאָל דיר פערצייהען, די מענשען קענען עס ניט טאָהן. דו האָסט בעגאַנגען צופיעל פערברעכען געגען זיי.

נאַגי האָט בעטראַכט זיין ברודער איינינע מינוט שטילערהייט, דאַן האָט ער געפרעגט:

— מיכאַאיל, וועסט דו זיין אימשטאַנדע צו טוידטען דיין אייגענעם ברודער? עס איז וואַהר, אַז איך בין געוועזן זעהר שלעכט און פערדיען די שטראָפע, צו וועלכער מען האָט מיך פעראורטהיילט, דו ביסט דאָך אָבער מיין ברודער, מיין בלוט און פלייש. וועסט דו דען קענען אויפהויבען די האַנד אויף דיין אייגענעם ברודער?

איך קען אַלעס, האָט מיכאַאיל געענטפערט קורץ.

— דאַן צו וואָס ביסט דו געקומען אהער? צו וואָס ביסט דו געקומען מיר דערצעהלען, אַז דו ביסט מיין ברודער?

— איך וויל דיר רעטען.

— האָסט דו מיר צוגעשיקט היינט אַ בריוועלע, אַז דו ווילסט מיך רעטען?

— איך האָב עס געטאָהן.

— צו וואָס האָסט דו עס געטאָהן?

— ווייל איך וויל דיך רעטען.

נאַגי איז אויפגעשפרונגען און האָט געוואָלט אַרומנעהמען זיין ברודער און איהם קושען. מיכאַאיל אָבער האָט איהם צוריקגעשטויסען פון זיך.

— איך פערשטעה דיך ניט, ברודער, האָט נאַגי געזאָגט, דו אַליין זאָגסט, אַז דו ביסט געקומען מיך רעטען און ווען איך וויל דיך אַרומנעהמען, שטויסט דו מיך אַוועק פון זיך?

דער הענקער מיכאַאיל האָט געשאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ און האָט געזאָגט לאַנגזאַם און קאַלט:

— איך וויל דיך רעטען, — יאָ, איך וויל דיר רעטען, אָבער ניט פון טוידט. דו דאַרפסט ניט לעבען. אַזאַ מענש, וויא דו, קען ברענגען שאָדען זיך אַליין און אַנדערע. דו ביסט געפעהרליך פאַר דער וועלט. דו מוזט פערשווינ־דען פון דער וועלט. —

— אַלזאָ, ווילסט דו מיך טוידטען? האָט נאַגי אויסגערופען.

— ניין, איך וויל, אַז דו זאָלסט זיך אַליין טוידטען.

— וואָס רעדסט דו, ברודער? אַזוי ווילסט דו עס מיך רעטען?

— יאָ, איך וויל דיך רעטען פון דער שאַנדע צו שטאַרבען אויפ'ן עשאַ־פאָט. איך וויל ניט, אַז מיין ברודער זאָל שטאַרבען עפענטליך פאַר דער גאַנצער וועלט. איך וויל דיר געבען די געלעגענהייט, דו זאָלסט זיך אַליין טוידטען.

— מיכאַאיל! לאָז מיך לעבען! האָט נאַגי געבעטען. לאָז מיך לעבען, לאָז מיך אַנטלויפען! איך קען דיר צוזאָגען, אַז איך וועל מיך אַוועקפאָהרען ערגעץ ווייט, ווייט פון דאַנען. איך וועל אַוועקפאָהרען קיין אַמעריקא. דאָרט וועל איך ווערען אַנאַנדער מענש. איך וועל אַרבייטען, איך וועל פלייסיג אַר־בייטען און וועל ווערען אַ גוטער און ניצליכער מענש. בעפריי מיך, ברודער! רעטע מיך! לאָז מיך לעבען! טוידטע מיך ניט.

— דו מוזט שטאַרבען, סטאַניסלאַוו, האָט מיכאַאיל געענטפערט. דיין אורטהייל איז אויסגעשפּראָכען, אַמאָהל, ווען איך בין געווען פערצווייפעלט, האָב איך געשוואָרען, אַז איך וועל דיך טוידטען. איך מוז דיך פערניכטען! — יעצט איז געקומען די צייט, ווען איך קען האַלטען מיין וואָרט. איך וויל עס אָבער ניט טאָהן מיט מיינע אייגענע הענד. איך וויל ניט, אַז אַ ברודער זאָל טוידטען אַ ברודער. איך האָב דיר געבראַכט אַ שטריק. איך וועל איהם צו־בינדען צו די גראַטעס פון פענסטער. הענג זיך אויף!

נאַגי האָט געטראַכט אַ פּאָר מינוט, דאַן האָט ער אויסגערופען:

— ניין! איך וועל עס ניט טאָהן! איך וויל לעבען! איך וויל נאָך ניט שטאַרבען! געה דיר! געה און לאָז מיך צורוה!

— ע׳ענדער, אונגליקליכער מענש! האָט מיכאַאיל אויסגערופען, האָסט דו זאָגאַר קיין מוטה און קיין קראַפט צו שטאַרבען? ווילסט דו בעסער שטאַרבען אויפ׳ן עשאַפאָט, ווען אַ גאַנצע מענגע נייגיעריגע מענשען וועלען קוקען אויף דיר? ווילסט דו, אַז מען זאָל דיך אַרומפיהרען אין די גאַסען פון בודאַפעסט און מען זאָל דיך ווייזען, וויא מען ווייזט אַ ווילדעס טהיער? ווילסט דו אַז פרויען זאָלען דיך ווייזען זייערע קינדער און זאָלען זיי זאָגען: זעהט נור דעם רויבער און דעם מערדער, וועלכער האָט געהייסען זיך רופען באַראָן נאַגי פאָן האַללאַוואַי? — אַך ברודער! דו ווייסט גאָר ניט, וויא שרעקליך אַזאַ טוידט איז, ווען טויזענדער אויגען קוקען אויף דיך און פערפלוכען דיך. דו ווייסט גאָר ניט, וואָס עס ליידעט איבער דער אונגליקליכער אין די לעצטע מינוטען, ווען מען לעזט איהם פאָר זיין טאָדטעס אורטהייל און די העלפער פון׳ם הענקער שלעפען איהם אונטערן גאַלגען. איך קען עס דיר זאָגען. איך קען עס דיר דערצעהלען. איך האָב שוין געפיהרט הונדערטער פערברעכער צום טוידט.

— ברודער, איך וויל ניט שטאַרבען! האָט נאַגי אויסגערופען. לאָז מיך לעבען!

— אונמעגליך! האָט מיכאַאיל געענטפערט. מאַך דיך פערטיג צום טוידט, אָדער איך וועל דיך דערווערגען מיט מיינע הענד.

נאַגי האָט געזעהן, אַז עס וועט איהם גאָר ניט העלפען. זיין ברודער איז געווען פעסט ענטשלאָסען איהם צו טוידטען. עס זיינען פערגאַנגען איינִיגע מינוטען אין אַ שרעקליכעס שווייגען. קיינער פון די ברידער האָט ניט געוואַגט אַרויסצורעדען אַ וואָרט. יעדער האָט עפּעס געוואַרט. יעדער האָט געוואַרט, אַז דער אַנדערער זאָל עפּעס זאָגען. נאַגי האָט זיך איבערלעגט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָהן. ער האָט געוואוסט, אַז זיין ברודער האָט רעכט. אָבער אַך! עס איז ניט אַזוי לייכט צו שיידען זיך פון לעבען.

ענדליך האָט ער זיך דאָך ענטשלאָסען.

— דו האָסט רעכט, ברודער, האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמעלט. איך מוז שטאַרבען. איך קען ניט לעבען און איך דאַרף ניט לעבען. העלף מיר, ברודער! איך קען עס אַליין ניט טאָהן. — אַך! דאָס לעבען איז דאָך דאָס בעסטע און דאָס שעהנסטע, וואָס דער מענש געניעסט! העלף מיר, ברודער! איך קען עס ניט טאָהן אַליין.

מיכאַאיל האָט גענומען דעם שטריק, וועלכען ער האָט מיטגעבראַכט, און האָט איהם צוגעבונדען צו דער אייבערשטער גראַטע פון׳ם פענסטער. דאַן האָט ער געמאַכט אַ שלייף און האָט געוויזען זיין ברודער.

נאַגי האָט איהם פערשטאַנען. ער איז צוגעגאַנגען צום שטריק, האָט זיך געשטעלט אויף דער באַנק, האָט אָנגעטאָהן דעם שטריק אויפ׳ן האַלז און האָט איהם באַלד ווידער אויסגעטאָהן.

— איך קען ניט און איך וויל ניט! האָט ער אויסגערופען.

— דו מוזט! האָט מיכאַאיל געזאָגט און האָט געציטערט מיט זיין גאַנצען קערפער. דו מוזט! ווען דו האָסט פערבראַכט דיין גאַנצעס לעבען אין פערברעכען

און ניעדערטרעכטיגקייט, מוזט דו שטאַרבען. דו דאַרפסט זיך ניט שרעקען פאַר'ן טוידט, ווייל דו האָסט איהם שוין געזעהן ניט איין מאָהל.

עס איז יעצט פאָרגעקומען אַ שרעקליכע, שוידערהאַפטע סצענע. ביידע ברידער זיינען געווען אויפגערעגט, ביידע האָבען געציטערט. ביידע זיינען געוועזען בלייך וויא קאַלך. ביידע זיינען געווען אויסער זיך.

פלוצלונג האָט נאַגי אָנגעטהאָן די שטריק אויפ'ן האַלז און האָט אויסגערופען:

— גענוג געלעבט! העלף מיר, ברודער! לעבע וואָהל! פערצייה מיר!

מיכאַאיל האָט אַ זעץ געטאָהן מיט'ן פוס דאָס בענקעלע אונטער זיין ברודער'ס פיס. נאַגי איז געבליעבען הענגען אין דער לופטען, אייניגע מינוט האָט זיך נאָך זיין קערפער געוואָרפען און האָט געציטערט אין דער לופט, דאָן האָט ער זיך אויסגשטרעקט און איז געבליעבען הענגען גלייך אין דער לופט, אויסגעשטרעקט — טוידט.

מיכאַאיל איז געבליעבען שטעהן נאָך אייניגע מינוט און האָט בעטראַכט דעם טוידטען קערפער פון ברודער.

— עס איז געענדיגט! האָט ער געזאָגט מיט אַ שוואַכער שטימע, — איז געשטאָרבען, ער האָט איבערגעליטען און האָט אויסגעליטען! יעצט קען איך איהם פערצייהען, יעצט מוז איך איהם פערצייהען. — גענוג! יעצט האָב איך שוין גענוג געטאָהן. איך וויל שוין מעהר ניט בלייבען, וואָס איך בין געוועזען. גענוג זיין אַ הענקער! איך מוז מיך אָפּזאָגען, איך מוז זאָגען, אַז איך בין קראַנק און קען שוין מעהר קיין הענקער ניט זיין. איך וועל מיר אַוועקפאָהרען אין די בערג. דאָרט אין די ווילדע קאַרפּאַטהען בערג וועל איך מיר אויסבויען אַ שטיבעלע און וועל דאָרט פערברענגען די לעצטע ביסעל יאָהרען, וועלכע זיינען מיר נאָך איבערגעבליעבען צו לעבען.

איך וועל אַנטלויפען פון די מענשען, איך וועל לעבען מיט די ווילדע טהיערע פון די קאַרפּאַטהען בערג. די טהיערע זיינען בעסער פון די מענשען. איין ווילדעס טהיר פרעסט ניט אויף דאָס אַנדערע. דער טיגער פאַלט ניט אָן אויף אַ טיגער, דער לייב צורייסט ניט דעם לייב, נור דער מענש צורייסט דעם מענשען. נור ביי מענשען מאַכט איין ברודער דעם אַנדערן פאַר אַ הענקער, פאַר אַ מערדער — פאַר אַ ווילדעס טהיער. — גענוג! גענוג געלעבט צווישען מענשען! מאָרגען וועל איך מעהר ניט זיין אין בודאַפּעסט. —

31טער קאַפּיטעל.

צוויי געסט.

גליק און פרייד הערשען אין פאַלאַץ פון גראַף מעראַס. אַרטהור און זיין פאָטער זיינען גליקליך. אַרטהור איז פריי און האָט ווידער אַלע זיינע טיטולען און עהרען זיין פאָטער לעאָפּאָלד איז אויך ווידער פריי און דאַרף זיך שוין מעהר ניט פערשטעלען אַלס שטומער בעטלער.

עלווירא איז געווען גליקליך. יעצט האָט איהר אַיינגעווילינגט, אַז זי זאָל הייראַטהען אַרטהור'ן און זי האָט שוין ניט, וואָס מורא צו האָבען.

די גרעפין פאָן טאָקקי האָט זיך יעצט געשהמט צו דערמאָהנען דעם נאָמען

פון באַראָן נאַגי. זי איז געוואָהר געוואָרען, אַז ער איז גאָר קיין באַראָן און אַז דער גראַף מאַקס פאָן ראַדעצקי איז גאָר דער זוהן פון אַן איינפאַכען אַרבייטער.

זי פלעגט זיך שעהמען אויפצוהויבען די אויגען, ווען מען האָט גערעדט פון באַראָן נאַגי. גראַף מעראַס האָט געפונען פאַר נעטהיג צו בעטען אַלע זיינע געסט, זיי זאָלען ניט דערמאָהנען נאַגי'ס נאָמען אין דער געגענוואַרט פון דער גרעפין פאָן טאָקקי.

גליקליכער פון אַלעמען אָבער איז געווען גראַף געאָרג פאָן טאָקקי, מען קען זיך דענקען, וויא גרויס עס איז געווען זיין איבערראַשונג, ווען זיין אָנקעל האָט איהם פאָרגעשטעלט אַננאַ'ן און האָט איהם געזאָגט:

— דאָס איז מיין טאָכטער, מיין פערפאַלענע טאָכטער!

געאָרג האָט שוין לאַנג געליעבט אַננאַ'ן. ער האָט זי געליעבט זייט ער האָט זי דערזעהן צום ערשטען מאָהל אין שטיבעלע ביי סטאַסאַ'ן. ווען ער האָט זי דערנאָך בעגעגענט אין בודאַפעסט, האָט ער זיך פון איהר ניט געקענט שיידען. ער האָט זי געליעבט ריין און עהרליך מיט'ן גאַנצען פייער פון זיינע יאָהרען.

צו מאָהל פלעגט זיין שטאָלץ זיך אויפשטעלען און איהם זאָגען, אַז אַ גראַף פאָן טאָקקי קען ניט הייראַטהען די טאָכטער פון אַ הענקער. די ליעבע איז אָבער שטאַרקער פון'ם טוידט.

געאָרג האָט ניט פערגעסען זיין געליעבטע אַננאַ. ער פלעגט שטענדיג דענקען פון איהר אין זיין הערץ האָט איהם געצויגען צו איהר.

מען קען זיך דאַהער זעהר לייכט פאָרשטעלען, וויא גליקליך געאָרג איז געווען, ווען ער האָט דערזעהן זיין געליעבטע אַננאַ ביי זיין אָנקעל אין הויז און גראַף מעראַס האָט זי פאָרגעשטעלט אַלס זיין טאָכטער.

אַננאַ איז צוואַר געווען זעהר גליקליך, ווען זי האָט בעגעגענט געאָרג'ן, זי האָט זיך אָבער נאָך אַליין ניט געקענט אין גאַנצען פרעהען, ווייל זי האָט נאָך אַליין געהייסען אַ פעראורטהיילטע צום טוידט. מען האָט דאָך נאָך ניט בעוויזען, אַז זי איז אונשולדיג. גראַף מעראַס האָט דערווייל זי אַראָפּגענומען פון עשאַפאָט אויף זיינע פעראַנטוואָרטליכקייט.

אַננאַ האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז גראַף מעראַס מוז זי צושטעלען צו יעדער צייט, ווען מען וועט זי פאָרדערן.

איך בין ניט אימשטאַנד צו בעשרייבען, וויא גליקליך עלווירא איז געווען, ווען זי איז געוואָהר געוואָרען אַז אַננאַ איז איהר שוועסטער קינד. עלווירא האָט געקענט אַננאַ'ן, זייט אַרטהור האָט זיך אויפגעהאַלטען אין טהורם פון טשעמני. עלווירא האָט נאָך דאַמאָלס געזעהן, אָז אַננאַ איז אַ גוטעס און עדעלעס מעדכען. זי האָט דאַמאָלס ניט געקענט פערשטעהן, וויא קומט אַזאַ שעהנעס און עדעלעס קינד צו אַ הענקער.

ווען ניט אַננאַ מיט איהר פראָצעס וואָלט די פרייד אין פאַלאַץ פון גראַף מעראַס קיין גרענעצען געהאַט. אַלע האָבען געוואוסט, אַז אַננאַ איז אונשולדיג, וויא אַזוי בעווייזט מען עס אָבער?

צוואַר האָט דער וועכטער פון סאַנקט געאָרג'ס בעערדיגונגס פלאַץ געשוואָרען, אַז אַן אַלטע פרוי האָט דאַמאָלס אַרויסגע'גנב'עט די לייכע. ער האָט עס אָבער אויך

ניט געקענט בעוויזען. דערצו איז ער נאָך געווען אַ בלינדער. ער האָט קוים געזעהן פאַר זיך דאָס ליכט, דעם שיין פון'ם ליכט.

גראַף מעראַס האָט געבעטען די ריכטער, אַז מען זאָל פאָרשטעלען דעם אַלטען, בלינדען מאַן פאַר סטאַסאַ'ן און איהם פרעגען, אויב ער דערקענט זי. ער האָט זי אָבער ניט דערקענט.

דאָס איז געווען דער איינציגער שאָטען אין דער פרייד און אין גליק אין פּאַלאַץ פון גראַף מעראַס. אַזוי זיינען פערגאַנגען אַ פּאָר טאָג. איינמאָהל האָט אַ דיענער געמעלדעט דעם גראַף, אַז אַן אונבעקאַנטער יונגער מאַן וויל איהם זעהן.

גראַף מעראַס האָט געהייסען איהם אַריינלאָזען און אין איינינע מינוט אַרום איז געשטאַנען פאַר איהם אַ יונגער מאַן, אָרעם אָבער גאַנץ אַנשטענ־דיג געקליידעט.

— ווער זייט איהר? האָט גראַף מעראַס געפרעגט.

— איהר קענט מיך ניט, עדעלער גראַף, איך הייס ווילהעלם סטעפאַני.

— וואָס פערלאַנגט איהר פון מיר?

— איך בין געקומען בעטען בייַ אייך הילף און שוץ.

גראַף מעראַס האָט בעטראַכט דעם יונגען מאַן פון קאָפּ ביז אין די פיס. ער האָט ניט פערשטאַנען, וואָס ער וויל פון איהם.

— דערצעהלט מיר, מיט וואָס איך קען אייך העלפען.

— הערר גראַף איהר האָט געוויס געהערט פון דעם פּראָצעס געגען דעם אַדוואָקאַט נאַוואַק. אין דיעזען פּראָצעס האָט זיך אַרויסגעוויעזען, אַז ער האָט אומגעבראַכט מיינע עלטערן און האָט בייַ זיי צוגענומען זייער פערמע־גען. ער איז געווען מיין אָפּעקון און האָט מיך איבערגעגעבען סטאַסאַ קאַרא, זי זאָל מיך ערציהען. שטילערהייט האָט ער איהר געהייסען, זי זאָל מיך טויד־טען. זי האָט עס אָבער ניט געטאָהן. איך בין געבליעבען לעבען און בין אויפ־געוואַקסען אין עלענד און נויט. ערשט גאָר ניט לאַנג בין איך געוואָהר גע־וואָרען, ווער איך בין און אַז איך האָב אַ פערמעגען. ליידער וויל נאָך דאָס געריכט ניט אַנערקענען, אַז איך בין ווילהעלם סטעפאַני. איך בין אָרעם. איך האָב אַ גרויסעס פערמעגען און איך האָב ניט דערוויילע פון וואָנען צו לעבען.

— וואָס קען איך אַלזאָ טאָהן פון אייערט וועגען? האָט גראַף מעראַס געפרעגט און האָט זיך גענומען צו דער קעשענע.

דער יונגער מאַן האָט פערשטאַנען, אַז גראַף מעראַס וויל איהם עפּעס שענקען און האָט אויסגערופען:

— ניין, הערר גראַף! איך פערלאַנג פון אייך קיין געשענק. איך בעט אייך נור, איהר זאָלט זאָגען אַ גוט וואָרט פאַר מיר פאַר די ריכטער, אַז זיי זאָלען זיך שנעלער בעשעפטיגען מיט מיין פּראָצעס און זאָלען מיר אָפּגעבען דאָס פערמעגען פון מיינע עלטערן.

— האָט איהר אַן אַדוואָקאַט?

— איך האָב קיין געלט צו בעצאָהלען אַן אַדוואָקאַט. האָט דער געווע־זענער פּראַנץ געענטפערט.

— דאַן וועל איך אײַך בעזארגען אַן אַדוואָקאַט.

— ניין, הערר גראַף, איך וויל שוין ניט האבען צו טאהן מיט אַדוואָקאַטען. איהר האט דאך שוין אַליין געזעהן וואס די אַדוואָקאטען זיינען. איך בעט נור, אַז איהר זאלט בעטען די ריכטער אז זיי זאלען ניט פערשלעפען מיין פראצעס יאהרען לאנג. איך וויים זעהר גוט, אז מען קען מאכען א פראצעס שנעלער, ווען מען וויל און מען קען איהם פערשלעפען און פערלענגערען אויף יאהרען.

— איך וועל טאהן אַלעס, וואס איך וועל נור קענען, האט גראף מע־ראס געענטפערט.

דער יונגער מאן האט איהם געדאנקט און האט געוואלט אוועקגעהן. פלוצלונג האט ער זיך עפּעס דערמאָהנט.

— הערר גראף! איך מוז אייך בעטען אום פערצייהונג. איך האב בע־גאנגען א פערברעכען געגען אייך.

— א פערברעכען? וואס האט איהר דען געטאהן? האט גראף מעראס געפרעגט.

— איך מוז אייך זאגען, אז סטאסא האט מיר אַמאהל איבערגעגעבען א פעקעל און האט מיר געהייסען, דיך זאל עס אונטערוואַרפען דעם הענקערס טאכטער אננא. איך האב דאמאלס ניט געוואוסט, וואס אין פעקעל האט זיך געפונען. יעצט וויים איך עס. יעצט וויים איך. אז דאס איז געווען די לייכע פון א קינד. יעצט ערשט וויים איך, אז איך האב דאמאלס בעגאנגען א פער־ברעכען. יעצט וויים איך, אז דיזע אננא איז גאר אייער טאכטער און איך האב געהאלפען זי מאכען פאר א פערברעכערין. איך האב צוואר דאמאלס ניט געוואוסט, וואס איך טוה. איך האב דאמאלס געמוזט פאלגען, וואס סטאסא האט מיר געהייסען, ווייל איך האב געגלויבט, אז סטאסא איז מיין גראססמוטער.

איבער גראף מעראס געזיכט האט זיך געוויזען א פינסטערער וואלקען. ער האָט געשוויעגען איינינע מינוט, דאַן האָט ער געזאָגט:

— יונגער מאַן, אייגענטליך, האָב איך געדאַרפט זיין בייז אויף אײַך, פאַר וואָס איהר זייט ניט געקומען פריהער און האָט עס ניט געמעלדעט. איהר וואָלט דערמיט ערשאַפט דער אונגליקליכער אַננאַ פיעלע ליידען. איך פערצייהע עס אײַך אָבער, ווייל וויא איהר זעהט דאָך אַליין, אַז אַלעס האָט זיך געענדיגט צום בעסטען. גאָט האָט עס אַזוי געוואָלט. גאָט האָט אַזוי גע־פיהרט! מיר זיינען נור שוואַכע מענשען. מיר ווייסען ניט, וואָס מיר טהוען.

— איך דאַנק אײַך עדעלער גראַף! האָט דער יונגער מאַן אויסגערופען, האָט געחאַפּט גראַף מעראַס האַנד און האָט אָנגעהויבען זי צו קושען.

גראַף מעראַס האָט בײַ איהם אַרויסגעריסען זיין האַנד.

— זאָגט מיר אָבער, יונגער מאַן, וויא אַזוי זייט איהר דאַמאָלס געקו־מען צום הענקער?

איך בין דאַמאָלס געוועזן ביים הענקער אַלס יונג. איך האָב געוואָלט לערנען זיין האַנדווערק.

— לערנען זיין האנדווערק? צו וואס האסט דו עס געטאהן?

— איך האב עס געמוזט טאהן, סטאסא האט עס מיר געהייסען.

דער געוועזענער פראנץ האט איהם דערצעהלט אלעס, וואס עס האט דאמאלס פאסירט מיט איהם. גראף מעראס האט איהם אויסגעהערט אויפמערקזאם.

— אזוי וויט איז עס געקומען? האט ער געזאגט לאנגזאם, דאס האט געקענט פאסירען פאר אונזערע אויגען און מיר האבען עס ניט געוואוסט?

— אזוי געהט עס, הערר גראף, די גרויסע שטאדט איז א טיעפע קעסעל גרוב אין א שטילען טייך. פון אויבען איז דאס וואסער שטיל און רוהיג, אונטען אבער קאכט עס, רוישט, זיעדט און דרעהט. ווער וויס, וואס עס טהוט זיך אונטען אין דער שרעקליכער טיעפעניס.

גראף מעראס האט גענומען א בייגעלע פאפיער פון זיין שרייב טיש און האט אויף איהם אנגעשריעבען עטליכע ווערטער.

— נעהמט דיעזען פאפיער און גיט עס איבער דעם אבערריכטער, האט ער געזאגט צום יונגען מאן. איך האף, אז דער ריכטער וועט אנהויבען זיך צו בעשעפטיגען מיט אייער פראצעס און מען וועט אייך אפגעבען אייער פערמעגען.

דער געוועזענער פראנץ האט געדאנקט נאך אמאהל דעם גראף מעראס פאר זיין פריינדליכקייט און איז זיך אוועקגעגאנגען.

— יעצט איז אלעס קלאהר און דייטליך! האט גראף מעראס אויסגערופען. יעצט ווייס איך שוין, וויא אזוי די לייכע איז געקומען אין צימער פון מיין טאכטער. יעצט איז זי שוין אין גאנצען פריי. ווילהעלם סטעפאני וועט זיין דער בעסטער צייגע.

ער איז געגאנגען אין זיין טאכטערס צימער און האט איהר אלעס דערצעהלט. אננא האט זיך דערמאנט, אז ביים הענקער מיכאאיל איז דאמאלס געוועזען א יונג מיט'ן נאמען פראנץ, וועלכער איז פלוצלונג אנטלאפען געווארען און פערשוואונדען געווארען.

עס זיינען פערגאנגען נור עטליכע מינוט. גראף מעראס האט נאך קיין צייט געהאט זיך איבערלעגען וואס צו טאהן, ווען א דיענער איז אריינגעקומען און האט איהם געמעלדעט, אז א מאן וויל מיט איהם רעדען. גראף מעראס האט געהייסען איהם אריינלאזען. ער איז היינט געווען גליקליך און האט קיינעם ניט געוואלט אפזאגען.

אין א פאר מינוט ארום איז דער הענקער מיכאאיל אריינגעקומען אין צימער. גראף מעראס האט איהם אויסגעשטרעקט די האנד און האט איהם געהייסען זיך זעצען. מיכאאיל איז יעצט געווען אנגעטאהן, וויא אן איינפאכער בירגער און עס וואלט ניט לייכט געווען צו דערקענען אין איהם דעם הענקער.

— וואס מאכט איהר עפעס, גוטער מאן? האט גראף מעראס געפרעגט.

— וועט איהר מיר ערלויבען צו זעהן מיין טהייערע, געליעבטע אננא? איך וויל פון איהר אבשיעד נעהמען.

— מיט פערגניגען! האט גראף מעראס געענטפערט. זי איז דאך אויפגעוואקסען ביי אייך. איהר זייט דאך געוועזען איהר פאטער.

— יא עדעלער גראף, איך קען אייך ניט זאגען, וויא ליעב איך האב בעקומען דיעזעס קינד. איך האב זי ליעב גליידך וויא זי וואלט געווען מיין אייגען קינד. מיין פרוי קען ניט לעבען אהן איהר. איך וויל זי זעהן נאך אמאהל און מיין פרוי וויל זי אויך זעהן נאך אמאהל.

— איהר וועט קענען זיך זעהן, ווען איהר וועט ווילען. די טהירען פון מיין פאלאץ וועלען שטענדיג זיין אפען פאר אייך אננא ליעבט אייך. זי וועט אייך שטענדיג אויפנעהמען מיט פרייד און מיט פערגניגען.

— ניין, גראף, מיר פאהרען אוועק פון דאנען.

— וואוהין? וויא קענט איהר דען אוועקפאהרען? עס איז דאך ניט ערלויבט?

— הערר גראף, דארום עבען בין איך געקומען צו אייך. איך קען שוין מעהר ניט זיין קיין הענקער און וויל עס מעהר ניט זיין. איך ווייס זעהר גוט, אז איך בין א געפאנגענער, אז איך מוז זיין דאס, וואס איך בין. עס בלייבט מיר אלזא קיין אנדער אויסוועג ניט איבעריג אלס זיך צו ווענדען מיט א ביט שריפט צום קייזער, ער זאל מיך בעפרייען פון זיין אמט, אדער איך וועל מוזען אנטלויפען פון אונגארן. — העלפט מיר, עדעלער גראף! איך בעט אייך אים נאמען פון אונזער געליעבטער אננא! ווען דער קייזער וועט מיך בעפרייען פון מיין אמט, וועל איך קענען וואהנען ניט ווייט פון איהר. איך וועל קענען אמאהל זי זעהן, רעדען מיט איהר א פאר ווערטער, פערגעסען אויף א מינוט, ווער זי איז און דענקען, אז זי איז נאך מיין טאכטער. ווען אבער איך וועל מוזען אנטלויפען פון דאנען, וועל איך שוין קיין מאהל ניט זעהן מיין טהייערע, געליעבטע אננא.

גראף מערעס האט זיך פערטראכט. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז עס איז ניט אזוי לייכט אויסצווווירקען ביים קייזער, ער זאל בעפרייען א הענקער און זאל איהם צוריקגעבען אלע רעכטע פון א בירגער. ענדליך האט ער געזאגט:

— איך וועל טאהן פון אייערט וועגען אלעס מעגליכע. איך האף אז דער קייזער וועט עס מיר צוליעב טאהן און וועט אייך בעפרייען. איך וועל נאך היינט אנשרייבען א ביטע שריפט צו איהם. איך מוז אבער וויסען, פאר וואס איהר ווילט זיך אפזאגען פון אייער אמט. איך מוז דאך פארשטעלען די אורזאכע, פאר וואס איהר ווילט זיך אפזאגען פון אייער אמט.

מיכאאיל האט איהם דערצעהלט זיין געשיכטע און וויא אזוי ער איז געווארען א הענקער. ער האט איהם אויסגעזאגט זיין וואהרען נאמען און, אז ער מיט נאגי'ן זיינען די קינדער פון א באראן וועלכער האט פערשפיעלט זיין גאנצעס פערמעגען אין קארטען, דאן האט ער זיך דערשאסען.

גראף מערעס האט איהם אויסגעהערט אויפמערקזאם און האט איהם צוגעזאגט אז ער וועט טאהן אלעס מעגליכע אום איהם צו בעפרייען. ווען זיי האבען אלעס אפגערעדט איבער דיעזען פונקט, האט ער געהייסען אריינרופען אננא'ן.

אננא איז געווען גליקליך, ווען זי האט דערזעהן דעם הענקער. זי האט איהם נאך אלץ גערופען פאטער און האט איהם ארומגענומען און געקושט.

— אַך, פּאָטער! האָט זי אויסגערופען וויא גליקליך וואָלט איך געווען. ווען איך זאָל קענען דיך אָפּט זעהן און אָפּט רעדען מיט דיר און מיט דער מוטער.

— ער וועט וואָהנען ניט ווייט פון דיר, האָט זיך גראַף מעראַס אַריינ־געמישט. איהר וועט זיך אָפּט זעהן.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט מען אויפגעהאַנגען דעם אַדוואָקאַט נאָ־וואק און די אַלטע סטאַסאַ. דער הענקער מיכאַאיל איז דערביי ניט געווען. אין שטאָדט האָט מען געזאָגט אַז ער איז קראַנק.

לעצטער קאַפּיטעל.

פ ר י י ד ע   א ו ן   ג ל י ק.

די גרויסע זאַלען אין פּאַלאַץ פון גראַף מעראַס זיינען העלל בעלייכטעט. פאַר'ן פּאַלאַץ שטעהן טהייערע קאַרעטעס און לעבען זיי שטעהען רייך גע־קליידעטע לאַקייען. אין די זאַלען געהען אַרום רייך געקליידעטע הערען און עלעגאַנטע דאַמען.

היינט גיט דער גראַף מעראַס אַ גרויסען באַלל פאַר אַללע גרויסע לייט פון בודאַפּעסט. היינט איז אַ גרויסער פייערטאָג אין פּאַלאַץ.

אין איינעם פון די גרעסטע זאַלען זיצען צוויי יונגע פּאָרפּאָלק, וועלכע בערייטען זיך פאַר צו פעראייניגען זיך אויף אייביג. דיזע צוויי פּאָרפּאָלק זיינען אַרטהור און עלווירא. גראַף געאָרג פאָן טאָקקי און אַננאַ פאָן מעראַס. אַללע פיער זיינען גליקליך און אויף זייערע געזיכטער שטראַהלט פרייד און צופריעדענהייט.

פּלוצלונג האָט מען געהערט קלינגען אין אַלע גלאָקען. מען האָט גע־רופען די יונגע לייט אין קירכע, וואו זיי וועלען זיך פעראייניגען אויף אייביג. גראַף מעראַס אַלס ערץ בישאָף פאָן אונגאַרן האָט געהאַלטען אַ רעדע.

ווען די טרויאונגס־צערעמאָניע האָט זיך געענדיגט; ווען די פיר יונגע לייט זיינען געשטאַנען אַרים אין אַרים געשלאָסען און אַלע האָבען זיי בע־גריסט און האָבען זיי געווינשט גליק, האָט גראַף מעראַס זיך געווענדעט צו זיי און האָט זיי געזאָגט:

— זעהט, קינדער, וויא גליקליך איהר זייט יעצט, דאָס האָט איהר צו פערדאַנקען אייערע ליידען. ווער עס האָט געליטען אויף דער וועלט, דער ווייס צו שעצען דאָס גליק; ווער עס האָט דורכגעלעבט שווערע צייטען און האָט געזעהן פאַר זיך דעם טויט, דער ווייס וויא צו שעצען די פרייד. לערנט, קינדער, און דערצעהלט עס יעדען: פערצווייפעלט ניט אין אונגליק און ווערט ניט שטאָלץ אין גליק.

ער האָט דערצעהלט אין קורצע ווערטער, וואָס אַרטהור און עלווירא, אַננאַ און געאָרג האָבען איבערגעליטען.

אַלע אַנוועזענדע האָבען געוויינט, ווען גראַף מעראַס האָט דערצעהלט, וויפיעל אַרטהור און עלווירא האָבען געליטען.

דאַן איז מען געפאָהרען אַ היים און מען האָט אָבגעהאַלטען דעם גראָס־אַרטיגען באַלל.

צווישען די מאַגנאַטען און גרעסטע מענער, וועלכע זיינען זיך צונויפגעקומען

אויף דער האָכציײט, זײנען געזעסען אין אַ װינקעלע אַ מאַן און אַ פרוי. זײ זײנען געזעסען אָן אַ זײט און האָבען מיט קײנעם ניט גערעדט.

אַננאַ איז צוגעקומען צו זײ, האָט זײ בײדע אַרומגענומען, האָט זײ געקושט און געזאָגט פרײנדליך:

— שעהמט אײך ניט פאַר אונזערע געסט, זײט פרײנדליך מיט אונז. איהר האָט מיך ערצױגען, איך בין בײ אײך אױפגעװאַקסען און איך עהרע אײך און שעץ אײך װיא מײנע לײבליכע עלטערען.

דאָס האָט זי געזאָגט צו דעם געװעזענעם הענקער מיט זײן פרוי.

נאָך דער האָכציײט זײנען אַלע אַװעקגעפאָהרען אַהײם. אַננאַ און געאָרג האָבען זיך בעזעצט אין שלאָס טאָקקי, אַרטהור און עלװיראַ אין שלאָס באַטהיאַני.

דער הענקער מיכאַאיל האָט אָפּגעקױפט דעם פּלאַץ, װאו עס איז געשטאַנען דער פערפלוכטער טהורם פון טשעמני, האָט געדונגען מענשען. מען זאָל איהם צװואַרפען און האָט אױפגעבױט אויף זײן אָרט אַ שעהנע און שטאַרקע שטײנערנע הויז. דאָרט האָט ער געװאָהנט מיט זײן פרוי. פון צײט צו צײט פלעגט ער מיט זײן פרוי בעזוכען זײן טאָכטער אַננאַ.

דאָס שלאָס ראַדעצק אָבער האָט אַרטהור אָפּגעקױפט. ער האָט עס אָבער ניט געלאָזט אױפבױען צוריק און האָט דאָרט געפלאַנצט אַ גרױסען גאָרטען.

אַרטהור'ס פאָטער, באַראָן לעאָפּאָלד פאָן באַטהיאַני, אָדער דער געװעזענער שטומער בעטלער, האָט געװאָהנט בײ זײן זוהן און האָט פערװאַלטעט זײן פערמעגען און זײנע לענדער. זײן בעסטער פרײנד איז געװען דער אַלטער גײסטליכער פון טשעמני.

אָפט אין די לאַנגע װינטער אַבענדע פלעגט מען זיך צונױפקומען און מען פלעגט דערצעהלען פון פערגאַנגענע צײטען, פון אַ טײפעל, װעלכער האָט זיך געהײסען רופען באַראָן נאַני פאָן האַללאַװאַי, פון אַ רױבער און אַ מערדער, װעלכער האָט שטאָלצירט אַלס אַדװאָקאַט נאָװאַק און פון אַ פערװאָרפענע פרוי — סטאַסא קאַראָ.

דעם זיעבעצעהנטען אױגוסט 1793 איז דער אַלטער באַראָן פאָן באַטהיאַני אַרומגעגאַנגען זעהר אונרוהיג אין זײן צימער. פּלוצלונג איז אַרטהור אַרײנגעלאָפען און האָט אױסגערופען:

— קום, פאָטער! איך בין גליקליך! גאָט האָט מיר געשענקט אַ זוהן.

דער אַלטער מאַן איז געגאַנגען מיט איהם אין עלװיראַ'ס צימער. דאָרט איז געשטאַנען אַ טהײערעס װיעגעלע פון ראָזענהאָלץ און אין װיעגעלע איז געלעגען אַ פרישעס און געזונדעס קינד.

דער אַלטער מאַן האָט געװײנט פאַר פרײד. דאַן האָט ער זיך אָנגעבױגען איבערן װיגעלע און האָט אַ קוש געטאָהן זײן ענינקעל.

פון יענער צײט אָן אָבער האָט דער אַלטער אָנגעהױבען צו פיהלען, אַז ער װערט שװאַכער און שװאַכער. די פיעלע לײדען װעלכע ער האָט איבערגעטראָגען, האָבען געבראָכען זײן געזונדהײט. ער איז געשטאָרבען רוהיג און פריעדליך אין שלאָס באַטהיאַני דעם דריטען אַפּריל 1801.

געאָרג און אננאַ האָבען אויך געלעבט זעהר גליקליך. זיי האָבען גע־האַט אַ טאָכטער. אין 1815 ווען די רוסען און די עסטרייכער זיינען אריינ־געגאַנגען אין פּאַריז, איז לעבען עסטרייכישען געגעראַל געריטען אַ שעהנער יונגער אָפיצער. דאָס איז געווען היינריך פאָן באַטהיאַני. אַרטהור פאָן באַט־היאַני׳ס זוהן.

ער האָט שפּעטער געהייראַטהעט גראַף געאָרג׳ס טאָכטער. אננאַ און עלווירא האָבען געטאַנצט אויף דער האָכצייט פון זייערע קינדער.

ענדע.